DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13784

Horodenka Memorial Book

Sefer Horodenḳah

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:

Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Sefer Horodenḳah / ha-ʼorekh, Shimshon Meltser.
IMPRINT	880-03 [Tel Aviv] : Irgun yotsʻe Horodenḳah veha-sevivah be-Yiśraʻel uve-Artsot ha-Berit, 724 [1963]
DESCRIPT	vii, 425 p. : ill. ; 28 cm.
SUBJECT	Jews -- Ukraine -- Horodenka. Horodenka (Ukraine) -- Ethnic relations. Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Ukraine -- Horodenka.
ADD'L NAME	Meltzer, Shimshon, 1909-
ADD'L TITLE	Sefer Horodenka

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

ספר הורודנקה

ספר האָראָדענקע

רעדאקטאר: שמשון מעלצער

פארלאג פון דער האראדענקער לאנדסמאנשאפט
אין אמעריקע און ישראל

תשכ"ד • 1963

ספר הורודנקה

העורך: שמשון מלצר

הוצאת אירגון יוצאי הורודנקה והסביבה
בישראל ובארצות הברית
תשכ"ד • 1963

בישראל: ל„קהיליה", קופת הלוואות ליוצאי הורודנקה
תל־אביב, רח' שפינוזה 41 (דירת פלשנר)
בארה"ב:
Harry Eckhaus, 2084 East, fifth street, Brooklyn 23 New York

נדפס בדפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב
Printed in Israel by "Achduth" Press, Tel-Aviv

השער הוא מעשה ידי הגרפיקאי פינחס כץ, תל־אביב
הגלופות נעשו על־ידי הצינקוגרפיות המאוחדות בת"א

התוכן - אינהאלט

במבוא הספר — הקדמה צום בוך

הורודנקה בבנינה — האָראָדענקע פאַרן חורבן

העיר וסביבותיה

די שטאָט און איר אומגעבונג

אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס

אירגונים ומוסדות

זכרונות ותיאורי־הווי

זכרונות און שילדערונגען

הורודנקה בחורבנה – דער חורבן פון האָראָדענקע

דער חורבן פון דער שטאָט

טיפן און געשטאַלטן

חורבן העיר

אישים ודמויות

במבוא הספר

הקדמה צום בוך

משה פּלעשנער

צום דערשיינען פונעם ספר האָראָדענקע

ענדלעך האַלטן מיר, די איבערגעבליבענע פונעם מזרח־גאַליצישן שטעטל האָראָדענקע, ביים אַרויסגעבן פונעם געדענק־בוך פאַר די קדושים פון אונדזער היימאַט־שטאָט און איר סביבה. דאָס איז דער רעזולטאַט פון אַ פּלאַן, מיט וועלכן מיר האָבן זיך אַרומגעטראָגן און אים אַרומגערעדט מער ווי פופצן יאָר, אָבער מיר זענען געווען צו שוואַך — אָפּגעזען פון פאַרשידענע אָביעקטיווע שטערונגען — אים צו רעאַליזירן.

די מניעות צום אַרויסגעבן פונעם יזכור־בוך זענען נישט געווען קיין פּרינציפּיעלע. קיינער פון אונדז האָט נישט אויסגעדריקט אַ מיינונג, אַז ס'איז נישט נויטיק אויפצושטעלן אין אָט־דער פאָרם אַ מצבה פאַר די טויזנטער נפשות, וועלכע זענען אומגעקומען אויף אַזאַ בעסטיאַלן אופן, וואָס שטייגט איבער אַלע מענטשלעכע באַגריפן. מיר אַלע, האָראָדענקער ייִדן אין ארץ־ישראל, וואָס זענען געבליבן לעבן נאָך די אומגליקס־יאָרן 1940—1944, האָבן זיך געפילט ווי אַן עדה פון יתומים, וואָס האָבן פאַרלוירן טאַטעס, מאַמעס, זיידעס און באָבעס, שוועסטער און ברידער, מומעס און פעטערס. און אַזוי האָבן זיך זיכער אויך געפילט אַלע האָראָדענקער לאַנדסלייט, וועלכע זענען צעשפּרייט אויף גאָטס גרויסער וועלט. מיר אַלע האָבן געפילט אַן אינערלעכן חוב אויפצושטעלן אַ פּאַסיקן מאָנומענט פאַר דעם שטעטל אין וועלכן מיר זענען געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן, אין וועלכן מיר האָבן געוועבט חלומות פון אַ פרייער וועלט און אַ פרייער אַנטוויקלונג פונעם ייִדישן לעבן. מיר אַלע האָבן געפילט אַ חוב ווייניקסטנס צונויפצורעכענען אונדזערע אבדות און צו פאַרצייכענען די נעמען פון אונדזערע נאָענטע און ווייטע קרובים, פון גאַנצע משפּחות, וואָס אַפילו דער אָרט פון זייער קבורה איז אין אַסך פאַלן נישט באַקאַנט.

די שטערונגען צום רעאַליזירן דעם פּלאַן זענען געווען מייסטנס פון טעכנישן כאַראַקטער. מיר, די מיטגלידער פונעם ישראלדיקן קאָמיטעט, האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס בוך דאַרף געשאַפן ווערן פון האָראָדענקער הענט, מיט האָראָדענקער האַרץ און טרערן, כדי עס זאָל געבן אַ נאַטירלעכן און כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק דעם אומגליק און דער ווייטיק, וואָס די שוידערלעכע געשעענישן האָבן איבערגעלאָזט ביי די לעבעדיקע. מיר האָבן געהאַלטן, אַז די שרייבער דאַרפן זיין אַלע האָראָדענקער, וווּ זיי געפינען זיך, און ספּעציעל אין די צוויי גרויסע צענטרן, ישראל און אַמעריקע, אין וועלכע עס זענען פאַראַן אָרגאַניזאַציאָנעלע כלים, וואָס אָן זייער הילף קען אַזאַ גרויסע און וויכטיקע אַרבעט נישט געשאַפן ווערן.

און פאַרשטייט זיך, אַזאַ אַרבעט נויטיקט זיך אויך אין פּראָפעסיאָנעלע קוואַליפיקאַציעס, ווייל אַרויסגעבן אַזאַ בוך איז טאַקע אַ מלאכה וועלכע מען דאַרף פּשוט קענען. צום באַדויערן האָבן זיך צווישן אונדזערע שטאָטסלייט נישט געפונען קיין רעדאַקטאָר און קיין בוך־פאַרלעגער, אויף וועלכע מיר זאָלן קענען אַרויפלייגן די פאַך־אַרבעט און זיי בלויז איבערגעבן דאָס מאַטעריאַל, ווי זכרונות, דאָקומענטאַציעס און נעמען פון די אומגעקומענע קדושים.

די אַלע דערמאָנטע פּראָבלעמען האָבן געדאַרפט געפינען אַ לעזונג, דאַצו איז נאָך צוגעקומען דער וויכטיקער פאַקטאָר פון געלט. אָבער עס זענען געווען אויך פּרינציפּיעלע פראַגן, וועגן וועלכע די צוויי שותּפים — אַמעריקע און ישראל — האָבן געדאַרפט קומען צו אַ הסכם.

קודם־כּל איז געשטאַנען די פראַגע פון דער שפּראַך, אָדער שפּראַכן, אין וועלכע דאָס בוך זאָל אַרויסגעגעבן ווערן. די האָראָדענקער שרידים זענען צעשפּרייט איבער „שבעה ימים", אין ישראל, אין אַמעריקע און אין קאַנאַדע, אין אַרגענטינע און בראַזיל, אין פּוילן, אין בעלגיע און אין האָלאַנד, אין אויסטראַליע, און נאָך אין עטלעכע אייראָפּעאישע און נישט־אייראָפּעאישע לענדער. מיר האָבן געוואָלט אַז דאָס יזכור־בוך זאָל זיך געפינען ביי יעדן האָראָדענקער ייִד אין שטוב, און טאַקע איבער דעם האָט זיך דערוועקט די פראַגע, אין וועלכער שפּראַך דאָס מאַטעריאַל זאָל געדרוקט ווערן. עס זענען געבראַכט געוואָרן אַרגומענטן און מאָטיוון, אַז דרוקן זאָל מען עס נאָר אין ייִדיש, ווייל אין דער שפּראַך האָבן די האָראָדענקער גערעדט ווי לאַנג זיי האָבן געלעבט אין אונדזער שטעטל, און דאָס איז מסתּמא אויך געווען די שפּראַך מיט וועלכער זיי זענען געגאַנגען צום טויט.

אַקעגן דער דערמאָנטער אַרגומענטאַציע זענען אָבער געווען חברים, וואָס האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס ספר־האָראָדענקע דאַרף בלייבן אַ געדענק־בוך פאַר די קינדער און אייניקלעך פון האָראָדענקער ייִדן, אַ מצבה, וואָס איז באַשטימט פאַר די קומענדיקע דורות, און צוליב דעם דאַרף דאָס בוך זיין געשריבן אין די שפּראַכן, וואָס זענען פאַרשטענדלעך פאַר אונדזערע קינדער. דער רוב פון די ישראלדיקע חברים האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאַטעריאַל דאַרף געדרוקט ווערן אין העברעאיש, אויך צוליב דעם וואָס אַ גרויסער טייל דערפון וועט לכתּחילה געשריבן ווערן אין עברית, דורך חברים וואָס לעבן אין ישראל און קענען זיך בעסער און לייכטער אויסדריקן אין עברית. עס זענען אויך געווען דעות פאַר דרוקן דאָס

מאַטעריאַל אויך אין ענגליש, כדי די קינדער פון די האָראָדענקער וואָס לעבן היינט אין ענגליש־ריידנדיקע לענדער זאָלן קאָנען לייענען די געשיכטע פונם לעבן און פונם אונטערגאַנג פון דער געבורט־שטאָט פון זייערע עלטערן. אַזוי איז מען דערגאַנגען צום געדאַנק, אַז מען דאַרף אַרויסגעבן דריי ביכער: אין עברית, אין יידיש און אין ענגליש. עטלעכע יאָר האָבן מיר געפירט אַ ויכוח, וואו מען זאָל דרוקן דאָס בוך, אין ישראל אָדער אין אַמעריקע, און אויך אין דעם פונקט זענען געווען פאַנאַטישע „חסידים" פון דער אָדער יענער מיינונג, וואָס קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט פאַרציכטן אויף זיין שטאַנדפונקט.

איינע פון די פרינציפיעלע פראַגן האָט זיך דערוועקט שוין בשעת דעם בויען פון דעם בוך, נאָכדעם ווי דער רוב פון דעם מאַטעריאַל איז שוין געווען געזאַמלט און נאָכדעם ווי כמעט אַלע אַנדערע מיינונגספאַרשידנהייטן זענען באַזייטיקט געוואָרן דורך פשרות און קאָמפּראָמיסן. די פראַגע האָט געהאַט אַ געוויסנהאַפטן אַספעקט — צי דאַרף דער יזכור־בוך זיין נאָר אַ מצבה, אַ דענקמאָל וואָס זאָל געבן אַן אַלגעמיין בילד פון אונדזער קהילה וועלכע איז פאַרניכטעט געוואָרן אין די יאָרן פונם נאַצי־רעזשים, און עס זאָל געדרוקט ווערן בלויז מאַטעריאַל וואָס האָט אַ היסטאָרישן ווערט, ווי זכרונות וועגן געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס און פונם יידישן לעבן בכלל, אָדער זאָל מען דרוקן אַלץ וואָס עמיצער פון די לאַנדסלייט געפינט פאַר נויטיק צו שרייבן, און לאָזן יעדן ברענגען צום אויסדרוק זיינע פערזענלעכע געפילן וועגן די נאָנטע טייערע נפשות וואָס ער האָט פאַרלוירן, וואָס איז טאַקע אפשר אַ נאַטירלעכע און פאַרשטענדלעכע דערשיינונג.

איבער די אַלע דערמאָנטע פראַגן האָבן זיך געפירט דיסקוסיעס אין משך פון יאָרן. עס זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אויך אָרגאַניזאַציאָנעלע און פינאַנציעלע פראַגן, וואָס זענען געווען פון נישט קיין קליינער וויכטיקייט. די ויכוחים צווישן אונדז און אונדזערע אַמעריקאַנער לאַנדסלייט האָבן זיך געפירט נישט נאָר דורך אַ לאַנגיאָריקער קאָרעספּאָנדענץ; עס זענען געווען אויך פאַרשידענע געלעגנהייטן זיך פערזענלעך דורכצורעדן. אין משך פון די יאָרן זענען געקומען אַהער עטלעכע אָפיציעלע און נישט־אָפיציעלע פאָרשטייער פון אמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס, און חברים פון ישראל זענען געפאָרן קיין אַמעריקע און האָבן ביי דער געלעגנהייט געפרווט ברענגען אונדזער צוזאַמענאַרבעט צו אַ ממשותדיקן רעזולטאַט. אָבער ליידער איז עס געבליבן ביים שמועסן.

ביז ס'האָט זיך „אין אַ שיינעם פרימאָרגן" באַוויזן אין ישראל, גאַנץ אומדערוואַרט, אַ האָראָדענקער פּאָרל פון אַמעריקע — רות און אַבא פּאָדוויי (פּאָדוויסאָקער). אין האָראָדענקע האָט „רות" געהייסן רבקה נייגיסער, און זי איז שוין אין די יאָרן 1917—1919 געווען אַ ציוניסטקע, אַ חברטע אין אַ קבוצה פון „השומר", פון דער ערשטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט באַלד נאָכן ערשטן וועלטקריג. דערפאַר דאַרף עס גאָר קיין חידוש נישט זיין, וואָס ס'האָבן זיך באַוויזן ביי איר — סיי אין אַמעריקע און ביי די אָפטע באַזוכן אין ישראל — סימנים פון „שוואַכקייטן" פאַר ישראל בכלל און פאַר דער היגער האָראָדענקער „קאָלאָניע" בפרט. איר מאַן אַבא, ווי עס דערציילן חברים וואָס האָבן אים גוט געקענט איידער ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, איז תמיד געווען אַ מענטש אין וועלכן עס גליט דאָס נאַטירלעכע געפיל קעגן אומגערעכטיקייט, און ער איז גרייט געווען אַלעמאָל — אַפילו ווען דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט פערזענלעכע קרבנות — אונטערצושטעלן זיין פּלייצע אויף צו העלפן אַ שוואַכערן און נויטבאַדערפטיקן מענטש, אָן אונטערשיד פון זיין פּאָליטישער פאַרב. ער האָט זיך אין זיינע יונגע יאָרן געפונען אין די שורות פון די אַקטיווע עסקנים פאַרן אויפבוי פונם יידישן



קבלת־פנים לרבקה ואבא פודוויי בעת ביקורם בתל אביב.

אַ פייערלעכע קבלת־פנים לכבוד רבקה און אבא פּאָדווי אין תל־אביב

Welcome Party to R. & A. Podway in Tel-Aviv

שולוועזן — פאָלקסשול און קינדערגאָרטן — אין האָראָדענקע, כדי אַרויסצושלעפּן די קינדער פון יידישע אַרבעטער און בעלי־מלאכות פונם צוריקגעשטאַנענעם קולטורעלן צושטאַנד.

פון אָט דעם אָנהויב זענען אונדזערע פריינט אַבא פּאָדוויי מיט זיין „עזר כנגדו" רבקה־רות אויסגעוואַקסען צו אינטענזיווע כלל־טוער מיט אַן אויסדריקלעך אַפּאָליטישן כאַראַקטער. אין משך פון אַלע יאָרן וואָס זיי האָבן שווער געהאָרעוועט אויפצובויען זייער נייַ לעבן — נאָכדעם ווי זיי זענען געקומען פון האָראָדענקע קיין אַמעריקע — האָט זיך ביי זיי, ווי ביי אַלע מענטשן, זיכער זייער פיל געענדערט; אָבער דער יסוד פון זייער נייגונג צו געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלער טעטיקייט איז פאַרבליבן עד היום. דאָס האָט זיי אויך געבראַכט צו זייער אינטענזיווער אַקטיוויטעט פאַר אַלע כלל־יידישע אונטערנעמונגען, וואָס ווערן געשאַפן דורך דעם אַמעריקאַנער יידנטום זייט די מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען; און דאָס איז אויך געווען די אורזאַך פון זייער ערשטן באַזוך אין ישראל, ווען זיי האָבן געמאַכט צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן פון דער „מגבית ההסתדרות" פון אַמעריקע. און אָט דער ערשטער באַזוך פון רות און אַבא פּאָדוויי אין ישראל האָט מיט זיך געבראַכט אַ ראַדיקאַלע ווענדונג אין די באַציאונגען צווישן די האָראָדענקער אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע און אין ישראל און האָט דערמעגלעכט זיי צו דערפילן דעם מאָראַלישן חוב קעגן זייערע אומגעקומענע משפחות. און איך וויל זיין אַן אָפּטימיסט און אויסדריקן די האָפנונג, אַז אונדזער צוזאַמענאַרבעט וועט זיך נישט ענדיקן מיטן אַרויסגעבן פונם בוך, אַז די גוטע באַציאונגען צווישן אונדזערע אָרגאַניזאַציעס וועלן ווייטער עקזיסטירן און זיי וועלן ממשיך זיין זייער בשותפותדיקע אַרבעט.

באַלד ביי דעם ערשטן צונויפריידן־זיך צווישן אונדז און די פּאָדווייס האָט זיך אַרויסגעפילט אַ פאַרבאָרגענער, אַ נישט־אויסגעדריקטער, אָבער שטאַרקער ווילן עפּעס אויפצוטון פאַר די האָראָדענקער אין ישראל. מיר האָבן אין משך פון די דריי וואָכן פון זייער ערשטן באַזוך געהאַט אַסך באַשפּרעכונגען און ברייטערע פאַרזאַמלונגען, און צום סוף זענען מיר דערגאַנגען צו דער גרינדונג פון „קהיליה", אַ קאַסע וואָס האָט די אויפגאַבע צו געבן הלוואות פאַר נייַע עולים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און זענען געקומען קיין ישראל נאָך דער מלחמה, און בכלל פאַר האָראָדענקער וואָס נויטיקן זיך אַמאָל אין אַ הלוואה. דעם ערשטן סכום און אויך ווייטערדיקע סומען צו דער פאַרברייטערונג פון דער קאַסע האָבן זיי געגעבן טאַקע פון דער אייגענער טאַש, און דאַן געזאָרגט אַז אויך אַנדערע זאָלן ביישטייערן, אונטער וועלכע עס איז פאַראַן איינער פון זייערע אַמעריקאַנער פריינד, אַבא קרעמער, וועלכער האָט מיט ענטוזיאַזם זיך איינגערייעט אין די שורות פון האָראָדענקער פריינד. פּרטים איבער דער טעטיקייט פון אָט־דער קאַסע געפינען זיך ווייטער אין דעם דין־וחשבון, וועלכער איז איבערגעגעבן געוואָרן ביי איינער פון אונדזערע פאַרזאַמלונגען, וואָס ווערן יעדעס יאָר אָפּגעהאַלטן צוזאַמען מיט דער אזכרה פאַר די טייערע קדושים פון דער קהילה האָראָדענקע.


דאָס איז געווען דער אָנהויב, נאָך וועלכן ס׳זענען געקומען ווייטערע טעטיקייטן און ווייטערע באַזוכן, וועלכע זיי האַלטן אָפּ אין ישראל יעדע צוויי יאָר. און די צייט פון זייער יעדן באַזוך אין ישראל איז אַ דויערנדיקער יום־טוב פאַר דער טעטיקער גרופּע פון די האָראָדענקער.

זייער באַזוך אין ישראל אין יאָר 1960 האָט געבראַכט מיט זיך די אַנטשיידונג וועגן אַרויסגעבן פונם ספר האָראָדענקע. זיי האָבן מיט אונדז אַדורכגערעדט און ממש דורכגעלעבט די פּראָבלעמען און שוועריקייטן, מיט אונדז צוזאַמען דורכגעלעבט די „געבורט־ווייען" פונם בוך, און האָבן צום סוף זיך אונטערגענומען צו טון אַן אויסעראָרדענטלעך שווערע אַרבעט: צו ברענגען צו אַ פאַרשטענדניש צווישן אונדז און דער אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפט, כדי מען זאָל אויפהערן רעדן וועגן דעם בוך און אָנהויבן ממשותדיק אַרבעטן. נאָכדעם ווי דער בוך־קאָמיטעט אין אַמעריקע איז אַנטשטאַנען, האָבן די פּאָדווייס אויף זיך גענומען אויך די פליכט צו זאָרגן פאַר דער פינאַנסירונג פון דער אונטערנעמונג, און זיי האָבן טאַקע אַליין געגעבן דעם ערשטן און גרעסטן ביישטייער, וואָס קיין שום יחיד האָט נישט געגעבן פאַר דעם צוועק. ווייל עס דאַרף קיין סוד נישט זיין, אַז מיר דאָ אין ישראל, אַלע צוזאַמען, זענען נישט אַזוי רייך מיר זאָלן קענען אַליין אַרויסגעבן דאָס בוך, וואָס זיין הוצאה וועט מסתם דערגיין ביז אַכט טויזנט דאָלאַר (בערך 18 טויזנט פונט).

נאָך דער גרינדונג פונם אַמעריקאַנער קאָמיטעט האָט זיך געשאַפן אַ שטאַבילער בריוו־אויסטויש און אַן ענגער קאָנטאַקט צווישן די צוויי קאָמיטעטן וועגן די צוגרייטונגען אַרויסצוגעבן דאָס בוך. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בשותפותדיקע אינטערעסן וועגן דעם ספר האָראָדענקע (און אויך אַנדערע ענינים) זענען אַסך מער פּאָזיטיוו ווי דער גרעסטער אָפּטימיסט האָט געקענט חלומען. און דאָס וואָס די פּעסימיסטן — פון ביידע צדדים — האָבן מורא געהאַט, אַז מען וועט נישט קענען זיצן ביי איין טיש און זיך צוזאַמענרעדן — האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט פאַרקערט: עס זענען גאָרנישט געווען אַזעלכע הויכע „בערג", וואָס די האָראָדענקער מוחות, קלערנדיק וועגן „תכלית", זאָלן זיי נישט קענען אַריבערקלעטערן. אַלע האָבן זיך באַמיט „לכבוש את יצרם" (צו באַהערשן דעם „יצר־הרע"), ווייל ביידע צדדים האָבן געוואוסט און פאַרשטאַנען, אַז אויב נישט איצט — וועט אפשר די זאַך קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן.

אַחוץ דעם בריוולעכן קאָנטאַקט איז אויך דער דירעקטער פּערזענלעכער קאָנטאַקט געוואָרן ענגער און שטאַרקער. אין משך פון די צוויי יאָר זענען געקומען עטלעכע חברים פון אַמעריקע, האָבן זיך צוגעקוקט צו דער טעטיקייט פונם היגן קאָמיטעט און האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די באַשלוסן און אין פּרינציפּיעלע אַנטשיידונגען.

דער ערשטער פון די אַמעריקאַנער חברים, וואָס זענען געקומען קיין ישראל זייט 1960, איז געווען לייבעלע קאָן (אין אַמעריקע רופט מען אים לואיס קאָך), אַ האַרציקער ייד



הוועדה המורחבת להוצאת „ספר־הורודנקה״ בניו־יורק.
דער אַמעריקאַנער בוך־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק
The American Book Committee in New York.

יושבים מימין לשמאל — עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: ז. שפירער, ס. קירשנער, א. פאָדוויי, פרוי ר. פאָדוויי, ה. עקהויז און מ. ראָזענקראַנץ.
עומדים מימין לשמאל, שורה שניה — עס שטייען פון רעכטס צו לינקס, צווייטע ריי — ל. שפירער, א. שעכטער, א. בירנבוים, נ. ראָזענקראַנץ, מ. פאָדוויסאָקער, א. פינק, ח. פידלער, מ. ל. לאַדענהיים, מ. נאַדלער און א. אָרינגער.
עומדים מימין לשמאל, שורה שלישית — עס שטייען פון רעכטס צו לינקס, דריטע ריי: ל. קאָך, פ. ליכטענטאַל, נ. רייף און ר. באַר.
Sitting from right to left: Z. Shpierer, S. Kirshner, A. Podway, Mrs. R. Podway, H. Eckhaus, M. Rosenkranz.
Standing from right to left, second row: L. Spierer, A. Shechter, A. Birnbaum, N. Rosenkranz, M. Podwisoker, I. Fink, Ch. Fiedler, M. L. Ladenheim, M. Nadler & A. Oringer.
Standing from rigth to left — third row: L. Koch, F. Lichtenthal, N. Reif & R. Bahr.

וואָס האָט זייט עטלעכע יאָר אויף אַ פריוואַטן „פּאַרטיזאַנישן״ אופן געפירט אַ הילפס־אַרבעט פון אַמעריקע קיין ישראל, פון וועלכער דער רוב פון די לאַנדסלייט איןביידע לענדער האָבן גאָרנישט געוואוסט, חוץ די געהאָלפענע און עטלעכע געציילטע האָראָדענקער אין ישראל. דאַכט זיך, אַז דער ייד איז נישט קיין מיליאָנער, און מען דאַרף האָבן אַ גרויסע מאָראַלישע גבורה דאָס אויפצוטון.

שפּעטער אַפּאָר חדשים איז געקומען קיין ישראל אַ לאַנגיאָריקער עסקן פונם האָראָדענקער פאַראיין אין ניו־יאָרק — האַרי עקהויז. אָט־דער וועטעראַן פונם האָראָדענקער פאַראיין איז טאַקע געקומען אַהער כמעט מיט אַן אָפיציעלער שליחות. זיין באַזוך און די געשפּרעכן וועלכע מיר האָבן אָפּגעהאַלטן צוזאַמען מיט אים האָבן געגעבן די מעגלעכקיין גאַנץ אָפנהאַרציק אַרומצורעדן די ערנסטע און „דעליקאַטע״ פּראָבלעמען פונם בוך. מיר האָבן באַקומען אַ קלאָר בילד דאַריבער, וויאַזוי דער „צד שכנגד״, אונדזערע שותפים אין אַמעריקע, שטעלן זיך פאַר דאָס בוך אין געוויסע פונקטן. און מען מוז מודה זיין, אַז אַ טייל חברים דאָ איז גאָרנישט לייכט געווען צו באַגרייפן זייער שטאַנדפּונקט און צו אים מסכים זיין. איך גרייט זיך נישט דאָ אַריינצוגיין אין איינצעלהייטן, אָבער נאָכדעם אַזוי ווי דער וויכוח אין דעם פּונקט האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין די האָראָדענקער קרייזן אין ביידע זייטן פון ים — האָב איך, ווי איינער וואָס האָט געהאַט נישט קיין קליינעם טייל אין דער אַנטשיידונג, געפילט זיך פאַרפליכטעט צו דערמאָנען דעם עניין ווי איינס פון די וויכטיקסטע און שווערסטע פּראָבלעמען, וועלכע מיר האָבן געהאַט צו באַוועלטיקן אויפן וועג צום ציל.

דער באַזוך פון האַרי עקהויז האָט נאָך אין אַ צווייטן פּונקט געבראַכט אַ וויכטיקע ווענדונג אין דער פאַרווירקלעכונג פונם בוך. דער סכום וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט פונם אַמעריקאַנער קאָמיטעט האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט ערנסטער און דרייסטער צוצוגיין צו דער אַרבעט, צו קויפן דאָס נויטיקע פּאַפּיר, צו באַשטעלן די קלישעס, און בכלל האָבן די זיכערקייט, אַז מיר וועלן קענען באַצאָלן דעם חשבון אין דער דרוקעריי, ווען דאָס בוך וועט פאַרטיק ווערן.

מיר ווייסן אַז האַרי עקהויז איז אַוועקגעפאָרן פון דאַנען, ווי ער האָט אונדז אַליין סך מאָל געזאָגט און געשריבן, פול מיט התלהבות און האַרציקע געפילן פאַר אַלץ וואָס ער האָט דאָ

געזען. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די ״ציוניסטישע האָראָדענקער״ אין ישראל זענען גאָרנישט אַזוי געפערלעך ווי ס׳האָט זיך געדאַכט פון דער ווייטן... ער האָט געזען, אַז מען מעג זיך אויף זיי פאַרלאָזן אַז זיי וועלן געטריי און ערלעך שאַפן און פאַרענדיקן דאָס ספר האָראָדענקע אין ביידע לשונות, יידיש און העברעאיש. ער איז אַוועקגעפאָרן פול מיט פריינטשאַפט און צוטרוי צו די ישראלדיקע לאַנדסלייט און צום בוך־קאָמיטעט, און האָט דאָ איבערגעלאָזט אַסך פריינט, וואָס וועלן אַלעמאָל זיין גרייט און וויליק אים אויפצונעמען ווי אַ ליבן טייערן גאַסט.

אַ ביין חדשים שפּעטער איז ווידער געקומען גאָר אַ חשובער חבר, מאָריס האַאס מיט זיין פרוי. מאָריס האַאס איז אַ לאַנגיעריקער אַקטיווער חבר און פרעזידענט פון דער פּראָגרעסיווער סאָסייעטי. זייער באַזוך איז געווען אַ פריוואַטער, ער האָט אָבער פאַר אונדז געהאַט אַסך אַ גרעסערע באַדייטונג ווי אַ פריוואַטער באַזוך. מיר האָבן זיי געהעריק אויפגענומען, און איך בין איבערצייגט אַז זיי זענען צוריקגעפאָרן צופרידן פון אַלץ וואָס זיי האָבן דאָ געזען און זיי זענען באַגלייט געוואָרן פון טיפע פריינטשאַפטלעכע געפילן פון אַלע לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך מיט זיי געטראָפן און פאַרבראַכט.

איך האָב אפשר אַביסל מאריך געווען, אָבער איך האָב געוואָלט דערמאָנען אַלע באַזוכן און פאַרבינדונגען, וואָס האָבן געבראַכט צום דערשיינען פונם ספר האָראָדענקע. מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם ערשטן באַזוך פון רבקה און אַבא פּאָדוויי. זיי זענען געווען די איניציאַטאָרס פון דער גוטער מיטאַרבעט פון די האָראָדענקער אין אַמעריקע און די האָראָדענקער אין ישראל, וואָס אַ דאַנק איר דערשיינט יעצט דאָס „ספר האָראָדענקע״.

✶

ביז איצט האָב איך אָפּגעגעבן פאַר אַלעמען — און אויך פאַר זיך אַליין — אַ דין־וחשבון וויאַזוי דאָס דערשיינען פונם בוך איז צושטאַנד געקומען. איצט וויל איך מיר ערלויבן עפּעס צו זאָגן וועגן דעם בוך אַליין.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז עס זענען נישט פאַרבליבן קיין האָראָדענקער וואָס זאָלן קענען נעמען אויף זיך די אַרבעט פון רעדאַגירן דאָס ספר האָראָדענקע. דערפאַר אָבער האָבן מיר געהאַט אַ מזל, וואָס דער ישראלדיקער דיכטער שמשון מעלצער האָט מסכים געווען צו נעמען אויף זיך די אַרבעט. און איך באַנוץ זיך דאָ מיטן וואָרט „מזל״ נישט אין דעם וואָכעדיקן זין פונם וואָרט, נאָר פשוטו כמשמעו.

מיר זענען איבערצייגט, אַז אַ בעסערע וואַל האָבן מיר נישט געקענט מאַכן. מעלצער געהערט צו די בעסטע און אָנגענומענע רעדאַקטאָרן אין ישראל, און מיר האָבן די איבערצייגונג, אַז איבערגעבנדיק דאָס רעדאַגירן פונם „ספר האָראָדענקע״ אין זיינע הענט, האָבן מיר דערגרייכט דאָס העכסטע וואָס מיר האָבן געזוכט. זיין נאָנטע מיטאַרבעט מיט אונדזערע חברים, די אייגנטלעכע „מחברים״ פונם ספר, האָט געבראַכט צום פּלאַנמעסיקן אויפבוי פון אַ פּאַסיקער מצבה פאַר אונדזער פאַרשניטענער קהילה און אונדזערע קדושים.

מעלצער אַלס רעדאַקטאָר האָט פאַר אונדז נאָך אַ באַזונדערע מעלה, חוץ זיין ליטעראַרישן טאַלענט: ער איז נישט נאָר פון אונדזער געגנט — פון טלוסט — ער איז אין אַ געוויסן מאָס אויך אַ האָראָדענקער. אַ יאָר פאַר זיין עליה קיין ארץ־ישראל איז ער געווען צוזאַמען מיט זיין פרוי אַ לערער אין דער העברעאישער שול אין האָראָדענקע. ער האָט געקענט העלפן „ווידעראויפבויען״ די יידישע געסלעך און טיפן פון שטעטל, ווייל ער האָט געלעבט אין האָראָדענקע און האָט געאָטעמט האָראָדענקער לופט.

מיר האָבן מצליח געווען מיט דער וואַל פונם רעדאַקטאָר און ער האָט אונדז פיל געהאָלפן. אָבער דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן נישט דורך דעם רעדאַקטאָר, נאָר דורך די האָראָדענקער לאַנדסלייט, מיט מער אָדער ווייניקער ליטעראַרישע פעאיקייטן. עס שטייט זיכער נישט אויף אַזאַ הויכער מדרגה ווי עס וואָלט געקאָנט שטיין, ווען די אַלע קולטורעלע כוחות, וואָס האָראָדענקע האָט פאַרמאָגט אין די לעצטע יאָרן, וואָלטן געבליבן ביים לעבן און זיך געקענט באַטייליקן אין שרייבן פונם בוך. אָבער די לעבן געבליבענע האָבן בייגעשטייערט דאָס בעסטע וואָס זיי האָבן געקענט. עס באַטייליקן זיך אין דעם בוך ביי די זעכציק האָראָדענקער און עס איז אַן אויסגעשפּראָכן קאָלעקטיוו ווערק.

דאָסזעלבע איז אויך נוגע צו די זכרונות און שילדערונגען וועגן די איינוואוינער פון דער שטאָט. די קאַפּיטלען „פני העיר״ זענען צוזאַמענגעשטעלט און געשריבן געוואָרן פון מענטשן וואָס לעבן שוין לאַנגע יאָרן אין ישראל. דאַריבער פעלן אין בוך די זכרונות פון דער ווייטערער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָבן געקאָנט געשריבן ווערן נאָר פון מענטשן פון דעם עלטערן דור, און פון זיי איז שוין, ליידער, ביי אונדז כמעט קיינער נישט געווען. און פון דער אַנדערער זייט פעלן אַסך פרטים וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט אין די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן, פון אַלע געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, זכרונות וועלכע בלויז מענטשן וואָס האָבן געלעבט אין שטאָט אין דער לעצטער צייט האָבן געקאָנט דערציילן. אַ גרויסער טייל פון דעם אַלעמען פעלט, און נישט דערפאַר וואָס מיר האָבן געוואָלט עפּעס פאַרהוילן און באַהאַלטן, נאָר ווייל מיר האָבן פון אונדזערע לאַנדסלייט נישט באַקומען מער קיין מאַטעריאַל, — כאָטש מיר האָבן זיך צו זיי נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל געווענדעט.

✶

אַ ספּעציעלע פאַראַנטוואָרטונג האָבן מיר אויף זיך גענומען מיטן פאַרעפנטלעכן די רשימה פון די קרבנות, וועלכע די תליינים האָבן מאַסנהאַפט געפירט צום טויט ביי די פאַרשידענע אַקציעס. אויך דאָ זענען מיר געשטאַנען פאַר פּראָבלעמען און שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן אָן דער הילף פון אונדזערע לאַנדסלייט נישט געקענט באַוועלטיקן, און דאָס וואָס מיר האָבן דערגרייכט איז — לויט אונדזער איבערצייגונג — דאָס העכסטע וואָס מען האָט געקאָנט דער־



מועצת ספר־הורודנקה בישראל

דער ישראלדיקער
בוך קאָמיטעט אין תל־אביב

The Memorial Book
Board in Israel

יושבים מימין לשמאל — עס זיצען פון רעכטס צו לינקס: מ. פלעשנער, פרוי פ. פלעשנער, פרוי ק. גרייף, פרוי ב. פעדער, פרוי ר. רוטמאַן, ג. לינדענבערג.

עומדים מימין לשמאל — עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: ר. פריפער. י. פרישלינג, ה. מארקשייד, מ. שטאכעל, א. רויכווערגער, י. שפירא. ז. שחורי, א. פילפעל, מ. גלאָגער, מ. סוכער, נ. בערגמאַן. ש. סוכער, ד. הארטענשטיין, ל. פרישלינג און נ. שטרום.

Sitting from right to left: M. Fleshner, Mrs. P. Fleshner, Mrs. K. Greif, Mrs. B. Feder, Mrs. R. Rotman, G. Lindenberg
Standing from right to left: R. Prifer, J. Frishling, H. Marksheid, M. Stachel, I. Rauchwerger, J. Shapira, Z. Shchory, A. Pilpel, M. Gloger, M. Sucher, N. Bergman, Sh. Sucher, D. Hartenstein, L. Frishling & N. Strum.

גרייכן אין די געגעבענע אומשטענדן. אין משך פון צוויי יאָר און מער האָבן מיר זיך געווענדעט אין וואָרט און שריפט צו אַלע חברים אין ישראל און אין אַמעריקע, און זיי געבעטן אונדז צו שיקן אַלע נעמען פון זייערע טראַגיש אומגעקומענע קרובים און באַקאַנטע. מיר פאַרעפנטלעכן אַלץ וואָס מען האָט אונדז אַריינגעשיקט, אָבער דער גרעסטער טייל פון דער רשימה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך עטלעכע חברים לויט זייער זכרון, און דעריבער פעלן אין אַסך פאַלן די פאָרנעמען פון די אומגעקומענע, אָדער די נעמען פון דער פרוי און די קינדער, און אפשר וועלן זיך אַרויסווייזן נאָך אַנדערע פאַרשידענע אומריכטיקייטן. זאָלן אונדז מוחל זיין סיי די טויטע, וואָס זענען נישט דערמאָנט געוואָרן, סיי זייערע לעבעדיקע קרובים, וואָס וועלן זיכער האָבן אַ צער דערפון. מיר האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען מער פרטים, און מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ הייליקן חוב די רשימה צו פאַרעפנטלעכן, כאָטש מיר האָבן געוואוסט אַז זי איז נישט גענוי און נישט פולשטענדיק.

✶

איך בין נאָך שולדיק עטלעכע ווערטער פון פאַרענטפערן זיך צו דעם גרויסן ציבור פון חברים, וועלכע האָבן געשריבן און צוגעשיקט מאַטעריאַל פאַרן בוך. איך וויל נישט באַנוצן זיך מיט פאָרמעלע תירוצים, אָבער איך וויל דערמאַנען וואָס מיר האָבן אַלעמאָל געזאָגט אויף די פאַרזאַמלונגען: יעדער קען שרייבן וויאַזוי ער קען און וואָס ער געפינט פאַר נויטיק, אָבער די רעדאַקציע, וועלכע מיר האָבן אויסגעוויילט, צוזאַמען מיטן רעדאַקטאָר, וועט האָבן דאָס לעצטע וואָרט, וועלן אַנטשיידן וועלכע מאַנוסקריפטן זאָלן געדרוקט ווערן און וואָס מען זאָל ענדערן אין דעם געשריבענעם. די חברים פון קאָמיטעט האָבן זיך געזען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ריכטיקייט פון די פאַקטן, געשעהענישן און דאַטען, וועלכע זענען דורך די פאַרשידענע שרייבער דערמאָנט געוואָרן, און נישט אין איין פאַל האָט מען געמוזט קאָריגירן פרטים וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי אומגענויאיקייטן אָדער טעותן.

די רעדאַקציע־חברים זענען געווען געטריי זייער שליחות, האָבן געלייענט יעדן מאַנוסקריפט און האָבן זיך באַמיט צו פאַרזיכערן, אַז עס זאָלן געדרוקט ווערן נאָר באַגלויבטע פאַקטן, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ דאָקומענטאַרן בוך. אין ספר הארָאדענקע קומען אַריין עטלעכע ברייטערע אויסצוגן פון ליטעראַרישע ווערק וואָס האָבן אַ שייכות מיט אונדזער שטאָט — ווי די פרקים פון גראַנאַך, אַ ליד פון מאָטל בירנבוים און אַנדערע. מיר דריקן אויס אונדזער דאַנק אַלע וואָס האָבן עס אונדז ערמעגלעכט און דערלויבט.

✶

איך וויל נאָך מיט עטלעכע ווערטער דערמאָנען די גרויסע און וויכטיקע אַרבעט, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אין משך פון די צוויי יאָר דורך אַ גרויסער צאָל פרייוויליקע מיט־

העלפער, בעיקר אין ישראל און אין אַמעריקע. אַ טייל חברים אין ישראל, און אויך אין אַמעריקע, האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן מאַטעריאַל פאַרן ספר הזכרון באַלד ווי מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַרויסגעבן אַזאַ בוך; אָבער אין די לעצטע צוויי יאָר האָט אַ גרופּע פון אַקטיווע חברים אין ישראל, און מסתּם אויך אין אַמעריקע, אַוועקגעגעבן פ״ר דעם הייליקן עניין פיל צייט, שעהן, טעג, וואָכן און חדשים. די אַרבעט איז געטון געוואָרן מיט גרויס אויפאָפּפערונג. די דאָזיקע חברים האָבן אַלע אָפּט פאַרבויגן אייגענע ענינים און אַרבעטן און פאַרגעסן אַלע פּערזענלעכע אינטערעסן, און האָבן אין ספר האָראָדענקע אַרייַנגעלעגט פיל האַרץ און כוח. איך מיין אַז איך מעג אין נאָמען פון ביידע לאַנדסמאַנשאַפטן אויסדריקן אַלע חברים פונם בוך־קאָמיטעט — סיי אין אַמעריקע, סיי אין ישראל — אַ „יישר כוח" פאַר זייער געטרייער אַרבעט.

גאָר אַן אָנגעשטרענגטע און פיבערהאַפטע אַרבעט איז אָנגעגאַנגען אין די לעצטע זעקס חדשים פאַרן פאַרענדיקן דאָס בוך, ווען מיר האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג דאָס בוך זאָל דערשיינען צו דער צייט.

אין אָט דער קורצער צייט זענען אַרויפגעשווומען פאַרשידענע קאָמפּליקאַציעס און פּראָבלעמען, וואָס אַ טייל פון זיי איז אפשר געווען אַ פועל־יוצא פון דעם „אייַלעניש", פון דעם ווילן צו פאַרענדיקן דאָס בוך, אונטער יעדן באַדינג, אין נאָוועמבער 1962 — בערך צוויי יאָר נאָכדעם ווי מיר האָבן פּראָקלאַמירט, ביי דער אזכרה אין יאָר 1960, אַז מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט. די צווייטע און וויכטיקסטע סיבה, צוליב וועלכער מיר האָבן געוואָלט פאַרענדיקן דאָס בוך אין נאָוועמבער, איז געווען אונדזער שטרעבן, אַז אונדזערע געסט פון אַמריקע, רות און אבא פאדוויי, זאָלן זיך קענען באַטייליקן אין דער פייערלעכער פאַרזאַמלונג צום דערשיינען פונעם בוך, נאָכדעם ווי זיי זענען געווען דאָ אין לאַנד זעקס וואָכן, פון אָנהויב אָקטאָבער 1962, און זיי האָבן זיך געגרייט אַוועקצופאָרן דעם 18־טן נאָוועמבער.

איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, אַז אין דער גרויסער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, וועלכע איך האָב אָנגעפירט אין די לעצטע צוויי יאָר, האָבן זיך די גאַנצע צייט באַטייליקט די חברים פונעם ענגערן בוך־קאָמיטעט אין ישראל: נחמן בערגמאַן, יאָסל יאַנקנער, צבי מאַרקשייד, יצחק רויכווערגער, זעליג שחורי משה (מיניע) שטאכל, גבריאל לינדענבערג און יצחק שפּירא. די לעצטע צוויי זענען אויך געווען חברים פונעם רעדאַקציע־קאָמיטעט, אין וועלכן אויך יהושע שטרייט איז געווען טעטיק אין דער ערשטער העלפט פון דער אַרבעט און משה שטאכל אין דער צווייטער העלפט. אָבער דעם גרעסטן עול פון צוגרייטן דעם מאַטעריאַל פונעם בוך האָט גענומען אויף זיך אונדזער חבר גבריאל לינדענבערג.

אין משך פון די צוויי יאָר, און נאָך מער אין די לעצטע פאָר חדשים, האָט זיך גבריאל גאַנץ איבערגעגעבן צו דער אַרבעט פאַרן בוך, אויפן געביט פון איבערשרייבן און באַאַרבעטן, איבערזעצן און „איבערקוקן" נאָכן דרוק, און בכלל צוגרייטן דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַרן רעדאַקטאָר. אַלע מענטשן וואָס זענען געקומען מיט אים אין באַריר ביי דער אַרבעט פונעם בוך האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אויסגעדריקט פאַר מיר זייער אָנערקענונג פאַר זיין איבערגעבנקייט און זיינע פעאיקייטן. איך אַליין בין אין דער זעלבער מיינונג ווי זיי, און איך קען בלויז צוגעבן, אַז איך קען אונדזער חבר גבריאל און זיינע מעלות פון אונדזער פּיליאָריקער צוזאַמענאַרבעט אין אירגון יוצאי הורודנקה, אין „קהליה" און צולעצט אין בוך־קאָמיטעט. איך מיין אַז וואָס איך האָב דאָ געזאָגט איז נישט איבערטריבן, נאָר אַ גאַנץ באַשיידענע אָפּשאַצונג פון דער אַרבעט וואָס אונדזער חבר גבריאל האָט אַרייַנגעלעגט אין „ספר האָראָדענקע".

איך וויל אויך דערמאָנען אַ פאָר חברים פונעם אַמעריקאַנער בוך־קאָמיטעט, וואָס האָבן דאָרט, אין יענער זייט ים, גענומען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן די אַרבעט פאַרן יזכור־בוך. די דאָרטיקע חברים זענען אַפילו גאָר באַשיידן און האָבן אונדז נישט געלאָזט וויסן קיין סך וועגן דעם, ווער פון זיי איז געווען צום מייַנסטן טעטיק אין דער זאַך; אָבער פון די פאַרשידענע אָפּגעהאַקטע ידיעות האָבן מיר דאָך צוזאַמענגעשטעלט אַ רשימה פון אַ פאָר מענטשן וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך דעם גרעסטן טייל פון דער אַרבעט: איזידאָר אָרינגער, מוא נאַדלער, אייזיק פינק (דער סעקרעטאָר פונעם אַמעריקאַנער בוך־קאָמיטעט), סעם קירשנער, מענדל ראָזענקראַנץ, אייזיק שעכטער און זעליג שפּירער.

גלייכצייטיק וויל איך אונטערשטרייכן, אַז אַלע אונדזערע חבריב וואָס זענען געווען טעטיק ביי דער אַרבעט פונעם בוך האָבן עס געטון מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. דאָס האָט אונדז פאַרשאַפט אַ סך נחת און זייער אַ סך געהאָלפן ביי דער אַרבעט. זיי אַלעמען וויל איך דאָ אויסדריקן אַ דאַנק און אָנערקענונג אין נאָמען פון ביידע אָרגאַניזאַציעס וואָס געבן אַרויס דאָס בוך, פון דער אַמעריקאַנער און דער ישראלדיקער. איך האָב די פולע פאָלמאַכט אויצודריקן די זעלבע אָנערקענוג אין נאָמען פון חבר אבא פאדוויי, דעם פאָרזיצער פונעם אַמעריקאַנער בוך־קאָמיטעט.

איך וויל דאָ נאָך דערמאָנען צוויי אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן אונדז אַ סך געהאָלפן ביים דרוקן פונעם בוך: די ערשטע איז די קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי „אחדות" אין תל־אביב. די לייטונג און די אַרבעטער פון דער דרוקעריי האָבן אַרויסגעוויזן גאָר אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו אונדז, און איך מיין אַז מיר האָבן גוט געטאָן וואָס מיר האָבן זיי איבערגעגעבן דאָס דרוקן פונעם בוך. די צווייטע אונטערנעמונג איז „די פאַראייניקטע צינקאָגראַפיעס" אין תל־אביב, וועלכע האָט מיך גאָר פריינטלעך באַלערנט אין דעם פאַך פון צוגרייטן די קלישעס, און דערצו נאָך געגעבן אונדז אויסערגעוויינלעך גוטע באַדינגונגען. זיי אַלעמען וויל איך דאָ אויסדריקן אונדזער דאַנק פאַר זייער שיינער באַציאונג.

✶


צו דער געשיכטע פון דער ישראלדיקער האָראָדענקער לאַנדסמאַנשאַפט און איר קאָמיטעט וויל איך דאָ ברענגען אַ סטענאָגראַפישן באַריכט פון איין טרויער־אָנדאַכט, — פון אַן „אסיפת־אזכרה" — וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 15־טן דעצעמבער 1957 אין תל־אביב. דאָס איז אַ כאַראַקטער־

ריסטישער דין־וחשבון פון די יערלעכע געדענקטעג, וואָס מיר האַלטן אָפּ אין ישראל זייט דער גרינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע „אירגון יוצאי הורודנקה והסביבה” אין יאָר 1945, דאָס הייסט באַלד נאָכדעם ווי עס האָבן אָנגעהויבן קומען אַהער די ערשטע געראַטעוועטע, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך דעם גרויסן מבול.

ווי די לעזער וועלן זען ביים לייענען פון דעם אָפּשניט, איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דעם דעמאָלטדיקן פאָרזיצער פונם אירגון משה פלעשנער אַ דין־וחשבון, אין וועלכן עס געפינען זיך פרטים וועגן דער טעטיקייט פונם קאָמיטעט אין משך פון זיין צוועלף־יאָריקער עקזיסטענץ. נאָכדעם האָט יצחק שפירא, אַ לאַנגיעריקער אַקטיווער חבר פונם אירגון און פונם קאָמיטעט, מספיד געווען אונדזער שטאָט, „דורכ־פירנדיק” די הערער איבער די חורבות פון האָראָדענקע. די אַנוועזנדע אויפן יזכור־אָוונט זענען טיף דערשיטערט געוואָרן פון די פרטים, וואָס יצחק שפירא האָט אין אַ נאַטירלעכן און לעבעדיקן אופן צום אויסדרוק געבראַכט. שפּעטער האָט גבריאל לינדנברג, דער קאַסירער פונם אירגון, אָפּגעגעבן אַ קורצן פינאַנציעלן באַריכט.

געסט פון אויסלאַנד און נייע עולים פון פוילן האָבן געבראַכט צום אויסדרוק זייער פרייד, נאָך אַ לאַנגער צייט ווידער זיך צו געפינען צווישן האָראָדענקער וואָס זענען געבליבן לעבן אין ישראל.

די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן געוואָרן דורך דעם פאָרזיצער מיטן ווונטש אַז אַלע זאָלן זיך ווידער געזונט טרעפן — איבעראַיאָר.



עובדי דפוס „אחדות” עם הנציגים של ועדי הספר בזמן הדפסת הגליון הראשון של „ספר הורודנקה”
די אַרבעטער פון דער דרוקעריי „אחדות” מיט די מיטגלידער פון ביידע קאָמיטעטן בשעת דעם דרוקן פונעם ערשטן בויגן פון „ספר האָראָדענקע”.

The printers of “Achduth” with the Committee Members at the begin of printing the “Sefer Horodenka”.

מ. פלעשנער / דין־וחשבון איבער דער טעטיקייט פונם אירגון

(איבערגעגעבן ביי דער אסיפת אזכרה דעם 15טן דעצעמבער 1957)

שוין אַ יאָר צוועלף זענען מיר ממשיך די עקזיסטענץ פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, „אירגון יוצאי הורודנקה והסביבה בישראל״. מיר, די טעטיקע חברים פונם אירגון, געפינען אין זיין עקזיסטענץ אַ דרייפאַכן ציל: א) צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די האָראָדענ־קער קדושים דורך אַ יאָר־יערלעכער אַזכרה און דורך פלאַנצן אַ וועלדל אין „יער הקדושים״, און אַרויסצוגעבן אַ בוך צום אָנדענק פון דער שטאָט און פון די קדושים; ב) צו העלפן די האָראָדענקער לאַנדסלייט, וועלכע זענען געבליבן לעבן און זענען געקומען קיין ישראל נאָך דער מלחמה; ג) אויפצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן די האָראָדענקער וואָס וואוינען אין ישראל, און אויך דעם קאָנטאַקט צווישן דער היגער לאַנדסמאַנשאַפט און די לאַנדסמאַנשאַפטן אויסער ישראל.

אין דעם ערשטן פונקט האָבן מיר דערוויל פאַרווירקלעכט אַ מינימאַלן פּראָגראַם. מיר האַלטן אָפּ יעדעס יאָר אַן אַזכרה, ביי וועלכער מיר פאַראייניקן זיך אין דעם אָנדענק פון די טייערע אומגעקומענע. אויב מיר האָבן זיך אפשר פאַרזינדיקט דערמיט, וואָס מיר האָבן נישט גענוג געטראַכט וועגן אונדזער שטעטל בשעת אַלע האָבן נאָך דאָרט געלעבט — פּרוּוון מיר דאָס צו טון איצט, נאָכדעם ווי האָראָדענקע איז אָפּגעמעקט געוואָרן אַזוי אכזריותדיק פון דער ערד.

מיר האָבן אויך אויפגעשטעלט אַ מין דענקמאָל פאַר אונדזער שטאָט אין דער פאָרם פון אַ וועלדל אין „יער הקדושים״, וואו מיר האָבן געפלאַנצט קעגן 1300 ביימער, אַסך ווייניקער ווי די צאָל פון די אומגעקומענע. דאָס וועלדל געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון „קרן קיימת לישראל״, די ביימער אַנטוויקלען זיך און וואַקסן און מיט דער צייט וועט מען קענען „עולה־רגל״ זיין אַהין אין די טעג פון דער יערלעכער אַזכרה.

וועגן דעם וויכטיקסטן פונקט — אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך — האָבן מיר שוין אַסך גערעדט, און ווי אַלעמען איז באַקאַנט האָבן מיר אַ פאַרטיק־אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון אַ בוך, וואָס זאָל זיין אַ מאָנומענט פאַר דער שטאָט און זאָל אַנטהאַלטן איר געשיכטע פון די ערשטע יאָרן ביז צו די לעצטע טראַגישע טעג. ליידער האָבן מיר זיך ביז איצט נישט דערנענטערט צו דער אויספירונג פון אָט־דעם וויכטיקן פּלאַן און עס זענען נאָך פאַראַן שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן צו באַוועלטיקן. אָבער מיר האָבן נאָך די האָפנונג נישט פאַרלוירן, און מיר וועלן אַלץ טון כדי צו ברענגען צו אַ צוזאַמענאַרבעט פון די אַלע וואָס קענען און דאַרפן מיטווירקן ביים אַרויסגעבן פונם בוך, וואָס זאָל פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע עלטערן, פון אונדזערע שוועסטער און ברידער און פון אונדזער שטאָט.

די אַרבעט פון געבן הילף פאַר די געראַטעוועטע האָראָדענקער, וועלכע זענען געקומען קיין ישראל, האָבן מיר אויסגעפירט אין די גרענעצן פון אונדזער מעגלעכקייט און פון די געלט־מיטלען וועלכע מיר האָבן געקענט אויפברענגען. מיר האָבן געהאָלפן מיט קליינע הלוואות די אַלע וואָס האָבן זיך צו אונדז געווענדעט, און גאַנץ אָפּט אויך געהאָלפן זיך איינאָרדנען ביי אַן אַרבעט, באַקומען אַ דירה, און דאָסגלייכן. אַ טייל פון די הלוואות איז שוין צוריקגע־צאָלט געוואָרן, און אַ טייל נאָך נישט. דער פאָנד פאַר די הלוואות איז געשאַפן געוואָרן פון די סומען וועלכע מיר האָבן געזאַמלט ביי אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל און פון די סומען וועלכע זענען אונדז געשיקט געוואָרן פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע.

אין דעם פונקט פון געבן הלוואות פאַר ניי־אָנגעקומענע עולים האָבן מיר אין לעצטן יאָר דערגרייכט אַ וויכטיקן פאָרשריט, אַ דאַנק דעם באַזוך פון רבקה און אַבא פאָדוויי (פאָדוויסאָקער). דורך זייער איניציאַטיוו און מיט זייער הילף איז אַנטשטאַנען אַ נייע אינסטיטוציע מיטן נאָמען „קהיליה״, אַ ליי־קאַסע פאַר קעגנזייטיקער



בני הורודנקה באסיפת אזכרה שנתית בתל־אביב

האָראָדענקער לאַנדסלייט אויף אַ יזכור־אָוונט אין תל־אביב

Horodenkaer Landsleit attending the annual Yizkor- Meeting in Tel-Avtv

הילף, און מיר האָפן אַז דאָס וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן אונדזער טעטיקייט אין דעם פונקט, פאַר אַלע אונדזערע לאַנדסלייט וואָס וועלן זיך אַמאָל נויטיקן אין אַ הלוואה, אין די גרענעצן פון דעם שטאַטוט פון דער נייער אינסטיטוציע. אין דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ האָט די ליי־קאַסע פאַרטיילט אַ באַדייטענדע צאָל הלוואות, בעיקר פאַר נייע עולים און אויך פאַר האָראָדענקער וואָס זענען שוין לאַנג אין לאַנד. אמת איז אַז אונדזער הילף איז געווען אַ גאָר באַשרענקטע, אָבער ווער עס האָט זי באַקומען האָט גוט אָפּגעפילט אַז זי האָט אים דערלייכטערט צו באַקומען אַ דירה, אַ ווערקשטעט און דאָסגלייכן. מיר האָבן ליידער נישט געקענט מער געבן, ווייל די מיטלען פון דער קאַסע זענען זייער באַשרענקט. מיר ווענדן זיך ביי דער איצטיקער געלעגנהייט צו אַלע חברים, זיי זאָלן צוטרעטן פאַר מיטגלידער פון דער קאַסע און איר געבן די מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען און פאַרברייטערן איר הילף.

מיר האָבן געפּרווט עפּעס אויפטון אין דריטן פּונקט — אין שאַפן אַן ענגערן קאָנטאַקט צווישן אונדזערע לאַנדסלייט דאָ אין לאַנד. מיר האָבן אַפּאָר מאָל פאַראַנשטאַלטעט פייערלעכע אָוונטן אין פאַרשידענע ימים־טובים און דערמעגלעכט די לאַנדסלייט זיך צו באַגעגנען אין אַ פייערלעכער שטימונג, נישט נאָר אין טרויער־אָוונטן. אַ גרויסע צאָל חברים האָבן זיך אין די אָוונטן באַטייליקט און פון זיי הנאה געהאַט.

איידער מיר הויבן אָן די אזכרה וויל איך פון דאַנען איבערשיקן אַ האַרציקן וואונטש פאַר אונדזער עלטסטן לאַנדסמאַן יאסל בערגמאַן, וואָס ליגט קראַנק זייט אַ געוויסער צייט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער קען זיך נישט באַטייליקן אין דער אזכרה, און מיר ווינטשן אים ער זאָל גיך און באַלד ווידער געזונט ווערן און מיר זאָלן זיך נאָך אַסך יאָרן מיט אים באַגעגנען.

איצט וויל איך, אַזויווי אַלע יאָר, מזכיר זיין אונדזערע פאַרשטאָרבענע חברים, וואָס זענען פון אונדז אַוועקגענומען געוואָרן אין לעצטן יאָר, און איך בעט אַלע אויפצושטיין לכבוד זייער אָנדענק:

אליעזר פרידלער; מאָטיע שערצער; אורציע פרישלינג; העניע רובעל (די מוטער און שוויגער פון די לאגשטיינס); פייגע פולר. עס זענען אויך געשטאָרבן צוויי נאָענטע פון אונדזערע חברים: עתליה לינדענבערג, די פרוי פון אונדזער חבר גבריאל לינדענבערג. און שרגא שווארצשטיין, דער מאַן פון חיה שוואַרץ (פון קאָרניוו). תהא נשמתם צרורה בצרור החיים.

איצט גיב איך איבער דאָס וואָרט אונדזער חבר יצחק שפירא, וואָס וועט מספיד זיין אונדזער חרב־געוואָרענע היימאַטשטאָט האָראָדענקע.



עליית בני עירנו ל„יער־הקדושים" ביום־לזכרון לחללי השואה.

האָראָדענקער נעמען אָנטייל ביי דער אזכרה פון די אומגעקומענע אין „יער־הקדושים".

Horodenkaer attending the annual Yizkor-Ceremony in "Yaar Hakdoshim"

יצחק שפּירא

אַ טרויעריקער שפּאַציר איבער אונדזער שטאָט

אונדזער מענטשלעכער שכל קען נישט באַנעמען און פאַרשטיין וויאַזוי דאָס איז געשען. דאָס יידישע פאָלק איז נישט פון די מפונקים צווישן אַלע פעלקער. אין דער לאַנגער צייט פונם גלות האָבן מיר אַדורכגעלעבט שחיטות און פּאָגראָמען, אינקוויזיציעס און שמד, אָבער דאָס אַלץ פאַרבלאַסט קעגן דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן דאָס יידישע פאָלק אין מזרח־אייראָפּע מיט פופצן, מיט פערצן און אַפילו מיט דרייצן יאָר צוריק. זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן האָט די מענטשלעכע געשיכטע נישט מיטגעלעבט אַזאַ נידערטרעכטיקע געפּלאַנטע מערדעריי, ווי די וואָס איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך גענעראַלן און וויסנשאַפטלער, כלומרשט „פאַרטרעטער" פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס האָבן מיט אַ גרויזאַמען סאַדיזם געקוילעט, געמאָרדעט און פאַרברענט אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער. און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט דער געניויעסטער פּלאַנמעסיקייט, אין וועלכער די דייטשע נאַציס האָבן אַריינגעלייגט זייער גאַנצן טאַלאַנט, און מיט דער פולסטער הילף און אונטערשטיצונג פון אַלע אויסוואורפן אין די לענדער וועלכע דער היטלעריזם האָט פאַרנומען. און עס וועט געוויס נויטיק זיין אַ דיסטאַנץ פון אַ לאַנגער צייט, כדי ריכטיק אָפּצושאַצן די טיפקייט פון דער טראַגעדיע און די גרויס פון דעם אומגליק, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר אונדזערע אויגן און פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

הערצל, דער שאַפער פונם פּאָליטישן ציוניזם, האָט פאַראויס־געזאָגט, אַז פון דער יידישער נויט וועט אַרויסוואַקסן די יידישע מדינה. און מיר האָבן, אמת, אַ יידישע מדינה ביי היינטיקן טאָג. אָבער וואו איז דאָ די גרענעץ פון דעם אומענדלעכן ים פון צרות, פון די טייכן בלוט און טרערן, וואָס זענען פאַרגאָסן געוואָרן פון די דערמאָרדעטע זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע. ס'איז אַן אַלט וואָרט, אַז דאָס לעבן איז שטאַרקער ווי דער טויט, און יעדע וואונד פאַרהיילט זיך סוף כל סוף. מעגלעך, אַז אין דער ווייטער צוקונפט וועלן די שולקינדער קענען לייענען אין די שולביכער פון געשיכטע וועגן די גרויעלדיקע מעשים בלויז מיט אַ געפיל פון אָפּשיי און עקל. אָבער מיר האָראָדענקער, וואָס שטייען דאָ היינטיקן טאָג ווי בלוטיקע אָפּגעהאַקטע איברים פונם גוף פונם יידישן פאָלק, יתומים וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע טאַטע־מאַמע, פול מיט טרויער אויף אונדזערע ברידער און שוועסטער, מיר זענען נישט מסוגל זיך צו פאַרנעמען מיט היסטאָרישע אַנאַליזן; פאַר אונדז איז די וואונד אַווירקלעכקייט, אַ לעבעדיקע שרעקלעכע ווירקלעכקייט.

אונדזער שטאָט האָראָדענקע, זכרונה לברכה, איז געווען אַ ריינהאַרציקע שטאָט, און כאָטש זי איז זיכער געווען אָפּגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט מער מאָדערנע שטעט, איז דאָס לעבן אין איר געווען פול מיט טעם און מיט תכלית. אירע יידישע איינוואוינער, יונג און אַלט, פון אַלע שיכטן און קלאַסן, זענען געווען האַרציקע יידן, גלייך ווי אַלע יידן פון דעם באַוואוסטן קאַנט, פון גאַליציע.

איך וויל אייך בעטן מיט מיר מיטצוגיין אויף אַ קורצן שפּאַציר איבער אונדזער קליין שטעטל; נישט לויט דעם סדר פון די גאַסן, נאָר לויט די באַרופן פון אירע איינוואוינער, לויט זייערע פּרנסות. דאָס וועט זיין אַ מין דעמאָגראַפיש־סאָציאָלאָגישער שפּאַציר. און זאָלן מיר די יונגטלעכע האָראָדענקער וואָס געפינען זיך דאָ מוחל זיין, וואָס איך האָב מיר אויסגעוויילט צום שפּאַציר די אַמאָליקע צייט, ווען זיי זענען אפשר נאָך אויף דער וועלט נישט געווען; אָבער דאָס איז געווען אַ גאָר טיפּישע און גאָר וויכטיקע עפּאָכע פאַר אונדזער שטאָט. דאָס איז די תקופה פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען לענדער און פעלקער האָבן זיך דערוועקט צו דערגרייכן זייער זעלבשטענדיקייט; אַ תקופה פון רעוואָלוציעס, אין וועלכער אונדזער שטאָט איז עטלעכע מאָל אַריבער פון האַנט צו האַנט: פון די עסטרייכער צו די רומענער, צו די אוקראַאינער און דאַרונטער אויך צו די פּעטליוראָווצעס, און דערנאָך צו די פּאָליאַקן; די תקופה וואָס האָט אויפגעטרייסלט און דערוועקט אויך אונדזער יידישע סביבה — נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. איך האָב מיר אויסגעוויילט אָט־די עפּאָכע, ווייל איך געדענק זי גאַנץ גוט, די צוואַנציקער יאָרן, פון 1920 ביז 1930. און אַז איך האָב אין יאָר 1937 געמאַכט אין האָראָדענקע אַ קורצן באַזוך פון איין וואָך — האָב איך כמעט נישט געפונען קיין שום ענדערונג. איך האָב געפונען כמעט דיזעלבע מענטשן און דאָסזעלבע לעבן ווי אין יאָר 1925, ווען איך האָב די שטאָט צום ערשטן מאָל פאַרלאָזט.

זיי אַלעמען וויל איך פּרוּוון איצט דערמאָנען, לויט שיכטן און לויט משפחות. און אויב אַפילו די זין אָדער די טעכטער פון די משפחות האָבן אַביסל געענדערט זייערע וועגן, איז זייער שטאַם געבליבן ביי זיין סטאַבילער סטרוקטור, וואָס בלייבט דורות־לאַנג אומגעענדערט. און אַז איך קוק זיך דאָ צו אין די פּנימער פון מאַנכע יונגעלייט, דערמאָן איך זיך גענוי דאָס אייזען און דאָס פירן־זיך פון זייערע עלטערן.

לאָמיר קודם פאַרבייגיין די האָראָדענקער שולן, דאַרונטער אויך די גימנאַזיעס, די יידישע שול, און פאַרשטייט זיך די העברעאישע שול, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דורות פון העברעאיסטן און אַ קאַדר פון חלוצים פאַר ארץ־ישראל.

קודם־כל די „חדרים": פאַרמאַכנדיק די אויגן וועט יעדער פון אונדז נאָך זען פאַר זיך דעם „רבי" און דעם „חדר" פון יענער צייט. זיי זענען אפשר שפּעטער אַביסל אַנדערש געוואָרן. אָבער מיר געדענקען נאָך דעם „חדר מתוקן" — דעם „פאַרבעסערטן חדר" — וואו מען האָט געלערנט תנ"ך מיט פּירושים, און בכלל איז ער געווען מער מאָדערן; און די איבעריקע חדרים פונם אַלטן שטייגער, וואו ס'האָט נאָך „געקיניגט" דער רבי מיטן „קאַנטשיק", די רביצין מיטן וואַלגערהאָלץ און דער בעלפער מיטן „טייטל".

איצט וועלן מיר זיך אַריינכאַפּן אין די שיהלן און בתי־מדרשים. קודם כל וועלן מיר אַריינגיין אין דער גרויסער שיהל, וואָס איז שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן ביי דער ערשטער „אינוואַזיע" אין ערשטן וועלטקריג, און דערנאָך האָט מען זיך באַמיט זי ווידער אויפצובויען. איך געדענק נאָך גאַנץ גוט, און גלייך מיט מיר געדענקען אַוודאי אַלע עלטערע לאַנדסלייט, די גרויסע שיהל און דעם שמש „דודיע זעלנער", אָט דעם טייערן ייד, וואָס פלעגט אונדז אויפוועקן מיט זיין האַמער „לעבודת הבורא". און איך געדענק נאָך ווי ער פלעגט יום־כיפּור צו כל־נדרי „קאָמאַנדעווען" מיט דעם שבת־

גוי פעטראַ, וואָס האָט געהיטן די נשמה־ליכט, זיי זאָלן זיך חלילה נישט איסבייגן אָדער פאַרלאָשן ווערן. און איך געדענק די צוויי „פּאָלושן" פון ביידע זייטן ביים אַריינגאַנג אין שיהל אַריין, ביידע פול מיט מתפללים, וואָס פלעגן כמעט „פירן אַ קאָנקורענץ" און וועלן איבערשרייען מיט זייערע תפילות די מתפללים אין דער גרויסער שיהל.

און גאַנץ נאָענט ביי דער שיהל — דער „בית־המדרש", וואו ס'האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרופּע „מתנגדים", אָבער גאָר חשובע „מתנגדים", מיטן רב ר' אלימלך אשכנזי בראש, וואָס איז געווען אַ גרויסער למדן מיט אַ שאַרפן שכל, איינער פון די גרעסטע און וויכטיקסטע רבנים אין גאַליציע. און חוץ דעם די קלויזן, די אַלטע און די נייע, וואָס יעדע האָט זיך גערופן אויפן נאָמען פון איר רבי; און די מניינים ביי די פאַראיינען,מיטן „יד־חרוצים" בראש.

איך וויל דערמאָנען די פאַראיינען וואָס זענען אונדז געווען גאָר־גאָר נאָענט: דער „ציון־פאַראיין", די וויג פונם ציוניזם אין האָראָ־דענקע, און דערנאָך דער „התאחדות" און אַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס וואָס זענען געווען מיט זיי פאַרבונדן, ווי „גורדוניה", „החלוץ", „החלוץ הצעיר", די קאָמיסיעס פאַר „קרן הקיימת" און „קרן היסוד", די ליטעראַרישע צירקלען און די דראַמאַטישע קלובן, נישט פאַרגעסנדיק די וואַרעמע און האַרציקע שטוב פון אונדזער פריינט און פירער הערשל סוכער. און איך וויל דאָ אויך דערמאנען דעם בונד" און זיינע אָנפירער, וואָס האָבן גאָר אַסך אויפגעטון אין שטאָט אין די קרייזן פון יידישע אַרבעטער און בעלי־מלאכות.

עס זענען געווען ביי אונדז אין שטאָט כל־מיני חסידים און אויך מתנגדים און אַפּיקורסים. און איך געדענק איינעם אַן אַפּיקורס, אַ שאַרפן למדן (איך וויל אים ביים נאָמען נישט אָנרופן), וואָס פלעגט זיך באַרימען, אַז ווען ער שרייבט שבת אַ בריוו הויבט ער אים אָן מיט די ווערטער: „היום יום שבת קודש"...

פון די צענדליגער גרויסע למדנים וויל איך דערמאַנען בלויז עטלעכע, די וויכטיקסטע פון זיי, כאָטש די רשימה איז אַסך גרעסער: חיים שניצער, מאיר שלאַם, שלמה שטרייט, יחיאל ראָזענבערג. און פאַרשטייט זיך אַז איך געדענק מיין פאָטער, עליו השלום, וואָס איז געווען קודם בלויז דיין, און נאָכדעם ווי הרב אַשכנזי איז נפטר געוואָרן איז ער געוואָרן „ראש בית־דין".

מיר האָבן נישט געהאַט אין שטאָט קיין סך „כלי־קודש", ווייל האָראָדענקע איז נישט געווען קיין רייכע שטאָט. אָבער יעדע קלויז האָט געהאַט איר חזן, פאַר „ימים טובים" און „ימים־נוראים", און אַ גאַנץ יאָר צום „שלוש־סעודות", וואו יידן פלעגן זיך צונויפקומען באַגלייטן דעם שבת מיט געזאַנג. און איך דערמאָן בלויז אַפּאָר נעמען: מעכאַלע וואָוועס, שימשעלע מילניצער, שלמה־חיים דער אונטער־חזן, וואָס זיין ווייב האָט געבאַקן די ראָזאָווע ברעטלעך, און „דער נייער שוחט" — אָט־אַזוי האָט מען אים גערופן. און עס זענען געווען סתם גוטע בעלי־תפילות, בעלי־שחרית און בעלי־מוסף, און אויך פון זיי וועל איך דערמאַנען בלויז אַפּאָר געציילטע נעמען: מאָטיע סוכער, בערל זייפער, שלמה גרייצער, שלום־הערש פינק (מיט גאָר אַ זיסער שטים), אייזיק מעלצער, און פון דעם יינגערן דור די צוויי ברידער שעכטער — אַנטשל און נוציע. און פאַרשטייט זיך אַז מען דאַרף דערמאַנען דעם חזן פון דער גרויסער שיהל — יאָסי שפּירא, וואָס האָט געוואוינט אויף דער קאָטיקיווקע.

איך וויל נישט פאַרגעסן די קליינע גרופּע מענטשן מיט אַקאַ־דעמישער בילדונג, וואָס האָבן באַשיינט די שטאָט אין פאַרשידענע צייטן. כ'וועל נישט אָנרופן זייערע נעמען און וועל דערמאָנען בלויז זייער פאַך, זייער באַשעפטיקונג: דאָקטוירים און דענטיסטן, אַפּטייקערס און מאַגיסטערס, אַדוואָקאַטן און קאָנציפּיענטן, און בראש פון די יוריסטן — דעם ריכטער ראַטהויזער. צוויי האָראָדענקער קינסטלער האָבן געהאַט אַ נאָמען אויף דער וועלט: אַלעקסאַנדער גראַנאַך און רענאַ פּפיפער.

האָראָדענקע האָט נישט פאַרמאָגט קיין אינסטיטוטן פאַר הויכער בילדונג, אָבער אַלע יידן האָבן זיך באַמיט צו געבן זייערע קינדער אַ גוטע דערציאונג, לתורה ולמעשים טובים. זיי האָבן שווער גע־האָרעוועט; זומער און ווינטער, אין רעגן און שניי זענען זיי איפּגעשטאַנען פאַרטאָג צו זייערע פרנסות. רייכע יידן זענען געווען אין שטאָט גאָר קנאַפּ, און אַסך יידן האָבן זייער גאַנץ לעבן געליטן פון נויט און דחקות — אָבער פאַר דער דערציאונג פון זייערע קינדער, פאַר אונדזער דערציאונג, האָבן זיי אַוועקגעגעבן דאָס טייערסטע און דאָס בעסטע.

איך קען זיכער נישט דערמאנען די טויזנטער יידן וואָס האָבן געלעבט אין אונדזער שטאָט. איך וועל דערמאנען בלויז זייערע מלאכות, זייערע פרנסות, און דערפון וועט מען זיך ממילא דערמאָנען אָן זיי אַליין:

געוועלבן פון שפּייז: הערינג, מעל, צוקער און זאַלץ, נאַפט און שוועבעלעך, אַן־גראָ און דעטאַיל; סוחרים פון האָלץ און אייזן, פון מאַנופאַקטור און קאָנפעקציע, פון שיך און פון היטלעך, פון לעדער און שטיוול, פון פעלצן פאַר יידן און פאַר גויים; פאַרקויפער פון זייף און פון ליכט, פון קאַלך און פון סמאָלע; מוכרי־ספרים — פאַרקויפער פון הייליקע ספרים, פון ביכער און פון „בענטשערלעך".

ביום נסיעתי נתאספו כל בני המשפחה בבית חמותי לאמירת שלום אחרונה. היו במעמד זה אבי ואמי ז״ל, אחי חיים ורעיתו ז״ל ובני משפחת לאָטנר, קרובי מצד אמי, וכן מבני משפחת ברמאן, גיסתי דוסיה ובעלה, ועוד קרובים רבים מבני שתי המשפחות — אויה, כולם הושמדו ב„אַקציה״ הראשונה בהורודנקה בחודש כסלו תש״ב (דצמבר 1941), ותחושת הצער והכאב תוסיף לקנן בלבי כל עוד רוח חיים תפעם בקרבי, כי מאמצי להעלותם לארץ עלו בתוהו. היתה זו אמנם מנת־חלקם של רבים מצעירי ארץ־ישראל, שלא השכילו לעשות למען הצלת נפשות קרוביהם מן הגולה, אולם העובדה שגדולים וחכמים ממני לא ראו את השואה המתקרבת אין בה אלא נחמה פורתא, ואין בה כדי להגליד את הפצע העמוק בלב על אובדן כל היקר לנו. תהי נשמתם צרורה בצרור החיים, בצרור חיי עם ישראל כוּלו.

ו. ימיה האחרונים של הורודנקה היהודית

ביקורי בהורודנקה בשנת 1929 היה לי הקשר הממשי האחרון עם עיר מולדתי, והוא נתרופף עוד יותר אחרי עלייתה של רעיתי פפי, כחמישה חדשים אחרי שובי. רק בואם של עולים חדשים, בודדים או קבוצות, היה מזכיר לי מדי פעם את עובדת קיומם של חיים יהודיים ערים בעיירה הרחוקה.

המפנה המהפכני ביחסנו אל עיירת מולדתנו חל בשנת 1945, כשהתחילו להגיע לארץ ראשוני הניצולים מבין השרי־דים המעטים, שנותרו לפליטה והצליחו בניסי־ניסים להימלט מציפורני הצוררים הנאצים. הפגישות אתם וסיפוריהם המפו־רטים על כל מה שקרה למשפחותינו זיעזעו את כל בני העיר והחרידו את לבם. במשך שנות המלחמה הגיעו רק הדים קלושים וחסרי־ודאות על כל מה שהתרחש מעבר לחזית של הצבאות הלוחמים, ורק עדותם של בני העיר שנותרו בחיים וראו במו עיניהם את מוראות השואה, החדירה ללב כל אחד מאתנו את הוודאות האיומה על סופם המר של יקירינו, והשאירה בלב פצע אנוש, שגם הזמן לא יוכל לרפאו.

הצורך הדחוף להגיש עזרה ראשונה לניצולים ולהדריכם בעצה ובמעשה בסידורם בארץ חייב את כל יוצאי העיירות להתארגן ולהתלכד לשם מתן עזרה זו, וכך נוסד אירגוננו, אירגון יוצאי הורודנקה בישראל. האירגון עזר לניצולים, בין השאר, גם על־ידי סכומי כסף קטנים להקלת סידורם בארץ, בגבולות האפשרויות שהיו בידו. לשם הרחבת האפשרויות הללו הוקם בשנת 1946 קשר עם האירגונים השונים של יוצאי הורודנקה בארצות־הברית, כי חשבנו שיש מקום לפעולה משותפת בהושטת עזרה לניצולים ובהנצחת זכר הקדושים.

מאז 1945 מקיים האירגון מדי שנה בשנה אסיפת־אזכרה לקדושי העיר, וכן דאג להשתתפות נאותה במפעל „יער הקדושים״, שאורגן על־ידי הקרן הקיימת לישראל. על שורת הפעולות של האירגון נמנית גם התוכנית להצבת גלעד לקרבנות השואה בהורודנקה על־ידי הוצאת ספר־הזכרון הזה.

שלום קירשנר

ה„לאנדסמאנשאפט" בארצות־הברית

בשלהי המאה התשע־עשרה, כשהגיעו לעירנו הידיעות על הארץ הרחוקה מעבר לים, שאפשר להתעשר בה במהירות, התעוררו כמה צעירים מבני עירנו ונסעו לבקש את אושרם בארץ הזהב. קבוצת המהגרים הראשונה, שהגיעה לניו־יורק בשנת 1889, כללה את האנשים האלה: האחים יעקב ונח רייף, האחים איציק־שואל, אהרן־יוסף וגרשון דופלר, לייב מלצר, אברהמל שניאור, משה־מאנס נייגיסר, הירש קירשנר, הירש פידלר, מוריס רסלר, אנטשל גריידינגר, יהודה יוסף לכנר, הרש קינדרלרר, יהודה־שואל גלוגר, נח ברגמן, נחה־לאה ברונשטיין (נחה־לאה די באַבע — המיילדת).

מצבם של המהגרים לא היה מזהיר כלל וכלל. אחדים מהם נעשו רוכלים (פעדלערס), ורובם מצאו תעסוקה כפרוונים (פוריערס). כולם חיו בצוותא, התגוררו בדירתה של נחה־לאה, ותקוותם היתה לחסוך כמה מאות דולרים ולחזור להורודנקה, כדי לפתוח שם חנות או בית־מלאכה ולהיות כאחד האדם. זה היה חלומו של כל מהגר בעת ההיא, וכמה מהם אמנם הגשימו את חלומם. נמצאו גם כאלה שחזרו להורודנקה, אך לא מצאו בה אחיזה ושבו לאמריקה על מנת להשתקע בה.

לאט־לאט גדל מספרם של הבאים לניו־יורק בלחץ המצב הכלכלי בעיר מולדתם. הם הרגישו עצמם בודדים בעיר הגדולה, כי היו מנותקים ממשפחותיהם, מידידיהם ומכריהם, וכך נולד הצורך להתארגן במסגרת של „לאנדסמאנשאפט", ובה נפגשו בני העיר לעתים מזומנות, ובה יכלו למצוא עזרה וסעד במקרים קשים כגון במקרה מחלה או מצוקה כלכלית. המהגרים היו מרוכזים בכמה רחובות סמוכים זה לזה, וכך הקימו לעצמם „מניין" מיוחד, שבו התנהל הכול לפי הנוהג ההורודנקאי: ה„עליות" נמכרו „במכירה פומבית", והעליות המכובדות, שלישי ושישי ומפטיר, ניקנו בדמים מרובים; בשמחת־תורה נתמלא ה„מניין" קהל חוגגים, גברים נשים, ובעיקר ילדים משולהבים נושאי דגלים שבראשם תפוחים אדומים; מכרו „אתה הוראית", הקיפו הקפות, ואחר־כך קנו חבית בירה וערכו משתה כדת. ואם נמצא בן־עיר שנדבו לבו „לכתוב" ספר־תורה ולתתו תרומה ל„מניין", גדלה השמחה כפליים. ספר־התורה נישא דרך רחובות ניו־יורק מתחת לחופה, בלווית מנגנים, אל בית־הכנסת, ושם „נמכרו אותיות" לסיום הספר והוגש כיבוד של יין־שרף ו„לעקעך" (דובשן).

אסיפות הארגון התקיימו פעמיים בחודש, והחברים היו באים לכל אסיפה להיפגש עם בני העיר ולשמוע חדשות מן הבית, מהורודנקה. בשנים הראשונות היו עוד שני מקומות, שבהם נפגשו בני עירנו לעתים קרובות. האחד היה במסעדה של שעיה קירשנר (בנו של מאיר אוליניק) ואשתו גולדה אהרן־איציקס, שבה סעדו אלה מבין המהגרים שמשפחתם נשארה בהורודנקה. אך ביום א' בשבוע היו באים שמה לסעוד גם בעלי־משפחה עם בני משפחתם, כדי לסעוד בחברת בני העיר. המקום השני היה בחנותו של מנדל דולינגר, שהיה בעל סוכנות לכרטיסי־אוניות ברחוב ריווינגטון. גם שם אפשר היה תמיד לשמוע את החדשות האחרונות מן הבית.

האגודה פעלה רבות בראש וראשונה על־ידי מתן עזרה בצורות שונות למהגר החדש שהגיע מהבית, והיא תרמה גם הרבה להפגת הבדידות, שסבלו ממנה מרבית המהגרים. היחסים בפנים האגודה לא היו תמיד משופרים. פעמיים נעשה נסיון להוציא חלק מן החבריב לאגודות אחרות: בימי משפט דרייפוס, כשכל העולם היהודי והלא־יהודי היה מלא התפעלות מהופעתו האמיצה של אֶמיל זולא נמצאה קבוצה של הורודנ־קאים שעזבו את האירגון ההורודנקאי ויסדו אגודה נפרדת על שם אֶמיל זולא; אולם האגודה לא התקיימה זמן רב וחבריה חזרו אחר־כך לאירגון הכללי. בשנת 1912 שוב נפרדו כמה הורודנקאים בהנהגת מנדל דולינגר, והצטרפו למיסדר בשם „ברית אברהם". אך כעבור כמה שנים חזרו והצטרפו לאגודה הראשונה של ההורודנקאים.

בשנים שקדמו למלחמת־העולם הראשונה הגיעו לניו־יורק מספר ניכר של צעירים מבני עירנו, שהיו צעירים הרבה מן המהגרים הראשונים ולא מצאו עניין בהצטרפות לאגודה הראשונה של ההורודנקאים. כשפרצה המלחמה בשנת 1914, וידענו כולנו כי בני משפחותינו נתונים בחזית המלחמה והם זקוקים לעזרתנו, נולד הרעיון לייסד אגודה מיוחדת לבני הורודנקה הצעירים, כדי לארגן את העזרה לבני המשפחה בהורודנקה, מתוך שיתוף־פעולה עם האגודה הראשונה של ההורודנקאים. כך קמה אגודת הצעירים, ששמה הרשמי היה: „האגודה ההורודנקאית הפרוגרסיבית של צעירים וצעירות לתמיכה בחולים". האסיפה המייסדת התקיימה ביום 15 בנובמ־בר 1914 בבית דויד דייפיק, והשתתפו בה: שלום קירשנר, מנדל רוזנקרנץ, משה ושלמה דולינגר, שלום ויוסף דייפיק, אלתר יורמן, וכן אברך וארשאי בשם יענקלה קארמן. כשבוע לאחר זה התקיימה האסיפה הכללית הראשונה, שבה נבחרה הנהלת האגודה, וביום 2 בדצמבר 1914, בחנוכה, נוסד ועד העזרה לקרבנות המלחמה בהשתתפות שתי האגודות, הוותיקה והחדשה.

בפברואר 1915 כינס ועד העזרה אסיפה כללית של יוצאי הורודנקה בניו־יורק בבית־הכנסת הרומני ברחוב ריווינגטון, ובו במקום נאספו למעלה מחמשת אלפים דולר לצרכי העזרה. מלבד זה נערכו הצגות תיאטרון לטובת קרן העזרה, וכן דאגנו להגיע אל כל בני עירנו שלא השתתפו באסיפה. כל עוד לא היתה אמריקה מעורבת במלחמה, היתה לנו אפשרות לנצל את מעמדה כארץ נייטראלית ולהושיט עזרה לקרובינו. עם כניסת אמריקה למלחמה בשנת 1917, נפסק הקשר לחלוטין. ורק בסוף שנת 1919 יצא מנדל דולינגר להורודנקה, כשליח ועד העזרה, להושיט עזרה כספית לנזקקים. הוועד עזר גם לכמה אנשים מבני עירנו, שפנו אליו במישרין בבקשת עזרה. גם לאחר זה הוספנו לשלוח כל שנה לפני פסח כמה מאות דולר כ„מעות־חיטין", למימון העזרה לנזקקים לצרכי חג הפסח.

הקמת הבניין לבית־הספר היידישאי

בשנת 1925 הגיעה אלינו בקשה מבני עירנו בהורודנקה, לסייע בידם להקים בניין לבית־הספר היידישאי עם אולם לא־סיפות וכינוסים, שישמש מרכז לפעולות תרבות. התגייסנו לפ־עולה הזאת ובחרנו ועד לאיסוף כספים לאירגון הצגות ונשפים ועריכת מגבית בין חברינו, ובסיכומו של דבר העברנו למטרה זו למעלה מעשרת אלפים דולר. אולם בגזירת הגורל המר שימש הבניין לתעודתו רק שנים מעטות. עוד קודם שנשלם כולו הגיעה התקופה האפילה של ההיטלריזם, וכל יהדות אירופה נפלה קרבן לתאוות הרצח של קלגסיו ועושי רצונו.

פעולות הסיוע בימי מלחמת־העולם השניה

בשעת מלחמת העולם השנייה אורגן מחדש ועד העזרה וניסינו לעזור לכל אחד מן הניצולים מבני עירנו. לצערנו נותרו רק מעטים מאוד שנזקקו לעזרתנו. שוב כינסנו אסיפה רבת משתתפים, במלון „קומודור", ואספנו כעשרת אלפים דולר. באמצעות חברינו הרש־לייב ויוסף מלצר שלחנו חבילות לניצולים, וכן עזרנו לאחדים מביניהם לצאת מתוך הגיהינום של אירופה ולהתיישב בישראל, בדרום אמריקה או בניו־יורק. לפעולת העזרה הזאת שאורגנה על־ידי יושב־ראש אגודתנו בעת ההיא, מנדל רוזנקרנץ, הקדשנו זמן רב מאוד. הפעולות האלה של ועד העזרה המחודש נסתיימו בשנת 1951, והיתרה בסך אלפיים וחמש מאות דולר, שנשארה בקופה, נמסרה על־ידינו למגבית היהודית המאוחדת.

מפעולות האגודה הפרוגרסיבית של ההורודנקאים


בראשית ייסודה נמצאה האגודה במצב „עדין" במקצת. לא רצינו להתחרות באגודה הראשונה של ההורודנקאים הקשישים, ולכן הגבלנו את עצמנו והחלטנו לקבל לאגודה הפרוגרסיבית רק חברים שאינם נשואים עדיין. אולם המצב הזה לא יכול היה להמשך זמן רב. בשנת 1928 החלטנו לקבל גם חברים נשואים, שגילם אינו עולה על 35 שנה, ובשנת 1932 הועלה הגיל המכסימלי לארבעים שנה.

אנו נמצאים כל הזמן ביחסים ידידותיים עם האגודה ההורודנקאית הראשונה ומשתפים פעולה אתם בכל הזדמנות. פעמיים בשנה, בחודש מאי ובחודש דצמבר, נערך נשף מטעם האגודה, שמשתתפים בו חברים רבים. אחת לחמש שנים אנו עורכים יובל־זוטא ומוציאים חוברת לכבוד המאורע. בשנת 1959 מלאו 45 שנה לקיום אגודתנו, ואנו מתכוננים לחגיגת יובל החמישים בשנת 1964. בכל ימות השנה אנו מקיימים אסיפות־חברים פעמיים בחודש, לפי המתכונת שקבענו בשעת ייסוד אגודתנו, ועל־ידי כך נשמר הקשר בין חברינו. בכל שנה בחודש אלול נערכת אסיפה אזכרה לזכר הנפטרים מבין חברינו ולזכר חללי השואה.

בשנת 1942 קיבל חברינו לייבלה קוך את הסכמת אגודתנו, לארגן אגודת נשים על שם אשתו המנוחה שרה (סיידי). האגודה נוסדה בשם „ליידיס אוגזיליירי" (ועד־עזרה של נשים), ומטרתה להושיט עזרה לחולים חסרי־אמצעים מיוצאי הורודנקה ולסייע להחלמתם. אגודה זו משתפת פעולה עם אגודתנו בכל מיני הזדמנויות. ה„ליידיס אוגזיליירי" מונה כיום כחמישים חברות.

אגודתנו משתתפת בכל שטחי הפעולה הציבורית היהו־דית בארצות־הברית, בפעולות „ג'וינט", „אורט" ו„האיאס", בפעולות ועד־הפועלים הקשור ל„הסתדרות", באיגוד יוצאי גליציה, ובמוסדות חשובים אחרים. כל אלה נתמכים על־ידינו בסכומים ניכרים מדי שנה בשנה.

בסיפוק רב יש לציין, כי גם בנינו מגלים עניין בפעולות אגודתנו ומצטרפים אליה, והם משמשים עתודה בטוחה להמשך קיומה של אגודתנו. אחדים מהם אף הספיקו לשמש נשיאי האגודה בשנים האחרונות, כגון פרץ קוך, בנו של לייב קוך, הרשל פידלר — בנו של יחזקאל פידלר, וכעת דונאלד ניימרק, שהגיע אלינו בזכות אשתו, שמוצאה ממשפחת רינדנר.



בנין בית־הספר היידישאי—1933
דער בנין פון דער יידישער שול 1933
The Yiddish School 1933

ד״ר נ. מ. געלבער

צו דער געשיכטע פון די האָראָדענקער יידן

פרייע אָפּגעקירצטע איבערזעצונג פון דער היסטאָרישער איבערזיכט אין העברעאישן טייל

א. אַלגעמיינער איבערבליק

די שטאָט האָראָדענקע ליגט אין דרום־מזרחדיקן ווינקל פון גאַליציע, אין אַ געגנט וועלכע די פּאָליאַקן האָבן גערופן „פּאָקוציע״. פאַר די יידן פונם זיבעצעטן און אַכצעטן יאָר־הונדערט איז די געגנט געווען דער דרום־מזרחדיקער טייל פון רייסן״. אין די לעצטע יאָרן, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איז די שטאָט געלעגן אין שכנות פון דעם פּונקט, וואו ס׳האָבן זיך געטראָפן דריי גרענעצן: די גרענעץ פון פּוילן, צו וועלכער די שטאָט האָט געהערט, די גרענעץ פון רומעניע אין דרום־זייט און פון סאָוויעטישן רוסלאַנד אין מזרח־זייט. ווי דער שטייגער איז, האָט אַזאַ שטאָט, וואָס ליגט נישט ווייט פון דער גרענעץ, אָפט געמוזט ליידן פון אינוואַזיעס, וויבאַלד ס׳איז געקומען אַ מלחמה אויף דער וועלט. זייט דעם אָנהויב פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך דער רעזשים אין שטאָט געביטן אַ זיבן־אַכט מאָל, ביז זי איז ענדגילטיק אַריינגעפאַלן צו די רוסן, צום סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען זי׳ איז שוין געווען גאַנץ חרב ונחרב — און גאַנץ אויסגעליידיקט פון יידישע איינוואוינער.

די געשיכטע פון האָראָדענקע הויבט זיך אָן אין זעכצעטן יאָרהונדערט, ווען זי איז נאָך געווען אַ פאַרוואָרפן דערפל צווישן די „מאַיאָנטקעס״ פונם פּוילישן שלאַכציץ מיכאַל מוזשילאָ בוטשאַצקי. אין דאָקומענטן פונם יאָר 1579 ווערט נאָך האָראָדענקע דערמאָנט ווי אַ דאָרף וואָס געהערט צו דער פאַמיליע בוטשאַצקי. ערשט אין זיבעצטן יאָרהונדערט איז פון דעם דאָרף געוואָרן אַ שטעטל. אין יענער צייט איז דאָס גוט אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פון מיקאָלאַי פּאָטאָצקי, אַ זון פון סטעפאַן פּאָטאָצקי. עד האָט פאַרלאָזט די רוימיש־קאַטאָלישע (פּוילישע) קירכע און האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער גריכיש־קאַטאָלישער (רוטענישער) קירכע, צו וועלכער עס האָבן געהערט דער רוב פון די פּויערן אין מזרח־גאַליציע. אויך די שטאָט בוטשאַטש איז געווען איינע פון זיינע גיטער.

סטעפאַן פּאָטאָצקי איז געשטאָרבן אין יאָר 1782, אָבער אַ לאַנגע צייט פאַר זיין אָפּלעבן, אין יאָר 1770, האָט ער איבערגעגעבן האָראָדענקע זיינעם אַ קרוב, יאַן פּאָטאָצקי, וועלכער האָט אַסך אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. ער האָט אויסגעבויט פאַר זיך אַ באַפעסטיקטן פּאַלאַץ, אויסגעבויט קירכעס פאַר דער באַפעלקערונג און געזאָרגט צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע אין שטאָט. אַ שפּיטאָל פאַר אָרעמע קראַנקע איז אויסגעבויט געוואָרן נאָך אין יאָר 1754, פאַר דער צייט פון סטעפאַן פּאָטאָצקי.

אין דער מיט פונם אַכצעטן יאָרהונדערט האָט די שטאָט דורכגעמאַכט אַ שטורמישע צייט. אין יאָר 1739 האָבן די רוסן פאַרנומען די געגענט, צעשטערט די הייזער פון דער שטאָט, באַרויבט די איינוואוינער, און אַפילו נישט פאַרשוינט די קירכן און די גלחים. דעם 22־טן אויגוסט 1740 איז געווען אין ווישניאַ אַ סעסיע פונם „סיימיק״ (קליינער סיים), וואו די דעלעגאַטן האָבן אויסדערציילט די ליידן פון די שטעטלעך האָראָדענקע, טשערנעליצע, טיסמיניץ און סניאַטין בשעת דער רוסישער אינוואַזיע[1].

ביי דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן אין יאָר 1772 איז האָרידענקע צוגעטיילט געוואָרן צו דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע. דאָס האָט געבראַכט צו פאַרשידענע קאָנסטיטוציאָנעלע און אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען. איינע פון די ענדערונגען איז געווען, אַז האָראָדענקע איז צוגעטיילט געוואָרן צום זאַלישטשיקער באַצירק, אין דער צייט וואָס פריער האָט זי געהערט צום קאָלאָמייער באַצירק.

דער זאַלישטשיקער באַצירק־הויפּטמאַן, האָוסעגער, ווערט דערמאָנט אין די אָפיציעלע באַריכטן פון יענער צייט ווי אַ מענטש מיט אַדמיניסטראַטיווע פעאיקייטן, וואָס האָט זיך ספּעציעל פאַראינטערעסירט מיט דער לאַגע פון דער דאָרפס־באַפעלקערונג און געזאָרגט צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט און צו שאַפן די מעגלעכקייטן זי צו פאַרקויפן. בעיקר האָט זיך פאַרברייטערט דער מסחר מיט טאַבאַק און בהמות. דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ דירעקטע ווירקונג אויף דער לאַגע אין שטאָט און האָט געהאָלפן זי פאַרגרעסערן און אַנטוויקלען. די עסטרייכישע רעגירונג האָט אויך געזוכט צו פאַרבעסערן די קולטורעלע לאַגע אין די טיילן פון פּוילן וועלכע זי האָט איבערגענומען, און אַזוי איז אין יאָר 1788 געגרינדעט געוואָרן די ערשטע אַלגעמיינע שול אין האָראָדענקע. אַ ווייטערע פאַרבעסערונג פון דער לאַגע איז פאָרגעקומען אין נייַנצעטן יאָרהונדערט. די צאָל פון די איינוואוינער האָט זיך וואָס אַמאָל פאַרגרעסערט און איז דערגאַנגען, אין יאָר 1870, צו 8,824 נפשות, דערפון 3,159 יידן. צען יאָר שפּעטער, אין יאָר 1880, זענען שוין געווען אין שטאָט 10,014 איינוואוינער.

---

[1] די נומערן באַציען זיך צו דער ביבליאָגראַפיע און צו די מקורות, וואָס ווערן געבראַכט ביים סוף פון דעם העברעאישן נוסח פון דערדאָזיקער היסטאָרישער איבערזיכט, זע זייט 41.

גלייכצייטיק מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער שטאָט און דער פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע האָט זיך אויך געענדערט איר אַדמיניסטראַטיווע לאַגע. האָראָדענקע איז געוואָרן אַ באַצירק־שטאָט, צו וועלכער עס זענען געווען צוגעטיילט צוויי שטעטלעך, טשערנעליצע און אָבער־טין, און בערך אַ פופציק דערפער. אין דערזעלבער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער לאַגע פון די גוט־באַזיצער. אונטער דעם עסטרייכישן רעזשים איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די „פאַנשטשינע״; דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די גיטער האָבן זיך פאַרקלענערט און זענען אַריבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אַזויאַרום איז אויך דאָס גוט אין האָראָ־דענקע אַריבער אין די הענט פונם באַראָן מיקאָלאַי ראָמאַשקאָן.

די עקאָנאָמישע באַזע פון דער שטאָט איז געווען די לאַנדווירטשאַפטלעכע אומגעבונג, און דערמיט זענען געווען פאַרבונדן די וויכטיקסטע צווייגן פון האַנדל (תבואות, אייער, בהמות און פערד). בעלי־מלאכות און פאַבריקלעך האָבן אויך בעיקר באַאַרבעט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. אין יאָר 1870 זענען געווען אין שטאָט צוויי קאַלך־אויוונס, ניין וואַסער־מילן, איין דאַמף־מיל, דריי פּאָטאַש־פאַבריקלעך, ניין ברענערייען, איין ביר־ברויערײַ, זיבעציק וועבשטולן, זעקס זייף־פאַבריקלעך און דרייסיק קיזשנערס. אין יאָר 1870 איז אויך אנטשטאַנען אַ פּלאַן צו שאַפן אַ פאַרקער פון דאַמפשיפן איבערן דניעסטער, וואָס זאָל דערגיין ביז אָדעס. דאָס האָט געקאָנט ברענגען אַ געוואַלטיקע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פאַר דער גאַנצער געגנט, אָבער דער פּלאַן איז נישט אויסגע־פירט געוואָרן.

אָנגעהויבן פונם יאָר 1870 איז אַלע צען יאָר פאָרגעקומען אַ פאָלקסציילונג. די קומענדיקע טאַבעלע ווייזט דעם צוזאַ־מענשטעל פון דער באַפעלקערונג אין שטאָט לויט די ציילונגען אין די יאָרן 1870 ביז 1921:

	1870	1880	1890	1900	1910	1921	%
יידן	3,159	3,661	4,340	4,255	4,210	3,048	31
פּאָליאַקן	857	1,741	1,153	1,259	1,332	6,859	69
רוטענער	4,726	4,547	5,635	6,056	5,650		
אַנדערע	82	65	34	43	31		
סך הכל	8,824	10,014	11,162	11,613	11,223	9,907	100

די אָנגעלעגנהייטן פון שטאָט האָבן אָנגעפירט דער בירגערמייסטער און אַ געוויילטע ראַדע פון אַכצן מענטשן. לויט אַ געזעץ פונם יאָר 1874 זענען געווען אין דער ראַדע זיבן יידן, פינף פּאָליאַקן און זעקס רוטענער.

ב. דער אָנהויב פונם יידישן ישוב אין האָראָדענקע

די ערשטע יידן האָבן זיך באַזעצט אין דרום־מזרחדיקן טייל פון רייסן — אין מזרח־גאַליציע — אין זעכצעטן יאָר־הונדערט. אין פופצעטן יאָרהונדערט זענען געווען אין דער גאַנצער גובערניע פון האַליטש, וואָס האָט אַרומגענומען אויך קאָלאָמיי און טערמבאָוולע, בלויז איינצלנע יידן. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַכטן פון זאַלצגרובן און אַנדערע רעגי־רונגס־הכנסות און געבן הלוואות די „פּאַנעס״ פון דער פוילישער „שליאַכטע״, אָדער האָבן געהאַנדעלט מיט בהמות און געבראַכט סחורות פון די מערבדיקע געביטן. אַ באַווייז ווי ווינציק ס׳איז געווען די צאָל יידן אין יענער צייט האָט זיך דערהאַלטן אין אַ דאָקומענט פונם יאָר 1444: אַז אַ ריכטער אין האַליטש האָט געדאַרפט באַשווערן אַ יידן, האָט ער נישט געוואוסט ווי אַזוי מען טוט דאָס, און האָט זיך געווענדעט קיין לעמבערג און געבעטן אים צו באַלערנען, וויאַזוי צו נעמען ביי אַ יידן אַ שבועה[2]. אין לעמבערגער געגנט איז שוין דעמאָלט געווען אַ גרעסערע צאָל יידן, און פון דאָרט זענען איינצלנע געקומען קיין מזרח־גאַליציע. יידישע סוחרים פון לעמבערג פלעגן אויך קומען צו די ירידים אין יאַזלאָוויץ, וואו עס פלעגן זיך צונויפקומען פויערן פון דער גאַנצער געגנט, דאַרונטער אויך פון האָראָדענקע. אין די דאָקומענטן פון יענער צייט ווערן דערמאָנט בלויז זיבן יידישע נעמען, ווי שמעון פון זשידאַטשאָוו, זיין זון יהושע, און אַ ייד מיטן נאָמען איזאַטשקאָ פון האַליטש (1439—1441).

ווען די ערשטע יידן זענען געקומען קיין האָראָדענקע — לאָזט זיך נישט באַשטימען, ווייל דאַריבער זענען נישטאָ קיין שום דאָקומענטן. פון שפּעטערדיקע, עסטרייכישע דאָקו־מענטן ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ קליין ביסל יידן האָבן געוואוינט אין האָראָדענקע נאָך איידער זי איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ שטעטל, אין אָנהויב פונם זיבעצעטן יאָר־הונדערט. נאָכדעם ווי פוילן האָט צוריקבאַקומען פּאָדאָליע, לויט דעם אָפּמאַך פון קאַרלאָוויץ, האָבן יידן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין די מזרחדיקע טיילן פון „רייסן״, נאָענט ביי דער גרענעץ. אַזוי אַרום איז געוואַקסן דער יידישער ישוב אין דער געגנט, און אויך אין האָראָדענקע.

די גראַפן פּאָטאָצקי פלעגן געבן די יידן אַ שריפטלעכע באַוויליקונג צום וואוינען אין זייערע שטעט, לויט אַן איינ־הייטלעכן נוסח און אַזוי האָט אויך דער גראַף מיקאָלאַי פּאָטאָצקי געגעבן דעם 12־טן אָקטאָבער 1743 אַ באַוויליקונג פאַר די האָראָדענקער יידן[3], לויט דעם נוסח פון דער באַווילי־קונג וואָס זיין פאָטער סטעפאַן פּאָטאָצקי האָט באַנייט דעם 20־טן מאַי 1727 פאַר די בוטשאַטשער יידן. לויט דער בוטשאַטשער באַוויליקונג, וואָס איז ווידער געווען ענלעך צו דער באַוויליקונג פון טשאָרטקאָוו און סטאַניסלאַוו, האָבן יידן באַקומען דאָס רעכט זיך צו באַזעצן אין שטאָט און פאַרנעמען זיך מיט פאַרשידענע מלאכות, האַנדלען מיט פאַר־שידענע סחורות, אַן־גראָ און דעטאַיל, אויסער מיט קריסט־לעכע הייליקייטן. פון יעדן הויז אין שטאָט האָבן יידן געדאַרפט צאָלן אַ שטייער — אַ טאָלער אַ יאָר. זיי האָבן

באַקומען אַ פּלאַץ אויף אַ בית־הקברות, וואו זיי האָבן געקאָנט האַלטן אַ געביידע פאַרן וועכטער — אָן שטייערן. פון אַלע שטייערן זענען זיי געווען באַפרייט, אָבער זיי האָבן זיך געדאַרפט באַטייליקן אין אויפהאַלטן די שטראָזן און די וועגן, גלייך ווי אַלע איינוואוינער. זיי זענען נישט געווען אונטערגעוואָרפן דעם שטעטישן געריכט, נאָר דעם פאַרוואַלטער פונם גראַפישן פּאַלאַץ, און האָבן געקאָנט מאַכן אַן אַפּעלאַציע צום אייגענטימער פון דער שטאָט. זיי האָבן נישט געמוזט קומען אין געריכט אום שבת און מ׳האָט זיי נישט געטאָרט איינזעצן אין אַ קאַלטן קערקער, סיידן ווען איינער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט נישט געטאָרט אָפּהאַלטן דעם וועכענטלעכן מאַרקטאָג אום שבת, מיט ריקזיכט אויף די אינטערעסן פון די יידן.

סכסוכים און משפטים צווישן צוויי יידן זענען געווען אין דער קאָמפּעטענץ פונם בית־דין. די יידישע קצבים זענען געווען פריי פון דער פליכט צו קוילען חזירים פאַרן גראַף׳ס פּאַלאַץ, אָבער יעדער קצב האָט געדאַרפט אָפּפירן יעדעס יאָר „אַ שטיין״ [4] חלב פאַרן פּריץ און אַ גרויס שטיק פלייש יעדע וואָך פאַרן וויצע־באַצירקסהויפּטמאַן. יידן האָבן געמעגט קויפן הייזער ביי קריסטן, געמעגט בויען ביר־ברויערייען און גאָראַלניעס אויף בראָנפן, אָבער זיי האָבן געדאַרפט אויספירן אַלע באַדינגונגען דערצו. פאַר אַ באַזונדערן אָפּצאָל האָבן זיי אויך געמעגט פאַרקויפן די געטראַנקען אין גלעזלעך.

גלייך ווי אין סטאַניסלאַוו און אין בוטשאַטש האָט אויך דאָ דער סטאַטוט רעגולירט די ענינים פון די יידישע בעלי־מלאכות, ענלעך ווי די ענינים פון די קריסטלעכע בעלי־מלאָכות. זיי האָבן געדאַרפט זיין מיטגלידער אין די אַלגעמיינע פאַריינען פון בעלי־מלאָכות און צאָלן דעם אַלגעמיינעם אָפּצאָל. אָבער אַלס יידן זענען זיי געווען פריי פון אַ טייל פליכטן פון די קריסטלעכע בעלי־מלאַכות ווי גיין אין קלויסטער, זיך באַטייליקן אין די פּראָצעסיעס, געבן ליכט אין קלויסטער אַריין, דערפאַר אָבער האָבן זיי געמוזט געבן אַן אָפּצאָל פאַר די ליכט.

קאָנקרעטע ידיעות וועגן אַ סטאַבילן יידישן ישוב אין האָראָדענקע האָבן מיר ערשט זייט דעם אָנהויב פונם אַכצעטן יאָרהונדערט; אין יענער צייט איז שוין געווען אין האָראָדענקע אַן אָרגאַניזירטע יידישע קהילה, צו וועלכער עס האָבן געהערט אַפּאָר יידישע ישובים אין די דערפער. פאַרנומען האָבן זיי זיך מיט מסחר, געקויפט און פאַרקויפט תבואות, בהמות, פעלצן און פעל.

געווען שוין דעמאָלט האָראָדענקער סוחרים, וואָס האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד און האָבן באַזוכט די באַקאַנטע אינטערנאַציאָנאַלע לייפּציגער ירידים. צווישן די באַזוכער פונם יריד אין יאָר 1739—1740 ווערט דערמאָנט משה אַברהם פון האָראָדענקע, וועלכער איז איינגעשטאַנען ביי פייטל מאיר; אין יאָר 1746 איז געקומען נתן גרשון מיט זיין משרת לייבל הירש, און זענען אויך איינגעשטאַנען ביי פייטל מאיר; ער איז געקומען אויך אין די יאָרן 1738, 1744, 1746, און 1748. מאיר זיילעג פון האָראָדענקע איז געווען אין לייפּציג אין די יאָרן 1737—1738, און וואָלף זייסל אין יאָר 1740 [5]. אָט די ליסטע פון האָראָדענקער באַזוכער אין די לייפּציגער ירידים באַווייזט, אַז נאָך פאַרן אָנשלוס צו עסטרייך איז געווען אין האָראָדענקע אַ שיכטע פון סוחרים, וואָס האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד, געבראַכט צום לייפּציגער יריד סחורות וואָס זענען פּראָדוצירט געוואָרן אין דער געגנט, און צוריקגעבראַכט סחורות פון דייטשער פּרדוקציע קיין פּוילן און קיין האָראָדענקע.

די יידישע קהילה אין האָראָדענקע איז געווען אָרגאַניזירט ענלעך ווי׳ די אַנדערע קהילות אין פּוילן. זי איז געווען אַ מיטגליד אין יידישן לאַנדעסקאָמיטעט וואָס זיין זיץ איז געווען אין לעמבערג, און איז געווען פאַרפליכטעט צו צאָלן אַלע שטייערן און אָפּצאָלן ווי אַלע יידן אין פּוילן. אויך דאָס אינערע לעבן אין דער קהילה האָט זיך געפירט ענלעך ווי אין אַנדערע קהילות. אַלע ענינים פון אָנפירן די קהילה, ענינים פון שטייערן און פון דערציאונג, זענען געווען אין די הענט פון דער קהילה, משפטים זענען געווען אין דער קאָמפּעטענץ פונם בית־דין, פון די רבנים.

בראש פון דער קהילה זענען געווייינטלעך געשטאַנען דריי ביז פינף „פרנסים״, און זיי זענען אויך געווען די פאַראַנטוואָרטלעכע קעגן דער רעגירונג. נאָכדעם ווי זיי זענען געווײלט געוואָרן האָבן זיי געדאַרפט אָפּגעבן אַ שבועה, אין געגענוואַרט פון די רעגירונגס־פאַרטרעטער, צו זיין געטריי דעם קעניג און דער מדינה. די פרנסים האָבן צווישן זיך פאַרטיילט די אַרבעט אַזוי, אַז יעדן חודש האָט אַן אַנדערער פון זיי אויסגעפירט אַלע פונקציעס. א חוץ די פרנסים איז געווען ביי יעדער קהילה אַ קאָמיסיע פון „טובים״ און קאָמיסיעס פאַר די פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן פון דער קהילה. די פרנסים זענען אויסגעוויילט געוואָרן דורך אַ געוויסער צאָל „כשרים״, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן לויט אַ גורל. אָרגאַניזאַציעס פון יידישע בעלי־מלאָכות האָבן געהאַט זייערע פאַרטרעטער אין דער קהילה — געוויינטלעך זענען דאָס געווען די אַפּוטרופּסים פון אָט־די אָרגאַניזאַציעס.

די אָנגעשטעלטע פון דער קהילה, וואָס האָבן באַקומען זייער לוין פון דער קהלישער קאַסע, זענען געווען: דער רב, די דיינים, אַ „מגיד מישרים״, אַ שרייבער, וואָס איז אויך געווען דער „שתדלן״ („סינדיקוס״), און דער שמש. די קהילה האָט געהאַט צו זאָרגן פאַר אַלע עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע ענינים פון דער יידישער באַפעלקערונג. זי האָט אויפגעמאָנט די שטייערן, וועלכע האָבן געדאַרפט דעקן דעם „בודזשעט״ פון פאַרשידענע הוצאות: אַדמיניסטראַציע, פאַרשידענע אָפּצאָלן פאַרן סטאַראָסטאַ, פאַר די גלחים, פאַר דער גמינע, און אויך פאַרשידענע ספּעציעלע שטייערן אויף יידן, ווי קאָפּ־שטייער א. א. וו. אין די יאָרן 1718 און 1719 האָבן האָראָדענקער יידן געצאָלט בלויז קאָפּ־שטייער 877 גילדן אַ יאָר, און אין יאָר 1727 האָבן זיי שוין געצאָלט 1,200 גילדן [6].

צום באַדויערן זענען נישט פאַרבליבן קיין דאָקומענטן וועגן דעם, ווער עס זענען געווען די רבנים און די ראָשי־הקהל אין יענער צייט. בלויז אין איין פאַל ווערט דערמאָנט דער נאָמען פונם רב, וועלכער האָט אונטערגעשריבן אַ דאָקו־

מענט וועגן דער ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. די ציילונג איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 11־טן פעברואַר 1765 דורך צוויי קאָמיסאַרן, יוזעף פּאָראַדאָווסקי און מאַצעי קאַר־וואַסיעצקי אין געגענוואַרט פונם רב, פון צוויי פרנסים און פונם שמש. זיי האָבן אָפּגעציילט 863 יידן, וועלכע האָבן באַצאָלט קאָפּ־שטייער, און אויסערדעם 60 קינדער אונטער אַ יאָר, צוזאַמען 923 נפשות. צו דער האָראָדענקער קהילה זענען געווען צוגעטיילט די יידן פון 14 אַרומיקע דערפער, לויט פאָלגנדער ליסטע:

טשערניאַטין (7 יידן און איין קינד).
אָקנאָ (7 יידן און איין קינד).
סעראַפינעץ (20 יידן).
חאָראָדניצא (13 יידן און איין קינד).
פּאָטאָטשיש (13 יידן און איין קינד).
זשיוואַטשאָוו (7 יידן).
ניעזווישטש (10 יידן).
האַראַסימאָוו (4 יידן).
לוקאָ (8 יידן).
פּאָדווערבצע (6 יידן און איין קינד).
סעמאַקאָווצע (4 יידן).
טרויצאַ (12 יידן און איין קינד).
פּאָדוויסאָקע (8 יידן און איין קינד).
ראַשקאָוו (7 יידן).
סך הכל 126 יידן און 7 קינדער.

צוזאַמען מיט די דערפער זענען געווען אין דער האָראָדענקער קהילה 989 יידן און 67 קינדער, דאָס הייסט 1056 נפשות [7].

אין יענער צייט איז געווען אין האָראָדענקע אַ רב מיטן נאָמען ר׳ מאַנעס בן ר׳ שמשון. ער האָט אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל אויף פּויליש „מאַנעס סאַמסאָנאָוויטש" און באַשטעטיקט מיט אַ שבועה צוזאַמען מיט צוויי פרנסים פון דער קהילה און דעם שמש: „מיר האָבן אַריינגעשריבן אין דער ליסטע אַלע יידן, פון קליין ביז גרויס, אויך די יידן פון די דערפער וואָס געהערן צו דער האָראָדענקער קהילה און דייעניקע וואָס זענען געווען אויף וועגן, מיר האָבן קיין איינציקן נישט אויסגעלאָזט — לויט דעם געזעץ פונם סיים".

לויט די פאַראָרדנונגען פון דער קאָמיסיע פונם פינאַנץ־מיניסטעריום פונם 22־טן אַפּריל 1766 און דעם 25־טן מערץ 1767, האָט די האָראָדענקער קהילה געדאַרפט אַריינטראָגן פאַר יעדן „קאָפּ" דריי גילדן, פיר גראָשן און אַ האַלבן שילינג, און פאַר אַלע 989 נפשות איז דאָס געווען אַ סומע פון דריי טויזנט מיט דריי־און־ניינציק (3,093) פּוילישע גילדן.

ג. אין דער צייט פון דער באַוועגונג פון שבתי־צבי און פון די פראַנקיסטן

אין דער צייט פון דער שבתי־צבי באַוועגונג איז דער גלויבן אין שבתי־צבי אַריינגעדרונגען אויך אין דרום־מזרחדיקן טייל פון רייסן און האָט געפונען אָנהענגער אפילו צווישן רבנים און למדנים. דער גלויבן איז אַריינגעבראַכט געוואָרן בעיקר דורך טערקישע יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין קאַמעניץ־פּאָדאָלסקי אין דער צייט פון דער טערקישער אינוואַזיע און זיי האָבן דעם גלויבן פאַרשפּרייט צווישן די יידן פון פּאָדאָליע און רייסן. אויך האָראָדענקע איז אַריינגעפאַלן אונטער זייער השפּעה. לויט ר׳ יעקב עמדין (יעב״ץ), וועלכער האָט אין דער מיט פונם אַכצעטן יאָרהונדערט געפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן די רעשטלעך פון די שבתי־צביניקעס, איז אויך האָראָדענקע געווען באַקאַנט אַלס אַ נעסט פון שבתי־צבי׳ס אָנהענגער. דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין חידוש, ווייל האָראָדענקע איז געווען אַרומגענומען מיט שטעטלעך אין וועלכע דער גלויבן אין שבתי־צבי איז געווען שטאַרק פאַרפעסטיקט, ווי די שטעטלעך גליניאַני, נאַדבורנאַ, טיסמיניץ, ראָהאַטין, בוטשאַטש, קאָמאַרנאָ, פּאָדהייצע, זבאַראַזש, זלאָטשאָוו און קאַמיאָנקאַ.

אין יענער צייט איז געזעסן אויפן כסא־הרבנות אין האָראָדענקע ר׳ צבי הירש, וועלכער איז געווען שפּעטער רב אין יאַזלאָוויץ און אין זאַלישטשיק. זיין יורש איז געווען ר׳ מאיר מרגליות, דער מחבר פונם ספר „מאיר נתיבים", וועלכער איז געווען דער איידעם פונם באַקאַנטן נגיד ר׳ איציק האָראָדענקער. אין יאָר 1752 האָט זיך ר׳ מאיר מרגליות באַמיט צו ווערן לאַנדעס־ראַבינער פון רייסן און האָט קאָנקורירט מיטן באַקאַנטן רב ר׳ חיים ראַפּאַפּאָרט, וועלכער האָט זיך אויך באַמיט צו באַקומען אָט־דעם בכבודיקן פּאָסטן. ענדלעך האָבן די פרנסים באַשלאָסן צו טיילן דעם פּאָסטן צווישן צוויי רבנים, און געבן דעם רב מרגליות דעם טיטל „סובאַלטערנוס ראַבינוס" (וויצע־ראַבינער) [8], כאָטש מען האָט אייגנטלעך נישט געטאָרט טיילן אָט־דעם פּאָסטן אָן אַ דערלויבניש פונם וואָיעוואָדאַ. דאָס באַווייזט ווי הויך זיי האָבן געשאַצט די פּערזענלעכקייט פון הרב מרגליות און ווי שווער עס איז זיי געווען זיך צו אַנטשיידן פאַר איינעם פון די צוויי רבנים.

ר׳ מאיר׳ס ברודער, ר׳ יצחק־בער, וועלכער איז געוויילט געוואָרן אַלס רב אין יאַזלאָוויץ און אין זאַלישטשיק נאָך זיין פאָטערס טויט, איז אויך געווען לאַנדעס־ראַבינער פון פּאָדאָליע און האָט זיך באַטייליקט אין וויכוח מיט די פראַנקיסטן אין קאַמעניץ פּאָדאָלסקי צוזאַמען מיטן פרנס לייב בן דניאל, און האָט זיך אויך באַטייליקט אין ויכוח אין לעמבערג אין יאָר 1759. ר׳ יצחק בער מרגליות איז געווען דער לעצטער נאָמן פונם ועד־המדינה (לאַנדעס־קאָמיטעט) פון פּאָדאָליע און האָט אין יאָר 1763, צוזאַמען מיטן פרנס לייב בן דניאל, געחתמעט דעם פּראָטאָקאָל וועגן ליקווידירן די חובות פונם קאָמיטעט. ר׳ יצחק בער אַליין איז געווען איינער פון די בעלי חובות. דער קאָמיטעט איז אים שולדיק געווען אַ סומע פון 2,583 גילדן, און נאָכן צורעכנען פּראָצענט פאַר אַנדערטהאַלב יאָר איז אים געקומען 2,980 גילדן.

אין דער צייט ווען ער איז נאָך געווען רב אין האָראָדענקע האָט ר׳ מאיר מרגליות איבערגעשיקט צו דער קהילה אין בראָד אַ קאָפּיע פונם גביית־עדות וועגן די געשעענישן אין קאַמעניץ־פּאָדאָלסקי, וועלכע ער האָט באַקומען אין אַ בריוו פונם סאַטאַנאָווער רב [9]. דער ביאַלער רב, ר׳ יצחק בן מאיר, דערמאָנט דעם ענין אין אַ בריוו צו זיין שוואָגער

ר' יעקב עמדין, און פאַררופט זיך דערביי אויפן האָראָדענקער רבֿ ר' מאיר מרגליות.[10]

האָראָדענקע איז אויך געווען אַ צענטער פון פראַנקיסטן, און זיי זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונגען מיטן פירסט ראַדזיוויל[10א], וועלכער האָט זיך אינטערעסירט מיט רעליגיעזע פּראָבלעמען און האָט אין סעפּטעמבער 1759 געמאַכט אַ באַזוך ביי יעקב פראַנק[11]. אָבער אין דער רשימה פון די פראַנקיסטן וואָס האָבן זיך געשמד'ט נאָכן ויכוח אין לעמבערג, געפינט זיך נישט קיין איינציקער פון האָראָדענקע. ווייזט אויס, אַז זיי זענען געבליבן געטרייע פראַנקיסטן, און דאָך זיך נישט געשמד'ט. לויט ר' יעקב עמדין איז אין יאָר 1766 געקומען פון האָראָדענקע קיין דייטשלאַנד אַ פראַנקיסטישער פּרעדיגער מיטן נאָמען יצחק־אהרן בן משה פון דער באַקאַנטער רבנישער משפחה תאומים, און אין יאָר 1767 איז ער געקומען קיין אַלטאָנאַ. וואָס עס איז געווען דער סוף פון יצחק אהרן תאומים, צי האָט ער זיך דערנאָך נאָך אומגעקערט קיין האָראָדענקע, איז נישט באַקאַנט.

ד. האָראָדענקע אין דער עפּאָכע פון חסידות

לויט דער צייט און דעם פּלאַץ פון איר טעטיקייט איז די חסידישע באַוועגונג געווען גאַנץ נאָענט צו דער פראַנקיסטישער, און ביידע האָבן געהאַט זייערע אָנהענגער צווישן די יידן פון פּאָדאָליע און רייסן. אָבער אין דער צייט וואָס די בענקשאַפט נאָך אַ גשמיותדיקער גאולה פון דער שבתי־צבי באַוועגונג איז מגולגל געוואָרן אין דער פראַנקיסטישער באַוועגונג און איז אַריינגעפאַלן אין דעמאָראַליזאַציע און שמד — האָט אויפגעלויכטן די אינערלעכע, גייסטיקע גאולה פון דער חסידישער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך פאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פון רבי ישראל בעל־שם־טוב, דעם שאַפער פון חסידות. און דאָס שטעטל האָראָדענקע, גלייך ווי עס איז געווען אין דער מיט פון דער פראַנקיסטישער השפעה, איז עס אויך געווען אין צענטער פון דער געגנט וואו דער בעל־שם האָט געווירקט, צווישן דער שטאָט קיטעוו אין די קאַרפּאַטן און דער שטאָט טלוסט אין יענער זייט דניעסטער. פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין האָראָדענקע האָט די וואונדערלעכע געשטאַלט פונם בעל־שם געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, און האָראָדענקע האָט אַרויסגעגעבן איינעם פון זיינע אויסדערוויילטע תלמידים — ר' נחמן האָראָדענקער.

לויט דעם ספר „סדר הדורות החדש" (זייטן 12—26), האָבן זיבן־און־דרייסיק קרובים און תלמידים פונם בעל־שם זוכה געווען צו לערנען פון זיין מויל, און צווישן זיינע תלמידים פון גאַליציע רעכנט זיך ר' נחמן האָראָדענקער פּאַר איינעם פון די וויכטיקסטע און געטרייסטע. ער ווערט אויך דערמאָנט אין ספר „שבחי הבעש"ט" (זייטן 21 און 36) און אויך אין ספר „תולדות יעקב יוסף". זיין לעבענסגעשיכטע איז זייער ווייניק באַקאַנט. מען ווייסט נאָר, אַז ער איז געווען אין מעדזיבאָזש בשעת דער בעל־שם איז נפטר געוואָרן און אַז ער פלעגט אָפט קומען אויף זיין קבר. ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, איז ער קודם געפאָרן צום בעל־שם'ס קבר און ביי אים געבעטן רשות, און צוריקקומענדיק האָט ער מיט פרייד אָנגעזאָגט די בשורה: „דער בעל־שם האָט מיר געהייסן פאָרן אין הייליקן לאַנד אַריין (שבחי הבעש"ט, דף 21).

אין יאָר תקכ"ד (1764) איז ר' נחמן אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל, צוזאַמען מיט ר' מנחם מענדיל פון פּרעמישלאַן און ר' שמחה פון זאַלאָזיץ. זיי זענען אָפּגעפאָרן פון גאַלאַץ קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דאָרט געוואַרט צוואַנציק טעג אויף אַ שיף קיין ארץ־ישראל. די שיף איז אָפּגעפאָרן אַכצן טאָג אין אלול מיט 110 ספרדים און 29 אשכנזים פון פּוילן און פון ליטע, און איז אָנגעקומען קיין יפו ערב ראש־השנה. די ספרדים זענען אָפּגעשטיגן אין יפו כדי צו פאָרן קיין ירושלים, און די חסידים זענען געפאָרן ווייטער מיט דער שיף און זענען אָנגעקומען קיין עכו 12 טאָג אין תשרי. פון דאָרט זענען זיי געריטן אויף אייזלען קיין טבריה. ר' נחמן האָט זיך באַזעצט אין טבריה און איז דאָרט געשטאָרבן אַ פּאָר יאָר נאָך זיין קומען קיין ארץ־ישראל.

ר' נחמנס זון, שמחה, האָט חתונה געהאַט מיטן בעל־שמס אַן אייניקל, פייגע (אַ טאָכטער פונם בעל־שם'ס טאָכטער, האָדל). פון דעם זיווג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקל"ב (1772), ר' נחמן פון בראַסלאַוו.

ה. האָראָדענקע אונטער עסטרייכישער הערשאַפט

נאָכדעם ווי גאַליציע איז צוגעטיילט געוואָרן צו עסטרייך, אין יאָר 1772, זענען פאָרגעקומען אַסך ענדערונגען אין דער לאַגע פון די יידישע קהילות. אַ צייט לאַנג נאָכדעם ווי זיי זענען אָפּגעטיילט געוואָרן פון די איבעריקע קהילות אין רייסן זענען זיי ווייטער געווען אָרגאַניזירט, לויט דעם סטאַטוט פון דער קייזערין מאַריאַ טערעזיאַ פונם יאָר 1776, אין אַ באַזונדערער קערפּערשאַפט מיטן נאָמען „די אויבערשטע לייטונג פון גאַליצישע יידן". אין יאָר 1785 איז אָט־די אָרגאַניזאַציע אויפגעלעזט געוואָרן, אָבער קיין שום אַנדערע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע איז נישט געגרינדעט געוואָרן. די ענינים פון דער קהילה האָבן זיך ווייטער געפירט אונטער דער אָנפירונג פון „פּרנסים", און זיי האָבן אויך געהאַט די אופזיכט איבערן פאַרשרייבן פון געבורטן, חתונות און נפטרים, און געדאַרפט אויפפּאַסן די שטייערן פון דער קהילה און די אַלגעמיינע שטייערן פון די יידן. פאַקטיש זענען די פּרנסים געווען אָפּהענגיק פון דער קרייז־הויפּטמאַנשאַפט אין זאַלישטשיק און האָבן געמוזט אויספירן אירע פאַראָרדנונגען. אין האָראָדענקע איז דעמאָלט נישט געווען קיין רבֿ, נאָר אַ מורה־הוראה, וועלכער האָט באַקומען אַ יערלעכן געהאַלט פון 104 פלאָרין.

איינער פון די צילן פון דער עסטרייכישער אַדמיניסטראַציע איז געווען צו ליקווידירן די יידישע שענקן, וועלכע האָבן, לויט זייער מיינונג, אָפּגעהאַלטן די אַנטוויקלונג פון די פויערן און פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג בכלל. דערפון זענען געטראָפן געוואָרן אַסך האָראָדענקער יידן, וואָס האָבן געהאַט זייער פּרנסה פון האַלטן אַ שענק, און אומדירעקט האָט דאָס אויך פאַרגרעסערט די עקאָנאָמישע לאַגע אין שטאָט. די יידן האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט און האָבן זיך

באַרופן אויף די רעכט וועלכע זיי האָבן באַקומען לויט דעם סטאַטוט פונם שטאָט־אייגנטימער מיקאָלאַי פּאָטאָצקי אין יאָר 1743. די פּראָצעסן וועגן דעם האָבן זיך געצויגן צענט־לינגער יאָרן.

איינס פון די שווערסטע געזעצן, וואָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין גאַליציע, איז געווען דאָס געזעץ וועגן חתונה־שטייער. פאַר א דערלויבניש חתונה צו האָבן האָט מען פאַרלאַנגט אַן אָפּצאָל פון דריי ביז דרייסיק דוקאַטן, און ווער ס׳האָט חתונה געמאַכט זיינע קינדער אָן אַ דערלויבניש איז געווען אין געפאַר באַשטראָפט צו ווערן און זיין פאַרמעגן זאָל ווערן קאָנפיס־קירט. אפילו פאַר באַטייליקן זיך אין אַן „אומגעזעצליכער״ חתונה האָט מען געקאָנט באַקומען אַ שווערע געלט־שטראָף. דאָס געזעץ האָט אויך געבראַכט צו מסירות צווישן יידן.

אין די יאָרן 1784—1785 האָבן האָראָדענקער יידן שטאַרק געליטן פון אַ„מסור״ מיטן נאָמען לייבל הערשל, וואָס האָט איבערגעשיקט אַסך מסירות קיין לעמבערג וועגן „שטילע חתונות״ אין שטאָט און אין דער געגנט, און וועגן פאַרשידענע פעלער אין דער טעטיקייט פון דער קהילה און אין אויפמאָנען די שטייערן[19]. פאַר די מסירות האָט ער פאַרלאַנגט פון דער רעגירונג אַ באַלוינונג, און לויט אַ דאָקומענט פונם 29־טן אַפּריל 1784 האָט מען פון אים פאַרלאַנגט ער זאָל איבערגעבן דעם גובערניום אין לעמבערג פאַקטן און באַווייזן וועגן דער ריכטיקייט פון זיינע מסירות. אויפן יסוד פון אַ דין־וחשבון פונם גוברעניום פונם 27־טן מאַי 1784 האָט די רעגירונג אין ווין אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, מען זאָל פאַרציכטן אויף דער אויספאָרשונג וועגן אומגעזעצלעכע חתונות ביז דער נייער פאַלקסציילונג, מען זאָל בלויז מער אַכט געבן אויף אַזעלכע דערשיינונגען און באַשטראָפן די רבנים, וואָס געבן חופה וקידושין ביי אַזעלכע חתונות, מיט אַ סומע פון צוויי פלאָרין פאַר יעדער חתונה. אייגנטלעך האָט די רעגירונג נישט געדאַרפט האָבן די מסירות פון לייבל הערשל, ווייל אויך אָן זיין הילף האָט זי אין יענער צייט אויסגעפונען אין מזרח־גאַליציע 464 פאַלן פון „שטילע חתונות״[20]. נאָך די מסירות וועגן דעם אַז די קהילות ווערן נישט געפירט אין אָרדנונג, האָט די רעגירונג אין ווין געהייסן בעסער אַכט געבן אויף די קהילות, פאַרפליכטן די פרנסים צו פירן ביכער און פון צייט צו צייט אָפּגעבן רעכנשאַפט די רעגירונג־אַמטן וועגן די הכנסות און הוצאות פון די קהילות, און געבן זיי אַ מעגלעכקייט דאָס אַלץ צו קאָנטראָלירן. אויב עס וועלן זיך אַרויסווייזן פאַרשווענדונגען אָדער פאַראומטרייאונגען פון געלט־סומען, דאַרפן די פרנסים טראָגן די גאַנצע פאַראַנט־וואָרטונג, מען דאַרף הייסן זיי באַצאָלן דעם שאָדן אָדער אַפילו אַרויפלייגן אויף זיי אַ שווערע שטראָף[21].

לייבל הערשל איז אויך געווען איינער פון דער גרופּע יידן, וועלכע האָבן געגעבן די איניציאַטיווע איינצופירן אין גאַליציע דעם שטייער אויף כשר פלייש. זיי האָבן דערלאַנגט דער רעגירונג דעם פאָרשלאַג און האָבן אויך געוואָלט פאַכטן דאָס אויפמאָנען פון דעם שטייער. אַז די רעגירונג האָט זיי נישט געוואָלט איבערגעבן די פאַכט, האָבן זיי פאַרלאַנגט ביי דער רעגירונג אַנטשעדיקונג און הוצאות פאַרן אויסאַר־בעטן דעם פּלאַן, ווי דעם שטייער איינצומאָנען. לייבל לערשל האָט אויך פאַרלאַנגט א „באַזונדערע באַלוינונג״ דערפאַר וואָס ער האָט דעם פּלאַן אויפגעגעבן. דער סוף איז געווען, אַז די רעגירונג האָט די אַלע פאָדערונגען אָפּגעוואָרפן. דאַגעגן האָט מען געהייסן באַצאָלן דעם האָראָדענקער מסור לייבל הערשל פאַר זיינע מסירות וועגן די „שטילע חתונות״, און אַז מען האָט אים אַרעסטירט אַלס פאַרדעכטיק אין פעלשן דאָקומענטן און וועקסלען — האָט מען אים געהייסן באַפרייען. דערמיט האָט זיך געענדיקט די פרשה פון לייבל הערשל, וועלכע האָט אַ לאַנגע צייט באַשעפטיקט די רעגירונגס־אַמטן מיט אַ לאַנגן בריוו־וועקסעל צווישן דעם גובערניום אין לעמבערג און דער צענטראַלער רעגירונג אין ווין (זעה באַמערקונגען 22—27).

נאָכן איינפירן פונם שטייער אויף כשר פלייש האָט אויך דער אייגנטימער פון האָראָדענקע, טעאָדאָר פּאָטאָצקי, פאַר־לאַנגט פון דער רעגירונג אַנטשעדיקונג פאַר די הכנסות וועלכע ער האָט דורכדעם פאַרלוירן. נאָך אַ לאַנגן משא־ומתן האָט די רעגירונג אין ווין אָפּגעוואָרפן זיין פאָדערונג, אָן אַ שום באַגרינדונג (26 פעברואַר 1793)[29].

אין יאָר 1785 האָט די עסטרייכישע רעגירונג גאַנץ ליק־ווידירט די אויטאָנאָמיע פון די קהילות און אַנולירט אַלע פּאָליטישע און געריכטלעכע פּריווילעגיעס וואָס האָבן געשטאַמט פון דער אויטאָנאָמיע. לויט דער נייער פאַראָרדנונג האָט מען די יידישע שטייערן נישט אַרויפגעלייגט אויף דער קהילה ווי אַ קערפּערשאַפט, נאָר אויף יעדן ייד אַלס פּרט, און דאָס אויפמאָנען די שטייערן האָבן איבערגענומען רעגי־רונגס־באַאַמטן. ביים בית־דין האָט מען צוגענומען די קאָמפּע־טענץ צו זיין די ריכטער ביי יעדן סכסוך צווישן יידן. אין אַלע שטעטישע ענינים זענען די יידן געווען אונטערגעוואָרפן דער געמיינדע, גלייך ווי אַלע בירגער.

דער קייזער יאָזעף דער צווייטער האָט געפּרואווט לאָזן באַזעצן גאַליציער יידן אויפן באָדן און זיי מאַכן פאַר לאַנד־ווירטן. כדי זיי אויפצומונטערן דערצו איז נאָך אין יאָר 1782 אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדנונג, אַז יידישע אַקערבויער זאָלן צאָלן בלויז אַ העלפט פון דעם שטייער פאַר חתונות, און אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען זיי גאַנץ באַפרייט פון דעם שטייער. ערשט אין יאָר 1785, נאָכדעם ווי ס׳איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן דער קייזערלעכער דעקרעט פונם 6־טן יולי 1785, האָט מען אָנגעהויבן גרינדן יידישע קאָלאָניעס, און אין פרילינג 1786 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע קאָלאָניע אין דאָרף דאָמבראָווקאַ ביי נאָווי־סאָנטש. אַ קורצע צייט שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרן די צווייטע קאָלאָניע „נוי־באַבילאָן״, אין שכנות פון דער שטאָט באָלעכאָוו, און נאָך עטלעכע קלענערע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן זיך נישט לאַנג געהאַלטן.

לויט דעם פּלאַן פון דער רעגירונג האָט מען געדאַרפט באַזעצן 1410 יידישע משפחות פון גאַליציע, דערפון 117 משפחות פונם זאַלישטשיקער באַצירק. דערפון האָבן געדאַרפט קומען פון האָראָדענקע צוועלף משפחות. ביז צום יאָר 1794

האָבן זיך טאַקע באַזעצט צוועלף יידישע משפּחות פון האָראָדענקע — 12 מענער, 10 פרויען און 8 קינדער פון אונטער 18 יאָר. די צוועלף קאָלאָניסטן האָבן באַקומען 138 שטיקלעך ערד, 9 הייזער, 9 שטאַלן און סטאָדאָלעס, 11 פערד, 18 אָקסן, 16 קי און 30 לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים. אין אָנהויב פונם ניינצטן יאָרהונדערט זענען נאָך אַלע צוועלף משפּחות געווען לאַנדווירטן[30]. פונם גאַנצן זאַלישטשיקער קרייז איז געקומען די פאָלגענדע צאָל יידישע משפּחות: פון האָראָדענקע — 12, פון זאַלישטשיק — 14, פון יעזיעזשאַני — 16, פון זאַבלאָטאָוו — 7, פון טשאָרטקאָוו — 18, פון קשיווטשע — 9, פון בוטשאַטש — 14, פון שניאַטין — 17, פון יאַזלאָוויץ — 8, צוזאַמען 115 משפּחות מיט 129 מענער, 126 פרויען, 116 יינגלעך, 94 מיידלעך, אַלץ צוזאַמען — 465 נפשות. די הוצאות פון דער קאָלאָניזאַציע זענען געווען 250 פלאָרין פאַר יעדער משפּחה, און די רעגירונג האָט פאַרלאַנגט פון די קהילות זיי זאָלן דעקן די הוצאות. 25—40 שטעטישע משפּחות האָבן געדאַרפט דעקן די הוצאות צו באַזעצן איין מיטעללאָזע משפּחה.

די גאַליציאַנער יידן זענען דווקא געווען גאָר פאַרברענט איבערצוגיין צו לאַנדווירטשאַפט. דאָס לאָזט זיך זען פונם פאָלגענדן פאַל: אין יאָר 1787 האָבן זיך 50 יידן פון זאַלישטשיק געווענדעט צו דער רעגירונג און געבעטן זיי צו געבן באָדן צום באַאַרבעטן אין דער געגנט פון דער שטאָט, אין די דערפער קרישטשאַטעק און דאָווידעסטיע אין יענער זייט דניעסטר. די משפּחות וועלכע האָבן דערלאַנגט די בקשה האָבן פאַרמאָגט: 25 הייזער (דאַרונטער 4 שענקן), 50 פערד, 10 אָקסן, 76 קי, 17 בינשטעק, און 1,950 גילדן מזומן געלט. אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי נישט באַקומען קיין ענטפער פונם גובערניום. אין יאָר 1787 האָבן זיי געשיקט אַ פּעטיציע צום קייזער יאָזעף דעם צווייטן, אין וועלכער זיי האָבן געשריבן: „מיר האָבן באַשלאָסן אָפּצולאָזן דעם קליינהאַנדל און זיך איבערגעבן צו פעלד־אַרבעט. נאָר אַזוי ווי דאָס דערפילן פון אונדזער ביטע ווערט אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג, און דערווייל איז שוין אַוועק אַ גאַנץ יאָר און מיר האָבן נישט באַקומען קיין באָדן — ווייסן מיר שוין נישט וואָס צו טון. דאָס ביסל פאַרמעגן וואָס מיר האָבן געהאַט האָבן מיר אויפגעגעסן, און איצט זענען מיר געבליבן אָן פּרנסה, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך פאַרלאָזט דאַרויף אַז מיר וועלן באַלד איבערגיין צו פעלד־אַרבעט". אויפן יסוד פון דער פּעטיציע האָט דער קייזער אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, מען זאָל דערפילן זייער בקשה און געבן זיי באָדן זיך צו באַזעצן. אָבער פונם גובערניום אין לעמבערג האָט מען זיי צוגעוויזן פעלדער ווייט פון דער שטאָט, וועלכע קאָלאָניסטן פון זיבענבירגן האָבן פאַרלאָזט דערפאַר וואָס זיי זענען נישט געווען פּרוכטבאַר. אַזעלכע פעלדער האָבן די יידן נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אָננעמען, און אַזוי איז דער גאַנצער פּלאַן צו נישט געוואָרן.

אַן ענלעכע בקשה האָט אויך דערלאַנגט די קהילה פון לעזאַיסק אין נאָמען פון 70 משפּחות. אויך אין דעם פאַל האָט דער קייזער געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, אָבער דער פּלאַן איז נישט אויסגעפירט געוואָרן, צוליב מאַנגל פון באָדן[30א].

אַלגעמיין איז די לאַגע פון די האָראָדענקער יידן געווען גענוג שווער אין די ערשטע יאָרן פון דער עסטרייכישער הערשאַפט. האַוסעגער, דער קרייז־הויפּטמאַן פון זאַלישטשיק, האָט אַלעמאָל אונטערשטיצט די דאָרפישע באַפעלקערונג און האָט נישט אויסגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט צו קריוודען די יידישע באַוואוינער פון די שטעט, צו וועלכע ער האָט זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי און אַפילו מיט האַס. אין די אָפּיציעלע באַריכטן האָט ער אַלעמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז די יידן זענען גענייגט צו באַטריגן די נאַאיווע דאָרפסלייט, און די יידישע שפּראַך האָט ער געהאַלטן פאַר אַ מין גנבים־שפּראַך[31]. אָט די באַציאונג האָט געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן. זיי האָבן זיך אָפּטמאָל באַמיט אין לעמבערג און אין ווין די לאַגע צו ענדערן, אָבער מייסטנס האָט עס גאָרנישט געהאָלפן.

צו דעם אַלעמען האָבן די האָראָדענקער יידן, גלייך ווי אַלע גאַליציאַנער יידן, געטראָגן אַ שווערע לאַסט פון שטייערן. אין די יאָרן 1777 ביז 1784 האָבן די יידן געצאָלט פאָלגענדע שטייערן: (1) „שוץ אונד טאָלעראַנץ געביר" — פון יעדער משפּחה 4 גילדן, וועלכע מען האָט אויפגעמאָנט לויט דעם סיסטעם פון קאָפּ־שטייער. (2) געווערבע און פערמעגענס־שטייער — פון יעדער משפּחה 4 גילדן, וועלכע די קהילה האָט געצאָלט אויף אַ קאָלעקטיוון אופן און זי האָט אויפגעמאָנט דעם שטייער ביי די איינצעלנע משפּחות. (3) אַ שטייער פון חתונות.

אין יאָר 1784 האָט זיך אַביסל געענדערט דער צוזאַמענשטעל פון די שטייערן. דער געווערבע און פערמעגענסשטייער איז אָפּגעשאַפט געוואָרן און שטאָט דעם האָט מען אַרויפגעלייגט אַ שטייער אויף כשר פלייש. אַ צווייטער שטייער, די אַמאָליקע „שוץ אונד טאָלעראַנץ געביר", איז געהעכערט געוואָרן מיט אַ גילדן (פינף גילדן שטאָט פיר גילדן פון יעדער משפּחה) און האָט באַקומען אַ נייעם נאָמען: „לאַנדעס דאָמעסטקאַל־בייטראַג". אויסערדעם האָט מען אַרויפגעלייגט אַ באַזונדערן אָפּצאָל פאַר אויפבויען אַ נייע שיהל אָדער אַ נייעם בית־עולם (50 גילדן אַ יאָר) און אַ באַזונדערן אָפּצאָל פאַר אויפשטעלן אַ יידישע שול.

די שווערע לאַסט פון שטייערן און די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע האָבן געבראַכט צו אַ ריקשטאַנד אין צאָלן פון די שטייערן. אין יאָר 1791 האָט די רעגירונג געמאָנט ביי דער האָראָדענקער קהילה צו באַצאָלן דעם ריקשטאַנד פון דאָמעסטיקאַל־בייטראַג לויט 38 פלאָרין פון יעדער משפּחה. אין דעם פּראָטאָקאָל פונם 13־טן יולי 1792 האָבן די אָנפירער פון דער קהילה יעקב וואַסער, מאָטל עדעלשטיין, בנימין דאַנקנער, משה אָפּענבערגער און אברהם סוחר צו וויסן געגעבן, אַז די סומע פון 38 פלאָרין פון אַ משפּחה איז נישט ריכטיק, ווייל זיי האָבן געהאַט אָפּגעצאָלט די „שוץ אונד טאָלעראַנץ געביר". נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט די סומע פאַרקלענערט, האָבן די פאָרשטייער פון דער קהילה צוגעזאָגט אויפצומאָנען דעם שטייער און אָפּצאָלן דעם חוב דער רעגירונג. אָבער דער שטייער־אַמט האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף

דעם צוזאָג און האָט געהייסן שיקן סעקוועסטערס צו יעדער משפּחה, כדי גיכער אויפצומאָנען דעם שטייער. ביי דער געלעגענהייט איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ פולשטענדיקע ליסטע פון אַלע יידישע משפחות אין שטאָט. אַ דאַנק דעם איז פאַרבליבן אַ ליסטע פון 422 פאַמיליעס [32], וועלכע זענען צום ערשטן מאָל רעגיסטרירט געוואָרן מיט זייערע דייטשע פאַמיליען־נעמען, וואָס זיי האָבן באַקומען לויט דעם דעקרעט פונם 3־טן פעברואַר 1785. רעכנענדיק דורכשניטלעך פינף נפשות אין יעדער פאַמיליע, זענען דעמאָלט געווען אין האָראָדעקע בערך 2100 יידישע נפשות.

ווייזט אויס, אַז די סעקוועסטערס פונם שטייעראַמט האָבן אויך נישט געהאַט קיין גרויסע הצלחה אין אויפמאָנען די שטייערן. אין יאָר 1792 האָט זיך די רעגירונג אין ווין געווענדעט צום גובערניום אין לעמבערג און געהייסן זיי זיין מער ענערגיש אין אויפמאָנען פון די שטייערן, ניש קוקענדיק אויף די טענות פון די יידן אַז זיי קאָנען נישט באַצאָלן [33]. נאָך דעם באַפעל האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק צו דריקן די שטייער־פליכטיקע אין זאַלישטשיקער קרייז, און אין באַריכט פונם 5־טן יולי 1794, וועלכן דאָס גובערניום אין לעמבערג האָט איבערגעשיקט קיין ווין, האָבן זיי אונטערגעשטריכן אַז דער זאַליזשטשיקער קרייז האָט זיך אויסגעצייכנט מער ווי אַלע אַנדערע אין אויפמאָנען די שטייערן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אָבער פונדעסטוועגן איז דער חוב פון יאָר צו יאָר געוואַקסן, און די רעגירונג אין ווין האָט זיך ענדלעך איבערצייגט אַז די קהילות זענען אין אַזאַ פאַראָרעמטן צושטאַנד, אַז זיי וועלן דעם חוב קיינמאָל נישט קענען באַצאָלן. אין יאָר 1802 האָט דער קייזער פראַנץ געהייסן אויסשטרייכן די חובות און פאַרציכטן אויפן איינמאָנען [34].

בכלל איז אין עסטרייך געווען גאָר אַ קאָמפּליצירטער סיסטעם פאַר יידישע שטייערן. לויט דעם סיסטעם, וועלכער האָט עקזיסטירט ביז 1848, זענען די יידישע שטייערן געווען רעגולירט דורך אַ לאַנגער רייע פון „פאַטענטן” און „דעקרעטן” און זענען פאַרפאַכטעט געוואָרן צו פעכטערס און סוב־פעכטערס [35]. לויט דעם „פאַטענט” פונם 21־טן יוני 1797 האָט מען אויף אַלע גאַליצישע יידן אַרויפגעלייגט אַ „ליכט־שטייער”, אַ באַזונדערן שטייער אויף שבת־ליכט, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן לויט דעם פאָרשלאַג פון אַ לעמבערגער סוחר שלמה קאָפּלער, און נאָכדעם ווי מען האָט זיך באַראָטן מיט הערץ האָמבערג, דעם „יועץ” פאַר יידישע אָנגעלעגענהייטן, וועלכער איז אויך געווען דער אויפזעהער אויף די יידיש־דייטשע שולן אין גאַליציע. שלמה קאָפּלער האָט זיך אויך „פרייוויליק אָנגעבאָטן” צו פאַכטן דעם נייעם שטייער און אַריינטראָגן דערפאַר דער רעגירונג צווייהונדערט־טויזענט פלאָרין אַ יאָר. זייט דעם יאָר 1798 האָבן די יידן געצאָלט לויט דעם פאַטענט פונם 25־טן אָקטאָבער 1798, אַן „עקסטראַ־שטייער”, אויפן אָרט פונם הכנסה־שטייער, וועלכן די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט געצאָלט. אויסערדעם האָבן זיי געהאַט צו צאָלן אַן „ערגענצונג־שטייער”, אויב דער ליכט־שטייער און דער שטייער אויף כשר פלייש האָבן נישט אַריינגעטראָגן די סומע וועלכע די רעגירונג האָט באַשטימט.

די פאָלקס־מאַסן אין גאַליציע זענען געווען אונטערדריקט ביז צו פאַרצווייפלונג דורך די אויספּרעסונגען פון די „ליכט־פאַכטערס” און „פלייש־פאַכטערס”, און יענע צייט איז פאַרבליבן אין דעם זכרון פונם פאָלק אין פאַרשידענע מעשה־לעך און אַנעקדאָטן וועגן די גרויזאַמע מיטלען פון די פאַכטערס, וועלכע האָבן זיך געפירט כמעט ווי רויבער און גזלנים. אָט־די לאַגע האָט געדויערט ביז צום יאָר 1848, ביז צו דער רעוואָלוציע.

אינצווישן איז די לאַגע פון די האָראָדענקער יידן געוואָרן וואָסאַמאָל ערגער. אין יאָר 1811 איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן דעם אייגנטימער פון דער שטאָט, גראַף פּאָטאָצקי, און די אייגנטימער פון די גאָראַלניעס און די שענקן. גראַף פּאָטאָצקי האָט געפרוווט העכערן דעם אָפּצאָל, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אין דער וואוין־באַוויליגונג פונם יאָר 1743, און אַז די פאַכטערס האָבן נישט געוואָלט מסכים זיין, האָט ער זיי פאַרבאָטן ווייטער צו ברענען בראָנפן און אים פאַרקויפן. דער סכסוך האָט אַרומגענומען און געטראָפן 92 משפחות און האָט זיך געצויגן ביז צום יאָר 1840 [37].

אין יאָר 1822 זענען אין שטאָט אויסגעבראָכן שריפות, וואָס האָבן חרב געמאַכט אַ גרויסן טייל הייזער אין שטאָט און פאַראָרעמט די איינוואוינער. נאָך דער שריפה האָבן זיך די ראשי הקהל געווענדעט צום קרייז־אַמט מיט אַ בקשה צו פאַרקלענערן די שווערע שטייערן, אָבער די בקשה איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, כאָטש די יידן האָבן געצאָלט שטייערן פינף מאָל אַזויפיל ווי די קריסטלעכע איינוואוינער [38]. לויט די אָפיציעלע אָנגאָבן האָט יעדער קריסטלעכער בירגער געצאָלט דורכשניטלעך 1.17 פלאָרין אַ יאָר, אין דער צייט וואָס פון יעדן ייד האָט מען אויפגעמאָנט דורכשניטלעך 6.01 פלאָרין.

אַ געוויסע דערלייכטערונג אין דער לאַגע פון די יידן האָט זיך באַמערקט נאָך 1848, ווען ס'זענען איינגעפירט געוואָרן די נייע פּרינציפּן פון טאָלעראַנץ און ליבעראַליזם קעגן די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מינדערהייטן. אין יאָר 1852 האָבן יידן באַקומען די דערלויבעניש צו קויפן באָדן און הייזער (נכסי־דלא־ניידי), און פון אַלע גאַליצישע שטעט האָבן יידן דערלאַנגט בקשות צום אינערן־מיניסטעריום אין ווין וועגן אַרויסגעבן באַוויליקונגען דערצו. דאַרונטער זענען אויך געווען צוויי האָראָדענקער יידן — זעליג ענגעל [39] און דן זילבער, וועלכע האָבן דערלאַנגט ביטעס אין יאָר 1863 און האָבן באַלד באַקומען די דערלויבעניש [40]. זעליג ענגעל האָט אויך באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש צו קויפן בוי־פּלעצער אין קריסטלעכע קוואַרטאַלן, אין וועלכע יידן האָבן אויך געוואוינט.

ו. די קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע לאַגע

אין דער צייט פונם פּוילישן רעזשים האָט זיך דאָס קולטורעלע לעבן פון די יידן געפירט גאַנץ פריי מיט אַ פולשטענדיקער אויטאָנאָמיע. די קינדער האָבן באַקומען בלויז אַ יידיש־טראַדיציאָנעלע דערציאונג, האָבן נישט געהאַט קיין שום באַרירונג מיט דער נישט־יידישער סביבה און האָבן נישט

באַקומען פון איר קיין שום השפּעה. דער עסטרייכישער רעזשים האָט אין דעם פּינקט אַריינגעבראַכט אַן ענדערונג. באַלד אין אָנהויב, אין די יאָרן 1785—1790, זענען געגרינדעט געוואָרן אין גאַליציע אַלגעמיינע שולן פאַר יידישע קינדער, וועלכע אַלע יידישע קינדער זענען געווען פאַרפליכטעט צו באַזוכן.

אויף אין האָראָדענקע איז שוין אין יאָר 1788 געגרינדעט געוואָרן אַ „יידישע נאָרמאַלשולע". דער לערער איז געווען שמעון באָרנשטיין. און ער האָט באַקומען אַ געהאַלט פון 200 פלאָרין אַ יאָר. אין דעמזעלבן יאָר זענען געגרינדעט געוואָרן די שולן אויך אין די אַנדערע שטעט פונם זאַלישטשיקער קרייז: אין טשאָרטקאָוו (דער לערער — שלמה קרייץ), זשידאַטשאָוו (ישראל פייערקוועל), אין בוטשאַטש (יעקב בערלעס), אין שניאַטין (לוי פלפל). אין זאַלישטשיק אַליין און אין די שטעטלעך יאַזלאָוויץ, קשיווטשע זענען נאָך אין יענעם יאָר נישט ענטשאַנען קיין יידישע שולן [43].

די באַזונדערע יידישע שולן האָבן עקזיסטירט אין גאַליציע ביז צום יאָר 1806. אין מערץ 1806 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ קייזערלעכער באַפעל צו פאַרמאַכן די יידיש־דייטשע שולן אין גאַליציע, און פון דעמאָלט אָן האָבן די יידישע קינדער געקאָנט לערנען אין די אַלגעמיינע שולן, נאָר בתנאי זיי זאָלן זיצן אויף באַזונדערע בענק און נישט צוזאַמען מיט זייערע קריסטלעכע מיטשילער.

אַן אינטערעסאַנטער פאַקט איז, אַז שוין אין אַכצענטן יאָרהונדערט האָט זיך געטראָפן אַ האָראָדענקער ייד, וואָס האָט געענדיקט מעדיצין אין אַן אוניווערזיטעט און האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון מעדיצין. אַ חוץ דעם איז ער אויך געווען לאַנדעס־ראַבינער אין אוקראַינע (אין אַלטן פוילן). אין יאָר 1782 איז ער געקומען קיין קראַקוב און האָט דאָרט געהאַלטן דרשות אין די שיהלן, לויט ווי ס'אָט באַשטעטיקט דער דאָרטיקער רב ר' יצחק־לוי. איידער ער איז געקומען קיין קראַקוב האָט ער באַקומען דעם 18־טן אַפּריל 1781 אַ צייגניש פונם גאַליצישן הויפּט־פיזיקוס ד"ר יענדשיי קרופינסקי, אין וועלכן עס ווערן באַשטעטיקט זיינע קענטנישן אין מעדיצין און אין באָטאַניק און כעמיע. אויף גרונד פון דעם צייגניש האָט ער באַקומען די דערלויבניש צו פּראַקטיצירן ווי אַ דאָקטאָר אין גאַליציע.

עטלעכע יאָר נאָכן פאַרמאַכן די באַזונדערע שולן פאַר יידן איז אַרויפגעשווימען אַן אַנדערע „רעפאָרמע" צום פאַרבעסערן די קולטורעלע לאַגע פון די יידן, לויט דער אויפפאַסונג פון דער רעגירונג און פון אַפּאָר משכילים, וועלכע האָבן אונטערשטיצט איר שטאַנדפּונקט. דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער קליידונג האָט באַשעפטיקט די ווינער רעגירונג נאָך אין יאָר 1788, אָבער דעמאָלט האָבן זיי וועגן דעם גאָרנישט געטאָן. אין אַפּריל 1821 האָבן אַפּאָר באַאַמטן פונם גובערניום אין לעמבערג פאָרגעשלאָגן דער רעגירונג אין ווין, זי זאָל זיך ענערגיש נעמען רעפאָרמירן די יידישע קליידונג און צופּאַסן זי צו דער קליידונג פון דער קריסטלעכער שטאָטישער באַפעלקערונג. אמת איז, אַז דער שטאַטהאַלטער, פרייהער פאָן האוער, האָט נישט געהאַלטן דערפון, און אין מאַי 1821 האָט ער אַרויסגעגעבן זיין מיינונג, אַז דאָס ענדערן פון דער קליידונג האָט נישט קיין צוזאַמענהאַנג מיט די אויסזיכטן צו דערנענטערן די יידן צו דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע און קולטור; אָבער די רעגירונג אין ווין האָט נישט אָנגענומען זיין מיינונג און האָט באַשלאָסן די רעפאָרמען דורכצופירן.

די ידיעות וועגן די כוונות פון דער רעגירונג האָבן דערוועקט אַ גרויסע קעגנערשאַפט און אויפרעגונג צווישן די יידן, און די קהילות האָבן אָנגעהויבן צו פאַרפלייצן דאָס גובערניום מיט פּעטיציעס נישט צו מאַכן קיין שום ענדערונגען. צווישן די קהילות וואָס האָבן פּראָטעסטירט איז אויך געווען די האָראָדענקער קהילה. אין מאַי 1821 האָבן די האָראָדענקער סוחרים געשיקט אַ פּעטיציע קיין ווין אין נאָמען פון אַלע האָראָדענקער יידן [45], און געבעטן נישט אַריינצופירן קיין ענדערונג אין דער יידישער קליידונג אויס פאָלגענדע טעמים: (1) די יידן זענען צוגעבונדן צו דער טראַדיציאָנעלער קליידונג זייט זיי זענען אין פוילן; (2) דער גרעסטער טייל פון די גאַליצישע יידן האָבן נישט דאָס נויטיקע געלט צו קענען בייטן זייערע קליידער; (3) אַסך סוחרים און פאַבריקאַנטן האָבן גרויסע לאַגערס פון שטאָפן וואָס זענען צוגעפּאַסט צו דער טראַדיציאָנעלער קליידונג, און אויב זיי וועלן אויף איינמאָל „אַרויס פון דער מאָדע" וועלן די אַלע סוחרים און פאַבריקאַנטן גאַנץ רואינירט ווערן. דער סוף איז געווען, אַז דער גאַנצער פּלאַן איז בטל געוואָרן און די אויפרעגונג איז אַריבער און איז פאַרגעסן געוואָרן.

אין יאָר 1878 האָט די אָרגאַניזאַציע „שומר ישראל" אין לעמבערג אויסגעאַרבעט אַן איינהייטלעכן סטאַטוט פאַר אַלע קהילות אין גאַליציע, וועלכן זי האָט געוואָלט לאָזן באַשטעטיקן דורך דער רעגירונג. צו דעם צוועק איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לעמבערג דעם 18־טן ביז 20־טן יוני 1878 אַ קאָנפערענץ פון אַלע קהילות, און אַלע באַטייליקטע האָבן מסכים געווען אָנצונעמען דעם איינהייטלעכן סטאַטוט און אָרגאַניזירן די קהילות לויט דעם פאָרשלאַג פון „שומר ישראל". נאָך דער דערמאָנטער קאָנפערענץ האָבן זיך די אָרטאָדאָקסע רבנים אָרגאַניזירט צו באַקעמפן דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ, און האָבן געשאַפן די אָרגאַניזציע „מחזיקי הדת", אונטער דער אָנפירונג פונם קראָקויער רב ר' שמעון שרייבער און פונם בעלזער רבין. דעם 24־טן פעברואַר 1882 זענען זיך צונויפגעקומען אין לעמבערג די פאַרטרעטער פון די אָרטאָדאָקסע יידן און די רבנים און האָבן באַשטעטיקט אַ סטאַטוט לויט די פאָדערונגען פון „מחזיקי הדת". דער סטאַטוט האָט באַשטימט אונטער אַנדערעם, אַז אין יעדער קהילה זאָל דער רב האָבן די אויפזיכט איבער אַלע ענינים פון דער קהילה; די קהילה דאַרף אויפהאַלטן בלויז חדרים און ישיבות און נישט קיין שום אַנדערע שולן; אַקטיוו און פּאַסיוו וואַלרעכט זאָלן האָבן בלויז די מיטגלידער פון דער קהילה, וואָס לעבן לויט די דינים פונם „שולחן ערוך", און ווער עס פירט זיך נישט ווי אַ פרומער ייד, זאָל ווערן אויסגעשלאָסן פון דער קהילה. דער גאַנצער צוגאַנג איז

גוועזן, צו ברענגען צו אַ שפּאַלטונג אין גאַליציִשן יידנטום, לויט דעם מוסטער פונם אונגאַרישן יידנטום.

הרב שרייבער האָט דערלאַנגט זיין פאָרשלאַג צום קלטוס־ און בילדונגס־מיניסטעריום אין נאָמען פון די גאַליציִשע יידן, ווי אַ פאָרשלאַג צו וועלכן אַלע זענען מסכים. אין מאַי 1882 האָט די לעמבערגער קהילה דערלאַנגט דעם מיניסטעריום אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דעם פאָרשלאַג פון הרב שרייבער און האָט בייגעלייגט פּראָטעסט־דעקלאַראַציעס פון די אַנדערע קהילות אין גאַליציע. צווישן די פּראָטעסט־דעקלאַראַציעס איז אויך געווען דער פּראָטעסט פון דער האָראָדענקער קהילה.

אין יאָר 1890 איז פאַרעפנטליכט געוואָרן דער איינהייטלעכער סטאַטוט פאַר אַלע קהילות אין עסטרייך, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט דער הסכמה פון די פאַרטרעטער פון די פּראָגרעסיווע יידן. מיטן פאַרעפנטליכן פון דעם נייעם געזעץ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין יידישן עפנטליכן לעבן. לויט דעם סטאַטוט איז די קהילה אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ קולטוס־ראַט, וועלכער איז געוויילט געוואָרן אַלע זעקס יאָר. דער קולטוס־ראַט האָט פון צווישן זיינע מיטגלידער אויסגעוויילט אַ קולטוס־פאָרשטאַנד, וועלכער האָט אויסגעפירט די אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט לויט די באַשלוסן פונם קולטוס־ראַט. אויפן יסוד פונם נייעם סטאַטוט זענען אין יאָר 1891 פאָרגעקומען קולטוס־ראַט וואַלן אין אַלע שטעט פון גאַליציע, און דאַרונטער אויך אין האָראָדענקע. דער ערשטער ראש־הקהל אין די יאָרן 1891—1900 איז געווען משה פינעלעש.

ביי די קולטוס־ראַט וואַלן וועלכע זענען פאָרגעקומען אין אָנהויב פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט (פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה) זענען אויסגעוויילט געוואָרן צום קולטוס־ראַט: יהושע דאַנקנער, טודרוס קוגעלמאַס, חיים־מענדיל קאָך, שלמה פעל, מאַניש שמיד, יחזקאל שפּירער, יאָסיל שערצער; צום קולטוס־פאָרשטאַנד זענען אויסגעוויילט געוואָרן: יודל וואַסער, יאָסיל זיידמאַן, שלמה קראַמער, שלמה־אברהם שאָר. דער פּרעזעס איז געווען יוסף בעזנער. בראש פון דער תלמוד־תורה איז געשטאַנען וועלוויל זיידמאַן און בראש פון דער חברה־קדישא — פישל וואַסער. דער סעקרעטאַר פון דער קהילה איז געווען דוד זיידמאַן, דער שטאָט־חזן איז געווען יוסי שפּירא (יוסי חזן).

די הכנסות פון דער קהילה זענען געקומען פון „קולטוס־שטייער", וועלכן די יידישע איינוואוינער האָבן געצאָלט לויט זייער פאַרמעגליכקייט. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן געצאָלט קולטוס־שטייער 680 משפחות. די קהילה האָט אויך געהאַט פאַנדן פאַר צדקה־צוועקן פון פאַרשטאָרבענע נדבנים: פון בנימין דאַנקער — 20,400 קראָנען, פון דוד זילבער — 4,000 קראָנען, פון משה פינעלעש — 2,000 קראָנען.

אויסער דער גרויסער שיהל זענען געווען אין שטאָט בתי־מדרשים, צוויי טשאָרטקאָווער קלויזן (אַן אַלטע און אַ נייע) אַ וויזשניצער קלויז, אַ קאָסאָווער קלויז, דעם האָראָדענקער רבי'ס קלויז, חברה מניין רמב"ם, און נאָך אַסך מניינים פון פאַרשידענע חברות און פאַריינען.

אין די זעכציקער יאָרן פונם נייַנצעטן יאָרהונדערט איז געזעסן אויפן כסא הרבנות אין האָראָדענקע ר' משה תאומים, דער מחבר פונם ספר „דבר משה" — שאלות ותשובות וועגן „שולחן ערוך" (לעמבערג 1864). ער איז אויך דער מחבר פונם ספר „אוריין תליתאי", וואָס לויט דעם שער ענטהאַלט ער 170 שאלות ותשובות און עטלעכע שאלות ותשובות און חידושים פון זיין זון נפתלי הערץ (לעמבערג 1880).

נאָכדעם ווי הרב ר' משה תאומים איז נפטר געוואָרן, אין יאָר 1888, האָט איבערגענומען דעם כסא הרבנות זיין איידעם הרב ר' אלימלך אשכנזי. אין יאָר 1913 האָט זיך הרב אשכנזי באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פון „המזרחי" אין לעמבערג און איז אויסגעוויילט געוואָרן צו זיין אַ מיטגליד פונם לאַנדעס־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. הרב אשכנזי איז נפטר געוואָרן אין האָראָדענקע אין מיטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1916.

דער פאַרטרעטער פונם רב ר' אלימלך אשכנזי איז געווען דער דיין ר' מענדיל שפּירא, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן אין יאָר תרס"ג (1903). ר' מנחם־מענדיל ב"ר משולב־פייביש שפּירא איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל"ג (1873); זיין פאָטער איז געווען רב אין יאַגאָלניצע, וואו אויך זיין זיידע ר' שמואל־וואָלף און זיין עלטער־זיידע ר' צבי זענען געווען רבנים, אַלע אינאיינעם איבער הונדערט יאָר. איידער ער איז געקומען קיין האָראָדענקע איז ר' מענדיל שפּירא געווען רב אין יאַגאָלניצע פון תרנ"ד ביז תרס"ג (1894—1903).

אין דער צווייטער העלפט פונם נייַנצעטן יאָרהונדערט איז די „השכלה" אַריינגעדרונגען קיין האָראָדענקע, און איינער פון די האָראָדענקער משכילים, אפרים זילבער, איז באַקאַנט געוואָרן אין דער העברעאישער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור. ער איז געווען באַוואַנדערט אין דער אַלטער און אין דער נייער ליטעראַטור און האָט זיך באַטייליקט מיט קורצע



בית המדרש

דער בית־המדרש

The "Beit-Hamidrash"

אויפזאַצן און באַמערקונגען אין „בית־התלמוד", וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ווין אין די יאָרן 1881—1889 אונטער דער רעדאַקציע פון אייזיק הירש ווייס און מאיר פרידמאַן (איש־שלום). ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין „המגיד". אין יאָר 1883 האָט ער אַרויסגעגעבן אין טשערנאָוויץ אַ ספר מיטן נאָמען „שדה ירושלים", וועלכער אַנטהאַלט באַמערקונגען און ערקלערונגען וועגן די איבערזעצונגען פון דער תורה אויף „תרגום־לשון". אין יאָר 1896 איז דערשינען אין דראָהאָביטש זיין בוך „פרח שושן" — צען אויפזאַצן וועגן מגילת אסתר[46-51]. זילבער האָט אויך געשריבן אויפזאַצן אונטערן פסעוודאָנים „בן־פז".

אַ געבוירענער האָראָדענקער איז אויך געווען דער עסקן און יידישער שרייבער שמואל־אבא סופר (געבוירן דעם 16־טן נאָוועמבער 1897), אַ זון פון אַן אַלטער משפחה פון סופרים, קרובים פון די וויזשניצער רביים. ער האָט געלערנט אין גימנאַזיום אין זיין געבורשטאָט, און שפּעטער שטודירט פילאָזאָפיע, געשיכטע און געאָגראַפיע אין ווין און אין טשערנאָוויץ. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער וואָכנשריפט „פרייהייט", וועלכע די „פועלי־ציון" פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן, און האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט לעגענדן וועגן ארץ־ישראל, לעגענדן וועגן בערדיטשעווער רב, יידישע איבערזעצונגען פון „איכה" און „איוב" און איבערזעצונגען פון די ווערק פון באַרביס און פאָפער־לינקעאוס. אין זאַמלבוך „קולטור" (טשערנאָוויץ 1921) האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ חסידישע דערציילונג. אָנגעהויבן פונם יאָר 1922 האָט ער רעדאַגירט די „אַרבייטער צייטונג" פון די רעכטע „פועלי־ציון" אין טשערנאָוויץ. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ווערטערבוך פון העברעאישע, אַרמישע און סורישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך.

זייט דער גרינדונג פון דעם ציוניסטישן פאַראיין „בני ציון" האָט זיך געפירט אין האָראָדענקע אַן אינטענסיווע יידיש־נאַציאָנעלע טעטיקייט. אין יאָר 1897 האָט שוין דער פאַראיין געהאַט 150 מיטגלידער; דער פרעזעס איז געווען הערש שערצער. דעם 14־טן דעצעמבער 1898 איז אין טעאַטער־זאַל אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מאַקאַבעער־אָוונט. דער רעדנער איז געווען ד"ר מענטשעל פון טשערנאָוויץ[52] און דער פאַרזיצנדער פונם אָוונט־קאָמיטעט איז געווען דער האָראָדענקער פאָסט־בעאַמטער גאָטעסמאַן. אין פעברואַר 1899 האָט דער פאַריין אָפּגעהאַלטן אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג, ביי וועלכער ס'האָט אָנטייל גענומען דער מעדיצינער ד"ר ראָזענהעק פון קאָלאָמיי און האָט גערעדט וועגן דריטן ציונסטן־קאָנגרעס אין באַזעל, און הער קרעסל האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אין העברעאיש וועגן דער יידישן קאָלאָניאַל־באַנק. פון דער פאַרזאַמלונג איז געשיקט געוואָרן אַ טעלעגראַמע צו ד"ר הרצל.[53] אין די לעצטע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ר' אלתר וויזעלבערג געווען פרעזעס פונם ציון־פאַראיין.

אין יאָר 1907 איז געגרינדעט געוואָרן אַ העברעאישע שול. דער ערשטער לערער איז געווען ריראַכאָווסקי (8 חדשים), דער צווייטער — הירשפעלד (16 חדשים). זייט 1910 זענען געווען צוויי לערער: יהודה גאָלדשטיין און ישעיה־איציק בעקער; אין יאָר 1911 האָבן געלערנט אין שול 84 תלמידים.

אין יאָר 1898 איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם שול־פאָנד פונם באַראָן הירש אַ שול פאַר יידישע יינגלעך, פאַר וועלכער מען האָט אויפגעבויט אַ באַזונדערע געביידע וואָס האָט געקאָסט 21475 קראָנען. די שול האָט עקזיסטירט ביז צום אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין 1914. דורכשניטלעך האָבן געלערנט אין שול 250—325 תלמידים, דערפון אַ גרויסער טייל קינדער פון אָרעמע משפחות, פאַר וועלכע די שול־פאַרוואַלטונג האָט פאַרטיילט קליידער, ביכער און מיטאָגמאָלצייטן. דער שול־פאָנד האָט צו דעם צוועק אויסגעגעבן דורכשניטלעך 2000 קראָנען אַ יאָר.

אויסער דעם ציוניסטישן פאַראיין „בני־ציון" זענען געווען אין שטאָט פאַראיינען און חברות פאַר פאַרשידענע צוועקן. די וויכטיקסטע זענען געווען: „אגודת אחים" (דער פרעזעס: איצי־אייזי העכט); „אגודת חברים" (פרעזעס: — ד"ר יצחק באַראַן); „ביקור חולים" (פרעזעס: הערש דאָלינגער); „קאַופמענישער און הומאַניטעטס־פאַראיין" (פרעזעס: פישל וואַסער); „אונטערשטיצונגס־פאַראיין (פרעזעס: יעקב לאַסטער); אַ לעזע־זאַל אויפן נאָמען פון בערנאַרד גאָלדמאַן (פאַר אַסימילאַנטן). אין יאָר 1908 זענען געווען אין האָראָדענקע צען קרעדיט־פאַראיינען, דערפון זעקס קריסטלעכע און פיר יידישע.[54] דעמזעלבן יאָר האָט דער בערלינער הילפס־פאַראיין „עזרה" געגרינדעט אַ פאַבריקל פון האָר־נעצלעך, וואָס האָט באַשעפטיקט קעגן צוואַנציק יידישע מיידלעך און פרויען.

ז. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און נאָך דער מלחמה

אין די פיר יאָר פון דער מלחמה 1914—1918 איז די שטאָט מיט אירע יידישע איינוואוינער גאַנץ רואינירט געוואָרן. באַלד אין די ערשטע חדשים נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, אין סעפּטעמבער 1914, האָבן די רוסן פאַרנומען גאַנץ מזרח־גאַליציע און האָבן זיך דאָרט געהאַלטן דורך דעם גאַנצן ווינטער 1914/1915. אין דער צייט פון דער ערשטער אינוואַזיע זענען פאָרגעקומען איינצעלנע פאַלן פון רויב אָדער פאַרגוואַלטיקונג, אָבער בדרך כלל איז די לאַגע געווען נישט קיין שווערע. אין פרילינג 1915 זענען די רוסן צוריקגעדרענגט געוואָרן אין דער אַנדערער זייט דניעסטר און די שטאָט איז ווידער געווען אין די הענט פון די עסטרייכער. אַפּאָר חדשים שפּעטער האָבן די רוסן דורכגעבראָכן דעם פראָנט און האָבן ווידער פאַרנומען האָראָדענקע. דאָסמאָל האָבן די יידישע איינוואוינער מורא געהאַט זיך צו באַגעגענען מיטן רוסישן מיליטער, וואָס איז געקומען גלייך פונם פראָנט, און דער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזט די שטאָט צוזאַמען מיטן עסטרייכישן מיליטער. אַ קליין ביסל יידן זענען געבליבן אין שטאָט, און אויף זיי האָבן די רוסן אויסגעלאָזט דעם גאַנצן כעס. רוסישע זעלנער האָבן אונטערגעצונדן עטלעכע הייזער אין שטאָט — האָט דער קאָמענדאַנט זיך אָנגעטשעפּעט אָן די יידן, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן, כדי צו שיקן אַ סיגנאַל דער עסטרייכישער אַרמיי.

פאַר דעם בלבול האָט ער געלאָזט אויפהענגען ניין יידן אין מיטן שטאָט. אַ חודש שפּעטער האָבן זיך די רוסן ווידער צוריקגעצויגן, און די יידישע איינוואוינער, וועלכע זענען נאָך געווען אין די שכנותדיקע שטעט, האָבן זיך ווידער אומגעקערט צו זייערע הייזער, וואָס זענען שוין געווען טייל־ווייז אויסגערויבט פונם רוסישן מיליטער און פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אַ קורצע צייט שפּעטער איז פאָרגעקומען די דריטע רוסישע אינוואַזיע. דאָסמאָל זענען כּמעט אַלע יידן אַנטלאָפן פון האָראָדענקע. די עסטרייכישע רעגירונג האָט די פליכטלינגע אַריבערגעפירט אין די מערבדיקע טיילן פון דער מדינה, בעיקר קיין בעהעמען און מעהרען, און דאָרט זענען זיי פאַרבליבן ביז צום ענדע פון דער מלחמה אין יאָר 1918. נאָך דער מלחמה זענען אַלע יידן, אויסער איינצלנע, צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע און האָבן אָנגעהויבן זי אויפצובויען אויפסניי.

נאָכן צוזאַמענברוך פון דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע איז אַנטשטאַנען אין מזרח־גאַליציע אַ מערב־אוקראַאינישע רעפּובליק. מיט אונטערשטיצונג פון דער אוקראַאינישער רעגירונג האָט זיך אָרגאַניזירט אין יעדער שטאָט אַ יידישער נאַציאָנאַלראַט. דער פאָרזיצענדער פונם יידישן נאַציאָנאַל־ראט אין האָראָדענקע איז געווען דער אַדוואָקאַט ד״ר אַלפערט. פאַרטרעטער פונם האָראָדענקער נאַציאָנאַל־ראט האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער לאַנדעס־קאָנפערענץ, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין סטאַניסלאַוו דעם 18־טן ביז 20־טן נאָוועמבער 1918.

די תקופה פון דער אוקראַאינישער הערשאַפט איז אויך נישט אָפּגעלאָפן גאַנץ שטיל. אָנהויב נאָוועמבער 1918 איז געקומען קיין האָראָדענקע דאָס געוועזענע 24־סטע עסטרייכישע רעגימענט. די זעלנער פלעגן אָנפאַלן בייַנאַכט אויף יידישע הייזער און אַוועקרויבן וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט, און אַפילו אין מיטן טאָג האָבן זיי אָפּטמאָל אַראָפּגעצויגן פון יידן קליידער, שיך און וועשטזאַכן; זיי האָבן געשלעפּט יידן צו צוואַנגסאַרבעט, זענען אָנגעפאַלן אויף יידן וואָס זענען אָנגעקומען מיט דער באַן, זיי אָנגעשלאָגן און ביי זיי אַלץ צוגענומען [55]. יידן האָבן געהאַט צו ליידן סיי פון דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, סיי פון דער שוואַכקייט פון דער רעגירונג וואָס האָט נישט געקאָנט אָפּהאַלטן דעם אַנטיסעמיטיזם און די איבערפאַלן פונם מיליטער. דער אוקראַאינישער רעזשים האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. מזרח־גאַליציע איז פאַראייניקט געוואָרן מיט פוילן, און האָראָדענקע איז פאַרבליבן פויליש ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1939.

דער שטראָם פון עמיגראַציע קיין אַמעריקע, וועלכער האָט אַריבערגעפירט אין יענער זייט ים אַ גרויסן טייל פונם רוסישן און גאַליצישן יידנטום, האָט נישט אויסגעמיטן האָראָדענקע. אַזוי איז אַנטשטאַנען אין אַמעריקע אַן אָנזעעלעכע „האָראָדענקער קאָלאָניע״, וואָס האָט זיך אַרייַנגעוועבט אין יידישן און אין אַלגעמיינעם לעבן אין אַמעריקע, און געהאָלפן שאַפן דעם גרויסן יידישן צענטער, וועלכער איז נישט געטראָפן געוואָרן פון דעם אומגליק אין אייראָפּע.

אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט אויפגעבליט דער יידיש־נאַציאָנאַלער געדאַנק, וועלכער האָט געבראַכט קיין ארץ־ישראל עטלעכע הונדערט חלוצים און עולים פון האָראָדענקע. דאָס ביסל האָראָדענקער יידן אין ארץ־ישראל, די לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע און אַפּאָר איינצעלנע משפחות אויף דער גאַנצער וועלט — דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן פון דער יידישער קהילה אין האָראָדענקע.

(פון העברעאיש ג. ל.)

יעקב הלוי־שניצער

גרויסע למדנים אין אונדזער שטאָט

איך האָב געהאַט דעם זכות אָפּצושטאַמען פון יידן, וואָס זענען געווען די גרעסטע למדנים ביי אונדז אין שטאָט — ר׳ משולם וואַגנער און דער האָראָדענקער רב ר׳ אלימלך אשכנזי. איך בין געווען דער בן־זקונים ביי אונדז אין דער משפחה און האָב זייער אַסך פאַרבראַכט מיט מיין פאָטער ר׳ חיים שניצער ע״ה, געלערנט ביי אים און מיט אים אַרומשפּאַצירט. דערביי פלעגט ער מיר אַסך דערציילן וועגן אונדזער משפחה, און איך וויל דאָ איבערגעבן אַ טייל פון זיינע דערציילונגען, אויף וויפל זיי זענען פאַרבליבן אין מיין זכרון.

ר׳ משולם וואַגנער ז״ל

ר׳ משולם וואַגנערס פאָטער, ר׳ חיים וואַגנער, איז געווען רב אין שאָץ (סוטשאַוואַ) אין דער בוקאָווינע. ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטן, האָט ר׳ משולם וואַגנער חתונה געהאַט ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג יינגל; ר׳ שמחה ווייך, אַ פאַרמעגלעכער האָראָדענקער סוחר, האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם און אַראָפּגעבראַכט קיין האָראָדענקע. ער האָט אים צוגעזאָגט גאַנצע צען יאָר קעסט, ער זאָל זיצן און לערנען. נאָכדערציילט האָט מען, אַז ר׳ שמחה האָט אַזוי ליב געהאַט און אָפּגעהיט זיין איידעם, אַז אין די רעגנטעג פלעגט ער אים טראָגן אויף די פּלייצעס אין בית־המדרש אַריין. ר׳ משולם איז געווען אַן עילוי (אַ געניאַלער תלמיד), און איז וואָס אַמאָל מער באַרימט געוואָרן אין שטאָט און אין דער געגנט.

אין האָראָדענקע איז דעמאָלט געווען אַ רב אַ גאון, ר׳ שעיה, וואָס איז שפּעטער געוואָרן רב אין יאַס און איז באַרימט געוואָרן מיטן נאָמען „שעיקעלע יאַסער״. ר׳ משולם האָט ביי אים געלערנט און האָט פון אים באַקומען סמיכות אויף

רבנות. אַז דער שאָצער רב, ר׳ משולמס פאָטער, איז נפטר געוואָרן, האָט די שאָצער קהילה געוואָלט אויפנעמען ר׳ משולם וואַגנער פאַר רב, אָבער ער האָט דעם פּאָסטן אָפּגעוואָרפן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט זיין אָפּהענגיק פון קהל.

אַז די צען יאָר קעסט האָבן זיך געענדיקט, האָט אים זיין שווער איינגעריכטעט אַ געשעפט, ער זאָל ווערן אַ בעל־הבית פאַר זיך. ר׳ משולם האָט זיך אַריינגעלאָזט אין געשעפט און האָט זייער מצליח געווען, אָבער ער האָט זיך געמוזט אָפּלאָזן פונם לערנען. זיינע שווער און שוויגער האָט דאָס זייער נישט געפעלן, זענען זיי געגאַנגען צו אים פסח אינדערפרי און פאַרלאַנגט ער זאָל צוריק אָנהויבן לערנען אַזוי ווי פריער, און זיין ווייב וועט שוין פירן דאָס געשעפט. און אַזוי איז טאַקע געווען. ער פלעגט אַריינקומען אין געשעפט אַריין בלויז אַ שעה אָדער צוויי אין טאָג, און פלעגט אין דער צייט פאַרטיילן צדקה מער ווי ער האָט פאַרדינט. איינמאָל האָט ער געהערט ווי זיין ווייב זאָגט זיך אונטער וועגן זיין פירן־זיך; האָט אים דאָס פאַרדראָסן און ער האָט אַרויסגענומען דאָס טישקעסטל מיטן לייזונג און אַרויסגעוואָרפן דאָס געלט אויף דער גאַס. זיין ווייב האָט אויף זיך גענומען זי זאָל אים מער נישט שטערן און אים לאָזן זיך פירן ווי ער וויל.

די האָראָדענקער יידן האָבן געוואוסט אָפּצושאַצן וועמען זיי האָבן אין שטאָט. אַז מען האָט פאָרגעשלאָגן הרב ר׳ משה תאומים פאַר האָראָדענקער רב, האָבן די ראשי הקהל געבעטן ר׳ משולם וואַגנער ער זאָל פאָרן קיין יאַוואָראָוו, וואו ר׳ משה תאומים איז געווען רב, און זאָל וועגן אים זאָגן אַ מיינונג; אַזוי איז טאַקע ר׳ משה תאומים אויפגענומען געוואָרן. אַפּאָר יאָר שפּעטער האָט זיך צווישן זיי געמאַכט אַ מחלוקת, ווייל ר׳ משה תאומים האָט ערלויבט אַן „עגונה" חתונה צו האָבן, און ר׳ משולם וואַגנער האָט געהאַלטן אַז ער האָט עס נישט געטאָרט טון. זיי האָבן זיך שוין מער נישט איבערגעבעטן; אָבער מען האָט נאָכדערציילט אַז דעם טאָג וואָס ר׳ משה תאומים איז נפטר געוואָרן האָט זיך ר׳ משולם וואַגנער פאַרמאַכט אין שטוב און האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן. זיינע מקורבים זענען אַריינגעגאַנגען און האָבן זיך פאַרוואונדערט, וואָס ער באַוויינט אַזוי זיינעם אַ קעגנער. ר׳ משולם האָט זיך אויף זיי אויסגעבייזערט און האָט געזאָגט, אַז ער וויינט וואָס ער וועט שוין נישט האָבן מיט וועמען זיך צו קריגן... דערפון האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָס מחלוקת צווישן זיי איז געווען לשם שמיים, און נישט חלילה קיין פּערזענלעכע קעגנערשאַפט.

ר׳ משולם וואַגנער האָט געהאַט צוויי טעכטער. די עלטערע האָט חתונה געהאַט מיט יידל פּאַסוויג, און די יינגערע מיט מיין זיידע מרדכי־זאב שניצער. לויט דעם איז ר׳ משולם וואַגנער געווען מיין עלטער־זיידע.

הרב ר׳ משה תאומים ז״ל
און הרב ר׳ אלימלך אשכנזי ז״ל

הרב ר׳ משה תאומים איז געווען פון די באַרימטע רבנים אין גאַליציע. ער איז דער מחבר פון עטלעכע ספרים „שאלות ותשובות", ווי „אוריין תליתא", „דבר משה" און „הואיל משה". די משפחה האָט געשטאַמט פונם באַרימטן רב „חכם צבי", (הרב צבי אשכנזי), וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין אונגאַרן און האָט באַקומען דעם טיטל „חכם" בשעת ער איז געווען רב אין דער ספרדישער קהילה פון סאַלאָניקי. דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין אַלטאָנאַ (דייטשלאַנד) און אין אַמסטערדאַם. דאָרט האָט ער זיך פאַרוויקעלט אין אַ מחלוקת קעגן דעם ספרדישן רב, וואָס האָט געשטיצט שבתי־צביס אָנהענגער נחמיה חיון. צוליב דעם מחלוקת האָט ער פאַרלוירן דעם פּאָסטן און איז געקומען קיין לעמבערג, און דאָרט איז ער געשטאָרבן אין יאָר 1718. זיין זון יעקב עמדין, באַקאַנט אויך מיטן נאָמען יעב״ץ (יעקב בן צבי), האָט אויך געפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן שבתי־צביס אָנהענגער.

נאָכדעם ווי הרב ר׳ משה תאומים איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1888, האָט זיין זון נפתלי־הערץ געהאַט די בעסטע אויסזיכטן צו ווערן רב אויפן אָרט פון זיין פאָטער. צווישן די הספדים נאָכן פאַרשטאָרבענעם רב האָט זיך אויסגעצייכנט דער הספד פון זיין איידעם ר׳ אלימלך אַשכנזי, וואָס איז געווען רב אין גורא־האַמאָראַ. הרב אשכנזי איז געווען אַ זעלטען גוטער רעדנער, און זיין רעדן האָט די האָראָדענקער פרנסים אַזוי געפעלן, אַז זיי האָבן אים באַלד אויפגענומען פאַר רב, אויפן אָרט פון זיין שווער.

הרב אַשכנזי איז געווען רב אין האָראָדענקע ביז 1916 (נפטר געוואָרן ו׳ אדר תרע״ו) און איז געווען פון די באַקאַנטע רבנים אין דער געגענט. ער איז געווען אַ סימפּאַטיקער פון „חיבת ציון" און איינער פון די רבנים וואָס האָבן געפאָדערט מען זאָל קויפן ארץ־ישראל אתרוגים אָנשטאָט גריכישע אתרוגים. אין זיין הויז האָט געהערשט דער נאַציאָנאַלער גייסט און אַ סימפּאַטיע צו דער העברעאישער שפּראַך, און זיינע טעכטער זענען געווען געלערנט אַזוי ווייט, אַז דער רב האָט זיך אָפטמאָל באַנוצט מיט זייער הילף צו ענטפערן אויף בריוו אָדער אויפצייכנען זיינע חידושי־תורה. ער האָט איבערגעלאָזט אַסך חידושי־תורה, אָבער אַלץ איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די מענטשן וואָס האָבן די כתבים געהאַלטן און געהיט.

הרב אשכנזי איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער רב און אַ גוטער רעדנער, ער איז אויך געווען אַ גוטער בעל־תפילה. זומער פלעגט ער דאַווענען אין דער גרויסער שיהל און ווינטער אין בית־המדרש. מיינע עלטערע ברידער האָבן נאָך זוכה געווען אים צו הערן דאַווענען און האָבן אַלעמאָל נאָכגעזונגען זיינע תפילות.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַז דאָס לעבן אין דער האָראָדענקער קהילה האָט אָנגעהויבן צוריק צו ווערן נאָרמאַל, האָבן זיך אַ טייל מענטשן געווענדעט צו מיין פאָטער ע״ה, ער זאָל איבערנעמען דעם כיסא־הרבנות אין שטאָט. צוויי באַקאַנטע רבנים, הרב שטיינבערג און הרב אַראַק, האָבן זיך וועגן דעם געווענדעט צו דער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה און האָבן אונטערגעשטראָכן אַז על פי דין דאַרף מיין פאָטער ווערן רב אויפן אָרט פון זיין שווער, און ער איז אויך גאַנץ ראוי דערצו. אָבער מיין פאָטער האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג, גלייך ווי זיין זיידע ר׳ משולם וואַגנער האָט אים אָפּגעוואָרפן. ערשט אַפּאָר יאָר שפּעטער, נאָך אַ לאַנגען משא־ומתן, איז מיין פעטער ר׳ אריה לייבוש לאַם אויפגענומען געוואָרן

אַלס דיין ומו״צ. און איז געזעסן די גאַנצע צייט אין האָראָדענקע און איז דאָרט אומגעקומען מיט אַלע האָראָדענקער קדושים. פונם רבס טעכטער האָט זיך געראַטעוועט מיין מומע בלומע־רויזע מיט איר מאַן ר׳ אַלכסנדר אַשכנזי, און זיי זענען נאָך דער וועלט־מלחמה געקומען קיין ארץ־ישראל. זייער זון ר׳ אלימלך אַשכנזי, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיין זיידע דעם האָראָדענקער רב, איז דער אָרטאָדאָקסער רב אין סאַן־פאולאָ, בראַזיל, ער האָט דאָרט געגרינדעט אַ ישיבה „קול תורה״, אויפן נאָמען פון דער ישיבה אין סטאַניסלאַוו, וואו זיין פאָטער איז געווען דער ראש־ישיבה.

אַזוי ציט זיך ווייטער די גאָלדענע קייט פון די רבנים אַשכנזי.

שלום קירשנער

האראדענקע אין די יאָרן 1907-1890

א. קליינע הקדמה

אין יאָר 1875 איז אַ גרויסער טייל פון האָראָדענקע, די הייזער צווישן דעם פּראָוואַל און דער גוישער גאַס, איינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן. געוואוינט האָבן דאָרט בעיקר יידן, און די הייזער זענען געווען ענג געבויט; דאָס פייער איז אַריבער פון איין הויז צום צווייטן און מען האָט קיין איינציקס נישט געקאָנט אָפּראַטעווען. עס איז נאָך געווען אַ נס, וואָס דאָס פייער האָט נישט פאַרניכטעט קיין מענטשן־לעבן.

נאָך דער שריפה האָט דער בירגערמייסטער צוזאַמענגערופן די געליטענע און זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער וועט נישט לאָזן ווידער בויען אַזוי ענג ווי פריהער. ער האָט פאָרגעלייגט, אַז אַ טייל פון זיי זאָל בויען זייערע הייזער אויף דער טאָלעקע, און ווער עס וועט אָננעמען זיין פּלאַן, וועט באַקומען דאָס גאַנצע בוי־מאַטעריאַל אומזיסט. מיין פאָטער הערש קירשנער ע״ה איז געווען דער ערשטער אָנצונעמען דעם פּלאַן, און האָט באַלד זיך גענומען בויען אויף דער טאָלעקע.

די טאָלעקע איז געווען אַ שפּאַציר־פּלאַץ מיט גרינע לאָנקעס, און אַרום זענען געווען פעלדער פאַרזייט מיט פאַרשידענע תבואות. איינמאָל אַ שבת, ווען אַ גרופּע יידן האָבן שפּאַצירט אויף דער טאָלעקע, האָט איינער באַמערקט דעם רויך פונם נייעם הויז און אויסגערופן: „הערש האָט געלאָזט דעם ערשטן רויך אויף דער טאָלעקע״. אַזוי האָט מיין פאָטער באַקומען דעם נאָמען „הערש רויך״.

מיט דער צייט האָבן זיך אויף דער טאָלעקע באַזעצט אַרום 70 יידישע משפחות, און דאָרט איז געוואָרן אַ שטעטל פאַר זיך מיט געוועלבלעך, אַ שענק און אַ טראַפיק און צוויי אָלינעצעס. די טאָלעקע האָט אויך געהאַט אַן אייגענעם מנין, און שפּעטער אויסגעבויט אַן אייגן שילעכל.

מיין פאָטער איז געווען איינער פון די ערשטע אויסוואַנדערער קיין אַמעריקע, אין יאָר 1889, אָבער אַ יאָר שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע. איך בין געבוירן אין יאָר 1891. איך האָב געלערנט אין דער באַראָן הירש־שול, און דערנאָך אין דער רעגירונגס־שול, וואו איך האָבן געענדיקט די זעקסטע קלאַס אין יאָר 1904. איך בין באַלד אויפגענומען געוואָרן ווי אַ געהילפס־שרייבער אין האָראָדענקער געריכט, וואו איך האָב געאַרבעט ביז צום יאָר 1907. צופעליק האָבן זיך מיינע עלטערן דערוווסט אַז איך שרייב אום שבת, און נישט קענענדיק איבערטראָגן די שאַנד, צו האָבן אַ זון אַ „מחלל שבת״, האָבן זיי מיך באַלד אויסגעריכט אין וועג קיין אַמעריקע.

דאָ בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט אייניקע פון די ערשטע האָראָדענקער אימיגראַנטן, מיט יעקב און נוח רייף, מיט איציק־שואל און אהרן־יוסף דופּלער, מיט יהודה־יוסף און איציק לעכנער, און מיט מאָריס רעסלער. פון זיי האָב איך אַרויסגעקראָגן די פאַקטן וועגן דעם לעבן פון די ערשטע האָראָדענקער אימיגראַנטן, חוץ דעם וואָס איך האָב געהערט פון מיין פאָטער ע״ה. אַלע אַנדערע פּאַסירונגען וואָס ווערן דאָ דערציילט געדענק איך גאַנץ קלאָר ,און איך באַמי זיך זיי צו שילדערן פּונקט ווי זיי זענען פאָרגעקומען.

ב. יידן, פּאָליאַקן און אוקראַאינער

ווי אַלע שטעט אין מזרח־גאַליציע, איז אויך האָראָדענקע געווען באַוואוינט פון יידן, פּאָליאַקן און אוקראַאינער. די אוקראַאינער זענען געווען אַ מערהייט, אָבער זיי האָבן זיך כמעט גאָרניט באַטייליקט אין דער פאַרוואַלטונג פן דער שטאָט. זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט, אָדער אויף אייגענע פאָר מאָרג פעלד, אָדער אַלס לוין־אַרבעטער ביים האָראָדענקער גוטסבאַזיצער, באַראָן ראָמאַשקאַן .דער באַראָן איז זעלטן געווען אין זיין גוט, מייסטענס האָט ער געהוליעט אין ווין, און דאָס גוט איז פאַרוואַלטעט געוואָרן דורך זיין פאַרוואַלטער שטעפאַנאָוויטש. אין באַראָנס הויף איז אויך געווען אַ ציקאָריע־פאַבריק, אין וועלכער אַ גרויסע צאָל מיידלעך, דאַרונטער אַפאָר יידישע, האָבן געאַרבעט פאַר גאָר אַ ביליגן לוין (אַ קראָן אַ טאָג, פאַר צען שעה אַרבעט).

די פאַרוואַלטונג פון דער שטאָט איז געווען אין די הענט פון די פּאָליאַקן, כאָטש זיי האָבן געהאַט די קלענסטע צאָל איינוואוינער אין שטאָט. די הויכע רעגירונגס־בעאַמטן, ווי דער באַצירקסהויפּטמאַן, דער באַצירקסריכטער און דער שטייערן־אינספּעקטאָר, זענען באַשטימט געוואָרן פון דער פאַרוואַלטונג אין לעמבערג און זענען נאַטירלעך געווען פּאָליאַקן. אָבער אויך דער בירגערמייסטער, וואָס איז אויסגעווילט געוואָרן פון דער האָראָדענקער באַפעלקערונג, איז

געוועזן אַ פּאָליאַק, ווייל די אוקראַאינער זענען געווען אומוויסענד, נישט אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק, און אַזוי איז אַלעמאָל, מיט הילף פון די יידישע שטימען, געוויילט געוואָרן אַ פּאָליאַק אַלס בירגערמייסטער.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַסך יאָרן, ביז עס האָט זיך באַזעצט אין שטאָט דער אוקראַאינישער אַדוואָקאַט אָקוניעווסקי. ער האָט זיך גענומען די אויפגאַבע צו ענדערן די לאַגע. ער איז געפאָרן פון דאָרף צו דאָרף און אויפגעקלערט די פּויערן, און האָט אָנגעוויזן זיי די אומגערעכטיקייט פון זייער לאַגע. ער האָט געגרינדעט דעם „נאַראָדני־דאָם" (פאָלקס־הויז), אַזויווי די פּאָליאַקן האָבן געהאַט דעם „סאָקאָל". ביי די וואַלן צום לאַנדעסטאַג האָט ער אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור און האָט אָרגאַניזירט די פּויערן צום וואַלקאַמף. נאָך עטלעכע יאָר אומדערמידלעכער אַרבעט איז זיי געלונגען אויסצוווילן אָקוניעווסקין אַלס אָבגעאָרדנעטן צום רייכסטאַג. אָקוניעווסקי האָט באַשעפטיקט אין זיין ביוראָ עטלעכע שרייבער, אָבער זיין הויפּט־געהילף איז געווען אַ יידישער יונגערמאַן, קאָרל פענסטער.

ג. בעאַמטע, אַדוואָקאַטן, שרייבער און ווינקעל שרייבער

די יידישע קרעפטן אין דער האָראָדענקער פאַרוואַלטונג האָבן נישט פאַרנומען קיין וויכטיקע שטעלע. אין געריכט זענען געווען דער אָפיציאַל פּיפּער און דער קאַנצעליאַריסט חאַלצעל, די שרייבער ברוך מערבוים, אַלטער קאָך, די ברידער בערל און פייוול טהוי און שלום קירשנער. אין דער באַצירקס־הויפּטמאַנשאַפט האָבן געאַרבעט זיידמאַן און מערבוים, אין שטייעראַמט — העכט און האַלפּערן. דער סעקרעטאַר פון דער געמיינדע איז געווען זיידע אָפּענבערגער, דער מעטריקע־פירער — זלמן קאַלמוס.

פאַר מיינע צייטן זענען געווען אין שטאָט פיר אַדוואָקאַטן: איין אוקראַאינער — ד״ר אָקוניעווסקי, איין ייד — ד״ר באַראַן, און צוויי פּאָליאַקן. זיי אַלע האָבן באַשעפטיקט אייניקע יידישע שרייבער. דער נאָטאַר איז געווען אַ פּאָליאַק און האָט באַשעפטיקט אַ יידישן שרייבער.

האָראָדענקע האָט אויך געהאַט עטלעכע „ווינקעל־שרייבער": לייב מערבוים, יידל וואַסער און משה פידלער. די ווינקל־שרייבער פלעגן צוגרייטן קלאַגעס, און אַמאָל אויך אַ געזוך צום העכערן געריכט, פאַר אַ פיל קלענערן פּרייז ווי די אַדוואָקאַטן. זייער טעטיקייט איז געווען אומגעזעצלעך, אָבער זיי האָבן שוין געפונען אַ וועג זייער אַרבעט זאָל זיין דערפאָלגרייך. דער גרעסטער אויטאָריטעט צווישן זיי איז געווען משה פידלער. ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן מוח פאַר יוריספּרודענץ, און אָקוניעווסקי פלעגט זיך אַסך מאָל באַנוצן מיט זיינע טאַלאַנטן.

אַ נייע מאָדערנע געריכטס־געביידע איז אויסגעבויט געוואָרן אין שטאָט אין יאָר 1902. דער באַצירקס־ריכטער איז געווען קאַלישטשאַק, און אויך די איבריקע ריכטער זענען געווען פּאָליאַקן. אַלע געריכטלעכע אָנגעלעגנהייטן פון די דריי שטעטלעך און 48 דערפער אַרום האָראָדענקע האָבן געהערט צום האָראָדענקער געריכט. שפּעטער האָט מען איינגעפירט, אַז איינמאָל אין חודש איז אַרויסגעפאָרן אַ קאָמיסיע — אַ ריכטער און אַ שרייבער — אין די שטעטלעך און אין די גרעסערע דערפער, כדי דאָרט צו פאַרהערן די ווייניקער וויכטעקע קלאַגעס.

ד. מאַרקפּלאַץ און מאַרקזיצערנס, געוועלבערס סוחרים און ירידים

דער צענטער פון דער שטאָט איז געווען דער מאַרקפּלאַץ. ער איז געווען געטיילט אין דריי טיילן: איינער פאַר די פּויערן, וואָל זענען געקומען מיט פערד־און־וואָגן; דער צווייטער פאַר די פּויערן (מיינסטנס פּויערטעס), וואָס פלעגן ברענגען פּראָדוקטן צום פאַרקויפן; און דער דריטער טייל איז געווען פאַר די יידישע מאַרקזיצער און מאַרקזיצערנס, וואָס פלעגן פאַרקויפן בעיקר אויבסט (פּרוכטן). אין מיט'ן פון דעם דריטן טייל פון פּלאַץ איז געשטאַנען אַ רייע בודקעס, וואו מ'האָט פאַרקויפט פרישגעבאַקענע ברויט און זעמל, וואָל און ביינוול, און אַנדערע קליינע גאַלאַנטערי־סחורות. אַרום דעם מאַרקפּלאַץ איז געווען אַ גרויסע צאָל געוועלבן, און אַ גרויסער טייל פון זיי איז געווען אָנגעוויזן מיט זייער פדיון אויף די פּויערן פון די אַרומיקע דערפער, וואָס פלעגן קומען מאַסנהאַפט אין שטאָט אַריין איינמאָל אין וואָך — דינסטיק צום מאַרקטאָג. אַסך געוועלבער און אַנדערע סוחרים, ווי תבואה־סוחרים און אייער־סוחרים, האָבן פון דעם מאַרקטאָג געצויגן זייער חיונה.

אין האָראָדענקע איז אויך אָנגעגאַנגען אַ גרויסער מסחר מיט בהמות: פערד, קי און חזירים. דער מאַרק פאַר אָט דער סחורה, די טאָרהאָוויצע, איז געווען אויסער דער שטאָט, אויף דער טאָלעקע. דאָ פלעגן קומען גרויסע סוחרים פון אַנדערע שטעט, אָדער פון אויסלאַנד, און קויפן די סחורה אויף עקספּאָרט.

אויף דער טאָלעקע איז אויך געווען דער טאַבאַק־מאַגאַזין, וואָס די רעגירונג האָט אויסגעבויט אין יאָר 1905. די פּראָדוקציע און דער פאַרקויף פון טאַבאַק און ציגאַרעטן איז אין עסטרייך געווען אַ מאָנאָפּאָל פון דער רעגירונג, און ספּעציעלע רעוויזאָרן האָבן שטענדיק קאָנטראָלירט, צי דער פּויער האָט געליפערט די גאַנצע מאָס טאַבאַק וואָס ער האָט געפלאַנצט, און אויב עס פירט זיך נישט אַן אומלעגאַלער מסחר מיט טאַבאַק.

ה. בעלי־מלאכות, שענקערס, איינפאָרהייזער, בענק

אַ חוץ סוחרים, געוועלבערס און מאַרקזיצער, וואָס האָבן זיך אַלע פאַרנומען מיט מסחר, איז געווען אַ גרויסע צאָל יידישע בעלי־מלאכות פון אַלע מינים: שניידערס און שוסטערס, קירזשנערס, סטאָליאַרעס און בלעכערס. אַ טייל האָבן באַשעפטיקט אַפּאָר געזעלן און געהאַט שיין פרנסה. אַנדערע האָבן געאַרבעט אַליין, און אַנדערע ווידער האָבן קיינמאַל נישט געהאַט גענוג צו עסן.

אַ געוויסע צאָל יידן האָט געהאַט פרנסה פון האַלטן אַ

שענק. אין אַ מאַרקטאָג זענען די שענקען געווען פול מיט פויערן, וואָס זענען געקומען טרינקען אַ גלעזל משקה און פאַרבייסן, און פלעגן נישט איינמאָל פאַרטרינקען אַ גרויסן טייל פונם פדיון פאַר די סחורות וואָס זיי האָבן פאַרקויפט. אַמאָל זענען היימישע סוחרים אַריינגעקומען כאַפּן אַ שמועס ביי אַ גלעזל ביר. דאָרט האָט מען אויך באַקומען צו קויפן וויין און ביר צו אַ שמחה.

עס זענען אויך געווען אין שטאָט אַ פּאָר אַיינפאָר־הייזער, דאָס הייסט אַ קאָמבינאַציע פון אַ האָטעל, אַ רעסטאָראַן און אַ שענק. די מער באַוואוסטע אַיינפאָר־הייזער זענען געווען פון חיים מענדל קאָך, מאָניש שמיד און טאָדרעס קוגעלמאַס, וואו ס'זענען איינגעשטאַנען אויסלענדישע סוחרים, אַגענטן און רייזענדע, פּריצים און גלחים, און אַמאָל אויך אַקטיאָרן, וואָס זענען געקומען מיט אַ טעאַטער־טרופּע. דאָרט האָט מען אַלעמאָל אויך באַקומען אַ פיינעם מאָלצייט, און אָפטמאָל אויך געהאַט געלעגנהייט צו „מאַכן אַ קערטל". נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז אַ גוטבאַזיצער אָדער אַ גלח זענען אהיימגעפאָרן פונם קאָרטן־שפּיל מיט אויגעליידיקטע קעשענעס...

ווי געוויינלעך, קאָן קיין שום מסחר נישט עקזיסטירן אָן קרעדיט, אָן הלוואות. אַזוי אַרום זענען געווען אַפּאָר באַנק־הייזער, וואָס האָבן געגעבן קרעדיט אונטער פאַרשידענע באַדינגונגען. ס'איז געווען אַ פּוילישע באַנק, די „קאַסאַ אָשטשענדנאָשטשי" (שפּאָר־קאַסע), יונגערמאַנס באַנק, משה קאַמילס באַנק, און אַ חוץ דעם אַ פּאָר „פּראָצענטניקעס", וואָס האָבן געוויינלעך גענומען הויכע פּראָצענטן ביי די וואָס האָבן געמוזט צו זיי אָנקומען. ביי דער באַראָן־הירש־שול איז געווען אַ ליי־קאַסע, וואָס האָט געגעבן הלוואות פאַר קליינע געשעפטסלייט און בעלי־מלאכות אויף וועכענטלעכע ראַטעס און אַ קליינעם פּראָצענט. שטעפאַנאָוויטש, דער פאַרוואַלטער פונם האָראָדענקער גוט, האָט געגרינדעט אַ ליי־קאַסע אויף משכונות (גערופן האָט מען זי „די שמאַטע־באַנק"); דאָרט האָט מען פאַרזעצט פאַר אַ משכון זייגערלעך, רינגלעך, אויערינגלעך און לייכטער, פּעלצן און קליידער, און געצאָלט דריי פּראָצענט אַ חודש. דער פאַרוואַלטער און בוכהאַלטער פון דער באַנק איז געווען אַ יידישער יונגערמאַן — מיכל אָפּענבערגער.

ו. פלאַגערס און שטעלערס

נישט ווייט פונם צענטער פון שטאָט איז געווען דער מאַגיסטראַט. איינמאָל אין יאָר, געוויינלעך פּורים־צייט, איז געקומען אַ מיליטער־קאָמיסיע צו מאַכן אַ „מוסטערונג", דאָס הייסט אויסוויילן די יונגעלייט וואָס זענען פעאיק צום מיליטער־דינסט. געוויינלעך האָבן יידן נישט געהאַט קיין חשק צו גיין צום מיליטער, צו לעבן דריי יאָר צווישן גויים, מחלל שבת זיין און עסן טריפות; דעריבער האָבן יידישע בחורים, וואָס האָבן געדאַרפט גיין צו דער „שטעלונג", אָנגעהויבן חנוכה־צייט זיך צו „פלאַגן", דאָס הייסט, ווייניק עסן, ווינציק שלאָפן און אַסך רויכערן, כדי צו קומען צו דער קאָמיסיע אָפּגעצערט, אָפּגעשוואַכט, און באַפרייט צו ווערן פונם מיליטער. כדי צו פאַרטרייבן דעם שלאָף, פלעגן זיך די „פלאַגערס" פאַרזאַמלען יעדן אָוונט אין דער טשאָרטקאָווער קלויז, און פון דאָרט מאַרשירן איבער די גאַסן, זינגענדיק און טאַנצענדיק ביז צום העלן טאָג. ווער ס'איז באַפרייט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל,ביים ערשטן קלאַס, האָט אַ יאָר שפּעטער געדאַרפט זיך שטעלן צום צווייטן קלאַס, און ערשט נאָך דער באַפראַונג ביים דריטן קלאַס איז מען געווען ענדגילטיק באַפרייט פון מיליטער דינסט. אַ טייל יידן זענען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט מאַכן פאַרשידענע מומים, פון וועלכע זיי האָבן דערנאָך געליטן זייער גאַנץ לעבן, אַבי נישט צו גיין צום מיליטער. פאַרשטייט זיך, אַז אַ טייל איז אויך געלונגען זיך צו באַפרייען דורך „פּראָטעקציע", אָדער דורך „אונטערקויפן די קאָמיסיע" פאַר שיין געלט.

די אַסענטירטע פלעגט מען פריילאָזן ביז סוף זומער, נאָכן שניט. די איינרופסקאַרטן פלעגן אָנקומען ימים־טובים צייט, צווישן ראש־השנה און יום־כיפור; דאָס פלעגט מאַכן אַ בהלה אין שטעטל. און אויסערדעם פלעגן קומען אין שטאָט אַריין אַלע רעקרוטן פון די אַרומיקע דערפער, יונגע, צעווילדעווטע און אַמאָל אויך אַביסל אָנגעשיכורטע שקצים, וואָס האָבן אָפט געפּרוּווט כאַפּן אויבסט ביי די מאַרקזיצערינס און נישט באַצאָלן — בקיצור, דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אויפגערודערט...

ז. פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע

די פּאָליציי אין האָראָדענקע איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם מאַגיסטראַט און איז באַשטאַנען פון אַ קליינער צאָל פּאָליציאַנטן מיט א פּאָליציי־אינספּעקטאָר אַלס קאָמאַנדאַנט. דער אינספּעקטאָר האָט געהייסן מאָראַווסקי — אַ הויכער גוי מיט אַ לאַנגער, ברייטער, געל־ווייסליכער באָרד. די קריסטלעכע פּאָליציאַנטן זענען געווען: בענעדיק, מיכאַלע „טשעפורדע" — אַ קליינטשיקער גוי מיט אַ קייזער־באָרד, און עלקאַ — אַ געוועזענער קוטשער ביים בירגערמייסטער ראָשקאָ. יידישע פּאָליציאַנטן און אויפזעהער זענען געווען: ישראל פּאָליציי, פרידסהאַנד און הערשקע קראַמער (קראַמער איז אַפּאָר יאָר שפּעטער אָפּגעפאָרן מיט זיין פאַמיליע צו זיינע קינדער קיין אַמעריקע און איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק). שלמה דאַנקנער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ געהיים־פּאָליציסט, אַ פּאָסטן וואָס האָט אים פאַרשאַפט ווייניק סימפּאַטיע צווישן האָראָדענקער יידן...

די טעטיקייט פון דער פּאָליציי איז געווען גאָר אַ באַגרענעצטע, ווייל צום האַלטן אָרדנונג אין שטאָט און אין גאַנצן באַצירק איז געווען די זשאַנדאַרמעריע, וואָס האָט אויסגעפירט איר פליכט אין נאָמען פון דער רעגירונג — נישט אין נאָמען פונם מאַגיסטראַט. זיי האָבן געפירט אויספאָרשונגען אין פאַל פון אַ גניבה, אָדער אַ שלעגעריי, אָדער גאָר אַ מאָרד, אַרעסטירט די באַשולדיקטע, צוגעגרייט די אָנקלאַגע און דערלאַנגט זי צום געריכט, און אַזוי ווייטער. זיי זענען געווען די אויפזעער וועגן אָפּהיטן די ריינקייט אין די געשעפטן, אין די שענקען און אין די יאַטקעס, און זיי האָבן

אויך אָפּגעהיט, יידן זאָלן האַלטן די קראָמען פאַרמאַכט אום זונטיק.

אַ „ראַפּאָרט" פון אַ זשאַנדאַרם האָט געוויינלעך „געשמעקט" מיט אַ שטראָף פון צען ביז צוואַנציק קראָנען. אָבער מען האָט אויך געקאָנט די שטראָף „אָפּזיצן" — פאַר יעדע פינף קראָנען איין טאָג זיצן. אין דעם פאַל איז מען געגאַנגען זיצן פרייטיק פאַרנאַכט, און דאָס איז גערעכנט געוואָרן פאַר אַ טאָג; שבת און זונטיק זענען ווידער געווען צוויי טעג, און אַזויאַרום איז מען „אָפּגעזעסן" די שטראָף נישט פאַרלירענדיק קיין אַרבעט־טעג.

יידישע אינסטיטוציעס

ח. די שיהל און די קלויזן

אַזוי ווי אין אַלע שטעט האָבן אויך ביי אונדז די יידן געהאַט זייער אייגענע שטאָט־פאַרוואַלטונג — די קהילה, וואָס האָט געזאָרגט פאַר די כלל־ענינים פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווי אויפהאַלטן רבנים און דיינים, שוחטים און חזנים, אַ שיהל — און, להבדיל, אַ באָד און אַ מקווה.

דעם האָראָדענקער רב, ר' אלימלך אַשכנזי, געדענק איך נאָך גאַנץ גוט. ער האָט געדאַוונט אין בית־המדרש, און דאָרט האָט אויך געדאַוונט זיין איידעם חיימל שניצער. יום־כיפור צו „כל־נדרי" פלעגן יידן קומען פון אַנדערע קלויזן הערן דעם רב דאַוונען, און ווער ס'האָט אים געהערט זאָגן פאַר „כל נדרי": „על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה", וועט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

הרב אַשכנזי האָט נישט געהאַט קיין זין, בלויז ביין טעכטער. זיין איידעם חיימל שניצער איז געווען אַ גרויסער לערנער, און מ'האָט אים גערופן „חיימל דעם רב'ס". חיימלס פאָטער, מרדכי שניצער, האָט געהאַט אַ געשעפט פון אייזנוואַרג, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון זיין ייִנגערן זון שמחה שניצער.

די גרויסע שיהל איז געשטאַנען נישט ווייט פונם בית־המדרש, און אין שכנות זענען געווען פאַרשידענע חסידישע קלויזן, די יאַטקע, דאָס באָד און די מקווה.

די שיהל איז געווען אַ ריזיקע, הויכע געביידע פון ציגל. פון דרויסן זענען די ציגל געווען נישט פאַרפוצט, און די שיהל האָט איבערדעם אויסגעזען גרוי און פאַרעלטערט. דער אַריינגאַנג איז געווען דורך אַ גרויסן טויער, וואָס האָט געפירט אין אַ פאָרהויז מיט „פולישן" פון ביידע זייטן. די שיהל איז יאָרנלאַנג געווען אָן אַ סטעליע; דער דאַך איז געווען געשטיצט אויף לאַנגע, דיקע באַלקן, פון וועלכע עס האָבן אַראָפּגעהאָנגען די מעשענע הענגלייכטער. פונדעסטוועגן האָט די גרויסע געביידע, מיטן ארון־קודש איז מזרח און דעם באַלעמער אין מיטן, געמאַכט אַ גראַנדיעזן איינדרוק.

אין דער גרויסער שיהל האָבן מייסטענס געדאַוונט יונגוואַרג און סתם בעלי־בתים, וואָס זענען נישט געווען קיין חסידים פון דער אָדער יענעם רבין. דאָרט האָט מען געקאָנט הערן אַ חזן דאַוונען, און דאָך אַהיימגיין פריער ווי פונם בית־המדרש אָדער פון די קלויזן, וואו מען האָט געדאַוונט פאַמעלעך און מיט גרויס כוונה.

אין דער גרויסער שיהל האָט געדאַוונט דער שטאָט־חזן יוסי. זיין פאַמיליען־נאָמען איז געווען שאַפּירא, אָבער גערופן האָט מען אים געוויינלעך: יוסי חזן. ער האָט געהאַט אַ שיינע שטימע, און צו ימים־נוראים פלעגט ער איינשטודירן אַן אייגענעם כאָר פון משוררים. אַ גרויסע צאָל פון זיינע משוררים זענען ביסלעכווייז אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, ווי אברהם פייער, משה דאָלינגער, ברוך־איציק שפּירער, אַנטשעל מעלצער, יוסף דאָלינגער, אלי און שלמה הוס און אברהם בערקאָווער.

דער בעל־קורא אין דער גרויסער שיהל איז געווען שלום־הערש פינק. ער האָט געהאַט אַ זיסע, שטאַרקע שטימע, וועלכע מען האָט געקאָנט הערן אין ווייטעסטן ווינקל פון דער גרויסער שיהל. זיין אויסרעדן יעדעס וואָרט מיטן טראָפּ איז געווען אַ מחיה צו הערן.

אין דער צווייטער זייט פון דער שיהל האָבן טרעפלעך אַרויפגעפירט צו דער ווייבערישער שיהל. די מערסטע פרויען האָבן נישט געקענט דאַוונען, און זיי האָבן געשלונגען יעדע תפילה און תחינה, וואָס די „פאָרזאָגערינס" האָבן זיי דראַמאַטיש פאָרגעלייענט.

בשעת דעם דאַוונען אין וואָכנטעג איז די גרויסע שיהל געווען כמעט ליידיק, ווייל פאַר קליינע מנינים איז געווען באַקוועמער צו דאַוונען אין די פולשן. אויך שבת איז זי נישט געווען פול. דערפאַר אָבער איז די שיהל געווען איבערפולט ווען ס'איז געקומען אין שטאָט אַריין אַ דרשן, אין אַ שבת אָדער אין מיטן וואָך. אין שיהל האָט מען אויך יעדעס יאָר אָפּגעהאַלטן די פייערלעכע תפילה לכבוד דער קרוינונג פון קייזער פראַנץ יאָזעף, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די יידישע תלמידים פון אַלע שולן און כמעט אַלע יידישע איינוואוינער פון דער שטאָט.

אַ חוץ דער גרויסער שיהל און דעם בית־המדרש, וואו די מתפללים זענען געוויינלעך געווען נישט קיין חסידים, איז געווען אין שטאָט אַ גרויסע צאָל קלויזן פאַר פאַרשידענע חסידים: טשאָרטקאָווער, קאָפּיטשיניצער, וויזשניצער, קאָסאָווער, און אַפילו די שאָצער רביצין האָט געהאַט אירע חסידים. טשאָרטקאָווער קלויזן איז געווען צוויי — אַן אַלטע און אַ נייע. אויסערדעם איז געווען די סטאָליאַרישע קלויז, דאָס „קינסקי קלייזל", וואו ס'האָבן געדאַוונט ס'רוב בעלי־עגלות, און אַ גרויסע צאָל קלייזלעך און מניינים אין פאַרשידענע טיילן פון דער שטאָט. אין די גרעסערע קלויזן האָט מען אַלעמאָל געקאָנט טרעפן אַפּאָר בחורים, אָדער יונגעלייט אויף קעסט, זיצן און לערנען. בכלל איז האָראָדענקע געווען אַ חסידיש שטעטל, און דער באַזוך פון אַ רבין איז געווען אַן ערייגניש אין שטאָט. די חסידים האָבן אָפּגעוואַרט זייער רבין ביי דער באַן און געפירט אים אין שטאָט אַריין מיט מוזיק, און גליקלעך האָט זיך געפילט דער חסיד וואָס האָט געהאַט די זכיה, אז דער רבי זאָל ביי אים איינשטיין.

האָראָדענקע האָט אויך געהאַט אַן אייגענעם רבי, ר' מעכאַלע האַגער, איינער פון די דריי ברידער פון דער וויזשניצער דינאַסטיע. די חסידים האָבן פאַר אים אָפּגעקויפט אַ גרויסע שיינע געביידע אויפן זאַלישטשיקער וועג, אין

שכנות פון דעם באַראָן הירש־שול, וואָס האָט געהערט צו אַ פּוילישן בעאַמטן מיטן נאָמען צוליף. ביים הויז איז געווען אַ גרויסער פּאַרק מיט אַלייען, בלומען און פרוכטבוימער, און אפילו אַ שטאַל פאַר אַ פּאָר פערד מיט אַ קאַרעטע.

ט. חברה „ביקור חולים" און „חברה קדישא"

ווי אין אַסך שטעט איז אויך אין האָראָדענקע געווען אַ חברה „ביקור חולים" און אַ „חברה קדישא". די חברה „ביקור חולים" האָט געהאַט אירע סטאַבילע מיטגלידער אין שטאָט, וואָס האָבן געצאָלט חודשלעך אָדער יערלעך. פון צייט צו צייט פלעגן צוויי גבאים זיך אַרויסלאָזן איבער דער שטאָט אויפמאָנען דאָס געלט ביי די מיטגלידער, און דערפון האָט מען געשטיצט אָרעמע קראַנקע און געגעבן זיי די מעגלעכקייט זיך צו היילן.

אין שטאָט איז געווען אַ שפּיטאָל, אַ לאַנגע אַלטע געביידע, וואָס איז געשטאַנען אויף די סקאַלעס ביים טייכל. דאָס שפּיטאָל איז פאַרוואַלטעט געוואָרן פון קאַטאָלישע מנישקעס אונטער דער אויפזיכט פונם קרייז־פיזיקוס, דאָס הייסט פונם אָפיציעלן רעגירונגס־דאָקטאָר. קורץ פאַר מיין אַוועקפאָרן איז אויסגעבויט געוואָרן אויף דער טאָלעקע, ביים וועג קיין זאַלישטשיק, אַ נייע מאָדערנע געביידע פאַרן שפּיטאָל, וואוהין מען האָט איבערגעטראָגן דאָס אַלטע שפּיטאָל. אויסער דעם פיזיקוס זענען געווען אין שטאָט דריי דאָקטוירים: דער אַלטער דאָקטאָר ראָשקאַ, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען בירגערמייסטער, דאָקטאָר ציעפּאַנאָווסקי, און דער יידישער דאָקטאָר קאַנאַפּאַס. צו לייכטערע קרענקן האָט מען גערופן שמשון רופא, וואָס האָט געקענט שטעלן באַנקעס און פּיאַווקעס און „האָט פאַרשטאַנען אַ קרענק". אין שטאָט איז אויך געווען אַ טיראַרצט אַ ייד, דאָקטאָר באַך.

די חברה „ביקור חולים" פלעגט אָפּהאַלטן וואַלן יעדעס יאָר חול המועד סוכות, און אויסוויילן די אָנפירער, אָדער „בוררים", ווי מען האָט זיי גערופן. דעם ערשטן שבת נאָך סוכות האָט מען אָפּגעהאַלטן אַ „קידוש" אין הויז פונם אויסגעוויילטן „בורר ראשון". דער שבת נאָך סוכות איז געווען דער שבת פון „ביקור חולים". חול המועד פסח פלעגט מען זיך צונויפקומען אין פּוליש פון דער גרויסער שיהל צו טרינקען וויין און קנאַקן ניס.

איז, רחמנא ליצלן, עמיצער געשטאָרבן, האָט מען געמוזט אָנקומען צו דער „חברה קדישא". די חברה קדישא־לייט האָבן מטהר געווען דעם מת (געווען דאַרונטער פרויען, וואָס האָבן דאָס רעכט געטאָן צו פאַרשטאָרבענע פרויען), האָבן געטראָגן די מיטה צום הייליקן אָרט, אויסגעגראָבן דעם קבר און געבראַכט דעם נפטר צו קבר ישראל. פאַר אָרעמע לייט האָבן זיי דאָס געטאָן אָן געלט אָדער פאַר גאָר אַ קליינעם אָפּצאָל, דערפאַר אָבער אַז ס'איז געשטאָרבן אַ גביר — „אַ פעט מת", ווי זיי פלעגן דאָס רופן — האָט מען ביי די קרובים פאַרלאַנגט „אַ מנה יפה", אַ גרויסע סומע, און קיינער האָט זיך פון זיי נישט געקאָנט אַרויסדרייען.

די חברה קדישא פלעגט אָפּהאַלטן וואַלן איין מאָל אין יאָר און פאַראַנשטאַלטן אַ קידוש דעם ערשטן שבת נאָך פסח. דאָס איז געווען זייער שבת אין דער גרויסער שיהל. אַסך יידן האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ מצווה און אַ כבוד צו זיין אַ מיטגליד אין דער חברה קדישא.

י. דאָס שוויץ־באָד

דאָס שטאָטישע באָד איז געווען אַן אינסטיטוציע פאַר זיך. פרייטיק נאָכמיטאָג פלעגן זיך די יידן, באַגלייט פון זייערע ייִנגלעך, אַוועקלאָזן אין שוויץ אַריין, אויסבאָדן די מידע גלידער פונם שטויב און שוויס פון דער גאַנצער וואָך. און גייענדיק צוריק פונם באָד — ווער האָט זיך געקאָנט צו זיי גלייכן! זייערע פּנימער האָבן זיך גערויטלט און געלויכטן ווי די פאַרגייענדיקע זון.

אינווייניק אין שוויץ־באָד איז געווען אַ וועלט פאַר זיך. פון די אייבערשטע בענק האָבן זיך געהערט קולות: „נאָך אַ שעפּעלע, נאָך אַ שעפּעלע" — דאָס האָט מען פאַרלאַנגט צו גיסן נאָך וואַסער אויף די הייסע שטיינער, די פּאַרע זאָל אַרויפגיין, דערצו האָט מען געשמיסן מיט בעזעמלעך און געקנעטן די הייס־צעפּלאַמטע קערפּערס. אין יעדן באָד איז אויך געווען אַ מקווה, וואו מען האָט זיך געטובלט נאָכן שוויץ. פרומע יידן פלעגן זיך טובלען אויך שבת פאַרן דאַווענען, זומער און ווינטער.

חוץ דעם שטאָטישן באָד איז געווען דאָס פּריוואַטע באָד פון אלי־יוסף שפּירער. זומער פלעגט מען גיין זיך באָדן צום גיפּס־מילעכל, צו „די רעדער", צו דער גרויסער מיל, און אַמאָל אויך צו סאָביקס טייך. אייניקע זענען געגאַנגען זיך אָפּקילן אין פרישן וואַסער פון דער „טשערוואָנע".

איך מוז ליידער דערמאָנען, אַז אין האָראָדענקער שוויץ־באָד איז געשען אַ טראַגישער אומגליק. דעם 27־טן יאַנואַר 1931 האָט די האָראָדענקער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער קעסל פונם שוויץ־באָד האָט עקספּלאָדירט און אייניקע מענטשן זענען אומגעקומען. מיר האָבן באַלד גערופן אַ טרויער־פאַרזאַמלונג אין דער האָראָדענקער שיהל, וואו רבנים און עטלעכע פון אונדזערע מיטגלידער האָבן מספּיד געווען די קרבנות. מיר האָבן אויך איבערגעשיקט קיין האָראָדענקע אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער מיר האָבן געטאַדעלט די אָנפירער פון דער יידישער קהילה פאַן זייער נאַכלעסיקייט.

האָראָדענקער שולן

יא. די באַראָן הירש־שול

די באַראָן הירש שול איז געווען אַ פיר־קלאַסיקע שול פאַן ייִנגלעך. זי איז געשטאַנען, ווי אַלע שולן, אונטער דער אויפזיכט פון דער בילדונגס־אָפּטיילונג פון דער רעגירונג, אָבער זי איז געווען באַשטימט בלויז פאַר יידישע ייִנגלעך. אין דער שול האָבן די קינדער באַקומען די ביכער געליען, אָן געלט, און אָרימע קינדער האָבן אויך באַקומען אַ געקאָכטן מאָלצייט פאַרן אַהיימגיין. פאַרן ווינטער האָבן זיי באַקומען מאַנטעלעך און שטיוועלעך, און אויף פסח אַנציגלעך, העמדער, קאַשקעטלעך און נאָז־טיכלעך.

די באַראָן הירש־שול האָט זיך געפונען אין אַ געביידע

ביי זאַלישטשיקער וועג, באַלד נאָכן רבינס הויף. דאָרט האָט אויך דער דירעקטאָר געהאַט זיין וואוינונג. דער ערשטער דירעקטאָר האָט געהייסן בערלעס, און די לערער זענען געווען מאַלער, כאָמיידעס, קוזמאַן, כהנא און נאָרד, וועלכער איז געווען יענקל פייערס איידעם. שפּעטער איז מאָזלער געוואָרן דער דירעקטאָר. דער לערער פון העברעאיש איז געווען זיינוול וויזעלבערג, און ער איז אויך געווען דער שטרענגסטער לערער; ביי דער מינדעסטער געלעגנהייט האָט ער באַנוצט זיין יאַמשאָוון שטעקעלע.

יב. די „גויישע" שולן

די שול וועלכע די יידן האָבן גערופן „די גויישע שול" איז געווען אַ זעקס־קלאַסיקע רעגירונגס־שול פאַר קריסטלעכע און יידישע יינגלעך. דאָ האָט נאַטירלעך געהערשט די פּוילישע שפּראַך, אָבער מען האָט אויך געלערנט אוקראַאיניש און דייטש. דאָ זענען געווען דריי לערער פאַר „רעליגיע": פאַר די פּוילישע קינדער — דער פּוילישער גלח, פאַר די אוקראַאינישע קינדער — דער אוקראַאינישער גלח, און פאַר יידישע קינדער — אַ יידישער לערער מיטן נאָמען דרעטלער. דער דירעקטאָר איז געווען סעראַפּין, אַ קליינטשיקער קרומער פּאָליאַק, און פון די לערער געדענק איך צוויי — לאַזינסקי און קאַזאַנקעוויטש.

אַ טייל יידישע קינדער זענען געפאָרן פאָרזעצן זייער שטודיום אין דער לעמבערגער רעאַלשול, אין דער קאָלאָמייער גימנאַזיע אָדער אין זאַלישטשיקער לערער־סעמינאַר. שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרן אין שטאָט אַ פּוילישע גימנאַזיע וואו אַסך יידישע קינדער האָבן געלערנט.

פאַר מיידלעך איז געווען אַ באַזונדערע זעקס־קלאַסיקע רעגירונגס־שול מיט אַן ענלעכן פּראָגראַם ווי די שול פאַר יינגלעך. אַ טייל מיידלעך האָבן ווייטער שטודירט אין פּוילישן סעמינאַר אין זאַלישטשיק אָדער אין אוקראַאינישן סעמינאַר אין קאָלאָמיי און האָבן אויסשטודירט אויף לערערינס, ווי למשל רויזע יורמאַן, פאַרהייראַט מאָרגענשטערן, חנה שפּירער, פאַרהייראַט דופלער, און פייגע ווילדמאַן, די פרוי פון ברוך איציק שפּירער. אַלע דריי וואוינען אין אַמעריקע און זענען מיטגלידער פונם האָראָדענקער פאַראיין.

די אַקערבוי שול איז געווען נישט ווייט פונם באַראָנס הויף. דאָרט האָבן געלערנט בלויז יינגלעך, בעיקר קריסטן. אין דער געגנט זענען אַסך יידן געווען באַשעפטיקט ווי פאַרוואַלטער און עקאָנאָמען ביי יידישע און נישט־יידישע גוטסבאַזיצער, אָבער אין דער אַקערבוי שול האָבן יידן כמעט נישט געלערנט.

האָראָדענקער טיפּן

א. דער מכניס־אורח

הערש דאָלינגער איז געווען אַ גוטער מענער־שניידער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן ווערקשטאַט. אַחוץ זיין ברודער פישל און זיינע פיר זין און דריי טעכטער, האָבן ביי אים געאַרבעט אַ פּאָר געזעלן און לערנייינגלעך, וואָס אַ טייל פון זיי זענען געקומען פון די אַרומיקע דערפער און האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי אים אין הויז. די משפחה האָט פאַרנומען אַ גרויסע וואוינונג פאַר זיך און די געזעלן.

דערצו איז הערש דאָלינגער געווען אַ גרויסער מכניס־אורח. יעדן שבת צו דער סעודה פלעגט ער פאַרבעטן זעקס ביז אַכט אורחים, און ער פלעגט זאָגן אַז אָן אַן אורח אויף שבת פילט ער נישט קיין עונג שבת. אָפט פלעגט ער פאַרבעטן צו זיך אַ רבין, וואָס איז געקומען אין שטאָט אויף שבת.

זיינע פיר זין און דריי טעכטער מיט זיין פרוי זענען שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע, וואו זיין פרוי און זיין זון משה זענען געשטאָרבן.

ב. אַ וואַרם יידיש האַרץ

אַן אינטערעסאַנטער טיפּ איז געווען הערש ווייסבערג — אַ מענטש מיט אַ וואַרם האַרץ פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן. עס קאָן זיין, אַז געקומען איז עס דערפון וואָס ער האָט אין זיין לעבן אַזויפיל נויט צוגעזען. געאַרבעט האָט ער ביי דער רעגירונג אין פאַרשידענע שטעלעס: קודם איז ער געווען אַ סעקוועסטראַטאָר, וואָס האָט איינגעמאָנט די שטייערן; דערנאָך איז ער געווען קערקערמייסטער אין דעם קרימינאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין הויף פונם געריכטס־הויז; צום סוף איז ער געווען צאָל־מייסטער, וואָס האָט יעדן ערשטן אויסגעצאָלט דאָס געהאַלט די רעגירונגס־באַאַמטע.

כאָטש ער האָט געאַרבעט פאַר דער רעגירונג, איז ער געווען אַ שומר שבת אין פולן זין פונם וואָרט. געדאַוונט האָט ער אין דער גרויסער שיהל.

ג. דודיע זעלנער

דודיע זעלנער איז געווען דער שטאָט־שמש און דער שמש פון דער חברה קדישא. אַלס שטאָט־שמש פלעגט ער יעדן פרימאָרגן קלאַפּן אין טירן און פענצטער און וועקן און רופן דעם עולם אין שיהל אַריין מיט אַ ניגון: „שטייט אויף לעבודת הבורא". ער פלעגט אַלעמאָל וועקן מיט דריי קלעפּ, אָבער ווען ס'איז געווע אַ מת אין שטאָט האָט ער געגעבן בלויז צוויי קלעפּ — האָט מען שוין געוואוסט, אַז אין דעם טאָג וועט זיין אַ לוויה.

אַלס שמש פון דער חברה קדישא פלעגט דודיע זעלנער ברענגען די מיטה און דעם קאַסטן צום הויז פונם נפטר, און בכלל זיך מתעסק געווען ביי דער לוויה. דעם צונאָמען „זעלנער" האָט ער באַקומען דערפון וואָס ער איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ זעלנער. פון יענער צייט זענען אים פאַרבליבן אַפּאָר מעדאַלן, וועלכע ער האָט אַלעמאָל געטראָגן אויף זיין ברוסט, און אַלעמאָל געפּוצט זיי זאָלן בלאַנקען און בלישטשען ווי נייַ.

בילדער פון דער אַמאָליקער היים

א. מצה באַקן

מצה באַקן איז געווען אַן אינדוסטריע, וואָס האָט געדויערט גאַנצע פינף ביז זעקס וואָכן פאַר פּסח, און ס'זענען געווען אַפּאָר משפּחות, וועלכע האָבן געהאַט אַ „חזקה" און יעדעס יאָר זיך דערמיט אָפּגעגעבן.

דער „יריד“ צום דינגען הענט צו דער אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן צוויי־דריי וואָכן פריער. יעדע בעקעריי האָט געדאַרפט אַ קנעטער, אַכט אָדער צען וואַלגערערס, אַ שטיפּלער צום רעדלען די מצות מיט אַ ציינרעדעלע, אַ מעל־יינגל און אַ וואַסער־יינגל, צום דערלאַנגען מאָסן מעל און וואַסער, און דער עיקר — אַ גוטן און געניטן „שיבער“. יעדע בעקעריי האָט, פאַרשטייט זיך, געזוכט צו באַקומען די בעסטע אַרבעטער און נישט צו באַצאָלן צופיל פאַר דער אַרבעט.

קוים האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט, איז זי געגאַנגען מיטן גאַנצן אימפּעט — זעקס טעג אין וואָך און אַכצען שעה אין טאָג. אַ טייל בעלי־בתים אָדער באַלעבאָסטעס פלעגן קומען אין דער מצה בעקעריי, צו שטיין דערביי ווי מען באַקט זייערע מצות, און פלעגן אויך איבערלאָזן „טרינקגעלט“ פאַר די אַרבעטער.

אין יאָר 1900 האָט אַ ייד פון דער טאַלעקע, הערשל סימעס, אַריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציע אין דעם פאַך. ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ מאַשין צו וואַלגערן און שניידן די מצות, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פירעקיקע מצות אַנשטאָט רונדע. דער אויוון איז אויך געווען אַנדערש — אָפן פון ביידע זייטן, פון איין זייט האָט דער שיבער אַריינגערוקט די מצות, און פון דער אַנדערער זייט האָט אַ צווייטער שיבער אַרויסגענומען די פאַרטיק־געבאַקענע מצות.

די אַנדערע מצה־בעקער האָבן געזוכט אַ סיבה צו אַסרן די מאַשין־מצות, אָבער דער רב האָט אונטערזוכט די מאַשינעריע און דעם גאַנצן פּראָצעס פון באַקן, און האָט דערקלערט אַז די מצות זענען כשר.

ב. יידישע חתונות

די יידישע חתונות אין שטעטל זענען געווען שיין, אינטערעסאַנט און איינדרוקספול. שבת פאַר דער חתונה איז געווען אַ „פאַרשפּיל“, און מ'האָט געפירט דעם חתן אין שיהל אַריין צום אויפרופן. דער חתן האָט געוויינלעך באַקומען „מפטיר“, אָבער אויב ער איז געווען „שוואַך אויף דער עברי“, איז עס פאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש. נאָכן דאַווענען האָט דער כלהס פאָטער פאַרבעטן אַלעמען צו זיך אויף קידוש.

די צערעמאָניע פון „באַזעצן די כלה“ איז געווען אַ טרויעריקע. דער „בדחן“ האָט גענומען „באַזינגען“ די כלה, און זי האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, ספּעציעל ווען זי איז געווען אַ יתומה. דערנאָך איז דער חתן געקומען באַדעקן די כלה מיטן שלייער.

די חופה איז געשטעלט געוואָרן אונטערן פרייען הימל. בשעת דער חופה האָט מען די כלה אַרומגעדרייט אַרום דעם חתן, און זי האָט זיך געסטאַרעט אים אָנצוטרעטן אויף אַ פוס — אַ סגולה זי זאָל האָבן ביי אים אַ גוטע דאָליע. נאָכדעם ווי דער רב האָט מסדר־קידושין געווען און געענדיקט די ברכות, און דער חתן האָט צעבראָכן דאָס גלעזל, האָבן זיך די מוזיקאַנטן צעלאָזט מיט זייערע אינסטרומענטן און געשפּילט „אַ פריילעכס“, און טאַנצענדיק און פליעסקענדיק האָט מען דאָס פאָרפאָלק געפירט צו דער סעודה. נאָך דער סעודה האָט מען גערופן „דרשה־געשאַנק“, און דערנאָך פאַרענדיק דעם אָוונט מיט טאַנץ און מוזיק. געוויינלעך פלעגן די מוזיקאַנטן קריגן באַזונדער באַצאָלט פאַרן מזל־טוב אָפּשפּילן און פאַר די טענץ.

האָראָדענקע האָט פאַרמאָגט אַ יידישע מוזיק־קאַפּעלע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט קלמן ראָזענקראַנץ (קלמן „קופקע“) און זיין זון הערש־קאָפּל אַלס פידל־שפּילער, מענדל אויספּרעסער אַלס פלייט־שפּילער, און דריי ברידער גוטמאַן, פון וועלכע אהרן האָט געשפּילט די צווייטע פידל, יענקל אויפן באַס און לייבציע (דער קרומער) אויף די טאַצן. די צוויי ברידער גלאַזמאַן, זיידע און וואָלף, זענען געווען ערנסטע מוזיקער, טאַקע קינסטלער אין פאַך, וואָס פלעגן אָפט פאָרן קיין אַמעריקע דאָרט פּראַקטיצירן און זיך אויסבילדן, און נאָך אַ צייט ווידער צוריקקומען קיין האָראָדענקע, וואו זיי האָבן אויך געגעבן מוזיקשטונדן פאַר תלמידים. זיידע גלאַזמאַן איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, און אויך אייזיק כליזמר פון סעמאַקאָוויץ איז דאָ געשטאָרבן.

ג. חליצה

אַלס קליינער יינגל — איך האָב דעמאָלט געלערנט ביי אַברהמעלע איציק־אַליס — האָבן מיר יינגלעך געהערט, אַז עס גייט פאָרקומען עפּעס וואָס איז נישט פאָרגעקומען זייט לאַנגע יאָרן — אַ בחור גייט געבן „חליצה“. עס האָט זיך געטומלט אין שטעטל, וואו עס זענען געשטאַנען עטלעכע מענטשן האָט מען באַלד אָנגעהויבן רעדן וועגן דער „חליצה“.

וואָס איז דאָס אַזוינס „חליצה“? ווען אַ יונגערמאַן שטאַרבט און לאָזט נישט איבער קיין קינדער, דאַרף זיין ברודער — אויב ער איז נאָך נישט פאַרהייראַט — חתונה האָבן מיט דער אלמנה. אויב אָבער ער וויל מיט איר נישט חתונה האָבן, דאַרף ער איר געבן חליצה; אָן חליצה טאָר די אלמנה קיינמאָל מיט קיינעם נישט חתונה האָבן. נישט איינמאָל האָט אַזאַ בחור פאַרלאַנגט און אויך באַקומען אַ געוויסע סומע געלט פון דער אלמנה פאַר געבן איר חליצה.

און וואָס באַשטייט די צערעמאָניע פון „חליצה“? דער בית־דין קומט זיך צונויף מיט אַ מנין יידן. דער שמש ברענגט דאָס טהרה־ברעט, דערנאָך הענגט מען אויף אַ ווייס ליילעך, פאַר אַ מחיצה צווישן דעם מת און די לעבעדיקע, און דער בית־דין פרעגט דעם ברודער פונם פאַרשטאָרבענעם, צי איז ער מסכים חתונה צו האָבן מיט דער אלמנה. אויב ער וויל נישט, דאַרף ער אָנטאָן אַ ספּעציעלן שוך מיט רצועות אויף זיין רעכטן פוס, און זי דאַרף אים דעם שוך אויסטאָן און שפּייען פאַר אים דריי מאָל. דערנאָך גיט דער בית־דין אַרויס אַ פסק־דין, אַז די אלמנה איז פריי חתונה צו האָבן מיט וועמען זי וויל.

דער דאָזיקער פאַל איז פאָרגעקומען ווען דער עלטערער זון פון שיקל קוועשטער (שיקל סטאָליער), וואָס איז געווען פאַרהייראַט מיט שימעלע קצבס טאָכטער, איז נאָך אַ קורצער צייט געשטאָרבן, און זיין יינגערער ברודער האָט דער אלמנה געגעבן „חליצה“. איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

שלום קירשנער

די האָראָדענקער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע

א. די ערשטע אויסוואַנדערער

ווען עס האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען וועגן אַ נייעם, ווייטן לאַנד, וואו מען שאַרט גאָלד אין די גאַסן, האָט זיך אַ גרופּע יונגעלייט אָנגענומען מיט מוט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, זוכן דאָס גאָלדענע לאַנד. די ערשטע גרופּע איז באַשטאַנען פון די פאָלגענדע האָראָדענקער: צוויי ברידער יעקב און נוח רייף, דריי ברידער איציק־שואל, אהרן־יוסף און גרשון דופלער, לייב מעלצער, אברמל שנייער, משה־מאַנעס נייגיסער, הערש קירשנער, הערש פידלער, מאָריס רעסלער, אַנטשל גריידינגער, יהודה־יוסף לעכנער, הערש קינדער־לערער, נוח בערגמאַן, נעכע־לאה די באָבע (בראָנשטיין). און יהודה־שאול גלאָגער. זיי האָבן געלאַנדעט אין ניו־יאָרק אין יאָר 1889.

זיי האָבן אין דעם נייעם לאַנד קיין האָניק נישט געלעקט. אייניקע זענען געוואָרן פּעדלערס, און מערסטענס זענען זיי געוואָרן קירזשנערס (פאָריערס). אַלע האָבן זיך געהאַלטן אינאיינעם, געוואוינט ביי נעכע־לאהן, און געהאָפט אָפּצושפּאָרן אַפּאָר הונדערט דאָלאַר און זיך אומקערן צוריק קיין האָראָדענקע, זיך צושלאָגן דאָרט צו אַן אייגען געוועלב, אַן אייגענעם וואַרשטאַט, און זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. דאָס איז דעמאָלט געווען דער חלום פון יעדן עמיגראַנט.

עטלעכע פון זיי האָבן טאַקע פאַרווירקלעכט זייער חלום, און נאָך אַפּאָר יאָר אַרבעט אין ניו־יאָרק האָבן זיי זיך אומגעקערט צו זייערע פאַמיליעס און פאַרבליבן אין האָראָדענקע. אַ טייל פון זיי זענען נאָך אַ קורצער צייט צוריקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, נאָכדעם ווי זיי האָבן געפּטרט די פּאָר דאָלאַר און זיך איבערצייגט אַז אין האָראָדענקע האָבן זיי נישט קיין מעגלעכקייט צו עקזיסטירן.

ביסלעכווייז זענען מער און מער יונגעלייט, געטריבן פון די עקאָנאָמישע אומשטענדן, געקומען קיין ניו־יאָרק. דאָס עלענדע לעבן אין דער פרעמד, ווייט פון טאַטע־מאַמע, פון פרויען און קינדער, פון קרובים און פריינד, האָט די אימיגראַנטן געצוואונגען זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ לאַנדסמאַנשאַפטלעכן פאַראיין. אַזוי איז אין יאָר 1895 געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער האָראָדענקער קראַנקן־אונטערשטיצונגס־פאַראיין, וועלכער האָט געפייערט דעם 65־טן יובילייי אין נאָוועמבער 1960.

ב. דער ערשטער פאַראיין

דער צוועק פון דעם פאַראיין איז געווען אַ פילפאַכיקער: צו טרעפן זיך אָפט ווי נאָר מעגלעך ביי פאַרזאַמלונגען; זיך געבן קעגנזייטיקע הילף אין צייט פון קראַנקהייט און נויט; און אויב עמיצער שטאַרבט, חלילה, פאַרזאָרגן אים אַ קרקע און מאַכן אַ לוויה. אַזויווי אַלע האָבן דעמאָלט געוואוינט אין ניו־יאָרק אין שכנותדיקע גאַסן, האָבן זיי זיך געמאַכט אַן אייגן שילעכל מיט אַ מנין פאַר שבתים און ימים־טובים, וואו אַלץ האָט זיך געפירט לויטן האָראָדענקער שטייגער: מען האָט ליציטירט די עליות, געקויפט שלישי, שישי און מפטיר, און שמחת־תורה איז דער לאָקאַל געווען געפּאַקט מיט מענער, פרויען און קינדער, מיט פאָנען מיט ליכטלעך און רויטע עפּעלעך, און די פּנימער פון די קינדער האָבן געפלאַמט ווי די רויטע עפּעלעך. מען האָט פאַרקויפט „אתה הראית", געפּראַוועט „הקפות" און דערנאָך געקויפט אַ פעסל ביר און זיך געלאָזט וואוילגיין. און אַז גאָט האָט געהאָלפן און אַ לאַנדסמאַן האָט זיך פאַרגליסט צו „שרייבן" אַ ספר־תורה — דאַן איז שוין געווען גאָר יום־טובדיק. באַגלייט פון מוזיק האָט מען געטראָגן די ספר־תורה אונטער אַ חופה איבער די ניו־יאָרקער גאַסן אין דער האָראָדענקער שיהל אַריין, און דאָרט האָט מען פאַרקויפט „אותיות" צו פאַרענדיקן די ספר־תורה, און מכבד געווען דעם עולם מיט שנאַפּס, לעקעך און ביר.

די פאַרזאַמלונגען פונם פאַראיין זענען פאָרגעקומען צווייִמאָל אין חודש, און די לאַנדסלייט פלעגן קומען זיך טרעפן און הערן נייעס פון האָראָדענקע. וואַלן פלעגן פאָרקומען צווייִמאָל אַ יאָר, און די „פּאָליטיק" אַרום די וואַלן האָט נישט איינמאָל געבראַכט צו קריגערייען.

דער פאַראיין האָט אין די יאָרן פון זיין עקזיסטענץ זייער אַסך אויפגעטאָן, קודם כל פאַר די האָראָדענקער וואָס זענען שפּעטער אַריבערגעקומען. זיי האָבן זיך שוין נישט געפילט אַזוי עלענד ווי די ערשטע אימיגראַנטן, זיי זענען געקומען צו אייגענע, וואָס האָבן זיי פאַרזאָרגט מיט אַ וואוינונג און מיט אַרבעט.

אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אויסערדעם געווען אין ניו־יאָרק צוויי פלעצער וואו האָראָדענקער האָבן זיך געטראָפן. שעיה קירשנער, מאיר אָליניקס זון, מיט זיין פרוי גאָלדע אהרן־איציקס, האָבן געהאַט אַ רעסטאָראַן אין האַרץ פון דער יידישער גאַס, אויף ריווינגטאָן סטריט. אַהין פלעגן קומען עסן די לאַנדסלייט וואָס זענען געווען נישט פאַרהייראַט, אָדער האָבן געהאַט זייערע משפחות אין האָראָדענקע. זונטיק פלעגן קומען אַהין אויך משפחות מיט פרויען און קינדער, צו עסן אַ גוט געבראָטענעם סטייק, פאַרטרינקען אַ קאַלט גלאָז ביר און הערן די לעצטע נייעס פון האָראָדענקע. דער צווייטער פּלאַץ איז געווען ביי אונדזער לאַנדסמאַן מענדל דאָלינגער, וואָס האָט געהאַט אויף ריווינגטאָן סטריט אַ געלט־קאָנטור און אַן אַגענטור פון שיפסקאַרטן. אויך דאָרט האָט מען אַלעמאָל געקאָנט הערן די לעצטע נייעס פון אונדזער שטאָט.

צווייִמאָל איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו אָפּצורייסן אַ טייל פון אונדזערע מיטגלידער צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דאָס ערשטע מאָל איז געווען אין דער צייט פונם דרייפוס פּראָצעס, ווען די גאַנצע וועלט איז געווען באַגייסטערט פונם מוטיקן אַרויסטריט פון עמיל זאָלאַ. אַ גרופּע האָראָדענקער יונגעלייט האָט דאַן געגרינדעט אַן „עמיל זאָלא פאַראיין", אַבער דער



הוועדה המכינה את חגיגות היובל במלאת 65 שנה לקיום האגודה הראשונה של ההורודנקאים בארה"ב (1895—1960)

דער אַראַנזשיר־קאָמיטעט פון די פייערונגען צום 65־סטן יובילעאום פון ערשטן האָראָדענקער פאַראיין אין אַמעריקע (1895—1960)



הוועדה המכינה את חגיגות היובל במלאת 65 שנה לקיום האגודה הראשונה של ההורודנקאים בארה"ב (1960—1895)

דער אַראַנזשיר־קאָמיטעט פון די פייערונגען צום 65־סטן יובילעאום פון ערשטן האָראָדענקער פאַראיין אין אַמעריקע (1960—1895)

פאַראיין האָט קיין לאַנגן קיום נישט געהאַט. אַפּאָר יאָר שפּע־טער האָבן דיזעלבע יונגעלייט געגרינדעט אַ „האָראָדענקער יאַנג מענס פאַראיין", וועלכער האָט דורך אינערלעכע ריי־בונגען געמוזט זיך אויפלעזן.

אין 1912 האָט אַ צאָל מיטגלידער פון דעם ערשטן האָראָ־דענקער קראַנקן־אונטערשטיצונגס פאַראיין, אונטער דער אָנ־פירונג פון מענדל דאָליגער, זיך אָפּגעריסן פון פאַראיין און זיך אָנגעשלאָסן דעם יידישן אָרדן „ברית אברהם". אָבער אַפּאָר יאָר שפּעטער האָבן זיי זיך צוריק אומגעקערט צום ערשטן האָראָדענקער פאַראיין.

ג. דער צווייטער פאַראיין און די הילפסאַקציע

אין די לעצטע פאַר יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַ גרויסע צאָל האָראָדענקער געקומען קיין ניו־יאָרק, דאַ־רונטער אַסך יונגעלייט וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אינ־טערעס זיך אָנצושליסן דעם ערשטן האָראָדענקער פאַראיין, וואָס זיינע מיטגלידער זענען געווען עלטערע מענטשן און האָבן דעם פאַראיין געפירט אויף אַ קאָנסערוואַטיוון אופן. אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1914, איז קודם־כל איבערגעריסן געוואָרן דער נאָרמאַלער פאַרקער צווישן אונדז און אונדזערע קרובים אין האָראָדענקע. וויסענדיק אַז אונד־זערע עלטערן, שוועסטער און ברידער, זענען פאַרוויקלט אין פייער און נויטיקן זיך אין אונדזער הילף, האָבן אַלע געפילט אַז העלפן מוזן מיר מיט פאַראייניקטע כוחות פון אַלע לאַנדס־לייט. אָבער אַזוי ווי די יונגעלייט האָבן נישט געהאַט קיין חשק זיך אָנצושליסן צום ערשטן פאַראיין, זענען זיי, נאָך לאַנגן טראַכטן, געקומען צום באַשלוס צו גרינדן אַ פאַראיין פאַר האָראָדענקער יונגוואַרג, מענער און פרויען. זונטיק, דעם 15־טן נאָוועמבער 1914, איז זיך צונויפגעקומען אַ גרופּע יונגעלייט: שלום קישנער, מענדל ראָזענקראַנץ, משה און שלמה דאָלינגער ,שלום און יוסף דייפּיק, אַלטער יורמאַן און אַ וואַרשעווער יונגערמאַן יענקעלע קאַרמאַן, און זיי האָבן געגרינדעט דעם „פּראָגרעסיוון האָראָדענקער יאַנג מענס און יאַנג ווימענס קראַנקן אונטערשטיצונגס פאַראיין". די פאַר־זאַמלונג איז געווען ביי דוד דייפּיק.

באַלד נאָכדעם האָבן מיר גערופן אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג פון האָראָדענקער יונגעלייט אין ניו־יאָרק אויף זונטיק, דעם 22־טן נאָוועמבער, אין אַ לאָקאַל אויף ריווינג־טאָן סטריט, וואו די פאָלגענדע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַלס מיטגלידער: יחזקאל פידלער, לייב קאָך, שמואל ניימאַן, אַבאַ טיקער, וועלוול יורמאַן ,אייזיק נייגיסער, שמואל יאַנקנער, משה וויזל, טשאַרלי יורמאַן, מאיר הערמאַן, דוד יורמאַן, פעסיע טיקער, מנשה בומבערג, משה קירשנער, אַלטער שטורם און מאַקס בעקער. דאָרט איז אויך געוויילט געוואָרן די צייט־ווייליקע לייטונג, ביז צום ערשטן יאַנואַר 1915: שלום קירש־נער — פּרעזידענט, מענדל ראָזענקראַנץ — וויצע־פּרעזי־דענט, שלמה דאָלינגער — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, דוד יור־מאַן — פינאַנץ־סעקרעטאַר, שלום דייפּיק — קאַסירער, לייב קאָך, אַבאַ טיקער און טשאַרלי יורמאַן — טראַסטיס, שמואל יאַנקנער — אינערוואַך, און יחזקאל פידלער — פּירער.

ביי דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן הנוכה דעם 2־טן דעצעמבער 1914, האָבן מיר צוזאַמען מיט דעם ערשטן האָראָדענקער פאַראיין און מיט דער האָראָדענ־קער לאָזשע געגרינדעט דעם הילפס־פאַראיין פאַר די האָראָ־דענקער מלחמה־קרבנות, און מיד האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיטן פולן ברען.

דער ניי־געגרינדעטער הילפס קאָמיטעט האָט גערופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון אַלע האָראָדענקער לאַנדסלייט פון ניו־יאָרק און דער אומגעגנט אין אַ זונטיק פונם מאָנאַט פעברואַר 1915, אין דער רומענישער שיהל אויף ריווינגטאָן סטריט. די שיהל איז געווען פול געפּאַקט מיט האָראָדענקער לאַנדסלייט, און באַלד איז געזאַמלט געוואָרן אַריבער פינף טויזנט דאָלאַר. דער קאָמיטעט האָט אויך אָנגענומען מיטלען צו דערגרייכן אַלע לאַנדלייט, וועלכע האָבן נאָך נישט בייגע־שטייערט צום הילפס־פאָנד. אויסערדעם האָט מען אַראַנ־זשירט טעאַטער־פאָרשטעלונגען לטובת דעם פאָנד. אַזוויי אַמעריקע איז נאָך דעמאָל געווען נייטראַל, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט איבערצושיקן הילף פאַר די האָראָדענקען מלחמה־קרבנות, סיי די וואָס האָבן געפליכטעט אין אַנדערע געגענטן, סיי די וואָס זענען געבליבן אין האָראָדענקע. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט. אָבער זי איז געטאָן געוואָרן מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט.

אָבער שווער איז אונדז אָנגעקומען צו העלפן אונדזערע שוועסטער און ברידער נאָכדעם ווי אַמעריקע איז אריינ־געטראָטן אין דער מלחמה, אין יאָר 1917. מיר האָבן קוים דערלעבט די צייט ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און ענדע 1919 האָבן מיר געשיקט מענדל דאָלינגער אַלס דעלע־גאַט קיין האָראָדענקע, דאָרט צו פאַרטיילן הילף פאַר די געליטענע. מיר האָבן אויך געשיקט דירעקטע הילף צו מענטשן, וועלכע האָבן זיך דירעקט צו אונדז געווענדעט. נאָכדעם האָבן מיר יעדעס יאָר פאַר פסח געשיקט אַ שיינע



מסירת המהאה למגבית המאוחדת, על־ידי ועד הארגון (הפרוגרסיבי) בארה"ב

דער קאָמיטעט פונם פּראָגרעסיוון פאַראיין גיט איבער אַ טשעק דעם „יונייטעד דזשויש אַפּיל"

זיצן פון רעכטס צו לינקס: מ. ליבמאַן, ש. שפּירער, י. ברעטלער; שטייען פון רעכטס צו לינקס: מ. וויזל, אָרינגער, ל. קאָך, מ. ראָזענקראַנץ ה. עקהויז

Delivery of 2500 $ to the U.J.A. by the Committee of Prog. Horod. Society.
Sitting right to left: M. Liebman, S. Spierer, J. Brettler.
Standing right to left: M. Wiesel, Oringer, L. Koch, M. Rosenkranz, H. Eckhaus.

פאַר הונדערט דאָלאַר אַלס „מעות חיטים", פאַר אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט אויף פסח.

ד. דער אויפבוי פון דער שול־געביידע

אין יאָר 1925 האָבן מיר באַקומען אַ בקשה פון האָראָדענקע, צו העלפן זיי אויפבויען אַ יידישע שול, וואו קינדער זאָלן קענען קריגן אַ יידישע דערציאונג, און אַ קולטור־צענטער, וואו זיי זאָלן קענען פאַרברענגען זייער פרייע צייט און אויך פראַווען זייערע שמחות, און נישט דאַרפן אַנקומען צום „סאָקאָל" אָדער צום „נאַראָדני דאָם".

מיר האָבן זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט צו דער־פילן זייער פאַרלאַנג. מיר האָבן אויסגעוויילט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער אַרבעט. מיר האָבן אַראַנזשירט טעאַטער פאָרשטעלונגען און בעלער און אויך הויז־זאַמלונגען. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון בויען אַ יידיש קולטור־הויז און אַ יידישע שול אין האָראָדענקע. מיר האָבן איבערגעשיקט פאַר דעם צוועק אַריבער צען טויזנט דאָלאַר. עס איז אָבער ניש באַשערט געוועזן דער האָראָדענקער יוגנט צו האָבן אַן אייגן קולטור־הויז אויף לאַנג. נאָך איידער עס איז גאַנץ פאַרענדיקט געוואָרן, האָבן זיך אָנגערוקט די פינצ־טערע היטלעריסטישע צייטן.

ה. רעליף־טעטיקייט ביי דער צווייטער וועלט־מלחמה

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיר אופסניי אָרגאַניזירט דעם הילפס־קאָמיטעט און גע־פרוווט שיקן הילף יעדן איינעם וואָס מיר האָבן זיך דער־וווּסט וואו ער געפינט זיך. אָבער צו אונדזער באַדויערן איז געבליבן זייער ווייניק וועמען צו העלפן. טויזנטער פון אונד־זערע שוועסטער און ברידער זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן, און בלויז איינצעלנע האָבן געהאַט דאָס גליק צו בלייבן לעבן.

מיר האָבן צונויפגערופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין קאָמאָ־דאָר האָטעל, וואו מיר האָבן באַלד געזאַמלט אַרום צען טויזנט דאָלאַר. אויסערדעם האָבן מיר אַראַנזשירט טעאַטער־פאָרשטעלונגען צו דעם צוועק. מיר האָבן געשיקט פעקלעך מיט עסנוואַרג, דורך הערש־לייב און יוסף מעלצער, צו אַלע האָראָדענקער וואָס מיר האָבן באַקומען אַ ידיעה וואו זיי געפינען זיך. מיר האָבן געהאָלפן אַ גרויסער צאָל לאַנדסלייט זיך אַרויסראַטעווען פון דעם גיהנום אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, און באַזעצן זיך אין ישראל, אין זיד־אַמעריקע און אין ניו־יאָרק. יעדע פרייע שעה האָבן מיר אָוועקגעגעבן פאַר דער אַרבעט, און זי איז געטאָן געוואָרן בעיקר דורך אונדזער דענסטמאָלדיקן פרעזידענט מענדל ראָזענקראַנץ, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע אויטאָמאָבילן אָוועקגעפירט די פעקלעך אין דער פּאָסט אַריין. מיר האָבן אויך געשיקט מעדיקאַמענטן פאַר קראַנקע, און אייניקע פאַמיליעס איינגעאָרדנט אין ניו־יאָרק.

די טעטיקייט פונם רעליף קאָמיטעט האָט זיך געענדיקט אין יאָר 1951. איידער דער קאָמיטעט האָט זיך אויפגעלעזט האָט ער איבערגעגעבן דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" אַ טשעק אויף 2500 דאָלאַר, צו בויען אַ הויז אין ישראל אויף אונדזער נאָמען. דאָס איז געווען דער באַלאַנס, וועלכער איז איבערגבליבן נאָך אַלע אויסגאַבן.

צו אונדזערע האַרציקע ברידער און שוועסטער פונם האָראָדענקער יאַנג מען סאָסייעטי, ניו יאָרק:

אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן און האַרעפּאַש־ניקעס שיקן מיר אייך איבער צו אייער 25־יאָריקן יובילייִ אונדזער באַשיידענעם גליקווינטש. עס איז אפשר נישט דאָ דער פּלאַץ ביי אַ באַגריסונגס־יום־טוב אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר אויסצורעכענען אייערע גרויסע פאַרדינסטן און ווערטן, וועלכע איר האָט פאַרהאָלפן דאָ צו שאַפן. עס איז גענונג נאָר צו קומען אַלס גאַסט איין מאָל קיין האָראָדענקע און שוין טאַפּט איר עס אַן ממש־בידים די אייגעפונדעוועטקייט און דעם פעסטן אַרום — אַ דאַנק דער קולטורעל'ער אַרבעט פון דער יידישער שול מיט אירע קרובה'שע אָרגאַניזאַציעס.

אויפן אָרט פונם אַמאָליקן עמק שער אין אייזן, וועלכע פלעגן פירן פאָליש־פאָליטיק איבער חמשי ביי דער אַפּטייק און פאַרבינדן זייערע האָפענונגען מיט גאולת המשיח — טרעפט איר היינט אַ קערנדיקן יידישן ישוב פון עמך מיט טראַציקע, עקשנות'דיקע, אינטעליגענטע פנימער און זייערע האָפענונגען זיינען פאַרבענדן מיט דער גאַנצער בעוולה'טער האַרעפּאַשנער וועלט פונם גרויסן מאָרגן — דאָס איז דער מאָרגן פון אַ נייעם וועלט סדר — דער קלאַסנלאָזער געזעל־שאַפטס־אָרדענונג אָן רויב און רציחה, אָן חיה'שן אַנטיסעמי־טיזם מיט נאַציִשער הינטעריי. אָט דעם סך הכל אַדורכבלע־טערנדיק קאָנט איר שטאָלץ זיין מיט אייער אָפּגעטוענער אַר־בעט. נישט קיין קצבה אויף חיי־שעה! נישט קיין קאָווע לע־פעלע צדקה! אייער אַרבעט איז געקרוינט געוואָרן מיט דער־פאָלג דערפאַר, ווייל צוטרעטנדיק זיך צו קאָנטאַקטירן מיט אייער אַלטער היים, האָט איר פאַר אייך געשטעלט אַ גרויסן ציל! דאָס איז, צו העלפן דערציען אַ פרייען דור, אויסלעבנדיק זיך פון געזונטער פּראָדוקטיווער פּראַצע, און העלפן מיטשאַפן די שיינע פרייע וועלט — דעם סאָציאַליזם!

מיר ווינטשן אייך פילע האַרציקע ברכות.

די יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין האָראָדענקע
אשר שטרייט, פאָרזיצער
הערש שעכטער, סעקרעטאַר

ו. די טעטיקייט פונם פּראָגרעסיוון האָראָדענקער פאַראיין

דער פּראָגרעסיווער יוגנט פאַראיין האָט נישט געוואָלט קאָנקורירן מיט דעם ערשטן האָראָדענקער פאַראיין, און ער האָט באַלד נאָך זיין גרינדונג אָנגענומען אַ באַשלוס, נישט אַריינצונעמען קיין פאַרהייראַטע מענטשן. אַזוי האָבן פאַר־הייראַטע געקאָנט זיך אָנשליסן בלויז אין דעם ערשטן האָראָ־דענקער פאַראיין. פאַרשטייט זיך, אַז די מיטגלידער וואָס

אַ גרוס צו די האָראָדענקער קינדער

פון אלעקסאנדער גראנאך

האָראָדענקע, דו מיין היימישער הימל, דו, מיין היימישע ערד און מיין היימיש קאָרן ראַזעווע ברויט; אַלס קינד אַליין אַרומגעלאָפן אין דיינע בלאָטיקע אונטערגעסלעך מיטן סטענדל אין דרויסן. (איך בעט איבער אייער כבוד). אין ווינטער זיך געגליטשט מיט די אויסגעקרימטע שטיוועלעך און אין זומער גע׳גנב׳עט אויבסט אין פרעמדע גערטנער. (אַלע ייִנגלעך אויף דער גאַנצער וועלט גנב׳נען אויבסט פון פרעמד גערטנער, זאָגט סטרינדבערג), געלערנט אין דיין תלמוד־תורה חדר, געגאַנגען אין דיין באַראָן הירש שול; און איך ווייס, אַז די האָראָדענקער קינדער פון דעמאָלט און פון היינט טראָגן אין זייערע הערצער אַ גרויסע בענקשאַפט. און די בענקשאַפט איז פאַרפונדעוועט און פאַרוואָרצלט אין אונדזער שוואַרצער זאַפטיקער האָראָדענקער ערד.

און מיר אַליין, קינדער פון יענעם שטעטעלע, טאָרן קיין מאָל ניט פאַרגעסן אונדזערע איצטיקע קינדער פון האָראָדענקע. דאָס זענען נישט נאָר אודזערע קינדער, דאָס איז אונדזער אייגענע יוגנט, מיט אונדזערע אייגענע חלומות און בענקשאַפטן.

אויב מיר העלפן היינט אונדזערע האָראָדענקער קינדער, גלייכן מיר ניט נאָר אויס די חובות פון אונדזער אייגענער שווערער יוגנט, נאָר מיר העלפן לייגן די פאָדוואַלענע פאַר אונדזער אייגענער צוקונפט. אויב די גרויסע וועלט איז טראָגענדיק (שוואַנגער) מיט אַ נייער בעסערער וועלט — איז האָראָדענקע טאַקע אַ קליין שטעטעלע, — אָבער די וועלט באַשטייט פון גרויסע און קליינע שטעטעלעך!

דערפאַר מוזן מיר זיך צוזאָגןביים היינטיקן יובילײ און געבן זיך דאָס וואָרט צו בלייבן אין קאָנטאַקט און צו זיין געטריי אונדזערע אָרעמע האָראָדענקער קינדערלאַך, אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין שטאָלץ אויף זייערע פעטערס און מומעס אין אַמעריקע — און מיר זאָלן קענען זיין שטאָלץ אויפן בייעם געזונטן דור פון האָראָדענקע, דעם טייל פון אונדזער פאָלק!

האָליוואָד, דעם 3טן אָקטאָבער, 1939

האָבן שפּעטער געהייראַט האָבן געקאָנט ווייטער פאַרבלייבן אַלס מיטגלידער. אַבער אַסך יונג־פאַרהייראַטע האָבן קעגן דעם באַשלוס פּראָטעסטירט, און נישט געקאָנט פאַרגעסן וואָס מיר האָבן פאַר זיי פאַרשלאָסן די טיר. איבערדעם האָבן מיר אין אַפּריל 1928 באַשלאָסן אַריינצונעמען אויך פאַרהייראַטע מענטשן, אָבער בלויז ביז צום עלטער פון 35 יאָר.

אין יאָר 1932 האָבן מיר באַשלאָסן אַריינצונעמען נייע מיטגלידער ביז צום עלטער פון 40 יאָר. אָנשטאָט ביז 35 יאָר. זעקס יאָר שפּעטער, אין יאָר 1938, האָבן מיר באַשלאָסן אַריינצונעמען אונדזערע קינדער פאַר מיטגלידער מיט אַלע רעכט און בענעפיטן, פאַר בלויז פינף דאָלאַר אַ יאָר, און אַזוי זיי געבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקאַנען מיט אונדזער אַרבעט און זיי צוגרייטן צו זיין די צוקונפטיקע פירער פון אונדזער פאַראיין. אין משך פון דער צייט האָבן שוין אייניקע פון זיי געהאַלטן דעם פּרעזידענטן־אַמט פונם פאַראיין, ווי למשל פּרץ קאָך, לייב קאָכס זון, הערשל פידלער — יחזקאל פידלערס זון, און איצט דאָנאַלד ניימאַרק, וואָס איז אַליין נישט פון האָראָדענקער אָפּשטאַמונג, אָבער זיין פרוי שטאַמט פון דער פאַמיליע רינדנער פון טשערנעליצע.


מיר שטייען די גאַנצע צייט אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט דער ערשטער האָראָדענקער סאָסייעטי, און באַטייליקן זיך אין אַלע היפּלס־אַקציעס. מיר קומען צו זייערע פאַראַנשטאַלטונגען, און זיי קומען צו אונדז. די ערשטע 25 יאָר פון אונדזער עקזיסטענץ פלעגן מיר אַראַנזשירן אַ באַל צוויימאָל אין יאָר, אין מאַי און דעצעמבער, און זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אַלע פינף יאָר פאַראַנשטאַלטן מיר אַ יובילײ און געבן אַרויס אַ זשורנאַל. אין יאָר 1959 האָבן מיר געפייערט אונדזער 45־טן יובילײ, און מיר האָפן צו פייערן אונדזער 50־יאָריקן יובילײ אין יאָר 1964.

אונדזער טעטיקייט נעמט אַרום פאַרשידענע געביטן. ביז היינטיקן טאָג ווערן אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען צוויימאָל אין חודש, און דערמיט האַלטן מיר דעם קאָנטאַקט צווישן אונדזערע מיטגלידער. פון צייט צו צייט פאַראַנשטאַלטן מיר לעקציעס אויף אַקטועלע טעמעס, און אַראַנזשירן אָפט טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וואו די לאַנדסלייט טרעפן זיך גערן, ווייל אין די לעצטע פאָר יאָר האָבן אַסך פון זיי זיך אַרויסגעצויגן אין די פאָרשטעט אַרום ניו־יאָרק און קומען נישט אזוי אָפט צו די פאַרזאַמלונגען.

מיר אַראַנזשירן יערלעך, אין חודש אלול, אַ יזכור־פאַרזאַמלונג צום אָנדענק פון אונדזערע פאַרשטאָרבענע און פון די טראַגיש אומגעקומענע קרבנות פון דעם היטלעריזם. אַ גרויסער עולם קומט הערן דעם הספד און דעם „אל מלא רחמים״ פן אונדזער חשובן רב ד״ר ישראל שאָר.

מיר באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער אַרבעט פון „דזשוינט״, אין דער פעדעראַציע פון יידישע אַנשטאַלטן אין ניו־יאָרק, אין די געזעלשאַפטן „אָרט״ און „האַיאַס״, אין הסתדרות, אין יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, אין גאַליצישן פאַרבאַנד, און אין אַנדערע וויכטיקע אינסטיטוציעס, וועלכע מיר שטיצן יערלעך מיט גרויסע סומען געלד. מיר האָבן זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין דער טעטיקייט צו ווײלן אונדזער מיטגליד איזידאָר דאָלינגער צו די רעגירונגס־אַמטן, וועלכע ער פאַרנעמט ביז היינט צו טאָג.

אין יאָר 1942 האָט לייבעלע קאָך באַקומען פונם פּראָגרעסיוון האָראָדענקער פאַראיין די הסכמה, צו גרינדן אַ פרויען־פאַראיין וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי שרה (סיידי). די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן מיטן נאָמען „ליידיס אָגזיליערי״ און עקזיסטירט ביז היינט צו טאָג. איר וויכטיקסטע אויפגאַבע איז, צו העלפן פאַראָרעמטע קראַנקע האָראָדענקער צוריקצוקומען צום געזונט. די „ליידיס אָגזיליערי״ האָט אַרום 50 מיטגלידער, מיינסטענס פרויען פון אונדזערע מיטגלידער. זיי אַראַנזשירן, מיט אונדזער הילף, חנוכה־אָוונטן און פורים־אָוונטן פאַר די



הוועדה המכינה של חגיגות יובל הארבעים של האגודה הפרוגרסיבית בניו־יורק (1954),

דער אַראַנזשיר קאָמיטעט פון די פּראָגרעסיווע האָראָדענקער סאָסייעטיס פייערן זייער פערציקסטן יובל (1954).

Arrangement Com. of the Progressive Horodenker Soc. to their 40th. Anniversary (1954)

מיטגלידער; זיי באַטייליקן זיך אין דער געמיינשאַפטלעכער הילפס־אַרבעט, וועלכע מיר נעמען אונטער; זיי געבן אויך אייגענע הילף צו איינצעלנע מענטשן, וועלכע ווענדן זיך צו זיי דירעקט, און אויך צו וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן. זייערע פאַרזאַמלונגען זענען געוויינלעך אין דערזעלבער צייט ווען מיר האַלטן אָפּ אונדזערע פאַרזאַמלונגען.

אין יאָר 1944 איז אונדזער נאָר־וואָס געוויילטער פּרעזידענט לייבעלע באַהר פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און נאָך אַ קורצער צייט געשטאָרבן, אין עלטער פון פופציק יאָר (געבוירן דעם 22־טן אויגוסט 1904 — געשטאָרבן דעם 11־טן אַפּריל 1954). ער איז געווען אַ זון פונם האָראָדענקער דאַכשלעגער יוחנן באַהר, און האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קינדער, צוויי שוועסטער און פינף ברידער. מיר, די מיטגלידער פונם פּראָגרעסיוון האָראָדענקער פאַראיין און זיינע נאָענטע פריינד, זענען געווען שטאַרק איבערגענומען מיט דער טראַגעדיע. מיר האָבן אים געמאַכט זייער אַן איינדרוקספולע לוויה, און עטאַבלירט אויף זיין נאָמען איינעם פון אונדזערע וויכטיקסטע פאָנדן — דעם „לעאָן וויליאַם באַהר הילפס־פאָנד". ער איז געלייגט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אויף דעם בית־עולם פונם פּראָגרעסיוון האָראָדענקער פאַראיין.

דער ערשטער בית־עולם פון אונדזער פאַראיין איז געהייליקט געוואָרן נאָך אין יאָר 1917. אין יאָר 1936 האָבן מיר געקויפט אַ צווייטן פּלאַץ פאַר אַ בית־עולם, און אין יאָר 1956 האָבן מיר געקויפט פאַר ניין טויזנט דאָלאַר, אַ גרויסן פּלאַץ פאַר די קומענדיקע דורות.

אלעקסאנדער (שייקע) גראנאך ז"ל

אין זומער 1931 איז צו אונדז געקומען אַ ליבער גאַסט פון האָראָדענקע — דער שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך. מיר האָבן אַראַנזשירט פאַר אים אַ גרויסע אויפנאַמע און אַן אָוונט פאַר 400 מענטשן אין „סענטראַל פּלאַזשאַ" לאָקאַל, און ער איז פייערלעך אויפגענומען געוואָרן פון די פאַרזאַמלטע לאַנדסלייט, פון בינע־קינסטלער און שרייבער. צוויי חדשים שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט קיין דייטשלאַנד.

אין יאָר 1938 איז ער ווידער געקומען קיין אַמעריקע, האָט באַלד באַקומען שפּיל־ראָלן אין פילמען, און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אויף דער ענגלישער בינע. אין אַמעריקע האָט ער זיך גענומען געשמאַק צו דער אַרבעט ביים שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע. דאָס בוך האָט ער געשריבן אין דייטש, און עס איז באַלד איבערזעצט געוואָרן אין ענגליש. די פּראָגרעסיווע האָראָדענקער סאָסייעטי האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל זאָרגן דערפאַר דאָס בוך זאָל איבערזעצט ווערן אויף יידיש. אָבער פּלוצלינג האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז מיטוואָך, דעם 14־טן מערץ 1945, איז גראַנאַך געשטאָרבן ביי אַן אָפּעראַציע פון אַפּענדיציט. קראַנק געוואָרן איז ער בשעת ער האָט געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע איינע פון זיינע באַרימטע ראָלן אין „אַ בעל פּאָר אַדאַנאָ".

די טרויעריקע ידיעה האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק אויף אַלע נאָענטע פריינד. מיר האָבן באַלד גענומען צוגרייטן זיין לוויה, און זי איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 16־טן מערץ 1945. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט לאַנדסלייט, פריינט, בינע־קינסטלער, שרייבער און זשורנאַליסטן. מספּיד געווען האָבן די רבנים יוחנן פּרינץ און ישראל שאָר, יעקב בן־עמי, נ. בייטאַנזאָן, מאַרגאָ און פרעדריק מאַרטש, דאָקטאָר וואַכטעל, און אונדזער דענסמאָלדיקער פּרעזידענט שלום קירשנער. דער חזן ווינאַווער, באַגלייט פון אָרגאַן, האָט געזאָגט „אל מלא רחמים".

אַ לאַנגע שורה פון פיל אויטאָמאָבילן האָט באגלייט דעם ארון צו אונדזער סעמעטערי. אָפּשיידס־ווערטער האָבן געזאָגט ביים אָפֿענעם קבר דער שרייבער נחמן מייזל און אונדזערע לאַנדסלייט מאַרטין בירנבוים און יצחק אייזיק שעכטער.

דער בוך־קאָמיטעט האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, וואָס שנעלער צו לאָזן איבערזעצן דאָס בוך אויף יידיש. די אויפגאַבע האָט דערפילט דער שוישפּילער און שרייבער יעקב

מעסטעל, און דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרן דורך דעם פאַרלאַג „איקוף" אין 2600 עקזעמפּלאַרן. די אויטאָביאָגראַפיע פון גראַנאַכן איז אויך אַן אַלגעמיין ווערטפול ווערק און איז זיין שענסטער מאָנומענט.

דריי גרויסע בני־עיר

אין יאָר 1938 איז בען באָנוס, אַ האָראָדענקער בעקער־יינגל, געקומען קיין ניו־יאָרק. ער האָט געהאַט אַמביציע און טאַלאַנט, האָט אָנגעהויבן שפּילן אויף דער יידישער בינע און פאַרנעמט איצט אַ גאַנץ אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער יידישער טעאַטער־וועלט.

אין יאָר 1936 איז איזידאָר דאָלינגער, אַ יונגער אַדוואָקאַט, דער זון פון אונדזער לאַנדסמאַן מענדל דאָלינגער, אויסגעוויילט געוואָרן אַלר „אַסעמבלימען" פון דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק. ער האָט דאָרט געדינט זיבן יאָר, און דערנאָך געוויילט געוואָרן אַלס סענאַטאָר פונם סטייט ניו־יאָרק. פֿינף יאָר שפּעטער, אין 1948, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס קאָנגרעסמען. עלף יאָר שפּעטער, אין 1959, איז ער געוויילט געוואָרן אַלס שטאָט־פּראָקוראָר, דיסטריקט אַטוירני.

נישט קוקנדיק דערויף וואָס ער פאַרנעמט הויכע שטעלעס, איז ער אַ פּשוטער יונגערמאַן און אַ מיטגליד פון ביידע האָראָדענקער פאַראיינען. אין יאָר 1936 איז ער געווען פּרעזידענט פונם האָראָדענקער יוגנט־פאַראיין. ער איז צו יעדער צייט גרייט צו העלפן אַ לאַנדסמאַן מיט עצה און טאַט. זיין איינציקער זון עדמונד און זיין ברודער אברהם, ביידע אַדוואָקאַטן, זענען אויך מיטגלידער אין אונדזער פאַראיין און קומען צו אונדזערע פאַרזאַמלונגען און צו אונדזערע שמחות.

ד"ר בעני גריידינגער איז געבוירן אין ניו־יאָרק, אָבער זיינע עלטערן זענען ביידע געבוירענע האָראָדענקער. זיין פאָטער איז מענדל־נוח, אַנטשל גריידינגערס אַ זון, איינער פון די ערשטע האָראָדענקער אין ניו־יאָרק, און זיין מוטער איז פייגע־טויבע, לייזער יעקבס טאָכטער. ער האָט געענדיקט די פאָלקסשול און די הויכשול מיט אויסצייכנונג, און דערנאָך באַקומען זיין דיפּלאָם אַלס „אַקאַונטענט" אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. שפּעטער האָט ער אויך באַקומען זיין „מעסטערס" און דאָקטאָראַט פון קאָלומביאַ אוניווערסיטעט. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1918, האָט ער געדינט אין אַמעריקאַנער לופט־פלאָט און באַקומען דעם ראַנג פון אַ קאָלאָנעל. ער איז געווען דער הויפּט פונם פינאַנץ־בודזשעט אין דער טעכנישער אָפּטיילונג פונם לופט־פלאָט; דערנאָך איז ער געווען פאַרטרעטער פונם גענעראַל־דירעקטאָר פון דער רעליף אַדמיניסטראַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער — הערבערט לעהמאַן. ווי באַקאַנט, איז הערבערט לעהמאַן געווען גאָווערנער פון ניו־יאָרק און שפּעטער סענאַטאָר, און דערביי אַ ייד מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. אין 1955 איז גריידינגער געווען אַ ספּעציעלער „סטעיט ראַטגעבער" ביים קאָנטראָלער פון ניו־יאָרק. ער איז פּראָפעסאָר פון פינאַנץ און האַנדל אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, און איז פאַרפאַסער פון פיל ביכער וועגן פינאַנץ. אויסערדעם האָט ער זיין אייגענע פינאַנץ־פירמע. ער איז ראַטגעבער אין אויסן־מיניסטעריום אין וואַשינגטאָן, און אויך ראַטגעבער פון דער רעגירונג אין ישראל, וואו ער האָט אָפיציעל באַזוכט אייניקע מאָל.

ער איז אַ מיטגליד אין ביידע האָראָדענקער פאַראיינען און האָט אויך געהאַלטן פיל רעפעראַטן אין פּראָגרעסיוון פאַראיין. ער באַטייליקט זיך אין אַלע אונטערנעמונגען, און איז שטענדיק גרייט צו העלפן מיט עצה און טאַט.



ביקורו האחרון של אלכסנדר גראנאך בהורודנקה (1937)

אַלעקסאַנדער גראַנאַך אין האָראָדענקע (1937)

The last visit of Al. Granach in Horodenka (1937)

לעאָן יורמאַן

גרין־בלויע צונגען

איינגעקרעמפּעוועט צווישן טאָג און נאַכט ווייטאָגט אַ שטאָט. ערשט נעכטן האָבן די דייטשן דעם געגנט פאַרלאָזט, און שוין וואַרטן די איבערגעבליבענע מענטשן אויף דעם אָנקומענדיקן שונא — די רוסיש־צאַרישע אַרמיי. דער דניעסטר איז נאָענט און פאַרשפּאַרט זייער וועג פאַר אַ ווײַלע, אָבער אויף ווי לאַנג? די מענטשן ליגן אין גריבער, אויף בוידעמער און וואַרטן, און פון זיי שטומט שווייגן מיט קלאַפּנדיקן האַרץ.

און די נאַכט שווייגט. קיין ריר פון אַ בלעטל, קיין שאָרך. עס שטומט די נאַכט מיט שווייגן גרויליקן פון דערוואַרטונג. בלאָס־בלויע לבנה־כוואַליעס שפּרייזן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. טונקעל און שטיל. נאָר אויף איינזאַמע פּלעצער, צווישן לויז־וואַקסנדיקע בוימער, וואַנדערן סילועטן און וויגן זיך און וואַנדערן.

ערגעצוואו פון אַ גרוב, פון אַ קעלער, דערמאַנט זיך פּלוצים אַ געיאָמער פון אַ קינד און ווערט שנעל פאַרשטיקט. און ווידער שטיל.

איינזאַם איז די שטאָט, די שליאַכן פּוסטעוועץ, זענען אָנגעלאָדן מיט חושך פון וואַרטן. קיין ליכט אויס דער טונקעלקייט לבנהנדיקער, קיין מענטש אויף די שליאַכן — נאָר הינט, אין האָרדעס, פאַרגעסענע, פון הונגער צעווילדעוועטע, לויפן אַרום מיט שטומען געהייל אין קעל. רייסט זיך אַ קול פון ערגעץ אַרויס, ציטערט אויף די שטאָט, אַ הייזעריקייט שטעלט זיך אין אויסגעטריקנטן גאָרגל און וואָרנט, אויגן גליען מרה־שחורהדיקע, ווייס־טרוקענע ליפּן דערטראָגן נישט די שטים פון: וואָס איז געשען?!..

שפּרייזט די לבנה און באַגיסט די בלעכענע דעכער מיט בלויען שניי־ליכט. די שטערן איינזאַמע אויף מיט־נאַכטיקער רונדונג גליען מורא. און פּלוצלונג צעוואויעט זיך אַ הונט ערגעצוואו אויף אַ סקאַלע, טראָגט זיך זיין געהייל איבער דער שטאָט און די מענטשן ציטערן, די מורא וואַקסט, צעשפּרייט זיך מיט מאַטע פליגל איבער אַלט און יונג, וואַרפט די מוטער־ברוסט פון זויגלינגס מויל אַרויס — און דער הונט וואָיעט ווייטער, וואָיעט:

אַן אייביקייט איז די נאַכט!...

*

אַ בלוטיקער באַגינען איז אַרויסגעקראָכן פון דעמער. אַנטקעגן דער זון האָבן געוואונדיקט די פעלדער, דער שוואַרצער גוף פון מוטער־ערד מיט טויזנט־טויזנטער גריבער. די שליאַכן זענען געלאָפן פּוסטע איבער בערג און טאָלן און זיך פאַרלוירן מיט ווירבלדיקן שטויב אין די ווייטן. מויערן ביים ברעג פון שטאָט זענען געשטאַנען געלעכערטע און געגענעצט אין דער בלויקייט. ראָבן זענען אַרומגעפלויגן, די באַגלייטער פון קאַמף, און געקרעכצט און געוואַרט, און ווידער אויפגעפלויגן אין סטאַיעס, אַרויסקוקענדיק, וואַרטענדיקע.

דער שליאַך איז לעבעדיק געוואָרן. שטויב האָט זיך געווירבלט אין ווייטן אויפן דניעסטער־וועג. די פערדישע פּיסקעס האָבן געשוימט, געוואָרפן די קעפּ הויך און זיך אימפּעטיק געיאָגט, געשטאָכן פון שאַרפע שפּאָרן. ניין קאָזאַקן אויף קליינע טשערקעסקע פערד. ווילד האָבן זיך געיאָגט די פערד, פייער האָט געשפּריצט פון אונטער זייערע פּאָדקאָוועס.

האָט זיך פּלוצים אַ הונט באַוויזן אויפן שליאַך, אַן אויסגעהונגערטער, צוגעצויגן פון מענטשלעכן אָנגעזיכט — האָט איינער אַ פּיסטאָלעט אַרויסגעכאַפּט אין לויף און געשאָסן, איינמאָל, צוויימאָל — דער הונט האָט זיך איבערגעקוליעט, פאַרוואָרפן די פּיס און געבליבן ליגן. די אויגן פון טשערקעס האָבן געגליט, געפונקלט און געפונקלט...

שפּעטער מיט פיר וואָכן האָט אַן אונגאַרישער הוזאַר אים געשאָסן, אויך אין לויף, איינמאָל, צוויימאָל — און ער האָט זיך אויך איבערגעקערט, פאַרוואָרפן די פּיס און געבליבן ליגן... די אויגן פון הוזאַר האָבן געגליט, געפונקלט און געפונקלט...

קריג האָט געוועט, געפּראַוועט וואַקכאַנאַליעס...

מחנות סאָלדאַטן. שוואַרץ איז די ערד געוואָרן און געסאָפּעט. די ברייטע פעלדער, „די קאָרן קאַמער פון גאַליציע", האָבן געבלוטיקט צעחרובטע. קיין זכר פון אַמאָל. ווי ווייט דאָס אויג האָט געכאַפּט — מאַסן, מאַסן וואַנדערנדיקע מענטשן און עראָפּלאַנען אומגעצעלטע. שווערע „דרייסיק־זעקסער" האָבן זיך געקאַטשעט, געשלעפּט פון שווערע אַראַבישע פערד, לייכטע מאַשין־געווער און שווערע, אָפיצערן אויף פערד און קאַוואַלעריע — איין מאַסע שוואַרץ, אין שטויב פאַרוויקלט.

איין מאַסע געטריבן פון איין האַנט — ברען און הרגע און מאַך חרוב דאָס לאַנד!

איין מאַסע, אַ בלוטיקער גיגאַנט — „אויב נישט איך — דיך, איז דו — מיך!"

אַ מאַסע געטריבן צו שנעלערן טראָט פון מוזיק, פון קלאַנגען וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אויף דערפרייען מענטשן!...

עראָפּלאַנען האָבן געזשומעט איבער די קעפּ. קאָמאַנדעס, געשרייען — און די מאַסע איז געגאַנגען, געגאַנגען גלייך און מאָנאָטאָן, — אויגן פון אָפיצער, ביסטרע און צעווילדעוועט, זענען געפלויגן איבער זייערע קעפּ.

און פּלוצים — אַ פאַרבלאָנדזשעטע קויל פון אַ קאַנאָן, און ווידער שטיל.

נאָר קאָפּ פון אַ בוים, אָפּגעבראָכן דורך אַ שטיין, האָט זיך געבויגן אין ווינט, זיך קוים־קוים האַלטענדיק אויף דער קאָרע. אַלע צווייגן פון בוים האָבן זיך געבויגן — נאָר דער קאָפּ האָט זיך געריסן, געקעמפט זיין לעצטן קאַמף... האָט אים איינער פון דער מאַסע דערזען, האָט זיך דער מענטש אין אים דערוואַכט, האָט פאַרחלומט זיין אויג אויף די לאָנקעס פון מענטשלעכקייט געשפּרייזט — און ווילענדיק־נישט־ווילענדיק איז ער פון דער שורה אַרויס, פאַרגעסן וואו ער איז. איז שטיין געבליבן אַ ווייל דער צוג. אַן אָפיצער האָט אים געהייסן אַוועקפירן, אים, וואָס האָט מיט שטומע ליפּן געטייט צום

צאַנקענדיקן קאָפּ פון בוים. האָט מען אים אַוועקגעפירט און — אין שאָס, און אַלץ איז ווייטער געגאַנגען, ווייטער...

אָבער איינער האָט פאַרביסן די ליפּן, און דער קאָפּ פון בוים האָט אַלץ נאָך געצאַנקט...

שווער און שוואַרץ, ווי אַ פאַרזשאַווערטער האַמער, איז די נאַכט איבער דער שטאָט האַראָדענקע געפאַלן. האָבן מענטשן געציטערט און געוואַרט. שטילקייט און איינזאַמקייט פון איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט געשפּרייזט מיט לייכטע פיס איבער די מידע מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויפן שונא. און דערוואַרט האָבן ביידע צדדים: איינע — חושך און פאַרניכטונג, מיט מאַכטלאָזע הענט אַנטקעגן; די צווייטע — רויב און מאָרד, וואָרים געזאָגט האָט מען זיי: ברעכט איר דורך דעם דניעסטער היינט אָדער מאָרגן, קומט איר ביז אַכט־און־פערציק שעה אין דער שטאָט — איז זי אייערע פאַר דער זעלבער צייט, די פרויען און די מיידלעך, דאָס גאָלד און דאָס געלט!

האָט געגרעוועט דער רויב אין די אָדערן פון איינגעשלאָ־פענער מאַסע, געבייטשט דאָס בלוט מיט חלומות גליאיקע — איז שאַרף אין מיטן דער נאַכט איינער אויפגעוועקט געוואָרן פונם געשריי פון זיין בלוט און זיך אַרומגעקוקט. דערזען די טויזנט־טויזנט קעפּיקע מאַסע אַ שלאָפענדיקע, איז ער אַוועק. אַ צווייטער איז אויפגעשטאַנען, אַ דריטער — די נאַכט איז פלוצים לעבעדיק געוואָרן און געגרעוועט מיט בלוט.

בלוט! בלוט! בלוט!

געשרייען ווילדע האָבן געשווידערט איבער דער נאַכט. אויפגעוועקטע פון לייכטן שלאָף מיט באַיאָנעטן, מיט פיס, האָבן געוואַלדעוועט די מענער און די פרויען, און די גאַנץ קליינע קינדער האָבן מיט שטומפּיקע אויגן פון שרעק שטום געוויינט.

הו, ווי די פערד האָבן זיך געיאָגט! ווי זיי האָבן זיך געטראָגן איבער דער שטילקייט פון נאַכט! פּאָדקאָוועס האָבן פייער געשפּיגן, אויגן פון רויב־חיה דערוואַכטער אין מענטשן האָבן געגליט. די נאַכט איז שרייענדיק געוואָרן. רויט געוואָרן פון בלוט. בלוט האָט געקאַפּעט פון אַרויסגעריסענע בערד, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף שטיינער, שרייענדיקע אין שריי־ענדיקער גאַס.

— מאַמע! מ אַ אַ מ ע ע!!

געבײטשטע געשרייען האָבן זיך שווער געלייגט איבער דער שטאָט און רויט געהילכט אין דער נאַכט.

— ג ע וו אַ ל ט! ר אַ אַ ט ע וו ע ע ט!!!

— עי! האַ! שריי נישט, דו קרעציקער! איך וויל דיר נאָר אויסגלייכן דעם הויקער, דיין קרומען רוקן, עכ־כע־כע!

טראַט שווערער איז געפאַלן איבער איינעמס רוקן, אַ הויקערדיקן, און אים געגלייכט!

— האַ־האַ־האַ!

שיכורער געלעכטער האָט געוויזן די געשאַרפטע צייט פון קריג.

די שווערע, אייביק אין רו פאַרזונקענע געפענגניש־מויערן האָבן פלוצים דערוואַכטע אויפגעציטערט. אַנגעפילט זענען די מויערן געוואָרן מיט יידן, אַלטע און יונגע, און איינעם אַ מוחמעדאַנער — אַרויסגעשלעפּט האָט מען אים פון זיין בעט, זיין לאַנגע ווייסע באָרד האָט געשטאָכן מיט יידישקייט, און אַ האַלב צום־טויט פאַרמוטשעטן אַהין געבראַכט. די געשרייען אין געפענגניש זענען שטיל געוואָרן, קיין וואָרט איז געפאַלן וואונדיק צו דער ערד...

אַן אַלטע פרוי איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון קעלער און געבראַכט אין איר שטוב. אַן אַנטבלויזטע האָט מען זי אויפן טיש אַוועקגעלייגט. אַ נאַגייקע האָט אַ פייף געטאָן און זיך אין קערפּער אַריינגעפרעסן. בלוט־שטראָם האָט אַרויס־געיאָמערט אַרויף צו דער סטעליע, בייטש פון בלוט האָט דאָס בלוט געשפּרענקלט איבער די ווייסע ווענט.



המקוננת באַבע חיה־ביילה׳ס על־יד מצבת הקדושים שניתלו על־ידי הצבא הרוסי „באשמת ריגול" בשנת 1915.

די קלאָגערין באַבע חיה־ביילעס ביים קבר פון די קדושים, וועלכע די רוסען האָבן אויפגעהאָנגען אין יאָהר 1915, „פאַר שפּיאָנאַזי".

Babe Chaye-Bailis, the professional lamenter at the Gravestone of the victims hanged by the Russian Troops in 1915, for "alleged Spionage"

— מען פאַרבט דיר דיין שטוב! האָ־האָ־האָ!

זי האָט אָבער געשוויגן, גערעדט עטלעכע טעג שפּעטער און אַנטשוויגן געוואָרן אויף תמיד....

גרויליקע בילדער, פּאַנאָראַמעס האָבן זיך געביטן. אָנגעשיכורטע זענען סאָלדאַטן געלעגן אויף די באַנאַכטיקע שליאַכן. פרויען געשלעפּטע ביי די האָר האָבן געקרעכצט און געשוויגן. די נאַכט איז לאַנגזאַם געגאַנגען, לאַנגזאַם, געריזלט ווי הייסע טראָפּן בלוט פון אַ לעבעדיקן קערפּער, געריזלט, געגלידערט צום באַגינען פון בלוטיקן פופצעטן מאי ניינצן הונדערט און פופצן, צום טאָג וואָס האָט זיך מיט שוידער אין זכרון פון דער שטאָט אַריינגעקריצט...

אַ בלוטיקער טאָג האָט אויסגעשפּיגן זיין באַגינען. זיילן פלאַמען און רויך האָבן איינגעהילט די שטאָט. דער מאַרק, דאָס האַרץ פון דער שטאָט, איז איינגעראַמט געווען מיט פייער און רויך פון די ברענענדיקע הייזער אַרום, און די זון האָט געקרעכצט פרילינג־רויט אויף דער בלויער רונדונג.

פּעטליעס אויף טעלעגראַפן־סלופּעס אויפגעהאָנגענע — ווען ווייסט קיינער נישט — האָבן געוואַרט אויף זייערע קרבנות. איינצעלנע סאָלדאַטן זענען אַרומגעגאַנגען מיט די באַיאָנעטן אויף די ביקסן, לעבן די פּעטליעס, און אַנדערע האָבן טישן אויפגעשטעלט אין מיטן מאַרק. דער טאָג האָט זיך געגרייט מיט יוירענדיקן גרויל.

און פּלוצים האָט דאָס אויסגעיוירענע געפּלאַצט: ס׳איז אָנגעלאָפן אין ווילדן גאַלאָפּ אַ קאָזאַק, צוגעטשעפּעט אַ נאַקעטע פרוי צו דעם עק פון זיין פערד. בלוט און בלאָטע פאַרמישט האָט זיך געשלעפּט אויף דעם זאַמדיקן שליאַך...

אויפן הויף פון געפענגעניש האָט מען אַרויסגעפירט די יידן און יעדן פערטן אַוועקגעפירט אָן אַ זייט, אַזוי אַרויסגענומען צען און די איבעריקע צוריק אַריינגעפירט אין די גרויסע מויערן. דומפּער קלאַנג פון שליסל און בריאַזג פון טיר האָט זיי ווידער פאַרשפּאַרט.

צען יידן אַרויסגענומען, אין צאַם פון באַיאָנעטן זיי געפירט פון הויף.

דער באַגינען האָט געקרעכצט. די שטאָט האָט געברענט.


דורך קרומע, אַלטע־מידע גאַסן און געסלעך האָט מען זיי געפירט. איינער האָט זיין הויז דערזען, איז ער שטיין געבליבן אַ ווײַלע... באַיאָנעטן האָבן אונטערגעטריבן דאָס הייפעלע אומשולדיק צום־טויט־פאַראורטיילטע מענטשן, געצויגן אין שטראַלנדיק שרייענדיקן באַגינען פון מאי...

היסטעריע האָט פּלוצים אַרויסגעפּלאַצט — ווען אויגן האָבן די פּעטליעס דערזען. דער ווילן צום לעבן האָט מיט ווילדער עקשנות דערוואַכט און איז אין די פויסטן אַריין און זיך געאַמפּערט מיטן טויט. אַ קאַמף פאַר לעבן און טויט איז אויסגעבראָכן צווישן דער וואָרלאָזער הייפעלע און די קאָזאַקן; אָבער אין גיכן האָבן געהאָנגען ניין מענטשן, וואָס האָבן ערשט געלעבט, ערשט געאָטעמט מורא און יונגן פרילינג מאָרגן...

איינער אַ ייד האָט זיך אָפּגעריסן פון שטריק, און איידער אימיצער פון די קאָזאַקן האָט צייט געהאַט אים ווידער אויפצוהענגען, איז ער אַוועק, נישט לאַנג געלאָפן, האָבן אים צוויי קאָזאַקן לעבן אַ ברענענדיקן הויז געכאַפּט; זיין ריזיקע געשטאַלט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ער האָט ביידע מיט זיך אין הויז אַריינגעשלעפּט און דאָרט געהאַלטן, ביז די חורבות זענען איבער זיי אַלע דריי איינגעפאַלן און זיי צוגעדעקט אויף אייביק.

אויף טישן האָט מען געשענדעט פרויען; אין מיטן העלן טאָג, אין מיטן מאַרק, און אַרום האָבן געברענט הייזער... דער רויך האָט זיך געצויגן אין דער הויך פון קלאָרן באַגינען, און די ניין מענטשן אויף די פּעטליעס — זיי האָבן אַרויסגעשטעלט ניין גרין־בלויע צונגען, באַדעקט מיט שוים. ניין צונגען אָן לעבן, ניין צונגען אַנטקעגן דעם מאָנסטער, דער בעסטיע־אימפּעריאַליזם, וואָס מאַכט חרוב לענדער, וואָס הרגעט מענטשן, וואָס רופט אַרויס די חיה אינם מענטש...

דער טאָג האָט געסאַפּעט און זיך גערוקט צו אַ שווערער, טונקעלער נאַכט...



בית־הקברות
דער בית הקברות
The Cemetry

וויליאם אפענבערגער

צו דער געשיכטע פון אונדזער שטאט

דער נאָמען „האָראָדענקאַ” שטאַמט פון דעם אוקראַאינישן וואָרט „האָראָד”, וואָס זיין באַדייטונג איז „אַ גאָרטן”. לויט דער לעגענדע איז האָראָדענקע געבויט געוואָרן דורך אַ רוטענישן פירשט מיטן נאָמען „טשאָרני”. געוואוינט האָט ער אין אַ דאָרף נישט ווייט פון האָראָדענקע, וואָס איז גערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען „טשערנעליצאַ”. אין דעם שטעטל טשערנעליצאַ איז נאָך אין די לעצטע יאָרן געשטאַנען אַ שלאָס, אין וועלכן אָט דער פירשט זאָל האָבן געוואוינט.

ווען דער פוילישער קעניג קאַזימיר „וויעלקי” (דער גרויסער) האָט אַריינגעלאָזט יידן קיין פוילן, האָבן זיך קעגן 150000 יידן באַזעצט אין דער פּראָווינץ, וועלכע מען האָט שפּעטער, נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פוילן, גערופן „גאַליציען”. ביי דער צוטיילונג זענען די 1500000 יידן געקומען אונטער דער הערשאַפט פון דער קייזערין מאַריא טערעזיא, אָבער אָט דער פאַקט האָט נישט געבראַכט קיין גרויס פאַרגניגן, נישט פאַר דער קייזערין, נישט פאַר די יידן. נאָך פוילן, איז אין עסטרייך געווען דער גרעסטער יידישער צענטער אין יענער צייט. די רעגירונג־בעהערדען האָבן געשטרעבט מיט אַלע מיטלען די צאָל יידן צו פאַרקלענערן, און די אַנטי־יידישע געפילן, פאַראייניקט מיט עקאָנאָמישע באַשרענקונגען, האָבן פאַר די גאַליצישע יידן געשאַפן אַ לאַגע פון שטענדיקער אומזיכערקייט. אַמאָל האָט מען זיי געדולדעט, אַ צווייט מאָל האָט מען זיי אַרויסגעטריבן און זיי באַלד ווידער געלאָזט צוריקקומען, אָבער אונטער נאָך שווערערע באַדינגונגען און באַשרענקונגען. דעם גרעסטן טייל פון זייער ענערגיע האָבן די יידן אין יענער צייט געמוזט אַריינלייגן אין אָפּהיטן זייער אייגנטימלעכקייט, זייער אייניקייט אַלס פאָלק, שטייענדיק אַלעמאָל פאַר דעם פּראָבלעם פון אַנווערן די עקזיסטענץ־מעגלעכקייט.

אין דער יידישער געזעלשאַפט האָבן געהאַט אַ דאָמינירענדע שטעלונג די רבנים, וועלכע זענען געווען נישט ווייניק באַאיינפלוסט פון דער קבלה. אָט די צוויי כוחות האָבן רעגולירט דאָס אינערע לעבן פון די יידן און געשאַפן אַן אילוזיע פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, כאָטש אויסערלעך זענען זיי געווען גאַנץ אונטערגעוואָרפן דעם רעזשים פון די פּוילישע אַריסטאָקראַטן.

אין גאַליציען איז, כידוע, ענטשטאַנען די באַוועגונג פון דעם חסידיזם, וואָס האָט געהאַט זיין אָנהויב אין דער פערזענלעכקייט פון ישראל בן אליעזר, „בעל שם טוב”. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער געגנט פון קאָסאָוו אין יאָר 1700, און לויט אַ געוויסער מסורה זענען זיין מוטער און זיינע קרובים געווען פון האָראָדענקע.

איינער פון די וויכטיקסטע תלמידים פון רבי ישראל בעל שם טוב איז געווען ר' נחמן האָראָדענקער, וואָס האָט דעם בעל־שמס תורות געזאַמעלט און געאָרדנט.

די ענטשטייאונג פונם חסידיזם האָט אַרויסגערופן אַ קעגן־באַוועגונג פון רבנישע קרייזן, וואָס האָבן זיך גערופן „מתנגדים”. צווישן די צוויי מחנות זענען לאַנגע יאָרן געווען ביטערע מחלוקותן. אין שכנותדיקן קאָלאָמיי איז עס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין יאָר 1776 האָבן די רבנים געאַסרט אַלע חסידישע כתבים (שריפטן) און זיי עפנטליך פאַרברענט. און זיי האָבן אויך באַדראָט מיט חרם אַלע אָנהענגער פון חסידיזם. ענדלעך האָט זיך די עסטרייכישע רעגירונג אַריינגעמישט אין דעם מחלוקת, און די חסידים האָבן געוווּנען דאָס רעכט צו האָבן אייגענע קלויזן און אַן אייגענעם רב.

אונטער דער רעגירונג פונם פוילישן קעניג יאַן סאָביעסקי האָבן פוילישע און עסטרייכישע סאָלדאַטן צוזאַמען געקעמפט קעגן די טערקן ביי סעראַפינעץ, אַ דאָרף ביי האָראָדענקע. דער קאַמף קעגן די טערקן האָט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ קריסטלעכן קאַמף קעגן איסלאַם, און דערביי האָט מען באַשולדיקט די יידן, אַז זיי האָבן פאַרראָטן דאָס לאַנד. נאָכדעם ווי דאָס פוילישע מיליטער האָט זיך צוריקגעצויגן, זענען די יידן געבליבן הפקר פאַר די מאַדיאַרישע זעלנער. קיין גענויע ידיעות זענען נישט פאַראַן, אָבער דאָקומענטן אין „איוו”אָ” באַצייכנען, אַז די מאַדיאַרן האָבן אין שטאָט געמאַכט אַ פּאָגראָם.

הונדערטער יאָרן האָבן אונדזערע עלטערן געלעבט אין דאָפּלטער אונטערדריקונג: פון עקאָנאָמישע באַשרענקונגען און פון דער אַטמאָספערע און אומוויסנהייט און שנאה, וואָס האָט זיי אַרומגענומען. און דאָך האָבן די יידישע קליינשטעטלעך אַנטוויקעלט אַן אייגענע קולטור און אַן אייגענעם לעבענס־שטייגער, וואָס האָט זיך אַזוי גלענצענד אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק פון גרויסע יידישע שרייבער. די טיפּן וואָס יידישע שרייבער האָבן באַשריבן, בעלי־עגלות און וואַסערטרעגער, מלמדים און כלי־זמר, שניידערס און שוסטערס, סוחרים און קרעמערס, זענען דאָס פלייש און בלוט פונם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. און די אַלע יידישע קהילות, די וויג פון יידישע באַוועגונגען און גרויסע יידישע מנהיגים, האָבן עקזיסטירט בערך 550 יאָר, און זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען אין דער טאָטאַלער נאַצישער פאַרניכטונג.

מיר וועלן אייביק געדענקען וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, און זיך באַמיען אָפּצוהיטן די רייכע קולטורעלע ירושה, וואָס זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזט.

יידישע דערציאונגס־אינסטיטוציעס אין האראדענקע צווישן די צוויי מלחמות

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט פאַר האָראָדענקע אַסך ענדערונגען. די עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן; פוילן איז געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק, און אין דער נייער רעפּובליק זענען די באַציאונגען צווישן יידן, פּאָליאַקן און אוקראַאינער, אין זייער פּערזענלעכער, טאָג־טעגלעכער באַרירונג, געווען מער־

ווייניק נאָרמאַל. יידן זענען נישט געוואָרן קיין פול־באַרעכטיקטע בירגער, אָבער זיי האָבן גענאָסן פון אַ געוויסער מאָס פון פרייהייט, וואָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט אָפּצואָטעמען נאָך די שווערע פיר יאָר פון דער מלחמה.

אַדאַנק דער אינטערווענציע פון דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט, האָט פּרעזידענט ווילסאָן דורכגעפירט אין שלום־אָפּמאַך פון ווערסייל אַ רייע פּונקטן, וואָס האָבן פאַרזיכערט די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די ניי־אַנטשטאַנענע מדינות. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ גאַנץ נייע אידעע, און די פּוילישע יידן האָבן צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז זייער מינימאַלע גלייכבאַרעכטיקונג איז נישט מער גאַנץ אָפּהענגיק פונם גוטן ווילן פון די הערשער, נאָר איז געזיכערט דורך אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך.

דאָס איז געוואָרן אויסגענוצט קודם־כל אויפן געביט פון דערציאונג. יידן האָבן געזוכט, ווי צו געבן זייערע קינדער אַ בעסערע דערציאונג, און גלייכצייטיק אויך אַ יידישע דערציאונג.

אַמאָליקע יאָרן איז דער „חדר״ געווען די איינציקע יידישע שול. דאָס איז געווען אַן אַלטמאָדישע שול, אָבער זי האָט דערפילט איר וויכטיקסטע אויפגאַבע: צו דערהאַלטן די טראַדיציע פונם יידישן פאָלק אין דער עפּאָכע ווען דאָס יידישע לעבן איז געווען באַגרינדעט אויפן „שלחן ערוך״. דורות לאַנג האָט אָט די שול עקזיסטירט און געהאָלפן דערציען רבנים און לומדים, וואָס האָבן טאָג און נאַכט געלערנט תורה און מקיים געווען „והגית בו יומם ולילה״.

איצט, אין דער נייער צייט אונטער דער זון פון פרייהייט, האָבן נייע אידעאַלן אויפגעבליט און עס זענען ענטשטאַנען גאַנץ נייע שולן.

די העברעאישע שול איז געווען דורכגעדרונגען מיטן ציוניסטישן אידעאַל. אירע שילער האָבן געחלומט וועגן אויפבוי פון ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך איינגעחזרט די שירים פון ח. נ. ביאַליק, האָבן זיך באַטייליקט אין פייערליכן געדענקטאָג פון ד״ר הרצל יעדן כ׳ בתמוז, און געהאָלפן זאַמלען פאַרן „קרן קיימת״ און „קרן היסוד״. דער גרעסטער טייל פון די ערשטע חלוצים זענען געווען תלמידים פון דער העברעאישער שול און זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט איר גייסט. די עלטערן, די לערער און די תלמידים אַליין, האָבן געוואוסט אַז דאָ ווערן דערצויגן פּיאָנערן פון אַ גרויסן, נייעם עקספּערימענט.



גן־ילדים מיסודה של ויצ״ו
קינדערגאָרטן, געגרינדעט פון וויצ״אָ
The “WIZO” Kindergarden


אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער האָט געהאַט די יידישע שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון דעם פּראָגרעסיוון האָראָדענקער פאַראיין אין ניו־יורק. דאָ האָבן די קינדער געזונגען און דעקלאַמירט יידישע פאָלקסלידער און יידישע פּאָעזיע, געשריבן פון מאָדערנע יידישע פּאָעטן. דאָ האָט מען פלייסיק געלערנט און געלייענט די ווערק פון די גרויסע יידישע קלאַסיקער — מנדלי מוכר ספרים, י. ל. פּרץ, שלום עליכם און אַנדערע. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי לעבן אין אַ צייט ווען די יידישע ליטעראַטור בליט, און דער גייסט פון פרייהייט טראָגט זיך איבער גאַנץ אייראָפּע.



בית־הספר היידישאי, התלמידים והמורים
די יידישע שול, שילער און לערערס
School for Yiddish, Pupils & Teachers

די גייסטיקע פירער פון דער יידישער שול און דער יידישיסטישער באַוועגונג אין אונדזער שטאָט זענען געווען מענטשן ווי אשר שטרייט, יהודה הערש סאָבעל און אַנדערע, וואָס זענען געווען גאַנץ דורכגענומען מיטן אידעאַל פון פרייהייט פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן. און אָט דעם אידעאַל האָבן זיי פאַרפלאַנצט אין זייערע תלמידים, און זיי צוגעגרייט צו שטרעבן און צו קעמפן פאַר אַ בעסערן און שענערן מאָרגן פאַר דער מענטשהייט. אַלע האָבן זיי געשטרעבט צו ברענגען פרייהייט נישט נאָר פאַרן יידישן פאָלק, נאָר אויך פאַר אַלע אונטערדריקטע פעלקער.

די דערמאָנטע צוויי שולן, וואָס האָבן געהאַט גאַנץ ענטקעגנגעזעצטע שטרעבונגען, זענען דאָך געווען ביידע יידיש־נאַציאָנאַלע שולן, וועלכע די קינדער האָבן באַזוכט נאָכמיטאָג, נאָך דעם אָבליגאַטאָרן באַזוך אין דער פּוילישער פאָלקסשול. עס זענען אויך געווען אַסימילאַטאָרישע קרייזן, בעיקר אַדוואָקאַטן און בעאַמטע, וואָס זענען נישט געווען אינטערעסירט



בית־הספר לאידיש, הועד המנהל והמורים
די יידישע שול, קאָמיטעט און לערערס
The School for Yiddish, Committee & Teachers

אין יידישער דערציאונג און האָבן געשיקט זייערע קינדער בלויז אין דער פּוילישער פאָלקסשול.

ווער ס'האָט געשטרעבט צו העכערער בילדונג האָט באַזוכט דאָס פּוילישע גימנאַזיום און געקאָנט, טעאָרעטיש, אויך שטודירן ווייטער אין אוניווערסיטעט. אָבער פּראַקטיש איז דאָס געווען זייער שווער אויסצופירן, ווייל חוץ די עקאָנאָמישע שוועריקייטן זענען אויך געווען פאַרשידענע באַגרענעצונגען קעגן אויפנעמען יידן אין די אוניווערסיטעטן (נומערוס קלאַוזוס).

אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם אונטערגאַנג זענען געגרינדעט געוואָרן דורך די אָרטאָדאָקסישע קרייזן פון אגודת ישראל צוויי שולן, וואָס האָבן געזאָלט געבן אַ מאָדערנע דערציאונג אין יידיש־רעליגיעזן גייסט: די „יבנה״־שול פאַר יינגלעך און די „בית־יעקב״־שול פאַר מיידלעך.

האָראָדענקער יידן האָבן געשטרעבט צו האַלטן שריט מיט דער וועלטלעכער בילדונג און נישט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט דער טראַדיציע און מיט די קולטורעלע ווערטן פון זייער פאָלק. אָבער דער גרויזאַמער נאַצי־רעזשים האָט דאָס אַלץ פאַרניכטעט, האָט דערמאָרדעט די שילער צוזאַמען מיט זייערע עלטערן און לערער. אַזוי איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער וועלט איינס פון די הערלעכסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

גבריאל לינדענבערג

אונדזער שטאָט ווי איך געדענק זי

דאָס הויז פון מיינע עלטערן אין האָראָדענקע איז געשטאַנען איינזאַם און אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע הייזער פון שטאָט, נישט קוקנדיק דאַרויף וואָס ס'איז געווען גאָרנישט ווייט פונם צענטער פון שטאָט, פונם רינקפּלאַץ. איינזאַם און אַליין איז עס געשטאַנען אין טאָל ביים פּאָטיק. אין איין זייט פונם פּאָטיק איז געווען די שטאָט, וואָס האָט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון כמעט לויטער יידן, מיט אַ קליינער מינדערהייט פון פּאָליאַקן און נאָך אַ קלענערער מינדערהייט פון אוקראַאינער. אויף דער צווייטער זייט איז געלעגן די „קאָטיקאָווקאַ״ מיט אַ באַפעלקערונג פון כמעט הונדערט פּראָצענט אוקראַאינער, רוטענער, אָדער פּשוט — „גויים״. אַן אינטערעסאַנטער פאַקט איז, אַז דער „גייסטיקער צענטער״ פון אָט דעם גרויסן אוקראַאינישן קוואַרטאַל, דער גריכיש־קאַטוילישער קלויסטער, איז געשטאַנען דווקא אין מיטן שטאָט, אַרומגענומען פון אַלע זייטן מיט יידישע הייזער, און יעדן זונטיק, אָדער אין אַ „חגא״, פלעגן די באַוואוינער פונם קוואַרטאַל, אַלט און יונג, שפּאַנען מאַסנווייז אין קלויסטער אַריין. בשעת דעם אַרויסגיין פונם קלויסטער פלעגט די הויפּטגאַס פון שטאָט ווערן פאַרפולט מיט גויים אָנגעטאָן אין „קאָזשוכעס״, וואָס זענען, כידוע, אַ סגולה קעגן קעלט אין ווינטער און קעגן היץ אין זומער. אָפּטמאָל פלעגט זיך ציען דורך דער שטאָט אַ „פּראָצעסיע״, וואָס איז געגאַנגען בעטן אויף רעגן, בענשטן די פעלדער פאַרן שניט, אָדער אויסהאַקן אַ „צלם״ אין אייז אין מיטן ווינטער. געווינטלעך האָט מען געטראָגן פאַר דער פּראָצעסיע אַסך בונטע פאָנען, און מיר קינדער פלעגן ליב האָבן זיי צו באַגאַפן. מיין שוועסטערס קליין יינגעלע, וואָס האָט אַמאָל געזען אַזאַ פּראָצעסיע, האָט זיך דערפרייט און אויסגערופן: „הנה, דגל מחנה יהודה!״ ער האָט געקענט בלויז עברית, און איז געווען זיכער אַז ער זעט די פאָנען פונם באַקאַנטן ליד „שאו ציונה נס ודגל, דגל מחנה יהודה״...

ווי געזאָגט, איז אונדזער הויז געשטאַנען אין אַ טאָל. פון איין זייט, אַ פּאָר מעטער העכער, האָט זיך געצויגן דער שטראָז צו דער פאָרשטאָט קאָטיקאָווקאַ, צו די דערפער פּאָטאָטשיסקאַ, סטרילטשע, א. אַ. וו., וואָס זענען געלעגן ביים דניעסטער, און צו דעם יידישן שטעטל טשערנעליצע. פון דער צווייטער זייט, קעגנאיבער די פענצטער, איז געווען אַ באַרג, אין וועלכן ס'איז געווען אויסגעהאַקט אַ וועג, אַ פּאָר מעטער ברייט, וואָס האָט אַראָפּגעפירט צום טייכל און צו אונדזער הויז. אויף דעם באַרג איז געשטאַנען אַן אַלטער בנין, וואָס האָט אין מיינע ערשטע קינדעריאָרן געדינט אַלס שפּיטאָל. דער לאַנגער, איינשטאָקיקער בנין האָט געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע גאָרטן, און אַלץ איז געווען אַרומגענומען מיט אַ הויכער, גראָבער, שטיינערנער מויער. די מויער איז געשטאַנען ממש אויפן שפּיץ באַרג, ווי גרייט אַראָפּצופאַלן, און איז געווען געשטיצט פון גראָבע שטיינערנע פילאַרעס, אַזוי אַז דער גאַנצער בנין האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטערטימלעכער שלאָס.

די הויכע, שטיינערנע מויער האָט זיך געצויגן אויך אין

פראַנט פון דעם בנין,ביים שטראָז, און האָט אָפּגעזונדערט די געביידע פון דער אַרומיקער וועלט. אין יענער זייט מויער איז געלעגן אַ פרעמדע, סודותדיקע וועלט. דורך דעם קליינעם טירל פלעגן גיין אַריין־און־אַרויס נאָנעס אין שניי־ווייסע קאַפּוזעס. אָפּט פלעגט זיך עפענען דער גרויסער, אייזערנער טויער, כדי אַריינצולאָזן אַ וואָגן מיט אַ קראַנקן גוי פון דער סביבה, אָדער, להבדיל, אַרויסצופירן אַ בר־מינן, וואָס איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל. דורך דעם טויער האָט מען געקענט אַריינקוקן און כאַפּן אַ בליק פון דעם וואָס ס'טוט זיך אין הויף. געזען האָט מען בלויז אַפּאָר קראַנקע אַרומשפּאַצירן און אַ קליין אייזעלע געשפּאַנט אין אַ וועגעלע, מיט וועלכן מ'האָט געפירט וואַסער. דאָס איז געווען גאַנץ פּשוט און טאָג־טעגלעך. אָבער דאָס האָט נישט געקענט פאַרדרענגען דאָס געפיל פון פרעמדקייט און סודותדיקייט, מיט וועלכן דאָס פאַרמאַכטע, אָפּגעזונדערטע שפּיטאָל איז געווען פאַרבונדן.

פאַרשטייט זיך אַז מיטן שפּיטאָל האָט זיך באַדינט בלויז די נישט־יידישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט. יידן האָבן אין פאַל פון אַ קרענק גערופן שמשון רופא, וואָס איז געווען אַ מומחה צו מאַכן אַ קאַנע, שטעלן באַנקעס און פּיאַווקעס, און האָט זיך באַדינט אויך מיט „מאָדערנע" רפואות, ווי אַספּירין און כינע. מער פאַרגעשריטענע יידן האָבן זיך געווענדעט צום יידישן דאָקטאָר — דר. קאַנאַפּאַס, אָדער צו איינעם פון די צוויי קריסטלעכע דאָקטוירים: ראָשקאָ, דער פּאָליאַק, און ציעפּאַנאָווסקי, דער אוקראַאינער.

מיט דער צייט האָט דאָס סודותדיקע שפּיטאָל פאַרלאָזט דעם אַלטן בנין. זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען דאָס פּוילישע גימנאַזיום, אין וועלכן איך האָב אויך געלערנט. אין די שטילע קאָרידאָרן האָט געהילכט דער ליאַרם פון שולקינדער, מיינסטנס יידישע קינדער. ס'איז נישט לייכט געווען זיך צו אַנטשליסן צו שיקן דאָס קינד אין גימנאַזיום, וואו מען האָט געדאַרפט גיין אויך שבת אין שול אַריין (פון שרייבן אום שבת זענען די יידישע תלמידים געווען באַפרייט); אָבער, וואָס טוט מען נישט כדי צו פאַרזיכערן אַ קינד אַ גליקלעכע צוקונפט? האָט מען דאָס אויך געמוזט אַראָפּשלינגען, אַבי צו דערמעגלעכן דעם זון צו קענען „ווערן אַ דאָקטאָר".

די דריטע זייט פון דער שפּיטאָל־געביידע איז געווען ביים גרויסן, געפלאַסטערטן פּלאַץ פאַר דער פּוילישער קירכע. אין מיטן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ הויכע סטאַטוע פון דער „פּאַננאַ מאַריאַנאַ", און אָפט האָט מען געקענט זען אַ פרומע פּוילישע פרוי צוגיין און קושן דעם סאָקל פון דער סטאַטוע. אָנגעשפּאַרט אָן דער קירכע איז געווען די גרויסע, שטאָטיקע געביידע פונם „סטאַראָסטוואָ", וואו יידן פלעגן אָפט קומען ערליידיקן זייערע ענינים. צום סטאַראָסטוואָ האָט געפירט אַ באַזונדערער טראָטואַר, אַזוי אַז מען האָט זיך נישט געמוזט באַדינען מיטן פּלאַץ פאַר דער קירכע. וועלכן יידן האָבן זיך געהיט נישט צו באַטרעטן.

די פערטע זייט פונם בנין איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי די אַנדערע דריי זייטן. דאָס איז געווען די צפון־זייט, צו וועלכער די זון איז קיינמאָל נישט צוגעקומען. דאָ איז דער באַרג געווען ווי אַ גלייכע וואַנט, און אויבן אויפן באַרג איז געווען די וואַנט פון דער שפּיטאָל־געביידע מיט אַ גרויסער צאָל קליינע פענצטערלעך. אונטן אין טאָל, אַ פּאָר מעטער ווייט פון באַרג, האָט געריזעלט דאָס טייכל. דאָ, „אונטערן שפּיטאָל", איז אַלעמאָל געווען קיל און טונקל, אַפילו אין אַ הייסן זומערטאָג; דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ ראָמאַנטישע אַטמאָספערע, און דער פּלאַץ איז אויך אָפטמאָל אויסגענוצט געוואָרן צו „ראָמאַנטישע צוועקן".


נאָר איינמאָל אין יאָר איז דאָס טייכל געוואָרן אַ „חוזר בתשובה". דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, ווען יידן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַהער זאָגן „תשליך". פרומע יידן, אַלט און יונג, און נשים צדקניות, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט זאָגן „תשליך", אויסליידיקן די קעשענעס און אַריינוואַרפן אין טייכל די עבירות פון אַ גאַנץ יאָר. און אַ צוויי וואָכן שפּעטער זענען יידישע יינגלעך געקומען באַשניידן די ווערבעס און מאַכן פון די צווייגן סכך צו דער סוכה און הושענות אויף הושענא־רבה.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען נאָר אַ פּאָר טעג אין יאָר. די איבעריקע טעג פון יאָר האָט דאָס טייכל אויסגעזען גאַנץ וואָכעדיק. זונטיק זענען די שקצים פון דער קאָטיקיווקע געקומען וואַשן די פערד ביים טייכל, און אַ גאַנצע וואָך האָבן די גויות ביי אים געוואַשן וועש און געקלאַפּט די וועש מיט גרויסע שווערע פראַלניקעס.

אַ דריי חדשים אין יאָר האָט דאָס טייכל באַקומען „אורלויב" און איז באַפרייט געוואָרן פון אַלע זיינע אַרבעטן. דאָס איז געווען אין די ווינטער־חדשים, ווען עס איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ דיקער שיכט אייז און איז גאַנץ פאַרשוואונדן געוואָרן. אָבער באַלד ווי דער שניי מיטן אייז זענען צעשמאָלצן געוואָרן און די ערשטע גרעזלעך האָבן זיך באַוויזן, איז ווידער געוואָרן לעבעדיק. פונם דאָרף זענען געקומען די פּאַסטעכער מיט די יונגע לעמעלעך, און פון דער זייט פון דער שטאָט איז אָנגעקומען נתן קאָהוטס ווייב, די „קאָהוטעכע", מיט די גענדז און קליינע גענדזעלעך, צו פּאַסען זיי ביים טייכל.

אויף דער צווייטער זייט פונם טייכל, אין ברייטן טאָל, איז געשטאַנען דאָס שעכטהויז, מיט אַ בלאַנקן בלעכענעם דאַך. באַלד דאַנעבן איז געווען דער שטיינברוך, וואו מען האָט געשאָסן די סקאַלעס און אַרויסבאַקומען שטיינער צום פלאַסטערן די שטראָזן, און אַביסל אויך צום בויען. אַ שטיינערנע געביידע איז בדרך כלל געווען אַ לוקסוס; דאָס רוב האָט מען געבויט פון האָלץ, פאַרוואָרפן די ווענט מיט בלאָטע אויסגעקנייטן מיט שטרוי, און דערנאָך „פאַרפּוצט" מיט ליים און אָפּגעווייסט. דאָס איז געווען אַסך ביליקער און וואַרעמער ווי אַ מייער פון שטיין, אָדער גאָר פון ציגל.

בכלל האָט מען אין נאָרמאַלע צייטן, ווי פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, גאָר ווייניק געבויט אין שטאָט; פונדעסטוועגן זענען געווען אַ פּאָר יידן, וואָס האָבן דערפון געצויגן זייער פרנסה. אָט געדענק איך, למשל, זלמן סוכער, וועלכער איז, דאַכט זיך, געווען אַן אינזשינער, און רפאל סופר דעם בוימייסטער, מיט וועלכן מיין פאָטער פלעגט זיך אַלעמאָל באַראָטן, אַז ער האָט געהאַט עפּעס צו בויען אָדער



„סוביק'ס טייך", החורשה ומשרפות יי"ש

סוביסק'ס טייך, די בראַנפנעריי און דאָס וועלדל

"Sobik's Teich" (the Pond), local forest, Brandy-Brewery

איבערצובויען, איך געדענק אויך דעם נאָמען יוחנן באַהר און איינעם אָדער צוויי דאַכשלעגער. נאָכדעם ווי די שטאָט איז האַלב חרב געוואָרן דורך די רוסן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אין די יאָרן 1919—1921, ווען די יידן זענען צוריקגעקומען פון דער „פלוכט", אָנגעהויבן אַ גאָר ערנסטע בויטעטיקייט. דעמאָלט איז אויך אַריין אין דער מאָדע אַ נייער סיסטעם פון בויען: ווידער האָט מען אויפגעשטעלט דעם שקעלעט פון האָלצערנע באַלקען, אָבער צווישן די באַלקען האָט מען געמויערט מיט ביליקע בלאָטעציגל. דאָס איז געווען גוט און ביליק, און אויף וויפל איך געדענק האָט עס גאַנץ גוט געהאַלטן.

איינע פון די געמויערטע געביידעס, אַ שטאָקיקע געביידע געמויערט פון שטיינער און פון ציגל, איז געשטאַנען אין שכנות פון אונדזער הויז און האָט געהערט צו אַן אַלט פאָרפאָלק, צו אלי־יוסף שפירער און זיין ווייב חיה־מרים. זיי זענען געווען קינדערלאָז און האָבן קוים געהאַט פרנסה פון דעם באָד, וועלכן זיי האָבן געהאַט אין אונטערשטן שטאָק. אויפן צווייטן שטאָק האָבן זיי געהאַט זייער וואוינונג, און אַמאָל האָבן זיי אויך פאַרדונגען אַ שטוב אָדער צוויי פאַר אַ פאַבריקל. אַ צייט לאַנג האָט איזידאָר אריה, יענקל דעם מילכיקענס איידעם, געהאַט דאָרט אַ זייף־פאַבריקל, און בערך אַ צוויי יאָר האָט דאָרט עקזיסטירט הערשל פרעמינגערס פאַבריקל פון שוך־פאַסטאַ „לבנון", וועלכע מען האָט אין שטאָט גערופן „ציוניסטישער גלאָבין". בקיצור, דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער „אינדוסטריעלער קוואַרטאַל" פון האָראָדענקע מיט פופציק יאָר צוריק.

אַנטוויקלט האָט זיך דאָרט די „אינדוסטריע" אַדאַנק צוויי באַקוועמע באַדינגונגען וואָס זענען דאָרט געווען: וואַסערלייטונג און קאַנאַליזאַציע. דאָס וואַסער איז געקומען פון אַ קוואַל אונטער דער ערד, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ קלאָר קאַלט וואַסער מיט אַן איינאונאיינציקן חסרון: דאָס וואַסער איז געווען האַרט און אַביסל ביטער. דערפאַר טאַקע האָט דער קוואַל באַקומען דעם נאָמען: „דאָס ביטערע רינדל"; אָבער מיר, די נאָנטע שכנים, האָבן דאָס וואַסער בכבוד גדול אַריינגעפירט אין שטוב אַריין און באַנוצט עס צום טרינקן, און בעיקר צום שווענקען די וועש און אונדזער וועשעריי (געוואַשן האָט מען מיט רעגנוואַסער). אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט אין שטוב וואַסערלייטונג און אויך קאַנאַליזאַציע, גלייך צום טייכל. אין שטאָט האָבן אַלע געמוזט קויפן וואַסער ביים וואַסערטרעגער, פון ירמיהס קערניצע, און דאָס פראָבלעם פון קאַנאַליזאַציע האָט מען געלעזט אויף גאָר אַ פשוטן אופן: מען האָט אַרויסגעגאָסן דאָס שמוציקע וואַסער גלייך אין גאַס. געשאַדט האָט דאָס קיינעם נישט, ווייל זומער איז דאָס וואַסער באַלד אויסגעטרוקנט געוואָרן, און ווינטער איז דאָך סיי־ווי נאַס...

די וואַסערלייטונג און די קאַנאַליזאַציע זענען געווען דער יסוד פון דער „אינדוסטריע" ביי אונדז אין הויז, פון דער וועשעריי. דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכע וועשעריי פאַר וועש; אין האָראָדענקע וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן צו געבן די וועש אין אַ וועשעריי, וואו מען באַנוצט זיך מיט כעמישע שטאָפן און מען מאַכט פון דער וועש אַ תל. אונדזער וועשעריי איז געווען פון אַ גאַנץ אַנדערן סאָרט — זי איז געווען פאַרבונדן מיט דער דעמאָלטיקער מאָדע. אין יענער צייט האָט יעדער עלעגאַנטער מאַן געמוזט טראָגן אַ שטייפן קראַגן, שטייפע מאַנזשעטן און אַ העמד מיט אַ שטייפן בוזען. ווער ס'איז געווען ווייניקער עלעגאַנט האָט זיך באַגענוגענט מיט אַ שטייפער „פאָרלאַגע". דאָס אַלץ האָט געדאַרפט זיין שטייף און גלאַנציק, און דאָס איז געווען די ספעציאַליטעט פון דער וועשעריי, וועלכע איז געווען אונדזער הויפט־פרנסה.

אָבער ווי' דער שטייגער איז, קאָן זיך אַ ייד, און דערצו נאָך אַ ייד א בעל־המצאה ווי מיין פאָטער ע"ה, נישט באַגענוגענען מיט איין פרנסה. האָט מיין פאָטער געהאַט אַ סטאַבילע זייטיקע פרנסה: מאָלן שילדן. אַ נייגונג דערצו האָט ער געהאַט נאָך פון דער יוגנט, און ער האָט זיך אין דעם פאַך פאַרפאָלקאָמט זייענדיק אין ניו־יאָרק אין די יאָרן 1902—1905. אַזוי אַרום איז צו אים אַריינגעפאַלן אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעט פון האָראָדענקע און פון דער נאָענטער אומגעבונג.

פון די שילדן וואָס זענען אָנגעגאַנגען איז כדאי צו דער־

מאַנען צוויי ספּעציעלע סאָרטן: איין סאָרט זענען געווען די „אָדלערס״. אין עסטרייך איז דער פאַרקויף פון טאַבאַק געווען אַ רעגירונגס־מאָנאָפּאָל. פאַרקויפט געוואָרן איז דער טאַבאַק, און אויך ציגאַרעטן, אין באַזונדערע געשעפטן, וועלכע האָבן זיך גערופן „טראַפיקן״, און יעדע טראַפיק האָט געמוזט האָבן אַ שילד אין אָוואַלער פאָרם מיט דעם עסטרייכישן צווייקעפּיקן אָדלער, אָט די אָדלערס זענען געווען אַ גאָר חשובער טייל פון דער ארבעט. דער צווייטער סאָרט איז „אַריין אין דער מאָדע״ אין דער צייט פון דעם געלט־קריזיס, אַ פינף יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַסך יידן האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין געלט־געשעפטן מיט די גויים פון דער געגנט, אָדער סתם פאַרגרעסערט זייערע געשעפטן, און האָבן דערצו געליען געלט אין די בענק. אַז די פּאָליטישע לאַגע אויף דער וועלט איז געוואָרן אָנגעשטרענגט, האָבן די בענק פאַרלאַנגט צוריק דאָס געלט און נישט געוואָלט טוישן די וועקסלען. אַסך יידן זענען דערגאַנגען צו אַ באַנקראָט און האָבן געקאָנט פאַרלירן די קראָם, די סחורה און די גאַנצע פּרנסה. עס איז אָבער געווען אַ פּשוט מיטל, וויאַזוי דאָס צו פאַרמיידן: ווער ס׳האָט זיך געגרייט צו אַ באַנקראָט האָט אַ צייט פריער איבערגעשריבן זיין פאַרמעגן אויף זיין ווייב אָדער זיינעם אַ קרוב, אַזוי אַז די קרעדיטאָרן האָבן עס נישט געקאָנט פאַרקויפן און האָבן זיך געמוזט מיט אים פאַרגלייכן. זיי האָבן העכסטנס געקאָנט מאַכן קעגן אים אַ פּראָצעס, אָבער דאָס האָט זיך שוין נישט געלוינט. באַלד נאָכן איבערשרייבן די קראָם האָט מען אויך געמוזט בייטן די פירמע פון דער קראָם. אַבער אויך צו דעם איז געווען אַן עצה: אויף דער גרויסער אַלטער שילד האָט מען אויפגעהאָנגען גאָר אַ קליין שילדל מיטן נאָמען פונם נייעם „אייגנטימער״, און אונטער דעם נאָמען האָט מען אָנגעשריבן מיט גאַנץ קליינע אותיות „פּשעדטעם״ (פריער). אַזוי אַרום איש געשטאַנען אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז די קראָם איז איבערגעגאַנגען צו אַ נייעם בעל־הבית, אָבער כדי נישט צו פאַרטרייבן דעם „איינגאַנג״, לאָזט מען איבער דעם נאָמען פונם פריערדיקן אייגנטימער... אין יענער צייט האָט אַ גרויסער פּראָצענט פון די קראָמען אין שטאָט געטראָגן אַזאַ „פּשעדטעם״, און אַלעמאָל איז געקומען אַ נייער קליענט און בסוד־סודות באַשטעלט ביי מיין פאָטער אַ „פּשעדטעם״ פאַר זיין קראָם.

אַחוץ דער וועשעריי זענען אין משך פון דער צייט אַנטשטאַנען ביי אונדז איז הויז נאָך צוויי פאַבריקלעך. די ערשטע איז געווען די פאַבריק פון דאַכציגל, צו וועלכער מען האָט ווידער באַדאַרפט דאָס וואַסער פונם רינדל און דעם גרויסן פּלאַץ אַרום אונדזער הויז. צו דער פאַבריק האָבן מיר געהאַט צוויי שותפים, בוני פּלעשנער און מאָטיע שערצער, און זי האָט עקזיסטירט אַ פּאָר יאָר, פון 1907 ביז עס איז אויפגעשטאַנען אַ שטאַרקע קאָנקורענץ — די פאַבריק פונם „פּאָוויאַט״. דאָס צווייטע פאַבריקל איז אַנטשטאַנען אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה, אום ווינטער 1914/15. ביי אונדז אין געגנט האָט מען געטרונקען אַסך קאַווע; רייכערע מענטשן האָבן צוגעגעבן צו דער קאַווע אַביסל ציקאָריע, די אָרעמע האָבן צוגעגעבן צו דער ציקאָריע אַביסל קאַווע, אָדער געטרונקען בלויז ציקאָריע. אָנגענומען איז געווען פּראַנקס ציקאָריע, געפּאַקט אין אַ רויטן פּאַפּיר (מיט וועלכן די שיקסעס האָבן זיך פאַר אַ נויט געראָיטלט די באַקן). אין דער צייט פון דער רוסישער אינוואַזיע איז אָפּגעהאַקט געוואָרן דער פאַרקער מיט עסטרייך און עס איז געוואָרן אַ מאַנגל אין ציקאָריע. דעמאָלט האָט הערש בירנבוים אויפגעגעבן אַ פּלאַן, צו פאַבריצירן ציקאָריע פון געברענטן און געמאָלענעם גערשטן, געמישט מיט מאָלאַסע. איינס־צוויי האָט מען אויפגעשטעלט אַ פאַבריקל און מען איז געוואָרן פאַבריקאַנטן פון ציקאָריע. מיר קינדער האָבן געפּאַקט די סחורה אין רויטע פּעקלעך, און דאָס איז אָנגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים, ביז די עסטרייכער זענען צוריקגעקומען. מען האָט אפילו פאַרקויפט אַ פּאָר זעק „קאַווע״ פון געברענטן און געמאָלענעם גערשטן פאַר די ערשטע רעגימענטן פונם עסטרייכישן מיליטער, וואָס זענען געקומען אין שטאָט אַריין און האָבן נאָך נישט געהאַט קיין געאָרדנטע באַשפּייזונג. אָבער די שמחה מיט די עסטרייכער האָט נישט לאַנג געדויערט. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן זיי זיך ווידער צוריקגעצויגן, און צוזאַמען מיט זיי האָבן כמעט אַלע יידן פאַרלאָזט זייערע הייזער און זענען מיטגעגאַנגען, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט די רוסישע זעלנער, וועלכע זענען דאָסמאָל געקומען גלייך פונם פראָנט. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען פאַר וואָס מורא צו האָבן. ניין פון די איבערגעבליבענע יידן זענען אומשולדיק אויפגעהאָנגען געוואָרן, דער צענטער פון דער שטאָט איז פאַרברענט געוואָרן און די הייזער זענען אויסגערויבט געוואָרן דורך די זעלנער און דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

✶

די פאָרשטאָט קאָטיקיווקע (קאָטיקאָווקאַ) איז געלעגן אינדערהויך, קעגנאיבער אונדזער הויז. זי איז געווען באַוואוינט פון אוקראַאינער, בלויז איינצעלנע יידן האָבן געוואוינט צווישן די גויים. אָבער די ערשטע הייזער אין יענער זייט בריק זענען נאָך געווען יידישע הייזער. פון די יידן וואָס האָבן דאָרט געוואוינט געדענק איך בעיקר אהרן־לייב קאָהן (כהן), ביי וועלכן איך פלעג אַלס קינד קויפן טאַבאַק פאַר מיין פאָטער, און אברהם קאָהן, אַ הויכער שוואַרצלעכער ייד.ביידע האָבן געדאַוונט אין „ציון־פאַראיין״, און דאָס איז אַ צווייטע סיבה וואָס איך געדענק זיי אַזוי גוט. אָבער פון אַלע איינוואוינער פון דער געגענט איז געווען צום מיינסטן בולט און באַקאַנט נוח שפּירער, אַן עלטערער ייד מיט אַ ווייסער באָרד און מיט באַריילטע ביסטרע אויגן, וואָס פלעגט גיין שטראַם ווי אַ זעלנער. ווייזט אויס אַז אין די יונגע יאָרן איז ער געווען שטאַרק היציק, ווייל ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, אַז אויב נוח שפּירער זאָגט עמעצן „גוט מאָרגן״, דאַרף ער זיך צוהאַלטן די באַק... אויף דער קאָטיקיווקע האָט אויך געוואוינט יאָסי חזן, דער חזן פון דער גרויסער שיהל (דער שטאָט־חזן).

צווישן דער שטאָט און דער קאָטיקיווקע איז געווען אַ נאַטירלעכע גרענעץ — אַ ברייטער טאָל, אין וועלכן דאָס טייכל איז גערונען, אַזוי אַז דער שטראָז אַרום אונדזער הויז

איז געווען גאַנץ פריי פון הייזער. דאָס ערשטע הויז מיט וועלכן די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן האָט געהערט צו שמריה קוגעלמאַס. באַלד ביים הויז איז געווען אַ געסל, וואָס פון זיינע איינוואוינער געדענק איך בלויז ברוך־לייב ליסער. אין דער צווייטער זייט פונם געסל, ביים שטראָז, איז געשטאַנען בלויז איין הויז, און באַלד דערנאָך איז געווען אַ פלאַך בערגל, מיט אַ סטעזשקע וועלכע האָט געפירט גלייך צו יהודה־וואָלף שוכנערס קראָם.

דאָרט אויף דעם בערגל איז געשטאַנען אַ בלאָק הייזער מיט אַ גרויסן הויף אין מיטן. די הייזער האָבן געהערט צום באַראָן ראַמאַשקאַן, און געוואוינט האָבן דאָרט אַ פאָר פוילישע משפחות. אַרום דעם הויז איז געווען אַ גאָרטן פון גרינצייג און אַ פאָר ביימער מיט בעז, וואָס האָט אין די פרילינג־מאָנאָטן פאַרשמעקט די גאַנצע געגענט. איך געדענק, אַז אַ צייט לאַנג איז אין יענעם הויף געווען די האָראָדענקער פאָסט.

אויף דער צווייטער זייט פונם שטראָז, אַנטקעגן דעם בלאָק פון די קריסטלעכע הייזער, האָט זיך געצויגן די מויער פונם שפּיטאָל. ביי דעם פונקט האָט זיך דער שטראָז פאַרנומען אויף רעכטס, און קומענדיק צו דעם ווענדעפּונקט האָט מען געזען פאַר זיך די הויפּטגאַס פון דער שטאָט, ווי זי שניידט דורך דעם מאַרקפּלאַץ און ציט זיך ווייטער אַרויף. די הייזער אַרום דעם מאַרקפּלאַץ זענען געווען, ווי אויף דער גאַנצער וועלט, גאַנץ ענג געבויט, אַ טיר ביי אַ טיר, כדי אויסצונוצן יעדעס שטיקל פּלאַץ, פון וועלכן מען קען ציען פּרנסה, ווי דאָס פאָלקס־ווערטל האָט געזאָגט: אַ טיר אין מאַרק איז אַ פענצטער אין הימל.

די ערשטע צוויי הייזער נאָך דעם מויער פונם שפּיטאָל האָבן נאָך נישט געהאַט דאָס אויסזען פון די הייזער אין מאַרק. דאָס זענען געווען הייזער בלויז צום וואוינען, מיט אַ ווייס־געפאַרבטער הילצערנער וועראַנדע, און אַרום און אַרום אַ בלומען־גערטל אַרומגענומען מיט ווייסע שטאַכעטן. דאָס ערשטע האט געהערט צו אַ פּוילישן בעאַמטן, דאָס צווייטע צו משה קאַלמוס. באַלד נאָך משה קאַלמוסעס הויז איז געשטאַנען דאָס הויז פון הערש־לייב שיק, אַ הויז מיט צוויי פראָנטן,ביידע פול מיט געוועלבן, וואָס זענען געווען פאַרדונגען פאַר פאַרשידענע קראָמען. פון צווישן די אייגנטימער פון די געוועלבן געדענק איך צוויי, וועגן וועלכע איך וויל עפּעס דערציילן: זיידעלע רינדענוי און מאיר פרישלינג.

האָראָדענקע איז אין יענע יאָרן געווען אַ קליינע שטאָט און גאָר ווייט פון מאָדערנע איינריכטונגען. אין אַ פאָר גאַסן זענען געווען שמאָלע טראָטואַרן, אָבער צווישן דעם שטראָז און דעם טראָטואַר זענען געווען טיפע פאָסעס צום אָפּלויפן פונם וואַסער ביי אַ רעגן אָדער ביים שמעלצן פונם שניי. בלויז אין אַ טייל פון דער הויפּטגאַס האָט מען פאַרברייטערט דעם טראָטואַר און פאַרדעקט די פאָסע: אַלע איבעריקע פאָסעס זענען געבליבן אָפן, און צום אַריבערגיין האָט מען אויסגעבויט בריקלעך און זיי פאַרצוימט מיט אייזערנע פאַרענטשעס. דאָס אַלץ איז געווען גענוג פּרימיטיוו, עס האָט אָבער אויסגעזען גאַנץ „מאָלעריש", בעיקר אין פרילינג און אום זומער, ווען די טראָטואַרן זענען געלעגן אין שאָטן פון די קאַשטאַן־ביימער, וואָס האָבן געוואָקסן פון ביידע זייט שטראָז.

פאַר אונדז יונגוואַרג זענען די פאָסעס געווען אַן אויסגעצייכנטער פּלאַץ צו טרייבן ספּאָרט, אַריבערצושפּרינגען זיי אָנשטאָט אַריבערצוגיין אויפן בריקל, מיט לייטן־גלייך. איינמאָל האָט זיך אונדז גאָר פאַרגלוסט אַריינצוגיין אין דער פאָסע וואָס איז געווען פול מיט וואַסער און אויספּרווון די נייע שטיוועלעך, צי לאָזן זיי נישט דורך קיין וואַסער... ווייזט אויס, אַז מיר האָבן דאָס געמאַכט אַ פאָר מאָל, ביז מיין פאָטער האָט זיך דערפון דערוווסט און האָט דערפאַר „אָנגעזאָגט ווי אין פּסוק שטייט". שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אַז אויסגעגעבן האָט מיך עמיצער פון זיידעלע רינדענויס געוועלב, און דאָס איז געוויס די סיבה, וואָס איך געדענק דעם נאָמען אַזוי גוט.

מאיר פרישלינג, דעם זייגערמאַכער, געדענק איך צוליב אַן אַנדערער סיבה. ער איז געווען מיין פאָטערס אַ גוטער־ברודער און האָט געדאַוונט אין ציון־פאַראיין. אָפּטמאָל פלעג איך אַריינגיין מיט מיין פאָטער צו אים אין געשעפט און באַוואונדערן ווי ער באַקוקט מיט זיין לופּע די קליינטשינקע רעדעלעך, צענעמט זיי און לייגט זיי ווידער צונויף.

דער אייגנטימער פונם הויז, הערש־לייב שיק, איז געווען באַקאַנט אין שטאָט בעיקר צוליב זיין פּראָפעסיע, וואָס אַסך מענטשן האָבן געדאַרפט צו איר אָנקומען. ער איז געווען אַ „ווינקלשרייבער", דאָס הייסט אַ מין נישט־שטודירטער און נישט־דיפּלאָמירטער אַדוואָקאַט, וואָס האָט געשריבן בקשות צו רעגירונגס־אינסטיטוציעס און געגעבן עצות אין לייכטערע ענינים, וואו מען האָט נישט געמוזט אָנקומען צום אַדוואָקאַט. זיין טאָכטער פעפּי האָט געלערנט צוזאַמען מיט מיין שוועסטער, און זיין זון אייבער שיק איז געווען מיין מיטשילער.

די הויפּטגאַס פון דער שטאָט האָט געטיילט דעם מאַרקפּלאַץ אויף צוויי טיילן: לינקס איז געווען דער קלענערער טייל, וואו עס פלעגן זיצן די פויערטעס פון די נאָענטע דערפער מיט גרינצייג, אייער און עופות; רעכטס איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ פאַר וועגענער. יעדן דינסטיק, אין מאַרקטאָג, זענען ביידע פּלעצער געווען איבערפולט מיט מענטשן און וועגענער; די איבעריקע טעג פון דער וואָך איז די באַוועגונג געווען גאָר אַ קליינע.

אַרום דעם מאַרקפּלאַץ זענען די הייזער געווען פול מיט געוועלבן (קראָמען), וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיך אויסגעהאַלטן בעיקר פון די מאַרקטעג און ירידים. אויף דער רעכטער זייט איז געווען אַ באַזונדערע אָפּטיילונג מיט אַ גרויסער צאָל „בודקעס", וואו מען האָט פאַרקויפט גאַלאַנטעריע, וואָל און ביינוול, ביליקע שטאָפן, און אַזוי ווייטער. דאָרט זענען אויך געווען בודקעס מיט פאַרשידן געבעקס, און אַרום דעם פּלאַץ זענען געזעסן די מאַרקזיצערינס מיט אויבסט און מיט גרינצייג. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען אַרומגענומען מיט געוועלבן, פון וועלכע איך געדענק דאָס געוועלב פון מאַלציע בערגמאַן; זי איז שוין אין יענע יאָרן געווען אַן אַלמנה, און דאָס געשעפט האָבן געפירט אירע ביידע זין יאָסעל און שאול בערגמאַן. זייער דריטער ברודער, לייביש

בערגמאַן, איז געווען אַ נאָענטער פריינד פון מיין פאָטער. ער האָט זיך פאַרנומען מיט סאַדזעווקעס פאַר פיש און איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. איינס פון יענע הייזער האָט געהערט צו יידל עקערלינג, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט לייען געלט און האָט געהאַט נישט קיין „באַנק" נאָר אַ „בענקל".

די הייזער אַרום דעם מאַרקפּלאַץ זענען געשטאַנען אין פאָרם פון אַ „ח". אין רעכטן ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויס הויז, וואָס האָט געהערט צו יחזקאל שפּירער. אין פראָנט האָט דאָס הויז געהאַט בלויז איין שטאָק, אָבער אין דער זייט איז געווען אַן אונטערבוי מיט אַ גרויסער צאָל קליינע געוועלבער, וואו ס׳האָבן זיך באַזעצט די „אייערפּאַקער", וואָס פלעגן אויפקויפן אייער, סאָרטירן זייביים ליכט פון אַ לאָמפּ און איינפּאַקן אין גרויסע קאַסטנס פאַר עקספּאָרט. איך געדענק פון זיי בלויז צוויי נעמען: פיניע בערנשטיין און טויבע אַגאַטשטיין.

צו יחזקאל שפּירערס הויז האָב איך געהאַט אַ נאָענטן שייכות, ווייל איינער פון זיינע קאָמאָרניקעס איז געווען מיין פעטער מענדל פלאָר (איינער פון זיינע זין איז אין די דרייסיקער יאָרן געווען באַוואוסט ווי אַ וועלט־שאַכמאַטיסט מיטן נאָמען סאַלאָ פלאָר). ער האָט געהאַט אַ געוועלב פון שפּייזאַרטיקלען, וואָס האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס געשטיצט אויפן פדיון פון די גויים אין די מאַרקטעג. נאָך זיין געוועלב איז געווען אַ גאַנצע רייע מיט ענלעכע געוועלבן, וואָס זייערע סחורות זענען געווען צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון די איינפאַכע דאָרפס־מענטשן: מעל און זאַלץ, נאַפט און שוועבעלעך, און נאָך אַפּאָר פשוטע אַרטיקלען. פון די דאָרטיקע קרעמערס געדענק איך אַפּאָר נעמען: פייביש מאַהלער, אַ חסידישער ייד מיט אַ געל בערדל, און חייקע שטאַרק, אַן אַלמנה מיט אַן אויסערגעוויינלעכער סוחרישע ענערגיע. אַן אויסנאַם אין דער גאַנצער רייע געוועלבן איז געווען די ביכער־האַנדלונג פון יהושע פאָמעראַנץ, וואו מען האָט פאַרקויפט בעיקר הייליקע ספרים און אַביסל מעשה־ביכלעך. אין די שפּעטערע יאָרן האָט מען דאָרט באַקומען אויך העברעאישע שולביכער.

די געוועלבן אויף דער לינקער זייט פונם מאַרקפּלאַץ האָבן געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. אָנגעהויבן האָט זיך די רייע מיטן לעדער־געשעפט פון ב. רייכמאַן. באַלד נאָך רייכמאַנס געלעב איז געווען אַ געשעפטל, פאַר וועלכן מען קאָן שווערלעך געפינען אַ פּאַסיקן נאָמען. ביי הערשל סוכער אין געשעפט האָט מען אַלעמאָל געקאָנט באַקומען אַ גלעזל סאָדע צום טרינקען און עפּעס צום פאַרבייסן, אָבער נישט דאָס איז דאָרט געווען דער עיקר. דאָס איז הויפּטזעכלעך געווען אַ מין קלוב, וואו ס׳האָבן זיך געטראָפן אין אַ קליין צימערל מענטשן פון אַלע שיכטן, סוחרים און פאַרמיטלער, וואָס זענען געקומען ענדיקן אַ געשעפטל, אָדער סתם פרייע יונגעלייט, וואָס זענען אַריינגעקומען מאַכן אַ פּאַרטיע שאָך אָדער צוקוקי זיך אַלס „קיביצער" ווי אַנדערע שפּילן. אויך ביים בעל־הבית אַליין, ביי הערשל סוכער, איז נישט דאָס פאַרקויפן פונם גלעזל סאָדע געווען דער עיקר. ער האָט אַלעמאָל געהאַט צייט זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס מיט זיינע קליענטן וועגן אַ וויכטיקן ענין אין דער וועלט־פּאָליטיק אָדער אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק; ער האָט איבער אַלץ געלייענט, האָט אַלץ געוואוסט און האָט איבער אַלץ געהאַט זיין אייגענע מיינונג. און אַזוי ווי הערשל סוכער איז געווען פון די איבערגעגעבענע ציוניסטן און פון די אָנפירער פונם ציון־פאַראיין, האָבן זיך צו זיין געשעפט געצויגן אַלע ציוניסטישע יונגעלייט, האָבן פאַרבראַכט דאָרט זייער פרייע צייט און זענען ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ציוניטישער טעטיקייט. הערשל סוכערס לאָקאַל איז איבער דעם געווען נישט סתם אַ געשעפט, נאָר אַ מין אינסטיטוציע, וואָס איר עקזיסטענץ האָט זיך גאַנץ גוט אָפּגעפילט אין שטאָט.

נאָך הערשל סוכערס געשעפט האָבן זיך ווייטער געצויגן פאַרשידענע געוועלבן, דאָס רוב געשעפטן פון לעדער און פאַרטיקע שטיוול. איינער פון די לעדער־סוחרים איז געווען הערשל בערמאַן, אַ פאַרמעגלעכער און פאַרגעשריטענער יונגערמאַן. זיין זון משולם האָט שטודירט אין טשערנאָוויץ, וואו זיין פעטער, פּראָפעסאָר פישל ברענער, איז געווען דירעקטאָר פון דייטשן גימנאַזיום. נישט ווייט פון בערמאַנס געשעפט איז געווען דאָס לעדער־געשעפט פון משה שעכנער. זיין זון אָשר איז געווען פון די בולטע טיפּן צווישן די ציוניסטן פון דער יונגער גענעראַציע. ער איז געווען דער בעסטער שאַכמאַטיסט אין שטאָט, האָט שטאַרק ליב געהאַט טעאַטער און קונסט, און לויט ווי איך האָב געהערט, האָט ער אויך אין די שפּעטערע יאָרן געלעבט ווי איינער פון דער „באָהעמע", גאָר ווייט פונם לעבן פון אַ „געזעצטן" האָראַדענקער בעל־הבית.

אין דער מיט פון דער רייע געוועלבן איז געווען אַ ברייטער אָפענער טויער פון אַן איינפאָרהויז, וואָס האָט געהערט צו שלמה־אברהם שאָר (שור). ער איז געווען פון די חשובע בעלי־בתים אין שטאָט און אַ גאָר פרומער. זיין זון קלמן שאָר האָט זיך שוין געפירט מער מאָדערן, געטראָגן קורצע קליידער און אַ קורץ בערדל, איז געווען אַ ציוניסט און האָט געדאַוונט אין ציון־פאַראיין.

ביים ענדע פון דער רייע געוועלבן זענען געווען צוויי געשעפטן פון שפּייז, וואָס האָבן געהערט צו צוויי חשובע בעלי־בתים: יענקל האַבער און שלמה שטרייט. מיט האַבערס משפחה האָבן מיר געהאַט אַסך פאַרבינדונגען. ערשטנס איז ער געווען מיין פאָטערס אַ גוטער־פריינד. ער האָט געהאַלטן אין געשעפט פיינערע סחורות, פאַר פאַרמעגלעכע יידישע קונים, פאַר פּריצים און בעאַמטע. דאָס געשעפט איז געווען געהאַלטן אין אָרדנונג, און דער קונה האָט געקאָנט זיין זיכער, אַז ער וועט באַקומען די ערלעכסטע און בעסטע באַהאַנדלונג. איך בין אָפּטמאָל אַהין אַריינגעקומען עפּעס קויפן. אויסערדעם איז די יינגערע טאָכטער, בעלאַ האַבער, געווען מיין שוועסטערס אַ מיטשילערין אין פּוילישן גימנאַזיום און פלעגט אָפּטמאָל אַריינקומען צו אונדז אין שטוב אַריין.

אין שלמה שטרייטס געשעפט האָט מען פאַרקויפט בערך דיזעלבע סחורות ווי ביי יענקל האַבער, מיט דערזעלבער גוטער און פיינער באַדינונג. איך בין אַהין כמעט נישט אַריינ־

געקומען און איך ווייס דאַריבער קיין סך נישט צו דערציילן. דערפאַר אָבער לאָזט זיך אַסך דערציילן וועגן די אייגענטימער פונם געשעפט, וועגן דער משפחה שטרייט. שלמה שטרייט איז געווען נישט נאָר פון די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים און קהלישע טוער, נאָר אויך אַ תלמיד־חכם און אַ גרויסער לערנער. ער האָט זיכער געוואָלט אַז זיינע זין, זאָלן גיין אין זיינע וועגן, אָבער דאָ איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, די משפחה איז מגולגל געוואָרן קיין ווין, און דאָרט איז געווען דאָפּלט שווער צו האַלטן די קינדער אונטער אַ פרומער השפעה. אַז די משפחה איז צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע, האָבן זיך געשאַפן אין איר דריי „פּאַרטייען": דער פאָטער איז געבליבן עקסטרעם פרום; דער עלטערער זון, אָשר, איז געוואָרן אַ בונדיסט און אַ יידישיסט, האָט געגרינדעט צוזאַמען מיט זיינע חברים — ברוך־איציק שפירער, אייזיק פינק, יהודה־הערש סאָבעל, יאָסל כץ און אַנדערע — די יידישע שול, און איז אַ צייט לאַנג געווען איינער פון די לערער; און דער ייִנגערער זון, יהושע, איז געוואָרן אַ ציוניסט און אַ העברעאיסט, און האָט אַוועקגעגעבן דער באַוועגונג זיינע יונגע כוחות און זיין יוגנטלעכע התלהבות. יאָרנלאַנג האָט זיך אין דער משפחה געפירט דער ויכוח צווישן די דריי שטרעמונגען, גלייך ווי ער האָט זיך געפירט אין דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט. צוויי זין יהושע און ישראל זענען געקומען קיין ארץ־ישראל, און דעם וויכוח האָט, צו אונדזער טיפסטן באַדויערן, דער היטלעריזם פאַרענדיקט אויף אַ ברוטאַלן, טראַגישן אופן.

דאָס קאַפּיטל וועגן דער משפחה שטרייט וויל איך פאַרענדיקן מיט אַפּאָר ווערטער וועגן דער ייִנגסטער טאָכטער, פייגע שטרייט. אין יאָר 1922 איז זי אין משך פון אַ האַלב יאָר געווען מיינע אַ שילערן אין אַ העברעאישן קורס פאַר דערוואַקסענע מיידלעך. פון אַלע תלמידות געדענק איך בלויז זי און איר געטרייע חברטע רחל קוועטשער; זיי האָבן צום בעסטן געקענט און צום מייסטן באַוויזן אינטערעס צו לערנען די שפּראַך גרינטלעך.

שלמה שטרייטס געשעפט איז געווען דאָס לעצטע אין דער רייע, און איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ קליין געסל פון דער רייע הייזער, וואָס איז געגאַנגען אין דער ברייט און האָט פאַרמאַכט די „חית" פונם מאַרקפּלאַץ. דאָרט זענען געווען אין אונטערבוי אַ פּאָר גאָר קליינטשיקע געוועלבלעך, פון זיי געדענקט איך בלויז צוויי, וועלכע איך וויל דאָ באַשרייבן.

דאָס ערשטע געוועלב בייט טראָטואַר פון דער הויפּטגאַס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון צוויי קליינע געוועלבלעך מיט צוויי באַזונדערע טירן, האָט געהערט צו פאַיע גראַפּאַך, וואָס געווייִנלעך האָט מען זי פאַרצויגן און גערופן „פאַיקעלע". אויף דעם שילד איז נאָך געשטאַנען דער נאָמען פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן יונה גראַפּאַך, אָבער געפירט דאָס געשעפט האָט די אלמנה מיט אירע טעכטער, און דאָס איז געווען איינס פון די פּראָספּערירנדע געשעפטן אין שטאָט. פאַרקויפט האָט מען דאָרט קאָנפעקציע און גאַלאַנטעריע.

דאָס צווייטע געוועלבל, וואָס האָט געהערט צו מאָטל האָראָוויץ, האָט געזאָרגט נישט פאַר די מאַטעריעלע באַדערפעניש, נאָר פאַר די גייסטיקע באַדערפענישן פון די האָראָדענקער יוגנטלייט. דאָס געוועלבל איז געווען לאַנג און שמאָל, איין העלפט האָבן פאַרנומען די פּאָליצעס מיט ביכער, און אין דער צווייטער העלפט האָבן קוים געקענט דורכגיין צוויי מענטשן. איך אַליין בין נישט געווען פון די באַזוכער פון דעם געשעפטל — דערצו בין איך נאָך געווען צו יונג; אָבער ביי אונדז אין שטוב האָט געוואוינט איינער פון זיינע סטאַבילע קליענטן, און אַזוי בין איך געקומען אין קאָנטאַקט מיטן לעזעשטאָף פון אָט־דעם ביכערגעשעפט און מיט אַפּאָר פון זיינע קליענטן. דער רוב פון די ביכער איז געווען פון רעקלאַמס פאַרלאַג, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אין אַ פאָלקסטימלעכער און ביליקער אויסגאַבע אַן אויסוואַל פון דער דייטשער און אייראָפּעאישער ליטעראַטור. פון די ביכער געדענק איך אַ דיקן באַנד פון דאַרווינס „די ענטשטעהונג דער אַרטען" און דראַמען פון איבסען און סטרינדבערג, בקיצור, ערנסטע ליטעראַטור פאַר ערנסטע אינטעליגענטע מענטשן.

פון די לייענער פון האָראָוויצס ביבליאָטעק האָב איך געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט אַ גרופּע פון פיר גוטע־פריינד, וואָס איינער פון זיי איז געווען מיין צוקונפטיקער שוואָגער בערל מאָסבערג. אין דער גרופּע זענען געווען צוויי סטודענטן פונם האָראָדענקער גימנאַזיום און צוויי וואָס זענען נישט געווען קיין סטודענטן. דער פּעאיקסטער אין דער גרופּע איז געווען שמואל־אבא סופר, פּינחס דעם גבאיס אַ זון. ער איז געווען שאַרף און וויציק און האָט אַלעמאָל געשיט מיט שאַרפע פּאַראַדאָקסאַלע ווערטלעך. אויף וויפיל איך געדענק איז ער דעמאָלט געווען ווייט פון ציוניזם, און בכלל האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ ציניקער וואָס גלויבט נישט און קיין אידעאַלן. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער פאַרלאָזט די שטאָט און איז מער נישט צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע.

דער צווייטער סטודענט אין דער גרופּע איז געווען וואָווע שטרום וואָס געפינט זיך איצט אין ישראל. גלייך ווי שמואל־אבא סופר האָט ער געדעקט די הוצאות פון זיין שטודיום מיט זיינע פאַרדינסטן פון געבן „שטונדען" פאַר אַנדערע שילער פון גימנאַזיום, ווייל זיין פאָטער קמיאל שטרום איז נישט געווען פון די רייכע יידן און האָט געהאַט אַ גרויסע משפחה. דאָס איז איינע פון די וויניקע משפחות, וואָס זענען אַלע געקומען רעכטצייטיק קיין ארץ־ישראל און אַלע זענען געווען טעטיק אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין האָראָדענקע. איך וויל ספּעציעל דערמאָנען איינעם פון די ברידער, נתן שטרום, וועלכער האָט יאָרנלאַנג געטריי מיטגעאַרבעט און זיך נישט אָפּגעזאָגט פון קיין שום טעטיקייט. מען האָט זיך אָפּטמאָל געוויצלט און געזאָגט, אַז אין יעדער קעשענע טראָגט ער אַן אַנדערע אינסטיטוציע: אין איינער — דעם קרן היסוד, אין דער צווייטער — דעם קרן קיימת, אין דער דריטער — די שקל־קאָמיסיע, און אין דער פערטער דעם קאָמיטעט פון דער העברעאישער שול.

דער דריטער פון דער גרופּע איז געווען מאיר קראָן,

וועלכער געפינט זיך אויך אין ישראל. איך געדענק אים ווי אַ שיינעם הויכן בחור, וואָס האָט געקענט רעדן העברעאיש און פלעגט קומען אַמאָל צו אונדז אין שטוב, צו זיין פריינט בערל מאָסבערג. ער איז נישט געווען פון האָראָדענקע נאָר פון אַ שכנותדיק דאָרף, און אפשר טאַקע דערפאַר האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און פּרווון זיין אַ פעלד־אַרבעטער. ער איז געפאָרן בערך אין יאָר 1912, האָט זיך אָבער באַלד אַנטוישט פון די שווערע באַדינגונגען און איז צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע. ערשט אין יאָר 1933 איז ער ווידער געקומען פון ווין קיין ארץ־ישראל.

דער פערטער פון דער גרופּע איז געווען בערל מאָסבערג. ער איז געווען דער „פּראָלעטאַריער" אין דער גרופּע, ווייל ער האָט נאָך אַלס אַ יינגל אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי אונדז אין דער וועשעריי און דערמיט פאַרדינט צום לעבן. אין די ערשטע דריי טעג פון דער וואָך האָט ער כמעט נישט געהאַט וואָס צו טון, און ער האָט אויסגענוצט די צייט צום לייענען און זיך צו בילדן.

איך האָב אַביסל ברייטלעך באַשריבן פיר פון די בעסטע יונגעלייט פון יענער צייט, כדי צו געבן אַ באַגריף פון דער גייסטיקער אַטמאָספערע צווישן די יונגעלייט, וואָס האָבן געשעפּט זייער גייסטיקע שפּייז פון מאָטל האָראָוויצס ביבליאָטעק, וועלכע איז געווען פאַר זיי אַ פענצטער צו די ליטעראַרישע שאַפונגען פון דער גרויסער וועלט.

איידער מיר צעשיידן זיך מיטן מאַרקפּלאַץ וויל איך נאָך דערמאָנען אַן ענין וואָס האָט מיט אים אַ שטיקל שייכות: די באַלויכטונג אין שטאָט. אין מיינע ערשטע קינדעריאָרן האָט מען באַלויכטן די שטאָט אויף אַ פּשוטן אופן: מען האָט אויפגעשטעלט האָלצערנע סלופּעס מיט לאַמטערנס, און יעדן פאַרנאַכט איז אַרומגעגאַנגען אַ פּאָליציאַנט מיט אַ לייטער, אָנצוצינדן די נאַפט־לאָמפּן אין די לאַמטערנס. שפּעטער, אַ צוויי־דריי יאָר פאַר דער מלחמה, האָט מען אויפגעשטעלט אין ווינקל פונם מאַרקפּלאַץ, ביים שיידוועג, אַ הויכן אייזערנעם סלופּ און אויפגעהאָנגען אַ „לוקס", וואָס האָט געגעבן אַ שיין ווייס ליכט. אָבער די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אָפטמאָל נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן לוקס, ווען עפּעס־וואָס איז קאַליע געוואָרן, ביז איינער פון די יידישע ראַדיקעס האָט געגעבן אַן עצה פון אַ תלמיד־חכם: צו וואָס זאָלן מיר נעמען אַ פּאָליציאַנט און מאַכן אים פאַר אַ מעכאַניקער, לאָמיר בעסער נעמען אַ מעכאַניקער און מאַכן אים פאַר אַ פּאָליציאַנט.

דער ווינקל וואו דער לוקס איז געשטאַנען איז בכלל געווען אַ יחוסדיקער ווינקל. יעדעס יאָר צום יאָר־יריד פלעגט אַראָפּקומען אַ „קאָמעדיע" און אָוועקשטעלן די בודע אין דעם ווינקל. איינע פון די גרעסטע „אַטראַקציעס" איז געווען צו זען אַ קאָמעדיאַנט גיין אויף אַ שטריק איבער די קעפּ פונם פּובליקום.

✶

די הויפּטגאַס פון דער שטאָט האָט זיך געצויגן אַ פּאָר הונדערט מעטער ווייטער נאָכן מאַרקפּלאַץ ביז צום שיידוועג, וואו דער וועג רעכטס האָט געפירט צום געריכט, צו דער באַן־סטאַציע און צום דאָרף טשערניאַטין. דער גלייכער וועג האָט געפירט צו דער טאָליקי און ווייטער אַוועק קיין סניאַטין.

אין דער רעכטער זייט פון דער הויפּטגאַס, באַלד נאָכן מאַרקפּלאַץ, איז געווען דאָס אייזגעשעפט פון מרדכילע שניצער, וואָס איז איבערגעגאַנגען נאָך דער מלחמה צו זיינע צוויי זין חיימל און שמחהלע. איך געדענק נאָך מרדכילע שניצער, ווען ער איז געווען אַ גאַנץ אַלטער ייד, אָבער ער איז נאָך געווען טעטיק אין געשעפט מיט דער הילף פון זיין יינגערן זון שמחה. דעם עלטערן זון, חיימל, האָט מען זעלטן געזען אין געשעפט. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, איז געווען דעם רבס אַן איידעם און האָט אַליין געהאַט סמיכות אויף רבנות.

מיט מרדכילע שניצער און מיט ביידע זין איז מיין פאָטער געווען גוט באַקאַנט און באַפריינדעט, און איך פלעג אָפטמאָל קומען צו זיי אין געשעפט עפּעס קויפן. נאָך דער מלחמה, אַז מיר זענען צוריקגעקומען פון דער פלוכט, האָב איך זיך שטאַרק פאַרברידערט מיט חיים שניצערס עלטסטן זון, משולם. דער פאַרמיטלער פון דער פריינדשאַפט איז געווען אליעזר בילדער, וואָס איז געווען שניצערס אַ נאָענטער שכן און איז שוין דעמאָלט געווען מיט אים שטאַרק באַפריינדעט. מיר זענען געקומען פון דער פלוכט אַסך שפּעטער ווי דער רוב פון די האָראָדענקער יידן, נאָך דער קורצער הערשאַפט פון די אוקראַאינער און נאָך דער בלי־צייט פון דער „השומר"־אָרגאַניזאַציע. און איך געדענק, אַז באַלד ווי מיר זענען אָנגעקומען מיט דער באַן, האָבן אונדז אָפּגעוואַרט העניע בירנבוים און אליעזר בילדער; בילדער און שניצער האָבן צווישן זיך גערעדט העברעאיש און האָבן מיך באַלד אַריינגענומען אין זייער געזעלשאַפט.

בכלל איז דעמאָלט געווען אין שטאָט אַ שטאַרקע העברעאישע באַוועגונג, נאָך פון צייט פון „השומר". עס האָט עקזיסטירט אַ שיינע העברעאישע שול, און די לערער זענען געווען דריי האָראָדענקער יונגעלייט: שמואל גרייף, אָשר יונגערמאַן און עילא ליבסטער. נאָכדעם ווי ליבסטער און יונגערמאַן זענען אַוועקגעפאָרן, איז אויפגענומען געוואָרן אַלס לערער בנימין קאָרן. ער איז פאַרבליבן אין האָראָדענקע אַסך יאָרן און זיין גאַנצע משפחה איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע האָראָדענקער יידן. אויסער דער העברעאישער שול פאַר קינדער זענען אויך געווען פאַרשידענע קורסן פאַר דערוואַקסענע, וועלכע זענען אָנגעפירט געוואָרן פון היימישע יונגעלייט, ווי הערש פאָמעראַנץ און אַנדערע. אַ זעקס־זיבן יאָר פאַר דער לעצטער מלחמה האָט האָראָדענקע געהאַט די זכיה צו האָבן צוויי לערער, וועלכע זענען שפּעטער געוואָרן באַוואוסטע שרייבער אין ארץ־ישראל: ש. י. פּינעלעס און שמשון מעלצער.

גלייכצייטיק און פּאַראַלעל מיט דער ציוניסטישער און העברעאישער טעטיקייט האָט זיך געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט פון דער בונדיסטישער און יידישיסטישער באַוועגונג, וואָס אירע אָנפירער זענען געווען: אָשר שטרייט, יאָסל כץ, אייזיק פּינק און אַנדערע. די פּערזענלעכע באַציאונגען צווישן די אָנפירער און די מיטגלידער פון די צוויי באַוועג־

גונגען זענען געווען גאַנץ פריינדלעכע. עס איז אויך געווען איין געביט, אויף וועלכןביידע פּאַרטייען האָבן אַ געוויסע צייט צוזאַמען געווירקט און זיך באַטייליקט: דאָס שאַפן פון אַ דראַמאַטישן קרייז אין שטאָט. אינטערעסאַנט איז, אַז דער קרייז איז געשאַפן געוואָרן כדי צו העלפן פינאַנסירן דעם אויפבוי פון אַ נייעם דאַך פאַר דער אָפּגעברענטער שיהל, און ביידע פּאַרטייען האָבן דערביי מיטגעהאָלפן.

אויפן געביט פון טעאַטער איז האָראָדענקע זענען געווען דריי תקופות. די ערשטע האָב איך נישט מיטגעלעבט און איך האָב געהערט וועגן איר פון מיינע עלטערן. נאָך אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער חתונה, בערך 1890—1895, פלעגט קומען פון צייט צו צייט אַ טעאַטער־טרופּע און אויפפירן גאָלדפאַדענס טעאַטער־שטיק: „צוויי קוניע־לעמל", „חינקע־פינקע", „שולמית" א.אַ.וו. מיין פאָטער פלעגט מאָלן די פּלאַקאַטן, און דערפאַר איז מען אָפט געגאַנגען אין טעאַטער. יאָרן שפּעטער האָט מען נאָך ביי אונדז אין שטוב נאָכגעזונגען די קופּלעטן און נאָכדערציילט ווערטלעך פון יענע פאָרשטע־לונגען. די צווייטע תקופה געדענק איך אַליין, ווען גימפּלס טרופּע פון לעמבערג איז געקומען קיין האָראָדענקע און האָט אויפגעפירט יעקב גאָרדינס דראַמעס: „די שחיטה", „דער ווילדער מענטש", „גאָט, מענטש און טייוול" א. אַ.וו. איך בין שוין אַלט געווען אַ צען־עלף יאָר און בין אַפּאָר מאָל מיטגע־גאַנגען צו די פֿאָרשטעלונגען. די דריטע תקופה איז געווען אין די יאָרן 1919—1923, ווען עס האָבן זיך געבילדעט אין שטאָט דראַמאַטישע קרייזן מיט אייגענע היימישע כוחות. געשפּילט האָט מען יידיש, און צופרידענגעשטעלט דאָס האָ־ראָדענקער פּובליקום, וואָס אַסך פון זיי האָבן שוין געהאַט אַ פיינעם געשמאַק, נאָכדעם ווי זיי האָבן געזען גוטע טעאַטער־פאָרשטעלונגען בשעת זיי זענען געווען פליכטלינגע אין מערב־אייראָפּע.

דער ערשטער דראַנג צו פּרוּוון אַליין שפּילן טעאַטער האָט זיך דערוועקט נאָכן באַזוך פון דעם באַרימטן שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וועלכער האָט געמאַכט אַ באַזוך אין זיין געבורט־שטאָט אין יאָר 1918. איך בין נאָך דעמאָלט נישט געווען אין שטאָט, אָבער אַלע וואָס האָבן אים געהערט האָבן דערציילט וועגן דעם געוואַלטיקן איינדרוק וואָס זיין אויפ־טרעטן האָט געמאַכט. דער דראַמאַטישער קרייז וועלכן איך געדענק האָט אויפגעפירט דראַמעס פון גאָרדין: „חאַסיע די יתומה" און „דער אונבעקאַנטער" און „ביים ברעג" פון פּרץ הירשביין. פון די מיטגלידער פונם קרייז געדענק איך: אייזיק פינק, מענדל דינער, הערש סאָבעל, מאָטי כ"ץ, דאָניע מייער, פייגע לינדענבערג, העניע בירנבוים און עטל סטריזאָווער. די „טרופּע" האָט זיך אַפילו געוואַגט אויסער האָראָדענקע און איז געפאָרן „גאַסטראָלירן" אין גוואָזדזיעץ. מענדעל דינער איז שפּעטער אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד און איז געוואָרן דאָרט אַ שוישפּילער אין יידישן טעאַטער, אָבער מער האָבן מיר פון אים נישט געהערט.

✶

אין שכנות פון מרדכילע שניצערס געוועלב איז געשטאַנען אַ גרויסע און אַ שיינע שטאָקיקע מויער, וועלכע איז געווען דאָס שענסטע הויז אין שטאָט. דאָס איז געווען די אַפּטייק פון מיראָן לוריע. דער אייגנטימער איז געווען אַן אַסימילאַטאָר און די אַפּטייק איז געווען אָפן אויך שבת און יום־טוב; קודם־כל האָט דאָך געקאָנט פּאַסירן, אַז עמיצער זאָל מוזן האָבן אַ רפואה פאַר אַ קראַנקן אויך אום שבת; און שנית, איז דער אייגענטימער נישט געווען פאַר אָפּצוהיטן שבת און יום־טוב. אין מיינע ערשטע קינדעריאָרן איז דאָס געווען די איינציקע אַפּטייק אין שטאָט, דערנאָך האָט זיך געעפנט אַ צווייטע אַפּטייק מיטן נאָמען „די נייע אַפּטייק אונטערן גאָלדענעם שטערן", וואָס איר אייגענטימער איז געווען אַ פּאָליאַק.

אויפן פּלאַץ צווישן דער טיר פון שניצערס געוועלב און דער טיר פון דער אַפּטייק זענען געשטאַנען די בעלי־עגלות פון דער שטאָט: די פיאַקערלייט מיט זייערע פיאַקערס, וועלכע האָבן געפירט פּאַסאַזשירן צו דער באַן; אַפּאָר פּלאַכע וועגענער (גאַרעס) צום פירן סחורות, און אַפּאָר טרעגערס, צום אויפ־לאָדן און אָפּלאָדן סחורות. פון די בעלי־עגלות, וועלכע מען האָט פאַרשטייט זיך גערופן נישט ביים פאַמיליע־נאָמען נאָר



בית־הכנסת הגדול
די גרויסע שיהל
The Grand Synagogue

ביים צונאָמען, געדענק איך, „קאָפּעלע זאַנקע" און בערל „בולעי". דער באַקאַנטסטער טרעגער איז געווען מאָניש טרעגער, אַ הויכער ברייטבייניקער ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד.

די אַפּטייק איז געשטאַנען מיטן פראָנט צו דער הויפּט־גאַס, און די צווייטע זייט איז אַריינגעגאַנגען אין אַ שמאָל געסל, וואָס האָט געפירט צו דער גרויסער שיהל. די שיהל איז געווען אַ גרויסע און אַ הויכע שטיינערנע געביידע, וואָס איז געווען נישט גאַנץ אויסגעענדיקט און איז געשטאַנען אַזוי אַסך יאָרן. פון דרויסן איז זי געווען נישט אָפּגעפּוצט און אינווייניק האָט מען אַרויסגעזען די באַלקען פונם דאַך, ווייל די שיהל האָט נישט געהאַט קיין סטעליע (סופיט). דער אַריינגאַנג אין שיהל אַריין איז געווען דורך אַ פּאָרהויז מיט „פּלוש"ן פון ביידע זייטן. געדאַוונט האָבן אין שיהל מייניסטענס פּשוטע מענטשן; די רייכערע בעלי־בתים, חסידים און סתם „שיינע ייִדן", האָבן געדאַוונט אין דער טשאָטקעווער קלויז, אָדער אין דער וויזשינצער קלויז, אָדער ביי ייִדל פּאַסוויגס מניין, וואו ס'האָבן געדאַוונט מתנגדים.

גאַנץ נאָנט ביי דער שיהל איז געשטאַנען דער בית־המדרש און דאָס „שטיבל", וואו ס'האָבן געדאַוונט סתם בעלי־בתים, נישט קיין חסידים. אין בית־המדרש איז געווען וואַרעמער ווי אין שיהל (אין דער שיהל האָט מען נישט געטאָרט הייצן און ס'איז נישט געווען קיין אויוון), און דאָרט האָט מען אויך וואַרעמער געדאַוונט. דער האָראָדענקער רב, ר' אלימלך אשכנזי, האָט געדאַוונט זומער אין שיהל און ווינטער אין בית־המדרש.

אין דעם זעלבן געסל, אַביסל ווייטער פון דער שיהל, איז געשטאַנען אַ לאַנגע, שמאָלע געביידע — די פליישיאַטקע. אין דער מיט פון דער יאַטקע איז געווען אַ לאַנגער דורכגאַנג, אַ מין „פּאַסאַזש", און און ביידע זייטן זענען געווען אַ צוואָנציק בודקעס, פאַר יעדן קצב אַ בודקע. דאָס קאָנצענטרירן פונם פלייש־פאַרקויף איז מסתם געמאַכט געוואָרן כדי צו האָבן אַ בעסערע אויפזיכט אויף איינער פון די וויכטיקסטע הכנסות פון דער קהילה, און אפשר אויך כדי צו האָבן אַ בעסערע סאַניטאַרע אויפזיכט.

באַלד ביי דער יאַטקע איז געווען דער פּראָוואַל, וואָס אַפילו גראַנאַך האָט געדענקט אים צו באַשרייבן אין זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק „אָט גייט אַ מענטש". דער פּראָוואַל האָט געטיילט די שטאָט אין צוויי טיילן: אַ מזרחדיקן און אַ מערבדיקן. אין מערבדיקן טייל, „אין יענער זייט פּראָוואַל", האָבן געוואוינט דאָס רוב אָרעמעלייט, אָרעמע בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות און טרעגערס, מאַרקזיצער און מעקלערס, וואָס האָבן געהאַנדלט און געוואַנדלט און זענען דאָך נישט געווען קיין סוחרים. אין דעם קוואַרטאַל זענען די הייזער געווען קליין און נידעריק, די גאַסן ענג און שמוציק, נישט געפּלאַסטערט און אָן טראָטואַרן. אַפּאָר חדשים אין יאָר, אין דער רעגנצייט און ביים צוגיין פונם שניי, זענען די גאַסן געווען פול מיט בלאָטע, מען האָט קוים געקאָנט פון זיי אַרויס בשלום. איבערן פּראָוואַל האָבן געפירט דריי בריקן, איינע ביי מענדל געצלס (מענדל רייס) הויז, די צווייטע ביי דער יאַטקע, און די דריטע אַביסל ווייטער, אויפן וועג צו „ניקאָליסקיס קלויסטער". דער פּראָוואַל האָט עקזיסטירט ביז די ערשטע יאָרן פון דער וועלט־מלחמה, ווען ס'איז אויסגעבראָכן אין שטאָט טיפוס און כאָלערע, און די עסטרייכישע מיליטער־פאַרוואַלטונג האָט אים געלאָזט פאַרשיטן צוליב סאַניטאַרע טעמים. אַזוי ווי דעמאָלט איז געווען אַן אויסנאַמסצושטאַנד, האָט די מאַכט צונויפגעטריבן אַ גרויסע צאָל איינוווינער, ייִדן און גויים, צו צוואַנגס־אַרבעט („שאַרוועריק") און האָט אויסגעפירט די אַרבעט אָן אַ גראָשן געלט.

אין די געסלעך אַרום דער שיהל און דעם בית־המדרש זענען געווען פאַרשידענע חדרים, וואו די ייִדישע קינדער האָבן באַקומען זייער דערציאונג. געוויינטלעך אין יעדעס קינד דורכגעגאַנגען אַפּאָר חדרים, פונם דרדקי־מלמד ביז צום גמרא־מלמד, און אַזוי זיך באַקאַנט מיט עטלעכע מלמדים. איך פּערזענלעך האָב דאָס נישט מיטגעמאַכט. איך האָב אָנגעהויבן לערנען ביי מנשה מלמד, און זיך אויסגעלערנט לייענען „נשמת כל חי תברך", מער אויסנווייניק ווי אינווייניק. פון יענער צייט געדענק איך ווי דורך אַ חלום, ווי מיר זענען געגאַנגען צו אַ „קרישמע לייענען" (קריאת־שמע לייענען). געווען איז אַמאָל אַזאַ מנהג ביי ייִדן, אַז אין אָוונט פאַרן ברית זענען קליינע חדר־ייִנגלעך מיט זייער רבי געגאַנגען לייענען קריאת־שמע ביים בעט פון דער קימפּעטאָרן, אַ סגולה אַז זי מיטן קינד זאָלן באַהיט ווערן פון די „מזיקים". נאָכן לייענען האָבן די קינדער באַקומען לעקעך און צוקערלעך, און דאָס איז געווען אַ גאַנצער יום־טוב. מיין „אָנהויבן חומש", מיטן גאַנצן טראַסק, איז אויך נאָך געווען ביי מנשה מלמד. אָבער באַלד דערנאָך האָט מען געעפנט די העברעאישע שול און איך בין געוואָרן איינער פון אירע געטרייע תלמידים אין משך פון אַ פינף־זעקס יאָר. פון צייט צו צייט האָב איך צוגעלערנט אַביסל תנ"ך ביי פּריוואַטע לערער, ווי שלמה העלער, און אַ יאָר אָדער צוויי פאַר דער מלחמה האָב איך געלערנט גמרא ביים גמרא־מלמד קלמן־שמואל, מענדל ליסערס שווער און ליפּע ליסערס זיידע. געלערנט האָבן ביי אים געציילטע עטלעכע תלמידים, דאַרונטער אויך זיין איייניקל ליפּע. געלערנט האָבן מיר אין אָוונט, און ליפּע, וואָס איז געווען נישט קיין קליינער שטיפער, האָט אונדז אָפטמאָל לאַכענדיק געמאַכט אין מיטן לערנען, ווייזענדיק אויף דער וואַנט אַ „ציגעלע", וואָס ער האָט געמאַכט דורך דעם שאָטן פון זיינע הענט. בקיצור, פון די חדרים האָב איך פאַרזוכט בלויז „אויפן שפּיץ גאָפּל", און איך קען זיי מער פונם הערן ווי פון אייגענער דערפאַרונג.

פון די העכערע מלמדים, ביי וועלכע מען האָט געלערנט חומש, „פּסוק" און גמרא, געדענק איך צוויי באַקאַנטע נעמען: יונה מלמד, וואָס זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען ליבמאַן, און יהודה מלמד, וואָס איז געווען פון דער פאַמיליע טויבער, אָבער גערופן האָט מען אים לויט דעם צונאָמען פון זיין פאַמיליע „יהודה בעזשאָר". ער איז געווען פון די עלטערע מלמדים, און אַ טייל עלטערן פון זיינע תלמידים זענען אַמאָל אַליין געווען זיינע תלמידים. ער איז געווען באַוואוסט פאַר אַ שטרענגן מלמד, און זיינע תלמידים האָבן געהאַט נישט ווייניק פון אים אויסצושטיין און נאָכצודערציילן.

אַ מלמד פון אַ גאַנץ אַנדערן אַרט איז געווען נטע כ"ץ.

אויך ביי אים האָט מען געלערנט אויף יידיש און אַלץ פאַרטייטשט אויף יידיש, אָבער אין דער צייט וואָס אַנדערע מלמדים האָבן זיך אָפּגעגעבן בעיקר מיט גמרא, האָט מען ביי נטע כ״ץ געלערנט מער תנ״ך. ער האָט זיך אויך באַנוצט מיט מאָדערנערע פירושים צום תנ״ך, ווי מיט מענדעלסאָנס „ביאור״, וואָס איז געווען פסול ביי די פרומע יידן. אויסערדעם האָט מען ביי אים געלערנט אַביסל דקדוק, און בכלל איז ביי אים אין חדר און אין שטוב געווען אַ מאָדערנע אַטמאָספערע.

אין דער הויפּטגאַס, צווישן דעם געסל וואָס האָט געפירט צו דער שיהל און דעם וועג צום „פּאָלוואַרקאָווי קאָנט״, איז געווען אַ בלאָק מיט געשעפטן און וואוינונגען, פון וועלכע איך געדענק בלויז איינצעלנע. דאָרט איז געווען לייבעלע קאָרנס אייזן־געשעפט און יונה קראַמערס שיך־געשעפט, וואו מיר פלעגן קויפן שיך ערב יום־טוב. אין דער זעלבער רייע איז אויך געווען דאָס געשעפט פון פייוועלע „קוואַסניק״, דעם הויפּטפאַבריקאַנט פונם האָראָדענקער „קוואַס״. דאָס איז געווען אַ משקה געמאַכט פון געטרוקנטע פירות, און איז פאַרקויפט געוואָרן ביי אַפּאָר שטעלן אין שטאָט אין גרויסע גראָבע גלעזער. פייוועלע קוואַסניק איז געווען אַ גרויסער מומחה אין זיין פאַך, און די קאַלטע משקה איז געווען מחיה נפשות. זומער אין די מאַרקטעג אָדער אויף די ירידים פלעגט מען אַרומטראָגן קוואַס צום פאַרקויפן, און דערביי פלעגט מען אויפן הויכן קול אויסלויבן די סחורה. איינער פון די פאַרקויפער איז געווען מאיר־הערשעלע, אַ פריילעכער קבצן מיט אַ גרויסער ליסינע (פּליך) אויפן קאָפּ און פול מיט ווערטלעך מיט וויצן און מיט גראַמען. פאַרקויפנדיק דעם קוואַס פלעגט ער אים אויסלויבן אויף אוקראַאיניש: „סאָלאָדקי יאַק מיד, אַ סטודעני יאַק ליד, אַ קטאָ פּיע — טאָי זשיע״ (זיס ווי האָניק, קאַלט ווי אייז, און ווער עס טרינקט — דער לעבט).

אָט די רייע הייזער איז געלעגן אַביסל העכער פונם שטראָז, אַזוי אַז מען האָט געמוזט אַרויפגיין מיט אַפּאָר טרעפּלעך און נאָענט ביי די הייזער איז געווען אַ גאַנץ שמאָלער טראָטואַר. דערפאַר איז אויף דער צווייטער זייט פונם שטראָז, אָנגעהויבן פון פּאַיע גראַפּאַכס געשעפט, געווען אַ ברייטער און באַקוועמער טראָטואַר, וואָס איז צוגעגאַנגען ביז צום שטראָז און האָט פאַרדעקט די פּאָסע אונטער זיך. דאָ האָבן אויך די געשעפטן אויסגעזען שענער און פיינער, און דאָ איז אויך געווען אַן אוקראַאינישע אינסטיטוציע, וואָס צווישן אירע פיר ווענט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ גרויסער טייל פונם יידישן עפנטלעכן לעבן אין שטאָט.

איינס פון די ערשטע געשעפטן אין דער רייע איז געווען חיים שוכנערס געשעפט פון מענער־קאָנפעקציע, אַ דאָפּלט געשעפט מיט צוויי טירן, אין וועלכן עס האָבן געאַרבעט חיים שוכנער אַליין, זיין עלטערער זון און די צוויי יינגערע זין, אַ צווילינג, משה און פילע. פאַרשטייט זיך, אַז האָראָדענקער בעלי־בתים האָבן געהאַט ווייניק וואָס צו זוכן אין אַ „טאַנדייט־געשעפט״. זיי האָבן מייסטנס געטראָגן מלבושים מיט אַ יידישן שניט, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט קויפן פאַרטיק. פאַר די יידישע און פּוילישע באַאַמטע איז שוכנערס סחורה נישט געווען גענוג פיין און עלעגאַנט. די פויערן פון דער געגנט האָבן נישט געטראָגן קיין אייראָפּעאישע קליידער; זייער נאַציאָנאַל־טראַכט איז געווען — אַ העמד מיט לייוונטענע הויזן אום זומער, און אַ פעלץ פון שעפּסן־פעל אום ווינטער. זענען געבליבן בלויז די קונים פון דער אָרעמער קלאַס, וואָס קליידן זיך נישט צו עלעגאַנט, און גייען צום שניידער בלויז איינמאָל אין לעבן — צו נייען חתונה־קליידער. אַפּאָר יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז צוגעקומען אַ נייער סאָרט פון קונים אויף קאָנפעקציע. אַסך פויערן פון דער געגנט, וואָס זענען געווען שטאַרק פאַרשולדיקט אָדער האָבן גלאַט געוואָלט אָפּשפּאָרן אַפּאָר דאָלאַר, זענען אַוועקגעפאָרן קיין קאַנאַדאַ. יעדער פון זיי האָט געפונען פאַר נייטיק צו זיין אָנגעטאָן „ווי אַ מענטש״, און האָט געמוזט אָנקומען צו חיים שוכנערס געשעפט, וואָס איז געווען דאָס גרעסטע און כמעט דאָס איינציקע געשעפט פון דעם מין.

נישט ווייט פון חיים שוכנער, קעגנאיבער דער אַפּטייק, איז געווען אַ שטעל פון פרוכטן, וואו יאָסל לאַנדהיים (גערופן האָט מען אים יאָסל מינדיעס) האָט פאַרקויפט זיין סחורה. פאַרקויפט האָט ער נישט די אָרטיקע פרוכטן, ווי עפּל באַרנעס און פלוימען, וועלכע האָבן זיך ביי אונדז כמעט געוואַלגערט אין די גאַסן אין זומערצייט. ער האָט פאַרקויפט זעלטענע פירות, וואָס האָבן נישט געוואָקסן ביי אונדז אין געגענט, ווי אַפריקאָסן פון זאַלישטשיקער געגענט, וויינטרויבן און רויטע אַרבוזן פון אונגאַרן, וואָס מען האָט געקויפט צו מאַכן אַ „שהחיינו״ מוצאי ראש־השנה; ער האָט פאַרקויפט מאַראַנצן, צו „דערכאַפּן דאָס האַרץ״ פון אַ קראַנקן, אָדער סתם צום פאַרגעניגן ביי אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. די שטעל האָט זיך געהאַלטן ביז צו דער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914. דערנאָך איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער פאַרקער, ס׳איז געוואָרן אַ ווירוואַר, און דאָס געשעפט האָט פאַרלוירן זיין מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. נאָך דער מלחמה האָט זיך דאָרט געעפנט אין איינעם פון די געוועלבן אַן ענלעך געשעפט, דויד גלאָגערס געשעפט פון דעליקאַטעסן און קאָנפעקטן, וואו האָראָדענקער יונגעלייט האָבן ליב געהאַט אַריינצוגיין און זיך לאָזן וואוילגיין.

ביים עק פון דעם בלאָק, דאָס לעצטע געשעפט ביים געסל, איז געווען דאָס געשעפט פון דעם זייגערמאַכער שמואל פרישלינג. ער האָט געדאַוונט אין ציון־פאַראיין און איז געווען מיין טאַטנס אַ גוטער־פריינד. זיין זון אורציע האָט געלערנט אין גימנאַזיום אין טשערנאָוויץ, און איך געדענק אַז ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך באַוויזן אין גאַס פאָרענדיק אויף אַ ביציקל, און אַלע האָבן אים באַוואונדערט. אין יאָר 1916 האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן מיט שמואל פרישלינגס משפחה אויף דער פלוכט, אַנטלויפנדיק פאַר די רוסן ביי דער דריטער אינוואַזיע. מיין פעטער מענדל פלאָר האָט געהאַט אַ פערד־און וועגעלע בשותפות מיט אונדזער משפחה, און שמואל פרישלינג האָט אויך איינגעקויפט אַ וועגעלע מיט אַ דאַר פערדל. שמואל פרישלינג האָט אָפּטמאָל געגעבן דעם פערדל צו טרינקען, און זיך פאַרענטפערט אַז אַזוי ווי ער האָט פאַר אים נישט גענוג עסן — גיט ער אים כאָטש אַסך צו טרינקען...

אויף דער צווייטער זייט פונם געסל איז געשטאַנען אַ

צווישטאָקיק הויז, וואָס האָט געהערט צו וועלוול זיידמאַן. וועלוול זיידמאַן איז געווען אַ ייד אַ גביר, אַ חסיד און אַ גרויסער לערנער. ער איז געווען אַן עסקן און האָט זיך גערעכענט פאַר אַ קעגנער פון די ציוניסטן. זיין זון פרויקי (אפרים) איז שוין געווען אַ היינטיקער יונגערמאַן, האָט זיך געחברט מיט דער ציוניסטישער יוגנט און איז געווען איינער פון די שענסטע יונגעלייט אין שטאָט. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זיין רעגימענט געשטאַנען אין לייפניק (מעהרן), וואו אונדזער משפחה האָט געלעבט אַלס פליכטלינגע און ער פלעגט אָפט מאָל אַריינקומען צו אונדז. אין יאָר 1925, ווען איך בין געקומען קיין ארץ־ישראל, האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין ירושלים,, וואו מיר זענען ביידע געווען אָפטע געסט ביי יצחק ארציאלי ז״ל (אפרים געלערס פעטער). ער האָט געפּרווט זיך שאַפן דאָ אַן עקזיסטענץ, האָט זיך אָבער אַנטוישט און איז צוריקגעפאָרן צו זיין משפחה קיין לעמבערג. זייט דעם האָב איך וועגן אים גאָרנישט געהערט.

וועלוול זיידמאַן האָט אויך געהאַט אַ שיינע טאָכטער. געזען האָב איז זי נישט, איך האָב נאָר געהערט רעדן וועגן איר ביי אונדז אין שטוב. געווען איז דאָס אַזוי: אין אונדזער וועשעריי האָבן מיר אַלעמאָל גערדאַרפט אַן אַרבעטער צום דרייען דאָס רעדל פון דער פּרעס־מאַשין. מיר האָבן געהאַט דערצו אַ סטאַבילן אַרבעטער, אַן אַלטן קלוגן גוי. אָפטמאָל האָט אָבער פאַסירט, אַז ער האָט נישט געקאָנט קומען צו דער אַרבעט, האָבן מיר דעמאָלט געזוכט אַ יידישן אַרבעטער. געאַרבעט האָבן, אין דעם פאַל, אָדער מאיר־הערשעלע, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערציילט, אָדער — פאַר אַ נויט — בנימין כ״ץ, וועלכן מען האָט געווינטלעך גערופן מיטן צונאָמען „בנימין טראָמבער״. ער איז געווען אַ קליינער יונגערמאַנטשיק מיט אַ געל בערדל און מיט אַ נאַריש געלעכטערל. געווען איז ער אַ בחור און אַ גרויסער „תם״, אַזוי אַז אַלע האָבן ליב געהאַט מיט אים איינצוטענען און הערן זיינע תשובות. צווישן אַנדערע שאלות פלעגט מען אים פרעגן, צי וועלוול זיידמנס טאָכטער געפעלט אים; און ער פלעגט אַלעמאָל ענטפערן, אַז זי געפעלט אים גאָר שטאַרק, אָבער ער האַלט אַז זי איז נישט קיין פאַסיקער שידוך פאַר אים, ווייל ער איז נישט אומשטאַנד צו געבן איר פרנסה און נאָכקומען אַלץ וואָס אַזאַ מפונקת איז געוואוינט צו האָבן.

וועלוול זיידמאַנס דירה איז געווען אין אייבערשטן שטאָק פונם הויז, און דעם ערשטן שטאָק האָבן פאַרנומען אַפאָר געוועלבן, דאַרונטער חיים־הערש זיידמאַנס געשעפט פון פאַרשידענע שטאָפן. אין דעמזעלבן הויז, אָדער אַביסל ווייטער, איז געווען לייזער פרידלערס אייזן־געשעפט און מאָטל עדעלשטיינס שפּעצעריי־געשעפט. לייזער פרידלער איז געקומען קיין ארץ־ישראל, נאָכדעם ווי זיין זון, זיין טאָכטער לאָטי און זיין איידעם יצחק שפירא זענען שוין געווען אין ארץ־ישראל. מאָטל עדעלשטיין און זיין ווייב מאַטל זענען אומגעקומען אין האָראָדענקע. נאָך דעם אומקום פונם אייראָפעאישן יידנטום האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז זייער זון יעקב עדעלשטיין ז״ל איז געווען פון די וויכטיקסטע ציוניסטישע אָנפירער אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי און דער פאָרשטייער פון די יידן אין געטאָ פון טערעזיענשטאַט. ער איז געווען אַ שטאָלצער יידישער פאַרטרעטער און איז דערמאָרדעט געוואָרן ווי אַ קדוש דורך די נאַצישע רוצחים.

אין דער זעלבער שורה איז געשטאַנען אַ הויז, וואָס האָט גאַנץ אַנדערש אויסגעזען ווי די אַנדערע הייזער — דאָס הויז אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען די אינסטיטוציעס פון דער אוקראַאינישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אין פראָנט פון דעם הויז איז געווען די „„טאָרהאָווליאַ״, אַ קאָאָפּעראַטיוו געוועלב פאַר דער אוקראַאינישער אינטעליגענץ. לאַנגע דורות איז אין מזרח־גאַליציע דער מסחר געווען רעזערווירט אויסשליסלעך פאַר יידן, און קיינער האָט נישט געטראַכט אַז דאָס קאָן זיין אַנדערש. ערשט אין די לעצטע צוויי דורות האָט זיך באַוויזן אַן ענדערונג אויף דעם געביט. יידן האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין פּראָפעסיעס וואָס זענען אַמאָל געווען פאַר זיי פאַרשלאָסן, ווי באַאַמטענשאַפט און פרייע פּראָפעסיעס, און גלייכצייטיק האָבן איינצעלנע פּאָליאַקן און אוקראַאינער אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט דער יידישער פּראָפעסיע, מיט מסחר. פּראַקטיש האָט זיך די קאָנקורענץ נישט שטאַרק אָפּגעפילט, אָבער די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן געפירט די פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם יידישן האַנדל, האָבן אַלעמאָל אונטערגעשטראָכן אַז דער יידישער הענדלער נוצט אויס די פּויערן, און אַזוי האָבן זיי אויך פאַרגרעסערט די שנאה צום ייד.

די „טאָרהאָווליאַ״ איז געווען אַ פיין געשעפט, וואָס האָט געדאַרפט באַפרייען די אוקראַאינישע אינטעליגענץ פון דער שטאָט און פון די דערפער אַרום פון דער נויטווענדיקייט אַנצוקומען צום יידישן קרעמער. אָבער עס ווייזט אויס, אַז אויך זיי האָבן נישט געקאָנט אויסקומען אינגאַנצן אָן אַ ייד — האָבן זיי געהאַט כאָטש איין ייד, וואָס האָט פאַר זיי אויסגעפירט פאַרשידענע שליחותן. דאָס איז נישט געווען קיין בכבודיקע פרנסה — אָבער דאָך אַ פרנסה. געהייסן האָט דער ייד מרדכי־לייב, אָבער גערופן האָבן אים אַלע „קום״ (גוטער ברודער). אויך צו אונדז אין דער וועשעריי פלעגט ער אָפט אַריינקומען, ברענגען און אָפּנעמען די וועש פאַר די „פּאַנעס״.

פון פראָנט פונם הויז האָט אַ ברייטער טויער געפירט אין הויף אַריין, און דאָרט איז געווען אַ גרויסער זאַל מיט אַ בינע — „דער נאַראָדני דאָם״ (פאָלקס־הויז). אויף וויפל איך געדענק, זענען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה נישט געווען קיין שום באַציאונגען צווישן דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און דער אוקראַאינישער. ווייזט אויס, אַז דערנענטערט האָבן זיך די צוויי באַוועגונגען אין דער קורצער צייט פונם אוקראַאינישן רעזשים אין מזרח־גאַליציע. עס איז אַ פאַקט, אַז די אוקראַאינישע רעגירונג האָט זיך פריינטלעך באַצויגן צו דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג און האָט געלאָזט אויסוויילן אַ יידישן „נאַציאָנאַלראַט״ פאַר מזרח־גאַליציע, אין וועלכן ד״ר אַלפערט איז געווען דער דעלעגאַט פון האָראָדענקע. די באַציאונגען זענען געבליבן פריינטלעך אויך שפּעטער, ווען די מערב־אוקראַאינישע רעפּובליק איז מגולגל געוואָרן אין מזרחדיקן „קליין־פּוילן״, און די ציוניס־

טישע יוגנט האָט אָפּטמאָל געדונגען דעם זאַל פונם „נאַראָדני דאָם" צום פאַראַנשטאַלטן פון פאָרשטעלונגען און פאַרשידענע אָוונטן.

די טאָרהאָווליאַ איז געווען דאָס לעצטע געשעפט אין דער רייע. אין איינעם פון די ווייטערדיקע הייזער איז געווען די פּראָפּינאַציע, וואו מען האָט פאַרקויפט בראָנפן אין הורט און דעטאַיל. נאָך דער פּראָפּינאַציע איז געווען דאָס האָטעל פון מאָניש שמיד, און דערמיט האָט זיך געענדיקט דער „קאָמער־ציעלער" טייל פון דער הויפּטגאַס. ווייטער אַרויף זענען געווען בלויז איינצעלנע געשעפטן; דאָס רוב זענען דאָרט געווען וואוינונגען, אַפּאָר ביוראָען פון אַדוואָקאַטן, דער ציון־פאַראיין, יידל פאַסוויגס מניין, און — להבדיל — דער גויישער קלויסטער.

באַלד נאָך מאָניש שמידס האָטעל איז געוועןביים טראָטואַר אַ גערטל, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום גויישן קלויסטער, און די הייזער זענען דאָ געשטאַנען אין יענער זייט גערטל. דאָס ערשטע הויז האָט געהערט צו אַ ייד, וועלכן מען האָט גערופן איציק־עליע לייכטערמאַכער. לייכטערמאַכריי איז אַמאָל געווען אַ גוט פאַך אין יעדער יידישער שטאָט, ווייל אין יעדער יידישער שטוב זענען געווען אַפּאָר מעשענע לייכטער, צום בענטשן ליכט ערב שבת. יעדע יידישע פרוי האָט שטאַרק אָפּגעהיט די מצווה פון ליכט־בענטשן, און יידישע קינדער האָבן ליב געהאַט יעדן פרייטיק אויסצופוצן און אויסצוגלאַנצן די מעשענע לייכטער. ערשט עטלעכע יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה זענען אַרויסגעקומען ביליקע „ניי־זעלבערנע" לייכטער און האָבן ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט די שווערע מעשענע לייכטער, וועלכע זענען אַסך דורות געווען אין געברויך.

איציק־עליעס הויז איז געשטאַנען ביים געסל וואָס האָט געפירט צום שפּאַצירגאָרטן. אויף דער צווייטער זייט פונם געסל זענען געשטאַנען אַפּאָר הייזער, דאַרונטער דאָס הויז פון שמאי באַכער. אין יאָר 1933 איז דאָס הויז פאַרקויפט געוואָרן, און דעמאָלט האָבן די ציוניסטן מיט דער הילף פון זייערע סימפּאַטיקער אין שטאָט דאָס הויז אָפּגעקויפט און געמאַכט דערפון אַ פאָלקסהויז. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ביז צום אונטערגאַנג, זענען דאָרט געווען די העברעאישע שול, די ביבליאָטעק און אַ לעזעזאַל פאַר ציוניסטישע קרייזן.

גאַנץ נאָענט פון שמאי באַכערס הויז איז געשטאַנען דער גריכיש־קאַטאָלישער קלויסטער, אָדער דער „גויישער קלויסטער" — ווי מען האָט אים גערופן אין שטאָט, וועלכער איז געווען אינגאַנצן אַרומגענומען מיט יידישע הייזער. אַהער פלעגן קומען בעיקר די גויים פון דער קאָטיקיווקע, ווייל די גויים פונם „פאָלוואַרקאָווי קאָנט" האָבן געהאַט פאַר זיך אַ באַזונדערן קלויסטער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעזען פון אַלע הייזער אַרום און האָט געהייסן „ניקאָליסקעס קלויסטער"

די יידישע שיהלן זענען בדרך כלל נישט געשטאַנען אין דער הויפּטגאַס. בלויז צוויי מניינים זענען געווען אין דער הויפּטגאַס, און ביידע כמעט קעגנאיבער דעם קלויסטער. די צוויי מניינים זענען געווען: יידל פאַסוויגס מניין און דער ציוניסטישער מניין.

דער ציוניסטישער מניין איז געווען אין אַ געדונגענער גרויסער שטוב ביי אהרון קוגעלמאַס אין הויז. געדאַוונט האָט מען דאָרט בלויז שבת און יום־טוב. שבת נאָכמיטאָג און אין די וואָכנטעג איז דער לאָקאַל געווען אַ קלוב און אַ לעזעזאַל פאַרן ציוניסטישן פאַראיין „בני ציון". דאָרט האָט מען אַלעמאָל באַקומען צום לייענען די ציוניסטישע צייטונגען אין פאַרשידענע שפּראַכן: יידיש, העברעאיש און דייטש, און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אויך אין פויליש. געווען איז דאָרט דאָס „לעמבערגער טאַגעבלאַט" אין יידיש, די העברעאישע וואָכנשריפט „המצפה" פון קראָקע, און אַמאָל אויך די וואַרשעווער העברעאישע צייטונג „הצפירה". נאָכדעם ווי גאַליציע האָט זיך פאַראייניקט מיט קאָנגרעס־פּוילן האָט מען אָנגעהויבן לייענען די וואַרשעווער יידישע צייטונגען „היינט" און „מאָמענט" און די פּוילישע צייטונג „כווילאַ", וועלכע האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין לעמבערג. דאָרט זענען אויך אַלעמאָל געווען די צוויי אָרגאַנען פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, „די וועלט" אין דייטש און „העולם" אין העברעאיש. פאַר דער מלחמה האָט מען אויך באַשטעלט צוויי פון די וויכטיקסטע ווינער צייטונגען: די „נייע פרייע פּרעסע" און דעם „ווינער זשורנאַל".

דעם ציוניסטישן מניין און דעם „ציון־פאַראיין" געדענק איך נאָך פון מיינע ערשטע קינדעריאָרן. דער מניין האָט געהאַט אַן אייגענעם בעל־קורא, מיין פעטער מענדל פלאָר, און אייגענע בעלי־תפילות אַפילו פאַר ימים נוראים. מיין פאָטער ע"ה האָט געהאַט אַ „חזקה" צו דאַווענען „כל נדרי" און „נעילה", און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גוטן בעל־תפילה. אַ גוטער בעל־תפילה מיט אַ גאָר זיסער און שיינער שטימע איז געווען בוניע פלעשנער. ער האָט געאַרבעט אין אַ באַנק, און איז אויסער דעם געווען אַ שותף אין דער פאַבריק פון דאַכאָוקעס וואָס איז געווען ביי אונדז אויפן הויף. אין ציון־פאַראיין איז אויך „נתגלה געוואָרן" אַ גוטער בעל־תפילה, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ חזן אין אַ לעמבערגער שיהל. דאָס איז געווען שאול סוכער, אַ נידריקער יונגערמאַנטשיק מיט אַ שפּיציק בערדל, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט אַז ער איז אַ „יודע נגן", ביז ער איז איינמאָל צוגעגאַנגען צום עמוד און האָט באַוויזן אַז ער דאַוונט ערשטקלאַסיק, נישט „חזניש", נאָר ווי אַ גוטער געשמאַקער בעל־תפילה.

ניט ווייט פונם „ציון־פאַראיין", אַפּאָר הייזער אויף צוריק, איז געווען ווייַנשטיינס „זאַל". דאָס איז געווען דער איינציקער זאַל אין שטאָט וואָס האָט געדינט פאַר אַ „קאַפּע־הויז" פאַר דעם ביסל „אינטעליגענטן" פון פאַר דער מלחמה. דעם זאַל האָט מען אויך פאַרדונגען אויף חתונות און פאַר אָוונטן אין אַ ענגערן קרייז. נאָך דער מלחמה האָט מען דעם זאַל איבערגעאַרבעט און דאָרט געעפנט די יידישע שול.

אַפּאָר הייזער ווייטער פון ווייַנשטיינס זאַל איז געווען יידל פאַסוויגס מניין. יידל פאַסוויג איז געווען ר' משולם וואַגנערס אַן איידעם, נישט קיין חסיד נאָר אַ „מתנגד" (בכלל זענען נישט געווען אין שטאָט קיין סך „מתנגדים"). ר' משולם וואַגנער אַליין האָב איך נישט געקענט, ווייל אין מיינע צייטן

האָט ער שוין נישט געלעבט; איך ווייס נאָר אַז מען האָט פון אים גערעדט מיט גרויס דרך־ארץ. זיין צווייטער איידעם איז געווען מרדכילע שניצער, וועלכער איז געווען אַ מחותן פונם לעצטן האָראָדענקער רב, ר׳ אלימלך אשכנזי.

ר׳ אלימלך אַשכנזי אַליין האָט אויך געהאַט זיין דירה אין דערזעלבער רייע, אַפּאָר הייזער נאָכן ציון־פאַראיין. דער רב האָט נישט געהאַט קיין זין, נאָר אַפּאָר טעכטער, וואָס זענען פאַר מיינע צייטן שוין אַלע געווען פאַרהייראַט. צוויי פון זיינע טעכטער האָבן חתונה געהאַט מיט מרדכילע שניצערס זין, מיט חיימל שניצער און זיין ייִנגערן ברודער שמחה. אָפטמאָל פלעגט קומען קיין האָראָדענקע דעם רבס אַ דריטער איידעם, ישראל ראַפּאָפּאָרט פון סאָקאָל, אַ הויכער יונגערמאַן מיט א הדרת־פּנים און מיט אַן אויסזען וואָס לאָזט זיך שווער פאַרגעסן.

איינס פון די הייזער צווישן דעם ציון־פאַראיין און דעם רבס הויז האָט געהערט צום יידישן דאָקטאָר, ד״ר קאַנאַפּאַס. ער איז געווען דער איינציקער יידישער דאָקטאָר אין שטאָט, און כמעט אַלע יידישע איינוואוינער זענען געווען זיינע פּאַציענטן. ד״ר קאַנאַפּאַס האָט ליב געהאַט צו רעדן דייטש מיט זיינע פּאַציענטן, און אין שטוב מיט די קינדער האָט מען גערעדט פּויליש, גלייך ווי ביי אַלע יידישע אַדוואָקאַטן און אַ טייל פון די יידישע באַאַמטע; אין אַמאָליקן האָראָדענקע האָט דאָס געהייסן זיין אַן אַסימילאַטאָר. אָבער אין די צוואָנ־ציקער יאָרן האָט זיך די לאַגע גאַנץ געביטן. זיין זון מאַנעק איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל מיט די ערשטע עולים און זיין איידעם ד״ר מענש, אַ יונגער אַדוואָקאַט וואָס האָט זיך באַזעצט ביי אונדז אין שטאָט, איז געווען אַ טעטיקער ציוניסט. איז אַפּאָר יאָר געווען דער אָנפירער פונם „ציון־פאַראיין״, און אַפּאָר יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אָפּגע־פאָרן מיט זיין משפחה קיין ארץ־ישראל און האָט זיך באַזעצט אין קבוצת־שילר. נאָך דער מלחמה איז אויך זיין שוויגער, די אלמנה פון ד״ר קאַנאַפּאַס, געקומען קיין ארץ־ישראל, און זי געפינט זיך איצט צוזאַמען מיט איר טאָכטערס משפחה אין קבוצת־שילר.

קעגנאיבער דעם הויז פונם רב, וואָס איז געווען אַזוי צו זאָגן דער „גייסטיקער צענטער״ פון דער שטאָט, איז געשטאַנען אַ לאַנגע איינשטאָקיקע געביידע, וועלכע איז געווען אין אַ געוויסער מאָס דער „פינאַנציעלער צענטער״ פון דער שטאָט. דאָס איז געווען דאָס הויז פונם האָראָדענקער באַנקיר אַלתר יונגערמאַן און זיין זון שמואל יונגערמאַן. דאָס איז געווען אַ שיין הויז מיט אַ בלומען־גערטל פאַרן הויז און אַרומגע־צוימט מיט ווייסע שטאַכעטן. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט אויך שמואל יונגערמאַנס משפחה פאַרלאָזט די שטאָט, זי איז אָבער באַלד נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען. אַז מיר זענען צוריקגעקומען פון דער פלוכט אין יאָר 1919 האָט שוין אָשר יונגערמאַן, שמואל יונגערמאַנס זון, געפירט אַ גרויסע און שיינע העברעאישע שול, צוזאַמען מיט זיין חבר עילא (עזריאל) ליבסטער. ער איז געווען פון די ערשטע וואָס זענען אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, און איז אויך דאָ געבליבן ביים לערער־פאַך; היינט איז ער דירעקטאָר פון אַ מיטלשול אין חיפה.

די הייזער אין דער געגנט האָבן בכלל אויסגעזען שענער און פיינער ווי די הייזער אין צענטער פון דער שטאָט. דאָ האָבן געוואוינט אַפּאָר אַדוואָקאַטן, ווי ד״ר עמנואל ווערבער און קעגנאיבער אויף דער צווייטער זייט גאַס דער אוקראַאי־נישער אַדוואָקאַט ד״ר אָקוניעווסקי. באַלד ביי אָקוניעווסקיס ביוראָ איז געווען די זשאַנדאַרמעריע; נישט ווייט פון דאָרט, אין אַ צווייטער גאַס, איז געווען דאָס געריכט.

אין דערזעלבער רייע ווי יונגערמאַנס הויז זענען גע־שטאַנען אַפּאָר הייזער, וואָס זייערע באַוואוינער זענען געווען גאָר טעטיק אין יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן אין שטאָט. אין ערשטן הויז, אויף דער צווייטער זייט פונם געסל, האָבן געוואוינט צוויי משפחות מיטן נאָמען שפּירא: דער דיין ר׳ מנדל שפּירא און שמואליק שפּירא. אין יעדער פון די צוויי משפחות זענען געווען אַפּאָר קינדער, און אַלע זענען געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. צווישן זיי זענען געווען די טעטיקסטע יצחק שפּירא — איצי דעם דיינס, און ליבע שפּירא — שמואליקס טאָכטער.

יצחק שפּירא האָט געהערט צו דער ייִנגערער גענעראַציע און האָט באַקומען זיין נאַציאָנאַלע דערציאונג אין דער „השומר״־אָרגאַניזאַציע און אין דער העברעאישער שול פון יונגערמאַן־ליבסטער. ער איז שפּעטער געווען טעטיק אויף אַלע געביטן פון דער ציוניסטישער אַרבעט, אין דער פּאַרטיי, אין קולטורעלע קרייזן און אַפילו אין דער ספּאָרט־אָרגאַני־זאַציע. אַ גאָר גרויסן טייל האָט ער געהאַט אין דער גרינדונג פון אַפּאָר גרופּן פון חלוצים און פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „גורדוניה״. דאָ אין לאַנד האָט ער זיך באַזעצט אין דער אַרבעטער־זידלונג צופית, און גלייכצייטיק איז ער זייט יאָרן דער סעקרעטאַר פונם „מרכז חקלאי״ (לאַנדווירטשאַפטלעכער צענטער פון דער אַרבעטער באַוועגונג). ער איז אויך אַ מיטגליד אין דער אָנפירונג פון מפא״י, פון דער גרעסטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין ישראל. ליבע שפּירא האָט זיך אַלעמאָל אויסגעצייכנט מיט איר לעבהאַפטיקייט, מיט איר פריילעכקייט, און מיט איר שיינער שטימע, און ס׳איז נישט געווען קיין טעטיקייט אין וועלכער זי האָט זיך נישט באַטייליקט. היינט וואוינט זי אין חיפה, און אויך דאָרט איז די חברטע ליובאַ האָפמאַן איינע פון די טעטיקסטע אין דער פרויען־אָרגאַניזאַ־ציע פון דער „הסתדרות״ — „ארגון אמהות עובדות״.

נישט ווייט פון דער וואוינונג פון די צוויי משפחות שפּירא איז געשטאַנען דאָס הויז פון די צוויי ברידער הערשל און לייזער פרעמינגער. הערשל פרעמינגער איז געווען דער אידעאַליסט צווישן די האָראָדענקער ציוניסטן. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן העברעאיש מיט זיין פרוי און זיינע קינדער אין דער צייט ווען אַנדערע האָבן זיך באַגנוגענט מיט לערנען העברעאיש. אין מיינע זכרונות וועגן דער ערשטער העברעאישער שול האָב איך מער אויספירלעך געשריבן וועגן אים און וועגן דער פאַבריקל „לבנון״ וואָס ער האָט געג־רינדעט.

דאָס דריטע הויז אין דער רייע, איז געווען דאָס הויז

פון דער משפחה ליבסטער. דער פאָטער, אבא ליבסטער, איז געווען פון די גאָר פרומע יידן אין שטאָט. און לויט ווי הערשל סוכער האָט דערציילט, האָט ער נאָך דער גרינדונג פון דער באַראָן הירש שול שטאַרק אַגיטירט, מען זאָל אַהין די קינדער נישט שיקן לערנען. דער עלטערער זון ישראל האָט געדאַוונט אין ציון־פאַראיין, און זיין טאָכטער מאַדזיע איז געוואָרן אַ לערערין אין אַ פוילישער שול. דער ייִנגסטער זון עילא (עזריאל) איז געווען גאָר פעאיק. אין יאָר 1918 האָט ער צוזאַמען מיט אָשר יונגערמאַן געגרינדעט די צווייטע העברעאישע שול אין שטאָט. דערנאָך איז ער געפאָרן לערנען כעמיע, (זאָל האָבן געמאַכט אַ וויכטיקע דערפינדונג), און איז שפּעטער אומגעקומען אונטער טראַגישע אומשטענדן, וועלכע זענען ביז היינט נישט גאַנץ אויפגעקלערט געוואָרן.

דאָס לעצטע הויז אין דער רייע, נאָך ד״ר אָקוניעווסקי און דער זשאַנדאַרמעריע, איז געווען דאָס הויז פון אורי־חיים שערצער, ביי וועמען מען האָט געדונגען אַ צימער אָדער צוויי צימערן פאַר דער ערשטער העברעאישער שול, אין וועלכער איך האָב געלערנט אין יאָר 1907. אַפּאָר יאָר שפּעטער האָט אורי־חיים געעפנט אין זיין הויז אַ גרויסן רעסטאָראַן און אַראָפּגעבראַכט אַ שפּילקאַסטן, וואָס איז דעמאָלט געווען אין שטאָט גאָר אַ חידושלעכע זאַך.

✶

אין דער גאַס וואָס האָט זיך פאַרנומען אויף רעכטס ביים סוף פון דער הויפטגאַס זענען געווען בלויז צוויי הייזער מיט וועלכע איך האָב געהאַט אַ שייכות אין מיינע יוגנט יאָרן. איינס איז געווען דאָס הויז פון אַלתר וויזעלבערג, איינס פון די ערשטע הייזער אין דער לינקער זייט פון דער גאַס. אַלתר וויזעלבערג איז געווען אַ ייד אַ משכיל און אַ איבערגעגעבענער ציוניסט, און איז אַסך יאָרן געווען פרעזעס פונם ציון־פאַראיין. אַ יאָר אָדער צוויי נאָך דער גרינדונג פון דער העברעאישער שול האָט מען אָפּגעדונגען פאַר דער שול אַ באַזונדערע געביידע פון צוויי צימערן ביי אלתר וויזעלבערג אויפן הויף, און דאָרט איז די שול געווען אַלע יאָרן ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַלתר וויזעלבערג האָט געהאַט צוויי דערוואַקסענע זין, וואָס האָבן ביידע שטודירט אויף אינזשינערן

אַביסל ווייטער נאָך וויזעלבערגס הויז, אויף דער צווייטער זייט פון דער גאַס, איז געווען די דירה פון מענדל ליסער, וואו איך האָב פאַרבראַכט אַסך אָוונטן אין מיינע יונגע יאָרן, בשעת איך בין געווען אַ תלמיד ביי זיין שווער קלמן־שמואל. אין יענע יאָרן, בערך 1912—1914, איז ר׳ קלמן שמואל שוין געווען אַן עלטערער ייד; ער איז געווען אַן אלמן און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי דער טאָכטער. ער האָט געהאַט אַפּאָר געציילטע תלמידים און האָט געלערנט מיט זיי גמרא אַפּאָר שעה אין טאָג, נאָכמיטאָג אָדער אין אָוונט.

דער צווייטער וועג וואָס האָט זיך אָפּגעצווייגט ביי אורי־חיים שערצערס הויז, האָט געפירט צו דער טאָלעקע און ווייטער אַוועק קיין סניאַטין. די טאָלעקע איז געווען אַ גרויסער פרייער פלאַץ, באַוואַקסן מיט שיטער גראָז, אין מיינע קינדער יאָרן פלעג איך קומען אַהין שבת פאַרנאַכט אין די זומער־טעג, ווען די מיטגלידער פון דעם ציון־פאַראיין האָבן זיך אַוועקגעלאָזט נאָך מנחה אויף אַ לאַנגן שפּאַציר צווישן די פעלדער. דאָרט זענען געווען אַפּאָר הייזער, וואָס זייערע אייגנטימער האָבן געהאַט אַ גרויסן גאָרטן ביים הויז און האָבן אים אַליין באַאַרבעט, און דערצו אַ קי אָדער אַפּאָר קי אין שטאַל און אַביסל עופות. איינע פון די משפחות איז געווען די פאַמיליע אָפּענבערגער, וואָס אירע קינדער האָבן זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער טעטיקייט. דאָס צווייטע הויז אין יענער געגנט וואָס איז מיר געבליבן אין זכרון איז געווען דאָס הויז פון אבא קאַלמוס, אַ פאַרמעגלעכער ייד וואָס האָט געדאַוונט אין ציון־פאַראיין. איך געדענק, אַז ווען מען האָט געזוכט אַ פּאַסיקן פּלאַץ צו מאַכן אַן עפנטלעכן עקזאַמען פאַר די תלמידים פון דער העברעאישער שול, האָט אבא קאַלמוס אויסגעליידיקט דעם גרויסן שפּייכלער ביי זיך אין הויף, און דאָרט האָט מען אָפּגעהאַלטן דעם עקזאַמען פאַר אַ גרויסן עולם מענטשן.

דער דערמאָנטער עקזאַמען איז געווען בערך נאָכן פערטן יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער שול. דער פייערלעכער אָוונט נאָכן ערשטן יאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין גרעסטן און שענסטן זאַל אין שטאָט, אין זאַל פונם „סאָקאָל״ פונם פוילישן פאָלקסהויז. דער „סאָקאָל״ איז געשטאַנען אין אַ געסל פאַראַלעל מיט דער הויפטגאַס, בערך הינטער דער דירה פון ד״ר קאַנאַפּאַס און הרב אַשכנזי. דער זאַל האָט געדינט קודם כל פאַר דער פוילישער באַפעלקערונג, אָבער מען האָט אים אויך פאַרדונגען פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען פונם לעמבערגער יידישן טעאַטער און אַנדערע פאַראַנשטאַלטונגען. דאָרט האָבן מיר אויך געזען די ערשטע שטומע פילמען, דאַרונטער דעם פילם „די לעצטע טעג פון פּאָמפּעיאַ״. בערך אַ יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען דאָרט פאָרגעשטעלט אַ פילם פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „דאָס יידישע לעבן אין ארץ־ישראל״, און איך געדענק ביז היינט דעם געוואַלטיקן איינדרוק וואָס דער פילם האָט אויף אונדז אַלע געמאַכט.

קעגנאיבער דעם „סאָקאָל״, אין אַ גרויסער צווייִשטאָקיקער געביידע, איז געווען די פוילישע שול פאַר ייִנגלעך, וואו ס׳האָבן געלערנט אויך די יידישע ייִנגלעך, אויסער די יעניקע וואָס האָבן געלערנט אין דער „באַראָן הירש שול״. די שול פאַר מיידלעך איז געווען אין אַן אַנדערן ווינקל פון דער שטאָט, און דאָרט האָבן טאַקע געלערנט אַלע יידישע מיידלעך ווייל פאַר זיי איז קיין יידישע שול נישט געווען.

איך אַליין האָב געלערנט פיר יאָר אין דער „באַראָן הירש שול״ און אַלע יאָרן איז דער לערער נאָרד געווען מיין לערער (זיינע צוויי זין לעבן אין ישראל). דער דירעקטאָר איז געווען מאָזלער. פון די איבעריקע לערער געדענק איך בעיקר זיינוול וויזעלבערג, אַלתר וויזעלבערגס אַ קרוב, וואָס האָט געלערנט „רעליגיע״ און אַביסל העברעאיש, דאָס הייסט פאַרטייטשן חומש אויף דייטש. די שפּראַך אין שול איז געווען פויליש, אָבער צווישן זיך האָבן די קינדער גערעדט יידיש, און צוליב דעם האָבן זיי טאַקע גאָר שוואַך געקענט רעדן פויליש נאָכן ענדיקן די פיר קלאַסן פון דער שול.

איך וויל דאָ דערמאָנען איינעם פון די ערשטע לערער פון דער באַראָן הירש שול, וואָס איז פאַר מיינע צייטן שוין געווען אַ לערער אין אַן אַנדערער שטאָט. ער איז געווען מיין פאָטערס אַ גוטער פריינד און איך האָב אים אַפּאָר מאָל געזען, בשעת ער איז געקומען צו אונדז אין שטאָט באַזוכן זיין אַלטן פאָטער. דער לערער איז געווען יענקל פינק, פּיניע שטריק־מאַכערס אַ זון. דער פאָטער איז געווען אַ נידעריקער און אַ שווייגעודיקער אַלטער ייד, וועלכן איך געדענק נאָך ווען ער האָט געאַרבעט ביי שטריקמאַכעריי, און דער זון איז געווען אַ הויכער יונגערמאַן מיט קלוגע באַברילטע אויגן. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען באַפריינדעט מיט די האָראָדענקער משכילים, דערנאָך איז ער געווען אַ לערער, אָבער ער איז נישט געוואָרן קיין אַסימילאַטאָר, ווי אַסך פון זיינע קאָלעגן, און ער איז אַלע יאָרן געבליבן אַ וואַרעמער ייד. פון צייט צו צייט פלעגט מיין פאָטער באַקומען פון אים אַ שיינעם העבּרעאישן בריוו.

*

די באַראָן הירש שול איז געווען גאַנץ ווייט פון דער פּוילישער פאָלקס־שול, אין אַ צווייטן עק פון דער שטאָט, ביים וועג וואָס האָט געפירט קיין סעראַפּיניץ און איז ווייטער אַוועק קיין זאַלישטשיק. באַלד נאָך דער באַראָן הירש שול, צו דער שטאָט צו, איז געווען דעם האָראָדענקער רבינס הויף, אַ גרויסע געביידע מיט אַ גרויסן הויף אַרום, און מיט אַ גרויסן גאָרטן הינטער דעם הויז, וואָס האָט זיך געצויגן ביז אַראָפּ צום טייכל. דער רבי, ר׳ מעכאַלע האַגער, איז געווען פון די וויזשניער קינדער, איז אָבער נישט געווען פון די באַרימטע רביים, און האָט כמעט נישט געהאַט קיין חסידים אויסער דער שטאָט. אַ קורצע צייט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען אויסגעבויט אין רבינס הויף אַ גרויסע הויכע שיהל, אָבער מען האָט שוין נישט באַוויזן זי אויסצוענדיקן. נאָך דער מלחמה איז דער רבי שוין נישט צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע און האָט זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ. ר׳ ברוך האַגער, אַ זון פונם רבי ר׳ מעכאַלע, איז אין טשערנאָוויץ געוואָרן איינער פון די אָנפירער פון „המזרחי" (די רעליגיעזע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי).

און אַז מען רעדט פונם רבי, מוז מען אויך דערמאָנען דעם גבאי. ר׳ פּינחס דער גבאי איז געווען אַ ברייטלעכער ייד מיט אַ ברייטער באָרד. ער איז געווען אַ קלוגער ייד מיט אַסך הומאָר, האָט זיך נישט צו ערנסט באַצויגן צום גבאות און האָט געלאָזט זיין זון שמואל אַבא זיך פירן פריי און לערנען אין גימנאַזיום. שמואל אַבא סופר האָב איך גוט געקענט אין די יאָרן ווען ער האָט געלערנט אין גימנאַזיום און איז געווען אַ נאָענטער פריינד פון בערל מאָסבערג. נאָך דער מלחמה האָט זיך אויך שמואל אבא באַזעצט אין טשערנאָוויץ, ווו ער האָט געענדיקט שטודירן אין אוניווערזיטעט און איז געוואָרן אַ באַוואוסטער שרייבער און כלל־טוער. אין טשערנאָוויץ איז ער אויך אומגעקומען, אַ קורצע צייט פאַר דער מפּלה פון די דייטשן. זיין פּערזענלעכקייט און זיין טעטיקייט זענען אויס־פירלעך באַשריבן געוואָרן אין אַן עסיי פון ד״ר שלמה ביקל, און אין אַ רשימה פון יצחק פּאַנער.

אין דער רייע הייזער צווישן דעם רבינס הויף און דעם „פּוילישן קלויסטער" זענען געווען צוויי הייזער וועלכע זענען מיר געווען גאָר נאָענט: דאָס הויז פון חיים שניצער און דאָס הויז פון מנשה בילדער.ביידע זענען געווען באַפריינדעט מיט מיין פאָטער, און די פריינדשאַפט האָט זיך פאָרטגעזעצט צווישן מיר און משולם שניצער און אליעזר בילדער. יעדע פרייע שעה האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען, געלייענט און דיסקוטירט, און אַלץ אין העברעאיש. אין יאָר 1920 איז בילדער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל מיט אַ גרופּע חלוצים, אָבער די לאַגע אין לאַנד איז דעמאָלט געווען גאָר אַ שווערע, און ער האָט זיך אומגעקערט נאָכדעם ווי ער איז געווען אין לאַנד בערך אַ יאָר.

אַז איך בין אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1925, האָב איך איבערגעלאָזט די ביידע משפחות גליקלעך און גוט סיטואירט. פון יעדער משפחה איז בלויז איינער געקומען קיין ארץ־ישראל: יעקב שניצער און משה בילדער ע״ה (געשטאָרבן דאָ אין לאַנד אין יאָר 1960). מיין חבר אליעזר בילדער איז יונג געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, און אַלע אַנדערע זענען אומגעקומען אין דעם גרויסן אומגליק. ווי פון דעם גרעסטן טייל פון האָראָדענקער משפחות איז אויך פון זיי קיין איינציקער נישט געבליבן.

פון די הייזער אַרום דער באַראָן הירש שול געדענק איך בעיקר צוויי: דאָס הויז פון יחזקאל דול און פון צירל קאָסער. יחזקאל דול איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד, וואָס האָט גע־האַנדלט מיט לעדער און האָט געהאַט אַ הויז מיט אַ גרויסן אויבסט־גאָרטן אין שכנות פון דער באַראָן הירש שול. זיין זון מאיר דול איז געווען מיין מיטשילער, און פלעגט אָפטמאָל פאַרבעטן זיינע חברים אין גאָרטן אַריין רייסן וועפּרינעס און וויינפּערלעך. צירל קאָסער האָט געהאַט אַ געוועלבל קעגנ־איבער דער באַראָן הירש שול, און אַלע שילער זענען געווען אירע קליענטן. זי איז, ווי מיר דוכט זיך, געווען אַן אַלמנה, און האָט געהאַט אַ דערוואַקסענעם זון, וואָס האָט זיך געחבר׳ט מיט די ציוניסטישע יונגעלייט.

צירל קאָסערס געוועלב איז געווען אין דער רייע הייזער קעגנאיבער דער באַראָן הירש שול און דעם רבינס הויף. אין יענער רייע האָט געהאַט זיין הויז דער אַלטער פּוילישער דאָקטאָר ראָשקאָ, וועלכער איז אַסך יאָרן געווען בירגער־מייסטער אין שטאָט. דאָרט אין שכנות האָט זיך אַפּאָר יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געעפנט די פּוילישע אַפּטייק „צום גאָלדענעם שטערן", וועלכע האָט קאָנקורירט מיט מיראָן לוריע. אין יענער רייע איז אויך געווען דאָס הויז פון יונה ווייך, וואָס זיין זון הערצל איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל מיט דער ערשטער גרופּע פון אַקאַדעמישער יוגנט, אָבער ער איז אין לאַנד נישט פאַרבליבן. אין די לעצטע יאָרן פאַר מיין אָפּפאָרן האָט זיך אין יענער געגנט באַזעצט דער דענטיסט קאופמאַן. ער איז פון די געציילטע גליקלעכע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט מיט זיין גאַנצער משפּחה, און איז נאָך דער מלחמה געקומען אַהער קיין ארץ־ישראל.

בערך קעגנאיבער מנשה בילדערס הויז, פאַר דער געביידע פון דער געמיינדע (גמינע), האָט זיך פאַרנומען אַ ברייטער וועג אַביסל באַרגאַרויף צום „טימכעשן קלויסער". אין שטאָט

איז געווען אַ געוויסע צאָל פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהערט צו דער אָרמיאַנישער (אַרמענישער) קירכע, און די יידן האָבן זיי גערופן „טימכעס״. אויך דער באַראָן ראָמאַשקאַן און זיין פּאַרוואַלטער סטעפּאַנאָוויטש האָבן געהערט צו דער קאַסטע פון די „טימכעס״. אויף דער רעכטער זייט פונם וועג, פאַרן קלויסטער, איז געשטאַנען אַ גרויסע און אַ שיינע נייע געביידע, וועלכע מען האָט גערופן „דער פּאָוויאַט״. אין דעם הויז האָט זיך געפונען די פאַרוואַלטונג פון אַפּאָר ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן אין אונדזער קרייז דורך אַ פּוילישער געזעלשאַפט. איינע פון די אונטערנעמונגען איז געווען אַ פאַבריק פון דאַכאָווקעס, וואָס האָט קאָנקורירט מיט מיין פאָטערס דאַכאָווקע־פאַבריק און האָט אים געצוואונגען זי צו פאַרמאַכן.

די שטאָטפאַרוואַלטונג, אָדער די געמיינדע (גמינאַ, אויף פּויליש) איז געווען אין אַ לאַנגער איינשטאָקיקער געביידע נאָענט צום רינקפּלאַץ, קעגנאיבער דעם פּוילישן קלויסטער. אַחוץ די ביוראָען פון דער געמיינדע איז דאָרט געווען די שטאָטישע פּאָליציי, און אַפילו אַ צימערל פאַר אַרעסטאַנטן. דאָרט זענען אויך אַלע יאָר אָפּגעהאַלטן געוואָרן די „מוסטערונגען״ צום מיליטער, קודם צום עסטרייכישן, דערנאָך צום פּוילישן.

הינטער דעם טימכעשן קלויסטער האָט זיך געצויגן אַ שמאָלע גאַס, וועלכע האָט געפירט פון דער הויפּטגאַס צום שפּאַצירגאָרטן. אין יענער גאַס האָט געהאַט זיין וואוינונג בערל שפּירער, איינער פון די רייכסטע און אָנגעזעענסטע יידן אין שטאָט, וואָס איז אַסך יאָרן געווען ראש הקהל און האָט געהאַט אַסך אָנהענגער.

אין די יונגע יאָרן איז בערל שפּירער געווען איינער פון דעם קרייז יונגע משכילים פון חיים־לייב האַלפּערנס תלמידים. פון וואָס ער איז רייך געוואָרן ווייס איך נישט, איך ווייס נאָר אַז ער האָט געהאַט אַ שטיקל „באַנק״ ביי זיך אינדערהיים, און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען זיך דערוואוסט אַז ער האָט אָפּגעקויפט דאָס גוט אין טשערניאַטין און איז געוואָרן אַ גוטסבאַזיצער. מיין פאָטער איז געווען זיין יוגנטפריינד, און זיי זענען געבליבן פריינד אויך נאָכדעם ווי שפּירער איז רייך געוואָרן. ער איז געווען אַ סימפּאַטיקער פון די ציוניסטן, איז אָבער נישט געווען קיין אָרגאַניזירטער ציוניסט, און צוליב דעם האָבן אויך די פּוילישע רעגירונגס מענטשן געהאַט צו אים צוטרוי. בערך אין יאָר 1911, ווען די ציוניסטן האָבן זיך פאַרנומען צו דערגרייכן אַ גרעסערע השפעה אין דער אָנפירונג פון דער „קהילה״ און צו פאַרקלענערן די השפעה פון די „אגודה״־אָנהענגער, וואָס זענען געווען קעגנער פונם ציוניזם, האָבן זיי באַשלאָסן צו העלפן בערל שפּירער, ער זאָל ווערן ראש־הקהל. זיין קאַנדידאַטור איז געשטיצט געוואָרן אויך פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס פון סוחרים און בעלי־מלאכות און פון אַנדערע קרייזן, און אַזוי איז ער אויסגעוויילט געוואָרן פאַר ראש־הקהל און איז „געזעסן אויפן בענקל״ אַסך יאָרן.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה איז בערל שפּירערס משפּחה געטראָפן געוואָרן פון צוויי שווערע אומגליקן. בערך אין יאָר 1917 איז זיין מיטעלער זון הענריק געפאַלן אויפן איטאַליענישן פראָנט. די לעצטע חדשים פאַרן אָפּמאַרשירן צום פראָנט האָט ער פאַרבראַכט אין לייפּניק, אַ קליין שטעטל אין מערן, וואו ס׳האָבן זיך געטראָפן אַפּאָר האָראָדענקער זעלנער, דאַרונטער פרויקע זיידמאַן און שמואל־אבא סופר. מיר זענען דעמאָלט געווען אין לייפּניק ווי פליכטלינגע, און הענריק שפּירער איז באַפריינדעט געוואָרן מיט מיין שוועסטער און מיט איר חברטע העניע בירנבוים, וואָס איז גראָד דעמאָלט געקומען צו אונדז אויף אַ באַזוך. הענריק האָט זיך אַלעמאָל אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז ער וועט פאַלן באַלד נאָכן אָנקומען אויפן פראָנט, און האָט אַלעמען געזאָגט: „אין דריי חדשים אַרום וועט איר לייענען אין צייטונג, אַז הענריק שפּירער איז געפאַלן ,פאַרן פאָטערלאַנד׳ ״. פונדעסטוועגן, ווען זיין פאָטער איז געקומען קיין לייפּניק און האָט געוואָלט „זיך באַמיען״ אים צו באַפרייען פון גיין צום פראָנט, האָט ער נישט געוואָלט דערפון הערן. „איך וויל נישט״, האָט ער געזאָגט, „עמיצער אַנדערש זאָל גיין אויף מיין פּלאַץ און דאָרט פאַלן אַנשטאָט מיר״. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אַ קורצע צייט נאָכן אָפּמאַרשירן צום איטאַליענישן פראָנט איז ער דאָרט געפאַלן.

דאָס צווייטע אומגליק איז געווען אין יאָר 1919, ווען זיין עלטסטער זון מיצי, אַן אויסשטודירטער יוריסט, איז דערשאָסן געוואָרן דורך באַנדיטן פון פּעטליוראַס אַרמיי. פּעטליוראַ איז דעמאָלט געווען אַ „פאַרבינדעטער״ פון די פּאָליאַקן, און זיינע זעלנער האָבן אַרומגעבושעוועט אין גאַנץ מזרח גאַליציע און האָבן באַרויבט און געהרגעט יידן. אַז די פּעטליוראָווצעס זענען אַריינגעקומען קיין האָראָדענקע, האָט בערל שפּירער געלאָזט איינשפּאַנען זיין בריטשקע און האָט געוואָלט אַנטלויפן מיט זיין פרוי און זיינע צוויי זין קיין סניאַטין. אויפן וועג האָט זיי אָנגעיאָגט אַ באַנדע פּעטליוראָווצעס, אויסגעשטעלט די גאַנצע משפּחה אין אַ רייע, און זיך אויסגעוויילט דעם עלטסטן זון צו דערשיסן. נאָכן טויט פון די צוויי עלטערע זין איז דער ייִנגסטער זון לוסיע געבליבן אַ בן־יחיד. אין דער צייט פון דער רוסישער אָקופּאַציע, אין יאָר 1940 איז די משפּחה פאַרטריבן געוואָרן, ווי „בורזשויעס״, קיין רוסלאַנד, און מער האָט מען פון איר נישט געהערט. בלויז דער זון, לוסיע, זאָל זיך האָבן אַרויסגעקראָגן פון רוסלאַנד און ער לעבט ערגעץ־וואו.

✶

דער שטראָז וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער באַראָן הירש שול און האָט דורכגעשניטן די שטאָט פון מזרח קיין מערב, האָט געפירט צום הויף פונם באַראָן ראָמאַשקאַן (שפּעטער פונם פירשט ליובאָמירסקי), צו דעם באַן־סטאַציע „יעקובאָווקאַ״, צו די דערפער קאָרניוו, ראַקאָוויץ, סעמיניווקע, און צו דעם שטעטל אָבערטין.

דער ערשטער בלאָק ביים שיידוועג, באַלד נאָך דער הויפּטגאַס און קעגנאיבער דעם רינקפּלאַץ, איז געווען דער גרויסער בלאָק הייזער אַרומגענומען מיט אַ שטיינערנער מויער און מיט שמעקעדיקן בעז, וועלכן איך האָב שוין

פריער דערמאָנט. דאָרט האָבן אַמאָל געוואוינט אַפּאָר פּוילישע משפּחות, און אין איינעם פון די הייזער איז געווען די פּאָסט. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך דאָרט באַזעצט אַפּאָר יידישע משפּחות, פון וועלכע איך געדענק בלויז די משפּחה מאַרקשייד. ר׳ מלך מאַרקשייד איז געווען באַקאַנט פאַר איינעם פון די פרומסטע יידן אין שטאָט; דערפאַר זענען זיינע קינדער, די זין און די טעכטער, נישט נאָר נישט געווען קיין פרומע, נאָר געווען נאָך מער פריי ווי קינדער פון ווייני־קער פרומע עלטערן. פאַרשטייט זיך, אַז אין שטוב האָט זיך אַלץ געפירט לויט דעם ווילן פונם פאָטער. אין משך פון אַפּאָר יאָר זענען אַלע קינדער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, און האָבן דערנאָך אַריבערגענומען אַהער אויך די עלטערן. בלויז איין זון, חיים, איז צוריקגעפאָרן קיין פּוילן און איז דאָרט אומגעקומען.

באַלד נאָך דעם בלאָק הייזער איז געשטאַנען דאָס הויז פון דודיע שטאַכעל. ער האָט דאָ געהאַט אַ גרויסן רעסטאָראַן, אָדער אַ רעסטאָראַציע — ווי דאָס האָט ביי אונדז געהייסן; אין די מאַרקטעג איז דער רעסטאָראַן געווען פול מיט גויים פון דער געגענט, און די איבעריקע טעג פון דער וואָך האָט מען אויסגעקוקט היימישע „געסט" פון דער שטאָט אָדער קונים אויף אַפּאָר פלעשלעך משקה צו אַ יידישער שמחה. נישט ווייט פון דאָרט איז געווען דאָס געוועלב פון יהודה־וואָלף שוכנער, אַן עלטערער ייד מיט אַ ברייטער ווייסער באָרד, וואָס איז נאָך געווען גאַנץ רירעוודיק און טעטיק אין געשעפט. פאַרקויפט האָט מען דאָרט עסנוואַרק און אַנדערע ענלעכע אַרטיקלען, בעיקר אַן־גראָ, פאַר די קליינע געוועלבלעך פון דער געגנט. מיטגעאַרבעט אין געשעפט האָבן זיינע דריי דערוואַקסענע דערוואַקסענע זין: די עלטערע צוויי זין בום און מילעק (ירחמיאל), וואָס זענען ביידע געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און דער ייִנגסטער זון זרח, וואָס איז געווען גאַנץ אַריינגעטאָן אין געשעפט און האָט זיך נישט געמישט אין „פּאָליטיק".

אויף דער אַנדערער זייט פינם שטראָז, קעגנאיבער יהודה־וואָלף שוכנערס געוועלב, האָט זיך פאַרנומען אַ געסל וואָס האָט געפירט צו דער יאַטקע, און דאָרט זענען געשטאַנען אַפּאָר הייזער, וועלכע ס׳איז ווערט צו דערמאָנען. ביים אָנהויב, אין דער רעכטער זייט, איז געשטאַנען די וויזשניצער קלויז, אַ נידעריקע לענגלעכע געביידע פול מיט פענצטער. די וויזש־ניצער קלויז האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּראָוויזאָרי־שער געביידע, אין פאַרגלייך מיט דער הויכער און מאַסיווער געביידע פון דער טשאָרטקעווער קלויז.

קעגנאיבער דער וויזשניצער קלויז איז אין מיינע קינדער־יאָרן געווען די וואוינונג פונעם האָראָדענקער דיין ר׳ מענדל שפּירא. איך געדענק דאָס גאַנץ גוט, ווייל מיין מוטער, עליה השלום, פלעגט מיך אָפטמאָל שיקן צום דיין מיט אַ „שאלה", און איך געדענק אַז גאָר זעלטן האָט פּאַסירט אַז ער האָט געמוזט דאָס עוף „טריפה" מאַכן. נישט ווייט פונם דיינס הויז האָט געוואוינט אין מיינע ערשטע קינדעריאָרן מיין עלטער־פעטער איזי מלמד. איך געדענק ווי דורך אַ חלום, ווי ער איז

אויף די עלטערע יאָרן אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי צו שטאַרבן אין הייליקן לאַנד. יאָרנלאַנג האָט מען נאָך ביי אונדז אין שטוב גערעדט וועגן דעם פעטער און זיין אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

נישט ווייט פון יהודה־וואָלף שוכנערס הויז, אַביסל אַריינגערוקט פונם שטראָז, האָט געהאַט זיין הויז משה־חיים באַרטפעלד, וואָס האָט געהאַט דעם ביינאָמען „דער טערקל". אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, ווען אַסך פריערדיקע פרנסות זענען בטל געוואָרן, האָבן אַסך יידישע משפּחות זיך אויסגעהאַלטן אָדער באַקומען אַ זייטיקע הכנסה פון שטאָפּן ציגאַרעטן, וועלכע זענען פאַרקויפט געוואָרן פאַר די זעלנער. געאַרבעט האָבן דערביי מייסטנס קינדער, און איך און מיין שוועסטער האָבן זיך אויך דערמיט פאַרנומען. אָפטמאָל האָבן מיר געאַרבעט צוזאַמען מיט באַרטפעלדס ייִנגערער טאָכטער, שיינדל, אַ שיין מיידל מיט רויטע באַקן, וואָס האָט זיך אַלעמאָל נאָך מער פאַררויטעלט ווען מען האָט געזונגען דאָס באַקאַנטע פּויליש־יידישע ליד וועגן דער מלחמה אין טריפּאָלי, און פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „יאַ וולאָך יאַק טי טורעק יעסט" (איך בין אַן איטאַליענער, ווי דו ביסט אַ טערק).

נאָך יהודה־וואָלף שוכנערס געוועלב איז געווען אַ ברייטער פּלאַץ, און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ קורץ געסל מיט הייזער פון ביידע זייטן, צווישן דעם וועג צום הויף און דעם וועג צו דער קאָטיקאָווקאַ. פון די באַוואוינער פון דעם געסל געדענק איך בלויז איין משפּחה, ברוך־לייב ליסער, דעם פאָטער פון אברהמצי ליסער פון יפעת און פון זיין ברודער איצי ליסער ז״ל, וואָס איז געשטאָרבן אין תל־אביב אין יאָר 1960.

לויט ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, איז די משפּחה ליסער געקומען קיין האָראָדענקע פון רוסלאַנד אין דער מיט פונם נייַנצענטן יאָרהונדערט. פאַר מיינע צייטן זענען געווען אין שטאָט פיר משפּחות מיטן נאָמען ליסער: ברוך־לייב, מענדל, קמיאל און יאָסל ליסער, און אַלע האָבן געהאַנדלט מיט תבואה. אויסער ברוך־לייב ליסער האָב איך געקענט מענדל ליסער, ווייל ביי אים אין שטוב האָב איך געלערנט גמרא ביי זיין שווער קלמן־שמואל, צוזאַמען מיט זיין זון ליפּע. איך געדענק אויך הערשל ליסער, וואָס איז געווען אין מיינע קינדעריאָרן איינער פון די יונגע ציוניסטן און אין די שפּעטערע יאָרן איז ער געווען פון די טעטיקסטע חברים אין ציון־פאַראיין און אין העברעאישן שול־קאָמיטעט. אַפּאָר קינדער פון די פיר משפּחות זענען געקומען קיין ארץ־ישראל, דאַרונטער ליפּע ליסער און אברהמצי ליסער, וואָס לעבן ביידע אין דער קבוצה יפעת. אברהמצי ליסער איז מיט אייגענע כו־חות געוואָרן אַ וויכטיקער פאָרשער אויפן געביט פון באַקעמפן די אינזעקטן, וואָס ברענגען שאָדן דער לאַנדווירטשאַפט; זיינע פאָרשונגען האָבן אַן אָפּקלאַנג אויך אויסער ארץ־ישראל.

דאָס ערשטע הויז נאָכן געסל איז געווען בן־ציון שטריק־מאַכערס הויז. זיין בן־יחיד מענדל דינער איז געווען אַ חבר פון „השומר" און פון דער דראַמאַטישער סעקציע, וואו ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן אַלס שוישפּילער. שפּעטער איז ער ווי־נישט־ווי אַריבער קיין רוסלאַנד און איז

דאָרט געוואָרן אַ יידישער בינע־קינסטלער, אָבער זייט דעם האָבן מיר פון אים גאָר ווייניק געהערט.

בן־ציון דינערס הויז איז געשטאַנען גאַנץ ביים „פּראָוואַל״ און ביי דער בריק וואָס האָט אַריבערגעפירט אין יענער זייט פּראָוואַל. דאָס ערשטע הויז אויף דער צווייטער זייט פון דער בריק האָט געהערט צו מענדל רייס, אָדער מענדל געצלס. ביי מענדל געצלס הויז האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַס, וואָס האָט פאַר מיינע צייטן געהאַט בלויז איין רייע הייזער, וועלכע זענען געשטאַנען מיטן פראָנט צום פּראָוואַל. די גאַס איז געווען אָן אַ טראָטואַר און האָט געפירט אַרויף ביז צום וועג צום פאָלוואַרקאָווי קאָנט, אין שכנות פון אַן איינזאַמען הויז וואָס האָט געהערט צו שלום לופט. פון די משפחות וואָס האָבן געוואוינט אין דער גאַס געדענק איך צוויי: זיידע קצב און זיין פרוי שרה די זיידעכע, און די משפחה פון שמחה לאַגשטיין.

שמחה לאַגשטיין איז געווען מיין פאָטערס אַ געוועזענער שוואָגער; זיין ווייב דבורה, מיין טאַטענס שוועסטער, איז יונג געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט אַ מיידעלע מיטן נאָמען גאָלדע. שמחה לאַגשטיין האָט דערנאָך ווידער חתונה געהאַט און האָט געהאַט צוויי זין פון דער צווייטער פרוי. ער האָט אַלעמאָל געהאַט קנאַפּ פּרנסה, און דערצו איז ער געווען אַן אויפגערעגטער מענטש; אַזוי אַרום האָט זיך די טאָכטער נישט גאָר גוט געפילט אין דער היים, און פלעגט אָפט קומען צו אונדז, צום פעטער און בעיקר צו דער באָבע, מיין פאָטערס מוטער. קורץ פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זי געענדיקט די פאָלקסשול פאַר מיידלעך, וואו זי איז געווען איינע פון די בעסטע שילערינס. נאָך דער מלחמה האָט זי חתונה געהאַט און האָט געוואוינט אין אַ דאָרף; אַזוי איז דער קאָנטאַקט צווישן אונדז שוואַכער געוואָרן, און נאָך אונדזער אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל איז ער אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן.

די דערמאָנטע גאַס איז אייגנטלעך געווען די לעצטע גאַס וואָס האָט נאָך געהאַט אַ צורה פון אַ שטעטישער גאַס. אין יענער זייט פון דער דערמאָנטער רייע הייזער איז געווען אַ לאַבירינט פון שמאָלע געסלעך מיט קליינע שטיבלעך, וואָס האָבן געהאַט דעם אַלגעמיינעם נאָמען „די הינטערגאַס״. זומער זענען די גאַסן געווען פול מיט שטויב (זיי זענען געווען נישט געפלאַסטערט) און אין די רעגנטעג פול מיט טיפער בלאָטע. פאַרשטייט זיך אַז קיין גבירים האָבן דאָרט נישט געוואוינט, בלויז אָרעמע בעלי־מלאכות און קליינהענדלער, בעלי־עגלות און טרעגערס, און סתם יידן מיט שוואַכע און אומזיכערע פרנסות.

נאָך דער בריק איבערן פּראָוואַל האָט זיך ווייטער געצויגן דער וועג צום הויף. איינס פון די ערשטע הייזער אויף דער רעכטער זייט פונם שטראָז איז געווען גדליה שפּירערס הויז. גדליה שפּירער איז געווען אַ פערד הענדלער און איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד. איך געדענק זיינע דריי טעכטער, חנה, גיטל און זאָסיע, און אַ זון ברוך־איציק. די מיטעלע טאָכטער גיטל איז געווען אַ גוטע פידל־שפּילערין, און זאָסיע האָט באַקומען דעם נאָמען „זאָסיע בחור״, ווייל זי האָט ליב געהאַט זיך אָנצוטון וואוילינגיש און אַרומגיין אין גאַס אין שטיוול און אין רייטהויזן. אַפּאָר יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די גאַנצע משפחה אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

נישט ווייט פון גדליה שפּירערס הויז האָט געהאַט זיין הויז דודיע מעלצער, אָדער דודיע מאַלער. ער איז געווען מיין פאָטערס אַ גוטער־ברודער און צוגלייך אין אַ געוויסער מאָס אויך זיין קאָנקורענט, ווייל חוץ צימערמאָלעריי האָט ער אויך געמאָלן שילדן. חוץ דעם האָט ער געהאַט אין אונטערבוי פון זיין הויז אַן אָליניצע (אייל־פּרעס), וואו די מאַשין פון דער פּרעס איז געדרייט געוואָרן דורך אַ „קיראַט״, אַ ראָד אין האָריזאָנטאַלער ריכטונג, געדרייט דורך אַן איינגעשפּאַנטן פערד.

דודיע מעלצערס אַ שכן איז געווען וועלוול גרינבערג, דער פּעאיקסטער מעכאַניקער אין האָראָדאָנקע. ער האָט געהאַט אַ מעכאַנישע ווערקשטאַט, וואָס איז געטריבן געוואָרן מיט דאַמף; אויסערדעם האָט ער אויסגענוצט דעם דאַמפּקעסל פאַר אַ זייטיקער פּרנסה, פאַר אַ שוויצבאָד. ער האָט זיך פאַרנומען בעיקר מיט פאַרריכטן מאַשינען, און דער פּלאַץ פאַרן הויז איז אַמאָל געווען פול מיט שווערע לאָקאָמאָבילן און דרעשמאַשינען.

וועלוול גרינבערגס ספּעציעלע פּעאיקייט צו מעכאַניק האָבן אויך געירשנט זיינע זין, און זיי זענען אַלע געוואָרן גוטע מעכאַניקער. דער עלטסטער זון, עדזי, איז נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען באַקאַנט פאַר אַ גוטן בעל־מלאכה, און אַחוץ דעם האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שווישפּילערישן טאַלאַנט. דער ייִנגער זון ישראל (צוניע) איז געווען גאָר אַ בעגאַבטער מעכאַניקער, און האָט זיך אַליין אַסך געבילדעט און געלייענט וועגן מעכאַניק. אין יאָר 1932 האָט ער זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל און געעפנט אַ ווערקשטאַט, קודם אין חיפה און דערנאָך אין תל־אביב. ער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן באַוויזן צו פאַבריצירן אַ דרייבאַנק פון אייגענער פּראָדוקציע. אין דער צייט פון דער מלחמה קעגן די אַראַבישע מדינות האָט גרינבערג איבערגעגעבן זיין ווערקשטאַט דער ישראלדיקער מיליטערישער מאַכט צום פאַבריצירן וואָפן און אַמוניציע. ער האָט נישט פאַרלאַנגט קיין שום באַלוינונג דערפאַר, און נאָך דער מלחמה, אַז ער האָט צוריקבאַקומען די ווערקשטאַט, האָט ער אַריינגעלייגט באַדייטענדע סומען פון זיין טאַש, כדי די מאַשינען צו פאַרריכטן און צוצופּאַסן צו זיינע צוועקן. ער האָט ליידער נישט דערלעבט קיין הויכע עלטער און איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק אין יאָר 1960. זיינע צוויי ייִנגערע ברידער געפינען זיך אויך אין ישראל און אַרבעטן אַלס מעכאַניקער.

פון די אַנדערע הייזער אין יענער גאַס געדענק איך בלויז דריי: דאָס הויז פון נטע באַראַל, דאָס הויז פון עזריאל פלעשנער, דעם פאָטער פון אונדזער חשובן חבר משה פלעשנער, און בעיקר דאָס הויז פון הערש בירנבוים.

הערש בירנבוים איז געווען פון די בולטע און אָנזעאיקע געשטאַלטן אין האָראָדענקע. ער איז געווען אָנזעאיק דורך זיין גאָר הויכער געשטאַלט און דורך זיינע גייסטיקע אייגנטימלעכקייטן, מיט וועלכע ער איז געווען אַ יחיד אין שטאָט. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען איינער

פון דער גרופּע משכּילים, וואָס חיים־לייב האַלפּערן, דער משכּיל און אַפּיקורס, איז געווען זייער גייסטיקער אָנפירער. הערש בירנבוים האָט זיך דערלויבט מער ווי אַלע זיינע חברים צו פאַרווירקלעכן די תורה פון זיין לערער, דאָס הייסט פירן זיך נישט גאַנץ לויט דעם אַלטן יידישן שטייגער, נישט אָנטון קיין שטריימל און פאַרקירצן די מלבושים, די באָרד און די פּיאות. זיין פאַך, אַ ברענער פון בראָנפן אין די גאָראַלניעס, האָט אים אויך דערווייטערט אויף לאַנגע וואָכן פון דער יידישער סביבה און האָט אים געבראַכט אין באַרירונג מיט דער פּשוטער באַפעלקערונג פון די אוקראַאינישע דערפער, און ער האָט זיך אויסגעלערנט זייער שפּראַך און זייערע שאַרפע קלוגע פאָלקסווערטלעך, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אָפטמאָל באַנוצן.

הערש בירנבוים איז געווען דער נאָענטסטער פריינד פון מיין פאָטער ע"ה. ער איז געווען אַ ציוניסט, אָבער נישט קיין טעטיקער. גלייך ווי אַלע משכּילים האָט ער גוט באַהערשט די דייטשע שפּראַך; אָבער אויף איין געביט איז ער געווען אַ יחיד; ער האָט אַסך געלייענט וועגן נאַטירלעכע היילמעטאָדן, און האָט באמת „פאַרשטאַנען אַ קרענק", דאָס הייסט פאַרשטאַנען זיך אויף פאַרשידענע קרענקן און געוואוסט ווי זיי צו היילן אָדער פאַרלייכטערן.

די פריינדשאַפט צווישן מיין פאָטער און הערש בירנבוים האָט זיך איבערגעטראָגן אויפן צווייטן דור, אויף די קינדער, וועלכע זענען געווען בערך אין דעמזעלבן עלטער. אַ גאָר ענגע פריינדשאַפט איז באַשטאַנען צווישן מיין שוועסטער און העניע בירנבוים. אין די קינדעריאָרן האָבן זיי צוזאַמען געלערנט און צוזאַמען געזביטקעוועט, און שפּעטער, ווען זיי זענען עלטער געוואָרן, זענען זיי געוואָרן „פאַך־קאָלעגן" און האָבן ביידע געשפּילט טעאַטער אין האָראָדענקע מיט נישט קיין קליינעם דערפאָלג. העניע בירנבוים איז געווען דער האָראָדענקער „סאָלאָוויי". זי האָט געהאַט אַן אָנגענעמע שטימע, נישט קיין שטאַרקע, אָבער ווייך ווי סאַמעט און זייער איינדרינגלעך. נישט לייכט האָט מען געקאָנט ביי איר פּועלן זי זאָל עפּעס זינגען, און גאָר אַ זעלטן גליק איז עס געווען צו טרעפן זי צוזאַמען מיט גיטל שפּירער און הערן זינגען, מיט פידלבאַגלייטונג, איינס פון די באַליבטע פאָלקסלידער, אָדער אברהם רייזענס „וואַיעט, וואָיעט, בייזע ווינטן".

אין דער צייט פון דער פאַרניכטונג איז געווען אין האָראָדענקע הערש בירנבוים אַליין, און לויט ווי איינער פון די געראַטעוועטע האָט דערציילט, איז ער געווען צווישן די ערשטע קרבנות וואָס זענען אומגעקומען אין מיכאַלטשע. זיינע קינדער זענען שוין געווען ווייט פון האָראָדענקע, אין ארץ־ישראל, אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, ווו די האַנט פון די תליינים האָט נישט דערלעבט צוצוקומען.

✶

איך האָב אָנגעהויבן די שילדערונג ביים הויז פון מיינע עלטערן, און געענדיקט ביים הויז פון הערש בירנבוים, וואָס זיין משפּחה איז געווען פאַר אונדז די נאָענטסטע פון אַלע האָראָדענקער משפּחות. אַ שטיקל וועג נאָך בירנבוימס הויז זענען מער קיין הייזער נישט געווען, און דער וועג צום הויף און צו דער באַן־סטאַציע איז געווען באַזוימט פון ביידע זייטן מיט אַ וועלדל. אַפּאָר געציילטע הייזלעך זענען געווען פאַרבאָרגן צווישן דיביימער, און דאָרט האָבן געוואוינט אַפּאָר יידישע משפּחות, פון וועלכע איך געדענק בלויז צוויי: די משפּחה פרידסהאַנד, וואָס איינער פון אירע זין וואוינט אין כּפר־חסידים ביי חיפה און רופט זיך „יד־שלום", און די משפּחה סטריזאָווער, וועלכע איך געדענק אין זכות פון דער טאָכטער עטל, וואָס האָט געלערנט צוזאַמען מיט מיין שוועסטער, האָט מיט איר צוזאַמען געשפּילט טעאַטער און איז געווען ספּעציעל געלונגען אין אַ ראָלע פון אַן אַלטער מאַמע אָדער אַן אַלטער באָבע. אין יענער געגנט איז אויך געווען איינע פון די שענסטע לאַנדשאַפטן פון האָראָדענקע, דער גרויסער טייך וועלכן מ'האָט גערופן „סאָביסק טייך", וואו די גוטע שווימערס האָבן געפּרוווט זייערע כּוחות. צום באַדויערן איז מיר קיינמאָל נישט אויסגעקומען דאָרט צו זיין, איך האָב אים בלויז פון ווייטן געזען, פאָרנדיק אויפן שטראָז. אמת איז, אַז קיין גוטן שם האָט ער אין שטאָט נישט געהאַט: מען האָט געזאָגט, אַז יעדעס יאָר פאַרלאַנגט ער אַ קרבן, און ס'איז נישטאָ דאָס יאָר ער זאָל דאַרויף מוותר זיין...

דערמיט וויל איך ענדיקן מיין שילדערונג. דאָס איז די שילדערונג פון אַ יחיד, וואָס לעבט שוין אַסך יאָרן אויסער האָראָדענקע, און זי קען בשום אופן נישט אַרומנעמען אַלע זייטן פון יידישן לעבן אין שטאָט. זייער ווייניק האָב איך דערמאָנט און באַשריבן די גרויסע צאָל פרומע יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין שטאָט, און די אַרבעטענדיקע פאָלקסשיכטן. איך האָב פּשוט צו ווייניק וועגן זיי געוואוסט אויף צו קענען זיי באַשרייבן. אָבער איך וויל האָפן, אַז מיין באַשרייבונג וועט דאָך העלפן די לעזער פונם יזכּור־בוך צו דערמאָנען זיך ווי די שטאָט און אירע איינוואוינער האָבן אויסגעזען, און אפשר אויך אָפּראַטעווען פאַר די קומענדיקע דורות אַ טייל פונם אויסזען פון אונדזער געבורט־שטאָט, וועלכע איז אויף אַזאַ טראַגישן אופן אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, צוזאַמען מיט אַלע יידישע קהילות פון פּוילן און פון אייראָפּע.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך

אַכט קאַפּיטלען פון האָראָדענקע

אויס דעם בוך „אַט גייט אַ מענטש" פון א. גראַנאַך

בעצירקס־הויפּשטאָט האָראָדענקע — די גרויסע קאָנקורענץ

צווישן דעם דאָרף ווערביווצי און דעם שטעטל האָראָדענקע איז געווען אַ פּיל גרעסערער אונטערשייד ווי צווישן האָראָדענקע און סיי וועלכער גרויסער אייראָפּעאישער הויפּטשטאָט. האָראָדענקע האָט שוין געהאַט אַלע סימנים פון אַ ניט־זיכערער, האַוועגדיק־יאָגנדיקער, קאָנקורירנדיקער שטאָט. בעת דאָס דאָרף ווערביווצי איז געווען אַוועקגעשטעלט רואיק, פרידלעך.

אין דאָרף האָט מען געצויגן חיונה פון דער ערד און מ'איז געווען צו איר צוגעבונדן. אין האָראָדענקע האָט מען געלעבט איינער פונם אַנדערן און אַרום דעם אַנדערן, און מ'האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט איינאַנדער. דאָס דאָרף האָט געהאַט אַ שטיקל „סדר" און מען האָט געוואוסט פון וואָס מען לעבט און וואָס מען פאַרמאָגט. מען האָט געלעבט מיט די הויז־חיות, מיט דער ערד, אַפילו מיט דעם כסדרדיקן בייטן זיך פון די זמנים. אויך אין דאָרף האָט ניט געפעלט קיין צרות. טרעפט, אַז אַ בהמה פאַלט אַוועק, אַ טרוקעניש פרעסט אויף די ערד, אָדער פלוצים, אין מיטן ווערסנע, טוט אַ פּלאַץ אַראָפּ אַ האָגל און מאַכט אַ תל פון דער גאַנצער זריעה און פון די בליטן. אָדער גאָר פּונקט אין מיטן זומער, ווען די אַרבעט אין פעלד ברענט אונטער די הענט, רוקט זיך אָן פון ערגעץ אַ מעוברתער וואָלקן, פאַרטשפּעט זיך איבער אַ היימיש, שטיל וואָלקנדל, און — כליאַפּ! גיסט אויס דעם גאַנצן רעגן. דעמאָלט ווערט מען ניט גלאַט פאַרמרה־שחורהט, נאָר פּשוט פאַרצאָרנט. מען קוקט דעמאָלט אויפן הימל און מען שעלט דעם נאַרישן פרילינג, וואָס שיקט פלוצים אַ האָגל אויף זיין אייגענער זריעה און בליטן; אָדער מען שפּעט גאָר אָפּ פון דעם צעדרייטן זומער, וואָס גיסט אויס זיינע וואָלקנס נישט אויפן ריכטיקן אָרט און נישט אין דער געגעבענער צייט.

אין דאָרף איז אויך געווען אָרעם און רייך. אָבער אַז ס'איז געקומען אַ האָגל, אַ טרוקעניש, אָדער אַ מגפה אויף בהמות, האָט עס געטראָפן אַלעמען, אַלע באַגלייך. האָט מען זיך אַרויסגעהאָלפן איינער דעם צווייטן, וואָרים דערויף איז מען דאָך שכנים.

אַזוי האָט זיך געפירט אין ווערביווצי. גאַנץ אַנדערש איז געווען אין האָראָדענקע:

דאָ האָט מען געלעבט ניט פון דער ערד, נאָר פון מענטשן. אין דאָרף האָט מען געקוקט צום הימל און געגלויבט, אַז אַלץ קומט פון דאָרטן. אין שטאָט איז עס געווען דער פּוילישער גוטבאַזיצער ראָמאַשקאַן און דער יידישער באַנקיר יונגערמאַן, צו וועלכע מען האָט אַרויפגעקוקט. זיי האָבן געקאָנט אַ מענטשן באַגליקן אָדער רואינירן. זיי האָבן זיך געהאַט זייערע פאַרוואַלטער און מעקלערס, וועלכע האָבן געקאָנט פאַרטיילן גוטע שטעלעס צו אַנדערע; פון אַט די אַנדערע האָבן געלעבט נאָך אַנדערע, פון זיי ווידער די ווייניקער גליקלעכע, און ערשט אַרום זיי האָבן געפּאַדעט די אָרעמסטע פון די אָרעמע.

האָראָדענקע איז אויך געווען אַנדערש אויסגעבויט ווי דאָס דאָרף. איבערן דאָרף זענען געלעגן צעוואָרפן אַ גאָרטן מיט אַ שטוב דאָ, אַ שטיבל מיט אַ גאָרטן דאָרט, ווייט איינס פון דאָס אַנדערע. אַ בעסערע כאַטע, אַן ערגערע — אָבער אַלע האָבן געאַהט אויף זיך דעם זעלבן שטרויענעם דאַך, און אַלע מענער האָבן געטראָגן דאָס זעלבע לייוונטענע העמד איבער די לייוונטענע הויזן.

אין שטאָט איז אַלץ געווען אַנדערש. אַ טייל, בפרט באַאַמטערס, זענען געווען אָנגעטאָן אין קורצע רעק, מיט לאַקשיך, אַ הויכן „סטאָיאָנצע" קאָלנער מיט אַ האַרטן שטייף־הוט און הענטשקעס. געפּאָרן זענען זיי שפּאַצירן און עקוויפּאַזשן, בעת אַנדערע זענען אַרומגעלאָפן נאַקעט און באָרוועס. אויסגעבויט איז געווען האָראָדענקע אין „רינגען". דער ערשטער רינג איז געווען שטאַרק ענלעך צום דאָרף: הייזלעך מיט שטרויענע דעכער, כאָטש אייניקע האָבן שוין געהאַט רויטע קאַכליעס אויפן דאַך. דאָרט האָבן געלעבט די אוקראַאינער, וועלכע האָבן יעדן טאָג געבראַכט אין מאַרק אַריין צו פאַרקויפן זייער ביסל קאַרטאָפליעס, ציבעלעס, ריבן, פאַסאָליעס, אַרבעס, אַ הון און אַנדערע דאָרפישע סחורות.

אין צווייטן, מיטלסטן רינג זענען שוין געשטאַנען הייזלעך מיט גאָנטענע דעכער און גערטנדלעך מיט בלומען, ווי אין ווילִיעס. דאָרט האָבן געוואוינט באַאַמטערס פון שטייער־אַמט, פון געריכט און פון דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט. אין דער מיט, ווי אַרומגעצוימט פון אָט דיביידע רינגען, האָבן געוואוינט די יידן.

וואָס פאַר אַ פּנים האָט געהאַט אָט דאָס יידישע האָראָדענקע? פּונקט אין מיטן איז געווען דער מאַרק, אַרומגערינגלט מיט הייזער פון אַלע זייטן. אַרויסגעטאַרטשעט פון זיי האָט די פּאָסט־געביידע, אָבער נאָך מער דער ציכטיקער קלויסטער מיט דער ווי אַ ציבעלע לענגלעך־בויכיקער קופּאָל אויפן דאַך. ער איז געווען ווייס געקאַלכט און ריין. אין קופּאָל האָבן געפעלט צוויי ציגל, האָבן דאָרט סאָוועס זיך געמאַכט אַ נעסט. דורכן מאַרק האָט זיך געצויגן דער קייזער־שטראָז, און קווער איבער אים אַ צווייטער הויפּט־שטראָז. אַזוי אַרום איז פּונקט פאַרן קלויסטער אויסגעקומען אַ קרייץ־וועג, ביי וועלכן עס זענען געהאַנגען פיר אויפשריפטן: צו מזרח־צו האָט עס געפירט צום דניעסטער איבער דעם שטעטל אושטשעטשקאַ ביז צו דער רוסישער גרענעץ; צו מערב — קיין קאָלאָמיי־סטאַניסלאַוו ביז לעמבערג; אויף דרום — קיין זאַליעשטשיקי, וואָס איז באַקאַנט געווען ווי דאָס גאַליצישע מעראַן; און צפון צו — קיין אָבערטין, די שטאָט פון פערד־הענדלער און גנבים. אַז מען האָט עמעצן אַ פרעג געטאָן: „זייט איר ניט אַן אָבערטינער?" — האָט ער גלייך געענטפערט: „איר זייט אַליין אַ

גנבֿ!" איבער אָט די אַלע פיר געגענטן זענען געלעגן אַכט־און־פערציק דערפער, וואָס האָבן געהערט צו דער בעצירקס־הויפּטשטאָט.

דער קייזער־שטראָז האָט איבערגעשניטן דאָס יידישע פּערטל אין צוויי טיילן: אין „אויבערשטע" גאַסן און אין „אונטערשטע". די אויבערשטע גאַסן האָבן געהאַט טראָטואַרן מיט קאַשטאַנען־אַלייען, וואָס האָבן געפירט צום געריכט (די ערשטע גרויסע געביידע אין דער מערבֿ־זייט) ביז איבער דעם מאַרק און דעם קלויסטער מיט דעם זאַליעשטשיקי־שטראָז אַזש ביז צו דער באַראָן הירש־שולע.

מיט די אויבערשטע גאַסן האָט די שטאָט זיך געצאַצקעט: מען האָט זיי געקערט און באַשפּריצט מיט וואַסער. די „אונטערשטע" זענען קיינעם ניט אָנגעגאַנגען. געווען דאָ אַ גרויסער ריוו, דער „פּראָוואַל", האָט מען דאָרט אַריינגעשאָטן דאָס מיסט און דעם אָפּפאַל און אַריינגעגאָסן די פּאָמויניצעס. גאַנץ פרי האָט מען דאָרט געקענט טרעפן אויסגעזעצטע גאַנצע מחנות מיט האַלב־אָפּגעדעקטע לייבער, וועלכע האָבן דאָרט אָפּגעטאָן זייערע באַדערפענישן. האָט דאָרט געשטונקען פון שמוץ און קויט, און ווען נישט דער רעגן און פראָסט, וואָלט מען געקאָנט דערשטיקט ווערן.

די קליינע שטיבלעך זענען דאָ געשטאַנען איינס לעבן דעם אַנדערן, וואָרים ס'האָט דאָך וויניקער געקאָסט ציצובויען אַ הייזל צום שכנס וואַנט. האָט זיך געדריקט איין הייזקע צו דער צווייטער, זיך געשטיצט און אָנגעהאַלטן איינס אָנעם אַנדערן ווי אַ שוואַכענקער, פאַר קעלט ציטערנדיקער חלוש, וואָס האָט מורא צו שטיין אַליין. דאָ האָט געוואוינט די סאַמע אָרעמשאַפט: שוסטערס, שניידערס, סטאָליאַרעס, בלעכערס, באָדנערס, מוליאַרעס, קירזשנערס, בעקערס און אַלערליי באַלעגאָלעס און טרעגערס — אַלץ האָרעפּאַשנע מענטשן, וואָס האָבן אַרומגעדראַפּעט אַ גאַנצן טאָג צו פאַרדינען פינף גרייצער אויף אַ ברויט פאַר דעם קיין־עין־הרע היפּשן הויזגעזינד. געוואָרט האָבן אַלע דער עיקר אויפן דינסטיק, ווען יידן און גויים פון די אַרומיקע אַכט־און־פערציק דערפער זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויפן יאַריד. פון אָט דעם דינסטיק־יאַריד האָט מען דאָס געלעבט.

האָט זיך עס דעמאָלט אָפּגעטאָן אַ געדרענג און אַ לויפעריי, אַ שטופּעניש און אַ האַווען — ווי די וועלט וואָלט זיך איבערגעקערט! דער הויפּט־יאַריד איז פאָרגעקומען אויפן מאַרק פאַר פערד און בהמות, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט, אויף דער „טאָלאָקע". דאָ האָבן אָגערס דערשמעקט מיט דער לופט זייערע אַלטע שקאַפּעס, אָדער גאָר פרישע לאָשקלעך־כלות, און האָבן צעהירזשעט ווילדע גרוסן צו זיי. די אָרעמע קי, וועלכע מ'האָט היינט ניט געמאָלקן, כדי זיי זאָלן האָבן פולע אייטערס, האָבן זיך יאָמערלעך צעמרוקעט מ'זאָל זיי העלפן. די שעפּעלעך מעקן, וויינענדיק נאָך די גרינע לאָנקעס. אָבער דעם גרעסטן ליאַרעם מאַכן־אָן די חזירים. זיי קוויטשען ווי מען וואָלט לעבעדיקערהייט געשניטן שינקען פון זייער פעטן הינטער־חלק. און צווישן אָט דעם געמויזעכץ יאָגן אַרום די הענדלער מיט די מעקלערס — שוויצן, שרייען און דינגען זיך מיט צעצונדענע אויגן: אַ קלאַפּ אין דער דלאָניע איינער דעם צווייטן, אָט־אָט האָט מען שוין, דאַכט זיך, אויסגעדונגען, דער חילוק איז אינגאַנצן אין אַ דריי גולדן — דער קונה איז שוין אייגנטלעך פאַרטיק צוצונעמען דאָס פערד, די קו, די שאָף אָדער דעם חזיר — נאָר די לעצטע דריי גולדן! איז נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ אין דער דלאָניע, מ'מאַכט פשרות — האַלב און האַלב, אַ גולדן פופציק מער — ביז מ'אייניקט זיך אויף צוויי גולדן, און פאַר דעם דריטן טרינקט מען „מאַהאַריטש", מיט מזל, הייסט עס, אַ לחיים און אויך צו געזונט פאַר דער בהמה.

אויפ'ן שטאָטישן מאַרק איז דער האַנדל שוין אַ קלענערער. אָרעמע פויערן פאַרקויפן דאָ זייערע הינער, גענדז, קאַטשקעס, תבואה, פלאַקס, אויל, אַליין־געמאַכטע לייוונט. דערנאָך גייען זיי אין די קלייטן און קויפן קאַלירטע פאַטשיילעס, גלעזערנע פאַטשערקעס, וואָל אויף אויסצושטריקן די העמדער, צוקער, זאַלץ, טעפּ, שוועבעלעך, הערינג. די שענקען זענען פול: מ'טרינקט בראַנפן, ביר, מעד, רום, מ'עסט פעטע סאַלאַנענע און קאַלבאַס, מען איז פריילעך, שיכורלעך.

אין דרויסן יאָגט מען זיך דערווייל אינעם פיבערדיקן הוא־האַ מיט צעשראָקענע, זוכנדיקע אויגן. דאָ איז אַ קינד פאַרלוירן געגאַנגען, דאָרט האָט מען געכאַפּט אַ גנבֿ; אַ צעפלאָשעט פערד האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלייך אין מיטן צווישן די ערדענע טעפּ, וואָס מען פאַרקויפט — אַ קראַך און געשרייען, אַ „טפרו..." און זידלערייען — מ'רופט אויס הונדערטערליי סחורות צום פאַרקויפן, קאַרוסעלן לאָקן און רופן, און צווישן אַלץ־דורכאיינאַנדער שלייעט אַרום אָרעמקייט פון די הינטערגעסלעך, אַ גרייצער צו פאַרדינען. סטאָליאַרעס זוכן צו פאַרקויפן זייערע קאַסטנס און קופערטן, שוסטערס זייערע שטיוול און שיך, קירזשנערס און שניידערס זייערע מלבושים. גייט נישט מיט געלט, בייט מען די סחורה ביי די פויערן פאַר תבואה, הינער, גענדז, קאַטשקעס, אייער. אַמייסטן פאַרהאַוועט זענען די ווייבער. זיי פאַרקויפן חלות, זעמל, קוכן, געקאָכטן אַרבעס און בוינעס, פּיראָגן מיט קאַרטאָפל, מיט קעז, מיט פלייש, מיט קאַרשן און ווייַנשל און שוואַרצע בערלעך. אַלץ לויפט, שרייט, וויל זיך איבעריאָגן — מען קאָנקורירט, שעלט זיך און מען באַשווינדלט אויף אַ גראָשן.

פאַר אונדז קליינוואַרג איז עס אַ ווילדער יום־טובֿ. מיר פרייען זיך וואָס אויך מיר קאָנען דערביי מיטטאַנצן אין קאָן און זיין כאָטש אַ טייל פון אָט דעם גרויסן געטומל. מיר טראָגן אַרום אין גלעזערנע קרוגן קוואָס צום פאַרקויפן — אַ מין געמיש פון עפּל־זאַפט און עפּעס אַ געהיימען צומיש פון פייוועלע קוואַסניק, וועלכער פלעגט אונדז ניט איינמאָל אָנדרייען די אויערן, ווען מיר האָבן ביי אים דעם קוואָס געקויפט. מיר האָבן אים פיינט געהאַט און זיך געהאַט אונדזער לידל אויף אים:

„פייוול טייוול, גיב דעם קוואָס,
קוש אין תחת און באַקום די פּראַס".

אין קוואָס האָט מען אַריינגעטאָן אייז, כדי ווען עס צעגייט זיך, זאָל עס זיין אי קעלטער אי וואַסערדיק־מער. מיר פלעגן שטאַרק אויסלויבן אונדזער סחורה, אַמאָל אויך זיך בעטן, אָדער גאָר סטראַשען מען זאָל קויפן:

„פרישער קוואַס — אַ גוואַלד!
געשמאַק און אייז־קאַלט!"

אָדער:

„קויפט קוואַס, קויפט!
ערשט וואָס אָנגעשרויפט!
אַ משקה גאָר אַ נייע —
ווער עס טרינקט, איז זיך מחיה!"

אַמלייכסטן האָט זיך פאַרקויפט מיט סטראַשונקעס. איך פלעג זיך צעשרייען:

„קוואַס! קוואַס! אייז־קאַלטער קוואַס!
ווער עס טרינקט אים, ווערט געזונט!
טרינקט ניט ווער — פּגרט ער ווי אַ הונט!"

דערויף פלעגן אַלטע פויערטעס זיך איבערצלמען, תיכף קויפן אַ גלאָז קוואַס און אַמאָל נאָך דערצו געבן מער מיט אַ העלער. אָבער דערביי פלעגן זיי אויך באַמערקן, אַז ס'איז נישט כדאי אַזוי זיך צו שעלטן. „גערעכט — פלעג איך טראַכטן — אָבער ווען איך שעלט ניט, וואָלטן זיי אפשר קיין קוואַס ניט געקויפט, און ניט געגעבן נאָך אַן איבעריקן העלער דערצו". דאָס שעלטן האָט פאָרט עפּעס אַריינגעבראַכט. פלעג איך ווייטער אויסרופן מיין סחורה מיט קללות און סטראַשונקעס, און אַזוי אַרום האָב איך פאַרדינט אַ יעדן דינסטיק מיינע דרייסיק ביז פערציק גרייצער. דאָס געלט האָב איך אַוועקגעגעבן דעם טאַטן. פלעגט ער מיך לויבן פאַר מיין אויסטויגן זיך, און דאָס האָט מיך געמאַכט שטאָלץ און גליקלעך. מיין עלטערער ברודער, שבתי, האָט פאַרדינט קוים אַ דריטל פון דעם, וואָס איך האָב פאַרדינט, איז ער מיך מקנא געווען, און דאָס האָט מיך געמאַכט נאָך פרייליכער און זיכערער ביי זיך.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע קאָנקורענץ אין שטעטל.

אין איינעם אַ דינסטיק איז געקומען פון דאָרף דער עלטסטער ברודער, שכנא. קעגן אָוונט איז ער אַוועק מיטן טאַטן צום מעל־הענדלער שלום לופט און איינגעצאָלט ביי אים גאַנצע פינף־און־צוואַנציק גולדן. דאָס האָבן זיי באַשלאָסן מיר זאָלן עפענען אַ בעקעריי, און דער הער לופט זאָל ליפערן מעל מיט אַ קרעדיט אויף נאָך פינף־און־צוואַנציק גולדן, פאַר וועלכן דער ברודער האָט גאַראַנטירט.

איז געקומען אַ טאָג, ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון הינטערגעסל און איבערגענומען אפרים גלאַזערס בעקעריי, אין שכנות מיטן הער צלויף, ניט ווייט פון דער באַראָן הירש־שולע. און אַזוי זענען מיר מיט אַמאָל געוואָרן „פיינערע" מענטשן. מיר פלעגן אויסבאַקן ברויט און חלה און ראָגאַליעס און קייזער־זעמל. און ווייל מיר האָבן אַלע מיטגעהאָלפן אין דער בעקעריי — און קיין סך קונים זענען אין אָנהויב סיי־ווי ניט געווען — האָבן מיר אַלץ געקאָנט פאַרקויפן ביליקער ווי אַנדערע בעקערס. אָבער די בעסטע קונים זענען געווען מיר אַליין. כאָטש דער טאַטע האָט בפירוש פאַרבאָטן אָנצורירן דאָס געבעקס, האָבן מיר ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און יעדער איינער האָט אַריינגערוקט אַ טאָג אַזוי אַ פערציק, פופציק פרישע זעמעלעך, ראָגאַליעס און בייגל. יעדער פון אונדז איז געווען איבערצייגט, אַז נאָר ער אַליין טוט עס בגנבה, אָבער געגעסן האָבן אַלע. איז קיין וואונדער ניט וואָס די בעקעריי האָט אָנגעהויבן גיין שלעכט.

איך מיט שבתין זענען געגאַנגען אין דער באַראָן הירש־שולע, אָבער אין דער נאַכט האָט מען אונדז אויפגעוועקט צו העלפן דרייען ראָגאַליעס און פלעכטן קוילעטשן. און שוין ביי אָט דער אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס, וואָס האָט פאַר מיר און מיין ברודער געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן גאַנצן לעבן. ער איז אַלט געווען זיבן, איך זעקס. ער איז געווען לאַנג און דין, איך ברייט־ביינערדיק, נאָר קליין־געוואָקסן. כ'האָב תמיד געמוזט צו אים אַרויפקוקן, און דאָס האָט מיך געערגערט. אָבער ווען מ'פלעגט אונדז ביידע אויפוועקן צו דער אַרבעט, האָט אים שטענדיק גענומען זייער לאַנג אויפצושטיין, און איך פלעג באַלד אויפשפּרינגען ווי אַ וויזל־טיר. ער פלעגט זיך ווערן און וויינען, און איך, באַמערקנדיק דאָס, פלעג זיך מאַכן נאָך פרישער און וויליקער. דאָס איז געווען דער אָנהויב פאַר מיין שפּעטערדיקן זעלבסט־פאַרטרויען. מ'פלעגט מיך לויבן אויף זיין חשבון. ער האָט אָנגעהויבן מיך צו האַסן, און איך האָב אויסגענוצט זיין הילפלאָזיקייט. ער איז געוואָרן אַלץ אומזיכערער, און איך אַלץ מער פעסט ביי זיך. אַזוי איז געווען אין שולע, אין גאַס, ביים שפּילן זיך און ביים פאַרוקיפן קוואַס. זאָל מיר גאָט מוחל זיין, אָבער אַביסל איז עס טאַקע געווען מיין שולד. כ'האָב געהאַט דאָס געפיל ווי איך וואָלט באַגאַנגען אַ שטיל פאַרברעכן, ווי איך וואָלט אַוועקגענומען זיין זעלבשטענדיקייט און מיט דעם מיין אייגענע זעלבשטענדיקייט געשטאַרקט. האָבן מיר דאָך געלעבט אין קאָנקורענץ. מיר זענען דאָך מער ניט געווען אין דאָרף, נאָר אין דער בעצירקס־הויפּטשטאָט האָראָדענקע, וואו דער שטאָטישער מענטש קאָן ניט אויסקומען, אויב ער איז ניט קיין קאָנקורענט. וואָרים פון דאָרף ביז צום שטעטל האָראָדענקע איז אַ פּיל ווייטערער וועג ווי פון האָראָדענקע ביז צו סיי וועלכער גרויסער אייראָפּעאישער הויפּט־שטאָט.

מיין רבי שימשעלע מילניצער, וועמען מ'האָט געמוזט צוליב טאָן

דאָס חדר אין האָראָדענקע איז געווען אַ סך בעסער ווי אין סקאַליע. אונדזער מלמד, ר' שימשעלע מילניצער, איז געווען אַ שטילער, גוטער מענטש. ער האָט אונדז קיינמאָל ניט געשלאָגן און איז געווען צופרידן, ווען מיר האָבן אים געלאָזט צורו. ס'איז אים ליבער, פלעגט ער זאָגן, אַ צעלאָזן יינגל. אָבער מיט אַ גוט קעפּל, וואָס קען לערנען, — איידער אַ „וואויל", „פיין" קינד מיט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. מיר פלעגן דאָס אויסנוצן און זייער אָפט אים אָפּטאָן שפּיצלעך.

איין מאָל האָבן מיר צוגעבונדן זיין קאַפּאָטע צום בענקל, וואו ער איז געזעסן. אַ צווייטן מאָל האָבן מיר מיט אַ שטריקל פאַרקרעמפּעוועט זיין פוס צום טיש. ער פלעגט דערויף נאָר אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ און גוטמוטיק שמייכלען. אַן אַנדערש מאָל, ווען ער איז — ווי געוויינטלעך ביים לערנען — אַנ־דרימלט געוואָרן מיטן קאָפּ אויפן טיש, האָבן מיר מיט וואַקס צוגעקלעפּט צום טיש זיין באָרד. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר אָפּגעשקראָבעט

דעם טיש און זיך אויסגעפּוצט דעם וואַקס פון דער באָרד. ער האָט יענעם טאָג אַפילו ניט דערמאָנט וועגן דעם. אָבער עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער געזאָגט: „קינדער, אַנומלט האָט עמעצער פון אייך געמאַכט אַ הלצהלע מיט מיין באָרד. כ׳האָב גאָרנישט געזאָגט, ניט דערפאַר, ווייל ס׳האָט מיך ניט פאַרדראָסן. פאַרקערט, כ׳האָב געהאַט אַזויפיל עגמת־נפש דערפון, אַז כ׳האָב אַפילו ניט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדן. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ ייד אַ קבצן, אַחוץ דעם האָב איך אויך גענוג צרות. אָבער דער רבונו־של־עולם האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ באָרד פונקט ווי יעדן אַנדערן ייד, גלייך ווי איך וואָלט געווען ווער ווייסט וואָס פאַר אַן עושר. איז די באָרד אַ שטיקל טרייסט פאַר מיר. קומט איר צוגיין און ווילט מיר די באָרד אויסצופּן. נו, פרעג איך אייך: מיך וואָלט איר אָרעמער געמאַכט מיט אַ באָרד; אָבער איר אַליין וואָלט דאָך דערפון ניט רייכער געוואָרן".

דאָס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגט ער פאַסטן און פאַר שוואַכקייט רעדן זייער שטיל. מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַר בושה, און ער האָט אונדז יענעם טאָג אַהיימגעשיקט פון חדר מיט אַ שעה פריער. אָבער זייט יענעם טאָג איז ער אונדז הייליק געוואָרן ווי אַ ספר־תורה. מיר האָבן מער ניט געחוזקט פון אים און אים מער קיין שפּיצלעך ניט אָפּגעטאָן.

ער האָט אונדז קודם געלערנט דעם אלף־בית. די אותיות האָבן אויסגעזען ווי קליינע קעסטעלעך, ווי קליינענקע שטיקלעך געצייג, אָדער ווי קליינע כאַטקעלעך מיט האַלבע טיר־און־פענצטערלעך. אין סקאָליע פלעגן די דאָזיקע אותיות מיר טאַנצן פאַר די אויגן און כ׳האָב ניט געקאָנט זען קיין חילוק פון אַן אַלף ביז תיו. אָבער דאָ האָט דער געדולדיקער רבי מיך אויסגעלערנט זיי פונאַנדערצוקלויבן, און איך האָב באַלד דערפילט דעם טעם דערפון. ס׳האָט ניט לאַנג גענומען, און איך האָב אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן די אותיות טאַקע ווי קליינע קעסטעלעך, אָט די אותיות מיט די נקודות אונטער זיי — כ׳האָב אָנגעהויבן לערנען טראַף. מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, אָבער אַזוי האָבן מיר זיך אויסגעלערנט דאַווענען, נאָכזאָגן תפילות און מאַכן אַ ברכה.

ביז כ׳האָב מיט מזל אָנגעהויבן חומש. איצט האָט שוין דער רבי גענומען פאַרטייטשן און אויסטייטשן. ער האָט אונדז דערציילט וועגן אַ גאָר ווייטער וועלט פון אַמאָל און אַמאָל; ווען דער הימל און דער רבונו־של־עולם זענען נאָך געווען אַזוי נאָענט, אַז משה רבנו און די אָבות אַברהם, יעקב מיט דער מוטער רחל פלעגן אַריין־און אַרויסגיין ביי גאָט, ווי להבדיל גרויסע סוחרים ביי אונדז אין האָראָדענקע זענען אַריינגייער ביים באַראָן ראָמאַשקאַן, אָדער ביים באַנקיר יונגערמאַן.

און אַז מ׳הויבט אָן לערנען חומש, מוז מען אויך מאַכן אַ גרויסע סעודה. האָט מען מיר יענעם שבת אָנגעטאָן אַ ניי אַנצוגל און ביי אַלע קרובים און שכנים האָט מען אָנגעבאָרגט אַפשר צוואַנציק זייגערס מיט קייטן, וועלכע מען האָט אָנגעהאָנגען אויף מיר און אויף מיינעם אַ חבר, דעם „אָפּפרעגער". נאָכמיטיק האָט מען אונדז ביידע אַוועקגעשטעלט אויפן געדעקטן טיש, און דער רבי מיט טאַטע־מאַמע, קרובים און שכנים האָבן אין דער ענגער שטוב זיך אַרומגעזעצט און אַרומגעשטעלט אַרום טיש און מיט געשפּאַנטקייט און צעלויכטענע אויגן געוואַרט אויף מיין דרשה.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן. דער „אָפּפרעגער" האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענטלעך ווי צום בענטשן און צו מיר אַזוי געזאָגט:

„הרכן את ראשך ואברכך —
בויג אַן דיין קעפּעלע און איך וועל דיך בענטשן.
בן פורת יוסף, בן פורת עלי עין —
שיינער יוסף, חנעוודיקער יוסף — —

„אַזוי ווי יוסף הצדיק האָט געפונען לייטזעליקייט ביי גאָט און ביי לייט, אַזוי זאָלסטו אויך, יינגעלע קליינס, בחורל פיינס, געפינען חן און לייטזעליקייט ביי גאָט און ביי אַלע מענטשן".

„אמן, אמן, אמן", האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט.

איצט האָט ער גענומען פרעגן, און איך האָב אָפּגעענטפערט:

אָפּפרעגער: וועלכעס ספר לערנסטו, יינגעלע?
איך: חומש, צו מזל.
אָפּפרעגער: וואָס הייסט חומש?
איך: פינף.
אָפּפרעגער: וואָס פינף? פינף בייגל פאַר אַ גרייצער?
איך: ניין, פינף הייליקע ספרים האָט די הייליקע תורה.
אָפּפרעגער: וועלכעס ספר לערנסטו, יינגעלע?
איך: ויקרא.
אָפּפרעגער: ס׳טייטש ויקרא?
איך: און ער האָט גערופן.
אָפּפרעגער: ווער האָט גערופן? דער שמש האָט גערופן אין שול אַריין?

איך: ניין. גאָט האָט גערופן צו משהן ער זאָל אים אָנזאָגן די דינים פון קרבנות. אַ קרבן איז הייליק, און איך, קליין יינגעלע, בין אויך הייליק. דערפאַר האָט דער רבי אָנגעהויבן מיט מיר לערנען ויקרא.

אָפּפרעגער: לערן, יינגעלע, לערן, און באַווייז וואָס דו קענסט.

דאָ האָט ער אַ וואונק געטאָן צו די אַרומיקע, און אַלע האָבן פריידיק געשמייכלט.

האָב איך גענומען זאָגן אויפן קול: „ויקרא, און ער האָט גערופן — ה׳ גאָט — אל, צו — משה, איינער האָט געהייסן משה..."

אָבער דאָ האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן: „מזל טוב, מזל טוב!" — מען האָט מיר איבערגעשלאָגן אין מיטן.

די מאַמע וויינט פאַר גליק און נחת, און די שכנות וויינען מיט איר מיט. מען כאַפּט מיך קושן — קעגן מיין ווילן. וואָרעם איך פיל זיך שוין מעשה גרויסער. אַלע קוקן אויף מיר, און איך מייד אויס זייער בליק — קיינמאָל האָבן נאָך אַזוי פיל מענטשן ניט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ פרייד — איך ווייס, אַז זיי אַלע זענען געקומען אַהער צוליב מיר, און ס׳ווערט מיר

אַזוי גוט און וואויל אויפן האַרץ, נאָך בעסער און זיסער ווי דער האָניק־לעקעך, וואָס איך עס איצט.

זייט דעם שפּיצל מיט דער באָרד האָבן מיר שטאַרק ליב באַקומען אונדזער רבין, ר׳ שימשעלע. אַמליבסטן זענען מיר נאָך געגאַנגען אין חדר אום ווינטער. מ׳האָט געלערנט ביינאַכט און אַהיימגעגאַנגען איז מען מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנעס. מיט חשק האָבן מיר זיך צוגעהערט צום רבינס רייד, וועלכער האָט אויף יעדן פּסוק, כמעט אויף יעדן וואָרט, געהאַט צו דערקלערן אַ גאַנצן פּשט און דערציילן אַ גאַנצע מעשה. און גערעדט האָט ער וועגן דער הייליקייט פון דער תורה, וועגן דעם טייטש פון יעדן וואָרט און וועגן דעם מיין, וואָס ליגט הינטער דעם. האָט ער געקאָנט אָנהויבן אַזוי: „שמעון ולוי אחים — שמעון און לוי זענען געווען ברידער". — און באַלד האָט ער גענומען דערקלערן: וואָס פאַר אַ ברידער זיי זענען געווען און ווי שטאַרק און ווי גרויס און ווי מעכטיק. און לוי האָט ער געהייסן, ווייל איינמאָל ווען די פּלישתּים האָבן אים נאָכגעיאָגט און ער איז געבליבן אַ פאַרשמאַכטער אין מיטן מדבר, און לייבן זענען אויף אים אָנגעפאַלן, האָט ער געפּאַקט אַ לייבעכע מיט איין האַנט ביים פּיסק, מיט דער צווייטער ביים עק, זי אויפגעהויבן אין דער הויך, זיך אָנגעטרונקען מיט דער מילך פון אירע ברוסטן און נאָכדעם זי אַוועקגעשליידערט פון זיך. שמעון ווידער האָט געקאָנט גאַנצע בערג אויפהויבן אויף זיינע אַקסלען און מיט זיי צושיטן זיינע פיינט. און אַ שוועסטער האָבן זיי געהאַט אַ יפת־תואר. זענען די פּלישתּים זי באַפאַלן, ווען די ברידער זענען אין דער היים ניט געווען, און זי פאַראומרייניקט און געשענדט. זענען די ברידער אַוועק אין דער שטאָט פון די פּלישתּים און מיט זייערע שווערדן אויסגעהרגעט אַלע מענער און חרוב געמאַכט די שטאָט אויס נקמה פאַר זייער שוועסטער.

אַן אַנדערש מאָל האָבן מיר געלערנט: „ואני, און איך, יעקב", — און דער רבי האָט באַלד אָנגעהויבן דערציילן: „ואני — און איך, יעקב, וואָס גיי איצט שטאַרבן דאָ אין מצרים, זאָג דיר אָן, מיין זון יוסף, אַז באָך מיין טויט זאָלסטו איבערפירן מיינע ביינער קיין כנען און מיך דאָרט איינזאַמלען צו מיינע אָבות; כאָטש איך האָב מיט דיין מוטער רחל ניט געטאָן אַזאַ חסד: איך האָב זי מקבר געווען אויפן וועג קיין בית־לחם און זי אַפילו אין שטאָט ניט געפירט. און וועסטו וועלן מיינען, אַז דעמאָלט האָט גערעגנט, אָדער די וועגן זענען געווען צו שווער, וועל איך דיר ענטפערן: ניין; די ערד איז געווען טרוקן און געלעכערט ווי אַ רעשעטע; ס׳איז געווען נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעדינט ביי לבנען, צוערשט זיבן יאָר פאַר לאהן און דערנאָך זיבן יאָר פאַר דיין מוטער רחל. מיר זענען אַנטלאָפן פון לבנען, און ער האָט אונדז נאָכגעיאָגט און אונדז דערגרייכט און געזאָגט, אַז מיר האָבן אַוועקגעגנבעט זיינע געצנבילדער. האָב איך זיך מצער געווען איבער זיינע רייד און אַזוי געזאָגט: „ווער ס׳האָט דיינע געצנבילדער געגנבעט, דער זאָל שטאַרבן„. און פאַרוואָר — דיין מוטער רחל האָט געהאַט די געצנבילדער מיטגענומען, און זי איז געשטאָרבן! און איך האָב זי מקבר געווען אין מיטן פעלד, אויפן וועג קיין בית־לחם. פאַרוואָס? — וועסטו ווידער פרעגן, מיין זון. וועל איך דיר אַזוי ענטפערן: איך האָב געהאַט אַ זעאונג, און געזען האָב איך, אַז אונזער פאָלק וועט גיין אין גלות אַריין, פאַרלאָזן און נידערגעשלאָגן. וועלן זיי פאַרבייגיין דער מוטער רחלס קבר און ביי איר בעטן און וויינען און קלאָגן: „מוטער רחל, מוטער רחל, זע וואָס ס׳איז געוואָרן פון דיינע קינדער!" וועט די מוטער רחל אויפשטיין פון איר קבר און זיך ווענדן צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: „פאָטער אין הימל, זע וואָס דו האָסט געטאָן צו מיינע קינדער!" וועט גאָט איר ענטפערן: „דאָס שטראָף איך זיי אַזוי". וועט די מוטער רחל פרעגן: „פאַרוואָס באַשטראָפסטו זיי?" וועט גאָט איר ווידער ענטפערן: „איך שטראָף זיי פאַר זייערע זינד וואָס זיי האָבן געטאַנצט פאַרן גאָלדענעם קאַלב". וועט דעמאָלט די מוטער רחל זאָגן: „פאָטער אין הימל, הער אויס מיינע רייד, וואָס איך וועל דיר דערציילן: ווען יעקב איז געקומען מיך נעמען פאַר אַ ווייב, איז ער געווען גרויס און שטאַרק און אָנגענעם פון אויסזען; און מיר האָבן באַלד פון ערשטן אָנקוק ביים ברונעם געפונען חן אין די אויגן איינער ביים צווייטן. אָבער מיין פאָטער לבן איז געווען כיטרע־פאַרעקשנט און האָט פרייער געוואָלט פּטור ווערן פון לאהן, וועלכע איז געווען קליין און מיאוס, מיט פּאָקן אויפן פּנים און שטומפּיק אויפן צונג. און ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, האָט ער אַריינגערופן יעקבן אין דער פינצטערער שטוב; און מיר האָט ער געהייסן זיך לייגן אונטערן בעט און רעדן פאַר לאהן, דאַמיט יעקב זאָל מיינען, אַז לאה בין איך, און איך בין לאה. און אַזוי האָט יעקב חתונה געהאַט מיט לאהן. און איך האָב יעקבן ליב געהאַט מיט מיין גאַנצן נפש און נשמה און מיט אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט; און האָב דאָך ניט געטראָגן קיין קנאה צו מיין שוועסטער לאה. איך בין נאָר געווען אַ פּשוטער בשר־ודם, און האָב זיך נישט מתקנא געווען. און דו, גרויסער גאָט, באַשעפער פון אַלע וועלטן, ביזט זיך מתקנא אויף אַ גאָלדן קאַלב?" וועט דעמאָלט כביכול אַזוי איר ענטפערן: „גיי, מיין טאָכטער רחל, ברענג טרייסט צו דיינע קינדער און זאָג זיי אָן: איך וועל זיי קיינמאָל ניט פאַרלאָזן".

און וועגן משה רבנו האָט ער געוואוסט צו דערציילן יעדעס מאָל נייע מעשות מיט נייע אויסטייטשונגען. איינמאָל האָט ער אונדז געהייסן אַ האַלבן טאָג ניט טרינקען קיין וואַסער, ווייל ער דאַרף אונדז דערציילן אַ זייער טיפע מעשה. מיר האָבן אים געפאָלגט, און ווען ער האָט באַמערקט, אַז אונדזערע ליפּן זענען שוין טרוקן פאַר דאָרשט, האָט ער אונדז געהייסן נעמען אַ טרונק וואַסער און געזאָגט: אַ גוטע מעשה דאַרף מען ניט נאָר הערן מיט די אויערן, דערפילן מיטן האַרץ און באַנעמען מיטן שכל — מען דאַרף זי אויך קאָנען דערשפּירן מיט הונגער און מיט דאָרשט אויף דער צונג. אַזוי האָט ער אונדז היינט ניט געהייסן טרינקען קיין וואַסער, כדי מיר זאָלן נאָך אַ האַלבן טאָג דאָרשטן קאָנען פאַרשטיין ווי שווער ס׳איז געווען פאַר משהן און דעם גאַנצן פאָלק ישראל צו וואַנדערן פערציק יאָר דורך דער מדבר, וואו ס׳איז בכלל ניט געווען קיין ברונעם. און ער האָט גענומען דערציילן וועגן משה רבנו און אונזער פאָלק ישראל אין דער מדבר:

„נאָכדעם ווי זיי זענען אָפּגעגאַנגען פערציק יאָר אין דער מדבר, איז דאָס פאָלק שוין געווען מיד און פאַרצווייפלט, און פאַרלוירן דעם בטחון אַריינצוקומען ווען ס'איז אין צוגעזאָגטן לאַנד. זענען זיי געוואָרן קליינמוטיק אין קריגעריש און ווי־דערשפעניק, און גענומען צוריקבענקען נאָך די טעפּ פליישׁ. האָט משה אויפגעהויבן די אויגן צו גאָט, און ס'האָט גענומען דונערן און בליצן, און די יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז גאָטס קול. איז משה פאַרשוואונדן און דערנאָך געקומען צוריק און האָט צונויפגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק און אַזוי געזאָגט: גאָט האָט מיר געהייסן אייך זאָגן, אַז יעדער מאַן פון אייך, אַלט און יונג, זאָל נעמען אַ גראַב־אייזן און אַליין פאַר זיך אויסגראָבן אַ גרוב און נאָך היינט אויף דער נאַכט זיך אין אים אַריינלייגן. פרעגט ניט נאָך וואָס און פאַר ווען, ווייל אַזוי וויל גאָט.

„האָבן אַלע מאַנספּאַרשוינען, זקנים און יונגע, אויסגע־גראָבן פאַר זיך אַ גרוב און נאָך דעמזעלבן אויף דער נאַכט זיך אַריינגעלייגט אין אים, ווי גאָט האָט באַפוילן צו משהן.

„און ווען די זון איז צומאָרגנס אַרויס פון איר פוטערפאַס, זענען צוויי דריטל פון דער עדה געבליבן ליגן אין זייערע קברים און בלויז איין דריטל איז פון די קברים אויפגעשטאַנען האָט משה זיך געווענדט צום פאָלק, אַזוי צו זאָגן: הערט אויס דאָס וואָרט פון גאָט! די קליינע אין מוט, די שרעקעוודי־קע און שוואַך־האַרציקע אין גלויבן, וועלן שוין אַזוי ליגן בלייבן אין זייערע קברים; און נאָר די שטאַרקע און מוטיקע, וואָס פילן ניט קיין פחד און קיין שרעק, וואָס זענען באַהאַרצט מיט גלויבן און בטחון, נאָר זיי וועלן געשטאַרקט און פאַר־יינגערט ווערן, זיי וועלן אַנגעפילט ווערן מיט נייער קראַפט אויף ווייטער צו וואַנדערן, צו קאָנען אַריינקומען אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד כנען".

א ייד אַן אביון איז געווען אונדזער מלמד, ר' שימשעלע מילניצער. געלערנט ביי אים האָבן בלויז קינדער פון אָרעמע־לייט, און ער אַליין האָט געהאַט אַ פולע שטוב אייגענע קינ־דער. פלעגט ער דאַרפן אַרומלויפן גאַנצענע טעג לייען און באָרגן. ביי אונדז פלעגט ער נעמען ברויט אויפן חשבון פון זיין מלמדות — וויפל ער האָט נאָר באַדאַרפט — מ'האָט אים קיינמאָל ניט נאָכגערעכנט. נישטאָ קיין מער באַגאַטישער האַנדל, פלעגט דער טאַטע זאָגן, ווי אויסבייטן ברויט פאַר תורה; און ווערליק די ברויטלעך, וואָס דער רבי נעמט ביי אונדז, מוזן מיר אויסוואַקסן גרויסע לומדים און אפשר גאָר אַליין ווערן רבנים.

אַמאָל פלעגן מיר אויך מאַכן אַ סעודהלע אין חדר. מיר זענען געווען אַרום זעכצן ביז צוואַנציק קינדער. האָט יעדער, לויטן שטאַנד, צושטייער געגעבן אַ גרייצער אָדער צוויי, און מ'האָט איינגעקויפט זעמל, הערינג, פּאָווידלע, אַ ביסל האָניק און אַ קליין ביסל בראָנפן פאַרן רבין. דעמאָלט פלעגן מיר זיצן מיט אים אַרום טיש ווי דערוואַקסענע מענטשן, ממש ווי זיינס גלייכן.

איינמאָל האָבן מיר צו אַזאַ סעודה איינגעקויפט אַ ביסל מער בראָנפן ווי געוויינלעך, איז דער רבי געוואָרן באַריי־דעוודיק און גענומען אונדז דערקלערן פאַרוואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט אָנגעריירט קיין תלמיד, ווי אַנדערע מלמדים האָבן ליב צו טאָן. ער טראַכט תמיד, האָט ער געזאָגט, וועגן יהושע בן נון און משה רבנו, דעם גרעסטן תלמיד און דעם גרעסטן רבי זינט ששת־ימי־בראשית. ביים דריטן גלעזל האָט זיך זיין פנים אויסגעלויטערט און ער האָט ווייטער געזאָגט: „אייגנט־לעך איז דאָס אַן ענין צווישן דעם רבונו של עולם מיט משה רבנו און יהושע בן נון. גאָט האָט אַמאָל גערופן צו משהן און אַזוי געזאָגט: הער אויס, מיין געטרייער קנעכט משה, דו האָסט זיך שוין גענוג געפּלאָגט מיט מיין פאָלק ישראל, און איך מיין, אַז ס'איז שוין צייט דו זאָלסט אָפּרוען און זאָלסט ווערן איינ־געזאַמלט צו דיינע אבות. מיינסטו ניט אַזוי, מיין זון? האָט משה זיך פאַרוואונדערט און זיך אָפּגערופן: ניין, מיין האַר, ניין — איך מוז דאָך פריער אַריינפירן דיין פאָלק אין גע־בענטשטן לאַנד. דערנאָך מעגסטו טאָן מיט מיר לויט דיין ווילן. איצט אָבער, אַ גרויסער האַר, האָב איך קיין צייט ניט, איך אייל זיך.

„און ער איז אַוועק.

„מיט אַ צייט שפּעטער רופט ווידער גאָט צו משהן און זאָגט אים: ווייסטו, משה מיין קנעכט, די מלאכים אין הימל גרייטן שוין שופרות און פידלען, און האַלטן אין איין נאָכפרעגן ווען זיי וועלן שוין קאָנען אויפנעמען משה רבנו ביי זיך אין הימל. דו ווייסט דאָך, משה מיין זון, ווי שטאַרק ליב דו ביזט אונדז.

„האָט משה זיך ווידער אָנגערופן: יאָ, איך ווייס עס, פאָטער אין הימל. אָבער וואָס וואָלסטו זאָגן, גרויסער באַשאַ־פער פון וועלטן, ווען אין מיטן פון די ששת ימי בראשית וואָלט דיך עמעצער אַוועקגענומען און דיר געשטערט אין דיין גרויסן באַשאַף? און ווער נאָך ווי דו קאָן עס וויסן, אַז אַן אָנגעהויבענע אַרבעט מוז פאַרענדיקט ווערן? זיי דאַרום מוחל, גרויסער האַר; וואָרים איך ווייס, אַז דיין הימל מיט די מלאכים וועסטו מיר קיינמאָל ניט פאַרוויגערן. וויל איך טאַקע זיך צואיילן, כדי מיט דיין הילף און דיין לייטזעליקייט צו קאָנען וואָס פריער קומען אין דיין אייביקייט.

„און ער איז ווידער אַוועק.

„אין אַ צייט אַרום האָט גאָט ווידער גערופן צו משהן. דעם מאָל האָט שוין משה אַליין אָנגעהויבן דעם געשפּרעך און אַזוי געזאָגט: איך ווייס, האַר, אַז די מלאכים אין הימל איז לאַנגוויילליק און זיי וואַרטן שוין אויף אַ גרויסער סעודה. און אַז פאַר מיר איז שוין דאָרט גרייט אַ גאָלדענער שטול. אָבער איך האַלט גראָד אין פאַרענדיקן מיין שליחות, און איך שטיי שוין גאָר נאָענט פון כנען. איז — באַפעל דיין קנעכט וואָס צו טאָן, באַשעפער פון דער וועלט, און פאַרהויל ניט פאַר אים קיין זאַך; וואָרים דעם מאָל אייל איך זיך שוין גאָר שטאַרק, אַ האַר פון דער וועלט.

„האָט דער האַר פון דער וועלט אין זיין אייביקער גוטסקייט און לייטזעליקייט אַ שמייכל געטאָן און אַזוי גע־זאָגט: משה, משה, איך וויל פאַר דיר גאָרנישט פאַרהוילן, ווי דו האָסט פאַר מיר גאָרנישט פאַרהוילט. דו וועסט וואויל וויסן, אַז איך בין שטענדיק געווען, און בין, און וועל שטענ־דיק זיין מיט דיר. אָבער אויך איך —

מוז אָפּהיטן געוויסע דינים און משפטים פון דער וועלט. איז הער זיך איין, מיין זון: דו האָסט אַ תלמיד, יהושע, וועלכער לערנט שוין ביי דיר גאַנצע פערציק יאָר. ער היטאָפּ דיין געבאָט און טוט אַלץ, וואָס דו באַפעלסט אים צו טאָן. ער איז שוין ווייט אין די יאָרן און אין זיין באָרד האָבן זיך שוין באַוויזן גרויע לאָקן; און ער זיצט נאָך אַלץ און וואַרט און וואַרט. איז געקומען די צייט, ווען דיין תלמיד יהושע דאַרף ווערן דער לערער און פירער פונעם פאָלק ישראל. איצט ווייסטו עס, מיין זון.

„און משה האָט אויפגעהויבן די אויגן צו גאָט און אַזוי געזאָגט: איצט ווייס איך דיין באַשייד, דו האַר פון דער וועלט. וואָס־זשע איז צו טראַכטן? מאַך אים פאַר דעם לערער און פירער פון דיין פאָלק. אָבער לאָז מיך כאָטש איבער ווי זיין תלמיד, איך זאָל צוזען, בלויז פון ווייטן צוזען, וואָס עס ווערט פון מיין אַרבעט און מיין שליחות.

„און גאָט דער האַר האָט אַזוי געזאָגט: משה, מיין געטרייער קנעכט, האָסט געפונען גנאָד און לייטזעליקייט אין מיינע אויגן, און איך וועל טאָן וואָס ס׳איז דיין באַגער. גיי, און איך וועל דיך באַשיצן און באַשערמען.

„איז משה געגאַנגען; און גאָט דער האַר האָט אים באַגלייט מיט אַ גנאָדפולן בליק און מיט אַ גלעט פון זיינע לייטזעליקע שטראַלן.

„און ווען משה האָט אַראָפּגעניִדערט צו דער עדה, האָט געבליצט און געדונערט. איז אויפגעשטאַנען זיין תלמיד יהושע און געוואוסט, אַז דאָס רופט אים גאָט. און ער איז געגאַנגען צום באַרג נבו, און גאָט דער באַשאַפער האָט גערעדט צו אים, און דאָס פאָלק האָט מיט ערפורכט געוואַרט.

„און ווען יהושע איז צוריקגעקומען, איז ער געגאַנגען גלייך צום מקדש; און אַלע האָבן געזען די שכינה לייכטן איבער זיין קאָפּ, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז גאָט האָט היינט יהושען אַ קוש געטאָן. האָט משה אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און ביי אים געפרעגט: זאָג, יהושע, וואָס האָט דיר גאָט געזאָגט? האָט יהושע אַרויסגענומען זיין אָרעם פון משהס הענט, זיך אַ קער געטאָן ווייטער גיין און בלויז אָפּגעענטפערט: האָסטו, משה, מיר ווען ס׳איז דערציילט וואָס גאָט האָט דיר געזאָגט?

„מיט דעם איז ער אַריין אין מקדש, און דאָס פאָלק נאָך אים.

„און קיינער האָט מער נישט באַמערקט ווי משה איז איצטער, פאַרשעמט און געבראָכן, אויפגעשטיגן אין איילעניש צום באַרג נבו מיט זייטיקע וועגן. גאָט דער האַר האָט שוין געוואַרט אויף אים. און משה האָט אויפגעהויבן די אויגן צו גאָט און געזאָגט: דאָ בין איך, מיין פאָטער און האַר, איך בין געקומען״.

— איצט פאַרשטייט איר שוין — האָט אונדזער רבי ווייטער געזאָגט — פאַרוואָס איך וויל אייך ניט באַטראַכטן פאַר בלויז תלמידים און קליינע קינדער? מ׳קאָן קיינמאָל נישט וויסן ווער ס׳איז דער תלמיד און ווער דער רבי. עס קאָן קומען אַ טאָג, ווען איינער פון אייך וועט זיין דער גרויסער רבי, און איך בלויז זיין תלמיד. איר זיצט דאָ און איר קוקט מיר אין מויל אַריין ווי איר וואָלט ערשט אַליין אָנגעהויבן גיין אין חדר. אָט ערשט, דאַכט זיך, האָב איך געלייגט זיך שלאָפן ווי אַ קינד, און בין פלוצים אויפגעשטאַנען באַוואַקסן מיט אַ באָרד; און אָט האָב איך איצט שוין אַליין אַ פולע שטוב מיט קינדער.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און מיט אַמאָל אָנגענומען אַן אַנדערע ווענדונג: „אַצינד איז שוין פאַר מיר צו שפּעט אויסצולערנען אַ מלאכה. אָפּט בין איך מקנא די סטאָליאַרעס, די שוסטערס, די שניידערס און בעקערס — זיי דאַרפן ניט אויסשטרעקן די האַנט נאָך מענטשנס גאָב...״

(אונדזער רבי פלעגט נאָך מוזן דאָנערשטיק אַרומגיין איבער די הייזער, וואָס פלעגט אים פאַרשאַפן אַ סך עגמת־נפש).

„לערנט אַ מלאכה — האָט ער פלוצים געזאָגט — ווייל עס וועט קומען אַ טאָג, ווען אויך איר וועט באַוואַקסן ווערן מיט בערד, איר וועט באַפאַלן ווערן מיט אַ שטוב קינדער, און דעמאָלט וועלן זיך אָנהויבן צרות און זאָרג — ווי ביי מיר, ווי ביי אַ סך פון אייערע טאַטעס...״

ער האָט אָנגעהויבן זינגען אַ זמרל און גענומען דערציילן מעשות וועגן גייסטער, רוחות און בלאָנדזשענדע נשמות, וועלכע טרעפן זיך אין דער נאַכט אַרום דעם שייד־וועג; ווי די דאָזיקע נשמות וואַנדלען אַרום צווישן הימל און דער שאול־תחתיה און ווערן מגולגל אין אַ געשלאָגענעם הונט, אין אַ חזיר אָדער אַ האָן, און קאָנען קיין רו ניט געפינען, ביז זיי ווערן „דערקענט״ דורך אַ הייליקן צדיק און באַקומען זייער דערלייזונג דורך אַ הייליקן פסוק. ער האָט דערציילט וועגן שרעקלעכע רוחות און נאַרישע לצים, בפרט וועגן די קליינע שרעטעלעך, וועלכע טרייבן ליצנות אויף זייער אייגענעם אופן: ווען זיי קומען ביינאַכט אין שטוב, קערן זיי אַלץ איבער, אָדער שיטן־אויס טאַבאַקע צום ניסן, פאַרהאַקן די טירן מיט טשוועקעס אָדער פאַרנייען די אַרבל פון העמדער, מ׳זאָל זיי ניט קאָנען אָנטאָן.

אַזעלכע שוידערלעכע און לוסטיקע מעשות האָט דער רבי געקענט דערציילן.

און ווען מיר זענען ביינאַכט אַהיימגעגאַנגען פון חדר מיט אונדזערע קליינע לאַמטערנדלעך, פלעג איך זיך אָפּשטעלן ביים שייד־וועג און אָנהויבן שרייען: „כישוף־מאַכערס, שדים און רוחות, באַווייזט זיך! קומט אַהער! קומט אַהער!!! קומט אַהער!!! פאַרשווינדט! פאַרשווינדט!! פאַרשווינדט!!!״. די קינדער פלעגן זיך צעלויפן פאַר שרעק. און איך אַליין האָב געציטערט אין טאָפּלטער שרעק: אי פאַר די שדים, אי אויס מורא וואָס איך רוף זיי צוזאַמען. אָבער דאָס געפיל וואָס איך קאָן זיי אָפּנאַרן, זיי זאָלן מיינען, אַז איך אַליין האָב ניט קיין מורא, האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט, און די צווייטע נאַכט פלעג איך ווידער טאָן דאָס זעלבע. האָבן די קינדער יעדע נאַכט מיך פאַרוואָרפן מיט מתנות — אַלטעביינדלעך, שטיקלעך אייזן, קנעפּ, וואָס זיי האָבן אָפּגעשונדן פון זיך אָדער פון דעם טאַטנס און ברידערס רעקלעך — אַבי איך זאָל מער ניט צוזאַמענרופן די שדים און רוחות. אָבער ווי נאָר מיר זענען געקומען צום שייד־וועג,

האָב איך ווידער ניט געקאָנט זיך איינהאַלטן — כ'האָב פאַרגעסן אַלץ, וואָס זיי האָבן מיט מיר אויסגענומען, און ווידער אָנגעהויבן צוזאַמענרופן די שדים. איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פון זייער שרעק.

אָט אַזאַ מין פאַרשייטער, אָבער אומשולדיקער קליינער יאַט בין איך געווען.

ביז איינמאָל, ווען מיר זענען געבליבן אַליין, האָט דער רבי צו מיר געזאָגט: „איך ווייס, אַז דו ביזט אַ סך דרייסטער ווי די אַנדערע קינדער. דו ביזט דאָך אָבער אויך אַ סך קליגער פון זיי. דאַרפסטו זען זיי צו באַשיצן, און ניט אָנוואַרפן אַ מורא אויף זיי. איך וויל מיך חלילה ניט מישן אין אייערע אַלעמענס עסקים — אָבער איך לאָז עס איבער צו דיין אייגענעם שכל".

האָב איך אים פאַרשטאַנען און טאַקע מער עס ניט געטאָן. אָבער דער עיקר האָב איך מיט דעם געוואָלט צוליב טאָן מיין רבין ר' שימשעלע מילניצער, וועמען מען האָט פשוט אַלץ געמוזט צוליב טאָן.

אפשר מיין ערשטע ראל

מ'פלעגט ביי אונדז דערציילן, אַז אַ געוויסער ייד, הער הירש, איז געווען אַזוי רייך, אַז דער קייזער האָט אים אַרויסגערופן צו זיך קיין ווין, האָט אים אָפּגעגעבן אַ סך כבוד און אים אָנגעבאָטן אַ הויכן אַמט. נאָר דער הער הירש האָט געזאָגט: „אַ דאַנק דיר, גרויסער מלך, אָבער איך קאָן עס ניט אָננעמען". „פאַרוואָס ?", האָט דער קייזער זיך געוואונדערט. האָט דער הער הירש געענטפערט: „גרויסער קייזער, דער הער גאָט האָט מיך רייך געמאַכט, און דו ווילסט מיר צוטיילן כבוד און מיר געבן אַ גרויסן אַמט. אָבער אין דיין לאַנד גאַליציע לעבן אַזוי פיל קליינע יידישע קינדער, און זייערע אָרעמע עלטערן קאָנען זיי ניט דערנערן און ניט קליידן; זיי האָבן אַפילו ניט מיט וואָס זיי אין שולע צו שיקן. און אַזוי ווי איך האָב אַצינד דאָס גליק צו שטיין פאַר דיר פנים אל פנים, האָב איך צו דיר אַ גרויסע ביטע: זאָלסט מיר דערלויבן דאָרט צו עפענען שולן אויף מיינע קאָסטן, וואו די קליינע קינדערלעך זאָלן קאָנען לערנען און אויפוואַקסן קלוגע מענטשן, זיי זאָלן דערנאָך ווערן פאַר דיר בראַווע סאָלדאַטן". „דאָס געפעלט מיר — האָט דער קייזער געזאָגט — דאָס געפעלט מיר זייער, מיין ליבער הער ,באַראָן' הירש".

אַזוי איז דער הער הירש שוין אַהיימגעפאָרן ווי דער באַראָן הירש. האָט ער דערנאָך געמאַכט באַראָן הירש־שולן איבער גאַנץ גאַליציע, און איין שולע אויך אין האָראָדענקע.

ס'איז געווען אַ גרויסער חילוק צווישן דער באַראָן הירש־שולע און דעם חדר. אין חדר איז געווען פינצטער און שמוציק; אָבער שימשעלע דער מילניצער האָט אונדז ליב געהאַט און צו אונדז גערעדט ווי צו זיינס גלייכן. אין דער שולע איז געווען ליכטיק און ציכטיק; נאָר די לערער האָבן אונדז באַהאַנדלט ווי קליינע חיהלעך און אונדז געשלאָגן. אָבער פאַר לערנען זיך האָט מען געגעבן אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק; פאַר בעסער לערנען זיך האָט מען שוין באַקומען אַ פאָר הויזן; פאַר נאָך בעסער לערנען — אויך אַ רעקל דערצו; און פאַר זייער גוט לערנען האָט מען אונז אויסגעפוצט פון קאָפּ ביז די פיס, אַפילו מיט העמדער און נאָז־טיכלעך. מען האָט אַכטונג געגעבן, אַז מיר זאָלן קומען אין שולע אַריין אָפּגעוואַשן און ריין, אַפילו מיט געפוצטע שיך, אַנישט האָט מען פאַרשעמט דאָס קינד און עס צוריק אַהיימגעשיקט. די לערער זענען געווען אָנגעטאָן „דייטש" און גערעדט פויליש. אויב די „זאַדאַניעס", וואָס מען האָט באַדאַרפט צוגרייטן פאַר דער שולע, זענען געווען שלעכט געמאַכט, אָדער מען האָט נישט ריכטיק געענטפערט אויף אַ פראַגע, האָט דער לערער געשלאָגן מיט דער ווירע איבער דער פלאַך פון דער האַנט. אַ טייל האָבן עס געטאָן נאָר לפנים, האָט עס כמעט ניט וויי געטאָן. אָבער דער לערער פון יידיש, הער וויזעלבערג, פלעגט אַ זעץ טאָן איבער דער האַנט מיט קאַנט פון דער ווירע. דאָס איז געווען דער ערשטער שלעכטער מענטש, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן. ער האָט געהאַט געלבלעך־בלאָנדע באַקן־בערד ווי קייזער פראַנץ יאָזעף, און פלעגט האַלטן אין איין קוקן אין שפיגל און זיך קעמען — בפרט נאָכדעם, ווי ער האָט אונדז געשלאָגן. זיין פנים פלעגט דערביי ווערן רויט ווי אַ בוראַק. אויפן טיש ביי אים איז געלעגן די ווירע, זיין דינער יאַמשערנער שטעקן צום שלאָגן, און אויך דאָס קעמעלע מיט אַ שפיגעלע צו קעמען די באָרד. ניט איין מאָל האָט ער אונדז אַריבערגעלייגט איבער דער באַנק און אַריינגעפּיטשקעט מיטן יאַמשערנעם שטעקן. אַ טייל קינדער פלעגן זיך דערפאַר אויסבעטן די הייזעלעך מיט קליינע קישעלעך און שמאַטעס. אָבער אָך־און־וויי צום קינד, ווען הער וויזעלבערג האָט עס באַמערקט. ער האָט אים באַלד געהייסן אַרונטערלאָזן די הויזן און אים דערלאַנגט מיטן שטעקן איבערן נאַקעטן לייב. האָט עס ניט נאָר שטאַרק וויי געטאָן, נאָר ס'איז נאָך געווען אַ בושה דערצו. הער וויזעלבערג איז געווען אַ מייסטער אויף צו שלאָגן, און מיר האָבן אים דערפאַר געהאַסט; אים און אַפילו זיינע קינדער, וועלכע זענען מיט אונדז געגאַנגען אין דער זעלבער שולע. אַלע לערער פלעגן שלאָגן, אַפילו די לערערין כאַמיידעס (דאָס האָט אונדז שוין גאָר שטאַרק פאַרדראָסן), אָבער הער וויזעלבערג האָט מער געשלאָגן ווי געלערנט.

נאָר מיר האָבן זיך צוביסלעך אין זיי נוקם געווען. אום ווינטער פלעגן מיר מיטברענגען אין קלאַס שטיקלעך אייז און געפרוירענעם שניי, און מיט דעם פאַרפירט צווישן זיך גאַנצע שלאַכטן. אין פרילינג ווידער זענען אַרומגעפלויגן מיליאָנען זשוקעס, פלעגן מיר זיי כאַפּן, און אויף אַ געגעבענעם צייכן זיי אַלע אויף אַמאָל אַרויסגעלאָזט פליען איבערן קלאַס. די לערערין כאַמיידעס פלעגט דערביי ווערן היסטעריש און שרייען, האָבן מיר אָנגעשטעלט נעבעכדיקע פנימער, גלייך מיר ווייסן פון גאָרנישט, און שטילערהייט זיך געפרייט. איינמאָל, בעת אַן איבעררייס, האָבן מיר אָנגעפילט אירע הענטשקעס מיט זשוקעס — אַ זשוקל אין יעדער הענטשקע־פינגער. ביים אַהיימגיין, ווען זי האָט געוואָלט אָנטאָן די הענטשקעס, האָט זי אַזש צעקוויטשעט זיך פאַר שרעק; און מיר האָבן געקוויטשעט פאַר פרייד. זי האָט אַריינגערופן דעם דירעקטאָר בערלאַס — אַ לאַנגער, מאָגערער, שטרענגער

מענטש, מיט אַ בלייך פּנים און אַרויפגעדרייטע וואָנסעס. האָט ער אונדז, פאַר אַ שטראָף, געהייסן איבערבלייבן אין קלאַס אַ גאַנצן טאָג. אָבער אויך די לערערין האָט געמוזט בלייבן מיט אונדז.

נאָר איין לערער האָט אונדז קיינמאָל אַפילו ניט אָנגערירט — זיין נאָמען איז געווען דרייפוס. אַז אַ יינגל האָט אים אָפּגעטראָגן די שול־העפטן אַהיים, פלעגט ער אים מכבד זיין מיט צוקערלעך. דער לערער דרייפוס איז אָבער פלוצים געשטאָרבן, און אויף זיין קבר האָט עמעצער אָנגעשריבן:

„ווען דו וואָלסט ניט געווען די באָרד ראַזירט,
וואָלסטו אין גן־עדן איצט שפּאַצירט".

דאָס גוטס, וואָס דער באַראָן הירש האָט פאַר אונדז געטאָן, האָט אונדז געמאַכט לייכטער אַריבערצוטראָגן אַלע צרות, וואָס מיר האָבן געדאַרפט אויסשטיין פון די אַנדערע לערער. די שיינע אָנצוגלעך פאַר יום־טובים, די געשמאַקע פאַסאָליע־זופּ אום ווינטער און דאָס שפּילן זיך אייפן הויף פון דער שולע, האָט אונדז פאַר אַלץ באַלוינט.

דאָס לעבן אין דער היים איז זיך געגאַנגען אין אַ סדר, ווייל אַלע האָבן געאַרבעט, יעדער האָט געהאַט וואָס צו טאָן. מיר פלעגן אויפשטיין פיר פאַרטאָג צו פלעכטן בייגל און קנעטן זעמל; און זעקס דעם זייגער פלעגן מיר עס שוין אין געפלאָכטענע קוישלעך צעטראָגן צווישן די קונים און צו דער שטעל אויפן מאַרק. אַכט אַזייגער זענען מיר געגאַנגען אין שולע. איך האָב שטענדיק געהאַט אַרום די נעגל איבערגעבליבענע שטיקלעך טייג; פלעג איך דאָס מיט שטאָלץ באַווייזן די קינדער אין שולע און זיך באַרימען, אַז איך אַרבעט שוין ביינאַכט פונקט ווי די גרויסע געזעלן.

מיין עלטערער ברודער, שבתי, איז שטענדיק געווען אַ טרויעריקער, אַ מידער און ניט אויסגעשלאָפענער, מיט רויטלעך־פאַרלאָפענע אויגן. ער פלעגט זיך מיט קיינעם ניט שפּילן, נאָר האַלטן אין איין לערנען פאַר דער שולע — און ערשט ווען דער לערער האָט אים אַרויסגערופן, פלעגט ער שטיל און ניט זיכער אַרויסשטאַמלען אין שרעק אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. איך דער איינציקער האָב פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. האָט דער לערער אים פאַרשעמט, געהייסן אים זיך אַוועקזעצן, און מיך אַרויסגערופן. האָב איך נאָר באַדאַרפט הויך און מיט קוראַזש איבערחזרן, וואָס איך האָב געהערט פון ברודער — און שוין האָט מיך דער לערער געלויבט אויף מיין ברודערס חשבון. מיין אָרעמער ברודער שבתי...

מיר זענען געזעסן אין דער דריטער באַנק. לעבן מיר זענען געזעסן צוויי בלאָנדע, פאַרפּיעשטשעטע קינדער, אין אונדזער עלטער. זיי האָבן געהאַט לאַנגע, בלאָנדע לאָקן מיט רויטע בעקעלעך, און אָנגעטאָן זענען זיי געווען אין העלבלויע אָנצוגלעך מיט מאַטראָסן־קרעגעלעך. דאָס זענען געווען די קינדער פון באַנקיר יונגערמאַן. יעדן טאָג האָבן זיי מיטגעבראַכט אַנדערע נאַשערייען: איינמאָל חלה מיט אַ שטיקל הון, אַ צווייט מאָל זעמל מיט פּוטער און איינגעמאַכטס, אָדער מיט האָניק; צי גאָר ראָזשינקע־קוכן מיט פּוטער און אויבסט דערצו — קאַרשן, ווייכשל, אַן עפּל, אַ באַר אָדער אַפילו אַ פערשקע. איינמאָל, בעתן איבעררייס, איך בין הונגעריק ווי שטענדיק, — קוק איך אַזוי אויף זייערע נאַשערייען, אַז די סלינע רינט מיר פון מויל. נעם איך זיך בעטן ביי דעם קלענערן יונגערמאַן ער זאָל מיר געבן אַ ביס צו טאָן.

— ניין! — ענטפערט ער ווי אַ גזלן און פרעסט ווייטער.

איך האָב געפילט, אַז דאָס בלוט קומט מיר אין פּנים אַריין פאַר בושה. זייט דעמאָלט האָב איך זיי ביידע פיינט באַקומען און יעדן צווייטן טאָג האָב איך צוגעטראַכט אַנדערע זביטקעס פאַר זיי. כ'האָב מיטגעבראַכט סאַזשע און אויסגעשיט אויף זייער באַנק. האָבן זיי זיך אויסגערוסט די אָנצוגלעך און די העפטן. כ'האָב זיי אונטערגעלייגט שפּיציקע שטיינדלעך אונטערן געזעס, איינמאָל אַפילו אַ שפּיציק טשוועקל. האָט איינער פון זיי ביים זעצן זיך אַזוי גענומען קוויטשען, אַז אַלע האָבן אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער, נאָר איך איינער האָב זיך געמאַכט אומשולדיק און געשוויגן. אַן אַנדערש מאָל האָב איך אָנגעפילט מיין טינטער ביז איבערן ראַנד מיט טינט און האָב עס אַוועקגעשטעלט שיף איבערן לעכל פון באַנק — אַזוי, אַז ווען די לערערין האָט מיך אויסגערופן, האָב איך ביים אויפשטיין נאָר איין שאַר געטאָן מיט דער האַנט, און די טינט האָט אַ פליוך געטאָן אויף מיין שכנס ווייס פּנימל און בלאָנדע לאָקן, און אינגאַנצן פאַרגאָסן זיין מאַטראָסן־קאָלנער. ערשט איצט האָט דער גאַנצער קלאַס אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער! דער קליינער יונגערמאַן האָט זיך צעוויינט; די לערערין האָט געפּרואווט אים איינגעמען, און איך האָב ווידער געמאַכט אַן אומשולדיק רחמנות־פּנימל. אָבער שטילערהייט האָב איך זיך שטאַרק געפרייט, נאָך מער ווי מיט זיין זיסן ראָזשינקע־קוכן מיט פּוטער.

אַזוי האָב איך יעדעס מאָל צוגעטראַכט אַנדערע זביטקעס. דאָ האָב איך געגעבן אַ פּלי אַריין אין באַנק און דערביי מיט מיין שפּיציקן עלנבויגן דערלאַנגט דעם קליינעם באַנקיר אַזאַ זעץ אין די ריפּן, אַז ער האָט שיער נישט איבערגעקערט אַלע אַנדערע קינדער אין באַנק. אַ צווייט מאָל האָב איך ביים אויפהייבן זיך „גאַנץ צופעליק" אים אַזאַ טרעט געטאָן אויפן פוס, אַז טרערן זענען אים געקומען אין די אויגן. פלעגט ער זיך שוין היטן פאַר מיר, מורא האָבנדיק פאַר אַ ניי שפּיצל.

ביז איינמאָל, ווידער אין איבעררייס, קומט ער צו מיר צו:

— פאַרוואָס בעטסטו נישט עפּעס ביי מיר?

— און אַז איך בעט — זאָג איך — ווילסטו דען געבן?

מישט זיך אַריין זיין צווייטער ברודער:

— דו בעט נאָר.

ענטפער איך אָפּ:

— און דו גיב נאָר!

און איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויגן: זיי האָבן שוין געהאַלטן צוגעגרייט פאַר מיר אַ גאַנץ פּעקל עסן, און נאָך אַ באַר דערצו.

זייט דעמאָלט פלעגן זיי מיר שוין ברענגען יעדן טאָג עפּעס אַנדערש צום עסן, אַז ס'איז געווען אַ פרייד צו גיין אין שולע. האָט שוין דאָס טינטער מער זיך ניט אויסגע־

גאַסן, ניט געווען מער קיין שפּיציקע שטיינדלעך און טשוועקלעך אונטערן געזעס, און מיינע הענט און פיס האָבן זיך שוין מער ניט פאַרטשעפּעט אָן זיי. מיר זענען געוואָרן חברים, און נאָך דער שולע פלעג איך זיי מיטנעמען גנבענען אויבסט אויפן מאַרק, מיר האָבן געהאַט לאַנגע שטעקנס מיט אַ טשוואָק ביים שפּיץ. ווי נאָר אַ זיצערקע האָט זיך אַוועקגעדרייט, האָבן מיר מיטן טשוואָק פאַרטשעפּעט אַן עפּל אָדער אַ באַר, און קאַטשיי אַוועק! מיר זענען געווען אַ קליינע אָרגאַניזירטע רויבער־באַנדע, וואָס פלעגט באַפאַלן אַ סאָד מיט אויבסט, אָדער בעת אַ שׂרפה לויפן „ראַטעווען", און דערווייל ווי אַ טשאַטע וואָראָנעס צוכאַפּן וואָס עס האָט זיך געלאָזט. ביים קאָוואַל האָבן מיר „געפונען" (ווען קיינער האָט ניט געזען) שטיקלעך אייזן, פּאָדקאָוועס, טשוועקעס, און פלעגן עס פאַרקויפן דעם פרומאַק מרדכי, וואָס האָט געהאַנדלט מיט אַלטן אייזן־ברוך. לויט די פרייזן, וואָס ער האָט אונדז דערפאַר געצאָלט, האָט מען שוין געקאָנט זען, אַז ער ווייסט געווי פון וואַנען די זאַכן שטאַמען. אָבער מיר האָבן אים דערפאַר אָפּגעדינט. מיר זענען שטענדיק געווען פינף, זעקס חברה־לייט צוזאַמען. איז בשעת איין טייל האָט אים פאַרקויפט און זיך געדונגען, האָט דערווייל דער אַנדערער טייל ביי אים גגנבעט שטיקלעך אייזן פון זיין אייגענער קראָם און עס טאַקע אים אַליין ווידער פאַרקויפט. אַזוי האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז ער האָט ביי אונדז צוויי און דריי מאָל אָפּגעקויפט די זעלבע פּאָדקאָווע, די זעלבע טשוועקעס — און מיר האָבן געקייכט פאַר געלעכטער. געזען עס גייט, האָבן מיר איינמאָל ביי אים צוגעגנבעט אַן אַלטן סאַמאָוואַר און עס באַלד אויף דער שטעל אים דערלאַנגט צו קויפן. ס'איז אים געוואָרן פאַרדעכטיק. ער האָט גענומען קוקן דאָ אויף אונדז, דאָ אויף זיין קראָם — און אָנגעהויבן אַראָפּנעמען דעם פּאַסיק פון די הויזן. האָבן מיר אים אַ וואָרף געטאָן דעם סאַמאָוואַר אין פּנים אַריין, גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און מער מיט אים קיין געשעפטן ניט געמאַכט.

איינמאָל איז צו אונדז געקומען דער פּריוואַט־לערער פון דעם באַנקיר יונגערמאַנס קינדער און מיך פאַרקלאָגט פאַרן טאַטן, אַז ניט נאָר בין איך אַליין אַ גנב, נאָר איך וויל נאָך יונגערמאַנס קינדער אויך מאַכן פאַר גנבים. האָט דער טאַטע אים אַרויסגעוואָרפן און אים נאָך נאָכגעשריגן, אַז אַ צווייטן מאָל זאָל ער זיך שטאַרק היטן צו רעדן רכילות אויף זיינע קינדער! אָבער ווען דער לערער איז אַוועק, האָט דער טאַטע אַלעמען אַרויסגעשיקט פון שטוב און צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— איך גלויב דעם מענטשן יעדעס וואָרט, וואָס ער זאָגט. נאָר איך וויל עס הערן פון דיר אַליין; זאָג; יאָ, ציי ניין. דו לערנסט ביי אַן ערלעכן מלמד, שימשעלע מילניצער, און אין דער תורה שטייט „לא תגנב", זאָלסט נישט גנבענען. כל זמן דו ביזט ניט בר־מצווה, בין איך און דער רבי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיינע זינד. זיי־זשע זיך מודה — יאָ, אָדער ניין — און גיב זיך אַליין אַרויס אַ שטראָף, וויפל שמיץ איך זאָל דיר געבן.

— יאָ — האָב איך אַרויסגעשאַפּטשעט א פאַרשעמטער און זיך געהייסן געבן 25 שמיץ אין הינטן.

— אויב אַזוי, מיין זון — האָט דער טאַטע געזאָגט — ביסטו נאָך ניט קיין גנב; ווייל גנבים זענען אויך ליגנערס. זאָג־זשע מיר צו, אַז דו וועסט עס מער קיינמאָל ניט טאָן, און איך וועל דיר שענקען די שטראָף.

איך האָב עס אים צוגעזאָגט. איצט האָט דער טאַטע אַריינגערופן די איבעריקע און געזאָגט צו זיי:

— דער הער יונגערמאַן איז אַליין אַ גנב. ער באַגנבעט גאָט און די מענטשן און די גאַנצע וועלט. דערפאַר האָט ער מורא, אַז אויך זיינע קינדער וועלן ווערן גנבים. מיר זענען ברוך־השם ערלעכע מענטשן און דאַרפן ניט מורא האָבן פאַר דעם.

כ'האָב דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען מיין גוטן, קלוגן טאַטן. אָבער אויב ס'איז דאָ ערגעץ אַ גן־עדן, זיצט ער דאָרט אַצינד און שמייכלט אַוודאי און טראַכט: ווי לאַנג עס דאַרף דאָס נעמען אַ קינד צו פאַרשטיין די פּשוטסטע זאַכן...

אין אַ דינסטיק, בעת דעם יאַריד, האָט פּאַסירט ביי אונדז אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך. מ'האָט אויסגעשפּאַנט אַ לאַנגן שטריק, וואָס האָט זיך געצויגן פון הער נוימאַנס הויכער שטאָקיקער געביידע ביז צום פּאָסט־אַמט. אַ מאַן, אַ פרוי און אַ יינגל פון מיין עלטער זענען געווען אָנגעטאָן אין קאָלירטע טריקאָ מיט פליטערלעך: די מוטער אין גרין, דער פאָטער אין רויט און דאָס יינגל אין העל־בלוי. זיי זענען אַלע אַרויף אויף אַ לייטער. די מוטער האָט גענומען פּויקן, דאָס יינגל האָט געגעבן דריי לאַנגע סיגנאַלן אויף זיין טראָמפּייט און דער פאָטער האָט געהאַלטן אַ רעדע: ער רעדט, זאָגט ער, אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. נאָר דאָ רעדט ער פּויליש, ווייל דער הער בירגערמייסטער אַליין רעדט אויך פּויליש. זיי זענען אַלע דריי גרויסע קינסטלער, אַ סימן — די אַלע אָרדענס און מעדאַלן, וואָס ער האָט באַקומען פון אַלע קייזערס און קעניגן פון דער וועלט, זיי זענען געקומען קיין האָראָדענקע ווייזן זייערע קונצן נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבן דאָ אַזאַ פיינעם בירגערמייסטער. איצט, זאָגט ער ווייטער מיט כמעט אַ וויינענדיק קול, גייט ער איינשטעלן דאָס לעבן פון זיין איינציק קינד, און אַלץ צוליב דער קונסט. זיין אַכט־יאָריק קינד (פּונקט אין מיין עלטער) וועט באַלד גיין אין דער לופט אויף אָט דעם שטריק פון איין הויז צום אַנדערן. ער פאַרלאַנגט ניט דערפאַר קיין געלט אין פאָראויס, ווייל — גיט ער צו שוין מיט טרערן — אויב מיט זיין קינד זאָל חלילה עפּעס געשען, איז צו וואָס דאַרף ער נאָך דאָס געלט? אָבער אויב דער הער גאָט וועט בשלום אַריבערפירן זיין קינד אין דער לופטן איבער דעם שטריק פון איין הויז צום צווייטן, וועלן ער און זיין פרוי און דאָס קינד זיך דערלויבן אַרומצוגיין מיט היטל און מאַכן אַ קליינע זאַמלונג. ער איז איבערצייגט, זאָגט ער, אַז אין האָראָדענקע געפינען זיך ניט אַזעלכע האַרצלאָזע מענטשן, וועלכע זאָלן אַוועקגיין נאָכדעם ווי מ'האָט זיי געוויזן אַזאַ גרויסע קונץ. ער איז זיכער, אַז אַלע וועלן שטיצן די גרויסע קינסטלער, וועלכע שטעלן איין זייער לעבן אין קאָן, און וועלכע זענען פון אַלע קייזערס און קעניגן פון דער וועלט באַשאָנקען געוואָרן מיט אַזוי פיל מעדאַלן.

טויזנטער מענטשן האָבן באַלאַגערט דעם מאַרק און גע־

וואָרט מיט גרויס שפּאַנונג. די עלטערן האָבן צוגעבונדן צוויי שטריק צום קינדס גאַרטל, אים געגעבן אין די הענט אַ לאַנגע שטאַנג „צום באַלאַנסירן", און דאָס קינד האָט אַרויפגעקלעטערט צום שטריק. צווישן די מענטשן איז געוואָרן טויט־שטיל — מ'האָט גענומען אַרויפקוקן. דער פּאָטער האָט צו אים עפּעס אַרויפגעשריגן, די מוטער האָט געווישט אַ טרער, און דאָס קינד האָט זיך איבערגעצלמט.

— באַטשנאָשטש! אַכטונג! קוקט זיך צו, האָכגעשעצטעס פּובליקום! — האָט דער פּאָטער אויסגערופן אפשר אין צוואַנציק שפּראַכן — די פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן.

באַגאַפט פון טויזנטער מענטשן, האָט דאָס קינד גענומען שטעלן אַ שריט נאָך אַ שריט, ווי ער וואָלט וועלן אויסטאַפּן דעם שטריק, באַלאַנסירנדיק אַלץ מיט דער שטאַנג. ער איז געגאַנגען פּאַוואָליע, שיבנדיק די פיסלעך איבערן שטריק, אַ טריט נאָך אַ טריט, אַלץ ווייטער און ווייטער. דער עולם קוקט צו אַ געפּלעפּטער. ער איז שוין אין מיטן וועג, — אָבער דאָ נעמט ער באַוועגן די שטאַנג צו ביידע זייטן אַראָפּ און אַרויף, און צעשרייט זיך פּלוצים מיט אַ האַרצרייסנדיק קול:

— פּאָטער! דער ווינט!

די צוקוקער ווערן פאַרציטערטע, גויים צלמען זיך. אָבער — גאָט זיי דאַנק, דאָס קינד גייט ווייטער! ער גייט נאָך אַפילו שנעלער ווי פריער. ער באַלאַנסירט מיט דער שטאַנג און גייט אַלץ גיכער און גיכער. נאָך פינף טריט — אָט! ער האָט דערגרייכט דעם דאַך פון דער פּאָסט־געביידע. דער גאַנצער מאַרק צעשרייט זיך, קוויטשעט, טאַנצט פאַר דערלייכטערונג. דער פּאָטער, די מוטער און דאָס קינד זאַמלען געלט, און קיינער גייט ניט אַוועק — אַיעדער שטופּט זיך צו זיי צו דערלאַנגען זיין גראָשן.

איך שטיי ניט ווייט פונעם קינד און איך זאַפּ אין זיך אַריין זיין גאַנץ וועזן. אַ מענטש, אַ קינד נאָך ווי איך, האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט זיין לעבן — — איך באַוווּנדער אים און בין אים מקנא...

שבת נאָכן עסן רוף איך צונויף מיינע חברים און גלאַט עטלעכע קינדער פון די שכנים. אויף דער ערד ליגט שוין אויסגעצויגן אַ לאַנגער שטריק. איך נעם אונדזער ברויט־לאָפּעטע אין די הענט, פאַרמאַך די אויגן, נעם צוזאַמען אַלע כוחות און הויב אָן שטעלן אַ פוס נאָך אַ פוס איבערן שטריק. איך גיי פּונקט ווי יענער, טריט ביי טריט, און אין מיטן מאַך איך זיך ווי איך וואָלט שיער נישט אַראָפּגעפאַלן, און נעם שרייען: „פּאָטער, דער ווינט! פּאָטער, דער ווינט! פּאָטער, דער ווינט!"

די קינדער זענען באַגייסטערט. מיין ברודער לייבציע קוקט מיך אָן מיט אויפגעריסענע אויגן. מיר רינט שוין דער שווייס פון שטערן, אָבער איך חזר־איבער נאָכאַמאָל די זעלבע קונץ, און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל — און איך שריי ווידער: „פּאָטער, דער ווינט! פּאָטער, דער ווינט!"

שכנים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן; אונדזער בעקעריי איז פול מיט מענטשן. אַ טויבע שכנה פרעגט ביי אַ צווייטער: „וואָס איז דאָ אַזוינס?" שרייט איר די אַנדערע אַריין אין אויער: „איר זעט ניט? אין דער בעקעריי איז הייס צום דער־
שטיקט ווערן, און ער גייט אַרום און שרייט: פּאָטער, ווינט! פּאָטער, ווינט! ער איז אַוודאי נעבעך משוגע געוואָרן, דאָס אָרעמע קינד!"...

משה „ברעכט מען שויבן"

אין האָראָדענקע זענען געווען אַ סך שטאָט־משוגענע. אָבער משה דער וואַסערטרעגער איז אויף זיין אופן געווען אַ נוצלעכער משוגענער. אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ רואיקער, איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין אייגענע מחשבות און מיט קיינעם ניט גערעדט. האָט מען אים עפּעס געפרעגט (און זייער אָפט, כדי מיט אים זיך צו רייצן), פלעגט ער אַוועקדרייען דעם קאָפּ, כדי נישט צו דאַרפן קוקן יענעם אין די אויגן, און ענטפערן קורץ, שווער, ווי די ווערטער וואָלטן ערשט באַדאַרפט ביי אים געבוירן ווערן. און שטענדיק האָט ער דערביי אַריינגעמישט אַ צוויי, דריי ווערטער, וואָס האָבן ניט געהערט צום ענין. איינמאָל, ווען איך בין מיט ווייס־חברה פאַרבייגעגאַנגען דעם מרחץ, האָבן מיר אים דערהערט שרייען און קריגן זיך מיט אַזעלכע באַנומענע, פאַרשטיקטע קולות, אַז מיר האָבן געמיינט עמעצער איז אים באַפאַלן און וויל אים וואַרגן. מיר האָבן פון דרויסן געעפנט דאָס פענצטער און דערזען ווי ער שטייט אין דער מיט פונעם האַלב־טונקעלן באָד, וואַרפט מיט די הענט און רעדט ווי צו קיינעם ניט: „איז אויסגעוואַקסן אַ לייטער צום הימל... און ליצן זענען געפלויגן אויף פאַרכאַטע קעפּ!! און צוליב דעם ברעכט מען שויבן? גאַנצע ברונעמער אין פּנים געשפּיגן... און ביימער ווי צומעס געשליידערט אין אָפּגרונט... און דעריבער ברעכט מען שויבן? געאַקערט גמרא מיטן גראָבן פינגער... און גע־ רויבט דאָס בלוי פון הימל... דערפאַר ברעכט מען שויבן? ברעכט מען שויבן? ברעכט מען שויבן?" — האָט ער גע־ האַלטן אין איין איבערחזרן.

קודם זענען מיר געשטאַנען צעשראָקענע, געקוקט און געגאַפט, און ענדלעך האָבן מיר אָנגעהויבן אים נאָכקרומען: „אויף לייטערס פאַרכאַטע קעפּ אין הימל געוואַקסן — ברעכט מען שויבן, משה? ברעכט מען שויבן?? ברונעמער מיט באַלקנס געשלונגען און געשפּיגן — משה, ברעכט מען שויבן? געריבטע גמרות אין בלויען הימל — ברעכט מען שויבן, משה? ברעכט מען שויבן? ברעכט מען שויבן??"

ווי נאָר ער האָט אונדז דערזען, איז ער תיכף געוואָרן רואיק און זיך גלייכגילטיק אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, ווי גאָרנישט וואָלט געווען. מיר זענען ווייטער געלאָפן זיך שפּילן; אָבער זייט יענעם טאָג האָט מען אים שוין אין גאַנצן שטעטל גערופן „משה ברעכט מען שויבן".

„משה ברעכט מען שויבן" איז געווען אָנגעטאָן אין טראַנטעס, אָבער אַנדערש ווי די איבעריקע שטאָט־משוגענע. די שמאַטעס אויף זיין לייב זענען געווען ריין און אַרומגעבונדן אַרום זיינע פיס מיט שטריקלעך. סיי זומער סיי ווינטער איז ער געגאַנגען באָרוועס; און ער האָט געהאַט זייער שיינע פיס. איז ער הונגעריק געוואָרן, האָט ער גענומען צוויי קענדלעך פון באָד און געטראָגן וואַסער. וואַסער פאַר עסן. געווייינטלעך פלעגט ער ברענגען דאָס וואַסער גלייך אין דער

בעקעריי און דערפאַר באַקומען אַן אַלטן לאַבן ברויט. אָבער פאַרלאָזן זיך אויף אים האָט מען ניט געקאָנט, ווייל ער פלעגט טראָגן וואַסער נאָר ווען ער איז געווען הונגעריק. זאַט געוואָרן, האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס וואַסער טראָגן און ווידער זיך פאַרקליבן ערגעץ אין מרחץ, אָדער אויף אַ הויפן שטרוי אין אַ שייער, וואו ער פלעגט ליגן און שטילערהייט רעדן צו זיך אַליין.

ווען קינדער האָבן זיך געטשעפּעט צו אים, פלעגט ער זעלטן ווען זיך אומקוקן אויף זיי. קוים אָבער האָט אַ דערוואַקסענער חברה־יונג אים דערקוטשעט, איז ער באַלד געוואָרן ווילד, אָנגעהויבן קריצן מיט די ווייסע ציין און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן גענומען אַרויסּפינקלען פון זיין טונקל, באַוואַקסן פנים. ווייס־חברה האָבן זייער שטאַרק זיך געהיט פאַר אַ קלאַפּ פון זיינע קנאָכיקע הענט, וואָס פלעגן געמיטלעך זיך נאָכטאַלעפּען צוביידע זייטן פון זיינע ברייטע אַקסל.

„משה ברעכט מען שויבן" איז ניט געווען קיין האָראָדענקער; געקומען פון ערגעץ — קיינער האָט ניט געוווסט פון וואַנען; מ'האָט וועגן דעם ניט גערעדט. ער האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם וועג פון לעבן; איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אַ פערזענלעכקייט: האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזאַ ווירדיקע איידלקייט, וואָס האָט געשאַפן אַ מין מחיצה צווישן אים און אַנדערע. וואָס קאָן שוין זיין ערגער ווי אַ שטאָטמשוגענער? און דאָך האָט יעדער געוואוסט, אַז „משה ברעכט מען שויבן" איז אַן אמתער יחסן אין פאַרגלייך מיט די דורכשניטלעכע באַלעבעסלעך אין האָראָדענקע — פון שטאָטמשוגענע שוין אָפּגערעדט.

איינמאָל, אום פסח, האָט אים עמעצער געגעבן אָנצוטאָן אַ ריין העמד און אַן אָנצוג. איז ער, אַן אָפּגעוואַשענער, אַרומגעגאַנגען איבער די הינטערגעסלעך און זעלטן שיין אויסגעזען. מ'האָט אים נאָכגעקוקט פון אַלע זייטן — אין גאַס, פון פאַר די טירן, דורך די פענצטער — פונקט ווי מ'וואָלט אים צום ערשטן מאָל געזען. ווייבער האָבן זיך גערויטלט, און מאַנסבילן האָבן אים באַטראַכט מיט שטומער אייפערזוכט; באַלמעלאָכעס האָבן אים מקנא געווען מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, די לערנער — מיט זיין איידל פנים, און קיינער האָט אַפילו מער ניט געוואַגט אָפּצוחוזקן פון אים. מען האָט אָנגעהויבן זיך שושקען, אַז „משה ברעכט מען שויבן" איז נישט גלאַט, „אַבי ווער", אַז ער איז גאָרנישט קיין משוגענער. די פרומע חנה רחל, די פירזאָגערין, האָט געשוואוירן, אַז זי האָט מיט אירע אייגענע אויגן געזען די שכינה אויף זיין פנים. דער קרומער יאָשע, דער שניידער מיטן לונגען־פעלער, האָט זיך געוואונטשן, אַז „הלוואי אויף זיינע זיבן קינדער געזאָגט געוואָרן" — „משה ברעכט מען שויבן" איז נישט אַנדערש ווי אַ לאַמעד־וואָווניק. חיים באַלעגאָלע ווידער האָט געטענהט אויף זיין אופן: פאַר אַזאַ איינעם קאָנען זיך אַמאָל די הימלען עפענען. אויב האָראָדענקע זאָל אים נישט ריכטיק באַהאַנדלען, קאָן ער נאָך דאָרטן אַזאַ קנאַל טאָן מיט דער הימלישער בייטש, אַז גאַנץ האָראָדענקע זאָל אָפּגעווישט ווערן פון דער וועלט! „אַ קליי־



אלכסנדר גראַנאַך בין „עמך" בביקורו האחרון בעירנו

אלקסאנדער גראַנאַך צווישן „עמך" בשעת זיין לעצטן באַזוך אין האָראָדענקע

A. Granach, among his 'Folk' whilst his last visit in Horodenka

ניקייט — האָט אַן אַנדערער צוגעגעבן — דו שפּילסט זיך מיט אַ לאַמעד־וואָווניק!"...

אָבער אין אמתן איז משה געווען אַ בחור פון בראָד — די באַרימטע שטאָט אין גאַליציע, ביי דער רוסישער גרענעץ. ער האָט געזאָלט דאָרט חתונה האָבן מיט חנה שפּרהן, די דינסט ביים רייכן קרעמער ר' האָראָוויץ. איז אָבער די קרענקלעכע מאַדאַם האָראָוויץ פּלוצים געשטאָרבן, און דעם פּעט־לייביקן גביר האָראָוויץ האָט זיך פאַרגלוסט, גאַנץ בראָד אויף להכעיס, חתונה צו האָבן מיט דער געזונטער און פּעטער דינסט.

אין דער חופּה־נאַכט, ווען מ'האָט דאָס נייע פּאָרל געפירט שלאָפן, האָט משה אויסגעזעצט ביים גביר אַלע שויבן און איז פאַר בושה און ערגערניש אַנטלאָפן קיין האָראָדענקע.

ערשט דאָ, אין האָראָדענקע, איז ער משוגע געוואָרן. האָט ער געטראָגן וואַסער, ווען ער איז געווען הונגעריק, און איז געשלאָפן אין מרחץ, אָדער אויף שטרוי אין אַ סטאַדאָלע. דעמאָלט האָבן די האָראָדענקער קינדער אים אַ נאָמען געגעבן „משה ברעכט מען שויבן", און מיט דער צייט האָבן יידן אָנגעהויבן אים האַלטן פאַר אַ לאַמעד־וואָווניק.

די משפּחה ווערט קלענער — די ערעמקייט גרעסער

אַלץ אין דער וועלט האָט זיך זיין אָרדענונג — אַפילו אין דער אומאָרדענונג איז פאַראַן אַ געוויסער סדר. אויך אין דער צעשויבערטקייט פון אונדזער משפּחה איז געווען אַ געוויסע רגילות. דער עלטסטער ברודער האָט מיט זיין נדן געהאָלפן דעם טאַטן צו עפענען אַ בעקעריי, און אַליין האָט ער געלעבט אין דאָרף פונקט ווי מיר האָבן אַמאָל דאָרט געלעבט. זיין ווייב האָט אים יעדעס יאָר געבוירן אַ קינד, גענוי ווי אונדזער מאַמע פלעגט עס טאָן, האָבן זיך אים באַזעצט זאָרגן אויפן פּנים און קנייטשן אויפן שטערן, פונקט ווי ביי אונדזער טאַטן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט אונדזער ברודער יאַנקל, דער וויצלער, איינגעפּאַקט זיין קופערטל און זיך אויסגעשניצט אַ נייעם שטעקן פון אַ שמעקעדיקער ווײַנשל־צווייג. און ווען דער טאַטע האָט אים געפרעגט וואָס דאָס מיינט, האָט אים יאַנקל דערציילט, אַז אין דער אינגאַרישער שטאָט מישקאָלץ האַלט אַ רייכער, קינדערלאָזער מאַן ביים שטאַרבן; האָט ער געשיקט נאָך יאַנקלען, ער זאָל קומען ירשענען זיין פאַרמעגן.

— גראָד געשיקט נאָך דיר? — שמייכלט דער טאַטע.

פאַרענטפערט עס יאַנקל מיט דעם, אַז עמעצער האָט דערציילט דעם רייכן מאַן וואָס פאַר אַ קאָמישע קונצשטיק יאַנקל קאָן באַווייזן; האָט ער נאָך אים געשיקט, ווייל ער וויל נאָך איין מאָל לאַכן איידער ער שטאַרבט. און באַלד טאַקע האָט יאַנקל אָנגעהויבן רעדן ווי אַ בויך־רעדנער, האָט פאַרדרייט די אויגן און אויסגעקרומט די פיס ווי אַ רייף, זיך צעבילט ווי אַ הונט און זיך געלאָזט לויפן נאָך אונדז. געמרוקעט ווי אַ קו און געקרייעט ווי אַ האָן, און אַלע אין שטוב האָבן האַרציק געלאַכט. און אַז דער טאַטע האָט אים געפרעגט ווען ער דענקט צוריקצוקומען, האָט יאַנקל אַ נעם געטאָן דעם שטעקן אין האַנט, און מיט אַן אָפּגעווענדטן בליק שטילערהייט, ווי פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן גאַנץ ערנסט:

— דער רייכער מאַן פאַרמאָגט גאַנצע קאַמערן מיט גאָלד. באַלד נאָך זיין טויט, ווי איך וועל נאָר פאַרטיק ווערן מיטן איבערציילן זיין פאַרמעגן, וועל איך צוריקקומען מיט צוויי פּאָר פערד נאַשפּיץ און וועל מיטברענגען פאַר אייך אַ פולן וואָגן גאָלדענע מתנות.

דערנאָך האָט ער גענומען זיין קופערטל, געזאָגט, אַז ער קומט באַלד צוריק זיך געזעגענען, און איז אַוועק.

ער איז קיינמאָל ניט צוריקגעקומען. מיר האָבן אים מער נישט געזען און נישט געהערט פון אים. און האָט עמעצער געפרעגט אויף אים, פלעגן מיר ענטפערן: „אָ, יאַנקל — אַלץ הייסט גליקלעך! ער האָט געירשנט אַ רייכן מיליאָנער ערגעץ ווייט אין אונגאַרן; גייט אַרום אין סאַמעט און אין זייד און ציילט דאָרט די קאַמערן מיט גאָלד; און באַלד ווי ער איז פאַרטיק, קומט ער גלייך אַהיים, נעמט אונדז אַהין אַריבער און מאַכט אונדז אַלעמען גליקלעך".

אַזוי האָבן מיר געוואָרט אויף אים דאָס גאַנצע לעבן.

דער צווייט־עלטסטער ברודער, אברהם, איז איינמאָל אַוועק מיט די באַלעגאָלעס קיין לעמבערג און איז שוין דאָרט פאַרבליבן. נאָך אַ שטיקל צייט איז ער אַהיימגעקומען, שוין שטאָטיש געקליידט, מיט מתנות, האָט געשמייכלט אַ גליקלעכער, און געבעטן דער טאַטע זאָל מיט אים פאָרן קיין לעמבערג אָנקוקן זיין כלה. ער וויל, זאָגט ער, ווייזן די מענטשן, אַז אויך ער איז ניט פון קיין שטיין געבוירן, און זאָל טאַקע דער טאַטע אים באַשיינען די חתונה.

האָט דער טאַטע, אַ באַגליקטער, אָנגעטאָן זיינע שבת־דיקע בגדים און איז מיט אים געפאָרן פראַווען אַ חתונה. צוריקגעקומען, האָט דער טאַטע דערציילט גאַנצע וואונדער וועגן אברהמס שיין ווייבל און וועגן דער גרויסער שטאָט לעמבערג: אברהם האַנדלט דאָרט מיט אויבסט און איז אָנגעזען ביי מענטשן; קיינער רופט אים גאָר נישט קיין צונעמען און לאַכט נישט פון אים ווען ער רעדט; אַלע מענטשן דאָרט זענען פריינטלעך, לעבן בשלום צווישן זיך; אַלע אַרבעטן און פאַרדינען אַ סך געלט און האָבן נישט קיין ליידיקע צייט, ווי ביי אונדז אין האָראָדענקע, צו טרייבן רכילות און אָפּשפּעטן איינער פון צווייטן — אַ קליינינקייט, אַ כרך לעמבערג!

דעם טאַטנס אָנדערציילן זיך האָט אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז שטילערהייט האָט איעדער פון אונדז זיך געוואונטשן צו קאָנען אַנטלויפן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, וואו אַלע אַרבעטן און זענען פריינטלעך צווישן זיך, און האָבן נישט קיין צייט אויף קיין רכילות און אָפּשפּעטעריי.

אַזוי זענען ברוך־השם זיך צעקראָכן פון דער היים שוין פיר ברידער.

ווען מיר האָבן געעפנט די בעקעריי, איז אונדזער שוועסטער, רחל, צוריק אַהיימגעקומען. זי איז געווען, האָט זי געזאָגט, אין וויזשניץ ביי דער מומע טויבע, דעם טאַטנס שוועסטער, און האָט זיך דאָרט געלערנט זיין אַ מאָדיסטקע. זי האָט טאַקע געמאַכט, פון שטאָף, דראָט און שטרוי, זייער

שיינע היטעלעך. קיינער האָט זי ניט געפרעגט וועגן איר פריינט איוואַן. אַלע זענען געווען צופרידן וואָס זי איז ווידער אין דער היים און מ׳האָט פאַרשטאָפּט מיט דעם לייטישע מיילער. זי איז אַ סך אונטערגעוואַקסן און געווען נאָך שענער ווי פריער. איצט איז ביי אונדז יעדן שבת פול געווען די שטוב מיט בחורים, וועלכע זענען געקומען קלאָמפּערשט מיט אַן אויסרייד זיך צו חברן מיט די ברידער, אין אמתן אָבער זענען זיי געקומען זען רחלען. אונדז האָט עס געערגערט, ווייל מיר אַליין האָבן דאָך אויסגערעדט די שמד אויף מיידלעך, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען מיט בחורים. מיר האָבן געוואָלט אָפּהיטן דעם כבוד פון דער פאַמיליע — סיי ווי ברידער, סיי ווי שוין דערוואַקסענע מענער; אין טאַקע אַביסל אויס קנאה אויך — און מיר האָבן געוואָרנט אונדזער שוועסטער. אָבער זי האָט זיך געמאַכט אַ פיס־באָד פון אונדז. זי האָט ווייטער מיט זיי געשטיפט, געוואונקען מיט אירע בלישטשענדיקע, שוואַרצע אויגן, געשמייכלט מיט אירע גרויסע, שניי־ווייסע ציין און מיט די צוויי חן־גריבעלעך אין אירע קיילעכדיקע, פאַרפלאַמטע בעקלעך, און האָט פון יעדן וואָרט זייערן, פון יעדער נאַרישקייט געלאַכט און געהירזשעט ווי אַ ווילד לאָשעקל. דאָס האָט אונדז נאָך מער פאַרדראָסן און מיר האָבן זי כמעט פיינט באַקומען; וואָרים מיר האָבן זיך געגנוג אָנגעהערט פון די בחורים שמוציקע באַמערקונגען וועגן אַנדערע מיידלעך.

ביז איינמאָל אַ טאָג האָבן מיר געהערט פון אַ בחור אַן ענלעכע באַמערקונג וועגן אונדזער שוועסטער. האָבן מיר קודם מיט אַ שטיין געעפנט דעם בחור דעם קאָפּ. דערנאָך זענען מיר אַוועק אַהיים און געפּאַקט אונדזער שיינע שוועסטער ביי די צעפּ. דער טאַטע האָט זיך אַריינגעמישט, און מיר האָבן זיך צעווײנט און דערקלערט, אַז מיר ווילן נישט האָבן קיין שוועסטער אַ קורווע. האָט אויך רחל זיך צעוויינט, און דער טאַטע האָט אונדז גוט אויסגעשטראָפט, אַז ער וויל מער נישט הערן אַזעלכע רייד ביי אונדז אין שטוב! אונדזער משפּחה איז ריין פון אַזעלכע זאַכן.

מער האָבן מיר וועגן דעם ניט גערעדט. נאָר רחל איז זייט דעמאָלט געוואָרן ווי אַן אַנדערע. זי איז שוין געווען אַ סך פאַרזיכטיקער, פלעגט גיין שפּאַצירן בלויז מיטן טאַטן, און איז אָפּט אויך געזעסן ביי אונדזער שטעל אין מאַרק און פאַרקויפט געבעקס. אָבער אַ צייט שפּעטער האָבן מיר געפונען ביי איר נאָטיכלעך מיט אַן אויסגעהעפטן ליבעסשפּרוך און מיט אויסגעשטריקטע נעמען פון איר און דעם יונגנמאַן, מיט וועמען זי האָט געפירט אַ „געהיימע ליבע״ ס׳האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ קריגעריי און דעם מאָל איז שוין רחל אינגאַנצן אַוועק צו דער מומען אין וויזשניץ.

ביי אונדז האָבן אויך געאַרבעט צוויי געדונגענע געזעלן. איינעם פון זיי האָט מען גערופן „דאָס פעסל״. ער איז געווען דיק און קרעפּטיק און באַקומען אַ גולדן־פּופציק אַ וואָך מיט „קאָסט און קוואַרטיר״, — וואָס האָט געמיינט צו שלאָפן אום זומער אויף די זעק מעל און אום ווינטער אויפן פּיעקעלעק. אַזוי זענען מיר אַלע געשלאָפן זאַלבענאַנד. איך האָב מקנא געווען דאָס „פעסל״ צוליב אַ סך זאַכן: נאָך דער אַרבעט האָט ער זיך געקאָנט גיין שפּאַצירן, און האָט געהאַט געגנוג געלט זיך צו קויפן, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט, בעת מיר, די אייגענע קינדער, פלעגן אי מער אַרבעטן, אי ניט קריגן דערפאַר באַצאָלט. ער האָט אויך געהאַט גאָלדענע הענט. פון אים האָב איך טאַקע זיך אָפּגעלערנט צו אַרבעטן געשווינד, אויף גיך, און מיט דער צייט בין איך געוואָרן דער פלינקסטער בייגל־פלעכטער און זעמל־קנעטער.

דער עלטסטער ברודער אין דער היים איז איצט געווען לייבציע. העלבלאָנד, זעכצן יאָר אַלט, האָט ער אָבער אויסגעקוקט פיל עלטער, ווייל ער איז געווען הויך, ברייט און אַביסל שווערלעך. ער איז געווען דאָס פעטסטע קינד צווישן אונדז און האָט אָנגעהויבן גיין און רעדן ערשט ביי פינף יאָר. וועגן אָנטועכץ האָט לייבציע זיך ניט געזאָרגט; ער האָט אָבער ליב געהאַט גוט צו עסן, און ביינאַכט, ווען אַנדערע זענען געשלאָפן, פלעגט ער אַליין זיך אָפּקאָכן די בעסטע מאַכלים און זיך טיילן מיט מיר. אַ שטילער געווען, קיינמאָל זיך ניט געקריגט און האָט געקאָנט פון זיך אַוועקגעבן די נשמה. ממש קיין גאַל אין זיך ניט געהאַט. זייט מיר זענען ביידע געלעגן קראַנק אויף טיפוס, זענען מיר געוואָרן די אמתע גוטע־ברידער: איך האָב ליב באַקומען זיין שווערע אַרבעט און אים איז געפעלן געוואָרן מיין פלינקייט. איך דער איינציקער האָב געוואוסט, אַז פרייטיק־צו־נאַכטס נאָכן עסן גייט ער אין באָרדעל מיט פאַרשיידענע מתנות. אַמאָל, אין אַ וואָכנטאָג, פלעגט ער אויך מיט מיר אַריבערשיקן אַ פּאָר זיידענע זאָקן, אַ קאָלירט טיכל אָדער טשאָקאָלאַדע פאַר דער קליינער פּראָסטיטוטקע סאַלקע, אין וועלכער ער איז געווען שטערבלעך פאַרליבט. זי ווידער פלעגט אים דורך מיר איבערשיקן בריוולעך, וועלכע איך האָב אים באַדאַרפט פאָרלייענען, ווייל ער אַליין האָט ניט געקענט לייענען און שרייבן. איך האָב אים אויך אָנגעשריבן די ענטפערס צו איר, וואָס איך פלעג צוזאַמענשטעלן פון אַ בריוושטעלער. גאַנצע דריי בריוושטעלערס האָב איך געקענט פון אויסנווייניק. זייער אָפּט פלעג איך אויך פאַר אים גנבענען געלט ביים טאַטן. אַזוי אַרום זענען מיר געוואָרן אמתע פריינט: איך האָב באַוואונדערט אין אים דעם מאַנסביל, און ער אין מיר די געשיקטקייט און וואוילקענעוודיקייט.

סאַלקע איז שפּעטער קראַנק געוואָרן. מ׳האָט זי געמוזט אַוועקנעמען אין שפּיטאָל און פון דאָרט אין אַן אַנדערער שטאָט. איז מיין ברודער געוואָרן נאָך שווייגנדיקער און אָנגעהויבן אויסקוקן שלעכט. ביז איין מאָל אין דער נאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפן און לייבציע האָט פאַר אונדז ביידע געבראָטן אַ שטיק לעבער אויף קוילן, זאָגט ער מיר, אַז ער האָט פאַר מיר אַ סוד; אָבער איך מוז די וואָך גנבענען פאַר אים כאָטש אַ צוויי גולדן. איך האָב עס פאַר אים געטאָן. שבת נאָכן עסן רוימט ער מיר איין, אַז איך זאָל זיך טרעפן מיט אים ביי דער געריכטס־געביידע. דאָס האָט מיך געמאַכט שטאַרק נייגעריק און איך בין זיך פאַרגעקומען געוואַלדיק וויכטיק.

איך בין געווען אויפן באַשטימטן פּלאַץ נאָך פאַר אים. פון דאָרט זענען מיר אַוועק הינטער דער שטאָט, און ערשט דאָ האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט ביים ריוו, און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן: ער קאָן מער נישט בלייבן אין דער היים און ער מוז אויך אַוועק. מיר האָבן זיך ביידע צעוויינט, און ער האָט מיר צוגעזאָגט מיך צו באַציען אומעטום, וואו ער וועט נאָר זיין. ס'איז אַפילו בעסער, זאָגט ער, וואָס ער, דער גרעסערער, גייט פריער אַוועק — וועט ער טאַקע זיך קאָנען אומקוקן וועגן מיר אויך.

מיר האָבן זיך צעקושט, און איך בין געבליבן ווי אַ פאַרשטאַרטער אויפן אָרט. ער האָט זיך נאָך עטלעכע מאָל אומגעקוקט, צוגעוואונקען מיטן היטל, ביז ער איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, אָט שוין ווי אַ שטיקל בליישטיפט גרויס, און איז פאַרשוואונדן.

איך בין אַהיימגעגאַנגען אַ צעבראָכענער. אויף דער נאַכט בין איך אַריין אין דער בעקעריי און זיך גענומען צו לייבציעס אַרבעט: פאַרקנאָטן דאָס ברויט אין ראָשטשינעס אויף חלה. ווען דער טאַטע איז אָנגעקומען און דערזען, אַז לייבציע איז ניטאָ, האָט ער בלויז אַ זאָג געטאָן:

— מיינע ליבע קינדערלעך זענען ווי די פייגל פריי — קוים דערפילט פעדערן, הויבט מען זיך אויף און מען אַנטלויפט אָן אַ וואָרט צום טאַטן, אָן אַ זייַ־געזונט... נו, מסתם דאַרף אַזוי זיין...

כ'האָב זיך געשעמט וואָס איך דערצייל ניט אַלץ דעם טאַטן, אָבער איך האָב פלייסיק געטאָן לייבציעס אַרבעט און שטילערהייט געבענקט נאָך אים. אַ האַלב יאָר שפּעטער איז געקומען פון אים אַ פּאָסט־קאַרטל. דער טאַטע האָט אָנגעטאָן די ברילן און פאָרגעלייענט אויפן קול: „ליבער טאַטע, איך האָב דיר ביז איצט ניט געשריבן, ווייל דו האָסט מיך ניט געלערנט שרייבן און לייענען. אָבער איצט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פיין מיידל, און זי שרייבט פאַר מיר. איך אַרבעט אין סטאַניסלאַוו ביים בעקער סייבאָלד און בין גאָט זייַ דאַנק געזונט, דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן. דיין געטרייער זון לייבציע".

דער טאַטע האָט אויסגעטאָן די ברילן, אַריינגעלייגט אין דער שקאַטולקע, און צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבער זיין באָרד. צום ערשטן מאָל האָב איך אים געזען וויינען.

אַזוי איז אונדזער משפחה געוואָרן אַלץ קלענער, אָבער די אָרעמקייט גרעסער. מיר האָבן שוין געהאַט פאַרבאַקט דעם ברודערס גאַנצן נדן און מער ניט געקאָנט אָנהאַלטן די בעקעריי; מיר זענען געווען באַנקראָט.

אונטערגעוואַקסן אַביסל, האָב איך אויפגעהערט גיין אין שולע און זיך אָנגעשטעלט פאַר אַ געזעל ביי אַן אַנדערן בעקער, טאַקע ביי אונדזער געוועזענעם קאָנקורענט. אַזוי איז מיר געווען בעסער; מיט מיינע צען יאָר בין איך שוין געווען אַ זעלבשטענדיקער מענטש און זיך געקאָנט אַליין מפרנס זיין. דאָס האָט מיר שפּעטער אַ סך געהאָלפן אין מיין לעבן.

מיין ברודער שמואל, מיט דער רייכער פאַנטאַזיע, קומט צוריק

עטלעכע יאָר נאָך שמואלס פאַרשווינדן, איידער מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס דאָרף, האָבן גויים דערציילט, אַז זיי האָבן געזען שמואלן אויפן פערד־מאַרק. אין אָוונט איז געקומען דער פעטער לייזער אָפּגעבן מזל־טוב — ער האָט אויפן יאַריד גערעדט מיט שמואלן, ער קומט אַהיים. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַ פולע שטוב בחורים און פאַראָבקעס, שמואלס חברים; ס'איז געקומען אויך אלקנה דער קרעטשמער — אַלע האָבן געוואָלט הערן די גרויסע נייעס, וואָס שמואל האָט צו דערציילן פון דער גרויסער וועלט. מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט ביז שפּעט אין דער נאַכט — שמואל איז נישטאָ.

אָבער אין דערזעלבער נאַכט איז פון יוז פעדאָרקיווס שטאַל פאַרשוואונדן זיין בעסט פערד, אַ דריי־יאָריק שקאַפּקעלע. דאָס דאָרף האָט געקאָכט. אויפן צווייטן יאַריד האָט יוז פעדאָרקיוו דערקענט זיין שקאַפּע ביים פערד־הענדלער מענדל שפירער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסעריי. מענדל האָט זיך געשוואוירן, אַז ער האָט דאָס פערד געקויפט ביי גראַנאַכס אַ זון, און היינט האָט ער אים באַדאַרפט ברענגען די פאַפּירן.

— אויב אַזוי — האָט פעדאָרקיוו געטענהט — האָסטו סייַ־ווי ניט קיין רעכט אויפן פערד.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישע קריגעריי. אונדזער עלטסטער ברודער, שכנא, וועלכער האָט תמיד געזוכט אָפּצוהיטן דעם כבוד פון אינדזער משפחה, איז אַריין מיטן פערד־הענדלער און מיט יוז פעדאָרקיוו אין אַ שענק, און ביי עטלעכע גלעזער ביר האָט מען זיך געאייניקט, אַז אַלע דריי דאַרפן בשותפות טיילן דעם שאָדן, און פעדאָרקיוו האָט צוריקגעקראָגן זיין שקאַפּע.

יאָרן זענען אַוועק. מיר האָבן שוין געוואוינט אין האָראָדענקע און די מעשה מיטן פערד איז שוין לאַנג געווען פאַרגעסן. פּלוצים יאַוועט זיך שמואל. ער איז אַלט געוואָרן 21 יאָר און זיך באַדאַרפט שטעלן פאַר אַ זעלנער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שיינעם פוטער מיט אַ קרימסקע קאָלנער און געטראָגן רייט־הויזן מיט ברוינע שטיוול, ווי אַ קאַוואַלעריע־אָפיציר. אויף שבת האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ שוואַרצן אָנצוג מיט לאַקירטע שיך, און די לעדערנע הענטשקעס האָט ער געטראָגן אין האַנט, מען זאָל אָנזען די רינגען אויף זיינע פינגער. אָן דער געפלאָכטענער אָקסן־בייטש איז ער גאָרניט אַרויס אין גאָס. דער גרינעם סאַמעטענעם קאַפּעליוש האָט ער געטראָגן אַביסל אויף אַ זייט, כדי עס זאָל זיך אַרויסזען די לאַנגע טשופּרינע פון זיינע געקרייזלטע האָר. קיין יידיש וואָרט האָט ער נישט געוואָלט נעמען אין מויל אַריין — ער רעדט נאָר „דאַאַטש". די מאַמע האָט זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל כאָטש מיט איר רעדן יידיש — זי וויל פאַרשטיין וואָס ער רעדט.

— ניין, מאָטער — האָט ער געטענהט — ניקס יידיש. איש קאָם פאָן מיסלאָוויץ (אַ קליינער העק לעבן מעריש אָסטראָו, אין אַמאָליקן עסטרייך), וואָ נור שפּרעכען דאַאַטש.

ער האָט אַלע מאָל געוויזן זיין גרויסע בריוו־טאַש, פול געפּאַקט מיט באַנקנאָטן, און האָט זיך באַרימט, אַז ווען ער וויל, קאָן ער איצט קויפן אַפילו אַ גוט. אויפן יאַריד האָט ער זיך טאַקע געקויפט אַ שיין פערדל, אויף וועלכן ער פלעגט אַרומטרייבן איבער דער געגנט און רעדן „דאַאַטש".

איינמאָל האָט ער פאַרגעסן די בריוו־טאַש אין דער היים. אונדזער שוועסטער איז געווען נייגעריק צו זען וויפל מיליאָנען ער האָט אַהיימגעבראַכט, און זי האָט עס געעפנט. פונקט פינף־און־זעכציק קראָנען אמת געלט איז געווען אין בריוו־טאַש! אַחוץ דעם זענען דאָרט געלעגן אַ סך פּאַפּירלעך, אָפּגעדרוקט פון איין זייט ווי אַ טויזנטער, אָבער אויף דער אַנדערער זייט איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאַבן: „פונקט אַזוי פיל האָט די ווערט איין גלאָז פּילזנער ביר, וואָס מיר פאַרקויפן פאַר פינף קרויצער — גאַסטהויז ,צור גלאָקע' אין מיסלאָוויץ".

דער סוד האָט נאָך דעמזעלבן טאָג זיך צעטראָגן איבער די הינטערגעסלעך, און אַלע האָבן זיך געפרייט וואָס אַפילו אין מיסלאָוויץ וואַלגערן זיך ניט קיין מיליאָנען אין די גאַסן. אָבער אונדזער ברודער, וועלכן מען האָט ביז איצט גערופן „שמולקע קאַניוך", האָט איצט באַקומען אַ נייעם צונאָמען: „דער דאַאַטש מיט די מיליאָנען". דער טאַטע האָט געשמייכלט און פאַרזיכערט, אַז מיט דער צייט וועט שוין שמואל זיך ווידער אויסלערנען יידיש און זיך צוגעוויינען. אַז אין האָראָדענקע קאָן מען לעבן אויך אָן מיליאָנען.

מיר האָבן געהאַט אין שטאָט אַ ווייטע קרובה, וועלכע מיר האָבן גערופן מומע העניע. זי האָט געהאַנדלט מיט גענדז און היגער, און האָט געהאַט דריי דערוואַקסענע קינדער: צוויי אויסגעגעבענע זין, שטאַרקע, געזונטע חברה־לייט, איינער אַ באַלעגאָלע, דער אַנדערער אַ טרעגער; און אַ נאַרישע מויד, צעוואַקסן ווי אַ קו. אין אַ שבת נאָכן עסן איז שמואל מיט איר געגאַנגען הינטער דער שטאָט און זיך אַוועקגעלייגט מיט איר אין תבואה־פעלד. קעגן נאַכט צו איז די מויד געקומען צולויפן מיט אַ יאָמער און געקלאָג:

— מאַמע! שמואל, אין פעלד, האָט מיר עפּעס אָפּגעטאָן! העלף מיר, מאַמע, העלף! איך בין אַזוי אומגליקלעך...

מענטשן זענען זיך צונויפגעלאָפן. די מומע העניע האָט געשיקט נאָכן טאַטן. נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט דער מומע העניע, איז דער טאַטע צוריקגעקומען אַהיים און נאָר בייזלעך אַ וואָרטשע געטאָן:

— ער האָט זיך אָפּגעלערנט מיאוסע שטיק פון די „דאַאַטשן"!...

מען האָט געוואַרט ביז שמואל איז אַהיימגעקומען. אין שטוב איז שוין געווען טונקל, אָבער מען האָט נאָך ניט געטאָרט קיין ליכט אָנצינדן. דער טאַטע האָט ניט געוואַרט אויף קיין הבדלה און באַלד זיך גענומען צו שמואלן:

— הער אויס, סינאָק מיינער: מילא, איך האָב גאָרנישט געזאָגט וואָס דו האָסט אַרומגעפּלאַפּלט אויף דיין נאַריש דייטשמעריש; איך האָב קיין וואָרט נישט געזאָגט, ווען דו האָסט אַלעמען גענאַרט מיט דיינע געדרוקטע שמאַטעס, אַז דו ביזט אַ מיליאָנער; איך האָב דיך קיינמאָל ניט געפרעגט וועגן דיינע פערד־עסקים. אָבער ווען דו מיינסט אַז ווייל דו גייסט אין רייט־הויזן מיט אַ פוטער און מיט לאַקירטע שיך, האָסטו שוין אַ רעכט זיך אויפצופירן ווי אַ ליידאַק, מאַכסטו אַ גרויסן טעות. קודם וועל איך דיך אַזוי לאַנג שלאָגן מיט דיין אייגענעם געפלאָכטענעם שטעקן, ביז דו וועסט ווידער אָנהויבן רעדן יידיש און פאַרגעסן דיינע פאַפירענע מיליאָנען. און איצט רוף איך שוין די מומע העניע, און דו וועסט תיכף שרייבן תנאים מיט איר טאָכטער!

שמואל האָט פלוצים עפּעס אָנגעהויבן ווי צו רעווען, האָט געוואָרפן מיט די הענט און זיך געשלאָגן אין ברוסט, האָט גענומען זיך רייסן די צונג פון מויל און די האָר פון קאָפּ — ס'האָט אים אָפּגענומען ס'לשון. מיר זענען געבליבן ווי פאַרשטיינערט. מ'האָט געמאַכט ליכטיק, און דער טאַטע האָט אים דערלאַנגט אַ פאַפּיר מיט אַ בליישטיפט. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט שמואל אָנגעשריבן, אַז ער איז געוואָרן שטום און בעט מ'זאָל תיכף שיקן נאָך אַ דאָקטאָר. האָט מען באַלד פאַרגעסן אָן דער מומע העניע מיט איר טאָכטער מיטן תבואה־פעלד, און מ'האָט געשיקט רופן דעם דאָקטאָר.

דאָקטאָר קאַנאַפּאַס האָט אים אַרומגעקלאַפּט, אים געשטורכעט עפּעס אין מויל, געריבן אים די שלייפן. אין דרויסן האָט דערווייל זיך געשטופּט אַן עולם און געוואָלט זען דעם שיינעם שמואל מיט די מיליאָנען, וועמען גאָט האָט אַזוי גיך באַצאָלט און געשטראָפט מיט שטומקייט. דער דאָקטאָר האָט זיך געהייסן געבן צוויי גולדן און פאַרזיכערט, אַז אַזוי ווי שמואל איז אַ רייכער יונגערמאַן, וועט אים גאָרנישט זיין. דערווייל וועט ער אַריינקומען יעדן טאָג אים זען, און וועט צוגלייך אָנשרייבן צו אַ גרויסן פּראָפעסאָר אין ווין, צו הערן זיין עצה. מעגלעך, האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז נאָר אַ פאַרקילונג פון די אָדערן אין האַלדז; סיי־ווי וועט ער מאָרגן נאָכאַמאָל קומען. ער האָט געהייסן אים אַריינלייגן אין בעט און אים געבן שנאַפּס מיט פעפער, ער זאָל זיך גוט אויסשוויצן. דערנאָך האָט ער צעטריבן דעם עולם און איז אַוועק.

שמואל האָט אַ גאַנצע נאַכט געקרעכצט און זיך געוואָרפן אין היץ. ס'איז געווען אַ רחמנות אויף אים צו קוקן. אין דער פרי האָט מען אים, אַ טויט־בלייכן, אָנגעטאָן און מיר זענען אַלע מיט אים אַוועק צום רבין.

דעם רבינס שטיבל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. דער טאַטע האָט אַלץ איבערגעגעבן ווי געווען, און דער רבי האָט קיין אויג ניט אָפּגעלאָזן פון שמואלן. ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— שמואל בן אהרן! בפני כל עם ועדה בין איך אויף דיר גוזר זאָלסט מיט אונדז צוזאַמען אָפּריכטן אַ תפילה.

שמואלן האָט זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— איך זע טרערן אין דיינע אויגן — האָט דער רבי ווייטער געזאָגט — דאָס איז אַ סימן, אַז דו האָסט זיך גענומען אונדזערע ווערטער צום האַרצן. איך ווייס, אַז דו ביזט איצט ווידער פרום און ערלעך. יידן, צייט אָנצוהויבן. לאָמיר תפילה טאָן מיט אַ ריינער כוונה, אַז די שערי־רחמים זאָלן זיך עפענען און פאַרנעמען אונדזער געבעט.

יידן האָבן זיך אַ נעם געטאָן צום דאַווענען מיט התלה־

בות. און ווען ס׳איז געקומען צו „שמע־ישראל״, האָט זיך פלוצים דערהערט אויך שמואלס קול: „שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד״!

— מזל־טוב, מזל־טוב! — האָט דער רבי איבערגעריסן די תפילה און געהייסן די ייִדן אויסטאָן טלית און תפילין.

שמואל איז געוואָרן אַ צעטומלטער און געגעבן צייכנס, אַז ער איז נאָך אַלץ שטום. אָבער דער רבי האָט געזאָגט:

— מיין קינד, מיר אַלע האָבן נאָר וואָס געהערט, אַז דו קאָנסט רעדן. נאָר אויב דו ווילסט דווקא זיך און אונדז אַלעמען איינרעדן, אַז דו ביזט נאָך שטום — מילא. דער עיקר אָבער איז, אַז איך און דיינע עלטערן און גאַנץ קהל, וואָס איז דיר בייגעשטאַנען, וויסן איצט, אַז דו קאָנסט ברוך־השם רעדן און ביזט נישט אין קיין סכנה.

מ׳האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טיש מיט לעקעך־און־בראָנפן און אייער־קיכלעך. דער רבי האָט דערלאַנגט שמואלן אַ גלעזל און געמאַכט מיט אים אַ לחיים:

— דער אויבערשטער זאָל העלפן, אַז דיין צונג זאָל דיר שטענדיק דינען ווי יעדן גוטן, פרומען ייִד.

— אמן, רבי! — האָט שמואל אַרויסגעפּלאַצט מיט פרייד.

ערשט איצט האָבן אַלע געטרונקען לחיים און דערנאָך נאָך לאַנג זיך משמח געווען.

יאָרן זענען אַוועק. איך בין שוין געווען אין בערלין. שמואל, אויפן וועג קיין אַמעריקע, האָט אָפּגעטראָטן מיך צו זען. ער האָט קיין וואָרט דייטש ניט געקענט רעדן.

— סטייטש? — האָב איך ביי אים געפרעגט — ביזט דאָך אַמאָל געווען אַ גאַנצער „דאַאַטש״?

— אַ „מיסלאָוויצער דאַאַטש״ — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל.

יעדער קעמפט מיט זיין אייגענעם כלי־זין

דער טאַטע, מיין ברודער שבתי און איך האָבן איצט געאַרבעט אין דער הויף־בעקעריי פון וואָלף בעקער. געצאָלט האָט מען דעם טאַטן פאַר אַלע דריי. און געאַרבעט האָבן מיר שווערער ווי פערד: אָנגעהויבן שבת נאָך הבדלה, האָבן מיר אַזוי אַריינגעאַרבעט טאָג און נאַכט ביז פרייטיק נאָכמיטיק, מיט קוים עטלעכע שעה שלאָף אַ מעת־לעת. פרייטיק נאָכמיטיק איז מען געגאַנגען אין באָד אַריין, פרייטיק־צו־נאַכטס איז מען געשלאָפן אין דער היים, און שבת איז געווען דער איינציקער פרייער טאָג. נאָך הבדלה — ווידער צוריק אין דער בעקעריי ביז קומענדיקן פרייטיק נאָכמיטיק.

איך בין שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ גוטן געזעל, און איך האָב שטילערהייט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו אַנטלויפן פון דער היים. אויף ימים־טובים זענען אַהיימגעקומען אַ סך געזעלן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין פאַרשיידענע שטעט. זיי זענען אַלע געווען אויסגעפּוצט, און האָבן דערציילט, אַז אומעטום איז שענער און בעסער ווי אין האָראָדענקע. מיין חבר ראָזענקראַנצס ברודער איז געקומען פון טשערנאָוויץ. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוי־געשטרייפטן אָנצוג מיט אַ „סטאָיאַנצע״ קאָלנער און אַ קאַלירטן קראַוואַט, אַ גרויסן פּלושענעם הוט און „האַנטשו״. און שיך האָט ער געהאַט פון ווייכער קאַלבס־לעדער, מיט גומענע קנאַפּל. דאָס האָט שוין גאָר געמאַכט אַן אויפזען אין האָראָדענקע. אויף די דאָזיקע גומקעס איז מען נישט געגאַנגען — מ׳האָט ממש געטאַנצט אויף זיי. דערביי זענען זיי געווען אי שיין, אי פּראַקטיש: אַז זיי טראָגן זיך אָפּ, האָט מיין חברס ברודער דערציילט, קאָן מען פאַר עטלעכע העלער קויפן פרישע גומקעס, און די שיך זענען ווידער ווי ניי. מיין חבר און איך פלעגן אים שטענדיק נאָכגיין. איך בין אים מקנא געווען ניט נאָר מיט זיינע גומקעס, נאָר מיט אַלץ: מיט זיין אויסטערליש גענגל, מיט דעם אופן ווי ער האָט געוואונקען צו די מיידלעך, מיט דעם אָנגעוואוילטן לאַק אויף זיין שטערן, און דער עיקר מיט זיין „שמייכעלע״, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון טשערנאָוויץ... גאַנץ האָראָדענקע האָט עס באַוואונדערט.

נאָך יום־טוב איז ער צוריקגעפאָרן קיין טשערנאָוויץ, אָבער זיינע גומענע קנאַפּל האָט מען ניט געקאָנט פאַרגעסן. זיי האָבן געוואונקען און געשעפּטשעט: „מאַך אַ סוף — קאָנסט אויך האָבן אַזעלכע גומקעס ווי ער; אָבער נישט דאָ, אין האָראָדענקע״.

אין אַ שבת נאָכן עסן האָבן מיר, איך און מיין חבר ראָזענקראַנץ, אָנגעטאָן צוויי העמדער, איינס אויפן אַנדערן, און דעם שבתדיקן אָנצוג אויפן וואָכעדיקן, און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צו־פוס קיין קאָלאָמיי. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. קעגן אָוונט־צו זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען אונדזער דאָרף ווערביוויצי, און מיר האָבן באַשלאָסן איבערצונעכטיקן ביי דער מומע פייגע. צו מיין עלטסטן ברודער האָב איך מורא געהאַט אַריינצוגיין, ער זאָל אונדז ניט איבעררעדן זיך אומצוקערן צוריק אַהיים.

פאַרטאָג זענען מיר אויפגעשטאַנען, אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט גרינע אוגערקעס און ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיר גייען אַזוי אָפּ אפשר שוין אַ האַלבע שעה, הערן מיר פלוצים ווי די מומע פייגע רופט אונדז!

די מומע פייגע האָט קיינמאָל קיין שמייכל ניט געטאָן. זי איז געווען אַזוי „וואָסערדיק״ און אָן אַ טעם ווי אירע פאַרשיידענע זופּן, וואָס זי פלעגט קאָכן; אייגנטלעך ניט קאָכן, נאָר אויפוואַרעמען. פון אַלץ האָט זי געמאַכט אַ זופּ; מיר דאַכט, אַז אַפילו פון וועש און שמאַטעס; און שטענדיק האָט זי געהאַט עפּעס אויפצוואַרעמען פון נעכטן אָדער אייער־נעכטן. ווען האָט זי עס אייגנטלעך אָפּגעקאָכט? מיר האָבן זי טאַקע גערופן די „אויפגעוואַרעמטע מומע״, מחמת זי אַליין האָט אויסגעזען ווי פון אייערנעכטן. איצט איז זי אונדז נאָכגעלאָפן און איבערגעקערט אונדזערע קעשענעס — זי האָט געמיינט, אַז מיר האָבן ביי איר געגנבעט אייער! איך האָב זיך אַזוי געשעמט פאַר מיין חבר, אַז איך האָב עס איר קיינמאָל ניט געקאָנט מוחל זיין; אַפילו נאָך היינט ניט!

נאָך אַ האַלבן טאָג וואַנדער זענען מיר אָנגעקומען אין שטעטל גוואָזשדזשעץ, וואָס איז נאָך קלענער פון האָראָדענקע. דער מאָגן איז געווען ליידיק, האָבן מיר פאַרקויפט די שבתדיקע בגדים, און פאַר דעם געלט זיך איינגעקויפט ברויט מיט קעז און פּוטער און מילך. געזעטיקט דעם הונגער,

זענען מיר ווידער געוואָרן אויפגעלייגט און ווייטער געשפּאַנט, ביז מיר זענען אין אָוונט אָנגעקומען קיין קאָלאָמיי. איך בין גלייך אַוועק צו איין בעקעריי, צו אַ צווייטער, און צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך זיך באַנוצט מיט דער בעקערישער לאָזונג „אושיץ״, אויף וואָס די געזעלן האָבן תיכף מיר אָפּגעענטפערט „לעמשיץ״. מיר דאַכט, אַז אָט די לאָזונג שטאַמט פון די צוויי ווערטער „אָן שוץ״ און „נעם שוץ״. בעקער־געזעלן פלעגן זייער אָפט וואַנדערן, בפרט אום זומער. ווינטער האָט מען נאָך דורכגעשטאָרקעט פאַר אַ פאָר גולדן וואו עס איז. אָבער באַלד מיטן פרילינג האָבן זיך באַוויזן אויף די וועגן הונדערטער וואַנדערנדיקע בעקער־געזעלן, וועלכע האָבן זיך געגריסט מיט „אושיץ—לעמשיץ״, און אַזוי אַרום דערפילט אַן אחדות, אַן אמתע בעקערישע וואַרעמקייט צו איינאַנדער.

די בעקער־יונגען דאָ האָבן צו מיר גערעדט ווי צו זייערס גלייכן, האָבן מיר געגעבן אָפּצועסן און מיך געשיקט אין שטעטל יאַבלאָנאָוו, וואו מ׳האָט גראָד געדאַרפט אַ יונגן בעקער־געזעל ווי איך. דאָרט האָט מען מיך באַלד צוגענומען פאַר צוואַנציק גולדן אַ יאָר, מיט קעסט און קוואַרטיר — דאָס מיינט: שלאָפן אויפן פּיעקעלעק, עסן צוויי מאָל אַ טאָג, און דערצו נאָך צוויי גרייצער אַ טאָג „אויף צו־קויפן עפּעס צום ברויט״ פאַר אָנבייסן. איך האָב תיכף גענומען חלומען וועגן די שיינע זאַכן, וואָס איך וועל זיך קאָנען קויפן אויף פּסח, בפרט וועגן די גומענע קנאַפּל.

מיין חבר ראָזענקראַנץ איז געוואָרן אָנגעשטעלט אין קאָלאָמיי ווי אַ „קאָמי״ אין אַן אייזנגעשעפט. ניט אַזוי גוט באַצאָלט ווי איך, אָבער דערפאַר אַ סך בכבודיקער פּאָסטן.

יאַבלאָנאָוו ליגט ניט ווייט פון קאָלאָמיי, קנאַפּ ביי די קאַרפּאַטן. די אַרומיקע פּויערים דאָרט רופט מען שוין אויך „הוצוליעס״. ווען איך בין, נאָך אַ נאַכט אַרבעט, אַרויס אין מאַרק מיט מיינע צוויי גרייצער קויפן ביי אַ „הוצול״ יאַגעדעס״ אויף אָנבייסן, דערזע איך פלוצים אַראָפּקריכן פון אַ פור איינעם מיט ברייטע פלייצעס. ער דרייט זיך אום — ס׳איז מיין טאַטע! איך לויף אים אַקעגן, און ער נעמט אָן מיין ציטערדיקע האַנט און זאָגט צו מיר שטיל און ווייך:

— גיי, מיין קינד, טו זיך איבער; איך וועל דאָ צוּוואַרטן.

אין פינף מינוט אַרום בין איך געווען פאַרטיק. מיר האָבן זיך אויפגעזעצט אויפן וועגעלע, וואָס דער טאַטע האָט געהאַט געבאָרגט ביי שכנאָן, און מיר זענען צוריקגעפאָרן. איך האָב אָנגעטריבן — דער טאַטע האָט געוואוסט, אַז איך האָב עס ליב. מיר האָבן דעם גאַנצן וועג גערעדט וועגן די קאַרפּאַטן־בערג, וועגן דער פעטער, שוואַרצער ערד אין דער געגנט, איבער דעם יקרות אין שטאָט און וואָס פאַר אַ פיינע קינדער שכנא האָט. דער טאַטע האָט אַפילו דערציילט, אַז ער רעכנט אַריבערצוכאַפּן זיך קיין טשאָרטקאָוו צום רבין — וועגן אַלץ האָט ער גערעדט, נאָר ניט וועגן מיין אַנטלויפן פון דער היים. מיין ליבער, גוטער טאַטע, דעם ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן!

אַהיימגעקומען, בין איך באַלד געגאַנגען אַרבעטן ביי יאָשע באָנעס. ער איז אַמאָל געווען ביי אונדז אַ געזעל, דערנאָך האָבן מיר צוזאַמען געאַרבעט ביי וואָלף בעקער. אַליין אַן ערשט־קלאַסיקער אַרבעטער, האָט ער חתונה געהאַט און זיך געמאַכט זעלבשטענדיק. אַ האַרציקער מענטש געווען, און האָט מיך זייער ליב געהאַט. ער האָט מיר געצאָלט אַ גולדן אַ וואָך, מיט קעסט און קוואַרטיר. די גאַנצע שכירות פלעג איך, פאַרשטייט זיך, געבן אַהיים.

מיט מיר האָט דאָרט אויך געאַרבעט אַ בחור פון שטעטל אָבערטין. קיינער האָט ניט געוואוסט זיין נאָמען; מען האָט אים גערופן „דער אָבערטינער שטשאָר״. מיר האָבן זיך פיינט באַקומען באַלד ווי מיר האָבן זיך באַגעגנט. ער איז געווען אין מיין עלטער, נאָר אַביסל גרעסער פון מיר; אַ מאָגערער, מיט אַ לעדערן, ברוין־גרינלעכן פּנים פול מיט קנייטשן ווי ביי אַ זקן, און אַ מויל האָט ער געהאַט שפּיציק ווי ביי אַ מויז. ער האָט געסלינעט ביים רעדן און ביים עסן, און איז טאַקע געווען עקלהאַפט ווי אַ נאַסער וואָרעם, ווי אַ קראַנקע מויז. ער האָט קיינמאָל ניט געלאַכט, און קיין זאַך איז אים ניט געפעלן געוואָרן ביי אונדז אין שטאָט — נישט די הייזער, נישט די מענטשן. אין מיר האָט ער געפונען לויטער חסרונות און פלעגט מיך שטענדיק פאַרקלאָגן ביים מייסטער. ער פלעגט זיך חנפענען צו דער מייסטערין און פאַר איר אויפרוימען די שטוב, איר צוהעלפן אין קיך און ניאַנטשען די קינדער. זי ווידער האָט זיך גערן צוגעהערט צו זיינע רכילות און זיך שטילערהייט געגרויסט מיט דעם, וואָס איך, דער זון פון איר מאַנס געוועזענעם מייסטער, מוז איצט אַרבעטן ביי זיי.

איינמאָל אַ נאָכמיטיק, מיר זענען פאַרטיק געווען מיט דער אַרבעט און זיך צוגעלייגט שלאָפן הינטערן אויוון, האָט דער „שטשאָר״ זיך גענומען טשעפּען, למאַי איך פּוץ זיך צופיל, איך האַלט זיך גרויס און לויף נאָך די מיידלעך. איך שווייג. נעמט ער זיך רייצן מיט מיר, אַז איך וועל שוין קיינמאָל ניט אונטערוואַקסן און וועל בלייבן קליין ווי אַ קאַרליק. ווער איך שוין בייז:

— הער, אָבערטינער שטשאָר — זאָג איך — אויב דו וועסט נישט אויפהערן און מיך ניט לאָזן צורו, וועסטו חרטה האָבן.

— וואָס קאָנסטו מיר טאָן? גראָבער־יונג!

— איך קאָן דיר צעקלאַפּן דיין שטשאָרישע מאָרדע.

— פריער וועלן דיר די הענט אָפּדאַרן!

— און איך וועל דיר פריער דיין פאַסקודנע פּיסק אָפּדרייען.

— דיין טאַטן וועסטו עס טאָן, ניט מיר.

מער האָב איך ניט געוואַרט — איך האָב אים דערלאַנגט דעם ערשטן כּראַסק אין פרעסער אַריין.

ער האָט געוואוסט ווי שטאַרק איך האָב ליב מיין טאַטן; אַז איך האָב זיך אַמאָל זאַמירעט אויף איינעם מיט אַ האַק, ווייל ער איז באַפאַלן מיין טאַטן — האָט ער מיך נישט צוריקגעשלאָגן, נאָר גאַנץ קאַלטבלוטיק אַ זאָג געטאָן:

— אַ רוח אין דיין טאַטנס פערעיאָפּ טאַטן אַריין.

אַ צווייטער פליאַסק האָט אָפּגעהילכט אויף זיין פּרצוף, און ער האָט ווידער אַ זאָג געטאָן:

— אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין.

האָב איך אים ווידער דערלאַנגט אַ זעץ, און אַזוי האָבן זיך גענומען איבערחזרן, אַלץ גיכער און אַלץ מעכאַנישער, אַ פּאַטש און אַ קללה: איך — אַ זעץ אין מאָרדע, ער — „אין טאַטן אַריין". איך בין שוין מיד פון שלאָגן, אָבער ער האַלט אין איין איבערחזרן „אין טאַטן אַריין", און איך פּאַטש — — ווער ער זיך אַזוי לאָזן שלאָגן אַ גאַנצן טאָג? איך וואָלט ווען אויפהערן; נאָר, טראַכט איך זיך, ער שלאָגט דאָך מיר אויך צוריק, מיט אַ קללה שלאָגט ער מיך, — מיט דעם שעלטן פאַרטיידיקט ער זיך; דאָס איז זיין כלי־זין.

עס נעמט מיך עקלען, ווי איך וואָלט געזעצט מיט מיינע פויסטן אין אַ קופּע שמוציקן קויט, אין אַ הויפן נאַסע, קלעפּיקע ווערעם; און עס באַפאַלט מיך פלוצים אַ רחמנות: ווי וואָלט איך עס געפילט, ווען איך בין איינער אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט, מיט אָט אַזאַ פּנים און אַזאַ פאַרסלינעטן מויל ווי ער, און עמעצער שלאָגט מיך אַזוי אָן אויפהער, ווי איך אים?

איך האָב אים אויפגעהערט שלאָגן. כ'האָב פאַרמאַכט די אויגן און זיך דערפילט ווי איך אַליין וואָלט געווען אַ פרעמדער דאָ אין שטאָט — אַזוי עלנט און אומגליקלעך און הילפלאָז...

מיינע הענט זענען געווען שמוציק און פייכט פון סלינע. עס האָט מיך גענומען דראָזשען, ווי איך וואָלט געווען קראַנק. איך האָב זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָב לאַנג, לאַנג געוויינט.

זיך באַרואיקט, האָב איך דערפילט אַ בושה פאַר זיך אַליין. דער אָבערטינער איז נאָך געלעגן שטיל, מיט אָפענע אויגן, אָן אַ שום אויסדרוק. איך האָב זיך אויפגעהויבן, בין אַרויס פון דער בעקעריי, און מער שוין נישט צוריקגעקומען צו יאָשע באָנעס.

וואָכן־לאַנג האָב איך געפילט אין דער רעכטער האַנט אַ שטייפקייט פונעם שלאָגן; מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז איך קאָן ניט גענוג אָפּווישן די האַנט פון יענעמס סלינע. און די גאַנצע צייט האָב איך געטראַכט פון אַ קליינעם, זעקס־יאָריקן יתומל, וועלכער פלעגט ביי אונדז אַרומגיין בעטלען, און די קינדער פלעגן אים שלאָגן: „אַז דו ועסט מיך שלאָגן — פלעגט ער זיך בעטן מיט זיין טשיפּעליאַווע קינדעריש קולכל — וועט מיין טאַטע קומען דיך וואַרגן". די קינדער האָבן אים געלאָזן צורו עטלעכע טעג, און ווען זיין טויטע מאַמע איז אַלץ ניט געקומען זיי וואַרגן, האָבן זיי אים ווידער געשלאָגן. „מיין טאַטע איז געווען אַ שוחט — פלעגט ער איצט זיך בעטן — און אַז איר וועט מיך שלאָגן, וועט ער קומען פון יענער וועלט מיט זיין לאַנגן חלף און אייך אויסקוילען". די קינדער האָבן אים ווידער ניט געטשעפּעט עטלעכע טעג, און דערנאָך אים ווידער געשלאָגן. דעם מאָל האָט שוין דער יתום זיי געסטראַשעט: „ווען איר וועט מיך שלאָגן, וועל איך עפּעס אָפּטאָן!" און מען האָט אים געמעגט גלויבן: אויב ער האָט נאָר געוואָלט האָט ער געקאָנט אַזוי מאַכן, אַז עס זאָל זיך פון אים פילן נאָך ערגער ווי פון אַ טכויר, און די קינדער האָבן געמוזט זיך צע־לויפן פון אים.

יאָ, יעדער קעמפט מיט זיין אייגענעם כלי־זין.

מענטשן דערוואַכן צו ליבע אין האָראָדענקע

אין האָראָדענקע האָט אויך געלעבט די פאַמיליע גלאָגער. מ'האָט זיי גערופן „די יערוכעמניקעס", אויפן נאָמען פונעם אַכציק־יאָריקן זיידן ירוחם. דער אַלטיטשקער האָט שטענדיק געהאַט אַ פריילעך, צעפלאַמט פּנים פון דעם שנעפּסל, וואָס ער האָט „גראָד" ערשט־נאָר־וואָס גענומען. זיינע קליינטשיקע, לוסטיקע אייגעלעך פלעגן דורכבלישטשען דורך די לאַנגע, דיקע ברעמען, און זיין געדיכטע, ווייס־געלע באָרד, ווי פון קליאָטשע און הובליענקעס, האָט געוואַקסן איינזייטיק, ווי דער ווינט וואָלט זי געהאַלטן אין איין בלאָזן אויף אַ זייט. ער האָט געהאַט אַכט זין, זיבן פון זיי אויסגעגעבענע, און אַלע זענען זיי געווען גלעזערס און סטאָליאַרעס. זיי זענען געווען פּראָסטע מענטשן, הויכגעוואַקסענע, שטאַרקע. גאַנץ האָראָדענקע האָט פאַר זיי געציטערט, בפרט פאַרן יינגסטן, וועלכען איז דווקא געווען אַ נידעריקער, אָבער מיט ברייטע פּלייצעס און אַ דרייס־טער. ער האָט געהייסן סראָל־קונע. די ברידערלעך זענען ס'רוב געווען צעקריגט צווישן זיך, דער עיקר צוליב זייערע ווייבער, וועלכע האָבן מקנא געווען איינע די אַנדערע. האָט מען אָפּט יאָרנלאַנג ניט גערעדט צווישן זיך. נאָר קוים האָט איינער פון זיי זיך צעשלאָגן מיט אַ „פרעמדן", זענען תיכף אַלע אים גע־קומען צו הילף.

אָבער פּונקט אַזוי זענען זיי אַלע גרייט געווען מיטן גאַנצן האַרץ און פולע הענט צו העלפן, ווען עמעצער אין שטאָט איז געווען אין נויט. סראָל־קונע איז געווען דער הילף־גרייטסטער און פריי־געביקסטער פון אַלע. ער האָט זיך געחברט מיט די סטאָליאַר־יונגען, מיט די קצבים, פערד־הענדלער און טרע־גערס, וועלכע פלעגן אים פאָלגן בלינדערהייט. ער מיט זיינע פריינט פלעגן אַריינקוקן אין די אָרעמסטע שטיבער, און דער־נאָך, מיט סטראַשונקעס און אויף כוח, צווינגען די נגידים, ויי זאָלן העלפן. האָבן די רייכע אים פיינט געהאַט און געשריבן אויף אים מסירות צו דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט, און די קבצנים האָבן אים ממש פאַרגעטערט. דאָנערשטיק פלעגן די אָרעמעלייט גיין איבער די הייזער. פלעגן סראָל־קונע מיט זיין חברה זיך נאָכפרעגן, ווער ס'האָט יאָ געגעבן אַ נדבה און ווער ניט. איינמאָל האָט זיך דעם רייכן קמצן, הער אָפּענבערגער, פאַרגלוסט אַרויסצוטרייבן די אָרעמעלייט פון שטוב. דערביי האָט ער זיי נאָך נאָכגעשריגן, אַז ער וועט זיך מער ניט לאָזן אָפּשרעקן פון דעם וואַגאַבונד סראָל־קונע מיט זיין באַנדע, ער וועט מער קיין פּרוטה ניט געבן! דאָס איז געווען אין אַ דאָ־נערשטיק. דאָס גאַנצע שטעטל האָט גערעדט וועגן דעם. נו, פרייטיק־צו־נאַכטס האָט זיך „צופעליק" אָנגעכאַפּט הער אָפּענ־בערגערס דאַך, און זיין הויז איז אַוועק מיטן רויך. אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז סראָל־קונעס אַרבעט און מ'איז געווען דערמיט שטאַרק צופרידן, אָבער קיינער האָט וועגן דעם ניט גערעדט.

שבת אין דער פרי זענען אַסך מענטשן געשטאַנען אַרום דעם אָפּגעברענטן הויז. אויך סראָל־קונע מיט זיינע פריינט זענען פאַרבייגעגאַנגען.

— דאָס הייסט אַן עבירה פאַר גאָט! — האָט סראָל־קונע זיך געריצט מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע — פּונקט אום שבת

אָנמאַכן אַזאַ שריפה. דאָס האָט אַפּנים דער רבונו של עולם אַליין געטאָן, כדי צו באַשטראָפן אָפּענבערגערן פאַר זיין ענגהאַרציקייט קעגן אָרעמעלייט.

אָפּענבערגער איז אַפילו געווען פאַרזיכערט קעגן פייער, אָבער זייט דעמאָלט האָט ער שוין ווידער אָנגעהויבן געבן נדבות, נאָך גרעסערע ווי פריער. ניט מער, ער האָט געפּועלט ביי דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט, מען זאָל אַראָפּשיקן קיין האָראָדענקע נייע, שטרענגערע זשאַנדאַרן. צווישן זיי איז געווען אַ וואַכמייסטער מיט אַרויפגעדרייטע וואָנסעס, וואָס האָבן אים געגרייכט ביז די אויגן. ווען זיין בייזער בליק האָט אויף עמעצן אַ שאָס געטאָן איבער די העכסטע הערעלעך פון זיינע וואָנסעס, האָט מען געמוזט די אויגן אַרונטערלאָזן פאַר מורא. ער פלעגט אויך אַרעסטירן יעדן איינעם, וועלכער איז אים ניט געפעלן געוואָרן, און דערנאָך אים מערדערלעך שלאָגן. ער איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער ביי אָפּענבערגערן. אויסגעטרונקען אַ שנעפּסל, פלעגט ער ביי אים „קויפן" פאַרשיידענע זאַכן, און דערפאַר אים צוזאָגן: „יאָ, הער אָפּענבערגער, איצט וועט שוין דאָ זיין אָרדענונג!" אָפּענבערגער פלעגט אים טאַקע שטענדיק אַקעגנטראָגן אַ פריינטלעכן „גריס גאָט, הער אָרדענונג". און דעריבער האָט דאָס גאַנצע שטעטל גערופן דעם וואַכמייסטער „הער אָרדענונג"".

איינמאָל, אויפן יאַריד, האָט סראָל־קונע פאַרפירט אַ געשלעג מיט עמעצן, און „הער אָרדענונג"" האָט אים אַרעסטירט. סראָל־קונעס חברה האָבן אים אַפילו געוואָלט באַפרייען מיט געוואַלד, אָבער סראָל־קונע האָט ניט געהייסן. ער האָט רואיק אויסגעשטרעקט די הענט, מען זאָל אים אָנטאָן די קייטעלעך, און האָט בלויז געזאָגט: „ריכטיק, עס מוז זיין אָרדענונג אין האָראָדענקע, און עס וועט זיין אָרדענונג!" מען האָט אים אַוועקגעפירט, און דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אויפגעבראַכט. אָבער באַלד דעם צווייטן טאָג האָט מען סראָל־קונען באַפרייט. ער האָט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט וועגן דעם.

אַ צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען, אין אַ נאַכט, געפּאַקט דעם „הער אָרדענונג", צוגענומען ביי אים דאָס געווער, אים גוט אָנגעבויקערט און אים אָפּגעשניטן איינע פון די לאַנגע וואָנסעס. אים אַליין האָט מען דערנאָך ווי אַ הויפן מיסט צוגעשטעלט אין שפּיטאָל אַריין. זיין ביקס מיט דעם געפלאַנצטן באַיאָנעט, דעם זעבל מיט דער טראָלד, די הענט־קייטעלעך און דעם שטייפן הוט מיט די לאַנגע שוואַרץ־בלויע פעדערן, האָט מען אַריינגעשיקט צו דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט, מיט אַזאַ צושריפט:

„צו דעם קייזער־קעניגלעכן בעצירקס־הויפּטמאַן,
האָראָדענקאַ!

מיר האָבן לעצטע נאַכט געפונען דעם זשאַנדאַרן־וואַכמייסטער ליגן שיכור אין אַ ריוו. מיט דעם האָט ער באַשמוצט דעם קייזערס מונדיר און דעם קייזערס וואָפן. מיר האָבן דעם שיכורן וואַכמייסטער אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. און די וואָפן און דעם פעדער־הוט שיקן מיר דעם קייזער־קעניגלעכן בעצירקס־הויפּטמאַן. לאַנג לעבן זאָל דער קייזער!

סראָל־קונע גלאָגער און פריינט".

אפרים גלאָגער, ביי וועמען מיר האָבן געדונגען די בעקעריי, האָט געהאַט אַ ייִנגל אין מיין עלטער, משה מענדל. מיר זענען אינאיינעם געגאַנגען אין שולע, אין חדר, צוזאַמען געגנבעט אויבסט און „געזוכט" פאָדקאָוועס, און געהאַט טויזנטער סודות מיט איינאַנדער. מיר פלעגן זיך דערציילן אַלץ, וואָס מיר האָבן געוואוסט, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן, אָדער וואָס מיר האָבן גלאַט געוואָלט וויסן. און וויסן האָבן מיר געוואָלט אַלץ. דער עיקר אָבער האָבן מיר געוואָלט ווערן זייער שטאַרק. קוים האָבן מיר אָפּגעגעסן בגנבה אַ שטיקל פרישראַזעווע ברויט מיט פּוטער, האָבן מיר באַלד באַטאַפּט אונדזערע מוסקלען, איבערצייגט, אַז זיי זענען שוין געוואָרן שטאַרקער. האָבן מיר אויסגעזויגן אַ גוטן מאַרכביין, זענען מיר זיכער געווען, אַז אויך אונדזערע אייגענע ביינער זענען פול געוואָרן מיט מאַרך. מיטן עסן אַ הערצל, נירן, אָדער לונג־און־לעבער, איז ביי אונדז קיין ספק ניט געווען, אַז אויך אונדזער הארץ, נירן און לונג־און־לעבער ווערן שטאַרקער. מיר האָבן אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז שטאַרק זיין אָן פאַרשטאַנד איז ניט גענוג. האָבן מיר פאַרגנבעטערהייט אָנגעהויבן קויפן אין אַ רעסטאָראַן געקאָכטע אָדער געפּרעגלטע געהירן, כדי אַזוי אַרום אויך אונדזער שכל צו פאַרשטאַרקן.

צו יענער צייט האָט מען אין האָראָדענקע געמאַכט אַ פּאַרק מיט ביימער, בלומען און בושיקע קשאַקעס, מיט ביידלעך און בענק און הודעלקעס און די אַלע געהעריקע זאַכן. דער „שפּאַציר־גאָרטן" האָט מען דעם פּאַרק גערופן. שבת און זונטיק, און אויך נאָכמיטיק אין וואָכנטעג, האָט מען דאָ געקאָנט טרעפן שפּאַצירן הונדערטער יונגע בחורים און מיידלעך. צוערשט איז מען געגאַנגען גרופּעסווייז, ייִנגלעך באַזונדער און מיידלעך באַזונדער, און מען האָט בלויז פון ווייטנס זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ וואָרט, מיט אַ וויץ. דערנאָך איז מען שוין געגאַנגען פאָרלעכווייז. ביז מ'האָט אין שטעטל אָנגעהויבן רעדן, אַז „דער און די גייען אַרום", אָדער „דער און די רעדן", און ווען „דער און די" זענען אַרומגעגאַנגען און גערעדט שוין אַ שטיקל צייט, האָט מען אָנגעהויבן זאָגן אין שטעטל, אַז זיי „פירן" אָדער „שפּילן אַ ליבע".

די מייסטע ליבעס האָט מען געפירט שבת. אין דער פרי זיינען די באַלמעלאָכע־יונגען געגאַנגען אין שול אַריין, ניט אַזוי צוליב דאַווענען, ווי גלאַט זיך טרעפן. דערנאָך איז מען אַריינגעגאַנגען אין אַ קליין שענקל און טראַקטירט איינער דעם צווייטן מיט אַ לחיים און צוביים. מען איז געוואָרן פריילעכער און גענומען אַביסל באַרעדן דעם און יענעם, אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן די מיידלעך, און מען איז אַוועק אין „שפּאַציר־גאָרטן". דאָרט האָבן שוין געוואַרט שניידער־מיידלעך, מאָדיסטקעס, דינסטמיידלעך און אַנדערע, און באַלד האָט מען זיך געלאָזט שפּאַצירן פאָרלעכווייז. דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט „ראָמאַנען" און „ליבעס". און עס זענען אַפילו געשאַפן געוואָרן שפּאָט־לידלעך וועגן אַ „טעכטל־מעכטל" אָדער אַ „פאַרפירטער ליבע". דאָ זענען אויך פאָרגעקומען קליינע טראַגעדיעס. האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז אַ מיידל פון די „אויבערשטע גאַסן", פון „בעסערן קרייז", האָט זיך „אַראָפּגעלאָזן" און זיך „פאַרכליעפּטשעט" אין אַ שיינעם באַלמעלאָכע־יונג; האָבן באַלד די

עלטערן זיך אַריינגעמישט, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס געווײנלעך מיט „אַנטלויפן און שטעלן אַ חופה", אַמאָל אויך מיט אַ סקאַנדאַל און מיט פּאָליציי.

דאָס אַלץ איז געווען אַ נייעס אין האָראָדענקע. עלטערע מענטשן האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ; „אין אונדזערע צייטן האָט מען ניט געטאָרט אַזוי..." מיט אַמאָל האָט מען אַלץ געמעגט. עס איז געווען דער ערשטער דור, וואָס האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן אַ שדכן. אויב אַ בחור האָט געוואָלט מען זאָל זיך רעכענען מיט אים, מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ דערוואַקסענעם יונגערמאַן, האָט ער געמוזט אָנהויבן „גיין מיט אַ מיידל" „רעדן מיט איר", אָדער אַפילו „שפּילן אַ ליבע". איז דער „שפּאַציר־גאָרטן" פול געווען מיט ליבעס־זיפצן און ליבע־דערקלערונגען, מען האָט געליטן „ליבעס־שמערצן", זיך „געאָפּפערט" צוליב געפילן און געמאַכט מעלאַנכאָלישע אָנשטעלן. און ראָמאַנען האָט מען זיך אָנגעלייענט, אַז ס'האָט אַזש געשווינדלט פאַר די אויגן! אין איינעם האָט זיך דערציילט די באַרימטע געשיכטע וועגן דעם פאַרליבטן בחור, וועמען זיין ריוואַל האָט פאַרהונגערט אין אַ פינצטערן שלאָס. און ווען ער איז, אין זיין פאַרצווייפלונג, אַראָפּגעשפּרונגען פון העכסטן טורעם, איז פונקט אין לעצטן מאָמענט אונטערגעקומען זיין געליבטע מיט אַ הויכער פור היי, אויף וועלכער דער געליבטער איז בשלום אַרויפגעשפּרונגען. די חתן־כלה פאַלן זיך, פאַרשטייט זיך, אין די אָרעמס און פאַרגיסן גליקלעכע פריידנסטרערן — צוזאַמען מיט דעם גליקלעכן לעזער. אין אַ צווייטן ראָמאַן ווערט דערציילט די געשיכטע פון דעם יונגן באַראָן, וועלכער האָט, אויף להכעיס זיין שלעכטן קרוב, זיך פאַרליבט אין זיין אייגן דינסט־מיידל. האָט מען אים צוזאַמען מיט איר אַרויסגעטריבן און פאַריאָגט. וואַנדערן זיי ווי בעטלער דורך רעגן, שניי און פראָסט איבער דער גאַנצער וועלט, ביז זיי פאַלן אַוועק אין אַ גאַס־רעגן און קאָנען ווייטער נישט גיין. און אין לעצטן מאָמענט. פונקט איידער דער אָטעם לאָזט זיך זיי אויס, וועקט זיי אויף דער בריוו־טרעגער מיט אַ גוטער בשורה: דעם באַראָנס פאַרשטאָרבענער זיידע האָט פאַרשריבן זיין גאַנץ פאַרמעגן אויפן יונגן באַראָן. דאָס פּאָרל נעמט זיך אַרום, זיי קערן צוריק אַהיים, און דער גליקלעכער באַראָן מאַכט דאָס אָרעמע, פאַרשטויסענע דינסט־מיידל פאַר זיין אמתער באַראָנעסע.

*

ביים רייכן הער קאָפּלער איז געווען אַ קליין, שיין דינסט־מיידל, רבקהלע, פון דעם שטעטל אוסציעשקאָ. זי איז געווען אָרעם, איינפאַך געקליידט, אָבער ציכטיק. דאָס קליידל איז געווען ווי אויסגעגאָסן אויף איר שלאַנק, פערצן־יאָריק קערפּערל און האָט נאָך בולטער געמאַכט אירע רונדלעכע, פולע גלידער. זי האָט געהאַט אַ שניי־ווייסע הויט, ברוין־זיידענע האָר, גרויסע שוואַרץ־גליענדיקע אויגן, צוויי חן־גריבעלעך אין אירע פאַררויטלטע בעקעלעך און צוויי קליינע זעמעלעך אין איר בלוזקע. ווען איך פלעג גאַנץ פרי ברענגען צו זיי דאָס געבעקס — אין מיין געווײנלעכער בעקער־טראַכט: ווייסע הויזן מיט אַ פאַרטוך, די אַרבל פון העמד אַרויפגעקאַטשעט, און אויפן קאָפּ מיין צעריסן מיצל, וואָס האָט געשיצט מיינע האָר פון מעל — פלעגט זי מיך באַגריסן מיט איר קלינגענדיק־לאַכנדיק שטימעלע: „אָ, דאָס צעריסענע מיצל האָט היינט געבראַכט שיינע ראָגעלעך", אָדער „...בלאַסע זעמעלעך", אָדער „...גוט אויסגעבאַקענע קייזער־זעמל!". אַזוי יעדן פרימאָרגן: „צעריסן מיצל" דאָס, „צעריסן מיצל" עפּעס אַנדערש, אַז ס'פלעגט מיר אַזש אַ צופּ טאָן ביים האַרץ. נאָר קוים האָט זי אַמאָל דורכגעלאָזן איר שפּרוך מיטן „צעריסן מיצל", האָב איך זיך ממש געפילט אומגליקלעך.

איך האָב אָנגעהויבן איר נאָכקוקן, און שפּעטער אויך פון דער ווייטנס איר נאָכגיין.

איר חברטע, הער קאָפּלערס צווייט דינסטמיידל, האָט אַמאָל מיט אַ וואונק מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי האָבן באַמערקט ווי איך גיי זיי נאָך. האָב איך שוין אָנגעהויבן גאַנץ אָפט „צופעליק" זיך יאַווען פאַר זייער הויז. אויך זי און איר חברטע פלעגן אָפט צוקומען צום פענצטער און ניבע קוקן אין אַ צווייטער ריכטונג. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען וואָכנלאַנג, אָן אַ וואָרט, נאָר מיט האַרץ־קלאַפּעניש. איינמאָל זאָג איך אַזוי הויך צו מיין פריינט:

— ווייסט, איך וואָלט איצט וועלן שפּאַצירן אין גאָרטן.

רופט זיך אָן רבקהלע צו איר חברטע, אויך העכער ווי געווײנלעך:

— איך דאַרף נאָר צורוימען, דערנאָך וועלן מיר גיין שפּאַצירן — יאָ?

און ביידע זענען פאַרשוואונדן פון פענצטער. מיר וואַרטן. ענדלעך קומען זיי ביידע אַרויס און גייען גלייך צום „שפּאַציר־גאָרטן"; מיר, פון ווייטן, הינטער זיי.

אין גאָרטן זענען מיר אַרומגעגאַנגען אין אַן אַליי. זיי — אַראָפּ, מיר — אַרויף, זיי — אַרויף, מיר — אַראָפּ. פאַרבייגייענדיק, האָבן מיר זיך צוגעוואָרפן באַדייטונגפולע בליקן, אָבער קיין וואָרט ניט גערעדט. עס פּאַסט ניט, זאָגט מיר מיין חבר, איך דאַרף צו איר עפּעס זאָגן. גערעכט. אָבער יעדעס מאָל, ווען איך באַגעגן זי, נעמט מיר אָפּ דאָס לשון און איך קאָן דאָס מויל ניט עפענען!

אָפּגעגאַנגען אַזוי עטלעכע שעה צייט, זאָגט זי הויך צו איר חברטע, אַז זי גייט שוין אַהיים. מיר גייען־נאָך מיט האַרץ־קלאַפּעניש און שטעלן זיך ווידער אַוועק ביים הויז. די מיידלעך באַווייזן זיך אין פענצטער, און עס הויבט זיך אָן אַ געשפּרעך, אָבער ניט דירעקט; מיר קוקן זיך אַפילו ניט אָן — איך רעד צו מיין פריינט, און זי ענטפערט איר פריינדין:

— אַז מ'גייט־נאָך אַ מיידל — זאָג איך צו מיין פריינט — אַפילו, אַז מען רעדט נישט צו איר, ווייסט מען דאָך גענוי וואָס דאָס מיינט.

— אַז מען ווייסט עס אַזוי גענוי — ענטפערט זי איר פריינדין — פאַרוואָס־זשע מאַכט מען דערפון אַ סוד?

— ס'איז נישט קיין סוד. יעדער קאָן זען, אַז איך בין אין עמעצן פאַרליבט.

— ס'איז נאָך ווייניק וואָס יעדער קאָן עס זען. מען דאַרף עס דאָך אַמאָל דעם עמעצן זאָגן.

עס ווערט מיר וואַרעמער אַרום האַרץ:

— מען וועט שוין פון מיר הערן.

— מען דאַרף זיך אָבער צוזיילן — מאַכט זי צו איר חברטע מיט אַ געלעכטערל — ווייל קומענדיקע וואָך פאָרט מען אַוועק קיין זאַליעשטשיקי; וועט דערנאָך זיין אַן אַנדערער „עמעצער" אונטער אַן אַנדערן פענצטער.

ביידע מיידלעך צעלאַכן זיך. מיר איז טרוקן אין האַלדז און דאָס האַרץ קלאַפּט. רוף איך זיך אָן צו מיין פריינט:

— אויב מען פאָרט קיין זאַליעשטשיקי, וועל איך אויך דאָרט זיין. דאָרט וועט מען זיך שוין איבערצייגן, אַז איך מיין עס ערנסט.

— נו גוט, איך פאָר מיטוואָך. וועט מען שוין זען צי מענער קאָנען האַלטן וואָרט.

איך האָב דערפילט ווי מען וואָלט מיר געגעבן מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ.

— גוט — זאָג איך — וועל איך שבת נאָכקומען.

מיר זענען שטיל געוואָרן. איך האָב געטראַכט וועגן מיטוואָך און וועגן דעם, אַז זי האָט געזאָגט „מענער". כ'האָב אויפגעהויבן די אויגן צו איר און דערזען איר שיינעם, שניי־ווייסן, לאַנגן האַלדז, אירע ברוין־זיידענע, רויטלעכע האָר און אירע צוויי שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געפינקלט אין דער טונקלקייט. מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל אַ קוק געטאָן אין די אויגן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך זע אַ טרער אין איר בליק. אויך איך האָב געפילט ווי צו ווייגען, נישט ווויסנדיק פאַרוואָס.

— איך האָב נאָך אַזוי פיל צו טאָן — גיט זי אַ מאַך צו דער חברטע, און ווענדט זיך דערנאָך, צום ערשטן מאָל, מיט אַ צאַרטן בליק צו מיר — אַ גוטע נאַכט, צעריסן מיצל.

זי איז פאַרשוואונדן. איך בין געבליבן ווי אַ געליימטער, ניט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. אָבער באַלד האָט זי ווידער געעפנט דאָס פענצטער. זי האָט איצט געהאַט אויף זיך אַ קאָפּטאַניקל אָן אַרבל, און אַ פאַרטוכל.

— איך האָף — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן מיט אַ שמייכעלע — אַז איך האָב קיינעם ניט באַליידיקט מיט מיין „צעריסן מיצל". עס פּאַסט אים זייער גוט. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט — האָב איך געענטפערט שוין מער דרייסט, ווי מיט דאַנקבאַרקייט — אַ גוטע נאַכט.

זי האָט לאַנגזאַם פאַרמאַכט דאָס פענצטער, און איך בין אַ פריילעכער אַוועק אַהיים. מיין פריינט איז געווען גליקלעך. אין דער נאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז רבקהלע און איך גייען שפּאַצירן אין פּאַרק. מיר גייען אַזוי ווייט, ווייט, אַזש ביז זאַליעשטשיקי. איר העמד איז געווען אָן אַרבל, און איך האָב געקאָנט באַרירן אירע נאַקעטע, רונדע אָרעמס; ס'איז אויך געווען טיף אויסגעשניטן, האָט מען געקאָנט באַמערקן דעם אויבערשטן ראַנד פון אירע קיילעכדיקע בריסטלעך. מיר האָבן זיך געשפּילט מיט מיין צעריסן מיצל, ביז מיר זענען הונגעריק געוואָרן און איך האָב אָפּגעבאַקן אַזעלכע קרוכלע, וואַרעמע קימל־ראָגעלעך און געזאַלצענע בייגל — האָבן מיר געגעסן און זיך געפרייט און געלאַכט, געלאַכט דעם גאַנצן וועג.

מיטוואָך איז רבקהלע אַוועקגעפאָרן קיין זאַליעשטשיקי. פרייטיק האָט מיך דער טאַטע געשיקט קויפן פּאָסט־קאַרטלעך, האָב איך צוגענומען דאָס געלט, און שבת נאָכן עסן בין איך אַוועק. מיין פריינט האָט מיך באַגלייט ביז הינטער דער שטאָט. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט. איך האָב זיך צוגעזעגנט ביים ריוו און פעסטער צוגעשנירט מיינע שיך. מיין פריינט האָט מיר נאָך געגעבן צום אָנדענק זיין בעסטן בליישטיפט, דערנאָך האָבן מיר זיך געשוואוירן אייביקע טריישאַפט און זיך אָפּגעזעגנט.

איך בין שוין געווען מער ווי אַ האַלבע שעה אין וועג, ווען ס'האָט פלוצים אָנגעהויבן רעגענען. שלעכט! אָבער איין איז אַ סגולה קעגן רעגן. האָב איך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אויב איך וועל געפינען אַ שטיק אייזן — איז גוט; אויב אָבער ניט, איז דאָס אַ סימן, אַז איך מוז זיך אומקערן צוריק אַהיים. און אָט ליגט טאַקע אויפן וועג אַ האַלבע פּאָדקאָווע, ממש ווי עמעצער וואָלט זי אָנגעגרייט פאַר מיר! איז עס דאָך אַ גוטער סימן, און איך נעם שפּאַנען נאָך שנעלער.

אין אָוונט בין איך אָנגעקומען אין סעראַפּיניעץ, אַ דאָרף צווישן האָראָדענקע און זאַליעשטשיקי. איך בין אַריין אין קרעטשמע, וועלכע איז געווע פול מיט אוקראַינישע פּויערים. זיי האָבן מיך גלייך פאַרוואָרפן מיט פראַגעס: ווי אַלט איך בין, ווי לאַנג איך וואַנדער שוין אַזוי, ווי עס האַלט מיט דער וועלטפּאָליטיק, פאַרוואָס די טערקן גייען אין רויטע מיצלעך, און אויב ס'איז טאַקע אמת, אַז ביי מאַנכע פעלקער טראָגן די מאַנסבילן לאַנגע צעפּ, און אַנדערע האָבן גאָר בלויז איין אויג אין שטערן. איך האָב אויף אַלץ, פאַרשטייט זיך, געפונען אַן ענטפער און בין זיי אַזוי געפעלן, אַז איינער האָט מיך באַלד פאַרבעטן צו זיך אויף וועטשערע. אָבער ווי קאָן איך גיין צו אים עסן, אַז ביי אים איז ניט כשר? האָט ער מיך טראַקטירט אין קרעטשמע מיט פיר זעמל און אַ הערינג, און דערצו נאָך געהייסן דערלאַנגען אַ גאַנצע „האַלבע" ביר. מיר האָט זיך באַלד דער קאָפּ פאַרדרייט און איך בין אַוועק אין שייער שלאָפן.

ביינאַכט איז מיר געווען קאַלט. בין איך אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. די פייגל האָבן זיך צעזונגען זייער מאָרגן־שירה צו גאָט, און איך, אַ צוועלף־יאָריקער, קליין און צעשראָקן, האָב געוואַנדערט איינער אין דער גרויסער, ווייטער וועלט — ווער ווייסט וואָס זיי טראַכטן איצט איבער אין דער היים? איך וואָלט פאָרט געווען באַדאַרפט זיך געזעגענען מיטן טאַטן... אָבער ווי האָב איך אים געקאָנט דערציילן וועגן רבקהלען? און וואָס וועט טאַקע רבקהלע אַליין זאָגן, ווען זי וועט מיך פלוצים דערזען? דאָס ערשטע, וואָס איך וועל איר זאָגן: „מענער זענען דאָך געטריי, און מען שטייט נישט באַלד הינטער אַ צווייטן פענצטער מיט אַן אַנדערער". פלוצים האָט זיך מיר געדאַכט ווי עמעצער רופט מיך. איך קוק זיך אום, און דערזע פון ווייטן אַ הויכן מאַן, וועלכער ווינקט צו מיר מיט אַ שטעקן און רופט מיך. איך האָב זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן גיין שנעלער — גייט אויך דער מאַן גיכער הינטער מיר. נישט גוט, טראַכט איך, און איך הויב אָן לויפן. אָבער אויך דער מאַן לויפט מיר נאָך. איך יאָג, אַז דאָס האַרץ פאַלט מיר שיער אַרויס. כ'בין באַגאָסן מיט שווייס און דער גאַנצער אַרום נעמט שווינדלען פאַר די אויגן — ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט מיך מוטשען איידער ער וועט מיך הרגענען — — טויזנטער שטערנדלעך

נעמען טאַנצן פאַר מיינע בליקן — איך קאָן נישט לויפן לענגער און איך פאַל אַוועק.

איך בין געלעגן אַ היפּשע ווײַלע. ווען איך האָב געעפנט די אויגן, איז איבער מיר געשטאַנען אַ פאַרשוויצטער שייגעץ מיט אַ גוטמוטיק פּנים.

— דו קאָנסט אָבער לויפן ווי אַ ווינער, דו קליינער טייוול! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל און זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס פּעקל, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין לאַנגן שטעקן. איך האָב זיך ווידער געשראָקן. ער האָט אַרויסגענומען אַ שטיק שוואַרץ פּויעריש ברויט מיט ברינזע און זיך געטיילט מיט מיר. איך האָב גענומען עסן, האַלב אויס הונגער און האַלב אויס מורא.

— אַ שאָד — זאָגט ער מיט אַ שמייכל — וואָס מיר קאָנען ניט פאַרטרינקען מיט אַ גוט שנעפּסל.

איך האָב געשוויגן.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי געלאָפן? — פרעגט ער ענדלעך.

— פאַרוואָס ביסטו מיר נאָכגעלאָפן? — פרעג איך אים צוריק.

— אין בין דיר נאָכגעלאָפן, ווייל דו ביסט אַנטלאָפן.

— און איך בין אַנטלאָפן, ווייל דו ביסט מיר נאָכגעלאָפן.

— גייסט דען ניט קיין זאַליעשטשיקי?

— אַוודאי גיי איך קיין זאַליעשטשיקי.

— נו, געוויס. דאָס האָב איך דאָך געהערט נעכטן ביינאַכט אין קרעטשמע, האָב איך גערעכנט, אַזוי ווי איך וויל דאָרטן זיין אויפן יאַריד, וועלן מיר גיין צוזאַמען.

מיר האָבן פאַרענדיקט דאָס עסן און באַלד זיך געלאָזן ווייטער אין וועג אַריין. דער שייגעץ האָט גענומען דערציילן פריילעכע מעשהלעך, האָב איך אים צוריק דערציילט, און אַזוי זענען מיר, לאַכנדיק און שטיפנדיק, אָנגעקומען מיטיק־צייט קיין דזוואָניעטשקאַ, אַ פאָרשטאָט פון זאַליעשטשיקי, פון וואַנען אַ שפּאָגל־נייע אייזערנע בריק האָט געפירט איבערן דניעסטער אין שטאָט אַריין. דאָ האָבן מיר זיך שוין אָפּגעזעגנט ווי אַלטע גוטע־פריינט.

מיר איז געפעלן געוואָרן די שיינע, ריינע שטאָט, וועלכע דער דניעסטער האָט אַרומגענומען ווי מיט אַ סטענגע. די מענטשן דאָ האָבן אויסגעקוקט ווי ביי אונדז און גערעדט ווי ביי אונדז. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פענצטער, אין וועלכן ס'איז געלעגן זייער שיין געבעקס. קומט צו מיר צו אַ נידעריקער ייד, מיט אַ בלאָנדער באָרד אַרום דעם שמייכלענדיקן פּנים:

— ביזט, דאַכט זיך, ניט קיין היגער? כ'האָב דיך דאָ קיינמאָל ניט געזען.

איך דערצייל אים, אַז איך בין אַ בעקער־יונג און איך קום פון האָראָדענקע דאָ זוכן אַרבעט.

— שלום עליכם — גיט ער מיר די האַנט, און צעלאַכט זיך באַלד — ווען דו קוקסט אויס, ביסטו נאָר אַ האַלבער בעקער־יונג.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין שענק און געהייסן געבן בייגל און אַ שנאַפּס. מיר וואָלט, פאַרשטייט זיך, ליבערשט געווען אַ גלאָז מילך; אָבער גיי בעט מילך, אַז איך וויל ער זאָל מיך נעמען פאַר אַ פאָלנע געזעלן! ער פרעגט מיך אויס ווי לאַנג איך אַרבעט שוין און וואָס איך קען.

— פּרוּווט מיך אויס אַ נאַכט, וועט איר זען — ענטפער איך.

איך געפעל אים.

— קיין באַרימער, זע איך, ביסטו ניט — זאָגט ער צו מיר און פירט מיך גלייך אין זיין בעקעריי.

ביי אים האָבן געאַרבעט פיר געזעלן: דער זיבעציק־יאָריקער גוי אַנטאָש, אַ מיטל־יאָריקער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, רפאל, און עפּעס צוויי, ניט איבעריק סימפּאַטישע יונגען. איך בין געווען דער פינפטער. דער באַלעבאָס אַליין איז געבליבן אויף איבער נאַכט „אַרויסהעלפן"; אין אמתן האָט ער געוואָלט זען ווי איך טו די פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס ער האָט מיר געגעבן: מאַכן אַ ראָשטשינע, פאַרקנעטן ברויט, אויסוואַלגערן אַ טייג. ביים מאַכן די קייזער־זעמל און ראָגאַליעס האָט ער אַזש אונטערגעשמייכלט פאַר הנאה; אויף דעם בין איך נאָך אין דער היים געווען אַ בריה. גאַנץ פרי, ווען איך האָב געבראַכט דאָס געבעקס אין זיין קראָם, זאָגט ער צו מיר:

— קום, וועלן מיר נעמען אַ שנעפּסל און מיר וועלן זיך דורכשמועסן אַביסל.

מיר גייען.

— איך ווייס — זאָגט ער, שוין אין שענקל — אַז איך קאָן דיך קריגן זייער ביליק ביז פּסח. אָבער איך וויל אַפילו ניט זאָלסט מיר זאָגן וויפל דו פאַרלאַנגסט. איך וועל דיר געבן וויפל איך צאָל רפאלן מיט דער לאַנגער באָרד, כאָטש ער איז אַ טאַטע פון דריי קינדער. וועסט באַקומען ביי מיר אַ גולדן־פופציק אַ וואָך, מיט קעסט און קוואַרטיר, ביז פּסח. אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט — האָב איך געגעבן די האַנט און בין געווען זייער גליקלעך.

איך האָב זיך שוין געזען פּסח אין דער היים, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ בלוי־געשטרייפטן אָנצוג, נייע שיך מיט גומענע קנאַפּל, און מיט אַ סך מתנות פאַר די ברידער און שוועסטער — בין איך דאָך עפּעס אַ גרויסער ברודער צו זיי, אַ דערוואַקסענער מענטש אין אַ פרעמדער שטאָט, וואוהין איך בין נאָכגעלאָפן מיין „ליבע"...

איך האָב מיך פאַרטראַכט. מנשה שטרום, מיין נייער מייסטער, האָט מיך פּלוצים אַ פרעג געטאָן

— נו, וועגן וואָס טראַכסטו?

— וועגן דער היים — האָב איך געענטפערט אַביסל ניט דרייסט.

— גיי — זאָגט ער — שלאָף זיך אויס און זאָלסט זיך דאָ פילן פונקט ווי אין דער היים, דו הערסט?

און איך האָב באמת אָנגעהויבן זיך פילן ביי זיך אין דער היים.

משה פלעשנער

אונדזער שטאָט אין יאָר 1929

פאַר איינעם וואָס גייט אויפצייכנען זכרונות פון זיין געבורט־שטאָט, אין וועלכער ער האָט פאַרבראַכט נישט מער ווי אַ דריטל פון זיין לעבן, שטעלט זיך די פראַגע: וואָס אייגנטלעך בינדט דיך צו דעם קליינעם שטעטל, וואו דו ביסט „צופעליק" געבוירן געוואָרן? וועלכע סענטימענטן בינדן דיך צו דעם שטעטל, אַפילו מער ווי צו דעם לאַנד ארץ־ישראל, אין וועלכן דו לעבסט אַזוי לאַנג? אין דעם לאַנד וואו דו ביסט רייף און זעלבשטענדיק געוואָרן, וואו דו האָסט אַרויסגעוויזן דיינע פעאיקייטן צו באַוועלטיקן די פּראָבלעמען וואָס שטעלן זיך פאַר יעדן יונגנמאַן אָן אַ פאַך און אָן דערפאַרונג, די פעאיקייט צו דערגרייכן דאָס ענדציל פון יעדן מענטש — צו בויען זיין משפחה און זיך אַריינוועבן אין בוי פונם לאַנד.

און דאָך, די אַכצן יאָר וואָס דו האָסט פאַרבראַכט אין שטעטל — זיי האָבן באַשטימט די ריכטונג פון דיין אַנטוויקלונג, דאָרט האָסטו באַקומען דיין דערציאונג אַלס ייד און אַלס מענטש, און דו קענסט זיך בשום אופן נישט באַציען צו יענער קורצער תקופה ווי צו אַ צופעליקער עפּיזאָדע. און אפילו אַז דו ווילסט אַמאָל פאַרגעסן מאַנכע געשעענישן, אויף וועלכע דו קוקסט היינט מיט גאַנץ אַנדערע אויגן, לאָזט דיך דיין געוויסן דאָס נישט טון און עס שטעלט זיך פאַר דיר די פראַגע: צי טוסטו נישט קיין עוולה, וועלנדיק פאַרגעסן דיינע שיינע יאָרן? צי איז טאַקע אַזוי שוואַך דער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט די צוויי וויכטיקע תקופות פון דיין לעבן? און דו קומסט צום באַשלוס, אַז דו קענסט דיך נישט אָפּזאָגן פון דיין פאַרגאַנגענהייט, פון דעם ביסל וואָס איז נאָך דערפון פאַרבליבן אין דיין זכרון.

און איצט, אַז אונדזערע שטעטלדיקע האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע, אויפצושטעלן אַ מצבה צום אָנדענק פון אונדזער אַמאָליקער היים אין פאָרם פון אַ יזכור־בוך, וואָס זאָל דערמאָנען וואָס מיר האָבן געהאַט און וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, פילט יעדער פון אונדז דעם חוב זיך דאַרין צו באַטייליקן, גלייך ווי אַ חוב צו זאָגן „קדיש" צום אָנדענק פון די קדושים, וואָס האָבן געפונען זייער טויט אין מאַסן־קברים.


דער ערשטער און גרעסטער חוב ליגט נאַטירלעך אויף די־יעניקע, וואָס זענען געווען עדות פון די באַרבאַרישע עינויים און טויטן, מיט וועלכע מען האָט אונדזער פאָלק פאַרניכטעט. אויף זיי ליגט דער חוב צו דערציילן פאַר די קומענדיקע דורות, וואָס די „קולטורמענטשן", וועלכע זענען געווען ערגער ווי ווילדע חיות, האָבן געטון מיט זייערע עלטערן און פאָרעלטערן. און דאָס דערציילן זיי אין דעם בוך, און דאָס איז דער וויכטיקסטער טייל פונם ספר הזכרון. אָבער גלייכצייטיק דאַרף אויך געמאַכט ווערן אַ רעקאָנסטרוקציע פון אונדזער שטאָט און פון דעם יידישן לעבן אין איר, ווי אַ שטאָט וואָס איז געווען אַריינגעוועבט אין לעבן און אין דער געשיכטע פונם גאַליצישן יידנטום און האָט געהאָלפן שאַפן ממשותדיקע ווערטן פאַרן יידישן פאָלק.

איך ווייס נישט, צי די זכרונות וועלכע איך גיי דאָ אויפצייכנען וועלן געבן אַ וויכטיקן בייטראָג צו דער געשיכטע אָדער צום פאָלקלאָר פון די האָראָדענקער יידן אין דער תקופה צווישן דעם יאָר 1914, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, און דעם יאָר 1925, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. איך האָף אָבער אַז דער יזכור־בוך אין אַלגעמיין וועט ענטהאַלטן שילדערונגען און סקיצן, וואָס וועלן געבן אַ ריכטיק בילד פונם אַמאָליקן האָראָדענקע, און יעדער פון אונדז דאַרף געבן זיין בייטראָג. נעמענדיק אין באַטראַכט אָט־די פליכט און דעם ווילן צו געבן מיין טייל צו דעם אַלגעמיינעם ווערק פונם יזכור־בוך, וויל איך פּרוּוון אויפצייכענען אַ טייל פון מיינע זכרונות פון יענער צייט.

א. קינדעריאָרן

די קינדעריאָרן פון אַ יידיש קינד אין דער באַצירקס־שטאָט האָראָדענקע זענען געוויס נישט געווען אַנדערש ווי פון יידישע קינדער אין אַנדערע שטעט פון אונדזער געגנט. די ערשטע בילדונג האָט מען באַקומען אין חדר און אין דער באַראָן הירש־שול. דער חינוך אין אַלגעמיין איז געווען טראַדיציאָנעל, און פונם אָנהויבן חומש ביז צו דער בר־מצווה האָט מען אַ פאָר מאָל געביטן די חדרים און די מלמדים. נאָך יעדן זמן, און אָפטמאָל אויך אין מיטן זמן, האָט מען זיך געדאַרפט „פאַרהערן". שבת נאָכמיטאָג איז די משפחה זיך צונויפגעקומען, און דער רבי האָט זיך באַמיט צו ווייזן וויפל תורה דער תלמיד האָט ביי אים געלערנט.

אָפטמאָל האָט דאָס קינד אין זיין צענטן יאָר שוין געדאַרפט פירן אַ קאַמף פאַר זיין צוקונפט. אים האָט זיך געוואָלט גיין אין גימנאַזיום, ווי מאַנכע פון זיינע חברים, אָבער



החוג לספרות בראשית שנות העשרים

ליטעראַרישער צירקל — 1923

The Circle for Iiteraric Activitie's — 1923

די עלטערן האָבן דאָס נישט געוואָלט, מיינסטנס צוליב רעליגיעזע סיבות. אָבער ביסלעכווייז איז דאָס „אַריין אין דער מאָדע", און די עלטערן האָבן זיך לייכטער געלאָזט איבערצייגן.

אין די לעצטע יאָרן האָבן די חדרים באַקומען אַ גאַנץ ערנסטע קאָנקורענץ: מען האָט אָנגעהויבן צו שיקן די קינדער אין דער העברעאישער שול, אָנשטאָט צי שיקן זיי אין חדר אַריין. בכלל האָט דאָס אויפקומען פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג געבראַכט צו מיינונגס־פאַרשידענהייטן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די ערשטע טעג פון דער מלחמה, דאָס „איינריקן" אין מיליטער פון עלטערן און קינדער, באַגלייט פון זייערע וויינענדיקע קרובים, האָבן זיך טיף איינגעגראָבן אין זכרון. דערנאָך — דער ערשטער פיינטלעכער עראָפּלאַן איבער דער שטאָט און די רוסישע אינוואַזיע.

די ערשטע רוסישע אינוואַזיע האָט געדויערט קעגן אַ האַלב יאָר, דערנאָך איז ווידער געקומען קיר"הס אַרמיי. די יידן האָבן זיך זייער געפרייט, אָבער נישט אויף לאַנג. די רוסן האָבן זיך צוריק אָרגאַניזירט, און די עסטרייכער האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען איין מפּלה נאָך דער אַנדערער. זיי האָבן געזען אַז די מלחמה איז נישט קיין שפּאַס, און האָבן אָנגעהויבן מאָביליזירן עלטערע און יינגערע יאָרגאַנגען, אַזוי אַז אָפטמאָל זענען אַוועקגענומען געוואָרן פון דערזעלבער משפּחה דער פאָטער און ד" זין פון איבער זיבעצן יאָר. די יינגערע קינדער האָבן זיך געמוזט איינשפּאַנען אין עול פון דער פּרנסה און ווערן די שטיצע פון דער משפּחה. דערצו איז נאָך געקומען די צווייטע און די דריטע רוסישע אינוואַזיע. די רוסן האָבן דורכגעבראָכן דעם פראָנט ביים דניעסטער, האָבן פאַרנומען מזרח־גאַליציע און אָנגעהויבן גיין אויף פּשעמישל. מיט דער עראָבערונג פון פּשעמישל האָבן זיי געהאָפט צו ענדיקן די מלחמה...

ביי דער צווייטער און דריטער אינוואַזיע האָבן די יידן כמעט אָן אַן אויסנאַם פאַרלאָזט די שטאָט און זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיטן מיליטער. גליקלעך איז געווען ווער ס'האָט געקענט באַקומען אַ פערד־און־וואָגן און אויפלאָדן כאָטש די „בעבעכעס", דאָס נויטיקסטע בעטגעוואַנט. די איבעריקע האָבן געשפּאַנט מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס און דאָס דונערן פון די קאַנאָנען האָט זיי באַגלייט.

ווער ס'האָט זיך באַטייליקט אין יענער שרעקלעכער וואַנדערונג וועט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. קינדער האָבן פאַרלוירן די עלטערן און עלטערן די קינדער, און האָבן זיך ערשט וואָכן שפּעטער צוריק אָפּגעזוכט אין איינעם פון די לאַגערס אין טשעכיען אָדער אין מערן. איך געדענק ווי מיר זענען געפאָרן ביינאַכט פון קאָלאָמיי קיין אונגאַרן אין אַ פול געפּאַקטן אָפענעם וואַגאָן, און דאָ האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן. אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט, און ערשט אינדערפרי האָט די האַרבסט־זון אַ שיין געטאָן און דערוואַרעמט די נאַסע פאַרפרוירענע גלידער, און ביי דער ערשטער סטאַציע אין אונגאַרן האָבן פאַרטרעטער פון דער רעגירונג און פון דער יידישער קהילה אויפגענומען די אָרעמע פליכטלינגע און פאַרטיילט אַ ביסל וואַרעמס פאַר די קינדער.

ווייטער איז מען שוין געפאָרן אין מענטשלעכע באַדינגונגען, ביז מיר זענען געקומען צו אונדזער „מקום מנוחה", וואו מיר האָבן געדאַרפט איבערבלייבן די שווערע יאָרן פון דער מלחמה. די דריי יאָר וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין בעהמען, נישט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ, זענען אַ באַזונדער קאַפּיטל. די ערשטע צייט איז געווען אַ ביסל שווער ביז מיר האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין דער פרעמדער סביבה. אָבער מיט דער צייט זענען די לעבנס־באַדינגונגען געוואָרן נאָרמאַל, און אַז ס'איז געקומען די צייט און מען האָט געקענט צוריקפאָרן, האָבן אַ סך משפּחות זיך נישט געאײַלט און נישט געוואָלט זיין גראָד די ערשטע צום אַהיימפאָרן.

גאָר אַ שיינע און וואַרעמע באַציאונג צו די פליכטלינגע האָבן אַרויסגעוויזן די יידן פון די שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך. די פאָרשטייער פון די קהילות האָבן אַ סך געטון צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון די פליכטלינגע, און דאָס האָט משפּיע געווען אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין מאַטעריעלער הילף, אין איינאָרדנען די קינדער אין יידישע שולן, אין אַראַנזשירן אַ שיינע בר־מצווה פאַר יינגלעך, אָדער אין פאַרבעטן אַהיים די פליכטלינגע, וואָס זענען געקומען אין שיהל אַריין שבת און יום־טוב; און דאָס איז געווען פון גאָר אַ גרויסער וויכטיקייט, ווייל ביים גרעסטן טייל פון די משפּחות איז דער פאָטער געווען אין מיליטער. און די כלל־טוער האָבן געזאָרגט אַז די דערציאונג פון די קינדער זאָל דערפון נישט ליידן.

ב. בחורישע יאָרן

די פליכטלינגע וואָס זענען צוריקגעקומען האָבן געטראָפן די שטאָט אינגאַנצן צעשטערט. די הייזער און געוועלבן וואָס זענען געבליבן שטיין זענען געווען אָן פענצטער און טירן, און אַלץ פון זיי האָט מען אויסגעליידיקט. אַ טייל גוייִשע שכנים האָבן די שטוב־זאַכן באַהאַלטן און זיי דערנאָך אָפּגעגעבן, ביי אַנדערע האָט מען זיי געמוזט אָפּנעמען מיט הילף פון דער פּאָליציי. די פּוילישע רעגירונג האָט געגרינדעט אַ פאָנד צום אויפבויען די שטעט און האָט פאַרטיילט מאַטעריאַל אָן געלט, און אַזוי האָט זיך די שטאָט צוריק אויפגעבויט און איז צוריקגעקומען צום נאָרמאַלן לעבנסשטייגער.

מיטן ווידעראויפבוי פון דער שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה. די יוגנט האָט זיך באַפרייט פונם עול פון דער פּרנסה און האָט ווידער געקאָנט לעבן איר לעבן. אַ טייל האָבן ווידער אָנגעהויבן שטודירן, אַנדערע האָבן געלערנט אין אָוונט־קורסן. אין שטאָט זענען געווען אַ פּאָר סטודענטן נאָך דער „מאַטוראַ", וואָס האָבן נאָך נישט באַשלאָסן וואָס ווייטער צו טון, און זיי האָבן געבילדעט דעם קערן, אַרום וועלכן ס'האָט זיך פאָרמירט דאָס גייסטיקע לעבן אין שטאָט.

די טעטיקייט פון דער יוגנט האָט דעמאָלט אָנגענומען אַ פאָרם, וועלכע איז נישט געווען באַקאַנט אין האָראָדענקע פאַר דער מלחמה: די פאָרם פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. די אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט ציוניסטישע שטרעבונגען, אָבער זיי האָבן גלייכצייטיק אויך געגעבן זייערע חברים אַלגעמיינע בילדונג, האָבן אָנגעוויזן זיי וואָס און ווי אַזוי צו לייענען, און

האָבן געבילדעט פאַרשידענע סעקציעס און צירקלען, ווי ליטעראַרישע צירקלען, אַ סעקציע פאַר ספּאָרט און אַ דראַמאַטישע סעקציע. די דראַמאַטישע סעקציע איז אַנטשטאַנען אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק דעם באַזוך פון אונדזער בן־עיר, דעם גרויסן שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וואָס זיין אויסערגעוויינלעכער טאַלאַנט האָט דערוועקט גרויס התלהבות ביי דער יוגנט אין שטאָט, און ער האָט אויך פּראַקטיש געלערנט די ערשטע חברים פון דער דראַמאַטישער סעקציע.

איינע פון די באַליבטע באַשעפטיקונגען פון דער יוגנט איז געווען דער שאַך־שפּיל, און דער צענטער פון שאַך־שפּיל אין האָראָדענקע איז געווען ביי הערשל סוכער.

איך קען דאָ אין אַ פּאָר שורות געוויס נישט געבן קיין ריכטיקע אָפּשאַצונג פון דער ראָלע וואָס הערשל סוכער האָט געשפּילט אין ציוניסטישן לעבן אין האָראָדענקע. איך וויל בלויז זאָגן, אַז ער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אַן איבערגעגעבענעם ציוניסט, און אַ מוסטער פאַר אונדז אַלע ווי אַזוי צו אַרבעטן פאַרן ציוניסטישן געדאַנק. ער האָט אויך פאַרווירקלעכט דאָס וואָס ער האָט אַנדערע געהייסן טון און איז געקומען מיט זיין משפּחה קיין ארץ־ישראל. אויך דאָ איז ער געווען אַסך טעטיק אין דער האָראָדענקער לאַנדסמאַנשאַפט. ער איז געשטאָרבן אין הרצליה אין יאָר 1959, צום באַדויערן פון אונדז אַלע, וואָס האָבן אַלעמאָל געוווּסט ריכטיק אָפּצושאַצן זיין טעטיקייט און זיין איבערגעבנקייט.

די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זענען געווען אַסך טעטיק ביי די פאַרשידענע זאַמלונגען פאַר קרן קיימת און קרן היסוד; זיי האָבן פאַרטיילט פּושקעס פון קרן קיימת, געזאַמלט געלט ביי פאַרשידענע שמחות, און פאַראַנשטאַלטעט אָוונטן און פאָרשטעלונגען, וואָס זייער הכנסה איז געווען באַשטימט און געהייליקט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן. אין פּאָליטישער הינזיכט האָט די יוגנט צום גרעסטן טייל געהערט צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער שטרעמונג, וועלכע האָט אויך געהאַט די גרעסטע השפּעה אין דער חלוץ אָרגאַניזאַציע. די עלטערע ציוניסטן זענען אַלע געווען „ציונים כלליים", אָדער ווי מען פלעגט זיי רופן ביי אונדז — סתם ציוניסטן.

די ערשטע גרופּן פון „חלוצים" האָבן זיך אָרגאַניזירט נאָך אין יאָר 1919. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אַרבעטן פעלדאַרבעט ביי די יידישע גוטבאַזיצער אין דער געגענט און צוגרייטן זיך צו דער אַרבעט אין ארץ־ישראל. עס איז גאָרנישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך צו באַקומען די אַרבעט, ווייל אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געהערט געוואָרן, אַז יידישע בחורים פון דער שטאָט זאָלן פלוצים זיך נעמען צו פעלדאַרבעט. ענדלעך האָבן זיך די „אַרבעטסגעבער" געלאָזט איבערצייגן און אונדז צוגענומען. די טעג וואָס מיר האָבן געאַרבעט אין פעלד זענען געווען פאַר אונדז אַ טיפע איבערלעבונג. אָבער עס זענען אויך געווען דורכפאַלן: עטלעכע פון אונדז האָבן זיך נישט געקענט צופּאַסן צו דער שווערער אַרבעט און האָבן געמוזט זיך אומקערן אַהיים, און דאָס האָט געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק.

די ערשטע גרופּע עולים, כמעט אַלע געענדיקטע גימנאַזיסטן, האָט פאַרלאָזט האָראָדענקע אין יאָר 1920. אום זומער 1920 איז אָפּגעפאָרן די צווייטע גרופּע, אין וועלכער איך בין אויך געווען. צום שלימזל האָבן מיר זיך געמוזט פאַרהאַלטן אין פּרעשבורג, כדי צו באַקומען די וויזע ביים ענגלישן קאָנסול, און דער דאָרטיקער ארץ־ישראל אַמט האָט אונדז געדאַרפט צוהעלפן דערצו. דאָרט איז דער ארץ־ישראל אַמט געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די עקסטרעם פרומע „שלומי אמוני ישראל", און אונדזער גרופּע האָט זיי נישט געפעלן. וואָכנלאַנג האָבן מיר זיך מיט זיי אַרומגעאַמפּערט, און ענדלעך האָבן זיי אויסגעפירט זייערס און האָבן משפּיע געווען אויפן קאָנסולאַט אונדז אָפּצוזאָגן די וויזעס. מיר האָבן זיך ווי־נישט־ווי צוגעשלאָגן קיין ווין און געהאָפט דאָרט צו באַקומען די וויזעס, אָבער אינצווישן זענען פאָרגעקומען אַראַבישע אומרוען אין ארץ־ישראל, און די מאַנדאַט־רעגירונג האָט צייטווייליק אָפּגעשטעלט די עלייה קיין ארץ־ישראל. אַ פּאָר פון אונדזערע חברים זענען געבליבן אין ווין לערנען אַ פאַך און זענען עטלעכע יאָר שפּעטער געקומען קיין ארץ־ישראל, און אַנדערע האָבן זיך געלאָזט איבעררעדן און זענען צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס צוריקקומען איז געווען צייטווייליק, ביז מען וועט אָפּשאַפן די פּאָליטישע באַגרענצונגען. דערווייל זענען אונטערגעקומען אַנדערע שוועריקייטן: מיר זענען אינצווישן געוואָרן מיליטער פליכטיק, און אויף צו באַקומען אַ פּאַס האָט מען געדאַרפט אַרויסבאַקומען אַן ענדגילטיקע באַפרייאונג פונם מיליטער. דאָס איז געווען נישט לייכט און פאַרבונדן מיט „הוצאות". ענדלעך האָט זיך אַלעס איינגעאָרדענט, און ענדע 1925 בין איך אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל מיט איינעם פון די גרעסטע טראַנספּאָרטן וואָס זענען אַרויסגעפאָרן פון פּוילן.

איך וויל נישט באַשרייבן די שוועריקייטן פון אַקלימאַטיזירן זיך דאָ אין לאַנד, ווייל דאָס האָט יעדער דורכגעמאַכט, און נישט נאָר מיר האָראָדענקער. כ'וויל נאָר באַמערקן, אַז קומענדיק אַהער האָבן מיר געשטרעבט צו פאַראייניקן זיך מיטן ארץ־ישראלדיקן כלל, און נישט אונטערשטרייכן אונדזער האָראָדענקער אָפּשטאַמונג. און דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז 1945; אין דעם יאָר האָבן מיר געפונען פאַר נויטיק זיך צו אָרגאַניזירן אַלס לאַנדסמאַנשאַפט, כדי צו העלפן אונדזערע געצייל‌טע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פונם שרעקלעכן חורבן.

ג. מיין לעצטער באַזוך אין האָראָדענקע

מיין לעצטער באַזוך אין האָראָדענקע — אַ פּריוואַטער פאַמיליען באַזוך — איז געווען אין פעברואַר 1929. צוזאַמען מיט מיר זענען געפאָרן אויף דער שיף אַ פּאָר יידן וואָס האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, און זיי האָבן געפּרוווט פאַרענטפערן זייער אַוועקפאָרן מיט כל מיני תירוצים. אַ טייל פון זיי האָב איך אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווידער באַגעגנט אין לאַנד; זיי זענען צוריקגעקומען, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרזוכט דעם טעם פונם „לייכטן לעבן" אין חוץ־לארץ.

איך בין נישט געווען דער איינציקער וואָס איז אָפּגעשטיגן אין קאָנסטאַנצאַ, און באַלד ווי מיר זענען אָפּגעשטיגן האָבן מיר דערפילט, ווי ווייט מיר האָבן זיך דערווייטערט פונם

גלות־לעבן, און ווי שווער מיר וואָלטן זיך געקענט ווידער צופּאַסן צו יענעם לעבן. לײַדער איז דעמאָלט געווען שווער צו איבערצײַגן די יוגנט, זיי זאָלן איבערלאָזן די „גליקן״ אין גלות און קומען קיין ארץ־ישראל. דעמאָלט האָבן נאָך אַסך פון זיי געקענט קומען אַהער, און אָפּגעהיט ווערן פונם טראַגישן גורל וואָס האָט זיי געטראָפן.

אין אייראָפּע האָט דעמאָלט געהערשט אַ שווערער ווינטער, און די רײַזע פון קאָנסטאַנצאַ קיין האָראָדענקע האָט געדויערט פיר טעג אָנשטאָט צוויי טעג. פון קאָלאָמיי קיין האָראָדענקע איז בכלל נישט מעגלעך געווען צו קומען, און איך האָב געמוזט אַרײַנפאָרן אויף שבת קיין זאַבלאָטאָוו, וואו מײַן ברודער חיים האָט געוואוינט. ערשט זונטיק פאַרנאַכט זענען מיר ביידע אָנגעקומען קיין האָראָדענקע.

אין האָראָדענקע האָב איך געטראָפן אַסך ענדערונגען צום גוטן. עס זענען צוגעקומען נײַע מאָדערנע בנינים, טראָטואַרן, אויטאָמאָבילן און אויטאָבוסן; די עקאָנאָמישע לאַגע אין שטאָט האָט זיך אויך פאַרבעסערט, אין פאַרגלײַך מיט דער לאַגע פאַר דער צײַט פונם פינאַנץ־מיניסטער גראַבסקי. אין משך פון דער קורצער צײַט וואָס איך בין געווען אין שטאָט האָב איך זיך באַטייליקט אין אַ פּאָר פאַרזאַמלונגען, בעיקר אין ציוניס־טישע און העברעאישע. און איך געדענק ביז היינט, ווי די ציוניסטישע קרייזן זענען געווען נישט־אָנגענעם איבערראַשט, וואָס איך האָב מיך באַטייליקט אין דער פײַערונג פונם ערשטן מאַי אין „נאַראָדני דאָם״, וואָס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן פונעם „בונד״. זיי האָבן פשוט נישט געקענט פאַרשטיין — ווי קומט אַ ציוניסט צום ערשטן מאַי?

ווי געזאָגט, איז דער צוועק פון מײַן באַזוך געווען אַ פּריוואַטער — זיך זען מיט מײַן משפּחה און פײַערן מײַן חתונה מיט פּעפּי בערמאַן, מיט וועלכער איך בין געווען פאַרלאָבט. איר פאַרצווײַגטע משפּחה, און בעיקר איר מוטער (פון דער באַקאַנטער טשערנאָוויצער פאַמיליע ברענער), האָט זיך נישט געקענט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַוועקצולאָזן די טאָכטער אַליין קיין ארץ־ישראל און נישט זוכה זײַן זי צו פירן צו דער חופּה. מײַן שוועסטערס חתונה איז אויך באַשטימט געוואָרן אויף דער זעלבער צײַט — און דאָס אַלץ האָט משפּיע געווען אויף מײַן באַשלוס, צו פאָרן קיין האָראָדענקע און פאַרשאַפן אַ נחת־רוח דער גאַנצער משפּחה, און בעיקר מײַנע עלטערן, פאַר וועלכע דאָס איז געווען דאָס לעצטע גליק אין זייער לעבן. די צען וואָכן פון מײַן באַזוך זענען אין דער הינזיכט געווען איין לאַנגער יום־טוב.

אָבער אויך די יום־טובדיקע טעג האָבן זיך געענדיקט, און ס׳איז געקומען דער טאָג פון מײַן אַוועקפאָרן. צום אָפּשייד זענען געקומען אַלע קרובים. אַחוץ מײַנע גאָטזעליקע עלטערן זענען געווען מײַן ברודער חיים מיט זײַן פרוי און די קרובים פון מײַן מוטערס זײַט, די משפּחה לאַטנער. פון מײַן פרויס משפּחה איז געווען איר שוועסטער דוסיע מיט איר מאַן, און אויסער דעם נאָך קרובים פון ביידע משפּחות, וואָס זענען דערנאָך אַלע אומגעקומען ביי דער ערשטער גרויזאַמער אַקציע אין דעצעמבער 1941. און מיר וועט אייביק פאַרפאָלגן דער שמערץ, וואָס איך האָב נישט געקאָנט אויף זיי משפּיע זײַן צו קומען אַהער און זיך צו ראַטעווען. אמת, איך בין אין דער הינזיכט נישט דער אײנציקער, אָבער דאָס איז גאָר אַ קנאַפּער טרייסט.

פינף חדשים נאָך מײַן אַוועקפאָרן פון האָראָדענקע איז מײַן קאָנטאַקט מיט האָראָדענקע נאָך מער אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן. ווייל אינצווישן האָט מײַן פרוי באַקומען אַ סערטיפי־קאַט און איז געקומען קיין ארץ־ישראל. אין די פינף יאָר פון דער מלחמה איז דער קאָנטאַקט אינגאַנצן אָפּגעהאַקט געוואָרן, און מיר אַלע זענען געווען טיף באַזאָרגט וועגן גורל פון אונדזערע קרובים, וואָס זענען געבליבן אין נאַצישן גיהינום. אָבער קיינער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַז די טראַ־געדיע איז אַזוי גרויס, ווי זי איז געווען אין דערווירקלעכקייט.

די נויטווענדיקייט צו העלפן די אײנצעלנע מענטשן, וואָס האָבן זיך פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט, האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון לאַנדסמאַנשאַפטן פון אַלע שטעט און שטעטלעך. אַזוי איז אויך געגרינדעט געוואָרן אונדזער „ארגון יוצאי הורודנקה והסביבה״, וואָס זײַן טעטיקייט וועט באַשריבן ווערן אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל.



רחוב פילסודסקי
פּילסודסקי גאַס
Pilsudski Street

מאַקס באַהר

אַ רייזע קיין האָראָדענקע אין יאָר 1934

מעגלעך, אַז איך בין געווען איינער פון די לעצטע וואָס האָבן באַזוכט האָראָדענקע פאַרן אומקום, נאָכדעם ווי איך בין געווען אַריבער צען יאָר אין לאַטייניש אַמעריקע.

בשעת איך בין געפאָרן מיט דער באַן איבער בערלין האָט זיך שוין גאָר שטאַרק אָפּגעפילט די נאַצישע טעטיקייט. איבעראַל האָט מען געזען אַסך מיליטער, ספּעציעל אויף די באַנען. אויך אין פּוילן האָט מען שוין געפילט די השפּעה פון דער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע, בעיקר אין גאַליציע, וואו ס׳איז געווען אַ מאַיאָריטעט פון אוקראַינער, וואָס האָבן ממש אויסגעקוקט היטלער זאָל קומען און זיי זאָלן קענען פריי הרגענען די יידן און זיי באַרויבן. שוין דעמאָלט האָב אַסך האָראָדענקער יידן געוואָלט פאַרלאָזן פּוילן, ווער קיין אַמעריקע און ווער קיין ארץ־ישראל, אָבער לײדער האָבן בלויז איינצלנע באַוויזן עס צו טון. אומעטום זענען די טויערן געווען פאַר זיי פאַרשלאָסן.

איך דערמאָן זיך ווי איך בין געפאָרן מיט אַ פיאַקר קיין סניאַטין אויף אַ וויזיט צו מיין פעטער. ס׳איז געווען אַ שטילער רואיקער פרימאָרגן. ווי מיר זענען דורכגעפאָרן דורך דעם דאָרף סעראַפּיניץ, האָבן די מערדערישע אוקראַינער געוואָלט פאַרשטעלן אונדז דעם וועג און צווינגען די פערד זיך אָפּצושטעלן. דער בעל־עגלה איז אָבער געווען פלינקער פון זיי און האָט זיך מיט אַ גאַלאָפּ דורכגעריסן. די אוקראַינער האָבן דאַן נאָכגעשריגן: וואַרט נאָר, איר זשידעס, זאָל נאָר היטלער קומען, וועלן מיר זיך מיט אייך אָפּרעכענען...

און ער איז טאַקע געקומען. איך שטעל זיך פאָר, ווי די באַנדעס גזלנים, דייטשן, אוקראַינער און פּאָליאַקן, האָבן באַפאַלן אונדזערע אָרעמע שוואַכע ברידער און שוועסטער, אַלטע און קינדער, האָבן זיי געקוילעט אָן רחמנות. און פונם האַרץ רייסט זיך אַרויס די אַלטע יידישע קללה: ימח שמם וזכרם!...

בערל מאַסבערג

די דערפער אַרום האָראָדענקע

בדרך כלל רעכען איך זיך פאַר אַ האָראָדענקער, ווייל אין האָראָדענקע האָב איך פאַרבראַכט מיינע בחורישע יאָרן. קיין האָראָדענקע בין איך צוריקגעקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון דאָרט בין איך מיט מיין משפּחה געפאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. אָבער איך האָב אויך אַ נאָענט שייכות מיט די דערפער אַרום האָראָדענקע, ווייל געבוירן בין איך אין סעמיניוקע, און מיינע ערשטע קינדער־יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין סטעצאָווע. מיין זיידע און מיין פאָטער ע״ה האָבן כמעט אַלע זייערע יאָרן געלעבט אין דאָרף. ביים היינטיקן טאָג, ווען דאָס קאַפּיטל פון יידישן לעבן אין די אוקראַאינישע דערפער געהערט לײדער צו דער פאַרגאַנגענהייט, האַלט איך עס פאַר אַ חוב צו באַשרייבן אין דעם יזכור־בוך כאָטש אַ טייל פון דעם אַמאָליקן לעבנס־שטייגער פון יידן אין די דערפער אַרום האָראָדענקע.

ווי באַקאַנט, האָט דער האָראָדענקער באַצירק אַרומגענומען אַכט־און־פערציק דערפער מיט אַן אוקראַאינישער באַפעלקערונג, וועלכע איז דערגאַנגען, לויט מיין אָפּשאַצונג, בערך צו צוואָנציק טויזנט איינוואוינער. כמעט אין יעדן פון די אַרומיקע דערפער האָבן געוואוינט אַ פּאָר יידישע משפּחות, וועלכע האָבן געהאַט דעם מוט זיך אָפּצורייסן פונם שטעטישן כלל און זוכן פּרנסה אין דאָרף. דאָס איז געווען אַ שווערער באַשלוס, צו פאַרציכטן אויף דעם באַקוועמען און זיכערן לעבן אין שטאָט צווישן יידן, און אַריינפאַלן אין דעם איינזאַמען און פרעמדן לעבן צווישן פּרימיטיווע פּויערן, וואָס זענען אָנגעשטעקט געווען מיט שנאת ישראל. דער ייד אין דאָרף האָט זיך געפילט דאָפּלט אין גלות, און בלויז איינצעלנע משפּחות האָבן זיך געקענט צופּאַסן צו דעם לעבן אין דאָרף, און שאַפן דעם טיפּ פון אַ דאָרפס־ייד. וואָס איז אין אַסך הינזיכטן געווען אַנדערש ווי דער שטעטישער ייד.

דער ערשטער ייד וואָס איז געקומען אין דאָרף אַריין איז געווײנטלעך געווען דער „אַרענדאַר״, דער פאַכטער פונם שענק אין דאָרף. דאָס איז געווען אַ שווערע און ביטערע פּרנסה, צו פאַרברענגען גאַנצע אָוונטן מיט שכורע גויים און זיין אויסגעזעצט צו זייערע קאַפּריזן און דראָהונגען. און די איינזאַמקייט, וואָס האָט אויך אין וואָכנטעג באַדריקט דאָס געמיט, איז געווען דאָפּלט שווער אין אַ שבת אָדער יום־טוב, ווען דער „ישובניק״ האָט געמוזט פאַרציכטן אויף דאַוונען מיט מנין, אויף הערן „קדושה״ און „ברכו״, און געמוזט דאַוונען ביחידות, איינער אַליין.

דער דאָרפס־ייד האָט אויך דאָפּלט אָפּגעפילט דעם „צער גידול בנים״. דער איינציקער ייד אין דאָרף, אָדער אַפילו די געציילטע פּאָר משפּחות, האָבן געהאַט צוויי מעגלעכקייטן צו זאָרגן פאַר דער יידישער דערציאונג פון זייערע קינדער: צו שיקן זיי אין שטאָט אַריין לערנען אין „חדר״, אָדער נעמען אַ מלמד אין דאָרף אַריין און פאַרזיכערן זיין אויסהאַלטונג. ביידע וועגן זענען געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן און גרויסע הוצאות. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן די קינדער געלערנט „אויפן שפּיץ גאָפּל״, בלויז אַביסל

„עברי״ און דאַוונען, און דער דאָרפס־ייִד האָט געמוזט צו־קוקן ווי זיין זון וואַקסט אַן „עם הארץ״. די גוישע סביבה האָט אויך געהאַט נישט קיין קליינע השפעה אויף די קינדער, זי האָט געשלעפּט און געצויגן, און דאָס האָט זיך נישט איינמאָל געענדיקט אויף אַ טראַגישן אופן, מיט אַנטלויפן פון דער היים, מיד אַ שמד, און מיט אַן אייביקן פלעק אויף דעם ייִד וואָס האָט געהאַט אַ משומד אין זיין משפחה.

אָפטמאָל פלעגט אַריינפאַלן אין אַט־דער דאָרפישער סביבה אַ ייִד פון דער פרעמד, איינער פון די ייִדן וואָס פלעגן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און דאָרט גיין איבער די הייזער. איך אַליין געדענק נאָך דעם טיפּ פונם „הלך״, ווי מען האָט אים גערופן, וואָס יעדער דאָרפס־ייִד האָט אים פיין אויפגענומען, מכבד געווען אים מיט אַ גוטן מאָלצייט און פאַרבעטן אויף נאַכטלעגער, און אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט הערן זיינע דערציילונגען. ער פלעגט ברענגען אַ גרוס פון קרובים און באַקאַנטע, וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן, אָדער סתם דערציילן נייעס פון די אַרומיקע שטעט און פון דער גרויסער וועלט. אָפטמאָל איז דער גאַסט געווען אַ ייִד אַ בן־תורה, און רעדענדיק מיט אים האָט זיך דער בעל־הבית דערמאָנט וואָס ער האָט געלערנט אין די יונגע יאָרן, האָט אויפגעכאַפּט אַ ניי ווערטל אָדער אַ חסידישע מעשה, וועלכע ער האָט נאָך נישט געהערט. אינדערפרי, נאָכדעם ווי דער גאַסט האָט אָפּגעדאַוונט און אָנגעביסן, איז ער געגאַנגען זיין וועג, און נישט איינמאָל האָט אים דער בעל־הבית נאָר מהנה געווען מיט אַ מתנה און אים אָנגעבענטשט פאַר דעם פאַר־גניגן, וואָס ער האָט אים פאַרשאַפט, פאַר דעם גרוס פון דער ברייטער ייִדישער וועלט, וואָס ער האָט אים געבראַכט.

אָבער אַזאַ מין באַזוך, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ יום־טובדיקן געפיל אין דער נשמה, איז געווען גענוג זעלטן; די איבעריקע טעג פונם יאָר האָט דער דאָרפס־ייִד פאַרבראַכט איינזאַם און אומעטיק. בלויז אין די „ימים נוראים״ האָט ער איבערגעלאָזט זיין הויז און זיין פעלד, זיין האָב און גוטס, כמעט אויף הפקר, און איז אַריינגעפאָרן מיט זיין משפחה אין שטאָט אַריין, צו פאַרברענגען די הייליקע טעג צווישן ייִדן, דאַוונען אין שיהל גלייך מיט זיי און זיך פילן מיט ייִדן גלייך. און נאָך די ימים טובים פאָרט ער צוריק אין דאָרף אַריין אַן אויפגעמונטערטער, און פול מיט האָפנונג אויף אַ גוט ניי יאָר.

דאָס געשילדערטע בילד פון דעם איינזאַמען ייִד אין דאָרף געהערט אייגנטלעך צו דער ווייטערער פאַרגאַנגענ־הייט, מיט אַ צוויי־דריי דורות צוריק. פאַר מיינע צייטן זענען אין אונדזער דאָרף, אין סטעצאָווע, געווען בערך אַ דרייסיק ייִדישע משפּחות, וועלכע האָבן זיך שוין נישט געפילט גאָר איינזאַם. שבת און יום־טוב פלעגט מען זיך צונויפקומען דאַוונען, בישט אין קיין שיהל אָבער אין ספּעציעלן „מנין״ ביי איינעם פון די בעלי־בתים. אפילו אויף „ימים נוראים״ איז מען שוין נישט געפאָרן אין שטאָט אַריין; און אַז מען האָט זיך גאָר געוואָלט פילן יום־טובדיק, האָבן צוויי נאָענטע דערפער געשאַפן אַ שותּפותדיקן „מנין״ און באַשטעלט אַ חזן, ער זאָל דאַוונען פאַרן עמוד, און מען האָט געפּראַוועט יום־טוב כדת וכדין, מיט אַלע פּיטשעווקעס.

די באַציאונגען צווישן דעם דאָרפס־ייִד און דער גוישער באַפעלקערונג זענען בדרך כלל געווען נישט קיין שלעכטע. כאָטש דער ייִד איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי דער גוי, סיי אין גלויבן, סיי אין אויסזען און אין טאָג־טעגלעכן לעבנס־שטייגער, האָבן זיך דאָך געשאַפן צווישן זיי האַלב־פריינטלעכע באַציאונגען, ווי צווישן שכנים. אַ געוויסער פּראָצענט פון די דאָרפס־ייִדן האָבן זיך אַליין פאַרנומען מיט פעלדאַרבעט, און די שותּפותדיקע פּראָבלעמען האָבן אויך געשאַפן אַ געפיל פון נאָענטקייט. דאָס אַלץ האָט נישט געקאָנט אויסוואָרצלען די אייביקע שנאה צום ייִדן, אָבער אין נאָרמאַלע צייטן זענען אויך געווען נאָרמאַלע, מענטשלעכע באַציאונגען.

אין דער געגנט פון האָראָדענקע איז געווען אַן איינ־איינציק דאָרף, דאָס דאָרף טשאַרטאָוויץ, וואָס איז געווען אַן אויסנאַם פון אַלע דערפער אין גאַליציע. דאָרט זענען געווען בערך 140 ייִדישע משפּחות, און כמעט אַלע האָבן זיך באַ־שעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט. דאָס גוזעלשאַפטלעכע לעבן אין ייִדיש־נאַציאָנאַלער ריכטונג איז ביי זיי געווען גאָר אַנטוויקלט; אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיי אַפילו אויפגעהאַלטן אַ העברעאישע שול אין דאָרף.

אַ באַזונדערע שטעלונג צווישן די דאָרפס־ייִדן האָבן גע־האַט די ייִדישע גוטבאַזיצער. אין די דערפער אַרום האָראָ־דענקע איז געווען אַ גרויסע צאָל ייִדישע גוטבאַזיצער (אָדער „פּריצים״, ווי מען פלעגט זיי רופן). אין סטעצאָווע איז דער גוטבאַזיצער געווען יהודה כהן, אַ ייִד אַ בן־תורה און גאָר אַ געבילדעטער. זיין ברודער ד״ר דוד כהן איז געווען אַדוואָקאַט אין האָראָדענקע און איז אויך געווען אַ ייִדישער מענטש, האָט געקענט העברעאיש און איז געווען אַ סימ־פּאַטיקער פונם ציוניזם. אין די דערפער אַרום האָראָדענקע זענען געווען נאָך אַ פּאָר ייִדישע גוטבאַזיצער, וואָס האָבן אַלע געוואוינט אין דאָרף אין זייער גוט. בערל שפּירער, וואָס איז אַסך יאָרן געווען ראש־הקהל אין האָראָדענקע, האָט אויך געהאַט אַ גוט אין טשערניאַטין.

דער דאָרפס־ייִד איז אין אַסך הינזיכטן געווען אַנדערש ווי דער שטעטישער ייִד. ער איז געווען אָנגעטון אין פּשוטע גראָבע מלבושים, האָט נישט געוואוסט זיך צו באַנעמען אַזוי פיין און איז געווען ווייניקער געבילדעט, און אָפטמאָל איינ־גאַנצן נישט געבילדעט. צוליב דעם אַלעמען האָט דער שטע־טישער ייִד נישט איינמאָל געקוקט פון דער הויך אויפן דאָרפס־ייִד און זיך איבער אים געוויצלט. אָבער דער דאָרפס־ייִד איז געווען אַ חשובער טייל פונם ייִדישן כלל, צו וועלכן ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן. די פרייד פונם כלל איז געווען זיין פרייד, און ביי יעדער צרה האָט ער געליטן דער ערשטער. און פון גרויסער וויכטיקייט איז געווען דער פאַקט, וואָס זיי זענען נישט געווען גאַנץ אָפּגעריסן פון דער ערד, פונעם באָדן, און אַ געוויסער טייל פון זיי האָט מקיים געווען דאָס וואָרט פון דער תורה: „בזיעת אפיך תאכל לחם״ — מיטן שווייס פון דיין פּנים וועסטו עסן דיין ברויט.

אברהם בערגמאַן

דאָס דאָרף סעראַפּיניץ

דאָס דאָרף סעראַפּינעץ איז געלעגן אין דער פאָרם פון אַ לאַטייניש גדרוקטער S. די לענג פון איין עק דאָרף ביז צום צווייטן האָט אויסגעמאַכט זעקס קילאָמעטער. דערפאַר איז דאָס דאָרף געווען געטיילט אין צוויי „עקן": דער דרומדיקער טייל, וועלכן מען האָט גערופן „יענער עק", האָט דורכגעשניטן דעם „קייזער־שטראָס", וואָס האָט פאַרבונדן האָראָדענקע מיט טשערנאָוויץ (די אַמאָליקע הויפּטשטאָט פון בוקאָווינע); דער צווייטער טייל, וועלכן מען האָט גערופן „דער עק" האָט זיך אַריינגעשניטן ביז צו דער „טשערוואָנע" (אַ באַקאַנטער היסטאָרישער קוואַל) פון איין זייט, און ביז צו דעם 200 מעטער הויכן באַרג פון דער צווייטער זייט. אָט דער טייל פון דאָרף האָט געגרענעצט האַרט מיט דער פאָרשטאָט פון האָראָדענקע.

די באַפעלקערונג פון סעראַפּינעץ איז געווען אַן אויסשליסליך אוקראַאינישע און האָט געציילט אין אָנהויב פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ביי 1000 משפחות. די אוקראַאינער האָבן זיך באַשעפטיקט בעיקר מיט לאַנדווירטשאַפט, זענען געווען זייער פאַרברענטע נאַציאָנאַליסטן און האָבן אַרויסגעגעבן פון זייערע רייען אַ באַדייטענדע צאָל אינטעליגענץ. אין דער קורצער צייט פון זייער זעלבשטענדיקייט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייער גרויזאַמקייט קעגן די יידישע מיטבירגער פון דאָרף. אין יענער צייט איז דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער באַנדיט טשאַיקאָווסקי (מיט דעם פסיידאָנים „הרים") געווען שטאָט קאָמענדאַנט פון האָראָדענקע. ער האָט געלאָזט אַרעסטירן אַלע יידן פון דאָרף אונטער דער באַשולדיקונג, אַז זיי פירן שפּיאָנאַזש (דער גרונד דערצו איז געווען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון יידן, וואָס האָבן געדאַוונט בציבור מנחה־מעריב). זיין זענען „געזעסן" עטלעכע מעת־לעתן, אונטער דער דראָהונג פון קריגס־געריכט און טויט־שטראָף. צווישן אַלע 48 דערפער פון האָראָדענקער פּאָוויאַט האָט סעראַפּינעץ זיך אויסגעצייכנט מיט איר שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם און האָט אָרגאַניזירט אין דער גאַנצער סביבה די האַלב־מיליטערישע אָרגאַניזאַציע „סיטש", וועלכע האָט געפירט אונטערגרונד־אַרבעט מיט דעם ציל צו פאַראייניקן זייער „קליין־אוקראַינע" מיט דער גרויס־אוקראַינע פונם רוסישן געביט.

צווישן אָט דער מחנה אוקראַינער האָבן געוואוינט אין יענער צייט בערך 40 יידישע משפחות, און צווישן זיי די באַקאַנטע משפחה זיידמאַן, וועלכע זענען געווען די אַזוי־גערופענע „פּריצים" פונם דאָרף. זייער פאַרמעגן איז באַשטאַנען אין אַ טויזנט יאָך אַקער־פעלד, צוויי קרעטשמעס און צוויי מילן, און דערצו אַ גרויסער לעבעדיקער אינווענטאַר אין זייער הויף. די פּרנסות פון די סעראַפּינעצער יידן זענען געווען פאָלגענדע: עטלעכע האָבן „געדינט" אין הויף ווי אַ „זאַזשאָנדצי", אַן „עקאָנאָם", אַ „גומיענני" אָדער סתם אַ אופזעער; עטלעכע משפחות האָבן געלעבט פון פאַכטן די מילן און קרעטשמעס; אַ טייל האָבן זיך באַשעפטיקט מ[it] לאַנדווירטשאַפט און האָבן באַאַרבעט די פעלדער מיט אוקרא[י]נישע אַרבעטער. אַ געוויסער טייל האָט זיך מפרנס געווען פ[ון] האַלטן געוועלבלעך, פון האַנדלען מיט תבואה און בהמו[ת] און אויך פון לופט געשעפטן, פּרנסות וואָס האָבן אין געוויסער מאָס ביי געשטייערט צו דער שנאה פון די גוים צו ד[י] דאָרפס־יידן. קיין יידישע בעלי־מלאכות זענען אין דאָרף ניש[ט] געווען. די יידן פון דאָרף האָבן אין אַלגעמיין געהערט צו[ם] מיטלשטאַנד, אָבער אייניקע משפחות, וואָס האָבן ניש[ט] געהאַט קיין סטאַבילע באַשעפטיקונג, האָבן מיט שווערע מ[י] באַוויזן „שבת צו מאַכן".

אין „הויף" פונם „פּריץ" איז געווען אַ שולעכל, אין וועלכן די יידן פון בײדע „עקן" דאָרף פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין שבתים און ימים־טובים צו דאַווענען, רעדן דברי־תורה און שמועסן וועלט־פּאָליטיק. די יידן זענען געווען זייער אָפּגעהיט אין יידישקייט, און דער רוב פון זיי האָט געקענט לערנען אַ בלאַט גמרא; אַזוי אַז דער טיפּ דאָרפס־ייד, דער עם־הארץ, איז אין סעראַפּינעץ נישט געווען. נישט אַכטענדיק אויף דער גוישער סביבה, פלעגן די יידן שבת דורכגיין אין גאַס אָנגעטון אין טלית און אין שטריימל.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן עטלעכע צענדליקער פון דער יידישער יוגנט עמיגרירט קיין אַמעריקע. שפּעטער, נאָך דער מלחמה, איז געוואָרן די יוגנט באַהערשט פון דעם ווילן צו לערנען, און אַלס תלמידים פון מיטעלע און העכערע שולן האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט ציוניסטישער טעטיקייט. אַ טייל פון זיי זענען דעמאָלט אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל אַלס חלוצים. אין דער זעלבער צייט האָט די יוגנט אַנטוויקעלט אַ לעבהאַפט געזעלשאַפטלעך צוזאַמענלעבן. זיי האָבן אָרגאַניזירט פאַרווייַלונגס־אָוונטן, געשאַפן קאָנטאַקט מיט דער יוגנט פון שכנותדיקע דערפער און מיט דער שטעטישער יוגנט. די אָוונטן זענען געשטאַנען אויף אַ געניגענד הויכן קולטורעלן ניוואָ.

די ערשטע יידן האָבן זיך באַזעצט אין סעראַפּינעץ אין אָנהויב פונם ניינצענטן יאָרהונדערט. דער ערשטער פון זיי איז געווען אברהם זיידמאַן, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסער פיש־סוחר, און צווישן אַנדערע האָט ער אויך געדונגען די סעראַפּינצער טייכן. ער אַליין האָט אין אָנפאַנג געוואוינט אין טשערנאָוויץ, אָבער ער האָט באַזעצט אין סעראַפּינעץ עטליכע יידישע משפחות פונם דאָרף באבין אין דער בוקאָווינע, זיי זאָלן פאַרוואַלטן מיט זיין פאַרמעגן. צווישן די ערשטע זענען געווען די משפחות רייף און האָפמאַן. נאָכדעם ווי ר' אברהם זיידמאַן האָט אָפּגעקויפט דאָס סעראַפּינעצער גוט, האָבן זיך באַזעצט אין דאָרף נאָך אַנדערע יידישע משפחות, און בעיקר זיינע קרובים, וועלכע האָבן אויך געטראָגן דעם נאָמען זיידמאַן. צום סוף האָט זיך ר' אברהם

ין אויך באַזעצט אין סעראַפּינעץ. ער איז געווען אַ גאָר מער ייד, אַ תלמיד־חכם, אַ קליגער ייד און אַ גוטער סוחר.

זון יאָסעלע האָט ער חתונה געמאַכט מיטן בערעזשאַנער ‍ טאָכטער רחל (רוחטשע). יאָסעלע האָט אויך געקענט רנען און איז צוגלייך געווען אַ משכיל און מער צוגעפּאַסט דער מאָדערנער וועלט.

נאָך ר׳ אברהמס טויט האָט יאָסל זיידמאַן געירשנט דאָס רמעגן. יאָסל האָט געהאַט דריי קינדער, צוויי זין און אַ ‍כטער, אָבער קיין גרויס נחת האָט ער פון זיינע קינדער ‍טט געהאַט. זיין טאָכטער דבורהטשע איז נאָך אייניקע נישט לונגענע שידוכים יונגערהייט געשטאָרבן. דער ייִנגסטער זון, אַלטער, האָט אין ווין, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין פון איטאַליע, קעגן דעם ווילן פון זיין פאָטער. ער האָט געהאַט אַ וועש־פאַבריק, אין וועלכער ער האָט אָבער נישט מצליח געווען. ער האָט זיך געווענדעט נאָך הילף צו זיין פאָטער, און באַקומענדיק אַן אָפּזאָג, האָט ער אויס פאַרצווייפלונג באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דער עלטס־טער זון משה איז לכתחילה נישט געגאַנגען אין גלייכן וועג; ער האָט געפירט זייער אַ לייכטזיניק לעבן, וואָס האָט געבראַכט צו שטענדיקע סכסוכים מיט זיין פאָטער און מיט זיין פרוי. בעיקר האָט געליטן דערפון זיין מוטער, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ רבנישער משפּחה.

״ר מרדכי לאגשטיין

דאס דארף קארניוו

דאָס דאָרף קאָרניוו ליגט אַ צוואָנציק קילאָמעטער ווייט ן האָראָדענקע, אין שכנות פון די דערפער ראַקאָוויץ, סע־ ‍ניוווקע און ניעזוויסקאַ, וואָס האָבן אַלע געהערט צום אָראָדענקער באַצירק. אין יעדן פון די דערמאָנטע דערפער ‍נען געווען אַפּאָר יידישע משפּחות, וואָס האָראָדענקע איז ‍נווען פאַר זיי אַ צענטראַלער פונקט אין עקאָנאָמישער און ‍לטורעלער הינזיכט. פון צייט צו צייט, און בעיקר דינסטיק ‍ום מאַרקטאָג, פלעגט מען פאָרן אין שטאָט אַריין אייַנקויפן חורה פאַרן געוועלבל, אָדער קויפן עפּעס אין שטוב אַריין. אַ ‍ייל משפּחות האָבן געהאַלטן די קינדער אין שטאָט, וואו זיי ‍אָבן געלערנט אין חדר, אין דער העברעאישער שול אָדער ‍ין גימנאַזיום. דאָס אַלץ האָט געשאַפן גאָר נאָענטע פאַר־ ‍ינדונגען צווישן דעם דאָרף און דער שטאָט.

כמעט אין אַלע דערפער פון מזרח־גאַליציע האָט אַ רויסער טייל פון דער ערד געהערט צו דעם גוטבאַזיצער, צום פּריץ״. די פּריצים זענען מייַנסטענס געווען פּאָליאַקן, אָבער ‍זיט דער צייט האָבן יידן אָפּגעקויפט אַ טייל גיטער און זענען ‍עוואָרן גוטבאַזיצער. אַרום האָראָדענקע זענען געווען אַ פּאָר ידישע „פּריצים״: באַראַן אין ראַקאָוויץ, רובעל אין קאָרניוו, ‍עזנער אין פּאָטאָטשיסקאַ, גאָלדענבערג אין סטרילטש, זיידמאַן אין סעראַפּינעץ, יהודה כהן אין סטעצאָווע, און בערל שפּירער אין טשערניאַטין. ס׳זענען אויך געווען יידישע גוטפּאַכטער און יידן וואָס האָבן פאַרמאָגט אָדער געדונגען אַ „פאָלוואַרק״ (אַ פאַרמע), יידישע אויפזעער און קאַסירערס, „אַרענדאַרס״ (פּאַכטער פונם שענק) און קרעמערס, און נאָך אַזעלכע פּרנסות.

דער וויכטיקסטער „בעל־הבית״ אין קארניוו איז געווען דער גוטבאַזיצער לייזער (אליעזר) רובעל; אַ גרויסער טייל פון די קארניווער יידן האָבן געפונען זייער פּרנסה ביי אים אין הויף, אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן. אין דער צייט פון דער סאָוויעטישער אינוואַזיע אין יאָר 1940 איז ער פאַר־טריבן געוואָרן קיין סיביר מיט זיין גאַנצער משפּחה, און דאָרט איז געשטאָרבן אין סעמיפּלאַטינסק אין יאָר 1942. בלויז איך, זיין איידעם מיט מיין משפּחה, און זיין טאָכטער חנה רובעל, האָבן זיך אַרויסגעקראָגן פון סיביר און זענען אַריבער קיין פּוילן, און פון דאָרט געקומען קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1950.

דער צענטער פונם יידישן לעבן אין דאָרף איז געווען דער „מנין״, וווּ מען האָט געדאַוונט שבת און יום־טוב. דאָרט האָבן זיך אַלע געטראָפן, זיך דורכגערעדט און זיך באַראָטן וועגן פאַרשידענע ענינים. ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער מנין געווען אין הויז פון די רובעלס, דערנאָך האָט מען אים איבערגעטראָגן צו דער משפּחה בלויקאָפּף.

גלייך ווי דער רוב יידן אין די דערפער האָבן אויך די קארניווער יידן געצויגן זייער פּרנסה נישט פון דער לאַנד־ווירטשאַפט, נאָר פון פאַרשידענע אַנדערע פּרנסות. אָבער ביי אונדז אין דאָרף האָט יעדער ייד געהאַט אַ שטיקל ערד, וועלכעס ער האָט באַאַרבעט מיט זיינע אייגענע הענט, אַליין געאַקערט און געזייט, און אַליין געשניטן די תבואה. דאָס האָט זיי פאַרשאַפט נישט ווייניק אַכטונג צווישן זייערע שכנים, די דאָרפס־גויים.

יעדע משפּחה ביי אונדז אין דאָרף האָט געשטרעבט צו לאָזן די קינדער לערנען אין אַ מיטלשול, אין האָראָדענקער גימנאַזיום אָדער אין אַנדערע שטעט. מיין פאָטער נחמיה הכהן לאַגשטיין האָט זיינע צוויי זין, שלמה־זלמן (זוניע) און מאָטל, געלאָזט לערנען ווייטער אין אוניווערזיטעט, און זיי זענען דערנאָך ביידע געווען אַדוואָקאַטן אין האָראָדענקע. ביידע זענען דאָרט געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין דאָרף האָט די ציוניסטישע באַוועגונג גע־האַט גאָר אַ קליינע השפּעה. די עלטערע יידן האָבן אין זינען געהאַט זייער פּרנסה, און די דערוואַקסענע יוגנט איז מייַנסטענס געווען אויסער דעם דאָרף. אַפּאָר יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געקומען ציוניסטישע דעלע־

גאַטן און האָבן געפּרוּווט פּאַראינטערעסירן די דאָרס־יידן צו קויפן באָדן אין ארץ־ישראל, כדי זיך שפּעטער דאָרט צו באַזעצן; אָבער די יידן האָבן אַרויסגעוויזן צו ווייניק אינטערעס און צוטרוי צו דעם ענין. נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ווען ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, איז איין יונגערמאַן פון אונדזער דאָרף, זעליג שוואַרץ (הייַנט זעליג שחורי) אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און האָט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַריבערגענומען אַהער זיין גאַנצע משפחה, זיינע עלטערן און זיינע שוועסטער און ברידער. דאָס איז אויך די איינציקע משפחה פון אונדזער דאָרף, וואָס איז נישט געטראָפן געוואָרן און האָט נישט געליטן פון דער פאַרניכטונג פונם פּוילישן יידנטום. צום באַדויערן, האָבן זיך גאָר ווייניק משפחות אין פּוילן אַזוי געפירט.

לויט ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, זענען די קאַרניוּוער יידן געבליבן אין דאָרף ביז צו דער לעצטער אַקציע אין חודש סעפּטעמבער 1942. מיין ברודער שלמה־זלמן איז אויך געווען מיט זיי אין דאָרף, כאָטש ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן און זיך צו ראַטעווען. ביי דער לעצטער אַקציע האָט מען אַלע יידן פונם דאָרף אַוועקגעפירט קיין האָראָדענקע; דאָרט זענען דערשאָסן געוואָרן אברהם שטענדיג און וואָלף לאַגשטיינס צוויי זין, אהרן און משולם, און די איבעריקע האָט מען אַוועקגעשיקט מיט דער באַן קיין בעלזעץ אין פאַרניכטונגס־לאַגער, צוזאַמען מיט די רעשטלעך פון די האָראָדענקער יידן.

פרומה בידער־גופר

דאָס דאָרף דאַלשאָוו

דאָס דאָרף דאַלשאָוו איז געווען איינס פון די אַכט־און־פערציק דערפער אין האָראָדענקער קרייז. דער רוב פון אָט־די דערפער זענען געלעגן ביים דניעסטער, אָפּגעטיילט פונם וואַסער בלויז מיט אַ פּאַס פון געדיכטע וועלדער. דער גרעסטער טייל פון די איינוואוינער זענען געווען אוקראַאינער, בלויז אַ קליינער פּראָצענט זענען געווען פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך אַסימילירט צווישן די אוקראַאינער און האָבן כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן זייער פּוילישע שפּראַך.

אין יעדן פון די דערפער האָבן געוואוינט עטלעכע יידישע משפחות, און אין אַ טייל דערפער אַפילו עטלעכע צענדלינג יידישע משפחות. אין דאַלשאָוו זענען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען צען יידישע משפחות, וואָס האָבן געוואוינט אין דאָרף אַ פּאָר דורות. נאָך דער מלחמה זענען געבליבן בלויז פינף — די איבעריקע האָבן זיך באַזעצט אין די שכנותדיקע שטעטלעך, אָדער זענען אַוועק־געפאָרן קיין אַמעריקע. געלעבט האָבן זיי פון לאַנדווירטשאַפט, אָבער די פעלדער האָבן באַאַרבעט צומייסט אָרעמע פויערן, וואָס האָבן זיך געמוזט פאַרדינגען פאַר טאָג־אַרבעטער. אַ טייל יידן האָבן צו דעם נאָך אַביסל צוגעהאַנדלט. פאַרשטייט זיך אַז די פויערן, און בעיקר די אָרעמע, האָבן די יידן אַלעמאָל מקנא געווען, וואָס זיי אַרבעטן לייכטער און לעבן בעסער ווי זיי.

כמעט יעדן טאָג פלעגן קומען אין דאָרף אַריין אַ פּאָר יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, עפּעס צו קויפן אָדער צו פאַרקויפן. אין דאָרף פלעגן זיי איינשטיין ביי דער קלמנקע, וואו זיי האָבן באַקומען טלית־און־תפילין צום דאַווענען און אַן אָנבייסן נאָכן דאַווענען. „די קלמנקע" איז געווען ביילע, קלמן כ"ץ'ס ווייב, די עלטסטע טאָכטער פון יוסף און פרומה שניידער. יוסף שניידער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין זין, בלויז דריי טעכטער. ער האָט געשריבן אַ ספר־תורה, און פאַרן טויט געהייסן איבערגעבן דאָס ספר־תורה זיין איידעם קלמן כ"ץ (אַ ייד, מיט סמיכות אויף רבנות), ער זאָל זיין זיין „קדיש". אַזוי איז געוואָרן ביי קלמן כ"ץ אַ מנין, וואו עס פלעגן זיך יעדן שבת צונויפקומען די יידן פון אַ פּאָר אַרומיקע דערפער, כדי צו דאַווענען מיט מנין. אין יאָר 1915 איז קלמן כ"ץ געשטאָרבן, און דאָס ספר־תורה איז געבליבן ביי דער קלמנקע. אין דער צייט פון דער רוסישער אינוואַזיע האָט אַ גוי אויסבאַהאַלטן דאָס ספר און עס נאָך דער מלחמה צוריק אָפּגעגעבן. די קלמנקע האָט געלאָזט דאָס ספר־תורה איבערקוקן, ווי דער דין איז, און האָט ווידער איינגעפירט דעם מנין, ווי בשעת איר מאַן האָט געלעבט. מיט איר צוזאַמען איז געבליבן איר טאָכטער רייזיע בידער, וואָס איר מאַן איז געפאַלן אין דער מלחמה און זי איז געבליבן אַן אלמנה מיט צוויי קליינע מיידלעך. די ביידע אַלמנות האָבן אַליין ווייטער געפירט די פאַרצווייגטע ווירטשאַפט.

די יידישע יוגנט אין דאָרף איז געווען אַ גוטער עלעמענט. אַלע האָבן זיך געבילדעט אָדער אין האָראָדענקע אָדער אין אַנדערע גרעסערע שטעט, און זיי זענען גאָרנישט צוריק־געשטאַנען פון דער שטאָטישער יוגנט; אָבער אַלע מאָל האָט זיך אָפּגעפילט צווישן זיי אַ „מחיצה", סיי אין שול סיי אויסער דער שול. די דאָרפס־קינדער האָבן אַלע מאָל אויסגעקוקט די פעריען, צו זיין ווידער אין דאָרף און צו טרעפן זיך מיט זייערע חברים פונם דאָרף און פון די אַרומיקע דערפער. אַלע האָבן געטראָגן אין האַרץ אַ ליבע צו זייער דאָרף, און נאָכן ענדיקן די שול זענען זיי צומייסט געבליבן אין דאָרף און זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט אָדער מיט מסחר, גלייך ווי **זייערע עלטערן.**

דער רוב פון דער יוגנט איז געווען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָט געשטרעבט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַסך פון זיי זענען אַרויסגעפאָרן אויף „הכשרה", אָבער געקומען אַהער זענען בלויז איינצעלנע, און זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

נרשל סובער ז״ל

יידישע אינסטיטוציעס אין אונדזער שטאָט

די קהילה און אַנדערע אינסטיטוציעס

ביז צום יאָר 1918 איז די אַרבעט פון דער קהילה — פון
' יידישער קולטוס־געמיינדע, ווי זי האָט געהייסן אין
זרייך — רעגולירט געווען דורכן עסטרייכישן געזעץ. דאָס
לישע געזעץ, וואָס האָט עקזיסטירט נאָכן יאָר 1918, איז
וען אַנדערש פונם עסטרייכישן געזעץ; אָבער די גרעסטע
פעה האָט געהאַט, סיי אונטער עסטרייכישער סיי אונטער
לישער הערשאַפט, די אָרטיקע מאַכט, דער סטאַראָסטאַ
די פּאָליציי. זיי האָבן אַלעמאָל אויסגענוצט זייער איינפלוס,
דער ראש־הקהל און די מיטגלידער פונם קולטוס־ראַט זאָלן
ן מענטשן צו וועלכע זיי האָבן צוטרוי. אין דער שפּיץ
דער קהילה זענען געשטאַנען אין די פאַרשידענע צייטן
ה פינעלעס, יוסף בעזנער, שלמה שטרייט, בערל שפּירער
' אלתר דיקער.

די טעטיקייט פון דער קהילה האָט זיך באַשרענקט אין די
ליגיעזע ענייִנים פון דער שטאָט, ווי אויפהאַלטן דעם רב
ן דעם דיין, די שוחטים און די משגיחים אויפן פליישפאַר־
יף, אויפהאַלטן אַ מרחץ און אַ בית־הקברות, און אַזוי
יטער. די קהילה האָט געהאַט אַ רעכט צו באַשטייערן די
יישע איינוואוינער, און דאַרויף בעיקר איז געווען געבויט
ר בודזשעט. דער בודזשעט האָט געדאַרפט ווערן באַשטעט־
קט פונם באַצירקסהויפּטמאַן, און ער האָט אַכטונג געגעבן
ַרויף אַז די קהילה זאָל אויסגעבן דאָס געלט בלויז אויף
נליגיעזע צוועקן, און אין אַ קליינער מאָס אויך אויף צדקה־
יינים. איך געדענק, אַז אין דער צייט ווען איך בין געווען אַ
יטגליד אין קולטוס־ראַט, און די ציוניסטן האָבן שוין געהאַט
נבוג השפעה צו באַווירקן אַז די קהילה זאָל געבן אַ סובּ־
ידיע פאַר קרן־קיימת און קרן־היסוד, האָט דער סטאַראָסטאַ
ייי מאָל אויסגעשטראָכן די פּאָזיציעס אין בודזשעט, ביז
יר האָבן עס ענדלעך דורכגעזעצט.

די ציוניסטישע השפעה אויף דער קהילה האָט זיך אָנגע־
ויבן אין די ערשטע צען יאָר פונם איצטיקן יאָרהונדערט,
ון איינע פון די לאָזונגען פונם פּאָליטישן ציוניזם אזי געווען:
ו עראָבערן די קהילות! ביי די וואַלן זענען די ציוניסטן
רויסגעטרעטן מיט אַן אייגענער ליסטע און האָבן דורכגע־
עצט אַפּאָר פון זייערע קאַנדידאַטן. חוץ די ציוניסטן זענען
ישט געווען קיין פּאָליטישע פּאַרטייען, און דער וואַלקאַמף
ניז אָנגעגאַנגען צווישן די פאַרשידענע חסידים אין שטאָט.
עווען זענען אין שטאָט חסידים פון אַלע רביים אין דער
עגנט, ווי טשאָרטקאָווער, וויזשניצער, קאָסאָווער און אָטי־

ניער חסידים; אָבער דער רוב זענען געווען טשאָרטקאָווער אָדער וויזשניצער חסידים, און צווישן זיי איז אַלעמאָל געווען אַ קעגנערשאַפט ווען ס׳איז געקומען צו וואַלן, אָדער ווען מען האָט געדאַרפט וויילן אַ נייעם רב, אַ דיין אָדער אַ שוחט.

נאָך איידער ס׳האָט זיך באַוויזן אין שטאָט די השפעה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, זענען אַ היפּשע צאָל יוגנטלעכע געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דער השכלה־באַוועגונג, וואָס אירע פאַרשפּרייטער זענען געווען מענטשן ווי חיים־לייב האַלפּערן און פייוויש מעלצער. פאַרשטייט זיך אַז זיי זענען פאַרפאָלגט געוואָרן פון די חסידישע קרייזן, בעיקר צוליב זייער אַנטי־רעליגיעזער שטעלונג. די באַציאונגען צווישן זיי און זייערע תלמידים זענען אין אַ גרויסער מאָס געווען ווי צווישן דעם רבי און זיינע חסידים; זיי פלעגן זיך צונויפקומען און דיסקוטירן איבער פאַרשידענע פראַגן, און האָבן אַסך געלייענט אין דייטשער שפּראַך, בעיקר די קלאַסישע דיכטער שילער און געטע. דערמיט האָבן זיי זיך דערוואָרבן אַ געוויסע מאָס פון אייראָפּעאישער בילדונג, וואָס כאָטש זי איז נישט געווען טיף, האָט זי דאָך געהאַט אַ גרויסע השפעה אויפן דעמאָלטדיקן יידישן לעבן. דער קרייז פון די אָנהענגער האָט זיך ביסלעכווייז פאַרגרעסערט, און וואָס אַמאָל מער מענטשן האָבן געפילט אַז עס פעלט זיי בילדונג. אָפטמאָל איז דאָס געקומען צום אויסדרוק ביי אַ שידוך — דאָס מיידל האָט געצויגן צו אַ בחור וואָס איז נישט געווען פאַנאַטיש און האָט געהאַט אַביסל וועלטלעכע בילדונג.

בכלל איז עס אַן אינטערעסאַנטער פאַקט, אַז צווישן די ערשטע אָנהענגער פון דער השכלה־באַוועגונג איז געווען אַ גרויסע צאָל פרויען, וואָס האָבן מיט גרויס חשק געלערנט דעקלאַמירן די דייטשע קלאַסיקער. דאָס איז געווען קודם כל דערפאַר, ווייל מיידלעך האָבן געהאַט מער פרייהייט, נישט געהאַט דעם עול פונם חדר און פונם בית־המדרש, און אפשר טאַקע דערפאַר וואָס יעדער טאַטע האָט געטראַכט, אַז דאָס קען זיין אַ מעלה צו אַ שידוך...


ווי געזאָגט, זענען די ערשטע משכילים פאַרפאָלגט געוואָרן פון די חסידישע קרייזן. פייוויש מעלצער האָט פאַרלאָזט האָראָדענקע און האָט זיך באַזעצט אין אַן אַנדערער שטאָט, און חיים לייב האַלפּערן האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין פּרנסה אין שטאָט (ער איז געווען אַ פּריוואַט־לערער פון תנ״ך און פון דייטש) און ער האָט געעפנט אַ געוועלבל אין רודאָלפסדאָרף, אַ דייטש דאָרף נישט ווייט פון סניאַטין. ער איז יונג געשטאָרבן און פאַרן טויט איז ער צוריקגעקומען קיין האָראָ־

דענקע, כדי צו שטאַרבן צווישן יידן. פאַרן טויט האָט ער געזאָגט „וידוי", און האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז אוריאל אַקאָסטאַ האָט געמאַכט אַ פעלער דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם יידישן פאָלק. דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער. אין אַ געוויסער מאָס האָט ער זיך אַליין געזען אין דער ראָלע פון אוריאל אַקאָסטאַ. די חסידים האָבן פאַרשטייט זיך געהאַלטן עס פאַר זייערן אַ נצחון, וואָס אַפילו האַלפערן דער אַפיקורס האָט געפונען פאַר נויטיק צו זאָגן „ווידוי" — אַ סימן אַז ער גלויבט שוין אין גאָט.

איינער פון די קוריאָזן פון יענער צייט איז געווען אַז אין האָראָדענקע איז פלוצים „נתגלה געוואָרן" אַ רבי, אַ בעל־מופת. איך אַליין האָב אים נישט געקענט איך האָב נאָר געהערט וועגן אים דערציילן. געהייסן האָט ער מיכאַלעווסקי (ווייזט אויס אַז ער האָט געשטאַמט פון רוסלאַנד, ווייל ביי אונדז האָבן אַלע יידן געהאַט דייטשע נעמען). ער איז קודם געווען אַ פשוטער ייד, און מיט איינמאָל איז אַרויסגעשפרונגען פון אים אַ רבי. ער האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן „מופתים" און פאַרשידענע „קונצן", און האָט באַקומען אַסך חסידים. דערנאָך האָט ער עפּעס אָפּגעטון אַ מיאוסע מעשה און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַ פּראָסטער עם־הארץ. ער איז אַנטלאָפן פון שטאָט, און מער האָט מען אים נישט געזען.

אין שטאָט זענען געווען אַפּאָר חברות, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט צדקה און סאָציאַלער הילף. די „חברה תלמוד תורה" האָט געהאָלפן אָרעמע יינגלעך און זיי געלאָזט לערנען תורה ביי פאַרשידענע מלמדים. אין דער שפּיץ פון דער חברה תלמוד תורה זענען געשטאַנען יידן ווי וועלוויל זיידמאַן און שלמה שטרייט. אונדזער חבר יהושע שטרייט געדענקט נאָך, ווי די תלמידים וואָס זענען אונטערשטיצט געוואָרן פון דער „חברה תלמוד תורה" פלעגן קומען מיט זייער רבי זיך לאָזן פאַרהערן ביי זיין פאָטער. דאַרונטער זענען געווען תלמידים גאָר טאַלענטירטע, ווי הערש פריפער־בלוטאַל (ער איז שפּעטער געוואָרן שלמה שטרייטס אַן איידעם און האָט באַקומען אַ דאָקטאָראַט אַלס כעמיקער), און אַזעלכע תלמידים האָט מען מקרב געווען און זיי געגעבן מעגלעכקייטן ווייטער צו לערנען. אויסערדעם איז געווען אַ „חברה ביקור חולים", וואָס האָט אונטערשטיצט אָרעמע קראַנקע. די אַלע חברות האָבן באַקומען די געלטמיטלען צו זייער טעטיקייט פון זייערע חברים, וואָס האָבן געצאָלט חודש־געלט, און פון זאַמלונגען ביי חתונות און בריתן, פון נדרים, פון פּושקעס און פון ערב יום־כפורדיקע „קערות" (שיסעלעך וואו די מתפללים האָבן אַריינגעלייגט זייערע נדבות), און פון נאָך אַזעלכע קוועלן.

די פאַראיינען „יד חרוצים" און „אגודת אחים" זענען געווען פאַראיינען פאַר קעגנזייטיקער הילף, אויף אַן ענגערן באַזיס ווי די „חברה ביקור חולים". פון זיי האָט זיך דערנאָך אויסגעבילדעט דער „קויפמענישער פאַראיין", וואָס האָט אָנגעהויבן צו טראָגן אַ מער מאָדערנעם כאַראַקטער פון עקאָנאָמישער קעגנזייטיקער הילף.



הנהלת „בנק ליודובי" (הבנק העממי)

די לייטונג פון „באַנק ליודאָווי"

The Board of the "Bank Ludowy" (People's Bank)

יי באַראָן הירש שול

זין דער צייט ווען די באַראָן־הירש־שולן זענען אַנטשטאַ־
איז דער קולטורעלער און עקאָנאָמישער מצב פון די יידן
אַליציע געווען אַזוי נידעריק, אַז ס'האָט געמוזט קומען
רויסן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס זאָל די מאַסן
זהייבן פונם פאַרבאַכלעסיקטן מצב.

די אויפגאַבע פון די באַראָן־הירש־שולן איז געווען אַ
טע: צוציען די יידישע באַפעלקערונג צו דער אַלגעמיי
שול און צו אַלגעמיינעם וויסן, און דערביי אויך מאַטע־
צו אונטערשטיצן די קינדער און זייערע עלטערן. די
ער האָבן באַקומען אין דער שול אויסער שולביכער אויך
־ער און וועש צוויי מאָל אין יאָר, אַ וואַרם אָנבייסן אין
זע ווינטער טעג, און אויסער דעם איז געווען אַ גמילות־
ים קאַסע, וואָס האָט געגעבן די עלטערן קליינע הלוואות
ינזן, כדי צו דערמעגלעכן זיי צו שיקן די קינדער אין
אַריין.

די באַראָן־הירש־שול האָט געהאַט בלויז פיר קלאַסן. ווער
זט געוואָלט ווייטער לערנען, האָט געמוזט גיין אין דער
צמיינער שול, אין דער פינפטער און זעקסטער קלאַס.
ל איז די באַראָן־הירש־שול געווען באַשרענקט בלויז פאַר
לעך. מיידלעך האָבן געקאָנט לערנען בלויז אין דער
עמיינער שול. נאָכן ענדיקן די באַראָן־הירש־שול האָבן די
ער זיך אינטערעסירט, אַז די תלמידים זאָלן גיין לערנען
ולאכה. אַ טייל תלמידים האָבן באַקומען די מעגלעכקייט
לערנען לאַנדווירטשאַפט אין סלאָבודקא־ליעסנא, אַ לאַנד־
טשאַפטס־שול נעבן קאָלאָמיי, און אַ טייל פון זיי האָבן
זגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע אָדער ארץ־ישראל.

דער קאַמף פון די חסידישע קרייזן קעגן די באַראָן־הירש־
ן איז געווען זייער שטאַרק. איך געדענק אַז אַמאָל אַ שבת
ען עטלעכע חסידים — מרדכי מוילקאָרב און אַנדערע
זידי־חכמים — געגאַנגען אין די קלויזן און פאַרלאַנגט מען זאָל
קלויז אַרויסוואַרפן די טאַטעס, וואָס גיבן זייערע קינדער
שול, ווייל דאָס זענען מיסיאָנערישע שולן. דער באַראָן־
יש — האָבן זיי געזאָגט — מיינט נישט אונדזער טובה;
איז אַ מיסיאָנער און וויל דאָס יידישע פאָלק אָפּשמדן.
ער די עלטערן האָבן נישט געקוקט דאַרויף און האָבן פאָרט
שיקט די קינדער אין שול. איך אַליין בין געווען איינער פון
ערשטע קינדער פון צווייטן יאָרגאַנג. מיין פאָטער האָט
וואַרק געליטן פון דער פאַנאַטישער אַטמאָספערע, אָבער ער
ו געווען אויף אַזויפל זעלבשטענדיק, אַז ער האָט זיך נישט
לאָזט אָפּשרעקן. ביסלעכווייז האָבן זיך אויך די פאַנאַטישע
ין געלאָזט באַאייבפלוסן צו שיקן די קינדער אין שול.

דאָס לערנען אין שול האָט אויפן יונגען דור געהאַט אַ
לטע השפעה. מען האָט אָנגעהויבן צו זען דיווירקלעכקייט
ט אַנדערע אויגן, דאַרפילט אַז מען קען מער נישט בלייבן
ן די פריערדיקע ראַמען פון לעבן, און מען האָט אָנגעהויבן
־אַכטן וועגן אויסוואַנדערן קיין דייטשלאַנד, קיין אַמעריקע
ין אין אַנדערע לענדער. אַזוי איז אַנטשטאַנען די גרויסע
אָראָדענקער קאָלאָניע אין אַמעריקע. אַ טייל פון דער יוגנט
האָט זיך געווענדעט צום ציוניסטישן געדאַנק, און געזוכט
אַ מעגלעכקייט זיך דערווייל פרייער און בעסער אויסצולעבן.
בקיצור, די שול האָט פאַרברייטערט דעם האָריזאָנט, געבראַכט
צו אַ נייער אָפּשאַצונג פון דער עקאָנאָמישער און קולטורע־
לער לאַגע און געשאַפן אַ דראַנג דעם מצב צו ענדערן און פאַר־
בעסערן. איך האַלט אַז אין דער הינזיכט איז די ווירקונג
פון דער באַראָן־הירש־שול ביז היינט נישט גענוג אָפּגעשאַצט
געוואָרן.

ליידער האָט געהערשט אין דער באַראָן־הירש־שול אַן
אַסימילאַטאָרישע שטימונג. דער ערשטער דירעקטאָר, בערלעס,
פלעגט אַלעמאָל באַטאָנען פאַר די קינדער, אַז מען דאַרף זיך
צופּאַסן צו דער פּוילישער סביבה, זיך אָנטאָן ווי זיי און ריידן
ווי זיי. און דאָס האָט אויך געווירקט. מען האָט אָנגעהויבן
אונטערשניידן די פּיאות, עלטערע ייִנגלעך האָבן אָנגעהויבן
צו קירצן זייערע בגדים. באַלד האָבן זיך אויך געשאַפן אָוונט־
קורסן פאַר דאַרוואַקסענע ייִנגלעך, וואָס האָבן אויך נישט
געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק, און די השפעה פון דער
שול האָט זיך וואָס מער פאַרברייטערט.

אָבער נישט אַלע לערערס זענען געווען משועבד צו דער
אַסימילאַטאָרשער שטימונג. איך געדענק צוויי לערערס, וואָס
זענען געווען נאַציאָנאַל געשטימט, און אַפילו ציוניסטן. דאָס
זענען געווען יענקל פינק און זיינוול וויזעלבערג. וויזעל־
בערג איז געווען דער „רעליגיאָנס־לערער", וואָס האָט צווישן
אַנדערע לימודים געלערנט אַביסל חומש איבערזעצט אויף
דייטש. ער האָט פאַרקערט אין די ציוניסטישע קרייזן און יעדן
שבת געדאַוונט אין ציון־פאַראיין. יענקל פינק איז געווען אַ
האָראָדענקער, אַ זון פון פיניע שטריקמאַכער, און צווישן די
ערשטע לערערס איז ער געווען דער איינציקער, וואָס האָט
געענדיקט אַ לערער־סעמינאַר און געמאַכט די עקזאַמענס.
די איבעריקע זענען געווען סתם אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך
גענומען צום לערער־פאַך, ווייל זיי האָבן קיין בעסערן נישט
געהאַט. מיט דער צייט האָט זיך דאָס געענדערט, און אַלע
לערערס האָבן געמוזט אַבסאָלווירן אַ לערער־סעמינאַר.
יענקל פינק האָט נאָך אַ קורצער צייט פאַרלאָזט האָראָדענקע,
און איז אין די לעצטע יאָרן גאָר זעלטן געקומען צו גאַסט.

די באַראָן־הירש־שול איז געווען צוגעפּאַסט פאַר די
אָרעמע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן אין
איר געפונען אַ וויכטיקע מאַטעריעלע הילף. אָבער צוליב פאַר־
שידענע סיבות האָבן דאָרט געלערנט אויך פיל פאַרמעגלעכע
תלמידים, וואָס האָבן נאַטירלעך נישט אויסגענוצט די פריווי־
לעגיעס פון די אָרימע תלמידים — דאָס אומזיסטע עסן און
קליידער־פאַרטיילונג.

נאָכן אָפּשטאַרבן פונם באַראָן הירש האָט די פאַרוואַלטונג
פון די שולן אָנגעהויבן צו באַשרענקען די טעטיקייט, און
קודם־כל פאַרמאַכט די שולן אין די ערטער וואו ס'זענען
געווען אַנטוויקלטע פאָלקס־שולן. אַזוי איז אויך פאַרמאַכט
געוואָרן די שול אין האָראָדענקע קורץ פאַר דער ערשטער
וועלט־מלחמה, און דערמיט האָט זיך געענדיקט אַ וויכטיק
קאַפּיטל פון גרויסער סאָציאַלער און קולטורעלער הילף פאַרן
גאַליציישן יידנטום.

מענדל בערקאָווער

דער „יד־חרוצים" פֿאַראיין

אין האָראָדענקע זענען געווען אַסך האַנטווערקער פֿון אַלע מינים, אָבער אַ האַנטווערקער־פֿאַראיין, וואָס זאָל העלפֿן דעם בעל־מלאכה זיך האַלטן אויף די פֿיס, איז נישט געווען. אין יאָר 1907 אָדער 1908 האָט זיך געגרינדעט אַ האַנטווערקער־פֿאַראיין מיטן נאָמען „יד חרוצים", אָבער דער פֿאַראיין האָט זיך בלויז געשטעלט די אויפֿגאַבע צו העלפֿן קראַנקע בעל־מלאכות, אַזוי אַז ער איז געווען אַ מין „ביקור־חולים" פֿאַר האַנטווערקער. אין דער ערשטער צייט זענען אַסך סוחרים צוגעטראָטן ווי מיטגלידער פֿון דעם פֿאַראיין, און דער ערשטער פּרעזעס, וואָס איז אויך געווען איינער פֿון די גרינדער, איז געווען אַ בעאַמטער — קורל פּענסטער. די איניציאַטיוו צו גרינדן דעם פֿאַראיין האָבן געגעבן: קורל פּענסטער, וועלוול גרינבערג, משה־מאַנעס נייגיסער, מענדל בערקאָווער, נטע לערער, יענקל לאַסטער, אייזיק מעלצער און יחזקאל לערער. אין דער ערשטער צייט האָט דער פֿאַראיין געהאַט 30—40 מיטגלידער. דער פּרעזעס איז געווען קורל פּענסטער, דער סעקרעטאַר — חיים־הערש שאָר (בן איציק־ראובן שאָר). די ערשטע פֿאַרזאַמלונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי משה־מאַנעס נייגיסער, דערנאָך האָט מען געדונגען אַ לאָקאַל ביי יונה ליבמאַן, מען האָט געלאָזט שרייבן אַ ספֿר־תורה און געגרינדעט אַ „מנין".

ווי געזאָגט, זענען די צילן פֿון דעם פֿאַראיין געווען די זעלבע ווי פֿון אַ „ביקור־חולים" פֿאַראיין: באַזוכן די קראַנקע חברים און ביי זיי נעכטיקן, אונטערשטיצן מיט וואָכנגעלט אין פֿאַל פֿון אַ נויט און באַצאָלן פֿאַרן דאָקטאָר און פֿאַר די רעצעפּטן. דאָס איז געווען גאָר אַ וויכטיקע הילף, ווייל דער בעל־מלאכה האָט געוויינטלעך נישט געהאַט קיין געלט־רעזערוון, און אין פֿאַל פֿון אַ קרענק איז ער באַלד געבליבן אָן מיטלען צום לעבן און זיך צו היילן.

אַ צוויי יאָר נאָך דער גרינדונג זענען אַרויסגעטרעטן די מיטגלידער וואָס זענען נישט געווען קיין האַנטווערקער (ווי יענקל לאַסטער, נטע לערער, זיידע אָפּענבערגער, בנימין דיקער, און אַנדערע), און האָבן געגרינדעט אַ סוחרים־פֿאַראיין מיט ענלעכע צילן ווי דער „יד־חרוצים" פֿאַראיין.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט דער פֿאַראיין ווידער באַנייט זיין עקזיסטענץ. דער פּרעזעס איז אין יענער צייט געווען וועלוול גרינבערג. ערשט אין די יאָרן 1930—1932 האָט זיך דער פֿאַראיין אויפֿגעלעזט, און אַ סך פֿון זיינע חברים זענען אַריבער אין „ביקור־חולים" פֿאַראיין, אין וועלכן דער פּרעזעס איז געווען יאָסל געלער.

רבקה כתבן־קוט

דער „בונד" אין האָראָדענקע

איינס פֿון די שענסטע בלעטער פֿון דער האָראָדענקער געשיכטע האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט דער „בונד". דער „בונד" איז געווען אַ פּאַרטיי פֿון יידישע אַרבעטער און פֿאָלקס־מענטשן, וואָס אונטער אירע פֿליגל האָט זיך געפֿירט אַ רייך־פֿאַרצווייגטע פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייט. דער „בונד" אין האָראָדענקע האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט אָנטייל גענומען אין אַלע פּאָליטישע געשעענישן, באַטייליקט זיך אין די וואַלן צום סיים, צום סענאַט און צום שטאָט־ראַט, און איז אויך געווען פֿאַרטרעטן אין דער יידישער קהילה דורך הערש שעכטער. דער „בונד" ביי אונדז האָט געפֿירט אַ קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אויפֿקלערונגס־אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, האָט אָרגאַניזירט צוויי פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען פֿון סטאָליערס און שניידערס, האָט אויסגעקעמפֿט אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און האָט רעגולירט דעם אַרבעטס־לוין. ער האָט זיך אויך אַריינגעמישט און געבראַכט צו אַ פֿאַרגלייך אין פֿאַל פֿון סכסוכים.

ביים „בונד" איז געווען אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט אַ לייען־זאַל, וואו מען האָט אָפּגעהאַלטן רעפֿעראַטן און דיסקוסיעס אויף פֿאַרשידענע טעמעס. עס זענען געווען פֿאַרשידענע קולטורעלע און פּאָליטישע קרייזן און אַ גוט אָרגאַניזירטער דראַמאַטישער קרייז אונטער דער אָנפֿירונג פֿון יהודה־הערש סאָבעל, וועלכער האָט אויפֿגעפֿירט פּיעסעס פֿון יידישע שרייבער. די הכנסה פֿון די פֿאָרשטעלונגען איז געווען באַשטימט פֿאַר דער יידישער שול. אויסער דעם איז געווען אַ ספּאָרט־קלוב פֿאַר יוגנטלעכע. יעדן זומער זענען אַ טייל פֿון זיי געפֿאָרן אויף אַ זומער־קאָלאָניע.

דאָס וויכטיקסטע וואָס דער „בונד" האָט אויפֿגעטון ביי אונדז איז געווען די יידישע נאָכמיטאָג־שול פֿאַר מיידלעך און יינגלעך. דאָרט האָט מען געלערנט לייענען און שרייבן יידיש, יידישע ליטעראַטור און יידישע געשיכטע. פֿון גרויסער וויכטיקייט איז געווען דאָס וואָס די קינדער זענען דאָרט געווען אין אַ היימישער חברישער סביבה און האָבן באַקומען אַ מאָדערנע פּעדאַגאָגישע דערציאונג, וועלכע האָט זיי דערמוטיקט און דערהויבן זייער גייסט. איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן דעם טייערן לערער אָשר שטרייט, וועלכער האָט זיך באַמיט אַז יעדעס קינד וואָס האָט ביי אים געלערנט זאָל זיין אַ מענטש אין פֿולן זין פֿונם וואָרט. ער איז געווען אַ פּעדאַגאָג און אַ

מענטשן־פריינט. אַחוץ זיין פעדאַגאָגישער טעטיקייט האָט ער געהאַלטן אַ סך רעפעראַטן איבער פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס.

די יידישע שול האָט געהאַט אַ באַזונדערע ביבליאָטעק פאַר קינדער, וואו ס'האָבן זיך געפונען ווערק פון יידישע און וועלטלעכע שרייבער. די שול האָט אויך געהאַט אַ דראַמאַטישן קרייז און די קינדער האָבן צוויי ביז דריי מאָל אין יאָר אויסגעפירט פאָרשטעלונגען מיט געזאַנג און טענץ. אין די פאָרשטעלונגען האָבן זיך אויך באַטייליקט גאַנץ קליינע קינדערלעך פונם קינדער־גאָרטן, וואָס האָט עקזיסטירט ביי דער שול.

קעגן צען יאָר פאַרן אומקום האָט מען אויסגעבויט פאַר דער שול אַ גרויסן מאָדערנעם בנין, מיט דער הילף פון אונדזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע. אין אַמעריקאַנער קאָמיטעט זענען געווען טעטיק צווישן אַנדערע אייזיק פינק, איינער פון די גרינדער און פון די ערשטע לערער פון דער שול, און אַבא פּאָדוויסאָקער. אין האָראָדענקע האָט זיך געבילדעט דער אַזויגערופענער „בוי־קאָאָפעראַטיוו", וואָס האָט פאַרקויפט אקציעס, און ווער ס'האָט געקויפט אַן אַקציע איז געוואָרן אַ מיטגליד פונם „בוי־קאָאָפעראַטיוו". די מיטגלידער זענען געווען פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, נישט נאָר מיטגלידער פונם „בונד". אויך אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט ביי זיין לעצטן באַזוך אין שטאָט געגעבן אַ פאָרשטעלונג, וואָס איר הכנסה איז געווען באַשטימט פאַרן בוי־קאָאָפעראַטיוו.

דער קאָמיטעט פונם „בונד" אונטערן פאָרזיץ פון אָשר שטרייט האָט אויך געזאָרגט אויסצובילדן גוטע היימישע לערער פאַר דער שול. מען האָט אויסגעוויילט דריי פון די פעאיקסטע קינדער און זיי אַוועקגעשיקט אויף פיר יאָר אין ווילנער יידישן סעמינאַר. איינע פון די דריי איז געווען מיין שוועסטער עטל כתבן, וועלכע האָט געענדיקט דעם סעמינאַר מיט אַן אויסצייכענונג און איז געווען איינע פון די בעסטע לערערנס אין שטאָט און אין דער געגנט. אַפילו אין דער לייטונג פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע האָט מען זיך מיט איר גערעכנט. אויך אין דער צייט פון דער סאָוועטישער הערשאַפט האָט זי פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ. ליידער האָט זי נישט אַדורכגעלעבט די מלחמה. אין יאָר 1943 איז זי געשטאָרבן אויף מאַלאַריע אין טאַדזיקיסטאַן, וואו זי האָט געליטן הונגער און נויט און איז געווען געפייניקט פון די שרעקלעכע ידיעות וועגן איר משפחה אין האָראָדענקע.

די יידישע שול האָט געהאַט אַלע באַדינגונגען זיך שיין צו אַנטוויקלען, אָבער זי האָט צום באַדויערן נישט לאַנג עקזיסטירט. דעם חלום האָבן די רויטע „באַפרייער" צעשטערט אין יאָר 1939. דערנאָך איז געקומען די פינצטערע צייט פון די היטלעריסטישע מערדער, ווען די קינדער זענען אויסגעמאָרדט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע עלטערן. און אַז מען רעדט היינט וועגן „בונד" און וועגן דער יידישער שול, קלינגט עס ווי אַ לעגענדע וועגן עפּעס וואָס איז געווען אַמאָל־אַמאָל, וואָס איז געווען אַמאָל און וועט שוין קיינמאָל מער נישט זיין.

✶

אין די לעצטע יאָרן איז אָשר שטרייט געווען דער פאָרזיצער פונם „בונד" אין האָראָדענקע. ער האָט געשטאַמט פון זייער אַ פרומער משפחה. זיין פאָטער שלמה שטרייט איז געווען אַן אָנגעזעענער ייד און איז אַ געוויסע צייט געווען ראש־הקהל. איך האָב צום ערשטן מאָל באַגעגנט אָשר שטרייט ווען ער איז געווען מיין לערער אין אַן אָוונט־קורס אין דער יידישער שול. ער האָט אונדז געלערנט מיטן גאַנצן האַרץ און האָט געוואָלט מיר זאָלן אַלץ וויסן. ער אַליין איז געווען אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע; אַלץ וואָס מען האָט אים געפרעגט האָט ער באַלד אויפן אָרט אויפגעקלערט, און אויף אַזאַ קלאָרן אופן, אַז ס'איז שוין געבליבן אויף אייביק אין זכרון. דער קורס וועלכן ער האָט געלערנט איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז מען האָט אים געמוזט טיילן אין צוויי שיכטן. אָשר שטרייט האָט פאַר יעדן קינד געהאַט אַ גוט וואָרט, אַ וואַרעמען פאָטערלעכן שמייכל. ער איז געווען זייער אַ גוטער רעדנער און איז גאָר אָפט אַרויסגעטרעטן, ביי יעדער פאַרזאַמלונג און ביי יעדער אימפּרעזע.

באַלד נאָכן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי האָט מען



פתיחת בית־הספר היידישאי
ערעפנונג פון דער יידישער שול
The Opening-Ceremomy of the Yidish School

אָשר שטרייט אַרעסטירט, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט מען אים באַפרייט און ער האָט באַקומען אַ שטעלע ווי אַ לע־רער פון דייטש פאַר די רוסן און דירעקטאָר פון דער יידישער שול. אין דער צייט פון דער נאַצי־הערשאַפט האָט זיך אָשר שטרייט אַ לאַנגע צייט אויסבאַהאַלטן. ווי מען האָט מיר אי־בערגעגעבן, איז ער געווען באַהאַלטן צוזאַמען מיט משה שיפ־טער און זיין פרוי (פון דער משפחה לאַדענהיים) און זיי זענען אַלע דערמאָרדעט געוואָרן פון אוקראַאינישע באַנדיטן קורץ פאַר דער באַפרייאונג. אָשר זאָל האָבן געשריבן אַ בוך זכרונות פון דער היטלער־תקופה, אָבער דאָס בוך איז אומ־געקומען צוזאַמען מיט אים.

הערש שעכטער האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער משפחה פון שוחטים און זינגער. די ערשטע צייט האָט ער געלערנט זינגען אין דער יידישער שול, דערנאָך איז ער געוואָרן פון די וויכטיקסטע חברים אין בונד און אין אַלע זיינע אינסטיטוציעס. ער איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אַלע פוילישע געזעצן, געוואוסט אַלע יורידישע שפיצלעך, און די פאַרטיי האָט זיך אָפט באַנוצט מיט זיינע עצות. דערביי איז ער געווען זייער באַ־שיידן, האָט אַלע מאָל געזאָגט, אַז ער איז נישט דער פאַסענ־דער מענטש אויסגעוויילט צו ווערן צו דער אָדער יענער קאָ־מיסיע, אָבער נאָכדעם ווי ער איז אויסגעוויילט געוואָרן איז ער געווען דער טיכטיקסטער, און זיצנדיק בייטאָג ביי די זיי־גערלעך (ער איז געווען אַ זייגערמאַכער) האָט ער צוגעגרייט דעם מאַטעריאַל צו דער זיצונג אין אָוונט. ער האָט געהאַט אַ קאַלטן ניכטערנעם שכל, וואָס האָט זיך נישט באַגייסטערט פון קיין שום נצחון און ער איז נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך אין פאַל פון אַ מפלה.


אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען דער פאַרטרעטער פונם „בונד" אין קולטוס־ראַט אין האָראָדענקע. ביי די דייטשן האָט ער בשום אופן נישט מסכים געווען אַריינצוגיין אין „יודענראַט", און ער איז געווען פון די ערשטע קרבנות.

יהודה־הערש סאָבעל איז געווען אַ מענטש מיט גרויסער ענערגיע. אַ צייט איז ער געווען לערער אין דער יידישער שול, אָבער צום מיינסטן אויסגעהאַלטן איז ער געווען אויפן געביט פון דער דראַמאַטישער טעטיקייט. ער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן געשפילט טעאַטער אין האָראָדענקע, און איז אויך אין די שפּעטערע יאָרן געווען דער אָנפירער פון אַ דראַמאַטישן קרייז פון דערוואַקסענע. ער האָט אויך אויסגע־פּראָבט אַלע פאָרשטעלונגען פון די שול־קינדער. ער איז אומ־געקומען מיט אַלע האָראָדענקער יידן.

נחמן אגאטשטיין איז, אַזוי ווי זיין פאָטער, פון פאַך געווען אַ בלעכער. אויפן ערשטן אָנבליק האָט ער נישט גע־מאַכט קיין גוטן איינדרוק, אָבער אַז ער האָט אָנגעהויבן ריידן האָט ער צוגעשימדט זיינע צוהערער. ער איז געווען טעטיק ווי אַן אָנפירער פון דער יוגנט פונם „בונד". ער האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון און האָט אויף דער מינוט געוואוסט אָנ־צורופן יעדע היסטאָרישע דאַטע. ער איז געפאַלן פון אַ דייטשער באָמבע אין דער רוסישער שטאָט אומאַן.

טויבע בערנשטיין איז געווען אַ גוטהאַרציק מיידל. זי האָט געלערנט זינגען און האָט אָנגעפירט פאַרשיידענע קרייזן פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

קריינציע שטיינער האָט אויך אָנגעפירט מיט דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, האָט געלערנט זינגען און טאַנצן און האָט אויס־געפּראָבט פאָרשטעלונגען.ביידע זענען אומגעקומען אין דער צייט פון דער בעסטיאַלער נאַצישער הערשאַפט.



גן־הילדים על־יד בית־הספר היידישאי (1932)


דער קינדערגאָרטן פון דער יידישער שול

A "Kindergarten" of the Yidish School Org. (1932)

זיק פינק

די „אברהם רייזין שול"

געגרינדעט האָט זיך די שול נאָך דער ערשטער וועלט־
ּזה, דורך דער איניציאַטיוו פון דער פּראָגרעסיווער אַר־
נר באַוועגונג אין האָראָדענקע.
נאָכן צעפאַלן פון דער עסטרייכישער רעגירונג, איז
אָדענקע איבערגענומען געוואָרן פון די אוקראַינער, וועלכע
ן געווען ביי דער מאַכט פון נאָוועמבער 1918 ביז מיטן
ר 1919. די רוטענער האָבן געבאַלעבאַטעוועט אַפּאָר
ים, און נאָכדעם האָבן די פּאָליאַקן איבערגענומען די
ט און רעגירט ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה.
ווען די אוקראַינער האָבן איבערגענומען די מאַכט האָבן
וואָס אָנבעלאַנגט קולטורעלער און נאַציאָנאַלער טעטיקייט
די מינאָריטעטן, ד. ה. פּאָליאַקן און ספּעציעל יידן, זיך
געפירט זייער אָנשטענדיק. טעכניש האָט עס געהייסן,
ווען אַ ייד וויל מאַכן אָפיציעל אַ געזוך (אַ בקשה), אָדער
ייגן וועלכן ס'איז דאָקומענט, קען ער עס טון אין
ש. אַן אוקראַינישער באַאַמטער איז טאַקע געקומען צו
מלמד, און זיך ביי אים נאָכגעפרעגט צי ער וואָלט אים
ענט אויסלערנען לייענען און שרייבן יידיש. פאַרשטייט
ס'איז פון דעם גאָרנישט נישט געוואָרן. ס'זענען געווען
ּג יידישע באַאַמטע, וואָס האָבן באַהערשט די דייטשע,
פּוילישע, די אוקראַינישע ווי אויך די יידישע שפּראַך.
ס'איז געווען נאָוועמבער 1918. די מלחמה האָט זיך
נדיקט. נישטאָ מער קיין עסטרייך. די שטאָט ווערט אָנגע־
ט מיט געוועזענע זעלנער, יינגלעך פון 18 ביז זיידעס פון
ּגע 60 יאָר אַלט. אַ יעדער האַלט אין איין רעדן וועגן
ע איבערלעבונגען, און ס'דאַכט זיך אים אַז נאָר ער האָט
ז מיטגעמאַכט, אים איז עס געלונגען זיך אַריסצודרייען,
נאָר ער האָט געהאַט דאָס גליק ניצול צו ווערן; און
נציעל די זעלנער וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין די
אַכטן אויפן איטאַליענישן פראָנט. משה מאַנעס נייגיסער
ט געזאָגט, „די צוריקגעקומענע סאָלדאַטן רעדן דאָס אַזוי פאַר
ער און פאַר וואַסער — ווייל דער „טאַמבער" (די פּויק)
ט זיי פאַרקלאָפּט דעם קאָפּ"...
צוביסלעך האָט מען זיך אָנגעהויבן אויסצוטשוכען. די
ּגלידער פון פאַראיין „פאָרווערטס" האָבן זיך גלייך רע־
גאַניזירט און באַשלאָסן צו דינגען אַ סטאַבילן לאָקאַל.
ּיז באַשלאָסן געוואָרן זיך אָנצוטון אַ כוח און דינגען דעם
ָל" ביי דער פרוי וויינשטיין. דאָס אָנטון זיך דעם כוח איז
ז געווען דאָס דירה־געלט, נאָר דער מצב פון דער געביידע.
פאַר דעם אויסברוך פון דעם וועלט־קריג, ווען וויינשטיין
ט באַשלאָסן צו בויען דעם „זאַל", האָט ער געהאַט אין
ען כמעט דאָס זעלבע וואָס מיר האָבן אין זינען געהאַט:
זאַל וועלכן פּראָסטע יידן זאָלן קענען האָבן און נוצן ווען
ּועט זיי אויסקומען. די פּאָליאַקן האָבן געהאַט דעם
אָקאָל", די אוקראַינער — דעם „נאַראָדני דאָם". נאָך פאַר
ּר מלחמה, אַז יידן האָבן געוואָלט אָרגאַניזירן אַ טעאַטער־
פאָרשטעלונג, אַ טאַנץ־אָוונט, אַ רעפעראַט, אָדער סיי־וואָסערע
אונטערנעמונג, פאַר וועלכער מ'האָט געדאַרפט האָבן אַ זאַל,
איז געווען „הימל עפן זיך", מ'האָט געדאַרפט דורכגיין שבעה
מדורי גיהנום. האָט מען זיך געווענדעט צו די פּאָליאַקן וועגן
„סאָקאָל" — איז תמיד געווען דער זעלבער ענטפער: זיי
דאַרפן דעם אויפדערנאַכט פאַר זיך. מ'פלעגט באַנוצן די
גרעסטע פּראָטעקציע, און קוים מיט צרות איז אונדז אַמאָל
געלונגען צו קריגן דעם זאַל. דעם „נאַראָדני דאָם" האָט מען
דווקא יאָ געקענט קריגן, די אוקראַינער זענען געווען מער
וויליק צו פאַרדינגען דעם זאַל, און פאַר אַ סך ביליקער
ווי די פּאָליאַקן; אָבער די צרה איז געווען די, וואָס די מאַכט
איז געווען אין פּוילישע הענט, זיי האָבן עס געדאַרפט געבן
די דערלויבעניש — און זיי האָבן אונדז געלאָזט וויסן, אַז מיר
זאָלן זיך סטאַרען און וואַרטן ביז דער „סאָקאָל" וועט האָבן
אַ פרייען דאַטום. מיר האָבן דורכגעפירט די אונטערנעמונגען
פון צייט צו צייט, אָבער ס'איז אונדז אָנגעקומען מיט גרינע
ווערעם. טאַקע דורכדעם איז אונדז איינגעפאַלן דער געדאַנק,
זיך אַרומצוקוקן און זען צי מ'קען עפּעס טאָן מיט דער גע־
ביידע, וואָס וויינשטיין האָט אָנגעהויבן צו בויען.
פאַר האָראָדענקע איז דאָס געווען אין יענער צייט אַ
מאָדערנער בניין. די ציגל האָט וויינשטיין געלאָזט ברענגען
גלייך פון קאָלאָמיי, און די מוליאַרעס אַזש פון טשערנאָוויץ.
די געביידע האָט געזאָלט האָבן אויך צענטראַלע באַהייצונג —
דערווייל האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, און דער בניין איז
געבליבן אַ האַלב פאַרענדיקטער. אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט
איז געווען — ליידיקע פיר ווענט מיט אַ דאַך. אַפילו קיין
בריק (פּאָדלאָגע) איז נישט געווען. די פרוי וויינשטיין האָט
אונדז טאַקע אָנגעקוקט ווי משוגע, וואָס מיר נעמען זיך
אונטער אַזאַ זאַך. מילא, אַ בריק און טיר־און־פענצטער —
דאָס האָט זיך נאָך געלעגט אויפן שכל. נאָך אַלעמען, האָבן
דען געפעלט סטאָליאַרעס צווישן אונדזערע מיטגלידער?
אָבער וויאַזוי וועט איר דאָס באַהייצן אַזאַ וואַלד? — האָבן
מאַנכע געטענעט.
דאָס איז טאַקע געווען אַ פּראָבלעם. ביז ס'איז עמיצן
איינגעפאַלן אַ פּלאַן -- אַ פאַס! מ'האָט גענומען אַ גרויס
אייזערן פאַס און „אויסגעבעט" מיט ציגל, און אין מיטן
אויסגעשניטן אַ טירל — האָבן מיר שוין אַן אויוון. דאָס איבע־
ריקע האָבן שוין די בלעכער געטאָן. מ'האָט געצויגן רערן
דורך דער גאַנצער לענג פון זאַל, און אַזוי אַרום איז אין אַפּאָר
מינוט נאָכדעם ווי מען האָט אָנגעצונדן דעם אויוון גלייך
געוואָרן אַ געמיטלעכע וואַרעמקייט אין לאָקאַל.
גלייכצייטיק איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערדיקע אַקטיוויטעט
אין אָרגאַניזירן די באַוועגונג אַרום „פאָרווערטס" פאַראיין.
צוערשט איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן דער כאָר אונטער דער
אָנפירונג פון ברוך־איציק שפּירער. נאָכדעם די ביבליאָטעק,
וועלכע איז צוביסלעך איינגעשטעלט געוואָרן און זיך וואָס



הוועד־הפועל של ה„בונד״ בעירנו
עקזעקוטיווע פונם „בונד״
Executive Committee of the "Bund" in Horodenka

מער פאַרגרעסערט מיט יעדער אונטערנעמונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר דעם צוועק.


ווען ס'איז געקומען צום אָרגאַניזירן די אָוונט־קורסן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ נייַ פּראָבלעם — די מיידלעך זענען נישט געווען וויליק צו באַזוכן די קורסן פאַר שרייבן און לייענען יידיש צוזאַמען אין איין קלאַס מיט די ייִנגלעך. זיי זענען געווען הינטערשטעליק און זיך געשעמט דערמיט כאָטש אייגנטלעך איז דאָס ניט געווען זייער שולד. די ייִנגלעך האָבן נאָך געקענט אַביסל לייענען און שרייבן; זיי האָבן זיך געלערנט אין דער באַראָן הירש־שול (ביז זי האָט זיך פאַרמאַכט), ווי אויך ביי מלמדים, ווי נטע, יונה און מרדכי. פאַר די מיידלעך, וועלכע האָבן זיך געוואָלט לערנען, און זייערע טאַטעס זענען געווען וויליק צו באַצאָלן דערפאַר, זענען געווען פּריוואַטע יידישע לערער. אָבער דער רוב פון די מיידלעך, ספּעציעל די אַרבעטער מיידלעך, האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו לערנען. צוליב דעם טאַקע זענען די אָוונט־קורסן צום אָנהויב באַשטאַנען פון קלאַסן פאַר אָנהויבער (לייענען און שרייבן יידיש) בלויז פאַר דערוואַקסענע מיידלעך. די ייִנגלעך האָבן באַלאַנגט צו מער פאַרגעשריטענע קורסן פאַר יידישער ליטעראַטור און פּאָלי־טישער דערציאונג. די לאַגע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיקל צייט, ביז ס'איז אונטערגעוואַקסן דער יונגער דור קינדער, וועלכע האָבן באַזוכט די בייטאָגיקע קורסן.

די שול אונטערן נאָמען „אברהם רייזין שול״ איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרן אַלס אַ דערציאונגס־שול פאַר וועלטלעכער מאָדערנער יידישער בילדונג, און זי איז אויסגעהאַלטן און געשטיצט געוואָרן דורכאויס פון לאָקאַלע ביישטייערונגען. מיר האָבן פון צייט צו צייט געקראָגן אַביסל שטיצע פון דער יידישער קהילה, נאָך אַדאַנק דעם וואָס דער פּרעזידענט פון דער קהילה (קולטוס געמיינדע), בערל שפּירער, איז געווען אַ פּראָגרעסיווער מענטש. פון „דזשוינט״ האָבן מיר אויך פּעריאָדיש געקראָגן פינאַנציעלע הילף. פון די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט האָבן מיר די ערשטע פאַר יאָר קיין שום הילף נישט געקראָגן. די ערשטע שליחים (דעלעגאַטן) וואָס האָבן באַזוכט האָראָדענקע האָבן געבראַכט געלט פאַר נויטבאַדערפ־טיקע, אָבער פאַר דער יידישער שול האָבן זיי גאָרנישט געבראַכט.

די לאַגע האָט זיך געביטן ווען די נייע עמיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אַמעריקע און זענען געוואָרן מיטגלי־דער פון די צוויי פאַראיינען פון האָראָדענקער לאַנדסלייט — פון דעם ערשטן „האָראָדענקער קראַנקען אונטערשטיצונגס פאַראיין״ און דעם אַזוי גערופענעם „פּראָגרעסיווע האָראָ־דענקער יונגע מענער און יונג ליידיס פאַראיין״. די לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט דער יידישער שול אין האָראָדענקע און באַשלאָסן צו געבן איר פינאַנציעלע הילף פון צייט צו צייט.

נאָכדעם ווי די יידישע שול האָט עקזיסטירט אַ פּאָר יאָר, האָט די פּוילישע מאַכט זיך גענומען טשעפּען, אַז דער וויינ־שטיין־לאָקאַל איז ניט פּאַסיק פאַר אַ קינדער־שול. די אָנ־פירער פון דער שול האָבן זיך ניט דערשראָקן, זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט און געשאַפן אַ בוי־קאָאָפּעראַטיוו, מיטן צוועק צו בויען אַ מאָדערנעם בנין, וואו ס'זאָלן זיך געפינען אַלע אינסטיטוציעס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין האָראָדענקע. די אונטערנעמונג איז געווען זייער אַ געוואַגטע, און די וואָס האָבן זיך אונטערגענומען די אַרבעט האָבן אַליין ניט געוואוסט, וויפל מי און פּראַצע ס'וועט נעמען צו דער־גרייכן די רעזולטאַטן.

דעם 24־טן יוני 1924 איז שלום לופּט'ס גאָרטן געקויפט געוואָרן פון ישראל שניידערמאַן און אבא פּאַדוויסאָקער פאַר דער סומע פון 500 דאָלאַר, מיטן געדאַנק צו בויען אויף דעם פּלאַץ אַ יידישע שול. אין סעפּטעמבער 1925 איז דער פּלאַץ אָפיציעל געקויפט און טאַבולירט געוואָרן אויפן נאָמען פונם בוי־קאָאָפּעראַטיוו. מ'האָט זיך גלייך גענומען זאַמלען געלט און מאַכן פאַרשידענע אונטערנעמונגען פאַר דעם צוועק. מען



נשיאות בית־הספר היידישאי
פּרעזידיום פון דער יידישער שול
The Presidium of the School for Yidish

האָט זיך אויך געווענדעט צו די לאַנדסלייט אין אַמעריקע, און זיי האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן. ס׳איז גלייך געגרינדעט געוואָרן דער ייִדישער־שול־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון רעפּרעזענטאַנטן פון ביידע האָראָדענקער פאַראיינען. אין יאָר 1926 האָט זיך אָנגעהויבן די אַקטיוויטעט פאַר דער ייִדישער שול, און זי האָט אָנגעהאַלטן ביז צום חורבן. צוערשט האָבן מיר אָנגעהויבן מיט געלט־זאַמלונגען ביי אַלע לאַנדסלייט, וועלכע ס׳איז אונדז געלונגען צו דערגרייכן. נאָכדעם האָבן מיר געשאַפן אַ מיטגלידערשאַפט מיט יערלעכן אָפּצאָל. אָבער די בעסטע רעזולטאַטן האָבן מיר דערגרייכט מיט די אַזוי גערופענע „טעאַטער בענעפיטס״. די ביישטייערונגען פון דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט און פון דעם „בוי־קאָאָפּעראַטיוו״ אין האָראָדענקע קען מען זען פון דעם רעכנונגס־אויסצוג, וואָס איז פאַרבליבן פון יענער צייט, און ווייזט די הכנסות פאַר דער צייט פון 1925 ביז 1931.

ד״ר ק. איינאייגלער, דער באַקאַנטער זשורנאַליסט און בונדישער טוער אין לעמבערג, שרייבט אין זיינע זכרונות וועגן ייִדישן שול־וועזן אין גאַליציע דאָס פאָלגענדע וועגן האָראָדענקע:

„אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָבן מיר געהאַט אין מזרח־גאַליציע בלויז איין איינציקע וועלטלעכע שול — אין האָראָדענקע. די שול האָט געהאַט אַן אייגענעם בנין און געפירט אַ מוסטערהאַפטע אַרבעט.

ליידער געדענק איך ניט די נעמען פון די לערער און שול־טוער פון האָראָדענקע. דאָס איז געווען אַן „אאַזיס״ אין דער מדבר, און ס׳איז כדאי צו פאַראייביקן זייער זכרון. איך ווייס, אַז די האָראָדענקער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע פלעגט שיקן געלט קיין פוילן אויף אויסהאַלטן די שול״.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז די ערשטע לערער זענען געווען יהודה־הערש סאָבעל, יוסל כץ און אייזיק פינק. נאָך פינקס אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, אין יאָר 1923, איז אשר שטרייט געוואָרן איינער פון די לערער. שפּעטער האָבן מיר געהאַט פאַר לערער גראַדואירטע שילער פון אונדזער שול, וועלכע האָבן דערגענצט זייער לערנען אין ייִדישן סעמינאַר אין ווילנע.

רעכנונג־אויסצוג פאַר דער צייט פון 1925—1931

יאָר	הכנסות — זלאָטיס	הכנסות — דאָלאַר	הוצאות — זלאָטיס	הוצאות — דאָלאַר
1925	295.00	520.00	82.65	520.00
1926	7,932.65	2,165.00	7,899.52	2,164.37
1927	6,406.86	1,400.00	6,444.22	1,028.33
1928	61.87	—	60.18	268.29
1929	1,549.56	—	1,551.25	102.70
1930	10,309.90	329.00	10,319.28	329.00
1931	180.00	100.00	422.70	76.00
	26,735.84	4,514.00	26,779.80	4,488.69

פון דער סומע —.4,514 דאָלאַר זענען —.3,650 געשיקט געוואָרן פונם אַמעריקאַנער קאָמיטעט. דאָס איבעריקע געלט איז געזאַמלט געוואָרן דורכן בוי־קאָאָפּעראַטיוו.



הקמת „מעון־הילדים״ (1926)

ביים בויען פונם „קינדערהיים״ (1926)

Foundation of the Yidish Youth-Home (1926)

פעסיע בלאט

זכרונות פון דער יידישער שול

ווען איך טראַכט וועגן אונדזער געוועזענער טייערער היימשטאָט האָראָדענקע, וועגן אירע טייערע יידן און איר שיינער יוגנט, ברענגען מיך די געדאַנקען צוריק צו מיינע קינדעריאָרן, די יאָרן וואָס באַגלייטן דעם מענטש זיין גאַנץ לעבן. און אַן אומעט דריקט דערביי דאָר האַרץ, וואָס דער שיינער חלום איז אַזוי אכזריותדיק צערונען געוואָרן. די שטילע גוטע האָפנונגען, וואָס יענע טעג האָבן אין זיך געטראָגן, ליגן צוזאַמען מיט אונדזער גאַנצן האָראָדענקער לעבנס־שטייגער פאַרשאָטן אונטערן גרויסן באַרג אַש, וואָס איז געבליבן פון אונדזער היים, און עס נעמט מיך אַרום אַ פאַרלאַנג צו טיילן זיך מיט זכרונות, דערמאַנען די היים, די יידישע שול, וועלכע איז געווען פאַר אונדז אַרבעטער־קינדער די צווייטע היים; אַ היים וואו מיר האָבן געפונען פרייד און אויסגעלעבט זיך אין אונדזער קינדערישער וועלט.

איך זע נאָך פאַר מיינע אויגן די גרויסע צווייִשטאָקיקע געביידע פון ציגל, וועלכע האָט זיך מאַיעסטעטיש אויסגע־טיילט פון אַלע אַנדערע הייזער נעבן דעם רינעק. אָט פאַרלאָז איך אונדזער שטוב, און ס׳באַגלייטן מיך די קלעפּ פון מיין טאַטענס האַמער ביי דער אַרבעט. איך לויף גיך אין דעם קאַלטן ווינטערדיקן טאָג און פאַל אַריין אַ פאַרפרוירענע אין שול. אַ מחייהדיקע וואַרעמקייט נעמט מיך אַרום, הילכיקע געזאַנגען פון יידישער אַרבעטער — און פאָלקס־לידער באַ־געגענען מיך; ס׳דויערט נישט לאַנג, און מיין שטים מישט זיך אויס מיט די שטימען פו אַלע אַנדערע קינדער. מיר פאַרגעסן די אָרעמקייט, די נויט און זאָרגן פון אונדזערע טאַטע־מאַמע, און מיר ווערן אַריבערגעפירט אין אַן אַנדערער וועלט, פול מיט גלויבן און שטרעבן.

איך דערמאַן זיך די פרייד וועלכע האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען, ווען מיר פלעגן זיך גרייטן צו פייערן דעם פרילינג יום־טוב. אָט איז צו איינער אַזאַ פייערונג געקומען ב. שעפנער. מיר נעמען אויף דעם גאַסט מיט געזאַנג; איך באַגריס אים אין נאָמען פון די קינדער, און ער דריקט מיר וואַרעם די האַנט. זיינע אויגן זענען פול מיט פרייד — אונדזער יום־טוב׳דיקע שטימונג האָט אויך אים אַרומגענומען.

עס דערמאַנען זיך אונדזערע טייערע לערער, עטל כתבן, קריינציע שטיינער, יהודה־הערש סאָבעל, יורמאַן און נאָך אַנדערע, וולעכע האָבן אין אונדז געפלאַנצט וויסן, אַ שטרעבן צו אַ בעסערער און יושרדיקער וועלט, און ליבע צו אונדזער פאָלק און צו יעדן מענטש.

וואו זענט איר, טייערע האָראָדענקער יידן וואו זענט איר, טייערע לערער אונדזערע? וואו זענט איר, האָראָדענקער קינדערלעך? וואו זענט איר, מיינע שול־חברים און חברטעס? אייער געזאַנג איז פאַר דער צייט פאַרשטומט געוואָרן, אייער גלויבן אין מענטש האָט אייך אַזוי ביטער אַנטוישט.

זאָלן מיינע געציילטע שורות זיין אַ טרער אויף אייערע אומבאַקאַנטע קבֿרים, זאָלן זיי דערוועקן כבוד פאַר אייער אָנדענק ביי פאַרבליבענע האָראָדענקער ברידער און שוועס־טער, וואָס באַווייִנען צוזאַמען מיט מיר אונדזער חרוב געוואָרענע היים־שטאָט.

האָראָדענקע, מיין שטאָט וואו איך בין געבוירן, האָראָ־דענקע, וואו איך האָב מיינע טייערסטע פאַרלוירן — איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן!



בית־הספר היידישאי — מורים ותלמידים
יידישע שול — לערער און תלמידים
Yidish School – Teachers and Pupils

גבריאל לינדענבערג

די ערשטע העברעאישע שול

גאַנצע דריי שעה בין איך געזעסן און זיך צוגעהערט צו דעם באַריכט פון איינעם פון די גראַטעוועטע וועגן זיינע שרעקלעכע איבערלעבענישן אין קאָלאָמייער געטאָ, וואו די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט די לעצטע רעשטלעך פון דעם יידישן יישוב פונם גאַנצן באַצירק. און ווען ער איז צוגעקומען צום סוף פונם באַריכט, האָט ער דערמאָנט צוויי ליבע נעמען, וועלכע זענען ביי מיר איינגעבאַקן טיף אין האַרצן פון מיין יינגסטער יוגנט אָן, און אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען מיין רוקן הערענדיק די ווערטער: „בן־ציון אייזמאַן און זיין פרוי ציפּע שערצער זענען געווען צווישן די לעצטע האָראָדענקער יידן אין קאָלאָמייער געטאָ”.

ציפּע שערצער איז געווען די ערשטע העברעאישע „גננת” (קינדערגערטנערין) אין האָראָדענקע, און איך וואונדער זיך ביזן היינטיקן טאָג, פון וואַנען האָט אַ יידישע טאָכטער אין האָראָדענקע אין יענער צייט, אין יאָר 1907, גענומען די קענטענישן צו זיין אַ העברעאישע גננת. אפשר איז געווען דאַרין די השפעה פון איר צוקונפטיקן מאַן, בן־ציון אייזמאַן, וועלכן איך געדענק פונם „ציון־פאַראיין” פאַר אַ העברעאיסט, וואָס האָט מיך אַלעמאָל באַצויבערט מיט זיין אַדעליקן אויסזען פון אַ מאָדערנעם „זיידענעם יונגעמאַן”. יעדנפאַלס זענען ביידע געווען פון די טייערע, אומפאַרגעס־לעכע געשטאַלטן פון מיין קינדהייט, וואָס זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם אָנהויב פון דער העברעאישער באַוועגונג, פון דער העברעאישער שול.

מיין פאָטער, שמואל יצחק לינדענבערג, איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער שול און אויך איינער פון די אינטע־רעסענטן: זיינע צוויי קינדער האָבן געדאַרפט זיין תלמידים פון דער שול. און ער איז געווען נישט בלויז צווישן די גרינדער, נאָר ער האָט אויך געשטרעבט זיינע קינדער זאָלן ווערן גוטע העברעאיסטן, און ער האָט זיי געלאָזט לערנען לאַנגע יאָרן אין דער העברעאישער שול.

דער ערשטער לערער, וועלכן מען האָט אַראָפּגעבראַכט קיין האָראָדענקע, איז געווען ר׳ יראַכאָווסקי. ער איז געווען פון רוסלאַנד און האָט אויסגעזען ווי אַ רוס. אָן אַ באָרד און מיט לאַנגע וואָנסעס — האָט ער געהאַט אַן ענלעכקייט צו שאול טשערניכאָווסקי (טשרניחובסקי), ווי מיר האָבן אים געקענט פונם בילד. זיין פרוי איז אויך געווען אַ העברעאישע לערערין, אַ הויכע שיינע פרוי מיט אַ שיינער מענלעכער האַנדשריפט. ביידע זענען געווען גוטע פּעדאַגאָגן, און אין וויניקער ווי אַ יאָר צייט האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ פּרעכטיקע העברעאישע שול. צולעצט האָבן זיי צוגעגרייט מיט די קינדער אַ פאָר־שטעלונג, פון וועלכער די גאַנצע שטאָט איז געווען פול מיט התפעלות.

פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך נישט געקאָנט לאַנג האַלטן אין האָראָדענקע. זייער אויסזען און זייער אויפפירונג איז געווען צו פריי פאַר אונדזער שטאָט אין יענער צייט, און זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן און פריימאַכן דעם פּלאַץ פאַר אַ לערער מיט אַ יידישן אויסזען און אַ יידישער אויפפירונג. דער צווייטער לערער איז געווען הירשפעלד, וועלכער איז געבליבן אין האָראָדענקע מער ווי אַ יאָר. ער איז געווען אַן ערנסטער ייד, אַ בעל־משפחה, און האָט זיך מער געפּאַסט פאַר האָראָ־דענקע ווי דער ערשטער לערער.

די ערשטע העברעאישע שול איז געווען אין אַ געדונגענעם לאָקאַל ביי אורי־חיים שערצער. דערנאָך, אין דער צייט פונם לערער הירשפעלד, איז זי אַריבערגעגאַנגען אין אַ באַזונדע־רער געביידע פון צוויי צימערן ביי אלתר וויזעלבערג אויפן הויף, און איז דאָרט פאַרבליבן ביז צום אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין 1914.

אין יאָר 1910 איז געקומען דער דריטער לערער, יהודה גאָלדשטיין, וועלכער איז געבליבן אין שטאָט ביז צו דער מלחמה. פאַר זיין צייט האָט זיך די שול שיין אַנטוויקלט און האָט באַשעפטיקט אַ צווייטן לערער, אַ האָראָדענקער, ישעיה־איציק בעקער. ער איז געווען זייער אַ גוטער לערער, און ביזן היינטיקן טאָג געדענק איך דעם טעם פון זיינער אַ לעקציע אין תנ״ך, בשעת ער האָט פאַרטרעטן מיין סטאַבילן לערער יהודה גאָלדשטיין. שפּעטער האָט ער געעפנט אַ שול פאַר זיך, און אַ צייט לאַנג זענען געווען אין שטאָט צוויי העברעאישע שולן. אין דער צייט פון דער מלחמה איז בעקער געקומען קיין קאַרלסבאַד ווי אַ פּליטלינג און איז שוין דאָרט פאַרבליבן ווי אַ העברעאישער לערער. דאָרט האָט ער געהאַט געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַלע וויכטיקע ציוניסטן, וועלכע זענען געקומען קיין קאַרלסבאַד צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן, און איז אויך געוואָרן דער העברעאישער לערער פון אַ טייל פון זיי. עס איז אים געלונגען רעכטצייטיק צו פאַרלאָזן די טשעכאָסלאָוואַקיי און צו קומען קיין ארץ־ישראל, אָבער דאָ איז ער גאַנץ יונג געשטאָרבן אין יאָר 1944.

פון אַלע תלמידים פון דער ערשטער העברעאישער שול איז קיין איינער נישט דערגאַנגען אַזוי וויט, ער זאָל קענען און ווילן ריידן העברעאיש אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אויסער דער שול. אויף וויפל איך ווייס, בין איך דעמאָלט געווען דער איינציקער תלמיד אין שטאָט, וואָס האָט געפּרוּווט ריידן העברעאיש אין דער היים. מיין צוקונפטיקער שוואָגער בערל מאָסבערג און איך האָב באַשלאָסן צו ריידן צווישן זיך בלויז העברעאיש, און מיר האָבן דאָס אויסגעפירט אין משך פון אַפּאָר יאָר, ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה.

צווישן די עלטערע ציוניסטן איז אויך געווען אַן איינ־אינאיינציקער, וועלכער האָט איינגעפירט ביי זיך אין שטוב די העברעאישע שפּראַך. דאָס איז געווען הערשל פרעמינגער. ער האָט גערעדט העברעאיש מיט זיין פרוי און זיינע קינדער, און אַז ער האָט צוגענומען אַ יידיש דינסט מיידל האָט ער זי געשיקט אין שול אַריין, זי זאָל זיך קענען צונויפרעדן מיט זיינע קינדער.

הערשל פרעמינגער האָט אויסערדעם אויפגעטאָן נאָך אַ גרויסע זאַך. עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געעפנט אין האָראָדענקע אַ פאַבריקל פון שוך־פאַסטאַ, און דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן זיין איבערגעבענקייט צום ציוניזם און צו דער העברעאישער שפּראַך. די פאַסטאַ האָט ער גערופן מיט אַ העברעאישן נאָמען „לבנון", אויפן שאַכטל האָט ער געלאָזט אויפדרוקן דאָס בילד פון דער העברעאישער גימנאַזיע אין תל־אביב „הרצליה", און די געברויכס־אָנווייזונג אויף דער צווייטער זייט פונם שאַכטל איז געווען ריין העברעאיש. פרעמינגער האָט געוויס אויך געהאָפט, אַז דער עטיקעט און דער העברעאישער נאָמען וועלן צוציען די יידישע קונים און העלפן פאַרשפּרייטן זיין פּראָדוקציע (וועלכע האָט, אגב, באַקומען אין האָראָדענקע דעם נאָמען „ציוניסטישער גלאַנץ"). אָבער די ווירקלעכקייט איז נישט אַזוי געווען, כאָטש די פאַסטאַ איז געווען גאָרנישט שלעכט. דאָס פאַבריקל האָט זיך נישט געקאָנט לאַנג האַלטן, און נאָך אַ צוויי יאָר איז עס פאַרמאַכט געוואָרן.

אין דער צייט פון דער מלחמה איז פרעמינגער געקומען קיין ווין און איז דאָרט פאַרבליבן אויך נאָך דער מלחמה. אַז איך בין געקומען קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1925, האָב איך זיך דערוואוסט אַז ער האָט אַ קורצע צייט פריער פאַרלאָזט דאָס לאַנד. ער איז געקומען אַהער איינער אַליין און געפּרואווט באַקומען אַ שטעלע ווי אַ לערער פון העברעאישער סטענאָגראַפיע, לויט דעם סיסטעם וועלכן ער האָט אויסגעפונען. אָבער אויך דאָ האָט ער קיין מזל נישט געהאַט, און ער איז צוריקגעפאָרן מיט גאָרנישט. אַ לאַנגע צייט האָב איך וועגן אים גאָרנישט געהערט. ערשט אין יאָר 1946 האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער געפינט זיך מיט זיינע צוויי קינדער זייט עטלעכע יאָר אין חיפה, און האָט שווער פּרנסה פון פאַרקויפן ציגאַרעטן. קיינער האָט אַפילו נישט געדענקט אים איינצולאַדן צו דער ערשטער טרויער־פאַרזאַמלונג פון די האָראָדענקער לאַנדסלייט.

ער האָט אַנדערע געוויזן דעם וועג קיין ארץ־ישראל, אָבער אַליין האָט ער פון דעם לאַנד קיין נחת נישט געהאַט...

בלומה פעדער

די „בית־יעקב" שול

פון דער גאַנצער גרויסער משפּחה פון דעם סופר אליהו גאָלדשטיין בין איך די איינציקע ביים לעבן געבליבן און בין געקומען קיין ישראל.

אין יאָר 1935, ווען איך בין נאָך גאַנץ יונג געווען, איז געקומען קיין האָראָדענקע פרוי שרה שענירער, די גרינדערין פון די „בית־יעקב" שולן אין גאַנץ פּוילן, כדי צו גרינדן אַזאַ שול אויך אין אונדזער שטאָט. דער געדאַנק האָט געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין די פרומע קרייזן, און מיט דער הילף פון די היימישע עסקנים איז די שול געגרינדעט געוואָרן. די מיטגלידער פונעם שול־קאָמיטעט זענען געווען דער רבי מאָשקאָוויץ ז"ל, דער שוחט און חזן יהושע דאָרף ז"ל און מיין פאָטער, דער סופר אליהו גאָלדשטיין ז"ל. דער פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט איז געווען הערשל סוכער ז"ל.

די שול האָט געהאַט אַ פאַרגעשריטענעם כאַראַקטער. חוץ דאַווענען און חומש האָט מען אויך געלערנט יידישע געשיכטע און העברעאיש. עס זענען אויך אויפגעפירט געוואָרן עטלעכע תנכישע פאָרשטעלונגען, ווי למשל „אחשורוש" מיט דבורה געפּנער און יוטע קוגלער אין די הויפּט־ראָלן, „יוסף אין מצרים" מיט גאָלדע שאַרף, „עקידת יצחק" מיט חנה גראַפּאַך, ווי אויך היסטאָרישע פאָרשטעלונגען, ווי „מתתיהו און זיינע פינף זין", „חנה און אירע זיבן זין", און נאָך אַנדערע פאָרשטעלונגען. די יוגנט פון דער שול האָט זיך אויסגעלעבט קולטורעל און איז נישט צוריקגעשטאַנען פון דער יוגנט אין אַנדערע יידישע שולן אין שטאָט.

ליידער האָט דאָס אַלץ נישט לאַנג געדויערט. ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז די קולטורעלע טעטיקייט געוואָרן



כיתה שביעית של בית־הספר „בית־יעקב"
זיבנטע קלאַס פון דער „בית־יעקב" שול
"Beit-Yaakov" School

אַלץ שווערער און שווערער, און אין די שרעקלעכע יאָרן פונם נאַצי־רעזשים איז די גאַנצע יוגנט טראַגיש אומגעקומען. פון דער „בית־יעקב" יוגנט זענען געבליבן עטלעכע געציילטע מענטשן, ווי לוסיע פריפער, פריווע פרישלינג און איך.

זאָלן מיינע פאָר שורות זיין אַ מצבה פאַר די אומגעקומענע.

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים.

מענדל שטרום

די „שומר"־ארגאניזאציע

געווען איז דאָס אין יאָר 1918, אין לעצטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויף אַ טייל פראָנטן האָבן זיך נאָך געפירט קאַמפן, אָבער האָראָדענקע איז שוין געווען באַפרייט פון די רוסן, און איינצעלנע משפחות האָבן אָנגע־הויבן צוריקקומען פון די מערב־עסטרייכישע געביטן, וואו זיי האָבן געלעבט ווי פליכטלינגע.

האָראָדענקע איז אַ קורצע צייט געווען אונטער דער הערשאַפט פון דער מערב־אוקראַאינישער רעפובליק, וואָס האָט זיך געהאַלטן בלויז עטלעכע חדשים. דערנאָך איז גאַנץ מזרח־גאַליציע, ביז צו דער אַמאָליקער רוסישער גרעניץ, אַרונטער אונטער פוילישער הערשאַפט און באַקומען דעם נאָמען „מאַלאָפּאָלסקאַ וסחאָדניאַ" (דאָס מזרחדיקע קליין־פוילן).

די אַמאָליקע גרויסע מדינה עסטרייך־אונגאַרן האָט זיך צעפאַלן, און אין אירע גרענעצן זענען ענטשטאַנען זעלבסט־שטענדיקע מדינות פון טשעכן, מאַדיאַרן און פּאָליאַקן. אויך ביי יידן האָט זיך דערוועקט דער נאַציאָנאַלער גייסט און האָט אַרומגענומען וואָס אַמאָל ברייטערע שיכטן. די באַלפור־דעקלעראַציע האָט דערוועקט די האָפנונג, אַז אויך יידן וועלן זוכה זיין צו באַקומען אַן אייגענע מדינה, גלייך מיט אַנדערע פעלקער, אין זייער אַלטער היים — אין ארץ־ישראל.

אין יענער צייט איז אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון פוילן און גאַליציע געגרינדעט געוואָרן די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „השומר". אין אונדזער שטעטל איז דער איניציאַטאָר פון דער אָרגאַניזאַציע געווען בייניש ניימאַן, מיכאל ניימאַנס זון. ער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער רעדנער, און האָט מיט זיינע רע־דעס געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער יוגנט.


די „השומר"־אָרגאַניזאַציע איז געווען געבויט אין פאָרם פון „קבוצות", קליינע גרופּן פון 8—10 חברים. יעדע גרופּע האָט געהאַט אַ „ראש קבוצה", וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אויסבילדונג פון דער קבוצה. עס זענען געווען קורסן און קרייזן צו לערנען יידישע געשיכטע, יידישע ליטע־ראַטור, געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל, און אַזוי ווייטער. אויסער־דעם האָבן אַלע חברים פון דער אָרגאַניזאַציע געלערנט העברעאיש אין דער שולע, אונטער דער אָנפירונג פון די היימישע לערער: אשר יונגערמאַן, עילא ליבסטער און שמואל גרייף. מען האָט פאַראַנשטאַלטעט ליטעראַרישע פאָר־לעזונגען, אין וועלכע ס'האָט זיך אויסגעצייכנט מענדל דינער, בן־ציון שטריקמאַכערס זון, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ שוישפּילער אין רוסלאַנד.

פון די חברים פון דער „השומר"־אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויך געבילדעט די ערשטע גרופּע פון „חלוצים", וואָס זענען אַרויסגעפאָרן אויף „הכשרה", דאָס הייסט, צוגרייטן זיך צו דער אַרבעט אין ארץ־ישראל, דורכגייענדיק אַ „קורס" פון פעלדאַרבעט.

איך בין געווען אַ חבר פון „השומר" אין דער קבוצה וואָס האָט זיך גערופן „נמר" און האָב זיך אָנגעשלאָסן צו אַ גרופּע חלוצים, וואָס איז אַרויסגעפאָרן אַרבעטן ביים גוטסבאַזיצער פונם דאָרף סעמיניוווקע. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע עלטערן האָבן קנאַפּ נחת געהאַט פון אנדזער „משוגעת", און מיר האָבן זיך ממש געמוזט פון דער היים אַרויסגנבענען.

מיר האָבן אַזוי אָפּגעאַרבעט אַפּאָר וואָכן, און כאָטש די אַרבעט איז געווען שווער, האָבן מיר גרויס הנאה געהאַט פון דער אַרבעט און דערפון וואָס מיר זענען נישט צוריקגע־שטאַנען פון די געניטע גויישע אַרבעטער. אין מיטן דער אַרבעט בין איך קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און אָפּגעלעגן אַפּאָר וואָכן. אינצווישן האָבן זיך דערליידיקט אַלע פאָר־מאַליטעטן וועגן אונדזער עליה, און דעם אַכטן אויגוסט 1920 האָבן מיר שוין געקאָנט אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

מיט דער ערשטער גרופּע חלוצים זענען אָפּגעפאָרן צען יונגעלייט און צוויי מיידלעך. ליידער זענען מיר פאַרהאַלטן געוואָרן אין פרעשבורג און נישט געקאָנט ווייטער פאָרן, אַזוי אַז די מיינסטע פון אונדז זענען געקומען קיין ארץ־ישראל ערשט אַפּאָר יאָר שפּעטער — אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל.



הסתדרות „השומר" — קבוצת „נמר" (1919)

די קבוצה „נמר" אין דער „שומר" אָרגאַניזאַציע (1919)

The "Namer" Group of Hashomer (1919)

יהושע שטרייט

די טעטיקייט פון „התאחדות“

ווער עס וויל געבן אַן איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „התאחדות“ אין אונדזער שטאָט אין משך פון כמעט צוויי צענדלינג יאָרן, מוז אָנהויבן זיין שילדערונג פון דעם וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי, אין די יאָרן 1919 ביז 1923, און דערמיט באַלויכטן די אומשטענדן וואָס האָבן געבראַכט צו דער גרינדונג פון אַן אָפּצווייג פון אָט דער פּאַרטיי אין אונדזער שטאָט אין יאָר 1923.

מיר, די שפּעטערדיקע גרינדער פון „התאחדות“, זענען אין יענע יאָרן געווען גאַנץ יונג. מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט אַ סקויט־באַוועגונג, אָבער נישט סתם אַ סקויט־באַוועגונג, נאָר די יידיש־נאַציאָנאַלע יוגנט־באַוועגונג „השומר“, אין וועלכער מיר האָבן באַקומען די ערשטע באַגריפן וועגן ציוניזם, געהערט און געלערנט וועגן דער ציוניסטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל, און געחלומט וועגן אָנשליסן זיך צו די וואָס האָבן אָנגעהויבן בויען דאָס לאַנד, צו וועלכן מיר האָבן געשטרעבט. דאָרט האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן די אָנפירער וואָס האָבן פאָראויסגעזאָגט, אַז דער אויפבוי פון ארץ־ישראל וועט זיין דורך אַ סינטעזע פון ציוניזם, און סאָציאַליזם, אָנגעהויבן פון משה הס, בער באָראָכאָוו, און געענדיקט מיט א. ד. גאָרדאָן. דאָרט האָבן מיר געלייענט אין „יזכור“־בוך וועגן די „שומרים“, וואָס זענען געפאַלן אין ארץ־ישראל בשעת זיי האָבן פאַרטיידיקט די יידישע קאָלאָניעס, און אונדזער יונג האַרץ האָט געגאַרט צו קומען אַהין, אין אונדזער לאַנד, און פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די וואָס זענען געפאַלן פאַר דער פאַרטיידיקונג פונם לאַנד.

צו יענער צייט איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל די ערשטע גרופּע חלוצים, יונגעלייט פון 19—20 יאָר, און דאַרונטער אויך אונדזער געליבטער לערער פון דער העברעאישער שול, אָשר יונגערמאַן. באַלד נאָך זייער אָפּפאָר האָבן מיר גענומען צו־גרייטן זיך, צוגעוויינען זיך צו שווערער אַרבעט, כדי מיר זאָלן ווי צום גיכסטן זיין פעאיק צו פאָרן און העלפן בויען דאָס לאַנד. אונטער חיים שניצערס הויז האָבן מיר אויסגע־פונען אַ פרייען פּלאַץ און גענומען אים באַאַרבעטן, אָן כלים און אָן קענטעניש, אָבער דערפאַר מיט גרויס התלהבות, נישט קוקענדיק אויף די בלאָזן און מאָזאָלן אויף אונדזערע „זיידע־נע הענט“, נישט קוקענדיק דאַרויף וואָס כמעט די גאַנצע שטאָט האָט אונדז אויסגעלאַכט — דער עיקר איז געווען מיר זאָלן פילן ווי „חלוצים“, וואָס וועלן אָט־אָט זיין גרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

ס'קאָן זיין אַז דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרשאַפט דעם קעגנזאַץ צווישן אונדז און די עלטערע ציוניסטן, וואָס חוץ אַפּאָר געציילטע מענטשן האָט קיינער פון זיי אַפילו נישט געחלומט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן קלערן וועגן שאַפן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון יונגערע ציוניסטן, וואָס איר טעטיקייט זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אונדזערע שטרעבונגען.

גראָד איז אין יענער צייט געגרינדעט געוואָרן אין פּראַג די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי „התאחדות“, וואָס איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער ארץ־ישראלדיקער פּאַר־טיי „הפועל הצעיר“ און פון אירע אָנפירער א. ד. גאָרדאָן, יוסף שפּרינצאַק און יוסף אַהרונוביץ. אַפּאָר עלטערע חברים, ווי אליעזר בילדער, גבריאל לינדענבערג און משולם שניצער, האָבן אָנגעהויבן אונדז אָרגאַניזירן און אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען צום אויפקלערן די יסודות פון דער נייער פּאַרטיי, און אַזוי געבראַכט צום באַשלוס זיך אָנצושליסן צו דער ניי־געגרינ־דעטער פּאַרטיי „התאחדות“.

אין יאָר 1923 האָבן מיר געדונגען דעם לאָקאַל פאַרן ערשטן קלוב פון „התאחדות“ אין הויז פון יענקל עמזיג. באַלד דערנאָך האָבן אונדז אָנגעהויבן באַזוכן די אָפיציעלע שלי־חים פון דער פּאַרטיי, פון דער צענטראַלע אין לעמבערג, די חברים פישל ווערבער, ד״ר נתן מעלצער, ד״ר קאָפּל שוואַרץ און ד״ר צבי העלער. און איך געדענק ווי היינט, אַז ווען ד״ר קאָפּל שוואַרץ איז געקומען קיין האָראָדענקע האָבן מיר אים אָפּגעוואַרט ביי דער „יאַקובאָווקאַ“ און געפירט אין שטאָט אַריין פונקט ווי אונדזערע עלטערן פלעגן אַמאָל פירן זייער רבין, וואָס איז געקומען שבת האַלטן אין שטאָט.

בערך אַ יאָר שפּעטער האָט זיך ווידער דערוועקט די באַ־וועגונג פון „החלוץ“, וועלכע איז „אַנטשלאָפן געוואָרן“ אין די יאָרן 1921—1924, צוליב די האַרבע באַגרענעצונגען אויף דער „עליה“ (אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל) מצד דער ענגלישער רעגירונג. אין זומער 1924 זענען אַרויסגעפאָרן צוויי גרופּן חלוצים צו אַרבעטן ביי פעלדאַרבעט. איין גרופּע איז אַרויסגעפאָרן קיין פּאָטאָטשיסקאַ אין גוט פון יוסף בעזנער, און די צווייטע קיין טשערנעליצע, אין גוט פון טע־רעזאַ פּעטראָוויטש.

האָראָדענקער יידן האָבן געקוקט אויף אונדזער אַרויס־פאָרן אין דאָרף ווי אויף אַ נייעם שגעון. קומענדיק אין דאָרף אויפן פאָלוואַרק, האָט אונדז דער „זאַזשאָנדצע“ פאָרגעשטעלט פאַר די אַרבעטער ווי „סטודענטן“, וואָס זענען געקומען זיך אויסלערנען לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט. אָבער כאָטש מיר זענען געווען „סטודענטן“, האָבן מיר זיך באַמיט נישט צוריק־צושטיין פון די גוישע אַרבעטער, און צו אַרבעטן נישט ווייניקער און נישט ערגער פון זיי.

אָבער נישט בלויז מיט פיזישער אַרבעט האָבן מיר אויס־געפילט אונדזער צייט. שבת האָבן מיר נאַטירלעך נישט גע־אַרבעט — האָבן מיר דעם טאָג פאַרבראַכט מיט לייענען ארץ־ישראל ליטעראַטור און הערן רעפעראַטן וועגן דעם אונטער־שיד צווישן „קיבוץ“ און „קבוצה“, צווישן קאָלאָניעס און אַרבעטער־זידלונגען, און אַזוי האָבן מיר זיך אַריינגעלעבט

אין די פאַרהעלטענישן פון ארץ־ישראל, אין וועלכע מיר האָבן אַ קורצע צייט שפּעטער געדאַרפט לעבן.

צו „ימים נוראים" זענען די חלוצים צוריקגעקומען אַהיים מיט געהאַרטעוועטע הענט, און מיט אַ באַשלוס צו פאַרווירקלעכן דעם אַרויספאָר קיין ארץ־ישראל ווי צום גיכסטן. אינצווישן האָבן זיי זיך ווידער אַריינגעטאָן אין דער אָרטיקער ציוניסטישער אַרבעט, ווי זאַמלונגען פאַר קרן קיימת און קרן היסוד און אַנדערע פּאַרטיי טעטיקייט.

אין יאָר 1925 איז געקומען די צייט, מיר זאָלן זיך שטעלן צו דער „קוואַליפיקאַציע", וואָס זאָל באַשטימען צי זענען מיר שוין גרייט און פּאַסיק צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַפּאָר חדשים שפּעטער איז אָפּגעפאָרן אַ גרופּע חלוצים, וואָס איז באַשטאַנען פון אַפּאָר חברים.

דערווייל האָט די אָרגאַניזאַציע אין האָראָדענקע ווייטער געפירט איר נאָרמאַל לעבן. די צאָל פון די חברים איז געוואַקסן, און די אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרמאָסטן צו געפונען נייע געביטן פאַר איר טעטיקייט, ווי ספּאָרט, קאָאָפּעראַציע, און אַפילו פּרואוון באַאיינפלוסן די קהילה און מאַכן זי מער פּראָגרעסיוו. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון די חברים פון „התאחדות", איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גאַנץ וויכטיקע שטיצע פאַר יידישע קליינהענדלער און בעלי־מלאכות. זיי האָבן געהאָלפן גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע מילכעריי, פון וועלכער אַ פּאָר יידישע משפחות האָבן געהאַט פּרנסה בכבוד. צולעצט האָבן זיי זיך אויך פאַרנומען צו שאַפן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַרבאַנד, דעם ערשטן פּראָפעסיאָנעלן פאַרבאַנד אין שטאָט.

די אַרבעטער וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אָט דעם פאַרבאַנד זענען געווען די אייער־פּאַקער. עס איז אונדז גאָר שווער אָנגעקומען צו איבערצייגן די בעהערדען, אַז כאָטש אונדזער שטרעבן איז צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, מוזן מיר אינצווישן אָרגאַניזירן אונדזערע חברים און פאַרבעסערן זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען. ביי די פּוילישע מושלים איז יעדע טעטיקייט פון דעם סאָרט געווען חשוד אַלס קאָמוניזם. ענדלעך האָבן מיר זיי איבערצייגט, און דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער פאַרבאַנד פון די אייער־פּאַקער איז געגרינדעט געוואָרן.

בכלל האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן צו קומען צו אונדזער אָרגאַניזאַציע פאַרשידענע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, פריער אָדער שפּעטער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. לויט דער פאַראָרדנונג פון דער צענטראַלע פון התאחדות, האָבן מיר אָט די חברים אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערער גרופּע, אונטערן נאָמען „העובד" (דער אַרבעטער). אויך דאָרפס־יידן, וואָס האָבן אָנגעהויבן פילן די פיינדלעכע אַטמאָספערע אין די דערפער, האָבן אָנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל. אין די דרייסיקער יאָרן זענען אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל אַפּאָר צענדלינג משפחות פון מזרח־גאַליציישע דאָרפס־יידן, די אַזויגערופענע „עולי סיטקוב", אויפן נאָמען פונם ארץ־ישראלדיקן שליח סיטקאָב, וואָס האָט זיי אָרגאַניזירט צום פאָרן.

גלייכצייטיק האָט זיך אין די רייען פון „התאחדות", געפירט אַן אינטענסיווע קולטורעלע אַרבעט. יעדן אָוונט זענען חברים געקומען אין קלוב צו פאַרשידענע קולטורעלע קרייזן, און שבת־צו־נאַכט זענען אַלעמאָל אָפּגעהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמען. דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן געהאַט די אַזויגערופענע „קעסטל־אָוונטן", וואו די פאַרזאַמלטע האָבן געקאָנט שטעלן פראַגן פון פאַרשידענע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע געביטן און באַקומען דאַרויף אַן ענטפער. אָט־די אָוונטן פלעגט מען אָפט פאַראַנשטאַלטן ביי „געדעקטע טישן", און צוגרייטן אַ „לעבעדיקע צייטונג", וואו פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַ הומאָריסטיש־סאַטירישן אופן. נאָך דעם אָוונט איז נאָך דער יינגערער עולם איבערגעבליבן און געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט, געוויינטלעך אונטער דער אָנפירונג פון אונדזער חבר משה שטאַכל. דאָס זענען געווען שיינע צייטן, וואָס וועלן מער נישט צוריקקומען.

די חברים פון התאחדות האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן מיט ספּאָרט, הויפּטזעכלעך מיט פוסבאָל. מיר האָבן פאַרמאָגט אַ גאַנץ ערנסטע מאַנשאַפט, און אָפט זיך פאַרמאָסטן מיט יידישע און נישט־יידישע מאַנשאַפטן פון קאָלאָמיי, סניאַטין און טשאָרטקאָוו. די ספּאָרט־באַוועגונג האָט אונדז געהאָלפן דערציען אַ יוגנט, וואָס זאָל זיין קערפּערלעך גוט אַנטוויקלט און קענען זיך אַנטקעגנשטעלן יעדן אָנפאַל פון אַנטיסעמיטישע גויים, פאַרשטייט זיך אין נאָרמאַלע פאַרהעלטנישן...

חברים פון התאחדות האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן מיט דראַמאַטישער טעטיקייט, וועלכע מיר וועלן באַשרייבן אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל. זיי האָבן זיך אויך פאַרמאָסטן צו העלפן „עראָבערן די קהילה", און וועגן דעם וועלן געוויס דערציילן חברים, וואָס האָבן זיך דאַרין באַטייליקט.

איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן, וואָס זענען ענטשטאַנען מיט דער איניציאַטיווע פון „התאחדות", איז געווען די גרינדונג פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „גורדוניה", וואָס איז מיט דער צייט דערגאַנגען צו דער צאָל פון אַ פּאָר הונדערט מיטגלידער און איז געווען אַ זיכערע רעזערוו פאַר דער אַנטוויקלונג פון „התאחדות". איינער פון די טעטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער „גורדוניה" איז געווען אונדזער חבר נחמן בערגמאַן. ער וועט געוויס וועגן דעם אויספירלעך דערציילן.

מיינע זכרונות וועגן האָראָדענקע בכלל און דער „התאחדות" בפרט ענדיקן זיך אַסך יאָרן פאַר דעם טראַגישן סוף פון איר טעטיקייט. נאָך מיין אָפּפאָרן פון האָראָדענקע האָט די אָרגאַניזאַציע נישט נאָר ווייטער עקזיסטירט, נאָר זי איז געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט. נאָך אין די טראַגישע טעג פונם נאַצישן רעזשים האָבן איינצעלנע חברים פונם „התאחדות" אַרויסגעוויזן אַ העלדישן ווידערשטאַנד צו די רעפּרעסיעס פון די רוצחים. אָבער וועגן דעם האָבן מיר ליידער בלויז אָפּגעהאַקטע ידיעות, פון וועלכן מען קאָן קוים צונויפשטעלן אַ דייטלעך בילד.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט איינס פון די הערלעכסטע קאַפּיטלען אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער שטאָט האָראָדענקע, וועלכע איז אויף אייביק חרב געוואָרן, און וועלכע מיר וועלן אייביק טראָגן אין אונדזער האַרץ.

נחמן בערגמאַן

די „גורדוניה״ באַוועגונג

צום אָנדענק פון מיין חבר שמואל לאַסטער ז״ל, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אין האָראָדענקע אין מיטן גאַס, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אויסגעבן אַ ייד וואָס איז אַנטלאָפן פון די נאַציִשע באַנדיטן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די אָרגאַניזאַציע „השומר״ האָט זיך געגרינדעט ביי אונדז אין שטאָט, בין איך נאָך געווען אַ יונג קינד און איך האָב זיך אין „השומר נישט באַטייליקט. איך געדענק בלויז אַז ס׳האָט עקזיסטירט אַזאַ אָרגאַניזאַציע, און איך געדענק אירע אָנפירער: ביינייש ניימאַן, מענדל דינער, משה אָפענבערגער, אליעזר בילדער, בערל שטרום, העניע בירנבוים און טובה מאַרקשייד. איך געדענק אויך די לערער פון דער העברעאישער שול אין יענער צייט: שמואל גרייף ז״ל, עילא ליבסטער ז״ל און אָשר יונגער־מאַן, זאָל אָפגעשיידט ווערן צום לעבן.

אַ צוויי־דריי יאָר שפּעטער, אַז איך בין עלטער געוואָרן און בין אַליין געוואָרן טעטיק, האָט שוין די „השומר״־אָרגאַניזאַציע נישט עקזיסטירט; דעמאָלט איז אויפגעקומען די „החלוץ״־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געגעבן אירע חברים די זעלבע נאַציאָנאַלע דערציאונג ווי דער „השומר״, אָבער אויסער־דעם האָט זי זיי געגעבן אַ קאָנקרעטן ציל: זיך אויסלערנען פעלדאַרבעט און זיך אַזוי צוגרייטן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט צו אַרבעטן. אונדזער גרופּע האָט געהייסן „האיכר״ (דער לאַנדווירט) און איז באַשטאַנען פון די פאָלגענדע חברים: יצחק שפּירא, נחמן בערגמאַן, אפרים געלער, ליובה שפּירא, מלכה שלאם ז״ל, איצי ליסער ז״ל, שמעון ווײַנראוב ז״ל און יצחק־אלי ליסער ז״ל. דעם גאַנצן זומער פלעגן מיר זיך טרעפן יעדן פרימאָרגן אין שטעטישן גאָרטן, וואו מיר האָבן פלייסיק געלערנט העברעאיש און מיר האָבן זיך באַמיט אַז אונדזערע נייע חברים, וואָס האָבן נאָך נישט געקענט קיין העברעאיש, זאָלן זיך אויך אויסלערנען ריידן. סוף זומער, אין דער שניט־צייט, האָבן מיר זיך אָנגעשטרענגט צו באַקומען אַרבעט ביים שניט און מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אויף „הכשרה״.

ס׳איז גאָרנישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך צו באַקומען אַרבעט ביים שניט. די גוטבאַזיצער אין אונדזער געגנט זענען געוואוינט געווען צו באַשטעלן צו דער אַרבעט „הוצולן״ פון די קאַרפּאַטן; צו באַשעפטיקן ביי אַזאַ אַרבעט יידישע יינגלעך פון דער שטאָט — דאָס איז געווען אַ גאַנץ נייע זאַך און האָט זיך נישט גאַנץ געלייגט אויפן שכל. די ערשטע וואָס האָבן מסכים געווען אונדז אויסצופּרווון זענען דווקא געווען קריסטלעכע גוטבאַזיצער פון האַנטשאַראָוו און פון טישקיוויץ. שפּעטער איז אויך יאָסל זיידמאַן, דער יידישער גוטבאַזיצער פון סעראַפינעץ, ווייכער געוואָרן און האָט אונדז צוגענומען צו דער אַרבעט. געזאָגט האָט ער, אַז אים איז שווער צו נעמען צו דער אַרבעט יידישע יינגלעך, ווייל ער קען נישט צוקוקן ווי זיי אַרבעטן אַזוי שווער. אָבער שפּעטער האָט ער זיך איבערלייגט, אַז מיט די יידישע יינגלעך צוזאַמען וועט ער יעדן טאָג האָבן אַ „מנין״ צום דאַווענען...

אין האָראָדענקע האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ פאַראיין פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי „התאחדות״, און מיט דער איניציאַטיוו פון זיינע חברים האָט זיך געגרינדעט אַן אָפּצווייג פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „גורדוניה״. אָרגאַניזירט האָט דעם יוגנט־פאַרבאַנד יצחק שפּירא. נאָך זיין אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, אין יאָר 1925, האָט אַ גרופּע יינגערע חברים אָנגעפירט די טעטיקייט פון „גורדוניה״. די גרופּע איז באַשטאַנען פון די חברים: משה בילדער ז״ל, שמואל לאַסטער ז״ל, נחמן בערגמאַן, בעלא שטאַכל און ליובה שפּירא. די האָראָדענקער אָרגאַניזאַציע פון „גורדוניה״ איז געווען די דריטע וואָס איז אַנטשטאַנען אין גאַליציע, נאָך לעמבערג און סטאַניסלאַוו. אונדזער גרופּע האָט גאָר ענערגיש און פּלאַנ־מעסיק געאַרבעט און מיר זענען דערגאַנגען אין משך פון אַ קורצער צייט צו 450 חברים, כאָטש מיר האָבן געהאַט גאָר אַ שאַרפע קאָנקורענץ פונם „בונד״ און פון דער יידישער שול. מיט דער צייט האָבן מיר פאַרברייטערט אונדזער טעטיקייט און מיר האָבן געגעבן די איניציאַטיוו צו דער גרינדונג פון „גורדוניה״־פאַראיינען אין די שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך, אין סניאַטין, זאַלישטשיק, זאַבלאָטאָוו, אָבערטין און טשערנעליצע. גאָר אַן אָנגענעמע איבערראַשונג האָב איך געהאַט אין טשאָרטאָוויץ. צווישן די 3500 איינוואוינער פונם דאָרף זענען געווען בערך 140 יידישע משפחות, און אַלע האָבן זיך פאַרנומען מיט פעלדאַרבעט גלייך ווי זייערע שכנים, די גויים. אַלע זענען געווען נאַציאָנאַלע יידן און ציוניסטן, און די גאַנצע יוגנט, און אויך אַ טייל פון די דערוואַקסענע, האָבן געקענט העברעאיש און האָבן אַפילו גערעדט העברעאיש אין טאָג־טעגלעכן לעבן. זיי האָבן גערן אויפגענומען אונדזער איניציאַטיוו און ס׳האָט זיך דאָרט באַלד געגרינדעט אַ טעטי־קער פאַראיין פון „גורדוניה״. די אַלע פאַראיינען האָבן אויס־געוויילט אַ צענטראַלן קאָמיטעט, און האָראָדענקע איז געוואָרן דער צענטער פונם גאַנצן קרייז.

דער קלוב פון „גורדוניה״ אין האָראָדענקע איז געווען אין אַ געדונגענער דירה ביי רחל פאַסוויג. די טעטיקייט איז אין אַלגעמיין געווען גאַנץ ענלעך צו דער טעטיקייט פונם אַמאָליקן „השומר״ און פון אַנדערע נאַציאָנאַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אויך דאָ האָט מען געבילדעט קליינע גרופּן (קבוצות), וועלכע האָבן געטראָגן העברעאישע נעמען ווי „אריה״, „כפיר״, „נשר״ אאַ״וו, און יעדע קבוצה האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לייענען און דיסקוטירן וועגן ציוניזם און סאָציאַליסטישן ציוניזם און מיט

לערנען העברעאיש. די „גורדוניה" האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער קערפּערלעכער אויסבילדונג פון אירע חברים. זומער פלעגט מען זיך צונויפקומען שבת אינדערפרי אויף דער טאָלעקע, און יעדע קבוצה פלעגט דורכריידן די טעטיקייט פון דער פאַרגאַנגענער וואָך און צוגרייטן דעם פּלאַן פאַר דער נייער וואָך. דערנאָך פלעגט מען מאַכן פאַרשידענע קערפּערלעכע איבונגען און מען האָט געשפּילט פאַרשידענע שפּילן. דאָס אַלץ האָט די יוגנט שטאַרק צוגעצויגן, און ס׳האָבן ממש געפעלט פּאַסיקע כוחות צום אויסבילדן פון דער גרויסער צאָל חברים וואָס זענען צו אונדז געקומען.

די „גורדוניה" האָט זיך צווישן אַנדערע אַרבעטן אויך פאַרנומען מיט פאַראַנשטאַלטן פאָרשטעלונגען אין יידיש נאַציאָנאַלן גייסט. אַ גאַר נייע איינפירונג איז געווען דער עפנטלעכער „זשורנאַל", אַ העפט אין וועלכן יעדער חבר האָט געקאָנט אַריינשרייבן פאַרשידענע באַמערקונגען און פאָרשלאָגן וועגן דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, איינדריקן פון פאַרשידענע איבערלעבונגען, אָדער גלאַט זיינע אייגענע באַטראַכטונגען און דערציילונגען. מיט דער צייט האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ וואַנט־צייטונג פאַר אונדזערע חברים. פון אָנהויב פלעגט די צייטונג זיין געשריבן מיט האַנטשריפט, ביז ס׳האָט זיך געפונען אַ חבר וואָס האָט געשריבן דרוק־בוכשטאַבן אַזוי שיין און אַזוי שנעל, אַז ער האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן די גאַנצע צייטונג מיט דרוק־בוכשטאַבן. דער חבר איז געווען מאיר בומבערג ז״ל. ער איז געווען אַ קליינטשיקער און קערפּערלעך שוואַך אַנטוויקלט, נאָר ער איז געווען זייער טאַלאַנטירט צום צייכענען און האָט אויך געשריבן שיינע העברעאישע שירים. שפּעטער האָבן מיר אַרויסגעגעבן בראָשורן, געשריבן פון אונדזערע חברים; מאיר בומבערג האָט די בראָשורן געשריבן מיט דרוק־שריפט, דערנאָך האָט מען זיי קאָפּירט מיט אַ „העקטאָגראַף". אַ פּאָר עקזעמפּלאַרן פון די בראָשורן און פון דער דערמאָנטער וואַנט־צייטונג האָבן מיר געבראַכט קיין ארץ־ישראל און איבערגעגעבן דעם אַרכיוו פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, אַז ביים אָרגאַניזירן די „גורדוניה"־באַוועגונג ביי אונדז אין שטאָט און אין דער געגנט האָב איך באַקומען אַ וויכטיקע הילף פון מיינעם אַ קרוב, מענדל דזל. ער איז דעמאָלט געווען לערער אין פּוילישן גימנאַזיום ביי אונדז אין שטאָט, און איז איבערדעם נישט געווען פריי זיך עפנטלעך צו באַטייליקן אין אַ יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אָבער ער האָט אַלע מאָל אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמען אינטערעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער „גורדוניה", און בשעת ער האָט פאַרבראַכט יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס מיט אונדזער משפחה, איז ער אַלעמאָל געווען גרייט מיך צו לערנען און מיך לאָזן געניסן פון זיינע פּעדאַגאָגישע עצות. היינט איז ער אַ לערער אין אַ מיטל־שול אין חיפה.

צום באַדויערן איז בלויז אַ קליינער טייל פון די חברים פון „גורדוניה" געקומען קיין ארץ־ישראל. אין יאָר 1929 איז געקומען אַהער אַ גרופּע פון חברים, וואָס האָבן געדאַרפט זיין דער קערן פון אַ גרויסער קבוצה פון „גורדוניה" מיטן נאָמען „גורדוניה ג׳". אין דער גרופּע זענען געווען די פאָלגענדע חברים: משה בילדער ז״ל, יאָסל יאַנקנער, אַברהם לאַטנער, מוניע קנאַל, משה קאַמיל, שמערל בומבערג, יהודה פרידלער ז״ל, אסתר האַרטענשטיין, יואל יעגער, אליעזר לופּט, ברוך יורמאַן און משה שיקלער. זיי האָבן זיך באַזעצט אין כפר אהרון, אָבער מיט דער צייט האָבן כמעט אַלע פאַרלאָזט די קבוצה.

און צום שלוס נאָך אַן עפּיזאָד, נישט גאָר קיין אָנגענעמער, פון יענער צייט. איינער פון אונדזערע חברים, מאיר דיקער, האָט אָן מיין וויסן זיך אונטערגענומען צו פעלשן סערטיפיקאַטן, כדי צו געבן אַ פּאָר חברים די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אויסער דער „קוואָטע". אין אַ פּאָר פאַלן איז דאָס אָנגעגאַנגען, דערנאָך האָט מען אים געכאַפּט בשעת ער האָט אָפּגענומען אַ פאַלשן שטעמפּל, וועלכן ער האָט באַשטעלט אין סטאַניסלאַוו. מען האָט אים געבראַכט קיין האָראָדענקע און מען האָט אויך מיך גענומען צום פאַרהער. מיט שווערער מי האָבן זיינע קרובים אים באַפרייט פון קרימינאַל און אים געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע.

יואל יעגער

מיין וועג קיין ארץ־ישראל

אין יאָר 1914, ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בין איך געווען אַ קינד פון אַ פיר יאָר. אַ פּאָר וואָכן נאָכן אָנהויב פון דער מלחמה האָט זיך דאָס עסטרייכישע מיליטער צוריקגעצויגן און די רוסן זענען אַריינגעקומען. מיין מוטער ע״ה האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין האָראָדענקע מיט איר אַלטן זיידע יצחק־ראובן שור ז״ל, אַ ייד אַ גביר און אַ גרויסער תלמיד־חכם, ביי וועלכן זי איז אויפגעוואַקסן פון קינדווייז און איז געווען צו אים ווי אַן אייגענע טאָכטער. מיין טאַטע ע״ה האָט גענומען זיינע פיר קינדער, מיין עלטערע שוועסטער מיך און די צוויי יינגערע ברידער, און איז אַוועקגעפאָרן מיט אונדז קיין וויזשניץ, וואו ס׳האָט געוואוינט אונדזער פעטער משה פיסטינער. אַ צייט שפּעטער, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די רוסישע אינוואַזיע דויערט מער ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, האָט אונדז די עסטרייכישע מלוכה אָפּגעשיקט קיין בעהמען (היינט טשעכאָסלאָוואַקיע), וואו מיר האָבן געדאַרפט פאַרברענגען די גאַנצע צייט פון דער מלחמה.

אין די לעצטע יאָרן פון דער מלחמה, אַז די לאַגע פונם עסטרייכישן מיליטער איז געוואָרן אַלץ שווערער, האָט מען

אַנגעהויבן נעמען צום מיליטער אויך עלטערע יאָרגענג און אויך מיין פאָטער איז גערופן געוואָרן. אונדז קינדער, וואָס זענען געבליבן אינגאַנצן אָן עלטערן, האָט מען אָפּגעשיקט קיין ווין, אין אַ „קינדער־היים".

די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און מיר קינדער האָבן נאָך אַלץ נישט געוואוסט וואו אונדזערע עלטערן געפינען זיך. צום גליק איז מיין מוטער מיטן זיידע געבליבן לעבן אין האָראָדענקע, און דורכן רויטן קרייץ האָבן זיי זיך אָנגעפרעגט וואו מיר זענען. אויף אַן ענלעכן אופן האָבן מיר זיך געטראָפן מיטן טאַטן, און צוזאַמען זענען מיר צוריקגעפאָרן קיין האָראָדענקע. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם ערשטן „קידוש", ווען מיין טאַטע און דער זיידע האָבן ביידע געוויינט פאַר פרייד, וואָס זיי זיצן ווידער אינאיינעם מיט דער גאַנצער משפחה ביים שבתדיקן טיש.

די שטאָט איז געווען האַלב חרב ונחרב און די באַפעלקערונג איז פון טאָג צו טאָג געוואַקסן, ווייל טאָג־טעגלעך זענען אַפּאָר משפחות צוריקגעקומען פון דער פלוכט. אונדזער משפחה איז געווען פון די גליקלעכע, וואָס האָבן באַקומען צו דינגען אַ קליינע וואוינונג אין שטאָט. פון אַ האַלבער קיך האָבן מיר געמאַכט אַ געוועלבל, קוים אַ זכר פונם אַמאָליקן גרויסן און פיינעם שפּעצעריי־געשעפט פון יצחק־ראובן שור. אַנדערע משפחות, בפרט די אָרעמערע, האָבן איבערהויפּט נישט געהאַט וואו זיך אַהינצוטון. האָט די דעמאָלטדיקע אונגאַרישע אַדמיניסטראַציע אויסגעבויט פאַר זיי אַ באַראַקן־לאַגער פון צען לאַנגע באַראַקן און אין יעדן צימער אַריינגעזעצט עטלעכע משפחות. אָט די באַראַקן האָבן דאַן אַפּאָר יאָר „באַשיינט" די שטאָט, ביז אַלע זייערע באַוואוינער זענען ענדלעך אַריבער אין מענטשלעכע דירות.

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט בעיקר אין די צוויי נאַציאָנאַלע שטרעמונגען, אין דער ציוניסטישער און אין דער בונדיסטישער. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אירע אָנהענגער אין די קרייזן פון סוחרים און מיטלשטאַנד, און די בונדיסטישע — צווישן בעלי־מלאכות. ס'איז אויך געווען אַ דינע שיכט פון דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און בעאַמטע וואָס זענען געווען פון תמיד אָן אַסימילאַטאָרן, אָבער זייערע קינדער האָבן אָנגעהויבן צו קומען אין די קרייזן פון דער ציוניסטישער יוגנט און מיט דער צייט זענען זיי געוואָרן ציוניסטן.

מיין פאָטער איז אַלעמאָל געווען ציוניסטיש געזינט, איך האָב געלערנט אין דער העברעאישער שול און בין געווען אַ מיטגליד פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „גורדוניה". אָבער אַז ס'איז געקומען די פראַגע פון זיין אויף „הכשרה", איז מיין פאָטער געווען דאַקעגן, גלייך ווי אַלע אַנדערע עלטערן. אין יאָר 1928 בין איך געווען דער איניציאַטאָר פון אַ גרופּע וואָס האָט געוואָלט גיין אויף הכשרה און בין געפאָרן מיט נאָך צוויי חברים זוכן אַרבעטס־פּלעצער ביי יידישע „פּריצים" אין דער געגנט פון גוואָזדזיעץ. אָבער מיר זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט, ווייל אַלע האָבן מורא געהאַט זיך צו פאַרלאָזן אויף דער אַרבעט פון יונגע יידישע יינגלעך. ענדלעך האָט זיך געפונען אַ גוטבאַזיצער אין סטאַניסלאַוואָו, וואָס האָט מסכים געווען אונדז צו באַשעפטיקן אין זיין פאָלוואַרק נעבן טלומאַטש. ער איז געווען זייער פרום און האָט געהאַט דעם חשבון, אַז ווען ער וועט קומען אויפן פאָלוואַרק וועט ער האָבן אַ מנין צום דאַוונען...

אַזוי ווי אַלע אונדזערע עלטערן זענען געווען קעגן דעם מיר זאָלן פאָרן אויף „הכשרה", האָבן מיר געמוזט אַרויס פון שטוב בגניבה. דאָס איז געווען צומאָרגנס נאָך פסח. קומענדיק אויפן פאָלוואַרק האָבן מיר באַוויזן אַז יידישע בחורים אַרבעטן נישט ערגער, און אַפילו בעסער ווי די געניטע גוישע אַרבעטער. זונטיק, ווען מיר פלעגן אַקערן אַליין, האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַרבעט 25% מער ווי די נאָרמע, כאָטש מיר האָבן געאַקערט מיט די ערגערע פערד (די גוטע פערד האָט מען זונטיק געלאָזט רוען).

נאָכדעם ווי מיר האָבן אַזוי געאַרבעט זעקס וואָכן האָבן מיר באַשלאָסן אַהיימצופאָרן אויף שבועות. פונם פאָלוואַרק האָט מען אונדז נישט געוואָלט געבן קיין וואָגן צום פאָרן, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אַהיים צופוס.

שבועות האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין האָראָדענקער הויף געפינט זיך אַ פלוגה פון „השומר הצעיר" אויף הכשרה. מיר זענען געגאַנגען זיי בעזוכן, און דאָ האָבן מיר געהאַט אַן איבעראַשונג. אין דעם טאָג האָבן די שקצים, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט דער פלוגה, געשטויסן מיט דער גראַבליע איינעם פון די חברים פון דער פלוגה, און די שטימונג איז געווען זייער געשפּאַנט. די חברים זענען געווען פאַרבאַריקאַדירט אויפן צווייטן שטאָק. אַפּאָר חברים זענען געווען אונטן אין קיך און האָבן נישט געקענט אַרויפקומען מיטן עסן. האָב איך מיט אַ חבר פון דער פלוגה געכאַפּט דעם גרויסן, הייסן טאָפּ מיט רייז און מילך, און מיט אַ אימפעט האָבן מיר זיך געלאָזט אַדורכגיין דורך דער גרופּע שקצים, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר. די אַנדערע צוויי בחורים און צוויי מיידלעך זענען אונדז נאָכגעגאַנגען, און ביז די שקצים האָבן זיך געכאַפּט וואָס דאָ גייט פאָר, זענען מיר שוין געווען אויבן. איך האָב זיך דערביי אָפּגעבריט די האַנט און אַ פוס און באַקומען צוויי גרויסע ברען־בלאָזן.

אָבער די שקצים האָבן זיך, ווייזט אויס, נישט געקענט שענקען, וואָס מיר האָבן זיי אַזוי איבעראַשט, און זיי האָבן באַלאַגערט די טיר. מיר האָבן געזען אַז אויפן גלייכן וועג וועלן מיר נישט קענען אַרויסגיין ברענגען הילף פון דער שטאָט, האָבן מיר צונויפגעבונדן עטלעכע ליילעכער און אַראָפּגעלאָזט דורך דעם פענצטער פון דער צווייטער זייט דעם קליינעם בוזיע טייטעלבוים, וועלכער איז געווען זייער פלינק, ער זאָל מודיע זיין דער פאָליציי און אויך אין פאַראיין. צוויי שעה שפּעטער איז געקומען אַ פאָליציאַנט און פאַרלאַנגט מיר זאָלן אויסליפערן אונדזערע רעוואָלווערן (די שקצים האָבן אים געזאָגט, אַז מיר האָבן רעוואָלווערן). האָב איך געוויזן די צוויי שפּיל־רעוואָלווערן, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך. דער פאָליציאַנט האָט זיך נאָר צעלאַכט, האָט צעטריבן די שקצים און אונדז באַפרייט פון דער בעלאַגערונג. אַזוי איז מיר גאַנץ צופעליק אויסגעקומען זיך דאָס ערשטע מאָל צו באַטייליקן אין אַ „זעלבסט־שוץ".

נאָכדעם ווי מיר האָבן דעם זומער פאַרבראַכט אויף הכשרה ביי פעלדאַרבעט, זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין נאַדוואָרגאַ אַרבעטן אין אַ טאַרטאַק. אויך דאָ האָבן מיר נישט געלעקט קיין האָניק פון אונדזערע גויישע „קאָלעגן". דער טאַרטאַק האָט געהערט צו אַ יידישער געזעלשאַפט און געאַרבעט האָבן דאָרט בערך דריי טויזנט אַרבעטער, דאַרונטער אויך „חלוצים" פון אַלע שאַטירונגען: סתם־חלוצים, בית״רים, הפועל המזרחי, השומר הצעיר, און אונדזער גרופּע פון „גורדוניה". אין אַ שיינעם ווינטער אָוונט, ווי נאָר איך בין אַהיימגעקומען פון דער צווייטער שיכט, איז מען געקומען מיך רופן צו הילף, ווייל אַ גרופּע חלוצים, וואָס איז געגאַנגען צו דער דריטער שיכט, איז באַפאַלן געוואָרן פון אַ באַנדע שקצים און איינער פון אונדזער גרופּע, ליפּע קאַנער (היינט איינער פון די וויכטיקע פּאָליציי אָפיצירן אין תל־אביב) איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער האַנט ביים קעגנשטעלן זיך. איך האָב געוואוסט, אַז אויב מיר ווילן בלייבן אַרבעטן אין טאַרטאַק, דאַרפן מיר דעם סכסוך ערליידיקן דורך דער פּאָליציי און נישט אַריינלאָזן זיך אין אַ געשלעג מיט די שקצים. איך האָב זיך דערפאַר געלאָזט אין שטאָט אַריין דורך די אונטערגאַסן, ווייל אויף דער הויפּטגאַס האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַ בריק, אונטער וועלכער ס׳איז געלעגן באַהאַלטן אַ באַנדע שקצים, און זיי האָבן נאָכגעמאַכט דאָס קרעכצן פון אַ פאַרוואונדעטן, כדי אונדז צו פאַרנאַרן אונטער דער בריק. ערשט נאָכדעם ווי די פּאָליציי איז געקומען, געמאַכט אַן אויספאָרשונג און אַרעסטירט עטלעכע באַנדיטן, האָט מען ווידער געקענט רואיק גיין צו דער אַרבעט.

באַלד נאָכן ווינטער זענען די ערשטע פון אונדזער גרופּע אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, אין מערץ 1930. איך בין נאָך געבליבן אַפּאָר חדשים אין האָרעדענקע, אָבער וויסנדיק וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן אין ארץ־ישראל אין יאָר 1929, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אַז ווי איך וועל קומען קיין ארץ־ישראל וועל איך זיך באַלד אָנשליסן אָן דער „הגנה".

דעם 15־טן יולי 1930 בין איך אַראָפּ פון שיף אין יפו, און כאָטש מען האָט גוט געזוכט, איז מיר געלונגען אַריבערצוברענגען אַ רעוואָלווער מיט פופציק קוילן. אָבער אַריינצוגיין אין דער הגנה איז נישט געווען אַזוי לייכט. ערשט אין יאָר 1933, בשעת די אומרועו אין יפו, האָב איך נאָכגעקוקט ווער פון מיינע חברים ביי דער אַרבעט האָט געפעלט אין דער צייט פון די אומרוען, איך האָב מיט זיי שפּעטער גערעדט און מיט זייער הילף בין איך געוואָרן אַ חבר אין דער „הגנה", אין יאָר 1933. איך בין געבליבן אין דער „הגנה" ביז 1948, ווען איך בין געוואָרן אַ לעגאַלער סאָלדאַט אין דער יידישער אַרמיי.

יהושע שטרייט

דראמאטישע טעטיקייט

דער אָנהויב פון דראַמאַטישער טעטיקייט אין אונדזער שטעטל, ווי ווייט עס באַציט זיך צו מיין דור, איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די עלטערע חברים פון דער סקויט־אָרגאַניזאַציע „השומר" פלעגן צוגרייטן פאַר שבת, בעת דעם אַלגעמיינעם טרעפן־זיך פון דעם „קן", אַ „ליטעראַריש־וואָקאַליש פּראָגראַם". די חברים מענדעלע שטרום, מעכעלע פילפל און יום־טוב גריידינגער, צוזאַמען מיט העניע בירנבוים, פלעגן צוגרייטן אַ לעבעדיקע הומאָריסטישע צייטונג, שפּילן פראַגמענטן און געבן טיפּן פון שלום־עליכמס דערציילונגען.

כשהגיע תורי מניתי שנית את כספי ליד האשנב, והודעתי לפקידה כי הסכום נמנה בקפדנות ואין כל מקום לחסר. והנה, ברגע שהפקידה הורידה את המטבעות מאדן האשנב שמעתי כעין צליל של מטבע שנפלה, ומיד הודיעה לי הפקידה שחסר סכום מסוים של מטבע־כסף אחת. עמדתי על דעתי שאין מקום לחסר, ודרשתי שתינתן לי הרשות להיכנס לתאה של הקופאית ולבדוק אם לא נפלה המטבע החסרה לארץ. הקופאית התנגדה לכך, ואז דרשתי שיינתן לי להיכנס אל מנהל הדואר. גם הדבר הזה לא ניתן לי, והתחיל ויכוח ממושך ודין ודברים. בתוך כך הופיע שוטר ורצה לעצרני על־כך שאני מקים שערוריה במקום ציבורי. התחלתי להרצות את טענותי לפני השוטר ולהוכיח לו את צדקת ענייני. והנה ניגש אל השוטר גבר גבה־קומה, לבוש מעיל־פרווה נאה, וניסה להתערב לטובתי, בהסבירו לשוטר כי לדעתו הצדק אתי ויש לתת לי אפשרות להוכיח את דברי. השוטר דחה אותו ואמר כי הוא חייב למלא את תפקידו, ואין לאוהדי יהודים להתערב בדבר. אז פתח האיש את מעילו, זיהה עצמו בפני השוטר והודיע לו כי הוא שר־הפנים סקלאַדקובסקי, והוא דורש ממנו להיכנס אל תא הקופאית ולערוך חקירה, בהתאם לדרישת האזרח.

בכנסנו פנימה ומצאנו שקית תלויה על אדן האשנב, ובה מספר ניכר של מטבעות, שהספיקה הפקידה לשלשל לתוכה תוך כדי עבודתה במשך היום...

מנהל הדואר החוויר והתעלף. תוך זמן קצר הוחלפו רוב פקידי הדואר במקום. כפי שנודע לי אחר־כך, נשלח מנהל הדואר למקום נידח, ובו שימש כמנהל תחנת־הרכבת.

לפני עוזבו את בית־הדואר פנה אלי שר הפנים והביע לי את תודתו על אומץ־הלב האזרחי, שגיליתי במקרה הזה.

ב. פגישה עם קצין רוסי

הדבר היה בחורף 1915, בימי נסיגתו הראשונה של הצבא הרוסי מהורודנקה. התושבים היהודים היו אחוזי אימה ופחד מפני השתוללות הקוזאקים, שהיו פורצים לב־תים, מכים ויורים, פוגעים בנשים ושודדים כל דבר־ערך. הנשים הסתתרו במרתפים, והגברים השתדלו אף הם לא להתבלט. בביתנו התארחו אז בני משפחה, שבאו אלינו מרומניה.


יום אחד הופיעו בביתנו, באמצע היום, שני קוזאַקים, ובראותם את אבי לבוש מעיל־פרווה ונעול מגפיים — פקדו עליו לפשוט את מעילו ולחלוץ את מגפיו ולמוסרם להם. הגברים שבבית, ואני בן השבע ביניהם, רצו החוצה ופרצו בצעקות, ואז הסתלקו הקוזאקים, אך הם הבטיחו לבוא שנית בערב...

ידענו כי הם עלולים לקיים את הבטחתם והיינו שרויים בדאגה וחרדה. באותו יום נהרו על־פני העיר שיירות שיירות של הצבא הרוסי הנסוג. אבי יצא לרחוב והזמין הביתה חבורה של חיילים רוסיים סדירים. שלושה מהם, בעלי דרגה, התאכסנו בפנים הבית, והשאר הסתדרו בחצר, יחד עם הבהמות שהובילו אתם, כנראה להזנת הצבא. מיד נקשרו קשרי ידידות עם הקצינים שהתאכסנו בדירה, וסיפרנו להם על ביקורם של הקוזאקים והבטחתם לבקר שנית. הם הפיגו את חששותינו, באומרם שקיימת פקודה חמורה לא לפגוע באזרחים שלווים, וכל זמן שהם נמצאים בביתנו נוכל להיות בטוחים שלא יאונה לנו כל רע. והקוזאקים אמנם קיימו הבטחתם, אך נתקבלו על־ידי הקצינים בסטירות לחי ובאזהרה חמורה, והסתלקו.

אחד משלושת הקצינים העתיר עלי גילויי חיבה, כיבדני בגבישי סוכר רוסי, חיבק ונישק אותי ושיחק אתי כל הערב. לבסוף הציע לאבי שיניח לי לישון יחד אתו, והסביר: שלושה ילדים יש לו בבית, מהם אחד בגילי, וברצונו ליהנות מההרגשה, כאילו הוא בבית. בני המשפחה שידלוהו בדרך עדינה שיוותר על־כך, ואמנם ויתר.

שלושת הקצינים נשארו בביתנו ימים אחדים, ובמשך הימים האלה הצילו אותנו מכל מיני פורענויות ובלכתם אמרו: אנו בטוחים כי עוד נחזור, ואז נתראה שנית. אך זמן קצר אחרי לכתם נשלמה נסיגת הצבא הרוסי, והאוסטרים חזרו לעירנו.

חלפו שנים רבות מאז המקרה הזה. בשנת 1932, בדרך לארץ־ישראל, נסעתי באונייה איטלקית, והנה הכרתי ברב־החובל של האונייה את הקצין הרוסי, שהתאכסן בביתנו וביקש לישון עם ה„מאַלטשיק" היהודי. אף הוא זכר את המקרה. נכנסתי בשיחה אתו, והתברר שהוא שולט יפה בגרמנית ובאיטלקית. לשאלתי, כיצד יכול הוא, בתורת רוסי, לשרת באונייה פאשיסטית, ענה: שאלות כאלה אין שואלים. והוסיף בחיוך: הכסף יענה את הכול...



מסיבת פרידה ליוסף ברגמן ז"ל, לפני עליתו ארצה

אָפשידספעסט צום אָפפאָרן פון יוסף ברגמאַן ז"ל קיין ישראל.

Farewell to the late Josel Bergman before his Departure to Israel.

קוקה ישכר־גרייף

צחוק ודמע

אין זה כואב...

אבי וברל שפירר, העשיר המופלג מהורודנקה, האזינו בווינה להרצאתו של הסוציולוג אַדלר. כשיצאו מן ההרצאה, שאל אבי את שפירר: אמור לי, ברל, איך אתה מרגיש עצמך לאחר נאום סוציאליסטי?

— אודה בפניך, הרשל — ענה לו ברל שפירר — אולי זה קצת בושה בימינו, להיות כל־כך עשיר. אך האמן לי, אין זה כואב גם עתה!

המזל רודף אחריו

כשפרצה מלחמת־העולם הראשונה, הוגלו ברל שפירר ועשירים אחרים לסיביר. אז התחיל המורה לריקודים מדבר על לב הבריות: יהודים, מוכרחים לנסוע לסיביר! רק לסיביר! על השתוממות הרבים ענה: הן כל ימי חייו של שפירר המזל הלך בעקבותיו, ולא ייתכן כי בעת־צרה יפנה לו פתאום עורף ויאיר פתאום פנים לי...

עני בעל חוש לספרות

בביתנו הופיע פתאום קבצן לא מקומי. הוא עשה משום־מה רושם נעים מאד, אך נעמד בפינה ולא פתח פיו. גש הנה, אמרה לו אמי, קח נדבה ואל תעמוד כמו „יאָשע עגל". — תודה בעד הנדבה —— ענה האיש — ותודה שלא קראת לי „אורקע נאַכאַלניק" (אלה היו שני רומנים, שנתפרסמו בעונה אחת בעיתוני וארשה).

מוטב וינה בבית

אברהם כהן, השחור, היה גר בהורודנקה עיר מולדתו, אך בני ביתו נשארו בווינה עוד מימי מלחמת־העולם הראשונה. הוא חזר לעירו, כי בה מצא פרנסה בשפע. כשהפצירו בו ילדיו, שיבוא ויחיה גם הוא בווינה, ושאלוהו איך הוא יכול להחליף את וינה היפה בהורודנקה, ענה: מוטב לגור בהורודנקה ושתהיה וינה בבית, מלגור בווינה ושתהיה הורודנקה בבית.

האין אדם רשאי להוציא הגה מפיו בביתו

סוחרי־תבואה היו נוהגים בעונה השקטה למסור את כספם בריבית לידי העשירים. אחד העשירים היה גורם צרות לסוחרים, עד שהיו מצליחים להוציא את כספם מידיו. לכל הבא אליו בטענות היה נוהג לענות: אינני אשם, הכול בגלל יוסקה שלי! (בנו). פעם אחת כשבא אחד הסוחרים פעם נוספת

לדרוש את כספו, אמר הבן יוסקה אל אביו, בנוכחות המבקש: אבא, הבטח לו ואל תקיים. פקעה סבלנותו של הסוחר וצעק: מי אני בעיניך, שכל יום תפטור אותי בידים ריקות? כל יום אתה מבטיח לשלם למחרת! ועל־כך ענהו העשיר: מה יש? מה הצעקה, אם אני אומר כל יום: מחר, מחר!? האם כבר אינני רשאי להוציא הגה מפי אפילו בביתי?

הוא לא יתערב בעסקיו

על אותו אדם סיפרו עוד: יוסקה בנו היה ילד בן חמש, ועל כל מיני חשבונות מלבוב היה חותם בשמו של יוסקה ולא בשמו. והנה, כשהחובות לא שולמו בזמנם ואף לא לאחר התראות מרובות, בא האיש להורודנקה. בקושי מצא את מעונו של העשיר, וכשנכנס לביתו, שאל על יוסקה כך־וכך. האב קרא לבנו וצעק עליו: בוא־נא הנה, תכשיט שכמוך! האדון הזה אומר שיש שטרות וחשבונות חתומים על־ידך! דע לך, שגץ, אני לא אתערב בעסקיך ולא אתן אף פרוטה.!

עם־הארץ בריא

לעיירתנו סר פעם אברך חיוור ועני, וסיפר בבית־הכנסת שהוא תלמיד־חכם אך חולה. אחד היהודים, יודע־תורה ובעל־רחמים, לקח את הצעיר אל ביתו ואמר: תשב בביתי עד שתבריא ונלמד יחד תורה. אך כשישבו ללמוד מסכתא אחת ושנייה, ראה בעל־הבית עם מי יש לו הכבוד, פתח פיו ואמר לו: אין אתה תלמיד־חכם חולה, אלא עם־הארץ בריא!

רוצה להיות „שוטה" כל ימיו

שלמה אברהם שור איכסן בביתו את הרבי הזקן מוויזשניץ. נכדיו של מר שור, דאגו שור ומאקס הורביץ, היו נאלצים פתאום לשים כיפה לראשם ולהסתגל לשינויים הרבים שחלו בבית לכבוד המאורע. שאלו את שלמה אברהם: למה לך כל זה? האם כדאי? ענה: עם השטות הזו חייתי כל ימי חיי, אנא, תנו לי לסיים בה.

במרום שוכן „להכעיסניק"

יהודי אחר (את שמו לא אזכור), איש חכם ונבון וירא־שמים, היה רץ כל בוקר להתפלל. פעם ניגש אליו אפיקורוס ואמר: ר' יהודי, הרי אתה ידוע בחכמתך. אמור לי, איפוא, האומנם תאמין, כי אי־שם למעלה יושב שופט עליון? ענה היהודי: אודה שאינני יודע, אם ישנו שם אלוהים או לא, אך שנמצא שם להכעס'ניק, שמפניו יש להיזהר — זאת אדע! ותפילתי אם לא תועיל, לא תזיק.

אינו נראה כיהודי

בשנת 1920 נכנסו האוקראינים להורודנקה, וכדרכם — התנפלו על היהודים וגזלו את בגדיהם ואת נעליהם. התנפלו גם על ליפא הסנדלר. הזדקף מלוא קומתו, תיקן לעצמו את הבלורית, הרים את ידו, ובסלסלו את שפמו הארוך, שאל בלעג באוקראינית עסיסית: ונראה אני כיהודי בעיניך? האוקראינים ביקשו סליחה ועזבוהו לנפשו.

חילק „נכסיו" ליורשים

יום מותו של ליפא הסנדלר היה יום דמע וצחוק. כך רצה בפירוש הנפטר. יום־אבל היה, כי מת איש צעיר לימים, הניח אלמנה וטף, והיה אדם נוח ואהוב על הבריות. וצחוק היה בפי כולנו כששמענו את נוסח צוואתו, שכתב ברגעיו האחרונים בנוכחות עדים. ההומור לא עזבהו עד צאת נשמתו. הצוואה היתה בערך כך: את שני זוגות התחתונים שלי הנני משאיר לטומקביץ, ראש העיר. את הגרבים הקרועים — לראש הקהילה, ואת הזוג האחד המתוקן — לילדי. וכיוצא בזה באותו נוסח.

אין זה אותו אנטשל

אנטשל רייכמן, בעל משפחה גדולה ומסועפת, היה איש לא אמיד. לפני מלחמת־העולם הראשונה, כשהיה נדחף בחצרו של הרבי, היה הגבאי מרים את ידו ונותן לו סימן, לאמור: אין מקום לאחד שכמותך! לאחר המלחמה התעשר אנטשל. כשהתקרב אל פתח הרבי, וראה את הגבאי עומד על הסף, צעק אליו: גבאי, גבאי, זה לא אותו אנטשל!

מומחה לכתובות

סבי זיידע בריינטשס היה מן הראשונים, שנתן לבנו הקטן (אבי) ללכת לבית־הספר של הבארון הירש. כשפנו אליו החסידים ושאלוהו: הייתכן? ענה בצחוק: החלטתי שבני יגיד אחרי את הקדיש באשכנזית... וכשהגיע אבי לכיתה ב' או ג', איש מן החסידים לא כעס עליו עוד, שמו הלך לפניו והיו באים אל הילד גם מן המכובדים ביותר, כי אמרו: כשהקטן הזה כותב כתובת, המכתב מגיע אפילו לאמריקה.

כך הוא היושר

מאיר שלאם היה ידוע בחכמתו, בתורתו ואף בבקיאותו במתימטיקה הגבוהה, אך לפרנס את ביתו כראוי לא ידע. לבסוף הסתדר איכשהו כמנהל־פינקסים של עשיר מופלג, שבידיעותיו ובהשכלתו היה רחוק מאד מפקידו. פנו אל שלאם ואמרו: איה צדקת אלוהיך? אתה חכם וידען וירא־שמים, ובקושי אתה מתפרנס, ונותן־העבודה שלך, העשיר, הוא איש פשוט ונהנה מידיעותיך! ועל־כך השיב שלאם ואמר: נכון, וזה הוא הצדק. כי שערו בנפשכם, מה היה גורלו של בעל־הבית שלי עם ידיעותיו שלו, אילו היה הוא במקומי...

ד״ר הערש בלוטאל־פריפער

דער „שבת־סעמינאַר״ פון שלמה בעקער

פיגורן און טיפּן פון האָראָדענקע

עס איז אַן אַלגעמיין באַקאַנטער פאַקט, אַז מיט פופציק־זעכציק יאָר צוריק זענען יידישע בעלי־מלאכות נישט געווען קיין בני־תורה, און יידן בני־תורה זענען נישט געווען קיין בעלי־מלאכות. אָבער עס זענען אויך געווען אויסנאַמען פון דעם כלל, און אַזאַ אויסנאַמע איז געווען שלמה בעקער, ביי וועלכן עס פלעגן זיך יעדן שבת פאַרנאַכט צונויפקומען אַ פּאָר יידן און פאַרברענגען אַ פּאָר שעה מיט לערנען תורה לשמה.

געהייסן האָט ער שלמה ראָזענבערג אָבער דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט, ווייל אין האָראָדענקע האָט מען גאָר ווייניק יידן גערופן ביים פאַמיליען־נאָמען. כמעט יעדער ייד האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם „צונאָמען״. למשל, די דרדקי־מלמדים משה „פּיפּיק״, מנשה „גוי״, און דער אַביסל־גרעסערער מלמד מרדכי „פּיפּיק״. דעם ברודער פון משה „פּיפּיק״, שמואל בעל־עגלה, האָט מען גערופן שמואל „בורלאַק״. ער איז געווען אַ לאַנגער ייד און האָט תמיד געהאַט דאָס שטריימל שיף אויף אַ האַלבן קאָפּ, און האָט תמיד דערציילט אַז ער איז געשטאַנען אויף וואַך אין שלאָס שענברון, און האָט געזען דעם קייזער פראַנץ־יאָזעף, וועלכן די האָראָדענקער יידן האָבן גערופן „פראָיים־יאָסל״ (דעם דייטשן קייזער, ווילהעלם, האָט מען גערופן „וועלוואַלע״). די מלמדים משה און מרדכי זענען געווען אַביסל „באַלייבט״, מיט גראָבע בייכער, האָט מען זיי גערופען „פּיפּיק״. מנשה־מלמד איז נישט געווען קיין גרויסער תלמיד־חכם, אָבער דאָך האָט ער געהאַט עטלעכע טוץ תלמידים אין עלטער פון דריי ביז זעקס יאָר, און געזאָגט האָט מען, אַז ער האָט אפילו אַלע זיינע תלמידים נישט געקענט. אַמאָל האָט ער געזען אַ קליין יינגעלע ליגן אין דער פּאָסע, פרעגט ער דאָס קינד: וואָס טוסטו דאָ? זאָגט דאָס קינד: רבי, איך לערן ביי אייך. אַזוי — זאָגט מנשה — לערנסט ביי מיר? ברענגזשע מיר געלט!

אַנדערע האָראָדענקער יידן האָבן געהאַט „צונעמען״ וואָס מ׳האָט נישט געוואוסט זייער מקור. למשל: „ניוכצי״, ברוך „שמאַניע״, יהודה „בעזשאָר״ (יהודה מלמד) און זיין ברודער חיים „בעזשאָר״. דיביידע ברידער האָבן געהאַט דעם פאַמיליען־נאָמען טויבער. חיים בעזשאָר איז געווען אַ קירזשנער, האָט אָבער נישט געהאַט קיין געדולד צו דער מלאכה, האָט ער געהאַנדעלט: זומער מיט אויבסט און די איבריקע חדשים פון יאָר האָט פאַרקויפט פיש. ער איז געווען א ייד אַ שרייער, אַ סאָציאַליסט, און האָט געקענט האַלטען אַ רעדע. ער איז געווען דער „ראש־המדברים״ אין פּאָליש׳ל און האָט געקעמפט קעגן אומרעכט. זיין פאָרשטעלונג פון סאָציאַליזם איז געווען אַ מאָדנע. מיין שוואָגער, אָשר שטרייט ז״ל, איז געווען אַ בונדיסט, און חיים בעזשאָר האָט דאַרויף תמיד געזאָגט: שלמה שטרייטס זון, אָשר, איז אַ סאָציאַליסט — זאָל ער חתונה האָבן מיט מיין טאָכטער!

זיין ברודער יהודה (איז געווען בלינד אויף איין אויג) האָט געקענט לערנען און איז געווען אַ מלמד. ער האָט פיינט געהאַט דעם גערוך פון קנאָבל — פלעגן אים די תלמידים אָנרייבן קנאָבל אויפן טיש. ראש־השנה איז ער געווען דער בעל־תוקע אין בית־המדרש. איינער פון מיינע רבים האָט געהייסן משה פליגלער און מ׳האָט אים גערופן משה „מוציקל״. מיין קענטעניש פון חומש און רש״י האָב איך אים צו פאַרדאַנקען, און ביי אים האָב איך אָנגעהויבן צו מאַכען אַ „לייענען״ (פון גמרא). אַז אַ יינגעל האָט געוואָלט לערנען — האָט ער זיך ממש מוסר־נפש געווען. אַזוי האָט ער מיט מיר געלערנט אפילו אין די ימים־טובים נאָכמיטאָג.

האָראָדענקע האָט אויך געהאַט אַ אייגענעם „קייזער״ און אַ „פרינץ״. דער קייזער און זיין זון דער פרינץ זענען געווען — שניידערס. פאַרוואָס זיי האָבן דעם נאָמען באַקומען איז מיר נישט באַקאַנט. אַזוי ווי זייער דירה איז פאַרברענט געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן זיי מיט אַנדערע משפחות אין יאָר 1918 געוואוינט אין דער אַלטער האָראָדענקער שפּיטאָל־געביידע (אַפאָר יאָר פאַר דער מלחמה איז דאָרט געווען דאָס פוילישע גימנאַזיום), און דערפאַר האָט מען דאָס הויז שפּעטיש גערופן „שלאָס שענברון״.

אַזוי ווי מען האָט שלמה ראָזענבערג גערופן שלמה בעקער, וועגן זיין מלאכה, אַזוי האָט מען אויך אַנדערע האָראָדענקער גערופן לויט זייער מלאכה; למשל: זעליג בעקער, לייזער בעקער, יאָסל בעקער, וועלוול בעקער, שלום הערש שניידער (פינק), דער בעל־קורא פון דער שיהל, אשר סטאָליער, יאָסל בלעכער, יאָשע חזן (דער הויפּט־חזן פון האָראָדענקע). אַנדערע ווידער האָט מען גערופן נישט לויט זייער מלאכה, למשל הערש דאָלינגער און הערש מאַסלער —ביידע שניידערס. דעם שמש פון דער שיהל האָט מען גערופן יאָסל באָיקע (זיין פאַמיליען־נאָמען איז געווען פאָלגער). דעם קברן האָט מען גערופן „בונדזיער״, אַן אַלטער ייד, וואָס איז אויך געווען דער אויפזעער איבער די עירובין

פון דער שטאָט. ער האָט זיך געשטעלט זיין מצבה ביים לעבען, מיטן „איש תם וישר" און דעם גאַנצען נוסח, נאָר דער טאָג פון דער פּטירה האָט געפעלט. דעם חזן פונעם בית־המדרש, אלישע, האָט מען גערופן אלישע באַס. געהייסן האָט ער פלעשנער, נאָר געקאָנט האָט מען אים מיטן נאָמען אלישע באַס.

אַ האָראָדענקער טיפּ איז געווען „דער היסענדיקער שניידער", שלמה „פּרעצליק" (זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען מאָרגענבעסער). ער איז געווען אַ חסיד פונעם „רבי בחור" פון קאָלאָמיי. ווינטער האָט ער געשניידערט, און זומער איז ער אַ פּאָר חדשים געווען גבאי ביים „רבי בחור". די קאַרטלער צום רבין אום ווינטער האָב איך געשריבן, און נישט נאָר געשריבן, נאָר אויך מחבר געווען. אין האָראָדענקע איז דער רבי־בחור איינגעשטאַנען ביי משה שפּירער, אַ הויז מיט אַ ברייטען טויער. די חסידים זענען געווען בעלי־מלאכות, וואָס האָבן נאָרמאַל זייער מנין געהאַט אין דער סטאָליערי־שער קלויז. שבת נאָכמיטאָג צום טיש זענען געקומען פיל בחורים (וגם אני ביניהם), צו הערן די חכמות פונעם רבין. שלמה „פּרעצליק" האָט זיך צעהיסט, פרעגט דער רבי די חסידים: וועמען זאָל שלמהלע געבן זיין הוס? זאָגן די חסידים: די גויים. ניין, זאָגט דער רבי, ער דאַרף אים געבן דעם גלח, ווייל אין דער תורה שטייט (ויקרא, י״ג, ל״ג): „והת־גלח (והיס־גלח). באַלד האָט דער גבאי, אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד, אַריינגעבראַכט דעם קוגל. זאָגט דער רבי: איך האָב אַ גבאי — איז ער כולו ווינטער: ווייס איז ער ווי שניי — און פרעעסט...

מסתמא זענען די בחורים, וואָס זענען געזעסן אַרום, געווען גילוחים. דער רבי האָט דאָס געזען, הויבט ער אָן צו דערציילן: „מיין פעטער מאיר (געמיינט האָט ער ר' מאירל פּרעמישליאַנער) איז אַמאָל געווען אויפן בית־עולם. קומט צו אים צו אַ דייטש, אַ גילוח, וואָס האָט מסתמא גע־האַט יאָרצייט, און פרעגט: אויף יעדער מצבה שטייען די אותיות ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳, וואָס באַדייטן זיי? האָט אים מאיר געענטפערט: די אותיות באַדייטן: תי נאַ צאָ באָרדו האָליש?

איינער פון די ערשטע תלמידים פון שלמה בעקערס „שבת־סעמינאַר" איז געווען יצחק־אַריה דער בלינדער (געווען בלינד אויף איין אויג), בעל־כורחו אַ שניידער, אָבער פון נאַטור אויס אַ „איש־הרוח". ער האָט געהאַט אַ שטוב מיט קינדער, אַבער אויף שבת האָט ער נישט אַלעמאָל געהאַט. איין דאָנערשטיק האָט ער געלאָזט אָנפילן די טאָרבעלעך מעל דורך מיין שוויגער ע״ה, און צוגעזאָגט צו באַצאָלן מיט נייען. דעם צווייטן דאָנערשטיק האָט ער שוין ניט געהאַט די העזה צו נעמען מעל ביי דער שוויגער, האָט ער זיך אַרומגעדרייט פאַר דעם געוועלב, ביז ער האָט דערזען אַז אין געוועלב זיצט דער שווער. האָט ער זיך פון דעם שווער געלאָזט אָנפילן די טאָרבעלעך, ווידער אויף אָפּצונייען... ב״ך מיטן מלבי״ם האָט אָבער יצחק אַריה געהאַט, און דאָס אַליין באַווייזט שוין זיין כאַראַקטער אַלס איש־הרוח. ער האָט געהאַט אַ הייזל מיט אַ דירה פאַרטער און אַ דירה אין קעלער; ער אַליין האָט געוואוינט אין דער קעלער־דירה. ווינטער פלעג איך קומען צו יצחק־אריהן לערנען פרייטיק־צונאַכטס, און זומער — שבת אינדערפרי, פאַר שחרית. אַז איך בין אַריינגעקומען פרייטיק־צונאַכטס, איז געזעסן די גאַנצע משפחה ביים לאַנגען שניידערטיש און געזונגען זמירות „עד לב השמים". מ׳האָט געקאָנט מיינען, דאָ זיצט אַ ייד אַ גביר מיט זיין משפחה און געניסט פון עונג־שבת. דער אמת איז געווען, אַז די חלות וועלכע יצחק־אריהס ווייב (אַ קליינע, איינגעדאַרטע יידענע) האָט געבאַקן, זענען געווען פון געבאָרגט מעל.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט געזאָגט, אַז דער שווערס־טער טאָג אין זיין לעבען איז תמיד געווען דאָנערשטיק. ווען זיין מאַמע איז מיט אים געווען שוואַנגער, האָט זי דאָנער־שטיק אויסגעטראָגן מעל, כדי צו פאַרדינען מעל אויף שבת. דאָס מעל האָט זי געטראָגן אויפן בויך, און אַזוי האָט ער שוין אין דער מאַמעס בויך געמוזט דאָנערשטיק טראָגן מעל. אַלס חדר־ייִנגעל האָט ער דאָנערשטיק געמוזט קענען די סדרה, כדי דער רבי זאָל אים נישט קנייפּן אין די באַקן און אין די פּולקעס. ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט ער דאָנער־שטיק געמוזט אַליין אויסטראָגן מעל, און נאָך דער חתונה האָט ער דאָנערשטיק געמוזט געבן דעם ווייב אויף שבת...

דעמזעלבן גורל האָבן געהאַט אַ גרויסער טייל פון די האָראָ־דענקער יידן. „האָבן אויף שבת" איז נישט געווען בלויז האָבן חלות אויף שבת, נאָר אויך ברויט אויף דער גאַנצער וואָך, ווייל פרייטיק האָט מען געבאַקן ברויט פאַר דער גאַנצער וואָך. דאָס ברויט האָט מען אויסגעלעגט אויפן קוימען, פאַר יעדן טאָג פון דער וואָך אַ ברויט. דאָס איז געווען ווי אַ קאַלענדער, פון וועלכן מען רייסט יעדן טאָג אַראָפּ אַ בלעטל — אַזוי האָט מען יעדן טאָג אַראָפּגענומען אַ ברויט. גלייכצייטיק איז דאָס אויך געווען אַ דיסטריבוציע, „במידה תאכל לחם", נישט אויפצועסן היינט דאָס ברויט וואָס דאַרף זיין אויף מאָרגן.

זומער פלעג איך איינמאָל ביז צוויימאָל אין דער וואָך אַראָפּלויפן די טרעפּ צו יצחק־אריהן. באַלד ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער געזאָגט: איך בעט דיך הערשעלע, לערן אַ קאַפּיטל פּסוק מיטן מלבי״ם, איך זאָל קענען מיטלערנען און בלייבן נייען.

אַן אַנדערער תלמיד פון שלמה בעקערס „שבת־סעמינאַר" איז געווען הערש דער לאַנגער, אַ הויכער, קינדערלאָזער ייד, וואָס האָט פרייטיק נאָכמיטאָג פאַרקויפט געפּראַזשעטע קערן (פון אַרבוזעס) אויף שבת. ער איז אויך געווען דער בעל־קורא פונעם סעמינאַר שבת צו מנחה. דער סעמינאַר האָט אַליין אַ מנין געהאַט, אָבער שבת צו מנחה איז מען געגאַנגען דאַווענען אין דער גרויסער שיהל. סאיז שוין כמעט געווען פינצטער, און מ׳האָט קוים געזען צו לייענען, איז מען געגאַנגען אין שיהל אַריין, ווייל דאָרט זענען געווען הויכע פענצטער און מען האָט נאָך געקאָנט לייענען.

ווייטערע תלמידים זענען געווען: זעליג בעקערס זון, מענדעלע קירזשנערס זון (לאַמפּנער), פאַיקאַלע (פאַיע) גראַ־פאַכס זון, אַ ייד וואָס האָט פאַרקויפט אין מאַרק ציבעלעס און קנאָבל, דער איידעם פון שלמה בעקער (זיין טאָכטער רחלס מאַן), ואני הקטן. מ׳האָט געלערנט גמרא מיט תוספות

און מיט דעם מהר״ם, און אויך „אור החיים״ אויף תורה. איך דערמאָן מיך אַ חמישה־עשר בשבט וואָס איז אויסגע־קומען אום שבת־שירה, ווי מ׳האָט אים געפּייערט מיט אַ פעסל ביר און מיט פּירות פון ארץ־ישראל (אַ קאָנטראַסט צו דעם וועטער אין דרויסן: אַ הויכער שניי און אַ פראָסט וואָס האָט „געריידעט ווערטער״). מיר זענען בין־השמשות גע־גאַנגען דאַווענען מנחה, און דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס.

איצט נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דער „הויכשול״ פון האָראָדענקע, איך מיין דעם גרעסטן גמרא־מלמד פון האָראָ־דענקע — קלמן־שמואל. גאָר ווייניק תלמידים אין עלטער פון בר־מצוה האָבן זוכה געווען צו זיין תלמידים פון קלמן־שמואל, און די זכיה האָב איך געהאַט. זעקס אַזייגער אינדער־פרי בין איך געגאַנגען אין חדר, אינדערפרי האָט מען געלערנט יורה־דעה מיט דעם ש״ך, איך האָב געלערנט הלכות מליחה והדחה, און איך בין מודה אַז די דערשיינונג פון „פּליטה ובליעה״ האָב איך ריכטיג פאַרשטאַנען ערשט ווען איך האָב שטודירט קאָלאָאיד־כעמיע... נאָך דעם דאַווענען האָט מען געלערנט דעם „שיעור״ גמרא מיט תוספות, און שפּעט נאָכ־מיטאָג זומער, אָדער נאָך מעריב ווינטער האָבן די תלמידים געמאַכט דאָס „לייענען״ (אַליין געלערנט גמרא). די „סדרה״ האָט מען דאָנערשטיק שפּעט נאָכמיטאָג, אָדער נאָך מעריב, „דורכגעזיבערעוועט״, און נ״ך האָט מען איבערהויפּט נישט געלערנט ביי קלמן־שמואלן.

דאָס קליינע שטעטעלע האָראָדענקע האָט אויך אַרויס־געגעבן אַ גאָר באַרימטן שוישפּילער, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, און אַ אָפּערן־זינגערין — אירענאַ פּפייפער, צוויי קינסטלערי־שע באַרופן, וואָס זענען גאָר זעלטן געווען ביי יידן אין מזרח־גאַליציע.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

יצחק שפירא

מסירות־נפש מקיים צו זיין א מצוה

א. די מקווה

ס׳איז אַ ווינטער נאַכט, די העלע שטערן פינקלען און בלאַנקען, דער הימל איז בלוי און די ערד איז באַדעקט מיט אַ דינער שיכט פון ווייסן שניי. דער פראָסט האָט אויסגעמאָלן פאַרשידענע פיגורן אויף די פענצטער, אָבער דאָס ליכט רייסט זיך דורך זיי אַרויס און באַלויכט מיר דעם וועג צום שטעטישן באָד. און וואָס מער איך דערנעענטער זיך צום „פּראָוואַל״, וואָס ציט זיך דורך דער לענג פון אונדזער שטעטל, אַלץ מער פיל איך זיין שאַרפן שטעכנדיקן געריך. איך גיי פאַרביי ביי דער לאַנגער יאַטקע, וואָס אירע טויערן זענען איצט פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן. אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך אַלעמאָל געפּילט אַ מאָדנע שרעק פאַר דער פאַרשלאָסענער יאַטקע, און איך שפּאַן גיכער צו דער בריק און צו דעם מרחץ.

ביים וועג שטייען הויכע דאָרפישע וועגענער, יעדער געשפּאַנט צו אַ פּאָר פערד, וואָס שטייען און עסן פּאַמעלעך דעם האָבער פונם זאַק, אין וועלכן זייער קאָפּ איז אַריינגעטון. אויף יעדן וואָגן זיצט אַ פאַרשלאָפענער גוי, איינגעהילט אין אַ פעלץ און די פיס טיף פאַרגראָבן אין שטרוי. שעהן־לאַנג זיצן זיי אַזוי און וואַרטן, ביז די „פּאַני״ וועט אַרויסקומען פונם באָד, און זיי וועלן קענען זיך לאָזן אין וועג אַריין, צוריק אין דאָרף אַריין.

ביים אַריינגאַנג וואַרטן אויף מיר דער פאַכטער פונם באָד, פישל קרוץ, און זיין ווייב, די „טיקערן״, וואָס גיט אַכטונג אויף די ווייבער ביי דער טבילה. זיי שטייען ביידע אומגע־דולדיק, מיט אַ שווער האַרץ, ווייל פּונקט אַזוי אומגעדולדיק זיצן אינווייניק די ווייבער אין די האַלצערנע „ביטלעך״, אין דעם וואַסער, וואָס ווערט קעלטער פון מינוט צו מינוט, און קוקן אויס זיי זאָלן קענען אַראָפּגיין און זיך אָפּטובלען אין מקווה, לויטן דין. יעדן חודש קומען אָט די ווייבער פון די דערפער, פון נאָענט און פון ווייט, זיך צו „רייניקן״ אין דער מקווה. אָבער דאָסמאָל האָט זיך די מקווה נישט אָנגעפילט, און די ווייבער האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן ביז שפּעט, אַפילו ווען ס׳זאָל אויסקומען צו וואַרטן אַזוי די גאַנצע נאַכט.

איידער איך גיי אַריין אין שוויץ־באָד, וואו עס געפינען זיך די צוויי מקווהס, די קאַלטע און די וואַרעמע, שרייט די „טיקערן״ צו די ווייבער: „איציקל דעם דיינס גייט!״ און די ווייבער דעקן זיך איבער מיט די ליילעכער, און גייענדיק צו דער מקווה הער איך ווי זיי מורמלען: „דאָס מאָל מעג זיין אַביסל ווייניקער וואַסער...״

איך נעם אַרויס דעם שליסל, וועלכן מיין פאָטער האָט מיר איבערגעגעבן אין די הענט, איך שליס אויף דעם שלאָס און הויב אויף דעם דעקל. און דאָ באַווייזט זיך דייטלעך דער שפּאַלט, וואָס באַצייכנט ביז וואוהין דאָס וואַסער מוז דערגיין, כדי ס׳זאָל זיין „שיעור מקווה״.

פאַר די יעניקע וואָס קענען זיך נישט אויס אין די דינים פון „טבילה״, מוז איך אויפקלערן אין וואָס דאָ גייט. כדי די מקווה זאָל זיין כשר, האָט דאָס וואַסער געמוזט דערגיין צו אַ געוויסער הויך און האָבן אַ געוויסע מאָס. האָט זיך אָבער געטראָפן אַמאָל, אַז דער קוואַל האָט געגעבן ווייניק וואַסער, און די מקווה האָט זיך נישט אָנגעפילט איבער נאַכט און אַפילו נישט איבערן זונטיקדיקן טאָג. אין אַזאַ פאַל פלעגט מיין פאָטער גיין אַלעמאָל קאָנטראָלירן, צי האָט זיך די מקווה שוין אָנגעפילט, ווייל דאָס האַרץ האָט אים וויי געטון וואָס די כשרע יידישע ווייבער, וואָס זענען געקומען פון אַזוי ווייט אין מקווה אַריין, מוזן וואַרטן אַזוי לאַנג און אויסקוקן די מינוט זיי זאָלן קענען זיך טובלען; און אין אַזעלכע טעג פלעגט מיין

פאָטער אָפּטמאָל פאַרלאָזן זיך אויף מיר, און מיך שיקן זען צי די מקווה איז שוין פול, כאָטש איך בין נאָך געווען אַ קליין ייִנגל פאַר דער בר־מצווה. און איך געדענק ווי גליקלעך איך בין געווען, ווען איך האָב געקאָנט אָנזאָגן די בשורה, אַז דאָס וואַסער איז דערגאַנגען ביז צום שפּאַלט. איך האָב זיך עפּעס געפילט וויכטיק, ווי איינער וואָס ברענגט גאָר אַ חשובע בשורה, כאָטש איך האָב דעם צוועק און דעם תכלית פון דער מצווה זיכער נישט פאַרשטאַנען.

ב. דער אתרוג

ס'האָבן זיך דערנענטערט די „ימים נוראים" אין יאָר תרע"ו (1915). קורץ פאַר די ימים טובים זענען מיר צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע נאָך דער צווייטער אינוואַזיע, וואָס האָט געדויערט בלויז זעקס וואָכן. עפּעס האָבן מיר געפילט, אַז מען דאַרף נישט אַנטלויפן ווייט, אַז דער רוס וועט זיך דאָסמאָל לאַנג נישט האַלטן. דער גרעסטער טייל פון די האָראָדענקער ייִדן זענען אַנטלאָפן קיין סניאַטין, קיין וויזשניצע און אין אַנדערע שטעט אין דער בוקאָווינע. אַלץ אין יענער זייט פונם פּרוט, וואו מען האָט די רוסן אָפּגעהאַלטן.

די ייִדן וואָס זענען געבליבן אין שטאָט האָבן שטאַרק געליטן פונם רוסישן מיליטער. אַסך הייזער זענען געווען פאַרברענט אָדער גלאַט צעשטערט. אין שיהל איז געווען פאַרברענט אַלץ וואָס איז געווען פון האָלץ — דער האָלצערנער דאַך, די בענק, דער ארון־קודש און דער באַלעמער, בלויז די הויכע ווענט און די צוויי פּולישן זענען געבליבן שטיין, און די גרויסע פּירקאַנטיקע שטיינער האָבן פון זיי אַרויסגעקוקט ווי די שטיינער פונם כותל מערבי.

די רוסן האָבן זיך פאַרגראָבן אין יענער זייט דניעסטר, נעבן איסטיטשקע, און „אונדזערע" האָבן זיך באַפעסטיקט אין די גרובנס פון דער זייט, ביי סעמאַקאָוויץ. די עסטרייכער האָבן געבראַכט צו דער פראָנט דעם גרעסטן קאַנאָן וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט, דעם צוויי־און־פערציקער, אָדער „די דיקע בערטאַ", און אַז ער איז דורכגעפאָרן אין שטאָט האָבן די פענצטער געציטערט.

פאַר „ימים נוראים" האָט מען אין די פאַרוויכערטע פּלושן און אין די אַנדערע שיהלן נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דער גרויסער צרה — עס פעלן די „אַרבעה מינים" אויף סוכות... מען האָט אָנגעבעטן אַלע סוחרים, וואָס זענען געפאָרן ביז קיין לעמבערג און אַפילו נאָך ווייטער, זיי זאָלן נאָכפרעגן און טראַכטן צו באַקומען עפּעס אַ שטיקל אתרוג — אָבער ס'האָט אַלץ נישט געהאָלפן. מיין פאָטער ע"ה, וואָס האָט, גלייך ווי אַלע רבנים אין אונדזער געגנט, געהאַנדלט יעדעס יאָר מיט ארץ־ישראל אתרוגים און מיט אתרוגים פון קאָרפו, האָט ערגעץ־וואו געפונען אַ רעשטל פון אַן אַלטן לולב, אַ פאַרגעלטן און פאַרדאַרטן, און ער האָט געפּסקנט אַז מען מעג איבער אים מאַכן אַ ברכה. הדסים האָט מען אויך בדרך נס באַקומען אין קאָלאָמיי, און „ערבות" קען מען אומעטום באַקומען וואו עס וואַקסן ווערבעס ביים טייכל. אָבער דער עיקר האָט געפעלט — ס'האָט געפעלט דער אתרוג!

און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן; פון אַלע האָפנונגען האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט, און אַ שווערער אומעט האָט באַדעקט די שטאָט. פרומע ייִדן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרצווייפלט — וואָס וועט טון קהל אָן אַ אתרוג? פּלוצים ערב יום־טוב ביים דאַווענען, האָט מען אָנגעהויבן זיך צו סודען און צו שושקען. עפּעס האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אין יענער זייט דניעסטר, אין רוסישן געביט, האָבן אחינו בני ישראל באַוויזן צו באַקומען אתרוגים פון רוסלאַנד, און אַז די שטאָט טויסט, דאָס הייסט טלוסטע, האָט באַקומען אַן אתרוג, און דערצו אַ שיינעם אתרוג. זענען זיך באַלד צונויפגעקומען די גבאים און די קלוגע ייִדן פון דער שטאָט מיט מיין פאָטער ע"ה בראש, צו געפינען אַן עצה ווי אַזוי צו באַקומען דעם אתרוג קיין האָראָדענקע. און זיי האָבן געפונען אַן עצה!

ס'האָט זיך געטראָפן אַ מוטיקער גוי פון דער קאָטיקיווקע, וואָס האָט מסכים געווען פאַר אַ הויכן און ממש לעגענדאַרן פּרייז זיך איינצושטעלן דאָס לעבן און אַריבערצוגיין דעם דניעסטר, וואו די פראָנט איז געווען, כדי צו ברענגען אַ בריוול פון מיין פאָטער צום טויסטער רב. און באַלד יום־טוב ביינאַכט האָט זיך דער גוי אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

דעם ערשטן טאָג סוכות אינדערפרי זענען ייִדן געשטאַנען איינגעהילט אין די טליתים און זענען נישט אַהיימגעגאַנגען קידוש מאַכן — אפשר וועט זיך השם יתברך מרחם זיין און דער גוי וועט אָנקומען, וועט מען נאָך קענען בענטשן אתרוג. אַבער דער טאָג איז אַוועק און די נאַכט איז געקומען, און דער גוי איז נישטאָ. צומאָרגנס איז מען פרי אויפגעשטאַנען און מ'האָט אויסגעקוקט דעם „טייערן גוי". מען האָט שוין באַוויזן אָפּצודאַווענען, מען קוקט זיך אויס די אויגן, און דער גוי איז נישטאָ...

און פּלוצים, ווי עס זאָל האָבן דורכגעגאַנגען אַ בליץ דורכן הימל, איז אין שטאָט ליכטיק געוואָרן: ס'איז אַרויס אַ קלאַנג פון איין עק שטאָט ביז צום צווייטן, אַז דער אתרוג איז אָנגעקומען און ער איז ביים דיין אין הויז. גאַנצע מניינים זענען געקומען און האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים הויז; הונדערטער מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, האָבן דאָס הויז באַלאַגערט.

מיין פאָטער ע"ה האָט געהיטן דעם אתרוג, וואָס איז געלעגן איינגעוויקלט אין פלאַקס און אין דעם זילבערנעם שאַכטעלע. ער האָט זיך באַראָטן מיט זיינע מקורבים און מען האָט באַשלאָסן אַריבערצוגיין מיטן אתרוג אין דער גרויסער שיהל אַריין, וועלכע איז געשטאַנען ליידיק און פּוסט נאָך דער שריפה, ווייל דאָרט האָט געקאָנט אַריין דער גאַנצער עולם, וואָס איז געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין כדי מקיים צו זיין די מצווה פון „אתרוג־בענטשן".

די מקורבים זענען אַרויסגעגאַנגען די ערשטע, כדי פריי צו מאַכן דעם וועג, און מיין פאָטער איז געגאַנגען צווישן זיי און האָט געטראָגן דעם אתרוג מיטן לולב, וועלכן ער האָט אַליין באַפּוצט מיט הדסים און מיט גרינע ערבות, און איך, דער צעניאָריקער בחור, האָב זיך אים נאָכגעשלעפּט און אים געהאַלטן ביים גאַרטל. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין דער גרויסער שיהל אַריין.

מיין פאָטער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף איינער פון די

שטיינערנע בענק ביי דער צפון־וואַנט, האָט אַרויסגענומען דעם אתרוג פונם פושקעלע און אַלעמען אין די אויגן האָט ער גענומען דעם אתרוג מיטן לולב און געמאַכט די ברכה „על נטילת לולב". טרערן האָבן זיך געגאָסן פון די אויגן אים אַליין און אַלע יידן וואָס האָבן געענטפערט „אָמן" אויף זיין ברכה. דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו דער עדה יידן און געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן דעם אתרוג נישט דריקן מיט די פינגער, זיי זאָלן זיך אָפּווישן די הענט אידער זיי נעמען אים, און זאָלן חס וחלילה דעם „פיטם" נישט אָפּברעכן; און האַלטן זאָלן זיי אים נישט מער ווי אַ מינוט — ביז נאָך דער ברכה.


פינף אַזייגער פאַרנאַכט האָט מען באַדאַרפט דעם אתרוג צוריק אָפּשיקן קיין טויסט, ווייל בתנאי זה האָבן די דאָרטיקע יידן מסכים געווען אויסצולייען דעם אתרוג און געבן דער האָראָדענקער קהילה די מעגלעכקייט מקיים צו זיין די מצווה כאָטש איין מאָל, דעם צווייטן טאָג יום־טוב. האָט זיך מיין פאָטער געבעטן ביים עולם זיי זאָלן זיך צואיילן, אָבער זיינע בקשות האָבן נישט געהאָלפן. דער עולם איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, דאָס געדרענג וואָס אַמאָל שטאַרקער. מיין פאָטער האָט דעם אתרוג פון די הענט נישט אַרויסגעגעבן, אַפילו נישט פאַר אַזעלכן חשובע יידן, וואָס „כלי קודש" האָבן בדרך כלל נישט געוואַגט זיי עפּעס אָפּצוזאָגן... אַלע האָבן זיך געמוזט באַגניגן מיט טרייסלען דעם לולב און בלויז באַרירן דעם אתרוג, וועלכן מיין פאָטער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט. און די וועלכע האָבן שוין אָפּגעבענטשט האָבן זיך קוים אַרויסגעריסן פונם געדרענג, פאַרשוויצטע, צעשויבערטע און אָפּגעריסענע, און אַלע האָבן זיי מקנא געווען, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואונען דאָס גרעסטע געווינסט...

צוויי־און־אַ־האַלב שעה האָט געדויערט ביז דער גאַנצער עולם איז אַזוי פאַרבייגעגאַנגען און געבענטשט אתרוג, און ביי אַלע האָבן די פנימער געלויכטן, וואָס זיי האָבן זוכה געווען מקיים צו זיין די מצווה. און ערשט ווען מיר זענען אַרויס פון דער שיהל האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אין דרויסן אַ מענגע פרויען, און האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל זיי אויך מזכה זיין מיט דער מצווה. מיין פאָטער האָט זיי געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז בשעת הדחק זענען ווייבער פטור פון דער מצווה, אָבער זיי האָבן זיך נישט געלאָזט איבערצייגן. ער האָט געמוזט איבערגעבן דעם אתרוג מיר אין די הענט — אַליין האָט ער דאָך נישט געקענט קומען אין באַרירונג מיט דער האַנט פון אַן אשה — און איך בין אַ גאַנצע שעה געשטאַנען אַרומגערינגעלט פון כשרע יידענעס, וואָס דאָס האַרץ איז זיי אויסגעגאַנגען נאָך אַ מצווה, און זיי האָבן מיט טרערן אין די אויגן געמורמעלט די ברכה „על נטילת לולב" און דערנאָך „שהחיינו וקיימנו"...

דערנאָך האָט מיין פאָטער אָפּגערייניקט דעם אתרוג מיט וואַקס און אַראָפּגענומען פון אים די פלעקן פון די פינגער, און דער גוי איז צוריק אַוועק מיט דעם פאַרבאָרגענעם וועג, פון וועלכן בלויז ער אַליין האָט געוואוסט, אָפּצוגעבן די טייערע פרי די טויסטער יידן.

די איבעריקע טעג יום־טוב האָבן מיר זיך באַגניגט בלויז מיטן לולב. אָבער הושענא־רבה איז די שטאָט איבעראַשט גע־וואָרן, ווען דער זעלבער גוי איז ווידער געקומען און האָט מיטגעבראַכט פון טויסט אַן אתרוג — כאָטש אַפילו מיט אַ פגם, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן האָט מען זיך מיט אים באַדינט בלויז צו די „נענועים", צום טרייסלען. די טויסטער יידן האָבן געוואוסט ווי די האָראָדענקער יידן פלאָגן זיך נעבעך אָן אַן אתרוג, און האָבן פאַר זיי באַזאָרגט אין טשאָרטקאָוו אַן אייגענעם אתרוג. אָבער דאָס מאָל איז שוין דאָס געדרענג נישט געווען אַזוי גרויס. ווער סאיז געקומען בענטשן האָט מען ביי אים געבעטן ער זאָל זיך באַטייליקן אין די הוצאות, וואָס זענען געווען גאָר גרויס — האָבן טאַקע אַסך פון זיי פאַרציכטעט מקיים צו זיין די מצווה צום צווייטן מאָל און באַצאָלן פאַר איר מיט מזומנים... אָבער דער רוב האָט גערן באַצאָלט, מיט אַ ברייטער האַנט און מיטן גאַנצן האַרץ.

זאָל זייער זכות ביישטיין אונדז און כל ישראל.



רוסים שבויים מפנים הריסות בתי היהודים שנחרבו בפלישה ב־1915

רוסישע געפאַנגענע אַרבעטן ביים אָפּריימען די חורבות פון יידישע הייזער. 1915.

Russian war prisoners clearing off demolished Jewish Houses — 1915.

שמשון מעלצער

ר׳ נחמן האָראָדענקער

ווען געקומען אין טבריה, אין הייליקער שטאָט,
איז דער צדיק דער ערשטער, וואָס האָט מיט גאָטס גנאָד
נאָך געלערנט ביים בעש״ט, ביי דער שאַפער פון חסידות —
ניט געקומען איז ער גאָר אַליין, ניט ביחידות,
נאָר מיט חסידים אַ גאַנצע און גרויסע חבורה,
אַלץ געהויבענע לייט, אַלע מענטשן פון צורה...
זיך געדונגען אַ חָצר, פאַר אַלע קיין ענגער —
און אזוי זיך באַזעצט האָט ר׳ נַחמן האָראָדענקער.

איז געזעסן אין חָצר די גאַנצע פמַליא,
האָבן עוסק געווען דאָרט אין מלי מעליא,
און ווער ווייסט גאָר מיט וואָס זיי האָבן דאָרט זיך
פאַרנומען...
אז זיי זיצן פאַרשלאָסן, ס׳טוט קיינער ניט קומען...
פון גאַנץ־פרי שוין מען זיצט אין דעם טלית און תפילין,
און מען דאַוונט, מען זינגט די מזמורים פון תהילים...
אויך ביינאַכט האָבן געקלונגען אַלץ העכער און לענגער
די געזאנגען פון תהילים ביי ר׳ נחמן האָראָדענקער.

און די ספרדים אַרום האָבן קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען
ווער עס איז דאָס דער צדיק, צוליב וואָס און פונוואַנען
ער געקומען אַהער איז אין חצר צו וואוינען...
ובפרט אַז פון דאַרקייט די ערד הויבט אָן ברוינען,
און דאָס האַרץ איז ביי יעדן פאַרזאָרגט און פאַרביטערט,
ווייל מען האָט פאַר אַ יקרות, פאַר הונגער געציטערט —
ווערט דאָך קיינעם נישט איינפאַלען צו פאָרשן נאָך לענגער
ווער עס איז אָט דער רבי, ר׳ נַחמן האָראָדענקער!

און נאָכדעם ווי די רעגנצייט איז שוין אַריבער,
זענען אַלע געוואָרן אַלץ טרויעריקער, טריבער.
די סכנה פון הונגער האָט הערצער צעבראָכן,
אויף די פעלדער די ערד איז צעפּלאַצט און צעשטאָכן,
אויסגעליידיקט די וועלט און צעגליט און צעהיצט,
ס׳האָט פון הימל די זון ווי מיט פייער געשפּריצט —
דאַן איז אַלע באַפאַלן אַ פּחד, אַן אימה,
צי ייד, צי אַראַבער, צי — להבדיל — אַ בהמה.

האָבן אונדזערע ברידער, די ספרדים די פרומע,
אין די שיהלן זיך אַלע געזאַמעלט, געקומען
דאָרט מתפלל זיין, בעטען ביים הייליקן בורא,
ער זאָל האָבן רחמנות און שיקן דעם „יורה״.
ס׳האָבן אויך די אַראַבער פאַרפילט די מעטשעטן,
און לויט זייער אמונה אויף רעגן געבעטען.
עס האָט גאָרניט געהאָלפן; מען קען ניט דערבליקן
קיין וואָלקן, קיין רעגן — און אַ היץ, צום דערשטיקן.

מיט אַ מאָל, ס׳ניט קלאָר ווער עס האָט אָנגעפאַנגען,
און פון איינעם צום צווייטן פאַרשפּרייט האָט די קלאַנגען,
אַז עס זיצט דאָ אַ הייליקער צדיק אין שטאָט,
וואָס ער האָט, פונקט ווי „חוני המעגל״, גאָטס גנאָד,
און אויב ער וועט נאָר וועלן מתפלל זיין, פרעגן,
וועט אים זיכער גאָט הערן און שיקן דעם רעגן...
ער באַוואוינט יענעם חָצר, ניט ווייט פון דעם שענקער,
פון די חסידים דער רבי — ר׳ נחמן האָראָדענקער.

און עס האָבן באַלד עטלעכע חשובים גענומען
און געגאַנגען צום חָצר, צום רבין געקומען,
מיט גאָר האַרציקע ווערטער געפּרואווט אים באַוועגן,
אַז ער זאָל אזוי גוט זיין און בעטן אויף רעגן...
ווייל עס ליידן שוין אַלע, פון טבריה ביז בראָד,
אַז נאָר ער ווייסט פון תפילת הגשם״ דעם סוד...
און ער זאָגט קודם „ניין״... ווייל ווי טאָר ער, ווי מעג ער?
די עניוות פון רבין, ר׳ נחמן האָראָדענקער!

נאָר נאָכדעם ווי זיי זענען צומאָרגענס געקומען,
האָט דער רבי פאַרשטאַנען, אַז זיין ליבער נאָמען
האָט אים אויסדערווײַלט זיין דער סניגור פון שטאָט,
צו דערוועקן פאַר טבריה דעם אייבערשטענס גנאָד.
האָט ר׳ נחמן געקוקט צו דער טרוקענער ערד,
און אַ זיפץ גאָר אַ טיפער עס האָט זיך דערהערט,
האָט געצעגערט, געטראַכט, און געזאָגט נאָך אַ ווייל:
„מיר וועלן פּרוּוון גיין דאַוונען ביי ר׳ חיא אין הייל...״

און גאָר באַלד איז די שטאָט פון די הייזער אַרויס,
ווייל סיי יידן, אַראַבער, סיי קליין און סיי גרויס,
געוואָלט זען האָבן אַלע ווי עס וועט זיך באַווייזן
די פמַליא חסידים, און וועט גיין און וועט שפּרייזן
באַרג־אַרויף צו דער הייליקער הייל, דאָרט אַהין,
פונעם צדיק ר׳ חיא און פון זיינע צוויי זין...
ווער עס האָט נאָר געקענט, איז געשטאַנען ביים טויער,
אַלע אַנדערע האָבן געקוקט פון דער מויער.

פון דער מויער געקוקט און געזען מיט גרויס שטוינען,
ווי דעם רבינס פמַליא, די אַלע פאַרשווינען,
זענען ווינטערדיק אָנגעטון גאָר ביז אַראָפּ:
מיט די היטלען פון סויבל און פוקס אויפן קאָפּ,
יעדער איינער געהילט אין אַ קאַפּטן אַ ברייטן,
און די פּאָלעס — זיי פליען אַרום ביי די זייטן...
און מיט זילבערנע קנעפּ, און פון אַלע נאָך לענגער,
עס דערקענט זיך דער קאַפּטן פון ר׳ נחמן האָראָדענקער.

און זיי אַלע באַגאַפן, ווי אַ וואונדער אַ גרויס,
ווי פון צווישן די פּאָלעס דאָרט זעט מען אַרויס,
אַז אַיעדערנס פּוס (עס איז שווער צו דערקלערן!)
איז אַריינגעטון טיף אין אַ שטיוול אַ שווערן...
און עס טוט דאָ אַ קוק שוין אויף זיין פוס אַ יעדער,
ווי ער גייט אין סאַנדאַלן, גאָר לייכט ווי אַ פעדער...
און דאָרט טראָגט יעדער חסיד אַ שטיוול אַ שווערן,
ווי אין וואַסערן טיפע פאַרנעצט נישט צו ווערן!

און צעווישן די גאַפערס, דאָרט זענען געשטאַנען
אַ חבורה אַראַבער, גאָר חשובע מאַנען.
אויף דער מויער געשטאַנען, געקוקט און געשטוינט,
און זיך איינער דעם צווייטן מיט אַ שמייכל באַלוינט,
מיט געלעכטער געשאָטן אַ וויץ נאָך אַ וויץ:
„עס ווייזט אויס, אַז די יידן איז קאַלט אין דער היץ...”
און געשטאַנען מיט זיי און געהערט זייער שפּאָט
האָט מוחאַמעד דער פּאַשאַ, דער הערשער פון שטאָט.

ווי אַ מענטש איז דער פּאַשא געווען גאָרניט שלעכט:
גאָר אַן ערלעכער הערשער, א באַשיצער פון רעכט,
און בימיו איז טבריה געזיכערט געווען.
נאָר וויבאַלד ער האָט יענע פּמַליא דערזען,
ווי זיי שפּרייזן אין שטיוול ביים ארויסגיין פון שטאָט,
האָט דערפילט ער אין דעם אַ געלעכטער, אַ שפּאָט,
און געזאָגט האָט ער בייז, די אַראַבער אַנטקעגן:
איל־יהוד זענען זיכער, זיי ברענגען דעם רעגן...

ווי געפעלט אייך דער לבוש? זעט און קוקט זיך נאָר איין!..
אָבער ווי, ווען עס וועט גאָר קיין רעגן ניט זיין?
אויב דער הימל וועט ווייטער נאָך בלייבן פאַרשפּאַרט,
און עס האָבן די פאַרשאָלטענע יידן גענאַרט,
גאָר אומזיסט זיך פאַרשטעלט און געביטן די טראַכט,
פון אַ היציקן זומערטאָג ווינטער געמאַכט?
דאַרום הערט נאָר איר אַלע, וואָס שטייט דאָ אַרום,
וואָס איך וועל אייך דאָ זאָגן, גאַנץ ערלעך און פרום:

זעט, זיי גייען דאָרט בעטן צום גאָט פון ישראל,
און הלוואי זאָל זיי גאָט אויך דערהערן דאָס מאָל!
און וויבאַלד נאָר זיי וועלן פון דער הייל צוריקקומען,
גאַנץ נאַסע פון רעגן, פון קעלט דורכגענומען —
דעמאָלט וועלן מיר אַלע אַנטקעגן זיי גיין,
און אַיעדן פון זיי, גאָר בכבודיק, פיין,
באַלד אויף אונדזערע רוקענס דאָ ברענגען צו טראָגן,
און זיי תמיד באַשיצן פון צרות, פון פּלאָגן.

אָבער אויב ס׳וועט די תפילה ניט ווערן דערהערט,
וועלן וויסן מיר אַלע — זיי זענען ניט ווערט...
ווייל זיי האָבן פאַר אונדז דאָ אַן אָנשטעל געמאַכט,
מיט די ליפּן געדאַוונט און אין האַרצן געלאַכט.

און וויבאַלד נאָר זיי וועלן פון הייל צוריקקערן,
און די היץ וועט נאָך אָנהאַלטן, שוואַכער ניט ווערן —
דעמאָלט וועט מען זיי אַלע אין חָצר פאַרמאַכן
און מיט אונדזערע שווערטער מיט אַ קאָפּ קירצער מאַכן!

און דער רבי ר׳ נחמן, גאָטס הייליקער קנעכט,
ער האָט אָפּגעוואַרט בלויז ביז די צייט וועט זיין רעכט.
אַז די צייט איז געקומען, דאַן איז ער געגאַנגען
און די חסידים נאָך אים, מיט גאָר הייסע פאַרלאַנגען,
און זיי זענען אַריין צו ר׳ חיא אין הייל
און פאַרבליבן דאָרט אַלע אַ לענגערע ווייל —
האָבן מנחה געדאַוונט, די וועלט געטון בענטשן...
נו, אַמאָליקע צייטן! און אַזעלכע מענטשן!

און די תפילה געווען איז פון מורא באַגלייט,
אָבער פול אויך מיט האָפנונג, מיט ציטער פון פרייד!
נאָר וואָס ס׳איז דאָרט געשהען — ווי קען מען באַשרייבן?
ווער פון אונדז קען דאָס זאָגן, וועמען וועט מען דען גלייבן?
ווען מיר וואָלטן די זכיה געהאַט דאָס צו זען,
אפשר וואָלטן מיר דעמאָלט ווי זיי גאָר געווען!..
נאָר מ׳זאָגט, ווען „מוריד הגשם” ס׳האָט געזאָגט נאָר דער חַזן,
האָבן אָנגעהויבן באַלד זיך די וואָלקן באַווייזן...

ס׳האָט באַוויזן זיך קודם אַ וואָלקן אַ קליינער,
און געשלעפּט האָט זיך נאָך אים נאָך איינער, נאָך איינער,
און נאָך זיי ווידער שלעפּט זיך אַ ריזיקע כמאַרע,
און זיי לויפן וואָס גיכער, עס גייט אַזש אַ פאַרע...
פּלוצים קרומט זיך אַ בליץ ווי פון פייער אַ שלאַנג,
און דער דונער פויקט נאָך מיט אַ ווידער־קול לאַנג,
אַלע פענצטער פון הימל האָבן זיך אויפגעריסן,
און דער רעגן — ער לאָזט זיך אי שפּריצן, אי גיסן!

און די זין פון ישראל מיט די זין ישמעאל
ווי זיי שטוינען און שוייגן און ווערן נתפעל!...
אַלע ווערן זיי באַלד דורכגענעצט פונעם רעגן —
אָבער קיינער פון זיי טוט זיך רירן, באַוועגן...
און זיי שטייען דערשטוינט און זיי קוקען און זען,
ווי דאָס הייפעלע קדושים פון באַרג קומט צו גיין,
און כאָטש ס׳פאַלט דאָרט דער רעגן מיט טראָפּענס געדיכט —
דאַכט זיך אויס, אַז זיי גייען באַשיינט פון אַ ליכט.

און גאָר פּלוצים האָט זיך אויף דער מויער דאָרט אויבן
דער עולם דער גאַנצער גערירט און געהויבן,
ווייל צוערשט איז דער פּאַשאַ אַרויס פון דעם הויפן
און די יידן אַנטקעגן גענומען באַלד לויפן.
און אויך זיינע באַגלייטערס, סיי יונג און סיי אַלט,
אַלע האָבן דאָס אַלעס אים נאָכגעטון באַלד...
און דאָס פאָלק האָט געזען, ווי גאָר פלינק און געשיקט
אַלע האָבן זיך דאָרט פאַר די יידן געבוקט.

האָט דער פּאַשאַ דעם רבין גענומען געשווינד
און געטראָגן אים לייכט אויף די הענט, ווי אַ קינד.
און די אַלע וואָס האָבן פון אים דאָס געזען —
האָבן די אַנדערע חסידים ניט מער געלאָזט גיין,
נאָר אַיעדן פון זיין שוין גענומען אויף גיך,
ווי די ספרי־התורה געטראָגן אויף זיך,
באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, ביז אין חָצר אַריין,
ווי זיי גלאַנצן אין רעגן מיט אַ ליכטיקן שיין.

און דאָס פאָלק פון ישראל מיט דעם פאָלק פון ישמעאל
אַלע קוקען און שטוינען און ווערן נתפעל,
ווייל ס׳איז גרויס אָט־דער טאָג און איז הייליק און הויך,
ווען דער גאָט פון ישראל האָט באַוויזן זיין כוח —
און ווי גוט וואָלט געווען, ווען ס׳וואָלט דאַן נאָך פון ווייטן
דער אָרעמאַן אויף דעם אייזל געקומען צו רייטן!
ווייל ווען גאָט האָט אַמאָל אונדזער תפילה פאַרנומען,
פאַרוואָס זאָל טאַקע באמת משיח ניט קומען?

מען דערציילט נאָך אין טבריה, אין הייליקער שטאָט,
אַז ס׳איז דעמאָלט די וועלט געווען פול מיט גאָטס גנאָד,
און שוין צייטיק די גאולה שלימה זאָל קומען...
נאָר בשעת ס׳האָט דער פּאַשאַ דעם רבין גענומען
און געגאַנגען מיט אים סיי באַרג־אויף סיי באַרג־אָפּ,
איז אַראָפּ פון זיין קאַפּטן אַ זילבערנער קנאָפּ...
און צוליב אָט־דעם קנעפּל, גאָר נישטיק און קליין,
איז דער טרויער צום רבין אין האַרצן אַריין...

און וויבאַלד אויף דעם רבין איז טרויער אַראָפּ
צוליב יענעם איין־איינציקן זילבערנעם קנאָפּ,
איז געוואָרן אַ פּגם אין דער הייליקער שעה,
און פאַרהאַלטן די גאולה, וואָס איז שוין געווען דאָ...
עס האָט א י י ן קנעפּל פון זילבער געשאַפן דעם פּגם...
און דער רעגן איז פּוסטע געפלאָסן אין ים...
און הלוואי זאָל משיח ניט צעגערן לענגער —
זאָל אונדז ביישטיין דער זכות פון ר׳ נחמן האָראָדענקער!

פון עבֿרית: ג. לינדענבערג

שלמה סוכער

מיט וויזשניצער חסידים

אַ פריילעך שטעטעלע איז געווען האָראָדענקע, אין די געסעלעך האָט געהילכט אַ געזאַנג צו גאָט און צו לייט. איך וויל אָנהויבן מיט די ווערטער פון אַ ליד, וואָס איך זינג עס אָפּט ווען איך דערמאָן זיך אין מיין היים:

איך געדענק נאָך יענע יאָרן, ווען איך בין אַ קינד געווען,
פאַר מיר שוועבן נאָך די בילדער, וואו עס פלעגט מיין וויגל שטיין.
און אַז מיין האַרץ הייבט אָן צו ציען נאָכן אומבאַקאַנטן גליק,
זינג איך פון די מעלאָדיען, וואָס כ׳האָב געהערט אין קינדער וויג...

און איך וועל דאָ פאַרצייכענען אַ בינטעלע זכרונות פון אַמאָל, פונעם אַמאָליקן האָראָדענקער לעבן: ווי אַזוי די וויזשניצער חסידים האָבן פאַרבראַכט מיט זייער רבין. אין האָראָדענקע זענען געווען אויך טשאָרטקאָווער חסידים, אָבער זייער לעבן האָב איך נישט מיטגעלעבט, קאָן איך נישט שרייבן וועגן זיי. אָבער די וויזשניצער חסידים? ביי זייער רבינס טיש בין איך כמעט אויפגעוואַקסן!

געווען איז דאָס צופעליק... מיין מאַמע רבקה סוכער, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט אַליין געשטאַמט פון וויזשניצע; זי האָט געקענט גמרא ווי אַ מאַנצביל, בלויז פונעם צוהערן ווי דער זיידע, דאָס הייסט איר טאַטע, האָט געלערנט מיט זיינע זין. מיט קיין שום אשה האָט דער רבי נישט גערעדט, נאָר מיט לייביש ביקעלס טאָכטער האָט ער געקענט דיסקוטירן שעהן לאַנג. זי האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט אַ ייד אַ גביר, רב מאיר פרישלינג ז״ל, אַ סוחר פון תבואות, וועלכער האָט אָפּגעקויפט ביים האָראָדענקער רבין רבי מיכאלע האַגער זצ״ל דעם הויף מיט די צוויי געביידעס. האָט דער רבי אויסגענומען אַ תנאי ביים שרייבן דעם קאָנטראַקט: ראשית, אַז עס זאָל זיין אַ וויזשניצער שילעכל ווילאַנג רב מאיר וועט לעבן; און שנית, אַז ווען ס׳וועט אויסקומען אַ רבין פון דעם דעם אַלטן וויזשניצערס זין צו זיין אין האָראָדענקע, זאָל ער איינשטיין אין רבינס הויז. פונעם האָראָדענקער רבין אַליין איז דאָך נישט צו ריידן...

דער וויזשניצער רבי האָט געהאַט זיבן זין, און נאָכדעם ווי ער איז נסתלק געוואָרן, איז יעדער פון זיי געוואָרן אַ רבי פאַר זיך אין אַ באַזונדערער שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז דער עלטסטער האָט געירשנט דעם טאַטנס שטול אין וויזשניצע; דער צווייטער איז געוואָרן רבי אין אָטעניע נעבן סטאַניסלווי, דער דריטער — אין זאַלעשטשיקי, דער פערטער — אין האָראָדענקע. ווייטער געדענק איך נישט. נאָר אַז זייער צאָל איז געווען זיבן געדענק איך, ווייל מען האָט נאָכדערציילט וועגן דעם צווישן די חסידים, אַז אַ פרוי איז געקומען צום אַלטן רבין בעטן אויף קינדער, דערנאָך איז זי אַריינגעגאַנגען צו דער רביצין און איז צוגעפאַלן און האָט איר געקושט איר בויך און האָט געזאָגט דאַרביי: „הייליקער ארון־קודש, האָסט אַרויסגעגעבן פון זיך זיבן ספרי־תורות...״.

ווי ווייט די האָראָדענקער חסידים האָבן ליב געהאַט זייערע רביס קאָן מען זען פון דער פּאַסירונג: דאָס איז געווען קורץ נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, אין יאָר 1920, נאָכדעם ווי די יידן פון האָראָדענקע האָבן באַוויזן זיך צוריק איינצוואָרצלען אין זייערע פּרנסות און האָבן מיט מי זיך גענומען

בויען די וויזשניצער קלויז, אין דער גאַס וואו די גרויסע יאַט־קעס זענען געווען. און ווי געזאָגט, האָט שוין רב מאיר פרישלינג געהאַט אָפּגעקויפט דעם „רבינס הויף". זענען געקו־מען די צוויי פרנסים פון דער וויזשניצער קלויז, רב ברוך לייב אָפּענבערגער און רב מאָטיע סוכער, צו מיין מוטער רבקה, און האָבן איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער וויזשניצער רבי קומט אויף שבת קיין האָראָדענקע. און „אויף שבת" הייסט שוין ממילא פון דאַנערשטיק ביז דעם אַנדערן מיטוואָך, אַ וואָך צייט בערך. פאַרשטייט זיך, אַז מיין מאַמע ע"ה האָט באַדאַרפט קאָכן פאַר דעם רבין און פאַר זיינע גבאים. און פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט תיכף אויסגערוימט דעם גרויסן „סאַלאָן" פאַר די חסידים וועגן, און אַ קליינעם נעבנצימער פאַרן רבין, וואו ער וועט „פּראַווען". פאַר אונדזערע קינדער, וואָס ווייסן שוין מסתם נישט וואָס הייסט „פּראַווען", וויל איך דערציילן, אַז דאָס מיינט אויפנעמען יעדן חסיד מיט זיין „קוויטל", אין וועלכן עס שטייט אָנגעשריבן זיין נאָמען און דער נאָמען פון זיין מאַמען, ווי למשל „שלמה בן רבקה", און וואָס ער וויל בעטן ביים רבין — אַ ישועה, אַ רפואה, אָדער סתם פרנסה, אָדער „אָפּשטעלן" זיין זון פאַר דער מיליטער־קאָמיסיע... ווייל יעדער ייד פלעגט קומען צום רבין זיך אויסוויינען זיין ביטער האַרץ און זוכן דערלייכטערונג. ביים „פּראַווען" האָט מען אויך אַוועקגעלייגט אַ „פּדיון" פון עטלעכע כע זלאָטעס, יעדער איינער ווי זיין האַרץ האָט אים באַוויליקט, און אויף דעם גבאי האָט מען געגעבן באַזונדער עטלעכע זלאָטעס פאַר זיין „שרייבן דאָס קוויטל". אפילו גויים פלעגן טיילמאָל קומען צום רבין. (נאָר זייער געלט האָט דער רבי נישט גענוצט, ער האָט עס צעטיילט פאַר אָרעמע לייט); למשל, דער בעצירקס־הויפּטמאַן אַגופּסאָוויטש איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביים רבין.

הייסט עס, אַז דער רבי דאַרף קומען... האָבן חסידים זיך נישט געפוילט און זיך באַמיט ביים האָראָדענקער פּריץ, און אויסגעפּועלט אַ פאַעטאָן מיט פיר פערד „נאַ שפּיץ", און מיט גרויס פאַראַד האָט מען געפירט דעם רבין מיט זיינע צוויי גבאים פון דער יאַקובאָבקי־סטאַציע דורך דער גאַנצער שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז איינער פון די חסידים האָט אָנגע־טריבן די פערד, און די גויים האָבן געקוקט ווי אויף אַ וואונ־דער... וואָס הייסט, אידן מיט בערד טרייבן פיר פערד מיט אַמאָל! ביים הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט שבתדיק אָנגעטאָענע חסידים און מקבל־פּנים געווען דעם רבין מיט אַ הילכיק גע־זאַנג: „בגלל אבות תושיע בנים ותביא גאולה לבני בניהם" — און זאָלן די גויים וויסן, אַז אויך יידן האָבן אַ „מלך"...

ווי גליקליך בין איך געווען, ווען איך האָב זיך צוגעשטופּט צום רבין און „גענומען שלום", אָננעמענדיק דאַביי זיין זיידן הענטעלע און אַ קוש טוענדיק. איך האָב אויך באַקומען אַ „קמיע". פאַר די קינדער האָט דער רבי געטיילט קמיעות. די „קמיע" איז געווען אַ פּשוטע רומענישע באַני, אָבער אַזעל־כע וואָס דער רבי האָט איבער איר געזאָגט אַ ברכה. מען האָט זי אַריינגענייט אין אַ קליין לייוונטן בייטעלע, און די קינדער האָבן זי אויפגעהאָנגען אויפן האַלדז, און זי האָט פאַרהיט פון אַלעם שלעכטן און פון אַלעם בייזן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אין דעם מאָמענט האָב איך געמאַכט אַן אָפּמאַך מיטן רבונו־של־עולם אויף אייביק...

נו, און דער כבוד און דאָס געפיל, אַז מען דאַוונט מיטן הייליקן רבין אינאיינעם שחרית, מנחה און מעריב — דאָס איז גאָרנישט?

איך בין געווען אויך אַ בעלן צו גיין מיטן רבין ערב־שבת אין מרחץ אַריין, און איך געדענק, וואָס דאָרט האָט זיך געטון... יעדער חסיד האָט געהאַלטן פאַר דער גרעסטער מצווה אַריינצושפּרינגען אין מקווה אַריין, וויבאַלד דער רבי האָט נאָר געענדיקט זיין „טבילה". מען האָט געקאָנט געהרגעט ווערן! אָבער אין זכות פונעם הייליקן רבין האָט קיינעם גאָר־נישט פּאַסירט...

די קבלת־שבת איז תמיד ביי די וויזשניצער חסידים גע־ווען אַ הייסע, און אין אָנוועזנהייט פונעם רבין על אחת כמה וכמה! אַ ביסל געוואָרט האָט מען, ביז דער רבי וועט ענדיקן יעדעס קאַפּיטל; און אַ שטאַרקע פינף מינוט האָט מען גע־וואַרט, ביז דער רבי וועט ענדיקן די „קריאת־שמע" און זאָגן דעם „אמת"... און איבער צען מינוט האָט מען געוואַרט ביז דער רבי וועט אויסשטיין „שמונה־עשרה". און אַלץ מיט גרויס דרך־ארץ און אין פולער שטילקייט.

נאָכן דאַווענען זענען זיך די חסידים צעלאָפן, יעדער צו זיין אייגענעם טיש, און אויף גיך זיך אומגעקערט „צום רבינס טיש", מען זאָל קענען כאַפּן די „שיריים". איינער פון די גבאים איז אויך געווען אַ גוטער חזן, און ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ גאַנצן אוצר פון ניגונים, און נאָך יעדן עסן, נאָך די פיש און נאָך דער יויך און נאָך דעם פלייש און נאָך די צימעסן, האָט מען געזונגען פייערדיקע ניגונים און זיי „אָנגעמאָסטן אויף די פיס", דאָס הייסט, זיי ממש אויסגעטאַנצט אין אַ קאַראַהאָד.

נישט נאָר האָראָדענקער חסידים זענען געקומען צום רבינס טיש, נאָר אויך חסידים פון קאָלאָמיי, פון גוואָזשדזיעץ און אפילו פון דעלאַטין. צווישן זיי זענען געווען אויך יידן וואָס האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם רבין פאַר זייער „רייכ־טום". מען האָט דערציילט, אַז דער דעלאַטינער „גביר" איז געווען אַמאָל אַ ייד אַ „קבצן מיט אַ טראָלד", און צוליב צוויי קראָנען (עסטרייכיש געלט), וואָס דער רבי האָט אים געשאָנקען, און האָט אים געראָטן ער זאָל אָנהויבן האַנדלען מיט שטיינער — איז ער געוואָרן דער גרויסער שטיינברוך־באַזיצער; אַלץ פונעם רבינס ברכה! און ער האָט געהאַלטן דעם רבין פאַר דעם „צווייטן שותף" צו זיין געשעפט און האָט אים יעדעס יאָר געשיקט אַ העלפט פונעם ריווח, חוץ מתנות אויף פּסח און אויף ראש־השנה. און ווען דער רבי איז געקומען צו גאַסט אין די גאַליציאַנער שטעטלעך, האָט ער געבראַכט דעם רבין דעם שיינעם פּדיון... איצט האָט דער גביר פון דעלאַטין „געשטעלט" אַ פאַס ביר פאַר די חסידים, און מען האָט אָפּגעזאָטן „געשריבענע" פּאַסאָליעס, בערך פופציק קילאָ, נאָך אַ צווייטער מין פּאַסאָליעס זענען געווען, אַזעלכע גרויסע און שוואַרצע און געשמאַקע, וואָס מען האָט זיי גערופן „קנייפּערס". און אַז מען האָט טועם געווען פון די פּאַסאָליעס מיט פעפער און מיט זאַלץ, האָט זיך טאַקע געוואָלט טרינקען

אַ גלעזעלע, און מ׳האָט בגילופינדיק געזונגען און געטאַנצט עד אור הבוקר. ובפרט אַז דער הייליקער רבי איז אַליין אַריין אין „עיגול” און האָט געטאַנצט מיט זיינע חסידים אינאיינעם, זענען זיי טאַקע געווען ממש אין הימל!

ביי דעם „טיש” שבת ביי־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַזונדערע געשיכטע מיט „קוגל”. יעדע פרוי פון די חסידישע משפחות האָט געשיקט „לכבוד דעם ליבן גאַסט” אַ פיינעם קוגל — איינער בעסער ווי דער אַנדערער. און זיי האָבן אַריינגעלייגט די גאַנצע „קונסט” פון געניטע באַלעבאָסטעס אין די געוויקלטע קוגלען, אין די לאָקשענע קוגלען, אין די געפלאָכטענע קוגלען, אין די געפילטע מיט „איינגעמאַכטס” און ראָזשינקעס און מאַנדלען. די חסידים האָבן נאָר געוואַרט, אַז דער רבי זאָל געבן אַ שטופּ אַוועק דעם טעלער, נאָכדעם ווי ער אַליין האָט פון אים געגעסן אַ קליין שטיקעלע, און באַלד איז געוואָרן אַ כאַפּעניש, און דער טעלער איז קוים „אַרויס מיטן לעבן” פון אונטער די הונדערטער חסידישע הענט. נישט חלילה ווייל זיי זענען געווען הונגעריק, נאָר ווייל זיי האָבן געוואָלט מקיים זיין די „מצווה” פון „שיריים”. און פאַרשטייט זיך, אַז נאָך יעדן נייעם קוגל איז געקומען אַ נייער ניגון און אַ ניי ריקודל פול מיט התלהבות.

צו דעם „רבינס טישן” זענען געקומען אויך אַ סך פון די האָראָדענקער בחורים, וועלכע האָבן שוין לאַנג נישט געדאַוונט, אָבער זיי זענען געווען, ווי מען זאָגט, „אַ טאַטנס אַ קינד”, דאָס הייסט, דער ניצוץ פון אַ חסיד האָט נאָך געגליט אין זיי (און נאָך עד היום זענען פאַראַן אַזעלכע פאַרבאָרגענע חסידים, און ווען זיי טרעפן זיך צוזאַמען דאָ אין ארץ־ישראל, נאָך דרייסיק יאָר, קען מען אַלץ נישט פאַרציכטן אויף אַ חסידישן ניגון!). זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די ניגונים, און נאָכדעם זיי געבראַכט אין פאַראיין פון „התאחדות—פועלי־ציון”, און זיי געזונגען אין די אָפטע פריילעכע אָווענטן, און מיט זיי אַריינגעבראַכט שמחה און התלהבות צווישן די חברים.

אַזוי פלעגט יעדעס צווייטע יאָר קומען איינער פון די זין פון דעם אַלטן וויזשניצער רבין קיין האָראָדענקע, און איך פלעג מוזן אָפּטרעטן מיין בעט און זיין נע־ונד גאַנצע אַכט טעג, נאָר איך האָב עס תמיד געטון מיט גרויס שמחה.

איך און מיין ברודער ישראל ע״ה, וואָס מיר זענען געווען „געכאַפּט אויף דער מעשה”, דאָס הייסט, מיר האָבן ליב געהאַט יידיש טעאַטער, האָבן זיך אַמאָל ביי רבינס טיש צעזונגען מיט אַ ניגון, וועלכן מיר האָבן אויפגעכאַפּט פון „גלימערס טרופּע”: „נאָכאמאָל, זינג און האָב קיין מורא... נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל, זינג ישראל, לכבוד דעם הייליקן בורא...” און ווי דער רבי האָט דאָס דערהערט, זאָגט ער צו ר׳ זלמן, זיין חזן „לערן זיך דאָס אויס, מיר וועלן דעם ניגון געבן אַ „תיקון”... שאַדט נישט, וואָס דער ניגון שטאַמט פונעם טעאַטער...”.

יאָ, דער רבי האָט געגעבן אונדזער ניגון אַ „תיקון” צווישן זיינע חסידים, און מיר האָבן געגעבן אַ תיקון זיינע ניגונים, זינגענדיק זיי פאַר אונזערע חברים און ברענגענדיק זיי קיין ארץ־ישראל. נישט אין איין קיבוץ ווערן די ניגונים נאָך עד היום געזונגען.

יאָ, יאָ. האָראָדענקע איז געווען אַ פריילעך שטעטעלע... אַמאָל, אַמאָל!

משה שטאכל

מיט טשאַרטקעווער חסידים

בר־מצווה

געווען איז דאָס אין אַ שבת פאַרנאַכט אין יאָר 1913, נאָך אַ הייסן זומערטאָג, ווען איך האָב מיך אַוועקגעלאָזט פון דער היים אין שיהל אַריין דאַווענען מנחה. איך בין דעמאָלט געווען אַ קליין יינגל, און בין מיר געגאַנגען פאַמעלעך, טראַכטענדיק וועגן די מלאָכים, וואָס קומען זיך איצט צונויף, ווי גרויסע פייגל, צו באַגלייטן דעם הייליקן שבת, וואָס גייט פון אונדז אַוועק. אַ פריילעך געלעכטער האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע געדאַנקען. איך האָב מיך געטון אַ קוק אַרום, און דערזען ווי צוויי הויכע יידן אין שטריימלעך און אין קאַפּאָטעס, מיט פריילעכע פנימער, גייען מיר אַנטקעגן. איך האָב זיי ביידע גוט געקענט; דאָס איז געווען יוסי חזן און יענקל פילפל. זייער פריילעכקייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף אויף מיר, און איך האָב באַשלאָסן זיי נאָכצוגיין. געגאַנגען זענען זיי אין דער ריכטונג פונם „מאָנאַסטערסקי קוט”, און איך האָב באַמערקט ווי זיי פאַרשטאַרקן אַלעמאָל זייער פריילעכקייט מיט אָ זופּ פון אַ פלעשל משקה, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט באַהאַלטן אין בוזעם. אַזוי זענען מיר צוגעקומען, זיי און איך נאָך זיי, ביז צום רבינס הויף. איך בין געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער: אַזאַ גרויסן המון חסידים האָב איך געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן. דער ריזיקער הויף איז געווען פול מיט חסידים מיט פאַרפלאַמטע פנימער, די שטריימלעך פאַררוקט אויף אַ זייט און די בערד צעשויבערט, און אַלע האָבן גערעדט און געמאַכט מיט די הענט, הונדערטער מענטשן מיטאַמאָל. דער רעש און דער ווירוואַר זענען געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב קוים געקאָנט דערקענען אַ פּאָר באַקאַנטע פנימער אין דעם גרויסן המון מענטשן. עס זענען געווען דאַרונטער אַ פּאָר רביים, וואָס זענען געקומען פון נאָענט און פון ווייט זיך משמח זיין ביי דער בר־מצווה פונם האָראָדענקער רבינס זונדל, ר׳ ברוכל.

און פלוצים איז שטיל געוואָרן. „דער רבי גייט”, האָט זיך דערהערט אַ שעפּטשען, און די ריזיקע מאַסע האָט זיך אָנגעהויבן צוריקרוקן און מאַכן פלאַץ פאַרן רבי מיט זיין זון. ערגעץ־וואו האָט עמיצער אָנגעהויבן צו באָמקען אַ ניגון,

וואָס האָט זיך קודם געהערט ווי פון גאָר ווייט און איז געקומען וואָס אַמאָל נענטער, ביז ס'האָבן זיך דערהערט קלאָרע ווערטער: „סימן טוב ומזל טוב, דאָס מיזיניקל גייט”. העכער און שטאַרקער איז געוואָרן דער ניגון, הענט האָבן זיך אָנגענומען, אַריינגעשטעקט זיך איינער דעם צווייטן אין גאַרטל, און ס'איז געוואָרן אַ התלהבותדיקער פייערדיקער טאַנץ. און אַזוי האָבן זיי געטאַנצט, אַ ניגון נאָך אַ ניגון, און איך האָב זיך צוגעקוקט שטייענדיק ביים פּלויט און האָב גאָרנישט געפילט אַז די זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען. פון דער טאַנצענדיקער מאַסע האָט מיר געשווינדלט פאַר די אויגן, און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז אַ פלאַם־פייער גייט אַרויף פון זיי צום הימל, און אַרום זיי זינגען מלאָכים מיט אַ מעכטיקער שטימע: „אמר ד' ליעקב — אל תירא עבדי יעקב”...

אין יענעם אָוונט האָב איך ליב באַקומען דעם חסידישן ניגון, און ער באַגלייט מיך מיין גאַנץ לעבן, ביזן היינטיקן טאָג.

כבוד התורה

שמיני־עצרת — אַזוי האָט מען זיך געפירט אין דער אַלטער טשאָרטקעווער קלויז — פלעגט מען אָפּדאַווענען מנחה און מעריב, אַהיימגיין עסן די יום־טובדיקע סעודה צוזאַמען מיט דער משפחה, לייגן די קינדער שלאָפן — און צוריקגיין צו די הקפות. איינמאָל אין אַזאַ יום־טוב האָב איך מיין פאָטער ע"ה זייער שטאַרק געבעטן, און ער האָט מיך מיטגענומען. די הקפות האָבן זיך אָנגעהויבן געווענליך שפּעט, און יעדע הקפה האָט מען איבערגעחזרט דריי מאָל, כדי מזכה צו זיין מיט אַ „הקפה” אַלע סטאַבילע מתפללים און מכבד זיין די געסט פון אַנדערע שיהלן.

די שמחה איז שטאַרקער געוואָרן פון מינוט צו מינוט, און יידן וואָס זענען אַ גאַנץ יאָר פאַרנומען מיט דאגות פּרנסה, האָבן, דאַכט זיך, אַלץ פאַרגעסן און ס'איז זיי נישט צו דערקענען. עפּעס אַ מין אויפגעלייגטקייט, אַן אויסדרוק פון שמחה באַדעקט זייערע פּנימער, וואָס נאָר אַ גרייסער שרייבער אָדער אַ באַגאַבטער מאָלער וואָלטן דאָס געקאָנט ריכטיק איבערגעבן. די הקפות זענען פאַרטיילט געוואָרן לויט דעם יחוס און לויט דער מדריגה, און פאַרשטייט זיך אַז מען האָט נישט פאַרגעסן מכבד צו זיין מיט „עוזר דלים” די מתפללים וואָס האָבן נעבעך געדאַרפט געהאָלפן ווערן. שטיפעריש האָט מען דערלאַנגט עמיצן אַ שופר אָדער אַ מגילה איינגעוויקלט אין אַ טלית, שטאָט אַ ספר־תורה, און דערמיט געגעבן אים אָנצוהערן, אַז ער איז נישט ווערט צו האַלטן אַ ספר־תורה אין די הענט. דאָס אויפרופן צו דער הקפה איז געווען על פי רוב מיט אַן אויפגעבלאָזענעם טיטל, וואָס האָט געהאַט אַביסל אַן איראָנישן קלאַנג. יעדער איינער איז געווען „הנגיד החסיד”, אָדער לכל הפחות אַ „מורנו ורבנו”, און אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן און געצויגן. ענדלעך האָט זיך געענדיקט די רשימה פון די מתפללים, די אויפרופערס זענען שוין געבליבן אָן כוחות. אפילו די קינדער האָבן שוין באַקומען אַ „הקפה”, און מען האָט געענדיקט די זיבנטע הקפה מיט אַלע מכובדים, אַריינגעלייגט צוריק אַלע ספרי־תורה און געלאָזט בלויז איין ספר, צום לייענען די דריי פרשיות. אַלץ איז געגאַנגען ווי דער שטייגער איז, מ'האָט אויפגערופן „כהן”, „לוי” — און דאָ האָט עפּעס פּאַסירט. צווישן די מתפללים אין קלויז זענען געווען צוויי ברידער, אַנטשל און בנימין. שמחת תורה האָבן זיי געהאַט „יאָרצייט” נאָך זייער פאָטער, און יעדער זון וויל דאָך מכבד זיין זיין פאָטערס אָנדענק מיט אַן „עלייה”. האָבן ביידע ברידער געהאַט חשק צו באַקומען „שלישי”. דער בעל־קורא האָט אויפגערופן איינעם פון די ברידער, איז צוגעשפּרונגען אויף גיך דער צווייטער ברודער, וואָס איז גראָד געשטאַנען נענטער צום „באַלעמער”, און געטון אַ זאָג די ברכה „אשר בחר בנו”. דערווייל איז דער צווייטער ברודער צוגעקומען, און האָט אויך אָנגעהויבן זאָגן די ברכה. די מתפללים האָבן אָנגעהויבן צו שרייען „ברכה לבטלה” — און דער פאַרשעמטער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף זיין ברודער מיט די פויסטן. ס'איז געוואָרן אַ געשלעג ביים אָפענעם ספר תורה, די זין זענען צוגעקומען העלפן זייער פאָטער, און אַ זייטעקער מענטש האָט געקאָנט זיך טראַכטן: ווי טייער אין די תורה, אַז פאַר אַ קליין שטיקעלע פון איר זענען ברידער גרייט אויסצורייסן די באָרד איינער דעם צווייטן. מיין פאָטער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, האָט מיך גענומען אויף די הענט און אַרויסגעטראָגן פון דער קלויז. די קאַלטע פרישע לופט האָט מיך ארומגענומען און האָט מיך איינגעשלעפערט אויף מיין פאָטערס הענט.

די טשאָרטקעווער קלויז „גייט איבערן ים”

לעבן האָט ביי זיי געהייסן — די פרייד פונם לעבן, און פרייען זיך האָט געקאָנט נאָר אַ חסיד. געפרייט האָט מען זיך מיט אַ פּאַרוואָס, למשל, מיטן רבינס יאָרצייט, און להבדיל מיט המנס מפּלה, וואָס איז געווען מיט טויזנטער יאָר צוריק; און אויך אָן אַ פּאַרוואָס, סתם אַזוי. אַז מען לעבט און מ'קען הנאה האָבן פון גאָטס וועלט, דאַרף מען זיך פרייען. דאָס זענען געווען געבוירענע „פילאָזאָפן”, כאָטשע זיי האָבן זיך ווייניק פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע.

נאָך היינט, ווען עס שטייען מיר פאַר די אויגן די בילדער, ווי איך האָב זיי געזען מיט עטלעכע־און־פערציק יאָר צוריק, דערוועקט זיך אין מיר אַ געפיל פון קנאה צו אָט די אַלע פשוטע יידן פון אַ גאַנצן יאָר, און ס'פרעגט זיך פון זיך אַליין: פאַרוואָס איז נישט אַזוי אַצינד? עפּעס פון דעם האָבן מיר יאָ מיטגעבראַכט אַהער, אין די ערשטע יאָרן פון חלוצישער התלהבות, אָבער אויך דאָס איז שוין לאַנג פאַרביי...

ווי לעבעדיק שטייען מיר פאַר די אויגן אָט די אַלע גוטע יידן, ווי איך האָב זיי געזען אַמאָל אין אַ שביעי של פסח, ווען זיי האָבן געפראַוועט דאָס „גיין איבערן ים”. געווען איז דאָס אין דער אַלטער טשאָרטקאָווער קלויז, שפּעט אין אָוונט, נאָכדעם ווי אַלע האָבן שוין געהאַט אָפּגעפּראַוועט מיט זייערע משפחות דעם „ווייבערישן סדר”, און האָבן זיך אַליין אומגעקערט אין קלויז אַריין, צו דער „הילולא” פון „גיין איבערן ים”. דאָס געמיט איז געווען אָנגעוואַרעמט פונם גוטן מעד,

וואָס מ׳האָט געטרונקען גאַנץ יום־טוב, און פון דער אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג פון דעם וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען.

איינציקווייז קומען זיך צונויף די מתפללים, ווער פריער און ווער שפעטער, כאַפּן דערווייל אַ „שיחת־חולין״ אָדער פירן אַ וויכוח איבער אַ „מדרש״, וועלכן זיי האָבן נישט באַוויזן גוט צו צעקייען.

און פלוצלינג ווערט שטיל. עמעצער רופט: „וואו איז דער שמש? וואו איז גבריאל?״ ער באַווייזט זיך, ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן, גבריאל דער שמש, אַ הויכער דאַרער ייד מיט אַ לאַנגער פּאָפּיעלאַטער באָרד. אין זיינע לאַנגע הענט טראָגט ער צוויי עמערס וואַסער, און מיט אַמאָל טוט ער זיי אַ גיס אויס אויף דער פּאָדלאָגע, דערנאָך חזרט ער דאָס איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז עס שאַפט זיך אַ „ים״, און מען הייבט אָן איבער אים צו מאַרשירן. יעדער שטעלט זיך אין דער רייע אויף זיין געהעריקן פּלאַץ, ווי אין אַ מיליטערישער דעפילאַדע; קיינער פאַרכאַפּט נישט דעם צווייטנס אָרט — ווייזט אויס אַז יעדערער געדענקט נאָך זיין פּלאַץ פון פאַר אַ יאָר.

בראש גייט די מזרח־וואַנט. עס גייט דער דיין ר׳ מנחם־מענדל שפּירא, אַ ברייטביינערדיקער ייד פון מיטלעם וואוקס, מיט אַ יונגן ענערגישן פּנים, ווי עס פּאַסט פאַר איינעם וואָס גייט בראש; די שפּיצן פון דער קאַפּאָטע פאַרשטעקט אין גאַרטל, און מיט אַ גמרא אויפן אַקסל, גייט ער אין ווייטן וועג...

נאָך אים גייט וועלוול זיידמאַן, דער נישט־אָפּיציעלער באַנקיר, מיט אַן ערנסט פּנים, וואָס צווינגט צו דרך־ארץ. ער איז דער אייביקער מוסר־זאָגער פאַרן קליינוואַרג.

עס גייט לייבעלע שוחט, הויך געוואַקסן מיט אַ לאַנגער גרוי־ווייסער באָרד. ער גייט אַביסל איינגעבויגן און טראָגט אויף זיך די גאַנצע לאַסט פונם גלות.

עס גייט יחיאל ראָזענבערג, אַ ייד מיט אַ גרויסער קראָם פון תורה; אָבער זי איז איינגעפּאַקט אין זיין קליינער פיגור און מען זעט זי נישט אַרויס.

עס גייט שלמה קראַמער, נידריק געוואַקסן, מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ, וואָס זעט אויס ווי אַ צעוואַקסענער סאָנעשניק. ער איז דער אייביקער בעל־מוסף פון דער קלויז, וואָס האָט פאַרהאַלטן מיט זיין שטאַרקער גלעקלדיקער שטים דעם אָטעם פון די מתפללים.

עס גייט שלמה שטרייט, מאָגער און הויך, מיט אַ שיטערער באָרד. אַ ייד אַ למדן, כמעט אַ מתנגד. ער פאָרט זעלטן צום רבין, נעמט נישט אָנטייל אין קיין שום „שיחת חולין״, נאָר אַ שווערע סוגיא אין דער גמרא אָדער אַן אינטערעסאַנטער מדרש קענען אים אַוועקרייסן פון זיינע רעיונות.

עס גייט לייזער פרעמינגער, הויך און מאָגער, שטעלט דעם קנאַפּל פאַרן שוך, ווי ער זאָל וועלן פאַראָבירן דעם באָדן אונטער די פיס. אַן אייגנטימער פון אַ זייפן־פאַבריקל מיט מאַשינען, וועלכע מען הערט אייביק קלאַפּן ווען מען גייט דאָרט פאַרביי, און מען ווייסט נישט וואָס פאַר אַ כוח עס באַטרייבט זיי.

ווייטער גייען די מתפללים פון דער מיטלער באַנק: חיים שוכנער און איציע קאָרן, די שטענדיקע גבאים פון דער אַלטער טשאָרטקאָווער קלויז. דער ערשטער אַ בכבודיקער קאָנפעקציע־סוחר, דער צווייטער אַ תבואה־סוחר אין אַ קלענערן פאַרנעם.

עס גייט אַנטשל רייכמאַן. די האָר פון זיין ציגעלפאַרביקער באָרד גייען ווידערשפּעניק אין פאַרשידענע ריכטונגען, אַן אָנווייז אויף זיין אינערלעכער נאַטור.

עס גייען די פריילעכע יונגעלייט פון דער קלויז: נטע באָראַל, ברייטביינערדיק מיט אַ פריילעך מונטער פּנים. ווען נישט די שיינע לאַנגע באָרד — וואָלט אים געפּאַסט צו זיין אַן אָפיציר. ער טראָגט דעם קאָפּ הויך, ווי עס פּאַסט פאַר איינעם וואָס גרייט זיך צו זיין אַ גביר...

עס גייען די ברידער מאָטיע און יענקל פילפּל, געבוירענע ליצנים און מה־יעשהניקעס. פריילעכע חברה, וואָס זוכן אַלעמאָל אַ געלעגנהייט צום שטיפן און זענען שטענדיק גרייט צו מאַכן אַ „שהכל״... מיט אַ גוטן געמיט גייען זיי, איינער מיט אַ שטענדער און דער צווייטער מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס אָנגעפּילט מיט „העסעס״, ביידע גרייט אָנצוהויבן די מלחמה מיטן שונא... ביידע זענען זיי גוטע בעל־תפילות, בעיקר דער ייִנגערער, יענקל.

די צפון־וואַנט איז פאַרטרעטן דורך לייבעלע קאָרן, איציע קאָרנס אַ ברודער. אַ בכבודיקער סוחר און דערצו אַ לערנער; ער גייט, בכדי נישט צו זיין אַ פּורש מן הציבור; זיין געמיט איז נישט צוגעפּאַסט צו דער הילולא.

עס הויבט אָן גיין די דרום־וואַנט. עס גייט בנימין רייכמאַן; נישט אַזוי רייך ווי זיין ברודער אַנטשל, דערפאַר זעט ער זיך אויך ווייניקער אַרויס.

עס גייט משה־לייב סוכער, דער באַזיצער פון אַ סאָדעוואַסער פאַבריקל; זיין נישט־קשהדיק גרויסער גוף איז אַריינגענומען אין זיך, ער מאַכט אים נישט בולט.

עס גייט פּינחס רויכווערגער, אַ יונגערמאַן וואָס גרייט זיך צו ווערן אַ שוחט. אַסך מאָל פאַרשפּעטיקט ער צום דאַווענען, לויפט ער נאָך מיטן „פונפאָרנט״ שלינגט די ווערטער. אויך איצט גייט ער מיט שנעלע טריט, קאָן זיך נישט אַריינפּאַסן אין צוג. (ער האָט זוכה געווען צו קומען קיין ארץ־ישראל אויף די אַלטע יאָרן, צוזאַמען מיט אייניקלעך און אוראייניקלעך).

פון דער מערב־וואַנט גייען יחידים אין מאַרש, ווי זיי וואָלטן זיין דער רעזערוו. עס גייען לייזער פרידלער, דער אייזנקרעמער, און קמיאל שטרום, אַ בהמה־סוחר אין אַ קליינעם מאַסשטאַב. ביידע זענען די נאָענטע שכנים פון מיין טאַטנס שטאָט (און ביידע האָבן זוכה געווען, אַ דאַנק זייערע קינדער, צו קומען קיין ארץ־ישראל און זענען דאָ געשטאָרבן).

צום סוף גייט יהושע שוכנער, דער איינבינדער, מיט אַ שיטערער פלאַקסענער באָרד און אַן אויסגעווייקט געל פּנים, אַזוי געל ווי די „שמות״ פון די אַלטע ספרים, וועלכע ער באַקומט צום איינבינדן.

און זאָלן מיר מוחל זיין די אַלע גוטע און פרומע יידן, וואָס זייערע נעמען זענען מיר אַרויס פון זכרון. אַלע זענען זיי געגאַנגען אין דעם יציאת־מצרים צוג און האָבן געזונגען

אַ התלהבותדיקן מאַרש מיט די ווערטער: „ויושע ד׳ ביום ההוא את ישראל מיד מצרים...״ אַזוי האָבן זיי פאַרענדיקט דעם יום־טוב פון באַפרייאונג און מקיים געווען דעם מאמר פון דער הגדה: „בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים״ — אין יעדן דור דאַרף זיך יעדער ייד פילן אין דער לאַגע, ווי ער אַליין זאָל האָבן געווען ביים מעמד פון יציאת־מצרים.

אַ נייער ניגון

די דאָזיקע מעשה דערצייל איך צום אָנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעכן רבי, הרב מנחם מענדיל שפירא, וואָס זיין הויז איז געווען מיין צווייטע היים. דער דיין פון אונדזער שטעטל, ר׳ מנחם מענדל שפירא, איז אַ פּאָר יאָר געווען מיין רבי. אין יענע יאָרן פלעג איך אַריינקומען אַהין יעדן טאָג און לערנען ביי אים צוזאַמען מיט זיין זון איצי (יצחק), און מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַ בן־בית, ווי איינער פון דער משפחה. און די מעשה איז טאַקע געווען ביי אים אין הויז.

אין די ימים־טובים, אַז דער דיין האָט געדאַוונט פאַרן עמוד אין לינקן פליגל פון דער גרויסער שיהל, זענען מירביידע, איצי און איך, געווען זיינע משוררים. דער דיין האָט זייער שיין געדאַוונט, האָבן די מתפללים געוואָלט אים אָנטון אַ נחת־רוח און האָבן סוכות געמאַכט אַ „טרינק״ ביי אים אין שטוב. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב קיין איין מאָל נישט פאַרזיכטעט אויף דער שמחה. געקומען זענען צו דעם טרינק די אָנגעזעענע מתפללים פונם פליגל און סתם יידן, וואָס האָבן ליב זיך משמח צו זיין. די שמחה האָט זיך געווינט־לעך אָנגעהויבן נאָכמיטאָג און האָט זיך געצויגן ביזן אָוונט. דערלאַנגט האָט מען קוגלען און לעקעכער, שוין אָפּגערעדט פון משקה; אין דעם דערלאַנגען האָט זיך באַטייליקט דעם דיינס גאַנצע משפחה, מיט דער רביצין בראש. זי איז געווען אַן אשה צנועה וחסודה, האָט געהאַט אַ שטילן גאַנג, אַזוי אַז מען האָט אים קוים געהערט, און זי איז אויך אַזוי שטילער־הייט אַוועק פון דער וועלט, פאַר דער צייט. איך געדענק ווי זי פלעגט פאַר מיר אַלעמאָל זאָרגן, האָט אַלעמאָל געפרעגט צי בין איך אפשר הונגעריק, און האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיך מכבד צו זיין מיט איינגעמאַכטס פונם אתרוג, איבער וועלכן אַ האַלבע שטאָט האָט געבענטשט ביים דיין אין שטוב.

ביים טרינק האָט דער דיין געזאָגט תורה, די געסט האָבן דערציילט חסידישע מעשהלעך, און דערנאָך האָט מען זיך גענומען זינגען, און טאַקע ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דער אַלטעטשקער און שוואַכענקער שימשעלע מילניצער האָט אַלעמאָל געהאַט אַ פּאָר נייע ניגונים און תפילות. איך געדענק נאָך זיין „מלך רחמן״ און ווייטער דעם „והשיאנו״ פון דעם יומטובדיקער שמונה־עשרה, וואָס פון זיין מויל, מיט זיין הייזעריקער און דאָך אָנגענעמער שטימע, האָבן זיי געהאַט אַ גאַנץ באַזונדערן טעם. אַז ער האָט געזונגען, איז געווען ביי אים „כל עצמותי תאמרנה״. מיר האָבן אויך געהערט דעם „ביה אנא רחיץ״ פון מעכעלע וואָוועס און דעם „פּרענ־קישן״ „אחד מי יודע״ פון שמואליקל שפירא. דערווייל האָט חיים־אַרן באַוויזן, אָפּצורוימען אַלע שיריים פונם טיש, און דעמאָלט האָט דער דיין אַ בעט געטון זיין איידעם, דעם מאַן פון זיין עלטסטער טאָכטער פייגע, ער זאָל עפּעס אַ זינג טון.

דאָס איז געווען אַ „זיידענער יונגערמאַן״, אַביסל פון אַן אַנדערן שטייגער ווי מיר זענען געוואוינט געווען צו זען אין האָראָדענקע. געטראָגן האָט ער זיך חסידיש, אָבער פון דער חסידישע טראַכט האָט אַרויסגעקוקט דער פאַרגעשרי־טענער קולטורעלער מענטש. ער האָט צוליב געטון זיין שווער און אָנגעהויבן צו זינגען אַ שטיקל פון „לכה דודי״ — „מקדש מלך עיר מלוכה״. זיין געזאַנג איז געווען ענלעך צו זיין אויסערלעכקייט — פול קולטור און מיט אַ באַזונדערן טעם. אַזאַ מין זינגען האָב איך געהערט צום ערשטן מאָל — עפּעס וואָס האָט מיך געבראַכט צו התרוממות הנפש, צו עקסטאַז. פערציק יאָר זענען זייט דעם אַריבער; פון אַלעמען איז קיין זכר נישט געבליבן, איך געדענק שוין נישט ווי אַזוי דער באַשיידענער יונגערמאַן האָט אויסגעזען, אָבער פון צייט צו צייט דערמאָן איך זיך אָן דעם ניגון פון „מקדש מלך״, און איך דערמאָן זיך אָן די אַלע טייערע יידן, וואָס די ווילדע חיות האָבן אָפּגעמעקט פון דער ערד און זיי וועלן מער נישט עקזיסטירן. חבל על דאבדין ולא משתכחין.

משה שטאכל

וואס איך האב געזען און געהערט

אַ מוסר־השכל פון מאריא טערעזא

אין דער צייט ווען מיר האָבן נאָך געוואוינט אין הויז פון משה פינעלעס, האָט געוואוינט נעבן אונדז אין שכנות פּיווול ליכטענטאַל. גערופן האָט מען אים אין שטאָט „פּיווועלע קוואַסניק״, ווייל ער איז געווען דער פאַבריקאַנט פונעם „האָראָדענקער קוואַס״, וואָס האָט געשמט אין דער געגענט.

פּיווועל האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיט אַן אויס־וועלטיקן יונגענמאַן, מלך מאַרקשייד. ר׳ מלך מאַרקשייד איז געווען גאָר אַ פרומער, אַזוי פרום, אַז נישט איינמאָל איז שווער געווען תופס צו זיין זיין פרומקייט. אַמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז די שבת־ליכט האָבן זיך אויסגעבויגן און ס׳איז געווען נישט ווייט ס׳זאָל ווערן אַ שריפה. אפילו דאָס זיכערע מיטל, אַוועקצושטעלן פאַר די ליכט שבת־דיקע חלות, האָט אויך נישט געהאָלפן. אַז איין ליכט איז אומגעפאַלן און האָט אָנגעצונדען דאָס טישטוך, האָט עמיצער פון די קינדער געוואָגט און געפרוווט פאַרלעשן דאָס פייער, האָט זיך

ר' מלך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט: „אַ שריפה זאָל זיין, און מחלל שבת זיין וועט מען נישט!" צום גליק האָט זיך עמיצער דערמאָנט אַריינצורופן די שיקסע וואָס האָט ביי אונדז געאַרבעט, און זי האָט דאָס פייער פאַרלאָשן אָן חילול שבת.

פייוול קוואַסניק איז אויך געווען מיין „קוואַטער", און אַלס אַזעלכער האָט ער זיך אינטערעסירט מיט מיין לערנען און האָט מיך יעדן צווייטן שבת „פאַרהערט". דערפאַר פלעג איך באַקומען אַ שטיקל „לעקעך", אַ שמעקענדיקע באַר אָדער עטלעכע צוקערלעך, און צום פאַרטרינקען אַ גלעזל גוטן קוואַס. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך באַמיט איך זאָל גוט קענען און איך זאָל דאָס ערלעך פאַרדינען. און אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן אַסך יאָרן.

און דאָ וויל איך וועגן מיין „קוואַטער" עפּעס נאָכדערציילן, וואָס איך האָב געהערט פון מיין פאָטער ע"ה. פייוול אַליין האָט עס אים דערציילט:

פייוול איז נישט געווען קיין גביר, אָבער אין קעלער האָט ער אַלעמאָל געהאַט אַ פעסל אמתדיקן וויין, נישט קיין ראָזשינקע־וויין, און יעדן טאָג נאָך מיטאָג פלעגט ער זיך אַרויפנעמען אַ גלעזל פון דעם „יין המשומר" צום פאַרטרינקען. איינמאָל האָט אים אַ גוטער־ברודער דערביי „געכאַפּט" און האָט אים געפרעגט: „הייתכן? גלאַט אַזוי אין מיטן וואָך, אָן אַ שום סיבה, זעצט זיך אַ ייד אַוועק טרינקען וויין? דאָס איז דאָך כמעט מעשה „זולל וסובא!" האָט אים פייוול געענטפערט אויף גאָר אַן אָריגינעלן אופן. ער האָט אַרויסגענומען פונם טייסטער אַ באַנקנאָט פון צוואַנציק קראָנען, האָט אָנגעוויזן אויפן בילד פון דער קייזערין מאַריאַ טערעזאַ, וואָס איז אויף אים געווען אויסגעמאָלן, און האָט געפרעגט זיין פריינט: „זאָג נאָר, ווי געפעלט דיר די פרוי?" דער פריינט האָט אים געענטפערט: „זי איז זייער שיין! און דאָס איז נישט קיין חידוש; זי איז דאָך דעם קייזערס ווייב". האָט אים פייוול געזאָגט: „אמת, די פרוי איז זייער שיין, אָבער זי האָט אַ ווערט נאָר פאַר דעם, וואָס האָט פון איר הנאה". ווי איינער זאָגט: דאָס געלט האָט נאָר אַ ווערט, אַז דו האָסט דערפון הנאה...

אַ געשעפטסמאַן א חבר אין „יד חרוצים"

פון יענער צייט דערמאָן איך זיך אָן אַ צווייטן פאַל. ביי אונדז אין שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן אַ „יד־חרוצים" פאַראיין, אַ פאַראיין פון בעלי־מלאכות פאַר קעגנזייטיקער הילף. מיין פאָטער ע"ה איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דעם פאַראיין, כאָטש ער איז נישט געווען קיין בעל־מלאכה. איינמאָל האָט ער אַהיימגעבראַכט אַ גרופּנבילד פון אַלע מיטגלידער. האָט אים אַ שכן געפרעגט: ווי קומט איר, ר' דודיע, צווישן די בעלי־מלאכות? איר זענט דאָך אַ געשעפטס־מאַן! האָט אים מיין פאָטער געענטפערט מיט אַ קשיא: איז וואָס, איך אַרבעט דען לייכטער ווי זיי, צי איז זייער אַרבעט ווייניקער ניצלעך ווי מיינע? דאָס בילד האָט געהאַנגען ביי אונדז אין שטוב אַ פּאָר יאָר אויף אַ בכבודיקן פּלאַץ, און עס איז פאַרשוואונדן מיט אַ סך אַנדערע שטובזאַכן, ווען מיר זענען אַנטלאָפן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַ נייער מלמד מיט אַ ביטער האַרץ

מיט דער צייט האָבן מיר זיך איבערגעצויגן אין אונדזער אייגן הויז, און דעמאָלט האָבן זיך געביטן מיינע מלמדים און אויך מיינע פאַרהערער. צום נייעם „זמן" האָט מען מיך אַריינגעגעבן צו יונה מלמד — יונה ליבמאַן. ביי אים אין חדר זענען געווען אָנגענומען מער פאָרגעשריטענע מעטאָדן: פון צייט צו צייט האָט מען געמאַכט אַ פּויזע, און געזעסן איז מען אויף שול־בענק, ענלעך ווי אין די רעגירונגס־שולן. דער מלמד האָט געליטן פון אַ כראָנישער קראַנקהייט, איז ער אַלעמאָל געווען נערוועז און שלעכט אויפגעלעגט, און האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ אויף אונדזערע קעפּלעך. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו געבן „צונעמען" די ערגערע תלמידים. די צוויי ברידער מענדל און ביאַמקו פרידמאַן, וואָס זייער פאָטער איז געווען אַ „פּיאַקערניק", האָט ער גערופן „טאַטע היי און מאַמע וויאָ". די תלמידים האָבן אים אויך נישט געשענקט און האָבן אים גערופן, אונטער די אויגן, „יונה גאַדזוליע". וואָס דאָס באַטייט געדענק איך שוין נישט, מסתם איז די כוונה געווען „יונה גזלן", ווייל גאָר אָפט האָט ער אונדז דערלאַנגט ריכטיקע קלעפּ, און נישט אַלעמאָל מיט רעכט. זאָל אים גאָט מוחל זיין דערפאַר — מיר האָבן אים שוין לאַנג מוחל געווען.

„מען דאַרף וויסן, ווי זיך איינצואָרדנען"

אין די פּויזעס פלעגן מיר אַריינגיין אין אַ מין גרינער סוכה, וואָס איז געשטאַנען אויפן הויף, האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די בענק און זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע שפּילן, אָדער מיר האָבן אויסגעטוישט צווישן זיך קנעפּלעך און אַנדערע זאַכן. איינער פון די באַליבטסטע שפּילן איז געווען: שפּילן שמשון הגיבור. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אויף די בענק, און איינער אין דער ראָלע פון שמשון הגיבור — געוויינטלעך איז עס געווען ניאַמקו־וויאָ, דער שטאַרקסטער צווישן אונדז — האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין ווינקל פון דער סוכה, האָט געזאָגט דעם פּסוק „חזקני ואמצני אך הפעם", האָט שטאַרק אַ טרייסל געטון מיט דער סוכה, און מיר האָבן זיך אַלע געטון אַ וואָרף אַראָפּ פון די בענק, און אַזוי פאַר־געשטעלט דאָס צוזאַמענפאַלן פונם טעמפּעל פון דגון און דאָס פאַלן פון די פּלישתים. געוויינטלעך, ווער ס'איז געפאַלן דער ערשטער איז אַביסל צעקוועטשט געוואָרן פון די אַנדערע, וואָס זענען געפאַלן אויף אים. איינמאָל ווען ס'איז געקומען צום פאַלן האָב איך דערפילט ווי עמיצער האַלט מיך צוריק, און אַזוי בין איך געפאַלן צווישן די לעצטע. דאָס האָט „שמשון הגיבור" אַליין — ניאַמקו — מיך צוריקגעהאַלטן, און דער־נאָך האָט ער מיך גענומען אין אַ זייט און מיר געגעבן צו פאַרשטיין: „מען דאַרף וויסן ווי זיך איינצואָרדנען... דו ביסט שוואַכער פון אַנדערע, דאַרפסטו זען נישט צו פאַלן דער ערשטער"... פון דעמאָלט אָן פלעגט ער מיך אָפטמאָל באַשיצן, אָבער דאָס איז נישט געווען אינגאַנצן „לשם שמים". איך בין געווען פון די גוטע תלמידים און האָב מאָנטיק שוין געקענט די „סדרה"; פלעגט מיך דער מלמד אַוועקזעצן איינ־חזרן די סדרה מיט די ערגערע תלמידים, צווישן וועלכע די

צוויי ברידערלעך זענען אויך געווען. זיי איז מער געלעגן אין קאָפּ צו גיין צום פּאָטיעק זיך באָדן, ווי איינצוחזרן די לענג און ברייט פונם „מישכן״. אַלס צוהעלפער פונם מלמד האָב איך אויך געהאַט דאָס רעכט צו באַפרייען „מיינע״ תלמידים פונם חדר אַביסל פריער, אויב זיי האָבן שוין געקענט די סדרה, און ניאַמקו האָט דאָס נישט איינמאָל אויסגענוצט. דאָס איז נישט אַלעמאָל געווען גאַנץ אמת, אָבער ניאַמקו האָט זיך געקענט איינאָרדנען...

ביי יונה מלמד אין חדר האָב איך מיך אויך באַקענט מיט איינעם וואָס איז דערנאָך יאָרנלאַנג געבליבן מיין גוטער חבר, מיט שמואל־אַבאָ שניצער. מיר פלעגן אָפּט קומען איינער צום צווייטן, און אַזוי האָב איך זוכה געווען, אַז שמואל־אַבאָ׳ס פאָטער, ר׳ חיים שניצער, זאָל זיין מיין צווייטער פאַרהערער. נישט איינמאָל האָט ער מיר עפּעס ערקלערט, וואָס מיין מלמד אַליין האָט אפשר נישט געוואוסט. ביי זיי אין שטוב האָב איך אויך געזען אַ גאַנץ נייעם לעבענסשטייגער. ביי אונדז אין שטאָט זענען כמעט אַלע געווען „חסידים״, און די משפחה שניצער איז געווען פון די געציילטע משפחות פון „מתנגדים״. דאָס איז געווען די בכבודיקסטע משפחה אין שטאָט (דעם רבס אַן אײדעם) און איינע פון די רייכסטע, און די חסידים האָבן זיי נישט געקענט מוחל זיין, וואָס זיי „גייען נישט אין גלייכן וועג״ און פירן זיך אַנדערש ווי די גאַנצע שטאָט.

„גייט נישט אַזוי פרי אין מקווה אַריין״...

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָכדעם ווי די רוסן האָבן פאַרברענט אַלע שיהלן אין שטאָט, האָט ר׳ חיים שניצער אָפּגעטיילט ביי זיך אין הויז אַ שטוב אויף אַ מנין פאַר אַ טייל מתפללים פונם „שטיבל״, וואו ער פלעגט דאַווענען פאַר דער מלחמה. צווישן די מתפללים פונעם נייעם שטיבל איז געווען איינער שמואל שפּאַן, אַ גאָר פרומער ייד. איינמאָל שבת פאַרן דאַווענען קומט שמואל שפּאַן און רופט אויס: „יידן, איך האָב היינט געזען אַ זאַך, וואָס איז ממש אַ סקאַנדאַל. בשעת איך בין אַהיימגעגאַנגען פון דער מקווה האָב איך געזען ווי דער פיאַקערניק „יאַפּאָנטשיק״ רייט אויף די פערד און פירט זיי אָנטרינקען ביים פּאָטיעק״. אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט צו ר׳ חיים שניצער, הערן וואָס ער וועט דאַרויף זאָגן. האָט אים ר׳ חיים גאַנץ רואיק און מיט ישוב הדעת געזאָגט: „ר׳ שמואל, איך וועל אייך געבן אַן עצה. דעם צווייטן שבת גייט נישט אַזוי פרי אין מקווה אַריין...״ אַלע האָבן פאַרשטאַנען דעםווינק, חוץ ר׳ שמואל אַליין.

אַסך יאָרן זענען זייט דעמאָלט אַריבער. אַסך פון זייערע ווערטלעך האָבן זיך אָן מיר אָנגעקלעבט, חוץ דער „תורה״ וואָס ניאַמקו האָט מיך געלערנט: „מען דאַרף זיך קענען איינאָרדנען״. אָט די תורה האָב זיך נישט אויסגעלערנט.

קוקה סוכער־גרייף

דאס וואס איז אמאל געווען

יידן פון דער גאַנצער וועלט געפינען זיך ביי אונדז אין לאַנד, און ווען מען רעדט מיט עמיצן, וויל מען וויסן פון וועלכן לאַנד און פון וועלכער שטאָט ער שטאַמט. מיך האָט מען אויך אַ סך מאָל געפרעגט די זעלבע פראַגע, און איך בין גאַנץ אָפּט דערשטוינט, וואָס אַזוי פיל מענטשן ווייסן דווקא וואו אונדזער קליין שטעטעלע איז געלעגן, און אַ סך האָבן אַפילו עפּעס אַ פאַרבינדונג געהאַט מיט דער שטאָט.

— וואָס אייגנטלעך בינדט דיך אַזוי צו צו דעם שטעטל? — פרעגט מיך נישט איינמאָל מיין חברטע ביי דער ארבעט — און דו האָסט נאָך אַלץ אַ סענטימענט פאַר אים, נאָך אַזוי פיל יאָרן? אפשר דערציילסטו מיר עפּעס פון דיין שטאָט?

גאָר וואָס האָב איך איר געקענט דערציילן וועגן האָראָדענקע, אַז זי איז קיינמאָל דאָרט נישט געווען!

אין שטאָט זענען געווען דריי קלויסטערס: אַ קאַטוילישער פאַר די פּאָליאַקן, אַ פּראַוואָסלאַוונער פאַר די אוקראַאינער, און אַן אַרמענישער. דער פּוילישער קלויסטער איז געווען וואונדערלעך שיין, און אַסך לעגענדעס האָט מען דערציילט וועגן אים. אויף איינעם פון זיינע פיר טורעמס זענען געווען פיר ריזיקע זייגערס, וואָס האָבן געוויזן די ריכטיקע שעה און האָבן ביי יעדן פערטל שעה געקלונגען. מיר האָבן געוואוינט אויף דער אַנדערער זייט פון דער גאַס, דער זייגער פלעגט מיך אויפוועקן פון שלאָף און זיין קלינגען האָט מיך באַגלייט דעם גאַנצן טאָג. מערקווירדיק איז, אַז אַרום די דריי קלויסטערס האָבן געוואוינט בלויז יידן. אין שטאָט איז געווען נאָך איין טורעם מיט אַ גלאָק, אויף דער פּוילישער פאָלקסשול פאַר ייִנגלעך, אָבער יענער האָט געקלונגען בלויז אין פאַל פון אַ שריפה.

געווען זענען אין שטאָט אַ פּאָר גאַסן מיט נעמען, אָבער דער עיקר איז געווען די הויפּט־גאַס, פון וועלכער ס׳האָבן זיך אָפּגעצווייגט די איבעריקע גאַסן: דוואָרסקאַ, שפּיטאַלנאַ א.אַ.וו. נאָר מייניסטנס האָט מען זיך נישט גערעכנט מיטן נאָמען פון די גאַסן, און מען האָט אָנגערופן בלויז די געגנט: ביים „פּראָוואַל״, ביי דער שיהל, ביים „פּאָטיעק״, ביי דער „טשערוואָנע״. די טשערוואָנע איז געווען אַ היסטאָרישער פּלאַץ, נאָך פון דער צייט פון די טערקן, און דערציילט האָט מען, אַז דאָרט איז פאָרגעקומען אַזאַ בלוטיקער קאַמף, אַז דאָס וואַסער פון קוואַל איז רויט געוואָרן, און דערפון האָט ער באַקומען דעם נאָמען „דער רויטער״. ס׳איז אויך געווען די געגנט פון דער טאָלעקע און די שיינע געגנט פון דער צוקער־פאַבריק, אויף וועלכער די שטאָט איז שטאָלץ געווען.

איך טראָג נאָך אין האַרצן דאָס אויסזען פון די אַקאַציעס, פון די ביימלעך מיט „בעז", וואָס האָבן געוואַקסן גלאַט אַזוי אין שטאָט, האָבן זי באַשיינט און באַשמעקט, און קיינער האָט זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט. און איך געדענק ווי דער פּאָליציאַנט פלעגט אַרומגיין אין שטאָט מיט דער פּויק, צונויפרופן דעם עולם און דערציילן זיי וועגן אַ נייעם באַפעל פון דער „גמינע" אָדער פון דער רעגירונג.

פאַר אונדזער הויז ביז אַרויף צו פּאַיע גראַפּאַר איז געווען דער מאַרק פאַר גרינצייג און פּירות, פאַר עופות און אייער; אויף דער אַנדערער זייט פונעם שטראָז זענען געשטאַנען די וועגענער פון הונדערטער פּויערן פון דער גאַנצער געגנט, וואָס זענען געקומען צום יריד פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און איינקויפן סחורות. דער מאַרק האָט אויסגעזען פילפאַרביק און שיין, פון די פאַרשידענע טראַכטן פון פּויערטעס, וואָס זענען געווען באַצירט מיט שטיקערייען און „סטענגעס".

אין שטאָט האָט מען אַלץ געפירט מיט אַ וואָגן, און פּאַסאַזשירן זענען געפאָרן מיט אַ „דראָזשקע", אייגנטלעך נאָר צו דער באַן־סטאַציע און צוריק. דאָרט האָב איך אויך געזען דעם ערשטן אויטאָבוס, וואָס האָט געהאַט זיין סטאַציע ביי קאַלמוסעס שענק.

עלעקטרישע לאָמפּן זענען אויך געקומען צו אונדז גאָר שפּעט, און איך געדענק נאָך ווי אין חלום די נאַפט־לעמפּלעך, און בעיקר דעם שיינעם גרויסן הענגלאָמפּ, וועלכן מען פלעג „פאַרגילדן" איינמאָל אין יאָר, און אָנגעצונדן האָט מען אים פּסח צום סדר און אין אַנדערע גרויסע ימים־טובים. און דער ערשטער ראַדיאָ־אַפּאַראַט אין שטאָט, וועלכן איך האָב געזען ביי ד"ר קאופמאַן! דאָס איז געווען אַ ראַדיאָ מיט „אויערן", און מיין פאָטער האָט געפּרואווט, מיט גאָר אַ קליינעם דערפאָלג, געבן מיר צו פאַרשטיין ווי אַזוי ער פונקציאָנירט. זיצנדיק דערנאָך אין דער העברעאישער שול, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אונדזער העברעאיש רעדן און זינגען מוז אַוודאי אויפגעכאַפּט ווערן פון עפּעס אַ ראַדיאָ־כוואַליע און אָנקומען קיין ארץ־ישראל.

יעדן שבת־צו־נאַכט (מוצאי שבת) פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען ביי אונדזער חברטע הילדע בורג אין קיך, און דאָרט פלעגן מיר זאָגן אַ תפילה אין העברעאיש, וועלכע מיר האָבן אַליין פאַרפאַסט. געבעטן האָבן מיר ביי גאָט, ער זאָל אַלע יידן צוזאַמענעמען און זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל, אין דעם לאַנד וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט; און פאַרענדיקט האָבן מיר אַלע מאָל מיט די לידער: „שבוע טוב", „ירושלים עיר הקודש" און „הללויה".

*

פאַרמיטאָג האָבן מיר געלערנט אין דער פּוילישער שול. דאָרט האָט מען געלערנט עטלעכע שעהן אין טאָג, כדי צו באַקומען די קענטענישן וואָס זענען נויטיק צום לעבן. אָבער גייסטיק אויסגעלעבט האָבן מיר זיך בלויז אין די צוויי שעהן וואָס מיר האָבן געלערנט אין דער העברעאישער שול. דאָרט זענען מיר געווען דאָס וואָס מיר זענען, אַלע פאַראייניקט מיט דעם געמיינזאַמען שטרעבן צו זיין אַמאָל אין ארץ־ישראל.

און ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס די שול איז געווען אין הויז פון „בית־עם", וואו די דערוואַקסענע ציוניסטן פלעגן זיך צוזאַמענקומען און האָבן דאָרט אויך געהאַט זייער מנין פאַר שבת און יום־טוב. ווייל דאָס הויז האָט אַרומגענומען אַלע געביטן פון אונדזער יידישן לעבן אין שטאָט.

און די פאַרשטעלונגען וואָס מיר האָבן צוגעגרייט פאַר יעדן יום־טוב! די צוגרייטונגען זענען געווען אַ יום־טוב פאַר זיך, וואָס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט פאַר דעם אייגנטלעכן יום־טוב. און די פאַרשטעלונגען זענען געווען געלונגען, נישט דערפאַר ווייל מיר זענען געווען אַזעלכע גוטע „אַקטיאָרן"; מיר האָבן נישט געשפּילט ביי דער פאַרשטעלונג, נאָר געגעבן אַן אויסדרוק צו אונדזערע אינערלעכע געפילן, צו דעם וואָס איז געלעגן באַהאַלטן ביי יעדן אין האַרץ.

אין צימער פון מיינע עלטערן זענען געווען בלויז צוויי „בילדער" אין צוויי גרויסע רעמלעך: אין איינעם — אַ בלאַט פונעם „ספר הזהב", אין וועלכן מען האָט מיין פאָטער פאַרשריבן; אין צווייטן — אַ צייכנונג פון „קרן קיימת". אין גאַסטצימער האָט געהאַנגען אַ בילד פון פּתח־תקוה; דאָרט פלעג איך מיך אָוועקשטעלן מיט מיינע חברטעס, מיר האָבן לאַנג באַטראַכט דאָס בילד און מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז מיר שפּאַצירן אַרום אין די גאַסן פון פּתח־תקוה...

*

איך געדענק ווי איינמאָל אויף פּסח האָבן מיר באַקומען אַ פּעקל מצות פון ארץ־ישראל. דאַכט זיך, אַז יצחק שפּירא האָט עס אונדז געשיקט, אַחוץ דעם פלעשל וויין וואָס ר' שמואל־יצחק לינדענבערג פלעגט אונדז שיקן יעדן פּסח. מיר זענען געווען ממש באַצויבערט פון די מצות. ווער האָט דען ביי אונדז געזען אַזעלכע מצות? פירקאַנטיק און גלאַט און ווייס און אַזוי שיין פאַרפּאַקט, מיט אַ פירמע און מיט אַ העברעאישער אויפשריפט! ביי אונדז האָט מען אַהיימגעבראַכט די מצות אין אַ גרויסער ווייסער ציך פון אַ קישן, וועלכע מען האָט צוויי מאָל איבערגעקאָכט. אַז מיר האָבן פאַרזוכט פון דער מצה, האָט אונדז דאָס האַרץ געקלאַפּט פאַר פרייד. אָבער נאָכדעם ווי מיר האָבן אַלע טועם געווען, האָט מיין פאָטער אויף אונדז אַ קוק געטון מיט אַ שמייכל און געזאָגט: איר פאַרשטייט דאָך, אַז די ארץ־ישראל מצות זענען נישט פאַר אונדז אַליין. מיר האָבן דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען. און באַלד זענען טאַקע אַריינגעקומען שכנים, און יעדער איז צוגעגאַנגען און האָט פאַרזוכט פון דער מצה. אויך פאַר זיי איז עס געווען פאַרשטענדלעך, אַז די מצה איז נישט קיין אייגנטום פון אַ יחיד, נאָר זי געהערט צו אַלע, צום כלל. און דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט און פאַרטיפט די יום־טובדיקע שטימונג אין שטוב.

צו עסן צוזאַמען מיט געסט זענען געווען אַסך געלעגנהייטן, אין די ימים־טובים אָדער סתם ביי אַ שמחה. שמחת־תורה נאָכן דאַווענען פלעגט קומען דער גאַנצער „ציון־פאַראיין", מאַכן „קידוש" און עסן „האָלובטשעס", און יעדעס יאָר האָבן זיי אויפסניי אַנטדעקט דעם סוד, אַז קיינער קאָכט נישט אַזעלכע גוטע „האָלובטשעס" ווי מיין מאַמע.

און ס׳איז געווען איין טאָג אין יאָר, ווען מיר, די מיידלעך, האָבן „באַהערשט" די יידישע גאַס. דאָס איז געווען יום־כיפור, ווען די עלטערן און די עלטערע ברידער זענען אַוועקגעגאַנגען אין שיהל אַריין, און מיר מיידלעך זענען געבליבן היטן די שטוב. האָבן מיר אַרומשפּאַצירט אין גאַס, צוזאַמען זיך פאַרנומען מיט די קליינע קינדער, און די צייט איז גיך אַוועק מיט געשפּרעכן, דערציילונגען און שטיפעריייען. די עלטערע מיידלעך, די צוועלף־יאָריקע, האָבן מייסטנס שוין אָנגעהויבן צו פאַסטן.

✶

היינט זאָרגט מען פאַר קינדער, זיי זאָלן האָבן וואו זיך צו שפּילן; מען בויט פאַר זיי שפּיל־פּלעצער און ספּאָרט־פּלעצער. פאַר אונדז האָט מען דאָס אַלץ נישט געטון, און דאָך זענען מיר נישט געווען געקריוודעט. מיר האָבן אַלע מאָל שוין אויסגעפונען, וואו און ווי אַזוי זיך צו שפּילן.

און צייט האָבן מיר געהאַט צו אַלעמען: צום לערנען, צו ספּאָרט, צו יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז פאַר מיר כמעט אַ רעטעניש: נישט נאָר מיר, קינדער, אויך די דערוואַקסענע האָבן געהאַט צייט צו אַלעמען, כאָטש אַלץ איז געטון געוואָרן פּרימיטיוו, אָן מאַשינען. קיינער האָט זיך נישט געאיילט, און איז אַלעמאָל געקומען צו דער צייט. און מען האָט תמיד געפונען צייט צו זאָגן אַ גוט וואָרט, צו געבן אַ שמייכל, צו כאַפּן אַ שמועס. און אַלץ איז געטון געוואָרן לאַנגזאַם, רואיק, און באַגלייט פון אַ בענקשאַפט צו אַ נייעם לעבן, צו אַ נייער וועלט אין ארץ־ישראל.

מיר, די ווייניקע וואָס זענען געקומען אַהער, פאַר אונדז איז געשטאַנען בלויז די פראַגע פון פרנסה, פון אַרבעט. גייסטיק האָבן מיר זיך נישט געדאַרפט צופּאַסן, ווייל מיר האָבן שוין דאָרט געלעבט אין דער גייסטיקער אַטמאָספערע פון ארץ־ישראל.

✶

איינמאָל האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג באַשלאָסן איבערצוטראָגן דעם מאַרק אויף אַ זייטיקן פּלאַץ, און פון ביידע זייטן פון דער הויפּט־גאַס צו מאַכן אַ סקווער אויפן נאָמען פון פּילסודסקי. צו דעם צוועק האָט מען געדאַרפט אויסרייסן די אַלטע ביימער פון ביידע זייטן פונעם טראָטואַר. אָבער די ביימער האָבן זיך נישט געלאָזט אויסרייסן! זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן מיט די וואָרצלען אָן דער ערד, און מענטשלעכע הענט האָבן גאָרנישט געקענט קעגן זיי אויפטון. האָט מען געמוזט ברענגען טראַקטאָרן, מיט קייטן האָט מען צוגעבונדן צו זיי די ביימער און אָנגעהויבן שלעפּן. די ביימער האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געלאָזט, האָבן זיך אויסגעבויגן און ווידער זיך אויסגעגלייכט. אויף איינמאָל האָט זיך דערהערט אַ שווידערלעכער קראַך: דער ערשטער בוים, אַן אוראַלטער ריז, איז אַנידערגעפאַלן.

צווישן דעם עולם וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט און צוגעקוקט זענען מיר אויך געשטאַנען, אַ גרופּע שולקינדער אויפן וועג פון שול. מיר זענען געווען טרויעריק און דערשלאָגן, דאָס האַרץ האָט וויי געטון און די אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט טרערן. פּלוצים האָב איך דערפילט, אַז מיין פאָטער שטייט הינטער מיר. ער האָט אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און האָט געזאָגט: נעם דיר נישט צום האַרצן, קינד מיינס, דאָס איז גאָרנישט. ווען די גויים וואָלטן געקענט אונדז יידן אַזוי אַויסרייסן מיטן וואָרצל, ווי אָט די ביימער, וואָלטן זיי לאַנג נישט געטראַכט און עס גערן געטון.

און אָט דאָס בילד ליגט מיר אין זכרון און איז ווי אַ וואונד וואָס קען זיך נישט פאַרהיילן.

נישט צו דער שטאָט בענקט זיך, נישט פאַר איר היט איך מיינע סענטימענטן! נאָר פאַר דעם וואָס דאָרט איז געווען, פאַר דעם יידישן לעבן וואָס האָט דאָרט געבליט. און די איינציקע טרייסט וואָס מיר האָבן איז, אַז דאָס וואָס איז דאָרט געווען עקזיסטירט נאָך ביי אונדז אין האַרץ, ביי אונדז אין זכרון.

יצחק (אייזי) רויכווערגער

נאַציאָנאַלע דערוועקונג

אונדזערע יוגנט־יאָרן זענען אויסגעפאַלן אין אַ צייט, ווען ס׳האָבן זיך שטאַרק דערוועקט די נאַציאָנאַלע געפילן אין די צוויי נאַציעס צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט. די פּאָליאַקן האָבן געהאַט זייער נאַציאָנאַלן יום־טוב, דעם דריטן מאַי, וועלכן זיי האָבן געפייערט מיט גרויס פּראַכט, מיט אַן אימפּאָזאַנטן מרשירן פון דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „סאָקאָל", אַלע אין דערזעלבער אוניפאָרם: אַ גרויער אַנצוג, שוואַרצע שטיוול און אַ לאַנגע שוואַרצע פעדער אויפן היטל. דעם יום־טוב פלעגן זיי פאַרענדיקן מיט אַ פאָלקספאַרזאַמלונג אין הויף פונעם „סאָקאָל" און מיט אַ טאַנץ־אָונט ביז פאַרטאָג. די אוקראַאינער ווידער האָבן אויך געהאַט זייער נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, דעם „סיטש", און אין זייער נאַציאָנאַלן יום־טוב פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען אין שטאָט פון דער גאַנצער געגנט, יעדער אויף זיין פערד אין זייער שיינער נציאָנאַלער פּראַכט, און יעדער מיט אַ ברוין שטעקאַלע מיט אַ הענטל אין דער פאָרם פון אַ האַק. זייער מאַרש איבער דער שטאָט איז אויך געווען אימפּאָזאַנט, זיי זענען געריטן אויף די פערד ביז צו דער טאָליקע, און פון דאָרט האָבן זיי זיך אומגעקערט יעדער אין זיין דאָרף.

זעענדיק דאָס אַלץ, האָט זיך אויך ביי אונדז דערוועקט אַ געפיל פון קנאה, און מיר האָבן זיך אָפטמאָל געפרעגט: ווען וועלן מיר אויך זיין „ככל הגויים", ווי אַלע פעלקער אויף

דער וועלט, מיט שטאָלצע נאַציאָנאַלע ימים־טובים? מיר האָבן געוואוסט נאָר פון טרויער־טעג ווי אַ „זכר לחורבן", און אפילו „חנוכה", וואָס האָט אונדז דערמאַנט די יידישע העלדישקייט, האָבן מיר אויך געפייערט נישט עפנטלעך, נאָר יעדער ביי זיך אין שטוב, מיט אָנצינדן די ליכטעלעך און זאָגן „על הניסים".

אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1914, האָט מען שוין פאַרגעסן אָן אַלע נאַציאָנאַלע געפילן און שטרעבונגען. אין דער צייט פון דער רוסישער אינוואַזיע האָט די יידישע באַפעלקערונג געלעבט אין שרעק און אין נויט. אין יאָר 1916 זענען אַלע אַנטלאָפן און די שטאָט איז געבליבן כמעט גאַנץ אויסגעליידיקט. ביז צום סוף פון דער מלחמה זענען די האָראָדענקער יידן געווען צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע לענדער פון דער עסטרייכישער מלוכה, און ערשט אין יאָר 1918 האָט מען אָנגעהויבן צוריקצושיקן די פּליכטלינגע אין זייערע שטעט, צו די פאַרברענטע און אויסגערויבטע הייזער. אין דער ערשטער צייט האָט מען זיך געמוזט צונויפשטופּן צוויי אָדער דריי משפחות אין איין דירה, ביז יעדער האָט צוריק אויפגעבויט אָדער האַלב־אויפגעבויט זיין אייגענע דירה. די רעגירונג האָט אויך צוגעהאָלפן, און האָט אויסערדעם אויסגעבויט אַ גרויסע צאָל „באַראַקן" פאַר אָרעמע משפחות.

די יוגנט וואָס איז צוריקגעקומען פון די מערבדיקע לענדער איז שוין געווען גאַנץ אַנדערש ווי די יוגנט פון פאַר דער מלחמה. די רוסישע רעוואָלוציע פון איין זייט און די נאַציאָנאַלע רענעסאַנס פון די קליינע פעלקער אַרום, וואָס זענען ווידער געוואָרן זעלבשטענדיק, האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער יוגנט. בעיקר האָט זיך אָפּגעפילט די השפּעה פון דער „באַלפור דעקלאַראַציע", וואָס האָט אויך פאַרן יידישן פאָלק געעפנט דעם וועג און דערוועקט די האָפענונג צו זיין אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלייך, מיט אַן אייגן לאַנד, וואו זיי וועלן זיין פריי צו אַנטוויקלען זייער לעבן און זייער קולטור אומגעשטערט. אונטערן איינדרוק פון די אַלע ענדערונגען איז אַנטשטאַנען די „השומר" אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די יידיש־נאַציאָנאַלע יוגנט און האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט זיך גרונטלעך אויסצולעבן און צו ווירקן פאַר זייער אייגענער צוקונפט און פאַר דער צוקונפט פונעם פאָלק.

איך אליין בין אויך צוגעשטאַנען צו איינער פון די „קבוצות" (גרופּן) פון „השומר", וואָס האָט זיך גערופן „נמר". דער אָנפירער פון דער גרופּע איז געווען אליעזר בילדער ז"ל, און די חברים זענען געווען: שווייגער, סוכער, ראובן רייס, געפנער און איך. דאָרט האָבן מיר געלערנט די געשיכטע פונעם יידישן פאָלק און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, געלייענט ציוניסטישע שריפטן, און גלייכצייטיק געלערנט העברעאיש אין דער העברעאישער שול, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון אונדזערע שטעטישע: שמואל גרייף ז"ל, עילא ליבסטער ז"ל און אָשר יוגנערמאַן.

אין יאָר 1920 האָט זיך אָרגאַניזירט די ערשטע גרופּע חלוצים צום אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. ביי אונדז אין די אויגן איז דאָס געווען ווי אַ חלום, ווי אַן אָנהויב פון „משיח'ס צייטן". אָבער אַוועקגעפאָרן זענען בלויז איינצעלנע, און מיר, אַלע איבעריקע, זענען געבליבן אין שטאָט און האָבן ווייטער געווירקט אין די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס.

דאָס זענען געווען בעיקר ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַלעמאָל געהאַט אַן אַנדערן נאָמען, אָבער דער אינהאַלט איז געבליבן דערזעלבער: פאַרטיפן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און ווירקן פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן. אין יאָר 1925 איז געגרינדעט געוואָרן אַ „קולטור־צירקל" אונטער דער לייטונג פון ד"ר דרוקס. דאָרט האָבן מיר געלייענט פּיעסעס אין דייטש און אין יידיש און זיי אַרומדיסקוטירט. שפּעטער האָט זיך דאָרט געבילדעט אַ גרופּע דילעטאַנטן, וואָס האָט זיך גערופן „האָראָדענקער דילעטאַנטן־קלוב", מיט באַטייליקונג פון די חברים משה פלעשנער, יהושע שטרייט, ליבע שפּירא, דאָניע אָפּענבערגער און איך, און אויסערדעם אַליע פילפל ז"ל און ישראל סוכר ז"ל. די פאָרשטעלונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין „נאַראָדני דאָם" אין אַ פייערלעכער שטימונג, און זיי זענען גוט אויפגענומען געוואָרן פונעם פובליקום. מיר האָבן אויך געגעבן עטלעכע פאָרשטעלונגען אין די שכנותדיקע שטעטלעך, אין גוואָזדזיעץ און אין טשערנעליצע.

אַ חוץ דער ציוניסטישער און קולטורעלער טעטיקייט, האָבן מיר געפונען צייט זיך צו פאַרנעמען אויך מיט ספּאָרט. פון דער שאָפע ביי אַברהם אָפּענבערגער ז"ל האָבן מיר געמאַכט אַ זאַל פאַר גימנאַסטיק, און דאָרט האָט זיך געשאַפן די פוסבאַל־גרופּע „מכבי", וואָס האָט געהאַט איר שפּילפּלאַץ אויף דער טאָליקע.

האָראָדענקע האָט פאַרמאָגט אַ לעבהאַפטע יוגנט, פון וועלכער די יוגנט אין די אַרומיקע שטעט האָט געהאַט וואָס זיך אָפּצולערנען אויף אַלע געביטן פון דער ציוניסטישער און קולטורעלער טעטיקייט.

חיים (מוניע) סוכער

א ביסל זכרונות פון די קינדעריאָרן

איך וויל אָנהויבן מיין ביסל זכרונות פונעם יאָר 1920, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַז מיר זענען אַהיימגעקומען נאָך דער מלחמה פון דער „פּלוכט", האָבן מיר געטראָפן אונדזער הויז צעשטערט, גלייך ווי דער גרעסטער טייל הייזער אין שטאָט. אין דער צייט פון דער רוסישער אינוואַזיע זענען געבליבן אין שטאָט געציילטע יידן, און פון זיי האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז דער חורבן פון אונדזער הויז איז דורכגעגאַנגען צוויי עטאַפּן: קודם האָט מען אויסגערויבט די מעבל, און מיט זיי צוזאַמען מיין פאָטערס גרויסע ביבליאָטעק און אויך אַ מאָדעל פון „בית המקדש", געמאַכט פון אונדזער פעטער יאָסיע, מיין זיידענס אַ ברודער, וואָס איז געווען אַ קינסטלער אין מאָלן און סקולפּטור־אַרבעטן. דאָס אַלץ האָבן אויסגערויבט די היימישע גויים, פון דער שטאָט און פון די דערפער אַרום. דערנאָך האָט דאָס רוסישע מיליטער געמאַכט פון אונדזער הויז אַ בעקעריי, און ווייל ס'איז געווען קנאַפּ האָלץ צום הייצן — האָט מען אַרויסגעריסן די פּאָדלאָגעס און די טירן און די פענצטער און דערמיט געהייצט. בערך דאָס זעלבע האָט מען געטון אין אַלע יידישע הייזער אין צענטער פון דער שטאָט.

נאָך איידער מיין פאָטער האָט באַוויזן דאָס הויז צו פאַרריכטן, איז געקומען אַ נייע צרה: אין שטאָט אַריין זענען אָנגעקומען די „פּעטליוראָווצעס", כדי צו העלפן די פּאָליאַקן קעמפן קעגן די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך פאַרשאַנצט אין יענער זייט דניעסטר. אויף די יידן אין שטאָט איז געפאַלן אַ פּחד. די הייזער האָט מען פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן, בלויז די קינדער האָט מען פון צייט צו צייט אַרויסגעשיקט זען, וואָס ס'טוט זיך אין גאַס. און עס זענען טאַקע געווען עטלעכע איבערפאַלן אויף איינצעלנע יידן, ביז די היידאַמאַקעס זענען אַוועק פון דער שטאָט.

די איינדרוקן פון דער וועלט־מלחמה און די מלחמה־אַטמאָספערע, וואָס האָט נאָך געהערשט אַ צוויי יאָר שפּעטער, האָבן אויך באַאיינפלוסט די קינדער און זייערע שפּילערייען. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע גרופּן — קינדער פונעם צענטער פון דער שטאָט, קינדער פון דער טאָליקע, פון די באַראַקן — און יעדע מחנה האָט געפירט מלחמה מיט די אַנדערע מחנות. אַלע האָבן זיי געהאַט אַ בשותפותדיקן „קאָמענדאַנט", וואָס האָט זיי געלערנט ווי צו פירן מלחמה — דאָס איז געווען „מאיר דער משוגענער", אַ געוועזענער סאָלדאַט אין עסטרייכישן מיליטער, וואָס איז געוואָרן אַביסל „צעדרייט" אין דער צייט פון דער מלחמה. ער איז געווען אַ הויכער מאַן, תמיד שוואַרץ אָנגעטון, און אַזוי פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן „מושטרעווען" מיט די קינדער, האַלטנדיק דעם שטעקן ווי אַ ביקס. אַז די קינדער, זיינע „זעלנער", האָבן אָנגעהויבן אים צו באַלעסטיקן, פלעגט ער זיי צעטרייבן און איז באַלד אַוועק „מושטרעווען" מיט אַ צווייטער גרופּע.

די אַלגעמיינע שול אין וועלכער איך האָב געלערנט איז געווען אַ שול פאַר קינדער פון אַלע דריי נאַציעס: יידן, פּאָליאַקן און אוקראַאינער. דאָס איז געווען אַ שול בלויז פאַר יינגלעך, און געשטאַנען איז זי קעגנאיבער דעם „סאָקאָל"; די „מיידלשע שול" איז געווען אין שכנות פונעם שפּאַציר־גאָרטן. דער דירעקטאָר פון דער יינגלשער שול איז געווען אַן אַלטער קליינטשיקער פּאָליאַק, וואָס די קינדער האָבן אים געגעבן אַ צונאָמען „משה גלאָק". די לערער זענען געווען קריסטן, פּאָליאַקן אָדער אוקראַאינער, און דער איינציקער יידישער לערער איז געווען הער נאָרד, דער לערער פון יידישער רעליגיע. די פּאָליאַקן און אוקראַאינער זענען אַלע מאָל געווען צווישן זיך געשפּאַנט; בלויז אין איין פּונקט זענען זיי געווען אייניק: אין זייער פיינדלעכער און גרינגשעציקער באַציאונג צו די יידישע תלמידים.

דעם נאָכמיטאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אין דער העבּרעאישע שול. די לערער זענען געווען קודם היימישע האָראָדענקער, דערנאָך האָט בנימין קאָרן ז"ל איבערגענומען די העברעאישע שול. ער האָט גערעדט העברעאיש נישט נאָר אין שול נאָר אויך ביי זיך אין דער היים, מיט זיין פרוי און זיינע פינף זין. זיין עלטסטער זון טוביה איז געוואָרן דער אָנפירער פון „הנוער הציוני", פון דער כלל־ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג אין שטאָט.

✶

פון מיינע שול־יאָרן האָב איך פאַרגעדענקט די פאָלגענדע קאָמישע עפּיזאָדע: מיר האָבן דעמאָלט געלערנט אין דער העברעאישער שול וועגן פרץ סמאָלענסקין, האָט זיך מיר פאַרגליסט אויפצוצייכנען זיין בילד אויף דער טיר פון אונדזער שכן בנימין רייכמאַן. אַ רעגירונגס־באַאַמטער, וואָס האָט די צייכנונג דערזען, האָט געמיינט אַז דאָס איז דאָס בילד פון טראָצקי, און אַזוי ווי דער קאָמוניזם איז געווען פאַרבאָטן אין פּוילן, האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט אין בנימין רייכמאַן, און האָט אים געסטראַשעט מיט אַ משפּט פאַר „קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע". מיט שווערער מי האָט מיין פאָטער איבערצייגט דעם באַאַמטן, אַז געצייכנט האָט דאָס בילד זיין זונדל, און געצייכנט האָט ער אַ העברעאישן שרייבער, און נישט, חס ושלום, דעם געפערלעכן רעוואָלוציאָנער טראָצקי.

לעאָן (לייבציע) שפּירער

אַ בינטל זכרונות

(פון 1905 ביז 1923)

אַכטאונפיפציק יאָר זענען געוויס אַ לאַנגע צייט אין לעבן פון אַ מענטשן, און אַפילו די 40 יאָר וואָס איך געפין זיך אין אַמעריקע זענען אויך נישט קיין קורצע צייט, און דאָך געדענקט זיך נאָך ביז היינט אַלץ וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין מיין געבורטשטאָט האָראָדענקע.

מיינע זכרונות הויבן זיך אָן פונם יאָר 1910, ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָר. מיר האָבן געוואוינט אין דער הויף־גאַס, אין וועלכער עס האָבן בכלל געוואוינט מער קריסטן ווי יידן. מיין פאָטער ישראל מרדכי שפּירער איז געווען פון פאַך אַ בוימייסטער, אָבער אין יאָר 1910 איז ער שוין זייט אַ קורצער צייט געווען אין אַמעריקע. ער איז געווען אַ געטרייער מאַן צו אונדזער מוטער און אַ ליבער טאַטע צו זיינע קינדער, אָבער ער האָט נישט באַוויזן אונדז אַלע אַריבערצונעמען קיין אַמעריקע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַזוי האָבן מיר אַדורכגעלעבט שווערע פינף יאָר פון מלחמה, פון נויט און פון צרות.

מיין ערשטער מלמד איז געווען משה לייב רוגענדאָרף, ביי וועלכן איך האָב געלערנט חומש ביז „ויקרא". איך געדענק ווי שבת נאָך סוכות האָט מען מיך פאַרהערט די סדרה ביי אונדזערן אַ שכן, ביי יוחנן מאָטיע סטעצאָווערס אין הויז. דערנאָך האָב איך געלערנט אין דער פּוילישער רעגירונגס־שול, אין דער אַזוי־גערופענער „שקאָלאַ מענסקאַ", וואָס האָט זיך געפונען אַנטקעגן דעם פּוילישן „סאָקאָל". מיין עלטערער ברודער זעליג האָט דעמאָלט געלערנט אין דער יידישער פאָלקס־שול, אין דער באַראָן־הירש־שול. מיין שוועסטער באַסיע איז שוין געווען אַ דערוואַקסן מיידל. זי איז געווען די בת־יחידה אין שטוב, און האָט נאָך באַוויזן אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע קורץ פאַר דער מלחמה. אונדזער זיבן־יאָריק ברודערל וועלוול, דאָס יינגסטע קינד אין שטוב, איז ליידער געשטאָרבן אין יאָר 1914, אין דערזעלבער צייט ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער רוסישער אינוואַזיע קיין גאַליציע.

די פריילעכקייט וואָס האָט געהערשט ביי אונדז אין הויז איז פאַרשוואונדן באַלד ווי אונדזער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. מיטן אָפּשטאַרבן פון אונדזער יינגסטן ברודערל און מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז אַ טרויעריקע און שווערע צייט. דאָס איז אויך געווען אַ שווערע צייט פאַר אַלע האָראָדענקער יידן. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די מאָביליזאַציע, וואָס האָט צוגענומען ביי אַ סך משפּחות דעם פאָטער און די דערוואַקסענע זין. דערנאָך איז געקומען די ערשטע רוסישע אינוואַזיע, ווען מיר האָבן געמוזט אַדורכלעבן גאַנצע זיבן חדשים מיט די רוסישע פּאָגראָמטשיקעס. די עסטרייכישע אַרמיי האָט זיך דערנאָך אומגעקערט אויף אַ פּאָר חדשים, און ביים צווייטן ריקצוג פון די עסטרייכער איז כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג מיטגעגאַנגען מיטן מיליטער ביז אין יענער זייט פונם פּרוט, איבער סניאַטין קיין וואַסקאָוויץ און קיין וויזשניץ. דערווייל האָבן די רוסן אין שטאָט פאַרברענט דעם רוב פון די יידישע הייזער, און דאַרונטער אויך אונדזער הויז. ווידער זענען מיר צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע אויף אַ קורצער צייט, און ערשט ביי דער דריטער רוסישער אינוואַזיע, ביי וועלכער די רוסן האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן מזרחדיקן טייל פון גאַליציע, האָט די עסטרייכישע רעגירונג צוזאַמענגעשטעלט טראַנספּאָרטן פון דער אַנטלאָפענער יידישער באַפעלקערונג און זיי אָפּגעשיקט אין די מערבדיקע טיילן פון דער עסטרייכישער מלוכה.

אונדזער משפּחה האָט זיך אויך געשלעפּט מיט אַזאַ טראַנספּאָרט, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין ווין, אין דער עסטרייכישער הויפּשטאָט, מיד און צעבראָכן, הונגעריק און שלעפעריק. פון דאָרט האָט מען אונדז אַוועקגעשיקט קיין בעהמען, אין אַ דייטשן דאָרף, וואו מיר האָבן געוואוינט צוזאַמען מיט אהרן דיקערס משפּחה, זיבן מענטשן אין איין שטוב. מיין ברודער זעליג איז שוין דעמאָלט געווען אין מיליטער, און איך האָב געלערנט אין אַ דייטשער שול די אַלע דריי יאָר וואָס מיר זענען דאָרט געווען.

אין יאָר 1919, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט אונדז די ניי־אויפגעשטאַנענע טשעכישע רעגירונג געגעבן די מעגלעכקייט צוריקצופאָרן קיין האָראָדענקע. די רייזע האָט געדויערט קנאַפּע צוויי וואָכן, און אָנקומענדיק צוריק האָבן מיר נאָך געטראָפן די אוקראַאינער רעגירן אין שטאָט און אין גאַנץ מזרח־גאַליציע. אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן די פּאָליאַקן איבערגענומען די רעגירונג, און די לאַגע האָט זיך אָנגעהויבן צו בעסערן און צו נאָרמאַליזירן.

מיין פאָטער ע"ה איז נפטר געוואָרן אין ניו־יאָרק נאָך אין יאָר 1918, און מיין מוטער איז נפטר געוואָרן אין האָראָדענקע אין יאָר 1923. בלויז מיר, זייערע דריי קינדער, געפינען זיך אין אמעריקע. מיר זענען אַלע בעשטרעבט צו דערציען אונדזערע קינדער אין יידישן גייסט, און מיר געהערן אַלע צום פּראָגרעסיוון האָראָדענקער פאַראיין. איינער פון מיין ברודערס זין איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון פּראָגרעסיוון האָראָדענקער פאַראיין פאַרן יאָר 1963.

ביז היינטיקן טאָג בענקט זיך נאָך אַ ביסל היימישקייט, און צום בעסטן פילן מיר זיך אין געזעלשאַפט פון היימישע, פון האָראָדענקער.

שלום ירון־יונגערמאן

די פוילישע גימנאזיע

אין יאָר 1921 זענען אַ צוויי צענדלינג עלטערן אין אונדזער שטאָט געשטאַנען פאַר אַ שווערער און ערנסטער פראַגע: זייערע קינדער האָבן געענדיקט די פאָלקסשול, און אין שטאָט איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט ווייטער צו לערנען.

די פוילישע גימנאַזיע, וואָס האָט עקזיסטירט אין האָראָ־דענקע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך פאַרמאַכט באַלד ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. אין די יאָרן 1918—1921 האָט זיך דער רעזשים אַ פּאָר מאָל געביטן, און די שטאָט איז אַריבער פון די פּעטליוראָווצעס צו די אוקראַאינער, דערנאָך צו די רומענער און צום סוף צו די פּאָליאַקן. אין יענע יאָרן איז קיינעם נישט געלעגן אין זינען צו זאָרגן פאַר אַ מיטלשול, און עס איז אויך נישט געווען קיין גענוגנדע צאָל קינדער צו עפענען אַזאַ שול. ערשט אין יאָר 1921 איז געקומען די צייט צו זאָרגן, אַז די קינדער זאָלן האָבן וואו ווייטער צו לערנען. דאָס איז געווען נישט אין קיין קליינער מאָס אויך אַ געלט־פראַגע, צו קענען אויפהאַלטן אַזאַ אינסטיטוט. אין די דריי יאָר האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע אין שטאָט אַסך געבעסערט, בעיקר ביי די אַזויגערופענע „פרייע באַרופן" (אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים א.א.וו.), און זיי האָבן טאַקע געווירקט די שול זאָל געגרינדעט ווערן, האָבן געגעבן די נויטיקע מיטלען און געשיקט זייערע קינדער לער־נען אין דער גימנאַזיע.

די ערשטע צוויי קלאַסן האָבן זיך געעפנט אין סעפּטעמ־בער 1921. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פוילישע גימנאַזיע, כאָטש ניינציק פּראָצענט פון די תלמידים זענען געווען יידישע קינדער. די ערשטע צייט האָט מען געלערנט אין הויז פונעם „סאָקאָל", און די לערער זענען געווען אַ טייל אָרטיקע און אַ טייל פון דער פרעמד. דער רוב פון די לערער זענען אויך געווען יידן. אַ יאָר שפּעטער האָבן זיך געעפנט נאָך צוויי קלאַסן, און דעמאָלט האָט מען איבער־געטראָגן די גימנאַזיע צוריק אין דעם בנין וואו זי איז געווען פאַר דער מלחמה. ערשט אין פינפטן יאָר פון איר עקזיסטענץ איז זי געוואָרן אָנערקענט פון דער רעגירונג. אין יענעם יאָר האָבן אויך מאַטורירט די ערשטע שילער און די גימנאַזיע האָט אַרויסגעגעבן אירע ערשטע אַביטוריענטן.

ווי געזאָגט, האָט די גימנאַזיע געהאַט אַ ריין פוילישן כאַראַקטער, כאָטש די גרינדער זענען געווען יידן, און דער גרעסטער טייל פון די לערער און פון די תלמידים זענען געווען יידן. ערשטענס, זענען די עלטערן פון די תלמידים מייסטענס געווען אַסימילאַנטן; און צווייטענס, איז אויך קיין אַנדערער וועג נישט געווען. ווייל די פוילישע בעהערדען וואָלטן בשום אופן נישט געווען צוגעלאָזט מען זאָל עפענען אַ יידישע מיטלשול.

אין שטאָט זענען געווען נאָך צוויי מיטלשולן: די אוקראַאינישע גימנאַזיע און אַ פוילישע אַקערבוי־שול. אָבער פאַקטיש האָט קיין שום ייד נישט געשיקט זיינע קינדער לערנען אין דער אוקראַאינישער גימנאַזיע, און אין דער אַקערבוי־שול האָט מען קיין יידן נישט אויפגענומען. איבער־דעם האָט די יידישע יוגנט געלערנט בלויז אין דער פוילישער גימנאַזיע.

ב

דער ענין „יידישקייט" האָט נישט פאַרנומען קיין וויכטיקן פּלאַץ אין לעבן פון די מיינסטע „גימנאַזיסטן", ביז צום זעכצנטן לעבנסיאָר. מיר האָבן נאַטירלעך געוואוסט, אַז ס'איז פאַראַן אַ „יידן־פראַגע", אַז ס'איז דאָ אַנטיסעמיטיזם אויף דער וועלט; און אַ סך הייזער האָט מען זיך נאָך אַ ביסל יידישלעך געפירט: געצונדן שבת־ליכט, אָפּגעהיטן כשרות, געפאַסט און געגאַנגען אין שיל אַריין כאָטש אום יום־כפור און געפראַוועט אַ „בר־מצוה". געווען אויך עטלעכע, וואָס זייערע קרובים זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל, און כמעט אַלע האָבן געליינט די ציוניסטישע צייטונג „כווילאַ" אין דער פוילישער שפּראַך. אָבער יאָרנלאַנג האָט זיך נישט געפונען ווער ס'זאָל זאָרגן פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציאונג פון די צענדלינגער סטודענטן אין שטאָט. העברעאיש האָבן געלערנט בלויז עטלעכע געציילטע פון די סטודענטן, און מיט די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי כמעט קיין קאָנטאַקט נישט געהאַט.

אין דעם פונקט איז געווען בלויז איין אויסנאַם — די פרוי ד"ר פרידאַ ראָטענשטרייך (די פרוי פונעם אַדוואָקאַט ד"ר לוי ראָטענשטרייך, וואָס איז שפּעטער געווען פון די וויכטיקע עסקנים פון „התאחדות" אין לעמבערג). צוויי יאָר איז זי געווען לערערן אין דער האָראָדענקער גימנאַזיע, און אין משך פון די צוויי יאָר האָט זי אַוועקגעגעבן אַ סך צייט און מי פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציאונג פון די יידישע סטודענטן, דורך לערנען העברעאיש און יידישע געשיכטע אויסער דער גימנאַזיע. אָבער נאָכדעם ווי זי איז אַוועקגעפאָרן, האָט זיך קיינער מער נישט אָפּגעגעבן דערמיט.

ג

ווען מיר זענען שוין געווען אין דער זעקסטער קלאַס, האָט זיך ביי אַ גרויסן טייל פון די יידישע תלמידים דערוועקט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל. פון דער „כווילאַ" האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן דער גרינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני" („די ציוניסטישע יוגנט" — אַן אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע). אונטער די גרינדער פון דער אָרגאַני־זאַציע איז אויך געווען יצחק שטייגער ז"ל, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1922 פאַר „אַ פּרווו צו דערמאָרדן דעם פוילישן פּרעזידענט נאַרוטאָוויטש". מיר האָבן זיך געווענדעט צו דער צענטראַלע פון „הנוער הציוני" און האָבן באַקומען פון זיי מאַטעריאַל פאַר דער טעטיקייט צווישן די סימפּאַ־טיקער פונעם ציוניסטישן געדאַנק. אין יענער צייט איז אין שטאָט געווען עילאַ ליבסטער, דער כעמיקער, וואָס האָט

אָנגעפירט ביי אונדז די ערשטע העברעאישע שול נאָך דער וועלט־מלחמה אין יאָר 1918; אונטער זיין אָנפירונג האָט זיך געבילדעט אַ קרייז פון סטודענטן, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען אין פריוואַטע הייזער און לייענען ציוניסטישע שריפטן און איבער זיי דיסקוטירן. דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן גאַנץ באַהאַלטן, מען זאָל זיך חלילה אין שול נישט דערוויסן, ווייל דערפאַר האָט מען געקענט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער גימנאַזיע. דער דירעקטאָר איז געווען אַ אוקראַאינער וואָס איז געוואָרן אַ פּוילישער פּאַטריאָט, און ער האָט אין יידישע ענינים גאָרנישט פאַרשטאַנען. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז עמיצער פון זיינע שילער איז „אָנגעשטעקט" מיט ציוניזם (און געווען איז דאָס קורץ פאַר דער „מאַטוראַ"), האָט ער זיך אויסגעדריקט אַז דער שילער איז „אַ ציוניסט אָדער אַ קאָמוניסט". אפילו די געציילטע יידישע לערער, אויף וועלכע מיר האָבן זיך געקענט פאַרלאָזן, האָבן מיר אויך נישט דערציילט פון אונדזער טעטיקייט, כדי זיי נישט צו מאַכן פאַר „מיטשולדיקע" אין פאַל ווען עפּעס וועט דערפון אַנטדעקט ווערן.

אין משך פון די צוויי יאָר, אין וועלכע מיר האָבן זיך אַזוי „פאַרטיפט אין ציוניזם", האָט אונדזער קרייז נישט געהאַט קיין שום פּאַרטייאישן כאַראַקטער. מיט דער צייט זענען צוגעשטאַנען אויך שילער פון נידריקערע קלאַסן, און ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצווייזן נייגונגען צו די פאַרשידענע פּאַרטייען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין שטאָט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען צוריק געוואָרן אַסימילאַנטן אָדער געוואָרן גלייכגילטיק צום נאַציאָנאַלן געדאַנק, אָבער אין אַלגעמיין האָבן די צוויי יאָר 1927—1929 געבראַכט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער באַציאונג פון דער שטודירנדיקער יוגנט צום נאַציאָנאַלן געדאַנק.

ד

אין יאָר 1932 האָט די אָרגאַניזאַציע פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַקאַדעמיקער אין לעמבערג, די אַזויגערופענע „גורדוניה אַקדימאית", אָנגענומען די איניציאַטיוו צו גרינדן אַ „חלוצישע" באַוועגונג פון שטודירנדיקער יוגנט. לכבוד דער פאַראייניקונג („איחוד") צווישן די צוויי פּאַרטייען „התאחדות" און רעכטע „פועלי־ציון", האָט מען אָט דער חלוצישער אָרגאַניזאַציע אַ נאָמען געגעבן „איחודיה".

צווישן די ערשטע חלוצים, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן אויף „הכשרה" קיין סוכאָדניצע, האָבן די אַביטוריענטן פון דער האָראָדענקער גימנאַזיע פאַרנומען אַ באַדייטענדן פּלאַץ. זיי האָבן זיך אויך גענוג באַטייליקט אויף אַנדערע פּלעצער, וואו סטודענטן זענען אַרויסגעפאָרן אויף „הכשרה". אין יאָר 1934 זענען די ערשטע חלוצים פון „איחודיה" אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך מיינסטענס באַזעצט אין דער קבוצה „כפר החורש" פון „גורדוניה" און אין אַנדערע קבוצות.

צום באַדויערן, האָט בלויז אַ קליינער טייל פון די האָראָדענקער סטודענטן געפונען דעם וועג קיין ארץ־ישראל. דער גרעסטער טייל איז, צוליב פאַרשידענע סיבות, געבליבן אין גלות, און בלויז איינצעלנע פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט.

נחמן בערגמאַן

צוויי באַגעגענישן

א. אַן אומגעריכט באַגעגעניש מיטן פּוילישן אינערן־מיניסטער

אין יאָר 1930, אַז סקלאַדקאָווסקי איז געוואָרן אינערן־מיניסטער אין פּוילן, האָט ער זיך פאָרגענומען איינצופירן אין דער מדינה אַ נייע אָרדנונג און אַרויסצוגעבן פאַראָרדנונגען, פון וועלכע די אייבוואוינער זאָלן געניסן. איינע פון די פאַראָרדנונגען, למשל, האָט פאַרפליכטעט דעם בירגערמייסטער צו באַשטימען אַ שעה אין טאָג, אין וועלכער יעדער בירגער זאָל קענען אַריינגיין צו אים און זיך מיט אים דורכריידן אָן שום פאָרמאַליטעטן. אַריינגעגאַנגען איז מען נאָך דער רייע, מען האָט זיך בלויז געדאַרפט פריער פאַרשרייבן. און דער מיניסטער פלעגט אַרומפאָרן אין אַלע שטעט אינקאָגניטאָ, צו קאָנטראָלירן ווי אַזוי זיינע פאַראָרדנונגען ווערן אויסגעפירט.

צו יענער צייט האָט מען ביי אונדז אויף דער פּאָסט אויפגענומען אַ נייע קאַסירערקע, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אָנגעהויבן זיך צו שושקען, אַז זי איז נישט אין אָרדנונג ביי דער אַרבעט: גאָר צו אָפט טרעפט זיך ביי איר, אַז מען מוז צוצאָלן אַ געוויסע מטבע, ווייל לויט זי האָט איבערציילט פעלט צו דער ריכטיקער סומע. איינמאָל בין איך צוגעגאַנגען צו דער פּאָסט אַוועקצושיקן אַ סומע געלט. פאַר מיר איז געשטאַנען די פרוי רעסיע ניימאַן ז"ל, און די קאַסירערקע האָט איר געזאָגט די בשורה אַז ס'פעלט עפּעס צו דער סומע וואָס איז אָנגעשריבן אויף דער פּאָסטאַנווייזונג. די פרוי ניימאַן האָט נישט אַזוי לייכט מסכים געווען צו דערצאָלן; זי האָט געטענהט, אַז איר האָט קיינמאָל נישט צוגעפעלט קיין געלט, און ביי דער נייער קאַסירערקע טרעפט זיך דאָס שוין צום דריטן מאָל. אָבער ס'האָט איר גאָרנישט געהאָלפן, זי האָט געמוזט צוצאָלן דעם סכום וואָס האָט געפעלט.

אַז איך בין געקומען אין דער רייע, האָב איך שוין נאָכאַמאָל איבערגעציילט מיין געלט ביים פענצטערל, און איך האָב מודיע געווען דער קאַסירערקע, אַז איך האָב דאָס געלט גוט איבערגעציילט און עס דאַרף גאָרנישט פעלן. אָבער בשעת זי האָט אַראָפּגענומען דאָס געלט פונעם פענצטערברעטל, האָב איך געהערט ווי אַ קלינג פון אַ מטבע, און באַלד נאָכן איבערציילן האָט מיר די קאַסירערקע געזאָגט, אַז ס'פעלט אַ מטבע צו דער ריכטיקער סומע. איך האָב זיך געטענהט, אַז ס'דאַרף גאָרנישט פעלן, און האָב פאַרלאַנגט מען זאָל מיך לאָזן אַריינגיין און קאָנטראָלירן, צי איז די מטבע נישט אַראָפּ־

געפאַלן. די קאַסירערקע האָט בשום אופן נישט מסכים געווען; איך האָב פאַרלאַנגט צו רעדן מיטן לייטער פונעם פּאָסטאַמט, האָט מען מיך צו אים אויך נישט אַריינגעלאָזט. דערפון האָט זיך געמאַכט אַ ויכוח און אַ גערודער; אַ פּאָליציאַנט איז אָנגעקומען און האָט מיך געוואָלט אַרעסטירן, הלמאי איך מאַך אַ סקאַנדאַל אין אַן עפּענטלעכן פּלאַץ. בשעת איך האָב גערעדט מיטן פּאָליציאַנט און אים געוואָלט באַווייזן אַז איך האָב רעכט, איז צוגעקומען אַ הויכער מאַן אין אַ שײנעם פּעלץ־מאַנטל און האָט געפּרוּווט איבערצייגן דעם פּאָליציאַנט, אַז מען דאַרף מיר געבן די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן וואָס מיט דעם געלט איז געשען. דער פּאָליציאַנט האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, און האָט בלויז געזאָגט, אַז ער מוז דאָ טון זיין פליכט און ער זוכט נישט קיין מליץ־יושר פאַר יידן. דאַרויף האָט דער מאַן געעפנט דעם מאַנטל און געוויזן דעם פאַרבליפטן פּאָליציאַנט, אַז ער איז דער אינערן־מיניסטער סקלאַדקאָווסקי. ער האָט געהייסן דעם פּאָליציאַנט אַריינגיין אין דער קאַבינע פון דער קאַסירערקע און אויספאָרשן, וואָס מיטן געלט איז געשען.

זענען מיר אַריינגעגאַנגען, און האָבן געפונען אויפן ברעטל הענגען אַ זעקעלע מיט אַ שפּאָר ביסל מטבעות, וועלכע די קאַסירערקע האָט באַוויזן אַריינצווואַרפן אין משך פון טאָג...

דער פּאָסטמייסטער איז געוואָרן בלאַס און האָט געחלשט. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט מען אַלע בעאַמטע פאַרביטן, און דעם פּאָסטמייסטער אַליין האָט מען פאַרשיקט אין אַ פאַרוואָרפענעם העק צו זיין אַ „קעראָווניק" (לייטער) פון דער באַן־סטאַציע.

איידער דער מיניסטער איז אַוועקגעגאַנגען פונעם פּאָסטאַמט, האָט ער זיך געווענדעט צו מיר און געדאַנקט פאַרן „בירגערלעכן מוט", וואָס איך האָב אַרויסגעוויזן.

ב. אַ באַגעגעניש מיט אַ רוסישן אָפיציר

געווען איז דאָס ווינטער, אין יאָר 1915, ביים ערשטן ריקצוג פונעם רוסישן מיליטער. די יידישע איינוואוינער זענען געווען פול מיט שרעק פאַר די קאָזאַקן, וואָס פלעגן אַריין אין די יידישע הייזער, שלאָגן און שיסן, פאַרגוואַלטיקן פרויען און צונעמען געלט און ווערטזאַכן. די פרויען האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס, און די מענער האָבן זיך אויך באַמיט זיך נישט צופיל צו באַווייזן. ביי אונז זענען גראָד דעמאָלט געווען צוגאַסט קרובים פון רומעניע.

איינמאָל אין מיטן טאָג זענען צו אונדז אַריינגעקומען צוויי קאָזאַקן, און ווי באַלד זיי האָבן געזען אַז מיין פאָטער גייט אין אַ פּעלץ־מאַנטל און אין אַ פּאָר שטיוול, האָבן זיי אים געהייסן אַלץ אויסטון און זיי אַוועקגעבן. די מענער אין שטוב, און איך דער זיבן־יעריקער דאַרונטער, זענען אַרויס אין גאַס און האָבן אָנגעהויבן שרייען; האָבן זיך די קאָזאַקן אָפּגעטראָגן, אָבער זיי האָבן צוגעזאָגט אַז זיי וועלן ווידער אַמאָל קומען אין אָוונט...

מיר האָבן געוואוסט, אַז זיי קענען אַמאָל האַלטן וואָרט, און מיר זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט. אין יענעם טאָג האָבן זיך געצויגן איבער דער שטאָט גאַנצע מחנות פונעם רוסישן מיליטער, איז מיין פאָטער אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, און האָט פאַרבעטן אין שטוב אַריין עטלעכע רוסישע זעלנער, נישט קיין קאָזאַקן. דריי פון זיי, וואָס האָבן געהאַט אַ העכערן ראַנג, האָבן זיך איינגעאָרדנט אין שטוב, און די איבעריקע זענען געווען אין הויף מיט די בהמות, וועלכע זיי האָבן מיטגעפירט פאַרן מיליטער. מיר האָבן זיך באַלד באַפריינדעט מיט די אָפיצירן, און זיי דערציילט וועגן דעם באַזוך פון די קאָזאַקן און זייער „הבטחה" צו קומען נאָכאַמאָל. די אָפיצירן האָבן אונדז באַרואיקט, האָבן געזאָגט אַז ס'איז פאַראַן אַ שטרענגער באַפעל, נישט צו טשעפּען די ציווילע באַפעלקערונג, און אַזוי לאַנג ווי זיי זענען אין שטוב וועט אונדז קיין שלעכטס נישט געשען. און די קאָזאַקן האָבן טאַקע געהאַלטן וואָרט און זענען געקומען, אָבער די אָפיצירן האָבן זיי אָנגעפּאַטשט און געגעבן אַ שטרענגן אָנזאָג, און זיי האָבן זיך באַלד אָפּגעטראָגן.

איינער פון די דריי אָפיצירן האָט מיך שטאַרק מקרב געווען, האָט מיר געגעבן שטיקלעך רוסישן האַרטן צוקער, האָט מיך אַרומגענומען און געקושט און האָט זיך מיט מיר דעם גאַנצן אָוונט געשפּילט. צום סוף האָט ער געוואָלט, מיין פאָטער זאָל מיך לאָזן שלאָפן מיט אים; ער האָט, זאָגט ער, אינדערהיים דריי קינדער, און איינער פון זיי איז אין מיין עלטער, וויל ער האָבן דאָס געפיל, אַז ער איז אינדערהיים מיט זיין קינד. מען האָט אים אויף אַן איידעלען אופן געבעטן ער זאָל דאַרויף פאַרציכטן, און ער האָט טאַקע פאַרציכטעט.

די דריי אָפיצירן זענען פאַרבליבן ביי אונדז אין שטוב דריי טעג, און האָבן אונדז פאַר דער צייט עטלעכע מאָל אָפּגעראַטעוועט פון פאַרשידענע אָנשיקענישן. ביים אַוועקגיין האָבן זיי געזאָגט: מיר וועלן זיך זיכער נאָר אומקערן אַהער, וועלן מיר זיך ווידער זען. אָבער באַלד האָבן די עסטרייכער זיך אומגעקערט, און מיר האָבן זיי מער נישט געזען.

זיבעצן יאָר שפּעטער, אין יאָר 1932, בין איך געפאָרן קיין ארץ־ישראל אויף אַן איטאַליענישער שיף. אַז איך האָב זיך צוגעקוקט צום קאַפּיטאַן, האָב איך דערקענט אַז דאָס איז דער רוסישער אָפיציר, וואָס האָט אַמאָל גענעכטיקט ביי אונדז אין שטוב און האָט געהאַט חשק צו שלאָפן מיטן „מאַלטשיק", וואָס האָט אים דערמאָנט אָן זיין קינד... ער האָט מיך אויך דערקענט, און האָט נאָך אַפילו געדענקט ווי די שטאָט האָט אויסגעזען, בעיקר לוריעס אַפּטייק. איך האָב זיך מיט אים צונויפגערעדט, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער קען גוט דייטש און איטאַליעניש. אַז איך האָב אים געפרעגט, וויאַזוי קומט עס אַז ער, אַ רוס, זאָל אַרבעטן אויף אַ פּאַשיסטישער שיף, האָט ער געענטפערט: אַזעלכע קושיות פרעגט מען נישט. און האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: פאַר געלט טוט מען אַלעס...

נעכע האָפמאַן־שן

ייִדן און נישט־ייִדן אין סעראַפּיניץ

ווען עמיצער וואָלט מיך געפרעגט, ווען ס'האָט זיך אין מיר דערוועקט דאָס גלות־געפיל — אָט דאָס געפיל, וואָס האָט מיך באַגלייט אין אַלע מיינע קינדער־יאָרן און יוגנט־יאָרן — וואָלט איך געענטפערט, אַז עס איז געבוירן געוואָרן כמעט אינאיינעם מיט מיר. עס איז געווען אַ פועל־יוצא פון דער אַטמאָספערע, אין וועלכער דער ייִד האָט געלעבט אין די אוקראַאינישע דערפער בכלל און אין מיין דאָרף סעראַפּיניץ בפרט. עס איז מעגלעך, אַז אין יענער צייט זענען נאָך געווען דערפער אין מזרח־אייראָפּע, וואָס זייערע איינוואוינער זענען נאָך געווען פשוטע נאַאיווע פויערן און זיי האָבן געזען אין דער עקזיסטענץ פון ייִדן צווישן גויים אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג. גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע אין די דערפער פון מזרח־גאַליציע, און נאָך מער ביי אונדז אין דאָרף, וואו די באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן צו זיין באַוואוסטזיניק אין נאַציאָנאַלן און אין סאָציאַלן זין. אַ טייל פון דער נישט־ייִדישער דאָרפס־יוגנט האָט שוין שטודירט אין גימנאַזיעס און אין אוניווערזיטעט, און די סטודענטן פלעגן אַהיימקומען און דערוועקן די נאַציאָנאַלע געפילן און אויפקלערן דעם עולם, אַז זיי ווערן באַעוולט און אויסגענוצט — און דערביי האָבן זיי אַלעמאָל אָנגעוויזן אויפן ייִד, ווי אויף דעם עלעמענט וואָס לעבט אויפן חשבון פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג. אין אונדזער דאָרף איז געווען אַ גרויסע צאָל אַזעלכע אינטעליגענטן, און זייער פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך אָפּגעפּילט אין דער גאַנצער געגנט פון האָראָדענקע.

דער ייִד ביי אונדז אין דאָרף איז שוין אויך נישט געווען דער טיפּ פון אַ דאָרפס־ייִד, ווי ער איז אָפט באַשריבן געוואָרן אין די ביכער. אַזעלכע טיפּן האָט מען נאָך פאַר מיינע צייטן געקענט טרעפן אין די דערפער פון קאַרפּאַטאָ־רוס, אין דער מאָלדאַוויי אָדער אין טראַנסילוואַניע. דאָרט זענען נאָך געווען ייִדן, וואָס האָבן זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט לאַנד־ווירטשאַפט און האָבן זיך געפילט צוגעבונדן צום דאָרף און אויך גייסטיק פאַרוואָרצלעט אין אים. זיי האָבן זיך נישט פאַרטיפט אין זייער לאַגע, און האָבן בלויז אָפּגעהיט דאָס ביסל ייִדישקייט, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך געווען אין די געגעבענע אומשטענדן. דאַגעגן דער ייִד אין אונדזער דאָרף איז שוין אייגנטלעך נישט געווען קיין דאָרפס־ייִד. אויף וויפל איך געדענק זיי, זענען זיי שוין נישט געווען צופרידן מיט זיך און מיט זייער לאַגע, האָבן שוין נישט געזען אין דאָרף זייער ריכטיקן פּלאַץ; און נישט נאָר דערפאַר, ווייל דאָרט איז שווער געווען אָפּצוהיטן ייִדישקייט, נישט נאָר דערפאַר, ווייל מען האָט געמוזט שטענדיק קעמפן קעגן דער השפעה פון דער גוישער סביבה, נאָר אויך און בעיקר צוליב דער טיפער אינערלעכער בענקשאַפט נאָך אַ ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַ בענקשאַפט וואָס האָט זיי באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן און זיי געלאָזט דאָפּעלט אָפּפילן די לאַסט פונעם גלות.

מיין קינדהייט און אויך מיינע שפּעטערע יוגנט־יאָרן זענען געווען באַגלייט פון אַ דאָפּעלט געפיל: פון קנאה און פון בענקשאַפט נאָך עפּעס, וואָס איז מיר אַליין נישט געווען גאַנץ קלאָר. איך האָב מקנא געווען די גויים און זייער לעבנס־שטייגער. ווי גוט איז זיי געווען! ווי קלאָר און ווי נאַטירלעך איז ביי זיי אַלץ געווען! אַלץ איז ביי זיי געווען צונויפגעפּאַסט און האַרמאָניש: די שפּראַך און די טראַכט, די לאַנדשאַפט, די אַרבעט און די ימים־טובים — אַלץ האָט געהאַט זיין רואיקן נאַטירלעכן גאַנג. אַלץ איז געווען פאַרשטענדלעך — ווייל אַלע האָבן דאָך אַזוי געטון און געלעבט. און זייט איך בין געקומען צום פאַרשטאַנד האָב איך זיי מקנא געווען, האָב איך אויך געוואָלט זיין „ווי אַלע". מיר איז גאָרנישט געפעלן אונדזער גאַנצע קאָמפּליקאַציע פון „אַנדערש־זיין". איך האָב געוואָלט זיין צוזאַמען מיט זיי, מיטן כלל. מיר אָבער האָט מען אַלעמאָל ערקלערט, אַז דאָס איז נישט גוט, נישט שיין, און אַז מיר זענען „גאַנץ עפּעס אַנדערש".

מיר שטייט נאָך פאַר די אויגן דאָס בילד, ווי זיי פלעגן גיין אינדערפרי זינגענדיק צו דער אַרבעט, און די פילפאַרביקע קליידער פון די פרויען האָבן אויסגעזען ווי בלומען אויפן גרינעם אָדער שוואַרצן גרונד פון די פעלדער; ווי זיי פלעגן גיין אין דער „צערקווע" אַריין זונטיק אָדער אין אַ חגא; ווי עס האָט אויסגעזען אַ חתונה אין דאָרף, אָדער סתם אַ „טאַנעץ" זונטיק נאָכמיטאָג אויפן גראָז־פּלאַץ, נישט ווייט פון אונדזער שטוב. ווי יעדע באַשעפטיקונג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פעלד־אַרבעט, איז ביי זיי געוואָרן אַ מין „יום־טוב". אַפילו גיין צום טייכל וואַשן די וועש איז געווען אַ מין גיין פאַרברענגען. אין דאָרף האָט מען כמעט נישט געוואוסט פון קיין טרויער; אַפילו די סעודה נאָך אַ לוויה איז געווען באַגלייט פון אַ יום־טובדיקער שטימונג. קודם איז מען געווען ערנסט און געלאַסן, אָבער וויבאַלד מען האָט זיך אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, איז געוואָרן פריילעך. און אַזוי האָבן זיי אַלץ געטון געמיינזאַם, עפנטלעך, און אַלץ מיט אַ רואיקער, געלאַסענער גרינטלעכקייט. ווי האָב איך זיי דערפאַר מקנא געווען; ווי האָט מיין קינדיש געמיט געגלוסט צו זיין מיט אַלע און אַזוי ווי אַלע!

אָבער אין דער היים האָט מען געוואָלט ביי אונדז איינפלאַנצן דאָס געפיל פון „העכערקייט", און מען האָט אַלעמאָל באַטאָנט אַז מיר זענען אַנדערש, בעסער און העכער פון די גויים. אַלץ וואָס איז געווען ביי זיי איז געווען „טריפה", מיאוס און עקליג. אָבער ביי דעם אַלעמען האָב איך ביי אונדז קיין „העכערקייט" נישט געזען. אַלץ האָט מיר אויסגעוויזן עלענד און געקינצעלט. די ימים־טובים האָבן נישט געווירקט אויף מיין פאַנטאַזיע, נישט דערהויבן מיין געמיט, ווייל זיי זענען נישט געווען געפייערט אין דעם עפנטלעכן געזעלשאַפטלעכן אופן ווי זייערע ימים־טובים. וואָס האָב איך

געקענט אפילו ביי די קליינע חנוכה־ליכטלעך, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין שטוב, אין דער צייט ווען די גאַס איז געווען פול ליכט און לידער פון די „קאָלענדעס". וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט אויף מיר געקענט מאַכן דער „סדר" מיט די מצות, אין פאַרגלייך מיט דער פריילעכער „פראָצעסיע" פון זייער „פסחא", מיט די פילפאַרביקע פאָנען און די קלאַנגען פון געזאַנג און מוזיק. וויפל רייץ איז געווען אין דעם אַלעמען פאַר אַ קליין מיידעלע! אָבער אין דער היים האָט מען מיר אָנגעזאָגט איך זאָל זיך נישט שפּילן מיט די „שיקסעס", נישט אַריינגיין צו זיי אין שטוב, נישט פאַרזוכן זייער ריזיקע „פסחדיקע" חלה, ווייל אַלץ איז טריפה, טריפה.

און איבערדעם האָב איך פון מיין יינגסטער יוגנט גע־טראָגן אין זיך אַ בענקשאַפט צו אַן אַנדערער וועלט, וואו איך וועל קענען זיין „אַזוי ווי אַלע". דאָס דאָרף איז געווען גאַנץ נאָענט צו דער שטאָט, צו האָראָדענקע, מיר האָבן דאָרט געהאַט אַ סך קרובים און האָבן געהאַט אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער שטאָט. יעדן אינדערפרי פלעגט מען אונדז, די יידישע קינדער פונעם דאָרף, שיקן אין שטאָט אַריין מיט אַ וואָגן, אָדער ווינטער מיט אַ שליטן, מיר זאָלן דאָרט לערנען אין שול צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע קינדער. צוריק האָבן מיר אָפטמאָל געמוזט אַהיימגיין צופוס, און דאָס איז געווען גאָרנישט לייכט פאַר יונגע קינדער; און דערצו נאָך דער פחד פאַר די שקצים, וואָס האָבן געקענט אָנפאַלן אויפן וועג.

מיר איז אויסגעקומען צו לערנען אין שטאָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אַ צייט ווען פאַרשידענע שטרע־מונגען האָבן דאָרט אַרומגעשוועבט אין דער לופט און פאַרשידענע „איזמען" האָבן זיך ארומגעאַמפּערט. און פון זיי אַלע האָט מיך געצויגן בלויז איינער — דער ציוניזם. ווי אַ צען־יעריק מיידל האָב איך אמאָל בייגעוואוינט אַ פייערונג אין אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע און האָב צום ערשטן מאָל געהערט אַ העברעאיש ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „במחרשתי — כל עושרי ירשתי" („די סאָכע, אין איר ליגט עושר און ברכה"), און אַ שיינער יונגערמאַן, אייבער שיץ, האָט דאָס ליד פאַרטייטשט. דאָס ליד האָט דערציילט וועגן אַ פרידלעכן יידישן פויער, וואָס אַקערט זיין ערד אין אַ דאָרף וואָס איז גאַנץ יידיש, אין אַ לאַנד וואָס איז גאַנץ אונדזערס. און איך האָב זיך דעמאָלט געטראַכט: דאָרט איז זיכער אַלץ אַזוי ווי אין סעראַפיניץ, אָבער — אַלץ געהערט צו יידן. אַהין וויל זיך מיר גיין, ווייל דאָס איז אייגנטלעך מיין חלום — אַ דאָרף פון לויטער יידן!

ווייל אין שטאָט האָב איך זיך אויך נישט געפילט גוט און גליקלעך. נישט אַזוי האָב איך געוואָלט זען אונדזערע יידן — אַלעמאָל פאַרשמייעט, נאָכלויפנדיק דער בידנער פרנסה. מיר האָט זיך געוואָלט זען יידן אַזוי ווי מיין פאָטער, וואָס פלעגט מיך אויפרייטן אויף זיין פערד און מיט מיר גאַלאָפּירן אויף דער „טאָלעקע" ביים טייך. איך האָב געוואָלט זען אַזעלכע הייזער ווי אונדזער הויז אין דאָרף, מיט אַ גרויסן גאָרטן אַרום, וואו מען קען אַלעמאָל געפינען עפּעס אַ גרינס אָדער אַ פּרי פון וועלכע מען קען הנאה האָבן; מיט אַ קעלער ווי ביי אונדז אין הויז, פול מיט אַלעם גוטן. איך האָב ליב געהאַט צו העלפן מיין מאַמען ביים שלאָגן די פּוטער, און דערביי זיך אָנגעטרינקען מיט פרישער געשמאַקער „מאַסלינקע"; איך האָב זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן אויף די געלע קליינע הינדעלעך, וואָס זענען נאָר־וואָס אַרויס פונם איי, און ליב געהאַט אַזאַ קליין באַשעפעניש צוצודריקן צום האַרץ, נישט קעקענדיק אויפן „פּראָטעסט" פון דער „קוואָטשקע". איך האָב ליב געהאַט דעם גערודער אַרום דער דרעש־מאַשין ביי אונדז אין הויף, און די „קלאַקע" — צו וועלכער שכנים או באַקאַנטע זענען געוואָרן פאַרבעטן צו העלפן אָפּשיילן די קוקורודזעס; די יונגעלייט, מענער און פרויען, פלעגן טון זייער אַרבעט מיט אַן אויפגעלייגטן געמיט, זינגענדיק און לאַכנדיק. שפּעט ביינאַכט האָט מען געגרייט צו טיש אין הויף און פאַרבעטן די געסט צו עסן די הייסע „וואַרעניקעס", און ביז שפּעט אין דער נאַכט איז געווען אין שטוב פריילעך און היימלעך. אַזעלכע שעהן פון אַרבעט און פריילעכקייט האָבן אַביסל דערלייכטערט דאָס געפיל פון איינזאַמקייט אין האַרץ פונעם דאָרפסייד.

מיין פאָטער האָט געהאַט אַ גאַנץ באַזונדערע שטעלונג אין דאָרף. ער איז געווען אַ געניטער לאַנדווירט, און אַפילו די גוים האָבן אים דערפאַר געאַכטעט און זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג. ער איז געווען הויך געוואַקסן און אַן אויסגעצייכנעטער רייטער — אַ געוועזענער „אולאַנער" אין פראַנץ־יאָזעף'ס אַרמיי. דאָס אַלץ האָט מיך שטאַרק צוגעבונדן צום דאָרף, אָבער איך האָב געוואָלט זיין אין אַ דאָרף וואָס זאָל זיין אינגאַנצן מיינס, וואָס זאָל געהערן צו אונדז, נישט צו זיי, צו די גוים.

פאַרוואָס אייגנטלעך האָבן אונדז די גוים פיינט געהאַט? טאַקע נאָר איבער דעם ווייל „איר האָט יעזוסן געהרגעט"? אַזוי יעדנפאַלס האָט מיר דערציילט אונדזער שיקסע, פאַראַסקע, וואָס האָט ביי אונדז דרייצן יאָר געאַרבעט און מיין מוטער איז געווען פאַר איר ווי אַ צווייטע מאַמע. איך האָב מיין מאַמע איבערגעפרעגט, צי דאָס איז טאַקע אמת, האָט זי בלויז געזאָגט: איך וועל איר שוין געבן אַ „פּאָרציע", דער פאַראַסקע. אָבער זי האָט גלייך צוגעגעבן: „אַז מען גייט פאַרביי ביים „יויזיל" דאַרף מען דריימאָל אויסשפייען און זאָגן „שקץ תשקצנו"... נאָר מען דאַרף זיך היטן, די גוים זאָלן דאָס נישט זען...

פון דעמאָלט אָן האָב איך באַקומען אַ מורא פאַרן „צלם", און איך האָב זיך געהיטן נישט פאַרבייצוגיין — איך זאָל נישט דאַרפן אויסשפייען. דערנאָך האָט מיר מיין קליינער פריינט, דער צוועלף־יעריקער שכן איוואַן קאָזאַטשענקאָ, געגעבן צו פאַרשטיין די גרויסע אומגערעכטיקייט, וואָס די יידן, כאָטש זיי אַרבעטן נישט, עסן ווייסע חַלה, און די גוים אַרבעטען אַזוי שווער און האָבן בלויז אַ שוואַרץ שטיק ברויט. איך האָב געוואָלט די אומגערעכטיקייט אויסבעסערן, און האָב אים פון צייט צו צייט אַרויסגעבראַכט פון שטוב אַ שטיקל חַלה. ער איז אַלעמאָל געווען הונגעריק און האָט די חַלה ממש פאַרשלונגען. איך האָב אים געוויזן, אַז מיין פאָטער אַרבעט ווי אַלע פויערן און האַנדלט נישט. האָט ער מיר

געגנטפערט: איר זייט טאַקע אַן אויסנאַם, אָבער די אַנדערע ייִדן זענען סוחרים און שווינדלער. איך האָב געוואָלט ער זאָל באַקומען אַ בעסערע מיינונג וועגן ייִדן, האָב איך אים אַרויסגעבראַכט לעקעך און אַ שטיקל עפּל־טאָרט, אָבער דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיין מיינונג — די ייִדן זענען שלעכט.

אַז מיר זענען ביידע אונטערגעוואַקסן פלעגן מיר זיך ווידער טרעפן, און ער פלעגט פאַר מיר אויסדריקן די זעלבע מיינונגען, אָבער שוין אין „וויסנשאַפטלעכער" שפּראַך. דאָס מאָל האָט ער אַריינגענומען אויך די פּאָליאַקן — אויך זיי נוצן אויס די פּויערן. „יעדעס פאָלק דאַרף זיין פריי אויף זיין ערד", האָט ער געזאָגט, און האָט געמיינט דערמיט דאָס אוקראַאינישע פאָלק. „גאַנץ ריכטיק, יאַנציו", האָב איך אים צוגעשטימט, און מיין כוונה איז געווען אַז מיר ייִדן דאַרפן אויך זיין אַ פריי פאָלק אויף אייגענער ערד. ער האָט ממש מיט התלהבות צוגעשטימט צו מיין ציוניסטישן געדאַנק.

בכלל האָט די גאַנצע ייִדישע יוגנט געשטרעבט צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף, און כמעט דער איינציקער וועג דערצו איז געווען — גיין שטודירן. ווייל לערנען אַ מלאכה, אַ פאַך, איז געווען אונטערן כבוד. אָט אַזעלכע באַגריפן האָבן מיר באַקומען אין גלות! פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז נאָך געווען אַן אַנדערע לעזונג — פאָרן קיין אַמעריקע, און אַ סך זענען טקע אַוועקגעפאָרן, אַזוי לאַנג די טויערן זענען געווען אָפן. נאָך דער מלחמה האָט זיך געעפנט אַ צווייטער וועג — קיין ארץ־ישׂראל, און די ייִדישע דאָרפס־יוגנט איז געווען צווישן די ערשטע וואָס האָבן געשטרעבט אַהין צו פאָרן. אָבער נישט יעדן איז דאָס געלונגען, און די עלטערן האָבן נישט אַזוי לייכט דערצו מסכים געווען. איך געדענק מיין מאַמע — ווי זי פלעגט אַרומגיין מיט אַ צעבראָכן האַרץ, ווען איין קינד נאָכן צווייטן איז אוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישׂראל: זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, זי וועט זיי מער נישט זען. פלעגט זי אויפהענגען אויף דער וואַנד אַ פאַרגרעסערט בילד פון דעם קינד וואָס איז אַוועקגעפאָרן, און זאָגן מיט אַ טרויעריקן שמייכל, אַזויווי אין דעם באַקאַנטן ייִדישן ליד: „פאַפירענע קינדער האָב איך אויף די ווענט".

מיינע עלטערן, גלייך ווי טויזנטער אַנדערע, האָבן נישט זוכה געווען צו קומען צו זייערע קינדער קיין ארץ־ישׂראל. נישט זוכה געווען צו זען זייערע קינדער און אייניקלעך, ווי זיי זענען פריי פון די אַלע פּראָבלעמען וואָס האָבן באַדריקט אונדזער יוגנט, ווי זיי וואַקסן אויף אין אַ פולשטענדיקער האַרמאָניע מיט זייער ייִדישער אומגעבונג.

מענטשן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פונם געטאָ אין קאָסאָוו, וואו מען האָט פאַרשיקט די לעצטע ייִדן פון סעראַפיניץ, האָבן מיר דערציילט: ס'איז געווען אַ שווערער ווינטער, אַ שרעקלעכער הונגער. אין געטאָ איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע, און מיין פאָטער, שוין פיראונזיבעציק יאָר אַלט און ווייזט אויס נישט גאַנץ ביי זינען, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פונעם געטאָ און איז אַוועק צו דער רומענישער גרענעץ. דאָרט האָט מען אים געכאַפּט און אים צוריקגעבראַכט אין געטאָ, און ער האָט די גאַנצע צייט געמורמעלט: איך וויל קומען צו מיינע קינדער קיין ארץ־ישׂראל... צו מיינע קינדער... קיין ארץ ישׂראל...

ווען מיר כאָטש וויסן אַפּצושאַצן דאָס גליק פון געפינען זיך אין אַן אייגן לאַנד, אין מדינת ישׂראל?

נחמן בערגמאַן

דאָס דאָרף סעראַפיניץ

נישט ווייט פון האָראָדענקע, בערך אַ שעה גאַנג, ליגט דאָס דאָרף סעראַפיניץ. אין אָט דעם דאָרף האָב איך פאַרבראַכט אַ וויכטיקן טייל פון מיינע קינדעריאָרן, ביי מיין פעטער און מיין מומע פישל און רויזע ראָזענראַוך ז"ל. דאָס איז געווען איינס פון די פאָרגעשריטענע דערפער אין מזרח־גאַליציע. נאָך פאַר די עסטרייכישע צייטן איז איינער פון זיינע באַוואוינער געווען אַ דעפּוטאַט אין לעמבערגער „לאַנדסטאַג", און שפּעטער האָט דאָס דאָרף אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל אינטעליגענטן ווי אַלע דערפער אַרום האָראָדענקע. זייער לבוש איז געווען אַנדערש ווי דער לבוש פון אַנדערע פּויערן אין דער געגנט. אין זיבעצעטן יאָרהונדערט איז דאָס דאָרף געווען אַ צייט לאַנג אונטער טערקישער הערשאַפט, און אַ זכר פון יענע צייטן איז פאַרבליבן אין דעם לבוש פון די פרויען. אין דאָרף זענען געווען אַ סך „קראַסאַוויצעס". און אַז מען האָט געדאַרפט, נאָך פאַר די עסטרייכישע צייטן, צוזאַמענשטעלן אַ דעלעגאַציע פון פּויערטעס צו אַ טאַנץ־פעסט אין ווין, האָט מען זי צוזאַמענגעשטעלט צום גרעסטן טייל פון סעראַפיניצער „שיקסעס".

די סעראַפיניצער גויים האָבן זיך אין אַלגעמיין באַצויגן נישט שלעכט צו ייִדן, און צו זייערע שכנים, די סעראַפיניצער ייִדן, זענען זיי געווען גאָר פריינטלעך. קיין עפנטלעכער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך דעמאָלט נישט אָפּגעפילט, חוץ וואָס אַמאָל האָבן די דאָרפישע לאָבוזעס געקענט נאָכוואַרפן שטיינער אַ פרעמדן ייִד, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען אין דאָרף איינער אליין.

ווי אין די מיינסטע דערפער אין דער געגנט, איז אויך דאָ געווען אַ ייִדישער גוטסבאַזיצער, יאָסל זיידמאַן. ער האָט באַשעפטיקט אַ גרויסן טייל פון די אָרעמע גויים אין דאָרף, און צוליב דעם און צוליב זיין רייכטום האָט ער געהאַט אין דאָרף אַ שטעלונג פון אַ הערשער. ער האָט באַאַרבעט זיינע פעלדער מיט מאָדערנע מאַשינען. און געוואוינט האָט ער אין אַ שיין הויז, כמעט ווי אַ פּאַלאַץ. די פּויערן האָבן

זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס כבוד, בלויז דער יונגער דור האָט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אַביסל קנאה און שנאה.

יאָסל זיידמאַן איז געווען אַ שיינער ייד מיט אַ „הדרת פנים". ער האָט געהאַט צוויי זין. דער עלטערער, אַלטער, איז געווען אַ געבילדעטער מענטש, האָט געלערנט אין דער פרעמד און פלעגט נאָר קומען אַהיים צו „וואַקאַנצן". דער צווייטער, משה, איז געווען די גאַנצע צייט אין דאָרף און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער ווירטשאַפט. ער איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער מענטש און מיט אַלע אַ „גוטער ברודער".

אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס אין „הויף" האָבן פאַרנומען יידן, און פון זיי געדענק איך דריי: גרשון וויצלינג, לייבוש האָפמאַן און הערש גיניגער. אַחוץ זיי האָבן נאָך אַפּאָר יידן געהאַט פרנסה פונעם הויף. פון קויפן און פאַרקויפן די תבואות, בהמות, און נאָך אַזעלכע פאַרמיטלונגען.

צו מיין פעטער פישל ראָזענראוך האָט יאָסל זיידמאַן געהאַט אַ באַזונדערע פריינטלעכע באַציאונג: זיי האָבן צוזאַמען געלערנט אין „חדר", און זענען פאַרבליבן פריינט אויפן גאַנצן לעבן. נישטאיינמאָל, אַז איך בין געקומען צו מיין פעטער, נאָך ווי אַ קליין יינגל, האָט ער מיך מיטגענומען אין הויף אריין, און אָפטמאָל בין איך געקומען אַהין אויפגעריטן אויפן גרויסן הונט „העקטאָר", אויף יאָסל זיידמאַנס אייגענעם הונט.

די סעראָפיניצער יידן האָבן געוואוינט אין דאָרף צעוואָרפן צווישן די גוים, און די פרנסה האָבן זיי געהאַט פון האַנדלען מיט תבואות, מיט אייער און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. שבת און יום־טוב פלעגט מען זיך צונויפקומען צום גוטבאַזיצער דאַווענען מיט „מנין", און געדאַוונט פאַרן עמוד האָט אהרן לייב לאַגשטיין, אַ מאָדערנער ייד און אַ „יודע ספר". איך געדענק אים גוט, ווייל ער האָט געהאַט אַ שיינע שטים און האָט שיין באַטאָנט די ווערטער ביים דאַוונען. פון די איבעריקע יידן געדענק איך די משפחות: גיניגער, יורמאַן, האָפמאַן, בערגמאַן, ראָזענראוך, וויצלינג און שעכטער. זיי זענען אַלע אומגעקומען אין די שרעקלעכע יאָרן פון אומקום; געבליבן לעבן זענען בלויז איינצעלנע, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, אָדער זענען געקומען רעכטצייטיק קיין ארץ ישראל.

קוקה סוכער־גרייף

געלעכטער און טרערן

עס טוט נישט וויי

מיין פאָטער און בערל שפּירער, דער האָראָדענקער גביר, האָבן זיך אַמאָל געטראָפן אין ווין ביי אַ פאָרטראַג פונם סאָציאַליסטישן אָנפירער וויקטאָר אַדלער. נאָכן פאָרטראַג פרעגט מיין פאָטער בערל שפּירער: זאָג מיר נאָר, ווי פילסטו זיך נאָכן הערן אַ סאָציאַליסטישע רעדע? ענטפערט אים בערל שפּירער: „כ'בין זיך מודה, ס'איז אפשר אַ שטיקל בושה היינטיקע צייטן צו זיין אַ גביר; נאָר גלויב מיר, ווי טון טוט עס אויך היינט נישט וויי..."

דאָס מזל גייט אים נאָך

נאָכדעם ווי די סאָוויעטן האָבן באַזעצט מזרח־גאַליציע, נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן זיי קודם כל פאַרשיקט בערל שפּירער און אַ פּאָר אַנדערע גבירים קיין סיביר. האָט דער טאַנצלערער (איך געדענק שוין נישט ווי ער האָט געהייסן) אָנגעהויבן אַגיטירן: „יידן, איך זאָג אייך, מיר דאַרפן אַלע אים נאָכפאָרן קיין סיביר, נאָר קיין סיביר!" אַז מען האָט אים געפרעגט: „פאַרוואָס?" האָט ער עס פאַרענטפערט אַזוי: „בערל שפּירער איז אַ ייד וואָס דאָס מזל גייט אים נאָך; קען דאָך נישט זיין, עס זאָל אים פלוצים פאַרלאָזן און מיר נאָכגיין..." ווייזט אויס אַז ער האָט גאַנץ רעכט געהאַט.

אַ ליטעראַרישער אָרעמאַן

אַמאָל אין אַריינגעקומען צו אונדז אין שטוב אַן אָרעמאַן, נישט קיין היימישער, וואָס האָט גראָד געמאַכט גאָר אַ גוטן איינדרוק. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און קיין וואָרט נישט גערעדט. רופט אים צו מיין מוטער: „קומט אַהער, נעמט אַ נדבה, און שטייט נישט ווי יאָשע קאַלב". „אַ דאַנק אייך פאַר דער נדבה, זאָגט דער אָרעמאַן, און אַ דאַנק אייך וואָס איר האָט מיך נישט אָנגערופן אורקע נאַכאַלניק"...

ער וויל האָבן ווין אין שטוב

אַברהם כהן, דער שוואַרצער, איז נאָך דער פלוכט געקומען אַליין קיין האָראָדענקע און האָט געלאָזט די משפחה אין ווין. געקומען איז ער, ווייל פרנסה בשפע האָט ער געהאַט נאָר אין האָראָדענקע. זיינע קינדער האָבן געוואָלט אויף אים משפיע זיין ער זאָל בלייבן אין ווין, און געפרעגט אים, ווי אַזוי קען ער פאַרבייטן אַזאַ שטאָט ווי ווין אויף דעם פינצטערן האָראָדענקע. האָט ער זיי געענטפערט: „איך וויל בעסער וואוינען אין האָראָדענקע און האָבן ווין אין שטוב, ווי וואוינען אין ווין און האָבן האָראָדענקע אין שטוב...".

ער טאָר ביי זיך אין שטוב קיין וואָרט נישט אַרויסריידן?

די תבואה־סוחרים פלעגן אין דער „טויטער סעזאָן" אָוועקגעבן זייער געלט אויף פּראָצענט. איינער פון די גבירים וואָס האָבן ביי זיי געלט גענומען האָט געהאַט אַ שווערע האַנט צום אָפּגעבן. איינמאָל, אַז אַ סוחר איז געקומען צו אים מאָנען זיין געלט, האָט דער גביר געזאָגט: „מאָרגן, מאָרגן"... איז דער סוחר שטאַרק אין כעס געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שרייען: „פאַר וועמען האַלסטו מיך?! יעדן טאָג זאָגסטו: מאָרגן, מאָרגן..." ענטפערט אים דער גביר: „וואָס שרייסטו אַזוי? און אַז איך זאָג ,מאָרגן, מאָרגן' איז וואָס? איך טאָר שוין ביי זיך אין שטוב קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן?.."

עד ווען אים קיין איין פעניג נישט געבן

וועגן דעם זעלבן גביר פלעגט מען דערציילן נאָך אַ מעשהלע: ער האָט אַמאָל געקויפט סחורה אין לעמבערג און האָט אונטערגעשריבן אויף די וועקסלען זיין מינדעריעריקן זון יאָסקע. די וועקסלען זענען נישט געצאָלט געוואָרן, און דער בעל־חוב איז געקומען קיין האָראָדענקע אויפזוכן דעם יאָסקע, וואָס איז אונטערגעשריבן אויף די וועקסלען. אַז ער האָט אים סוף כל סוף אויפגעזוכט, האָט זיך דער פאָטער צוגעשריגן אויף זיין זונדל: „דער הער זאָגט, אַז ער האָט רעכנונגען און וועקסלען וואָס דו האָסט אונטערגעשריבן. זאָלסט וויסן, דו שייגעץ, אַז איך וועל זיך נישט מישן אין דיינע געשעפטן און וועל דיר קיין איין פעניג נישט געבן...“

אַ געזונטער עם־הארץ

איינמאָל איז געקומען אין שטעטל אַריין אַן אָרעמער בלאַסער יונגערמאַן און האָט דערציילט אַז ער איז אַ תלמיד־חכם, אָבער ער קען גאָרנישט טון, ווייל ער איז קראַנק. אַ ייד אַ בן־תורה און אַ בעל־רחמים האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין הויז און האָט געזאָגט: קענסט בלייבן ביי מיר ביז דו וועסט געזונט ווערן, און דערווייל וועלן מיר צוזאַמען לערנען. אַז ס'איז געקומען צום לערנען, האָט דער בעל־הבית דערזען מיט וועמען ער האָט צו טון. זאָגט ער צו זיין גאַסט: „ איך זע דו ביסט נישט קיין קראַנקער תלמיד־חכם, נאָר אַ געזונטער עם־האָרץ...“

ער וויל ענדיקן מיט זיין „נאַרישקייט“

שלמה אברהם שאָר האָט פאַרבעטן צו זיך דעם אַלטן וויזשניצער רבי. לכבוד דעם גאַסט האָבן זיינע אייניקלעך געמוזט אָנטון קאַפּעלעך, און בכלל האָט זיך געביטן דער גאַנצער סדר אין שטוב. אַז מען האָט געפרעגט שלמה אברהם שאָר: „צו וואָס האָסטו דאָס געדאַרפט? איז דיר דאָס אַלץ כדאַי געווען?“ — האָט ער געענטפערט: „זעט, איך האָב מיט דעם ,נאַרישקייט' אָפּגעלעבט אַלע מיינע יאָרן, לאָזט מיך אויך דערמיט ענדיקן...“

אויבן זיצט אַ ,להכעסניק'

וועגן איינעם אַ קלוגן ייד און אַ ירא־שמים (איך געדענק שוין נישט ווי ער האָט געהייסן) דערציילט מען: אינדערפרי, בשעת ער איז געלאָפן דאַווענען, איז צוגעקומען צו אים אַן אַפּיקורס און האָט געפרעגט: „מען זאָגט, אַז איר זענט אַ פאַרשטענדיקער ייד; גלייבט איר טאַקע, אַז דאָרט אויבן זיצט עמיצער וואָס דאַרף אייער דאַווענען און וועט אייך דערפאַר באַלוינען?“ ענטפערט ער אים: „צי ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל ווייס איך נישט, אָבער איך ווייס אַז דאָרט זיצט אַ להכעיסניק, וואָס מען דאַרף זיך פאַר אים היטן. און אויב מיין דאַווענען וועט נישט העלפן — שאַדטן וועט עס זיכער נישט“.

ס'איז נישט דער אַנטשעל

אַנטשעל רייכמאַן איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַן אָרעמאַן און דערצו האָט ער געהאַט אַ שטוב מיט קינדער. אין יענע יאָרן, אַז ער האָט זיך געוואָלט צושלאָגן צום רבי, האָט אים דער גבאי געגעבן אַ סימן מיט דער האַנט אויף ניין, ווי איינער זאָגט: „אַזעלכע דאַרפן מיר נישט...“ נאָך דער מלחמה איז אַנטשל רייך געוואָרן. אַז ער איז געקומען צום רבי און דערזען דעם גבאי פאַר דער טיר, האָט ער צו אים פונדערווייטן געשריגן: „גבאי, גבאי, ס'איז נישט דער אַנטשל...“

ער זעט נישט אויס ווי אַ ייד

אין יאָר 1920, אַז פעטליוראַס באַנדעס זענען געקומען קיין האָראָדענקע, פלעגן זיי אָנפאַלן אויף יידן און אַראָפּציען פון זיי די קליידער און די שיך. איינמאָל זענען זיי אָנגעפאַלן אויף ליפּע שוסטער. ליפּע האָט זיך אויסגעצויגן, פאַרדרייט זיך די וואָנצעס און געפרעגט דעם גוי מיט אַן עכט אוקראַאינישן אַקצענט: „זאָג מיר נאָר, זע איך טאַקע אויס ווי אַ ייד?“ די אוקראַאינער האָבן זיך אַנטשולדיקט און אים באַלד אָפּגעלאָזט...

פאַרטיילט די ירושה

אין דעם טאָג ווען ליפּע שוסטער איז געשטאָרבן האָט די גאַנצע שטאָט געוויינט און געלאַכט; אַזוי בפירוש האָט געוואָלט דער נפטר. געטרויערט האָט מען, ווייל ער איז יונג געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט קליינע קינדער, און ווייל ער איז געווען באַליבט אין שטאָט; און געלאַכט האָט מען, הערנדיק זיין צוואָה. זיין הומאָר האָט אים נישט פאַרלאָזט אפילו אין זיינע לעצטע מינוטן, און ער האָט אין געגענוואַרט פון עדים געלאָזט אַ צוואָה און פאַרטיילט זיין „פאַרמעגן“: די צוויי פאָר אַלטע אונטערהויזן — פאַר טאָמקעוויטשן, דעם בירגערמייסטער; די צעריסענע זאָקן פאַרן ראש־הקהל, און די פאַראָכטענע פאָר זאָקן פאַר זיינע קינדער. און אַזוי ווייטער...

אַ מומחה אויף שרייבן אַדרעסן


מיין זיידע, זיידע ברייננציעס, איז געווען פון די ערשטע אין שטאָט צו לאָזן זיין זונדל (מיין פאָטער) גיין אין דער באַראָן הירש שול. אַז די חסידים האָבן אים געפרעגט „הייתכן?“, האָט ער זיי געענטפערט מיט אַ געלעכטערל: „איך וויל אַז מיין זון זאָל נאָך מיר קדיש זאָגן אויף דייטש...“ אַז מיין פאָטער איז געגאַנגען שוין אין דער דריטער קלאַס, זענען די חסידים שוין נישט ברוגז געווען; פאַרקערט, זיי פלעגן אָפטמאָל קומען, ער זאָל זיי אָנשרייבן אַן אַדרעס. און געזאָגט האָט מען: אַז דער קליינער שרייבט אָן אַן אַדרעס — קומט אָן דער בריוו אַפילו קיין אמעריקע...

אַזוי איז טאַקע דער יושר

מאיר שלאַם איז געווען אַ קלוגער ייד, אַ תלמיד־חכם און אַ בעל־חשבון, וואָס האָט געקענט אפילו היכע מאַטעמאַטיק. אָבער קיין גרויסער פאַרדינער איז ער נישט געווען, און האָט געאַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער ביי איינעם אַ גביר, וואָס איז פאַרשטייט זיך נישט געווען אַזוי געבילדעט ווי מאיר שלאַם. איינמאָל ביי אַ שמועס האָט מען געפרעגט מאיר שלאַם: וואו איז דאָ דער יושר און די גערעכטיקייט פונם רבונו של עולם, אַז דו מיט דיינע קענטנישן זאָלסט דאַרפן באַדינען דעם גביר? האָט מאיר שלאַם געענטפערט מיט אַ שמייכל: אַזוי איז טאַקע דער יושר! ווייל שטעלט אייך פאָר, וואָס וואָלט ער נעבעך געטון ווען ער וואָלט געווען אין מיין לאַגע — מיט זיינע קענטענישן...

הורודנקה בחורבנה

דער חורבן פון האראדענקע



מפת העיר הורודנקה בתקופת השואה

די מאַפּע פון האָראָדענקע אין די יאָרן פון אומקום

Design of Horodenka 1939—1944

1. The Grand Synagogue.
2 Hebrew School.
3 The Yiddish School.
4. Jewish Coop. Loan Soc.
5 Sokol Building
6. Polish Gymnasium.
7. District Offices.
8. Municipal Offices.
9. Ukrainian Gymnasium.
10. Narodny Dom.
11. Talmud Torah.
12. District Saving-Fund Offices.

1. די גרויסע שיהל.
2. העברעישע שול.
3. יידישע שול.
4. יידישע קאָאָפּעראַטיווע קאַסע.
5. פאַלקס־הויז.
6. פּוילישע מיטעלשול.
7. קרייז־פאַרוואַלטונג.
8. אורטס־פאַרוואַלטונג.
9. אוקראַינישע מיטעלשול.
10. אוקראַינישער פאַלקסהויז.
11. תלמוד־תורה.
12. קרייז שפּאַרקאַסע.

1. בית הכנסת הגדול
2. בית ספר עברי — בית עם.
3. בית ספר אידי — בית עם.
4. קופת מלוה יהודית.
5. בית עם פולני — קולנוע.
6. בי״ס תיכון פולני.
7 מרכז השלטון הנפתי.
8. מרכז השלטון המקומי.
9. בי״ס תיכון אוקראיני.
10. בית עם אוקראיני.
11. תלמוד תורה.
12. קופת חסכון נפתית.

Designed by Yehuda Eisman. ● געצייכענט פון זכרון דורך יהודה אייזמן ● הוכן לפי הזכרון על־ידי יהודה אייזמן

מאיר סובער

דער אומקום פון די האָראָדענקער יידן

(ערשטער באַריכט, איבערגעגעבן אין יאָר 1945)

באַלד ווי די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די שטעט, און עס האָט זיך באַלד דערפילט אַן אומרואיקייט און אומזיכערקייט אין רוסישן מיליטער. צוויי וואָכן שפּעטער האָבן זיך די רוסן געמוזט צוריקציען. ביים ריקצוג איז געווען אין האָראָדענקע אין משך פון צוויי שעה אַ גאַסנקאַמף צווישן דעם רוסישן און דעם אונגאַרישן מיליטער, און דערביי זענען געהרגעט געוואָרן דריי יידן.

דאָס אונגאַרישע מיליטער, וואָס האָט פאַרנומען די שטאָט, האָט זיך גאַנץ רואיק אויפגעפירט און צורו געלאָזן די אָרטיקע באַפעלקערונג. אַ דריי וואָכן שפּעטער, אַ שבת אינדערפרי, איז פאַרבייגעפאָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט אונגאַרישע יידן, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן קיין טראַנסדניעסטריע. דעם ערשטן טראַנספּאָרט האָט מען געפירט אין אויטאָמאָבילן, אָבער נאָכדעם האָבן אָנגעהויבן פאַרבייגיין טאָג־טעגלעך טראַנספּאָרטן, וואָס מען האָט זיי געטריבן צופוס קיין טראַנסדניעסטריע. אייניציקע איז עס געלונגען זיך אָפּצורייסן פונעם טראַנספּאָרט און צו פאַרבלייבן אין האָראָדענקע. האָראָדענקער יידן האָבן זיי געהאָלפן זיך אויסצובאַהאַלטן, און עס האָט זיך באַלד געשאַפן אַן אונגאַרישע קיך, וואָס האָט געזאָרגט זיי צו שפּייזן.

ביסלעכווייז האָבן די אונגאַרן אָנגעהויבן אַרויסווייזן זייער אַנטיסעמיטיזם, און מען האָט שוין נישט געקאָנט זיך פריי באַוועגן אין גאַס אָדער פריי גיין אין שיהל אַריין. שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען וועגן שאַפן אַ יודענראַט, וואָס זאָל זיי צושטעלן אַרבעטער פאַרן מיליטער. אין אונגאַרישן מיליטער האָבן אויך געדינט באַזונדערע אָפּטיילונגען פון אונגאַרישע יידן, וועלכע מען האָט באַנוצט בלויז פאַר אַרבעט, און זיי האָט מען קיין געווער אין די הענט נישט געגעבן.

דאָס אַלץ האָט געדויערט עטלעכע וואָכן. תשעה־באב 1941 זענען אָנגעקומען אין שטאָט די ערשטע דייטשן און זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. די ספרי־תורה פון די שולן האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס, און האָבן אויך געכאַפּט עטלעכע יידן און זיי געפּייניקט. גלייכצייטיק האָבן אויך די אוקראַאינער אָנגעהויבן צו ראַבעווען יידיש פאַרמעגן. זיי האָבן זיך מיט די אונגאַרן נישט גוט פאַרטראָגן, און די גאַנצע צייט אויסגעקוקט די דייטשן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דאָס אונגאַרישע מיליטער אינגאַנצן אַוועקגעשיקט געוואָרן, און די דייטשן האָבן איבערגענומען די מאַכט. אינאיינעם מיט דעם מיליטער זענען אָנגעקומען ציווילע בעאַמטע, וואָס האָבן באַלד אָרגאַניזירט אַ יודענראַט, לויט דעם דייטשן שטייגער. אויסער די דייטשן האָבן די אוקראַאינער, אַלס „לאָיאַלער עלעמענט", אַ גרויסן אָנטייל גענומען אין דער ציווילער אַדמיניסטראַציע.

גלייכצייטיק האָבן זיך אויך אָנגעהויבן די גזירות און די אונטערדריקונגען. די יידישע באַפעלקערונג איז קאָנצענטרירט געוואָרן אין געטאָ, אין דעם ענגסטן און שמוציקסטן טייל פון דער שטאָט, גרויס כמעט אַ דריטל פון דעם שטח, וואָס זיי האָבן פריער באַוואוינט. דער יודענראַט האָט געמוזט איינריכטן פאַר די דייטשע בעאַמטע דירות מיטן גרעסטן קאָמפאָרט, פון די מעבלען פון די יידישע הייזער, און בכלל נאָכקומען אַלע זייערע קאַפּריזן. ווען איינער פון די באַאַמטע איז איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדערער שטאָט האָט מען „זיינע" מעבל פאַרפּאַקט און איבערגעשיקט קיין דייטשלאַנד, און פאַר דעם באַאַמטן, וואָס איז געקומען אויף זיין אָרט, האָט דער יודענראַט געמוזט באַזאָרגן אַ נייע איינריכטונג. די דאָזיקע קליינע אונטערדריקונגען האָבן זיך געצויגן בערך אַ האַלב יאָר, ביז צו דער ערשטער אַקציע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 5־טן דעצעמבער 1941.

די „אַקציע" איז דורכגעפירט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלער פאַרניכטונג־אָפּטיילונג, וואָס איז געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט. פון איין שטאָט צו דער אַנדערער איז קיין קאָנטאַקט נישט געווען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, און מען האָט קיין שום באַשטימטע ידיעות נישט געקאָנט האָבן, און מען האָט נישט געוואוסט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין אַנדערע שטעט. אַזוי האָבן די דייטשן ביז צו דער לעצטער מינוט געהאַלטן זייערע קרבנות אין דער האָפנונג, אַז זיי מיינען אפשר נאָך נישט דאָס שרעקלעכסטע. אין האָראָדענקע האָבן זיי דערציילט, אַז זיי ווילן בלויז אַלעמען מאַכן „איינשפּריצונגען קעגן טיפוס", און האָבן אויך צוגעגרייט דאָקטוירים צו מאַכן, כלומרשט, די איינשפּריצונגען.

אין טאָג פון דער אַקציע האָבן זיי גאַנץ פרי אָנגעהויבן אַלע יידן צונויפצוטרייבן פונעם געטאָ אין דער גרויסער שיהל דאָרט האָט מען זיי אָפּגעהאַלטן עטלעכע שעה, און דאַן אָנגעהויבן אַרויספירן קיין סעמאַקאָוויץ אין וואַלד אַריין און

דאָרט אויסגעשאָסן. צווישן זיי האָט זיך געפונען ד״ר שניידער, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן געקומען קיין האָראָדענקע. ער איז געווען איינער פון די דאָקטוירים, וואָס די דייטשן האָבן כלומרשט צוגעגרייט צו „מאַכן די איינשפּריצונגען״, און ער האָט די גאַנצע צייט געטרייסט די האָראָדענקער יידן, אַז די דייטשן מיינען טאַקע נישט מער ווי דאָס. אַז מען האָט אים אינאיינעם מיט אַלע אַרויסגעפירט קיין סעמאַקאָוויץ, האָבן די דייטשן געוואָלט אים פון דאָרט באַפרייען, ווייל זיין פרוי האָט געהאַט אויסגעווירקט, מען זאָל אים באַפרייען. אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט איבערלאָזן זיינע פאַרפירטע ברידער.

ביי דער ערשטער אַקציע זענען אומגעקומען 2,500 יידן, בערך אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג. פון די אַלע וואָס די דייטשן האָבן צוזאַמענגעטריבן אין שיהל האָבן זיך נאָר איינצלנע געראַטעוועט. איך אַליין בין איינער פון זיי, און איך האָב זיך געראַטעוועט אויף פאָלגענדן אופן:

נאָכדעם ווי מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצופירן די יידן פון שיהל קיין סעמאַקאָוויץ, איז אָנגעקומען אַ באַפעל, איבערצולאָזן אַלע בעלי־מלאכות וואָס זייער אַרבעט איז נויטיק פאַר דער שטאָט און פאַרן מיליטער. מיר איז דאַן איינגעפאַלן זיך צו מעלדן פאַר אַ בעקער, כאָטש איך בין קיין בעקער נישט געווען. און אהרן גלאַצער, אַ באַקאַנטער בעקער אין האָראָדענקע האָט באַשטעטיקט אַז דאָס איז אמת. די אַלע וואָס האָבן זיך געמאָלדן פאַר בעלי־מלאכות האָט מען פאַרשפּאַרט אין „פּוליש״, און ערשט צומאָרגנס מיטאָגצייט פרייגעלאָזט. אַזוי זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דער ערשטער אַקציע בערך 120 בעלי־מלאכות.

חוץ די 120, וואָס זענען געבליבן לעבן מיט זייער דערלויבעניש האָבן די דייטשן געזאָרגט, אַז די פאַרניכטונג זאָל זיין אַ פולשטענדיקע. עס האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן פאַר גוט געלט באַהאַלטן זייערע פאַמיליעס ביי באַקאַנטע אוקראַאינער, און אַליין זענען זיי אַנטלאָפן אין די פעלדער און וועלדער. די דייטשן האָבן זיך פון דעם דערוואוסט, און האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל אַלע יידן אַרויסגעבן, און געדראָט מיט טויטשטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייד. דאַרויף האָבן די אוקראַאינער באַלד אַרויסגעגעבן די באַהאַלטענע משפחות און זיי זענען אומגעקומען.

די מיטגלידער פון יודענראַט האָט מען אַרויסגעפירט אין אַ באַזונדערן אויטאָ. עטלעכע פון זיי איז געלונגען אופן וועג זיך צו באַפרייען און בלייבן לעבן. די איבעריקע זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע.

ווי זייער שטייגער איז געווען, האָבן די דייטשן צוגעזאָגט, אַז די יידן וואָס זענען געבליבן לעבן נאָך דער אַקציע, וועט זיי גאָרנישט געשען. אַזוי האָבן זיך די אַנטלאָפענע און באַהאַלטענע צוריק צונויפגעקליבן, און ס׳איז געוואָרן אַ יישוב פון 1.500 מענטשן מיט אַ נייעם „יודענראַט״. דאָס געטאָ האָט מען פאַרקלענערט אינגאַנצן אויף עטלעכע גאַסן. עס איז געווען בלויז איין אַריינגאַנג, דורך וועלכן מ׳האָט געמעגט אַריין־און אַרויסגיין. אַלע איבעריקע וועגן זענען געווען פאַרצוימט און געהיט פון יידישע מיליציאַנטן, און אַ שווערע שטראָף האָט געדראָט פאַר לאָזן דורכגיין דורך אַ פאַרבאָטענעם וועג. לעבנסמיטל האָט מען אַריינגעלאָזט לויט אַ קליינער נאָרמע, און כדי מען זאָל נישט קענען צוקויפן האָט מען איבערגעטראָגן דעם מאַרק ווייט פונעם געטאָ, אויף דער טאָליקי. בכלל האָבן געמעגט אַרויסגיין פונעם געטאָ בלויז די יעניקע וואָס האָבן געאַרבעט אויסער דעם געטאָ, לויט ספּעציעלע פּאַספּאָרטן און בלויז אין די שעהן וואָס זענען געווען פאַרשריבן אין פּאַס.

די צווייטע אַקציע איז פאָרגעקומען פיר חדשים שפּעטער, דעם 13־טן אַפּריל 1942. דאָסמאָל איז געלונגען מיט געלט צו פאַרקלענערן די אַקציע. פון די 400 וואָס מען האָט צונויפגעטריבן אין שיהל, האָט מען 325 באַפרייט אַלס „פּראָדוק־



קרבנות השואה בדרכם האחרונה.
די קרבנות אויף זייער לעצטן וועג
The Victims on their last Way.

טיווע עלעמענטן". 75 עלטערע מענטשן האָט מען אין מיטן שטאָט אויסגעשאָסן.

נאָך דער צווייטער אַקציע האָבן די נאַציס אָנגעהויבן צונויפטרייבן אַלע איבערגעבליבענע יידן פון דער סביבה קיין האָראָדענקע, און פינף חדשים שפּעטער האָט מען אַלע אַוועקגעשיקט אין לאַסט־וואַגאָנס אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער. דאָס איז געווען דעם 2־טן סעפּטעמבער 1942. אויך נאָך דעם אַוועקשיקן זענען פאַרבליבן אין האָראָדענקע 400—500 יידן, וואָס האָבן באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן. אָבער זעקס חדשים שפּעטער האָבן די נאַציס באַשלאָסן, אַז האָראָדענקע דאַרף ווערן „יודנריין". דאַן האָבן זיך אַלע פאַרבליבענע צעלאָפן אין די אַרומיקע שטעטלעך, און צוזאַמען מיט די איינוואוינער פון די שטעטלעך זענען זיי אומגעקומען. איינציקע האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די פּאַרטיזאַנער. אַזוי, למשל, ווייסן מיר וועגן אָשר שטרייט, דעם עלטערן זון פון שלמה שטרייט, אַז ער איז געפאַלן ווי אַ פּאַרטיזאַנער.

חוץ די פּאָר געראַטעוועטע, וואָס געפינען זיך אין ארץ־ישראל, ווייסן מיר וועגן נאָך פיר־פינף איינצעלנע מענטשן, וואָס געפינען זיך נאָך אין אייראָפּע און שטרעבן אַהערצוקומען. אַלע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט מיט נסים.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, געפינען זיך איצט נישט קיין יידן אין האָראָדענקע.

ראובן פריפער

מיין וועג דורך די שבעה מדורי גיהנום

א

ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד האָבן זיך די האָראָדענקער יידן, גלייך ווי אַלע יידן אין דער אומגעבונג, צוגעוואוינט צו די באַדינגונגען אונטערן סאָוויעטישן רעזשים. אַ גרויסער טייל האָט אפשר שוין משלים געווען מיטן קאָמוניסטישן געדאַנק, אַנדערע האָבן נאָך אויסגעקוקט די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, און דאַן וועלן זיי אָנהויבן אַנדערש צו לעבן (ווי אַזוי — האָט קיינער נישט געוואוסט). מיר האָבן, אמת, געהערט עפּעס וועגן דעם מערבדיקן טייל פון פּוילן, און אַז יידן ווערן דאָרט פאַרפאָלגט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אָבער ס'האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז צו אונדז וועט דאָס נישט צוקומען. ערשטנס, עקזיסטירט דאָך דער אָפּמאַך פון מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ; און צווייטנס, אַלע אונדזערע „פּאָליטיקער" האָבן פאַרשטאַנען, אַז דעם דייטש וועט זיך נישט לוינען אָנצוהויבן מיטן „רוסישן בער". לויט אונדזערע באַגריפן, האָבן די רוסן געהאַט אַ גרויסע מיליטערישע מאַכט אין דעם אָקופּאַציע־געביט, און מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַז דאָס וועט די דייטשן אָפּשרעקן און צוריקהאַלטן.

פאַרשטייט זיך, אַז באַלד דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָבן מיר זיך אַלע אַנטוישט, זעענדיק ווי די גאַנצע רוסישע מאַכט — טאַנקען, אַרמאַטן, עראָפּלאַנען, און קודם כל די זעלנער אַליין, האָבן פּשוט נישט געקאָנט זיך געפינען קיין אָרט, און באַלד דעם ערשטן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן דער ריקצוג און די בהלה. איך געדענק אַז אין יענעם טאָג האָבן מיר, אַ פּאָר חברים, באַשלאָסן צו מאַכן אַן אויספלוג אין אַ פּאָר דערפער. דאָס איז געווען זונטיק אינדערפרי. מיר זענען קעגן זעקס אַזייגער אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אין דער ריכטונג פונעם דאָרף יאַסינאָוו, וואו די רוסן האָבן פאַר אַ קורצער צייט פאַרענדיקט דעם אויסבוי פון אַ גרויסן פלי־פּלאַץ, אין וועלכן ס'זענען שוין געווען אַסך עראָפּלאַנען. ווען מיר זענען געקומען אין דאָרף אַריין, זענען פּלוצים אָנגעפלויגן עראָפּלאַנען און אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דעם פלי־פּלאַץ און באַשיסן דאָס דאָרף מיט מאַשינענגעווער. מיר זענען געוואָרן אויסער זיך — אינדערפרי האָבן מיר פון גאַרנישט געהערט און מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס זענען אפשר בלויז מאַנעווערס. פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך באַהאַלטן אין דער פּאַסע ביים וועג. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די באָמבאַרדירונג איז געווען גאָר אַן אמתדיקע און האָט פאַרניכטעט דעם גאַנצן פלי־פּלאַץ. האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען, און גענומען צוריקגיין אַהיים. דאָ האָבן מיר זיך שוין אַלץ דערוואוסט.

ב

דער רוסישער ריקצוג איז געווען באַגלייט פון אַ גרויסער בהלה און פאַרשידענע שמועות, וועגן אַ פאַראַט אין דער רוסישער אַרמיי, וועגן דעם אַז דער גאַנצער רוסישער כוח איז צעשמעטערט געוואָרן, און אַזוי ווייטער. אין די לעצטע טעג האָבן זיך די רוסן אָנגעהויבן צו פירן אַזוי ווי אַמאָל, אין די צאַרישע צייטן: עס האָט זיך געהערט וועגן פאַלן פון רויב און מאָרד. אין מיטן שטאָט האָבן אָפּיצירן דערשאָסן סאָלדאַטן, מיט דער באַשולדיקונג אַז זיי זענען דעזערטערן. מיר האָבן אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר די רוסן, און ס'איז געווען שווער צו באַשליסן מיטצוגיין מיט זיי. אַ טייל זענען פונדעסטוועגן מיטגעגאַנגען, און זענען טאַקע געבליבן לעבן. אָבער דער גרעסטער טייל פון האָראָדענקער יידן האָט באַשלאָסן צו בלייבן און אָפּצוואַרטן וואָס דאָ וועט זיין.

מיר האָבן נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אויפגעהערט דאָס געשיסעריי, און די דייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער שטאָט. אָבער אייגנטלעך זענען דאָס ניט געווען קיין דייטשן, נאָר אַ טייל פון דער אונגאַרישער אַרמיי, וואָס האָט געדאַרפט באַזעצן מערב־אוקראַאינע (ווי דאָס האָט דעמאָלט געהייסן). ביים אַריינקומען פון די אונגאַרן איז נאָך געווען אַ שטאַרקער קאַמף צווישן זיי און די רוסן. ס'זענען געווען אַסך הרוגים פון ביידע זייטן און עטלעכע פון דער ציווילער באַפעלקערונג, ביז די רוסן זענען גאַנץ אַוועק און דאָס אונגאַרישע מיליטער האָט פאַרנומען די שטאָט.

ג

אין די ערשטע טעג איז געווען גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, און מיר האָבן געטראַכט, אַז אויב ס'וועט ווייטער אַזוי זיין — וועט זיין נישט־קשה. נאָר באַלד האָבן מיר אָנגעהויבן אָפּצופילן אַן ענדערונג. אָנגעהויבן האָט מען מיט „קלייניקייטן": רויבן זאַכן פון יידישע הייזער און שלעפּן יידן צו צוואַנגס־אַרבעט. פון דעם אופן ווי זיי האָבן גענומען צו דער אַרבעט און „אָרגאַניזירט" די אַרבעט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז קיין סך נחת וועלן מיר פון זיי נישט האָבן. אָבער מיר האָבן זיך געטרייסט דערמיט, אַז מער ווי צו שווערער צוואַנגס־אַרבעט וועט דאָס נישט אויסגיין, און ווי־נישט־ווי וועט מען דאָס קענען איבערקומען.

באַלד ווי די אונגאַרן זענען אַריינגעקומען האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע מיר האָבן געקענט פאַר פאַרברענטע אַנטיסעמיטן, און האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן פאַרשידענע פאַראָרדנונגען קעגן די יידן, אָבער קיין יידיש לעבן האָט מען נישט אָנגערירט. די יידן האָבן אויך געשאַפן אַ „יודענראַט", וועלכער האָט געזוכט אַ וועג צו באַאיינפלוסן די אונגאַרן, נישט איבערצוגעבן די שליטה איבער אונדז צו די אוקראַאינער. פאַרשטייט זיך, דאָס האָט נישט געדאַרפט זיין אומזיסט...

ד

ווי באַקאַנט, איז אונגאַרן געווען אַ פאַרבינדעטע פון דייטשלאַנד, און אַזוי ווי אונדזער געגענט איז געווען אָקופּירט פון אונגאַרן, האָבן זיי באַשלאָסן אַריבערצופירן אַהער אַ טייל פון די אונגאַרישע יידן, מיט דער טענה אַז זיי שטאַמען פון פוילן. דער חשבון איז געווען, אַז דאָ וועט זיי לייכטער זיין זיך מיט זיי אָפּצוגעבן. אַזוי האָבן אָנגעהויבן זיך צו ציען איבער האָראָדענקע מחנות פון יידישע פליכטלינגע, וועלכע זענען געטריבן געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. אין יעדער שטאָט האָט מען זיי געלאָזט זיך פאַרהאַלטן אַביסל, כדי זיך אָפּצורוען, אָבער פאַרבלייבן האָבן זיי נישט געטאָרט. די פליכטלינגע האָבן אָנגעהויבן גיין איבער די יידישע הייזער, בעטן עפּעס צום עסן אָדער איבערנעכטיקן. די לאַגע פון די האָראָדענקער יידן איז שוין דעמאָלט געווען גאָרנישט אַזוי גוט. אין שטאָט זענען שוין געווען אַפּאָר צענדליגג פליכטלינגע פון רומעניע, וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיטן רוסישן מיליטער און זענען דאָ אָפּגעשניטן געוואָרן: נישט געקאָנט ווייטער גיין צו די רוסן און נישט אַריבערגיין צוריק די רומענישע גרעניץ. זייער לאַגע איז געווען גאָר שלעכט, זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן און וואו צו וואוינען, און זיי האָבן זיך אויסגעהאַלטן פון נדבות. אין שטאָט איז נישט געווען קיין שום אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פאַר זיי זאָרגן. דעמאָלט האָט טוביה קאָרן, דער עלטסטער זון פונעם העברעאישן לערער בנימין קאָרן, אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון דער ציוניסטישער יוגנט „הנוער הציוני", און פאָרגעלייגט צו שאַפן אַ „פאָלקס־קיך" פאַר די אַלע נויטבאַדערפטיקע. דער יודענראַט האָט דעם פּלאַן באַשטעטיקט, און די גרופּע יונגעלייט האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן די אַרבעט. דער יודענראַט האָט צוגעזאָגט צו געבן געלט אויף פּראָדוקטן, אויסערדעם איז געווען אַ מעגליכקייט צו זאַמלען לעבנסמיטל ביי די דאָרפס־יידן. מיר האָבן באַקומען צו דעם צוועק קוועטשערס הויז ביי דער פּוילישער גימנאַזיע, און אָנגעהויבן באַזאָרגן כלים און די נויטיקסטע מעבלירונג, כדי צו דערמעגלעכן אַפּאָר צענדליגג מענטשן צו עסן. שוועריקייטן האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלט, אָבער מיט אונדזער התלהבות האָבן מיר זיי בייגעקומען.

ווען ס'זענען אָנגעקומען די אונגאַרישע פליכטלינגע, האָבן מיר זיך געווענדעט צום יודענראַט, ער זאָל אונדז געבן די מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן די קיך און העלפן אויך די אונגאַרישע פליכטלינגע. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען די אונגאַרישע אָקופּאַציע האָט זיך שוין געענדיקט און די דייטשן האָבן אונדזער געביט צוגעטיילט צום קראַקויער דיסטריקט פונעם „גענעראַל־גאָווערנעמענט". דער יודענראַט האָט זיך געווענדעט צו דער דייטשער אַדמיניסטראַציע, און מיט זייער הסכמה האָבן מיר באַקומען דאָס הויז פון מיכל קאַמיל אויף שטשעלעצקאַ־גאַס 18, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן קורץ פאַר דער מלחמה און איז נאָך נישט געווען באַוואוינט. דאָס איז געווען אַ צווייגשטאָקיג הויז, וואָס האָט גאַנץ געפּאַסט צו אונדזער צוועק, און מיר זענען דערגאַנגען דערצו, אַז מיר האָבן געקאָנט געבן עסן 400 מענטשן אַ טאָג.

צווישן די מיטגלידער פונם יודענראַט איז געווען איינער, ישראל קוגלער, וואָס האָט זיך פון דער ערשטער מינוט אָן וואַרעם אינטערעסירט מיט אונדזער אַרבעט און האָט אונדז אַ סך געהאָלפן. אַז מיר האָבן די קיך פאַרגרעסערט, איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער צו פאַרשאַפן די נויטיקע לעבנסמיטל. קוגלער האָט זיך אונטערגענומען צוזאַמען מיט אונדזערע חברים צו גיין צו האָראָדענקער רייכע מענטשן און אַרומפאָרן אין די דערפער, און מיט אייגענע הענט צו זאַמלען לעבנסמיטל. דאָס האָט פאַרלאַנגט אַסך אָנשטרענגונג און איז אויך געווען אין אַ געוויסער מאָס געפערלעך, כאָטש מיר האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש פון די דייטשן. נאָר אַ דאַנק דער פּערזענלעכקייט פון ישראל קוגלער און זיין שטאַרקן ווילן, איז אונדז געלונגען די זאַך דורכצופירן.

די גרופּע וואָס האָט דורכגעפירט די אַרבעט פון דער פאָלקס־קיך איז באַשטאַנען פון די פאָלגענדע חברים: טוביה קאָרן, יוסף קאָך, מוניע שעכטער, יוסף רייס, שלמה קאָרן, בערל האָפמאַן, צבי רייס, ראובן פריפער, נוסיע וואַכער, נינאַ אויערבאַך, קלאַרע האַרטענשטיין, סאַבקאַ צוידערער, מאַניע קוגלער, שרה פרענקעל, סאַלקע פרידמאַן. די אַלע חברים זענען נאָך געווען גאָר יונג, און די אַרבעט איז פאַר זיי געווען גאָר אַ שווערע און אָנשטרענגענדע. מיר האָבן געאַרבעט אין צוויי שיכטן. מיט דער צייט האָבן מיר אויך איבערגענומען אַ צווייטע אונטערנעמונג, וואָס איז געווען נויטיק און דרינגענד.

ה

אין האָראָדענקע איז געווען אַן אַלגעמיינער בית־יתומים, וועלכן די סאָוויעטן האָבן געגרינדעט, און דאָרט זענען געווען אויך אַ פאַר יידישע יתומים. אויפן יסוד פון די ראַסן־געזעצן האָבן די דייטשן געגעבן אַ באַפעל, אַרויסצוזעצן די יידישע קינדער פונם בית־יתומים, און 13 קינדער, אין עלטער פון צוויי ביז פינף יאָר, זענען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן

קאַפּ. דער יודענראַט האָט זיך דאַן געווענדעט צו אונדז, מיר זאָלן אויף זיך נעמען די זאָרג פאַר די קינדער און זיי איינ־אָרדענען אין הויז פון דער פאָלקסקיך. מיר האָבן געהאַט דעם בעסטן ווילן דערצו, אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום דערפאַרונג, ווי מען נעמט זיך דערצו. ד״ר חרש, שמחה שני־צערס איידעם, האָט אַריינגענומען די קינדער צו זיך אין הויז אויף אַ קורצער צייט, ביז מיר האָבן געזאַמלט אַ פּאָר בעט־לעך און איינגעאָרדנט פאַר די קינדער אַ פּלאַץ אויפן צווייטן שטאָק פון קאַמילס הויז. זייט דעם איז אונדז צוגעקומען אַ נייע אַרבעט, צו פאַרנעמען זיך מיט די קינדער. פון אָנהויב איז דאָס געווען גאָר שווער, אָבער מיט הילף פון אַ פּאָר פרויען פון צווישן די פליכטלינגע האָבן מיר די אַרבעט דורכ־געפירט, און מיר האָבן די קינדער מיט אַלץ פאַרזאָרגט, אַפילו מיט שפּילצייג. איך וויל דאָ באַטאָנען, אַז די גאַנצע אַרבעט, סיי אין קיך סיי די דערציאונג פון די קינדער, האָט זיך גע־פירט אין העברעאיש. אַלע חברים פון אונדזער גרופּע האָבן געענדיקט די העברעאישע תרבות־שול און האָבן געקענט גוט העברעאיש. די גאַנצע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן פרייוויליק, נישט באַצאָלט, אָבער מיר האָבן געהאַט גרויס פאַרגניגן, צו זען ווי די קינדער אַנטוויקלען זיך. ליידער האָט דאָס גאָר קורץ געדויערט. ביי דער ערשטער אַקציע. דעם 4־טן דעצעמבער 1941, האָט די געסטאַפּאָ פאַרנומען אויך די 13 קינדער מיט די 2500 יידן, און מיט זיי אויך די חברים פון אונדזער גרופּע, וואָס זענען געווען אין הויז און זיך פאַרנומען מיט די קינדער, און אַלע האָבן געפונען דעם טויט אין וואַלד ביי מיכאַלטשע.

ו

די ערשטע אַקציע פונעם 4־טן דעצעמבער 1941 האָט אי־בערגעלאָזט אין שטאָט אַ גרויסן חורבן און אַ גרויסן טרויער. זעלטן איז געווען אַ משפּחה, וואָס איז געבליבן גאַנץ און האָט קיינעם נישט פאַרלוירן. עס זענען אויך געווען משפּחות, וואָס פון זיי איז קיין זכר נישט געבליבן. קינדער זענען געבליבן אָן עלטערן און עלטערן אָן קינדער. דער טרויער און דער געוויין זענען נישט צום באַשרייבן. מענטשן וואָס האָבן זיך צומאָרגנס געטראָפן אין גאַס האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און היס־טעריש געוויינט. ערשט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען גע־קאָנט מאַכן אַ סך־הכל און זיך מאַכן אַ בילד, וועמען מען האָט פאַרלוירן און ווי אַזוי יעדער איז אומגעקומען. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ אַקציע איז אויף אַ שטיקל צייט געוואָרן שטיל אין שטאָט. די דייטשן האָבן זיך נישט געוואָלט עפנטלעך באַ־ווייזן. אָבער זיי האָבן געהאַלטן דעם קאָנטאַקט דורך זייערע שליחים: אַ טייל פון צווישן די יידן אַליין, און אַ טייל אוקראַ־אינער, וואָס זענען כלומרשט געקומען אַלס גוטע פריינט עמעצן באַזוכן און אויסדריקן זייער מיטלייד.

די מענטשן פון שטאָט זענען געבליבן דערשלאָגן און נישט געהאַט קיין כוח און קיין מעגלעכקייט צו טראַכטן, וואָס ווייטער צו טון. נאָך אַזאַ קלאַפּ האָבן מענטשן געמיינט אַז זיי וועלן משוגע ווערן אָדער זיך דאָס לעבן נעמען, און די ערשטע טעג נאָך דער אַקציע האָבן זיי טאַקע דערפון גערעדט. אָבער דאָס לעבן האָט געטאָן דאָס זייניקע. מען האָט געמוזט זיך צוגעוואוינען צו די צרות, געמוזט אָרגאַניזירן נייע אַר־בעטס גרופּן, אויפן אָרט פון די מענטשן וואָס מען האָט פאַר־נומען צו דער אַקציע.

ז

און באַלד איז געקומען אַ נייע האַרבע גזירה: מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ געטאָ. און שוין האָט מען געגרופּן דעם יודענ־ראַט, און באַשטימט וועלכע גאַסן און וועלכע הייזער וועט אַרומנעמען דער געטאָ. די אַקציע האָט פאַרקלענערט די יידישע באַפעלקערונג אויף אַ העלפט — האָט מען לויט דעם באַשטימט די גרענעצן פונעם געטאָ: פון דער יידישער שול אין דער ריכטונג פון די אַמאָליקע באַראַקן; די שטשעלעצקאַ־גאַס, בערך ביז פלעשנערס הויז; דער וועג צו דער קאָטי־קאַווקאַ, ביז צו דער בריק; די גימנאַזיע און דער פּוילישער קלויסטער. די ערשטע טעג האָט מען זיך ווי־נישט־ווי איינגע־אָרדנט אין די הייזער אין די גרענעצן פונעם געטאָ, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַרויסצוטרייבן די יידן פון די דערפער און זיי קאָנצענטרירן אין האָראָדענקע. דאָ האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ויכוחים און טענות קעגן מש־פּחות, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיך נאָך מער צונויפשטופּן און מאַכן פּלאַץ פאַר די אָנגעקומענע משפּחות פון די דער־פער. דער יודענראַט און זייערע העלפער, די יידישע פּאָלי־ציאַנטן, האָבן זיך אין אַזעלכע פאַלן אַריינגעמישט, און נישט אַלעמאָל לטובת דעם גערעכטן. זעענדיק וואָס ס׳טוט זיך, און הערנדיק שמועות פון אַנדערע שטעט, האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ פּאָליטיק וואָס איז דיקטירט „פון אויבן״, די יידן צו קאָנצענטרירן און צונויפצושטופּן, כדי די רוצחים זאָלן עס האָבן לייכטער ביים צווייטן „צוג״. און אַזוי איז טאַקע געווען.

ח

אין חודש אַפּריל 1942 איז פאָרגעקומען אַ צווייטע אַקציע, אין אַ קלענערן פאַרנעם ווי די ערשטע, אָבער אויסגעפירט מיט נישט קיין קלענערער גרויזאַמקייט ווי די ערשטע. ביז צו דער צווייטער אַקציע זענען נאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געמאַכט אילוזיעס און געגלייבט די „גוטע דייטשן״, אַז די אַקציע איז געווען אַן איינמאָליקע זאַך און וועט מער נישט פאָרקומען. אַפילו די ס. ס.־לייט און געסטאַפּאָ־לייט האָבן צוגע־זאָגט „זייערע״ יידן אַז דאָס איז אַזוי, און די יידן האָבן די ידיעה פאַרשפּרייט אין שטאָט. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָבן מענטשן זיך געטרייסט און געהאָפט, אַז עס וועט טאַקע אַזוי זיין. איצט האָט מען געזען, אַז די אַלע הבטחות האָבן קיין שום ווערט, און יעדער האָט אָנגעהויבן, לויט זיין פאַר־שטאַנד און זיינע מעגלעכקייטן, צו זוכן אַן אויסוועג אין פאַל אַז ס׳וועט ווידער קומען אַן אַקציע. די דייטשן האָבן אויך דאָס געוואוסט אויסצונוצן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַ־ניזירן גרופּן פון פאַכלייט, ווי דאָקטוירים, בעקערס, אַלגע־מיינע פאַכלייט א.א.וו., און געגעבן אָנצוהערן, אַז אָט די גרופּן וועלן ווי־נישט־ווי זיין געשיצט. האָבן מענטשן אָנגעהויבן זיך איינצוקויפן — פאַר גוט געלט — אין איינער פון די גרופּן. ווער ס׳האָט געקאָנט אויפברענגען אַ גרעסערע סומע, האָט געקאָנט באַקומען אַ פּלאַץ אין אַ „בעסערער״ גרופּע. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן די אינטריגעס און שווינדלען וואָס זענען דערביי פאָרגעקומען. מענטשן האָבן מיט אַלע מיטלען

זיך באַמיט אויפצוברענגען די נויטיקע סומען, כדי זיך צו פאַרזיכערן אַ פלאַץ אין איינער פון די גרופן, און דערביי זענען אָנגעגאַנגען מסירות און קריגערייען. אָבער אויך די לאַגע האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

ט

סעפּטעמבער 1942 איז געווען די דריטע אַקציע, ביי וועלכער מען האָט די געכאַפּטע מענטשן אַריינגעפּאַקט אין פאַרזיגלטע וואַגאָנען און אַוועקגעשיקט אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג", אין פאַרניכטונגסלאַגער פון מאַידאַנעק. דערביי האָט מען געכאַפּט אַסך „מיוחסים", וואָס זענען געווען אין „גוטע" גרופן (איך בין אויך געווען צווישן די געכאַפּטע). און די „גוטע" דייטשן, וואָס האָבן באַקומען געלט און ווערטזאַכן און צוגעזאָגט אַז מען וועט זיין געשיצט, האָבן נאָך געוואָלט זיין „אין אָרדנונג", און האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַ צופאַל און אַן אירטום (טעות), אָבער אַזוי זענען „צופעליק" פאַרשיקט געוואָרן אַסך מענטשן אויך פון די פאַכמענישע גרופן.

י

אין דער צייט צווישן דער ערשטער און צווייטער אַקציע איז געלונגען מיין פאָטער ישראל פריפער ז"ל זיך אַריינצוקריגן אין אַ גרופע, וואָס האָט באַקומען דאָס רעכט אַרומצופאָרן אין די דערפער און איינקויפן פאַר די דייטשן פעל פון בהמות און חיות. די דייטשן האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ וויכטיקע אַרבעט, און האָבן אַפילו דערלויבט מיין פאָטער אַרויסצונעמען זיין משפחה פונעם געטאָ און וואוינען אין דאָרף. צום גליק, האָט ער באַקומען זיין „ראַיאָן" אין די דערפער סימאַקאָוויץ, מיכאַלטש און פאָטאָטשיש. אין סימאַקאָוויץ האָבן מיר געהאַט אַ סך באַקאַנטע גויים, ווייל אונדזער גאַנצע משפחה האָט געוואוינט אַמאָל אין יענעם דאָרף. איצט האָבן מיר דאָ געוואוינט בלויז צוויי משפחות, מיר און מיכאל פריפער, וואָס איז געווען אַן אויפקויפער פון תבואה פאַר די דייטשן, צוויי משפחות צווישן אַ ים פון שונאים. געקומען זענען מיר אַהין אַפּאָר טעג פאַר דער צווייטער אַקציע, און האָבן ביז אַהין געהערט דאָס געשיסעריי בעת דער אַקציע. מיר האָבן דאַן געשיקט אַ גוי קיין האָראָדענקע, און ער האָט אונדז געבראַכט די ידיעה וועגן דער צווייטער אַקציע, וואָס איז פאָרגעקומען.

יא

אין יענער צייט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן ווידער אויפבויען די בריק איבערן דניעסטר צווישן מיכאַלטש און איסטיטשקע, וואָס איז אויפגעריסן געוואָרן ביים ריקצוג פון די רוסן. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ יידישע אַרבעטס־גרופע, אָבער יידן האָבן זיך אויסגעהיט צו קומען אַהין. ערשטנס, זענען דאָרט נאָך פאַר דער ערשטער אַקציע געהרגעט געוואָרן אַסך יידישע בחורים פון האָראָדענקע, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט. צווייטנס, איז די אַרבעט געווען נישט ווייט פונעם מאַסן־גרוב פון דער ערשטער אַקציע. אַזוי איז אויסגעקומען, אַז אין דער גרופע זענען געווען פיר יונגעלייט פון דער משפחה פריפער, און נאָך אַפּאָר יידן פון די שכנותדיקע דערפער, וואָס האָבן בעסער געוואָלט אַרבעטן ביי דער בריק ווי דערשטיקט ווערן אין ענגן געטאָ. גראָד איז דאָסמאָל די באַציאונג צו אונדז געווען גאַנץ מענטשלעך. מיר זענען געווען אין אַן אָפענעם לאַגער, באַקומען גוט עסן, און די אַרבעט איז אויך געווען גאַנץ מענטשלעך. די אָנפירער פון דער אַרבעט זענען געווען ציווילע אינזשינערן, און די געסטאַפּאָ־לייט האָבן זיך דאָרט נישט געוויזן. איינמאָל, ווען זיי האָבן געדאַרפט קומען אינספּיצירן די אַרבעט, האָבן אונדז די אינזשינערן אָפּגעשיקט אויף אַ פאָנטאָן אַפּאָר קילאָמעטער ווייטער, די געסטאַפּאָ־לייט זאָלן אונדז נישט זען. מיין „פאָרמאַן", אַ דייטש, האָט זיך אונדז אָנגעשלאָסן. ווען איך האָב אים געפרעגט, צי פאָרט ער מיט אונדז צו באַוואַכן און צו היטן, האָט ער געענטפערט: „ניין, אָבער איך קאָן די שווינע ניכט אַנשויען".

ווען ס'איז פאָרגעקומען אין האָראָדענקע די דריטע אַקציע איז די אַרבעט ביי דער בריק געווען כמעט געענדיקט. די לייטונג האָט באַקומען אַ באַפעל, זיי זאָלן אונדז נישט אַרויספירן צו דער אַרבעט, ווייל די געסטאַפּאָ וועט קומען אונדז אַוועקנעמען. ביי דער גאַנצער פריינטשאַפט האָבן זיי דעם באַפעל אויסגעפ־רט, און געהאָלפן אונדז אויפלאָדן אויף די וועגן, כאָטש ביי עטלעכע פון זיי האָב איך געזען טרערן אין די אויגן. אונטער אַ שווערער באַוואַכונג האָט מען אונדז אָפּגעפירט קיין האָראָדענקע צום זאַמל־פּלאַץ.

יב

די דריטע אַקציע איז געווען כמעט אַ ליקווידירונגסאַקציע. דריי טעג האָט געדויערט דאָס צונויפשלעפן די יידן, ווייל אַ סך פון זיי האָבן זיך צוגעגרייט בונקערס און באַהעלטענישן, און די דייטשן און אוקראַאינער האָבן געדאַרפט נישטערן און זוכן זיי אויסצוגעפונען. די צונויפגעשלעפטע יידן האָט מען געהאַלטן אין אַ גרויסן תבואה־מאַגאַזין ביי דער באַן־סטאַציע, אָן עסן און טרינקען. מיר, די בריק־אַרבעטער, זענען געווען די לעצטע, און אַלע האָבן אונדז מקנא געווען, וואָס מיר זענען כאָטש נאָך אָנגעגעסן. אַפּאָר שעה שפּעטער האָט מען אַלע אַרויסגעפירט, אָפּגעטיילט די פרויען און זיי אַוועקגעפירט צו די וואַגאָנען, און דערנאָך אַהין געפירט אויך די מענער. דאָרט האָט מען די מענער אויסגעשטעלט אין רייען, און די דייטשע כלבים זענען געגאַנגען צווישן די רייען, געשפּיגן, געשלאָגן און געשאָלטן. דערביי האָבן זיי אויסגעקליבן 80 יונגע, געזונטע בחורים און אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. איך און מיין ברודער ברוך ע"ה זענען געווען צווישן די אַכציק בחורים, און מיר האָבן געזען ווי מען האָט אַלע אַנדערע אַריינגעפּאַקט אין וואַגאָנען פון בהמות, 200 מענטשן אין אַ וואַגאָן, מיט אַ קליין פענצטערל, פאַרצוימט מיט דראָט. די פרויען האָט מען נאָך פריער פאַרשפּאַרט אין אַנדערע וואַגאָנען. דאָס געוויין און געשריי פון די מענטשן איז נישט פאָרצושטעלן. עס האָבן נישט געפעלט אויך גרויזאַמע האַרשטייענדע מאָמענטן. איינער אַ בחור איז צוגעפאַלן צו אַ עמער שמוציק וואַסער און געטרונקען דערפון, האָט אים אַ דייטש אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ אַריין.

נאָכדעם ווי אַלע זענען שוין געווען אין די וואַגאָנען, האָט מען אונדז אויך אַריינגעלאָזט אין אַ וואַגאָן. איינער פון די דייטשן האָט געזאָגט צו אונדז: „איר האָט גליק, איר פאָרט נישט מיט אַלע צוזאַמען, איר פאָרט צו דער אַרבעט". אין וואַגאָן איז געווען שרעקלעך ענג, כאָטש מיר זענען געווען

בלויז אַכציק. אין די וואַגאָנען וואו מען האָט אַריינגעפּאַקט 200 מענטשן זענען אַ טייל דערשטיקט, דערדריקט און צעטראָטן געוואָרן.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו ראָטן און דיסקוטירן, וואוהין פאָרן אַלע וואַגאָנען און וואוהין פאָרן מיר. דערווייל האָבן מיר געזען, ווי פון די אַנדערע וואַגאָנען שפּרינגט אַלעמאָל עמיצער אַרויס דורך דעם פענצטערל. אַ טייל זענען געהרגעט געוואָרן ביים אַרויסשפּרינגען, אַ טייל זענען געפאַלן פון די קוילן פון די וועכטער, און אַ קליינער טייל איז ניצול געוואָרן — ביז מען האָט זיי ווידער געכאַפּט.

מיר זענען געפאָרן ביז קאָלאָמיי אין לעצטן וואַגאָן. מיר האָבן אויך געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצושפּרינגען, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן ווייטער צו פאָרן. אין קאָלאָמיי און ביי די אַנדערע סטאַציעס האָט מען אַלעמאָל צוגעטשעפּעט נייע וואַגאָנען, אַזוי אַז צום סוף איז עס געוואָרן אַ שרעקלעך לאַנגער צוג. ווען מיר זענען געקומען קיין לעמבערג האָט מען אונדזער וואַגאָן און אַפּאָר אַנדערע וואַגאָנען אָפּגעטשעפּעט, און די איבעריקע זענען ווייטער געפאָרן.

פּלוצים האָט זיך די טיר פונעם וואַגאָן געעפנט, און אונטער געשריי און קלעפּ פון גומי־שטעקאַלעך האָט מען אונדז געלאָזט אַראָפּשפּרינגען פונעם וואַגאָן. אין משך פון אַפּאָר סעקונדן זענען מיר אַלע אַראָפּגעשפּרונגען, זיך אויסגעשטעלט אין רייען און אָנגעהויבן מאַרשירן. דאָס איז געווען גאַנץ פּרי, אין די גאַסן פון לעמבערג האָט מען קיין לעבעדיק נפש נישט געזען, און אַזוי האָט מען אונדז געבראַכט אין לאַגער „יאַנאָווסקאַ".

יג

מיר זענען געווען אַ גאַנץ גרויסע גרופּע, ווייל אין יעדער שטאָט האָט מען אַזוי אויסגעקליבן די געזונטע בחורים און געשיקט מיט אונדז אין לאַגער אַריין. דער לאַגער איז געווען איינגעטיילט אין עטלעכע אָפּטיילונגען. נאָכדעם ווי מיר האָבן דורכמאַרשירט אַפּאָר טויערן און אַפּאָר פּלעצער, האָט מען אונדז געהייסן זיך זעצן און וואַרטן, ביז ס'זענען אָנגעקומען אָפיצירן פונעם געסטאַפּאָ, מיטן קאָמאַנדאַנט דעם צורר ראָקיטאַ בראש, און ער האָט אָנגעהויבן האַלטן פאַר אונדז אַ רעדע, אין אַן אידלער, שיינער און שטילער שפּראַך. בכלל האָט ער געהאַט אַן אידל פּנים, ממש ווי אַ קינד. ער האָט אונדז אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין אַז מיר זענען טאַקע אַריינגעפאַלן אין אַ „שטראַפלאַגער", אָבער דער עיקר אין לאַגער איז די אַרבעט, און די דייטשן ווייסן אָפּצושאַצן גוטע און געטרייע אַרבעט. דערפאַר וועלן זיי אונדז געבן צו עסן און — לאָזן לעבן. צווישן אַנדערע רייד האָט ער געזאָגט: „איך ווייס אַז איר זענט מיד פונעם וועג און אויך הונגעריק. היינט וועט איר שוין נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, און באַלד וועט מען אייך אויך ברענגען צו עסן". אַזוי האָט ער ווייטער גערעדט גוטע און זיסע רייד.

דערווייל האָט מען אָנגעהויבן ברענגען קעסלען מיט וואַסער און פאַרטיילן די מענטשן אין די ערשטע שורות. די מענטשן פון די אונטערשטע שורות, וואָס האָבן שוין אַפּאָר טעג נישט געהאַט קיין ביסן ברויט און קיין טראָפּן וואַסער אין מויל, האָבן אָנגעהויבן גאַנץ שטיל זיך אַרויסצושאַרן פון דער רייע, כדי שנעלער צוצוקומען צום קעסל מיטן וואַסער. און ראָקיטאַ, דער נאַצי מיטן קינדישן געזיכט, נעמט גאַנץ רואיק אַרויס אַ רעוואָלווער, שיסט אַריין אין די מענטשן וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט פון דער רייע און הרגעט עטלעכע פון זיי; און דערביי רעדט ער ווייטער גאַנץ אָן אויפרעגונג, און ערקלערט אַז דיסציפּלין איז די וויכטיקסטע זאַך, דאַרויף גיט מען אַכט צום מייסטן, און כדי מיר זאָלן ויסן, וואָס דאָס באַטייט, ווייזט ער אָן אויף דער שטראָף, וואָס אונדזערע חברים האָבן באַקומען פאַר שטערן די דיסציפּלין.

און מיר האָבן טאַקע אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם פּירוש פון „דיסציפּלין", און ווען זיין רעדע האָט זיך געענדיקט, און מיר האָבן באַקומען די „פרייהייט" (ווי געזאָגט, זענען מיר אין יענעם טאָג געווען פריי פון אַרבעט), האָבן מיר אָפּט געטראַכט, אַז די מענטשן פון די אַנדערע וואַגאָנען, וואָס האָבן אונדז געהאַלטן פאַר גליקלעך, זענען אפשר איצט גליקלעכער פון אונדז, זייענדיק שוין אויפן עולם האמת...

יד

איך וועל איצט פּרוּוון באַשרייבן דעם לאַגער „יאַנאָווסקאַ" אין מיטן דער שטאָט לעמבערג, אין וועלכן יונגע און געזונטע בחורים פון גאַנץ גאַליציע האָבן געפונען זייער טויט. דער לאַגער איז אויסגעבויט געוואָרן ביים סוף פון דער יאַנאָווסקאַגאַס, צווישן דריי הויכע בערגלעך. ווען מיר זענען אַהין געקומען, איז ער נאָך געווען קליין און געהאַט בלויז איין הויז פון צוויי שטאָק. ער איז געווען אַרומגענומען מיט דריי פּלויטן פון עלעקטריזירטן שטאַכעל־דראָט און מיט וואַך־טורעמס, אין וועלכע ס'האָבן געוואַכט זעלנער מיט מאַשינען־געווער. אין גאַנצן לאַגער איז נישט געווען קיין איין ווינקל, וואָס איז נישט געווען באַוואַכט. אויף יעדער קלענסטער באַוועגונג האָט מען באַלד שאַרף רעאַגירט, און נישט איינמאָל איז געווען גענוג אַפּאָר מענטשן זאָלן שטיין און רעדן — האָט מען זיי באַלד „מכבד געווען" מיט אַ סאַלווע פונעם מאַשינען־געווער. און דאָרט איז קיין איין קויל נישט געגאַנגען פאַרלוירן... ווי מיר האָבן געזען, איז דער עיקר געווען דאָרט נישט די אַרבעט, נאָר די מעגלעכקייט צו מיסהאַנדלען די יונגע געפאַנגענע.

דעם ערשטן טאָג האָבן מיר, האַראָדענקער בחורים, נאָך געהאַלטן קאָנטאַקט מיט זיך. אָבער ווי די נאַכט איז געקומען, האָבן מיר זיך געמוזט צעשיידן און זוכן אַ פּלאַץ, וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. ווי געזאָגט, איז דער לאַגער נאָך נישט געווען אויסגעבויט, און דאָס איינציקע הויז איז געווען כמעט גאַנץ פאַרנומען פון די וואָס זענען געקומען פאַר אונדז. דער באַפעל איז געווען אַז אַלע מוזן געפונען פּלאַץ אינווייניק — האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אַריינשטופּן אין הויז אַריין און קוים־קוים געפונען אַ פּלאַץ אונטער די בעטן, וואָס זענען געווען בלויז אַ פינף־און־צוואָנציק סינטימעטער אָפּגערוקט פונעם באָדן, פינף־זעקס בעטן איבעראַנאַנד. מיר האָבן געמוזט דאָרט אַרונטער קריכן און פאַרברענגען די ערשטע נאַכט, און אַסך אַנדערע נעכט, אין שטויב און אין שמוץ.

טו

צומאָרגנס, פיר אַזייגער פאַרטאָג, האָבן מיר זיך שוין געמוזט שטעלן אויפן זאַמלפּלאַץ, אויסגעשטעלט לויט אַרבעטס־גרופּן, און מאַכן גימנאַסטיק לויטן באַפעל פון דער געסטאַפּאָ. דאָס איז געווען דער סדר, זומער און ווינטער. יענעם פרימאָרגן האָט מען איינגעטיילט די ניי־אָנגעקומענע אין אַרבעטס־גרופּן. אַ גרויסער טייל איז צוגעטיילט געוואָרן צו פריערדיקע גרופּן, פון די איבעריקע האָט מען געשאַפן נייע גרופּן, און אַזוי האָבן זיך אונדזערע האָראָדענקער חברים גאַנץ צעשיידט. טרעפן האָט מען זיך געקאָנט בלויז אין אָוונט, און אויך דאָס איז אָנגעקומען שווער, ווייל אַלעמאָל איז מען געווען באַשעפּטיקט. אַפּאָר פון די אַרבעטס־גרופּן האָט מען אַרויסגעפירט צו אַרבעטן אויסער דעם לאַגער, אָבער דאָס איז געווען אַסך בעסער, כאָטש דאָרט האָט מען טאַקע שווער געאַרבעט. אין לאַגער איז נישט געווען קיין ספּעציעל וויכטיקע אַרבעט, און דאַריבער איז זי געווען לייכטער; אָבער די מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין לאַגער זענען געשטאַנען אונטערן דרוק פון דער געסטאַפּאָ בייטאָג און ביינאַכט, און האָבן נישט אויסגעהאַלטן מער ווי צוויי ביז דריי וואָכן.

אַסך פון די האָראָדענקער בחורים זענען צוגעטיילט געוואָרן צו אַ גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט ביים אויסרייסן די מצבות פונעם לעמבערגער בית־עולם און מאַכן פון זיי שטיינער צום פּלאַסטערן די גאַסן. די אַרבעט איז געווען פיזיש שווער און באַגלייט פון אַ שווערן געפיל פון דערנידערונג, און כמעט אַלע וואָס זענען אַריין אין דער גרופּע זענען אַנידערגעפאַלן. מיין ברודער ברוך פריפער ע״ה איז אויך געווען אין דער גרופּע. אַסך זענען פאַרוואונדעט געוואָרן ביי דער אַרבעט, אָדער קראַנק געוואָרן. אָפיציעל האָט מען זיך אפילו אין אַזאַ פאַל געקאָנט מעלדן קראַנק, אָבער אַזויווי אַלע האָבן געוווּסט, וואָס די דייטשן טוען מיט קראַנקע און פאַרוואונדעטע — זענען אויך די קראַנקע און פאַרוואונדעטע אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט. מיין ברודער ברוך ע״ה איז אַ וואָך לאַנג געגאַנגען צו דער אַרבעט מיט אַ צעבראָכענעם פוס, אָבער ערב יום־כיפור האָב איך אים שוין נישט געקאָנט באַוועגן דערצו, ער זאָל גיין צו דער אַרבעט. און אין אָוונט, ווען איך בין געקומען פון דער אַרבעט, האָב איך אים מער נישט געפונען. מען האָט אים געענוי איבערגעגעבן, וואָס זיין סוף איז געווען.

טז

איך בין צוגעטיילט געוואָרן מיט נאָך זיבן פון אונדזערע חברים צו אַ גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט אויפן לעמבערגער פלי־פּלאַץ. צופעליק איז אונדזער גרופּע געווען פון די גוט געאָרדענטע. אונדזער אויפזעער — געהייסן האָט ער פּאַטאַטאָוו — האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען, און אַזוי האָט אונדזער גרופּע דורכגעהאַלטן מער ווי אַנדערע. אַסך האָבן געפּרוווט אַנטלויפן, פון אַנדערע גרופּן און אויך פון אונדזער גרופּע. דאָס אַנטלויפן אַליין איז נישט געווען קאָמפּליצירט פאַר די וואָס האָבן געאַרבעט אין דרויסן. די קאָמפּליקאַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן שפּעטער: וואו זיך אויסצובאַהאַלטן אין לעמבערג, אָדער אין געטאָ, און וואוהין צו אַנטלויפן? דאָס איז אויך געווען אַ שווערע פאַראַנטוואָרטונג קעגן די איבעריקע חברים פון דער גרופּע. קומענדיק צוריק אין אָוונט, האָט מען אונדז איבערגעציילט און באַלד געזען אויב עמעצער פעלט. איז איינער אַנטלאָפן — זענען קודם כל געווען פאַראַנטוואָרטלעך די איבעריקע פיר פון זיין שורה, און דערנאָך די גאַנצע גרופּע. און וואָס די שטראָף איז — האָט מען שוין געוווּסט. פון אונדזער גרופּע איז אַנטלאָפן ישראל בלאַט, כאָטש מיר האָבן אָפּגערעדט נישט צו אַנטלויפן ביז מיר וועלן נישט האָבן אַ גוטן פּלאַן וואוהין צו אַנטלויפן, און אויב אַנטלויפן — זאָל די גאַנצע שורה אויף איינמאָל אַנטלויפן. אונדזער אויפזעער פּאַטאַטאָוו איז אַליין געווען אַן אָנשטענדיקער בחור. האָט ער צונויפגערופן אַלע האָראָדענקער און געזאָגט, אַז ער מוז דאָס אָנצייגן באַלד ביים טויער, ווייל ער וויל נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר. ער האָט אונדז אויך אַביסל געמוסרט, און געזאָגט, אַז אַסך איינוואוינער פונעם געטאָ וואָלטן ליבער געאַרבעט אונטער זיין אויפזיכט איידער זיין פאַרשפּאַרט אין געטאָ. ענדלעך אָבער האָבן מיר אים איינגעבעטן ער זאָל „אַוועקקוקן", און אויך ביים אַריינגיין אין לאַגער האָט מען דאָס נישט באַמערקט. אָבער צומאָרגנס האָט מען ישראל בלאַט געכאַפּט און געבראַכט אין לאַגער אַריין. די פּיין פון דעם מענטש און די פּיין פון די וואָס האָבן עס צוגעקוקט — בין איך נישט אימשטאַנד צו באַשרייבן.

יעדן טאָג, ווען מיר זענען געקומען צוריק אין לאַגער און זיך געטראָפן מיט מענטשן פון אַנדערע גרופּן, פלעגט מען נאָר רעדן דערפון — ווער איז נאָך געבליבן. באַשעפּטיקט האָט מען אונדז נישט נאָר בייטאָג, נאָר אָפטמאָל אויך ביינאַכט. איינמאָל, אָדער אויך צוויי מאָל אין דער נאַכט פלעגט מען מאַכן אַן „אַלאַרם", האָבן אַלע געמוזט אין משך פון פינף מינוט זיין אין דרויסן אָנגעטאָן (סיי־ווי האָט זיך קיינער נישט אויסגעטאָן), זיך אָרדנען אין גרופּן און לויפן צו דער באַן־סטאַציע, אָפּלאָדן וואַגאָנען מיט בוימאַטעריאַל פאַר די באַראַקן פונעם לאַגער — בוימאַטעריאַל וואָס מען האָט צונויפגעשלעפּט פון יידישע הייזער. ביי אָט־די ביינאַכטיקע אַרבעטן זענען אַסך געהרגעט געוואָרן, ווייל די געסטאַפּאָ־לייט זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן פונעם וועג, און ווער ס'איז צו לאַנגזאַם געגאַנגען, אָדער זיך געפוילט צו שלעפּן דאָס מאַטעריאַל, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

וואָס מער אַקציעס ס'זענען געווען אין די שטעט, האָט מען אַלץ מער יונגעלייט געבראַכט אין לאַגער אַריין. אָבער די אַלגעמיינע צאָל אין לאַגער האָט זיך כמעט נישט געענדערט — אַלע מאָל זענען דאָרט געווען בערך פינף טויזנט מענטשן. אין דעם זעלבן לאַגער זענען אויך געווען פּאָליאַקן, אין אַ באַזונדער פאַרצוימטער אָפּטיילונג, אָבער מיר האָבן געהאַט מיט זיי אַ קאָנטאַקט. ביי זיי זענען די באַדינגונגען געווען לייכטערע, מען האָט ווייניקער געהרגעט, און איינמאָל אין וואָך האָבן זיי באַקומען פּעקלעך פונם „רויטן קרייץ". ביי אונדז אין לאַגער איז די קאָסט געווען גאָר באַשרענקט: ניינציק גראַם ברויט אַ טאָג, אינדערפרי שוואַרצע קאַווע, צו מיטאָג אַ זופּ, און אין אָוונט אַמאָל אַ זופּ און אַמאָל קאַווע. די גרופּן וואָס האָבן געאַרבעט אין לאַגער און געמוזט לעבן פון

דער קאַסט האָבן נישט אויסגעהאַלטן מער ווי צוויי־דריי וואָכן. דאַקעגן אויסער דעם לאַגער האָט מען געקאָנט קריגן עפּעס מער, אַמאָל האָט מען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ באַקומען עפּעס צו עסן.

אין אַט־די שרעקלעכע באַדינגונגען האָבן מענטשן אויס־געהאַלטן מער ווי מען האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן. אַפילו ווען ס'האָט אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע, נאָכדעם ווי דער ערשטער שניי איז אויסגעפאַלן, און מענטשן זענען גע־פאַלן ווי פליגן, האָבן נאָך אַ טייל באַוויזן צו בלייבן לעבן, און אַפילו געפּרוווט אַנטלויפן. און וואָס מער מענטשן ס'זענען געשטאָרבן — אַלץ מער יידן האָט מען געבראַכט פון די „יחוסדיקע קאַטעגאָריעס", וואָס זענען געבליבן נאָכן ליקווי־דירן פונם געטאָ אין שטעט און שטעטלעך, אָדער געוועזענע מיטגלידער פונם „יודענראַט", אָדער יידישע פּאָליציאַנטן. יעדנפאַלס, די אַלגעמיינע צאָל פון מענטשן אין לאַגער האָט זיך נישט געענדערט.

יח

ווינטער פלעגן מיר אַהיימקומען פון דער אַרבעט אין דער פינצטער. האָט מען זיך שוין נישט געטאָרט אַרומדרייען אין לאַגער. דעמאָלט איז אָפּגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט צווישן די האַראָדענקער בחורים. נאָר אַמאָל־אַמאָל האָט מען אינדערפרי אויפן זאַמלפּלאַץ געקאָנט זען אַ באַקאַנט געזיכט. און בכלל איז שוין געווען שווער איינעם צו דערקענען. צולעצט זענען מיר געבליבן אין אונדזער גרופּע פיר האַראָדענקער בחו־רים — שכנא־אייבער טיקער, דוד גלאַגער, ברוך רייף, און איך. אין אָוונט פלעגן מיר זאַמלען ידיעות וועגן האַראָדענקע פון ניי־אָנגעקומענע מענטשן, און אויך רעדן וועגן אַנטלויפן — קודם כל נישט צו שטאַרבן אַזוי, ווי מיר האָבן געזען אַנ־דערע שטאַרבן. אָבער דער געדאַנק אַז ס'איז נישטאָ וואוהין צו אַנטלויפן, אַז מען קען אונדז כאַפּן און פאַרשיקן אין אַ צווייטן לאַגער, אָדער אין בעסטן פאַל אַריין ווידער אין אַ געטאָ און ווידער דורכמאַכן אַקציעס — דאָס האָט אונדז שטאַרק צוריקגעהאַלטן. אָבער וויבאַלד דער טיפוס האָט זיך פאַרשפּרייט, און איך בין קראַנק געוואָרן צווישן די ערשטע (אָבער איך האָב זיך ווי־נישט־ווי געהאַלטן), און מיר האָבן געזען פאַר די אויגן די נייע פאָרם פון שטאַרבן, האָבן מיר אַלע פיר באַשלאָסן, אַז ס'איז דאָך כדאי צו פּרוּוון אַנטלויפן. די צוגרייטונגען האָבן לאַנג געדויערט. אינצווישן איז מיר בעסער געוואָרן אויפן טיפוס, די היץ איז געפאַלן, אָבער איך האָב געזען אַז איך הויב אָן געשוואָלן צו ווערן, און נאָך אַ טאָג־צוויי וועל איך נישט קענען אַרומגיין אויף די פיס. האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן. אַז איך האָב דאָס דערציילט מיינע חברים, האָבן זיי באַשלאָסן דאָסזעלבע צו טון.

יט

אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן, בשעת ס'איז געפאַלן אַ שטאַרקער שניי, האָבן מיר זיך אַרויסגעכאַפּט פונם לאַגער און אַוועק, יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג. מיר האָבן אָפּגערעדט וואו זיך צו טרעפן אין לעמבערג, אָבער אין דער באַשטימטער שעה, און אויך שפּעטער ביז אין אָוונט, זענען געקומען בלויז צוויי, שכנא־אייבער טיקער און איך. דוד גלאַגער און ברוך רייף זענען נישט געקומען, און מיר זענען געווען זיכער אַז מען האָט זיי געכאַפּט. ווייזט אויס, אַז דוד גלאַגער איז טאַקע געכאַפּט געוואָרן, אָבער ברוך רייף האָט — ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט — נישט געקאָנט געפינען דעם אַדרעס. ער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַציע, האָט זיך אַריינגעגנבעט אין אַ וואַגאָן פון אַ מיליטערצוג, און ס'איז אים געלונגען זיך צוצושלאָגן צו מיינע עלטערן אין געטאָ פון טלוסטע. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין האַראָדענקע, אויפזוכן עמעצן פון זיין משפּחה, אָבער אין איסטיטשקע האָט מען אים געכאַפּט און ער איז געהרגעט געוואָרן.

זייענדיק דעם ערשטן אָוונט אין לעמבערגער געטאָ, איז טיקער אַוועק צו זיין ברודער, וואָס האָט געוווינט אין געטאָ, און איך בין געגאַנגען צו איזי ווייך פון האַראָדענקע, וואָס האָט געוווינט אין לעמבערג און איך האָב געהאַט זיין אַד־רעס. אָבער איך האָב געהאַט אַ ביטערע אַנטוישונג. איך האָב אים אויסגעפונען, אָבער גראָד יענע נאַכט איז ער אַליין גע־גאַנגען זיך אַרויסשמוגלען פונם געטאָ אויף אַרישע פּאַפּירן — האָט ער מיר גאָרנישט געקאָנט העלפן. ער האָט מיר בלויז געגעבן אַביסל געלט און אַן אויבערשטן מאַנטל, צו פאַר־שטעלן מיינע אַרעסטאַנטן־קליידער פונם לאַגער. מיר האָבן זיך צושיידט און געוואונשן איינער דעם צווייטן, מיר זאָלן בלייבן לעבן. ווייזט אויס אַז ער האָט נישט מצליח געווען, כאָטש ער האָט געהאַט גוטע האָפענונגען. שכנא־אייבער טיקער האָט אויך געהאַט נישט קיין קלענערע אַנטוישונג. ער האָט אויפגעזוכט זיין ברודער, אָבער דער ברודער האָט מורא געהאַט אים אַריינצונעמען אין שטוב אַריין. ער האָט גע־וואוינט אין אַ צימער מיט נאָך אַ משפּחה, און וויבאַלד מען האָט ערגעץ געפונען אַן אַנטלאָפענעם פונם לאַגער — האָט מען געהרגעט די גאַנצע משפּחה. האָט ער אים געגעבן אַביסל געלט און קליידער (איך האָב געהאַט בלויז אַ מאַנטל), און אַזוי זענען מיר ביידע געבליבן אין געטאָ, אָבער אָן אַ מעג־לעכקייט אַריינצוגיין אין אַ שטוב זיך דערוואַרעמען און טרינ־קען אַ גלאָז טיי. אַפילו פאַר געלט האָט אונדז קיינער גאָרנישט געוואָלט פאַרקויפן, אויס פּחד טאָמער זענען מיר אַנטלאָפענע פונם לאַגער. אַזוי זענען מיר נאָך די זעלבע נאַכט אַרעס־טירט געוואָרן פון דער יידישער פּאָליציי, וואָס איז געווען אין לעמבערג זייער גוט אָרגאַניזירט, און פאַרשפּאַרט גע־וואָרן אין דער תפיסה אין הויז פונם יודענראַט. דאָס איז געווען בעסער ווי אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער געסטאַ־פּאָ, אָבער דורכגעמאַכט האָב איך דאָרט נישט ווייניקער ווי אין לאַגער, און אפשר נאָך מער.

שכנא־אייבער טיקער, וואָס איז געשלאָפן לעבן מיר אויף דער ערד, האָט אָנגעהויבן צו פיבערן, און מיר האָבן באַלד געוווּסט אַז ער האָט געכאַפּט אַ טיפוס. אינדערפרי איז אונדז געלונגען, נאָך לאַנגע וויכוחים און איבערגעבן דעם אַדרעס פון זיין ברודער, אַריינצוגעבן אים אין שפּיטאָל אין געטאָ. איך בין געבליבן אַליין אין קרימינאַל, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין שום אַדרעס פון אַ באַקאַנטן איינוואוינער פונם געטאָ. ס'האָבן זיך געטראָפן יידישע פּאָליציאַנטן, וואָס

האָבן געוואָלט אַראָפּציִען פון מיר דעם מאַנטל, כדי צו זען צי בין איך נישט קיין אַנטלאָפענער פונעם לאַגער. ס'איז געקומען צווישן אונדז צו אַ געשלעג, דערנאָך איז מיר געלונגען צו באַקומען אַן אוידיענץ ביי איינעם פון די קאָמאַנדאַנטן פון דער יידישער פּאָליציי, און ער האָט געהייסן מיך באַפרייען פונעם קרימינאַל.

כ

מיט שווערער מי איז מיר געלונגען זיך צוצושלאָגן קיין טלוסטע, וואו ס'איז נאָך געווען אַ געטאָ און וואו מיינע עלטערן האָבן געלעבט ביי מיין מומע חנה טאובער. דאָס געטאָ אין טלוסטע איז געווען פון די לעצטע איבערגעבליבענע געטאָס, און דאָרט האָבן זיך צונויפגעקליבן יידן פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך. אויך פון האָראָדענקע איז געלונגען אַ הייפעלע יידן זיך אַרויסצושמוגלען, אַריבערצוגיין דעם דניעסטר און קומען קיין טלוסטע. איך זאָג „זיך אַרויסצושמוגלען", ווייל אין דער צייט ווען מען האָט ליקווידירט דאָס געטאָ אין האָראָדענקע האָט מען אַלע איבערגעבליבענע יידן געהייסן אַריבערגיין אין קאָלאָמייער געטאָ. דאָס איז געווען די „טאַקטיק" פון די דייטשן: צו קאָנצענטרירן די יידן פון דער גאַנצער געגנט אין איין פּלאַץ, כדי זיי דערנאָך לייכטער צו פאַרניכטן. אָבער די יידן האָבן פאַרשטאַנען די כוונה און מורא געהאַט צו גיין קיין קאָלאָמיי. אמת, דיזעלבע כוונה און דיזעלבע סכנה איז אויך געווען אין טלוסטע. אָבער גראָד ווייל אַהין האָט מען נישט געלאָזט גיין — האָבן אַלע געשטרעבט צו קומען אַהין. מיט גרויסער מי און מיט גרויסע סכנות איז געלונגען אַביסל האָראָדענקער יידן צו קומען קיין טלוסטע אין דער צייט ווען דאָס געטאָ איז נאָך נישט געווען פאַרמאַכט, דאָס הייסט נאָך נישט אַרומגענומען מיט אַ מויער, און מען האָט נאָך געקאָנט זיך פריי באַוועגן. קיין פראַגע וואו צו וואוינען איז נישט געווען, דערפאַר האָבן שוין געזאָרגט די דייטשן: זיי האָבן פון צייט צו צייט געמאַכט אַקציעס, און אַזוי זענען געבליבן ליידיקע דירות. אויך די עקאָנאָמישע לאַגע איז נישט געווען קיין שווערע, ווייל מען האָט געקאָנט זיך פריי באַוועגן און האַנדלען מיט די פּאָליאַקן און די אוקראַינער אין דער געגנט. אין לאַגער „יאַנאָווסקאַ" אין לעמבערג האָט מען אַפּאָר מאָל געבראַכט בחורים פון טלוסטע, און פון זיי האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָרט געפינען זיך אַביסל יידן פון האָראָדענקע. אין איינער פון די אַקציעס אין טלוסטע איז געהרגעט געוואָרן וועלוול גלאָגער פון האָראָדענקע, נאָכדעם ווי ער האָט דערשאָסן אַ דייטשן אָפיציר. גלאָגער איז געווען אין טלוסטע מיט אַ טייל פון זיין משפחה.

כא

צו יענער צייט איז געווען אין טלוסטע אַ דייטש מיטן נאָמען פּאַטי. ער האָט געהאַט די אויפזיכט אויפן איינזאַמלען פון תבואות פאַר די דייטשן, און איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער אויפזעער איבער אַפּאָר פאָלוואַרקן אין דער געגנט. אין איינעם פון די פאָלוואַרקן, אין דאָרף ליסאָווצע, האָבן די דייטשן געמאַכט עקספּערימענטן מיט אַ געוויקס מיטן נאָמען „קאָקסאַגיז", פון וועלכן זיי האָבן אַרויסבאַקומען גומי. דערצו האָבן זיי געברויכט אַרבעטער. די פּאָליאַקן און אוקראַינער זענען געווען אויפגעבראַכט, וואָס מען האָט אַסך יונגעלייט פון זיי אַוועקגעשיקט אַרבעטן אין דייטשלאַנד, און אַפילו ווען מען האָט זיי צוואַנגסווייזע גענומען, האָבן זיי נישט געוואָלט אַרבעטן. דעמאָלט האָט זיך פּאַטי געווענדעט צום יודענראַט מיט אַ פאָרשלאַג, צו מאַכן אין ליסאָווצע אַן אַרבעטסלאַגער פאַר אַפּאָר צענדליק יידישע יונגעלייט, און ער האָט זיך געוואָלט פאַרפליכטן, אַז די יידן וואָס וועלן דאָרט אַרבעטן וועט גאָר קיין שלעכטס נישט געשען. אַ טייל פונעם יודענראַט איז געווען איבערצייגט אַז פּאַטי מיינט עס גוט, און ער וועט טראַכטן וואָרט צו האַלטן. אָבער נאָך די ביטערע דערפאַרונגען אין די דייטשע „אַרבעטס־לאַגערן", האָבן זיך נישט געפונען קיין יידן וואָס זאָלן גיין פרייוויליק צו דער אַרבעט. האָט זיך דער יודענראַט געווענדעט צו מיר (איך בין אינצווישן געזונט געוואָרן, און צופעליק זענען אין יענער צייט קיין אַקציעס נישט געווען), און מיר דערקלערט דעם עניין פון דעם פאָרגעשלאָגענעם אַרבעטסלאַגער. זיי האָבן מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל מיך אַלס ערשטער מעלדן פרייוויליק צו דער אַרבעט און גיין אַרבעטן, און דערנאָך וועלן זיך שוין געפינען נאָך אַ דרייסיק בחורים, וואָס וועלן גיין נאָך מיר. זייער מיינונג איז געווען, אַז ס'איז אַ שאָד אַוועקצולאָזן די געלעגנהייט, ווייל פּאַטי מיינט עס גוט און מען דאַרף זיך צו אים באַציִען מיט כבוד און צוטרוי. געווענדעט האָבן זיי זיך צו מיר, ווייל איך בין געווען דער ערשטער וואָס איז צוריקגעקומען פונעם לאַגער „יאַנאָווסקאַ", וועלכער האָט געהאַט אַ שם אַלס איינער פון די ערגסטע לאַגערן אין פּוילן. זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בעל־נסיון וואָס אָנבעלאַנגט דייטשע לאַגערס, און געקוקט אויף מיר ווי אויף איינעם וואָס איז צוריקגעקומען פונעם עולם האמת.

איך האָב מיר די זאַך איבערלייגט, בין אַרויסגעגאַנגען קיין ליסאָווצע אָנקוקן דעם לאַגער, און האָב באַשלאָסן אַרויסצוגיין אַהין מיט מיין ברודער אבא ע"ה. און ווירקלעך, צוזאַמען מיט אונדז איז אַרויסגעגאַנגען אַ גרופּע פון צוואָנציק בחורים פונעם טלוסטער געטאָ. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לאַגערן איז דאָס לעבן אין לאַגער ליסאָווצע געווען נאָרמאַל און גוט. דער אַלגעמיינער אויפזעער איבער דער אַרבעט איז געווען אַ ייד, מיטן נאָמען כץ, וואָס איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן נאָך פון דער צייט ווען דער פאָלוואַרק איז געווען אין די הענט פון זיינע יידישע אייגנטימער. אָבער ווען מיר זענען געקומען אינדערפרי צו דער אַרבעט, צוזאַמען מיט אַלע גויים, האָט זיך כץ גאָרנישט גערעכנט דערמיט וואָס מיר האָבן קיין דערפאַרונג אין לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, און האָט פאַרלאַנגט פון אונדז מיר זאָלן אַרבעטן פונקט ווי די גויים. די באַציִונג פון די דאָרפס־גויים איז געווען גענוג מענטשלעך. געוואוינט האָבן דאָרט מייסטנס פּאָליאַקן, און מיט זיי האָבן מיר זיך באַלד באַפריינדעט.

כב

איינמאָל אינדערפרי זענען דורכגעפאָרן אויפן וועג וואָס פירט קיין טלוסטע עטלעכע אויטאָס מיט געסטאַפּאָ־לייט און אוקראַינישע מיליציאַנטן אין דער ריכטונג פון טלוסטע. מיר

האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז אין געטאָ וועט באַלד זיין „היימלעך". אַ שעה שפּעטער האָבן מיר שוין געהערט אַ געשיסעריי פון טלוסטע. דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. אין אָוונט זענען די רוצחים ווידער פאַרבייגעפאָרן דורך דעם דאָרף, און מיר האָבן מורא געהאַט, זיי זאָלן נישט קומען אויך אין לאַגער אַריין. (מיר האָבן יענעם טאָג טאַקע נישט געאַרבעט, מיר זענען זיך אַלע צעלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער, און אין לאַגער איז קיינער נישט געבליבן). אָבער די רוצחים זענען, ווייזט אויס, שוין געווען אָנגעזעטיקט, אָדער זיי האָבן אפשר געהאַט אַן אויסדריקלעכן באַפעל, נישט צו טשעפּען דעם לאַגער (אַזוי האָט געזאָגט דער דייטשער קאָמענדאַנט).

נאָך דעם פאַל האָבן אָנגעהויבן קומען אין לאַגער אַריין וואָס מער מענטשן. אָנשטאָט אַפּאָר צענדליק זענען געקומען אַפּאָר הונדערט, אַזוי אַז אין לאַגער איז פאַר אַלע קיין פּלאַץ נישט געווען. פּאַטי האָט מסכים געווען אויפצושטעלן אַזעלכע לאַגערן אויך אין אַנדערע פּאָלוואַרקן אין דער געגנט, און אויך זיי האָבן זיך באַלד אָנגעפילט. סיי צו אונדז סיי אין די נייע לאַגערן האָבן אָנגעהויבן צו קומען גאַנצע משפּחות, קינדער און אַלטע, און מיר האָבן מורא באַקומען די דייטשן זאָלן דערפון נישט געוואָר ווערן, אָדער די אוקראַאינער זאָלן זיי דאָס נישט צוטראָגן. באַלד זענען געקומען אין לאַגער אויך די מיטגלידער פונעם יודענראַט און אָנגעהויבן זיך פּאַרווענדן ביים דייטשן קאָמענדאַנט, אַז ער זאָל אַלע לאָזן זיין אין לאַגער. זיי האָבן אים באַשיט מיט געלט און מתנות, און ער האָט זיי צוגעזאָגט דאָס צו טון און זיך באַמיען די געסטאַפּאָ זאָל דערפון נישט וויסן. אָבער די ווירקלעכקייט האָט נישט גאַנץ געשטימט מיט די הבטחות. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן אָנגעהויבן צו באַזוכן די לאַגערן, און יעדער באַזוך האָט געקאָסט אַפּאָר קרבנות.

כג

די טאָפּאָגראַפישע לאַגע פונעם דאָרף ליסאָווצע און פון דעם לאַגער איז געווען פאַר אונדז גאָר גינסטיק. דאָס דאָרף איז געלעגן אין אַ טיפן טאָל ביי אַ טייכל, אין יענער זייט פונעם טייכל האָבן זיך אָנגעהויבן וועלדער אויף אַפּאָר קילאָמעטער. צום דאָרף האָט געפירט בלויז איין וועג מיט אַ שטאַרקן באַרג־אַרויף, אַזוי אַז פון אַפּאָר קילאָמעטער ווייט האָט מען געקאָנט זען אָנקומען יעדן וואָגן אָדער אַפילו אַן איינצעלנעם מענטש. נישט איינמאָל האָבן מיר באַוויזן צו אַנטלויפן אין די וועלדער איידער די געסטאַפּאָ־לייט זענען אָנגעקומען, און זיי ווידער האָבן זיך נישט געטרויט צו זוכן אין וואַלד, וויסנדיק אַז זיי קענען דערביי געהרגעט ווערן. דאָך האָבן זיי אַלעמאָל באַוויזן עמיצן צו כאַפּן און מיטצונעמען.

דער לייטער פונעם פּאָלוואַרק איז געווען אַ דייטש מיטן נאָמען פראַנק. איך מוז זאָגן, אַז ער האָט זיך צו אונדז גוט באַצויגן, אפשר דערפאַר וואָס ער האָט זיך ערנסט באַצויגן צו זיינע עקספּערימענטן, און האָט געוואוסט אַז אָן אונדז וועט ער די אַרבעט נישט קענען אויספירן. איינמאָל, אין דער צייט פונעם דרעשן, האָט ער זיך געווענדעט צו אונדז, מיר זאָלן בלייבן ביי דער אַרבעט די גאַנצע נאַכט, כדי צו ענדיקן דאָס דרעשן. דאָס איז געווען אַ געפערלעכע זאַך, ווייל ביינאַכט האָבן מיר נישט געקאָנט זען ווער עמיצער קומט אָן. ער האָט געוואוסט דערפון, און האָט אונדז צוגעזאָגט אַז ס'וועט אונדז גאָרנישט געשען. מיר האָבן אים געגלויבט, אָבער פאַרטאָג האָבן מיר דערזען, אַז מיר זענען אַרומגענומען פון אַפּאָר הונדערט געסטאַפּאָ־לייט און אוקראַאינישע זשאַנדאַרמען. ס'איז נאָך געווען טונקל, האָבן אַטייל פון אונדז דאָס אויסגענוצט און אָנגעהויבן אַנטלויפן אין די וועלדער, און די דייטשן זענען זיי נאָכגעלאָפן. דערביי זענען זיבעצן פון אונדז געהרגעט געוואָרן, און די איבעריקע האָט די געסטאַפּאָ צונויפגענומען אויף איין פּלאַץ, געבראַכט אַהין אויך אַלע מענטשן פונעם לאַגער, און געהייסן די מענער אויסגראָבן אַ גרוב.

דערווייל איז איינער פון די אַנטלאָפענע געקומען צום אָבערלייטער פראַנק און אים די זאַך דערציילט. האָט ער זיך באַלד, נישט אָנגעטאָנענרייט, אויפגעריטן אויף אַ פערד און איז אָנגעקומען אויפן פּלאַץ אין מיטן גראָבן די גרוב. מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט, מיט געשריי און דראָהונגען, האָט ער געצוואונגען דעם קאָמענדאַנט פון דער געסטאַפּאָ צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, און אַזוי זענען אַלע געבליבן לעבן. דאָס איז געווען אַן אומדערהערטער פאַל, אָבער זיין תקיפות איז געקומען דערפון, וואָס ער איז געווען אַ קוזין פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פונעם קראַקעווער דיסטריקט פראַנק, און דער קאָמענדאַנט פון דער געסטאַפּאָ האָט דאָס אויך געוואוסט און זיך גערעכנט דערמיט.

צומאָרגנס האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקומען די אַלע וואָס זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער, דאַרונטער אויך איך און מיין ברודער. נאָך דעם פאַל האָבן מיר זיך געפילט אַביסל זיכערער. מיר האָבן, אמת, באַגראָבן זיבעצן קרבנות, אָבער מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז פראַנק האַלט פאַר אונדז שטאָל און אייזן.

כד

מיר האָבן געהאַט נאָך אַ געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך, ווי גוט און אָנשטענדיק פראַנק איז קעגן אונדז געווען. אין לאַגער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ טיפוס־עפּידעמיע, און מענטשן האָבן אָנגעהויבן קראַנק ווערן און שטאַרבן. דאָס גאַנצע דאָרף האָט דערפון געוואוסט. נאָר ער „האָט נישט געוואוסט". דערנאָך איז ער אַליין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און איז געלעגן אין שפּיטאָל. דעמאָלט האָט זיך אַ דעלעגאַציע פון דאָרפסגויים געווענדעט צו דער געסטאַפּאָ, און געפאָדערט זי זאָל „ליקווידירן" די יידן מיטן טיפוס צוזאַמען. די געסטאַפּאָ מיט דער דעלעגאַציע זענען געגאַנגען צום אָבערלייטער פראַנק אין שפּיטאָל אַריין, צו באַקומען פון אים די דערלויבניש צו דער „אַקציע". לויט מען האָט אונדז דערציילט, האָט ער זיך אויף זיי צעשריגן און געזאָגט אַז ער קען אַלע יידן אין לאַגער, קיינער פון זיי איז נישט קראַנק, און אויב ס'איז דאָ אַן עפּידעמיע אין דאָרף, קומט עס דערפון וואָס זיי, די גויים, לעבן אין שמוץ ווי די חזירים, דאַרף מען זיי ליקווידירן, נישט די יידן. אַזוי זענען מיר צום צווייטן מאָל אַ דאַנק אים ניצול געוואָרן.

צוויי טעג שפּעטער איז זיין פרוי געקומען אין דאָרף אַריין, צונויפגענומען זיינע קליידער, און זיי זענען צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז

פון דעם טיפוס איז ער מער נישט געזונט געוואָרן און איז געשטאָרבן. מיר ווידער האָבן אָנגעהויבן נאָכקלערן וועד ס׳וועט קומען אויף זיין פּלאַץ, ווייל זייער אָסך איז געווען אָפּהענגיק דערפון, וואָס פאַר אַ מענטש דער נייער לייטער וועט זיין.

אינצווישן זענען ליקווידירט געוואָרן אַלע רעשטלעך פון די געטאָס אין די אַרומיקע שטעט, און אונדזערע לאַגערן זענען געווען די איינציקע לעגאַלע אינזלען פאַר יידן אין דער גאַנצער געגנט. ס׳זענען, אמת, געווען אַ ביסל יידן באַהאַלטן ביי גויים, געווען אויך יידן וואָס האָבן געלעבט אין די וועל־דער, אין בונקערס וואָס זיי האָבן זיך אויסגעגראָבן, אָבער סיי די סיי יענע האָבן געלעבט אין אַ סך ערגערע באַדינגונגען ווי מיר. מיר זענען דאָך געווען אויפן פרייעם פוס, אָבער אין פאַל פון ליקווידירן די לאַגערן, האָבן מיר נישט געהאַט וואוהין צו גיין.

אין אונדזערע לאַגערן זענען געווען נישט נאָר יונגעלייט, נאָר אויך אַלטע און קינדער. איך אַליין האָב אויך געבראַכט מיינע עלטערן אין לאַגער אַריין. צו יענער צייט איז שוין מיין פאָטער געווען זייער קראַנק און כמעט נישט געקאָנט אַרומגיין, אָבער אַ דאַנק אונדזערע פאַרבינדונגען מיט די דאָרפס־גויים, האָבן מיר ווי־נישט־ווי זיך געהאַלטן. אַז מיין ברודער איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און האָט נישט גע־טאָרט ליגן אין לאַגער, האָב איך אים געמוזט אַוועקטראָגן אין וואַלד אַריין אויף צוויי־דריי טעג, אָדער זיך איינבעטן, מען זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן אַ נאַכט אָדער צוויי. אויב ער איז געבליבן לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען, אָן אַ דאָקטער און אָן רפואות, איז דאָס געווען אַ נס מן השמים.

כה

אַ קורצע צייט שפּעטער איז געקומען אַן עלטערער דייטש, אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם, אָבער נישט פון געסטאַפּאָ, האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז ער הייסט באַדענבירג, און האָט איבער־גענומען די לייטונג פונעם פאַלוואַרק און דעם לאַגער. אַ דעלעגאַציע פון די דאָרפסלייט איז באַלד געקומען צו אים און געפרואווט זיך דערוויסן, וויאַזוי ער באַציט זיך צו יידן. ער האָט זיי נישט אַנטוישט. ער האָט אויסגעדריקט זיין פאַרוואונ־דערונג, וואָס דאָ זענען בכלל נאָך געבליבן יידן, און זיי גע־זאָגט, אַז זיי וועלן לאַנג נישט דאַרפן פון זיי ליידן. אַז מיר האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָבן מיר באַשלאָסן צו שיקן צו אים אַ דעלעגאַציע און אים דערקלערן די וויכטיקייט פון דער אונטערנעמונג ביי וועלכער מיר אַרבעטן, און אַז מיר זענען גאַנץ איבערגעגעבן צו דער אַרבעט. אָבער ס׳האָבן זיך נישט געפונען קיין פרייוויליקע, וואָס זאָלן זיך איינשטעלן צו גיין צו אים. ענדלעך האָט משה שולמאַן פון טלוסטע, וואָס איז שוין אַ צייט לאַנג געווען אונדזער פאַרשטייער, זיך אונטערגענומען צו גיין צום נייעם אָבערלייטער. שולמאַן איז צוריקגעקומען מיט אַ פריילעך פּנים, און האָט דערציילט אַז ער האָט געטראָפן דעם דייטש גאַנץ אַנדערש ווי די גויים האָבן אים פאָרגעשטעלט. ער האָט אים גוט אויפגענומען, זיך אינטע־רעסירט מיט אַלץ וואָס טוט זיך אין לאַגער, און דערציילט אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד אין מיטן דער נאַכט, מיט לייגיקע הענט. ער האָט גערן אָנגענומען די מתנה, וואָס שולמאַן האָט מיטגענומען כדי צו זען וואו עס האַלט, ווייל געוואוסט האָבן מיר, אַז ווען דער דייטש נעמט איז עס אַ גוטער סימן, ער וועט מוזן אויך עפּעס דערפאַר געבן. אַזוי האָט זיך דאָס לעבן אין לאַגער ווייטער געפירט, מען האָט געלעבט אין שרעק — אָבער מען האָט געלעבט.

כו

אָט־די לאַגע האָט געדויערט ביז יאַנואַר 1944, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצופילן די רעזולטאַטן פונעם דייטשן דורכפאַל אין רוסלאַנד, און אויף די וועגן האָט זיך באַוויזן אַ שטאַרקע באַוועגונג פון דייטשן מיליטער אויפן וועג צוריק. גלייכצייטיק האָט זיך אָפּגעפילט די טעטיקייט פון די רוסישע פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן זיי באַגעגנט אין די וועלדער, אָבער זיי האָבן בשום אופן נישט מסכים געווען אונדז אַריינצונעמען אין זייערע רייען.

קעגן סוף יאַנואַר האָט דער אָבערלייטער באַדענבירג באַ־קומען אַ באַפעל, צונויפצונעמען אין פאַלוואַרק אַלץ וואָס לאָזט זיך, אויפלאָדן עס אויף וועגענער און מיט געטרייע מענטשן אַריבערפירן קיין טלוסטע אין גרויסן פאַלוואַרק, און דאָרט וואַרטן אויף אַ ווייטערן באַפעל. באַדענבירג האָט באַשלאָסן, אַז ער האָט נישט קיין געטרייערע מענטשן ווי די יידישע בחורים. האָט ער מיך געבעטן אויסצוקלויבן צען מוטיקע בחו־רים, וואָס זאָלן מיט אים מיטגיין, וועט ער אונדז אַריבערפירן קיין דייטשלאַנד אויף זיין גוט, און דאָרט וועלן מיר קענען בלייבן ביז צום סוף פון דער מלחמה. איך האָב זיין פאָרשלאַג באַלד איבערגעגעבן מיינע חברים, און אַזוי ווי דאָס לעבן אין לאַגער איז סיי־ווי נישט געווען זיכער — האָבן מיר באַשלאָסן אויסצונוצן די מעגלעכקייט און געבן אים די נויטיקע צאָל מענטשן. איך אַליין האָב נישט געקאָנט מיטגיין, ווייל איך האָב נישט געוואָלט איבערלאָזן מיינע עלטערן.

אַ קורצע צייט שפּעטער זענען זיי טאַקע אַריבער קיין טלוסטע, און באַדענבירג האָט פאַר זיי געזאָרגט, און האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס איך האָב נישט אויס־גענוצט זיין גוטהאַרציקייט און בין אים געוואָרן „אומגעטריי״, נאָכדעם ווי ער האָט זיך צו מיר די גאַנצע צייט זייער גוט באַצויגן.

כז

דערווייל איז דער דייטשער ריקצוג געוואָרן וואָס אַמאָל גיכער, און אין פעברואַר 1944 האָבן די דייטשן אין טלוסטע באַקומען אַ באַפעל, זיך ווי צום שנעלסטן צוריקצוציען. זיי האָבן שוין נישט באַוויזן מיטצונעמען אַלץ וואָס זיי האָבן צוגעגרייט, אַלע וועגענער וואָס באַדענבירג האָט מיטגענומען זענען גע־בליבן, און אונדזערע בחורים האָבן זיך מיט זיי אומגעקערט קיין ליסאָווצע.

מיר האָבן זיך זייער געפרייט, וואָס דער דייטשער ריק־צוג האָט זיך אָנגעהויבן, אָבער אונדזער שמחה איז נישט געווען קיין פולשטענדיקע. קודם כל האָבן מיר נישט געוואוסט ווי לאַנג דאָס קען נאָך דויערן, און דער עיקר — וואָס וועט זיין דערנאָך? דערווייל זענען מיר געבליבן אין דאָרף, אין שרעק פאַר די היימישע פויערן און פאַר די באַנדעס פון בענ־

דעראַ. דאָס איז געווען אַן אוקראַאינישער נאַציאָנאַליסטישער פירער, אַ שונא־ישראל און שונא פון רוסן און דייטשן. אייגענטלעך האָט ער געקעמפט קעגן אַלע — פאַר אַן אומאָפּהענגיקער אוקראַאינע.

מיר האָבן געוואוסט אַז קעגן די בענדעראָווצעס וועלן מיר זיך נישט קענען פאַרטיידיקן, ווייל זיי זענען געווען אַ גרויסע צאָל און גוט באַוואָפנט, און אין דער לעצטער צייט זענען זיי געווען די אייגענטלעכע הערשער אין די דערפער און אין די וועלדער. איבערדעם האָבן אַלע דריי לאַגערן באַשלאָסן אַריבערצוגיין קיין טלוסטע אין גרויסן פאָלוואַרק אַריין, וועלכער איז געלעגן ביים הויפּטוועג, כדי דאָרט — אַזאַ שפּאַס פונעם גורל — צו זיין באַשיצט פונעם דייטשן מיליטער קעגן אַן אָנפאַל פון די בענדעראָווצעס. מיר האָבן זיך אויך אָרגאַניזירט אויפן נייעם פּלאַץ, און אַוועקגעשטעלט אַ וואַך, כדי צו זיין גרייט אין פאַל פון אַן איבערפאַל. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז געווען איבעריק, ווייל די באַנדעס האָבן סיי־ווי נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן צום הויפּטוועג, וואו די דייטשן זענען געווען. אָבער אין אַ לאַגער פון יידן אין דאָרף האָלאָווטשינצע, וואָס האָבן נישט באַוויזן אַריבערצוקומען קיין טלוסטע, האָבן זיי געמאַכט אַן אָנפאַל, אַ סך יידן געהרגעט און די איבעריקע פאַרוואונדעט. צומאָרגנס האָבן מיר זיך דערפון דערוואוסט, איז אַ גרופּע פון אונדז אַריבערגעגאַנגען אין יענעם דאָרף אַריין, אָבער מיר האָבן מער נישט געקאָנט טון ווי באַגראָבן די טויטע און אַריבערפירן קעגן דרייסיק פאַרוואונדעטע קיין טלוסטע. די אוקראַאינישע באַנדיטן האָבן אונדז געלאָזט דאָס טון און האָבן זיך נישט אַקעגנגעשטעלט. די פאַרוואונדעטע האָבן מיר אַוועקגעלייגט אין אַ גרויסן באַראַק אין אונדזער לאַגער, און זיך באַמיט זיי צו ראַטעווען, אויף וויפל ס׳איז געווען מעגלעך. צווישן די פאַרוואונדעטע איז געווען יורמאַן, וואָס איר פאָטער האָט זיך באַשעפטיקט אין האָראָדענקע מיט פאַריכטן פעלצן. אויך צווישן די טויטע זענען געווען האָראָדענקער, אָבער איך געדענק נישט ווער זיי זענען געווען.

כח

צווישן די דייטשן וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון רוסלאַנד זענען נישט געווען קיין זשאַנדאַרמען און נישט קיין געסטאַפּאָ־לייט, נאָר זעלנער פון דער ווערמאַכט, און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געוואוסט בפירוש אַז מיר זענען יידן, האָבן זיי זיך צו אונדז גוט באַצויגן. און אַפילו געגעבן מעדיקאַמענטן פאַר די פאַרוואונדעטע. צום גליק האָבן זיי זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף לאַנג, איין גרופּע איז אַוועק און די צווייטע איז געקומען, האָבן זיי קיין צייט נישט געהאַט אויסצוגעפינען ווער מיר זענען.

דאָס האָט געדויערט כמעט אַ גאַנצן חודש, ביז דער הויפּטוועג איז גאַנץ שטיל געוואָרן. נאָר פון צייט צו צייט איז פאַרבייגעלאָפן אַן אויטאָ, אַ מאָטאָציקל אָדער אַ טאַנק, און זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו אַ רגע. מיר זענען געווען זייער געשפּאַנט, מיר האָבן דערוואַרט אַז דאָ וועט זיכער זיין אַ קאַמף, ווייל געהערט האָבן מיר אַז די דייטשן קעמפן אויף יעדן פונקט. מיר האָבן אַוועקגעשטעלט וואַכפּאָסטן אויף אַלע הויכע געביידעס, די בענדעראָווצעס זאָלן אונדז נישט איבעראַשן מיט אַן אָנפאַל. איך בין געשטאַנען מיט נאָך צוויי חברים, מוניע ווענקערט און מאַקס העלמאַן פון זאַלישטשיק, אין אַ שפּיץ פון אַ קלויסטער, אַביסל ווייטער פונעם לאַגער.

דעם 24־סטן מערץ 1944 אינדערפרי האָבן מיר דערזען אַ טאַנק, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער שטאָט, און נאָך אַ פּאָר מינוט אָנגעהויבן שיסן איבער דער שטאָט. דער טאַנק האָט זיך אומגעקערט, און ווידער איז שטיל געוואָרן אויף אַפּאָר מינוט. באַלד זענען אָנגעקומען עטלעכע טאַנקן, און אַלע צוזאַמען האָבן אָנגעהויבן צו שיסן. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז דער שפּיץ פונעם קלויסטער גייט איינפאַלן. אָבער זיי האָבן נישט געשאָסן אויף די הייזער, נאָר איבער זיי. דערנאָך האָט זיך אַ גאַנצע רייע טאַנקן אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו דער שטאָט. פון דעם הויכן פונקט וואו מיר זענען געשטאַנען האָבן מיר דייטלעך געזען דעם רויטן שטערן אויף די טאַנקען. אויף יעדן טאַנק זענען געזעסן סאָלדאַטן.

אַז די טאַנקען זענען געקומען אין שטאָט אַריין זענען די רוסישע סאָלדאַטן אַראָפּגעשפּרונגען און זיך אַריינגעלאָזט אין די אַרומיקע געסלעך. דאַכט זיך, מיר זענען נישט געגאַנגען נאָר געפלויגן אָנזאָגן די בשורה אין לאַגער. און אַז די סאָלדאַטן זענען געקומען, זענען מיר אַרויס צו זיי און זיך מיט זיי אַרומגעכאַפּט. זיי זענען געווען ווי דערשטוינט, ווייל די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט זיך גאָרנישט אַזוי שטאַרק געפרייט מיט זיי, און ווען זיי זענען פאַרבייגעפאָרן שטעט און דערפער — איז קיינער נישט אַנטקעגן געגאַנגען זיי מקבל פנים זיין. און אַז זיי האָבן געהערט אַז מיר זענען יידן און זענען געבליבן לעבן — האָבן זיך ביי אַ טייל פון זיי באַוויזן טרערן אין די אויגן, ווייל אַזאַ וואונדער האָבן זיי נאָך נישט געזען. דער קאָמענדאַנט פון דעם רעגימענט איז געווען אַ ייד, איבערדעם זענען אַלע געווען באַקאַנט מיט דער „יידישער פּראַגע”.

כט

און דאָ איז געקומען דאָס לעצטע אומגליק: אַזוי ווי די סאָלדאַטן זענען געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט אין די גאַסן, זענען אָנגעפלויגן אַ פינפאונצוואָנציק דייטשע עראָפּלאַנען און אָנגעהויבן באָמבאַרדירן און באַשיסן. די באָמבאַרדירונג האָט געדויערט מער ווי צוויי שעה. איין ברען־באָמבע איז געפאַלן אויפן באַראַק וואו די פאַרוואונדעטע זענען געלעגן, און אַלע זענען פאַרברענט געוואָרן.

באַלד ווי די באָמבאַרדירונג האָט זיך אָנגעהויבן, בין איך אַוועקגעלאָפן אין לאַגער אַריין. מיין פאָטער איז אויך געלעגן אין באַראַק, אָבער ער איז אַרויס פון דאָרט אָנקוקן די טאַנקען, און אַזוי איז ער ניצול געוואָרן. די צוויי חברים וואָס זענען מיט מיר געשטאַנען אויף וואַך, זענען אויך פאַרוואונדעט געוואָרן. מוניע ווענקערט איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס. מיר האָבן געמיינט אַז ער איז לייכט פאַרוואונדעט, אָבער אויפן וועג צום מיליטער שפּיטאָל איז ער געשטאָרבן. דער צווייטער, מאַקס העלמאַן, איז דווקא זייער שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין בויך, אָבער ער איז געזונט געוואָרן און געפינט זיך היינט אין אַמעריקע.

חיים (קאַרל) קויפמאַן

אין דער צייט פון אומקום

אין דער ערשטער העלפט פון יולי 1941 האָט די אונגאַרישע אַרמיי פאַרנומען האָראָדענקע. באַלד צומאָרגנס האָבן זיי איינגעפירט „קריגס־צושטאַנד”, און פאַרעפנטלעכט די פאַראָרדענונגען, וועלכע יעדער האָט געדאַרפט אָפּהיטן. כדי צו פאַרשאַרפן דעם רושם, האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ סלופּ מיט אַ תלייה אויפן פּלאַץ פאַר חיים־מענדל קאָכס הויז, און געדראָט אויפצוהענגען יעדן וואָס וועט איבערטרעטן די אויסנאַם־געזעצן.

די אוקראַאינער, וועלכע זענען כמעט אָן אַ אויסנאַם געווען שונאי ישראל, האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן אָנטון צרות די יידן. באַלד אין די ערשטע טעג האָבן זיי געהרגעט אַ ייד, וואָס האָט געוואוינט אויף דער קאָטיקיווקע. אין ניעזוויסקאַ האָבן זיי געכאַפּט אַ גרופּע יידן, אַרויפגעזעצט זיי אויף אַ ספּלאַוו און זיי דערטראָנקען אין דניעסטער. דעמאָלט איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן טראָגן אַ געלע לאַטע. יידישע דאָקטוירים און סאַניטאַרן האָבן אויסער דעם געמוזט טראָגן דעם רויטן קרייץ.

בדרך כלל האָבן די אונגאַרן נישט צופיל געהאַלטן מיט די אוקראַאינער און האָבן נישט געוואָלט נאָכקומען זייער פאַרלאַנג בנוגע דער פאַרניכטונג פון די יידן. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס די אוקראַאינער זענען געווען קעגנער פונעם אונגאַרישן פּלאַן צו פאַראייניקן קאַרפּאַטאָ־רוס מיט אונגאַרן. זיי האָבן זיך באַגניגנט דערמיט, וואָס זיי האָבן געצווינגען די יידן זיי זאָלן טראָגן די געלע לאַטע, און גענומען זיי צו פאַרשידענע צוואַנגסאַרבעטן. נאָר איין ייד, מענדעלע פּאָליציי, האָבן זיי געהרגעט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט גיין צו צוואַנגסאַרבעט.

לויטן באַפעל פון די אונגאַרן איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ געמיינדע־ראַט פון אוקראַאינער. וואַסקאָ, אַ לערער אין אוקראַאינישן גימנאַזיום, איז געוואָרן בירגערמייסטער, און דער לערער דראָזשינסקי — וויצע־בירגערמייסטער. ס'האָט זיך אויך אָרגאַניזירט אַן אוקראַאינישע מיליץ, און איר קאָמענדאַנט איז געוואָרן אַ באַוואוסטער אַנטיסעמיט מיטן נאָמען טשייקאָווסקי (נאָך דער באַפרייאונג פון האָראָדענקע האָבן די סאָוויעטן אים אויפגעהאָנגען). די מיליטערישן קאָמענדאַטור איז געווען אין פּוילישן גימנאַזיום, דער קאָמענדאַנט האָט געוואוינט ביי ד"ר שניידער, און זיין אַדיוטאַנט ביי קויפמאַנען.

אין יענער צייט האָבן די רומענער אָנגעהויבן צו באַדריקן זייערע יידן, און אַ סך יידן וואָס האָבן געוואוינט אין שכנות פון דער פּויליש־רומענישער גרענעץ זענען אַריבער די גרענעץ און זענען געקומען קיין האָראָדענקע. אַז די אונגאַרישע פאַרוואַלטונג האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָבן זיי געהייסן אַרעסטירן די רומענישן יידן און זיי אַריבערשיקן אין יענער זייט גרענעץ. די אַרעסטן האָט דורכגעפירט די אוקראַאינישע מיליץ, און זיי האָבן אויך אַוועקגעפירט די יידן צו דער גרענעץ און זיי געצוואונגען אַריבערצוגיין. אָבער די רומענישע גרענעצוואַך האָט די יידן נישט געלאָזט דורכגיין און האָט אויף זיי געשאָסן, און די אוקראַאינישע מיליץ האָט אויף זיי געשאָסן זיי זאָלן נישט צוריקגיין, און אַזוי זענען הונדערטער יידן געהרגעט געוואָרן און באַגראָבן געוואָרן ביי דער גרענעץ. אַז די פאָרשטייער פון די האָראָדענקער יידן האָבן אינטערווענירט און געפּרוואווט אָפּשטעלן די אויסווייזונגען פון די רומענישע יידן, האָבן די אוקראַאינער אַרויפגעלייגט אַלץ אויף די אונגאַרן, און די אונגאַרן האָבן זיך ריינגעוואַשן און געזאָגט אַז אַלץ טוט די אוקראַאינישע מיליץ.

קויפמאַן איז געווען באַפריינדעט מיטן אוקראַאינישן גלח בעבעט, און ער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די באַרבאַרישע מעשים פון דער אוקראַאינישער מיליץ. דער גלח האָט געפּרעדיקט אין דעם קלויסטער און האָט געבעטן מען זאָל אויפהערן באַדריקן די יידן. ער האָט דערמאָנט דעם פאַקט, אַז אין יאָר 1919 האָבן די פּאָליאַקן אָנגעהויבן מיט פּאָגראָמען אויף די יידן, און דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן צו מאָרדן אוקראַאינער; אַן ענלעכע זאַך, האָט ער געזאָגט, קען אויך איצט געשען. אַ צייט שפּעטער האָט מען ווידער אַרעסטירט איבער הונדערט רומענישע פּליטים און געוואָלט זיי אַריבערשיקן אין יענער זייט גרענעץ. אַז די יידן האָבן זיך דערפון דערוואוסט, איז געגאַנגען אַ דעלעגאַציע (ד"ר שיץ, ד"ר ליכטמאַן און קויפמאַן) צום אונגאַרישן קאָמענדאַנט און האָט געבעטן מבטל זיין די גזירה. דער קאָמענדאַנט האָט געטענהט, אַז נישט זיי האָבן אַרויסגעגעבן דעם באַפעל, און ער איז גרייט דאָס צו זאָגן די פאָרשטייער פון די אוקראַאינער, וועלכע האָבן געדאַרפט קומען צו אים צוויי שעה שפּעטער.

אַרויסגייענדיק פונעם קאָמענדאַנט האָבן מיר באַגעגנט דעם גלח בעבעט און אים דערציילט וואָס ס'איז געשען. ער האָט באַלד מסכים געווען צו גיין מיט אונדז צו דער מיליץ, וועלכע איז געווען אין געביידע פונם געריכט, און פאָדערן מען זאָל די יידן נישט אויסווייזן. מיר האָבן זיך געווענדעט צום קאָמענדאַנט טשייקאָווסקי, איבערגעגעבן אים וואָס דער אונגאַרישער גענעראַל האָט געזאָגט, און אים געבעטן די יידן צו באַפרייען. מיר האָבן אים דערפאַר צוגעזאָגט אַ שיינע מתנה פאַר דער מיליץ. טשייקאָווסקי האָט געענטפערט, אַז ס'איז ליידער צו שפּעט, ווייל שוין אַ האַלבע שעה פריער האָט מען די אַרעסטירטע יידן אָפּגעשיקט צו דער גרענעץ. אַז מיר האָבן אים געבעטן ער זאָל אונדז געבן אַ בריוו, מען זאָל זיי אומקערן צוריק פון דער גרענעץ, האָט ער געהאַט פאַרשידענע אויסריידן, אַז אין שטאָט איז פאַראַן קנאַפּ צו עסן, און ער קען נישט האַלטן קיין פרעמדע יידן. מיר האָבן אים צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן טראַכטן זיי אַריבערצושיקן אין יענער זייט דניעסטער, און ענדלעך האָבן מיר ביי אים געפּועלט

ער זאָל געבן אַ בריוו, מען זאָל די יידן צוריקפירן קיין האָראָדענקע. אָבער אין דעם מאָמענט איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט בטל געמאַכט די הערשאַפט פון דער אוקראַאינישער מיליץ, אָבער גלייכצייטיק האָט זי אויך צו נישט געמאַכט די האָפנונג אָפצוראַטעווען די אויסגעוויזענע יידן, און זייער סוף איז געווען ווי דער סוף פון די פריערדיקע טראַנספּאָרטן צו דער רומענישער גרענעץ. ווי נאָר דער קאָמענדאַנט האָט געענדיקט דעם בריוו און האָט געוואָלט אויף אים לייגן דעם שטעמפל — זענען אָנגעקומען באַוואָפענטע אונגאַרישע זעלנער, האָבן מכבד געווען דעם קאָמענדאַנט מיט אַ פאַטש אין באַק און האָבן אים געהייסן אָפּגעבן אַלע וואָפן און מוניציע פון דער מיליץ. דערמיט איז ליקווידירט געוואָרן די אוקראַאינישע מיליץ. אַרויסגעוויזן האָט זיך דערנאָך, אַז דאָס איז געווען אַ נקמה דערפאַר וואָס צוויי אונגאַרישע זעלנער זענען געהרגעט געוואָרן ביי אַ צוזאַמענשטויס מיט דער אוקראַאינישער מיליץ. די יידישע דעלעגאַציע האָט מען באַלד באַפרייט. די אונגאַרן האָבן געוואָלט באַפרייען אויך דעם גלח בעבעט, אָבער ער האָט ליבער געוואָלט בלייבן אַרעסטירט מיט זיינע אוקראַאינער. נאָכן ליקווידירן די מיליץ האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס אויסווייזן פון די רומענישע פליטים.

אין יענער צייט האָט די אונגאַרישע רעגירונג אָנגעהויבן אויסווייזן די יידישע איינוואוינער, וואָס האָבן נישט געקאָנט נאָכווייזן אַז זיי זענען אונגאַרישע בירגער. די יידן האָט מען אַרויסגעטריבן מיט ליידיקע הענט, נאַקעט און באָרוועס, און זיי געצוואונגען צו גיין צופוס ביז צו די אַרבעטסלאַגער אין דער געגענט פון קאַמיניץ פּאָדאָלסק. די טראַנספּאָרטן זענען געגאַנגען איבער האָראָדענקע, און די האָראָדענקער יידן האָבן זיך באַמיט זיי צו העלפן מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט. מען האָט אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־קיך, וואו מען האָט געטיילט מאָלצייטן אומזיסט, און פאַר די נויטבאַדערפטיקע האָט מען געטיילט קליידער. אין שטאָט איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין פלייש, אָבער מיט הילף פון דריי אונגאַרישע זעלנער, וואָס האָבן געוואוינט ביי קויפמאַנען, איז אים געלונגען צו באַקומען פונם שעכטהויז די רעשטלעך פונם פלייש (קעפ, פיס, לונג) און אַוועקגעגעבן עס פאַר דער קיך.

קעגן סוף זומער 1941 איז דאָס אונגאַרישע מיליטער אַוועק און דאָס דייטשע מיליטער האָט באַזעצט די שטאָט. מזרח־גאַליציע איז אויפסניי פאַרטיילט געוואָרן אין אַ פאָר קרייזן, אַנדערש ווי ביי עסטרייך און פוילן, און אַזוי זענען די שטעט טלומאַטש און אָטיניע, וועלכע זענען פריער געווען אין סטאַניסלויער באַצירק, צוגעטיילט געוואָרן צום האָראָדענקער קרייז. דער ערשטער קרייז־הויפטמאַן אין שטאָט איז געווען אַן עסטרייכער מיטן נאָמען ווינקלער. דער קאָמענדאַנט פון דער געסטאַפּאָ איז געווען אָבערשטורמבאַנפירער דאָפלער, אַ פאַרברענטער נאַצי און גיפטיקער אַנטיסעמיט, פון די ערשטע וואָס האָבן געהאָלפן ברענגען היטלערן צו דער מאַכט. מיט אים צוזאַמען איז געקומען זיין „פריינדין" פריילין נידערמאַן.

לויטן באַפעל פונם קרייז־הויפטמאַן ווינקלער איז נאָמינירט געוואָרן אַ יודענראַט פון דריי מיטגלידער: ד"ר העסעל, ד"ר אייבער שיץ און קאַרל קויפמאַן. דער קרייז־פאַרוואַלטער האָט זיך געווענדעט צום יודענראַט און געזאָגט: „זייט וויסן, אַז פון היינט אָן ווערן די יידן גערעכנט פאַר צווייטגראַדיקע בירגער. אָבער אויב איר וועט אייך פירן ערלעך און איר וועט אויספאָלגן אַלע באַפעלן — וועט אייער לעבן זיין געזיכערט". און אַזוי איז טאַקע געווען די ערשטע צייט. חוץ צוואַנגסאַרבעט און נאָך אַנדערע קלייניקייטן, איז דאָס נאָרמאַלע לעבן נישט געשטערט געוואָרן.

נאָך אַ קורצער צייט איז אויפן אָרט פונם קרייז־הויפטמאַן ווינקלער געקומען אַ נייער קרייז־הויפטמאַן מיטן נאָמען האַנס האַק, אַ הינטערליסטיקער און געלטגיריקער ס.ס.־מאַן. ער האָט אָפּגעשאַפט דעם פריערדיקן יודענראַט און באַשטימט אַ נייעם יודענראַט, וואָס זיינע מיטגלידער זענען געווען: ד"ר העסעל — פאָרזיצער, ד"ר שיץ, ישראל קוגלער, איזיו געלער און אַנדערע. אָט דער קאָמיטעט האָט זיך באַדאַרפט פאַרנעמען מיט אַלע אַלגעמיינע ענינים פון די יידן פון האָראָדענקע און דער סביבה. ד"ר שניידער און קאַרל קויפמאַן זענען באַשטימט געוואָרן אַלס אויפזעער איבער די סאַניטאַרע ענינים.

באַלד די ערשטע טעג האָט דער נייער קרייזהויפטמאַן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן אין פאַרלויף פון 48 שעה אָוועקגעבן אים דאָס גאַנצע גאָלד (חוץ קידושין־רינגלעך), אַלע בריליאַנטן, דעוויזן, פעלצן און אַפילו קאַווע וואָס זיי פאַרמאָגן, און ווער עס וועט דעם באַפעל נישט אויספירן וועט באַשטראָפט ווערן מיט טויט־שטראָף. די יידן האָבן כמעט אַלע אויסגעפירט דעם באַפעל און אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס מען האָט פון זיי פאַרלאַנגט, און זיי האָבן דאַריף אַפילו קיין באַשטעטיקונג נישט באַקומען.

אַ שטיקל צייט שפעטער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַלע יידישע מענער, פון 14 ביז 60 יאָר, זאָלן זיך פאַרשרייבן אין אַרבעטסאַמט, כדי צו ווערן אַוועקגעשיקט צו צוואַנגסאַרבעט. דאָס אַרבעטסאַמט איז געווען אין הויז פון ד"ר ווערבער און איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַ דייטש מיטן נאָמען זייפערט. די יידן וואָס האָבן זיך פאַרשריבן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן צו פאַרשידענע אַרבעטן אין דער געגנט, דאַרונטער אויך צום בוי פון דער בריק איבערן דניעסטר, וואו אַ סך פון זיי זענען ביי דער אַרבעט דערטרונקען געוואָרן.

אויסער דעם אַמט פונם קרייזהויפטמאַן און דעם אַרבעטסאַמט איז נאָך געווען דאָס אַמט פון דער אָרטיקער מיליטערישער פאַרוואַלטונג, אונטער דער אָנפירונג פונם הויפטמאַן פידלער. פידלער איז געווען אַ בערלינער. אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פונם נאַציזם, און ער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט אין קויפמאַנס קעגנוואַרט, אַז אויב די נאַציס וועלן געווינען די מלחמה וועט ער זיך נעמען דאָס לעבן. ער האָט אונטער אַנדערעם געהאַט די אויפזיכט איבער די אַרבעטן פאַרן מיליטער, און האָט צו דעם צוועק יעדן טאָג באַקומען אַ געוויסע צאָל צוואַנגסאַרבעטער. ער האָט זיך גאַנץ מענטשלעך באַצויגן צו די אַרבעטער, און צוליב דעם האָבן אַלע געוואָלט ביי אים אַרבעטן. דורך אַ באַזונדערן באַפעל האָט

פידלער רעקווירירט קויפמאַנס דענטיסטישע קליניק פאַרן מיליטער, און אַזוי זענען אַלע אַרבעטער פון דער קליניק געווען געשיצט פאַר נאַצישע אונטערדריקונגען. מען האָט דערציילט, אַז בשעת דער ערשטער אַקציע האָט פידלער נישט געוואָלט געבן קיין מיליטערישע מאַשינען אויף צו פירן די יידן קיין סעמאַקאָוויץ, ווייל ער האָט נישט געוואָלט העלפן צום מאָרד פון שטילע אומשולדיקע בירגער.

איינס פון די פראָבלעמען מיט וועלכע דער יודענראַט האָט זיך פאַרנומען איז געווען דאָס איינאָרדענען די יידישע יתומים פון אונגאַרן, וועלכע מען האָט געבראַכט קיין האָראָדענקע אין דער צייט פון דער אונגאַרישער הערשאַפט. דרייצן אַזעלכע יתומים האָט מען דעמאָלט אַריינגעגעבן אין דעם אַלגעמיינעם פויליש־אוקראַאינישן בית־יתומים, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך אין דער צייט פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט (אין שכנות פונם שפּאַצירגאָרטן). די נאָנעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן אויפהאַלטן דעם בית־יתומים, האָבן זיך אַ פאָר מאָל געווענדעט צום יודענראַט, ער זאָל אַרויסנעמען די יידישע קינדער, ווייל זיי האָבן נישט גענוג עסן פאַר די קינדער פונם בית־יתומים. אָבער דער יודענראַט האָט זיך אַלע מאָל אויסגעדרייט דערפון, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין פאַסיקן פלאַץ פאַר די קינדער, און ער האָט אויך געוואוסט אַז אַלע יידן געפינען זיך אין אַ שווערער לאַגע. נאָכדעם ווי האַק האָט איבערגענומען די הערשאַפט, האָבן זיך די נאָנעס צו אים געווענדעט, און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, דער יודענראַט זאָל די קינדער אַרויסנעמען פונם אַלגעמיינעם בית־יתומים און זיך אַליין מיט זיי אָפּגעבן. דעמאָלט האָט מען די קינדער אַרויסגענומען און זיי צייטווייליק איינגעאָרדנט ביי קויפמאַנס פאָטער; דערנאָך האָט מען פאַר זיי געעפנט אַ בית־יתומים אין מיכל קאַמילס הויז. ישראל קוגלער האָט איבערגענומען די אויפזיכט איבער זיי, און מיט דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט האָבן זיך פאַרנומען אַ גרופּע יינגלעך מיט טוביה קאָרן בראש. קויפמאַן האָט פאַר זיי באַקומען פינף זעקלעך מעל פון זיינעם אַ באַקאַנטן מילנער הריניעוויעצקי, און ראובן פריפער מיט זיינע חברים האָבן דאָס מעל ביינאַכט בגניבה איבערגעפירט.

אין אָקטאָבער 1941 האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַלע יידן זאָלן אַריבערגיין וואוינען אין דעם געטאָ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אין די ענגסטע געסלעך אין מערבדיקן טייל פון דער שטאָט. בלויז די יידן פון דער טאָליקע האָבן געקאָנט בלייבן אין זייערע הייזער, ווייל אויך דאָרט איז באַשטימט געוואָרן אַ „יידיש פירטל". פאַרשטייט זיך, אַז אין געטאָ האָט געהערשט אַ שרעקלעכע ענגשאַפט. די קליניק פון ד"ר שניידער און קויפמאַנס דענטיסטישע לאַבאָראַטאָריע האָט מען אַריינגעזעצט אין שמואל בעקערס הויז, וואו ס'איז אַמאָל געווען דער „באַנק לודאָווי" (פאָלקס־באַנק).

אין נאָוועמבער 1941 איז געקומען קיין האָראָדענקע אַ דעלעגאַציע פון אָטיניער יידן און האָט געבעטן דעם פאָרזיצער פונם יודענראַט, ד"ר העסעל, ער זאָל אינטערווענירן ביים קרייזהויפטמאַן האַק מען זאָל באַפרייען עטלעכע הונדערט אָטיניער יידן, וועלכע זענען אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעפירט געוואָרן, קיינער ווייסט וואוהין. ד"ר העסעל האָט גערעדט מיטן קרייזהויפטמאַן, און האַק האָט אים געענטפערט, אַז אויב די אָטיניער יידן וועלן אים ברענגען צוויי קילאָ גאָלד, צען טויזנט גילדן און אַ פאָר בריליאַנטן, וועט ער זיך באַמיען צו באַפרייען די אַרעסטירטע יידן אין משך פון אַ וואָך. ווי אַ באַווייז פון זיינע גוטע כוונות האָט ער געגעבן אַ פאַסירשיין פאַר דער דעלעגאַציע, זיי זאָלן קענען צוריקפאָרן קיין אָטיניע אויף אַ לעגאַלן אופן. אַ פאָר טעג שפּעטער האָבן זיי אים געבראַכט די פאַרלאַנגטע „מתנה", און האַק האָט ווידער צוגעזאָגט, און האָט זיי געגעבן פאַסירשיינע אהיימצופאָרן.

נאָכדעם ווי די אַכט טעג זענען אַריבער, איז די דעלעגאַציע ווידער געקומען און דערציילט ד"ר העסעל, אַז די יידן זענען נאָך נישט באַפרייט געוואָרן. אַז ד"ר העסעל האָט זיך געווענדעט צום קרייזהויפטמאַן האַק, האָט יענער געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער איז זייער איבערראַשט פון דער ידיעה, און האָט צוגעזאָגט צו טעלעפאָנירן אָדער אַליין צו פאָרן און זיך ווענדן צו „די הויכע פענצטער", מען זאָל די יידן באַלד באַפרייען. דריי טעג שפּעטער איז די דעלעגאַציע ווידער געקומען, און דערציילט אַז די יידן זענען נאָך נישט באַפרייט געוואָרן. האַק איז כלומרשט בייז געוואָרן אויף די „גרויסע לייט", וואָס זאָגן צו און האַלטן נישט קיין וואָרט, און האָט פאָרגעשלאָגן דער דעלעגאַציע, זי זאָל בלייבן אַ פאָר טעג אין האָראָדענקע, ביז ער וועט צוריקקומען פון סטאַניסלוי און וועט ברענגען די בשורה, אַז די יידן זענען שוין באַפרייט געוואָרן.

ווידער זענען אַוועק אַ פאָר טעג מיט גאָרנישט. די דעלעגאַציע איז צוריקגעפאָרן קיין אָטיניע, און דאָרט האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז די אַרעסטירטע יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אין אַ וואַלד אין דער געגענט פון אָטיניע און דאָרט האָט מען זיי באַגראָבן.

ענדע נאָוועמבער 1941 האָט האַק בשטעלט צו זיך ד"ר העסעל און האָט אים דערציילט, אַז ער האָט זיך דערוואוסט פון אַ זיכערער קוועלע, אַז מען גייט דורכפירן אַן אַקציע אין האָראָדענקע. ער האָט צוגעגעבן, אַז אויב מען וועט אים געבן אַ מתנה דריי קילאָ גאָלד, אַ פאָר בריליאַנטן און אַנדערע ווערטזאַכן, איז ער גרייט צו פאָרן צום קאָמאַנדאָ און פועלן מען זאָל די גזירה מבטל זיין. ד"ר העסעל האָט דאָס איבערגעבן דעם יודענראַט, און מען האָט באַשלאָסן צונויפצוזאַמלען אין שטאָט דאָס גאָלד און די ווערטזאַכן און געבן אים די „מתנה". בשעת ער האָט צוגענומען די מתנה האָט האַק ווידער צוגעזאָגט אַז ער וועט די גזירה מבטל זיין, און געזאָגט אַז זיי קענען גאַנץ רואיק זיין. דערביי האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז דעם 4־טן דעצעמבער וועלן אַלע איינוואוינער פונם געטאָ מוזן זיך צונויפקומען ביי דער יידישער שול, כדי צו באַקומען אַן איינשפּריצונג קעגן טיפוס, און די איינשפּריצונגען וועלן מאַכן ד"ר שניידער, ד"ר וואַסערצווייג און די פרוי ד"ר וואַסערצווייג.

אַז דער הויפטמאַן פידלער און פריילין נידערמאַן האָבן וועגן דעם געהערט, האָבן זיי געוואָרנט קויפמאַנען, ער זאָל

נישט גלויבן וואָס האַק זאָגט און זאָל זיך דערויף נישט פאַר־לאָזן, ווײַל זיי האָבן געהערט פון אַ זיכערער קוועלע, אַז מען גייט דורכפירן די אַקציע, און דער עניין פון די איינ־שפּריצונגען איז נאָר אַן אויסרייד, כדי די יידן לייכטער צונויפברענגען. קויפמאַן האָט דאָס איבערגעגעבן ד״ר העסעל און דעם יודענראַט, אָבער זיי האָבן דאָך ווייטער געגלויבט אַז האַק האָט זיי נישט אָפּגענאַרט און ער וועט אפשר די גזירה בטל מאַכן. פאַר יעדן פאַל האָבן זיי פאַרגעלייגט ד״ר שניידער, ער זאָל געפינען אַן אויסרייד און נישט קומען מאַכן די איינשפּריצונגען; אָבער ד״ר שניידער האָט דאָס אָפּגעוואָרפן, און האָט געזאָגט אַז ער וויל זיך נישט אַרויס־דרייען, און ער וויל נישט אַ צווייטער זאָל ליידן וואָס אים איז באַשערט צו ליידן.

דעם 3־טן דעצעמבער האָט פּידלער צווויסן געגעבן קויפ־מאַנען און ד״ר שניידער, אַז צומאַרגנס וועט דורכגעפירט ווערן די „אַקציע״, און ער וויל זיי באַשיצן, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן די רוצחים אין די הענט אַריין; אין אָוונט וועט ער שיקן די מיליטער־פּאָליציי, וואָס וועט אַרעסטירן זיי און זייערע משפחות און זיי האַלטן פאַרשפּאַרט, ביז די אַקציע וועט אַריבערגיין. און ער האָט אויך וואָרט געהאַלטן. אין אָוונט האָט מען אַרעסטירט קויפמאַנען מיט זיין גאַנצער מש־פחה און ד״ר שניידערס פרוי מיט זייער טאָכטער, און מען האָט זיי אַלעמען פאַרשפּאַרט אין קעלער פון דער מיליטער־פּאָליציי, אין שמעון פילפעלס הויז. ד״ר שניידער אַליין האָט יענע נאַכט געהאַט „דיזשור״ אין שפּיטאָל, און קויפמאַן האָט אים געוואָרנט, ער זאָל נישט אַוועקגיין פונם שפּיטאָל, ביז ער וועט נישט זיכער זיין אַז אים דראָט נישט קיין סכנה. ד״ר שניידער האָט צוגעזאָגט אַזוי צו טון, אָבער צומאַרגנס האָט ער זיך געשטעלט צוזאַמען מיט ד״ר וואַסערצווייג אויפן באַשטימטן פּלאַץ, צו מאַכן די איינשפּריצונגען. דאָרט האָט זיי די געסטאַפּאָ געכאַפּט, אַריבערגעפירט אין שיהל אַריין, און פון דאָרט צום פאַרניכטונגס־פּלאַץ ביים דניעסטר.

יענעם אינדערפרי האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי דער יידישער שול קעגן צוויי־טויזנט פּינפהונדערט יידן, צו באַקומען די איינשפּריצונגען, לויטן באַפעל. אויף איינמאָל האָבן דעם פּלאַץ אַרומגענומען געסטאַפּאָ־לייט און אוקראַאינישע מיליציאַנטן, און האָבן אַלע אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין שיהל אַריין. גלייכצייטיק האָבן זיי אַרומגעזוכט אין די הייזער אין געטאָ, און וועמען זיי האָבן געטראָפן האָבן זיי מיט קלעפּ אַריינגע־שטופּט אין שיהל אַריין, וואו ס׳איז געווען אַ שרעקלעך ענג־שאַפט. דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן אַן עסן און אַן טרינקען ביז צומאַרגנס. צענדליקער פרויען און קינדער האָבן דאָרטן געחלשט, און מען האָט זיי נישט געקאָנט העלפן אפילו מיט אַ ביסל וואַסער. דער גרויזאַמסטער פאַל איז געווען פאָלגנ־דער: צווישן די פאַרשפּאַרטע איז געווען לייב ליבמאַן (יונה מלמדס זון) מיט זיין פרוי און אַ קליין טעכטערל. דאָס קינד האָט געחלשט ביי דער מאַמע אויף די הענט, האָט זיך די מוטער געוואָלט צושטופּן צו דער טיר, אַז דאָס קינד זאָל קענען כאַפּן דעם אָטעם. דער געסטאַפּאָ־מאַן אויף דער וואַך האָט דאָס דערזען, האָט ער ביי איר אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד און עס צוגעוואָרפן מיטן קעפּל צו דער וואַנט פונם אָרון־קודש, און די מוטער האָט ער אויפן אָרט געהרגעט. לייב ליבמאַן האָט דאָס צוגעזען און איז אויפן אָרט פאַראַליזירט געוואָרן.

פרייטיק, דעם 5־טן דעצעמבער, זענען געקומען אין שיהל אַריין פאַרשטייער פון דער אָרטיקער דייטשער פאַר־וואַלטונג מיט אַ ליסטע פון „ניצלעכע״ יידן (דאַרונטער אויך ד״ר שניידער) און האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל זיי באַ־פרייען. מען האָט זיי אַלעמען אַרויסגענומען פון דער שיהל, אַריינגעפירט זיי אין „פלוש״ און פון דאָרט האָט מען זיי דערנאָך באַפרייט, אויסער ד״ר שניידער, וועלכן דער קאָ־מאַנדאַט פון דער געסטאַפּאָ, דאַפּלער, האָט נישט געוואָלט באַפרייען. אַרויסגעוויזן האָט זיך דערנאָך, אַז דאַרין האָט געהאַט אַ האַנט דער קרייזהויפּטמאַן האַק, וואָס האָט גע־וואוינט ביי ד״ר שניידער אין הויז, און האָט זיך נוקם געווען דערפאַר וואָס ד״ר שניידער און זיין פרוי האָבן זיך נישט געוואָלט מיט אים חברן און האָבן אויסגעמיטן זיין געזעל־שאַפט. נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגענומען די „ניצלעכע״ יידן, האָט מען די איבעריקע אויפגעזעצט אויף לאַסטאויטאָס און אַוועקגעפירט צום דניעסטר, צווישן די דערפער סעמאַ־קאָוויץ און מיכאַלטש, אַ 15 קילאָמעטער פון האָראָדענקע. דער לעצטער וועמען זיי האָבן געכאַפּט איז געווען מאָטיע סוכער; בשעת דער אַקציע האָט ער זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם פון דער וויזשניצער קלויז, ער איז אָבער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש פאַר דער צייט. די רוצחים האָבן אים גע־כאַפּט און אַרויפגעזעצט אויף דער לעצטער מאַשין.

אויף דעם פּלאַץ פון דער „אַקציע״ ביים דניעסטר זענען געווען צוגעגרייט צוויי גרויסע גריבער און דאַנעבן אַ גרויסע שאַפע. די גריבער האָט מען אויסגעגראָבן אַ וואָך פריער, און צווישן די גויים זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז דאָס האָט מען צוגעגרייט אַ קבר פאַר יידן. אַז דער יודענראַט האָט זיך געווענדעט צום קרייזהויפּטמאַן האַק וועגן אָט די קלאַנגען, האָט ער זיי באַרואיקט און געזאָגט אַז די גריבער זענען צום לעשן קאַלך פאַרן בוי פון דער בריק... און די יידן האָבן אים אויך דאָס געגלויבט.

צווישן די אויטאָס וועלכע האָבן געפירט די יידן צום דניעסטר זענען אויך געווען עטלעכע פון דער האָראָדענקער צוקער־פאַבריק מיט פּוילישע שאָפערן, וואָס זענען בכוונה לאַנגזאַמער געפאָרן, און האָבן געגעבן אַ פאַר יידן די מעג־לעכקייט אַראָפּצושפּרינגען און זיך אויסצובאַהאַלטן. צווישן די וואָס האָבן זיך אַזוי געראַטעוועט זענען געווען ד״ר העסעל, ישראל קוגלער און נאָך אַ פאַר יידן. ד״ר העסעל האָט זיך געמאַכט אַרישע פּאַפּירן, אָבער אויפן וועג קיין סטאַניסלוי האָט אים אַן אוקראַאינער דערקענט און איבערגעגעבן אַ געסטאַפּאָ־מאַן; יענער האָט אים אַראָפּגענומען ביי דער באַן־סטאַציע, געהייסן אים זיך אויסטון, און אַז ער האָט זיך איבערצייגט אַז ער איז אַ ייד, האָט ער אים אויפן אָרט דערשאָסן.

אַז די אויטאָס זענען צוגעקומען צום פּלאַץ, זענען שוין דאָרט געווען דייטשע אָפיצירן און געסטאַפּאָ־לייט מיט ביקסן און מאַשין־געווער, און זיי האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין. ביי

געדעקטע טישן מיט געטראַנקען, און אַ אָרקעסטער האָט פּאַר זיי געשפּילט. די געסטאַפּאָ־לייט זענען באַפאַלן די אָנגעקומענע מיט קלעפּ און געהייסן זיי אַריינגיין אין דער שאָפע און אויסטון אַלע קליידער, חוץ דער וועש, און דערנאָך אַראָפּגיין אין די גריבער. באַלד ווי זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען אין גרוב אַריין האָבן די געסטאַפּאָ־לייט זיי דערשאָסן, און די קערפּער זענען געפאַלן איינער איבער דעם אַנדערן. איינצלנע זענען נישט געטראָפן געוואָרן, אָדער בלויז פאַרוואונדעט געוואָרן, און אַ פּאָר פון זיי האָבן זיך ווי־נישט־ווי אַרויסגעקראָגן ביינאַכט פונם גרוב און זענען צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין. צווישן די געראַטעוועטע וואָס זענען אויפגעשטאַנען „תחיית המתים” זענען געווען: סטריזאָווער, פרוי ראַפּ (יחיאל ראָזענבערגס טאָכטער), בעטי ריישער און צפורה אייזמאַן. די מייסטע פון זיי זענען אומגעקומען ביי די שפּעטערדיקע אַקציעס, און בלויז איינצלנע זענען געבליבן לעבן. פון די געראַטעוועטע האָט מען זיך דערוואוסט אַ פּאָר מערקווירדיקע פּרטים:

אַז די מענטשן זענען אַרויסגעקומען פון דער שאָפע, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אויסגעטון, האָט ד״ר שניידער נאָך געהאַט אויף זיך זיין העמד. איינער פון די געסטאַפּאָ־לייט האָט דאָס באַמערקט און האָט אָנגעהויבן אויף אים צו שרייען, ער זאָל דאָס העמד אויסטון. ד״ר שניידער האָט דאָס העמד אויסגעטון, האָט דערמיט געגעבן דעם נאַצי אַ שמיר איבערן פּנים און געשריגן צו אים: „אויב דאָס העמד איז ביי דיר מער ווערט ווי דאָס לעבן פון אַ מענטש — נעם עס דיר”. האָט מען אים באַלד דערשאָסן, נאָך איידער ער איז געקומען צום גרוב.

בשעת ד״ר אייבער שיץ און זיין פרוי מיטן מיידעלע אויף דער האַנט זענען געשטאַנען אין דער ריי אַראָפּצוגיין אין גרוב אַריין, האָבן זיי דערהערט ווי איינער פון די געסטאַפּאָ־לייט זאָגט צו זיין חבר: „זע נאָר, וואָס פאַר אַ שיין מיידעלע! אַ שאָד אַזאַ שיינקייט זאָל אומקומען!” אַז ער האָט דאָס דערהערט, האָט זיך ד״ר שיץ געווענדעט צום נאַצי און אים געבעטן ער זאָל דאָס קינד צונעמען און עס איבערגעבן קויפמאַנען, און ער וועט אים דערפאַר גוט באַלוינען. דער נאַצי האָט שוין מסכים געווען, אָבער זיין חבר האָט אים נישט געלאָזט, און דאָס קינד איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די עלטערן.

בשעת מען האָט אויסגעפירט די שרעקלעכע שחיטה זענען די געסטאַפּאָ־אָפיצירן געזעסן ביי די געדעקטע טישן, האָבן געפרעסן און געזויפט, געלאַכט און הנאה געהאַט, און די קלאַנגען פונם אָרקעסטער האָבן זיך פאַרמישט מיטן קנאַל פון געווער און מיטן קרעכצן פון די קרבנות. צומאָרגנס האָט מען צונויפגעטריבן אַ פּאָר צענדלינג פויערן די גריבער צו פאַרשיטן. זיי האָבן דערנאָך דערציילט, אַז אַ טאָג נאָכן פאַרשיטן האָט מען נאָך געקאָנט זען ווי די ערד רירט זיך.

דער קרייזהויפּטמאַן האַק האָט אַרויסגעוויזן זיין אמתן פּרצוף, אַז ער טוט אַלץ בלויז אויף אָנצושטאָפּן זיין קעשענע מיט יידיש פאַרמעגן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בשעת ער האָט פאַרלאַנגט ביי די אָטיניער יידן די „מתנה” פאַרן אָפּראַטעווען די אַרעסטירטע יידן, האָט ער שוין גאַנץ גוט געוואוסט וואָס מיט זיי איז געשען. אַז די אָטיניער דעלעגאַציע איז געקומען קיין האָראָדענקע צום לעצטן מאָל, האָט ער זיי געוואָלט פאַרהאַלטן אין האָראָדענקע אַ פּאָר טעג, כדי די אַקציע זאָל זיי דאָ פאַרכאַפּן און ער זאָל פּטור ווערן פון די מענטשן וואָס האָבן אים געלט געגעבן און האָבן געקאָנט קעגן אים עדות זאָגן. ענלעך האָט ער געהאַנדלט קעגן די מיטגלידער פונם יודענראַט, ביי וועלכע ער האָט געלט גענומען, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז ער קען די אַקציע נישט מבטל זיין. ער האָט זיי כלומרשט געגעבן פּאַסירשיינען, זיי זאָלן נישט מורא האָבן פריי אַרומצוגיין, און זאָלן אַריינפאַלן צו די רוצחים אין די הענט אַריין.

נאָך דער אַקציע האָט דער קרייזהויפּטמאַן צונויפגערופן די יידישע פאָרשטייער, האָט זיי אויסגעדריקט זיין „ביילייד” אויף דעם וואָס איז געשען, און האָט דאַרין באַשולדיקט די אוקראַאינער, וואָס האָבן כלומרשט פאַרלאַנגט פון די דייטשן צו פאַרקלענערן די צאָל פון די יידן אין שטאָט. ער האָט צוגעזאָגט אַז מער וועט גאָרנישט געשען, און אַז די איבערגעבליבענע האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר זייער לעבן. לויט זיין באַפעל איז באַשטימט געוואָרן אַ נייער יודענראַט מיט מאָריץ פּילפּעל בראש, איינער פון די „ניצלעכע” יידן וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן אין דער שיהל. די איבערגעבליבענע יידן האָט מען געהייסן זיך ווידער רעגיסטרירן, און יעדן רעגיסטרירטן האָט דער יודענראַט אַרויסגעגעבן אַ צייגניש, אַז ער מעג צוריקגיין וואוינען דאָרט וואו ער האָט געוואוינט.

קויפמאַן און די פרוי שניידער מיט זייערע משפחות זענען נאָך אַלץ געווען באַהאַלטן אין קעלער פון דער מיליטער־פּאָליציי, און דער הויפּטמאַן פידלער האָט זיי צו וויסן געגעבן, זיי זאָלן נישט וואַגן אַליין צו גיין נעמען די צייגנישן; ער וועט שוין שיקן זיינע פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן די צייגנישן פאַר זיי אַרויסנעמען. אָבער אַז די פּאָליציאַנטן זענען געקומען נעמען די צייגנישן, האָט זיי דער פאָרזיצער פונם יודענראַט מודיע געזען, אַז דאָפּלער, דער שעף פון דער געסטאַפּאָ, האָט אים פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן צייגנישן פאַר קויפמאַנען און פאַר דער פרוי שניידער. זיי דאַרפן אַליין זיך ווענדן צו דאָפּלערן, און ער וועט שוין באַשליסן וואָס צו טון.

נאָכדעם ווי ס'זענען פאָריבער נאָך אַ פּאָר טעג, איז קויפמאַנס פרוי געגאַנגען אַליין צום יודענראַט אַרויסצונעמען די צייגנישן פאַר איר משפחה. אַז זי איז געקומען אין ביורע פונם יודענראַט, האָט זי דאָרט געטראָפן אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט איר מודיע געווען אַז ער האָט באַקומען אַ באַפעל צו אַרעסטירן די פאַמיליע קויפמאַן און די פרוי שניידער; און ער האָט זי באַלד אַרעסטירט. נאָכדעם ווי ס'איז אַוועק אַ לענגערע צייט און זי איז נישט צוריקגעקומען, איז קויפמאַן אַליין געגאַנגען זי זוכן; און באַלד ווי ער איז געקומען אין ביורע פונם יודענראַט האָט מען אים אויך אַרעסטירט. אַ שטיקל צייט שפּעטער איז קויפמאַנס זון געקומען זוכן זיינע עלטערן, האָט מען אים אויך אַרעסטירט. קויפמאַנס צווייטער זון איז אויך געקומען אַביסל שפּעטער, אָבער צופעליק איז

ברוך דיקער געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, און האָט אים געראָטן ער זאָל זיך אָפּטראָגן. איז דער זון אַוועק און האָט דערציילט וועגן דעם זיין פּאָטערס אַ פריינט, מ. ד. געלער.

בשעת די קויפמאַנס זענען געווען פאַרשפּאַרט אין אַ צימער ביים יודענראַט, איז צוגעקומען אַ מיטגליד פונם יודענראַט און האָט זיי געזאָגט, אַז דער אָפיציר איז גרייט זיי צו באַפרייען, אויב זיי וועלן אים אַוועקגעבן דאָס גאַנצע גאָלד וואָס זיי פאַרמאָגן. קויפמאַן האָט אים געענטפערט, ער זאָל זיך ווענדן צו זיין זון, וועלכער איז נאָך נישט אַרעסטירט געוואָרן, וועט ער אים דאָס געבן. אַז מען האָט דאָס איבערגעגעבן דעם זון, איז ער געגאַנגען זיך באַראָטן מיט מ. ד. געלער, און געלער האָט אים געראָטן ער זאָל גאָרנישט געבן, ווייל דערמיט וועט זיך די לאַגע פון די אַרעסטירטע נאָך פאַרערגערן. באַלד נאָכדעם האָט מען די גאַנצע משפחה אַריבערגעפירט אין קרימינאַל אַריין.

אין מיטן דער נאַכט איז אַריינגעקומען אין קויפמאַנס צעלע אַ פּאָליציי־אָפיציר און האָט אים מודיע געווען, אַז אַרעסטירט האָט מען אים אויפן יסוד פון אַן אינפאָרמאַציע, אַז ער האָט באַהאַלטן גאָלד און פרעמדע וואַלוטע וואָס ער האָט נישט איבערגעגעבן דער רעגירונג, און ער איז גרייט צו באַפרייען אים און זיין גאַנצע משפחה, אויב ער וועט אים אַלץ אַוועקגעבן. קויפמאַן האָט געפּרואווט אָפּלייקענען די זאַך, האָט אים דער אָפיציר געזאָגט, אַז ער וועט אים קאָנפראָנטירן מיט אַ מיטגליד פונם יודענראַט, וואָס ווייסט וועגן דעם. און ער איז טאַקע באַלד צוריקגעקומען מיט אַ מיטגליד פונם יודענראַט, און יענער האָט אים צוגערעדט ער זאָל דאָס גאָלד אַוועקגעבן, ווייל דערמיט וועט ער זיך ראַטעווען. קויפמאַן האָט אַביסל געצווייפלט, דערנאָך האָט ער מודיע געווען דעם נאַצישן אָפיציר, אַז ער אַליין פאַרמאָגט גאָרנישט; אָבער ער ווייסט וואו ס'ליגט באַגראָבן אַן אוצר, וואָס געהערט זיינעם אַ פריינט, לוסיע שפּירער, וועלכן די רוסן האָבן פאַרטריבן קיין סיביר; ער איז גרייט אָנצוּווייזן וואו דער אוצר ליגט, אויב דער אָפיציר וועט אים געבן די האַנט, אַז ער וועט אים דערנאָך באַפרייען. דער אָפיציצר האָט בשום אופן נישט געוואָלט געבן די האַנט; אַ נאַצישער אָפיציר — האָט ער געזאָגט — וועט קיין מאָל נישט געבן אַ יידן די האַנט; אָבער ענדלעך האָט ביי אים די געלטגיריקייט געזיגט, און ער האָט קויפמאַנען געגעבן די האַנט און צוגעזאָגט אים דערפאַר צו באַפרייען.

האָט מען די משפחה קויפמאַן אַרויסגעפירט פונם קרימינאַל, און צוזאַמען מיטן נאַצישן אָפיציר און מיטן מיטגליד פונם יודענראַט זענען זיי צוגעגאַנגען צו ישראל קוגלערס אַ הינערשטאַל, וואו קויפמאַן האָט געהאַט באַהאַלטן דאָס גאָלד נאָך אין דער צייט פונם סאָוויעטישן רעזשים. די אויסרייד, אַז דאָס גאָלד געהערט צו זיין פריינט, האָט קויפמאַן צוגעטראַכט כדי מען זאָל אים נישט קענען באַשולדיקן דערפאַר, וואָס ער האָט דאָס גאָלד נישט איבערגעגעבן דער רעגירונג. מען האָט אויסגעגראָבן דעם אוצר, צוויי קילאָ ריין גאָלד, און דער אָפיציר האָט כלומרשט געפרעגט קויפמאַנען, צי ער וויל פון אים אַ באַשטעטיקונג; האָט אים קויפמאַן געענטפערט, אַז אַזוי ווי דאָס גאָלד איז נישט זיינס, דאַרף ער נישט קיין באַשטעטיקונג, און ער קען דערמיט טון וואָס ער וויל. דער אָפיציר האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן פונם פּלאַץ, און קויפמאַן מיט זיין משפחה זענען אַוועק צו צוידערערס הויז. פון דאָרט האָט מען זיי איבערגעפירט צו טודרוס גאָלדבערגער, וואָס האָט נאָך געוואוינט ביי זיך אין הויז אויפן מאָנאַסטערסקי קוט.

אַז דער הויפּטמאַן פידלער האָט זיך דערוואוסט וואו קויפמאַן זיצט באַהאַלטן, האָט ער געשיקט צוויי מיליטער־פּאָליציסטן צו גאָלדבערגערן און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל אויסבאַהאַלטן ביי זיך די קויפמאַנס, ביז פידלער וועט אים שאַפן די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צו זיין אַרבעט. כדי דאָס דורכצופירן, האָט זיך פידלער געווענדעט צום שעף פון דער געסטאַפּאָ דאָפּלער, און פאַרלאַנגט ער זאָל לאָזן קויפמאַנען צוריקקומען אין זיין לאַבאָראַטאָריע, ווייל זיינע זעלנער דאַרפן אַ דענטיסט. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל וועגן דעם געווענדעט, ביז דאָפּלער האָט איינגעשטימט און האָט באַשטימט אַ שעה זיך צו טרעפן מיט קויפמאַנען אין זיין לאַבאָראַטאָריע, אים צוריקצוגעבן די שליסל. אַז קויפמאַן איז געקומען, האָט אים דאָפּלער געהייסן באַנייען די אַרבעט ביז 24 שעה. פאַר דער צייט וואָס קויפמאַן איז נישט געווען אינדערהיים האָט מען אַלע שטובזאַכן אויסגערויבט, אָבער די דענטיסטישע כלים זענען געבליבן נישט באַרירט, און ביז 24 שעה האָט ער געקאָנט ווידער אָנהויבן אַרבעטן.

מיט דער צייט האָט זיך די פרוי קויפמאַן באַפריינדעט מיט פריילין נידערמאַן, דאָפּלערס פריינדין, דערמיט וואָס זי האָט איר געהאָלפן קאָכן און באַקן און צוגרייטן די אויפנאַמען פאַר די הויכע אָפיצירן, וואָס זענען געקומען אין הויז אַריין. מיט איר פּראָטעקציע האָט מען אַרויסבאַקומען אַרבעטס־באַוויליקונגען פאַר די דענטיסטישע לאַבאָראַנטן, פאַר קויפמאַנס משפחה, פאַר יעקב וויינערס אַ זון און פאַר ד״ר גרינזיידס אַ זון. אַ צייט שפּעטער האָט מען דערלויבט אַרויסצופירן די לאַבאָראַטאָריע פונם געטאָ אין משה קאַלמוסעס הויז, אין שכנות פונם פּוילישן גימנאַזיום. אַ דאַנק די פאַרבינדונגען מיט פריילין נידערמאַן האָט מען זיך אויך פריער דערוואוסט וועגן געפּלאַנטע „אַקציעס", און די ידיעות זענען איבערגעגעבן געוואָרן די יידן אין געטאָ דורך שליחים, וואָס פלעגן קומען בגניבה צו קויפמאַנען עפּעס זיך דערוויסן.

דעם 12־טן אַפּריל 1942 האָט פריילין נידערמאַן דערציילט קויפמאַנען, אַז צומאָרגנס וועט זיין אַן אַקציע. קויפמאַנס משפחה האָט מען אַריבערגעפירט אין די מיליטער־קאַסערנען, וואָס זענען געשטאַנען אונטער פידלערס אויפזיכט, אָבער מען האָט נאָך באַוויזן איבערצוגעבן די איינוואוינער פונם געטאָ די ידיעה וועגן דער אַקציע. צומאָרגנס האָבן זיך אַ פּאָר הונדערט געסטאַפּאָ־לייט און אוקראַאינישע מיליציאַנטן אַוועקגעלאָזט אין די יידישע הייזער, כדי אַרויסצושלעפּן פון דאָרט די יידן און זיי פאַרניכטן. אָבער אַ דאַנק דער פריצייטיקער ידיעה האָבן אַ סך יידן באַוויזן זיך צו באַהאַלטן. בלויז זעכציק יידן האָט מען געכאַפּט, אַוועקגעפירט זיי אויפן בית־עולם און דאָרט דערשאָסן. די מיינסטע יידישע הייזער זענען

געווען ליידיק, און אין אַ טייל הייזער זענען נאָך די בעטן געווען וואַרעם. די געסטאַפּאָ האָט גאָרנישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי זענען די יידן געוואָר געוואָרן וועגן דער אַקציע פאַר דער צייט.

שניידערס פרוי און איר טאָכטער, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין קעלער פון דער מיליטער־פּאָליציי, האָט פידלער באַוויזן צו באַהאַלטן ביי אַ פּוילישע משפּחה, וואַרטאַנאָוויטש. אין מאַי 1942 איז פידלער איבערגעפירט געוואָרן קיין קרים און האָט מיט זיך מיטגענומען די פרוי שניידער און איר טאָכטער פאַר „קעכינס", אויף אַרישע פּאַפּירן. ביז היינטיקן טאָג איז נישטאָ קיין ידיעה פון זיי, און ס'קאָן זיין אַז די רוסן האָבן זיי געהאַלטן פאַר דייטשקעס און זיי געהרגעט.

אין די חדשים מאַי און יוני 1942 זענען אַלע מאָל געווען אָנפאַלן. מען האָט יעדעס מאָל געכאַפּט אַ פּאָר צענדליקער יידן און אַוועקגעשיקט קיין קאָלאָמיי, און דאָרט זענען זיי געהרגעט געוואָרן אָדער געשטאָרבן פון הונגער. אין יולי 1942 האָט דער געסטאַפּאָ־שעף דאָפּלער פאַרלאָזט האָראָדענקע, און אויף זיין אָרט איז געקומען אַ נייער שעף מיטן נאָמען פּעטש, וואָס איז געווען נישט ווייניקער גרויזאַם ווי דאָפּלער. איינמאָל איז ער געקומען צו קויפמאַנען און האָט זיך באַקלאָגט אַז ער ליידט פון ציינווייטיק. קויפמאַן האָט אים אַרויסגעריסן אַ פּאָר ציין און געמאַכט אים אַ פּראָוויזאָרישע פּראָטעזע, ביז ער וועט אים קענען אַריינשטעלן גאָלדענע ציין. קרעמער, אַ דייטשער אָפיציר וואָס האָט זיך גוט פאַרהאַלטן מיט קויפמאַנען, האָט אים געוואָרנט, אַז פּעטש וועט אים באַשיצן פאַר דער געסטאַפּאָ אַזוי לאַנג ער וועט אים דאַרפן צו היילן זיינע ציין, און דערנאָך וועט ער מיט אים טון דאָס זעלבע וואָס מיט אַלע יידן. נאָכדעם ווי ער האָט דאָס געהערט, האָט קויפמאַן זיך באַמיט צו שלעפּן די אַרבעט מיט אַלע מעגלעכע אויסריידן, און האָט געזוכט אַ מעגלעכקייט זיך אויסצובאַהאַלטן.

אין סעפּטעמבער 1942 האָט קויפמאַן באַקומען אַ ידיעה פון קאָלאָמיי, אַז אַ וואָך שפּעטער וועט ווידער זיין אַן אַקציע אין האָראָדענקע, און ווידער וועט מען הייסן אַרויסנעמען נייע אַרבעטס־ביכלעך, כדי צו פאַרנאַרן די יידן אויף איין פּלאַץ. קויפמאַן האָט געזוכט זיך צוצוגרייטן אַ פּראָוויזאָריש באַהעלטעניש פאַר דער צייט פון דער אַקציע, און האָט אָפּגערעדט מיטן פּוילישן גלח. ער זאָל אים לאָזן זיך באַהאַלטן אין קלויסטער אונטערן זייגער. אָבער אין לעצטן מאָמענט איז דער פּלאַן צו־נישט געוואָרן. באין ברירה האָט ער געפּרוווט זיך באַהאַלטן ביי דער פרוי שוואַרץ, אין שכנות פונם אַרמענישן קלויסטער. אָבער אַז ער איז אַהין געקומען, האָט ער שוין דאָרט געטראָפן שמעון קוועטשער מיט זיין משפּחה, ווי זיי גייען זיך דאָרט באַהאַלטן, און די אונגאַרישע זעלנער פונם צווייטן הויז קוקן דאָס צו. איז ער פון דאָרט אַוועק, און האָט אויך שמעון קוועטשער געזאָגט אַז ס'איז אַ סכנה זיך דאָרט צו באַהאַלטן. דערנאָך ביי דער אַקציע האָבן טאַקע די אונגאַרישע זעלנער זיי אויסגעגעבן, און די אַלע וואָס האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן, האָט מען אַרויסגעפירט און אַוועקגעשיקט קיין בעלזעץ.

אין לעצטן מאָמענט האָט קויפמאַן באַשלאָסן אַריינצוגיין אין דער קאַנטינע פון די דייטשע אָפיצירן און בעטן הילף ביים הויפּטמאַן ריטער, פידלערס פאַרטרעטער. ריטער איז דאָרט נישט געווען, אָבער די דינסט, אַ קריסטלעך מיידל וואָס קויפמאַן האָט איר אַמאָל פאַרריכט די ציין אומזיסט, האָט פאַרשטאַנען אַז ער זוכט אַ באַהעלטעניש און האָט אים פאַרגעלייגט ער זאָל זיך באַהאַלטן אין קעלער פון דער קאַנטינע, אויב דער פעלדוועבל וועט מסכים זיין. דער פעלדוועבל איז באַלד אָנגעקומען און האָט מסכים געווען, בתנאי אַז ריטער זאָל אויך מסכים זיין. ער האָט טעלעפאָנירט צום הויפּטמאַן און האָט באַקומען זיין הסכמה, און דעמאָלט האָט קויפמאַן געבראַכט אַהין זיין משפּחה, און זיי האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן צוויי טעג אין אַן ענג קעמערל, אָן ליכט און אָן לופט צום אָטעמען.

צומאָרגנס זענען זיך צונויפגעקומען אַ סך יידן ביים רעגיסטרירונגס־אַמט, כדי אַרויסצונעמען נייע אַרבעטס־באַווילקונגען. אַז ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ פּאָר הונדערט יידן, זענען אָנגעקומען געסטאַפּאָ־לייט און האָבן זיי אַלע אַוועקגעפירט מיט אויטאָס צום זאַמלפּלאַץ, אין הויף פונם פירסט לובאָמירסקי, און פון דאָרט האָט מען אַלע אַוועקגעפירט קיין בעלזעץ אין די גאַזקאַמערן. אַ סך זענען נאָך אין די וואַגאָנען געשטאָרבן, פון הונגער און פון ענגשאַפט. בלויז אייניצלנע זענען אַרויסגעשפּרונגען פון די וואַגאָנען און האָבן זיך געראַטעוועט, צווישן זיי אויך איצי שעכטער.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן די דייטשן געמאַכט אַ נייע רעגיסטרירונג, אָבער דאָס מאָל איז שוין קיינער נישט געגאַנגען זיך רעגיסטרירן; און אַז מען האָט געזוכט אין די הייזער — איז מען זיך צעלאָפן און צעשפּרייט זיך אין די וועלדער אין יענער זייט דניעסטר. אָבער אויך דאָרט זענען כמעט אַלע אומגעקומען.

ווי געזאָגט, האָט קויפמאַן פאַרהאַלטן די אַרבעט פאַרן קרייזהויפּטמאַן פּעטש, ביז ער וועט זיך צוגרייטן אַ זיכער באַהעלטעניש. ענדע נאָוועמבער 1942 איז ער ביי נאַכט אַנטלאָפן מיט זיין משפּחה קיין פּאָטאָטשיש, און דאָרט האָבן זיי זיך באַהאַלטן ביי אַ פּויער אויפן הויף אין אַ בונקער. דעם פּויער האָט מען צוגעזאָגט דערפאַר אַ שטיקל פעלד פון צוועלף מאָרג. נאָכדעם ווי קויפמאַן איז אַוועק פון האָראָדענקע זענען דאָרט געבליבן בלויז זיבן יידן, און פון זיי איז בלויז איינער געבליבן לעבן — ד"ר טאַפּט, וואָס איז געווען אַמאָל דאָקטאָר אין טשערנעליצע. קויפמאַנס משפּחה איז געזעסן אין דעם ענגן פינצטערן בונקער פונם 27־טן נאָוועמבער 1942 ביז צום 27־טן מערץ 1944, ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען האָראָדענקע.

קויפמאַן, וואָס איז אַליין נישט קיין האָראָדענקער (ער האָט זיך דאָרט באַזעצט אין די צוואַנציקער יאָרן), אונטערשטרייכט אַז די האָראָדענקער יידן האָבן זיך מוסטערהאַפט אויפגעפירט אין די שווערע ביטערע טעג פון אומגליק און פאַרניכטונג.

פאַרצייכנט פון ליפּא ליסר

עטל פריפער

אין האָראָדענקע און אין טלוסטע

פאַר דער ערשטער אַקציע זענען געקומען די ס.ס.־תלײנים קײן האָראָדענקע אָנצוגרײטן די אַקציע; יעדעס מאָל האָט דער יודענראַט געפּרוּווט זײ אָפּצוקױפן מיט גאָלד און געלט, און ס׳איז זײ אױך געלונגען עס צו טון. ביז ס׳איז געקומען אַ טאָג, ווען ס׳האָט נישט געהאָלפן קײן אָפּקױפן. געלט האָבן זײ גענומען, אָבער זײ זענען נישט אַוועקגעפאָרן פון דער שטאָט. און ס׳איז קענטיק געווען לויט דעם רוישיקן פאַרקער אין יודענראַט (וואָס איז געווען אַקעגן מײן וואוינאָרט,) אַז עס גרײט זיך עפּעס אויסער־געוויינלעכעס. אויך האָבן שטעטלדיקע באַקומען פּאָסט־קאַרטלעך פון די אַרומיקע שטעט מיט דער ידיעה, אַז „ווען מען וועט זײ רופן צו דער שמחה, זאָלן זײ נישט גײן״.

צו מײן מאַן, וואָס איז מיט אַ קוזין יאָסל באַדער (אַן אָטוואָצקער וואָס איז געווען אַ פּליט בײ אונדז) אַוועק געשפּעטלעך אין גױישן קוואַרטאַל קאָטיקיווקע, האָב איך געשיקט זאָגן, אַז ער זאָל אַלץ טון כּדי צו פאַרבלײבן דאָרט. אויך פאַר מיר און פאַר צוויי קוזינקעס האָב איך צוגעגרײט אַן אָרט בײ אַ פּויער, וואָס האָט צוגעזאָגט אונדז אויסצובאַהאַלטן. אָבער אַז מיר זענען געקומען צום פּויער האָט ער אונדז געזאָגט, אַז ער קען אונדז נישט אויסבאַהאַלטן, און מיר זאָלן צוריקגײן אין אונדזער היים.

מיר האָבן נישט געהאַט קײן אַנדערע ברירה. איך האָב גענומען מײנע צוויי קינדער און זיך געלאָזט גײן אַהײם. ווען איך בין צוגעקומען צו דער קאָאָפּעראַטיווער מלעטשאַרניע, וואו ס׳האָט געאַרבעט און אויך געוואוינט אָשר שטרײט, האָט מיר זײן פרוי בראָניע אַ ווונק געגעבן אַרײנצוקומען, און זיך בײ זײ אויסצובאַהאַלטן. איך האָב זײער געוואָלט צוקומען צו מײן אײגענער היים, וואָס איז געווען נישט ווײט. האָט מיך אָשר שטרײט געוואָרנט, נישט צו אַרויסגײן אין גאַס, ווײל ס׳איז אַ גרויסע סכּנה. אַזוי זענען מיר פאַרבליבן, זיצנדיק אַ גאַנצע נאַכט אויף די בעטן.

שוין פאַרטאָג האָבן מיר געזען, אַז די שטאָט איז אַרומגערינגלט פון דער אוקראַאינישער פּאָליצײ, און די פּויערטעס, וואָס האָבן געבראַכט גרינס און מילך אין שטאָט אַרײן, האָט מען נישט אַרײנגעלאָזט. די דירה פון שטרײט איז געווען אַ דאַך־וואוינונג, און אין שכנות איז דאָרט געווען אַ קלײן קעמערל, און דאָרט האָבן מיר זיך באַהאַלטן. אַז די ס.ס. איז אַרײן, האָבן זײ גערופן: „עפענען!״ און שטרײטס פרוי איז געוואָרן איבערראַשט און האָט געענטפערט: „יאַ, איך קאָמע באַלד!״, און האָט אירע צוויי קינדער, הערשעלע און דוד, מיטגענומען. מיר זענען געלעגן אין דער פינסטערניש, און די ס. ס. האָט געגלויבט, אַז ס׳איז שוין מער קײנער דאָרט נישטאָ.

ליגנדיק אַזוי האָבן מיר געהערט, ווי צוויי פּויערטעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער מלעטשאַרניע, האָבן גערעדט, וויאַזוי זײ וועלן זיך צעטײלן מיטן ביסל האָב און גוטס, און דער אוקראַאינישער דירעקטאָר האָט געזאָגט צו זײן געהילף אַז שטרײט וועט זיך מסתּמא ראַטעווען, און ס׳איז נישט אָנשטענדיק מען זאָל אָפּראַבעווען זײן ביסל האָב און גוטס, מען דאַרף אַלץ פאַרשליסן, מען זאָל עס נישט צעגנבֿענען...

מיר האָבן נישט געוואוסט, אַז אָשר שטרײט איז געלונגען אַרויפקריכן אויפן טורעם פון דעם הויז. ווען די מלעטשאַרניע־אַרבעטער זענען זיך צעגאַנגען נאָך דער אַרבעט, האָט ער צו אונדז פון אויבן גערופן און דערצײלט, אַז פון דער הייך האָט ער אַלץ געזען, און חוץ אויטאָמאָבילן אויפן סעמאַקאָוויצער וועג האָט ער אויך געזען אַ 400 יידן פוסגײער, וואָס זענען געטריבן געוואָרן צו זײער טראַגישן סוף.

אָשר האָט אונדז געהײסן זיך ראַטעווען אויפן טורעם. וואו ער געפינט זיך. מיר האָבן אָנגעשניטן אַ וועש־שטריק, אים אַרומגעבונדן אַרום דעם קערפּער און געצויגן אַזוי אײנער דעם צווייטן אַרויף אויפן טורעם. אַזוי זענען מיר אָפּגעלעגן אָן אַ טרינק וואַסער פון מיטוואָך ערבֿ דער אַקציע און דעם גאַנצן טראַגישן דאָנערשטיק. פרײטיק פאַרטאָג האָט די שטאָט אויסגעזען ווי אויסגעשטאָרבן, און פון דער הייך האָבן מיר געזען ווי אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן קלעבן אויס געלע צעטלען אויף די יידישע הײזער, צו באַצײכענען אַז זײ זענען ליידיק און קײן לעבעדיק נפש געפינט זיך נישט אין זײ.

איך האָב געוואָלט וויסן וואָס ס׳איז געשען מיט מײן משפּחה, און האָב געוואַגט אַראָפּצוגײן פונעם טורעם. איך האָב אָפּגערעדט מיט די פאַרבליבענע, אַז אויב ס׳וועט שוין גאָרנישט זײן קײן געפאַר, — וועל איך געבן אַ צײכן מיט דער האַנט, אַז זײ מעגן אַראָפּ פונעם באַהעלטעניש.

מיטן הינטערוועג האָב איך אָנגעהויבן זיך צו דערנענטערן צו מײן הויז, און איך האָב עס געטראָפן פאַרשלאָסן גענוי ווי איך האָב עס איבערגעלאָזט. כ׳בין אויך אַרײן אין הויז פונעם יודענראַט, ווײל כ׳האָב געמײנט אַז אפשר וועל איך טרעפן דאָרט גראַטעוועטע, אָבער צום באַדויערן האָט געהערשט אַ טויטשטילקייט אין יעדן ווינקל. בלויז אַ באַווײז פון דעם טײוולאָנישן פּלאַן פון די דײטשן, צו פאַרנאַרן די אַרומיקע יידישע סבֿיבֿה, איז געווען קענטיק: אַ טאָג פריער האָט דער דײטשער פאַרוואַלטער געבראַכט מיט זײן אייגענער ברױטשקע אַ זאַק עפּל פאַר די קינדער אין דער קינדערהיים; און אַז כ׳בין אַרײן אַהין, האָב איך געטראָפן די טישלעך און בענקלעך אויסגעשטעלט, און אויף די טישלעך באַשמירטע שטיקעלעך ברויט, מיט עפּעלעך צוגעלײגט... אָבער די קינדער האָבן זײ נישט באַוויזן צו עסן, ווײל מ׳האָט זײ מסתּמא גלײך אין דער פרי, בײם אָנהויב פון דער אַקציע, צום טויט געפירט.

איך בין געלאָפן ווײטער, אויף דער גאַס פון מענדל־נחם שניידער; איך האָב געמײנט אַז איך וועל צוקומען צו אַ געוויסן גוי, וואָס האָט אַ מאָל בײ מײן מאַן ישראל געאַרבעט, און מיר האָבן אים באַטראַכט ווי אַ פרײנד, אפשר

וועל איך זיך ביי אים קענען עפּעס געוואָר ווערן. איז מיר אַנטקעגן געקומען מלכה שפּירער, און מיר דערציילט אַז ס׳איז שוין נאָך דער אַקציע, און ווי טראַגיש עס איז אומגעקומען מיין משפּחה, צוזאַמען מיטן גרעסטן טייל פון די האָראָדענקער יידן. בין איך צוריקגעלאָפן צו דער מלעטשאַרניע און געגעבן אַ סימן די אויסבאַהאַלטענע דאָרט, אַז זיי מעגן אַרויס, ווייל מען זאָגט אַז ס׳איז שוין נאָך דער שחיטה.

אויף צומאָרגנס און אין די שפּעטערע טעג האָבן זיך ביסלעכווייז באַוויזן אויף דער גאַס איינציקע יידן וואָס ס׳איז זיי געלונגען אין די פאַרשידענע בונקערס און קעלערס זיך צו באַהאַלטן פונ׳ם ערשטן פייער. די דייטשע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל זיך אומקערן צו דעם „נאָרמאַלן״ לעבן און צו דער אַרבעט; מען זאָל קיין שום טרויער דערקענען, און מענער זאָלן זיך באַווייזן בלויז ראַזירט. זיי האָבן אויך געמאַכט אַ ציילונג, וויפל יידן עס זענען ביים לעבן געבליבן. און מיר, דאָס בינטל פאַריתומט געבליבענע יידן אין שטאָט, האָבן זיך באַראָטן ווי אַזוי דאָס טראַגישע לעבן ווייטער צו לעבן.

די רוצחים האָבן אָפּגעפירט אין שטאָטישן באָד די קליידער פון די דערמאָרדעטע צוויי טויזנט האָראָדענקער יידן, און געצוואונגען די געבליבענע צו קומען אין באָד וואַשן און פּרעסן די קליידער, זיי זאָלן זיי קענען אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד. אויך די פרויען פון די אָרטיקע קאָמענדאַנטן פלעגן באַשעפטיקן יידישע שניידערינס, וועשנייטאָרינס און גאָרסעט־מאַכערינס, און צוגרייטן הויפנס זאַכן און אַוועקשיקן אין זייערע היימשטעט, און אַזוי האָבן זיי געמאַכט געשעפטן. געוויינטלעך פלעגן די פרויען תמיד צוזאָגן די אַרבעטאָרינס, אַז אַפילו „עפּעס וועט פאָרקומען״ — וועלן זיי די באַשעפטיקטע באַשיצן. פאַקטיש, ווען ס׳איז עפּעס געשען, פלעגט מען צו ערשט דווקא די באַשעפטיקטע אין די אָפּיצירישע היימען צו דער שחיטה נעמען. דאָס איז אויך געווען איינער פון די טריקס פון די דייטשע מערדער.

עס איז שווער געווען פאָרצוזעצן דאָס לעבן אין שטאָט, און יעדער האָט געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי צו אַנטלויפן. מיין פאָטער האָט געהאַט פעלדער אין דאָרף סעמאַקאָוויץ, אין אַ גרויסער טייל פון מיין משפּחה איז דאָרט געווען, האָבן מיר זיך אַרויסגעצויגן עטלעכע חדשים נאָך דער ערשטער אַקציע אין דאָרף, צו מיין טאַטן. דאָס האָט מען אויך געמעגט טון נאָר ווען מ׳האָט געהאַט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש. איך געדענק, ווי אַ שטעטלדיקער פריינט, וואָס איז געווען באַשעפטיקט ביים שטאָט־קאָמענדאַנט ווי אַ קוטשער, איז ספּעציעל געקומען מיר אַ מזל־טוב זאָגן, ווייל מיר האָבן אַ דערלויבעניש די שטאָט צו פאַרלאָזן.

ווי מיר זענען נאָר אין דאָרף געקומען, איז גלייך געווען אין האָראָדענקע די צווייטע אַקציע, פּסח־צייט. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מ׳וועט אויך אין דאָרף זוכן יידן, זענען מיר אַוועק פון דער שטוב און אַ גאַנצע וואָך זיך אין די פעלדער באַהאַלטן. און מיר האָבן קיין טעות נישט געהאַט, ווייל ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון די פעלדער אהיים, האָט ביי יעדן יידישן הויז אין דאָרף געוואַרט אַ פּאָליציאַנט, און האָט אָנגעזאָגט דעם באַפעל זיך צו זאַמלען אין האָראָדענקע, אַזוי ווי אָבער די לייטערס פון די „ליגענשאַפטן״ (גיטער, פּאָסעסיעס) האָבן געמעגט באַשעפטיקן פעלד־אַרבעטער צום זומער־סעזאָן, האָבן יידן זיך באַמיט אויפגענומען צו ווערן אַלס אַרבעטער. און אַז מ׳האָט זיך גענויטיקט אין 100 אַרבעטער, האָבן די דייטשע לייטער אויפגענומען 500, און יידן האָבן באַצאָלט געלט און גאָלד, כדי זוכה צו זיין אָנגענומען צו ווערן אַלס אַרבעטער. מ׳האָט אַלץ געגלויבט, אפשר וועט דאָס העלפן צו ראַטעווען דאָס לעבן.

די אַרבעט אין פעלד איז געווען זייער אַ שווערע, ווייל די פויערן אַליין האָבן נישט געאַרבעט, און געהאַט הנאה זעענדיק ווי יידן אַרבעטן, ווי אַמאָל יעדער פאָרנאַל האָט געאַרבעט. אַלס אָרטיקע מענטשן האָבן מיר געהאַט אַ ביסל חסד ביים פּריץ, און מ׳האָט זיך באַמיט אונדז צוצוטיילן צו לייכטערע אַרבעטן. אָבער פאַרן עסן האָבן מיר אַליין באַדאַרפט זאָרגן.

ס׳איז אָבער געווען אַ הונגער יאָר, אַפילו פאַר די פויערן. כ׳בין אַ געבוירענע אין דאָרף סעמאַקאָוויץ, און האָב געמיינט אַז ס׳וועט פאַר מיר לייכטער זיין צו באַקומען אַ ביסל שפּייז. פלעג איך ביי נאַכט גיין אין די פויערישע הויפן, אָבער קיין שום טיר האָט זיך פאַר מיר נישט געעפנט. בלויז בילענדיקע הינט האָבן מיך אויפגענומען, ביז איך האָב אויפגעהערט צו גיין. מיט שוועריקייט האָבן מיר דערוואַרט דעם נייעם שניט פון תבואה, און מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פונעם פּריץ לעוווטשיק האָבן מיר געקליבן זאַנגען נאָכן שניט און זיי געמאָלן אויף דער זשאָרנע און פון דעם מעל געקאָכט קאָלעשע. דאָס איז געווען די איינציקע שפּייז, וואָס מיט איר האָבן מיר דערהאַלטן דעם גוף.

אין דער צייט האָט עס געהייסן, אַז ווען מ׳האָט אַ באַשטעטיקונג פונעם יודענראַט, אַז מ׳איז אַ „נוצלעכער יודע״, קען מען באַקומען אַרבעט. מ׳האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז מערבוים פונעם יודענראַט וועט פאַר מיין מאַן אַרויסנעמען די באַשטעטיקונג. די פראַגע איז נאָר געווען, ווי אַזוי קומט מען אַריבער קיין האָראָדענקע. מיין מאַן מיט מיין טאָכטער האָבן געוואַגט מיט אומוועגן צו גיין אין שטאָט אַריין. אָבער ס׳האָבן מיין מאַן געכאַפּט די פּוילישע פּאָליציאַנטן (אין דינסט פון ס.ס., וואָס מ׳האָט זיי גערופן „קרעפּאַוועצעס״) און אים אַכזריותדיק געשלאָגן און געפייניקט. ער איז צוריקגעקומען שווער קראַנק, און מיר האָבן אים באַהאַלטן במשך צוויי וואָכן צווישן שטיין־פעלזן אין פעלד און אים געראַטעוועט. ווייל מיין מאַן איז צו דער אַרבעט נישט געקומען, איז מיין פערצן־יאָריקער יינגל פאַר אים געגאַנגען אַקערן אין פעלד; און ביינאַכט האָט ער פאַר זיך געאַרבעט אַלס פּאַסטעך פון פערד.

מיר האָבן איבערגעלעבט אין דאָרף דעם גאַנצן זומער, און האַרבסטצייט האָבן מיר באַדאַרפט צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין, אָבער אָנשטאָט פאָרן קיין האָראָדענקע, איז אַ טייל פון מיין משפּחה געגאַנגען אַרבעטן ביים בויען אַ נייע בריק אויפן דניעסטער, אָנשטאָט דער בריק וואָס איז אויפגעריסן געוואָרן בעת דער מלחמה. די אַנדערע פון דער פאַמיליע זענען

אַוועק אין וואַלד זיך אויסבאַהאַלטן. צו מיין גרויס אומגליק זענען מיינע זין געכאַפּט געוואָרן פון דער אַרבעט ביי דער דער בריק דורך די ס.ס. און געבראַכט געוואָרן אין לעמבערגער לאַגער יאַנאָווסקא. מיר זענען ווידער אַוועק אין שטאָט אַריין און געקומען גראָד אין דעם טאָג ווען ס׳איז געווען אין האָראָדענקע אַ נייע אַקציע, און מ׳האָט אַלע געפירט קיין קאָלאָמיי אין לאַגער.

מיך האָט מען אויך געכאַפּט, און ס׳איז מיר געלונגען פון אַ וואָגן אַראָפּצושפּרינגען. דעמאָלט האָבן מיר באַשלאָסן זיך איינצלוויז אַרויסצוגנבענען און מיר האָבן זיך ווידער געזאַמלט אין וואַלד נעבן סעמאַקאָוויץ, וואו מיר האָבן זיך שוין איינמאָל אויסבאַהאַלטן.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער דייטשער הויפּטאינזשעניר, וואָס האָט אָנגעפירט די אַרבעט ביי דער בריק און באַקומען אַ באַפעל איבערצושיקן די אַרבעטער אין האָראָדענקער הויף, וואו די ס.ס.־תליינים האָבן אויף זיי געוואַרט — האָט נישט געפאָלגט דעם באַפעל. זענען די רוצחים געקומען צו דער בריק, געכאַפּט אַ צוויי הונדערט יונגע מענטשן און זיי געפירט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען קיין לעמבערג. אַ העלפט פון די מענטשן זענען פון די וואַגאָנען אַרויסגעשפּרונגען, און אַזוי אַרום איז מיין ברודערס אַ זון צו אונדז אין וואַלד געקומען.

אונדזער הויפּטשטרעבן אין יענער צייט איז געווען אַריבערצוקומען אין יענער זייט דניעסטער, ווייל דאָרט האָט מען נישט געוואוסט, און אפשר נישט געגלויבט, וואָס ס׳האָט אַלץ געטראָפן מיט די יידן אין די שטעט אויף דער דרום־זייט פונעם דניעסטער.

ס׳איז געווען האַרבסטצייט פונעם יאָר 1942. נאָך לאַנגן פלאָגן זיך ביים אויסבאַהאַלטן אין וואַלד, האָבן מיר געזען אַז דער נאָענטער ווינטער מאַכט עס אוממעגלעך זיך אויפצוהאַלטן אין וואַלד. אַ דאַנק מיין ברודער, וואָס איז געבליבן צווישן די לעצטע פינף יידישע אַרבעטער ביי דער דניעסטער־בריק איז אונדז געלונגען ביינאַכט אין דער פינצטערניש זיך אַדורכצושמוגלען די בריק. דעם וועג קיין טלוסט זענען מיר געגאַנגען נאָר ביינאַכט, דורך סטעטשקעס ווייט פונעם שטראָז, ווי אויך דורך וועלדער. מיר האָבן זיך באַהאַלטן ביי טאָג און זענען געגאַנגען ביינאַכט, און זיך צוגעשלאָגן דורך איסטיטשקע ביז קיין טויסט (טלוסטע), וואו ס׳האָט געוואוינט מיין שוועסטער, אַ פאַרה־יראַטע טויבער. זי האָט אונדז געגעבן אַ צימער אין איר הויז.

לויט די באַדינגונגען פון יענער תקופה, האָט די שטאָט געלעבט כמעט אַ נאָרמאַל לעבן. ס׳האָט נישט געהערשט קיין הונגער, ווייל די פויערן האָבן פאַר געלט פאַרקויפט עסנוואַרג. מ׳האָט אויך געקענט באַקומען אַלס טאָגלוינער אַרבעט ביי די פויערן, און באַקומען באַצאָלט מיט געלט. אָבער מ׳האָט געמוזט זיין אַ גוטער און אויסגעצייכנטער אַרבעטער.

אַ קורצע צייט נאָך אונדזער קומען קיין טויסט האָט מען אָנגעהויבן פילן סימנים פון ענדערונגען אין לעבנסשטייגער. די אָרטיקע יידן האָבן נישט גערן געהערט די דערציילונגען פון אונדזערע דערפאַרונגען מיט די תליינים, און אין זייער נאַאיוויקייט האָבן זיי געגלויבט, אַז אַ ברכה פון אַ גוטן־יידן היט זיי, און ס׳וועט זיי חלילה קיין שלעכטס נישט געשען. מיר האָבן אָבער געטענהט, אַז מען דאַרף וואָס גיכער בויען בונקערס און זיין גרייט צום ערגסטן.

מיין שוועסטער האָט געהאַט אַ גרויס הויז, און מיין שוואָגער איז געווען אַ תבואה־סוחר. דאָס הויז האָט געהאַט אַ שפּייכלער און אַ מאַגאַזין, און אונטער דעם אָרט האָבן מיר אויסגעבויט אַ בונקער, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אויסבאַהאַלטן 36 נפשות. אין גיכן האָבן זיך אָנגעהויבן די אַקציעס אין טויסט, און ווייל די דייטשן האָבן געפילט אַז עס ברענט זיי די ערד אונטער די פיס, האָבן זיי זיך מיט דער אַקציע צוגעאיילט, כדי גיך צו ליקווידירן דאָס ביסל געבליבענע יידן.

נאָכדעם ווי טויסט איז געוואָרן „יודענריין”, ווי די רוצחים פלעגן זאָגן (חוץ די באַהאַלטענע, וואָס זענען נישט געכאַפּט געוואָרן), האָבן מיינע זין אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער ליגענשאַפטן (גוט) קאָזיאַ־גוראַ. אָבער ווען זיי זענען געקומען, האָבן די יודענראַט־מענטשן זיי געכאַפּט און אַוועקגעשיקט צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער אין אַרבעטסלאַגער ליסאָווצע.

אַרום דער צייט האָבן די נאַציס דורכגעפירט אין טויסט די לעצטע אַקציע, און זיך דערוואוסט אַז אין אונדזער הויז איז פאַראַנען אַ בונקער — מיר האָבן אָבער רעכטצייטיק פאַרלאָזט אונדזער באַהעלטעניש. אַדאַנק דעם, וואָס מיינע זין האָבן געאַרבעט אין לאַגער ליסאָווצע, האָט דער פירער פונעם לאַגער העסיע קרעמער מסכים געווען אונדז צו נעמען אַהין, הגם מיר זענען נישט געווען קיין „אַרבעטפייאיקער עלעמענט”. אָבער אין אמתן האָבן מיר געאַרבעט אין פעלד פון זונאויפגאַנג ביז זונאונטערגאַנג. אָבער ס׳האָבן זיך אויך צו דעם לאַגער דערנענטערט די אַקציעס, און מיר זענען אַלע מאָל אַוועק זיך אויסבאַהאַלטן אין נאָענטן וואַלד. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט במשך פון יאָר 1943 אין פעלד, און מיט גרויסער מי האָבן מיר באַקומען אַביסל עסן.

קעגן ווינטערצייט האָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון טיפוס; פיל מענטשן זענען געשטאָרבן, און מיר זענען געבליבן צווישן די ווינציקע. אויך די פאָליציאַנטן, וואָס האָבן אונדז געהיטן ביי דער אַרבעט, האָבן געהאָלפן אַז די צאָל פאַרבליבענע זאָל אַלץ קלענער ווערן.

די דייטשן וואָס האָבן געפירט די „ליגענשאַפט” (גוט), זענען געווען „אָפּגעקויפטע”, ווייל נישט די ס.ס. האָבן עס געפירט, נאָר דאָס אָרטס־קאָמאַנדאָ. די ס.ס.־רוצחים האָבן ליקווידירט די אַרומיקע שטעט און דערפער, ווי אויך די לאַגערן בורקין־ווילק, סטופּעק, קאָמיאָנעק און געגלויבט אַז ס׳זענען מער קיין יידן נישט געבליבן; און דערפאַר האָבן זיי פאַרלאָזט דעם ראַיאָן. די דייטשן פון דעם אָרטסקאָמאַנדאָ זענען נישט געווען אַזוי בלוטדאָרשטיק ווי די ס.ס., און דערפאַר זענען געבליבן פון די 15.000 מענטשן, וואָס זענען יעוועזן אין די לאַגערן, ווייניקסטנס 800. ווינטערצייט זענען די לעבעדיק־געבליבענע באַשעפטיקט געוואָרן ביי טאַבאַקאַרבעט און אין דער הויף־ווירטשאַפט.

סוף־סוף האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פונעם דייטשן ריקצוג אויפן וועג באָרשטשאָוו־ליסאָוויץ. מיט די דייטשן זענען אַנטלאָפן די וולאַסאָווצעס. אויפן וועג צוריק האָבן זיי אויסגעהרגעט אַלע לעבעדיק־געבליבענע יידן אין די לאַגערן, און דער רעשט געבליבענע יידן האָבן זיך אין טויסט געזאַמלט. דער אָבערלייטער פונעם הויף האָט אַפילו געשטעלט סאָלדאַטן אויף צו היטן די יידן פון איבערפאַלן. אָבער אַז די פּאַרטיזאַנען זענען איבערגעפאַלן דעם דייטשן אָבערלייטערס הויז און אויך אַוועקגענומען די פערד, האָט ער פאַרלאָזט זיין אָרט. דאָס איז געווען אַ צייכן פאַר די וולאַסאָווצעס, צו בושעווען פריי. זיי האָבן געררודפט יעדן איינעם, געהעצט די אַרומיקע פויערן און האָבן זיי באַשולדיקט, אַז זיי באַהאַלטן אויס די יידן, וואָס וועלן דערנאָך מאַכן יד־אחת מיט די קאָמוניסטן און הערשן איבער זיי... על־כן איז בעסער די יידן אויסצוהרגענען, ס'זאָל פון זיי נישט בלייבן קיין זכר און קיין עדות צו די מעשים פון די וולאַסאָווצעס. די העץ־קאַמפּאַניע האָט ליידער געווירקט, און יעדער פויער וואָס האָט געטראָפן אַ ייד האָט אים געהרגעט.

מיר, דאָס קליינע ביסל יידן, וואָס מיר זענען געבליבן, האָבן געלעבט אין טויסט (טלוסטע) אין צוויי באַראַקן, נישט ווייט פונעם שטראָז, און מיר זענען געווען פול מיט פחד. דייטשן זענען שוין נישט געווען, און אונדזער וואַך איז באַשטאַנען פון אוקראַאינישע פּאָליציי. און דאָ האָט געטראָפן אַ נס, אַז די פּאָליציאַנטן איז באַפאַלן אַ פחד פאַר דער רוסישער אַרמיי, וואָס איז שוין געווען נאָענט, און זיי זענען אַליין אַנטלאָפן און אונדז געלאָזט אַליין.

עטלעכע שעה נאָך דעם איז אַריין אין שטאָט דער ערשטער רוסישער פּאַטראָל מיט דריי טאַנקן. די יונגע בחורים זענען זיי אַנטקעגן געלאָפן. די רוסישע סאָלדאַטן האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ „באַנדע” און האָבן זיי געהייסן הויבן די הענט אין דער הויך. אַז די בחורים האָבן געזאָגט: מיר זענען געבליבענע יידן — האָבן די רוסן געענטפערט: ווי אַזוי איז עס מעגלעך? מיר פאָרן פון סטאַלינגראַד ביז אַהער, און מיר האָבן קיין איין ייד נישט באַגעגנט, ווי אַזוי זענט איר לעבן געבליבן?

פאַרצייכנט פון יהושע שטרייט

יהושע ווערמוט

מיינע איבערלעבענישן

א. די אַקציעס אין האָראָדענקע

בשעת דעם ערשטן און גרעסטן פּאָגראָם אויף די האָראָדענקער יידן אין דעצעמבער 1941 האָב איך זיך געפונען אויסער דער שטאָט. נאָך די רדיפות אין די יאָרן 1939—1941 האָב איך צוזאַמען מיט מיין משפחה פאַרלאָזט אונדזער שטאָט. מיר האָבן געוווינט אין קאָלאָמיי, און דאָ האָב איך איבערגעלעבט די שחיטות פון קאָלאָמייער יידנטום. איך האָב אויך דאָ פאַרלוירן מיינע נאָענטע, און נאָר על־פּי נס, זייענדיק פאַרשטעקט בשעת די פּאָגראָמען אין פאַרשידענע אונטערערדישע בונקערס, בין איך געבליבן ביים לעבן. אין אויגוסט 1942 האָב איך זיך דעצידירט אומצוקערן קיין האָראָדענקע און דאָרט צוזאַמען מיט מיינע ביים לעבן געבליבענע חברים זוכן אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען.

אין האָראָדענקע האָב איך געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג אין זייער אַ גרויסער שפּאַנונג. די דייטשן האָבן געפאָדערט אַ רעגיסטראַציע פון אַלע יידן. די מעלדונג פון די נאַציס האָט אויפגעפאָדערט אַלע יידן זיך צו פאַרזאַמלען אויף אַ באַשטימטן אָרט מיט זייערע אַרבעט־ביכלעך און זיי דאָרט אָפּצושטעמפּלען. ווער עס וועט נאָך דער רעגיסטראַציע בלייבן אָן אַזאַ אָפּגעשטעמפּלט אַרבעט־ביכל, וועט — לויט יענער מעלדונג — דערשאָסן ווערן. דער יודענראַט האָט באַקומען אַן אויפטראַג צו פאַרזיכערן דאָס ערשיינען פון די יידן צו דער דערמאָנטער רעגיסטראַציע, און גלייכצייטיק האָט מען זיי פאַרזיכערט, אַז די מענטשן וואָס וועלן קומען צו דער רעגיסטראַציע וועט קיין שלעכטס נישט געשען.

צוליב דער דערפאַרונג פון די ערשטע אַקציעס, וועלכע זענען פאָרגעקומען אויף ענלעכע אופנים, האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע שפּאַנונג און נערוועזיטעט ביי די מענטשן. זיי האָבן געפילט אַז עס דערנענטערט זיך אַ פולשטענדיקער אונטערגאַנג פון די האָראָדענקער יידן. אָבער נישט רעכנענדיק זיך מיט דער בולטער כוונה פון די דייטשן, איז דער האָראָדענקער יודענראַט געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז מען דאַרף יאָ גיין צו דער רעגיסטראַציע, ווייל אין קעגנפאַל וועט ער דאַרפן טראָגן די פאַראַנטוואָרטונג פאַרן נישט דערשיינען פון די יידן לויט דעם באַפעל פון די דייטשן.

די לעצטע צוויי טעג פאַר דער רעגיסטראַציע איז דער יודענראַט געווען באַלאַגערט מיט מענטשן, וועלכע זענען געקומען הערן איינער פון צווייטן וואָס מען זאָל טון: צי גיין אויפן זאַמל־זלאַץ, וואָס שמעקט מיטן טויט, אָדער אפשר נישט גיין, וואָס שמעקט אויך מיטן טויט. יעדער איינער איז געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטער און פאַרגליווערטער, נישט געוואוסט וואָס ס'איז גלייכער צו טון. יעדער איינער האָט געוואָלט הערן אַן עצה פונעם צווייטן — קיינער האָט אָבער נישט געזען קיין אויסוועג פון דער שווערער סיטואַציע. אַלע האָבן געפילט, אַז עס קומט אַ פולשטענדיקער אונטערגאַנג.

אין לעצטן מאָמענט האָט דער יודענראַט אויפגעפאָדערט אַלע מענטשן צו שטעלן זיך פּינקטלעך אויפן פּלאַץ, לויט די פאַראָרדנונגען, און אויך באַשטימט אַ גענויעם סדר פון דערשיינען. נאָר אַ קליינער טייל יידן האָבן זיך דעצידירט נישט צו פאָלגן און נישט צו דערשיינען אויפן רעגיסטרירונגס־פּלאַץ. זיי האָבן זיך צוגעגרייט שפּייז אויף אַ לענגערער צייט און האָבן זיך פאַרשטעקט אין פאַרשידענע אונטערערדישע באַהעל־

טענישן. צווישן דער קליינער צאָל מענטשן בין איך אויך געווען. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג — און הויפּטזעכלעך די יונגע, אַרבעטס־פעאיקע מענטשן — האָבן זיך געשטעלט דעם 7־טן נאָוועמבער 1942, זייגער אַכט אינדערפרי, אויף דעם גרויסן רינג־פּלאַץ, גלויבענדיק אין די הייליקע פאַרזיכערונגען, אַז דאָס מאָל וועט זיי גאָרנישט געשען.

ווי נאָר אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט, איז דער פּלאַץ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך הונדערטער דייטשע און אוקראַאינישע מיליציאַנטן, באַוואָפנטע מיט מאַשין־געווערן, און אַלע יידן זענען גלייך פונעם פּלאַץ געפירט געוואָרן צו די צוגעגרייטע וואַגאָנען, אין וועלכע מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין די לאַגערס צו די גאַז־קאַמערן. נאָר 80 מענטשן, וועלכע זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס קוואַליפיצירטע פאַכלייט, זענען באַפרייט געוואָרן. בלויז די 80 מענטשן האָבן געהאַט דאָס רעכט לעגאַל צו בלייבן אין שטאָט, אַלע איבעריקע האָבן געזאָלט דערשאָסן ווערן.

די באַהאַלטענע יידן האָבן זיך געפונען אין אַ מצב אָן אַן אויסוועג. באַוויזן זיך אויף דער גאַס האָט מען נישט געטאָרט, ווייל יעדער דייטש אָדער אוקראַאינער האָט געהאַט דאָס רעכט זיי צו דערשיסן אויפן אָרט; בלייבן פאַרשטעקט איז אויך געווען אוממעגלעך; איז געבליבן דער אויסוועג — צו אַנטלויפן. וואוהין אַנטלויפן — האָט קיינער נישט געוואוסט. קיין שום גוי האָט נישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן אַ יידן. אַסך משפחות, וועלכע האָבן געהאַט גוט באַקאַנטע גויים, האָבן געלעבט אין דער האָפענונג אַז אין אַ גאָר קריטישן מאָמענט וועלן זיי זיך ביי זיי באַהאַלטן. אָבער אויך די גוט־באַקאַנטע און פאַרלעסלעכע גויים האָבן אין לעצטן מאָמענט אָפּגעזאָגט צו געבן זייער הילף. די גרענעץ קיין רומעניען איז געווען שטאַרק אָפּגעהיט און יעדן טאָג פלעגן די דייטשן צוריקברענגען יידן, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן וועלנדיק שוואַרצן די גרענעץ. אַזוי אַרום האָבן זיך בלויז איינצעלנע דעצידירט צו גיין אויף דעם וועג.

אין אַט דעם פאַרצווייפעלטן מצב זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז אויף דער צווייטער זייט דניעסטער, אין דער געגנט פון בוטשאַטש און טלוסטע, לעבט נאָך אַ גרעסערע צאָל יידן, וואָס זענען נישט פאַרמאַכט אין די געטאָס. מיר האָבן נישט געקאָנט גלויבן, אַז פופציק קילאָמעטער ווייט פון אונדז זאָלן נאָך זיין יידן וואָס זענען נישט פאַרשפּאַרט אין געטאָס, און מיר האָבן געשיקט אַ מענטש די סיטואַציע אויסצופאָרשן. די ידיעה האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ ריכטיקע. דאָס איבערלאָזן יידן אין יענער סביבה איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלער ראַפינירטער אויסרעכנונג מצד די דייטשע מערדערס: זיי האָבן געגעבן יידן אַ מעגלעכקייט אַהין צו אַנטלויפן, און שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף איין אָרט, האָבן זיי געהאַט אַ מעגלעכקייט זיי פולשטענדיק אויסצוראָטן.

די געבליבענע רעשטלעך פון די האָראָדענקער יידן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון, וואָס עס שטייט זיי פאָר, אָבער נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג האָבן זיי אָנגעהויבן וואַנדערן איבערן דניעסטער קיין טלוסטע און קיין בוטשאַטש. יעדע נאַכט איז אַרויס פון דער שטאָט אַ גרופּע מענטשן. אַ טייל פון זיי זענען אָנגעקומען בשלום אויפן אָרט, אָבער פיל פון די וואַנדערער זענען באַרויבט געוואָרן אויף די וועגן, און אָנגעקומען זענען זיי אַהין נישט האָבנדיק פאַר וואָס צו קויפן אַ שטיקל ברויט.

צוויי וואָכן שפּעטער האָבן זיך שוין געפונען אין טלוסטע 200, און אין בוטשאַטש 120 האָראָדענקער יידן. איך צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים זענען מיר אַוועק קיין בוטשאַטש. די האָראָדענקער מענטשן זענען געשטאַנען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט צווישן זיך און אויך דורכגעפירט פאַרשידענע זאַמלונגען פאַר די האָראָדענקער, וואָס זענען אויף די וועגן באַרויבט געוואָרן.

דריי חדשים שפּעטער האָט זיך אויך אין יענער סביבה אָנגעהויבן די אויסראָטונג פון יידן מיט די זעלביקע, אונדז גוט־באַקאַנטע מעטאָדן.

מיר זענען צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. ווייסנדיק אַז מיר זענען סיי־ווי פאַראורטיילט צום טויט, האָבן מיר כאָטש געוואָלט נקמה נעמען פון די רוצחים. ס׳איז געווען זייער שווער צו באַקומען געווער. אַ פּיסטאָלעט האָט געקאָסט 5000—7000 זלאָטעס, און דאָס איז אין יענער צייט געווען אַסך געלט. מיר האָבן זיך געווענדעט צום דאָרטיקן יודענראַט וועגן מאַטעריעלער הילף צו קויפן געווער, דער יודענראַט האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע פאַרשטענדעניש פאַר דער זאַך. מיט פאַרשידענע מיטלען, מיט גוטן און מיט שלעכטן, האָבן מיר אַרויסבאַקומען פונעם יודענראַט אַ געוויסע סומע געלט, און מיר האָבן איינגעקויפט עטלעכע פּיסטאָלעטן און צוויי קורצע (אָפּגעשניטענע) ביקסן. דעמאָלט האָבן מיר אַרויסגעשיקט גרופּעס מענטשן אין די נאָענטע וועלדער, כדי צוצוגרייטן דאָרט די נויטיקע באַדינגונגען פאַר דעם טאָג ווען מיר וועלן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט.

אָבער אַן אומגעריכטע, אין גרויסן פאַרנעם אָרגאַניזירטע ליקווידירונג־אַקציע אין אַלע שטעטלעך פון טשאָרטקאָווער קאַנט, האָט צונישט געמאַכט אונדזערע פּלענער, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרומנעמען אויך די יוגנט פון די אַרומיקע שטעטלעך. בשעת דער אַקציע זענען אונדזערע מענטשן נאָך נישט געווען צוגעגרייט צו אַן אָרגאַניזירטן באַוואָפנטן מאַסן־ווידערשטאַנד, אַזוי אַז נאָר יעדער איינער וואָס האָט ביי זיך געהאַט געווער, אויך קליינע גרופּעס, האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד אין איינצעלנע הייזער. בעת די איינצעלנע באַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען פון אונדזערע חברים זענען געשאָסן געוואָרן צוויי דייטשן און דריי אוקראַאינישע מיליציאַנטן.

נאָך דעם פּאָגראָם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָר אַ קליינע צאָל פון אונדזערע חברים זענען געבליבן ביים לעבן. די איבערגעבליבענע זענען אַרויס אין עטלעכע באַוואָפנטע גרופּעס אין די שכנותדיקע וועלדער. צווישן די דריי גרופּעס וואָס האָבן געציילט פערציק מענטשן, האָבן זיך געפונען אַכט האָראָדענקער.

ב. אין די וועלדער

איידער מיר זענען אַרויס אין וואַלד האָבן מיר זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי וועלן עס מענטשן לעבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, ווי אַזוי וועלן מיר זיך דערנערן? דערפאַר האָבן אויך אַ סך פון אונדז געהאַלטן אונדזער צוקונפטיק וואַלד־לעבן ווי אַ ווייטערדיקן המשך פון אונדזערע טראַגישע און אומגליקלעכע ליידן. אָבער שוין אין די ערשטע טעג נאָכן אַרויסמאַרש האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז אַ טעות האָבן געהאַט די וועלכע האָבן זיך געשראָקן פאַרן וואַלד־לעבן. אַרויסקומענדיק אויף דער פריי, נישט זייענדיק מער אַרומגענומען מיט די הויכע שטעכיקע דראָטן אונטערן שטענדיקן פחד פון פאָגראָם און טויט, האָבן מיר אָנגעהויבן פריי אָפּצואָטעמען; מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז דאָ האָבן מיר די איינציקע מעגלעכקייט אַדורכצוהאַלטן, אויב מיר וועלן נאָר פאַרשטיין ווי אַזוי זיך איינצואָרדנען.

די ערשטע טעג אונדזערע אין וואַלד זענען געווען שווערע. ערשטנס האָט אַ גאַנצע וואָך גערעגנט אָן אַן אויפהער, און מיר זענען נאַס געוואָרן ביז צו די ביינער. צווייטנס האָבן מיר נישט געהאַט קיין דערפאַרונג, ווי אַזוי איינצוראָרדנען אונדזער אַפּראָוויזאַציע. אָבער שוין אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר אויפגעשטעלט צעלטן, און שפּעטער אויך אונטערערדישע בונקערס. די אַפּראָוויזאַציע־מעגלעכקייטן האָבן זיך אויך פאַרבעסערט, און מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ קיך, וועלכע האָט דריי מאָל אין טאָג געקאָכט וואַרעמע מאַכלים. די פּראָדוקטן פלעגן מיר באַקומען פון די שכנותדיקע דערפער. יעדן אָוונט זענען עטלעכע חברה אַרויסגעגאַנגען אין די דערפער און אַריינגעבראַכט פּראָדוקטן אויפן גאַנצן טאָג.

אונדזער באַוואָפנונג איז באַשטאַנען בלויז פון פּיסטאָלעטן. דאָס וואַלד לעבן האָט אָבער באַוויזן, אַז פּיסטאָלעטן זענען אַ שוואַך וואָפן — פיל וויכטיקער זענען ביקסן און אויטאָמאַטן. דערפאַר איז אונדזער ערשטע אויפגאַבע געווען זיך צו באַוואָפנען ווי עס פאַרלאַנגען די וואַלד באַדינגונגען. אויף פאַרשידענע אופנים איז אונדז געלונגען אונדזער פּלאַן צו רעאַליזירן, און אין אַ קורצער צייט אַרום זענען מיר רייכער געוואָרן מיט 5 ביקסן. אַלע נישט באַוואָפנטע יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די שכנותדיקע וועלדער, האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום אונדזער גרופּע. זייער מצב איז געווען זייער אַ שווערער. זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אויף פאַרשידענע איבערפאַלן, בעיקר מצד דער אוקראַאינישער באַפעלקערונג. די גויים פלעגן לויערן אויף די וועגן וואָס האָבן געפירט אין די דערפער, און יעדן נישט־באַוואָפנטן ייד האָבן זיי געשלאָגן מכות רצח, אַוועקגערויבט פון אים דאָס געלט און די קליידער און איבערגעלאָזט אים פולשטענדיק נאַקעט. אין אַזעלכע פאַלן איז אונדזער אויפגאַבע געווען צו באַזאָרגן קליידער פאַר די געליטענע. אין אַזאַ דאָרף, וואו ס׳זענען פאָרגעקומען רויב־איבערפאַלן אויף יידן, פלעגן מיר באַזוכן ביינאַכט דעם פאָרזיצענדן פונעם דאָרף און פלעגן אַוועקנעמען אַזויפיל זאַכן, וויפיל עס איז געווען נויטיק פאַר די געליטענע.

די ערשטע צוויי חדשים האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט די רוסישע פאַרטיזאַנער, און בכלל נישט געוואוסט צי אַזעלכע זענען פאַראַן אין אונדזער געגנט. און ווי גרויס איז געווען אונדזער פרייד, ווען סזענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז אין די שכנותדיקע וועלדער געפינען זיך רוסישע פאַרטיזאַנער. לאַנגע טעג האָבן אונדזערע שליחים געזוכט אַ וועג צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט זיי. צוויי מיידלעך פון אונדזער גרופּע האָבן צופעליק אָנגעטראָפן אַ פּאַטראָל פון רוסישע פאַרטיזאַנער און זיי געבראַכט אין אונדזער לאַגער. ווי גרויס איז געווען אונדזער שותפותדיקער יום־טוב! מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן מיטאָג, אויף וועלכן סזענען אַרויסגעטראָטן אַפּאָר רוסישע פאַרטיזאַנער און האָבן אונדז אינפאָרמירט איבערן מצב פונעם קריג בכלל און אויך וועגן זייער מצב. נאָך דער נישט געלונגענער אָפענסיווע אין די קאַרפּאַטן, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל קאָלפּאַק, וואָס האָט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זייער קאָמענדאַטור, האָבן די רוסישע פאַרטיזאַנער געבילדעט אָפּגעריסענע גרופּעס, וואָס האָבן זיך געצויגן קיין מזרח.

די רוסישע פאַרטיזאַנער האָבן מיט אונדז פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט. אַ דאַנק זיי איז אונדז געלונגען זיך בעסער צו באַוואָפענען, מיט זיי צוזאַמען האָבן מיר דורכגעפירט פאַרשידענע אָפּעראַציעס. אונדזער וואַלד־לעבן האָבן מיר אַזוי ווייט איינגעאָרדנט, אַז סהאָט אונדז גאָרנישט געפעלט. יעדער האָט באַקומען קליידער (דאָס רוב פון דייטשע סאָלדאַטן און ס.ס.־לייט), מיר האָבן אַפילו אינסטאַלירט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט אויף באַטעריען, אַ דאַנק וועלכן מיר האָבן יעדן אָוונט געהאַט ידיעות פון דער אויסערלעכער וועלט.

פאַר דער אַרומיקער באַפעלקערונג און אויך פאַר דער אוקראַאינישער מיליץ און דייטשער זשאַנדאַרמעריע האָט נישט געקאָנט בלייבן קיין סוד, אַז אין דער געגנט זענען פאַראַן באַוואָפנטע יידן. נאָך פאַרשידענע אָפּעראַציעס וואָס מיר האָבן דורכגעפירט האָבן זיך פאַרשפּרייט ידיעות, אַז אין די אַרומיקע וועלדער געפינט זיך אַ שטאַרקער כוח פון באַוואָפנטע יידן. די דאָזיקע ידידעות האָבן אַריינגעבראַכט אַ גרויסן פחד צווישן דער באַפעלקערונג, און קיין גוי האָט זיך נישט געוואַגט אַריינצוקומען אין וואַלד אַריין.

פון צייט צו צייט פלעגן די דייטשן, מיט הילף פון אוקראַאינישער מיליץ, אָרגאַניזירן „אָבלאַוועס" אין די וועלדער. זומער־צייט האָבן די אָבלאַוועס נישט געבראַכט קיין גרויסע קרבנות, ווייל אין די גרויסע וועלדער, אין וועלכע מיר האָבן זיך געפונען, איז אוממעגליך געווען אויסצוגעפינען קליינע באַהאַלטענע גרופּעס פון מענטשן. אויסערדעם האָט די פּאָליציי נישט געוואַגט אַריינצודרינגען אין די טיפענישן פונעם וואַלד, און זיי האָבן געזוכט אין די „אַלעען" (וואַלד־וועגן). בכלל איז אין זומער דער מצב געווען אַ לייכטערער, ווייל מיר האָבן געהאַט מער מעגלעכקייטן זיך איבערצוטראָגן פון אָרט צו אָרט צוליב בעסערער זיכערקייט. ווינטער איז דער מצב געווען גאָר אַ שווערער, און מיר זענען געווען געצוואונגען צו ענדערן אונדזער טאַקטיק. אין די וועלדער האָבן מיר

ווייטער נישט געקאָנט פאַרבלייבן, ווייל די סימנים אין שניי האָבן געפירט גלייך צו די ערטער אין וועלכע מיר האָבן זיך איינגעפונען. אונדזער נייע טאַקטיק איז געווען — נישט צו זיצן אויף איין אָרט, אָנהויבן צו וואַנדערן אויסער דעם וואַלד, יעדן טאָג אויף אַן אַנדערן פּלאַץ.

צוליב די פאַרשטאַרקטע אָבלאַוועס האָבן אויך די רוסישע פּאַרטיזאַנער באַשלאָסן צו זיין נענטער צום פראָנט. אונדזער גרופּע האָט באַשלאָסן נישט צו גיין אויף די וועגן, ווייל דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ זיכערן טויט. מיר האָבן גוט געקענט אונדזער באַפעלקערונג, און געוואוסט אַז אויב מיר וועלן גיין מיט די וועגן אויסער די פעלדער, כדי זיך צו דערנענטערן צום פראָנט — אַ שטרעקע פון הונדערטער קילאָמעטער — וועלן מיר אויסגעליפערט ווערן די דייטשן. מיר האָבן געהאַלטן, אַז פאָרזעצנדיק אונדזער ביזאיצטיקע טאַקטיק וועלן מיר האָבן בעסערע שאַנסען זיך אויסצובאַהאַלטן. איינצעלנע חברים זענען אַוועק מיט די רוסן, און מיר זענען פאַרבליבן אויפן פּלאַץ.

יעדע נאַכט פלעגן מיר מאַרשירן 20—30 קילאָמעטער, איבערוואַרפנדיק זיך פון אָרט צו אָרט. אונדזער טאַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטע, ווייל קוים איז נאָר דערגאַנגען צו די דייטשן די ידיעה אַז מיר געפינען זיך אויף אַ געוויסן פּלאַץ — זענען מיר שוין געווען 30 קילאָמעטער ווייטער.

צוליב די שטאַרקע פרעסט אוןווינטן האָבן מיר אָנגעהויבן שאַפן זיך אויפהאַלט־פּלעצער ביי פאַרשידענע פויערן (מיינסטענס פּאָליאַקן) אויף אַ טאָג אָדער צוויי. עס האָבן זיך געפונען פויערן וואָס פלעגן אונדז גערן אַריינלאָזן אויף זייערן אַ בוידעם אָדער אַ שייער — חלילה נישט אויס פריינטשאַפט צו אונדז, אָדער כדי אונדז צו העלפן אין אונדזער שווערער לאַגע, נאָר פשוט צוליב ריין מאַטעריעלע טעמים: די פויערן האָבן מיר גוט באַלוינט פאַרן דערלויבן אונדז צו פאַרברענגען אונטער זייער דאַך אַ טאָג אָדער צוויי. אַזוי האָבן מיר זיך אויך געשאַפן 8—10 פאַרלעסלעכע אויפהאַלטס־פּלעצער אין אונדזער אָפּעראַציע געביט, וואָס האָט אַרומגענומען בערך 150 קילאָמעטער. צוליב זיכערקייט האָבן די פויערן פון דידאָזיקע פונקטן קיינמאָל נישט געוואוסט ווען מיר וועלן קומען צו זיי. פון צייט צו צייט פלעגן מיר אַריינפאַלן ביינאַכט, פאַרברענגען אַ טאָג — און אין אָוונט ווייטער מאַרשירן. דערביי זענען מיר אויך געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט באַקאַנטע יידן, וואָס זענען געווען באַהאַלטן ביי פויערן, און מיר האָבן באַזאָרגט פאַר זיי אַלץ אין וואָס זיי האָבן זיך גענויטיקט.

אין די ווינטער־חדשים פון 1943, ווען די אוקראַאינער האָבן שוין פאָראויסגעזען היטלערס מפּלה, האָבן זיי געשטרעבט צו ליקווידירן די יידישע באַוואָפנטע גרופּעס; זיי האָבן גערופן פאַרזאַמלונגען פון דער באַפעלקערונג און אויפגעקלערט זיי, אַז די באַוואָפנטע יידן זענען די איינציקע עדות וואָס זענען געבליבן לעבן און ווייסן גאַנץ גוט וואָס סאיז פאָרגעקומען. מען דאַרף איבערדעם אַלץ טון, זיי זאָלן נישט בלייבן לעבן און נישט איבערגעבן די רוסן, ווי גערן די אוקראַאינער האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט די דייטשן ביים פאַרניכטן די יידן; און עס איז אַ הייליקע אויפגאַבע פון יעדן אוקראַאינער, מיטצוהעלפן דער פּאָליציי צו ליקווידירן די באַוואָפנטע גרופּעס.

וויסענדיק אַז אונדזערע באַוועגונגען קומען פאָר ביינאַכט, זענען אין יעדן דאָרף אַוועקגעשטעלט געוואָרן ספּעציעלע מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט נאָכשפּיאָנירן די ריכטונגען פון אונדזערע וועגן. וועגן דער דאָזיקער טאַקטיק פון דער באַפעלקערונג זענען מיר געווען אינפאָרמירט, און מיר האָבן אויסגעמיטן צו גיין מיט די וועגן אָדער דורך דערפער. אונדזערע וואַנדערונגען זענען פאָרגעקומען איבער די פעלדער, ווייט פון די דערפער.

דאָך איז אונדזער מצב געווען זייער אַ שווערער. נישט איינמאָל זענען מיר איבערגעפאַלן געוואָרן פון די דייטשן און פון דער אוקראַאינישער מיליץ אין די הייזער אין וועלכע מיר פלעגן פאַרברענגען ביי טאָג — די סימנים אין שניי פלעגן זיי ברענגען ביז אין שטוב אַריין. אָבער קיינמאָל האָבן זיי אונדז נישט געטראָפן נישט־צוגעגרייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, און ווען זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף ווידערשטאַנד — זענען זיי תמיד די ערשטע אַוועק פונעם פּלאַץ. כמעט טאָגטעגלעך פלעגן די דייטשן און אוקראַאינער אַרויסשלעפּן באַהאַלטענע יידן פון די גויישע קעלערס אָדער בוידעמס, אַרויספירן זיי אויפן הויף און זיי גלייך דערשיסן. אין אַזעלכע פאַלן זענען זיי געווען גרויסע העלדן, האַנדלדיק פאַר זיך נישט־באַוואָפנטע, אויסגעמאַטערטע פרויען און קינדער. אָבער אָנשטויסנדיק אויף אַ באַוואָפנטן כוח — זענען זיי די ערשטע אַנטרינען פונעם פּלאַץ.

אין יאַנואַר 1943, ווען מיר האָבן זיך געפונען ביים דניעסטער, 30 קילאָמעטער פון האָראָדענקע, האָבן מיר, 4 האָראָדענקער פון אונדזער גרופּע, באַשלאָסן אַריינצוגיין אין שטאָט אַריין. מיר האָבן געוואָלט זיך אינפאָרמירן, צי ס'זענען נאָך פאַראַן באַהאַלטענע יידן ביי פויערן, און אויב יאָ — פאַרבינדן מיט זיי אַ קאָנטאַקט, אָדער מיטנעמען זיי מיט אונדז אין וואַלד אַריין.

סאיז שווער צו באַשרייבן וואָס מיר האָבן געפילט ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט אין וועלכער מיר זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן, אין וועלכער יעדער שטיין און יעדער בוים איז אונדז געווען באַקאַנט און האָט אונדז דערמאָנט אונדזער אַמאָליק פריי לעבן, מענטשן־גלייך, מיט משפּחה און חברים — און אין אָט־דער שטאָט דאַרפן מיר זיך איצט אַריינגנבנען ביינאַכט ווי פאַרברעכער, קיינער זאָל אונדז חלילה נישט באַמערקן.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען ביינאַכט צו אונדזערע באַקאַנטע גויים, באָרוועס און אין מיליטערישע קליידער, איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ גרויסע שרעק. צוערשט האָבן זיי אונדז נישט דערקענט, און שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט אַז די באַוואָפנטע מענטשן זענען טאַקע באמת געוועזענע האָראָדענקער יונגעלייט — האָבן זיי אונדז וואָס שנעלער געוואָלט זען אויסער זייער שטוב.

ליידער, האָט אונדזער מאַרש קיין שום נוצן נישט געבראַכט. מיר זענען אַפילו יאָ געוואָר געוואָרן וועגן איינצעלנע יידן, וועלכע האָבן זיך אין יענער צייט אויסבאַהאַלטן

אין די סטעפּעס אויפן וועג קיין ראַשקאָוו, מיר האָבן אָבער בשום אופן נישט געקאָנט אָנקניפּן מיט זיי אַ קאָנטאַקט. דער טאָג האָט זיך דערנענטערט און מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. מיר האָבן זיך געווענדעט צו אַסך באַקאַנטע גויים, זיי זאָלן אונדז דערלויבן צו בלייבן ביי זיי אַ טאָג, עס האָט זיך אָבער קיין איינער נישט געפונען, וואָס זאָל וועלן מסכים זיין דאַרויף. זייענדיק געצוואונגען צו פאַרלאָזן די שטאָט, האָבן מיר רעקווירירט אויף דער קאָטיקיוקע אַ וואָגן מיט שטאַרקע צוויי פערד, און דער פויער האָט אונדז אָפּגעפירט קיין דיביק, זייענדיק זיכער אַז מיר זענען הונדערט־פּראָצענטיקע דייטשן. פון דאָרט זענען מיר צו פוס צוריקגעקומען צו אונדזערע חברים.

די לעצטע חדשים פאַר דער באַפרייאונג איז אונדזער זיכערקייטס־מצב געוואָרן זייער אַ קריטישער. עס זענען ענטשטאַנען גרויסע אוקראַאינישע באַוואָפנטע גרופּעס — די באַקאַנטע „באַנדעראָווצעס", וואָס האָבן אונדז דורכאויס געוואָלט פאַרניכטן. דער מצב איז אויך פאַרשווערט געוואָרן דערמיט, וואָס די וועגן (אויך די פעלד־וועגן) זענען געווען באַזעצט מיט דייטשן און אוקראַאינישן מיליטער, און דאָס אַרומוואַנדערן איז כמעט אוממעגלעך געוואָרן.

אין דער זעלבער צייט האָבן אָבער די דערמאָנטע באַוואָפנטע „באַנדעראָווצעס" געמאַכט גרויסע אָנפאַלן אויף דער פּוילישער באַפעלקערונג אין דער גאַנצער געגנט און האָבן אויסגעהרגעט גאַנצע קאָלאָניעס און דערפער. אויך די פּאָליאַקן האָבן זיי געהאַלטן פאַר שעדלעך אין דער צוקונפט. איינמאָל ביינאַכט, ווען מיר זענען געווען אין איינעם פון אונדזערע אויפהאַלטס־פּונקטן ביי אַ גוט־באַקאַנטן פּאָליאַק, וואָס איז געשאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, און אַ דאַנק אים האָבן מיר באַקומען אין דער ערשטער צייט געווער — איז געקומען צו אונדז אַ דעלעגאַציע פון פּאָליאַקן, מיט אַ געוועזענעם פּוילישן קאַפּיטאַן בראש, מיט אַן אינטערעסאַנטער פּראָפּאָזיציע: אַזוי ווי זייער מצב איז איצט נישט זיכערער פון אונדזערן, און ווייל זיי שאַצן אָפּ אונדזער באַוואָפנטן כוח און אונדזער העלדישקייט, וועלכע זענען באַקאַנט דער גאַנצער אַרומיקער באַפעלקערונג — קומען זיי צו אונדז מיטן פאָרשלאַג, מיר זאָלן אַריינקומען אַלס אַ געשלאָסענע גרופּע אין די פּוילישע דערפער, און מיטהעלפן זיי צו אָרגאַניזירן און צו באַוואָפענען די באַפעלקערונג, כדי צו שטעלן מיט זיי צוזאַמען אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן די אוקראַאינישע באַנדיטן, וואָס זענען אונדזערע בשותפותדיקע שונאים. זיי האָבן אונדז אויך פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן אונדז אָפּהיטן ווי אייגענע קינדער, וועלן זאָרגן פאַר אונדז אין יעדער הינזיכט און ס'וועט אונדז ביי זיי גאָרנישט פעלן.

ווי איך האָב פריער דערמאָנט, איז אונדזער זיכערקייטס־מצב אין יענער צייט געווען זייער אַ קריטישער, די באַוועגונגס־מעגלעכקייטן — באַשרענקט, און די אַפּראָוויזאַציע — זייער אַ באַשווערטע, האָבן מיר דערפאַר נאָך אַ קורצער באַראַטונג מסכים געווען צו זייער פאָרשלאַג.

אינטערעסאַנט איז געווען דער אימפּאָזאַנטער קבלת־פּנים, וואָס ס'האָבן אונדז געמאַכט די פאָרשטייער פון איינעם פון די פּוילישע דערפער. אין די פאַרשידענע באַגריסונגען האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף אונדזער העלדישקייט און האָבן געוואָרפן שבחים אויף אונדזער אַדרעס. זיי האָבן אונדז גערופן צו אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן די אוקראַאינישע באַנדיטן, מיר זאָלן זיי מיטהעלפן אָרגאַניזירן די באַפעלקערונג, און צוזאַמען מיט זיי קעמפן קעגן אונדזערע בשותפותדיקע בלוט־שונאים.

אין אונדזער ענטפער אויף זייערע שבחים און פּראָפּאָזיציעס האָבן מיר זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער גרויסער צאָל פּאָליאַקן, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן דעם דייטש אויסמאָרדן אונדזערע שוועסטער און ברידער. זיי האָבן זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס אין יעדן פאָלק זענען פאַראַן יחידים מיט געמיינע פאַרברעכערישע נאַטורן, און אַזעלכע פעלן אויך נישט צווישן די פּאָליאַקן, אָבער דער רוב פונעם פּוילישן פאָלק האָט געהאַט גרויס מיטגעפיל מיט די יידן.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס דאָס פּוילישע פאָלק האָט געהאַט אין משך פון גאַנצע צוואָנציק יאָר אַ זעלבשטענדיקע מלוכה, איז אין יעדן דאָרף און שטעטל זענען געווען טעטיק מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס און ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס ווי „סטשעלעץ", „סאָקאָל" און אַנדערע, האָבן מיר געטראָפן די פּוילישע באַפעלקערונג כלל נישט קיין באַוואָפנטע. אויס פחד פאַר די רוסן האָבן זיי אין די יאָרן 1939—1941 אַלע אָפּגעליפערט זייער געווער. דאַקעגן האָבן די אוקראַאינער נישט אָפּגעליפערט זייער געווער לויט דעם רוסישן באַפעל, און ביי יעדן אוקראַאינער האָט מען געקאָנט געפינען באַהאַלטענע ביקסן, אויטאָמאַטיש געווער און אַפילו מאַשינען־געווער.

עטלעכע חדשים האָבן מיר פאַרבראַכט אין די פּוילישע דערפער. אַסך פּאָליאַקן פון די שכנותדיקע דערפער זענען געקומען וואוינען אין די דערפער וואו מיר האָבן זיך געפינען. די באַפעלקערונג האָט זיך צו אונדז באַצויגן לויט ווי מען האָט אונדז געזאָגט. יעדן אָוונט האָבן זיי געמאַכט פאַר אונדז אַ סעודה און געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע אַלץ וואָס דאָס האַרץ האָט נאָר געגלוסט. אונדזער טעטיקייט האָבן מיר אויסגעפירט אין די נעכט, בייטאָג זענען מיר געווען אַלע צוזאַמען אויף ערטער, וואָס בלויז געציילטע מענטשן פונעם דאָרף האָבן וועגן זיי געוואוסט. נאָר זונטיק פלעגן מיר אַרויסגיין בייטאָג אין גאַס מיט אונדזערע אויטאָמאַטישע נאַגאַנעס, כדי צו היטן דעם קלויסטער אין דער צייט ווען די באַפעלקערונג האָט זיך דאָרט פאַרזאַמלט. איידער מיר זענען געקומען אין דאָרף אַריין האָט די דאָרטיקע באַפעלקערונג נישט געקאָנט גיין אין קלויסטער, אויס מורא פאַר איבערפאַלן פון די אוקראַאינישע „באַנדעראָווצעס", וואָס האָבן אין עטלעכע דערפער אַריינגעוואָרפן באָמבעס אין פּוילישן קלויסטער. בשעת מען האָט זיך אין אונדזער דאָרף פאַרזאַמלט אין קלויסטער און פיר פון אונדזערע חברים האָבן געהיט פון דרויסן, האָט דער גלח פאַר דער תפילה געזאָגט צום המון: היינט קענט איר רואיק דאַווענען, ווייל אויסער דעם בנין געפינט זיך אַ כוח וואָס באַוואַכט אונדז פון אַלעם שלעכטן...

אין דעם פּוילישן דאָרף זענען מיר פאַרבליבן ביז צו דער באַפרייאונג.

יהושע נודעלמאן

א צוזאמענשטויס מיט דער פאליציי

נאָכן ליקווידירן פונעם געטאָ אין בוטשאַטש האָט זיך אַ קליינע גרופּע פון האָראָדענקער יונגעלייט אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און זיך אַזוי געראַטעוועט. איך בין געווען איינער פון דער גרופּע, און איך וויל דאָ צוגעבן עטלעכע פּרטים וועגן אונדזערע איבערלעבענישן.

אין אליין בין פון טשערנעליצע. מיין פּאָטער, און שפּעטער אויך איך אליין, פלעגן פּאַכטן די וועלדער אין דער געגנט פון טשערנעליצע, צום אויסהאַקן. אין קאָפּאַטשינץ, אַ דאָרף לעבן טשערנעליצע, האָבן מיר אויך געהאַט אַן אייגן וועלדל. איך האָב מיך איבערדעם גוט אויסגעקענט אין די וועלדער אין ביידע זייטן פון דניעסטער, און איך האָב אויך געהאַט מאַפּעס, מיט וועלכע איך האָב זיך געקענט אָריענטירן אין די וועלדער, בעיקר אין דער געגנט פון פּאָטאָק־זלאָטי.

אין דער גרופּע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון בוטשאַטש און זענען אַוועק אין די וועלדער, זענען געווען פיר האָראָדענקער און נאָך פינף פון אַנדערע שטעט. די פיר האָראָדענקער זענען געווען: יהושע ווערמוט, ישראל זילבער, און די ברידער יעקב און יוחנן בערנשטיין, פּיני בערנשטיינס זין.

בשעת מען האָט ליקווידירט דאָס געטאָ אין בוטשאַטש בין איך נישט געווען אין שטאָט, ווייל איך בין געווען באַשעפטיקט ביי די דייטשן אַלס פּאַכמאַן אין די וועלדער. אויף איינמאָל האָב איך באַקומען אַ באַפעל, צו קומען קיין בוטשאַטש און דאָרט איבערגעבן די חשבונות און די אינסטרומענטן. אויפן וועג קיין בוטשאַטש האָב איך באַגעגנט אַ דאָרטיקן דענטיסט, און ער האָט מיך געוואָרנט איך זאָל נישט פאָרן, ווייל דאָס איז בלויז אַ טריק פון די דייטשן. זיי האָבן אויף אַזאַ אופן פאַרנאַרט אויך דעם דאָקטאָר און דעם ציינדאָקטאָר פון בוטשאַטש און זיי אומגעבראַכט. אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך איבערגעלאָזט דעם פורמאַן, כּלומרשט האָב איך פאַרגעסן עפּעס מיטצונעמען, און בין אַוועק אין וואַלד זיך באַהאַלטן.

אין וואַלד האָב איך זיך געטראָפן מיט דער גרופּע פון די פיר האָראָדענקער, און זיי האָבן מיר פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען; איך וועל זיי העלפן זיך אָריענטירן אין די וועלדער, און מיר וועלן צוזאַמען זוכן אַ וועג זיך צו ראַטעווען. איך האָב גערן מסכים געווען צו זייער פאָרשלאַג.

דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אין האַרבסט, אין אָקטאָבער 1943, און מיר האָבן געדאַרפט זיין גרייט דורכצוהאַלטן די לאַנגע שווערע חדשים פון ווינטער. דאָס איז געווען גאָר אַ שווערע זאַך, און איך קען זאָגן אָן שום באַרימעריי, אַז אין אַ גרויסער מאָס איז אונדז געלונגען דורכצוהאַלטן אַדאַנק דעם וואָס איך האָב מיך אויסגעקענט אין די וועלדער און האָב דאָרט געהאַט אַ סך באַקאַנטע גויים, וועלכע האָבן אַמאָל ביי אונדז געאַרבעט.

איך וויל דאָ דערציילן וועגן אַ צוזאַמענשטויס, וועלכן מיר האָבן געהאַט מיט אַ גרופּע פון דייטשער און אוקראַאינישער פּאָליציי, דעם 28־טן פעברואַר 1944. אַ טאָג פריער האָבן מיר זיך באַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן גוי מיטן נאָמען דאָמקעוויטש, וואָס האָט געוואוינט אין וואַלד ביים דניעסטער, נישט ווייט פון טשערנעליצע. ווי־נישט־ווי איז די פּאָליציי דערגאַנגען אַז מיר געפינען זיך דאָרט, און אַ גרופּע פון דייטשע און אוקראַאינישע פּאָליציילייט האָט זיך דערנענטערט צום הויז אין דער מיטאָגצייט. מיר האָבן זיי דערזען פון ווייטן, האָבן מיר פאַרשלאָסן די טיר און זיך באַהאַלטן. זיי האָבן נישט געוואַגט גלייך אַריינצוגיין, האָבן זיי געשריגן צו אונדז מיר זאָלן אַרויסגיין און זיך איבערגעבן. אַז מיר האָבן נישט געענטפערט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שיסן. מיר האָבן געענטפערט מיט פייער, און ס'האָט זיך געמאַכט אַ געשיסעריי, וואָס האָט געדויערט כמעט אַ שעה. צום גליק האָבן מיר עטלעכע טעג פריער איינגעקויפט הונדערט קוילן, און אַזוי האָבן מיר זיך געקענט האַלטן אַ שטיקל צייט. ענדלעך האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר מוזן אַרויס פון הויז. פינף פון אונדז זענען געבליבן אין שטוב און האָבן ווייטער געשאָסן, די אַנדערע פינף (און איך צווישן זיי) האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב און זענען פאַרגאַנגען אין רוקן פון דער פּאָליציי. דערנאָך האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַשיסן די פּאָליציי, און ווען זיי האָבן זיך געווענדעט קעגן אונדז, זענען די אַנדערע פינף אַרויס פונעם הויז. ביי דעם געשיסעריי איז אַ דייטש פאַרוואונדעט געוואָרן, האָבן די פּאָליציילייט פאַרלאָזט דעם פּלאַץ, מן הסתם כדי צו ברענגען פאַרשטאַרקונג. מיר האָבן אויסגענוצט די צייט און זענען באַלד אַוועק און מיט אונדז איז מיטגעגאַנגען די עלטערע טאָכטער פונעם גוי, מאַריסיאַ. דער גוי אַליין און זיין ווייב זענען דעמאָלט אינגאַנצן נישט געווען אינדערהיים.

עטלעכע שעה שפּעטער האָט זיך די פּאָליציי אומגעקערט, אָבער מיר זענען שוין דאָרט נישט געווען, האָבן זיי אַרויסגענומען פונעם הויז די קלענערע קינדער וואָס זענען דאָרט געווען און האָבן דאָס הויז מיט אַלעמען פאַרברענט.

נאָך דעם אַלעמען איז געווען נאָך שווערער זיך אויסצובאַהאַלטן, ווייל די פּאָליציי האָט אונדז נאָכשפּיאָנירט. זענען מיר אַריבער אין יענער זייט דניעסטער און האָבן זיך עטלעכע טעג אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. זייענדיק דאָרט האָט מען אונדז פאַרבעטן אין אַ פּויליש דאָרף, מיר זאָלן העלפן זיי באַשיצן זיך פאַר די בענדעראָווצעס. דאָרט זענען מיר שוין פאַרבליבן ביז די סאָוויעטן האָבן די געגנט באַפרייט.

משה בלאזענשטיין ז״ל

וויאזוי איך בין לעבן געבליבן

ביים אויסברוך פונעם קריג צווישן דייטשלאַנד און דעם ראַטן־פאַרבאַנד בין איך געווען אין לעמבערג. דעם ערשטן אָדער צווייטן יולי 1941 בין איך צוריקגעקומען צו מיין מוטער, וואָס האָט געוווינט אין קאַלאַנקי, אַ דאָרף ווייט פון האָראָ־דענקע אַ 15 קילאָמעטער. דעמזעלבן טאָג האָט דאָס אונגאַ־רישע מיליטער אַריינמאַרשירט קיין האָראָדענקע. אין שטאָט האָבן די אונגאַרן איבערגענומען די רעגירונג, דאַקעגן אין די דערפער איז ענטשטאַנען אַן אוקראַאינישע מיליץ, וואָס האָט אָפּטמאָל אויסגענוצט איר מאַכט צום שאָדן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין אַ טייל דערפער איז עס דער־גאַנגען צו פּאָגראָמען, און אין ניעזוויסקאָ האָבן די אָרטיקע אוקראַאינער אויסגעהרגעט אַלע יידן פונעם דאָרף, בערך 60 נפשות, און זיי אַריינגעוואָרפן אין דניעסטער. נישט איינמאָל זענען געשווימען מיטן דניעסטער גאַנצע משפחות, אָפּטמאָל צונויפגעבונדן מיט אַ דראָט.

צוויי וואָכן שפּעטער, בערך דעם 15־טן יולי 1941, האָבן אָנגעהויבן קומען קיין האָראָדענקע טראַנספּאָרטן מיט אונ־גאַרישע יידן, וועלכע מען האָט מיט אויטאָס געפירט קיין אוקראַאינע. אַסך פון זיי זענען פאַרבליבן אין האָראָדענקע און אין די שכנותדיקע שטעטלעך און דערפער. אַ טייל פון די פאַרטריבענע זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אין דער אוקראַאינע, און נישט ווייניק פון די פאַרבליבענע זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די אוקראַאינער, צוזאַמען מיט די היימישע דאָרפסיידן.

אין האָראָדענקע האָבן די יידן, לויט דער פאַראָרדענונג, געמוזט טראָגן אַ געלן פאַס און האָבן נישט געטאָרט פאַרלאָזן די שטאָט.

די ערשטע אַקציע איז געווען דעם 4־טן און 5־טן דעצעמ־בער 1941. די אוקראַאינישע מיליץ האָט צונויפגעטריבן אַלע יידן אין דער גרויסער שיהל, און פון דאָרט האָט מען זיי אַוועקגעפירט קיין מיכאַלטשע, וואו מען האָט אַ טאָג פריער צוגעגרייט אַ גרויסן גרוב ביים דניעסטער, ניט ווייט פונעם פענסיאָנאַט. איבערן גרוב האָט מען אַוועקגעלייגט אַ ברעט, אויף וועלכן ס׳זענען יעדעס מאָל אַרויפגעגאַנגען 5 מענטשן, און מען האָט זיי מיט איין סאַלווע אין קאָפּ אַריין דערשאָסן. געשאָסן האָבן דייטשן פון געסטאַפּאָ, און די אוקראַאינישע מיליץ האָט געהיטן. איינצעלנע זענען געפאַלן אין גרוב אַריין לעבעדיקע און זענען דערנאָך ביינאַכט אַנטלאָפן. איך אַליין האָב געזען אַ יינגל, וואָס איז אַרויס פון גרוב און איז אַנטלאָפן. דאָס איז געווען אין דעם ערשטן טאָג פון דער אַקציע. דעמזעלבן טאָג האָט מען אין גאַס דערשאָסן עדוואַרד גרינ־בערג, וואָס האָט געפרוווט אַנטלויפן פון דער מיליץ.

אין דער נאַכט פונעם 4־טן אויפן 5־טן דעצעמבער האָט זיך אָנגעהויבן אין שיהל די סעלעקציע פון פאַכלייט. געזוכט האָט מען שלאָסערס, סטאָלערס און אַנדערע בעלי־מלאכה. מיין ברודער יהודה־חיים האָט זיך דעמאָלט געראַטעוועט אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט זיך געמאָלדן אַלס פאַכמאַן, אַלס אייער־פּאַקער.

דעם 5־טן דעצעמבער אינדערפרי האָט מען ווידער אַרויסגעפירט מענטשן מיט אויטאָס, אָבער צו מיטאָג האָט מען צונויפגענומען די איבערגעבליבענע 600 יידן און זיי צופוס אַוועקגעפירט קיין מיכאַלטשע. געפירט האָבן זיי אוקראַאינישע מיליציאַנטן.

ביי דער אַקציע אין מיכאַלטשע זענען דעמאָלט אומגע־קומען בערך 2400 יידן. פאַר דעם דערשיסן האָט מען זיי געהייסן זיך אויסטון ביז צום העמד, און די קליידער האָט מען צונויפגעלייגט אין פענסיאָנאַט. צווישן די אומגעקומענע איז אויך געווען ד״ר שניידער. נאָך דער אַקציע זענען די געסטאַפּאָ־לייט געקומען צום יודענראַט און פאַרלאַנגט אַ באַשטעטיקונג אויף דער צאָל פון אויסגעהרגעטע יידן, און אַ סומע פון 10,000 מאַרק פאַר די אויסגעשאָסענע קוילן...

נאָך דער ערשטער אַקציע האָט מען געשאַפן אַ געטאָ אין האָראָדענקע. מ׳האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז אַלע יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער מוזן זיך אַריבערטראָגן אין געטאָ אַריין ביז צום 5־טן אַפּריל 1942. דאָס געטאָ איז געווען באַוואַכט פון אַ יידישער מיליץ.

איך בין אַרויסגעשיקט געוואָרן צו דער אַרבעט ביים בוי פון אַ בריק איבערן דניעסטער. דעם בוי האָט אָנגעפירט אַ דייטשע פירמע: „גוסטאַוו ראַגגע, טיף אונד האָכבאַו״. דאָרט האָבן געאַרבעט בערך פופציק יידן. געוווינט האָבן מיר אין אַ הויז אין וואַלד, וואָס האָט געהערט צום יידישן מילנער אייזיק, פרישלינגס אַן איידעם. פאַר דער אַרבעט האָבן מיר באַקומען אַ מיטאָג, מיינסטנס פון פענצאַק, און אַ מינימאַלן לוין. טאָג־טעגלעך בין איך פאַרבייגעגאַנגען ביים מאַסן־גרוב, ווייל אין פענסיאָנאַט האָבן איצט געוווינט די דייטשע מייסטערס, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים בוי פון דער בריק אין מיכאַלטשע. קומענדיק אין פענסיאָנאַט האָב איך אָפט געפונען פאַרשידענע דאָקומענטן פון די אומגעקומענע, ווי מאַטוראַ־צייגענישן און אַנדערע. אַ טייל פון די יידן האָבן באַקומען פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס, אַלס שלאָסערס, קעכערס און אַנדערע בעלי־מלאכה. אַן אונגאַרישער ייד איז געווען דער מאַגאַזינער. די איבעריקע האָבן געאַרבעט ביים שלעפן און פירן די סלופּעס און קלעצער, וואָס מען האָט זיי אַריינגעהאַקט אין טייך און פאַרשאָטן מיט שטיינער, אַלס פּילאַרעס פאַר דער בריק. אַ טייל פון די שטיינער האָבן מיר געהאַקט פון אַ שכנותדיקן באַרג, און אַ טייל האָט מען געבראַכט פון איסטיטשקע (אוסטשיעטשקאָ) פונעם יידישן בית־עולם, פון וועלכן מען האָט צעהאַקט די מצבות אויף שטיינער. דעם אמת געזאָגט, די דייטשע מייסטערס, אונטער דער אָנפירונג פון אינזשינער וועהר, האָבן זיך נישט שלעכט באַצויגן צו אונדז. איינמאָל בשעת אַ שטורם האָבן מיר געשלעפט אַ פּראָם אויפן דניעסטער. איך בין געווען זייער אויס־

געמאַטערט, ווייל כ׳בין גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן מחמת דעם רעש אין אונדזער לאַגער, וואו ס׳זענען אין איין צימער געשלאָפן ביי אַ צוואַנציק מענטשן, צווישן זיי פרויען און קינדער. אַז דער אינזשינער וועהר האָט מיך געזען אַזוי אויסגעמאַטערט, האָט ער געזאָגט מיט רחמנות: „דיזער איזט שאָן רייף צום ערשיסען״...

אין אַפּריל 1942 איז פאָרגעקומען אין האַראַדענקע די צווייטע אַקציע, אין אַ קלענערן פאַרנעם. ביי דער אַקציע זענען אומגעקומען 140 יידן, צווישן זיי אברהם זיידמאַן פון דער קאָטיקאָווקאַ, וואָס איז געלעגן אין שפּיטאָל און דאָרט האָט מען אים אויפן בעט דערשאָסן.

אין יולי 1942 האָט מען אָנגעהויבן ליקווידירן דאָס געטאָ אין האַראַדענקע, און אַלע יידן האָט מען געהייסן זיך אַריבער־טראָגן אין קאָלאָמייער געטאָ. דאָס איז געווען איינס פון די שרעקלעכסטע געטאָס. דאָרט זענען מענטשן געשטאָרבן פאַר הונגער אין די גאַסן, און יעדן אינדערפרי איז אַרומגעפאָרן אַ וואָגן, צונויפצונעמען די טויטע. די יידן וואָס זענען געבליבן לעבן אין קאָלאָמייער געטאָ האָט מען צום סוף אַוועקגעפירט קיין בעלזעץ.

אַ טייל פון די האַראַדענקער יידן זענען אַוועק קיין טלוסטע, אָנשטאָט צו גיין קיין קאָלאָמיי, און אַ טייל האָבן זיך טאַקע דאָרט געראַטעוועט. אין האַראַדענקע זענען געבליבן נאָר אַזעלכע וואָס האָבן געהערט צו „גרופּע אַ״, דאָס הייסט שמאַטע־לאַטניקעס און נאָך אַזעלכע „ספּעציאַליסטן״.

דעם 6־טן סעפּטעמבער 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פונעם יידישן קוואַרטאַל. די יידן האָט מען צונויפגעטריבן אין די געביידעס פונעם האַראַדענקער הויף. דעמזעלבן טאָג האָט מען אויך פאַרנומען פון דער בריק 25 יידישע אַרבעטער. געזאָגט האָט מען, אַז מען נעמט זיי בלויז צו אַ רעגיסטראַציע, און צומאָרגנס וועלן זיי צוריקקומען צו דער אַרבעט. כדי נישט צו מאַכן די זאַך פאַרדעכטיק, האָט מען געהייסן זיך מעלדן צו דער רעגיסטראַציע בלויז די אַרבעטער פון דער טאָג־שיכט. די אַרבעטער פון דער נאַכט־שיכט זענען פאַרבליבן. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין דער נאַכט־שיכט, און אַזוי האָב איך זיך געראַטעוועט. גייענדיק צוריק פון דער אַרבעט אינדערפרי, האָב איך געזען ווי אוקראַאינישע מיליציאַנטן און די דייטשע מייסטערס פירן אַוועק אונדזערע 25 יידן אויף עטלעכע פורן. צווישן זיי איז אויך געווען מיין ברודער בנימין. דער אינזשינער וועהר, וואָס האָט אונדז געזען גיין צוריק פון דער אַרבעט, האָט אונדז געהייסן זיך באַהאַלטן אונטער די געביידעס, כדי די אוקראַאינישע מיליציאַנטן זאָלן אונדז נישט באַמערקן.

אין האַראַדענקע האָט מען אויך די מענטשן פון דער בריק אַריינגעפירט אין די מאַגאַזינען פונעם הויף. דאָרט האָט מען אַלעמען געהאַלטן צוויי טעג, אָן עסן און טרינקען. אַז די פרויען און קינדער האָבן געבעטן אַביסל וואַסער, האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן אַביסל בוראַקעס פאַר בהמות, און דאָס האָבן זיי אויסגעזויגן. בשעת זיי זענען געווען אין די מאַגאַזינען זענען אַ פּאָר מאָל געקומען דייטשן מיט זעקלעך און געהייסן די יידן אַריינוואַרפן דאָלאַרן, גאָלד און ווערטזאַכן.

אַזוי האָבן זיי צונויפגענומען עטלעכע זעקלעך מיט געלט און ווערטזאַכן. אַ טייל האָבן ליבער צעריסן די דאָלאַרן, איידער זיי אַוועקגעבן די דייטשן.

נאָך צוויי טעג האָט מען זיי אַרויסגעפירט פון די מאַגאַזינען, אויסגעשטעלט אין רייען צו פיר אָדער צו אַכט, געהייסן נעמען איינער דעם אַנדערן אונטערן אָרעם, און אַזוי אַוועק־געפירט צו דער באַן־סטאַציע. דאָרט האָט מען דורכגעפירט אַ סעלעקציע: די יונגע באַזונדער, און די אַלטע, די פרויען און די קינדער באַזונדער. די יונגע און אַרבעטס־פעאיקע האָבן באַקומען יעדער אַ ברייטל און מ׳האָט זיי אַוועקגעפירט קיין לעמבערג, אין „יאַנאָווסקי־לאַגער״. די אַנדערע האָט מען אָפּגעשיקט קיין בעלזעץ, אין פאַרניכטונגס־לאַגער. געפירט האָט מען זיי אין לאַסט־וואַגאָנען, אין וועלכע די פענצטער זענען געווען פאַרקראַטעוועט מיט שטעכיקן דראָט. אַז ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָבן אַ טייל אַוועקגעבויגן די דראָטן פון די פענצטער און האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּרינגען פון די וואַגאָנען. די טראַנספּאָרט־באַגלייטער האָבן זיי נאָכגעשאָסן, אָבער מער האָבן זיי נישט געקענט טון. צווישן אַנדערע איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער יאַגענדיקער באַן מיין ברודער בנימין און אויך די שוועגערן. מיין ברודער האָט צוויי טעג אַרומגעוואַנדערט אויף די פעלדער, און איז דערנאָך צוריק־געקומען קיין קאָלאַנקי און האָט זיך דאָרט באַהאַלטן ביי אַ שכן, ביי קאַזשימיערזש יאַשטשוק.

איך האָב נאָכדעם נאָך געאַרבעט ביי דער בריק אַ צוויי חדשים. זייט מען האָט אונדזערע חברים אַוועקגענומען, האָבן די דייטשע מייסטערס זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף אונדז גלייך ווי מיר וואָלטן גאָרנישט עקזיסטירט. איך גלויב אַז זיי האָבן געהאַט אַ געפיל פון מיטשולדיקייט אין דעם וואָס מ׳האָט אונדזערע חברים אַוועקגעפירט. חוץ דעם האָבן זיי — ווי כ׳האָב שוין פריער באַמערקט — זיך באַצויגן צו אונדז גאַנץ אָנשטענדיק.

איך פלעג פון צייט צו צייט אַרויסגיין פונעם לאַגער און גיין קיין קאָלאַנקי צו קריגן עפּעס עסן, און אויך מיין ברודער צו באַזוכן. דעם 6־טן אָקטאָבער 1942 בין איך אַוועק אינדער־פרי, ווי געוויינטלעך, קיין קאָלאַנקי. און צוריקקומענדיק האָב איך באַמערקט פון דער ווייטן, אַז ס׳גייט נישט קיין רויך פונעם קוימען אין אונדזער לאַגער, ווי געוויינטלעך אין דער צייט, און פאַר דעם לאַגער האָב איך באַמערקט עפּעס אַן אומאָרדנונג. דאָס האָט אין מיר דערוועקט אַ פאַרדאַכט, אַז אין אונדזער לאַגער איז געשען עפּעס אומגעוויינלעכס. איך בין דערפאַר נישט אַריינגעגאַנגען אין לאַגער, נאָר זיך באַ־האַלטן אין וואַלד, פון דאָרט צו אָבסערווירן וואָס עס טוט זיך אין לאַגער. אַ פויער וואָס האָט געקליבן גזשיבעס אין וואַלד האָט מיר דערציילט, אַז אַלע מיינע חברים האָט מען פאַרנומען מיט וועגענער און אַוועקגעפירט קיין האַראַדענקע.

איך בין באַלד צוריק אַוועק קיין קאָלאַנקי, און זייט דעם זיך אָנגעהויבן צו באַהאַלטן. אַריינגענומען האָט מיך אַן אוקראַאינער מיטן נאָמען הנאַט אוסאַדטשוק. ביי טאָג בין איך געזעסן אין קעלער און ביינאַכט געשלאָפן אין זיין כאַלופּע אויפן אויוון. איך מוז באַטאָנען, אַז דער פויער האָט געהאַט

נאָר איין שטוב, וואָס האָט געדינט פאַר אַ שלאָפצימער, אַ קיך און אַזוי ווייטער. דער פויער האָט זיך צו מיר באַצויגן ווי אַ מלאך. בפרט אַז איך האָב קיין געלט נישט געהאַט אים צו באַצאָלן, און האָב אים געגעבן נאָר עטלעכע זאַכן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין גרויסן ווערט. אַלץ איז געווען אין אָרדנונג; עסן האָט מען מיר געבראַכט אין אַ קיישל, אין וועלכן מ׳האָט געוויינטלעך אַרויפגעבראַכט קאַרטאָפל פונעם קעלער, כדי צו פאַרמאַסקירן אַז עמיצער געפינט זיך אין קעלער. געוויינטלעך האָט מיר געבראַכט דאָס עסן אַ פיר־יעריק ייִנגעלע, און עס איז ממש צום באַוואונדערן ווי אַ קינד אין דעם אַלטער האָט געקענט האַלטן סוד.

איינמאָל האָט מען מיר צוגעוויסן געגעבן, אַז מיין עלטסטער ברודער, יהודה־חיים, איז קראַנק געוואָרן און באַהאַלט זיך ביי אַ גוי אויפן פעלד, מיט זיין פרוי און דריי קינדער, און ער בעט איך זאָל אים באַזוכן. איז צו אים געגאַנגען מיין ברודער בנימין, האָט ביי אים איבערגענעכטיקט און איז צומאָרגנס צוריקגעקומען. עטלעכע טעג שפּעטער איז בנימין אויך קראַנק געוואָרן, און דער גוי ביי וועלכן ער האָט זיך באַהאַלטן האָט פאַרלאַנגט ער זאָל פאַרלאָזן זיין באַהעלטעניש, מורא האָבנדיק, אַז אין פאַל פון אַ קאָנטראָלע וועט ער צוליב זיין קרענק נישט קענען אַנטלויפן, און וועט אַזוי אַרום אויך אים אויסגעבן. בנימין איז דערפאַר געקומען צו מיר, און מיין גוטער גוי האָט אים אויך צוגענומען, אָבער בלויז צייטווייליק. איך האָב אים אָפּגעפירט צו אַ שכנטע, אָבער צומאָרגנס איז ער צוריקגעקומען, ווייל זי האָט אויך מורא געהאַט צו באַהאַלטן אַ קראַנקן. אַ צווייטער שכן האָט אים אַפילו נישט געלאָזט צוקומען צום הויז און אָפּגעלאַזט קעגן אים דעם הונט. איז ער צוריקגעקומען צו מיר, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר דער ריכטיקער קלאָפּאָט. איך האָב געבעטן מיין גוי ער זאָל צונעמען מיין ברודער, און אים צוגעזאָגט דריי קוב מאַטעריאַל. הנאַט איז דאַרויף איינגעגאַנגען. ביי טאָג איז בנימין געלעגן באַהאַלטן אין שטאַל, און ביי נאַכט אין שטוב. דאָס איז געווען אין די מאָנאַטן דעצעמבער 1942 — יאַנואַר 1943, און ס׳זענען געווען שרעקלעכע פרעסט. הנאַט האָט געשיקט זיין ייִנגל צו אַ יידישן דאָקטער, וואָס האָט געוואוינט אין סעמאַקאָוויץ מיט זיין פרוי און אַ קליין קינד. דאָס איז געווען אַ יונגער דאָקטער, וואָס האָט געשטאַמט פון סטאַניסלוי. איך האָב אים געשריבן אַ בריוו און באַשריבן די קראַנקהייט, און ער האָט צוריקגעשריבן אַ בריוו און געשיקט אַ מעדיצין. ס׳איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז דאָס איז אַ פאַל פון אַ טיפוס.

דערווייל האָט זיך פון מיין ברודער אָנגענומען הנאַט׳ס עלטערער זון, און דערנאָך די פרוי און דער ייִנגערער זון. ס׳איז געווען אין הויז אַ ריכטיק שפּיטאָל, און צום שלים־מזל איז הנאַט אַליין אויך קראַנק געוואָרן. האָבן מיר שוין געמוזט פאַרלאָזן זיין הויז, און מיר זענען געגאַנגען גלייך אין וואַלד אַריין. דאָס איז געווען דעם 23־סטן יאַנואַר 1943; אין דרויסן זענען געווען שטאַרקע פרעסט; מיין ברודער האָט אָנגעהויבן צו ביסלעך געזונט ווערן, און אַ גוי מיטן נאָמען איוואַן סאַנדוק האָט אים אַריינגענומען צו זיך אויף אַפּאָר טעג. איך האָב אויך באַקומען הויכע היץ, אָבער איך האָב זיך געהאַלטן און זיך נישט אַוועקגעלייגט. מיך האָט אַריינגענומען אַ צווייטער גוי, וואָס האָט אויך געהייסן איוואַן סאַנדוק. ביי אים בין איך פאַרבליבן פינף טעג. דערנאָך בין איך געגאַנגען צו אַ צווייטן גוי, וואָס האָט מיך אויסבאַהאַלטן צוויי טעג, און נאָך צו אַנדערע דריי גויים, ביי יעדן אַפּאָר טעג. אַלץ אינאיינעם איז מיר געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן דריי וואָכן. מער האָב איך נישט געהאַט וואו צו גיין, ווייל די גויים וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן יידן האָט געדראָט טויט־שטראָף. אויסערדעם איז דאָס באַהאַלטן זיך ביי גויים נישט אַלעמאָל געווען זיכער. מיינע אַ קוזינע, פייגע שאָר, האָט זיך באַהאַלטן ביי אַ גוי אין שטאַל, ביי דמיטרי לאָזאָווסקי, און ער האָט זי אויסגעגעבן דער מיליץ. אינצווישן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז הנאַט אָסאַדטשוק, וואָס איז צו מיר אַזוי גוט געווען, איז געשטאָרבן, און איך האָב עס ביז היינט אויפן געוויסן. עטלעכע וואָכן שפּעטער איז געשטאָרבן די גאַנצע משפחה פון איוואַן סאַנדוק, וואָס האָט זיך פון מיר אָנגענומען מיט טיפוס, און איוואַן סאַנדוק אַליין איז אויך געשטאָרבן. דער פערלוסט פון אָט די מענטשן האָט מיר וויי געטון נישט ווייניקער ווי דער פערלוסט פון מיינע אייגענע.

מיין ברודער בנימין איז אין יענער צייט אויך געווען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. איינמאָל האָב איך זיך אַריינגעשלייכט אין אַ שאָפּע, דאָרט איבערגענעכטיקן, און האָב אים דאָרט געטראָפן. מיר האָבן דאַן באַשלאָסן צו גיין אין וואַלד אַריין און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. דאָס איז געווען דעם 5־טן פעברואַר 1943. ביי טאָג האָבן מיר זיך באַהאַלטן אונטער די סקאַלעס אין וואַלד, און גענעכטיקט האָבן מיר אויפן בוידעם פון אַ פאַרלאָזענעם וואַלד־הייזל. נאָך צוויי וואָכן נעכטיקן אין וואַלד־הייזל האָבן מיר באַמערקט אַז מען שפּיאָנירט אונז נאָך, האָבן מיר אויפגעהערט קומען אַהין און גענעכטיקט אין וואַלד צווישן די ביימער.

געגעסן האָבן מיר בעיקר קאַרטאָפל, וועלכע מיר האָבן „געשלעפּט" פון די קעלערס ביי די היימישע גויים, וואָס מיר האָבן געוואוסט אַז אַפילו זיי וועלן אונדז כאַפּן, וועלן זיי אונדז מוחל זיין. זומער איז מיטן עסן געווען לייכטער. מיר האָבן אָפּגעריסן זאַנגען און געמאָלן די קערנער צווישן די שטיינער, און אויסערדעם האָבן מיר געהאַט גענוג גרינס פון די פעלדער און אויבסט. די אמתע צרה האָט זיך אָנגעהויבן אַז ס׳האָבן זיך באַוויזן אין וואַלד די גזשיבעס (פּילצען). דעמאָלט קומט דאָס גאַנצע דאָרף זונטיק קלויבן גזשיבעס, און ס׳איז זייער שווער זיך צו באַהאַלטן. מיר האָבן דאַן געמוזט וואַנדערן פון איין אָרט צום צווייטן, מען זאָל אונדז נישט ענטדעקן.

אין קאָלינקי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן נאָך אַפּאָר יידן: רחל און אברהם גוטמאַן, נפתלי און יוסף עסענפעלד און רבקה איידער. נפתלי עסענפעלד איז געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. די גוטמאַנס האָבן זיך באַהאַלטן ביי אַ שכנטע. האָט אַ צווייטער שכן אָנגעוויזן דער מיליץ, און מען האָט רחל גוטמאַן געפונען אין שטאַל. אַברהם גוטמאַן איז אויך געווען אין שטאַל, אָבער מען האָט אים נישט געפונען. רחל גוטמאַן האָט געהאַט אַ פאַראַליזירטן פוס און האָט נישט געקענט גיין,

האָט מען גענומען אַ וואָגן און זי אַרויסגעפירט אויסער דעם דאָרף אויף אַ באַרג, וועלכן מ׳האָט גערופן „אָקאָפּ״, און דאָרט איז געווען אַ באַגראַבעניש פאַר פערד. דער מיליציאַנט האָט אויסגעטרונקען אַ פלעשל בראָנפן, און דערנאָך האָט ער זי מיט דער ביקס דערשאָסן, און דאָרט האָט מען זי אויך באַגראָבן. דערציילט האָט מען, אַז כאָטש זי איז געווען אַ קאַלעקע, האָט זי אין לעצטן מאָמענט געפּרווט אַנטלויפן, אָבער מען האָט זי נישט געלאָזט אַנטלויפן.

אין האַרבסט איז געקומען צו אונדז אין וואַלד אַריין אברהם גוטמאַן. גראָד איז דעם טאָג אויסגעפאַלן אַ שניי, און מיר האָבן נישט געקענט בלייבן אונטער די ביימער. קיין ניי און זיכער באַהעלטעניש פאַרן ווינטער האָבן מיר נאָך נישט געהאַט צוגעגרייט, זענען מיר צוריקגעגאַנגען אונטער דער סקאַלע. אָבער די סקאַלע איז געווען ביים וואַלדוועג, און דאָרט האָט אונדז באַמערקט דער וואַלד־וועכטער, ער האָט וועגן דעם דערציילט דעם דאָרפס־שפּיצל איוואַן ליסאַקאָוו, און ער האָט באַלד געבראַכט די אוקראַאינישע מיליץ. אַז די מיליץ איז געקומען זענען מיר באַלד אַנטלאָפן און אַלץ איבערגעלאָזט; אויפן וועג האָבן מיר אַפילו די שיך און מאַנטלען אַוועקגעוואָרפן, כדי לייכטער צו אַנטלויפן. מיר זענען געלאָפן באָרוועס אויפן שניי, און ווייל ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט, איז אונדז געלונגען צו פאַרשווינדן אין דער פינצטער. מיר האָבן איבערגענעכטיקט אונטער אַן אַנדערער סקאַלע, און צומאָרגנס האָב איך מיטן ברודער זיך אויסגעגראָבן אַ מין בונקער. דאָס איז געווען פשוט אַ לאָך אין דער ערד, אַזוי קליין אַז מען האָט זיך נישט געקענט דאַרין אויסשטרעקן און אַפילו נישט בעקוועם זיצן. מיר האָבן אים צוגעדעקט מיט צווייגן און בלעטער, אַזוי אַז פון דערווייטן האָט מען גאָר נישט געקענט באַמערקן. זומער האָבן מיר זיך צוגעגרייט אַביסל פּראָדוקטן, און נאָכדעם ווי זיי זענען אויסגעגאַנגען, האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן „שלעפן״ קאַרטאָפל פון די קעלערס. זומער פלעגן מיר גיין ביידע, אָבער ווינטער פלעגן מיר גיין איינציקווייז, כדי צו לאָזן ווייניקער שפּורן.

מחמת מאַנגל אין וויטאַמינען איז מיין ברודער בנימין געוואָרן נאַכט־בלינד, ביינאַכט האָב איך אים געמוזט פירן. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב אַלע מאָל שטאַרק מורא געהאַט אַריינצוגיין בגניבה אין אַ פרעמדן קעלער „שלעפן״ קאַרטאָפל, און זייענדיק אין קעלער האָט מיר דאָס האַרץ שטאַרק געקלאַפּט. מיין ברודער בנימין פלעגט עס מאַכן מיט אַ גרעסערער זיכערקייט.

זוכענדיק באַהעלטנישן האָב איך אַלעמאָל גענומען אין אַכט נישט די באַקוועמלעכקייט, נאָר די מאַקסימאַלע זיכערקייט. איך האָב צוליב דעם אויסגעמיטן אַלע נאַטירלעכע באַהעלטענישן און אויסגעגראָבן אונדזער בונקער אין מיטן וואַלד, אויף אַ בערגל. די דאָזיקע טאַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס ריכטיקע. פון אונדזער באַהעלטעניש האָבן מיר אָפּט געזען, ווי מען זוכט באַהאַלטענע יידן אין די היילן און אונטער די סקאַלעס, אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז אינמיטן באַרג געפינט זיך אַ בונקער מיט באַהאַלטענע יידן.

אין ווינטער 1943/44 האָבן אָנגעהויבן צו דערגיין קלאַנגען פון דער פראָנט, וואָס האָט זיך אַלץ דערנענטערט. פויערן האָבן אונדז דערציילט, אַז די סאָוויעטן געפינען זיך שוין אין זשיטאָמיר, און דערנאָך אין טאַרנאָפּאָל.

אין דעצעמבער 1943 האָט אונדז ווידער באַזוכט אברהם גוטמאַן. ער האָט דערציילט אַז ער באַהאַלט זיך אין שטאַל ביי אַ שכן, וואָס ברענגט אים אויך עסן. מיר האָבן אים געראָטן, ער זאָל פאַרציכטן אויף די „בעקוועמלעכקייטן״ און קומען צו אונדז אין וואַלד. ער האָט געהאַט אַפּאָר שעפּסענע פעלן, וועלכע ער האָט צוגעזאָגט ברענגען צום צודעקן. מיר האָבן זיך געגרייט דעם בונקער צו פאַרגרעסערן, און אים דערמעגלעכן צו זיין מיט אונדז. גוטמאַן איז אָבער אַוועק און איז מער נישט צוריקגעקומען. ווייזט אויס, אַז ס׳איז אים געווען שווער צו פאַרציכטן אויף די בעקוועמערע באַדינגונגען. אַ צייט שפּעטער איז בנימין געקומען פונעם דאָרף און דערציילט אַז מען האָט אברהם גוטמאַן געפינען אין שטאַל, אַוועקגעפירט קיין האָראָדענקע און דאָרט אויפן יידישן בית־עולם דערשאָסן.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז מיין ברודער יהודה קראַנק געווען אויף טיפוס. אַז ער איז געזונט געוואָרן, איז ער מיט דער פרוי און מיט דריי קינדער אַוועק קיין טלוסטע. דאָרט איז זיין עלטסטע טאָכטער, לוסיע, אומגעקומען ביי אַן אַקציע, און ער מיט דער פרוי און צוויי קינדער זענען צוריקגעקומען אין אונדזער געגנט און זיך באַהאַלטן אונטער די סקאַלעס, אויף די פעלדער צווישן האָראָדענקע און קאָלינקי. מען האָט מיר דערציילט, אַז ביינאַכט פלעגט ער קומען צו אַ גוי, וואָס האָט געוואוינט אויפן פעלד אויסער דעם דאָרף, פּיאָטר יאַשטשוק, און דער גוי האָט אים געגעבן אין אַ זעקל געקאָכטע קאַרטאָפל, און מיט דעם האָט זיך די גאַנצע משפחה גענערט. צום סוף האָט זיך די דייטשע פּאָליציי דערוואוסט וועגן דעם, ווייזט אויס אַז עמיצער האָט זיי וועגן דעם איבערגעגעבן. ווי די גויים האָבן מיר דערציילט, איז די דייטשע פּאָליציי צוגעפאָרן צו זייער באַהעלטעניש (דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1944, צוויי חדשים פאַר דער באַפרייאונג), געהייסן אַלע אַרויסגיין פונעם באַהעלטעניש און אַלע אויפן אָרט דערשאָסן. די טויטע קערפּער האָבן זיי דערנאָך אַוועקגעפירט קיין האָראָדענקע.

פון די אַלע וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין קאָלינקי זענען נאָך פאַרבליבן יוסף עסענפעלד און רבקה איידער. אַמאָל אין אַ זונטיק אינדערפרי האָבן מיר דערהערט קולות אין וואַלד. דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1944. מיר האָבן אַרויסגעקוקט פונעם באַהעלטעניש און האָבן דערזען אַ מיליציאַנט מיט אַ גוי גיין אין דער ריכטונג פון אונדזער באַהעלטעניש. מיר האָבן זיך זייער דערשראָקן, געווען זיכער אַז זיי וועלן אונדז באַמערקן און אונדזער ענדע איז שוין געקומען. מיר האָבן געהאַט צוויי ברירות: בלייבן אין באַהעלטעניש און זיך פאַרלאָזן דאַרויף, אַז מען וועט אונדז נישט באַמערקן; אָדער פּרוּוון אַנטלויפן, און זיך דערמיט אַליין אויסגעבן. מיר האָבן אויסגעקליבן די ערשטע מעגלעכקייט און מיר זענען געבליבן אין באַהעלטעניש. ווען דער מיליציאַנט איז שוין געווען נאָענט צו אונדז, האָט ער צו אונדזער גליק באַקומען אַ סיגנאַל פון אַ צווייטן מיליציאַנט, וואָס איז געווען אויפן

באַרג, ער זאָל זיך אומקערן אין זיין ריכטונג. דאָס איז געווען אונדזער רעטונג, ווייל ווען ער זאָל געווען ווייטער גיין אין אונדזער ריכטונג, וואָלט ער אונדז זיכער געווען באַמערקט. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן האָבן געפונען אין וואַלד יוסף עסענפעלד און רבקה איידער. זיי זענען אָבער אַנטלאָפן, און די מיליציאַנטן זענען אַרומגעלאָפן זיי אויפזוכן. יוסף עסענפעלד האָבן זיי אָנגעיאָגט פאַרנאַכט אין די וועלדער פון דאַלעשאָוו, נאָכדעם ווי ער איז מיד געוואָרן פון אַרומלויפן אַ גאַנצן טאָג, און זיי האָבן אים אויפן אָרט דערשאָסן. רבקה איידער, וואָס איז געווען יינגער, איז געלונגען צו אַנטלויפן און זי האָט איבערגעלעבט די מלחמה.

אין פעברואַר 1944 איז אויסגעפאַלן אַ טיפער שניי און ס'איז געווען אַ סכנה צו גיין אין דאָרף אַריין ברענגען עסן, ווייל די שפורן אין שניי האָבן אונדז געקענט לייכט אויסגעבן. מיר האָבן נאָך געהאַט ביי זיך צוויי קילאָ ווייץ, האָבן מיר דערפון געמאַכט מעל, מאָלענדיק צווישן צוויי שטיינער, און פון אַ לעפל מעל האָבן מיר געקאָכט יעדן טאָג אַ „זופע". דערפון האָבן מיר זיך גענערט זעקס וואָכן. און אַז דער שניי איז צוגאַנגען און מיר האָבן געוואַגט צו גיין אין דאָרף אַריין, האָבן מיר שוין קוים געקענט גיין. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר זענען געגאַנגען אין דאָרף אַריין נאָך פאַרפלעגונג, בערך צוויי וואָכן פאַר דער באַפרייאונג, און גראָד דאָס מאָל, ווי להכעיס, האָבן מיר געהאַט גרויס „פעך". ווי באַר מיין ברודער איז אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער נאָך קאַרטאָפל, איז אָנגעלאָפן דער הונט פונעם הויף און האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו בילן. דאָס בילן האָט אַרויסגערופן צום קעלער דעם זון פונעם פויער, אָבער באַלד ווי ער האָט אונדז דערזען האָט ער זיך צוריקגעצויגן. דאָס מאָל זענען מיר אַרויסגעגאַנגען פריער ווי אַלעמאָל, קעגן ניין אַזייגער אין אָוונט, וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואַגט צו טון, ווייל מיר האָבן דאָס געקענט באַצאָלן מיטן לעבן. אָבער פילנדיק די נאָענטקייט פונעם סאָוויעטישן מיליטער, זענען מיר געוואָרן דרייסטער. סיי־ווי האָבן מיר באַלד פאַרלאָזט דעם הויף, מורא האָבנדיק דער פויער זאָל נישט מודיע זיין דער מיליץ. אָבער מיר האָבן נאָך באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך די קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן צונויפגענומען. צומאָרגנס האָבן מיר געזען ווי דער וואַלדוועכטער, אַ שכן פונעם גוי ביי וועלכן מיר האָבן גענומען די קאַרטאָפל, האָט אונדז אַרומגעזוכט אין וואַלד.

מיר האָבן געפילט אַז די סאָוויעטישע אַרמיי דערנענטערט זיך, און ווירקלעך, דעם 23־סטן מערץ 1944 האָבן מיר דערהערט דאָס גערויש פון אַ מאָטאָר און געזען אַן אייראָפּלאַן מיט אַ רויטן שטערן פליען גאַנץ נידעריק אין דער לענג פונעם דניעסטער. אונדזער פרייד איז געווען אָן אַ גרענעץ. דאָך האָבן מיר ערשט צוויי טעג שפּעטער זיך געוואַגט צו גיין אין דאָרף אַריין, נאָכדעם ווי די סאָוויעטן זענען שוין געווען אין דאָרף.

איך בין געווען גאַנץ פאַרוואַקסן, ווייל אַ גאַנץ יאָר האָב איך זיך קיין איין מאָל נישט געשוירן. דורך דעם גאַנצן ווינטער בין איך געגאַנגען אין איין העמד, און אַפילו נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט עס אויסצוואַשן. עס איז קיין וואונדער נישט געווען, וואָס מיר זענען געווען פאַראומרייניקט, און ממש מיט די הענט געשאַרט די לייז פונעם קערפּער. אַלע גויים פונעם דאָרף זענען זיך צענויפגעלאָפן אונדז באַקוקן.

אָבער דערמיט האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. אַפּאָר טעג שפּעטער איז געקומען אין דאָרף אַריין אַן אָפּטיילונג פון דייטשן מיליטער, און ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאַמף צווישן די דייטשן און סאָוויעטן. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ קעלער, און דער פראָנט איז געווען אַ הונדערט מעטער ווייט פון אונדז. נאָך דיזעלבע נאַכט האָבן די דייטשן פאַרלאָזט דאָס דאָרף, און צומאָרגנס זענען מיר אַריינגעפאָרן קיין האָראָדענקע. אין האָראָדענקע האָבן מיר געפונען עטלעכע יידן, וועלכע ס'איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין האָראָדענקע אָדער זענען געקומען פון טלוסטע.

איך בין אַוועק קיין טשערנאָוויץ. מיין ברודער בנימין האָט מען מאָביליזירט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, געשיקט אויפן פראָנט, און דאָרט איז ער נאָך דעמזעלביקן יאָר געפאַלן פון אַ דייטשער קויל.



בני העיר ב„יער הקדושים"
אונדזערע לאנדסלייט אין „יער הקדושים"
Horodenkians visit the "Yaar Hakdoshim"

פרץ וויצלינג

אונדזערע רעטער

א

ווייט, זייער ווייט בין איך פון מיין היים און געבורטס־אָרט. עס איז דאָ גוט, פריי, וואַרעם און זיכער — דאָך איז שווער צו פאַרגעסן די היים פון אַמאָל און די היים פון די מלחמה־יאָרן 1939—1945. שווער צו פאַרגעסן די גוטע פריינט, קרובים און באַקאַנטע, וואָס זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען; שווער צו פאַרגעסן די ליידן, די צרות און די בושות וואָס מען האָט זיך אָנגעזען. שווער צו פאַרגעסן און אַנטשולדיקן די היימישע מערדער, די באַפעלקערונג, וואָס האָט אַ גרויסן טייל אין דעם אומקום פון אַלע אונדזערע נאָענטע.

אָבער אויך אוממעגלעך איז צו פאַרגעסן די גוטע פויערן, וואָס האָבן געהאָלפן, וואָס האָבן זייער לעבן איינגעשטעלט און געשיצט און באַהאַלטן יידן, האָבן געדולדיק אויסגעהאַלטן די לאַנגע שווערע צייט, נישט געלאָזט זיך באַאיינפלוסן פון שלעכטע שכנים, נישט מיד געוואָרן צו היטן זייערע יידן, ביזן טאָג פון דער באַפרייאונג.

ביי אַזאַ אָרעמער פוילישער משפחה זענען מיר דריי: איך, מיין פרוי און אונדזער אַנדערטהאַלב־יעריק זונעלע, געלעגן באַהאַלטן אין אַ גרוב איבער פינף הונדערט טעג, ביז מיר זענען באַפרייט געוואָרן. די אָרעמע פוילישע משפחה, אַ מאַן, זיין פרוי און זייער צוואָנציק־יעריקער זון, האָבן געהאָלפן ביי די אַקציעס נאָך אַ סך אַנדערע יידן זיך באַהאַלטן און האָבן זיי געשפייזט. זיי קענען מיט שטאָלץ זיך באַרימען, אַז דרייצן יידן, מענער, פרויען און קינדער, לעבן היינט און זענען פרייע מענטשן אַ דאַנק זיי, די רעטער. אין דער קריטישער צייט, ביי דער גרויסער אַקציע, ווען עס זענען אומגעקומען 2.500 יידן, האָבן זיי די דרייצן יידן אַריינגענומען, באַהאַלטן, געהאַלטן און געשפייזט, און נאָך דער אַקציע יעדע פאַמיליע באַזונדער מיט זיכערע וועגן אַהיימגעפירט. אָן אַ עגאָאיסטישן אינטערעס, נישט „זייערע" באַקאַנטע יידן, נאָר סתם אומגליקלעכע יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען. די גוטע און האַרציקע מענטשן זענען אין דער קורצער צייט אַלט און גרוי געוואָרן פון לעבן אין שרעק, מען זאָל אונדז חלילה נישט געפינען. זיי האָבן געלעבט אין שרעק די גאַנצע צייט, און נאָך דער באַפרייאונג געמוזט אַנטלויפן פונם דאָרף אין שטאָט אַריין, אויס מורא פאַר די באַנדעס אוקראַאינער, וואָס האָבן זיי נישט געקענט מוחל זיין, וואָס זיי האָבן אויסבאַהאַלטן יידן. די אוקראַאינישע מערדער האָט ווי געטון, וואָס עטלעכע יידן זענען לעבעדיק געבליבן, נאָך דערצו איך, וואָס האָב געהאַט די געלעגנהייט צוצוזען זייער אַ סך פון זייערע מעשים. אויך די פוילישע קרובים פון אונדזערע רעטער, חוץ דעם וואָס זיי זענען געווען גרויסע אַנטיסעמיטן, האָבן זיי אונדזערע רעטער נישט פאַרגונען די גליקן, ווייל מיין גאַנץ פאַרמעגן, דאָס פעלד, האָב איך אונדזערע רעטער צוגעזאָגט און געגעבן. אויך האָב איך זיי גליקלעך און צו דער צייט אין שטאָט אַריין גענומען. די מערדער האָבן אַ נאַכט שפּעטער זייער גאַנצעווירטשאַפט אונטערגעצונדן, און פאַרברענט דעם אַכציקיעריקן פאָטער זייערן לעבעדיקערהייט. ווייל דער גוטער אַלטער פויער האָט פון אונדזער קינד געוווּסט, און דאָס קינד בישטאיינמאָל ווייט אין פעלד געטראָגן, און נישט איין טאָג איז ער מיט אים דאָרט געזעסן, ווען עס איז אין דער היים נישט זיכער געווען, און טאָג און נאַכט האָט ער פאַר דעם קינד גאָט געבעטן. און דאַרפאַר, ווייל ער האָט ליב געהאַט אַ יידיש קינד, האָבן זיי אים לעבעדיקערהייט פאַרברענט. און איך באַשולדיק מיך נאָך עד היום, וואָס איך האָב אויך אים נישט רעכטצייטיק געראַטעוועט.

כאָטש אין שטאָט איז געווען אַ סך סאָוויעטיש מיליטער און סאָוויעטישע אַמטן, זענען מיר און אונדזערע רעטער אויך דאָרט נישט זיכער געווען. זענען מיר אַמאָל ביינאַכט ווי גנבים, מיט סאָוויעטישע אויטאָס אַנטלאָפן צו אַ באַן־סטאַציע, 40 ק"מ פון האָראָדענקע, און פון דאָרט אַוועק קיין פוילן. מיין משפחה — איך, מיין פרוי און קינד — זענען מיט דער הילף פון מיינע געטרייע צוויי ברידער געקומען אַהער, קיין אַמעריקע מיט אַ פאָרצוגס־קוואָטע אַלס פאַכלייט פון לאַנדווירטשאַפט. זיי, אונדזערע רעטער, האָבןביים אָפשייד געוויינט מיט בלוטיקע טרערן צוזאַמען מיט אונדז, געקושט און געהאַלדזט אונדז און אונדזער זעקסיעריקן „גוסטאַוול", ווי ער האָט ביי זיי געהייסן. נאָכלויפנדיק דעם צוג האָבן זיי זיך געבעטן מיט זאָלן אָן זיי נישט פאַרגעסן, אָבער דער צוג איז באַלד מיט אונדז אַלע אַוועק, און זיי, די דריי אָרעמע, זענען געבליבן אַליין, אָן זייער שטאָלץ, אָן אונדז און אָן זייער געראַטעוועט קינד. מיר האָבן נאָך לאַנג אַלע דריי געוויינט. דאָך האָבן מיר זיך געטרייסט, אַז מיר וועלן זיי שיקן אַ סך, אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, שרייבן צו זיי יעדע וואָך, און אפשר זיי אַמאָל צו אונדז אַריבערנעמען.

ליידער איז דערפון נישט פיל אַרויסגעקומען. עס ליגן פאַר מיר בריוו פון זיי, וויינענדיקע. די אַלע בריוו וואָס מיר שרייבן, די אַלע פעקלעך וואָס מיר קענען פון דאַנען שיקן, דאָס ביסל געלט וואָס מיר האָבן איבערגעשיקט — דאָס אַלץ טויג נישט. דאָס האָט אַרויסגערופן קנאה און פאַרדראָס אין דאָרף און ביי זייערע קרובים. די קרובים פאַרלאַנגען אַ העלפט פון דעם וואָס זיי באַקומען און דראָען מיט דעם ערגסטן פאַר האָבן געראַטעוועט יידן. „איר וועט אַזוי ליגן אין גרוב ווי זיי זענען געלעגן, אויב איר וועט זיך מיט אונדז נישט טיילן. מיר וועלן אייך דאָס גאַנצע הויז פאַרברענען" — אַזוי שרייען זיי און דראָען. אַ דאָרף מיט גזלנים, האַלב פוילישע און האַלב דייטשע. אין דעם זעלבן דאָרף וווינט און באַלעבאַטעוועט אַ געוועזענער דייטשער זשאַנדאַרם, וואָס איז ביי אונדז אין שטאָט געווען. דעמאָלט — ווען אונדזערע הערצער האָבן אין גרוב געצאַפלט הערנדיק אַז דייטשן זענען דאָ, האָט ער זיי געשלאָגן און אַ גרויסן אויסגעהאָדעוועטן חזיר ביי זיי צוגענומען. היינט איז ער אַ פאָליאַק און לעבט אין זיין דייטש דאָרף

און ווייסט מיט נאָך אַנדערע, אַז די משפּחה פון אונדזערע רעטער האָט יידן געראַטעוועט — און איך קען נאָך היינט גאָר נישט טון פאַר זיי, זיי זאָלן זיין זיכער מיטן לעבן, איך זאָל זיי קענען דאָ האָבן און אָפּדאַנקען ווי עס קומט זיי.

ב

אויף צו שילדערן גענוי די איינצלהייטן, ווער אונדזערע רעטער זענען, וואָס זיי האָבן אויפגעטון, וויפל יידן זיי האָבן געראַטעוועט און ווער די געראַטעוועטע יידן זענען; ווער עס זענען די צום מייסטן שולדיקע אין די רציחות און אין אויסזוכן די באַהאַלטענע אומגליקלעכע יידן — מוז איך זיך ברייטער און גענויער פאַנאַנדערשרייבן. אין אונדזער שטעטל האָראָדענקע, האַרט ביי דער רומענישער גרענעץ, און אין די נאָענטע דערפער אַרום, האָבן פאַר דער מלחמה געלעבט בערך זיבן טויזנט יידן. פון די וואָס זענען געבליבן האָט זיך אַ גאָר קליינער טייל אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן, פאַר טייער געלט און ווערטזאַכן. קוים 25 מענטשן זענען געראַטעוועט געוואָרן דורך געוויסנהאַפטע קריסטן אויס מענטשלעכן געפיל. אַ חוץ דעם אַ פּאָר צענדלינג יידן, וואָס זענען אין מיטן פייער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד און רומעניע. אַ טייל האָבן זיך געראַטעוועט אין יענער זייט דניעסטער און אַ טייל זענען צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנער. צי עס האָבן געקאָנט מער געראַטעוועט ווערן — איז גאָר קיין פראַגע נישט. עס האָבן געקאָנט זייער אַ סך געראַטעוועט ווערן, ווייל אין אונדזער געגנט איז ביז צום דייטשן ריקצוג כמעט קיין דייטש מיליטער נישט געווען. איבערגענומען האָבן די שטאָט אין אָנהויב מלחמה די אונגאַרן. נישט קיין גרויסע צדיקים, אָבער פאָרט מענטשן. ספּעציעל זענען געווען אָנשטענדיק אַ טייל אָפיצירן און העכערע באַאַמטע. ווען די דייטשן האָבן די שטאָט פון די אונגאַרן איבערגענומען, איז די שטאָט פאַרוואַלטעט געוואָרן פון אַ קרייז־הויפּטמאַן מיט אַ פּאָר באַאַמטע. די דייטשע זשאַנדאַרמעריע איז באַשטאַנען פון אַ פופצן זשאַנדאַרמען און צוויי געציילטע געסטאַפּאָ־מענער, וואָס האָבן ווייניק זיך געמישט צו יידן, און צומאָל אַפילו געהאָלפן, ווי אין דעם פאַל מיט נטע לערערס טאָכטער, גינקאַ לוקס, מיט אירע צוויי שיינע קינדער, וואָס זענען שוין געשטאַנען ביי דער וואַנט צום שיסן, און די צוויי געסטאַפּאָ־מענער האָבן אַלע דריי צוגענומען און אַהיימגעפירט. עס זענען אויך געווען אַנדערע ענלעכע פאַלן, ווו זיי האָבן יידן באַהאַלטן; עס איז אויך געווען אַ אָרטס־קאָמאַנדאָ פון 40 מאַן, מייסטנס ווינער און סתם עסטרייכער, וואָס האָבן אַ סך גאָלד און דאָלאַרן אַרויסגעפירט, פאַר באַהאַלטן יידן און פאַר אַריבערשמוגלען זיי אויף זייערע אויטאָס קיין רומעניען. ס'איז געווען אַ זאָנדער־דינסט פון פּאָליאַקן, אויך נישט קיין שלעכטע. דער קרייז־הויפּטמאַן, דער קרייז־לאַנדווירט און דער אַרבעטס־שעף זענען געווען די הויפּטפירער. שלעכטע, פאַסקודנע, שטאָלצע דייטשן, נאָר מיט דער צייט האָבן זיך דער יודענראַט, די יידישע דאָקטוירים און דער דענטיסט קויפמאַן, דער אַדוואָקאַט טוי און מאיר קאָך, צו זיי אַלע צוגעשלאָגן. שלעכט איז געווען דער וויצע־קרייזהויפּטמאַן, אָבערשטורעמבאַנפירער דאָפּלער, ימח שמו. די אוקראַאינישע מיליץ, די פּוילישע קרימינאַל־פּאָליציי, ועל כולם — די 20 ביז 30 געסטאַפּאָ־מערדער, וואָס פלעגן קומען צופאָרן צו די אַקציעס, וועלכע האָבן זיך איבערגעחזרט דריי מאָל דורך דער גאַנצער צייט. אָבער דעם גרעסטן חלק אין דער פאַרניכטונג האָט אָן אַ שום ספק געהאַט דער המון, פון דער היימישער גוישער באַפעלקערונג, פון דער שטאָט און פון די דערפער, וואָס פלעגן נישטערן נאָך יידן, ווי עס זאָל זיי גיין אין לעבן, צו באַרויבן די שוצלאָזע און איבערגעבן זיי צו די מערדער. אונטערגעהעצט זענען זיי געוואָרן פון דער אַזויגערופענער „אינטעליגענץ": גלחים, און שול־לערער מיט דעם דירעקטאָר דאָראָשינסקי בראש. ער און נאָך אַזעלכע ווי ער האָבן פון דער ערשטער מינוט אָן געלערנט און געהעצט דעם פעבעל, געהאַלטן זיצונגען און גאַנץ אָפן אין די דערפער אונטערגעהעצט, און צוגעזאָגט גילדענע בערג — אַבי טראַכטן ווי אַמשנעלסטן פון אַלע יידן פּטור צו ווערן, ווייל איצט איז די צייט געקומען. דאָראָשינסקי, דער יידנהעצער און הויפּטשולדיקער, האָט געהאַט ביז 1941 ביי די סאָוויעטן אַ בכבודיקן פּאָסטן. ביי די דייטשן איז ער געווען אַ גרויסער נאַציאָנאַליסט מיטן „הייל היטלער" און מיט אַ פּאָסטן אַלס וויצע־קרייזלאַנדווירט, אַ צווייטער געבעלס ביי אונדז אין באַצירק. און איצט, ביי די סאָוויעטן, איז ער אַ סאָוויעטישער פּאַטריאָט מיט גרויסע פּאָסטנס. טראָץ דעם וואָס מען האָט דער סאָוויעטישער מאַכט צוגעוויסן געטון וואָס און ווער ער איז, און וואָס ער איז ביי די דייטשן געווען — גייט אים ווייטער גוט. ער האָט איבערגענומען דעם גרויסן הויף (און נעבנגעביידעס) פון יידישן גוטסבאַזיצער בערל שפּירער, וועלכער איז פון די סאָוויעטן אין טיף רוסלאַנד פאַרשיקט געוואָרן און איז דאָרט געשטאָרבן. אַזעלכע דאָראָשינסקיס זענען פאַראַן דאָרט ביי אונדז אַ סך. זיי פלעגן זיך אויף אונדז בייזערן: „וואָס ראַנגלט איר זיך און וואָס מוטשעט איר זיך, איר זעט דאָך אַז איר מוזט אַלע שטאַרבן". זיי, די צוויי־פּנים'דיקע, האָבן זיך געוואָלט מיט מיר קושן נאָך דער באַפרייאונג, מיטן „באָהו דיאַקאָוואַטי" — גאָט צו דאַנקען, וואָס מיר לעבן... פון זיי צו ריידן איז דאָ זער אַ סך. עס וויל זיך אָבער נישט דערמאָנען, עס איז נאָך אַלעס פריש. עס וויל זיך לעבן ווי אַנדערע, לאַכן ווי אַנדערע, אָבער עס טוט ווייי קוקנדיק דאָ אויף יעדן וואָס לאַכט, וואָס האָט נאָך נעכטן אָדער וועט מאָרגן אינגאַנצן פאַרגעסן אין אונדזערע מערדער, וועלכע לעבן זיך פריי. איך וויל ליבער שילדערן אַזעלכע וואָס האָבן געהאָלפן און געראַטעוועט יידן. אַזעלכע זענען דאָ זער ווייניק, און ספּעציעל אַזעלכע רעטער ווי מיר דריי — איך, מיין פרוי און אונדזער אַנדערטהאַלב־יעריק יונגעלע האָבן געהאַט.

נאָך דער ליקווידאַציע פון די יידן אין אונדזער שטאָט, סעפּטעמבער 1942, זענען אַ סך יידן געווען באַהאַלטן ביי אוקראַאינער און פּאָליאַקן. יאָ, אַפילו ביי דייטשן, און אַממייסטן ביי אַרמענער. עס פאַרשטייט זיך אַז כמעט אַלע באַהאַלטער האָבן עס געטון פאַר טייער געלט און ווערט־זאַכן, נישט חלילה נאָר אויס רחמנות אָדער פריינטשאַפט. די ערלעכע האָבן געהאַלטן יידן כל זמן זיי האָבן געהאַט וואָס ביי זיי צו מעלקן,

אָדער ביז עס איז זיי נמאס געוואָרן, אָדער זיי זענען מיד געוואָרן און ווייניקער פּאָרזיכטיק געווען. די נישט־ערלעכע איז גענוג געווען דאָס פאַרמעגן און ווי באַלד זיי האָבן עס באַקומען האָבן זיי צו וויסן געגעבן דער אוקראַינישער מיליץ און איבערגעגעבן זייערע באַהאַלטענע צו די מערדער, וועלכע פלעגן באַלד די קרבנות דערשיסן. די ערשטע קרבנות זענען געווען די אָרעמע לייט, וועלכע האָבן נישט געהאַט מיט וואָס זיך אויסצוקויפן. דערנאָך זענען אומגליקלעך געווען די יידן וואָס האָבן געגלויבט, און קומענדיק זיך באַהאַלטן ביי די פּויערן, האָבן זיי זיי אָנפאַרטרויט דאָס גאַנצע פאַרמעגן זיי זאָלן עס „באַהאַלטן". אַזעלכע נאמנים האָבן פון דער ערשטער מינוט קאָמבינירט, ווי אַזוי מען ווערט פּטור פון די יידן, כדי דאָס ביסל שמאַטעס זאָל ביי זיי בלייבן. אויב די באַהאַלטער האָבן אַליין נישט געמסרט, האָבן עס געטון זייערע קרובים, נישט פאַרגינענדיק דער קרוב זאָל רייך ווערן. יוסף הערש רייכמאַן מיט זיין פרוי, אפשר די רייכסטע אין שטאָט, זענען געווען אין אַ דאָרף ביי אַן אוקראַינישער פאַמיליע גוט באַהאַלטן און ווייל איין שוועסטער דער אַנדערער האָט נישט געוואָלט אַ ציבעלע לייען, האָט די פויערטע אָנגעצייגט; האָט מען צוגענומען די יידן מיטן פאַרמעגן און זיי דערשאָסן. מער ווי אַ יאָר צייט האָט די דינסט פונם לערער נאָרד זיין יונגסטן זון ביי זיך אין בעט געהאַלטן און באַהאַלטן; און ווייל זי האָט נישט געקאָנט, אָדער געוואָלט, גיין העלפן דעם ברודער אין פעלד אַרבעטן, האָט ער זי אָנגעצייגט. מען האָט זיי ביידע דאָס יידישע יינגל מיט דער דינסט, פון סעראַפינעץ אין שטאָט אַריין געפירט; די דינסט האָט שטאַרק געוויינט און געבעטן מען זאָל אים נישט שיסן, מען זאָל גיכער זי שיסן. און די מערדער האָבן איר צוליב געטון — און ביידע געשאָסן. אַ סך האָט אויך געשאַדט דאָס, וואָס די נאַרישע פּויערן האָבן צו פיל געהוליעט, געטרונקען און פיל איינגעקויפט פאַר זייערע יידן, און דערביי אַ סך דאָלאַרן געביטן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ חשד. עס זענען געווען ספּעציעל באַצאָלטע און פרייוויליקע אַגענטן, נישט חלילה פון די דייטשן נאָר פון דער אינטעליגענץ, וואָס פלעגן נאָכשפּיאָנירן וואָס און וויפל די פויערן קויפן, אָדער וועלכע פון זיי קויפן דייטשע צייטונגען פאַר זייערע יידן. אַ סך יידן וואָלטן זיך געווען אָפּגעראַטעוועט, ווען זיי זאָלן געווען וויסן צו וועמען מען דאַרף גיין זיך באַהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט גיין און אַפילו זיך נישט לאָזן הערן צו דעם, וועמען מען האָט פריער אָוועקגעגעבן דאָס פאַרמעגן צו באַהאַלטן; נישט זוכן קיין באַקאַנטע, פריינט, שולקאָלעגן אָדער פאַך־קאָלעגן — שוין אָפּגערעדט פון דער אינטעליגענץ. מען האָט געדאַרפט זוכן נאָר די אָרעמע, די גאַנץ אָרעמע. און נאָך זיכערער איז געווען ביי אונטערוועלט־מענטשן, ביי די קאָרטן־שפּילער, גנבים אָדער „נישט־ערלעכע" עלעמענטן; זיי זענען קיינמאָל נישט געגאַנגען אין אַ קלויסטער, נישט געלייענט קיין צייטונג, נאָר געוווּסט איינס: זיי מוז דאָס שטיקל אַרבעט געלינגען, וועט זיי אַמעריקע דאַרפאַר גוט באַצאָלן. זיי האָבן געהאַט מער חכמה, מער ראַפינירטקייט אַ גוט באַהעלטעניש צו מאַכן, האָבן זיך ווייניקער געשראָקן און גוט דעם סוד געהאַלטן. אַזעלכע האָבן ביי אונדז אין שטאָט נישט געפעלט. נאָר פאַר אַזעלכע האָבן זיך אונדזערע יידן תמיד געהיט און געזוכט רייכע בעלי־בתישע פויערן, אָדער אינטעליגענטן.

ג

אונדזערע רעטער, מיין גאָספּאָדאַזש (בעל־הבית), ווי מיר רופן אים נאָך ביז איצט, איז מיט זיין ווייב און צוואָנציקיעריקן זון נישט אַזוי געווען פון די שלעכטע, ווי זיי האָבן אַ שלעכטן שם געהאַט. נישט ווייט פון מיין פעלד און מיל האָבן געוואוינט אַן אַלטער פויער מיט דריי זין און צוויי טעכטער. איינע פון די טעכטער איז געווען אונדזער בעל־הבית'טע. צוזאַמען זענען עס געווען זעקס פאַמיליעס, וואָס האָבן אויך געהאַט אַ מיל. ווייל זיי האָבן נישט געלעבט בשלום צווישן זיך, האָבן זיי די מיל אויפגעגעסן און צענומען, און דערנאָך געלעבט פון וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. עס איז צווישן זיי געווען אַ מעסער־שטעכער און פּראָפעסיאָנעלער גנב, אַזוי אַז נאָך פאַר דער מלחמה וואָלט אַ פּוילישער זשאַנדאַרם נישט געוואַגט אַרייַנצוקומען צו זיי אַליין ביי נאַכט אָדער אַפילו בייטאָג. איך פלעג פריער אין אַ ווייטן בויגן זייער הויז אַרומפאָרן און האָב זיי כמעט נישט געקענט. מיין בעל־הבית'ס פרנסה איז געווען אַרבעטן מיט אַ פּאָר פערדלעך, מיט וועלכע ער פלעגט זיך פאַרדינען דאָס אויסקומען. ווען די סאָוויעטן האָבן אין יאָר 1939 מיך צו אַן אַרבעט אַוועקגענומען, און איך האָב נישט געקאָנט ווייטער מיין פעלד אַליין באַאַרבעטן, האָב איך צופעליק אין שטאָט געטראָפן מיין שפּעטערדיקן „בעל־הבית". „נעם דיר איבער" — זאָג איך אים — „מיין פעלד מיט דעם אינווענטאַר, ווער שוין אַ בעל־הבית, אַרבעט, און אויב דו וועסט האָבן אַסך — טייל מיר אויך אָפּ אַ טייל דערפון". ער איז באַלד באַשטאַנען און מיר זענען ביידע צופרידן זיך צעגאַנגען. איך בין שטאַרק באַשעפטיקט געווען, און ער איז מיט אַמאָל אַן עושר געוואָרן און קיין צייט נישט געהאַט — האָבן מיר זיך די גאַנצע צייט פון די סאָוויעטן כמעט נישט געזען. ביים ריקצוג פון די סאָוויעטן, ווען איך האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט אומקערן דורך דער געשפּרענגטער בריק אויפן דניעסטער, איז מיין פרוי אַרומגעלאָפן פון איין באַקאַנטן פויער צום צווייטן, און געבעטן מען זאָל מיר העלפן אַהיימקומען. אַלע האָבן אָפּגענאַרט און קיין איינציקער איז נישט געפאָרן, טראָץ דעם איך האָב אַ סך באַקאַנטע געהאַט און האָב זיי יאָרנלאַנג געהאָלפן. דאַן איז דאָס ערשטע מאָל געקומען דער „גאָספּאָדאַזש", געוואָר צו ווערן ווו זיין „פּאַן" (אדון) איז; און ער האָט נישט געוואַרט, מיין פרוי זאָל אים בעטן, ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים נאָך די פערד, און אין צוויי טעג אַרום מיך אַהיימגעבראַכט, איבערגעטון פאַר אַ גוי. פון באַצאָלן אים האָט ער נישט געוואָלט הערן. ער איז אַ פּאָר טעג שפּעטער ווידער געקומען און געזאָגט אַז ער מיט זיין ווייב און זיין זון פרייען זיך, וואָס כאָטש מיט דעם האָבן זיי מיר אָפּגעדאַנקט. „דו — זאָגט ער — האָסט מיר געהאָלפן ווען אייערע זענען געווען די (סאָוויעטן), איצט וויל איך אייך העלפן ווען אונדזערע זענען דאָ (די אונגאַרן, וואָס זענען אין אָנפאַנג געווען, האָט ער אַלס פּאָליאַק פאַר „זיינע" געהאַלטן).

איך בין — זאָגט ער — זייט דער צייט וואָס דו האָסט מיר דאָס פעלד געגעבן, געוואָרן אַ רייכער, אַנשטענדיקער און ערלעכער בעל־הבית; דו האָסט גאָרנישט פאַרלאַנגט — וויל איך זיך איצט דיר, דיינע קרובים און אַנדערע יידן אָפּדאַנקען. איך האָב אַ סך תבואה — זאָג, וויפל זאָל איך דיר ברענגען?" — גאָרנישט, האָב איך אים געענטפערט, נאָר אויב דו ווילסט, פרעג דיין ווייב און ברענג מיר איין מאָל אין דער וואָך צוויי ברויטן און מילכיקס. ער האָט געהאַלטן וואָרט און יעדן זונטיק געבראַכט אַזויפיל, אַז איך האָב נאָך געהאַט גענוג צום צעטיילן פאַר אַנדערע. מען האָט נישט געמעגט פירן לעבנסמיטל קיין קאָלאָמיי, אָבער ער פלעגט אָנלאָדן עסנוואַרק אונטער אַ פור שטרוי און אַוועקפירן צו מיין שוועסטער, וואָס האָט דאָרט געהונגערט.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין סניאַטין האָט אים אַמאָל דער אַדוואָקאַט בלום גוט פאַרטרעטן, האָט ער אויך אים געפּירט שפּייז. צום אַריינשמוגלען זיך אין געטאָ מיט פּראָדוקטן איז, דאַכט זיך, נישט געווען קיין בעסערער מומחה ווי ער. ביי דעם ערשטן גרויסן אומגליק, ביי דער ערשטער אַקציע, וואָס האָט געדויערט צוויי טעג — דעם 4־טן און 5־טן דעצעמבער 1941, דאָנערשטיק און פרייטיק, ווען 2.500 יידן, מער ווי אַ העלפט פון אונדזער שטעטל זענען געכאַפּט און אויסגעשאָסן געוואָרן אין מיכאַלטשער וואַלד, האָט ער 26 יידן באַהאַלטן ביי זיך, דאַרונטער מיין פרוי און קינד. ער איז דעמאָלט געקומען ווי אַ מלאך פונם הימל אין אַ מיטוואָך ביי־נאַכט, אָנשטאָט זונטיק, ווי ער פלעג תמיד קומען, ער איז געקומען צו לויפן און מיטגענומען מיין משפחה. דאָנערשטיק אַרום 5 פאַרטאָג וואָלט שוין צו שפּעט געווען. ער האָט זיי אַלע ביי זיך אין קעלער אויסגעזעצט אין צוויי רייען. דאָס ווייב זיינס האָט געקאָכט, און ער מיטן צוואָנציקיעריקן זון האָבן געהאַלטן אין איין טראָגן די מאַמאַליגעס, קאַרטאָפל און הייסע מילך פאַר די קינדער. עס איז ביי אים — פלעגט ער זאָגן — געווען דער ערשטער יום־טוב. 12 יידן פון די 26 לעבן היינט און האָבן אָן אים פאַרגעסן.

נאָך דער אַקציע איז ער פיר מאָל געפאָרן איבער פעלדער אין שטאָט אַריין, איבערצופירן זיינע געראַטעוועטע יידן. ווען דאָס ווייב זיינס האָט זיך מיט אים געקריגט, וואָס אַ טייל פון די יידן האָבן נישט שיין אָפּגעדאַנקט, האָט ער אויף איר געשריגן: „ווען זיי לעבן נישט, וואָלט דיר בעסער געווען?"

ער האָט ווייטער געשמוגלט אין געטאָ אַריין וואָס ווער עס האָט אים נאָר געבעטן. איך האָב אים באַלד נאָך דער אַקציע אין אַ זונטיק געבעטן, ער זאָל פרעגן זיין ווייב, און אויך אַליין באַשליסן, צי זיי וואָלטן נישט מסכים געווען אונדזער קינד צו זיך צו נעמען, און ווען ער וועט דעם נעכסטן זונטיק קומען, זאָל ער מיר זאָגן דעם באַשלוס, וועלן מיר מאַכן אַ פּלאַן, ווי אַזוי מען זאָל דאָס טון. שוין די צווייטע נאַכט, מאָנטיק, איז ער געווען צוריק. דאָס ווייב האַלט, זאָגט ער, אַז אויב יאָ — איז שוין היינט; דער אויסרייד פאַר די שכנים וועט זיין, אַז ער האָט דאָס קינד געבראַכט פון קאָלאָמיי, פון זיין שוועסטער, וואָס די סאָוויעטן האָבן פאַרשיקט קיין רוסלאַנד, און דאָס קינד איז אַליין געבליבן, (כאָטש זיין שוועסטער האָט קיינמאָל קיין קינד נישט געהאַט).

איך האָב געהאַט אַ וויכוח מיט מיין פרוי, וואָס האָט דאָס פּיצעלע קינד, וואָס האָט נאָך געזויגן, נישט געוואָלט געבן. איך האָב עס ממש אַרויסגעריסן פון דעם וויגעלע שלאָפנדיק, אַרויסגעטראָגן אַרום צוועלף ביינאַכט צום וואָגן אין דעם שטאַרקן פראָסט, און דער גוי האָט עס אַריינגענומען מיט זיינע שווארצע, גראָבע הענט אין דעם קאַלטן צעריסענעם מאַנטל, וואָס ער האָט אויף זיך געהאַט, און איז דערמיט אַנטלאָפן.

צוויי וואָכן האָט דאָס פּיצעלע דאָרט געוויינט, און זיי מיט אים. ביסלעכווייז האָט דאָס קינד זיך באַרואיקט און איז צוגעוווינט געוואָרן, זיי האָבן עס ליב באַקומען, נאָר קיין פרייע מינוט האָט שוין קיינער פון זיי דריי נישט געהאַט פון דעמאָלט אָן. דאָס קינד איז געמל'ט געווען און איינער פון זיי דריי האָט עס שטענדיק געמוזט היטן און אַרומפירן, כדי קיינער זאָל דאָס נישט באַמערקן. דער קלוגער, גוטער בעל־הבית האָט אַלע קליידעלעך, קישעלעך און שפּילעכער פאַרברענט, אָפּגעשוירן מיט אַ שערל די האָר פונעם קינדס קעפּעלע מיט אַ סך טרעפּ, עס געלאָזט אַרומקריכן באָרוועס און שמוציק, האָט עס אויסגעזען ווי אַ ריכטיק פּויעריש יתומ'ל.

ביי דער צווייטער אַקציע, מאָנטיק, דעם 14־טן אַפּריל 1942, האָט שוין מיין פרוי נישט געקאָנט גיין צו זיי זיך באַהאַלטן, דאָס קינד זאָל די מאַמע נישט דערקענען. מען האָט געמוזט זיך היטן, אַז די שכנים און אַפילו צוויי ברידער און אַ שוועגערין פונעם גוי, זאָלן נישט געוואָר ווערן וועמענס קינד דאָס איז. עס איז דער פרוי אויך אַ סך לייכטער געווען אָן דעם קינד בשעת דער אַקציע. אין מיטן העלן טאָג, אָן דעם אָרעם־אָפּצייכן איז זי אַוועק צום גוישן פורמאַן, וואָס האָט מיט מיר אין שטאַל געאַרבעט, זיך ביי אים צו באַהאַלטן. איך האָב געוווּסט אַז אונדזערע רעטער מוטשען זיך שטאַרק מיטן קינד, ספּעציעל זומער ביי דער פעלד־אַרבעט, ווי מען האָט געמוזט שטאַרק היטן דאָס קינד, ווען אַ סך פרעמדע אַרבעטער קומען צו זיי נעכטיקן. אַ גאַנצן טאָג האָט מען עס געמוזט היטן, און דאָס קינד איז אַרומגעגאַנגען באַנדאַזשירט, מען זאָל נישט דערקענען אַז עס איז געיידישט. אָבער נאָך ערגער איז געווען ביינאַכט. דאָס קינד קען זיך אויפּדעקן ווען פרעמדע זענען דאָ. האָבן זיי זיך געביטן, כדי איינער פון זיי זאָל וואַכן און האַלטן אין איין צודעקן דאָס קינד און היטן עס, טאָמער האָט עמעצער אַ חשד און וויל אויף דעם קינד אַ קוק טון, און קאָנטראָלירן. זייער אַ שווער שטיקל אַרבעט האָבן זיי נעבעך געהאַט. איך האָב מיט זיי מיטגעפילט און שטאַרק מורא געהאַט, עס זאָל זיי חלילה, נישט נמאס ווערן, בפרט אַז וואָס אַ מאָל איז ערגער געוואָרן פאַר אונדז יידן.

ד

יעדער האָט שוין אין זומער 1942 געהערט, געזען און געפילט, אַז מיר זענען פאַרמשפּט צום טויט. עס איז קיין רעטונג פאַר אונדז נישטאָ, סיידן אַ נס. אַ נס אַז פון יענער זייט ים, פון אַמעריקע און ענגלאַנד, זאָל מען עפּעס אַ רעפּרעסיע

אויסאיבן די פֿאַרניכטונג אָפּצוהאַלטן, אָדער אויסבייטן די אומגליקלעכע ייִדן פֿאַר עפּעס וואָס. ער, דער גוטער בעל־הבית, האָט אונדז אַ פּאָר מאָל מרמז געווען, אַז ווען נישט דאָס קינד וואָלט ער אפשר אויך אונדז געקאָנט אויסבאַהאַלטן פֿון די מערדער; אָבער צוזאַמען איז נישט זיכער. דערצו נאָך לעבט ער נישט בשלום מיט זיין ווייבס קרובים, וואָס איינער פֿון זיי איז אַ גנב און אַ מערדער, און אויב ער וועט זיך מיט זיי צעקריגן, קענען זיי אונדז אויסגעבן, און דאַן וועט אַלץ זיין פֿאַרלוירן.

מיר האָבן דערפֿאַר באַשלאָסן, צו לאָזן דאָס קינד ביים בעל־הבית, און אַליין, איך מיט מיין פֿרוי, ווייטער צו שווימען, ווי לאַנג עס וועט זיך לאָזן. ער האָט מיר צוגעזאָגט, ווי איך האָב אים געבעטן, מיט זיינע קרובים זיך נישט צו קריגן, און וואָס זיי פֿאַרלאַנגען זאָל ער זיי געבן, נישט זשאַלעווען אָדער אָפּזאָגן; און אויב ער האָט נישט, זאָל ער זיך לייען אָדער קויפֿן און געבן, נאָר בעיקר דאָס קינד שטאַרק היטן. איך מיט מיין פֿרוי זענען ווייטער געבליבן אין שטאָט, אָבער נישט לאַנג. עס איז אונדז אין גלות, אויסער דער היים, אַ מיידעלע געבוירן געוואָרן. מיין פֿרוי האָט זיך ביי מיר געבעטן, זי זאָל כאָטש אַ האַלב יאָר עס אונטערהאָדעווען, דערנאָך וועט מען זוכן אַזאַ גוטן בעל־הבית ווי דער וואָס האָט באַהאַלטן אונדזער ייִנגעלע, און אים אויך פֿעלד צוזאָגן (ווייל קיין געלט האָבן מיר גאָרנישט געהאַט), ער זאָל דאָס קינד באַהאַלטן. מיר האָבן געהאָפֿט, אַז אַ מיידעלע וועט זיין לייכטער אוועקצוגעבן, עס וועט זיך לייכטער געפֿינען, ווער עס זאָל עס נעמען. פֿון אונטערוואַרפֿן עמעצן באַלד נאָך דעם געבורט האָט זי נישט געוואָלט הערן. אַ מאַמע איז אַ מאַמע, און דאָס מיידעלע האָט נאָך געהייסן נאָך איר מאַמע, וואָס איז אין דעם זעלבן טאָג, ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, אין איר בעט אין לעמבערג דערשאָסן געוואָרן.

מיר האָבן זיך לייַדער נישט לאַנג מיט דעם קינד געפֿרייט. דאָס פּיצעלע האָט געדאַרפֿט אונדז אויסלייזן; אינגאַנצן אָן אַ קרבן האָט אונדזער פֿאַמיליע נישט געטאָרט אַרויס. ביי דער דריטער און גרויזאַמסטער אַקציע, וואָס האָט לאַנג געדויערט ווייל מען האָט געבושעוועט נאָך אַלע איבערגעבליבענע ייִדן אין שטאָט (אַלע ייִדן פֿון די דערפֿער האָט מען שוין געהאַט צונויפֿגעטריבן אין שטאָט), איז דאָס קליינע קינד אַ קרבן געפֿאַלן. עס האָבן זיך ביי אונדז געבעטן אינדזער וואַסיל און די וואַסילעכי, דאָס אַלטע אוקראַאינישע פּאָרפֿאָלק, וואָס האָבן נאָך פֿון מיין טאַטן געהאַט אַ חזקה אויף אַ צימערל און ביי מיר געוווינט פֿופֿצן יאָר, מיר זאָלן זיי דאָס קינד געבן; זיי ווילן זיך דאָס צימערל, וווּ זיי וווינען, ביי מיר פֿאַרדינען, און זיי האָבן דאָס קינד ליב; אויב עס וועט זיין אַן אַקציע, וועלן זיי מיטן קינד אין פֿעלד גיין און דאָרט זיין. עסן — עסט עס שוין פֿון אַ פֿלעשעלע, און זיי וועלן עס שטאַרק אָפּהיטן. איך האָב זיי געגלויבט, און נישט נאָר דאָס צימערל, נאָר דאָס גאַנצע הויז האָב איך זיי צוגעזאָגט. די טעג זענען געגאַנגען און די אַקציע איז געקומען.

עס האָט געהייסן אַז מאָנטיק, דעם 7־טן סעפּטעמבער 1942, וועט זיין אַ רעגיסטראַציע פֿון אַלע אַרבעטער און סתם ייִדן. פֿיר טעג און פֿיר נעכט האָט געדויערט דער טריק, די אַקציע. חוץ די דרייסיק געסטאַפּאָ־מענער, וואָס זענען געקומען פֿון קאָלאָמיי, האָבן די אוקראַאינישע מיליץ, די פּוילישע קרימינאַל־פּאָליציי און אַכציק פּראָצענט פֿון דער אוקראַאינישער באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט און פֿון די דערפֿער, געזוכט און גענישטערט אין שטאָט און אין די דערפֿער אַרום, אין די פֿעלדער און אין די וועלדער, צו געפֿינען ייִדן. קיין גענויע צאָל קען קיינער נישט וויסן, וויפֿל מען האָט געכאַפּט. אַ סך ייִדן זענען דעם דניעסטער אַריבער, ווייל אין טאַרנאָפּאָלער קרייז איז נאָך האַלבוועגס רואיק געווען. אַ סך זענען פֿון די וואַגאָנען אַרויסגעשפּרונגען. אַ פּאָר הונדערט האָט מען שפּעטער געכאַפּט און קיין קאָלאָמיי אין געטאָ אָפּגעפֿירט. עטלעכע זענען קיין רומעניע אַריבער און אַ צוויי הונדערט זענען נאָך לאַנג געווען גוט באַהאַלטן און זיך געמוטשעט.

אַן ערך 1000 אומגליקלעכע האָט מען געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט אין אַ שטאַל אין האָראָדענקער הויף פֿיר טעג אָן עסן, און דערנאָך האָבן די מערדער זיי מיט דער באַן אַוועקגעפֿירט. דאָס ביסל איבערגעבליבענע, כלומרשט גליקלעכע אויף אַ קורצער צייט, זענען געווען אַכציק „ניצלעכע ייִדן", וועלכע די היימישע מערדער האָבן אָפּגעבעטן, אַז זיי מוזן זיי נאָך האָבן, ביז „אַריער" וועלן זיך נעבן די ייִדן צולערנען די פֿאַרשידענע מלאכות. „גליקלעך" איז זיכער קיינער פֿון זיי, נישט געווען, ווייל אַלע זענען געווען אָפּגעריסן פֿון זייערע פֿאַמיליעס, וואָס זענען געווען פֿאַרניכטעט אָדער געלעגן באַהאַלטן ערגעץ אין אַ קעלער אָדער אין אַ חורבה. די „ניצלעכע ייִדן" האָבן זייערע פֿאַמיליעס אויך נישט געטאָרט האָבן מיט זיך. אַלע האָבן געדאַרפֿט וווינען אין איין בלאָק, עס זאָל די מערדער גרינגער זיין שפּעטער מיט דריי וואָכן זיי אויסצוכאַפּן.

ה

דעם 10 סעפּטעמבער 1942 איז אונדזער שטעטל האָראָדענקע מיט די דערפֿער אַרום „באַפֿרייט" געוואָרן פֿון דעם געטאָ, פֿון דעם יודענראַט, פֿון די ייִדישע אָרדנונגסדינער און פֿון אַלע ייִדן. אַ פּאָר געציילטע ייִדישע פֿאַרמערס האָבן נאָך געזשיפּעט און געמוטשעט זיך. אַביסל דערפֿאַר ווייל דער קרייז־לאַנדווירט איז נישט געווען קיין שלעכטער מענטש און האָט נאָך געוואָלט געלט מאַכן, און אויך כדי די ייִדישע לאַנדווירטן זאָלן די קאָנטיגענטן תבואה אָפּגעבן און דאָס פֿעלד אויף דעם אַנדערן יאָר אַנבויען. די ייִדישע לאַנדווירטן האָבן זיכער בעסער, פּינקטלעכער און מער געגעבן ווי אַנדערע און זענען גליקלעך געווען וואָס זיי קענען וווינען אַביסל אין דער זייט, און האָבן געהאַט די מעגלעכקייט באַקאַנטע און קרובים צו האַלטן און באַהאַלטן.

אָבער אין גאַנצן נאָך איין חודש האָט מען זיי נאָך געלאָזט עקזיסטירן. אונדזער באַשיצער און האַר, דער דייטשער קרייז־לאַנדווירט קרעמער, האָט זיך אָנגעשטאָפּט מיט זייער אַ סך דאָלאַרן און אַכט טעג פֿאַרן ליקווידירן פֿון זיינע לאַנדווירטן איז ער אויף „וואַקאַציע" געפֿאָרן. איך האָב ביז צום 7 סעפּטעמבער 1942 נאָך געלעבט ווי אַ לאַנדווירט, אַרבעטנדיק

אַלס פורמאַן ביי די מערדער, און האָב געמעגט וווינען אין מיין הויז. נאָך דעם דאַטום האָב איך געדאַרפט מיין היים ליקווידירן און וווינען ביי איינעם פון די יידישע לאַנדווירטן, ביי צווידערערן — די כוונה איז זיכער געווען, מען זאָל אונדז קענען לייכטער כאַפּן ביי דער אַקציע אין מיטן שטאָט. פּאַקטיש אָבער האָב איך מיט מיין פרוי מער געוווינט אין שטאַל, צווישן די פערד, ווייל דאָרט זענען מיר נאָך אַמזיכערסטן געווען. איך האָב זיך שוין מער נישט געוואָלט צעשיידן פון מיין פרוי, ווייל איך האָב זי שיעור נישט געהאַט פאַרלוירן אין דער לעצטער אַקציע. דאָס איז געווען אַ מאָנטיק פאַרטאָג, ווען עס האָט געהייסן ס׳וועט זיין אַ רעגיסטראַציע, אָדער חלילה אַן אַקציע. פאַר אַ באַוואָרעניש האָב איך פאַרטאָג די פרוי אָפּגעשיקט צום פורמאַן, ווו זי איז געווען באַהאַלטן ביי דער צווייטער אַקציע. דאָס פּיצעלע קינד האָבן מיר ביי די בעטלערס וואַסיל און וואַסילעכע איבערגעלאָזט, אָנזאָגנדיק און אָנבעטנדיק זיי דאָס קינד צו היטן. איך האָב געמוזט צוריק אין שטאַל גיין. דער פּלאַן איז געווען, אַז אויב איך וועל נישט מוזן גיין צו דער רעגיסטראַציע און עס וועט זיין אַן אַקציע, וועל איך ווידער אַרויפקלעטערן אויף דעם שטאַלבוידעם, און זיך פאַרשטעקן אין אַ לאָך. מיין שעף, וואָס האָט געוואָלט איך זאָל נאָך אַ חודש לעבן, האָט מיך מיטגענומען צו דער „רעגיסטראַציע" אַלס קאָטלער. איך בין געווען נאָרביים אָנהויב פון דער צערעמאָניע, ווי מען האָט אַלץ מער יידן פאַרנאַרט, ביז די מערדער זענען אויף צוויי אויטאָס געקומען צו פאָרן, און די באַהאַלטענע אוקראַינישע מיליץ האָט געהאָלפן די יידישע אָרדנונגסדינער, מיט זייער אינספּעקטאָר בראַש, בעסער צו אומצינגלען דעם הויפן אָפּגענאַרטע יידן. איך וואָלט אויף מיר דעמאָלט גענומען צען יאָר שווערע אַרבעט צו טון איידער דורכלעבן די צען מינוטן, זיצנדיק הויך אויפן באָק פון דער בריטשקע, ציצוקוקן און צוזען די פאַרצווייפלונג פון די אומגליקלעכע, און דאָס האַנדלען פונעם יידישן מיליץ־אינספּעקטאָר, וואָס האָט געשלאָגן זיינעם אַ אונטערטאַן, ווייל ער האָט אַ ייד דורכגעלאָזט. און צוקוקן ווי דער גרויסער המון אוקראַינער און פּאָליאַקן פרייען זיך אין לאַכן פון אונדזער אומגליק. דער כלומרשטער יידנפריינט, דער אוקראַינער ד״ר ביאַלי, האָט זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול, וואָס זיינע באַקאַנטע יידן האָבן זיך געלאָזט אָפּנאַרן און זענען אַריין אין זאַק. מיט די צען מינוטן בין איך איבערגעקומען פאַר די גאַנצע פיר טעג, וואָס די אַקציע האָט געדויערט און געבושעוועט, און בין דערנאָך געלעגן אין שטאַל באַהאַלטן. איך האָב שוין אַביסל ווייניקער מורא געהאַט, ווייל אויב מיינע באַשיצער וואָלטן מיך וועלן פּטר׳ן, האָבן זיי עס געקענט טון באַלד מאָנטיק אין דער פרי.

מיין וואַסיל מיט זיין ווייב, וואָס האָבן אונדז געשווירן און צוגעזאָגט, אַז אויב עפּעס וועט פאָרקומען וועלן זיי מיטן קינד אַוועקגיין, האָבן זיך מיישב געווען כאָטש קודם אַביסל זיך נאָך אָנרויבן ביי אַזאַ חתונה, און טאַקע ביי אונדז און ביי אַנדערע יידישע שכנים. אַנדערע גויים האָבן באַלד דעם געסטאַפּאָ צו וויסן געגעבן וועגן קינד. צוויי געסטאַפּאָ־לייט זענען געקומען, און געשפּילט זיך מיטן קינד; דאָס שיינע קינד האָט צו זיי געלאַכט, און זיי האָבן נישט געהאַט דאָס האַרץ עס צו שיסן. איינער פון זיי איז אַוועק מיט אַ געכאַפּטן ייד, לוקסענבורג, און אים צוגעפירט צום הויף, ווו אַלע געכאַפּטע יידן זענען אין אַ שטאַל פאַרשפּאַרט געווען. דאַן איז אַ דריטער געסטאַפּאָ־מאַן צוגעקומען, האָט זיך אויך מיט דעם לאַכנדיקן קינד געשפּילט, נאָר ער איז געווען מער דרייסט, אַנידערגעלעגט דאָס קינד אויף דער ערד און עס דערשאָסן. באַלד האָבן זיך געפונען היימישן גויים, וואָס האָבן אַ גריבל אויסגעגראָבן און דאָס קינד באַהאַלטן, און האָבן זיך דערפאַר די קישעלעך צוגענומען. די בשורה האָט מיר אַ שכן באַלד דעם ערשטן טאָג אין שטאַל געבראַכט. עס האָט שטאַרק וויי געטון, דער מענטש איז אָבער דעמאָלט געווען האַרט ווי אַ שטיין. איך האָב זיך געטרייסט דערמיט, וואָס דאָס פייגעלע האָט געלאַכט צו זיי, האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען און געהאַט אַ גרינגן, גיכן טויט.

דריי טעג האָט דער פורמאַן, וואָס איז שוין אין דינסט נישט געווען, באַוויזן מיין פרוי צו באַהאַלטן. דעם פערטן טאָג פון דער אַקציע איז ער גאַנץ פרי אַריין צו זיך אין שטוב מיט שרעק, אַז מען זוכט יידן אין גויישע הייזער, און אַז מען זאָגט אַז מיין פרוי איז ביי אים; זאָל זי גיין אין גאָרטן זיך באַהאַלטן, האָט דעם פורמאַנס ווייב געזאָגט, ווייל זיי האָבן מורא פאַר זיך. אָבער אין גאָרטן האָט זי באַלד געזען שקצים, וואָס האָבן געהאָלפן דער מיליץ אויסזוכן באַהאַלטענע יידן. מיין פרוי איז גיך אַרויס פון גאָרטן און זיך געלאָזט גיין מיט די הויפּטוועגן. נאָר וווהין? אַהיים טאָר זי נישט גיין; צו מיר אין שטאַל האָט זי נישט געוואָלט גיין, ווייל זי האָט נישט געוווסט ווו איך בין באַהאַלטן, און האָט מורא געהאַט מיך צו פאַרראַטן. צו אינדזער „גאָספּאָדאַזש", ווו דאָס יינגעלע איז, ווייסט זי נישט דעם וועג; עס איז 13 ק״מ ווייט און מען דאַרף די באַן־געלייזן אַריבערגיין, דורכגיין אַ האַלבע שטאָט און איין דאָרף. זי איז טאַקע ביי דער ערשטער אַקציע דאָרט געווען, אָבער ביינאַכט, און מיט פעלד־וועגן געפאָרן. זייענדיק כמעט אַ פרעמדע ביי אונדז אין שטעטל, האָט זי אָנגעהויבן אין מיטן העלן טאָג אין שטאָט צו בלאָנדזשען; אַ פּאָר מאָל איז זי אויסגעקומען נישט ווייט פון דער היים, ווו די גויישע שכנים האָבן זי געקענט און וואָלטן זי זיכער די מערדער איבערגעגעבן; און אויסגעקומען נישט ווייט פון דער שטאַל ווו די מערדער האָבן די אומגליקלעכע געכאַפּטע יידן געהאַלטן; אַ פּאָר מאָל אויסגעקומען אין מיטן געטאָ, ביי דער שול, נישט ווייט פון מיין שטאַל, נאָר פאַר שרעק האָט זי שוין נישט געוווסט ווי אַזוי מען קומט צו מיר. שקצים זענען איר נאָכגעלאָפן, קוקן צי דאָס איז אַ „זשידוווקע", אַ יידישקע, וועלכע שפּאַצירט איינע אַליין, און האָבן זיך, ווייזט אויס, איבערצייגט אַז נישט. נאָך אַ פּאָר שעה אַרומבלאָנדזשען האָט זי זיך צוגעשלאָגן אויסער דער שטאָט צום באַן־געלייז. מיד, הונגעריק און דאָרשטיק, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט זיך אויסצווויינען, אומגעשטערט צו באַקלאָגן איר טויט קינד, און געבעטן גאָט זי זאָל כאָטש נאָך איין מאָל זען איר איינאונאיינציק זונעלע און איר מאַן.

פויערן האָבן אָנגעהויבן פונעם פעלד צו גיין. זי האָט אויף גיך זיך אָפּגעווישט די טרערן, אָבער כמעט אַלע האָבן געזאָגט: „ווידער אַ זשידוווקא" — אַ יידישקע. גיין האָט זי שוין קיין כוח נישט געהאַט, און נישט געהאַט וווּהין צו גיין. נאָר געקלערט זיך: ווען עס געשעט אַ נס, און אונדזער גאָספּאָדאַרזש קומט אָן — ווי גליקלעך וואָלט זי געווען? און ווי פונעם הימל אַראָפּגעקומען, האָט זי פּלוצלינג דערזען נעבן זיך דעם טייערן רעטער, ער איז נעבן איר געשטאַנען און אַ ווינק געטון זי זאָל אים פונדערווייטנס נאָכגיין. זי האָט זיך דערשלעפּט, נאָכגייענדיק אים, ביז צו אונדזער פעלד. ער האָט זי אַריינגעזעצט אין הויכע קוקורודזעס, געבראַכט אַ שטיק פאַרדאַרט ברויט און אַ פלאַש וואַסער און געהייסן איר וואַרטן אויף אים ביז שפּעט ביינאַכט, כדי זיינע קרובים, די שכנים און דאָס קינד זאָלן שוין שלאָפן. שפּעט ביי נאַכט איז ער נאָך איר געקומען, מיטברענגענדיק אַ ביסל וואַרעמע מילך, און זי געבראַכט צו זיך אין הויז. די מאַמע האָט נאָר געמעגט אַ קוק טון אויף דעם שלאָפנדיקן קינד און אַביסל זיך דערוואַרעמען — נאָר באַלד האָבן די הינט אָנגעהויבן צו בילן, און דער זון, וואָס האָט דערווייל אינדרויסן געהיט, האָט געראָטן (ווייל ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל נישט קומען זוכן יידן), זי זאָל אַרויף אויפן שטאַל־בוידעם און דערווייל זיך דאָרט באַהאַלטן אין אַ צוגעגרייטער נאָרע, און מאָרגן מוז מען זען אַ גוט באַהעלטעניש צו מאַכן. דאַכט זיך, אַז פאַר דער געסטאַפּאָ האָט מיין פרוי אַזוי נישט מורא געהאַט ווי פאַר מייז, און זי איז נעבעך געזעסן די רעשט נאַכט אין טויט־שרעק אין היי, האַלטנדיק אין איין טרייבן פון זיך די מייז, וואָס האָבן דאָרט גערודערט.

צומאָרגנס פאַרטאָג איז דער גוטער גאָספּאָדאַרזש געלאָפן אין שטאָט אַריין, און געקומען צו מיר אין שטאַל, געוויר ווערן וואָס איז מיט מיר. ער האָט מיך נישט געטראָפן, אָבער מען האָט אים געזאָגט אַז איך בין דאָ און אַז עס איז נאָך דער אַקציע.

ו

דערוויסנדיק זיך באַלד פאַרטאָג, אַז נאָך נעכטן אין מיטן ברען פון דער אַקציע איז מיין פרוי אַוועק פונעם פורמאַן, בין איך געווען שטאַרק פאַרצווייפלט און אומגליקלעך און כמעט צו משוגעת געטריבן געוואָרן. ווען נישט דאָס ביסל האָפענונג, אַז אפשר איז זי ערגעץ אין פעלד, און דאָס וואָס איך האָב נאָך אַ קינד, וואָלט איך אפשר איינעם פון די מערדער קודם דערהרגעט און דערנאָך זיך דאָס לעבן גענומען. איך האָב באַשולדיקט נישט דעם פורמאַן, נאָר זיך. פאַרוואָס האָב איך די פרוי נעבן זיך נישט געהאַט אין שטאַל פאַרשטעקט? און מיין שעף, זעענדיק מיין פאַרצווייפלונג, האָט מיך געטרייסט: אפשר איז זי נאָך דאָ, איך וועל — זאָגט ער — אַריבערפאָרן אין הויף, אויך אין קרימינאַל־געריכט ווו די אוקראַאינישע מיליץ און פויערן כאַפּן אויף אייגענער אַחריות יידן פון די דערפער און די פעלדער כאָטש די אַקציע איז שוין אַריבער. אָבער פונעם הויף איז ער צוריקגעקומען אויפן מאָטאָציקל מיט גאָרנישט. כדי מיך צו איבערצייגן און באַרואיקן, האָט ער מיר געהייסן די פערד שפּאַנען אויף צו זוכן אין קרימינאַל.

ער איז דורכגעגאַנגען פון איין צעלע צו דער צווייטער, רופנדיק דעם נאָמען, ווי אַנדערע „אַרעסטאַנטן" האָבן מיר דערנאָך דערציילט (ווייל ער האָט אַלע געהייסן שפּעטער באַפרייען, און שפּעטער מיט צוויי טעג ווידער זיי געלאָזט כאַפּן) נישטאָ — זאָגט ער צו מיר, אַרויסקומענדיק — זי איז זיכער נאָך אין פעלד באַהאַלטן. און ערשט קעגן מיטאָג, ווען אונדזער רעטער איז אָנגעקומען פון דער שטאָט, האָט ער מיר לאַכענדיק דערלאַנגט אַ בריוול פון מיין פרוי.

איך וואָלט דעמאָלט דאָס טייערסטע אין דער וועלט פאַר מיין בעל־הבית נישט געווען פאַרביטן. ער האָט פאַר מיר געפונען און מיר צוריקגעגעבן דאָס טייערסטע וואָס איך האָב געהאַט פאַרלוירן. איך האָב אים אָנגעקושט, געדאַנקט און מיר ביידע האָבן פאַר פרייד געוויינט. ער האָט באַדויערט זיינע באַקאַנטע יידן, וועלכע ער האָט שוין נישט געטראָפן. און באַדויערט וואָס ער האָט זיי זונטיק נישט מער קיין שפּייז געבראַכט, זיי זאָלן האָבן אויף דער רייזע אין די וואַגאָנעס. ער האָט זיך געפרייט וואָס אַ טייל פון זיינע באַקאַנטע זענען דאָ אין די באַהעלטענישן, וואָס ער האָט זיי געהאָלפן מאַכן, ווי הייניך ניימאַן מיט זיין פאַמיליע און מנשה בילדערס טאָכטער מיטן מאַן גרינבערג. ער האָט זיי צוגעזאָגט די צווייטע נאַכט זיי איבערצופירן קיין טלוסטע איבערן דניעסטער, ווו עס איז נאָך האַלב זיכער געווען, אין ווו יידן האָבן נאָך געוווינט אין שטאָט נישט אין געטאָ. און ער האָט אויך וואָרט געהאַלטן.

מיין דייטש האָט באַלד דערקענט, אַריינקומענדיק אין שטאַל, אַז מיין שאָדן האָט זיך געפונען. דו האָסט געטראָפן — זאָג איך אים — זי איז אין פעלד געלעגן. נאָר וואָס טו איך מיט איר ווייטער? אַזוי לאַנג דו ביזט ביי מיר — זאָגט ער — וועט זי זיין מיט דיר, איר באַקומט אַ שריפטלעכע באַוויליגונג אויף אַ מאָנאַט. אָבער דער לאַנדסקאָמיסאַר דערלויבט דיר נישט מער צו וווינען ביי זיך, און ער וויל אַז דיין פרוי זאָל קאָכן אין בלאָק ווו די איבעריקע יידן זענען.

איך האָב דעריבער דעם גאָספּאָדאַרזש געבעטן, מיין פרוי ביינאַכט צו מיר אין שטאַל צו ברענגען. מיר האָבן געוווינט ביי די צווידערערס, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ באַוויליגונג אַלס לאַנדווירטן, אָבער מייסטנס זענען מיר געווען אין שטאַל. קאָכן פאַר די איבערגעבליבענע יידן האָט זי לאַנג נישט געדאַרפט, ווייל באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע כאַפּענישן. איך האָב געזען און געפילט, אַז פאַר מיר איז דאָס אפשר דער לעצטער חודש. מען וויל נאָר נאָך דעם ייד אויסנוצן. זיין יידישן פורמאַן שפּיגעל האָט דער לאַנדסקאָמיסאַר אַליין איבערגעגעבן די מערדער, אויך זיין יידישן אָרדאָנאַנץ און צוטראָגער (ליידער לעבן זיי נאָך היינט ביידע, דער לאַנדסקאָמיסאַר און דער צוטראָגער) און עס איז געקומען אַ נייער פורמאַן, אַן אוקראַינער און אַ שלעכטער דערצו; ער האָט געוואָרט איך זאָל טון די אַרבעט פאַר זיך און פאַר אים, און ער איז אומגעגאַנגען רויבן פון די אָפענע הייזער. איך בין שוין נישט מער אַרומגעפאָרן מיט די „הערן", נאָר מיט אַ לאַסט־וואָגן, האָב דאָס בעסערע מעבל פון די יידישע ליי־

דיקע הייזער צונויפגעפירט, און כמעט יעדן טאָג געפירט שטיינער צו די שטראָזן. אַרבעטנדיק אַזוי שווער 18 שעה אין טאָג אָן אַ אָפּרו, אין יסורים, אין שרעק און פאַרצווייפלונג, האָב איך זיך שוין קוים אויף די פיס אַרומגעשלעפט. עפעס אָפצוקלערן, עפעס אַ פלאַן צו מאַכן, וואָס מען טוט, וווהין מען אַנטלויפט, צו וועמען מען גייט זיך באַהאַלטן, האָבן מיר אין משך פון גאַנצן חודש נישט באַוויזן.

אונדזער גאָספאָדאַרזש האָט זיינע יידן קיין טלוסטע אָפּגעפירט, נאָר דער לעצטער טור איז אים נישט געלונגען. ביים דניעסטער אין אַ וואַלד האָבן מיליציאַנטן און אוקראַאינישע שקצים באַרויבט די יידן, אָנגעשלאָגן זיי און צופוס האַלב נאַקעט אַריבערגעטריבן. אויף דעם בעל־הבית האָט מען אָנגעשלאָגן און אַהיים געטריבן. אַזוי האָט דער פלאַן, מיר זאָלן אויך אַריבער דעם דניעסטער, געמוזט אויפגעגעבן ווערן. אַ טייל באַהאַלטענע מענטשן, און די וואָס האָבן נאָך געמעגט פריי אַרומגיין, האָבן געפרוווט די גרענעץ קיין רומעניען צו שמוגלען. אַ סך האָט מען אויף דער גרענעץ געכאַפט, און אַ טייל האָט מען שוין פון טשערנאָוויץ צוריק אַריבערגעשטעלט. איך האָב פאַר מיין פרוי, פאַר די לעצטע פאַר הונדערט זלאָטעס וואָס האָב נאָך פאַרמאָגט, קריסטלעכע פאַפירן אויסגעאַרבעט: אַ רוסישן פאַס, אַ פוילישן „דאָוווד אָסאָביסטי" מיט געשטעמפּלטע פאָטאָגראַפיעס, און אַפילו אַן אויסמעלדצעטל פון דער געמיינדע, זי זאָל פאָרן קיין לעמבערג, וואַרשע, אָדער אַפילו קיין דייטשלאַנד. זי האָט אָבער אַלץ אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן צווייטן נישט וועלנדיק מיך און דאָס קינד איבערלאָזן. איין מאָל אויף דער נאַכט האָט מיך גערופן צו זיך דער קרייז־לאַנדווירט; דאָרט איז געזעסן זיין סעקרעטאַרין זשעניאַ, אָבער נישט פריילעך און לאַכנדיק ווי תמיד. איך האָב באַלד דערקענט אַז עפעס איז נייעס. ער האָט אָנגעגאָסן דריי גלעזלעך בראָנפן. „טרינק — זאָגט ער — און הער אויס. נאָך אַכט טעג מעג און קען איך דיך האַלטן. אויב דו האָסט ווו — באַהאַלט דיך. נאָר געטרוי נישט קיין אוקראַאינער. אַז איך וועל פונעם אורלויב קומען, און דיך נאָך מעגן האַלטן — וועל איך עס טון". ער האָט מיר געגעבן גאַנצע 20 זלאָטעס פאַר דער גאַנצער צייט פון זיבן חדשים שווערע אַרבעט (איך האָב פאַר זיי געקאָנט קויפן אפשר 30 ציגאַרעטן...) און איז אַרויסגעגאַנגען אין צווייטן צימער. די סעקרעטאַרין האָט מיר דערנאָך געזאָגט, אַז זי האָט אים געטראָפן אין צווייטן צימער וויינען.

מיט וואָס פאַר אַ געמיט איך בין פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען און וואָס פאַר אַן איינדרוק די בשורה האָט אויף מיין פרוי געמאַכט, איז נישט צו באַשרייבן. מיר האָבן ביידע אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, נאָר פאַרשידענע נישט־זיכערע פלענער געמאַכט. עס איז געבליבן באין ברירה, אַז שוין מאָרגן מוז מיין פרוי פאָרן זיך באַהאַלטן טאַקע ביי אונדזער גאָספאָדאַזש, אויב ער וועט וועלן, און איך וועל זיך נאָך דאָ דרייען, און נאָך די אַכט טעג וועל איך זיך באַהאַלטן ביי באַקאַנטע אין שטאָט, און אפשר אַזוי אָפוואַרטן ביז דער קרייז־לאַנדווירט וועט צוריקקומען פון זיין 20־טעגיקן אורלויב.

ז

אונדזער רעטער איז במשך דעם לעצטן חודש כמעט יעדן טאָג געקומען צופאָרן און אַ סך מאָל געשפאַנט צו פוס די 26 ק"מ, טאָמער דאַרפן מיר אים אויף גיך האָבן. קומענדיק דעם אַנדערן טאָג, און הערנדיק מיין פלאַן, אַז מיין פרוי מוז נאָך היינט אויף דער נאַכט צו אים אַריבערפאָרן, אויב ער וועט וועלן קומען נאָך איר מיט דער פור און נעמען זי אויף צו באַהאַלטן, האָט ער זיך פשוט דערפרייט. ער האָט געמיינט אַז מיר האָבן אויך מורא צו זיי צו גיין, ווי יענע יידן וואָס ער האָט פאַרבעטן צו זיך, ווייל זיין פאַמיליע האָט געהאַט אַ שם פון גנבים און מערדער. „איך וועל — זאָגט ער — דערווייל אויסגראָבן אַ גרוב פאַר אייך ביידע, ווייל איך ווייס איצט, אַז דו וועסט אויך קומען". דער גוטער פראָסטער פויער, האָט נישט געפרעגט, וואָס גיסטו פאַרן באַהאַלטן, און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג, נאָר ער האָט זיך געפרייט וואָס ער קען העלפן און מען גלויבט אים.

נאָך די זעלבע נאַכט האָט ער מיין פרוי בשלום איבערגעפירט. נאָכדעם וואָס ער האָט דורכן טאָג געמאַכט אין אַ סטערטע היי אַ באַהעלטעניש. איך בין געבליבן איינער אַליין, אָן אַ פאַמיליע און אָן אַ היים, ציטערנדיק בייטאָג און ביינאַכט במשך די אַכט טעג, מען זאָל מיך נישט פאַרנאַרן. דערביי האָב איך זיך באַוואָרנט ביי פאַרשידענע גוט באַקאַנטע גויים, איך זאָל קענען אין אַ נויט פאַל זיך ביי זיי באַהאַלטן. אָבער איך האָב זיך שטאַרק אַנטוישט מיט אַלע מיינע גוטע פריינד, אוקראַאינער און פאָליאַקן. וועמען איך האָב פאָרגעשלאָגן — אַלע האָבן זיי אָפגעזאָגט מיט פאַרשידענע תירוצים, סיידן איך זאָל זיצן ערגעץ אין אַ פעלד אָדער אין אַ ליידיק פאַרברענט הויז אָדער אין אַ קעלער, זאָגן זיי מיר צו, פון צייט צו צייט עסן צו ברענגען.

דערווייל בין איך גאַנצע טעג אַרומגעפאָרן מיטן לאַנדסקאָמיסאַר, וואָס האָט מיך מיט אַמאָל שטאַרק ליב באַקומען, און האָט מיך אויסגעפרעגט, ווו איך וואוין און וואָס עס וועט מיר פעלן אויף ווינטער. אויפן זיבעטן טאָג, הייסט ער מיר, איך זאָל פאַרנאַכט פאָרן צו דער באַן נאָך קאַרטאָפל, און איך זאָל מיר אַהיים אויך צופירן אויפן ווינטער. מיין היים האָט שוין נישט עקזיסטירט, און איך האָב נישט באַדאַרפט קיין קאַרטאָפל. וואַרשיינלעך האָט ער געוואָלט נאָכשיקן די מיליץ, זיי זאָלן אונדז ביידע, מיך און מיין פרוי, אין דער היים פאַקן און צונעמען. בשעת איך האָב שוין געהאַלטן ביים אויסשפאַנען די פערד, איז געקומען צולויפן די דינסט, וועלכע האָט דאָרט געראַמט די קאַנצעלייען. „קוק — זאָגט זי — דער לאַנדס־קאָמיסאַר האָט נאָר וואָס געשיקט רופן דעם אַפטייקער פאַסמאַן; ביים לאַנדס־קאָמיסאַר האָט שוין געוואַרט אַ דייטשער זשאַנדאַרם, און צוזאַמען מיטן פאָרטיער בורטשאָווסקי פירן זיי אים איצט אין קוילן־קעלער פאַרשליסן". עס איז נאָך אַביסל ליכטיק געווען, האָב איך געזען ווי בורטשאָווסקי גייט פאָראויס מיט די שליסל, נאָך אים דער לאַנדסקאָמיסאַר פעטש, ליינענדיק, און הינטער זיי דער אָרעמער אַפטייקער, איינגעבויגן, בלאַס ווי די וואַנט, אין דעם ווייסן אַפטייקער־מאַנטל, הינטן דער זשאַנדאַרם מיטן רעוואָלווער

אין דער האַנט. איך האָב איבערגעלאָזט די פערד, אַריבער איבערן פּאַרקאַן געשפּרונגען און בין אַריין צום שאָפער סאַראַקאָווסקי.

שפּעטער איז די אויפגעוואַכטע פּאַראַסקאַ געקומען און דערציילט, אַז באַלד נאָכן פאַרשליסן דעם אַפּטייקער זענען זיי אַלע דריי נאָך מיר אין שטאַל אַריינגעקומען. זי האָט נאָך געהאַלטן אין אויסשפּאַנען די פערד און האָט זיי געענטפערט, אַז דער קאָפּ האָט מיר ווײ געטון און איך בין אַהיימגעגאַנגען.

פּאַרטאַג, זייגער פינף, זענען זיי שוין ווידער געקומען נאָך מיר. אָבער איך האָב פּאַראַסקאַן געבעטן, אויב דער גאָספּאָדאַזש קומט מאָרגן, זאָל זי נאָר אים און מער קיינעם נישט זאָגן ווו איך בין.

דער שאָפער האָט מיך אויפגענומען ווי אַ חשוב'ן גאַסט, אָבער דעם צווייטן טאָג איז אים שוין נמאס געוואָרן און ער האָט געראָטן אַז ביי זיין שוואָגער וועט זיין בעסער פאַר מיר און זיכערער. דער לאַנדס־קאָמיסאַר, האָט ער דערציילט, האָט אויף מיר היינט ווידער געפרעגט, ער קען אים אָנפּאַטשן, צודריקן ער זאָל מיך אויסגעבן, אָדער אַ רעוויזיע מאַכן, ווייל ער ווייסט אַז מיר האָבן גוט געלעבט.

ביי נאַכט בין איך אַריבער צו זיין שוואָגער. דער האָט קוים אַ וואָך אויסגעהאַלטן און האָט מיך אויף דער נאַכט ממש אַרויסגעטריבן. איך האָב זיך געבעטן, כאָטש נאָך איין טאָג צו בלייבן ביי אים, ווייל דער שאָפער האָט מיר צוגעזאָגט, מיין שוועסטער מיטן קינד פון קאָלאָמיי אַריבערצוברענגען, (דעם שוואָגער האָט מען די זעלבע וואָך צוגענומען, און זי האָט זיך ביי מיר געבעטן איך זאָל זי ראַטעווען). עס האָט אָבער נישט געהאָלפן, און איך האָב געזען אַז אויב איך גיי נישט באַלד, גייען זיי מיך מסר'ן. ווייל אַפילו ביז שפּעט ביי נאַכט צו בלייבן, ווען עס איז זיכערער אַרויסצוגיין, האָב איך זיך נישט געקאָנט איינבעטן צו בלייבן.

די אַכט טעג פלעגט יעדן טאָג קומען אונדזער רעטער, ברענגען מילך, קעז און פּוטער, טאָרבעס מעל און גרויסן פון מיינע נאָענטע. יעדן טאָג פלעג איך דורך אים שיקן צוגעגרייטע בריוו צו באַקאַנטע קריסטן אין שטאָט, אַז איך בין אויף יענער זייט דניעסטער און בעט זיי זאָלן מיך צונעמען און אויף אַ צייט באַהאַלטן.

פון איינעם מיקא, וואָס איז מיר פון אַמאָל אַ דאַנק שולדיק געווען, האָט ער מיר געבראַכט אַן ענטפער איך זאָל קומען. פאַרצווייפלט און מיט גרויס שרעק בין איך געגאַנגען מיט די הינטערגעסלעך, אַלע מאָל באַהאַלטנדיק זיך ווען עמעצער איז דורכגעגאַנגען און בין צו מיקאַן גליקלעך אָנגעקומען. ער האָט מיך באַלד אַרויפגעפירט אויפן בוידעם, ווייל אַ וואַשפרוי האָט ביי אים געאַרבעט. ביטער קאַלט איז מיר געווען, אָבער וואַרעם אויף דער נשמה, און מיט האָפענונג, ווייל מיינע נייע באַהאַלטער האָבן מיר געזאָגט אַז איך וועל ביי זיי קענען זיין וויפל איך וועל וועלן. זיי האָבן באמת פאַר מיר זייער אַ סך געטאָן, גוט אַכטונג־געגעבן, ווייל דאָס איז געווען אין מיטן שטאָט, גוט געשפּייזט און געטרייסט, אָבער נישט לאַנג האָט עס געדויערט. די צווייטע וואָך איז שוין

אַלעס שוואַכער געווען, און אויף דער דריטער וואָך האָב איך געמוזט גיין.

במשך פון דער צייט האָב איך דורך אַ בריוו דער שוועסטער צוּוויסן געגעבן, ווי אַזוי מען קען איר העלפן, ווי אַזוי עס שטייט מיט מיר, און מער־ווייניקער מיט סימנים באַצייכנט ווו איך בין. מיין גוטער קרייז־לאַנדווירט איז דערווייל פונעם אורלויב געקומען. די פאַמיליע קויפמאַן, דער דענטיסט, איז נאָך אין שטאָט פריי געווען, זייענדיק נאָך אַ ביסל זיכער, ווייל ער האָט געהאַט דעם לאַנדס־קאָמיסאַרס ציין ביי זיך אין רעפּאַראַטור. מיר האָבן זיך אַ פּאָר מאָל ביינאַכט געטראָפן. איך האָב זיי געבעטן געוואָר ווערן, וואָס דער קרייז־לאַנדווירט זאָגט וועגן מיר. קיין ענטפער, דאַכט זיך, האָב איך שוין נישט באַקומען. נאָכן אָפּגעבן די ציין זענען די קויפמאַנס באַלד אַנטלאָפן, און באַהאַלטן זיך אין אַ דאָרף ביי זייער געוועזענער דינסט. זיי האָבן זיך אויך גליקלעך איבערגעמוטשעט און זענען דערנאָך געקומען קיין ארץ־ישראל. עס איז געווען אַן אונזין צו גלויבן אַז מיך, אַלס פורמאַן, וועט מען נאָך האַלטן, ווען מען האָט דעם לעצטן יידישן דאָקטאָר און דענטיסט שוין נישט געדאַרפט.

ח

דאָס איינציקע לעצטע באַהעלטעניש, וווהין איך האָב נאָך געקענט גיין, איז געווען צו אונדזער גוטן גאָספּאָדאַזש, צו מיין ווייב און קינד. מסתם איז אונדזער גורל געווען אינאיינעם צו שטאַרבן אָדער אינאיינעם זיך צו ראַטעווען. ביינאַכט, איבערגעטאָן אַלס נישט־ייד, בין איך געפאָרן אַליין דורך אַ האַלבער שטאָט מיטן וואָגן (דער בעל־הבית האָט מורא געהאַט מען זאָל אונדז נישט כאַפּןביידע, ווייל אין דעם פאַל וואָלטן מיר אַלע ביי אים אין דער היים געווען פאַרלוירענע) און האָב מיך דורכגעגנבעט ווי דער ערגסטער פאַרברעכער מיט הינטערגעסלעך און דורך פעלדער, כדי אויסצומיידן דאָס שלעכט געוואָרענע, כמעט בלויז פון פּאָליאַקן באַוווינטע דאָרף לישקאָוו. נאָך דריי שעה פאָרן האָב איך זיך צוגעשלאָגן צו אונדזערע רעטער. אויסער מיין זונדעלע זענען זיי אַלע נישט געשלאָפן, נאָר געוואַרט און גאָט געבעטן מיר זאָלן שוין אָנקומען. ווייט אין פעלד האָט אונדז דער זון פונעם גאָספּאָדאַזש אָפּגעוואַרט, איך זאָל גיין מיט אים צופוס דורך די פעלדער, כדי שכנים זאָלן נישט דערזען ווי מיר גייען. אין אַ לאָך פון אַ סטויג היי בין איך מיט מיין פרוי די נאַכט און אַ גאַנצן טאָג איבערגעזעסן, און קוים דערצויגן ביז עס איז פינצטער געוואָרן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז נאָך די נאַכט מוזן מיר אַ גרוב פאַר אונדז אויסגראָבן; ערשטנס איז אין דעם היי אוממעגלעך געווען צו זיין, און צווייטנס איז געווען זייער לייכט אונדז צו געפינען ביי אַ רעוויזיע.

עס איז קיין ברירה נישט געווען. מיר דריי, איך, דער בעל־הבית און זיין זון, האָבן אַ גאַנצע נאַכט געגראָבן און דאָס פערד האָט די ערד אַוועקגעשלעפּט, אָבער קוים אַ העלפט האָבן מיר אויסגעגראָבן. ווידער אַ טאָג אין היי זיך איבערגעמוטשעט און זייער נישט זיכער געווען, ווייל מען האָט אין דער צייט שטאַרק געכאַפּט אַרבעטער קיין דייטשלאַנד. צו

אונדזער גליק איז גאַנץ פרי אַ שניי אויסגעפאַלן און האָט די פרישע ערד און די שפּורן פונם פירן גאַנץ צוגעדעקט. דער בעל־הבית האָט געוואָלט כאָטש איין נאַכט איבערוואַרטן; ערשטנס האָט געשטערט דער פרישער שניי, און צווייטנס, אַזוי ווי זיי זענען בייטאָג געשלאָפן, האָבן זיי געוואָלט ביינאַכט אונדז אין דרויסן היטן און מיר זאָלן אין שטוב כאָטש אַ פּאָר שעה דורכשלאָפן. אָבער עס איז נישט מעגלעך געווען. אין אַ שכנותדיק דאָרף איז אַ חזיר פאַרפאַלן געוואָרן, און ס'האָט געהייסן אַז אונדזער בעל־הבית'עס ברודער האָט אים געגנב'עט. עס איז געווען זיכער אַז מאָרגן וועט מען קומען זוכן, ווייל ביינאַכט וועלן די מיליציאַנטן פונם דאָרף נישט וואַגן צו קומען. מען האָט געמוזט ווייטער גראָבן און ביז עס ווערט ליכטיק געמוזט פאַרטיק ווערן און שוין זיין אין גרוב, ווייל אין היי איז נישט געווען זיכער. „נישט איין רעוויזיע — זאָגט דער בעל־הבית האָט מען שוין ביי אונדז געמאַכט, און מיר ווייסן ווי אַזוי זיי זוכן".

מיר האָבן געגראָבן די גאַנצע נאַכט פאַר צען מענטשן, אָבער נישט דערגראָבן אַזוי טיף ווי די ברעטלעך און סלופּעקלעך זענען צוגעשניטן געוואָרן, אַז מיר זאָלן כאָטש קענען שטיין אין גרוב. גראָבענדיק דאָס האַרטע נאַסע ליים זענען מיר צוגעקומען צו וואַסער. פיר אַזייגער פאַרטאָג, דעם 15־טן דעצעמבער 1942, זענען מיר שוין געווען אין גרוב, אין דער ערד באַגראָבן, און איבער אונדז האָבן מיר נאָך געהערט ווי מען קלאַפּט און פאַרשיט די ערד. אַזוי קלוג און ראַפינירט, ווי דער בעסטער גנב, האָבן זיי עס געמאַכט, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו דערקענען, אָדער אַפילו זוכנדיק צו געפינען.

די גרוב איז געווען אין שטוב, און איז דערנאָך אויף שטענדיק מיט אַ בריק פאַרשלאָגן געוואָרן, און אויף דעם אָרט איז אַ קיך צום קאָכן אויפגעשטעלט געוואָרן. דער אַרויסגאַנג איז געווען אַ גאַנץ קליינע און שמאָלע עפענונג ביי דער וואַנט אינדרויסן, וועלכע איז אין משך דעם גאַנצן ווינטער מיט שטרוי און זומער מיט טאָרף פאַרשטעלט געוואָרן. יעדע נאַכט איז דער אַרויסגאַנג אויפגעדעקט געוואָרן, מיר זאָלן כאָטש ביינאַכט אַביסל אויף דער פרייער לופט אַרויסגיין אויסגלייכן די ביינער, די באַדערפענישן פון אַ לעבעדיקן מענטש ערליידיקן, עפּיס וואַרעמס עסן, און פאַרטאָג מיט אַ פלעשל מילך, ברויט און וואַסער, צוריק אַראָפּגיין, צוריק פאַרשטעקט און פאַרמויערט ווערן, מען זאָל חלילה גאָרנישט דערקענען, און 16—18 שעה זיך צוריק דושען אין געשטאַנק און אין פינצטערניש. די ערשטע פּאָר טעג זענען מיר געווען גליקלעך וואָס מיר זענען שוין אינאיינעם, און איבער אונדז — אונדזער טייער ייִנגעלע. זייענדיק מיד פון אַזוי פיל שרעק, פון נישט שלאָפן און פלאָגן זיך, זייענדיק צעבראָכן און שוואַך, האָבן מיר איצט געהאַלטן אין איין שלאָפן גאַנצע טעג.

אָבער נאָך אַ צייט האָבן מיך אָנגעהויבן פּלאָגן די געדאַנקען און שרעקלעכע חלומות וועגן מיינע קרובים, וואָס האָבן נאָך אַלע געלעבט אין שטאָט, צעוואָרפן און באַהאַלטן. ביז צו מיין פאַרגראָבן זיך האָב איך, ווי ס'זאָל נישט זיין, באַוויזן אויך פאַר זיי צו זאָרגן. אויך דער גאָספּאָדאַזש, וואָס פלעגט זיי אַרויסהעלפן, האָט איצט מורא געהאַט זיך פון שטוב אַרויסצורירן, מען זאָל אים נישט כאַפּן און אַוועקפירן — און אָן אים וואָלטן מיר אַלע געווען פאַרלוירן. מיר האָבן מיט דער צייט אויך אָנגעהויבן צו ליידן פון ציינווייטיק און פון ווייטיק אין די גלידער, שוין אָפּגערעדט פון די לייז און פון דעם שלעכטן גערוך, אין וועלכן מיר האָבן אָפטמאָל געמוזט זיצן.

ט

אונדזער לאַגע איז וואָס אַמאָל ערגער געוואָרן. אָבער נישט נאָר אונדז, אויך אונדזערע רעטער איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שווערער אויפן האַרץ. זיי האָבן זיך אָפּגעקילט, מיד געוואָרן פון לעבן אין טויט־שרעק טאָג און נאַכט. דערצו האָבן זיי אַ שוואָגער געהאַט, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיי געוואוינט און געוואוסט פונם קינד. טאָג און נאַכט האָט ער זיי געשראָקן און געמוסרט, זיי זאָלן דאָס קינד נישט האַלטן, ווייל אַלע זעקס פאַמיליעס זענען אין סכנה; זאָלן זיי טון דאָס זעלבע וואָס אַנדערע פויערן טוען מיט באַהאַלטענע ייִדישע קינדער — אָפּפירן עס אין שטאָט און אַוועקוואַרפן, אָדער דערהרגענען און באַגראָבן. נאָך אַזעלכע רייד פלעגן מיר אָפּפילן אַז די בעל־הבית'טע און דער זון גייען אַרום ברוגז, מוטלאָז, און טראָגן זיך אַרום מיטן געדאַנק: ווי ווערט מען פּטור פון די ייִדן. איך פלעג זיי איבעררעדן, צוזאָגן גאָלדענע בערג, אַז מיינע ברידער אין אַמעריקע וועלן זיי העלפן און רייך מאַכן. דער גוטער בעל־הבית פלעגט מיר אַלעמאָל צוהאַלטן — און דאַן איז ווידער אויף אַ פּאָר טעג שטיל געוואָרן.

די ערגסטע טעג זענען פאַר אונדז געווען ווען דער בעל־הבית איז אין דער היים נישט געווען. מיר האָבן זיך נישט זיכער געפילט אין גרוב, ווייל מען האָט דאָך געדאַרפט אַלע מאָל אַ קוק טון, צי איז דער צוגאַנג צום גרוב גוט פאַרדעקט געוואָרן. און נאָך ערגער איז געווען מיטן קינד, ווייל זיי האָבן ווייניק געדולד געהאַט נאָכצוקוקן אויב עס לויפט נישט אַרויס וואו מען דאַרף נישט. ספּעציעל האָט איין שוועגערן שטאַרק געוואָלט אַ קוק טון, צי דאָס איז אַ ייִדיש קינד. זי איז מיט זיי ברוגז געווען און האָט געזוכט אויף זיי חטאים. מלאכים זענען זיי געווען, אַז עס איז זיי געלונגען כמעט צוויי יאָר נאָכצוקריכן דעם קינד, זי זאָל עס נישט אָנטרעפן אַליין און די גוט פאַרנייטע הייזעלעך אַראָפּציען. אָבער אין מערץ 1943, ווען דער בעל־הבית איז נישט געווען אינדערהיים און דער שוואָגער האָט זיי אַ גאַנצן טאָג געמוסרט איז ביי זיי אויסגעוואָקסן אַ פּלאַן וואָס מיט דעם קינד צו טון. ביים אַריינקומען צו זיי אין אָונט האָב איך באַלד באַמערקט אַז אַלע זענען ערנסט און ברוגז. זיי האָבן מיר דערקלערט אַז זיי האָבן דאָס קינד צו שטאַרק ליב, זיי זאָלן עס די מערדער איבערגעבן, אָדער איך ווייס־נישט־וואָס טון דערמיט, אָבער האַלטן עס קענען זי־מער נישט, דער שוואָגער שרייט און דראָט, דאָס קינד איז וואָס אַ מאָל עלטער און דרייסטער, פאָלגט נישט און וויל נישט וויסן וואָס אים און אונדז אַלע דראָט. ער וויל דווקא יעדן ווייזן וואָס ער האָט, און אַז ער קען מאַכן העכער פון אַנדערע קינדער. די מאַמע און די שוועסטער מיינע זענען אין טלוסטע.

פאַרוואָס זאָלן זיי זיך מיטן קינד נישט מוטשען? דאָס ריכטיקסטע איז דערפאַר, צו שיקן דאָס קינד צו זיי. מיר האָבן געוואוסט, אַז אויב מיר שיקן דאָס קינד אַוועק איז עס פאַרלוירן, און עס איז מיר ליבער געווען עס זאָל שוין די נאַכט דאָ שטאַרבן, איידער עס לאָזן די מערדער אין די הענט אַרייַנפאַלן. ווייל עס האָט זיך געלאָזט הערן, דאָס אונדזערע מערדער פון דער זייט דניעסטער זענען אַוועק אויף דער צווייטער זייט צו העלפן יענע מערדער די יידן ליקווידירן. דער ווייטיק און די פאַרצווייפלונג זענען געווען גרויס, קיין ברירה איז אָבער נישט געווען. נאָר מיט גוטן האָב איך צומאָל געקאָנט עפּעס אויספירן. איך האָב דערפאַר צוגעשטימט צום פּלאַן, און געבעטן דעם בעל־הבית ער זאָל קודם פאָרן אַליין און צופירן אַביסל שפּייז צו מיין משפחה, און דערביי וועט ער זען ווי דער וועג איז און וואו מיין משפחה געפינט זיך. איך האָב אַליין אויך געוואָלט באַקומען אַ ידיעה פון מיין משפחה, און געטראַכט אַז עס וועט אפשר מעגלעך זיין, מיר זאָלן אויך אַהין אַריבערקומען. איך בין געווען גרייט אין די ערגסטע באַדינגונגען צו לעבן — אַבי פונעם גרוב אַרויסצוקומען.

ער איז אַוועקגעפאָרן, אָנגעלאָדן מיט אַלעם גוטן, און טראָץ דער זאָרג, וואָס עס וועט ווייטער מיט אונדז זיין, האָב איך זיך שטאַרק געפרייט. נאָך צוויי טעג איז ער צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. דאָס אייז אויפן דניעסטער האָט אָפּגעריסן די בריקן און מען האָט נישט געקאָנט אַריבער.

זייענדיק אין שטאַל ביינאַכט מיט אונדז אַליין, האָט ער אונדז געטרייסט, געזאָגט אַז ער וועט דאָס קינד קיינעם אין דער וועלט נישט אַוועקגעבן, נאָר אונדז; מיר אַלע מוזן דורכלעבן, און ער וויל וויַזן זייַנע אייגענע און דער וועלט, אַז ווען מען וויל — קאָן מען.

מיין גליק און מיין דאַנקבאַרקייט צו דעם ליבן, טייערן טרייסטער קען זיך קיינער נישט פאָרשטעלן. מיר ביידע, מיין פרוי און איך, האָבן געוויינט פאַר פרייד, וואָס אונדז איז באַשערט אַזאַ גוטן מענטש אין דער גרויסער נויט צו האָבן. מיר האָבן אים געדאַנקט און געקושט, און ער האָט מיטגעוויינט ווי אַ גוטער טאַטע, און אונדז באַרואיקט. אין שטוב האָט ער אויך זיין משפחה איבערגעאַרבעט, און זיי זענען בעסער און פרייַלעכער געוואָרן, צוגעזאָגט בעסער דאָס קינד צו היטן, נאָר מיר זאָלן זיך נישט ערגערן. ווייל מיר זענען אין די דריי טעג מיט צען יאָר עלטער געוואָרן. מיין פרוי האָט אַ נדר געטאָן און האָט אַ גאַנץ יאָר, ביז צו דער באַפרייאונג געפאַסט צוויי מאָל אין דער וואָך.

דאָס קינד האָט געוואָקסן, איז אַרומגעגאַנגען שמוציק, אָפּגעריסן און באָרוועס, אַפילו ווינטער אין שניי, איז אָבער געווען זייער שיין און קלוג. אַפילו די דייטשע מערדער פלעגן עס אויף די הענט אַרומטראָגן און אים געלט געבן. די פויערן פלעגן רחמנות האָבן, וואָס די מאַמע איז ערגעץ אין רוסלאַנד און דאָס קינד איז אַזוי אָרעם. זיי פלעגן זאָגן: טאַקי מודרי, יאַק זשידיבסקי (אַזוי קלוג ווי אַ יידיש קינד).

י

די צוויי בעטלערס וואָס האָבן נאָך געוואוינט אין מיין הויז, די וואָס ביי זיי האָט מען אונדזער טעכטערל געהרגעט, האָבן נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן און זענען אַרויסגעגאַנגען בעטלען אין דער סביבה, און פאַרגאַנגען די 12 קילאָמעטער ביז צו אונדזער רעטער, אין חודש יולי 1943. זיי האָבן באַלד דערקענט דאָס קינד.

אין אָוונט האָבן אונדזערע באַשיצער אונדז דערציילט די בשורה, אַלע דריי פאַרווינט, בלאַס, און דערשראָקן, זייענדיק זיכער, אַז מיר אַלע זענען איצט פאַרלוירן, ווייל די בעטלערס וועלן עס געוויס אַלעמען דערציילן. די בעל־הביתטע האָט דערציילט, אַז די בעטלערס, ער מיט איר, האָבן גאָרנישט געזאָגט, נאָר זיך אָנגעקוקט, געשמייכלט, גענומען דאָס אויסגעבעטלטע, און אַוועק. דער בעל־הביתטעס אַ ברודער האָט זיך מיט איר געקריגט, פאַרוואָס זי האָט זיי אַוועקגעלאָזט און אים נישט געזאָגט. ער וואָלט זיי געווען מיט אַ דרענגל איבערן קאָפּ (דרוטשקאָם פּאָ האָלאָווי) דערהרגעט און באַגראָבן, און קיינער וואָלט גאָרניט געוואוסט. אויך דער בעל־הבית, ווען ער איז אויפדערנאַכט פונעם פעלד געקומען, האָט זיך מיט איר געקריגט, פאַרוואָס זי האָט זיי נישט אויפגעהאַלטן ביז ביינאַכט, ער וואָלט זיי געווען דערהרגעט און באַגראָבן, און קיין פויגל וואָלט נישט געווען געוואוסט.

מען האָט אָנגעהויבן מאַכן פאַרשידענע פּלענער, ווי מען זאָל דאָס קינד ערגעץ אַוועקפירן און באַהאַלטן, און דאַן אָנווייזן אַז די בעטלערס זענען שפּיאָנען, כדי מען זאָל זיי אַרעסטירן און זיי זאָלן נישט קענען אַרומגיין פריי און דערציילן. דאָס אַלץ איז מיר זייער נישט געפעלן, ווייל מיר וואָלטן געוויס אין אַ גרויסער סכנה געווען. איך האָב געראָטן דעם בעל־הבית, ער זאָל באַלד אַריבערפאָרן צו די בעטלערס אַהיים, און זיי צוזאָגן אַ טייל פון מיין פאַרמעגן, צוזאָגן זיי צו שפּייזן און פאַר זיי צו זאָרגן — אַבי זיי זאָלן קיינעם נישט דערציילן.

דער גוטער און געדולדיקער בעל־הבית האָט מיך געפאָלגט און איז באַלד אַוועקגעפאָרן, דאַכט זיך מיטן געדאַנק, אַז אויב ס'וועט נישט גיין מיט גוטן — וועט ער זיי „מאַכן די זאַך".

די בעטלערס האָבן זיך מיטן פאָרשלאַג שטאַרק דערפרייט און צוגעזאָגט קיינעם נישט דערציילן. דער בעל־הבית איז אַהיימגעקומען אַ צופרידענער, און האָט פון דעמאָלט אָן יעדע וואָך אַוועקגעפירט צו די בעטלערס פון אַלעם גוטן, זיי זאָלן האָבן אויף דער גאַנצער וואָך. אַפילו בראָנפן האָט ער אַליין געמאַכט פון געגנבעטע צוקער־ריבן און זיי געבראַכט.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז ווידער געשען אַן אומגליק, וואָס האָט אונדז געמאַכט אַ סך שרעק און זאָרג. די שוועגערן, וואָס איז געווען צעקריגט מיטן בעל־הבית, האָט ענדלעך געפּאַקט אונדזער קינד ווען עס איז געווען אַליין, און האָט זיך איבערצייגט אַז דאָס איז אַ יידיש קינד. זי האָט אָנגעהויבן צו סטראַשען, אַז זי וועט דאָס אָנווייזן, און ווידער זענען מיר אַלע זיכער געווען אַז מיר זענען פאַרלוירן. ווידער האָט מען אָנגעהויבן צו מאַכן איין פּלאַן נאָכן אַנדערן, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען, און מיר האָבן באַוויינט אונדזער קינד ווי עס וואָלט שוין, חלילה, נישט געלעבט.

דער מאַן פון דער שוועגערן, דער ברודער פון דער בעל־

הביתטע, איז אויך ברוגז געווען, און וואָלט זיכער זיין פרוי געהאָלפן אונדזער קינד אויסגעבן, אָבער דריי זאַכן האָבן אים אָפּגעהאַלטן: ערשטנס האָט ער דאָס קינד אַביסל ליב געהאַט; צווייטנס האָט ער אַליין מורא געהאַט פאַר די דייטשן און זיך אויסבאַהאַלטן, מען זאָל אים נישט נעמען צו דער אַרבעט קיין דייטשלאַנד. און דער עיקר — ער איז יענע נאַכט פון דער שטאָט מיט אַ סך נייעס געקומען: עס איז אויס מיט איטאַליע, און די רוסן דערנענטערן זיך. און אַז זיין ווייב האָט אים מיט פרייד דערציילט די בשורה וועגן דעם קינד, אַז זי האָט ענטדעקט אַז ס'איז אַ יידיש קינד, איז ער צו איר צו, האָט זי אָנגענומען מיט זיינע שטאַרקע הענט און געזאָגט: אויב די וועסט עמעצן אַ פּיפּס טון אַז דאָס קינד איז אַ יידיש קינד — וועל איך דיך דערוואַרגן, באַגראָבן און אַליין אין דער וועלט אַנטלויפן. דעם קינדס עלטערן — זאָגט ער — זענען אפשר גרויסע לייט אין ענגלאַנד אָדער אַמעריקע, די סאָוויעטן דערנענטערן זיך, און אַז זיי וועלן געוואָר ווערן — זענען מיר פאַרלוירן.

זי האָט געשוויגן. זי האָט געוואוסט, אַז איר מאַן וועט וואָרט האַלטן. אַרום עלף פאַרמיטאָג האָבן אונדזערע טייערע רעטער אונדז אַ קליין שטיינדעלע מיט אַ צעטעלע אַריינגע־וואָרפן: „די שוועגערן וועט שווייגן". דאָך איז אונדז נישט לייכטער געוואָרן, ביז מיר האָבן אין אָוונט געהערט די מעשה מיט דער דראָהונג פון איר מאַן. מיט איין מאָל פאַר צוויי היימישע שונאים אויפגעהערט מורא צו האָבן — און נישט געדאַרפט דאָס קינד פאַר זיי היטן. אויך פון דער בשורה, אַז די סאָוויעטן דערנענטערן זיך, איז אונדז אויפן האַרצן בעסער געוואָרן. אונדזערע רעטער האָבן זיך צו אונדז גענומען אויף ערנסט אונדז צו ראַטעווען, מיר זאָלן אויסהאַלטן, ווייל מיט אונדז, ספּעציעל מיט מיר, איז זייער שלעכט געווען. די נאָסע גרוב, אָן לופט, אָן ליכט און באַוועגונג, האָט אונדז קראַנק געמאַכט. נאָס און פאַרפוילט איז געווען כמעט אַלץ וואָס אויף אונדז. די האָר פון מיין פרוי זענען געווען ווייס־פאַרשימלט, דאָס ביסל שטרוי אונטער אונדז איז געווען נאָס און פאַרפוילט. דאָס האַרץ האָט נישט נאָכגעזאָגט. די ביינער האָבן געבראָכן. מיר האָבן געליטן פון שרעקלעכן ציינווייטיק, און געברענט די ציין מיט ברענספּירט, ביז זיי זענען גאַנץ אויסגעקרישלט געוואָרן. די אויגן האָבן פון דער פינצטערניש און פון שמוץ ווי געטאָן. אין קאָפּ האָט טאָג און נאַכט געהאַמערט. מיר האָבן נישט געוואָלט און נישט געטאָרט אונדזערע רעטער ערגערן און אַ סך פאַרלאַנגען. און אַמשטאַרקסטן האָבן גע־ווירקט די צרות פונעם קינד און די שלעכטע בשורות; גענוי ווי זיי פלעגן אויף גיך אַלע דאַרפס־פּליאָטקעס אונדז דער־ציילן, אַזוי פלעגן זיי, ספּעציעל די באַלעבאָסטע, אונדז באַלד דערציילן אַלע שלעכטע בשורות.

יא

און געווען איז וואָס צו דערציילן, און זייער אַסך. עס איז נישט געווען איין טאָג, עס זאָל עפּעס נישט זיין. אַלעמאָל האָט מען געכאַפּט פון באַהעלטענישן אַנדערע יידן. מען האָט געכאַפּט די רייכע ראַזענבוימס, צוויי שוועסטער און אַ ברו־דער, וואָס אַ יאָר לאַנג האָט זיי אַ פּוילישע פאַמיליע אויסבאַ־האַלטן. די געכאַפּטע האָט מען שרעקלעך געשלאָגן און גע־מוטשעט, ביז מען האָט זיי דערהרגעט. דער פּאַליאַק איז פון דער היים אַנטלאָפן און זיין פאַמיליע האָט מען איינגעזעצט. מען האָט געכאַפּט די קוועטשערס מיט די קינדער, ווייל דעם בעקער איז אויפגעפאַלנד געווען נאָך וואָס דער פויער קויפט אַזויפיל ברויט. מען האָט געכאַפּט די אָרנשטיינס, דעם מאַן, די פרוי און צוויי קליינע יינגעלעך. אַלע פיר האָט מען מיט שטעכיקן דראָט אַרומגעבונדן אינאיינעם און דורך דער שטאָט אַרומגעפירט. אַ האַלבע שטאָט איז נאָכגעלאָפן, גע־פרייט זיך און געשפּיגן אויף זיי, און מיטגעמאַכט די פאַרשטע־לונג, ווי מען האָט זיי געשאָסן. דער שוואָגער פון אונדזער בעל־הבית האָט פון דער שטאָט פאַרשפּעטיקט צו קומען, ווייל ער האָט אויך די „שמחה" מיטגעמאַכט. די פאַמיליע הויזקנעכט פון האָראָדענקע זאָל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער טאָלט־קע ביי דער ערשטער אַקציע. די פרוי מיט די צוויי קינדער, אַ יינגל און אַ מיידל, זענען אַנטלאָפן און זיך אין פעלד באַהאַלטן. דעם מאַן האָט מען נאָך דריי טעג געפונען טויט אין אַ פאָס. נאָכדעם ווי זיי האָבן מיטגעמאַכט אַלע צרות און אַקציעס, איז זיי געלונגען אין יענער זייט דניעסטער צו אַנטלויפן. איינמאָל ביי אַן אַקציע האָט מען זיי געכאַפּט צוזאַמען מיט אַסך אַנדערע און אויסגעשאָסן. דער זון איז מיט נאָך אַנדערע אויסגעוויילט געוואָרן צו פאַרשאַרן די טויטע. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון צווישן די טויטע זיין מאַמע אַ פאַרוואונדעטע מיט אַ געבראָכענער האַנט, און די שוועסטער מיט אַדורכגעשאָסענעם פוס; שלעפּנדיק זיך אין די נעכט האָבן זיי זיך צוגעשלאָגן צו אַ וועלדל ביי יאַסיענאָוו (דוביני) און אַ פּאָר חדשים זיך דאָרט געמוטשעט, בייטאָג זיך באַהאַלטן און ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען בעטלען שפּייז. די היימישע מערדער האָבן דאָס אָנגעוואויר, האָט מען זיי אויף אַ פור גענומען, אָפּגעפירט אויפן הייליקן אָרט און דערשאָסן.

עס איז נישט געווען די וואָך, מיר זאָלן אַזעלכע נייעס נישט הערן. דאָס האָט אונדז געקאָסט אַסך געזונט און שרעק. די פּלאַקאַטן, מעלדונגען און צייטונגען און סתם פּליאָט־קעס, אַז ווער עס וועט אַ ייד באַהאַלטן ווערט צום טויט פאַראורטיילט און זיין פאַרמעגן צוגענומען, האָט אויף די פּויערן אַ שרעק אָנגעוואָרפן. עס זענען אַרומגעגאַנגען שמו־עות אַז אַלע אוקראַאינער אין פּוילן ווערן קיין רוסלאַנד געשיקט, און אַהער וועלן קומען פאַרוואונדעטע און אויסגע־צייכנטע דייטשן; דאַן איז געגאַנגען אַ סדרה מיט „קענ־קאַרטן", וואָס אַפילו קינדער האָבן געמוזט האָבן, כדי אויפּ־צווייזן אַז זיי זענען קריסטן. אויסער דעם האָט מען אַלעמאָל געמאַכט דורכזוכונגען. דרייצן מאָל זענען די מערדער ביי אונדז געווען. איינמאָל זענען זיי מיט לאַנגע דראָטן געקומען און דורכגעזוכט אומעטום, די ווענט באַטאַפּט, די פּאָדלאָגע, דעם בוידעם, דעם קעלער און די שטאַלן, די סטויגעס מיט שטרוי, און אַפילו אין גאָרטן די ערד געשטאָכן, צי פאַר־גראָבן זיך נישט דאָרט יידן. מיר האָבן דערפון געוואוסט, ווייל מיר האָבן מיט אונדזערע רעטער אָפּגערעדט, אַז אויב די מער־דער וועלן קומען, זאָלן זיי אונדז צעוויסן טון, אַנקלאַפּענדיק

אין דער פּאָדלאָגע דריי מאָל, און ביים אַוועקגיין — צוויי מאָל. מיר פלעגן זיך דעמאָלט אויף גיך שטיל אָנטון, פאַרלעשן דעם לאָמפּ, האַלטן זיך די בייכער פאַר קרעמפּן פון שרעק, און ציטערנדיק וואַרטן אויף די מערדער. מיר האָבן דעמאָלט גליק געהאַט און מען האָט אונדז נישט געפונען.

אין שכנות איז נאָך פאַרשטעקט געווען איצעלע, אַ ייִד פון טאָפּאָריוּוטשיק, וואָס פלעגט ביינאַכט קומען נאָך עסן צום בעל־הבית; ער איז געלעגן באַהאַלטן אין אַ הויפן היי. זיי האָבן אים, האָט ער געזאָגט מיט די דראָטן געשטאָכן, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און געשוויגן; אָט דער איצעלע פלעגט אַרומלויפן איבער די פעלדער ווי אַ משוגענער, שרייען הויך, שעלטן גאָט, וואָס האָט ביי אים זיין ווייב און קינדער צוגענומען, און ער מוטשעט זיך. די פויערן און פּאַסטעכער פלעגן אים נאָכלויפן, ווילן כאַפּן, אָבער קיינמאָל איז זיי דאָס נישט געלונגען. ער איז מייגסטנס אין פוקסנלעכער געזעסן, און ביינאַכט פלעגט ער קומען בעטן עסן, און צוזאָגן אַז פאַר אים וועט אַמעריקע באַצאָלן („זאַ מענע אַמעריקאַ זאַפּלאַטיט”). איך האָב אַמאָל ביינאַכט געהערט און געזען פון דעם באַהעלטעניש אין קאַמער, ווי אונדזער גוטער בעל־הבית איז אַריין צו זיין ווייב: „איצעלע איז דאָ, ער איז הונגעריק, גיב עסן”; זי האָט זיך באַקלאָגט, אַז זי האָט נישט וואָס צוגעבן. „גיב — זאָגט ער — די פּאָמעיעס (דאָס איבערבלייבעכץ) וואָס דו האָסט פאַר די חזירים, נאָר גיב”. און כאַפּענדיק דאָס לעצטע ברויט, אַ טאָפּ זויערמילך מיט אַנדערע שטיקלעך וואָס זענען אין שטוב געווען, האָט ער אים אַרויסגעטראָגן. אָט דער איצעלע לעבט ביז היינט, האָט איבערגעלעבט דעם גיהינום, האָט חתונה געהאַט און וואוינט אין טשערנאָוויץ.

אַזעלכע אָרעמע פויערן זענען אונדזערע רעטער געווען. דרייצן לעבעדיקע געראַטעוועטע ייִדן זענען היינט דאָ צעשפּרייט אויף דער וועלט וואָס דער גוי און זיין ווייב און זיין זון האָבן געהאָלפן ראַטעווען פון די מערדער און פון די היימישע אַנטיסעמיטן. אַז זיין ווייב האָט זיך געמיאוסט איצעלעס העמד צו וואַשן, ווייל עס האָט זיך דירעקט געהויבן פון די לייז, האָט ער אים זיין העמד אָדער דאָס לעצטע מיינס געגעבן. ער האָט געזאָרגט פאַר אים, געשוירן אים דעם קאָפּ און די באָרד, טראָצדעם וואָס ער האָט געוואוסט, אַז פון אים וועט ער קיינמאָל גאָרנישט באַקומען, און טראָצדעם וואָס אָט דער איצעלע האָט אים אַמאָל אָנגעקלאָגט אין געריכט פאַר אַ חוב אין געוועלבל.

יב

די לעצטע צייט פאַר דער באַפרייאונג, ווען מיר זענען געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט האָבן זיי אונדז ספּעציעל אָנגעהויבן צו האָדעווען און שטאָפּן. פאַר קליידער און זאַכן האָבן זיי האָניק געקויפט און לעקעכער געבאַקן, הינער־זופּן געקאָכט אייער און אויבסט געגעבן. ער איז געפאָרן צו דאָקטוירים און געבראַכט רעצעפּטן, זאָגענדיק זיי אַז דאָס איז פאַר זיין ווייב, וואָס איז קראַנק און ער קען זי נישט ברענגען. די גויים אָרום, ווויסנדיק פונעם קינד, האָבן דאָס אויסגענוצט, ביי זיי פאַרלאַנגט אַרבעט מיט די פערד, אָדער זאַכן פון דער שטוב, וואָס זיי האָבן נאָר געפילט אַז מען קען פון זיי באַקומען. די גאָספּאָדיניע, די באַלעבאָסטע פלעגט שרייען אויף אים און פרעגן „ווי לאַנג נאָך מוז איך זיין דער גוטער נאַר”, און ער פלעגט זי טרייסטן: „נאָך אַביסל, נאָך אַ קליין ביסל, אפשר צוויי וואָכן”. און אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן ביז צום 24־סטן מערץ 1944.

איך בין נישט אומשטאַנד צו שילדערן דעם טאָג פון דער באַפרייאונג. איך און די באַלעבאָסטע זענען ווי משוגע געווען פאַר פרייד און גליק. איך האָב געלאַכט און געוויינט, געצייטערט און געשוויצט. זי, די באַלעבאָסטע, איז ווי אַראָפּ פון זינען, איז אַרומגעלאָפן און זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. ער האָט זי באַרואיקט, זי זאָל זיך שטיל פאַרהאַלטן, ווייל איצט דאַרף מען אויפפּאַסן מער ווי אין אַ נאָרמאַלער צייט.

אַז מיר האָבן געהערט די שיסערייען שוין נאָענט, האָבן מיר זיך באַהאַלטן אויפן שטאַל־בוידעם. טאָמער, ווי מען האָט געזאָגט, ברענען די דייטשן די הייזער ביים אַנטלויפן, וואָלטן מיר אין גרוב דערשטיקט געוואָרן. גאַנצע מחנות פויערן האָבן זיך געצויגן, טראָגנדיק און פירענדיק פון דער צוקער־פאַבריק צוקער, און אַנדערע זאַכן פון די מאַגאַזינען וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט און נישט געשטערט אויסצוליידיקן. מיינע בעלי־בתים האָבן נעבעך אויך שטאַרק געוואָלט פאָרן און אויך אַ ביינדל אָפּלעקן, נאָר מיר האָבן זיי געשטערט. „ביין, האָט ער געזאָגט, מיר וועלן האָבן אַלץ, זאָלן זיי נאָר געזונט אַרויס אויף דער פריי”. זיי זענען אַפילו געווען גרייט, אויב עס קומען דייטשן, אַ קאַמף אויפצונעמען. פינף יונגע געזונטע מענער זענען דאָרט געווען, פיר פרויען און מיר, מישטיינס געזאָגט.

דער זון איז אַלעמאָל געגאַנגען צום וועג געוואָר ווערן וואָס ס׳הערט זיך, און ווען ער איז אַ נאָכמיטאָג פון דאָרט געקומען צעלויפן, האָבן מיר שוין געוואוסט אַז די ישועה איז דאָ. ער איז גלייך אַרויף אויפן בוידעם, און זיי נאָך אים, און קוים אַרויסגעזאָגט די בשורה, אַז די סאָוויעטן זענען אין שטאָט. אַלע דריי זענען צוגעפאַלן אונדז קושן, און אַלע האָבן מיר פאַר פרייד געוויינט. ער, דער גוטער בעל־הבית, איז געלאָפן אין שטאָט אַריין געוואָר ווערן. ער האָט געזען די סאָוויעטן און גערעדט מיט זיי, האָט געזען געפאַנגענע דייטשן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, באַוואַקסן און שמוציק — נאָר נישט געזען קיין ייִדן. ער האָט מיר אויך נישט געראַטן אין שטאָט צו פאָרן, אָבער מער ווי צוויי טעג האָב איך נישט אויסגעהאַלטן. ביינאַכט האָט ער מיך אָפּגעפירט צו די איינציקע גוטע פריינד וואו איך בין אין אָנפאַנג דריי וואָכן געווען. זיי, די איינציקע פינף גוטע פּאָליאַקן, האָבן די גאַנצע צייט געוואוסט וואו מיר זענען. זיי פלעגן זאַמלען צייטונגען און מיר שיקן, און טרייסטן און לויבן דעם בעל־הבית און געוועקט ביי אים האָפענונג.

יג.

יאָ, די פרייד איז זייער גרויס געווען. נאָר דער ווייטיק איז געווען נאָך גרעסער, דער טרויער נאָך מיינע געטרייע

שוועסטערס, מאַמע און שוויגער עלטערן, דער שמערץ נאָך די פריינד און גוטע באַקאַנטע; איך האָב כמעט די גאַנצע שטאָט יידן געקענט און מיט יעדן גוט געלעבט. און דעם ווייטיק צו זען די קאַלטקייט פון די סאָוויעטן צו אונדז. אַז עס האָט זיך געפונען אַ יידישער זעלנער, אַ ייד מיט אַ יידיש האַרץ, האָט ער מיטגעפילט, מיטגעוויינט, און אַז מען האָט אים אָנגעוויזן אויף די היימישע מערדער, האָט ער געזוכט די געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען, אויב ער האָט נאָר געקאָנט. אָבער חוץ די יידן זענען אַלע געווען קאַלטע, פּרעכע אַנטיסעמיטן, מיט דעם אונטערשיד, וואָס זיי האָבן נישט געהרגעט. אַ גוטער פריינער, הויכער אָפיציר, נישט קיין ייד, וואָס האָט מיר געהאָלפן אין געהיים צו שיקן מיט דער פעלד־לופט־פּאָסט די ערשטע בריוו צו מיינע ברידער קיין אַמעריקע דורך מאָסקווע, האָט מיר געראָטן איך זאָל אין אַ פרעמדער שטאָט, וואו קיינער קען מיר נישט, לעבן אַלס נישט־ייד. דאָס האָט זייער שטאַרק וויי געטאָן, און ווען נישט די האָפענונג, אַז מיר וועלן אויך פון זיי פּטור ווערן, וואָלט דאָס גאַנצע פּלאָגן זיך, פון אונדז און אונדזערע רעטער אַ שאָד געווען.

די ערשטע יידן וואָס איך האָב געטראָפן זענען געווען דער דענטיסט קאופמאַן מיט זיין פרוי און צוויי זין. איך האָב זיך אַזוי שטאַרק דערפרייט, הערנדיק אַז זיי לעבן און זענען דאָ, אַז איך בין געלאָפן צו זיי ביינאַכט, איינבעטענדיק אַ יידישן זעלנער מיך צו באַגלייטן, ווייל עס איז נאָך נישט זיכער געווען צו גיין. מיר האָבן זיך געקענט אַלע יאָרן, ליב געהאַט זיך, ווייל ביי די דייטשן האָבן זיי געהאָלפן, געגעבן, געראָטן און באַהאַלטן וועמען זיי האָבן נאָר געקאָנט. זיי האָבן געגנוג אָנגעבידעוועט זיך, אין קרימינאַל געזעסן, אָבער רעכטצייטיק צו זייער געוועזענער דינסט אַנטלאָפן און זיך אָפּגעראַטעוועט. איך האָב זיך געפרייט מיט זיי ווי מיט גוטע פריינד און סתם יידן.

ביסלעכווייז זענען פון די דערפער, פון די פעלדער און וועלדער און יענער זייט דניעסטער, געקומען נאָך צוואַנציק יידן, אַלע אָפּגעריסן, אויסגעדאַרט, שמוציק און דערשראָקן. צוויי פאַמיליעס פרישלינג איז כמעט אין מיטן שטאָט געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן.

מיר, די געציילטע איבערגעבליבענע, האָבן זיך שטאַרק געפרייט, אָבער נישט אויף לאַנג; אויף דעם פראָנט איז שלעכט געוואָרן, די רוסן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון הינטער סטאַניסלוי ביז 15 ק"מ הינטער אונדזער שטאָט. די דייטשן האָבן שטאַרק באָמבאַרדירט, דאָס ביסל יידן זענען כמעט אַלע קיין טשערנאָוויץ אַוועק. מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט צוריק צו אונדזער רעטער, אָבער אויך דאָרט, טראָץ דער באַפרייאונג, איז שוין אוממעגליך געווען צו בלייבן, אַפילו אין באַהעלטעניש. אוקראַאינישע באַוואָפנטע באַנדעס האָבן געהרגעט און געברענט סאָוויעטן, יידן און פּאָליאַקן. די נעכט זענען געווען אומזיכער. צוויי מאָל זענען מיר אַלע מיט דעם שלאָפנדיקן קינד ווייט אין פעלד אַוועק, ווייל מיר האָבן די באַנדעס רעכטצייטיק באַמערקט. כדי נישט דערהרגעט צו ווערן נאָך דער באַפרייאונג פון די באַנדעס, זענען מיר, איך מיט דער פרוי, אַוועק קיין סניאַטין, שוין נישט ווייט פון טשערנאָוויץ. אָבער אויך דאָרט איז נישט זיכער געווען. צוריקקומענדיק קיין האָראָדענקע, האָב איך געטראָפן אַן איין און איינציק יידיש יינגל, מיכאל היימאַן, וועלכן עס איז געלונגען אין שטאָט ביי אַ פּוילישער פאַמיליע זיך אויסצובאַהאַלטן. ער האָט געהאַט געשוואָלענע פיס פונעם ליגן באַהאַלטן. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיינע רעטער האָבן צוויי מאָל געמוזט די וואוינונג בייטן — האָבן זיי אים אין אַ שאַפע געטראָגן.

שפּעטער האָבן מיר אויך אונדזער קינד פון די רעטער אָפּגענומען. דאָס קינד האָט אַ צייט לאַנג טאָג און נאַכט געוויינט, געוואָלט אַהיים צו זיינע „טאַטע־מאַמע". זיי ווידער האָבן געוויינט און געבענקט נאָכן קינד, און פלעגן זיך נישט טאָרן ווייזן אַ צייט לאַנג, ביז דאָס קינד איז מיט אונדז געוואוינט געוואָרן. העלפן, געבן זיי, ווי עס קומט אַזעלכע געטרייע רעטער, האָב איך ליידער נישט געקאָנט. די דאַנקבאַרקייט פון אונדז צו זיי איז גרויס געווען, אָבער מער ווי אַרויסווייזן די דאַנקבאַרקייט מיט ווערטער האָבן מיר נישט געקענט. דאָס ערשטע וואָס איך האָב געקענט פאַר זיי טון איז געווען דאָס: נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַקענט מיט אַ יידישן הויכן אָפיציר, מיט אַסך מעדאַלן פון סטאַלינגראַד, האָט ער געפועלט ביי דער מיליטער־קאָמיסיע און באַפרייט פון גיין דינען מיך און דעם זון פון אונדזערע בעלי־בתים.

דעם פאָטער האָט מען צוגענומען, און ער האָט שטאַרק געוויינט נאָך אונדזער קינד, און אונדז אָנגעזאָגט מיר זאָלן אויף אים גוט אַכטונג געבן... ער האָט נישט לאַנג געדינט, און איז אויך פונעם מיליטער אַהיימגעקומען.

אויפן דאָרף איז וואָס אַמאָל געפערלעכער געוואָרן. מיר האָבן אָנגעהויבן צוצוריידן אונדזערע בעלי־בתים, זיי זאָלן אַלעס איבערלאָזן און מיטלויפן. זיי האָבן מיך געפאָלגט און רעכטצייטיק מיטגעלאָפן, ווייל אין אַ נאַכט אַרום איז אַ באַנדע אָנגעפאַלן. די אַנדערע יונגע פון דער משפחה זענען אַנטלאָפן, אָבער דער אַלטער, דער גוטער פאָטער פון מיין בעל־הבית, וואָס האָט אַזויפיל פאַר אונדזער קינד געטון, איז מיט אַלע געביידעס צוזאַמען לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן. איך האָב געהאַט פאַרזאָרגט פאַר אים אין שטאָט אַן אָרט אין אַ מושב־זקנים, האָט אָבער דער פאַמיליע נישט געפּאַסט אַז זייער טאַטע זאָל זיין אין אַ מושב־זקנים. מיר האָבן אַלע נאָך אים געוויינט. איך האָב פאַר אונדזערע רעטער באַזאָרגט אַ גוטע וואוינונג מיט שטאַלן. איך האָב געאַרבעט ביי די סאָוויעטן אין אַ מאַגאַזין, האָב איך דעם זון אַריינגענומען — און עס האָט זיי גאָרנישט געפעלט.

יד

אָבער בלייבן צווישן די היימישע מערדער, בלייבן דאָרט וואו אויף טריט און שריט איז מען ווייטער מיטן לעבן נישט זיכער געווען, בלייבן אַליין אָן אַלע טייערע אַרום, וואָס ליגן אין די מאַסנגריבער, אויף די פעלדער און אויף ערטער וואו מען באַגראָבט בהמות, פערד און הינט, בלייבן און זען נאָר די מצבות געפלאַסטערט אויף די טראָטואַרן, מיט די אויפשריפטן אַרויף — און בלייבן מיט די סאָוויעטן, וואָס האָבן

זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַנטיסעמיטן, וואָס האָלטן ווייטער אוקראַאינישע מיליציאַנטן, וועלכע האָבן ערשט נישט לאַנג געזוכט יידן, כדי זיי איבערצוגעבן די דייטשן — דאָס האָב איך נישט געוואָלט. איך האָב אויך נישט געוואָלט איבערלאָזן אונדזערע רעטער, ווייל סיי־ווי וואָלטן די סאָוויעטן זיי מיין פעלד נישט געגעבן. מיר זענען אַוועק, איבערלאָזנדיק אַלץ, קיין קראָקע. דאָרט האָבן מיר אַפּאָר וואָכן אינאיינעם, אין אַ לאַגער פון טויזנטער פליטים, געבידעוועט. איך האָב זיך אַרומגעוואַלגערט, אַרומגעקוקט זיך און צוגעזען אַנטיסעמי־טישע שטיקלעך.

פונעם לאַגער זענען מיר אַוועק קיין אָבערשלעזיען, און איך האָב אָנגעהויבן צו טון דאָס וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געטון: האַנדלען מיט וואָס נאָר מען האָט נישט געטאָרט. און געטאָרט האָט אַ ייד מיט גאָרנישט האַנדלען. זיי, אונדזערע רעטער האָבן באַקומען אַ ווירטשאַפט. מיר האָבן זיך געטרייסט מיט די גוטע בריוו פון מיינע ברידער אין אַמעריקע: נאָך אַביסל צומוטשען זיך, וועלן מיר זיין דאָרט ביי זיי, וואו עס וועט אונדז שוין תמיד גוט זיין. איך האָב שוין פאַרדינט, אָבער זיך, דער פרוי און דעם קינד גאָרנישט פאַרגינען, נאָר געזאָרגט פאַר זיי, פאַר אונדזערע רעטער: איך האָב פאַר זיי תבואה געקויפט, צוויי קי, אַ פערד, חזירים און עופות, אָבער אַלץ איז גאָרנישט אַקעגן דעם וואָס זיי האָבן זיך פאַרדינט און וואָס עס קומט זיי. וואָס איך האָב נאָר געהאַט, האָב איך זיי געגעבן.

אָבער דער סוף האָט געמוזט זיין — מיר האָבן אונדזערע געטרייע רעטער געמוזט איבערלאָזן. מיט דער הילף פון מיינע ברידער, און אַ דאַנק דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין שלעזיען, האָבן מיר באַקומען אַ וויזע קיין שוועדן, און אַלס אַ אַגראַקולטוריסט בין איך אויף אַ פאַרצוגסקוואָטע קיין אַמע־ריקע געקומען. איך זאָל געוועזן האָבן די ברירה, אַז אונדזערע רעטער אָדער מיר זאָלן פאָרן אין דעם גאָלדענעם לאַנד אַמעריקע — וואָלט איך געוועזן זיי געשיקט. זיי האָבן זיך פאַרדינט, זיי קומט דער כבוד; און זאָלן אונדזערע לאַנדסלייט יידן און נישט־יידן, זען און הערן, אַז ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט געקאָנט ראַטעווען. איך האָב זיי געשיקט הילף פון שוועדן, מיר שיקן זיי פון דאַנען, אָבער דאָס איז גאָרנישט. מיין פאַרלאַנג איז שטאַרק זיי דאָ צו האָבן, איך זאָל זיי איצט מיין גאַנץ לעבן באַדינען און אָפּדאַנקען. אונדזער זונדעלע זאָל זיי ווייטער טאַטע־מאַמע רופן, ווי ביז נישט לאַנג; ער זאָל געדענקען אַז די ריכטיקע טאַטע־מאַמע זענען זיי, וואָס האָבן אים פון אַ זיכערן טויט געראַטעוועט.

מיר זענען פריי, און עס איז אונדז דאָ גוט און וואַרעם און מיר זענען זיכער. און זיי איז איצט שלעכט. די קרובים, די הולטייעס, ברידער און שוועסטער, וואָס זענען זיך אַרום זיי צונויפגעפאָרן, פאַרגינען נישט וואָס אונדזערע רעטער באַקו־מען פון אונדז פון צייט צו צייט אַ פּעקל. אויסערדעם זענען זיי גרויסע אַנטיסעמיטן, און עס טוט זיי ווי פאַרוואָס יידן האָבן זיך געראַטעוועט. זיי נעמען אַ טייל פון דעם וואָס מיר שיקן, זיי באַגנב׳נען, זיי זביטקעווען זיך, און דראָען אָפטמאָל אַז זיי וועלן זיי צו די באַנדעס איבערגעבן, אַז קיין ערלעכער פּאָליאַק טאָר נישט ראַטעווען קיין יידן, אַז אַזעלכע פּאָליאַקן דאַרפן זיין נישט; אַז זיי, אונדזערע רעטער, וועלן נאָך ליגן אַזוי אין אַ גרוב באַהאַלטן ווי מיר זענען געלעגן. זיי זענען צווישן שונאים און ציטערן פאַר שרעק אין זייער אייגענעם פאַטערלאַנד.

און איך ווינטש מיר צו דערלעבן און צו האָבן די מעגלעכקייט, זיי צו ברענגען אַהער צו אונדז, און אָפּדאַנקען פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געטון פאַר אונדז און פאַר אַנדערע צען יידן, וועלכע זיי האָבן געהאָלפן אָפּראַטעווען פונעם טויט.



משה שוכנער

מיטן רוסישן מיליטער

דעם ערשטן יוני 1941, אַ ניין טעג נאָכדעם ווי דער רוסישער ריקצוג האָט זיך אָנגעהויבן, איז די שטאָט געווען באַהערשט פון אַ פחד און אַ דערשלאָגנקייט, וואָס איז קוים צו באַשרייבן. דעמאָלט האָבן שוין אָנגעהויבן צו קומען שמועות אַז די דייטשן דערנענטערן זיך, אַז זיי זענען שוין אַריין אין דעם אָדער אין יענעם שטעטל; קיינער האָט נישט געוווּסט ווען און פון וועלכער זייט זיי וועלן אָנקומען צו אונדז, און קיינער האָט זיך נישט געקענט אַנטשליסן וואָס צו טאָן: צו בלייבן אין שטאָט, אָדער מיטצוגיין מיטן רוסישן מיליטער. וואָס מיר האָבן צו דערוואַרטן פון די דייטשן, האָט מען געקענט זען אין דער אויפפירונג פון די אוקראַאינער: זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן פריילעך און אויפגעלייגט, צוקוקענדיק ווי די יידן ווייסן זיך נישט קיין עצה צו געבן, און האָבן גאַנץ עפנטלעך געזאָגט, אַז איצט וועלן זיי זיך קענען אָפּרעכענען מיט די יידן... האָבן טאַקע אַסך יידן פאַרשטאַנען, אַז דער איינציקער וועג זיך צו ראַטעווען — איז מיטצוגיין מיטן רוסישן מיליטער.

די רוסן זענען געווען גרייט צו העלפן יעדן איינעם וואָס האָט געוואָלט מיט זיי מיטגיין, און זיי האָבן פאַרנומען אַסך אוקראַאינישע פויערן מיט זייערע וועגענער, אויף צו פירן די פליכטלינגע. מיטנעמען האָט מען וויניק־וואָס געקענט, ווייל די רוסן האָבן קודם כל געזאָרגט דערפאַר, זיי זאָלן מיטנעמען דעם פראָוויאַנט פון זייערע מאַגאַזינען. יידן וואָס האָבן געהאַט אַן אייגענעם פערד־און־וואָגן האָבן געקענט מיטפאָרן אָן שום שוועריקייטן. אַזוי איז מיטגעפאָרן מענדל־שמואל גאָטליב מיט זיין משפחה; אויף זיין וועגעלע האָט מען אויפגעלאָדן אַלע שיך פון דער קאָאָפּעראַטיווער שיך־פאַבריק וואָס האָט עקזיסטירט אין שטאָט.

די עטלעכע יידן וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט די רוסן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט מיט אַ שווער האַרץ. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, און מיר האָבן נישט געוואוסט וואוהין מיר וועלן מגולגל ווערן און וואָס מיט אונדז וועט געשען. אַז מיר האָבן זיך בלויז דערווייטערט אַ פּאָר קילאָמעטער פון דער שטאָט, האָבן מיר שוין אויסגעזען ווי די ציגיינערס. די ערשטע צייט האָבן מיר נאָך געהאָפט, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן און מיר וועלן זיך קענען אומקערן ביז אַ חודש אָדער צוויי; אָבער די האָפענונג האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן, ווען מיר האָבן געזען אַז מיר דערווייטערן זיך וואָס אַמאָל מער צו מזרח צו, און דער ריקצוג הערט גאָרנישט אויף. עס זענען געווען צווישן אונדז עטלעכע, וואָס האָבן שוין חרטה געהאַט וואָס זיי זענען אַנטלאָפן און האָבן זיך געוואָלט אומקערן; און ס'האָבן זיך געטראָפן אוקראַאינער, וואָס האָבן אונדז צוגערעדט זיך אומצוקערן, ווייל די דייטשן וועלן סיי ווי איינגעמען גאַנץ רוסלאַנד, און מיר וועלן ממילא נישט קענען פון זיי אַנטלויפן... אָבער דער רוב פון די פליכטלינגע האָט די עצות נישט אָנגענומען, און זיי זענען ווייטער געפאָרן מיט די רוסן.

אויפן וועג האָבן אונדז די דייטשן עטלעכע מאָל אָנגעגריפן מיט מאַשינענגעווער פון זייערע עראָפּלאַנען, אָבער עס זענען דערבײַ קיין קרבנות נישט געווען. פאַרנאַכט זענען מיר צוגעקומען צום זברוטש און מיר זענען אַריבערגעגאַנגען די בריק, וועלכע איז אַמאָל געווען די גרענעץ צווישן פוילן און רוסלאַנד. מיט אונדז צוזאַמען האָבן די רוסן געפירט אַ גרופּע דייטשע געפאַנגענע, אונטער אַ שווערער באַוואַכונג פון נ.ק.וו.ד.־לייט. דעם זעלבן אָוונט זענען אָנגעפלויגן דייטשע עראָפּלאַנען און האָבן אַראָפּגעלאָזט פּאַראַשוטיסטן נישט ווייט פון דעם פּלאַץ וואו די געפאַנגענע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ שווערער קאַמף צווישן די פּאַראַשוטיסטן און די רוסן, אַסך קרבנות זענען געפאַלן פוןביידע זייטן, און אין דער מהומה זענען די דייטשע געפאַנגענע זיך צעלאָפן.

אונדזער לאַגער, דער לאַגער פון די פליכטלינגע, איז געווען גענוג ווייט פונעם שלאַכטפעלד, אָבער אויך צווישן אונדז זענען געפאַלן קרבנות, און מיר האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן ווייטער קיין מזרח־זייט. אַ טייל פון די אוקראַאינישע פויערן האָבן אויסגענוצט די מהומה און זענען זיך צעלאָפן מיט זייערע וועגענער יעדער אין אַן אַנדערער ריכטונג, און מיר זענען געבליבן, אַ קליין הייפעלע פליכטלינגע, אָן שפייז און אָן אונדזערע זאַכן. קיין וויניצע האָב איך זיך צוגעשלאָגן מיט נאָך צען אַנדערע פליכטלינגע אין צוויי וועגענער, אָבער אָן עסנוואַרג. דאָרט האָב איך געטראָפן די משפחה גאָטליב, צוויי זין פון וואָלף טיקער און די יינגערע טאָכטער פון גוטמאַן דעם קלעזמער. איך בין ווייטער געפאָרן מיט גאָטליבס משפחה. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט איצי פעטנער, אפרים פעטנערס עלטסטן זון, ווי ער פירט אַ גרופּע רוסישע זעלנער; ער איז איינגעטרעטן אין דער רויטער אַרמיי נאָך אין יאָר 1940.

מיט גאָטליבס משפחה האָב איך דורכגעמאַכט קעגן אַכט הונדערט קילאָמעטער ביז טיף אין רוסלאַנד, אַ הונדערט קילאָמעטער נאָך דעם דניעפּר. ווייטער האָב איך שוין נישט געקאָנט פאָרן, ווייל די כוחות האָבן זיך מיר אויסגעלאָזט, און זיי זענען ווייטער געפאָרן אָן מיר. צומאָרגנס בין איך צו זיך געקומען און בין ווייטער געפאָרן מיטן רוסישן מיליטער, ביז מיר זענען געקומען צו אַ געאָרדנעטן מיליטערישן לאַגער. דאָרט בין איך שוין איינגעטרעטן אין דער רוסישער אַרמיי.

יעטקא קיהל־פיעקארעק

וויאַזוי איך האָב מיך געראַטעוועט

אין יאָר 1939, באַלד ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז האָראָדענקע פאַרנומען געוואָרן פון די רוסן. די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דאַן געווען נישט קיין שלעכטע. אין אונדזער משפחה זענען געווען אַכט קינדער, צוויי זין און זעקס טעכטער. אין יאָר 1941 האָבן זיך געגרייט חתונה צו האָבן דריי קינדער פון אונדזער משפחה: איך, מיין שוועסטער רויזע און מיין ברודער. איך און מיין שוועסטער האָבן טאַקע חתונה געהאַט, אָבער אונדזער ברודער האָט שוין נישט באַוויזן חתונה צו האָבן, ווייל אין אויגוסט 1941 זענען די דייטשן אריינגעקומען און האָבן אָנגעהויבן צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון די יידן.

אין דעם 5־טן דעצעמבער 1941 איז שוין פאָרגעקומען די ערשטע אַקציע. די דייטשן האָבן צונויפגעטריבן אַלע יידן אין דער גרויסער שיהל. די עלטערע מענטשן האָבן זיי אויפגעלאָדן אויף אויטאָס און אַוועקגעפירט קיין סעמאַקאָוויץ, די יינגערע, מענער און פרויען, האָבן זיי אַהין געטריבן צו פוס. דאָרט זענען שוין געווען צוגעגרייט גריבער, און זיי האָבן דאָרט אַלע דערשאָסן.

נאָך דער אַקציע זענען געבליבן אין שטאָט ווייניק יידן. די דייטשן האָבן דאַן געשאַפן אַ יודענראַט, און האָבן פאַרלאַנגט אַז די איבערגעבליבענע יידן זאָלן זיי געבן געלט, זיי באַצאָלן פאַר די קוילן וואָס זיי האָבן אויסגעשאָסן ביי דער אַקציע...

די פאַניק אין שטאָט איז געווען זייער גרויס. נאָך דער גרויסער אַקציע זענען צוויי מאָל פאָרגעקומען קלענערע אַקציעס, און אַזוי האָבן די דייטשן ביסלעכווייז פאַרניכטעט די יידישע באַפעלקערונג. איך האָב זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט מיין משפחה, און סוף זומער 1942 זענען מיר אוועק קיין טלוסטע, וואו יידן האָבן נאָך געלעבט רואיק. אָבער לאַנג האָט דאָס נישט געדויערט. צוויי וואָכן נאָך אונדזער אָנקום קיין טלוסטע, קורץ פאַר די ימים־טובים, זענען געקומען קיין טלוסטע די זעלבע ס.ס.־באַנדיטן און אָנגעהויבן מאַכן אויך די געגנט פון טלוסטע „יודענריין”. זיי האָבן אַלעמען צונויפגעטריבן אין מיטן שטאָט, און דאָ בין איך מיט מיין מאַן אויך אריינגעפאַלן, און אויך מיין מאַנס שוועסטער מיט איר מאַן און מיט דריי קינדער. זיי האָבן אַלעמען אַוועקגעטריבן צו דער באַן־סטאַציע, און אויפן וועג געשלאָגן מכות־רצח.

אין דער באַן־סטאַציע האָבן זיי אונדז פאַרלאָדן ענג־געפאַקט ווי בהמות אין שמוציקע לאַסט־וואַגאָנען, און אַזוי זענען מיר אָפּגעפאָרן אַ גאַנצן טאָג אָן אַ האָפענונג און אָן אַ ציל. מיט אונדז צוזאַמען זענען געווען: עלקע גלאָגער און אירע שוועסטער, יאָסל לאַנדענהיימס פרוי מיט די קינדער און נאָך אַ סך האָראָדענקער. אַלע האָבן געשריגן צום רבונו־של־עולם, עד זאָל באַווייזן אַ נס אַראָפּשיקן אַ דונער אָדער אַ באָמבע אויף די דייטשן, אָבער קיין נסים זענען נישט געשען, און מיר זענען ווייטער געפאָרן אָן אַ סוף און אָן אַן עק.

פלוצים איז מיין מאַן איינגעפאַלן אַ געדאַנק: ער האָט געהאַט ביי זיך אַ טאַשן־מעסערל און אָנגעהויבן דאמיט אויפצובייגן די טשוועקעס אין די ברעטער פונם וואַגאָן. אַנדערע האָבן אָנגעהויבן אים נאָכצוטאָן. אַ טייל מענטשן אין וואַגאָן איז דאָס נישט געפעלן, און זיי האָבן געשריגן: איר קוילעט אונדז, איר מאַכט אונדז אומגליקלעך! אָבער זיי האָבן אויף גאָרנישט געקוקט און ווייטער געאַרבעט. אַזוי האָבן זיי באַוויזן אַוועקצורייסן אַ פּאָר ברעטער און אָנגעהויבן אַרויסצושפרינגען. איך בין דעמאָלט געווען שוואַנגער אין אַכטן מאָנאַט, פונדעסטוועגן בין איך אויך אַרויסגעשפרונגען און אַזוי ניצל־געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. ס'איז געווען אין אָוונט, און איך בין געווען איינע אַליין, האָב איך אָנגעהויבן גיין אויף צוריק, און נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. אויפן וועג האָב איך געטראָפן טאָנציע שוכנער מיט איר שוועסטער און נאָך אַ יינגעלע, זענען מיר שוין געווען פיר. מיר זענען אָנגעקומען קיין טרעמבאָווליע. מיר זענען צוגעגאַנגען צו אַ שטוב און אָנגעקלאַפּט, אָבער מען האָט אונדז נישט אַריינגעלאָזט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און גענעכטיקט אין דרויסן. אינדערפרי זענען מיר אַריין אין דער זעלבער שטוב, האָט מען אונדז אויפגענומען מיט עסן און טרינקען און זיך פאַרענטפערט, אַז מחמת עס גרייט זיך אַן אַקציע, האָבן זיי מורא געהאַט די טיר צו עפענען.

איך האָב זיך געוואָלט טרעפן וואָס גיכער מיט מיין מאַן און זיין משפחה, זענען מיר גלייך ווייטער געגאַנגען צופוס מיט די פעלדער, און דערנאָך געבליבן נעכטיקן אין אַ שטעטל. אין דער פרי איז מיין מאַן אריינגעקומען — ער האָט אויך גענעכטיקט אין דעם שטעטל, אין אַ שכנותדיקער שטוב. ער האָט דערציילט, אַז ער איז אויך געווען אין טרעמבאָווליע, אין דער זעלבער שטוב וואו איך בין געווען. אונדזער פרייד איז געווען נישט צום באַשרייבן. מיר זענען ווייטער געגאַנגען. אין יעדן שטעטל האָבן מיר נאָך געטראָפן אַ קליין ביסל יידן.

אין קאָפּיטשיניץ האָט אונדז דער יודענראַט געדונגען אַ פור און מיר זענען צוריקגעפאָרן קיין טלוסטע. אויפן וועג האָבן אונדז באַפאַלן גויים און האָבן אונדז געשלאָגן. מיר האָט איינער געגעבן אַ פּאַטש איבערן פּנים, און באַלד בין איך באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט. מיר זענען פון זיי קוים אַרויס מיטן לעבן. איך האָב זיך ווידער אַ מאָל פאַרלוירן פון מיין מאַן, ווייל אַלע מאָל ווען ס'זענען אָנגעפאָרן דייטשן אָדער אַנדערע רוצחים, זענען מיר אַראָפּ פונעם וואָגן און זיך באַהאַלטן אין פעלד. מיט שווערער מי און מאַטערניש איז אונדז געלונגען צוריקצוקומען קיין טלוסטע.

אין דעצעמבער 1942 האָב איך געבוירן אַ זיס, ליכטיק

מיידעלע. אין טלוסטע זענען נאָך אַלע מאָל פּאַרגעקומען אַקציעס. איך בין איינמאָל אַנטלאָפן מיטן קינד אויף די הענט און די קוילן זענען געפלויגן איבער מיין קאָפּ. איך בין אַוועק אין די פעלדער און בין דאָרט דריי טעג געלעגן, אפילו אָן אַ ביסל וואַסער. מיין מאַן איז ארומגעגאַנגען מיך זוכן צווישן די טויטע, און אַז כ'בין צוריקגעקומען אַ לעבע־דיקע איז די שמחה געווען זייער גרויס. פון מיין מאַנס שוועסטער האָב איך נאָך איינמאָל באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז זי געפינט זיך אין טרעמבאָווליע, און נאָכדעם האָב איך פון איר מער גאָרנישט געהערט.

נאָך אַ קורצער צייט האָט מען אויך דאָס געטאָ אין טלוסטע „ליקווידירט". צו מיר זענען געקומען אברהם שניי־דערמאַנס פרוי, בוזיע שטיינער און נאָך עטלעכע האָראָ־דענקער, און דערציילט אַז זיי גייען צוריק קיין האָראָדענקע. זיי האָבן זיך מיט אונדז געזעגנט, און מיך שטאַרק באַדויערט וואָס איך בין געבליבן אין אַזאַ צייט מיט אַ קליין קינד.

אין טלוסטע איז געווען אַן אַרבעטס־לאַגער, און איך מיט מיין משפחה זענען אריין אין דעם לאַגער. מיר האָבן דאָרט געאַרבעט פעלד־אַרבעט און דאַרביי געליטן הונגער און קעלט. אין יאָר 1943 איז מיין קינד „ליקווידירט" געוואָרן. מיר זענען אין דעם לאַגער געבליבן ביז 1944. דאַן זענען די דייטשן אַנטלאָפן און אונדז איבערגעלאָזט „אויף הפקר". באַלד האָבן זיך באַוויזן די ערשטע רוסישע טאַנקן. די שמחה איז געווען זייער גרויס, אַלע האָבן זיך געקושט און געוויינט פאַר פרייד. פּלוצים איז אָנגעפלויגן אַ מחנה דייטשע עראָפּלאַנען און אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דעם לאַגער. איך בין אַוועקגעפאַלן און בין געבליבן איינע אליין, קראַנק עלענד און צעבראָכן. נאָכדעם בין איך געווען אין טשאָרט־קאָוו אין שפּיטאָל אַ לאַנגע צייט, און מען האָט מיר ארויס־גענומען עטלעכע שפּליטער, פון וועלכע ס'זענען נאָך ביז היינט געבליבן סימנים.

אין יאָר 1946 האָב איך אין פּוילן חתונה געהאַט מיט אַ פיינעם בחור, און מיר געפינען זיך איצט אין ישראל, אין חיפה. מיר לעבן ווידער א פריי, מענטשלעך לעבן. אָבער מיינע ביטערע איבערלעבונגען וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

צבי רייס

מיר אנטלויפן קיין רומעניע

נאָך דער צווייטער אַקציע, אין אַפּריל 1942, האָבן די איבערגעבליבענע אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו פּאַרטיילן די יידן אין גרופּן לויט זייער פאַך (אָדער לויט פּראָטעקציע), און אַלע האָבן אָנגעהויבן צו ראַטן, וועלכע גרופּן וועלן זיין די „מיוחסים" צו בלייבן לעבן ביזן סוף. די גרופּן זענען געווען צונויפגעשטעלט נישט בלויז פון האָראָדענקער, נאָר אויך פון רעשטלעך פון דער גאַנצער געגנט, די מענטשן זענען געווען פרעמד איינער דעם אַנדערן און האָבן זיך נישט געקאָנט אָרגאַניזירן עפּעס צוזאַמען צו טון. יעדער איינער האָט געמוזט זאָרגן פאַר זיך און פאַר זיין משפחה, אויב ער האָט נאָך געהאַט אַ משפחה. אונדזער משפחה — מיין פאָטער, מיין ברודער און איך — האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ וועג, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען און בלייבן לעבן ביז צום „סוף", ביז נאָך דער מלחמה.

איינע פון דער באַשרענקטער צאָל פון מעגלעכקייטן איז געווען צו שוואַרצן די גרענעץ קיין רומעניע, אָבער דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, מיט אַ סך געלט און מיט אַ גרויסער סכנה, און מיר האָבן נישט געקאָנט וויסן וואָס עס געשעט דאָרט מיט די אַנטלאָפענע און צי קאָן מען זיך דאָרט באַהאַלטן, האָבן מיר אָט־די מעגלעכקייט געלאָזט פאַר דער לעצטער ברירה. נאָך דער צווייטער אַקציע האָבן מיר באַקומען ידיעות, אַז אַ טייל יידן איז געלונגען צו קומען קיין טשערנאָוויץ מיט הילף פון גרענעץ־שוואַרצער און פאַר טייער געלט, אָבער דער וועג אַהין איז געווען געפערלעך, ווייל אַלע אוקראַאינישע דערפער אויפן וועג קיין טשערנאָוויץ זענען שוין לאַנג געווען „יודענריין", און די פּויערן האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער דייטשער פּאָלי־ציי, וועלכע האָט באַשטימט אַ פּרייז פאַר די וואָס וועלן אָנווייזן וואו עס געפינען זיך יידן.

מיטן טראַכטן און פּלאַנען איז אַריבער דער זומער. סעפּטעמבער 1942 איז געווען אין האָראָדענקע די דריטע און אַנטשיידנדע אַקציע, ווייל נאָך איר האָט די שטאָט געדאַרפט ווערן „יודענריין". איך און מיין משפחה זענען דעמאָלט געווען אויסער דעם געטאָ, אין הויז פון מיין באָבע אויסער דער שטאָט ביים וועג קיין סעראַפּינעץ, און דאָרט האָבן מיר זיך געמאַכט אַ פּראָוויזאָריש באַהעלטעניש. די אַקציע האָט זיך געצויגן דריי טעג, נישט ווי די פריערדיקע, וואָס האָבן געדויערט איין טאָג אָדער צוויי. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שפּייז אויף אַ לאַנגער צייט, און נאָך די דריי טעג האָבן מיר געמוזט אַרויסגיין פונעם באַהעלטעניש, כדי צו באַזאָרגן שפּייז און דערוויסן זיך וואָס אין שטאָט טוט זיך. פון די פּויערן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז האָראָדענקע איז דער־קלערט געוואָרן פאַר „יודענריין". האָבן מיר שוין קיין ברירה נישט געהאַט, און געמוזט פּרוּוון אַריבערקומען קיין טשער־נאָוויץ. אַזוי ווי מיר האָבן שוין נישט געהאַט קיין צייט אויסצוגעפינען אַ גרענעץ־שוואַרצער, און מיר האָבן געוואוסט אַז מיט זייער באַגלייטונג איז דער וועג אויך נישט גאַנץ זיכער, האָבן מיר באַשלאָסן צו פּרוּוון אונזער מזל און זיך לאָזן אין וועג אַריין מיט אייגענע כוחות. נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט פון סעראַפּינעץ און אַרי־בערגעגאַנגען די גרענעץ קיין רומעניע.

אין דער גרופּע וואָס איז געווען באַהאַלטן אין בונקער און איז אַריבער די גרענעץ זענען געווען זיבן נפשות: מיין פאָטער פישל רייס, מיין זעקסיעריקער ברודער שמריה רייס און איך, און אויסערדעם מיינע פיר קוזענס: ליזאַ, רחל, הערש און אברהם לאַדענהיים. פאַר דער גרענעץ האָבן מיר זיך אָנגעצייכנט אַ פּונקט אין יענער זייט גרענעץ, אַ בערגל בערך צוויי קילאָמעטער פון יענער זייט, וואו מיר זאָלן זיך טרעפן נאָכן אַריבערגיין, און דאַן זיך צעשיידט, כדי איינציקווייז אַריבערצוגיין. די גרענעץ איז געווען באַוואַכט און איז אַלעמאָל באַלויכטן געוואָרן פון פּראָזשעקטאָרן, האָבן מיר געמוזט אַריבערגיין די גרענעץ קריכענדיק און נאָכדעם אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צום טרעפפונקט.

די גרענעץ זענען מיר אַלע אַריבער געגאַנגען, אָבער נישט אַלע זענען געקומען צום טרעפפונקט. מיין פאָטער און מיין ברודערל, וועלכע זענען געגאַנגען צוזאַמען, האָבן וויזט אויס פאַרבלאָנדזעט. מיר האָבן געוואַרט צוויי שעה, צוויי גאָר טייערע שעה; איך האָב זיך אומגעקערט אַ לאַנג שטיק וועג זוכענדיק זיי, כמעט ביז יענער זייט גרענעץ, אָבער אין דער פינצטער האָב איך גאָרנישט געזען און אויך גאָרנישט געהערט. האָב איך זיך אומגעקערט צום טרעפפונקט, און מיר האָבן אָנגעהויבן ווייטער גיין. מיר זענען צוגעקומען צו אַ פעלד פון קוקורודזעס, און געהאָפט אַז מיר וועלן זיך דאָרט קענען אויסבאַהאַלטן איבערן טאָג. אָבער באַלד איינדערפרי, ווען די פויערן זענען אַרויסגעקומען צו דער אַרבעט, האָבן זיי אונדז באַמערקט און זענען אַוועק אין דאָרף, רופן רומענישע זשאַנדאַרמען.

די זשאַנדאַרמען האָבן אונדז געלאָזט לעבן. זיי האָבן אונדז בלויז אָפּגעפירט, באַגלייט פון גוטע קלעפּ, צו דער זשאַנדאַרמעריע אין דאָרף באָראָאוץ. דאָרט האָבן מיר דערפילט דעם טעם פון אַ רומענישער „אויספאָרשונג". מען האָט אונדז אויסגעטאָן גאַנץ נאַקעט, און אַזוי איינציקווייז אַריינגעפירט צום אָפיציר צו דער אויספאָרשונג, וועלכע איז אויך געווען באַגלייט פון קלעפּ. אַז מען האָט אונדז צוריקגעבראַכט אין אונדזער צעלע האָבן מיר געזען, אַז פון אַלע אונדזערע קליידער האָט מען אונדז געלאָזט בלויז די נויטיקסטע. און אַזוי זענען מיר באַלד געבליבן אָן גאָרנישט.

ביי דער אויספאָרשונג האָבן מיר געבעטן איין זאַך: מען זאָל אונדז נישט צוריקשיקן קיין פּוילן. נאָכדעם ווי מיר זענען געזעסן אַ טאָג, האָט מען אונדז צו וויסן געגעבן אַז אונדזער בקשה איז דערפילט געוואָרן. מען וועט אונדז נישט צוריקשיקן, נאָר אָפּפירן קיין טשערנאָוויץ. מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז מיר האָבן דערמיט געהאַט גרויס מזל, דערפאַר וואָס מיר זענען געווען די ערשטע גרופּע וועלכע מען האָט געכאַפּט. די גרופּן וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן נאָך אונדז האָט מען שוין צוריקגעשיקט קיין פּוילן און איבערגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ.

דריי טעג זענען מיר געגאַנגען צו פוס פון באָראָאוץ קיין טשערנאָוויץ, באַגלייט פון רומענישע זשאַנדאַרמען. ביי יעדער פּאָליציי־סטאַציע האָבן זיך די באַגלייטער געביטן, און ביי יעדער סטאַציע האָט זיך איבערגעחזרט די אויספאָרשונג לויט דעם רומענישן שטייגער, מיט אַ צוגאָב פון קלעפּ.

אין טשערנאָוויץ האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַ קרימינאַל אויפן „אָסטערפּלאַץ" און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אויפסניי די אויספאָרשונגען, אָבער דאָסמאָל אויף אַ מענטשלעכערן אופן. מען האָט אונדז אפילו געפרעגט, צי האָבן מיר זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן אויף דער באַהאַנדלונג פון דער פּאָליציי אויפן וועג קיין טשערנאָוויץ, און מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געענטפערט אַז די באַהאַנדלונג איז געווען אַ גוטע... מיר זענען געבליבן אין קרימינאַל, וואַרטנדיק אויף דעם באַשלוס פון דער רעגירונג, וואָס צו טון מיט די אַרעסטירטע יידן וואָס זענען אַנטלאָפן פון פּוילן. מיט אונדז זענען געווען בערך פופציק אַרעסטאַנטן, פון צווישן טויזנטער וואָס האָבן געפּרוווט אַריבערגיין די גרענעץ און האָבן נישט מצליח געווען.

די באַציאונג פון דער פּאָליציי אין טשערנאָוויץ איז געווען גאַנץ מענטשלעך, בעיקר אַ דאַנק דער אינטערווענץ און דעם אינטערעסירן זיך פון די פאָרשטייער פון דער דאָרטיקער קהילה. כאָטש די שטאָט האָט גאָר שטאַרק געליטן אין דער צייט פון דער מלחמה, זענען דעמאָלט נאָך געבליבן ביי אַ צוועלף טויזנט יידן אין זייערע הייזער (פון זיבעציק טויזנט פאַר דער מלחמה). די קהילה האָט אונדז באַזאָרגט מיט שפּייז און קליידער, און זיי האָבן אפילו געפּועלט מען זאָל אונדז לאָזן גיין אַרבעטן; אָבער וואָס דער סוף וועט זיין מיט אונדז, האָבן מיר נישט געוואוסט.

אין דער צייט ווען מיר זענען געווען אין קרימינאַל זענען אַ פּאָר יידישע אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען דאָרט קראַנק געוואָרן, אַריבערגעפירט געוואָרן אין יידישן שפּיטאָל אַריין, אָן פּאָליציי־באַוואַכונג, בלויז אויף דער פאַראַנטוואָרטונג פון דער שפּיטאָל פאַרוואַלטונג. נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעווען אַ וואָך אין קרימינאַל, האָב איך באַקומען הויך פיבער, און מען האָט מיך אויך איבערגעפירט אין יידישן שפּיטאָל. מיין קוזינע ליזאַ לאַדענהיים האָט מען געהאַט איבערגעפירט נאָך פריער. בשעת איך בין דאָרט געלעגן אין הויך פיבער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז לויטן באַפעל פון דער רומענישער רעגירונג זענען אַלע אַרעסטאַנטן צוריקגעפירט געוואָרן צו דער פּוילישער גרענעץ און איבערגעגעבן געוואָרן דער געסטאַפּאָ. די אַרעסטאַנטן וועלכע זענען געווען אין שפּיטאָל זענען נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן, ווייל די פּאָליציי האָט אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט, אַז קראַנקע מענטשן דאַרף מען נישט אויסליפערן און מען מוז וואַרטן ביז זיי וועלן געזונט ווערן. אַזוי איז געפונען געוואָרן אַן אויסוועג פאַר די פופצן קראַנקע, וואָס האָבן זיך געפונען אין שפּיטאָל. די שפּיטאָל פאַרוואַלטונג האָט געזאָרגט דערפאַר מיר זאָלן נישט אַזוי גיך געזונט ווערן און מיר זאָלן דאַרפן זיין אונטער מעדיצינישער אויפזיכט, נישט קוקנדיק אויפן דרוק פון דער פּאָליציי. דער לייטער פונעם שפּיטאָל, ד"ר לאַנדוי (ער געפינט זיך איצט אין ישראל) האָט אַרויסגעוויזן איבערגעבענקייט אָן אַ מאָס און האָט אונדז באַשיצט מיט גרויס מסירות־נפש. אויך דער פּערסאָנאַל פונעם שפּיטאָל, די פאַרשטייער פון דער קהילה און די טשערנאָוויצער יידן בכלל

האָבן זיך צו אונדז באַצויגן אויסערגעוויינלעך. זיי האָבן אונדז מיט אַלעמען פאַרזאָרגט די גאַנצע צייט וואָס מיר זענען געווען אין שפּיטאָל. אין די ימים־טובים האָט מען אונדז איינגעלאַדן אין יידישע הייזער אויף יום־טוב, און ד״ר לאַנדוי האָט זיך אָפּטמאָל ממש איינגעשטעלט דערמיט וואָס ער האָט אונדז געלאָזט אַרויסגיין אויסער דעם שפּיטאָל.

די דאָזיקע לאַגע האָט אָנגעהאַלטן ביז קורץ פאַר דעם איינמאַרש פון די רוסן קיין רומעניע. צוויי וואָכן פריער האָט אונדז די פּאָליציי באַפרייט און אונדז געגעבן דאָקומענטן, מיר זאָלן קענען פריי אַרומגיין. ווייזט אויס, זיי האָבן זיך דערמיט געוואָלט אויספיינען, און צוגרייטן אַ באַווייז אַז זיי האָבן זיך גוט באַגאַנגען מיט די פאַרפאָלגטע יידן.

שיינדל (סאפיע) אלפערט־יונגערמאן

ווי מיר האבן זיך געראטעוועט

באַלד ווי די רוסן האָבן פאַרלאָזט מזרח־גאַליציע אין יאָר 1940, זענען געקומען קיין האָראָדענקע די אונגאַרן. אין שטאָט איז געווען אין יענער צייט פאַרהעלטנישמעסיק רואיק. נאָר די אונגאַרן האָבן גערופן יידן צו צוואַנגס־אַרבעט ביים בויען די בריק אין סעמאַקאָוויץ, און ביי דער געלעגנהייט האָט זיך איינער פון די אונגאַרישע אָפיצירן אויסגעצייכנט מיט זיין גרויזאַמקייט און סאַדיזם. און אַרום דער שטאָט און אין די דערפער האָבן זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן פּאָגראָמען אויף יידן. די אוקראַאינישע פּויערן האָבן גאַנצע משפחות בעסטיאַליש אויסגעמאָרדעט אָדער פאַרטריבן פונעם דאָרף. אַזוי האָבן אַלע דאָרפס יידן געמוזט פאַרלאָזן די דערפער און אַנטלויפן אין שטאָט אַריין.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זענען געקומען אין שטאָט אַריין די ערשטע געשטאַפּאָ־לייט און פאַרלאַנגט מען זאָל גרינדן אַ „יודענראַט". מיין מאַן, ד״ר אַלפּערט, האָט נישט געוואָלט אַריינגיין אין יודענראַט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט מוזן קאָאָפּערירן מיט די דייטשן. אַנדערע פון דער יידישער אינטעליגענץ זענען יאָ איינגעטרעטן אין יודענראַט.

קורץ נאָכדעם זענען ווידער געקומען געשטאַפּאָ־לייט קיין האָראָדענקע און געדראָט דעם יודענראַט, אַז זיי וועלן מאַכן אַ פּאָגראָם, וויבאַלד מען וועט זיי נישט אָפּקויפן מיט טייערע מתנות. צוויי מיטגלידער פונעם יודענראַט, ד״ר שניידער און דער דענטיסט קויפּמאַן, זענען אַרומגעגאַנגען זאַמלען די מתנות פאַר די געשטאַפּאָ־לייט. זיי זענען געקומען אויך צו מיין טאָכטער רענאַטע, און זי האָט זיי, נישט טראַכטענדיק קיין סך, אַוועקגעגעבן אַ טייערן רינג מיט צוויי בריליאַנטן. זי האָט געהאָפט דערמיט צו העלפן ראַטעווען די יידן פון שטאָט. אָבער אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זענען די געשטאַפּאָ־לייט ווידער געקומען, און געצוואונגען די יידן צו פאַרלאָזן זייערע הייזער און אַריבערגיין אין „געטאָ". דערצו האָט מען באַשטימט עטלעכע גאַסן אַרום דער גרויסער שיהל, וועלכע זענען געוואָרן אַרומגעצוימט און זענען באַוואַכט געוואָרן פון דער אוקראַאינישער פּאָליציי. בלויז אַ טייל יידן האָבן באַקומען די דערלויבעניש צו וואוינען אויסער דעם „געטאָ", בעיקר אַזעלכע וואָס האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן. אָבער זיי זענען נישט געווען געשיצט פאַר די אַלע רדיפות, וואָס האָבן געטראָפן די יידן אין געטאָ.

בשעת ס'איז פאָרגעקומען די ערשטע שרעקלעכע אַקציע, זענען מיר געווען באַהאַלטן ביי אַ פּוילישער שכנה. מיר זענען געלעגן באַהאַלטן אויפן בוידעם אין שטרוי, און געהערט ווי אַ דייטשער זשאַנדאַרם פרעגט די פרוי, צי זענען ביי איר נישטאָ קיין באַהאַלטענע יידן; האָט זי געענטפערט, אַז ביי איר זענען קיין יידן נישטאָ. ביי דער ערשטער אַקציע זענען אומגעקומען 2500 יידן. מען האָט זיי אַלע, מענער, פרויען און קינדער, מיט לאַסט־אויטאָס אַוועקגעפירט קיין סעמאַקאָוויץ און דאָרט ביי צוגעגרייטע גריבער דערשאָסן.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז ווידער געמאַכט געוואָרן אַ פּאָגראָם אויף יידן, אָבער דאַסמאָל האָבן זיך די יידן רעכטצייטיק דערוויסט און האָבן זיך באַהאַלטן, אַזוי אַז די רוצחים האָבן געכאַפּט בלויז 150 יידן און האָבן זיי אין דער גרויסער שיהל דערשאָסן.

ביי דער דריטער אַקציע, פּסח 1942, האָבן מיר זיך באַהאַלטן ביי אַ פּוילישן לערער מיטן נאָמען וואַרטאַנאָוויטש. אין דעם לעצטן טאָג, ווען די אַקציע איז שוין געווען געענדיקט, האָט אונדז עמיצער אויסגעגעבן, און די אוקראַאינישע פּאָליציי האָט אינדז אַראָפּגעיאָגט פונעם בוידעם און געפירט צום זאַמעלפּלאַץ. צו אונדזער גליק איז שוין דער טראַנספּאָרט געהאַט אָפּגעגאַנגען, און מען האָט אונדז באַפרייט. דעם לערערס פרוי איז אַרעסטירט געוואָרן, און ווי אַ שטראָף דערפאַר וואָס זי האָט אויסבאַהאַלטן יידן, האָט מען זי געפירט איבער דער שטאָט צוזאַמען מיט די יידן. מיין איידעם, אהרן וויזינגער, האָט זי אויסגעקויפט פון די הענט פון דער אוקראַאינישער מיליץ. נאָך דער אַקציע איז מיין טאָכטער רענאַ מיט איר מאַן אהרן וויזינגער און אונדזער זון מונדעק אַוועק אין יענער זייט דניעסטער, קיין יעזיעזשאַני (אָזיעראַן), וואו יידן האָבן נאָך געקאָנט דעמאָלט פריי אַרומגיין. איך מיט מיין מאַן און אונדזער קליין אייניקל לעאָן זענען אויך באַלד אַהינגעפאָרן. אין האָראָדענקע זענען געבליבן בלויז קעגן הונדערט יידישע משפחות — דאָקטוירים און האַנדווערקער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע. אין פרילינג 1943 איז האָראָדענקע דערקלערט געוואָרן פאַר „יודענריין", האָט מען די לעצטע

יידישע משפחות געיאָגט צופוס קיין קאָלאָמיי און דאָרט אויף פאַרשידענע אופנים ליקווידירט. צווישן זיי זענען אויך געווען מיין נעפע זיגי זיידמאַן און זיין פרוי פעלאַ, וואָס איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער און האָט געאַרבעט ביי די דייטשן אין שפיטאָל. מיין שוועסטער אַננאַ זיידמאַן איז אויך אומגעקומען בשעת זי האָט געפּרוווט זיך צו ראַטעווען און פאַרלאָזן קאָלאָמיי מיט אַרישע פּאַפּירן, צוזאַמען מיט איר קליינעם אייניקל. אַ קריסט האָט זי דערקענט אויף דער קאָלאָמייער באַן־סטאַציע און זי אויסגעגעבן, און פאַר באַנוצן אַרישע פּאַפּירן האָט מען זיי באַשטראָפט מיט טויט־שטראָף. מיין עלטעסטע שוועסטער, גיזעלאַ באַרטפעלד, האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין האָראָדענקע ביז 1943. דערנאָך האָט מען זי דערקענט און אַרעסטירט. צו יענער צייט זענען שוין אין האָראָדענקע נישט געווען קיין דייטשן, נאָר די אוקראַאינישע מיליץ און די היימישע אַזויגערופענע „פאָלקסדויטשן", און זיי זענען נישט געווען בעסער ווי די געשטאַפּאָ־לייט. די פאָלקסדייטשן האָבן מיין אָרעמע שוועסטער אַרויסגעפירט אויפן יידישן בית־עולם און דאָרט מיט שטעקנס צום טויט געשלאָגן. קריסטן וואָס האָבן דאָס געזען האָבן מיר דערציילט, אַז זי האָט געשריגן צו אירע פּייניקער אַז היטלער וועט דעם קריג פאַרלירן, און זיינע העלפער וועלן אויך אַזוי געפּייניקט און דערמאָרדעט ווערן.

ווען מיר זענען אַריבער דעם דניעסטער און געקומען קיין יעזיעזשאַני, איז דאָרט געווען צווישן די יידן אַ שרעקלעכע פּאַניק און אַ גרויסער טרויער. אַ פּאָר טעג פריער האָט די דייטשע זשאַנדאַרמעריע מיט דער געשטאַפּאָ געמאַכט אַן איבערפאַל אויף די יידן, צונויפגעטריבן אַלע אויף איין פּלאַץ, אַ טייל אויפן פּלאַץ דערשאָסן און די איבעריקע אַריינגעפּאַקט אין לאַסטאויטאָס און אַוועקגעשיקט אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער. קורץ נאָכדעם האָט מען יעזיעזשאַני דערקלערט פאַר „יודענריין", און דאָס ביסל יידן, וואָס זענען נאָך געבליבן, האָבן געמוזט אַריבער קיין באָרשטשוב, וואו מען האָט געמאַכט אַ „געטאָ". אַ פּאָר חדשים האָבן מיר געלעבט, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, אין געטאָ. אַ טייל זענען פון דאָרט אַוועק אין אַרבעטס־לאַגער „ליסאָווצע", אַ טייל זענען אַוועק אין די וועלדער זיך דאָרט באַהאַלטן, אָבער גאָר אָפט זענען זיי דערמאָרדעט געוואָרן פון באַנדעס פון פּויערן. אַזוי איז אויך מיין טייערער זון מונדעק אומגעקומען. אין געטאָ און אין לאַגער האָט אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. און די דייטשן האָבן אַ גרויסן טייל פון די קראַנקע ליקווידירט. מיין מאַן ד"ר אלפערט, איז אויך אויף אַזאַ אופן אומגעקומען.

ביי די אַלע שרעקלעכע איבערלעבונגען איז דאָך געלונגען איינצעלנע פאָר יידן צו בלייבן לעבן, און אַזוי בין איך געבליבן לעבן מיט מיינע צוויי זין. איצט געפינען מיר זיך אין ניו־יאָרק.

יצחק האפמאן

דער אומקום פון די יידן פון סעראפיניץ

מיט אַ שווערער האַרץ גייט מען אויף קבר־אבות, און נאָך שווערער איז אויפצוגראָבן די קברים און אויפרייסן די וואונדן, וועלכע זענען נאָך נישט פאַרהיילט און וועלן זיך קיינמאָל נישט פאַרהיילן. דאָך וויל איך דאָ דערציילן וועגן דעם אומקום פון פערציק משפחות פונעם דאָרף סעראפינעץ, פון וועלכע ס'האָבן זיך געראַטעוועט בלויז צוויי אָדער דריי מענטשן.

1939 — דאָס איז דאָס יאָר פונעם דייטשן אָנפאַל אויף פּוילן און דער אָנהויב פון יידישע צרות. די רוסן, וועלענדיק פאַרכאַפּן אַ טייל פון דער פּוילישער „ירושה", האָבן גיך אַריינמאַרשירט קיין גאַליציע, און דאָס וואָס די פּאָליאַקן און אוקראַאינער האָבן נישט געקאָנט מאַכן אין משך פון יאָרן — האָבן זיי דערגרייכט אין איין טאָג: זיי האָבן פון אַלע יידן געמאַכט איין גרויסן אָרעמאַן. די געוועלבן פאַרמאַכט, די ערד נאַציאָנאַליזירט, און אַ טייל פון די רייכערע יידן אַרויסגעשיקט קיין סיביר אָדער ערגעץ וואו־אַנדערש אין רוסלאַנד. די איבערגעבליבענע יידן האָבן זיך געמוזט איבערוואַרפן אויף אַנדערע אַרבעטן. אַ חלק פון די יידן פון סעראַפינעץ האָט דאַן פאַרלאָזט דאָס דאָרף און אַריבער אין דעם נאָענטן שטעטל האָראָדענקע. דאָס האַרץ האָט וויי געטון צוקוקנדיק, ווי מען נעמט צו ביי די מענטשן דעם באָדן פון אונטער די פיס — און ביי די רוסן פלעגט דאָס הייסן „באַפרייאונג".

האָט אָבער די „באַפרייאונג" נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל אַ יאָר שפּעטער האָבן מיר באַקומען נייע „באַפרייער", און דאָס איז געווען די דייטשע אַרמיי, וועלכע האָט אָנגעהויבן נאָכאַמאָל צו „באַפרייען", און נישט אַזוי דעליקאַט ווי די רוסן. און זיי האָבן זיך צוגענומען נאָך אַ שותף, די אוקראַאינער, און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע צרות.

קודם־כל האָט מען אַרויסגעוואָרפן די יידן פון די הייזער און געצוואונגען זיי צו כל מיני שווערע אַרבעטן, אונטער קלעפּ און טעראָר. נישט געלאָזט פאַרקויפן שפּייז פאַר יידן, נישט דערלויבט יידן גיין אויפן טראָטואַר, געצוואונגען צו טראָגן אַ ווייסן באַנד אויף דעם רעכטן אָרעם, און צום סוף אָנגעהויבן מאָרדן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם פערטן דעצעמבער 1941, ווען זיי האָבן אין איין טאָג אַרויסגעפירט 2800 יידן פון האָראָדענקע קיין מיכאַלטש, און זיי דאָרט אין וואַלד כמעט לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין אַ גרויסן מאַסן־גרוב.

נאָכדעם ווי דער גרעסטער טייל פון די יידישע משפחות פון סעראַפינעץ זענען אַריבער געגאַנגען אָדער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין האָראָדענקע, זענען פאַרבליבן אין סעראַפינעץ 4—5 משפחות אַלס „ניצליכע יידן". צווישן זיי בין איך אויך

געווען, און האָב מיטגעלעבט אַלע צרות אוןליידן וואָס אַ מענטש קען קוים איבערלעבן. נישט איינמאָל האָב איך געזען דעם טויט פאַר די אויגן, נישט איינמאָל געקלערט: אָט־דאָס איז דער סוף! די טויט־שרעק האָט מיך באַגלייט טאָג און נאַכט. אָבער דער ווילן צום לעבן איז שטאַרק און מען בלייבט לעבן.

ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען זענען אין סעראַפינעץ געווען בלויז זיבן משפחות: בערגמאַן, האָפמאַן, רייף, זינגער, עקערלינג, גיניגער און רייס, און אויך צוויי שוועסטער פון אַן אַנדערער משפחה, בערגמאַן. די איבעריקע זענען שוין געווען אין האָראָדענקע.

דער ערשטער קרבן פון סעראפינצער יידן איז געווען אַ מיידל פון דער משפחה עקערלינג, וועלכע מען האָט פלוצלינג צוגענומען, און שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן האָט מען זי געפונען אין פעלד אַ טויטע. דעם 4־טן דעצעמבער 1941 האָט מען דערמאָרדעט אין מיכאלטש די משפחה גיניגער, די צוויי שוועסטער בערגמאַן און עקערלינג. די פאַרבליבענע משפחות האָבן צוזאַמען געוואוינט אין איין גרופּע און געאַרבעט ביי די דייטשן פון דעם צאָל־גרענעץ־שוץ; די פרויען ביי דער ווירטשאַפט, די מענער ביי האָלץ־האַקן, קלאָזעטן רייניקן, און אַנדערע שווערע און שמוציקע אַרבעטן. דאָס האָט געדויערט ביז אויגוסט 1942. אין חודש אוגוסט האָט מען צוזאַמענגענומען אַלע יידן פון האָראָדענקער געגנט, קאָנצענטרירט זיי אין דעם האָראָדענקער הויף ביי דער באַן־ליניע, און פון דאָרט אָפּגעשיקט קיין בעלזעץ. אַ קליינער טייל האָט אויף פאַרשידענע וועגן געפּרוּווט אַנטלויפן קיין רומעניע, אָבער בלויז ווייניקע פון זיי איז געלונגען אַריבערצוגיין די גרענעץ. די איבעריקע האָבן די דייטשן געכאַפּט און דערשאָסן.

אריה לאגשטיין

דער טראגישער סוף פון די קארניווער יידן

אין קאָרניוו, אַ דאָרף אין האָראָדענקער באַצירק, זענען געווען ביי אַ צוואָנציק יידישע משפחות, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל און מיט לאַנדווירטשאַפט. דאָס גוט אין קאָרניוו האָט אויך געהערט צו אַ יידישער משפחה, צו די רובעלס. די קאָרניווער יידן זענען געווען נישט קיין „פאַרשלאָפענע", אַ טייל האָבן פאַרמאָגט אַ ברייטערע בילדונג. אין די לעצטע יאָרן פאַרן אומקום האָט כמעט די גאַנצע יוגנט געקענט עברית און איז געווען טעטיק אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. ביי אונדז אין דאָרף האָט זיך קאָנצענטרירט די ציוניסטישע טעטיקייט פון די אַרומיקע דערפער, און די ציוניסטישע יוגנט פון דער סביבה פלעגט זיך אָפטמאָל ביי אונדז צונויפקומען.

צוויי משפחות אין דאָרף, די לאַגשטיינס און די רובעלס, זענען געווען פון די ערשטע און גרעסטע משפחות, און זיי האָבן אויך געהאַט די גרעסטע השפעה אויף דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דאָרף.

פון די קאָרניווער יידן האָבן זיך בלויז עטלעכע געציילטע געראַטעוועט און געבליבן ביים לעבן. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זיין איינער פון זיי, און איך וויל דאָ דערמאָנען עטלעכע טייערע קאָרניווער געשטאַלטן און באַשרייבן וויאַזוי יעדער פון זיי איז אומגעקומען:

ד"ר שלמה־זלמן לאַגשטיין ז"ל איז געווען אַ טיכטיקער אַדוואָקאַט, אַן אַגראָנאָם און אַ עקאָנאָמיקער. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַן אַדעליגער נשמה, אַ יודע תורה און מיטן גאַנצן האַרץ איבערגעגעבן דעם ציוניסטישן געדאַנק. אין די לעצטע יאָרן האָט ער געלעבט אין האָראָדענקע, אָבער אין דער אומגליקלעכער צייט פון דער נאַצי־הערשאַפט איז ער צוריקגעקומען קיין קאָרניוו. עטלעכע מאָל האָט ער זיך ממש איינגעשטעלט דאָס לעבן און געפאָרן קיין האָראָדענקע זיך משתדל זיין ביי דער „געסטאַפּאָ" פאַר די קאָרניווער יידן. עס איז אים אויך געלונגען מבטל צו מאַכן זייערע גזירות, אָבער נישט אויף לאַנג. אין יאָר 1942, ווען די דייטשן האָבן די גאַנצע געגנט געמאַכט „יודענריין", איז ער געגאַנגען בראש פון קאָרניווער יידן צו דער „רעגיסטראַציע" קיין האָראָדענקע, און צוזאַמען מיט אַלע אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין בעלזעץ. אין יענע שרעקלעכע טעג פון רדיפות און פאַרניכטונג האָט ער געשריבן אַ בוך מיטן טיטעל Pax Vobiscum („שלום עליכם"), אין וועלכן ער האָט געוואָלט באַלויכטן די טראַגישע געשעענישן. דאָס ווערק איז, פאַרשטייט זיך, אומגעקומען מיט אים צוזאַמען.

טיף אין האַרץ איז ביי מיר איינגעגראָבן דער אָנדענק פון אונדזער „זוניע", ווי אַלע פלעגן אים רופן, ווי איינער פון די טייערסטע זין פונעם פוילישן יידנטום.

אהרון לאַגשטיין ז"ל האָט געגרינדעט דעם סניף פון דער „בוסליה"־באַוועגונג אין קאָרניוו און אין די אַרומיקע דערפער, און אויך דעם סניף פון „התאחדות". ער איז געווען א חבר אין „החלוץ" און האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרווירקלעכן זיין חלום. ער איז ערמאָרדעט געוואָרן אין האָראָדענקע אין טאָג פון דער לעצטער אַקציע.

רבקה לאַגשטיין ז"ל איז געווען די סעקרעטארשע פון „התאחדות" — „פועלי־ציון" אין קאָרניוו און אין דער געגנט. זי האָט פארמאָגט אַ גרויסן רעדנער־טאַלאַנט און זעלטענע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן. ביי איר אין הויז פלעגט מען אָפּהאַלטן אַלע ציוניסטישע קאָנפערענצן אין דער געגנט. זי איז אומגעקומען אין בעלזעץ.

יידל ברעכער ז"ל איז געווען אַן „איש תם וישר" מיט אַ זעלטן גוט האַרץ, וואָס איז אַלעמאָל געווען גרייט יענעם צו העלפן. עטלעכע מאָל אין דער וואָך פלעגט ער פאָרן קיין

האַראַדענקע פאַרטיילן „מילעכיקס", און פלעגט גיין פון איין ייד צום צווייטן און פרעגן אפשר דאַרף ער עפּעס האָבן. אין דאַרף פלעגט מען אים זען זיך באַטייליקן ביי יעדער שמחה, און אויך ביי יעדן טרויער־פאַל. ער איז אומגעקומען בשעת איינער פון די אַקציעס אין בוטשאַטש.

איינע פון די בולטע פּערזענלעכקייטן פון דער עלטערער גענעראַציע איז געווען ר' נחמיה הכהן לאַגשטיין ז"ל, אַ ייד אַ ירא־שמים און אַ יודע־תורה. ביי אים אין הויז איז געווען דער „מנין" וואו מען האָט געדאַוונט שבת און יום־טוב, און ער אליין פלעגט טאַקע זיין דער שליח־ציבור. ער איז געווען אַ ייד מיט אַ „הדרת פנים" און אַלע האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס כבוד.

ר' אליעזר רובעל ז"ל איז געווען דער גוטבאַזיצער פון קאַרניוו. כאָטש ער האָט געהאַט אין דאַרף אַ באַזונדערע שטעלונג, האָט ער זיך נישט געהאַלטן העכער פאַר אַנדערע. ער און זיין משפחה האָבן זיך באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דאַרף און אין יעדער ציוניסטישער טעטיקייט. אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן אים די רוסן פאַרשיקט קיין סיביר, און דאָרט איז ער נפטר געוואָרן.

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים.

מענדל דול

דער גורל פון א בילד

מ'האָט מיך געבעטן אָנשרייבן אַ ביסל זכרונות פון האַראַדענקע, און איך בעט אייך, זייט מיר מוחל, מיינע געוועזענע האַראַדענקער תלמידים, אויב איר וועט אין דער פּערספּעקטיוו פון דער פאַרגאַנגענער צייט אַנדערש זען געוויסע געשעענישן. ס'זענען זייט דעמאָלט פאַרגאַנגען אַ דריי צענדליק יאָרן, און יעדער פון אונדז האָט זיי אַנדערש איבערגעלעבט, און נישט איין פּרט האָט זיך אונטערוועגס פאַרלוירן.

אין האַראַדענקע האָב איך געלעבט פינף יאָר, פון סעפּטעמבער 1924 ביז ענדע 1929, און געאַרבעט ווי אַ לערער פון מאַטעמאַטיק און רעליגיע אין דאַרטיקן גימנאַזיום. דאָס זענען געווען מיינע ערשטע יאָרן אַרבעט אין מיין פּראַפעסיע. איך האָב מיך צוזאַמענגעלעבט מיט די שילער און זייערע עלטערן און אָנטייל גענומען אין זייער לייד און פרייד. דאָס שטעטל איז מיר געוואָרן נאָענט ווי מיין צווייטע געבאַרט־שטאָט, און יאָרן נאָך דעם פאַרלאָזן פונעם שטעטל, אַז איך פלעג טרעפן אַ געוועזענעם שילער אָדער סתם אַ האַראַדענקער באַקאַנטן, פלעג איך מיך פרייען ווי אַ מענטש פרייט זיך אַז ער טרעפט נאָך יאָרן אַ גוטן פריינד. ווען איך האָב אָנגעהויבן מיין לערערפאַך דאָרט, זענען זיי געווען קליינע צען, צוועלף און פופצן יעריקע קינדער; במשך פינף יאָר זענען זיי געוואַקסן, זיך פיזיש און גייסטיק אַנטוויקלט, פון די קליינע, שטילע יינגעלעך זענען געוואָרן מאַטוראַנטען מיט אַ ברייטער וועלט־אַנשויאונג או מיט ברייטע האָריזאָנטן. אַ סך פון זיי האָבן ווייטער שטודירט, געענדיקט די הויכשולן, צעשפּרייט זיך אויף דער וועלט, אַ סך לעבן אויך אין מדינת ישראל, פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלן, זענען נוצלעכער בירגער. שרה, די וויזיטאַטאָרין, סאַלאַ, גדליה און קלמן די אַדוואָקאַטן, פאַלאַ דער דיפּלאָמאַט, יהודה און אַטאָק די אינזשינערן, אימעק דער דאָקטער, מילאָס דער באַקאַנטער אוראָלאָג, אָלעס דער כעמיקער, מאַקס און מאַשקע — די אַפּטייקערס, נעכע — די כלל־טוערין און אַזוי ווייטער. איך האָב אַ סך פון זיי נישט דערקענט; די קליינע קינדער פון יענע יאָרן זענען געוואָרן טאַטעס און מאַמעס, האָבן דאגות און נחת מיט זייערע קינדער און אפשר אויך מיט די קינדס־קינדער.

פון מיינע זכרונות וויל איך ברענגען צוויי קליינע פראַגמענטן.

ס'איז געווען אין האַראַדענקע אין מאַי 1928; אינדרויסן איז געווען אַ ביסל הייס, אָבער אין דער שולקלאַס האָט מען דאָס נישט געשפּירט. דער אַלטער בנין פונעם האַראַדענקער גימנאַזיום האָט געהאַט אַ ספּעציפישע לאַגע — פון פאָרנט אַ גרויסער הויף מיט עטלעכע אַלטע ביימער, און פון דער צווייטער זייט אַ טאָל פון דעם שטיינגרובן.

די זיבנטע קלאַס האָט זיך צעטיילט אויף צוויי טיילן: בערך צוואַנציק יידישע שילער זענען אַריבערגעגאַנגען אין דער ספּעציעלער קלאַס פאַר רעליגיע, און אַכט קריסטלעכע שילער זענען געבליבן אין דער קלאַס (אַ פּריווילעגיע פאַר דער הערשנדיקער נאַציע און פאַר דעם גלח). דאָס גלעקל האָט געקלינגען און צעוויסן געטון די שילער און לערער, אַז די הפסקה איז צו ענדע. אין בנין האָט געהערט אַ שטילשווייגן. אין קלאַס פאַר רעליגיע איז אַריינגעקומען אַ יונגער לערער, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר, געוואָרפן אַ בליק אויף די שילער און געזאָגט: „מיר וועלן היינט ווייטער לייענען תנ"ך — ישעיהו". ס'זענען געווען חילוקי דעות. די שילער וואָס האָבן שוואַך געלייענט עברית האָבן פּראָטעסטירט. אָבער די וואָס האָבן געלערנט אין חדר האָבן טאַקע געוואָלט תנ"ך. קלמן האָט שנעל געעפנט זיין ספר תנ"ך, פון זיין בלאַס פנים האָט געשיינט אַ שטראַל פון שמחה. יאָ, יאָ, — האָט ער געזאָגט — איך וויל לייענען. לערער, איך וויל לייענען — האָט זיך אָנגערופן יהודה. און דער ערנסטער סאַלאַ האָט אויפגעהויבן זיינע שיינע אויגן, אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געקוקט אויף דעם לערער; אַפילו אימעק, וואָס פלעגט אויף יעדער לעקציע לייענען ביכער, האָט אויף אַ מינוט אָפּגעריסן זיין בליק פונעם ביכל פון אונטער דער באַנק און געקוקט אויף די חברים און אויף דעם לערער.

אָנגעהויבן צו לייענען האָט דווקא פאַלאַ. ער האָט געלייענט מיט התלהבות „והיה באחרית הימים... והלכו עמים רבים, ואמרו: לכו ונעלה אל הר ד', אל בית אלהי יעקב... כי מציון תצא תורה ודבר ד' מירושלים". די לעצטע ווערטער

האָט ער געלייענט מיט אַ שטאַרקער, איבערצייגנדיקער שטימע, און האָט זיך אַנידערגעזעצט.

לערער — האָט געפרעגט זיגמונט (ער איז געבליבן אַלס קליין קינד אַ יתום, זיין פאָטער איז געווען אין זאַלעשטשיקי אַן אַדוואָקאַט, דערצויגן איז ער געוואָרן ביי זיין פעטער, אַ רעליגיע־לערער) — צי וועט ארץ־ישראל נאָך ווערן אַמאָל אַ צענטער, פון וועלכן ס׳וועט שטראַלן וויסנשאַפט אויף דער גאַנצער וועלט, אַזוי ווי דער נביא זאָגט? און צי וועלן מיר דאָס דערלעבן?

יאָ, ענטפערט אים סאַלאָ מיט גרויס איבערצייגונג, און לייענט ווייטער: „והיה ביום ההוא, ייתקע בשופר גדול, ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים, והשתחוו לד׳ בהר־הקודש בירושלים”.

יאָ, זאָגט יהודה, מיר, אונדזער דור, וועלן נאָך זוכה זיין צו דערלעבן, און ס׳וועט קומען די צייט וואָס דער נביא זאָגט פאָרויס: „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה”.

אין קלאַס איז געוואָרן לעבעדיק, ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע. אַפילו די וואָס זענען געווען קעגן לייענען תנ״ך זענען געזעסן רואיק און געהערט וואָס זייערע חברים זאַגן. מ׳האָט נישט געהערט ווי עס קלינגט דאָס גלעקל, וואָס גיט צו וויסן אַז די לעקציע איז צו ענדע, אויך האָט מען נישט געפילט, אַז די הפסקה איז צו ענדע; דער שמש בערעזאָווסקי האָט אָנגעקלאַפּט און צו וויסן געטון, אַז דער לערער וואַרט שוין פאַר דער קלאַס...

דאָרט, פאַר דער קלאַס, איז געשטאַנען דער לערער פון לאַטיין בוימגאַרטן, וואָס מ׳האָט אים גערופן „פיקוס”, און ציניש זיך אָנגערופן: „וואָס האָסטו זיי אַזוי לאַנג געהאַלטן? האָסט מסתם דערציילט די מעשה פון יציאת מצרים...”

אַ יאָר שפּעטער איז אין אויסשטעל־פענצטער פון סטעפאַנאָוויטשעס בוכהאַנדלונג געהאָנגען אַ בילד פון אַלע לערער און שילער פון דער אַכטער קלאַס (אַביטוריענטן פונעם ערשטן יאָרגאַנג 1929). אַ גאַנצע וואָך זענען עלטערן, קרובים, באַקאַנטע און סתם יידן און פּאָליאַקן געגאַנגען אָנקוקן דאָס בילד. דאָס איז געווען דאָס ערשטע „טאַבלאָ” אין האָראָדענקע און איז געווען אַ גרויסע סענסאַציע.

קוק אָן — האָט געזאָגט איין יינגל צום אַנדערן אָנווייזנדיק אויף דעם בילד — דער אין דעם סלאָוואַצקי־העמד איז אימעק, און דער מיט דעם שטייפן קראַגן און קראַוואַט — זאָגט דער צווייטער — איז סאַלאָ, און יענער דאָרט אין דער מיטן איז מאָשקע. אָבער אונדזער „טאַבלאָ” איבער אַ יאָר וועט זיין שענער.

1943, בערך פופצן יאָר שפּעטער אין בערזשאַן. די יידן זענען געווען פאַרמאַכט אין געטאָ. עפּידעמיעס, אַקציעס, הונגער און נויט, האָבן יעדן טאָג פאַרשלונגען קרבנות. נאָר איינצלנע האָבן נאָך געוואוינט אויסערן געטאָ. אין דעם צווישטאָטיקיגן הויז פון דעם „אוקראַאינישן קאָאָפּעראַטיוון סאָיוז”, אין דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג, זיצט אַ באַאַמטער. ער איז אַ קאַראַימער (האָט אַזעלכע דאָקומענטן), זיין פאָרגעזעצטער, מאַגיסטער פּאָסלאָווסקי, איז צופרידן פון זיין אַרבעט, אַלע דירעקטאָרן (ס׳זענען געווען דריי) ווייסן אַז ער אַרבעט גוט, ער איז אַ פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק און אַלע קוקן אים יעדן טאָג גוט אָן, צי איז ער חלילה וחס נישט קיין ייד... און דער באַלעבאָס דערציילט אים אַמאָל, אַז זיין ווייב איז אַ לערערקע און שטאַמט פון האָראָדענקע... אַ צווייט מאָל דערציילט ער אים, אַז ביים דייטשן קרייזהויפּטמאַן האָט געאַרבעט אַ „נאַטשאַלניק” אַ פּאָליאַק ד״ר גרובען, און פּלוצים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז „אַ זוויטשאַינע זשידעק” און הייסט ד״ר רובען. ער איז אַנטלאָפן, זאָגט ער, דערביי קוקט ער מיך גוט אָן, צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק די מעשה מאַכט אויף מיר... כמעט יעדן טאָג פלעגט ער מיר דערציילן אַ מעשה פון דעם מין מעשיות, און ספּעציעל פלעגט ער אַ סך רעדן אין די טעג ווען ס׳זענען געווען אַקציעס. ער פלעגט אַזוי רעדן, ווען אין דרויסן איז גערונען יידיש בלוט, און איך האָב אַפילו נישט געוואוסט, וואָס ער רעדט צו מיר. מיר האָט זיך אַ מאָל געדאַכט, אַז איך בין אין דער קלאַס, די שילער לייענען און איך הער אַ באַקאַנטע קינדער־שטימע: „ארצכם שממה, עריכם שרופות אש, אדמתכם לנגדכם זרים אוכלים אותה ושממה כמהפכת זרים... כל ראש לחלי וכל לבב דוי”... דאָס איז געווען די אַטמאָספערע ביי מיין אַרבעט.

איינמאָל, אַ פאַרטאָג נאָך דער גרעסטער אַקציע, קומט ער אַריין אין ביוראָ אַ פריילעכער און דערציילט מיר, אַז ער האָט באַקומען אַ נייע וואוינונג, אַ שיין איין־משפּחהדיק הייזל, מיט אַ שיינעם אויבסטגאָרטן. דעם אייגנטימער, געריכטס־סעקרעטאַר בוימגאַרטן, האָט מען פאַר עטלעכע טעג דערהרגעט, און ער, מיין באַלעבאָס, האָט איבערגענומען זיין דירה. בוימגאַרטן האָט געהאַט צוויי זין, דערציילט ער, און איינער פון זיי איז געווען פּראָפעסאָר אין האָראָדענקע, און צווישן די ביכער אין דער דירה האָט ער געפונען אַ „ספּראַוואָזדאַניע” פונעם פּוילישן גימנאַזיום אין האָראָדענקע, און דאָרט האָט ער געלייענט, אַז ס׳איז געווען אַ לערער פון יידישער רעליגיע, וואָס האָט געהייסן אַזוי ווי איך... „אָבער יענער איז געווען אַ זשידעק און געהייסן מענדעל, און דו ביסט אַ קאַראַאימער און הייסט מאַקסימיליאַן, און ביסט אַ מאַטעמאַטיקער...” אויך אַ בילד האָט ער דאָרט געפונען, אָבער דער רעליגיע־לערער אויף דעם בילד איז נישט ענלעך צו מיר, האָט ער געזאָגט.

אַ גורל פון אַ בילד!

צוויי וואָכן שפּעטער האָב איך רעזיגנירט פונעם פּאָסטן ביים סאָיוז און בין איבערגעגאַנגען אויף אַ פּאָסטן אין פּוילישן הילפסקאָמיטעט.

דער קריג האָט זיך געענדיקט. איך בין מיט מיין ווייב און טאָכטער ניצל־געוואָרן. איך וואוין אין חיפה, און דאָס בילד פונעם ערשטן יאָרגאַנג אַביטוריענטן פונעם פּוילישן גימנאַזיום אין האָראָדענקע איז געבליבן אין בערעזשאַן ביים מאַגיסטער פּאָסלאָווסקי.

מארטין (מאטל) בירנבוים

מיין פאטער

און איך וועל שוין נישט וויסן
וואו עס איז צעשטויבט געוואָרן דיין געביין!
נישט וועלכן שוידער ס׳האָבן דיינע לעצטע שעה׳ן
דיר געבראַכט.
ביסט טויט.
ס׳האָט אַ בריוול מיר געבראַכט די האַרבע בשורה
און עפּעס האָט זיך אין מיר אָפּגעריסן
און מיד האָב איך און שווער די אויגן צוגעמאַכט.

כ׳האָב קיין טרערן ניט געהאַט —
אַזויפיל יידן, אַזויפיל טאַטעס זיינען אומגעקומען —
ווי קאָן מען וויינען אויף אַן איינציקן, אויף זיך אַליין.
כ׳האָב אין דמיון דיך צום לעצטן מאָל אַרומגענומען
און געזען דיך, ווי ביים לעצטן אָפּשייד,
מיט שמייכעלדיקן אומעט,
אויפן האָראָדענקער באַנהויף שטיין.

און היינט אפשר,
צי אפשר איז דיין יאָרצייט אין אַ ניט־ווייטן נעכטן —
נאָר דו האָסט ניט געלערנט מיך
פון קדיש די מנהגים און פון יאָרצייט־ליכט.
האָסט געגלויבט אין פאָלק, מיט אַ גלויבן אַן עכטן,
נאָר ניט אין פרומער גלויביגקייט
האָסטו צום פאָלק געזען די פליכט.

ביזט שטאָלץ געווען,
אַ שטאָלצער ייד מיט וועלטלעכע פאַרלאַנגען.
און וועלטלעך דורכן לעבן איז געווען דיין גאַנג.
דער אָטעם פון דיין צייט איז צו דיין שטוב דערגאַנגען,
און קלוג און ניי און קרעפטיג —
אין אַלטן האָראָדענקע —
האָט דיין וואָרט געשפּרודלט, האָט געשפּרודלט דיין געדאַנק.

איך ווייס ניט וואו דו האָסט די קראַפט געזויגן.
ס׳האָט דאָס לעבן דיך געשלאָגן מיט אַזוי פיל קלעפּ.
אָרים און פאַריתומ׳ט האָסטו געעפנט צו דער וועלט די אויגן;
אָרים, דורך מלחמות און פּאָגראָמען,
דורך הונגער און סכנות,
האָט דיין לעבן זיך געשלעפּט.

אַ ברייטער שטראָם,
דער וועלט־ווינט האָט דיין טראַכטן מיטגענומען.
נאָר אין ליבשאַפט האָט דאָס שטעטל
דיך געהאַלטן צוגעשמידט.
האָסט געוואַנדערט, ביזט אַנטלאָפן און צוריק געקומען
און באַשלאָסן סוף־כל־סוף:
וועסט שוין שטאַרבע דאָ,
אַן אָרימער, אַ האָראָדענקער ייד.

געדענק איך היינט דיין יאָרצייט
און איך פיל דיך אין דער זאַלציגקייט מיט מיינע אויגן;
און איך זע די האַנט דיינע בעת איך זיץ און שרייב.
ווי איך אַצינד, ביסטו אַמאָל געזעסן איינגעבויגן —
ווען ס׳האָט דער ערשטער קריג
די מאַמע אונדז דער׳הרג׳עט
און דערמאָרדעט דיר דיין איינציגע, דיין ווייב.

האָסט אין שטוב נאָך דער לוויה,
געזונגען שטיל אַ טרויעריגן ניגון,
און הינטער שוואַרצע וואָנצן געצוקט האָט ווייס דיין ליפּ.
אין דרויסן האָט דער ווינט מיט שניי אין שויב געשפּיגן.
איך האָב שוין ניט פאַרגעסן
ס׳ליד, וואָס האָסט פאַרענדיקט
מיט אַן איינציקן אַ וועלט־צערייסענדיקן כליפּ.

אינמיט פון אַ וועלט־בראַנד,
ווי זי, ביסטו פאַרגאַנגען.
צי ביסטו ניט אַ שפּענדל געווען אינ׳ם בראַנד!
צי האָבן ניט באַגלייט דיך
די בלוט־און מאָרד־געזאַנגען,
צי האָסטו ניט געזען די עדה יידן ברענען!
ס׳האָט אַלע דאָך פאַרברענט די דייטשע צינדער־האַנט!

ס׳איז קיינער ניט געבליבן
אין קליינעם האָראָדענקע —
ניט די קלאָג־ווייבער און די באַגרעבער ניט.
די שוואַרצע, פעטע ערד בלויז
וועט אייך דאָרט געדענקען;
די ערד וואָס איז באַפרייט איצט
און ברענט די בושה אויס
און וואַשט פון זיך אַראָפּ די שאַנד פון דייטשע טריט.

דיין ליכטיג־פינצטער שטעטל —
דיין ליד, דיין האָראָדענקע
דיין פריילעכע טשערוואָנע, דיין טאָליקע, דיין טייך,
ווי איך, ווי איך, מיין פאָטער,
זיי וועלן נאָך דיר בענקען...
און בענקען וועט דער פרילינג, יידן פון מיין שטעטל,
און דער האַרבסט וועט וויינען —
דער האַרבסט, דער האָראָדענקער, וויינען וועט נאָך אייך.

הילדע בורג

מיין לעצטער באזוך אין האראדענקע

אין אויגוסט 1941 בין איך געווען ווייט פון דער היים, אין קאָמאַרנאָ, וואו איך האָב געאַרבעט ווי אַ לערערן צוזאַמען מיט מיין חברטע חנה שינדלער. דאָרט האָבן מיר געוואוינט, און דאָרט האָבן מיר פאַרלוירן אונדזערע משפחות. אַז מיר האָבן געזען דעם חורבן פאַר די אויגן, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים, צוריק קיין האָראָדענקע, אפשר וועט אונדז געלינגען דורכצוגיין די שווערע צייטן צוזאַמען מיט אונדזערע משפחות. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט דער באַן, מיט אַ שווער פאָרגעפיל. מיר זענען גאָרנישט זיכער געווען, אַז מיר וועלן דערפאָרן קיין האָראָדענקע, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט אין דער האַנט קיין שום פאַפּירן; אָבער מיר האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל אַז מיר זענען גאַנץ רואיק, און מיר האָבן דעם גאַנצן וועג גערעדט אויפן הויכן קול, כדי אַנדערע זאָלן נישט וויסן, ווי אומרואיק מיר זענען. ס׳איז געשען אַ נס, און מיר זענען אָנגעקומען קיין האָראָדענקע אָן אַ מכשול, און אין אַ פינצטערער נאַכט האָבן מיר זיך געפונען אויפן וועג פון דער באַן־סטאַציע אַהיים.

איך געדענק אַז ס׳איז דעמאָלט געווען אַ שטילע אָנגענעמע נאַכט, מיט אַ לייכט ווינטל, פון די נעכט וואָס פילן אָן דאָס האַרץ מיט גליק און מיט האָפענונג. און אויך צו אונדז אין האַרץ האָט זיך אַריינגעגנבעט די האָפענונג, אַז מיר וועלן אפשר נאָך טרעפן אַלע אונדזערע ליבע, און אפשר וועלן מיר זיך קענען דאָ אָפּראַטעווען מיט זיי צוזאַמען. דאָס אַליין, וואָס מיר זענען אָנגעקומען בשלום אַהיים, האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַ סימן, אַז אַלץ וועט זיך גוט ענדיקן.

דאָס איז געווען די זעלבע באַן־סטאַציע, צו וועלכער איך פלעג אָנקומען צוויי מאָל אין יאָר אַהיים אויף וואַקאַציע, אָבער דעמאָלט האָבן מיך אָפּגעוואַרט קרובים און באַקאַנטע מיט פריילעכע פנימער און מיט אַ גלאַנץ פון גליק אין די אויגן. איצט בין איך געגאַנגען אַליין, בלויז מיט מיין חברטע, און מיר האָבן זיך באַמיט צו גיין שטיל און באַהאַלטן, קיינער זאָל אונדז נישט באַמערקן.


ווי איך בין אַזוי געגאַנגען, האָב איך געטראַכט פון מיין מאַמע. איך האָב זיך דערמאָנט, מיט וואָס פאַר אַ טרויעריקן בליק זי האָט מיך באַגלייט ביים לעצטן אָפּשייד מיט עטלעכע חדשים צוריק. זי האָט דעמאָלט אויסגעזען אַזוי הילפלאָז און איינגעשרומפּן ווי אַ קליין מיידעלע. וואָס מער איך האָב זיך דערנענטערט צו אונדזער שטוב, אַלץ מער איז פאַרשוואונדן די זיכערקייט, אַז איך וועל זי נאָך טרעפן דאָרט וואו איך האָב זי צום לעצטן מאָל איבערגעלאָזט. אין די לעצטע חדשים האָט זיך אַזוי פיל אָפּגעטון, אַזוי פיל טראַגעדיעס האָבן מיר צו־געזען און דורכגעלעבט, אַז די פּאָר חדשים האָבן מיר אויסגע־וויזן ווי אַן אומענדלעכע צייט. איך האָב זיך פלוצים גע־פילט ווי פאַרעלטערט. און איך בין געווען אַזוי מיד, אַז איך האָב אַפילו אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער סכנה, צו גיין אַזוי אינמיטן דער נאַכט אויף פאַרבאָטענע וועגן; ווייל נישט נאָר דאָס גיין אויף די וועגן, נאָר דאָס אָטעמען די לופט, דאָס לעבן אַליין איז געווען פאַר אונדז פאַרבאָטן.

אַז מיר זענען אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין, איז די אָנגענעמע נאַכט געוואָרן אַ שרעקלעכע און באַדריקענדע נאַכט. מיר האָבן אָנגעהויבן באַמערקן, ווי שאָטענס באַוועגן זיך אינדערפינצטער, אַ טייל שטופּן און אַ טייל ווערן געשטופּט ווי צו אַ אומבאַקאַנטן גורל. די געשטופּטע האָבן זיך נישט געוועהרט, נישט געשריגן, זיי זענען געגאַנגען שטום און שטיל, בלויז פון צייט צו צייט איז דערגאַנגען צו מיין אויער אַ באַהאַלטענער זיפץ אָדער אַ פאַרשטיקט געוויין.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ צוגרייטונג צו אַן „אַקציע”, אָבער מיר האָבן שוין נישט געקענט גיין צוריק. מיר האָבן געמוזט גיין ווייטער, און צוקוקן ווי די מענטשלעכע שאָטענס פאַרשווינדן אין דער נאַכט, וואָס איז אפשר פאַר אַ טייל פון זיי די לעצטע נאַכט. אונדז האָט די פינצטערניש געשיצט און באַהאַלטן און געלאָזט אונדז גיין ווייטער אומגעשטערט.

ענדלעך בין איך צוגעקומען אַהיים, צו דעם הויז וואו איך האָב געלאָזט מיין מוטער, ווען איך האָב זי געזען צום לעצטן מאָל. דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן האַמערן... איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, אָבער געענטפערט האָט מיר נישט מיין מוטערס שטים...

זי איז שוין דאָרט נישט געווען, און האָט זיך שוין נישט געזעגנט מיט מיר... זי איז אַוועקגעגאַנגען מיט די אַלע וואָס זענען אַוועק אויף אייביק, און איך האָב אַפילו דערפון נישט געוואוסט. זי איז געווען די דריטע און לעצטע פון מיין משפחה, וועלכע איך האָב פאַרלוירן אין די לעצטע פּאָר מאָנאַטן. יעדער פון זיי איז אַוועקגעגאַנגען אויף נישט צוריק־צוקומען, און יעדער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ טייל פון מיין לעבן, פון דעם לעבן וואָס איך בין געווען גרייט פאַר זיי אוועקצוגעבן.


ABSENDER

POSTKARTE

[illegible]

Horodenka

Meine Lieben.

[illegible]


Frau

[illegible]

Philolaan 30

Zeist,

Holland



Meine Lieben! 1/II. 42 Horodenka 3/II 42 eingeg. 16.2.42


Von Euch haben wir schon einige Korrespondenz-
karten erhalten. Ihr werdet Euch sicher freuen
von unser Gesundheit zu wissen. Dem l. Gott ge-
dankt wir sind gesund. Bei mir ist eine Tochter
geboren sie ist schon [illegible] bald 4 Monate alt
ein sehr hübsches Mädel sie soll nur ein [illegible]
Masel sein u. wir sollen mit ihr Freude erleben
Der l. Samuel hat stabile Arbeit der l. Vater
ist dankend dem l. Gott gesund. Schreibt uns oft
wir [illegible] Euch [illegible] Frani u. meine l. Kinder
Liebe Kinder [illegible] Herzlichen Gruß [illegible]
[illegible]
[illegible] Salomon

הגלויה מתאריך 1 בפברואר 1942 מאת אשר שטרייט הי"ד אל בני משפחתו בהולנד

אַ קאַרטל דאַטירט דעם 1־טן פעברואַר 1942 פון אשר שטרייט צו זיין משפחה אין האָלאַנד

A postcard dated Febr. 1st 1942 from Asher Streit — who was murdered by the Nazis — to his family in Holland, containing the first information about the extermination of the Horod, Jewry.





הגלויה מתאריך 25 בינואר 1943 מאת אשר שטרייט הי״ד אל בני משפחתו בהולנד

אַ קאַרטל דאַטירט דעם 25־סטן יאַנואַר 1943 פון אשר שטרייט ז״ל צו זיין משפחה אין האָלאַנד

A postcard dated January 25th, 1943, from Asher Streit to his family in Holland.

ד״ר הערש בלוטאל־פריפער

בריוו פון דעם גיהינום

זייט אויגוסט 1939 האָב איך מיט מיין משפחה געוואוינט אין האָלאַנד. באַלד נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה איז האָראָדענקע באַזעצט געוואָרן פון די רוסן, און אין מאַי 1940 זענען קיין האָלאַנד אַריין די דייטשן. דער בריוו־פאַרקער מיט האָראָדענקע איז דאַן געוואָרן גאָר שווער, ווייל אַ קאַרטל פון האָראָדענקע האָט געמוזט דורכגיין צוויי צענזורן: אַ רוסישע און אַ דייטשע. דער אינהאַלט פון די קאַרטלעך איז געוואָרן קורץ און מען האָט זיך באַגניגט מיט אַ גרוס און מיט גאָר קורצע ידיעות. אין דער ערשטער צייט זענען מיינע קרובים געווען מער באַזאָרגט וועגן אונדז ווי וועגן זיך אַליין, ווייל מיר זענען שוין געווען אונטער היטלערס רעזשים און זיי נאָך נישט. אין סעפטעמבער 1940 איז נפטר געוואָרן מיין שוויגער חנה שטרייט. זי האָט געהאַט די זכיה צו שטאַרבן בכבוד, אין איר אייגענעם בעט.

די ביטערע ידיעות פון די האָראָדענקער יידן בכלל און פון דער משפחה בפרט האָבן אָנגעהויבן צו קומען אין פעברואר 1942. אין אַ קאַרטל מיט דעם אָפּזענדער „אשר שלי־מזל״, האָט אשר געשריבן: „בראַניאַ (זיין פרוי), הערשאַלע און דודיע (זיינע צוויי קינדער) זינד אין הלכו לעולמם. די פאַמיליע רוצחים נאַהמען זי צור ערהאָלונג״. מיין פרוי האָט דאָס נישט געקאָנט באַגרייפן, און האָט געהאַט דעם מוט אשר׳ן אָנצופרעגן וואָס דאָס מיינט. דעם 6־טן מערץ 1942 האָט אשר געענטפערט: „עס וואונדערט מיך וואָס איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען, אַז בראַניאַ, הערש און דודיע זענען שוין אין גן־עדן, צוגלייך מיט צוויי אלפים יהודים. חצי איז נאָך געבליבן״. אין דעם קאַרטל פונ׳ם ערשטן פעברואַר האָט מיין שוועגערין פייגע מיטגעטיילט, אַז זי האָט פאַר פיר חדשים געבוירן אַ טאָכטער און איר אַ נאָמען געגעבן „חנה״, נאָך דער שוויגער. דעם 18־טן אפריל 1942 האָט אשר געשריבן: „די וואָך איז ווידער געווען דער ה׳ שחיטה. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אָנקעל חיים האָט מיך נישט פאַרלאָזט, מיט אויסנאַם פון דער קליינער חנה׳לע.״ (דאָס קינד פון 6 חדשים האָבן די רוצחים אין דער וויג דער־מאָרדעט). אין דעם קאַרטל האָט אויך אשר געשריבן, אַז מען האָט געמאַכט אַ געטאָ, און ווייטער: „דער ה׳ רוצח האָט מיך געהאַט ביי דער האַנט, דורך אַ צופאַל האָב איך געקאָנט ענטשליפּפען. וועגן מיינע נערוון קען איך קיין איינצעלהייטן שרייבן. איך האָף אַז חיים וועט מיך נישט פאַרלאָזן, האָטש דער הער פחד נאָך ניכט וועג איזט. איך האָף אַ שטאַבילע אַרבייט צו באַקומען, און אַזוי וועל איך פון דעם געטאָ אַרויסקומען, ביז דער חרות וועט קומען, וויוואָהל איך שאָן זער צווייפלע. אַלע עלטערע אחינו זענען צו אונזער ליבען מאַמע געפאָרן, מיט אויסנאַם פון וועניגען. דער ליבער טאַטע, פייגע, שמואל און מאַנוס זענען געזונט. האָפענטליך וועל איך נאָך חיי׳ען פון דיר אַ פּאָר שורות צו באַקומען. ווען נישט — דאַן געדענק אַז ה׳ נקמה מוז קומען״. אין דעם קאַרטל פונ׳ם 6־טען מערץ האָט דער שווער געשריבן: „איר האָט פראַגן, איך האָב געגען אייך גרעסערע פראַגן. ווען השי״ת וועט אונדז בענטשן און מיר וועלן באַלד דעם שלום דערלעבן — וועט שוין אַלץ גוט זיין״.

פון מיין ברודער ברוך האָב איך געהאַט אַ קאַרטל פונם 15־טען אַפּריל 1942. אַלס אַבזענדער איז געשטאַנען: ישמח־משה גרינשטאָף. אין דעם קאַרטל שרייבט ער: „מיר זענען שוין צוויימאָל געווען ביי דער מאַמען צו גאַסט (מיר האָבן די מאַמע פאַרלוירן אין 1912) און זענען צוריק־געקומען. ס׳קאָן זיך נאָך מאַכן אַ דריטע געלעגענהייט, און אין דעם פאַל ווייס איך נישט אויב מין וועלן נאָך צוריק־קומען. דער אָנקעל יענקעל (מיין מאַמעס אַ ברודער) מיט בייניש האַלפּערן זענען אויך איבערזידעלט״. די אַלע קאַרטלעך האָבן נאַטירלעך פאַסירט די דייטשע צענזור — און זענען דאָך אָנגעקומען.

אין אַ קאַרטל פונם 5־טען מאַי 1942 האָט אשר ז״ל געשריבן: „איך בין צוריקגעקומען פון דער אַרבייט און געטראָפן אייער קאַרטל פונ׳ם 17־טען אַפּריל 1942. איר האָט מיין קאַרטל דערהאַלטן, אין וועלכן איך האָב אייך פּראַ־מיל געשריבן וואָס ס׳האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט. איך קאָן נאָך ניט אונטער דעם איינדרוק די פעדער אין דער האַנט נעמען, כדי אייך פאַרצושטעלן וואָס אין די הערצער פון אונדזערע יהודים פאַרגעהט. ניט אַפילו איוב אָדער דאַנטע האָבן זיך אַזוינס געקאָנט פאַרשטעלן. לאָמיר האָפן אַז דאָס וועט שוין זיין דער סוף זיין. דער ליבער טאַטע, פייגע, שמואל און דאָס קינד זענען געזונט, נאָר די קליינע חנה׳לע איז אַ קרבן און איז צו בראַניאַ און די קינדער געפאָרן. וואָס מיך האַלט נאָך ביים לעבן — ווייסן די געטער...״

אין אַ קאַרטל פונם 14־טן מאַי האָט אשר געשריבן: „...מיר זענען לעת־עתה געזונט. אַז מיר האָבן אַן אייגען פערטל (געטאָ) ווייסט איר פון מיינע פריהערע קאַרטלעך. לאכול האָבן מיר נישט, וואַרטן דאָך אפשר וועט דער אָנקעל ישועה קומען. דער ליבער טאַטע לערנט די גאַנצע צייט גמרא און בעט צו השי״ת, אַז מיר זאָלן זיך נאָך אַלע ביים לעבן זען. צי דאָס וועט זיך פאַרווירקלעכן — ווייסן די געטער. אויב ניט — וועט איר אונדז צום גוטען געדענקען. אמת הצרות האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. ווען די הערן רוצחים אונדז בעזוכן, מאַכט דאָס קיין רושם — כי טובים חללי חרב מחללי רעב. איך וויל שוין גערן פאָרן צו מיין ליבער בראַניאַ, הערש און דודיע, איך פאַרלאַנג צו זיי, ס׳האָט קיין זין אַליין דאָ די ווירטשאַפט צו פירן״.

אין אַ קאַרטל פונם 3־טן יוני 1942 האָבן געשריבן דער שווער, די שוועגערין פייגע און אשר. פייגע האָט געשריבן אַז מיט דער אכילה איז זער שמאָל — אפשר איז מעגלעך צו שיקן פון האָלאַנד אַ פּעקל פון 1 ק״ג שפּייז אַלס מוסטער. דאָס זעלבע האָט אויך דער שווער געשריבן. ער האָט נאָך

געהאָפּט אויף גוטע צייטן און אויף דעם אמתדיקן שלום. אָשר האָט געשריבן אַז ער וואַרט אויף דער מפּלה פון די שונאים. פון דעם קאַרטל האָט מען באַקומען דעם איינדרוק, אַז מיר, יידן אין האָלאַנד, האָבן אין יוני נאָך געלעבט אין גן־עדן. אין אמת'ן אָבער איז עס געווען ווייט פון אַ גן־עדן. זייט דעם ערשטן מאַי האָבן מיר געמוזט טראָגן דעם דוד־שטערן אויף דער לינקער זייט פון דער ברוסט, נישט געטאָרט זיין אין גאַס נאָך אַכט אַזייגער און געמעגט איינקויפן בלויז צווישן פיר און פינף אַזייגער נאָכמיטאָג. אַזויווי אַלץ האָט געמאַנגעלט — האָט מען נאָכמיטאָג גאָר־נישט געקאָנט באַקומען. דאָך האָבן מיר זיי אַ פּעקל געשיקט. אין אַ קאַרטל פונם 29־טן יוני האָבן אַלע דריי, דער שווער, די שוועגערין און אָשר, באַשטעטיקט דעם דערהאַלט פונם פּעקל, דערציילט אַז זיי האָבן זיך דערמיט מחיה געווען, און געבעטן נאָך צו שיקן.

אין האָלאַנד האָבן זיך נאָך די דייטשן געפירט צביעות־דיק, אָנגעטון אַ מאַסקע פון קולטור, און די דעפּאָרטאַציע פון די יידן באַצייכנט אַלס „אַרבייטס־איינזאַץ". די יידן אין האָלאַנד האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מענטשען פונם צוואָנציקסטן יאָרהונדערט זאָלן אויסמאָרדן מענער און פרויען, זקנים און קינדער, קראַנקע און געזונטע, סתם פאַר גאָרנישט. דער יידישער ראַט איז געווען אַזוי נאַאיוו, אַז ער האָט אמת'דיק געגלויבט אַז די יידן פון האָלאַנד ווערן אָפּגעשיקט צו דער אַרבייט. יידישע שניידערס האָבן זיך געלאָזט אָנאָנסירן, אַז זיי נייען איבער פיינע מלבושים אויף אַרבייטסקליידער, און אַסך יידן האָבן דאָס אויך געטאָן. אָבער גאָרנישט צו פאַרשטיין איז די לייכטגלייביקייט פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס נאָכדעם ווי זיי האָבן געזען די דערמאָרדונג פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער און קליינע קינדער, האָבן זיי נאָך נישט באַגריפן אַז דאָס איז אַ פּלאַנמעסיקע פאַרניכטונג פון אַלע יידן בכל מקום שהם, האָבן געפליכטעט אין אַנדערע שטעטלעך מיט דער האָפנונג אַז דאָרט וועט מען זיי לאָזן לעבן, און זייענדיק אויסגעפּלאָגט און הונגעריק, האָבן זיי אויף זיך נאָך גענומען נע־ונד צו זיין. אין מזרח־אייראָפּע, אין די לענדער פון פּאָגראָמען, פון כמעלניצקי און פּעטליורע, האָבן די דייטשן נישט נייטיק געהאַט זייער רוצחים־פּנים מיט אַ קולטור־מאַסקע צו פאַרהענגען. דאָרט האָבן זיי געקאָנט מאָרדן גאַנץ עפנטלעך. און מ'קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן אונדזער לאַגע, ווען מיר האָבן באַקומען אַזעלכע נייעס פון האָראָדענקער יידן בכלל און פון דער משפחה בפרט.

אין אַ קאַרטעל פונם 25 יוני 1942 האָט דער שווער געשריבן (צו מיין ווייב): „ליבע טאָני, פאַרוואָס לאָזסטו גאַנץ עולם־הבא פאַר דיין שוועסטער פייגע, פרעגסט תמיד נאָך אַ לעבנסצייכן — אָבער וויאַזוי איז צו לעבן, פון וואָס? פייגע האָט גאָרנישט און איך אויך נישט, טראַכט באַלד צו פאַרבעסערן". דער שווער האָט געמיינט, אַז היטלער וויל פאַרניכטן די יידן נאָר אין האָראָדענקע. דערווייל איז די לאַגע אין האָלאַנד נישט קיין סך בעסער געווען. דעמזעלבן יוני 1942 זענען געקומען פון האַג אַפּאָר יידישע בחורים זיך באַהאַלטן אין זייסט, ווייל די דייטשן האָבן פאַרשיקט אַסך יונגעלייט אין קאָנצענטראַציע־קעמפּ מויטהאַוזן (אין אָבער־עסטרייך) און קיינער איז פון דאָרט נישט צוריקגעקומען. אין דעמזעלבן קאַרטל האָט אָשר געשריבן: „די ליבע מפּלה איז נאָך נישט אָנגעלאַנגט, יעדער טאָג וואָס זי פאַרזוימט איז גרעסליך. ווער ווייסט אויב מיר וועלן נאָךביים חיים זיין... אָפּט דענק איך, עס וואָלט געווען געזונטער איך זאָל זיין צוזאַמען מיט בראָניאַ און מיט די קינדער. די נקמה־טעג זענען שווער צו דערוואַרטן".

אין אַ קאַרטל פונם 5־טן אוגוסט 1942 האָט אָשר געשריבן: „איך האָב שוין לאַנג נישט געשריבן, ווייל ס'האָט מיר געפעלט די געדולד דערצו. מער ווי ביז איצט וואַרטן מיר אויפן אָנקעל ישועה. דער הער פּחד איז נאָך אָנוועזנד, זיינע משחיתים קומען פון צייט צו צייט. די קאָסטן פון לעבענסמיטעל זענען וועגן דער קומענדיקער ערנטע לייכטער און מיר האָבן אויך פאַרשידענע ירקות. איצט איז די געלט־קנאַפּהייט אַקוט און אונדזערע אחינו ווערן פון רעב היימ־געזוכט, אַזוי אַז דער איצטיקער ליבער פריינט מות־רעב איז אַן אָפטער גאַסט ביי אונדז. טעגליך זע איך זיך אין חלום מיט מיין ליבער בראָניאַ, מיט הערשעלע און מיט דודיע, און ס'ווערט מיר לייכטער. איך בין געזונט און גיי טעגליך צו דער אַרבייט. אין דער פרייער צייט שרייב איך זכרונות. דיין ברודער ברוך זע איך טעגליך ביי דער אַרבייט. זאָ גאָט וויל וועלן מיר אייך באַלד בשורות מיטטיילן פון דער מפּלה פון אונדזער פריינט, וואָס האָט אַזוי פריינטלעך צו זיך גענומען בראָניאַ'ן מיט אַלע אַנדערע", דעם 28־סטן אויגוסט 1942 האָבן מיר אָפּגעשיקט אַ קאַרטל קיין האָראָ־דענקע, ווי אַלעמאָל אויף דער אַדרעסע פון שלמה שטרייט אָבער דעם 10־טן סעפּטעמבער איז דאָס קאַרטל צוריק־געשיקט געוואָרן קיין האָלאַנד מיט אַ שטעמפּעל: „אונבע־קאַנט— פערצאָגן".

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען אַלע איבערגע־בליבענע יידן זענען אַריבער אין „געטאָ". אין אַ קאַרטל פונם 19־טן אויגוסט 1942 האָט מיין ברודער ברוך געשריבן „די טאַנטע גיטל (געמיינט איז דאָס „געטאָ") וואוינט אין דער שול־גאַס. מיר וואוינען אין אַ געמיינזאַמער וואוינונג, אָבער מיר מוזען דירה־געלט באַצאָלן. איך בין פאַר פּסח געווען אין דאָרף (ער האָט דאָרט אַלס קירזשנער געאַרבייט פאַר די גויים), איבערדעם איז די טאַנטע אכילה ביז היינט ביי מיר אין אָרדנונג. וואָס ווייטער וועט זיין ווייס איך נישט. מען דערוואַרט איצט דעמזעלבן איבערגאַנג ווי פאַר דעם אָנקעל יענקעל מיט דער פאַמיליע (געמיינט איז דאָס דערמאָרדן פון מיין מאַמעס ברודער יענקעל פריפּער). געבע גאָט איך זאָל אייך דאָס פאָלגענדע קאַרטל נאָך קענען בעאַנטוואָרטן". אַלס אָבזענדער פונם קאַרטל האָט ער געשריבן „מ. גרינשטאָף".

ווידער אַ קאַרטל פון אָשר שטרייט פונם 12־טן סעפּ־טעמבער, פאַר ראש־השנה. „אין אונדזערע מקומות איז די וואָך אַ שיינע שחיטה געווען, מאָמענטאַן איז די ליבע משפּחה ביים אָנקעל חיים. עס שיינט אַז דאָס מקום אָן אחינו בלייבט.

איך הולך ענטוועדער צו די וואַלאַכן (קיין רומעניען) אָדער קיין פּאָטאָק, כדי זיך נישט צו מוזן שיידן מיט דעם ליבען חיים. פייגע און די משפחה וועלן פאָרן קיין קאָלאָמיי, ביז דער ליבער חיים ניט פאַרלאָזט. אונדזערע ליבע אחינו זענען כמעט אַלע געפאָרן צו דער ליבען בראָניאַ און די קינדער, דער ליבע משחית האָט דאָ געבישעוועט עד אין קץ. דער ליבע הערש־לייב (מיין קוזין, אַ זון פון מענדעל פּריפּער) מיט דעם עלטערן מיידל זענען אויך געפאָרן. מיינע ליבע כתבים זכרונות וועל איך דאָ צוריקלאָזן, זאָבאַלד איר וועט נאָך דער מלחמה זיין ביי חיים נעמט די שיינע זיסע נקמה ביי די שונאים. די שענסטע גריס פון די איבערגעבליבענע מענטשן".

פון מיין ברודער און זיין ווייב איז אַ קאַרטל געקומען פונם 2־טן אָקטאָבער 1942, געשריבן אין יעזיעזשאַני (אָזשעראַן) ביי טשאָרטקאָוו, וואו זיי האָבן געוואוינט ביי קלמן ראָזענבלאַט. זיי האָבן נעבעך געמיינט אַז די יידן ווערן אויסגעמאָרדעט בלויז אין האָראָדענקע, און זיי וועלן זיך ראַטעווען אַנטלויפענדיק אין יענער זייט דניעסטער. אין דעם קאַרטל האָט מיין ברודער געשריבן: „מיר האָבן אייער קאַרטל פונם 24־טן אויגוסט דערהאַלטן. אַפּאָר טעג שפּעטער איז דער אָנקעל פחד צו גאַסט געקומען און איז געווען פינף טעג אין האָראָדענקע. פילע פון דער משפחה און בעקאַנטע זענען מיט אים מיטגעפאָרן, אויך אונדזער קוזין הערש־לייב מיט זיין עלטערער טאָכטער. מיר האָבן געמוזט איבערזידלען מיט ליידיקע הענט, און איצט קענען מיר שוין מיטפילן מיט דער טאַנטע אכילה, ווי שוואַך זי איז נעבעך. איר קענט אייך שוין פאָרשטעלן אונדזער מצב אין דער פרעמד, מיר זענען אַהער געקומען גאַנץ בלאַנק..."

דעם 10־טן סעפּטעמבער האָט אָשר ווידער געשריבן פון האָראָדענקע: „מיר לעבן מאָמענטאַן נאָך אין געטאָ. איך בין אויסגעריסן פאַר אַ קורצער צייט און האָב עפּעס צום עסן פאַרזאָרגט פאַרן טאַטען, פאַר פייגען און איר מאַן מיטן קינד. דאָ זעט אויס די שטאָט ווי נאָך אַ חורבן. עס זענען נאָך 60 אחינו צוריקגעבליבן, די אַנדערע אחינו האָבן נישט געקאָנט לעבן. דעם גורל פון די צוריקגעבליבענע אחינו איז נישט צו באַשרייבן. דיין ליבער הערש־לייב מיט דער עלטערער טאָכטער זענען שוין ביי בראָניאַ, די אנדערע צוויי קינדער לעבן דאָ, לא כשר. (געמיינט איז וואַרשיינלעך — נישט לעגאַל). דיין ברודער ברוך איז איבערזידעלט קיין טלוסטע. צי דער ליבער חיים האָט אים נישט פאַרלאָזט — ווייס איך נישט, ווייל דאָרט האָט דער הער שוחט אלף פון די אחינו אַוועקגענומען. דאָס מאָס פון צער האָט נאָך נישט דערגרייכט דעם סוף. לעת־עתה אַרבייט איך און האָב גענוג צו עסן. יאָ, די צען טעג וואָס איך בין, נישט פרייוויליק, געווען אין קאָלאָמיי, זענען פאַר מיר געווען אַ גוטע שולע. טראַכט וואָמעגליך דעם אונוועטער צו ענטגעהען, ווען מען וועט אייך רופען — אונטערלאָסט אַלץ".

אָשר האָט געוויס געמיינט דערמיט, אַז אויב מען וועט אונדז רופען, זאָלן מיר נישט גיין און זיך אויסבאַהאַלטן. ער האָט נישט געוואוסט אז מיר אַלע, מיין פרוי, מיין טאָכטער און איך, האָבן נאָך אין אויגוסט 1942 באַקומען רעקאָמאַנדירטע בריוו מיט דער אויפפאָדערונג צו פאָרן קיין וועסטערבאָרק. וועסטערבאָרק איז געווען דער זאַמל־קעמפּ אין האָלאַנד, און יעדע וואָך זענען פון דאָרט צוויי ביז דריי טראַנספּאָרטן אָפּגעפאָרן קיין אוישוויץ, צו די גאַזקאַמערן. נאָך דער מלחמה האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז מיין שוועגערין שרה, שלמה שטרייט׳ס עלטסטע טאָכטער, איז אין אויגוסט 1942 אַוועקגעשיקט געוואָרן פון ניעס קיין אוישוויץ, חאָטש דרום־פרנקרייך איז נאָך נישט געווען באַזעצט פון די דייטשן. אין אַלע לענדער פון מערב־אייראָפּע זענען געווען גרופּען פון היימישע נאַציס, וואָס האָבן געהאָלפן די דייטשן אויספירן זייערע פּלענער.

אַ קאַרטל פון אָשר׳ן פונם 14־טן אָקטאָבער האָט ענטהאַלטן בשורות־איוב פון אונדזער משפחה. אָשר האָט געשריבן: „נאָכדעם ווי איך בין נישט געווען אין קאָלאָמיי זייט פינף טעג, האָב איך זיך היינט דערוואוסט, אַז דאָרט איז אַ „חתונה" געווען און אַז דער טאַטע, פייגע, שמואל און דאָס קינד זענען אַוועקגעפאָרן, מסתם לעולם ועד, אין בעסטן פאַל למקום פון אַרבייט. עס ווייזט אויס, אַז דער גאַנצער קרייז סטאַניסלווי וועט בלייבן אָן אחינו. איך ווייס נישט אויב איך וועל נאָך לאַנג זיין מיטן ליבען חיים, אויף אַלע פעלע זענען די טעג געצעלט. ווען איך וועל זיין אין יענער זייט דניעסטער וועל איך אייך נאָך שרייבן. איר קענט מיר נאָך שרייבען. האָט מוט, מיר זענען צו אלעם גרייט. קאָן זיין, אויב איך וועל נישט האָבן קיין אַנדערן אויסוועג, וועל איך פרייוויליק פאָרן צו בראָניאַ׳ן און צו די ליבע קינדער".

אין אַ ווייטערן קאַרטל פונם 21־טן אָקטאָבער 1942 שרייבט אָשר: „איך האָב אַ קאַרטל דערהאַלטן פון שמואל׳ן (פייגע׳ס מאַן) פון אַ קעמפּ אין לעמבערג. ער שרייבט אַז פייגע, דער טאַטע און דאָס קינד זענען מסתם געפאָרן צו בראָניאַ׳ן און צו די קינדער. יאָ, די העראָאישע פייגע, איך האָב זי געוואָרנט און איר ערקלערט, אַז זי מוז דעם טאַטע פאַרלאָזן און אַוועקגיין מיט דער משפחה איבערן דניעסטר. אָבער זי האָט דאָס נישט געוואָלט טון, און איצט איז זי די העלדין וואָס האָט באַגלייט דעם טאַטען ביז צו דער לעצטער שעה. אונדזערע ליבע אחינו האָבן די קראַנקהייט ביז צום אויסערסטן דורכגעמאַכט, אין דעם גאַנצן קרייז קאָלאָמיי און סטאַניסלווי זענען געבליבן העכסטנס איין פּראָצענט. איר זאָלט אייך נישט ערגערן ווען דאָס קאַרטל וועט זיין דאָס לעצטע, אַלע פורעניות, וועלכע אַ דאַנטע האָט אפילו נישט געקאָנט חלומ׳ן, זענען אמת געוואָרן. ענטפערט אויב עס גייט אייך גוט. איר זייט די איינציקע צו וועלכע איך קאָן שרייבן מיינע חלומות און וואונטשען פון די נעכט אָן שלאָף. זייט מוטיק און פריילעך ביז צו דער לעצטע רגע. טויבע (מיין פרוי — זיין שוועסטער) זאָל וויסן, אַז דעם צוועלפטן אָקטאָבער 1942 זענען זיי (דער שווער, פייגע און דאָס קינד) אַוועק פון קאָלאָמיי. דעמאָלט וועט זיין זייער יאָרצייט. מיין יאָרצייט וועט קיינער נישט וויסן. מיין צוואָה האָב איך שוין פריער אייך געשריבן. ליבע טייערע, אַזוי לאַנג איך וועל

דאָ זיין וועל איך אייך שרייבן, איר זאָלט טון דאָס זעלבע. איך פאַרלאַנג שוין צו זיין ביי בראָניאַ'ן מיט די קינדער,ביים טאַטן און ביי פייגען".

נאָך אַן ענלעך קאַרטל ווי דאָס פונם 29־טן אָקטאָבער האָט אָשר ווידער געשריבן דעם 3־טן נאָוועמבער: „דורך אַ צופאַל האָב איך זיך ווידער מיט'ן ליבען חיים געטראָפן. מיין גאַנץ דענקען איז — פון אייך אַ לעבנסצייכן צו האָבן, איצט מוז איך שנעל האַנדלען, צו גיין קיין רומעניען אָדער קיין בוטשאַטש צום שוואָגער יוסף ראָדען. אך האָף אייך נאָך צו זען און אייך צו שרייבן. אונדזער תהום איז אין לשער. פונם טאַטען, פון פייגען מיטן קינד האָב איך קיין שום ידיעה. פון שמואל האָב איך געהאַט איין אייציק שרייבען און מער נישט. איך בין איצט געווען צוזאַמען מיט אחינו טראַנספּאָרטירט קיין קאָלאָמיי. אויפן וועג האָב איך מיר איבערלייגט, צי זאָל איך גיין צו בראָניאַ'ן אָדער צום חיים. דאָס לעצטערע איז מיר געלונגען, אויף ווי לאַנג ווייס איך נישט. אויב איך וועל אייך מער נישט שרייבן — זאָלט איר טראַכטן דעם ליבען אָנקעל נקמה צו באַזוכן".

אין דעצעמבער 1942 האָבן מיר באַקומען אַ קאַרטל פון אָשר'ן, געשיקט דעם 2־טן דעצעמבער פון בוטשאַטש. ער שרייבט: „אייער קאַרטל פונם 6־טן נאָוועמבער, וואָס איז געווען אַדרעסירט קיין האָראָדענקע, האָב איך ערשט איצט דערהאַלטן דורך אַ צופאַל. איך בין דאָ דריי וואָכן, נאָכדעם ווי איך בין זעקס מאָל געווען ביי דער גימל (געמיינט זענען די דריי, זיין ווייב אוןביידע קינדער). דיין אָנזיכט איבער דעם בעפינדען פונם טאַטען און פייגען מיטן קינד האָט מיך פאַרבליפט (איך האָב אָשר'ן געטרייסט אַז אפשר האָט מען זיי נישט דערמאָרדעט). איך האָב איצט דאָסזעלבע אַליין מיטגעמאַכט. פאָריקע וואָך האָב איך אויך דאָ געהאַט אַ חתונה. ב' אלפים זענען געפאָרן צו בראָניאַ. איך בין נישט אימשטאַנד די לעצטע איבערלעבענישן צו באַשרייבן. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט נישט קיין יעקע. צום סוף שרייבסטו זאַכן ווי איינער וואָס קומט פונ'ם מאַרס. טראַכט, ווען ס'איז מעגלעך, פון דאָרט אַוועקצופאָרן, כדי איר זאָלט נישט באַקומען די קראַנקהייט פון בראָניאַ. פון שמואל'ן האָב איך קיין ענטפער, כאָטש איך האָב אים צוויימאָל געלט געשיקט. וואַרשיינלעך איז ער אויך געפאָרן צו בראָניאַ'ן מיט די קינדער. איך בין דאָ ביי מיין שוואָגער און איך האָף עס וועט מיר געלונגען אין אַ דאָרף אַרבייט צו באַקומען, וועל איך האָבן צו עסן און אפשר מער אויסזיכטן אַז דער ליבע חיים זאָל ביי מיר בלייבן".

מיין ברודער ברוך האָט מיר דעם 20־טן דעצעמבער 1942 פון טולסטע געשריבן: „איך טייל אייך מיט, אַז מיר זענען ב"ה געזונט, השי"ת זאָל געבן פון אייך גוטס צו הערן. זייט דריי חדשים פירן מיר דאָס לעבן פון די שחורים (געמיינט איז: אַ לעבן פון ציגיינער). השי"ת זאָל העלפן, עס זאָל שוין אַ סוף נעמען. אויב ס'וועט נאָך לאַנג דויערן וועלן מיר דאָס נישט איבערלעבן. דער אָנקל פחד בושעוועט זער אָפט, די טאַנטע אכילה איז זייער שוואַך, ווייל מיר זענען אַוועק פון דער היים ווי מיר זענען געשטאַנען, אָן גאָרנישט. השי"ת זאָל העלפן, אַז דער אָנקעל ישועה זאָל ווי אַמשנעלסטן קומען".

דעם 25־טן דעצעמבער 1942 האָט אָשר פון בוטשאַטש געשריבן: „איך האָב אייך שוין צוויי קאַרטלעך געשריבן און האָב אויף ביידע קיין תשובה באַקומען. יעדאָך שרייב איך ווידער, אין דער האָפנונג אַז איר זייט געזונט. מיין טעזע וועגן דעם טאַטן, פייגן מיטן קינד און שמואלן איז געווען די ריכטיקסטע. זיי זענען אַלע ביי דער ליבען בראָניאַ מיט די קינדער, און דאָסזעלבע איז געשען מיט די ליבע אחינו. איך בין נאָך דערווייל מיט דעם ליבען חיים, געבע גאָט ער זאָל מיך אויך ווייטער נישט פאַרלאָזן. ביז איצט האָב איך געאַרבייט ביים לומפען־סאָרטירן, ווי עס וועט זיין נאָך דעם נייעם יאָר ווייס איך נישט. איך בעט אייך זער, שרייבט מיר אַיעדער באַזונדער, דאָ בין איך עלענד, און אָן אייך וואָלט איך שוין גאָרנישט געווען".

דעם 24־טן יאַנואַר 1943 האָט מיר מיין ברודער ווידער געשריבן אויס טלוסטע. דאָס איז געווען דאָס לעצטע קאַרטל זיינס: „אייער קאַרטל פונם 14־טן יאַנואַר 1943 האָבן מיר דערהאַלטן און עס פרייט אונדז וואָס איר זענט געזונט. מיר ענדערן די אַדרעסן, נישט אויס אייגענעם ווילן — אונדזערע צרות ענדערן זיי. אונדזער געבורטסאָרט (האָראָדענקע) איז פריי פון דער משפחה אחינו, אויך הערש לייב'ס קינדער זענען נישט ביי דער משפחה ערלים (דאָס הייסט, זיי לעבן נישט מער). פון אַלע איז נאָך געבליבן איין קינד מענדעלע, און דאָס קינד איז ביי מיר. הערש לייב איז אויך אָפּגערייזט. טיילע אייך מיט, אַז ביי מיר איז צום מזל אַ טאָכטער געבוירן געוואָרן, זי איז שוין דריי חדשים אַלט. איך האָב נישט געדאַכט, אַז איך וועל אייך דאָס קאַרטל קענען שרייבן, ברוך השם דערפאַר. השי"ת זאָל געבן פון אייך גוטס צו הערן, און מיר זאָלן אויף אייער ידיעה נאָך קענען ענטפערן".

דעם 21־טן יאַנואַר 1943 האָט אָשר ווידער פון בוטשאַטש געשריבן: „שטעלט אייך פאָר מיין שמחה. ווי איך בין פונם דאָרף צוריקגעקומען (איך אַרבייט דאָרט ביי אָפּפאַל־שטאָפּן) און האָב געטראָפן אייער קאַרטל פונ'ם 17 דעצעמבער 1942. מיין גאַנץ לעבן הענגט איצט נאָר אָן אייך, און די ווערטער פון טאָני (מיין ווייב, זיין שוועסטער) „זיי שטאַרק" האָבן מיך טיף געשטאַרקט. איך ווייס נישט ווי לאַנג איך וועל נאָך זיין מיטן ליבן חיים, אָבער איך בין טיף איבערצייגט אַז איר וועט בלייבן מיטן ליבן חיים, שוין דער נקמה וועגן. איך בין דאָ געווען ביי צוויי חתונות און בין דורך צופאַל נישט מיטגעגאַנגען. פונם טאַטן, פון פייגען און שמואל'ן קיין שום שפור. אחינו זאָגן, אַז די ליבע ישועה וועט באַלד אַ באַזוך ברענגען, השי"ת זאָל געבן. וואָס איך האָב געשריבן פון הערש לייב, ברוך גלאָגער און ווייסבראָד — דאָס איז הייליג, וואו זיי זענען איצט ווייס איך נישט. דיין ברודער ברוך מיט זיין ווייב זענען נאָך אין טלוסטע. ער איז שוין געווען געפּאַקט צו בראָניאַ'ן, לעצטנס האָט מען אַלע אחינו פון דעם מוות געלאָזט צוריקקערן. ווען ס'איז אייך מעגלעך שיקט מיר אַ פּאָר שיך נומער 43, ווייל מיינע זענען פאַרשליסן

און קיין האָראָדענקע קאָן איך נישט קומען, כאָטש איך האָב דאָרט נאָך אַ גרויס פאַרמעגן״.


אין יאַנואַר 1943 זענען שוין אין האָלאַנד געבליבן אָפיציעל ווייניקער ווי 10 פּראָצענט יידן. אָשר האָט געבעטן שיך — אַבער דאָס האָבן שוין אפילו די גויים נישט געהאַט. אין דעמזעלבן יאָר זענען מיר שוין אַלע געווען באַהאַלטן ביי גויים און האָבן אָפיציעל מער נישט עקזיסטירט.

דעם 25 יאַנואַר 1943 האָט אָשר געשריבן פון בוטשאַטש, דאָסמאָל אין אוקראַאיניש, נישט דייטש: „איך שרייב אייך פונם דאָרף, וואו איך אַרבייט ביים זאַמלען אַלט מאַטעריאַל. אין שטאָט איז פריקרע און דושנע צו זיצן, ווייל יעדן אויגנבליק טשאַטעוועט אויף אייך דער גורל פון דער טייערער בראָניא. איך באַמי מיך אויף וויפיל ס׳איז מעגלעך צו בלייבן אויסער דער שטאָט״. אין דעם קאַרטל האָט אָשר ווידער געבעטן צו שיקן אים אַ פּאָר שיך.

דאָס לעצטע קאַרטל פון אָשר איז געווען פונם 12־טן פעברואר 1943. ער האָט געשריבן: „איך האָב דערהאַלטן אייער קאַרטל פונם 12־טן יַנואַר 1943. איך האָב דאָס מזל, דאָס קאַרטל נאָך צו לעזן. אונדזערע מענטשען טאָרן מער נישט ארבייטן אין דער פּראָווינץ, נאָר אויסדערוויילטע מיט אַ „25״, און דאָס באַצייכנט פאַר מיר דעם אונטערגאַנג, ווייל דאָ אין שטאָט קאָן איך קיין שעה נישט לעבן. פאָריגע וואָך זענען דאָ ב׳ אלפים געפאָרן צו בראָניאַ, די אָפּרייזע איז געווען צום בית־עולם. ווער ווייסט צי איך וועל נאָך קענען שרייבן. איך קאָן מיך שוין שווער האַלטן, געבע גאָט מיר זאָלן זיך נאָך ווידערזען. דאָ און אין לעמבערג האָט זיך דיזעלבע לאַגע געשאַפן ווי אין האָראָדענקע. שווער נאָך מיט חיים צו בלייבן״.

ווי מיין שוואָגער יהושע האָט מיר מיטגעטיילט איז אָשר געפאַלן אַלס פּאַרטיזאַן. אין די קאַרטלעך וואָס ער האָט געשריבן ווייזט זיך אַרויס דער גרויסער מוט פון דעם מענטש אָשר שטרייט: אַנדערטהאַלב יאָר נאָכדעם ווי ער האָט געזען טויטן זיין ווייב און זיינע צוויי קינדער, האָט ער נאָך אויפגעבראַכט דעם מוט און די ענערגיע, צו קעמפן פאַר זיין לעבן.

איצט, ווען די בריוו ווערן פאַרעפנטלעכט, ענטהאַלטן זיי מער נישט קיין שום נייעס. די מעטאָדן פונם נאַציזם צום פאַרניכטן זענען איצט באַקאַנט אויף דער גאַנצער וועלט, בעיקר נאָך דעם אייכמאַן פּראָצעס. אין מערב־אייראָפּע, וואו זיי האָבן נישט געוואַגט אָנצווענדן די זעלבע מעטאָדן, ווי לאָזן מענטשן גראָבן זייער אייגענעם גרוב און זיי דערנאָך דערשיסן, האָבן זיי דורכגעפירט זייער פּרינציפּ אונטערן נאָמען „ארבייטס־איינזאַץ״. און יידן האָבן נישט געקאָנט דערוואַרטן, אַז מענטשן זענען פעאיק צו אַזעלכע רציחות, און האָבן זיך געלאָזט פירן צו דער שלאַכטבאַנק ווי שאָף. ליידער האָבן די יידן פונם וואַרשעווער געטאָ דערזען דעם אמת צו שפּעט.



ראובן פריפער

די פאָלקס־קיך און דער בית־יתומים

אין מיין באַשרייבונג וועגן די טראַגישע געשעהעניש אין אונדזער שטאָט אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה האָב איך אויך דערמאָנט, אַז אין דער צייט פון דעם אונגאַרישן רעזשים איז געגרינדעט געוואָרן ביי אונדז אַ קיך, וואָס האָט זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַרטיילן וואַרעמע מאָלצייטן פאַר די פאַרטריבענע אונגאַרישע יידן, בשעת זייערע טראַנס־פאָרטן האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי אונדז אין שטאָט. איך האָב אויך דערציילט, אַז די זעלבע גרופע יונגעלייט, וואָס האָבן געגרינדעט די קיך און זי אויפגעהאַלטן, האָבן שפעטער זיך פאַרנומען אויך מיט די יידישע יתומים, וועלכע מען האָט ארויסגעשטעלט פונעם אַלגעמיינעם בית־יתומים באַלד ביים אָנפאַנג פון דעם נאַצי־רעזשים. עס איז אָבער כדאי דאָס אַלץ זאָל באַשריבן ווערן מער אויספירלעך, כדי אַזוי אַרום צו אונטערשטרייכן די גרויסע איבערגעבנקייט פון די יונגע עסקנים, און בעיקר פון דעם איינציקן עלטערן מענטש וואָס האָט זיי אונטערשטיצט און געהאָלפן מיטן גאַנצן האַרץ, פון ישראל קוגלער ז״ל.

געוועזן איז דאָס גאַנץ ביים אָנהויב פון דער טראַגישער תקופה, אין דער צייט פונעם אונגאַרישן רעזשים, אַ קורצע צייט איידער די נאַציס האָבן איבערגענומען די הערשאַפט ביי אונדז אין געגנט. אין יענער צייט האָבן די אונגאַרן באַשלאָסן „אויסצוווייזן״ אַ גרויסן טייל פון די יידישע איינוואוינער פון זייער לאַנד, און געפונען אַן אויסרייד, אַז זיי זענען כלומרשט „פרעמדע״, ניי־צוגעקומענע. האָט מען אָנגעהויבן זיי אַרויסטרייבן, און מחנות־ווייז געפירט זיי מיט אויטאָמאָבילן אָדער צופוס קיין אוקראַאינע, אין דעם געביט וועלכן די רוסן האָבן פאַרלאָזט און די דייטשן האָבן באַזעצט. געפירט האָט מען זיי איבער גאַליציע, און ווי באַלד זיי זענען געקומען אין אַ שטאָט, האָט מען זיי געגעבן די „פרייהייט״ צו גיין איבער די הייזער און זיך אויסבעטן אַ שטיקל ברויט, אַ לעפל וואַרעמס אָדער אַ מלבוש. די האָראָדענקער האָבן זיי געהאָלפן מיטן גאַנצן האַרץ, אָבער די לאַגע אין שטאָט איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג, און עס איז וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן זיי צו העלפן.

דער אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני״ („ציוניסטישע יוגנט״) איז געוועזן טוביה קאָרן, דער עלטסטער זון פונעם העברעאישן לערער בנימין קאָרן ז״ל, און ער האָט עס אָרגאַניזירט אַ גרופע חברים פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע און זיי געגעבן דעם געדאַנק צו גרינדן אַ פאָלקס־קיך, וואָס זאָל געבן די אָרעמע וואַנדערער אַ וואַרעמע מאָלצייט כאָטש איינמאָל אין טאָג און זיי באַפרייען פון דעם „גיין איבער די הייזער״. אין דער גרופע האָבן זיך באַטייליקט די חברים: נינאַ אוערבאַך, קלאַראַ האַרטענשטיין, בערל האָפמאַן, נוסיאַ וואַכער, ראובן פריפער, שרה פרענקעל, סאַלקאַ פרידמאַן, סאַווקאַ צווידערער, מאַניאַ קוגלער, יוסף קאָך, שלמה קאָרן, יוסף רייס, און מוניע שעכטער. פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעט האָט געדאַרפט געטון ווערן פרייוויליק, אָן געלט, אָבער דאָס געלט צום איינריכטן די קיך און צום איינקויפן פון די לעבנסמיטעל האָבן מיר געדאַרפט באַקומען פון אַ שטעטישער קאַסע; און דאָס שווערסטע פראָבלעם איז געווען צו געפינען אַ דירה, וואו מען זאָל קענען כאָטש מאַכן דעם אָנהויב.

אין יענער צייט איז שוין געווען אין שטאָט אַ מין „יודענראַט״, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַר־מיטלען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און די אונגאַ־רישע רעגירונגס־אַמטן, און נאָך אַזעלכע אויפגאַבן, וואָס זענען געווען אַ פועל־יוצא פון דעם אויסנאַם־צושטאַנד און האָבן אייגענטלעך נישט געהערט צו די ענינים פון דער קהילה. אַז מען האָט דערלאַנגט דעם „יודענראַט״ דעם פראָיעקט פון שאַפן אַ פאָלקס־קיך, האָבן זיי באַלד איינגעשטימט, און זיי האָבן פאַרזיכערט צו געבן אונדז יעדע מעגלעכע הילף. אָבער בלויז איינער פון די מיטגלידער פון „יודענראַט״ איז פון דעם געדאַנק באַגייסטערט געוואָרן און האָט זיך „איינגעשפאַנט״ אונדז צו העלפן מיטן גאַנצן האַרץ, און דער איינער איז געווען ישראל קוגלער.

די שווערע פראַגע פון געפינען אַ דירה איז געלעזט געוואָרן אַ דאַנק דער ברייטהאַרציקייט פון מאָטיע סאָבעל, וואָס האָט אונדז קודם איבערגעגעבן איין צימער פון זיין דירה (אין שכנות פונעם פוילישן קלויסטער), און אַז ער האָט געזען אַז דאָס איז צו ווייניק, האָט ער אונדז איבער־געגעבן זיין גאַנצע דירה און איז אַליין געגאַנגען וואוינען ביי זיין שכן אָשר שעכנער. אָבער באַלד האָבן מיר געזען, אַז די גאַנצע דירה איז אויך צו ענג פאַר דער קיך (געווען צייטן ווען מיר האָבן פאַרטיילט בערך טויזנט מאָלצייטן אַ טאָג); האָט מען איבערגעטראָגן די קיך קודם אין הויז פון שמעון קוועטשער (ביי דער פוילישער גימנאַזיע), און דערנאָך האָבן מיר באַקומען די דערלויבניש זיך צו באַנוצן מיט דעם צווישטאָקיגן הויז פון מיכל קאַמיל, וואָס איז נאָך נישט געווען אויסגעענדיקט, און דאָרט האָבן מיר שוין געהאַט גענוג פלאַץ פאַר אונדזער טעטיקייט.

דאָס צווייטע שווערע פראָבלעם איז געווען צו באַקומען די נויטיקע לעבנסמיטעל פאַר דער קיך, און דעם עול דערפון האָט גענומען אויף זיך ישראל קוגלער און ער האָט זיך דערפאַר ממש מוסר־נפש געווען. די לעבנסמיטעל האָט מען געקענט באַקומען נאָר אין די דערפער, און אַרומצופאָרן אין די דערפער צווישן די אויפגעהעצטע גוים איז שוין דעמאָלט געווען גאָר געפערלעך, אפילו ווען מען האָט געהאַט אין האַנט אַ פאַספאָרט פון די דייטשן, וועלכע זענען אינצווישן געוואָרן די הערשער אין שטאָט און אין דער געגנט. קוגלער איז שוין דעמאָלט געווען אַ ייד פון איבער זעכציק יאָר, און דאָך פלעגט ער טאָג־טעגלעך ארויספאָרן מיט אונדזערע חברים אין איינעם פון די אַרומיקע דערפער כדי צו באַזאָרגן די נויטיקע לעבנסמיטל פאַר דער קיך.

עטלעכע חדשים פֿאַר דער ערשטער „אַקציע" האָבן די דייטשן געהייסן אַרויסנעמען קעגן דרייצן יידישע יתומים פֿון דעם אַלגעמיינעם בית־יתומים. אונדזער גרופּע האָט גענומען אויף זיך אויך די פּירונג פֿון דעם קליינעם יידישן „בית־יתומים", וועלכן מען האָט איינגעאָרדענט אויף דעם צווייטן שטאָק פֿון קאַמילס הויז, איבער דער קיך. מיר האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז דער „יודענראַט" זאָל אונדז לאָזן דערציען די קינדער אין יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט און אין דער העברע־אישער שפּראַך, און אויך אין דעם פּונקט האָבן מיר געפֿונען ביי ישראל קוגלער דאָס פֿולסטע פֿאַרשטענדניש: ער האָט אונטערשטיצט אונדזער שטאַנדפּונקט, ביז דער „יודענראַט" האָט אונדז געלאָזט דערציען די קינדער אַזוי ווי מיר האָבן פֿאַרשטאַנען.

✶

די ערשטע „אַקציע" האָט טראַגיש פֿאַרענדיקט די דער־מאָנטע טעטיקייט פֿון „הנוער הציוני". באַלד אינדערפֿרי האָט מען אַוועקגענומען די קינדער, נאָך איידער זיי האָבן אויפֿ־געגעסן זייער פֿרישטיק, און מיט זיי צוזאַמען האָט מען אַוועקגענומען אויך אונדזער חבר טוביה קאָרן. מען האָט אים געוואָרנט ער זאָל זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן די קינדער אַליין אין דער סכנה. און אַזוי האָט מען זיי אַלע צוזאַמען אַוועקגענומען, צו זייער לעצטן גאַנג...

אויך ישראל קוגלער האָט ביי דער ערשטער אַקציע פֿאַרלוירן זיינע נאָענטע, און ער איז געבליבן איינזאַם און עלנט. אָבער דעמאָלט האָט נאָך קיינער נישט געגלייבט, אַז עס וואַרט אַלעמען דערזעלבער גורל ווי אונדזערע ברידער וואָס זענען אומגעקומען אין מיכאַלטש. און דעמאָלט האָט קוגלער געגרופּן צו זיך עטלעכע חברים פֿון „הנוער הציוני" און האָט זיי איבערגעגעבן זיינע אַ צוָאה, אַז אויב עס וועט נאָך אַמאָל זיין אַ וועלט און ער וועט דאָס נישט דערלעבן — זאָל זיין גאַנץ פֿאַרמעגן ווערן פֿאַרטיילט צווישן די יידיש־נאַציאָנאַלע פֿאָנדן. עס איז מעגלעך, אַז אין דעם געדאַנק איז געווען אַ גרויסע מאָס פֿון נאַאיוויטעט און אַז ער האָט זיך לייכט געקענט אָפּזאָגן פֿון דעם פֿאַרמעגן, וואָס האָט פֿאַר אים קיין שום ווערט נישט געהאַט; אָבער דאָס באַווייזט אויך פֿון וואָס דער מענטש האָט געטראַכט אין יענער טראַגישער לאַגע, און ווי איבערגעגעבן ער איז געווען פֿאַרן יידישן פֿאָלק, פּונקט ווי ער האָט מיט איבערגעבנקייט געהאָלפֿן און געאַרבעט פֿאַר דער קיך און דעם בית־יתומים.

זאָלן מיינע ווערטער העלפֿן פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון מיינע אומגעקומענע יונגע חברים און פֿון אונדזער געטרייעם מיטהעלפֿער ישראל קוגלער ז"ל.

בלומע בערקאָווער / פֿאַר און נאָך דער מלחמה

האָראָדענקע איז מיין געבורטס־שטאָט, דאָרט בין איך אויך דערצויגן געוואָרן; דאָרט האָב איך געאַרבעט און געלעבט ביז צום אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. קען זיין, אַז טאַקע דערפֿאַר האָב איך געהאַט אַזאַ סענטימענט צו דעם קליינעם שטעטעלע, און האָב געמיינט אַז קיין שענערס און בעסערס איז נישטאָ אויף דער וועלט. מיר האָבן געהאַט אַ פֿאַרצווייגטע משפּחה אין האָראָדענקע און אין אַנדערע שטעט, און מיר זענען אָפֿט אַרויסגעפֿאָרן צו אונדזערע קרובים, אָבער שטענדיק האָב איך געבענקט נאָך דער פֿריילעכקייט פֿון אונדזער שטעטל. ווער קען דען באַשרייבן די היימלעכקייט און יום־טובדיקייט פֿונם שטעטל, ווען ס'איז געקומען אַ שבת אָדער אַ יום־טוב. ביי אונדז איז געווען אַ שיינע, גוטע און נישט קיין פּוסטע יוגנט, מען האָט אַ סך געלייענט און פֿאַר־בראַכט אין פֿאַרשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. יעדער האָט געהאַט עפּעס אַ ציל אין לעבן. דאָס שטעטל אַליין איז מיט דער צייט שענער און ציכטיקער געוואָרן, האָט זיך געטונקען אין גרינקייט פֿון ביימער, און אין מיינע אויגן האָט עס אויסגע־זען ווי אַ גאָרטן. דאָס איז געווען ענג פֿאַר דער מלחמה.

צען טעג נאָכן אָנהויב פֿון דער מלחמה צווישן דייטשלאַנד מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד, דעם 1־טן יולי 1941, זענען מיר אַרויס פֿון דער שטאָט, און נאָך שווערע וואַנדערונגען זענען מיר געקומען טיף אין ראַטנפֿאַרבאַנד. צוריק קיין האָראָדענקע זענען מיר געקומען אין נאָוועמבער 1945. אָבער וואָס האָבן מיר געטראָפֿן? גייענדיק צופֿוס פֿון דער באַן־סטאַציע ביי דער צוקערפֿאַבריק דורך דער גוישער גאַס, האָבן מיר קיין סימן נישט געזען פֿון מלחמה. אָבער באַלד ווי מיר זענען צוגעקומען צו „ניקאַלעסקעס קלויסטער" (ווי מען פֿלעגט אים רופֿן), האָבן מיר שוין גלייך געזען דעם פּוילישן קלויסטער: דער מיטעלער טייל פֿון דער שטאָט מיט אַלע יידישע הייזער, וואָס האָט אַ מאָל פֿאַרנומען אַ גרויסן שטח, איז געווען פּריי, גלייך מיט דער ערד. דער ליידיקער פּלאַץ האָט זיך ווי איינגעקאָר־טשעט. ווי מען האָט אונדז איבערגעגעבן, האָבן די אוקראַ־אינער אַליין צענומען די יידישע הייזער ביז די פֿונדאַמענטן, זוכנדיק יידיש האָב און גוטס; דערנאָך האָבן זיי אַ טייל פּרייע פּלעצער צעגראָבן און פֿאַרזעצט קאַרטאָפֿל און אַנדערע מינים גרינצייג. גאַנץ געבליבן זענען בלויז אַ פּאָר געציילטע יידישע הייזער אויף דער הויפּטגאַס. די פּאָר יידן וואָס זענען ביים לעבן געבליבן אין געביט פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע, און די קליינע צאָל צוריקגעקומענע פֿונם ראַטנפֿאַרבאַנד, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין צוויי הייזער, האָבן דאָרט גע־וואוינט אַלע צוזאַמען, געלעבט פֿון צוהאַנדלען, און געוואַרט אויף דער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן. איך בין אַ מאָל אַ זונטיק געשטאַנען אויפֿן שוועל און זיך צוגעקוקט ווי די גויים שטראָ־מען מאַסנווייז אין קלויסטער אַריין. קיין איינער פֿון זיי האָט נישט געפֿעלט, און זיי האָבן אויף מיר געקוקט מיט פֿאַרוואונ־דערונג, ווי אויף אַ געקומענער פֿון יענער וועלט. אָבער נישט קוקנדיק אויף די מאַסן אוקראַאינער, האָט אין שטאָט גע־הערשט אַ טויט־שטילקייט, און אויפֿן האַרץ איז געווען שווער

פונעם חרב־געוואָרענעם יידישן לעבן. עס פעלן די ווערטער דאָס איבערצוגעבן. פאַר אַ מענטש וואָס האָט דאָרט געקענט יעדעס וועגעלע און יעדעס שטעגעלע איז דאָס געווען שרעקלעך צוצוקוקן. האָראָדענקע, וואָס איז געווען אַ פּאָוויאַטאָווע שטאָט מיט אַזוי פיל דערפער אַרום זיך, איז געוואָרן אַ קליינטשיקער פונקט אויף דער מאַפּע, ערגער ווי דאָס קלענסטע דאָרף. קיין איינציקער האָראָדענקער איז דאָרט נישט געבליבן וואוינען; היינט צו טאָג זענען דאָט פאַראַן אַ פּאָר יידן פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָס איז דער שרעקלעכער סך־הכל פון אונדזער יידיש שטעטל האָראָדענקע.

מענדל גאָלדבערגער / די שטאָט נאָכן חורבן

דעם זעקסטן יוני 1944 איז ווי אַ בליץ דורכלאָפן מיין גאַנצן גוף, ווען איך האָב געהערט אַז האָראָדענקע איז באַפרייט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי. נישט קוקנדיק דאַרויף וואָס מיר זענען געווען גאָר ווייט פון האָראָדענקע, האָט זיך מיין קאָמענדאַנט (איך בין געווען אַ זעלנער אין דער סאָוויעטישער אַרמיי) וואַרעם אָפּגערופן אויף מיין בקשה און מיך באַפרייט אויף עטלעכע טעג, איך זאָל קענען באַזוכן מיין אַלטע היים. מיר האָבן שוין דעמאָלט געוואוסט וואָס די נאַצישע מערדער האָבן געטון מיט די יידן, אָבער פאָרנדיק אַהיים בין איך געווען פול מיט האָפענונג עמעצן צו טרעפן נאָכן גרויסן חורבן.

ווי איך בין אָנגעקומען צו דער פאָרשטאָט, פון דער זייט פון דער „טאָליקע", האָב איך באַלד דערזען די שוואַרצע, פינצטערע ווירקלעכקייט. איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן בלויז צעבראָכענע און צעריסענע יידישע הייזער, פון וועלכע עס זענען געבליבן בלויז די סקעלעטן. איך האָב געקוקט אין אַלע זייטן, אָבער איך האָב קיין איינציק יידיש פּנים נישט געזען. און איך האָב געפילט ווי מיינע האָפענונגען פאַרשווינדן פון מינוט צו מינוט און ווערן אויסגערונען. איך גיי ווייטער און ווייטער, און זע אַז קיין איינציק יידיש הויז איז נישט גאַנץ געבליבן.

איך קום צום שיידוועג, וואו איין וועג פירט קיין קאָלאָמיי, דער צווייטער קיין סניאַטין און דער דריטער אין שטאָט אַריין. קוים־קוים דערקען איך דאָ דאָס הויז פון יחזקאל גיטער, דעם תבואה־סוחר. אַלץ אַרום איז חרב ונחרב, טויט און פּוסט. איך גיי ווייטער און קום צום מאַרק־פּלאַץ. אויך דאָ איז אַלץ פּוסט, ווי אויף אַן אַלטן בית־הקברות. איך זע נישט קיין יידיש פּנים און הער נישט קיין יידיש וואָרט. אָט אויף דעם פּלאַץ און אין די געסלעך אַרום האָט געלעבט אַזאַ שיינער יידישער קיבוץ, האָט אַזוי שיין געקלונגען די יידישע שפּראַך פון אונדזערע אומפאַרגעסלעכע עלטערן, שוועסטער און ברידער. איצט איז אַלץ טויט און שטיל. געווען אַ מאָל אַ שטאָט און איז אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן. איך בין גאַנץ דערשיטערט פון דער טראַגעדיע פון דער שטאָט בכלל און פון מיין משפחה בפרט. מיינע פיס גייען, אָבער איך ווייס קוים וואוהין איך גיי.

און אָט שטיי איך פאַר דער גרויסער שיהל, דער שטאָלץ פון דער שטאָט. געבליבן זענען פון איר די ליידיקע ווענט, אָן טירן און פענצטער. איך גיי אַריין אין שיהל און זע פאַר מיינע אויגן בלויז צעריסענע שמאַטעס, פאַרבלוטיקטע און פאַרטרוקענטע. איך זוך צווישן זיי — אפשר וועל איך געפינען עפּעס אַ זכר, אָבער אומזיסט איז מיין אַרבעט. עס איז קיין זכר געבליבן פונעם פאַרשוואונדענעם לעבן. און איך זע פאַר מיינע אויגן די אַלע קדושים, וואָס זענען דאָ אומגעקומען פון הונגער און פיין, אין עלענד און אין נויט. מיט אַן אָנגעווייטיקט האַרץ פאַרלאָז איך די שיהל און גיי צום פּלאַץ וואו די באַראַקן זענען געווען. אָבער אויך דאָ איז גאָרנישט געבליבן אויסער חורבות, ווי נאָך אַ גרויסער שריפה.

איצט בלייבט מיר נאָך איין זאַך צו טון — צו גיין אויף מיין טאַטנס קבר. אָבער אויך דאָס איז נישט לייכט. די רוצחים און באַנדיטן האָבן אַפילו פאַר די טויטע קיין רעספּעקט נישט געהאַט. זיי האָבן די קברים געשענדעט, די מצבות צעבראָכן און אַרויסגעריסן און מיט זיי די טראָטואַרן געפלאַסטערט. איך בלאָנדזשע אַרום און זוך מיין טאַטנס מצבה, און איך פיל אַז עס גייען מיר אויס מיינע כוחות.

צום גליק שטייט די מצבה אויף איר פּלאַץ, איינע פון די געציילטע מצבות וואָס זענען אויף זייער אָרט געבליבן. דאָ שטעל איך זיך אַוועק אויסוויינען און אויסגיסן מיין ביטער האַרץ. מיט די לעצטע כוחות און מיט פינצטערקייט אין די אויגן פאַרלאָז איך דעם בית־הקברות און גיי צוריק אין שטאָט.

איך קום צו צו דעם הויז מיט די צוויי זיילן, וואו ס'איז אַמאָל געווען אונדזער אָרגאַניזאַציע, דער קלוב פון „התאחדות־פּועלי־ציון". פון אַלע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט איז דאָס געווען די שטאַרקסטע, די טעטיקסטע, מיט אַ גרויסער צאָל מיטגלידער און אַ סך פעאיקע חברים, וואָס האָבן געהאַלטן רעפעראַטן, געפירט דיסקוסיעס, און געגעבן אַלע חברים און סימפּאַטיקער די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער אידעאָלאָגיע פון דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. און איך דערמאָן זיך אָן מיינע ליבע חברים, ווי איצי שעכטער, די ברידער ליסער און אַנדערע, וואָס זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען און איך וועל זיי שוין קיינמאָל נישט זען.

ווי איך גיי אַרום אין שטאָט, קומט צו מיר צו אַ רוסישער זעלנער און פרעגט וועמען איך זוך; אויב איך זוך יידן, קאָן איך זיי געפונען אין אָט־דעם הויז — און ער ווייזט מיר אויף דעם הויז פון שמואל פרישלינג, דעם זייגערמאַכער. איך בין אַריינגעגאַנגען און געטראָפן דאָרטן עטלעכע האָראָדענקער יידן. פון זיי האָב איך זיך דערוואוסט, ווי אַזוי אונדזער שטאָט איז פולשטענדיק חרוב געוואָרן.

וויינענדיק און באַגלייט פון געוויין האָב איך זיי פאַרלאָזט און בין צוריקגעפאָרן צו מיין רעגימענט.

דבורה גלאצער

פון מיינע ביטערע איבערלעבענישן

דריי גאַנצע מאָנאַטן עס זענען פאַרגאַנגען —
עס האָבן אין פעלד נישט געגרינט נאָך קיין זאַנגען —
זייט איך בין אַנטלאָפן פון נאַצישער שווערד
און זיך איינגעגראָבן גאַנץ טיף אין דער ערד.

איך לעב און איך אָטעם, איך עס און איך טרינק,
און טייל מאָל פאַרגעס איך און טו אויך אַ זינג,
נאָר באַלד איך דערמאָן זיך מיט גרויל און מיט שרעק:
ווי מעגסטו? אַז אַלע דיינע זענען אַוועק — — —

און גלויבט מיר, איר טייערע, אַלץ איז געקינצלט,
מיט אָנשטעל געערדט און געלאַכט און געשמינצעלט;
טיף־טיף אין מיין האַרץ ליגט די ווייטיק באַגראָבן —
איך וועל שוין קיין אמתע שמחה נישט האָבן.

נישט איינמאָל איך פרעג זיך, אין שעהן אין באַנגע:
פאַרוואָס ביסטו נישט דאָרט מיט ז י י מיטגעגאַנגען?
מסתם איז אַזוי אָנגעצייכנט מיין גורל,
כ׳זאָל בלייבן פאַרלאָזן, פון אַלע פאַרלוירן.

ס׳איז יעדער געלאָפן פאַר זיך ווי אַ בלינדער,
אַ פרוי אָן אַ מאַן און אָן עלטערן קינדער.
די ערד האָט געברענט יעדן אונטער די פיס,
דער פּחד האָט אונטערגעטריבן מיטן שפּיז.

ס׳האָט יעדער געזוכט זיך אַ גרוב צום פאַרשטעקן,
דער שונא האָט געטשאַטעוועט אין גאַסן און עקן.
נישט ווילענדיק איך האָב זיך מיט מיינע צעשיידט,
און ווייס נישט ביז היינט זייער סוף, זייער לייד.

איצט בין איך פאַרוואַנדלט אינגאַנצן אין פּיין,
איך זיץ אין דעם בונקער און זע נישט די שיין.
די וועלט איז אַ שיינע, אָ׳ן גרויס אָן אַ שיעור,
פאַר מיר איז פאַרשלאָסן אי פענצטער אי טיר.

ווען איך זאָל אַ קוק טון אינדרויסן — עס ציט! —
מען וואָלט מיך דערהרגעט, ווייל איך בין אַ ייד!
פאַר אונדז איז צופיל פון חזירים די שטאָל,
מען זוכט אונדז און שיסט אונדז אין טיפסטן קאַנאַל.

פאַרברעכערס די גרעסטע — זיי איז דאָך פיל בעסער!
מסתם זענען אונדזערע זינד אַ סך גרעסער...
זיי זיצן דאָך ווייניקסטנס ביז אַ טערמין,
און שרעקן זיך נישט פאַרן פירן אַ ה י ן...

זיי מעגן הויך ריידן, פונם פענצטער געניסן,
און אַז מען דערזעט זיי — וועט מען זיי נישט שיסן.
עס לויערט אויף זיי נישט די שרעקלעכע נעץ —
פאַרניכטונגס־באַפעל פון רוצחס געזעץ.

און דאָך וויל איך לעבן, וויל וואַרטן און לעבן,
צום טאָג פון דער פרייהייט איך טו נאָך אַלץ שטרעבן,
צוזאַמען מיט מיינע אומגליקלעכע פריינד,
וואָס שוועסטער און ברידער זיי זענען מיר היינט.

כאָטש מיר זיצן דאָ אין דער נעץ און אין שימל,
און ס׳ראַיען די שרצים אַרום אין געווימל,
און ס׳טוען אומריינע אינזעקטן אונדז בייסן
און בלוטיק צעשטעכן דעם קערפּער, צערייסן.

און אונדזערע פּנימער זענען פאַרבלאַסטע,
די הויט אַ צעביסענע און אַ צעכראַסטע,
און אונדזערע כוחות זיי לאָזן זיך אויס — —
אוי! לאָז אונדז שוין, גאָטעניו, פון דאַנען אַרויס!

מיר לעבן אין שרעק און אין הונגער און נויט,
און טייל מאָל עס דאַכט זיך — שוין לייכטער דער טויט...
און דעמאָלט פאַרצווייפלונג וויל האָפענונג באַזיגן —
עס שרייט אָבער האָפענונג: זיי שטיל! זאָגסט אַ ליגן!

אין אָט־די פאַרצווייפלטע, שוואַרצע מינוטן,
ווען ס׳טוען זיך צרות ווי האָגל צעשיטן,
שטייט האָפענונג צעקאָפּנס מיר מוטיק און האַרט:
פאַרצווייפל נישט, קינד מיינס, דו וואַרט נאָר און וואַרט!

דו ביסט פון אַזוי פיל שוין קוילן אַנטרונען,
פון האַרצן אַזוי פיל שוין בלוט דיר געראונען,
ס׳האָט טויט דיך געזוכט אין די קעלערס און הויפן,
און ס׳איז דיר געלונגען פון אים צו אַנטלויפן.

עס ווערט אין די גלידער אין אַלע מיר קאַלט,
ווען כ'זע פאַר זיך ס'שוידערלעכע בילד אין דעם וואַלד,
ווען איך בין געגאַנגען צום טויט מיט מיין קינד —
עס טראָגט מיר זיין קול נאָך דאָס וואָיען פון ווינט.

עס שאַלן מיר נאָך זיינע ווערטער אין די אויערן,
(אוי זון מיינער, בעסער כ'וואָלט דיך נישט געבוירן):
„הוי, מאַמינקע! ראַטעווע! כ'וויל אַזוי לעבן...״
נאָר ווי זאָל איך ראַטעווען, דעם מערדער דאָנעבן?!

איך האָב אים צום האַרצן מיט פחד געדריקט,
עס האָבן די טרערן זיין קול אים פאַרשטיקט.
ווי אַזוי איז מיר דאַן מיין נשמה נישט אַרויס?
מען האָט אונדז געגעבן אין קבר אַ שטויס — — —

עס האָט זיך דערהערט דאַן אַ קנאַל נאָך אַ קנאַל,
מיר זענען מיט איין מאָל געגעבן אַ פאַל,
און ווי מיר! מיין קינד האָט די קויל אָנגעטראָפן,
און מיך נישט געוואָלט, ביי מיר בלויז דורכגעלאָפן!

און אַז איך האָב פלוצים מיין אומגליק דערזען,
וואָס ס'איז מיט מיין אָרעמען קינד דאָ געשען —
האָט באַלד מיר געגעבן אַ שווינדל פאַר די אויגן
און כ'בין גלייך געפאַלן און זיך אויסגעצויגן.

ווי גוט און ווי פיין איז מיר דעמאָלט געווען.
כ'האָב גאָרנישט געהערט און כ'האָב גאָרנישט געזען.
כ'האָב אָבער דערוועקט זיך פון טויטלעכן שלאָף,
און האָב באַלד דערזען מיין גרויס אומגליק און שטראָף.

אָט ליגן די טויטע, מיר נאָענט און באַקאַנט —
זיי ליגן פאַרבלוטיקט, צו שפּאָט און צו שאַנד.
און איך בין געווען איינגעטונקען אין בלוט,
געמיינט אָט־אָט קומט ער, דער טויט, די מינוט.

איך האָב אים געבעטן: אוי קום שוין, געשווינד!
געדריקט צו די ליפּן די הענטלעך פון קינד...
און ס'האָבן די קוילן איבערן קאָפּ מיר געשוועבט,
און מיך נישט באַרירט, איך האָב אַלץ נאָך געלעבט!

און ס'איז בין־השמשות און אָוונט געקומען,
און האָט זיי, די רוצחים, פון דאָרטן פאַרנומען.
און איך, פון דעם בלוט פון מיין קינד נאָך באַפלעקט
ס'האָט ווילן צום לעבן אין מיר זיך דערוועקט.

ווי זאָל איך דאָס דאָזיקע געפיל דאָ באַשרייבן?
דאָס וועט שוין אויף אייביק אַ סוד מיר פאַרבלייבן.
ווי גרויזאַם איך האָב זיך אַליין מיר באַוויזן —
עס האָבן מיין האַרץ מיר געריסן צוויי ריזן.

איך האָב זיך פונעם קינד, פון די טויטע געשיידט,
געזוכט מיט די אויגן, וואו אַן אויסוועג עס גייט.
עס האָט מיך דער חשק צום לעבן געריסן,
איך האָב נאָך געטון פון די טויטע געניסן.

איך האָב נישט געצווייפלט און לאַנג נישט געטראַכט,
און האָב מיר פון מתים אַ טרעפּל געמאַכט, —
צו קענען אַרויס פון דעם גרוב אין דער וועלט —
איך האָב מיינע פיס אויף די טויטע געשטעלט.

אַזוי האָב איך זיך פון דעם קבר געראַטעוועט — — —
עס טוט נאָך דער שונא דאָ לויערן און טשאַטעווען.
און וויפיל נאָכדעם האָב איך מיטגעמאַכט פּיין!
דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון צער און געוויין.

נאָר ס'טליעט אַלץ האָפענונג ביי מיר אין נשמה — — —
און ז י ייסט מיר וואַרטן! כ'וויל זען נאָך נקמה!
פאַר אונדזערע נאָענטע, פאַר קרובים און פריינד,
וואָס זענען אומשולדיק געפאַלן פון פיינט.

אויף אונדז איז געפאַלן אַ שרעקלעכע שטראָף,
מען האָט אונדז געקוילעט ווי כשרע שאָף.
מיר זענען דאָך שוין אַזוי ווייניק געבליבן,
באַרויבט פון דער פרייהייט, פון היימען פאַרטריבן.

נו, העלף דאָך שוין, גאָטעניו, האָב שוין רחמנות!
איז דען נישט געפאַלן גענוג שוין קרבנות?
שיק צו די דערלייזונג, פון נאָענט צי פון ווייט,
מיר זאָלן פאַרלאָזן דעם בונקער באַפרייט.

סעפּטעמבער, 1943.

טיפן און געשטאלטן

רבנים און דיינים

דער לעצטער רב אין האָראָדענקע איז געווען הרב ר׳ אלימלך אַשכנזי ז״ל, אָבער אונדזערע עלטערן האָבן נאָך גוט געדענקט און מיט גרויס אַכטונג דערמאָנט דעם אַלטן האָראָדענקער רב, הרב הגאון ר׳ משה תאומים ז״ל. ר׳ משה תאומים איז געווען אַ זון פון אַ וויכטיקער רבנישער משפּחה, וואָס איר ייחוס איז דערגאַנגען ביז צום באַוואוסטן גאון ר׳ צבי אשכנזי („חכם צבי״). ר׳ משה תאומים איז געווען רב אין האָראָדענקע ביזן יאָר תרמ״ח (1888). נאָך זיין פּטירה האָט מען אויסגעוויילט פאַר רב זיין איידעם ר׳ אלימלך אשכנזי.

הרב אַשכנזי איז געווען איינער פון די גרעסטע רבנים אין יענער צייט. ער איז אויך מיטגעגאַנגען מיט דער צייט, און איז געווען אַ סימפּאַטיקער פון ציוניזם. הרב אשכנזי איז געווען רב ביי אונדז אין שטאָט קעגן דרייסיק יאָר. ער איז נפטר געוואָרן אין מיטן דער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1916. [פּרטים וועגן דער פּערזענלעכקייט פון הרב משה תאומים און הרב אשכנזי געפינען זיך אין די זכרונות פון יעקב הלוי שניצער.]

✶

ביז צום אָפּלעבן פון הרב אשכנזי איז דער דיין ר׳ מנחם־מענדל שפּירא געווען זיין פאַרטרעטער. ער איז געקומען קיין האָראָדענקע אין יאָר 1903. פריער איז ער געווען רב אין יאַגאָלניצע, וואו זיין פאָטער און זיינע זיידעס זענען פאַר אים געווען רבנים.

נאָך דער מלחמה, ווען מ׳איז געגאַנגען אויסוויילן אַ נייעם רב, איז געוואָרן אין שטאָט אַ מחלוקת. איין פּאַרטיי האָט געוואָלט דער דיין זאָל ווערן רב אין שטאָט, די צווייטע פּאַרטיי האָט געשטיצט ר׳ יחיאל ראָזענבערג, וואָס איז געווען אַ גרויסער למדן און האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות. דאָס מחלוקת האָט געדויערט אַפּאָר יאָר. צום סוף האָט מען באַשלאָסן, צו לאָזן פריי דעם פּאָסטן פונם רב. דער דיין איז געבליבן דיין און האָט דערצו באַקומען דעם טיטעל „אב בית־דין״, און ר׳ יחיאל ראָזענבערג איז אויפגענומען געוואָרן פאַר „מורה הוראה״ מיט אַ באַשיידענעם געהאַלט.

אַזוי ווי די משפּחה פון הרב אַשכנזי האָט אויך געהאַט פאָדערונגען פון „חזקה״ אויף רבנות, האָט מען שפּעטער אויפגענומען דעם רב׳ס אַן איידעם, ר׳ אריה־לייביש לאָם, פאַר אַ צווייטן דיין אין שטאָט. ער איז געבליבן אין שטאָט ביז צום חורבן און איז דאָרט אומגעקומען מיט אַלע האָראָדענקער קדושים.

אדמו״רים (רביים)

מיר, וואָס לעבן אין איצטיקן דור, האָבן אייגנטלעך נישט געקענט דעם רבי ר׳ שמואל־אבא, דעם עלטערן ברודער פונם רבי ר׳ מעכעלע, וואָס איז געווען פאַר אים רבי אין האָראָדענקע און איז יונג געשטאָרבן. געקענט האָבן מיר בלויז דעם רבי ר׳ מעכעלע, וואָס איז געזעסן אין שטאָט ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה. בשעת דער מלחמה איז ער אַנטלאָפן, גלייך ווי אַלע האָראָדענקער יידן, און איז מער נישט צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע. מיר געדענקען דעם רבי׳ס הויף, מיט אַ גרויסן גאָרטן הינטערן הויז און מיט אַ גרויסן לײדיקן פּלאַץ אין פראָנט. קורץ פאַר דער מלחמה האָט מען אָנגעהויבן בויען דאָרט אַ גרויסע צווייסטאָקיגע שיהל, אָבער מען האָט באַוויזן אויפצובויען בלויז דעם סקעלעט. נאָך דער מלחמה איז דעם רביס הויף פאַרקויפט געוואָרן, און האָראָדענקע האָט מער קיין רבי נישט געהאַט.

דער רבי האָט געהאַט צוויי גבאים, ר׳ פּינחס און ר׳ משה־מענדל, און אַ חזן ר׳ זלמן. דער שמש איז געווען לוביש, אַ נידריקער ייד מיט אַ געל בערדל.

פרנסים און ראשי הקהל

אין די לעצטע יאָרן, זייט דעם אָנהויב פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זענען די ראשי הקהל געווען נישט דווקא פון די פרומע קרייזן. צומייסט זענען עס געווען אָנגעזעהענע און געבילדעטע מענטשן, צו וועלכע די רעגירונג האָט געהאַט צוטרוי און האָט זיי אונטערשטיצט.

ביי די ערשטע וואַלן לויט דעם איינהייטלעכן סטאַטוט פאַר אַלע עסטרייכישע קהילות איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר ראש הקהל ר׳ משה פינעלעס. ער איז געווען ראש הקהל פון 1891 ביז 1900. נאָך די וואַלן אין יאָר 1900 איז אַ פּאָר יאָר געווען ראש הקהל יוסף בעזנער, דער גוטבאַזיצער פון פּאָטאָטשיש (פּאָטאָטשיסקאַ).

נאָך יוסף בעזנער איז די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה אויף אַפּאָר יאָר אַריבער אין די הענט פון די פרומע קרייזן. די ראשי הקהל אין יענע יאָרן זענען געווען שלמה קראַמער און וועלוול זיידמאַן. ביידע זענען געווען רייכע אָנגעזעהענע יידן, גרויסע למדנים, און זיי האָבן נישט צוגעלאָזט צו קיין שום השפּעה די פאָרגעשריטענע און ציוניסטישע קרייזן אין שטאָט. בערך אין יאָר 1910 זענען פאָרגעקומען נייע וואַלן, און דעמאָלט האָבן די ציוניסטן, צוזאַמען מיט אָרגאַניזאַציעס פון בעלי־מלאָכות, דורכגעפירט געגנוג אַ גרויסע צאָל פון זייערע קאַנדידאַטן און אויסגעוויילט פאַר ראש הקהל אַ כּראַגרעסיוון מענטש, בערל שפּירער.

בערל שפּירער איז אין די יונגע יאָרן געווען איינער פון די תלמידים פון חיים־לייב האַלפּערן, דעם ראש המשכילים פון אונדזער שטאָט. נאָך דער חתונה האָט ער גאָר מצליח געווען אין זיינע געשעפטן און איז געוואָרן אַ שטיקל באַנקיר. ער איז געווען ראש הקהל אַ סך יאָרן, אַפּאָר יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און דערנאָך נאָך דער מלחמה. ער איז געווען אַ סימפּאַטיקער פון די ציוניסטן, אָבער נישט אַלעמאָל האָט ער אונטערשטיצט די פאָדערונגען פון זייערע פאַרטרעטער.

אין יאָר 1918, אז די ערשטע האָראָדענקער יידן זענען צוריקגעקומען פון דער פלוכט, האָט ר׳ שלמה שטרייט גענומען אויף זיך דעם עול פון זאָרגן פאַר „יידישקייט״ און איז געוואָרן ראש הקהל. דאָס איז געווען אַ שווערע איבערגאַנגס־

פעריאָדע, און שלמה שטרייט מיט זיין אויטאָריטעט אַלס למדן און אָנגעזעהענער בעל־הבית האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן די קהילה־עניינים און זיי דערפירט צו דעם פונקט, וואָן דער אויסגעוויילטער קולטוס־ראַט האָט ווידער געקענט איבערנעמען זיינע פונקציעס.

כלי־קודש: שוחטים און חזנים, שמשים און חברה־קדישא

פיר שוחטים זענען געווען אין שטאָט אין די לעצטע פּאָר צענדלינג יאָר: לייבעלע שוחט, מרדכי שוחט, יידל שוחט, און יהושע־הערש שוחט. פאַרשטייט זיך אַז זיי זענען אַלע געווען יראים ושלמים, בני־תורה און בכלל מיט אַלע מעלות. ר׳ יידל איז דערצו נאָך געווען אַ גוטער בעל־תפילה. נאָך אַ בעסערער בעל־תפילה איז געווען ר׳ יהושע־הערש; ער האָט געדאַווענט מיט באַגלייטונג פון אַ קינדער־כאָר, האָט געקענט זינגען אויס נאָטן און האָט אפילו געקענט שרייבן נאָטן און אויפצייכנען נייע ניגונים.

ווי דער שטייגער איז, זענען געווען אין שטאָט אַפּאָר חזנים — יעדע שיהל האָט געהאַט איר חזן. אָבער דער שטאָט־חזן, דער חזן פון דער גרויסער שיהל, איז געווען יאָשע חזן — יאָשע שפּירא. ער האָט געהאַט אַ מוזיקאַלישע געפיל און האָט געקענט באַאַרבעטן באַרימטע מעלאָדיעס און מאַכן פון זיי יידישע ניגונים. קיין נאָטן האָט ער נישט געקענט, און דאָך האָט ער אָרגאַניזירט אַ כאָר פון אַ פערציק משוררים און האָט אים דיריגירט. געוואוינט האָט ער אויף דער קאַטיקיוקע, צווישן די גויים, און האָט דאָרט געהאַט אַ קליינע אַלינעצע — אַ צושפּרינג צו דער פּרנסה. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אוועקגעפאָרן קיין אמע־ריקע און איז אויך דאָרט געווען אַ חזן.

יאָשע חזן׳ס פאַרטרעטער, דער „אונטער־חזן״, איז געווען שלמה־חיים. זיין ווייב, די שלמה־חיימקע, האָט געהאַט אַ קליינע בעקעריי. איר ספּעציאַליטעט איז געווען — קליינע, געשמאַקע ראָזעווע ברייטלעך.

אַ באַוווסטער בעל־תפילה איז געווען ר׳ שימשעלע מילניצער, וואָס האָט געהאַט די פּרנסה פון מלמדות. ער איז געווען אַ דאַרער, שוואַכער ייד, האָט אָבער געהאַט אַ שטאַרקע אָנגענעמע שטימע און האָט זייער זיס געדאַווענט. ער האָט געהאַט אַ גוטע שמיעה און אַ זעלטן גוטן זיכרון, און אַזוי האָט ער אויפגעכאַפּט און געבראַכט קיין האָראָדענקע אַ סך נייע ניגונים פון די רבישע הייף.

גוטע בעלי־תפילות און זינגער זענען געווען די צוויי ברידער יענקל און מאָטיע פילפל. די משפחה האָט געשטאַמט פון רוסלאַנד; אַז זיי זענען אַריבערגעקומען קיין עסטרייך און האָבן געוואָלט זיך בייטן דעם נאָמען, האָט זיי דער רבי געראָטן צו ווילן אַ העברעאישן נאָמען — פילפל (פעפער). זיי האָבן געהאַט אַ פריילעכע נאַטור און האָבן זיך אַסך באַטייליקט אין פורים־שפּילן און „מכירת־יוסף״ שפּילן. [יענקל פילפל איז אַלע זיינע יאָרן געווען פון די ערשטע חברים אין דער חברה־קדישא. ער האָט געהאַלטן דעם פּינקס פונם בית־הקברות.]

מעכעלע וואָווס (מעכעלע איוואַניר) איז געווען גאָר אַ גוטער בעל־תפילה מיט אַן אָנגענעמער טרילערנדיקער שטימע. ער האָט אויך געשטאַמט פון רוסלאַנד, איז געווען אַ קלוגער לעבעדיקער ייד, אָבער קיין הצלחה האָט ער נישט געהאַט. ער האָט געהאַט אַסך פּרנסות, און פון אַלע איז קוים געווען פּרנסה.

מאָטיע סוכער איז געווען באַקאַנט פאַר אַ גוטן בעל־תפילה. ער איז געווען אַ פיינער איידעלער יונגערמאַן; זיין לעדער־געשעפט האָט געפירט די פרוי, און ער האָט מיינסטענס געלערנט אין קלויז.

אַ פרומער ייד און אַ גוטער בעל־תפילה איז געווען אייזיק מעלצער, פונם פאַך אַ סטאָליער. ער איז געווען אַ חבר אין „יד־חרוצים״ און האָט אַסך צייט אַוועקגעגעבן צו העלפן און שטיצן קראַנקע חברים פונם פאַראיין. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין „ביקור־חולים״ און האָט בכלל אַסך גוטס געטון.

באַקאַנטע בעלי־תפילות זענען געווען זיידע אָפענבערגער און דודיע לאָזער. זיידע אָפענבערגער איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ משורר ביים באַרימטן חזן קוואַרטין און פלעגט נאָכזינגען אַסך פון זיינע תפילות און ניגונים.

✶

יעדע שיהל האָט פאַרשטייט זיך געהאַט אַ שמש, אָבער באַקאַנט אין דער גאַנצער שטאָט זענען געווען די צוויי שמשים דודיע „זעלנער״ און דוויד־זרח. דודיע „זעלנער״ איז געווען אַ זעלנער אין די יונגע יאָרן, האָט זיך אויסגעצייכנט און האָט באַקומען אַפּאָר מעדאַלן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אויספוצן ביי יעדער פאַראַדע. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער קלאַפּן אין די טירן און וועקן „לעבודת הבורא״. דוויד־זרח איז געווען דער „סעקוועסטער״ פון דער קהילה, וואָס איז ארומגעגאַנגען מיטן בוך אויפמאָנען די קולטוס־שטייערן. „דוויד־זרח׳ס בוך״ איז איבערדעם געווען אַ שם־דבר אין שטאָט.

אַ באַקאַנטע פיגור אין שטאָט איז געווען דער אַלטער שמש „בונדזיער״. יעדן פרייטיק פלעגט ער אַרומגיין אין אַלע עקן פון דער שטאָט מיט אַ בינטל פאָדעם און מיט אַ לאַנגן שטעקן, צו פאַרריכטן די „עירובין״ וואָס זענען צעריסן געוואָרן אין משך פון דער וואָך. ער איז שוין געווען זער אַלט (נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה) און האָט געהאַט צוגעגרייט פאַר זיך אויפן בית־עולם אַ „קרקע״ מיט אַ פאַרטיק אויסגעקריצטער מצבה, אין וועלכער ס׳האָט בלויז געפעלט דער טאָג פון דער פּטירה.

אין די לעצטע יאָרן איז אהרון פאַלגער געווען דער שמש פון דער גרויסער שיהל און פוןביידע פלושן. ביי יעדער חתונה אין שטאָט איז ער געווען דער אויסרופער פון „דרשה־געשאַנק״. ער פלעגט יעדע מתנה אָפּשאַצן מיט אַ צענפאַכן ווערט, און האָט אַזוי פריילעך געמאַכט דעם עולם ביי דער חתונה.

✶

די חברה־קדישא לייט זענען דאָס רוב געווען בעלי־מלאָכות אָדער געשעפטסלייט, וואָס האָבן עס געהאַלטן פאַר

אַ מיצווה זיך צו פאַרנעמען מיט די נפטרים און זיי ברענגען צו קבר ישראל. באַקאַנטע חברה־קדישא לייט זענען געווען: יענקל פילפל, ברוך־לייב גריידינגער, אָשר פעטנער, פישל וואַסער, יהושע צומער (יהושע בלומע־רחלס) און ישראל־מאיר צומער. ישראל־מאיר צומער איז געווען צווישן די יידן וועלכע די רוסן האָבן אין יאָר 1915 גענומען צו דער תלייה, דער צענטער אין דער רייע. נאָכדעם ווי ניין יידן זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן, איז אָנגעקומען אַ רוסישער קאָמאַנדאַנט און האָט געהייסן אָפּשטעלן דאָס הענגען. מען האָט אים ממש דעם שטריק פונם האַלדז אַראָפּגענומען, און ער פלעגט דערנאָך יעדעס יאָר אין דעם טאָג מאַכן זיך אַ „יאָרצייט". אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אַריינגעקומען, האָט זיך ישראל־מאיר אַליין דאָס לעבן גענומען. אַז מען איז געקומען אים אַרויסטרייבן פון דער דירה, האָט ער געזאָגט: אויב דאָס איז דער אָנהויב — וועלן מיר האָבן אַ מיאוסן סוף. און ער האָט זיך באַלד דערנאָך אַליין אויפגעהאַנגען.

דער קברן אין שטאָט איז אַסך יאָרן געווען אברהם פרישלינג — אברהם „ליאַפּע". דער געהילף פונם קברן איז געווען מטות־לוי ווייצמאַן, אַלי ווייצמאַנס ברודער. אין די לעצטע יאָרן זענען געווען די קברנים נחמיה רייס און מעכעלע מאַרגענבעסער.

למדנים

דער גרעסטער למדן אין שטאָט אין פריערדיקן דור, וואָס אַסך מענטשן האָבן אים נאָך געדענקט און דערמאָנט אין אונדזערע צייטן, איז געווען ר' משולם וואַגנער. ער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות, אָבער ער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד און האָט נישט געוואָלט זיין אַ רב און זיין אָפּהענגיק פון קהל.

זיין אייניקל ר' חיים שניצער איז געווען דער גרעסטער למדן אין שטאָט אין אונדזערע צייטן. ער איז געווען אַן איידעם פונם רב ר' אלימלך אַשכנזי און האָט אויך געהאַט סמיכות אויף רבנות.

אין שטאָט זענען געווען נאָך אַ פּאָר למדנים, וואָס האָבן געלערנט תורה לשמה און זענען געווען בקי אין ש"ס און פּוסקים. מיר וועלן דאָ דערמאָנען אַ טייל פון זיי.

צווישן די גרויסע למדנים האָט זיך גערעכנט ר' שלמה שטרייט. ער איז געווען דער ראש פון דער „חברה תלמוד תורה" און צו אים פלעגן גמרא־מלמדים קומען פאַרהערן זייערע תלמידים. אַ גרויסער למדן און אַ פאַרמעגלעכער ייד איז געווען ר' וועלוול זיידמאַן. אויך ר' לייבעלע קאָרן, דער אייגענטימער פון אַן אייזן־געשעפט אין מיטן שטאָט, האָט ויך גערעכנט פאַר אַ גרויסן למדן. געווען אויך אַפּאָר למדנים, יואָס האָבן שווער געקעמפט פאַר דער פרנסה און האָבן ־אָך געפונען צייט תורה צו לערנען. אַזעלכע למדנים זענען :עווען נחום שפּונד, וואָווע קימעל און זעליג אַלערהאַנד.

נחום שפּונד איז געווען דער עלטסטער זון פון נתן שפּונד. ער איז געווען אויף אַזוי ווייט אַ למדן, אַז ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו פירן ויכוחים מיט ר' חיימל שניצער, וואָס האָט געדאַוונט גלייך ווי ער אין בית־המדרש.

וואָווע קימעל האָט געהאַט אַ קליין געוועלבל נישט ווייט פון ד"ר קאַנאַפּאַס. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען — ריינער בינען־האָניג, וואַקס און וואַקסענע ליכט. ער איז געווען אַ שטילער באַשיידענער ייד מיט עטלעכע קינדער אין שטוב, און איז געווען באַוואוסט פאַר אַ למדן.

דער דריטער וועלכן מיר ווילן דערמאָנען איז געווען דער קדוש זעליג אַלערהאַנד. ער איז געווען אַן אַלטער בחור — אין יענע יאָרן גאָר אַ זעלטענע זאַך — און אַ למדן מיט אַ שאַרפן מוח. ביי דער צווייטער רוסישער אינוואַזיע איז ער געווען אין דער גרופּע יידן וועלכע די רוסן האָבן אומזיסט באַשולדיקט מיט שפּיאָנאַזש פאַר עסטרייך. ניין יידן זענען דעמאָלט אויפגעהאָנגען געוואָרן אין מיטן גאַס, און זעליג אַלערהאַנד איז געווען איינער פון זיי.

מלמדים

אין אָנהויב פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און אפילו נאָך פריער, איז אין עסטרייך יעדער געווען פאַרפליכטעט צו שיקן די קינדער לערנען אין די אַלגעמיינע פאָלקסשולן. אָבער דער עיקר איז דאָך געווען — דאָס לערנען אין חדר, ביים מלמד. און מלמדים זענען געווען פאַרשידענע: דרדקי מלמדים, מלמדים פאַר חומש מיט רש"י און „פּסוק" (נ"ך), און גמרא־מלמדים.

דער אַלגעמיין באַקאַנטער דרדקי מלמד, וואָס האָט אויך געהאַט די גרעסטע צאָל תלמידים, איז געווען מנשה מלמד (מנשה האָרן). אַנדערע דרדקי מלמדים זענען געווען מענדעלע „חאָנפּיע" און „דער אָבערטינער מלמד" (שפּיגלער). מענדעלע „חאָנפּיע" איז געווען אַ טיפּישער דרדקי מלמד — אַפילו אַ ציג איז געווען ביי אים אין חדר.

העכערע מלמדים, מלמדים פון חומש און „פּסוק", זענען געווען עטלעכע, יעדער אין אַן אַנדערער מדרגה. די מער באַקאַנטע זענען געווען: אברהמעלע מלמד, מרדכי „פּופּיק", יונה מלמד (ליבמאַן) און יהודה „בזשאַר" (טויבר).

יהודה „בזשאַר" האָט מען געהאַלטן פאַר אַ גוטן און זער אַ שטרענגן מלמד, וואָס לאָזט זיינע תלמידים „פּילן דעם קאַנטשיק". יונה מלמד איז געווען אַביסל באַאיינפלוסט פון די נייע מעטאָדן און האָט זיך געפירט מער מאָדערן — ער האָט איינגעפירט אין חדר שולבענק און פויזעס, ענלעך ווי אין די שולן. פאַר אַ גאַר פאַרגעשריטענעם מלמד האָט מען געהאַלטן נטע כ"ץ. אויך ביי אים האָט מען געלערנט חומש מיט רש"י און „פּסוק", און אַלץ פאַרטייטשט אויף יידיש, אָבער דערביי האָט מען אויך געלערנט דקדוק און העברעאיש.

דער עלטסטער און גרעסטער גמרא מלמד איז געווען ר' קלמן־שמואל. ביי אים האָט מען געלערנט נישט סתם גמרא, נאָר גמרא מיט תוספות. די בעסטע לערנער אין שטאָט זענען געווען זיינע אַמאָליקע תלמידים.

לערערס

די לערערס פון דער יידישער פאָלקס־שול, פון דער באַראָן הירש שול, זענען בדרך כלל נישט געווען קיין האָראָ־

דענקער אין האָבן געהאַט גאַר אַ קליינעם באַריר מיט די אַרטיקע יידן. עס זענען געווען בלויז צוויי אויסנאַמען. זיינוויל וויזעלבערג, ר' אַלתר וויזעלבערגס אַ קרוב, איז געווען דער לערער פון רעליגיע און העברעאיש. ער האָט זיך געפירט יידישלעך, האָט געטראָגן אַ באָרד און האָט געדאַווענט יעדן שבת אין ציון־פאַריין. אַ צווייטער לערער, אַלפרעד נאָרד, איז געווען אן איידעם פון יעקיל פייער און איז געבליבן אַ האָראָדענקער. נאָך דער ערשטער מלחמה, אַז די באַראָן הירש שול האָט שוין נישט עקזיסטירט, איז ער געוואָרן לערער פון רעליגיע אויפן אָרט פונם לערער דרעטלער, וועלכער איז געשטאָרבן פון אַן עפּידעמיע אין דער צייט פון דער מלחמה. אין דער אַלגעמיינער פּאָלקסשול איז אויסער דעם לערער פון רעליגיע דרעטלער געווען בלויז איין יידישער לערער — ציפּערבלאַט.

✶

די העברעאישע שול איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1907. די ערשטע צוויי לערער, ריראַכאָווסקי און דערנאָך הירשפעלד, זענען פאַרבליבן אין שטאָט בלויז אַ קורצע צייט פון צוויי אָדער דריי סעמעסטער. ערשט דער דריטער לערער יהודה גאָלדשטיין, איז פאַרבליבן אין שטאָט אַפּאָר יאָר, און גלייכצייטיק מיט אים האָט די שול געהאַט אַן אָרטיקן לערער, ישעיה־איציק בעקער. בעקער איז געווען זער אַ טאַלאַנטפולער לערער. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין קאַרלסבאַד און איז דאָרט פאַרבליבן אויך נאָך דער מלחמה. אין יאָר 1939 האָט ער באַוויזן רעכטצייטיק צו אַנטלויפן פון דאָרט און איז געקומען קיין ארץ ישראל, אָבער ליידער האָט ער דאָ נישט לאַנג געלעבט. ער איז געשטאָרבן אין תל־אביב אין יאָר 1944.

אין די יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה האָבן זיך די העברעאישע לערער אָפטמאָל געביטן; בלויז איינער איז געבליבן זיצן אין שטאָט די גאַנצע צייט — דער לערער בנימין קאָרן. ער איז געווען אַ מוסטער פון אַ איבערגעבענעם העברעאיסט, האָט גערעדט העברעאיש מיט זיינע קינדער, און זיין זון טוביה קאָרן איז געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער יוגענט און אין דעם יידישן בית־יתומים, וועלכער האָט עקזיסטירט גאָר אַ קורצע צייט פאַרן אומקום. קאָרן מיט זיין גאַנצער משפחה זענען אומגעקומען אין האָראָדענקע.

דער צווייטער העברעאישער לערער, וועלכער איז געבליבן אויף אייביק פאַרבונדן מיט האָראָדענקע, ווייל דאָרט האָט ער צולעצט געלעבט און דאָרט איז ער אומגעקומען, איז געווען דער לערער און פּאָעט יצחק בערגער. אונטער זיין לייטונג האָט זיך די שול שיין אנטוויקעלט. ער האָט געוואוסט ווי משפיע צו זיין אויף זיינע שילער, זיי זאָלן אויסדריקן זייערע געדאַנקען און געפילן אין העברעאיש, אין געדיכט און אין פּראָזע, און האָט די אויסדערוויילטע ארבעטן געלאָזט דרוקן אין באַזונדערע בראָשורן, וואו ער האָט אויך בעהאַנדעלט פאַרשידענע פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג. בערגער איז אומגעקומען אין האָראָדענקע, בלויז זיין פרוי ריווע בערגער האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען.

די יידישע שול איז געווען דער יינגסטער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג אין אונדזער שטאָט, אָבער אין די צוואַנציק יאָר פון איר עקזיסטענץ איז זי געוואָרן אַ גאָר וויכטיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן פון דער שטאָט. אירע גרינדער און אירע ערשטע לערער זענען געווען די עסקנים פונם „בונד", אייזיק פינק, יאָסל כ"ץ און אָשר שטרייט, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַרשפרייטן יידישע קולטור צווישן די פּאָלקמאַסן. צווישן די לערער אין דער לעצטער צייט ווערן דערמאָנט צוויי לערערס פון האָראָדענקע, וועלכע דער „בונד" האָט געלאָזט אויסבילדן אין ווילנער יידישן סעמינאַר, עטל כתבן און קריינטשע שטיינער. אויסערדעם ווערן דערמאָנט יהודה־הערש סאָבעל און צוויי לערער וועלכע זענען געשיקט געוואָרן פון ציש"א — וויסבערג און בוים.

משכילים און כלל־טוער

די השכלה באַוועגונג, וואָס איז צו אונדז אין שטאָט שפּעט דערגאַנגען, ערשט צום ענדע פונם נייצנטן יאָרהונדערט, האָט אַריינגעבראַכט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין צוגאַנג צו אַלע פּראָבלעמען פונם לעבן און פון דער געזעלשאַפט. די כלל־טוער אין אָנהויב פונם 20־טן יאָרהונדערט זענען געקומען מיינסטענס פון צווישן די געוועזענע משכילים, און זיי מוזן דאַריבער דערמאָנט ווערן צוזאַמען, אין דעמזעלבן קאַפּיטל.

דער ערשטער משכיל אין האָראָדענקע, וואָס האָט געוואַגט עפנטלעך ארויסצוזאָגן זיינע אפּיקורסישע מיינונגען, איז געווען חיים־לייב האַלפערן. אַרום אים האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרופּע אָנהענגער, וואָס האָבן געזען אין אים זייער גייסטיקן אָנפירער. קיין סך וויסן מיר היינט נישט וועגן אים. מיר וויסן בלויז אַז ער איז געווען אַ לערער פון תנ"ך און פון דייטש ביי אונדז אין שטאָט. ביז עס איז אים נמאס געוואָרן צו ווערן פאַרפאָלגט פון די פרומע קרייזן, און ער איז אַוועק אין שוואַבישן דאָרף רודאָלפסדאָרף און האָט דאָרט געעפנט אַ געוועלבל. ער איז גאַנץ יונג געשטאָרבן, און פאַרן טויט האָט ער זיך געהייסן צוריקפירן קיין האָראָדענקע, ווייל ער האָט געוואָלט שטאַרבן צווישן יידן. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר געשריבן אין משכילישן סטיל, אָבער מיר האָבן ליידער קיין שום פּרטים וועגן זיין אינהאַלט.

ר' אלתר וויזעלבערג, פון די עלטסטע משכילים אין שטאָט אין אָנהויב פונם איצטיקן יאָרהונדערט, איז געווען אַ בעשיידענער מענטש און זער געבילדעט און האָט זיך געפירט גאַנץ יידישלעך. ער איז געווען אַ וואַרעמער ציוניסט און איז יאָרנלאַנג געשטאַנען בראש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „בני ציון". ער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן געשיקט די קינדער שטודירן אין דער פרעמד. זיינע ביידע זין האָבן אויסשטודירט אויף אינזשינערן.

זיין יינגערער פריינט און פּאַרטיי־חבר, שמואל יצחק לינדענבערג, איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ נאָענטער פריינט פון חיים־לייב האַלפערן. ער האָט אין זיך אויפגענומען האַלפערנס אידעען, אָבער געפירט האָט ער זיך לויט דעם

אַלגעמיינעם טראַדיציאָנעלן שטייגער. ער איז געווען פון די ערשטע חברים אין ציון־פאַראיין און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דער ערשטער העברעאישער שול אין יאָר 1907. אין די יאָרן 1925—1926 איז די גאַנצע משפחה אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. ער איז געשטאָרבן אין תל־אביב אין יאָר 1954.

אַ נאָענטער פריינט פון שמואל יצחק לינדענבערג איז געווען הערש בירנבוים. ביידע זענען זיי געווען האַלפּערנס תלמידים, און ביידע האָבן זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער טעטיקייט. בירנבוים איז געווען אַ בולטע פּערזענלעכקייט אין האָראָדענקע, ווייל כמעט צו יעדער פראַגע האָט ער געהאַט זיין אייגענעם אָריגינעלן צוגאַנג. בעיקר איז ער געווען אַ גרויסער נאַטור־פריינט, און האָט שטאַרק געגלייבט אין נאַטירלעכע הייל־מעטאָדן. לויט ווי מען גיט איבער, איז ער אומגעקומען ביי דער ערשטער אַקציע.

הערשל פרעמינגער האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו די ייִנגערע ציוניסטן, אָבער ער האָט זיך באַצויגן צום ציוניזם ערנסטער ווי אַלע זיינע חברים. ער האָט געפּרוּווסט איינפירן ביי זיך אין שטוב די העברעאישע שפּראַך, און אַז ער איז געוואָרן אַ פאַבריקאַנט פון שיך־פּאַסטאַ האָט ער איר געגעבן אַ העברעאישע עטיקעטע, און האָט באַשטימט צען פּראָצענט פונם ריווח פאַר „קרן קיימת". אין די לעצטע יאָרן האָט ער געלעבט אין חיפה צוזאַמען מיט זיינע קינדער. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1957.

אין דער צייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז הערשל סוכער געווען דער בולטער ציוניסט אין האָראָדענקע. אַ סך יאָרן איז ער געשטאַנען בראש פונם ציון־פאַראיין אַלס פּרעזעס אָדער וויצע־פּרעזעס, און איז אַלעמאָל געווען פון די טעטיקסטע ציוניסטן. אין די לעצטע יאָרן פאַר זיין אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל האָט זיך דורך זיין איניציאַטיווע געשאַפן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון בעלי־מלאָכות — אָנהענגער פונם ציוניסטישן געדאַנק. אין יאָר 1936 איז די גאַנצע משפּחה אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. ער איז געשטאָרבן אין הרצליה אין יאָר 1959.

צו די עלטערע חברים פונם ציון־פאַראיין, וואָס זענען געווען חברים נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן געהערט מיכאל ניימאַן און אַבא קאַלמוס (ביידע זענען יונג געשטאָרבן אין דער צייט פון דער מלחמה), לייבקע קאַמיל, די ברידער הילל און בייניש קאָך, און בן־ציון אייזמאַן.

לייבקע קאַמיל איז געווען טעטיק בעיקר אין דער קאָמיסיע פון קרן־היסוד און קרן קיימת און איז געווען דער קאַסירער פון די קאָמיסיעס. בכלל איז ער געווען באַקאַנט ווי אַ פאַר־טרויענס־מאַן, ביי וועלכן מען האָט איינגעלעגט דאָס געלט פון פאַרשידענע צדקה־אַנשטאַלטן. בייניש קאָך האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער ציוניסטישער טעטיקייט אין שטאָט, און נאָכדעם ווי הערשל סוכער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל האָט ער פאַרטרעטן זיין פּלאַץ.

בן־ציון אייזמאַן איז געווען פון די טעטיקע ציוניסטן און העברעאיסמען נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין יאָר 1912, נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט ציופּע שערצער, האָט ער זיך באַזעצט אין לעמבערג, אָבער נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען און געבליבן אַ האָראָדענקער. ער איז געווען טעטיק בעיקר אין העברעאישן שול־קאָמיטעט, אַמאָל אויך אַלס וויצע־פּרעזעס פונם ציון־פאַראיין און אַלס ציוניס־טישער פאַרטרעטער אין קולטוס־ראַט. אין די דרייסיקער יאָרן האָט ער זיך באַטייליקט, צוזאַמען מיט ד"ר מענש און יענקל ראַט, אין דער גרינדונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער קרעדיט־באַנק. אין אויגוסט 1942, ווען די דייטשן האָבן ליקווידירט דאָס האָראָדענקער געטאָ, איז בן־ציון אייזמאַן מיט זיין פרוי געווען צווישן די לעצטע האָראָדענקער יידן וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן אין קאָלאָמייער געטאָ. אַ קורצע צייט שפּעטער איז ער ביי אַן אַקציע פאַרשיקט געוואָרן קיין בעלזעץ, אין פאַרניכטונגס־לאַגער.

זיין פרוי ציופּע. הערשל שערצערס טאָכטער, איז געווען אַ כלל־טוערין פון די ייִנגסטע יאָרן. אין יאָר 1907, ווען ס'האָט זיך געגרינדעט די העברעאישע שול, האָט זיך אויך געגרינדעט אַ העברעאישער קינדערגאָרטן אונטער דער לייטונג פון ציופּע שערצער. אין דער צייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זי געווען טעטיק אין העברעאישן שול־קאָמיטעט. בערך אין יאָר 1932 האָט זי זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון אַ פאַך־שול פאַר מיידלעך, וואו מען האָט געלערנט צושניידן און נייען. די שול האָט געהאַט אַ גוטען נאָמען, אָבער זי האָט נישט באַקומען קיין פּאַסיקע אונטער־שטיצונג און האָט זיך געמוזט פאַרמאַכן נאָך אַ קורצער צייט. ציופּע אייזמאַן איז געווען צווישן די 2500 יידן וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן אין סעמאַקאָוויץ ביי דער ערשטער אַקציע. בדרך נס איז זי לעבן געבליבן, האָט זיך ארויסגעטראַטעוועט פונם גרוב און איז צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע (נאָך פיר פרויען האָבן זיך אַזוי אַרויסגעראַטעוועט). זי איז געווען מיט איר מאַן אין געטאָ פון קאָלאָמיי, איז פון דאָרט אַנטלאָפן און האָט קעגן אַ יאָר געאַרבעט צוואַנגסאַרבעט אין לאַגער „יאַנאָווסקאַ" אין לעמבערג. אין נאָוועמבער 1943, בשעת דער טראַגישער ליקווידירונג פונם אַרבעטס־לאַגער, זענען אומגעקומען אַלע וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט און צווישן זיי אויך ציופּע אייזמאַן.

*

מיר ווילן דאָ דערמאָנען דריי יידן, כמעט די איינציקע פונם „מיטעלשטאַנד" וואָס זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל אין די ערשטע יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה מיט דער כוונה זיך איינצואָרדנען אין לאַנד און צו פאַרבלייבן. צוויי פון זיי, יענקל ראַט און נטע שעכטער, האָבן נישט מצליח געווען, זענען צוריקגעקומען קיין האָראָדענקע און זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע. דער דריטער, יעקב פרעשל, איז פאַרבליבן אין לאַנד, אָבער אים איז נישט באַשערט געווען דאָ לאַנג צו לעבן.

יעקב פרעשל איז געקומען קיין האָראָדענקע בערך אין יאָר 1922 (ער איז געווען יידל עקערלינגס איידעם). עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן מיט דער משפּחה קיין ארץ־ישראל, אָבער די אַלע יאָרן וואָס ער איז געווען אין

האָראָדענקע איז ער געווען פון די טעטיקסטע חברים אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

יענקל ראַט און נטע שעכטער זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל בערך אין יאָר 1926 און האָבן אויפגעשטעלט אַ פאַבריק פון געברענטע ציגל נישט ווייט פון פתח־תקוה. ליידער האָט די פאַבריק נישט געקאָנט עקזיסטירן, האָבן זיי געמוזט זי פאַרקויפן און האָבן דערביי פאַרלוירן כמעט אַלץ וואָס זיי האָבן אינוועסטירט.

✶

מיט עטלעכע ווערטער ווילן מיר דאָ דערמאָנען צוויי האָראָדנעקער יונגעלייט. וואָס האָבן ווייט פון האָראָדענקע, יעדער אויף זיין אופן, העלדיש געלעבט און זענען טראַגיש אומגעקומען. איינער איז יעקב עדעלשטיין, פון די ציוניס־טישע אָנפירער אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי, וואָס איז אומגע־קומען מיט זיין משפחה אין אָרשוויץ; דער צווייטער איז דוב כהן, איינער פון די קאָמאַנדאַנטן פון אצ״ל (אירגון צבאי לאומי), וואָס איז געפאַלן אין ארץ־ישראל בשעת דער אצ״ל האָט אויפגעבראָכן דעם קערקער פון דער מאַנדאַט־רעגירונג אין עכו. [אַן אויספירלעכע באַשרייבונג פון זייער לעבן און ווירקן ווערט געגעבן ווייטער אין אַ ספעציעלער רשימה אין דעם בוך].

✶

„דער יידישער אַרבעטער־בונד" — אָדער בקיצור דער „בונד" — האָט זיך איינגעוואָרצעלט ביי אונדז אין שטאָט ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די ערשטע אָנפירער זענען געווען אייזיק פינק, אָשר שטרייט, יאָסל כ״ץ, אפרים פעטנער, שיינדל פעטנער (פאָדוויסאָקער), ברוך־איצק שפּי־רער, יהודה־הערש סאָבעל, הערש שעכטער, און אַנדערע. פון זיי אַלע זענען געבליבן לעבן בלויז אייזיק פינק און ברוך־איציק שפּירער, וועלכע געפינען זיך אין אַמעריקע און זענען גאָר שטאַרק טעטיק אין דער האָראָדענקער לאַנדסמאַנשאַפט און אין בוך־קאָמיטעט. צווישן די פירער פונם „בונד" אין די שפּעטערע יאָרן ווערן דערמאַנט: נחמן אַגאַטשטיין, אַברהם שניידערמאַן, הערש בערנשטיין, טויבע בערנשטיין, עטל כתבן, קריינטשע שטיינער און משה שיפּטער.

דער „בונד" האָט אַסך אויפגעטון אין אָרגאַניזירן דעם „פּראָלעטאַרישן" טייל פון דער שטאָט, לוין־אַרבעטער און קליינע בעלי־מלאכות. ער האָט אין זיי געפלאַנצט און דער־וועקט דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין און דערוויייטערט זייער האָריזאָנט דורך זיין קולטורעלער טעטיקייט. דאָס וויכטיקסטע וואָס דער „בונד" האָט אויפגעטון איז געווען די גרינדונג פון דער יידישער שול. אָשר שטרייט און יאָסל כ״ץ, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דער שול, זענען אויך געווען די ערשטע פרייוויליקע לערער. שפּעטער האָט די שול באַקומען דעם נאָמען „אברהם רייזין שול", ס׳האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט אויפצושטעלן אַ הויז פאַר דער שול, און מיט הילף פון די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט האָט מען אויסגעבויט אַ שול און אַ קולטור־צענטער פאַר דער פּאַרטיי. (די גרינדונג פון דער יידישער שול איז אויספירלעך באַשריבן געוואָרן אין די זכרונות פון אייזיק פינק אין דעם בוך).

מיר ווילן דאָ דערמאַנען אַ ייד פון דער עלטערער גענע־ראַציע, וואָס נישט זייענדיק אַליין קיין פּראָלעטאַריער האָט ער אַלעמאָל געפילט זיך ווי איינער פון זיי. חיים טויבער (טאובער), אַ ייגערער ברודער פון יהודה „בזשאָר", האָט געהאַנדלט מיט פיש, אָבער ער איז אַלעמאָל געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעהויבן זיין שטים קעגן יעדן אומרעכט, וואָס האָט געטראָפן איינעם פון די אָרעמע אַרבעטנ־דיקע מאַסן.

✶

עס זענען געווען אין שטאָט אַ פּאָר משכילים, וואָס זענען נישט געווען קיין כלל־טוער, און פון זיי וועלן מיר אויס־רעכענען בלויז דריי: מאיר שלאָם, נחמן שטערנהעל און שלמה העלער.

מאיר שלאָם איז געווען אַ ייד מיט אַ שאַרפן מוח, אַ למדן און אַ משכיל. געווען איז ער אַ בוכהאַלטער און האָט געפירט די ביכער ביי איינעם פון די שטעטישע גבירים. ער איז געווען אַ בן־בית אין די פרומע קרייזן און אין די ציוניסטישע קרייזן. צווישן ציוניסטן — האָט ער געהאַלטן מיט די פרומע, צווישן די פרומע — האָט ער געהאַלטן מיט די ציוניסטן.

נחמן שטערנהעל איז אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַן עלטערער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. פונדעסטוועגן פלעגט ער יעדן שבת פרנאַכט קומען אין ציון־פאַראיין, אפילו אָן דעם שטריימעל, און זיך אַוועק־זעצן לייענען די דייטשע צייטונגען.

שלמה העלער איז געווען אַ ייד אַ „בעל מוח". ער איז געווען קינדערלאָז, און די פרנסה־געבערן איז געווען בעיקר זיין ווייב. ער אַליין האָט זיך פאַרנומען מיט געבן „שטונדן" און מיט בוכהאַלטונג. אַ צייט לאַנג איז ער געווען דער „קאָרעספּאָנדענט" פונם „לעמבערגער טאַגעבלאַט" ביי אונדז אין שטאָט.

אַ האָראָדענקער, אין אַ געוויסער מאָס, איז געווען דער משכיל יהודה כהן, דער גוטבאַזיצער פון סטעצאָווא. געשטאַמט האָט ער פון אָזיראַן. זיין ברודער ד״ר דוד כהן איז געווען אַדוואָקאַט אין האָראָדענקע, און ער אַליין פלעגט אויך אָפטמאָל קומען אין שטאָט אַריין, און איז געווען גוט באַקאַנט אין שטאָט פאַר אַ שרייבער און אַ משכיל.

שרייבער און קינסטלער

צו די שרייבער און כלל־טוער וואָס האָבן געווירקט און זענען באַקאַנט געוואָרן אויסער האָראָדענקע געהערט שמואל־אַבא סופר, פינחס דעם גבאי׳ס אַ זון. זיין טעטיקייט אַלס שרייבער און זשורנאַליסט אין טשערנאָוויץ ווערט דערמאָנט אין דעם היסטאָרישן איבערבליק פון ד״ר געלבער. דאָ וועלן מיר ברענגען בלויז אַ קורצע אָפּשאַצונג וועגן דעם פּלאַץ וואָס ער האָט פאַרנומען אין דער יידישער ליטעראַטור, געשריבן פונם יידישן שרייבער יצחק פאַנער, וואָס האָט געלעבט מיט אים אין טשערנאָוויץ אין דער לעצטער תקופה פון זיין לעבן:

„מיט סופר׳ס אויפטרעטן אויף דער טשערנאָוויצער יידישער קולטור־אַרענע אַנטשטייט די מאָדערנע יידישע קול־

טור און ליטעראַטור פון דעם נאָך־מלחמהדיקן „גרויס־רומעניע”, און מיט זיין אַוועקגיין גייט זי אונטער. זיין טראַגישער טויט ווערט נאָך טראַגישער דערמיט וואָס ער, וואָס האָט העכער צוואָנציק יאָר מכניס־אורח געווען אין זיינע וואָכנבלעטער דעם רוב יידישע שרייבער פון עלטערן דור אין רומעניען, און האָט אַנטדעקט און אויסגעכאָוועט יונגע טאַלאַנטן — ער אַליין האָט נישט צוריקגעלאָזט קיין איינציקן בוך. די אַלע קריטישע אַרטיקלען, לידער, איבערדיכטונגען און מעשהלעך, וואָס ער האָט אין די ערשטע יאָרן פאַרעפנטלעכט, האָט ער שפּעטער — ווי ד״ר שלמה ביקל דריקט זיך אויס אין זיין עסיי איבער ש. א. סופר — ׳פאַרביטן אויף זשורנאַליסטישע און אָרגאַניזאַטאָרישע האָראָוואַניע אַרום זיינע „טשערנאָוויצער בלעטער”.׳ ער האָט אַלץ איבערגעלאָזט, ווייל אַ חוץ רעדאַקציאָנאַלע, זשורנאַליסטישע, אָרגאַניזאַטאָרישע און פּעדאַגאָגישע אַרבעטן (סופר איז אויך אַסך יאָרן געווען לערער אין די יידישע פּראָפעסיאָנעלע אָוונט־שולן) — אַ חוץ דעם אַלעם האָט אים פאַרשלונגען די הילפס אַרבעט פון דזשוינט. סופר האָט פּשוט נישט געהאַט קיין מינוט צייט פאַר זיך אַליין. וואָלט מען זיך אין אַ נאָרמאַלער וועלט (נאָרמאַלער יידישער וועלט) געקענט כאָטש דערמיט טרייסטן, אַז דער יונגער יידישער ליטעראַרישער דור, וואָס סופר האָט דערצויגן, דער נאָכוואוקס וואָס ער האָט איבערגעלאָזט — דאָס איז זיין ווערק, זיין לעבנס־ווערק. קאָן מען זיך אויך דערמיט נישט טרייסטן, ווייל צוזאַמען מיט סופרן איז אויך אומגעקומען דער רוב פון דער יידישער יוגנט, די וואָס האָבן געדאַרפט ווערן רינגען אין דער גאָלדענער קייט פון יידישער המשכדיקייט. אויך זיי זענען געשטאָרבן אַ יידישן מאַרטירער־טויט, זענען אומגעקומען (מיט מאַנגער׳ס ווערטער) „נאָך איידער דער קאָרן איז צייטיק געוואָרן”, און יעדער פון זיי האָט מיטגענומען אין זיין אומבאַקאַנטן קבר ניט נאָר זיין אייגן, נאָר אויך סופר׳ס נישט דערזונגען ליד.”

✶

האָראָדענקע האָט אויך אַרויסגעגעבן צוויי קינסטלער, וואָס זענען באַרימט געוואָרן אויף די ביהנען פון דער גרויסער וועלט: אירענא פּפּיפּער־לאַקס און אַלעקסאַנדער גראַנאַך. אירענאַ פּפּיפּער איז געווען אַ טאָכטער פונם האָראָדענקער געריכטבאַאַמטן פּפּיפּער, און זי איז געוואָרן אַ באַקאַנטע זינגערן אין דער ווינער אָפּערע. אין דער צייט צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי אויך געמאַכט אַ באַזוך אין האָראָדענקע און איז אויפגעטרעטן אין סאָקאָל־זאַל. שפּעטער האָט זי אויך געמאַכט אַ באַזוך אין ארץ־ישראל.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך, דער האָראָדענקער בעקער־יינגל, איז געוואָרן אַ וועלט־באַרימטער שוישפּילער אויף דער ייטשער און דערנאָך אויף דער ענגלישער ביהנע (אין אַמעריקע). ער איז אויך געווען אַ באַקאַנטער פילם־שוישפּי ער. ער איז יונג געשטאָרבן אין ניו יאָרק אין יאָר 1945, און האָט איבערגעלאָזט אַ וויכטיק אויטאָביאָגראַפיש ווערק — אָט גייט אַ מענטש׳. אין יאָר 1918 איז ער געווען אין האָראָ־ ענקע, און זיין באַזוך האָט שטאַרק באַווירקט דאָס אַנטשטיין ון דראַמאַטישע צירקלען. די קאַפּיטלען פון זיין בוך, וואָס אנטהאַלטן זיינע זכרונות פון האָראָדענקע, זענען איבערגעדרוקט געוואָרן דאָ אין יזכור־בוך.

פרויען כלל־טוערנס

צו דעם קאַפּיטעל וועגן משכילים און כלל־טוער ווילן מיר צוגעבן די נעמען פון עטלעכע כלל־טוערנס. אונטערן איינפלוס פון דער באַוועגונג פאַר פרויען־עמאַנציפּאַציע האָט זיך געגרינדעט ביי אונדז אין שטאָט אין יאָר 1911 אַ פרויען־פאַראיין מיטן נאָמען „דבורה”, וואָס זיין צוועק איז געווען נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אַרבעט. די גרינדער זענען געווען: בערל זייפער׳ס פרוי, בערל שפּירער׳ס פרוי, צביה הערמאַן (שפּעטער צביה בעקער), ציופּע שערצער, אסתר מערבוים און אַנדערע. שפּעטער איז אַנטשטאַנען אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון ציוניסטישע פרויען — „וויצו”. אויסערדעם זענען געווען, ווי אין יעדער יידישער שטאָט, נשים צדקניות, פרומע וואוילע יידענעס, וואָס האָבן זיך אַלע זייערע יאָרן אָפּגעגעבן מיט צדקה־טון. פון זיי געדענקען מיר בעיקר „די בן־ציונעכע”, בן־ציון דינערס ווייב, וואָס האָט אַלעמאָל געזאַמעלט געלט פאַר צדקה, און בעיקר פאַר „הכנסת כלה”, פאַר אָרעמע עלענדע מיידלעך.

דאָקטוירים

פון די פרייע באַרופן זענען געווען ביי אונדז אין שטאָט בעיקר דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, פרשטייט זיך — מער אַדוואָקאַטן ווי דאָקטוירים.

דער ערשטער און עלטסטער יידישער דאָקטאָר וועלכן מיר, די קינדער פון דער איצטיקער גענעראַציע, האָבן געקענט, איז געווען ד״ר קאַנאַפּאַס. ער האָט זיך באַזעצט אין האָראָדענקע באַלד נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט אין ווין און איז געבליבן אַלע יאָרן אַ האָראָדענקער. ער איז געווען אָנגענומען ביי דער יידישער באַפעלקערונג, און איז אויסערדעם געווען דער דאָקטאָר פון דער קראַנקען־קאַסע און פונם געריכט. זיינע ביידע זין האָבן אויך שטודירט מעדיצין. דער עלטערער, גוסטאַוו, איז געווען אַרצט אין טלוסטע און האָט דאָרט ממש אומזיסט קורירט זיינע אָרעמע פּאַציענטן. ער איז אויך געווען באַוואוסט פאַר אַ ציוניסטישן טוער. אין דער צייט פון אַ טיפוס־עפּידעמיע אין יאָר 1925 האָבן אַלע דאָקטוירים פאַרלאָזט די שטאָט, בלויז ער איז געבליבן און האָט זיך ממש מוסר־נפש געווען פאַר די קראַנקע, ביז ער איז אַליין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און איז געשטאָרבן. די גאַנצע שטאָט האָט אים מלווה געווען, און געזאָגט האָט מען, אַז פאַר אים האָט בלויז ר׳ פינחס כאָדאָראָווער, דער באַליבטער רב פון טלוסט, זוכה געווען צו האָבן אַזאַ לוויה און אַזוי באַטרויערט צו ווערן.

✶

אַ צייטגענאָסע פון ד״ר קאַנאַפּאַס און זיינער אַ „קאָנקורענט” איז געווען שמשון „רופא”, וואָס איז געווען פון פאַך אַ פריזער און איז געווען אַ שטיקל „דאָקטאָר”. שמשון האָט זיך געפירט ווי אַ ייד פון דער אַלטער וועלט, איז געווען ביליקער ווי דער דאָקטאָר, איבערדעם איז געווען באַקוועמער

אים צו רופן ביי לייכטערע קרענקן. זיין ווייב האָט אויך געהאַט אַ פּראָפעסיע וואָס האָט אַ שייכות צו דאָקטאָריי — זי איז געווען אַ „באָבע". שמשון רופא איז געשטאָרבן אויף קידוש השם אין יאָר 1915, בשעת ער האָט געוואָלט אַרויס־ראַטעווען אַ ספר־תורה פון דער ברענענדיקער שיהל. רוסישע זעלנער האָבן אים אַריינגעוואָרפן צוריק אין פייער אַריין און ער איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיטן ספר־תורה.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען אין שטאָט נאָך אַ יידישער דאָקטאָר — דער „טיראַרצט" (וועטערינאַר) ד"ר לודוויג באַך. אויסערלעך האָט ער אויסגעזען מאָדערן ווי אַלע דאָקטוירים. אָבער מען האָט געזאָגט אַז ער קען זיך אויס „אין די דריבנעטשקע אותיות" און איז אפשר גאָר אַ למדן. אַ פּאָר יאָר נאָך דער מלחמה האָט ער געעפנט אַ גרויס פיין געשעפט, בעיקר פאַר „סאַלאַמאַנדראַ"־שיך.

דער ערשטער אַפּטייקער אין שטאָט איז אויך געווען אַ ייד — מיראָן לוריע. די אַפּטייק איז געווען דאָס שענסטע הויז אויף דער היפּטגאַס און די אַפּטייק אַליין איז געווען מוסטער־האַפט איינגעאָרדענט.

✶

אין דער צייט פונם חורבן זענען געווען אין שטאָט צוויי יידישע דאָקטוירים, ד"ר וואַסערצווייג און ד"ר שניידער, און ביידע זענען אומגעקומען ביי דער ערשטער אַקציע. ווי די געראַטעוועטע האָבן דערציילט, האָט זיך ד"ר שניידער זעלטן גוט און העלדיש אויפגעפירט אין דער קריטישער צייט. דער קרייזהויפּטמאַן האַק האָט געוואוינט ביי אים אין הויז, אָבער ער מיט זיין פרוי האָבן נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין שום באַציאונגען. דערפאַר האָט זיך האַק נוקם געווען און האָט אים נישט געלאָזט באַפרייען אַלס „ניצלעכן ייד" ביי דער ערשטער אַקציע, בשעת מען האָט אַ געוויסע צאָל יידן באַפרייט פון דער גרויסער שיהל. אין טאָג פון דער אקציע האָט מען אים געוואָרנט ער זאָל נישט קומען צום קאָנצענ־טרירונגס־פּלאַץ לויט דעם באַפעל, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן און האָט געזאָגט, אז אויב ס'איז פאַראַן אַ געפאַר — וויל ער זיין צוזאַמען מיט אַלע. און אין די לעצטע מינוטן, אין סעמאַקאָוויץ, ביים גרוב, איז ער געווען דער איינציקער וואָס האָט געוואַגט אויפצוהייבן זיין קול און אָפּצוענטפערן אַ דייטש וואָס האָט אים באַליידיקט — און דערפאַר האָט מען אים אויפן אָרט דערשאָסן. נאָך איידער ער איז צוגעקומען צום גרוב.

אַדוואָקאַטן

די צווייטע גרופּע פון „פרייע באַרופן" זענען געווען די אַדוואָקאַטן. פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה זענען געווען אין שטאָט פיר יידישע אַדוואָקאַטן און אַ יידישער ריכטער מיטן נאָמען ראַטהאוזר. די יידישע אַדוואָקאַטן זענען געווען: ד"ר יצחק באַראַן, ד"ר עמנואל ווערבער, ד"ר דויד קאָהן, און ד"ר אַדאָלף אַלפּערט. ד"ר קאָהן האָט אויסער זיין אַלגעמיינער בילדונג געהאַט אויך יידישע בילדונג, גלייך ווי זיין ברודער יהודה קאָהן פון סטעצאָוואַ.

ד"ר אַדאָלף אַלפּערט איז געווען אלתר יונגערמאַנס אַן איידעם, און האָט זיך באַזעצט אין האָראָדענקע קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין דער צייט פון דער מערב־אוקראַאינישער רעפּובליק, ביים ענדע פון דער ערשטער מלחמה, איז ד"ר אַלפּערט געווען דער פּרעזעס פונם יידישן נאַציאָנאַלראַט אין האָראָדענקע און האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פון אַלע נאַציאָנאַלראַטן אין סטאַניסלאַוו אין נאָוועמבער 1918.

אין די לעצטע צען יאָר פאַרן חורבן האָט זיך באַזעצט אין שטאָט ד"ר שלמה־זלמן (זוניע) לאַגשטיין אַלס אַדוואָקאַט און איז געווען טעטיק אַלס ציוניסטישער כלל־טוער. ער האָט געשטאַמט פונם דאָרף קאָרניאָוו. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער זיך אומגעקערט קיין קאָרניאָוו און איז פון דאָרט אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער בשעת דער לעצטער אַקציע אין האָראָדענקע.

אַ חוץ די דיפּלאָמירטע אַדוואָקאַטן זענען אַלעמאָל געווען אין שטאָט עטלעכע נישט־דיפּלאָמירטע „ווינקל־שרייבער", וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט געבן עצות, אָנשרייבן ביטעס אא"וו. אַ דור פאַר אונדז איז הערש פידלער געווען אַזאַ באַוווסטער טאַלאַנטפולער ווינקל־שרייבער.

✶

אַ שטיקל שייכות מיט די אַדוואָקאַטן האָבן געהאַט די באַ־אַמטע פונם געריכט און פון אַנדערע רעגירונגס־אינסטיטוציעס. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָך געפירט גאַנץ יידישלעך, אַנדערע ווידער האָבן זיך געפירט פרייער, גלייך ווי די אַדוואָקאַטן. די מער באַקאַנטע אין שטאָט זענען געווען: דויד זיידמאַן, יאָסל געלער, הערש ווייסבערג, משה נאַפּע, אָס־טערמאַן און חאַלצעל.

דויד זיידמאַן איז געווען אַ באַאַמטער אין דער באַצירקס־הויפּמאַנשאַפט, און חוץ דעם איז ער כמעט אַלע יאָרן געווען סעקרעטאַר פון דער קהילה. יאָסל געלער איז געווען אַ באַאַמ־טער אין געריכט. ער איז געווען אַ חבר אין דער חברה „ביקור חולים" און אַ צייט לאַנג פּרעזעס פון דער חברה. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין קולטוסראַט, און עטלעכע יאָר וויצעפּרעזעס פון דער קהילה.

הערש ווייסבערג איז געווען קודם סעקוועסטער, דערנאָך קערקער־מייסטער, און צום סוף צאָל־מייסטער. ער האָט זיך געפירט יידיש און איז געווען אַ מענטש מיט אַ וואַרעם האַרץ פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן. אָסטערמאַן האָט געאַרבעט ביי דער באַן, וואו עס האָבן בכלל ווייניק יידן געאַרבעט.

באַנקירן און גוטבאַזיצער

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען אין שטאָט אַפּאָר בענק און „בענקלעך", וואָס האָבן געגעבן הלוואות און בעיקר דיסקאָנטירט וועקסלען. די ערשטע און וויכטיקסטע באַנקירן זענען געווען ר' אַלתר יונגערמאַן און זיין זון שמואל. קלענערע באַנקירן זענען געווען: וועלוול זיידמאַן, בערל שפּירער און יידל עקערלינג. געוויינטלעך האָט יעדער געהאַט די „באַנק" אין אַ באַזונדערן צימער ביי זיך אין דער דירה.

אַפּאָר פון די באַנקירן האָבן געהאַט אויך אַ גוט, אַ

קליינס אָדער אַ גרעסערס, אָבער זיי אַליין האָבן אַלעמאָל געוואוינט אין שטאָט. אַנדערש האָבן זיך געפירט די אמתע גוטבאַזיצער, וואָס זענען געזעסן אַלעמאָל נאָענט ביי זייער ערד, אין דאָרף. אַזעלכע גוטבאַזיצער זענען געווען: יאָסל זיידמאַן אין סעראַפיניץ, יוסף בעזנער אין פאָטאָטשיסקאַ, ישראל גאָלדענבערג אין סטרילטשע, די משפחה באַראַן אין ראַקאָוויץ און די פאַמיליע רובעל אין קאָרניאָוו.

סוחרים ביי אונדז אין שטאָט

ווי אין אַלע יידישע שטעט, האָט אויך ביי אונדז דער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג געלעבט פון מסחר. פאַרשטייט זיך, אז סוחרים זענען געווען פאַרשידענע: רייכע און אָרעמע, געבילדעטע און ווייניקער געבילדעטע, פאָליטיש טעטיקע און גלייכגילטיקע, און מיר וועלן קענען דאָ דערמאָנען בלויז איינצעלנע, די גאָר בולטע צווישן זיי.

אין די ערשטע צען יאָר פונם איצטיקן יאָרהונדערט איז דער עלטעסטער און אָנגעזעהענסטער סוחר געווען איציק־ראובן שאָר, וואָס האָט געהאַט אַ שפעצעריי־געשעפט קעגנאַיבער לוריעס אַפטייק. ער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד און אַ למדן. אויף דער עלטער האָט איבערגענומען דאָס געשעפט זיין איידעם אַברהם יעגער.

אַ שכן פון איציק־ראובן שאָר איז געווען חיים שוכנער מיט זיין קאָנפעקציע־געשעפט. ער איז אויך שוין געווען אַן עלטערער ייד און אַן אָנגעזעענער סוחר. יאָרנלאַנג איז ער געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמיסיע צום באַמעסטן די שטעטישע שטייערן, און אַלע האָבן זיך אויף אים פאַרלאָזט און האָבן געוואוסט אַז ער וועט נישט לאָזן קיינעם טון קיין עוולה.

ביים רינגפלאַץ זענען געווען אַפאָר אָנגעזעענע געוועלבערס, ווי שלמה שטרייט און יענקל האַבער. דאָס רוב געשעפטן אין יענער רייע האָבן געהערט צו די לעדער־סוחרים משה־חיים בערמאַן, הערשל בערמאַן און בערל בערמאַן, און די ברודער אַנטשל און בנימין רייכמאַן.

הערשל בערמאַן איז געווען פון די אָנגעזעענע יונגעלייט אין שטאָט (זיין שוואָגער איז געווען פראָפעסאָר פישל ברענער פון טשערנאָוויץ). ער איז יונג געשטאָרבן, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. איינע פון זיינע טעכטער, דוסיע, איז געבליבן אין האָראָדענקע און איז אומגעקומען אין דער ערשטער אַקציע.

בערל בערמאַן איז געווען פון די יונגע יאָרן אָן אַ טעטיקער ציוניסט; זיין פרוי, מרים שיקלער פון גוואָזדזיעץ, איז געווען זער אַ גוטע העברעאיסטקע. ביידע זענען אומגעקומען אין האָראָדענקע.

אַנטשל און בנימין רייכמאַן זענען געווען פאַרמעגלעכע סוחרים. זייערע קינדער זענען אַלע געווען טעטיק אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אין דערזעלבער רייע זענען געווען נאָך אַפאָר לעדער־געשעפטן, וואָס האָבן נישט געהערט צו די בערמאַנס אָדער צו די רייכמאַנס. איינס פון די געשעפטן האָט געהערט צו חיים־נוח רויכווערגער. ער אַליין איז יונג געשטאָרבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די אַלמנה יוכבד, איר טאָכטער און איר איידעם מיט זייערע קינדער זענען אַלע אומגעקומען.

*

איינער פון די וויכטיקסטע סוחרים אין דער שפעצעריי־בראַנזשע איז געווען יהודה־וואָלף שוכנער; ער האָט פאַרקויפט די סחורה אַן־גראָ פאַר דאָרפישע קרעמערס. זיין זון מילעק איז געווען אַ טעטיקער ציוניסט פון דער יוגענט אָן ביז צו זיין אומקום. דער עלטערער זון, בום שוכנער, וואָס איז אויך געווען אַ טעטיקער ציוניסט, האָט נאָך דער חתונה געעפנט אין קאָלאָמיי אַ גרויס שפעצעריי־געשעפט, און אסך האָראָדענקער קרעמערס זענען געווען זיינע קונים. אַנדערע באַקאַנטע שפעצעריי־הענדלער זענען: מנשה בילדער, עזריאל פלעשנער, מענדל פלאָר, פייביש מאָהלער, ישראל קראַמער, יונה קראַמער. מאָטל עדעלשטיין, דויד גלאָגער, חיים־הערש מעלצער, יונה מאַיער.

נישט קיין קליינע צאָל יידן האָבן געצויגן זייער פרנסה פון שענקן, רעסטאָראַציעס און האָטעלן. די צוויי באַקאַנטע האָטעלן אין שטאָט זענען געווען ביי שעיה־מענדל בורג און ביי שלמה־אַברהם שאָר. באַקאַנטע אייגנטימער פון רעסטאָראַציעס זענען געווען אורי־חיים שערצער, דודיע שטאַכעל און ראָזענבוים. יעדער פון זיי האָט געהאַט עפעס אַן „אויפטו״ ווי אַזוי צו פאַרוויילן און צוציען זיינע געסט. אורי־חיים שערצער האָט דער ערשטער אַראָפגעבראַכט אַ שפילקאַסטן, דודיע שטאַכעל האָט געבראַכט אין שטאָט אַריין דעם ערשטן גראַמאָפאָן, און ראָזענבוים דעם ערשטן ביליאַרד־טיש. אַנדערע באַקאַנטע אייגענטימער פון רעסטאָראַציעס און שענקן זענען געווען שלמה־אברהם קראַמער, גרשון שפילבערג, חיים גרייף און אַנטשל רייכמאַן. געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן פאַרקויפט בלויז קאַלטע געטראַנקען, ווי פייוול ליכטענטאַל (פייוועלע קוואַסניק), מלך מאַרקשייד און זיידע רינדענוי.

*

די וויכטיקע שניט קרעמער אין שטאָט זענען געווען חיים־הערש זיידמאַן און שמעון פילפל. קלענערע שניט־געשעפטן האָבן געהאַט מענדל שטערן און יענקל פילפל. שמעון פילפלס זון מאָריץ מיט זיין פרוי האָבן זיך ווי־נישט־ווי אַרויסגעראַטעוועט פונם נאַצישן גיהינום און זענען געווען אויפן וועג קיין ארץ־ישראל נאָך אין מיטן דער מלחמה. אויפן וועג האָבן נאַצישע עראָפלאַנען באָמבאַרדירט די שיף, און מאָריץ פילפל מיט זיין פרוי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע. זייער קליין יינגעלע האָבן זיי אַוועקגעגעבן אַ פאָליאַק, וואָס האָט אים אויפגעצויגן ווי זיינעם אַ זון. נאָך דער מלחמה האָט מען די פוילישע משפחה אויסגעפונען און מען האָט דאָס קינד מיט שווערער מי אַרויסגענומען פון פוילן און געבראַכט קיין ישראל צו זיין מומע פאַניע שערער־פישהאָף אין חיפה.

אין די לעצטע יאָרן איז אין האָראָדענקע שטאַרק פאָפולער געוואָרן דאָס געשעפט פון אלימלך און פייגציע סאַלפעטער, וואָס האָבן פאַרקויפט אויף אויסצאָלן קליידער און שיך. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דאָס גרעסטע שיך־געשעפט געהערט צו יונה קראַמער.

אין דער אייזן־בראַנזשע איז געווען דאָס גרעסטע געשעפט די קראָם פון מרדכי׳לע שניצער, וואָס איז איבערגעגאַנגען דערנאָך צו זיינע זין חיים און שמחה. באַוואוסטע אייזן־קרעמער זענען געווען: אליעזר פרידלער, לייבעלע קאָרן און זינדל שוכנער.

די סוחרים פון האָלץ־מאַטעריאַל האָבן ווי געוויינטלעך געהאַט זייערע „סקלאַדעס" אויסער דער שטאָט. אויפן וועג צו דער באַן האָבן געוואוינט די צוויי וויכטיקסטע סוחרים אין דער בראַנזשע: הערשל שערצער און חיים־וואָלף דיקער. אין שכנות פון דער טאָלעקע האָט געהאַט דעם סקלאַד יענקל אָפּענבערגער.

✶

די פרויען פון די געשעפטסלייט אין שטאָט האָבן אַלע אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער פרנסה — געהאָלפן פאַרקויפן די גאַנצע וואָך, און נאָך מער אין די מאַרקטעג. עטלעכע פרויען אין שטאָט, מייסטענס אלמנות, האָבן גאַנץ זעלבשטענדיק געפירט גרויסע און פאַרצווייגטע געשעפטן וואָס דער מאַן האָט זיי איבערגעלאָזט, און זענען געווען פון די טיכטיקסטע סוחרטעס אין שטאָט. די מער באַקאַנטע סוחרטעס זענען געווען: מאַלציע בערגמאַן, פאַיע גראַפּאַך און חיה שטאַרק.

מאַלציע בערגמאַן איז געווען אַ טאָכטער פון שאול פרעשל און אַן אייניקל פונם רב ר׳ יאָסעלע ראָזענקראַנץ, וואָס איז א געוויסע צייט געווען רב אין האָראָדענקע. איר מאַן משה בערגמאַן איז יונג געשטאָרבן און זי איז געבליבן אַן אַלמנה מיט אַפּאָר האַלב־דערוואַקסענע קינדער. דאָך האָט זי ווייטער אַליין געפירט דאָס גרויסע געשעפט, — אַ מין כל־בו, אין וועלכן מען האָט אַלץ געקענט קויפן (אין שטאָט איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: ביי מאַלציע בערגמאַן קען מען אַלץ קויפן, חוץ שכל...) אויסער דעם האָט זי געהאַט אויך אַ ציגל־פאַבריק.

אַז די זין זענען אונטערגעוואַקסן האָבן זיך צוויי פון זיי גענומען צו אַ נייעם געשעפט. יאָסל בערגמאַן האָט געענדיקט אין טשערנאָוויץ אויף אַ דיפּלאָמירטן פישער, און צוזאַמען מיט זיין ברודער לייביש האָט ער זיך גענומען צו פישעריי. זיי פלעגן אָפּדינגען די טייכן אין דער געגנט און פאַרקויפן די פיש אַן־גראָ. אַ ספּעציעלער אַרטיקל איז געווען דער עקספּאָרט פון קרעבסן (ראַקעס) פאַר עטלעכע קעניגלעכע הייף אין אייראָפּע.

פאַיע גראַפּאַך האָט געהאַט אַ גרויס געשעפט פון קליידונג, שיך און גאַלאַנטעריע, און האָט עס געפירט מיט הילף פון אירע דערוואַקסענע טעכטער.

חיה שטאַרק איז געווען באַקאַנט פאַר אַן ענערגישער סוחרטע; זי האָט געהאַט אויפן רינגפּלאַץ אַ גרויס געשעפט פון שפּעצעריי.

בעלי־מלאָכות

אַ גרויסע צאָל יידן אין שטאָט האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע מלאָכות, און אויך פון זיי וועלן מיר דערמאָנען בלויז איינצעלנע.

איינער פון די עלטסטע בעלי־מלאכות אין שטאָט איז געווען דער דאַמען־שניידער שלום הערש פינק. ער איז געווען אַ ייד אַ „ירא שמים", מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און מיט אַ „הדרת פנים", געווען זייער אַ גוטער בעל־תפילה און דער בעל קורא אין דער גרויסער שיהל. ימים נוראים איז ער געווען דער בעל־שחרית, און ווער ס׳האָט אים געהערט דאַווענען האָט געפילט דעם טעם פון אַ „תפילה זכה".

יינגער פון שלום הערש פינק, אָבער נישט ווייניקער באַקאַנט, איז געווען משה־מאַנעס נייגיסער, אויך אַ דאַמען־שניידער. ער איז געווען פון די ערשטע וואָס זענען געפאָרן קיין אַמעריקע, אַליין אָן דער משפחה, האָט זיך אומגעקערט עטלעכע יאָר שפּעטער און איז שוין געבליבן אין האָראָדענקע ביז צום חורבן. ער איז געווען אַ פאַרגעשריטענער מענטש, איינער פון די גרינדער פונם האַנדווערקער־פאַראיין „יד־חרוצים" און פון זיינע געטרייעסטע חברים די גאַנצע צייט פון זיין עקזיסטענץ. אין יאָר 1929 זענען זיינע טעכטער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, דערנאָך איז אויך זיין פרוי אַהין אַוועקגעפאָרן. בלויז משה־מאַנעס און אַ פאַרהייראַטע טאָכטער זענען געבליבן אין האָראָדענקע און זענען דאָרט אומגעקומען.

אַ שטיקל שייכות צו נייען און שטעפּן האָט געהאַט איצי־אייזי העכט. וואָס איז אויך געווען פון די אָנגעזעענע בעלי־מלאכות אין שטאָט. ער איז געווען אַ שטעפּער פון שיך, וואָס האָט געשטעפּט די אָבערטיילן פאַר אַלע שוסטערס אין שטאָט. ער איז אויך געווען פון די גרינדער פון „יד חרוצים" פאַראיין און פון זיינע געטרייעסטע חברים.

✶

אין סטאָלערי־פאַך איז געווען באַקאַנט די משפחה פעטנער. דער פאָטער, אָשר פעטנער, איז געווען אַ פרומער ייד און איז געווען פון די טעטיקע מיטגלידער אין דער „חברה קדישא" און אין דער „חברה נושאי מיטה". זיינע זין אפרים פעטנער און יאָסל פעטנער זענען געווען פון די אָנפירער פונם „בונד" און פון די איבערגעגעבענע כלל־טוער פון דער יידישער שול.

אַ באַוואוסטער גוטער מעבל־סטאָליער איז געווען לייבעלע פעטנער. ער איז אויך געווען אַ עסקן אין „בונד" און האָט זיך באַטייליקט אין דער דראַמאַטישער סעקציע פון דער פאַרטיי (אין די יאָרן 1925—1930). שפּעטער איז ער געוואָרן אַ טעטיקער חבר אין „העובד", אַן אָרגאַניזאַציע פון האַנדווערקער־ציוניסטן, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך ליפאַ ליסער און סאַלאָ יונגערמאַן. ער איז אויך געווען טעטיק אין „צעך", אַ שטעטישע אינסטיטוציע צום קוואַליפיצירן פון פאַכלייט, וועלכע איז געווען אָנערקענט אויך פון דער רעגירונג.

אַן ערשטקלאַסיקער מעבל־סטאָליער איז געווען ישראל שניידערמאַן. ער איז געקומען קיין האָראָדענקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט באַלד באַקומען אַ נאָמען פון אַ גוטן מעבל־סטאָליער. גערופן האָט מען אים „דער רוסישער סטאָליער". ער האָט געהאַט אַ גרויסע ווערקשטאַט און האָט באַשעפטיקט אַפּאָר לערניינגלעך, דאַרונטער אויך חלוצים וואָס האָבן ביי אים געלערנט סטאָליעריי.

באַוואוסטע סטאָליערעס זענען געווען שיקל קוועטשער און זיין זון שמעון. אַלעקסאַנדער גראַנאַך איז געווען שיקל קוועטשערס שוועסטערס אַ זון. שמעון קוועטשער מיט זיין משפּחה זענען אומגעקומען ביי איינער פון די לעצטע אַקציעס.

גימפּל פּעטנער איז אויך געווען אַ סטאָליער; און ער איז געווען באַקאַנט אין שטאָט ווי אַ חבר אין דער „חברה־קדישא", וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אַלע לוויות, און האָט זיך אויך געלאָזט זען ביי אַלע שמחות. נאָך דער ערשטער אַקציע, אַז מען האָט די איבערגעבליבענע האָראָדענקער יידן צונויפגע־דריקט אין ענגן געטאָ, זענען געווען אין געטאָ אַסך טויט־פאַלן און ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך פאַרנעמען מיט זייער קבורה. דעמאָלט האָבן זיך געטראָפן צוויי יידן, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די הייליקע אַרבעט צו ברענגען די נפטרים צו קבר ישראל. די צוויי זענען געווען גימפּל פּעטנער און משה פּאָדוויסאָקער, אַבא פּאָדווייס פאָטער (ער איז געווען פונם פאַך אַ „ברענער"). זיי פלעגן יעדן טאָג אַוועקפירן די נפטרים מיט אַ טאַטשקע אויפן בית־הקברות און זיי דאָרט מקבר זיין. קודם האָבן זיי עס געטון ביינאַכט, אין דער פינצטערניש, דערנאָך האָבן אפילו די דייטשע באַנדיטן געזען דערין אַ וויכטיקע ארבעט און האָבן זיי געלאָזט לעבן ווי „ניצלעכע יידן" ביז צו דער לעצטער אַקציע, ביי וועלכער מען האָט שוין אַלע גענומען, אָן אַ אונטערשיד.

משה פּאָדוויסאָקער איז אַלע יאָרן געווען אַ טעטיקער חבר אין „ביקור חולים" און אין דער „חברה קדישא". ער איז געווען אַ קלוגער ייד, אַ באַוואוסטער „בעל־עצה", און האָט זיך אויך אויסגעקענט אין דאָקטאָריי. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון „יד־חרוצים" און פונעם „קאָנסום".

א שטיקל שייכות מיט סטאָליעריי האָבן געהאַט די גלאָגערס, וועלכע מען האָט גערופן „די ירושקעס" — אויפן נאָמען פון זייער אַלטן פאָטער ירוחם. כמעט אַלע האָבן זיך פאַרנומען מיט מאַכן האָלצערנע „טרומנעס" פאַר גויים, און מיט גלעזעריי. די צוויי גאָר באַקאַנטע פון דער משפּחה זענען געווען שלמה־בער גלאָגער און ישראל קנה. שלמה־בער איז געווען דער געזעצטער און דער אָנגזעענער פון דער גאַנצער משפּחה. ער איז געווען אַ פאַרמגלעכער בעל־הבית און האָט געהאַט אַ הויז נישט ווייט פון דער גרויסער שיהל. ער פלעגט אָפטמאָל פאַרדינגען אַ טייל פון זיין הויז, און אַ געוויסע צייט האָט ער געהאַט דעם רב ר' אלימלך אשכנזי פאַר אַ „לאָקאַ־טאָר". ער איז געווען באַקאַנט פאַר אַ מכניס־אורחים, ביי וועלכן עס זענען אַלעמאָל געווען אַפּאָר אָרעמעלייט צו טיש.

ישראל־קנה איז געווען זייער אַ היציקער, און וואו ס'איז געווען א קריגעריי אָדער אַ געשלעג — איז ער געווען אין מיטן. בעיקר פלעגט ער זיך אַריינמישן אַז ער האָט געזען אַז מען טוט עמעצן אַן עוולה. אָפטמאָל האָט ער זיך ממש איינגעשטעלט דאָס לעבן, אַז ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט יי גויישע רעקרוטן, וואָס פלעגן אָנפאַלן די מאַרקזיצערנס און נעשלעפּן זייער אויבסט און אַנדערע סחורות. ער איז געווען ייער דרייסט, גויים און יידן האָבן פאַר אים געציטערט. שעת דער ערשטער אַקציע האָט מען קודם אַרויסגענומען ון שטוב זיין משפּחה, און אים האָט מען נישט באַמערקט

וואו ער איז געווען באַהאַלטן. אַז ער האָט דערזען אַז ער איז געבליבן אַליין, איז ער אַרויס פון דער שטוב און האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער דער שטאָט, ביז מען האָט אים אויך געכאַפּט און געבראַכט אין שיהל אַריין מיט אַלע צוזאַמען.

✶

קירזשנערריי איז געווען גאָר אַ פאַרשפּרייט פאַך ביי אונדז אין שטאָט, און אַסך בעלי־מלאכות האָבן זיך דערמיט פאַרנומען. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געמאַכט פיינערע אַר־בעטן פאַר די שטעטישע יידן, אַנדערע האָבן געמאַכט פּשוטע פעלצן פאַר די דאָרפס־גויים. פון די פיינערע קירזשנערס איז געווען באַקאַנט אברהמל שנייער, וואָס האָט געוואוינט נישט ווייט פונם „ציון־פאַראיין". ער איז אויך געווען פון די ערשטע עמיגראַנטן קיין אַמעריקע וואָס זענען צוריקגעקומען און זענען פאַרבליבן אין שטאָט. פון די איבעריקע קירזשנערס ווילן מיר דערמאָנען יענקל פריפּער, וועלכער איז געווען באַקאַנט ווי אַ גאָר פרומער ייד און האָט אויסגענוצט יעדע פרייע מינוט צו זאָגן תהילים.

✶

אַ גרויסע צאָל קצבים זענען געווען אין שטאָט און ס'זענען געווען גאַנצע משפּחות וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער פרנסה, ווי די משפּחות פריפּער און קוגעלמאַס. אהרון קוגעלמאַס און זיין ברודער אייזי זענען געווען פאָרגעשטריי־טענע מענטשן און איבערגעגעבענע ציוניסטן.

✶

אין שטאָט זענען אויך געווען אַ גרויסע צאָל בלעכערס, און זיי האָבן פאַרנומען אַ גאַנצע רייע געוועלבלעך ביים רינג־פּלאַץ. די בולטע פּערזענלעכקייט צווישן זיי איז געווען יאָסיע ראָזענבוים — יאָסיע בלעכער. אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך געחברט מיט די „משכילים", און ער איז געווען באַקאַנט אין שטאָט מיט זיינע גוזמות און מעשהלעך וועגן די וואונדער־לעכע זאַכן, וועלכע ער האָט כלומרשט געזען בשעת ער איז געפאָרן איינקויפן סחורה אין לעמבערג און אין אַנדערע שטעט. אין די לעצטע יאָרן האָט ער גאַנץ אָפּגעלאָזט דאָס פאַך און האָט זיך פאַרנומען בלויז מיט פאַרקויפן בלעך־סחורות און קיך־געשיר.

✶

די מויערן (מוליאַרעס) אין שטאָט זענען געווען דאָס רוב גויים. פון די געציילטע פאָר יידישע מויערער ווילן מיר דערמאָנען ברוך־לייב גריידינגער. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען מויערן אויוועגס. ברוך לייב איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ מיטגליד אין „חברה קדישא"; ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון דער מצוה פון „גמילות חסד של אמת".

✶

זייגערמאַכעריי איז אַלעמאָל געווען אַ יחוסדיקער פאַך ביי יידן. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען אין שטאָט פיר זייגערמאַכערס: אברהם־חיים באַרטפעלד, שמואל פרישלינג, מאיר פרישלינג און מאַקס גרייף. אין די לעצטע יאָרן איז געווען באקאנט אין שטאָט דער זייגערמאַכער הערש שעכטער; ער איז געווען פון די אָנפירער פונם „בונד" און דער פאַרטרעטער פונם „בונד" אין קולטוס־ראַט.

די בעלי־עגלות זענען געווען פאַכלייט וואָס האָבן זיך אייגענטלעך נישט גערעכענט פאַר קיין בעלי־מלאכות. אין שטאָט זענען געווען צוויי מינים בעלי־עגלות: „פיאַקערניקעס", וואָס האָבן געפירט פּאַסאַזשירן, ווי קאָפּעלע „זאַנקע" און זיין זון היינעך ניימאַן, ישראל יורמאַן און דודיק פרידמאַן; און בעלי־עגלות, וואָס האָבן געפירט סחורות פון אַנדערע שטעט, בעיקר פון קאָלאָמיי, ווי מאָטיע פענסטער (מאָטיע „שטרוי") און זיין ברודער טאָדרעס, און ישראל ליכטענטאַל. דער עלטסטער בעל־עגלה אין שטאָט איז געווען שמריה מעלצער, אייזיק מעלצערס פאָטער. דאָס פירן סחורות איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס צוטרוי; דעם בעל־עגלה האָט מען אָנפערטרויט סחורה פאַר אַסך געלט, און אָפטמאָל אויך דאָס געלט פאַר דער סחורה.

✶

דער בעסטער מעכאַניקער אין שטאָט איז געווען וועלוול גרינבערג. ער איז געווען זייער טאַלענטירט, און כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין שולמעסיקע פאַך־בילדונג און ווייניק טעאָרעטישע קענטענישן, האָט ער אויפגעשטעלט אַן ערשט־קלאַסיקע שלאָסעריי מיט דאַמף־בעטריב און האָט אויסגעפירט די פיינסטע און גענויעסטע אַרבעטן אין זיין פאַך. זיינע זין האָבן אַלע גערירשנט זיינע פעאיקייטן אין דעם פאַך. זיין זון עדזיע גרינבערג איז אומגעקומען אין האָראָדענקע. ער איז געווען אַ גוטער מעכאַניקער און האָט אויך אַרויסגעוויזן זיין טאַלאַנט ווי אַ שוישפּילער אין דער דראַמאַטישער סעקציע פונם „בונד" און אין אַנדערע דראַמאַטישע קרייזן.

✶

אונדזער באַשרייבונג פון האָראָדענקער בעלי־מלאכות ווילן מיר פאַרענדיקן מיט צוויי יידן, וואָס זייענדיק פאַרנומען מיט זייער מלאכה און זייער פרנסה האָבן זיי דאָך געפונען צייט צו לערנען און מקיים צו זיין די מצוה „והגית בו".

די צוויי זענען געווען דער בעקער שלמה ראָזענבערג און דער שניידער יצחק־אריה בומבערג. ביי שלמה ראָזענבערג פלעגן זיך יעדן שבת פאַרנאַכט צונויפקומען עטלעכע יידן און פאַרברענגען עטלעכע שעה מיט דברי־תורה. און יצחק־אריה בומבערג פלעגט אפילו זיצענדיק ביי דער ארבעט אַריינ־טראַכטן זיך אין דעם וואָס ער האָט געלערנט, און איז אַלעמאָל געווען גרייט צו פאַרפירן אַ שמועס, וויבאַלד אַ ייד אַ בן־תורה איז אים אונטערגעקומען. זיין ייִנגסטער זון מאיר בומבערג איז געווען טעטיק אין „גורדוניה" און האָט געהאַט אַ בולטן טאַלענט צו צייכנען און מאָלן. אַן עלטערער זון, דויד, איז געקומען קיין ארץ־ישראל, ער איז אָבער דאָ יונג געשטאָרבן.

✶

מיר האָבן געפּרוּווט דערמאָנען און באַשרייבן אַ פּאָר צענדלינג איינוואוינער פון אונדזער שטאָט, וואָס האָבן גע־שפּילט אַ ראָלע אין פאַרשידענע געביטן פון איר לעבן. מיר ווילן זיך נישט איינרעדן, אַז עס איז אונדז געלונגען אַלץ און אַלעמען ריכטיק צו באַשרייבן. מיר האָבן, ביים בעסטן ווילן, געוויס אויסגעלאָזט אַזעלכע, וואָס זענען ווערט געווען דער־מאָנט צו ווערן, אָדער נישט ריכטיק באַשריבן אַ טייל פון די יעניקע, וואָס מיר האָבן דערמאָנט. ווילנדיק געבן אַ פול־שטענדיק בילד, האָבן מיר דאָ אריינגענומען אויך מענטשן, וואָס זענען שוין דערמאָנט געוואָרן אין אַנדערע טיילן פונם בוך. מיר האָבן בעיקר געוואָלט דאָ פאַרשרייבן די אַלע וואָס זענען שוין היינט נישט צווישן די לעבעדיקע, וואָס זענען אומגעקומען אין די יאָרן פון חורבן און מלחמה, אָדער זענען געשטאָרבן אַ נאַטירלעכן טויט פאַר אָדער נאָך דעם חורבן. זאָלן די באַשרייבונגען זיין אַן אָנדענק פאַר זיי און פאַר דער שטאָט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און געווירקט.



יעקב עדלשטיין ז״ל

יעקב עדלשטיין איז געבוירן געוואָרן אין האָראָדענקע אין יאָר 1903. זיינע עלטערן זענען געווען מאָטל און מאַטל עדעלשטיין. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז עדעלשטיין מיט זיין משפחה געווען אין מעהרן ווי פליכטלינגע; נאָך דער מלחמה איז מאָטל עדעלשטיין מיט זיין פרוי און זייער טאָכטער דאָראַ צוריקגעפאָרן קיין האָראָדענקע, און יעקב איז געבליבן אין ברין און האָט געענדיקט דאָרט די האַנדעלס־אַקאַדעמיע. ער איז געווען צוערשט אַ חבר פון „פועלי ציון״, דערנאָך איז ער צוגעטרעטן צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, האָט דורכגעמאַכט אַ קורס פאַר אַגיטאַטאָרן און איז געוואָרן איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער פון דער פאַרטיי.

אין יאָר 1927 האָט ער פאַרלאָזט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי, און בערך צוויי יאָר צייט האָט ער זיך נישט באַטייליקט אין קיין שום פּאָליטישער טעטיקייט. ער איז בלויז געווען אַ מיטגליד אין פאַרבאַנד פון די „נאַטורפרוינדע״. אין יאָר 1929 איז ער פון ברין אַריבער קיין טעפּליץ, און דאָרט האָט ער זיך דערנענטערט צו דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל״. זיין ערשטע טעטיקייט אין דער „ליגע״ איז געווען — האַלטן אַ ציקל רעפעראַטן וועגן מאַרקסיזם. אין משך פון אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן איינער פון די טעטיקסטע חברים אין דער „א.ג.ס.צ.״ (אַרבייטס־געמיינשאַפט סאָציאַליסטישער ציוניסטען), וועלכע האָט אַרומגענומען אַלע אָפּצווייגונגען פונעם סאָציאַליסטישן ציוניזם, חוץ „פועלי ציון״. אין יאָר 1931 האָט ער חתונה געהאַט און איז באַלד דערנאָך אַריבער קיין פּראָג, ווי דער לייטער פונעם ארץ־ישראל אַמט. ער איז געבליבן אויף דעם פּאָסטן ביז דער ארץ־ישראל אַמט איז פאַרמאַכט געוואָרן אין דער צייט פון דער מלחמה.

אין דער דערמאַנטער תקופה פון זיין ציוניסטישער טעטיקייט איז ער געווען אָנגענומען אין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע קרייזן אין דער גאַנצער טשעכאָ־סלאָוואַקיי ווי איינער פון די בעסטע פרעלעגענטן און רעדנער. אין יאָר 1933 איז ער געווען אַ דעלעגאַט פון „א.ג.ס.צ.״ און פון „פועלי ציון״ צום ציוניסטישן קאָנגרעס. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין ציוניסטישן קאָנגרעס אין ציריך אין אויגוסט 1939, וועלכער איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן צוליב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין יאָר 1937 איז ער בערך אַ האַלב יאָר געווען אין ארץ־ישראל; ער איז דעמאָלט געווען טעטיק אין קרן־היסוד אין ירושלים.

נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען די טשעכאָ־סלאָוואַקיי, האָט עדעלשטיין אין דער ערשטער צייט געמוזט קאָאָפּערירן מיט די „נאַציס״, כדי ארויסצושיקן וואָס מער יידן פונעם אָקופּירטן געביט. אין ווינטער פונעם יאָר 1938 איז ער וועגן דעם געשיקט געוואָרן קיין ענגלאַנד, צוזאַמען מיט ד״ר צוקער, כדי צוצוגרייטן און צו שאַפן מעגלעכקייטן פאַר דער יידישער אויסוואַנדערונג. צו דעמזעלבן צוועק האָבן אים די נאַצישער הערשער ערלויבט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1939, אָבער אין דערזעלבער צייט האָבן זיי צוגענומען ביי זיין פרוי איר פּאַס, כדי ער זאָל מוזן צוריקקומען. אפילו נאָך אין דער צייט פון דער מלחמה, אין יאָר 1940, האָבן אים די נאַציס געלאָזט פאָרן קיין טריעסט, כדי צו געפינען מעגלעכקייטן אריבערצופירן טשעכישע יידן אין אַנדערע לענדער.

אין יאָר 1941 האָבן די נאַציס אָנגעהויבן צו מאַכן די טשכאָ־סלאָוואַקיי „יודענריין״. מען האָט זיי אַריבערגעפירט אין געטאָ פון טערעזיענשטאַט, און פון דאָרט זענען די מיינסטע געשיקט געוואָרן אין די פאַרניכטונגס־לאַגערס. עדעלשטיין איז געווען דער פירער פונעם געטאָ און איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס אין אים איז געשען. אַ סך מאָל איז אים געלונגען נישט אויסצופירן די נאַצישע גזירות און צו ראַטעווען יידן פונעם טויט. אין געטאָ האָבן נישט געטאָרט געבוירן ווערן קיין קינדער — האָט ער די ניי־געבוירענע קינדער געלאָזט פאַרשרייבן אויפן נאָמען פון די פאַרשטאָרבענע. צום סוף האָבן די נאַציס אַנטדעקט, אַז דאָ פירט זיך אַלץ „נישט ווי עס בעדאַרף צו זיין״; האָבן זיי אַרעסטירט יעקב עדעלשטיין מיט זיין פרוי און זייער איינציקן זון, און זיי אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ. דאָרט האָט מען זיי נאָך געלאָזט לעבן פון דעצעמבער 1943 ביז יוני 1944. דעם 18־טן יוני האָבן זיי כלומרשט ערלויבט דער משפחה זיך צו טרעפן מיט יעקב עדעלשטיין, אָבער ביי דעם „טרעפן זיך״ האָבן זיי פאַר זיינע אויגן דערמאָרדעט זיין משפחה, און דערנאָך אים אַליין.

עדעלשטיינס שטאָלצע און מוטיקע אויפפירונג אין געטאָ פון טערעזיענשטאַט איז באַשריבן געוואָרן פון אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן אים גוט געקענט און האָבן געוואוסט פון זיין טעטיקייט ווי אַ ציוניסטישער אָנפירער און ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער פונעם געטאָ. מיר ברענגען דאָ בלויז איין רשימה פונעם באַוואוסטן שרייבער ד״ר מאַקס בראָד, וואָס ער האָט געשריבן אין יאָר 1947, צום דריטן יאָרצייט פון יעקב עדעלשטיינס אומקום.

ד״ר מאַקס בראָד

די גיבורים פון טערעזיענשטאַט

דעם 18־טן יוני וועט זיין דער דריטער יאָרצייט זייט יעקב עדעלשטיין איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אָשוויענצים. גאָר ווייניק האָט מען ביז איצט דערציילט און געשריבן איבער אונדזערע גיבורים פון טערעזיענשטאַט. בכלל איז די גאַנצע געשיכטע פון געטאָ טערעזיענשטאַט נאָך נישט פאַרצייכנט געוואָרן. ביז צום יאָר 1939 איז יעקב עדעלשטיין געווען דער אָנפירער פונעם ארץ־ישראל אַמט אין פראַג, און שפּעטער האָט ער קאָנצענטרירט אין זיינע הענט אַלע ענינים פונעם טשעכאָסלאָוואַקישן יידנטום. אין אַ סך פאַלן איז אים געלונגען מבטל צו זיין די באַפעלן פון אַדאָלף אייכמאַן. און אויב דאָס לעבן פון די יידן אין טערעזיענשטאַט איז געווען האַלב צום דערליידן, און זיי האָבן אפילו געהאַט אַ געוויסע קולטורעלע פרייהייט, איז דאָס געווען אין אַ גרויסער מאָס אַדאַנק דער טעטיקייט פון יעקב עדעלשטיין און פון זיינע מיטהעלפער פריץ קאָהן און אינזשינער אָטאָ בוקער, צו וועלכע איך קען מיט שטאָלץ צורעכענען מיין ברודער אָטאָ בראָד. זיי אַלע לעבן נישט מער. זיי האָבן מיט זייער לעבן באַצאָלט פאַר זייער מוטיקער אויפפירונג.

אין דער לעצטער צייט זענען גראָד דערגאַנגען אַהער אין לאַנד אַריין נייע ידיעות וועגן דער געבענטשטער טעטיקייט פון יעקב עדעלשטיין. ער האָט מיט אַלע כוחות באַשיצט די יידן פון טערעזיענשטאַט פאַר דער דייטשער לייטונג פונעם דאָרטיקן לאַגער, פאַר די פאַרברעכער, וואָס האָבן פאַרבאָטן יידישע פרויען צו געבוירן קינדער אין געטאָ. לויט דעם נאַצישן געזעץ האָבן אַלע שוואַנגערע פרויען געדאַרפט קינסטלעך „מפּיל זיין״, און דאָך זענען געבוירן געוואָרן קינדער אין טערעזיענשטאַט. געמאַכט האָט מען דאָס אַזוי: עדעלשטיין און זיינע מיטהעלפער האָבן טאָג־טעגלעך געפעלשט די ליסטעס פון די מענטשן אין לאַגער. די ניי־געבוירענע קינדער האָבן באַקומען די נומערן פון די פאַרשטאָרבענע אָדער פון מענטשן וואָס זענען אַנטלאָפן פונעם לאַגער. פאַר דער דייטשער ביוראָקראַטיע איז אַלץ געווען אין אָרדנונג — און דאָס יידישע פאָלק האָט ווייטער געלעבט!

אין סעפּטעמבער 1943 איז געקומען אַן ענדערונג. עטלעכע ענגלענדער זענען אַנטלאָפן פון אַ לאַגער פון געפאַנגענע, און די יידן פון טערעזיענשטאַט, וואָס האָבן אַליין געלעבט אין נויט און אין טויט־שרעק, האָבן דאָך די ענגלענדער אויסבאַהאַלטן. עס קען זיין, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט גוט אויספאָרשן אָט־די עפּיזאָדע, און זי באַנוצן אין אונדזער ויכוח מיטן ענגלישן מיניסטער בעווין, ווייל גראָד די עפּיזאָדע האָט געבראַכט צום אומקום פון די אָנפירער פונעם געטאָ. די דייטשן האָבן אַנטדעקט, אַז די ענגלענדער זענען אַנטלאָפן און די שפּורען פירן צום געטאָ. זיי האָבן באַלד אָנגענומען שטרענגע מיטלען צום אויסגעפינען פון די אַנטלאָפענע, און דערביי האָבן זיי אויך געכאַפּט זעקס יידן און האָבן אויסגעפונען אַז זיי זענען אַנטלאָפן פונעם געטאָ. דעם 11־טן נאָוועמבער 1943 האָבן זיי געמאַכט אַ „ציילונג״ פון אַלע באַוואוינער פונעם געטאָ. זיי האָבן אַלע באַוואוינער, פון יונג ביז אַלט, צונויפגעפירט אין אַ טאָל נישט ווייט פונעם געטאָ, און זיי דאָרט געציילט פון זעקס אינדערפרי ביז עלף ביינאַכט. דערביי האָבן זיך אַרויסגעוויזן מאַנכע „אומגענויאיקייטן״, און יעקב עדעלשטיין, דער פאַראַנטוואָרטלעכער אָנפירער פונעם געטאָ, איז פאַרהאַפטעט געוואָרן. אונטער אַנדערעם האָט מען אים אויך באַשולדיקט, אַז ער האָט געפּרוּווט אַריינשמוגלען געווער אין געטאָ אַריין. מען האָט אים געבראַכט קיין אָשוויענצים און דאָרט אים געהאַלטן אין אַ באַזונדערן בונקער. זיין פרוי מיט זיין זון און זיין שוויגער האָט מען געהאַלטן אַרעסטירט אין בירקענאַו, נישט ווייט פון אָשוויענצים. דעם אכצענטן יוני 1944 האָבן די נאַצישע באַנדיטן געבראַכט די גאַנצע משפּחה קיין אָשוויענצים, כלומרשט האָט מען זיי ערלויבט זיך צו זען מיט עדעלשטיינען. אַז זיי זענען אָנגעקומען אַהין, האָט מען זיי אַלע דריי דערשאָסן עדעלשטיינען פאַר די אויגן, קודם די שוויגער, דערנאָך זיין פרוי און נאָך איר זיין זון. צולעצט האָבן די מערדער אויך אים אַליין דערשאָסן.

אָט אַזוי איז געגאַנגען פון דער וועלט אַ יידישער העלד, וועלכער האָט ביז צום סוף דערפילט זיין פליכט און האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. אויף זיין פּלאַץ האָט זיך אַוועקגעשטעלט, ווי דער אָנפירער פונעם געטאָ, אַ נידערטרעכטיקער פאַרשוין, אַ געוויסער ד״ר מערמעלשטיין פון ווין (ער האָט אפילו אַמאָל פאַרפאַסט אַ „יידישע געשיכטע״), און ער איז שוין געווען צו די דייטשן „פּינקטלעך און אָנשטענדיק״; דאָס מיינט: ער האָט זיי טאָג־טעגלעך געליפערט די פאַרלאַנגטע צאָל יידישע קרבנות פאַר די גאַז־קאַמערן (צווישן זיי איז אויך געווען מיין ברודער). אין דער צייט ווען עדעלשטיין איז געווען דער אָנפירער פונעם געטאָ, האָט ער עקשנותדיק באַשיצט דאָס לעבן פון יעדן ייד, און ס׳איז אים אויך געלונגען אָפּצוראַטעווען הונדערטער יידן. ווען די מלחמה וואָלט זיך געענדיקט איין האַלב יאָר פריער, וואָלטן דעמאָלט געבליבן ביים לעבן צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס דער בעסטיאַלישער ד״ר מערמעלשטיין האָט זיי דערנאָך אויסגעליפערט צום טויט אין די הענט פון די נאַציס.

תל־אביב, יוני 1947

קוקה יששכר־גרייף

דב כהן ז״ל

דב כהן איז געבוירן געוואָרן אין האָראָדענקע אין יאָר 1915, זיינע עלטערן זענען געווען אהרן־לייב און סאָפיע כהן. אהרן לייב כהן (קאָהן) איז געווען פון די ערשטע ציוניסטן אין שטאָט (ער האָט געהאַט עטלעכע בריוו, וואָס ד״ר הערצל האָט צו אים געשריבן), און אַלע זיינע קינדער זענען אויך געווען איבערגעבענע ציוניסטן. זיי האָבן אַלע געהאַט אַ פעסטן כאַראַקטער און זענען געווען חברים פון בית״ר („ברית טרומפּלדור״ — רעוויזיאָניסטישע יוגנט־באַוועגונג).

בערציע, ווי זיין משפחה און זיינע פריינד פלעגן אים רופן, איז געווען דאַר און קליין געוואַקסן, אין זיך פאַרטראַכט, מיט פאַרחלומטע בלויע אויגן, אָבער מיט אַ שטאַרקן עקשנותדיקן ווילן. אין האָראָדענקע האָט ער געענדיקט די פאָלקסשול און די מיטלשול, און האָט אויך געענדיקט מיט אויסצייכענונג די העברעאישע שול. אין יאָר 1936 איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל, כדי צו שטודירן פילאָזאָפיע אין דער העברעאישער אוניווערזיטעט. אָבער ער האָט נישט לאַנג געקענט זיצן רואיק און לערנען. אין מיטן פון דער וועלט־מלחמה, אַז ס׳האָבן אָנגעהויבן צו קומען די ערשטע ידיעות וועגן דעם שרעקלעכן גורל פונעם פּוילישן יידנטום, האָבן זיך אין אים דערוועקט די געפילן פון שמערץ און נקמה און האָבן אים קיין רו נישט געגעבן. ער איז איינגעטרעטן אין די רייען פון „אצ״ל״ (אירגון צבאי לאומי — נאַציאָנאַלע קאַמף־אָרגאַניזאַציע) און האָט אָנטייל גענומען אין אירע אָפּעראַציעס אין ירושלים און אין דער אומגעבונג. אָבער דאָס האָט אויך נישט באַפרידיקט זיין שטורמישן גייסט, און ער האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן צו די ענגלישע קאָמאַנדאָ־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן געווירקט און זיך זייער אויסגעצייכנט אויפן פראָנט אין אַפריקע.

דב כהן איז געווען אויסערגעוויינלעך מוטיק און אַ זעלטן גוטער קעמפער. נאָך אַ גאָר קורצער צייט איז ער געוואָרן אַ סאַרזשענט און האָט באַקומען אַ הויכע אויסצייכענונג, וועלכע האָט אים געזיכערט אַ לעבנסלענגלעכע פּענסיע פון דער ענגלישער רעגירונג. שפּעטער האָט ער געבעטן, מען זאָל אים איבערפירן צו דער יידישער בריגאַדע, וואו ער האָט זיך נאָכדעם באַטייליקט אין די געפערלעכסטע קאַמף־אָפּעראַציעס.

בשעת ער איז געווען אין אייראָפּע מיט דער יידישער בריגאַדע, נאָך דער מפּלה פון דייטשלאַנד, האָט ער זיך אונטערגענומען אַ זאַך, וואָס איז ממש נישט צום גלויבן אַז ער האָט זי דורכגעפירט. זיין ברודער ד״ר מאַרק כהן איז ניצול געוואָרן, און פון זיינע בריוו האָט ער זיך דערוואוסט דעם נאָמען און דאָס אויסזען פון דעם נאַצישן אָפיציר, וועלכער האָט אָנגעפירט די „אַקציע״ פון פאַרניכטן די האָראָדענקער יידן. האָט ער געשוואוירן, אַז ער מוז אים אויפזוכן און נקמה נעמען פאַר די האָראָדענקער קדושים. ער האָט דורכגענישטערט גאַנץ דייטשלאַנד, האָט געזוכט און זיך נאָכגעפרעגט, ביז ער האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע. ער האָט אויפגעזוכט די דייטשע בעסטיע אין פאָרם פון אַ מענטש, און האָט פון איר נקמה גענומען ווי עס געהערט צו גיין!

נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל ווי אַ באַוואוסטער און באַרימטער קעמפער. און דאָ האָט ער דורכגעמאַכט אַ שווערן אינערלעכן קאַמף. ער האָט זייער געוואָלט ווייטער שטודירן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט זיצן רואיק און „קוועטשן די באַנק״, אין דער צייט ווען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד איז געווען אויפגערודערט און האָט געקעמפט פאַר דעם רעכט אַריינצונעמען דאָס ביסל געראַטעוועטע יידן. די „הגנה״ („זעלבסט־שוץ״ — די אָפּיציעלע יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע) האָט אים אָנגעבאָטן גאָר אַ וויכטיקע שטעלע אין אירע שורות, אָבער דאָ האָט זיך אין אים דערוועקט זיין פאַרגאַנגענהייט ווי אַ חבר פון „בית״ר״ — און ער האָט באַשלאָסן ווידער איינצוטרעטן אין די רייען פון אצ״ל. ער איז געווען דער קאָמענדאַנט פון אַ סך קאַמף־אָפּעראַציעס, און ער האָט אויך באַקומען אַ נייעם ביינאָמען: „גונדר שמשון״ (בריגאַדיר שמשון). אין דער צייט ווען די ענגלענדער האָבן איינגעפירט קריגסצושטאַנד אין ארץ־ישראל, איז ער שוין געווען איינער פון די העכסטע קאָמאַנדאַנטן פון אצ״ל, און האָט זיך באַטייליקט אין אויסאַרבעטן די פּלענער און אין באַשטימען די טאַקטיק פון אַלע אָפּעראַציעס.

די לעצטע אָפּעראַציע, ביי וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט ווי אַן אָנפירער, איז געווען דאָס אויפרייסן פון דער טורמע אין עכו, דעם 14טן מאי 1947. די אָפּעראַציע האָט געהאַט אַ פולשטענדיקן דערפאָלג, אָבער ער אַליין איז געפאַלן בשעת ער האָט באַשיצט זיינע מיטקעמפער, זיי זאָלן זיך קענען צוריקציען.

מיר וועלן אים אַלעמאָל געדענקען ווי איינעם פון די מוטיקסטע קעמפער פאַר דער יידישער פרייהייט.

א טרער צום סוף

צו אַלע האָראָדענקער, וועלכע האָבן געלעבט און זענען אויפגעוואַקסן אין אונדזער שטעטל האָראָדענקע! לאָמיר אַלע צוזאַמען זאָגן אַ „קדיש" בציבור נאָך דעם איבערלייענען פונעם „ספר האָראָדענקע", וואָס זיין לעצטער טייל לייענט זיך ווי „מגילת איכה", ווי קינות אויף דעם חורבן פון אונדזער געבורטשטאָט. לאָמיר ביי דעם קדיש־זאָגן לאָזן פאַלן אונ־דזערע טרערן אויף די בלעטער פון דעם בוך, וואָס ענטהאַלט די שוידערלעכע פרטים וועגן דעם טראַגישן אומקום פון אונדזער שטעטל, פון אונדזערע טייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער, וועלכע האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן מיט זייער שוויס און בלוט, מיט זייערע טאַלאַנטן און פעאי־קייטן אויפגעבויט דאָס שטעטל און געמאַכט פון איר אַ בליענדיקן יידישן ישוב, ביז ס'איז געקומען די מערדערישע האַנט פונעם נאַצי־רעזשים און האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ מאַסן־קבר פאַר זיינע איינוואוינער.

בשעת דעם לייענען פונעם יזכור־בוך האָט יעדער פון אונדז נאָכאַמאָל דורכגעלעבט די יאָרן וועלכע ער האָט פאַר־בראַכט אין אונדזער אַמאָליקער היים, אין פרייד און אין לייד, און האָט אין גייסט געמאַכט אַ לעצטן „שפּאַציר" איבער די אַזוי גוט באַקאַנטע געסלעך, וואָס זענען אונדז איינגעגראָבן טיף אין האַרץ נאָך פון אונדזערע יונגע יאָרן. דאָס איז געווען אַ לעצטער שפּאַציר איבער דעם „קאָרזאָ", אויף דער גרויסער גרינער „טאָליקע", אויף דער „קאָטיקיווקע" מיט אירע אָפּטע שריפות אום זומער, וועלכע האָבן אָנגעפילט מיט שרעק אונדזער קינדיש געמיט; אין דעם וועלדל, וואָס דער ריח פון זיינע „פיילכען" האָט פאַרשיכורט אונדזערע חושים; „סאָביקס טייך" וואָס זיינע וואַסערן האָבן דערפרישט און מאַסירט אונדזערע קערפּער, בשעת מיר האָבן זיך דאָרט געבאָדן אין הייסע זומערטעג.

אָבער צו אונדזער אַלעמענס שמערץ און באַדויערן האָט זיך דער שפּאַציר פאַרענדיקט אויף די חורבות פון דעם שטעטל, וואו מען קען אפילו קיין סימן פון אַ יידישן קבר נישט געפינען, אַפילו ווען מיר וועלן זיי זוכן מיט טרערן אין די אויגן און מיט בלוטיקע וואונדן אין האַרץ. דער באָדן, אונטער וועלכן זיי זענען אויף אַ בעסטיאַלן אופן „אַריינגע־וואָרפן" געוואָרן דורך די בלוטדורשטיקע האָרדען, איז שוין פאַרוואַקסן מיט גרינס און מיט תבואות פאַר די נייע באַזיצער, פאַר די „יורשים" פון די יידישע פאַרמעגענס, וועלכע זענען געווים גאָר שטאַרק צופרידן פון דער נייער לאַגע, וואָס האָט זיי באַפרייט פון זייערע יידישע שכנים.

איינאונצוואָנציק יאָר זענען פאַרגאַנגען, ביז מיר האָבן באַוויזן אויפצושטעלן אַ „מצבה" פאַר די קדושים אין פאָרם פון „ספר האָראָדענקע", וואָס זאָל דערציילן דער וועלט די שוידערלעכע געשיכטע פונעם אומקום פון דעם קליינעם יידישן ישוב אין מזרח־גאַליציע. כמעט פון יעדן קאַפּיטל פון דעם בוך קוקט אַרויס די געפייניקטע נשמה פון דערמאָרדעטע האָראָדענקער מענער, פרויען און „תינוקות דבית רבן". אָבער קיין שום שילדערונג, אַפילו ווען זי זאָל זיין געשריבן פון דער טאַלאַנטפולסטער האַנט, איז נישט בכוח איבערצוגעבן און צו שילדערן די ווייטיק און דעם צער פון די וואונדן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין האַרץ ביי די יתומים פון אונדזער שטעטל. און קיינער פון אונדז וועט נישט האָבן די מעגלעכקייט צו גיין אויף „קבר־אבות", זיך דאָרט אויסוויינען דאָס האַרץ און זאָגן אַ „קדיש" צום אָנדענק פון זיינע טייערע.

דערפאַר לאָמיר אַלע ביים לייענען פון „ספר האָראָדענ־קע" לאָזן פאַלן אַ הייסע טרער פאַר די הייליקע נשמות פון די האָראָדענקער יידן, וואָס אַסך פון זיי האָבן אַפילו נישט איבערגעלאָזט קיין קרוב אויף דער ווייטער וועלט. דערמיט וועלן מיר דערפילן אונדזער עלעמענטאַרע פליכט קעגן די האָ־ראָדענקער קדושים, וואָס האָבן מיט זייער בלוט פרזיגעלט דאָס קאַפּיטל פון יידישער עקזיסטענץ אין האָראָדענקע.

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים.

משה פלעשנער

תל־אביב, כסלו תשכ"ג



השער לחורשת קדושי עירנו

אריינגאנג צום וועלדל פון האָראָדענקער קדושים

The Gate into the grove

חורבן העיר

חיים (קארל) קויפמן

בתקופת השואה

במחצית הראשונה של חודש יולי 1941 נכנס הצבא ההונגרי להורודנקה. למחרת כניסתם התקינו בכיכר שלפני בית־חיים־מנדיל קוך (מול המסעדה של מאַזורק) עמוד־תלייה, הודיעו על הכרזת מצב־מלחמה והנהגת חוקי־חירום, ואיימו בתלייה לכל מי שיעבור על החוקים האלה.

התושבים האוקראיניים, שרובם ככולם היו שונאי ישראל, הרימו ראש עם כניסת ההונגרים והתחילו להציק ליהודים. כבר בימים הראשונים נהרג על ידם אחד מיהודי העיר, שהתגורר בפרבר קוטיקובקה (את שמו לא אזכור עוד). בכפר ניאֶזביסקה שבמחוז הורודנקה תפסו קבוצת יהודים, הושיבום על דוברה והטביעו אותם בדניסטר. באותם הימים הוצא גם צו, שחייב כל יהודי לשאת טלאי צהוב על בגדו. עובדי הרפואה היהודים חויבו גם לענוד סרט של הצלב האדום.

בדרך כלל יש לציין, כי ההונגרים הסתייגו מן האוקראינים ולא נטו למלא את כל דרישותיהם ביחס להשמדת היהודים. הסיבה לכך נעוצה באהדת ההונגרים אל הפולנים, שתמכו בסיפוח חבל קארפאַטורוס להונגריה, ובאיבתם לאוקראינים, שהתנגדו לסיפוח הזה. ביחס ליהודים הסתפקו בכך, שחייבו אותם לשאת את הטלאי הצהוב והעבידו אותם בעבודות כפייה שונות. רק יהודי אחד, הידוע לי בכינויו „מנדל פאַליצייי" נהרג על ידם בשל התנגדותו ללכת לעבודה. הדבר נודע על־ידי ד"ר אייבר שיץ, שההונגרים הכריחוהו לקבור את ההרוג.

בפקודת ההונגרים הוקמה מועצת־עירייה מורכבת מאוקראינים. כראש העירייה נתמנה ואַסקו, מורה בגימנסיה האוקראינית, וכסגנו — המורה דורזשינסקי. כן אורגנה מיליציה אוקראינית ובראשה הועמד אַנטישמי מובהק בשם טשייקובסקי (אחרי שיחרור הורודנקה על־ידי הרוסים נידון טשייקובסקי למוות, ונתלה). המפקדה הצבאית ההונגרית שוכנה בבית הגימנסיה הפולנית. ראש המפקדה התגורר בבית ד"ר שניידר, ושלישו — אצל קויפמן.

בתקופה ההיא התחילו הרומנים להציק לתושבים היהודים ולגרשם ממקומות מושבותיהם. רבים מיהודי בוקובינה, שהתגוררו בקרבת הגבול שבין רומניה וגליציה, הצטרפו אל הרוסים בשעת נסיגתם והגיעו להורודנקה. כשנודע הדבר לשלטונות ההונגריים המקומיים, ציוו לאסור את היהודים הללו ולהחזירם אל מעבר לגבול. המאסרים בוצעו על־ידי המיליציה האוקראינית, שהעבירה אותם אל הגבול הרומני ואילצה אותם לעבור את הגבול. אנשי משמר הגבול הרומני, שלא רצו לקבלם, ירו בהם מצד אחד, והמיליציה האוקראינית המטירה עליהם אש מצד שני, וכך נהרגו מאות יהודים ונקברו במקום לאורך הגבול. כשניסו נציגי היהודים בעיר להתערב ולמנוע את הגירוש, תלו האוקראינים את הקולר בהונגרים, שהם הוציאו את הצו, ואילו ההונגרים רחצו בנקיון כפיהם וטענו שהדבר הוא מעשה ידיה של המיליציה האוקראינית.

הייתי מיודד עם הכומר האוקראיני באֶבּאַט וסיפרתי לו על מעשיהם של אנשי המיליציה האוקראינית. הוא הטיף בכנסיה וקרא לחדול מנגישות נגד היהודים, והזכיר לבני עדתו כי בשנת 1919 התחילו הפולנים במעשי פרעות ביהודים וסיימו ברצח אוקראינים, והדבר הזה עלול להישנות גם הפעם. זמן מה לאחר זה נאסרו שוב מאה ועשרים מפליטי רומניה ועמדו להישלח אל הגבול. כשנודע הדבר ליהודי העיר, התייצבה משלחת (ד"ר שיץ, ד"ר ליכטמן וקויפמן) לפני ראש המפקדה ההונגרית וביקשה לבטל את גזירת הגירוש. הגנראל ההונגרי טען, כי צו־המאסר והגירוש לא יצא מן המפקדה ההונגרית, וכי שקר בפי האוקראינים המסתמכים על המפקדה. הוא הבטיח גם להודיע זאת לנציגי האוקראינים, שעמדו להיפגש אתו כעבור שעתיים.

כשיצאו אנשי המשלחת מן המפקדה פגשו את הכומר באֶבּאַט וסיפרו לו על מאסר היהודים, שנעשה ביוזמת המיליציה האוקראינית. נרגש מן הידיעה, הציע להם הכומר לבוא אתם אל משרד המיליציה, ששכן בבניין בית־המשפט, ולדרוש את ביטול צו הגירוש. הם פנו אל ראש המיליציה טשייקובסקי, מסרו לו את דברי הגנראל ההונגרי וביקשו לשחרר את העצורים, אף הבטיחו לו תרומה ניכרת לטובת המיליציה. טשייקובסקי ענה כי עתה מאוחר מדי, לצערו, כיוון שהיהודים נשלחו כחצי שעה לפני־כן לעבר הגבול, בליווי משמר של מיליציאַנטים.

נדהמים מן הידיעה המעציבה, ביקשה המשלחת מטשייקובסקי לתת מכתב אל משמר־הליווי שיחזירו את המגורשים להורודנקה, והמשלחת תשתדל להשיג כלי־רכב ולהדביק את המגורשים קודם שיגיעו אל הגבול. בתשובה לטענתו של טשייקובסקי, שאינו יכול להחזירם להורודנקה בשל המחסור החמור במצרכי מזון, הציעה המשלחת להעבירם אל מעבר לדניסטר, ובלבד שלא יישלחו אל הגבול, מקום שאורב להם המוות.

אחרי שידולים רבים הסכים טשייקובסקי לתת את המכתב המבוקש. אולם לרוע המזל נפל באותו רגע דבר, ששינה את המצב מעיקרו. הדבר הזה שם אמנם קץ לשלטון המיליציה האוקראינית, אך יחד עם זה סתם את הגולל על האפשרות

האחרונה להחזרת המגורשים, שהובלו אל הגבול, וגורלם היה כגורל אחיהם שקדמו להם.

וזה דבר המקרה: ברגע שסיים טשייקובסקי את כתיבת המכתב וניגש להטביע עליו את חותמת משרדו — חדרו חיילים הונגריים מזוינים אל משרד המיליציה, סטרו למפקד על לחיו ופקדו למסור להם את כלי הנשק והתחמושת הנמצאים ברשותם. כך חוסלה המיליציה האוקראינית. כפי שהתברר אחר־כך, היתה זאת נקמתם של ההונגרים על הריגת שניים מחייליהם בהתנגשות עם האוקראינים. את אנשי המשלחת שיחררו ההונגרים, לאחר שנודע להם מטרת בואם לבניין המיליציה, וכן חפצו לשחרר גם את הכומר באֶבּאֶט, אך הוא סירב להשתחרר, באמרו שהוא מעדיף להישאר עם אחיו העצורים ולהיות שותף לגורלם. עם חיסול המיליציה נפסק גם גירושם של פליטי רומניה אל הגבול הרומני.

בימים ההם התחילה הממשלה ההונגרית לגרש משטחה את התושבים היהודים, שלא היה בידם להוכיח את אזרחותם ההונגרית. היהודים האלה גורשו בעירום ובחוסר־כל. והוכרחו לצעוד ברגל ממקומות מגוריהם אל מחנות העבודה באיזור קאמיניץ־פודולסק, בדרכם עברו את הורודנקה, ויהודי העיר חילקו להם מפיתם ועזרו להם בכל מה שהיה ביכולתם. אורגן מטבח עממי, שבו הוגשו להם ארוחות חינם, וחולקו בגדים לנצרכים. על אף המחסור החמור בבשר הצלחתי להשיג — בעזרת שלושה חיילים הונגריים שהתגוררו בביתי — את שאריות הבשר שנשחט בבית־המטבחיים העירוני (ראשים, כרעיים, ריאות וכדומה) ולהעבירם בקביעות למטבח, שבו סעדו היהודים המגורשים.

בסוף הקיץ של שנת 1941 עזב הצבא ההונגרי את העיר ובמקומו בא צבא גרמני. גליציה המזרחית חולקה מחדש לא־זורים ומחוזות, לפי צירוף שונה מזה שבתקופת השלטון הפולני, וכך יצא שהערים טלומאטש ואוטיניה, שהשתייכו לפנים למחוז סטאַניסלב, היו כפופות לשלטונו של מושל־המחוז בהורודנקה. מושל־המחוז הראשון בעיר היה גרמני יליד אוסטריה בשם ווינקלר. כמפקד הגסטאַפּו במקום נתמנה אוֹבּער־שטורמבּאַנפירער דופלר, נאצי קנאי ואנטישמי ארסי, שנמנה על אנשי הכנופיות הראשונות שלחמו וסייעו לביסוס שלטונו של היטלר. יחד עם דופלער הגיעה גם פילגשו מרת נידערמאַן.

בפקודת המושל וינקלר נתמנה ועד יהודי מקומי של שלושה חברים: ד״ר העסל, ד״ר אייבער שיץ וקארל קויפמן. המושל פנה אל אנשי הוועד ואמר להם: „דעו לכם כי מהיום והלאה ייחשבו היהודים כאזרחים ממדרגה שנייה. אך אם תתנהגו ביושר ותצייתו לכל הפקודות וההוראות, יהיו חייכם מובטחים״. וכך גם היה. חוץ מעבודות כפייה ושלילת זכויות אזרחיות מסוימות לא היו כל הפרעות, והחיים זרמו במסלולם הרגיל.

אך לא ארכו הימים והמושל וינקלר הוחלף במושל חדש בשם האַנס האַק, איש הס.ס., נאצי ערמומי ורודף־בצע. הוא פיטר את הוועד הקודם ובמקומו מינה מועצה יהודית מקומית, שחבריה היו: ד״ר העסל — יו״ר, ד״ר שיץ, ישראל קוגלר, איזו גלר, ואחרים. על הוועד הזה הוטל לטפל בכל העניינים הכלליים הנוגעים ליהודי הורודנקה והסביבה. ד״ר שניידער וקארל קויפמן נקבעו כממונים על ענייני הבריאות.

כבר בימים הראשונים לשלטונו הוציא המושל החדש צו, שחייב את היהודים להעביר לרשותו — תוך 48 שעות — את כל הזהב (פרט לטבעות נישואין), יהלומים, מטבע־חוץ, פרוות, ואפילו קפה, הנמצאים בידם, וכל העובר על הצו הזה אחד דינו — למוות. היהודים מילאו רובם אחר הצו הזה והעבירו את כל הנדרש מהם לשלטונות המחוז, בלי שתינתן להם קבלה כלשהי על הזהב ודברי־הערך שמסרו. כעבור זמן מה הוצא צו, שחייב את כל הגברים היהודים, מגיל 14 עד 60, להירשם במשרד־העבודה לשם שליחתם לעבודות כפייה. משרד־העבודה נמצא בביתו של וורבר, ומנהלו היה גרמני בשם זייפערט. היהודים שנרשמו נשלחו לעבודות כפייה שונות בסביבה, בין השאר להקמת הגשר מעל לדניסטר בסימאקובצה ושם טבעו רבים מהם בשעת העבודה.

בצד משרד מושל־המחוז ומשרד־העבודה קיים היה גם משרד של השלטון הצבאי המקומי, בראשותו של הסרן פידלר. פידלר היה יליד ברלין, אנטי־נאצי מובהק, שהעיז פעם להת־בטא לפני קויפמן, כי יש בדעתו להתאבד אם ינצחו הנאצים במלחמה. אחד מתפקידיו היה הפיקוח על העבודות למען הצבא, ולשם כך קיבל יום־יום מספר מסוים מבין העובדים שנשלחו לעבודות כפייה. יחסו אל העובדים היה אנושי, ועל כן הש־תדלו כולם לעבוד אצלו. בצו־החרמה מיוחד הפקיע פידלר את מרפאת־השיניים של קויפמן והעמידה, על כל עובדיה, תחת פיקוחו וחסותו של הצבא. בצורה זו היו עובדי המרפאה מוגנים בפני התנכלויות הנאצים. סיפרו עליו, על פידלר, כי בשעת האקציה הראשונה סירב להיענות לדרישת אנשי ס.ס. לספק להם מכוניות להסעת היהודים לגיא ההריגה, באומרו שאין הוא רוצה לתת יד לרצח המוני של אזרחים שלווים.

פרשה מיוחדת במינה היה עניין סידורם של היתומים היה־הודים מהונגריה, שהוגלו להורודנקה אחרי כניסת ההונגרים לעיר. בימי השלטון ההונגרי הוכנסו ילדים אלה, שמונה־עשר במספר, לבית המחסה הפולני־אוקראיני המאוחד, שהוקם עוד בימי השלטון הרוסי ושוכן בבניין בית־המחסה הפולני לשעבר, בקרבת הגן העירוני. הנזירות הנוצריות, שבטיפולן נמצא בית־היתומים המאוחד, פנו תכופות אל השלטונות ואל הוועד המקומי היהודי בדרישה להוציא את היתומים היהודים מבית־המחסה הכללי ולהעבירם לטיפולה של העדה היהודית, ונימקו את דרישתן במחסור במצרכים ההכרחיים. והוועד היהודי, שהכיר את מצבם המיוחד של היהודים ואת מצוקתם, ולא היה לו בית־מגורים מתאים לשיכון היתומים, התחמק מלהיענות לפנייתן של הנזירות. אך לאחר שעבר השלטון לידי הצורר האַק, נענה הלה ברצון לפניית הנזירות, וציווה על הוועד היהודי להוציא את הילדים היהודים מבית־המחסה הכללי ולקבל על עצמו את הטיפול בהם. הילדים הועברו באופן ארעי לבית אביו של קויפמן ושוכנו אחר־כך בבית מיכל קאמיל. ישראל קוגלר קיבל על עצמו את ההשגחה עליהם, ואילו הטיפול היומיומי נמסר לקבוצת נערים בראשותו של טוביה קורן. תודות לקשריו עם הטוחן הריניביאָצקי הצליח קויפמן

להשיג בשביל היתומים חמישה שקי קמח, שהועברו בחשאי, בחשכת הלילה, על־ידי ראובן פריפער וחבריו.

באוקטובר 1941 הוכרז על הקמת „גיטו" ליהודי העיר, וכל היהודים נעקרו מבתיהם והועברו לסימטאות הצרות והצפופות שבחלק המערבי של העיר, ושם שוכנו בצפיפות רבה. מעבדותיהם של ד"ר שניידר וקויפמן הועברו לביתו של שמואל בקר, למקום משכנו של „בנק לודובי" לשעבר.

בנובמבר 1941 הגיעה להורודנקה משלחת של יהודי אוטיניה (שהשתייכה לאזור שלטונו של המושל האַק) וביקשה מראש הוועד היהודי, ד"ר העסל, לפעול אצל המושל האַק למען שיחרורם של כמה מאות מיהודי אוטיניה, שנאסרו והועברו למקום בלתי־ידוע. ד"ר העסל ניאות להתייצב לפני המושל, והלה ענה לו, שאם ימציאו לו יהודי אוטיניה שני ק"ג זהב, עשרת אלפים זהובים וכמה יהלומים, ישתדל לשחרר את היהודים האסורים תוך שבוע ימים. כאות ראשון לכוונותיו הטובות נתן האַק לאנשי המשלחת רשיונות מעבר, למען יוכלו לחזור לאוטיניה באופן ליגאלי. כעבור כמה ימים חזרה המשלחת להורודנקה, ובלוויית ד"ר העסל התיצבה לפני המושל האק ומסרה לידו את „התרומה" שדרש מהם. המושל הבטיח לדאוג לשיחרור העצורים, ואנשי המשלחת חזרו שוב למקומם, כשהם מצוידים ברשיונות מעבר.

כתום שמונת הימים באה שוב המשלחת מאוטיניה, והודיעה לד"ר העסל כי העצורים עדיין לא שוחררו. כשפנה ד"ר העסל אל המושל בעניין זה, העמיד הלה פני אדם מופתע ונרגז והבטיח להתקשר טלפונית עם הגורמים המוסמכים, ואם יהיה צורך בכך — לנסוע באופן מיוחד ולפנות ל„חלונות הגבוהים" בענין שחרור היהודים האלה. ושוב נתן לאנשי המשלחת רשיונות מעבר לאוטיניה, מתוך הבטחה שהיהודים ישוחררו תוך שלושה ימים. אך כעבור שלושה ימים חזרו אנשי המשלחת ובפיהם אותו הסיפור: העצורים לא שוחררו. הפעם התפרץ האַק — למראית עין — בחימה שפוכה על הממונים הנרפים, שאינם מדייקים במילוי הבטחותיהם ופוגעים על־ידי כך בכבוד השלטון הגרמני. הוא הציע למשלחת להישאר כמה ימים בהורודנקה, עד שהוא יסע לסטאַניסלב ויחזור משם עם בשורת השיחרור. זה היה בסוף נובמבר 1941. משעברו שוב כמה ימים ללא תוצאות, חזרו אנשי המשלחת לאוטיניה, ושם נודע להם כי העצורים הובלו לאחד היערות שבסביבה, שם נורו ונקברו במקום.

בשלהי נובמבר 1941 הזמין אליו המושל האַק את ד"ר העסל ומסר לו, כי נודע ממקורות יודעי דבר על כוונת השלטונות הממונים עליו להעביר בהורודנקה מבצע השמדה („אקציה"). הוא הוסיף, כי תמורת מתת של שלושה ק"ג זהב, כמה יהלומים ודברי־ערך אחרים, מוכן הוא לנסוע אל המפקדה ולפעול למען העברת רוע הגזירה.

לאחר שמסר ד"ר העסל לוועד את דברי המושל, הוחלט לאסוף בעיר את כמות הזהב וחפצי־הערך ולהגיש למושל את „התרומה" שביקש. בשעת מסירת המתנה חזר המושל על הבטחתו לפעול לביטול הגזירה והשתדל להרגיע את נציגי היהודים. בהזדמנות זו מסר להם, כאילו דרך אגב, שעומדים להזריק לכל תושבי הגיטו נסיוב נגד טיפוס, ולשם כך יצטרכו להתאסף ביום 4 בדצמבר על־יד בית־הספר האידישאי, ושם יקבלו את הזריקות. כדי להקל על ביצוע המפעל הזה צייד את אנשי הוועד היהודי בתעודות מיוחדות, שיוכלו להתנועע גם מחוץ לגבולות הגיטו. עם זה קבע, כי ד"ר שניידר, ד"ר וואַסרצווייג ואשתו הרופאה — הם יהיו מזריקי הנסיוב.

כשנודע הדבר לסרן פידלר ולמרת נידערמאַן, הזהירו הללו את קויפמן שלא יאמין לדברי האַק, כי הוא מוליך אותם שולל. הם סיפרו, כי נודע להם ממקור מוסמך על התכנית להעביר „אקציה" בעיר, ועניין הזריקות משמש רק כסות־עיניים לריכוז ולכידתם של תושבי הגיטו. קויפמן מסר את דבריהם לד"ר העסל ולחברי הוועד, אך רובם נטו להאמין להבטחותיו של האַק, שיעלה בידו להציל את יהודי העיר מהשמדה.

יש לציין, כי עם כל הרצון להאמין להבטחותיו של האַק, התגנבו גם ספיקות לגבי יושרו ואמיתות דבריו, ולכן הציע ד"ר העסל לד"ר שניידר שישתדל למצוא אמתלה ויתחמק מלהיות המזריק של הנסיוב באותו יום. ד"ר שניידר דחה בתוקף את ההצעה, ואמר שאין הוא רוצה כי מישהו אחר יישלח ויסבול מה שהוטל עליו לסבול.

ביום שלושה בדצמבר 1941 שלח פידלר להודיע לקויפמן ולד"ר שניידר כי ה„אקציה" תיערך למחרת, ויש ברצונו להגן עליהם שלא יפלו בידי המרצחים. לשם כך ישלח בערב שוטרים צבאיים, שיאסרו אותם ואת משפחותיהם ויכלאום עד יעבור זעם. והוא אמנם קיים הבטחתו: בו בערב הופיעו שוטרים צבאיים אצל קויפמן וד"ר שניידר, אסרו את קויפמן ואת בני משפחתו ואת רעייתו של ד"ר שניידר ובתם, וכלאו את כולם במרתף ביתו של שמעון פלפל, שבו שכנה המפקדה של המשטרה הצבאית. ד"ר שניידר עצמו היה אותה שעה בבית־החולים בתורנות־לילה, וקויפמן הזהירו שלא יעזוב את בית־החולים קודם שידע לבטח שאין כל סכנה צפויה לו. ד"ר שניידר אמנם הבטיח לעשות כן, אך למחרת בבוקר קם ויצא יחד עם ד"ר וואסרצווייג להתייצב במקום המיועד להזרקת הנסיוב. שם נתפסו על־ידי אנשי הגסטאפו, והם העבירום לבית־הכנסת הגדול ומשם למקום ההריגה שעל־יד הדניסטר.

באותו בוקר (4 בדמצמבר 1941) נהרו היהודים אל בנין בית־הספר האידישאי, כדי „לקבל את הזריקות" שעליהן נצטוו מטעם השלטונות. לאחר שהתאספו שם כאלפיים וחמש מאות נפש, הקיפו את המקום אנשי גסטאַפו והמיליציה האוקראינית, אסרו את כולם והובילו אותם אל בית־הכנסת הגדול. בו בזמן פשטו גם בתוך הגיטו ומחוצה לו, חדרו לתוך הבתים, הוציאו משם את היהודים, ותחת מטר מהלומות הכניסום לבית־הכנסת הגדול, שבו כבר נדחקו רבים בצפיפות איומה. האנשים הוחזקו שם כל היום ללא מזון ומים עד למחרת, יום שישי בשבוע. עשרות ילדים ונשים התעלפו שם ולא ניתן להושיט להם עזרה כלשהי. ההתאכזרות הגיעה לשיאה במקרה הזה:

